STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06959

VELT-GESHIKHTE FUN YIDISHN FOLK

Simon Dubnow

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דובנאָוו / וועלט = געשיכטע
פון ייִדישן פאָלק / באַנד פיר

שמעון דובנאָוו

וועלט-געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק

פֿון די עלטסטע צײַטן ביז צו דער הײַנטיקער צײַט

אין צען בענד

באַנד IV

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ

ווילנע / 1939

שמעון דובנאָוו

געשיכטע פֿון ייִדן אין אייראָפּע

פֿון די ערשטע ייִשובֿים ביזן סוף XVIII יאָרהונדערט

באַנד I

דאָס מיטלעלטער ביז צום סוף פֿון די קרייצצוגן

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
היסטאָרישע סעקציע
ווילנע / 1939

יִדיש: ז. קלמנאָוויטש

Żydowski Instytut Naukowy (Jiwo)
Yiddish Scientific Institute (Yivo)

S. DUBNOW

Historia powszechna narodu żydowskiego
w dziesięciu tomach,
tom IV: Okres średniowiecze do końca wypraw krzyżowych
World History of the Jewish People
in ten volumes,
vol. IV: The Period of the Middle Ages till the End of the Cruzades

PRINTED IN POLAND

„Drukarnia Wydawnicza“, Wilno, Kwaszelna 23

אינהאַלט

ערשטער אָפּטייל

פּעריאָד פֿון דער קאָלאָניזירונג פֿון אייראָפּע ביז דער באַצווינגונג פֿון שפּאַניע דורך די אַראַבער אין יאָר 711

זייט

§ 1. אַלגעמיינער איבערבליק 9

§ 2. די עלטסטע ייִדישע ישובֿים אין איטאַליע 12

§ 3. איטאַליע אין דער תּקופֿה פֿון דעם אונטערגאַנג פֿון דער אימ-פּעריע, פֿון דער ממשלה פֿון די אָסטגאָטן און לאַנגאָבאַרדן. 19

§ 4. די רוימישע גאַליע און די ממשלה פֿון די װעסטגאָטן . . 31

§ 5. די פֿראַנקישע מלוכה אונטער די מעראָווינגער . . . 36

§ 6. די רוימישע און די װעסטגאָטישע שפּאַניע. דער אָנהייב פֿון די רדיפֿות 47

§ 7. די צרות פֿון די ייִדן אין שפּאַניע אונטער דער ממשלה פֿון די קירכלעכע סינאָדן 57

§ 8. די לעצטע װעסטגאָטישע מלכים און די באַצווינגונג פֿון שפּאַ-ניע דורך די אַראַבער 67

§ 9. די אייראָפּעיִשע ביזאַנץ 76

§ 10. די קאָלאָניעס בײַם שוואַרצן ים (באָספּאָרוס, קרים) . . 79

צווייטער אָפּטייל

פּעריאָד פֿון דער אָרגאַניזירונג פֿון דעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום ביז די קרייצצוגן (711 — 1096)

§ 11. אַלגעמיינער איבערבליק 85

קאַפּיטל I. די צײַט פֿון קאַרל דעם גרויסן, פֿון די קאַראָ-לינגער און פֿון דעם פֿעאָדאַליזם אין מיטל-אייראָפּע

§ 12. ייִדן אונטער קאַרל דעם גרויסן 89

§ 13. דער קאַמף פֿון דער גייסטלעכקייט קעגן ייִדן אונטער לודוויק דעם פֿרומען 94

זײַט

§ 14. פֿראַנקרײַך אונטער די קאַראָלינגער און די ערשטע קאַפּעטינגער . 101
§ 15. דײַטשלאַנד אונטער די קאַראָלינגער און די רוימיש-דײַטשע קיסרים 111
§ 16. דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער קולטור אין פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד 117
§ 17. די „חכמי לותּיר" און רשיס שול 123

קאַפּיטל II. איטאַליע און ביזאַנץ (VIII—XI י"ה)

§ 18. רוים און צפֿון-איטאַליע אונטער די קאַראָלינגער און די דײַטש-רוימישע קיסרים 131
§ 19. דרום-איטאַליע אונטער דער ממשלה פֿון די ביזאַנטיער, אראַבער און נאָרמאַנען 136
§ 20. דער גורל פֿון די ייִדן אין ביזאַנץ. 142
§ 21. די גײַסטיקע קולטור אין איטאַליע און ביזאַנץ . . . 149

קאַפּיטל III. דער קולטור-צענטער אין דער אַראַבישער שפּאַניע

§ 22. א טונקעלער פעריאָד פֿון דער ייִדישער געשיכטע (VIII—IX י"ה) . 159
§ 23. דער קאָרדאָווער כאַליפֿאַט און חסדאי אבן שפרוט . . 164
§ 24. די ייִדישע אײַן-פֿאַרוואַלטונג אין קאָרדאָווער כאַליפֿאַט . . 173
§ 25. די ייִדישע גראַנאַדע, ר' שמואל הנגיד און זײַן זון יוסף . 180
§ 26. די ייִדן אין דער מוסלימישער אַנדאַלוזיע און אין דער קריסטלעכער קאַסטיליע 188
§ 27. ליטעראַרישער רענעסאַנס; די צײַט פֿון ר' שמואל הנגיד און פֿון אבן גבירול 194
§ 28. די תּלמודישע וויסנשאַפֿט 205

קאַפּיטל IV. די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון מזרח-אייראָפּע

§ 29. דאָס קיניגרײַך פֿון די כּוזרים 209
§ 30. די ייִדן אין קיִעווער פֿירשטנטום 220
§ 31. די ערשטע ייִדישע יישובֿים אין פּוילן 226

דריטער אַפּטייל

די תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן (1096 – 1215)

זײַט

§ 32. אַלגעמיינער איבערבליק 229

קאַפּיטל I. דער יאָרהונדערט פֿון די קרייצצוגן אין מיטל-אייראָפּע (1096 – 1196)

§ 33. דער ערשטער קרייצצוג (1096) 233

§ 34. דער צווייטער קרייצצוג (1146—1147) 244

§ 35. די ווירקונג פֿון די קרייצצוגן אין פֿראַנקרייך . . . 247

§ 36. די ייִדן אין ענגלאַנד און דער דריטער קרייצצוג (1189—1190). 257

§ 37. די פּועל-יוצאס פֿון די קרייצצוגן אין דייטשלאַנד . . 267

§ 38. די ייִדישע קהילה אין דער קריסטלעכער שטאָט . . . 275

§ 39. די בעלי-התּוספֿות און די אַנטוויקלונג פֿון דער רבנישער ליטעראַטור. 283

§ 40. בעלי-מוסר און מיסטיקער 287

§ 41. רעליגיעזע פּאָעזיע, מאַרטיראָלאָגיע און אַנדערע מינים ליטעראַטור. 293

קאַפּיטל II. ייִדן אין שפּאַניע אין לעצטן יאָרהונדערט פֿון דער מוסלימישער ממשלה

§ 42. די אַלמאָראַווידן און די אַלמאָהאַדן 300

§ 43. דער וווּקס פֿון ייִדנטום אין דער קריסטלעכער שפּאַניע . . 305

§ 44. המשך פֿון דעם רענעסאַנס. די נאַציאָנאַלע פּאָעזיע (רבי משה אבן עזרא און רבי יהודה הלוי) 310

§ 45. די פּאָעטן אַבֿרהם אבן עזרא און יהודה אַלחריזי . . . 318

§ 46. די נאַציאָנאַלע און די אוניווערסאַלע פֿילאָסאָפֿיע . . . 322

§ 47. וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור אין שפּאַניע און אין פּראָווענס . 331

§ 48. רבנו משה בן מיימון (רמב״ם, מײַמאָנידעס) . . . 338

§ 49. די סיסטעמאַטיזירונג פֿון דער ייִדישער אמונה, די „משנה תּורה" . 341

§ 50. דער „מורה נבֿוכים" 346

קאַפּיטל III. איטאַליע און ביזאַנץ, פּוילן און רוסלאַנד אין 12טן י״ה

§ 51. ייִדן אין רוים און אין אייבער-איטאַליע 354

§ 52. די קהילות פֿון דרום-איטאַליע און סיציליע . . . 362

§ 53. ביזאַנץ און די גריכישע קהילות 365

§ 54. דאָס גײַסטיקע לעבן אין איטאַליע און ביזאַנץ . . . 370

§ 55. באַוועגונג פֿון מערבֿ-אייראָפּע קיין מזרח-פּוילן און רוסלאַנד . 373

קאַפּיטל IV. דער ייִדישער אָריענט אין דער תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן

		זייט
§ 56.	ארץ־ישׂראל און סיריע אונטער דער ממשלה פֿון די קרייצפֿאָרערס.	377
§ 57.	די צײַטווײַליקע אויפֿלעבונג פֿון דעם אויטאָנאָמען צענטער אין באַגדאַד	383
§ 58.	די משיחישע באַוועגונגען פֿון 12טן י״ה	388
§ 59.	דער ראש־הגולה און גאון ר׳ שמואל בן עלי אין באַגדאַד .	393
§ 60.	מצרים און ארץ־ישׂראל אונטער מצרישער ממשלה ביזן אָנהייב 13טן י״ה	397
§ 61.	דער רמבם אין מאַגרעב און אין מצרים	403

ה ו ס פֿ ו ת

איבערבליק איבער די מקורים און ליטעראַטור

נומער 1.	צו דער מקורים־פֿאָרשונג און מעטאָדאָלאָגיע . . .	411
נומער 2.	עפּיגראַפֿישע ידיעות פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אייראָפּע	418
נומער 3.	דער סך־הכּל פֿון דער פּוזרישער פּראָבלעם. . .	422

ב י ב ל י אָ ג ר אַ פֿ י ע

מקורים און ליטעראַטור	429
צוכצעטל פֿון נעמען און זאַכן.	441

ערשטער אָפּטײל

פּעריאָד פֿון דער קאָלאָניזירונג פֿון אײראָפּע

ביז דער באַצװינגונג פֿון שפּאַניע דורך די אַראַבער אין יאָר 711

§ 1. אַלגעמײנער איבערבליק

אויפֿן אײראָפּעיִשן ברעג פֿון דעם מיטללענדישן ים האָבן ייִדן, װאָס זײער שטאַמלאַנד איז געװען אויף זײַן אַזיאַטישן ברעג, זיך באַװיזן נאָך דעם, װי די באַצװינגונגען פֿון די גריכן און רוימער האָבן אָפּגעמעקט דעם גרענעץ צװישן מזרח און מערבֿ. דער פּראָצעס פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזירונג אין אײראָפּע איז זיך געגאַנגען פּאַװאָליע. נאָך אַלכּסנדר מוקדונס באַצװינגונגען איז אויסגעברײטערט געװאָרן די ייִדיש־העלענישע דיאַספּאָרע אין די שכנישע לענדער פֿון ארץ־ישׂראל: מצרים, סיריע און קלײן־אַזיע, און װען אין מזרח האָט זיך אײַנגעפֿעסטיקט די רוימישע ממשלה, האָט אַ טײל פֿון דער ייִדישער עמיגראַציע זיך אַ װענד געטאָן קײן מערבֿ. פּאָמפּיוס דער באַצװינגער פֿון יהודה (אין יאָר 63 פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט) האָט געשפּנט פֿאַר אירע עמיגראַנטן על פּי הכּרח אַ װעג קײן רוים און אין אַנדערע שטעט פֿון איטאַליע; מיט 130 יאָר שפּעטער האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט אַהין ייִדישע געפֿאַנגענע דער צעשטערער פֿון ירושלים. אָבער נאָך מער װי די באַצװינגונגען און פּאָליטישע קריזיסן האָט געבראַכט דערצו, אַז ייִדן זאָלן זיך באַזעצן אין אײראָפּע, דער נאַטירלעכער עקאָנאָמישער װוּקס פֿון דער מזרחדיקער דיאַספּאָרע אין די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט. די אײַנװױנער פֿון די גרױסע צענטערס אין די מזרח־לענדער, פֿון אַלכּסנדריא של מצרים און אַנדערע האַונשטעט פֿון די אַזיאַטיש־אַפֿריקאַנישע ברעגלענדער, זײַנען געװען פֿאַרבונדן דורך האַנדלס־באַציִונגען מיט דער באַפֿעלקערונג פֿון די ברעגעס פֿון מיטללענדישן ים און פֿון שװאַרצן

ים, און בעת עס איז אָנגעגאַנגען אַ באַלעבטער סחורה־אויסבײַט, האָט ניט אַנדערש געמוזט קומען אַן אויסבײַט אין מענטשן־מאַטעריאַל. וואָס מער די ייִדיש־העלעניש דיאַספּאָרע פֿון די מזרח־לענדער האָט זיך אויסגעברייטערט, אַלץ ווײַטער האָט זי אויסגעשפּרייט אָפּצווײַגן קיין מערבֿ, ווו עס זײַנען אויפֿגעדעקט געוואָרן סײַ פֿרישע קוואַלן פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן צום אַרויספֿיר און סײַ נײַע מערק אויף אָפּצוזעצן די מזרחדיקע סחורות. אין די ערשטע זיבן יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט איז אייראָפּע געווען פֿאַר די אַלטע ציוויליזאַציע־צענטערס פֿון אַזיע און אַפֿריקע יענע „נײַע וועלט" פֿון מעבֿר לים, ווי אַמעריקע איז דאָס געוואָרן שפּעטער פֿאַר אייראָפּע.

די עלטסטע נעסטן פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע זײַנען געווען די דרײַ דרומדיקע האַלבאינדזלען פֿון אייראָפּע: דער באַלקאַנישער, אַפּעניניִשער און פּירענעיִשער, ד"ה גריכנלאַנד, איטאַליע און שפּאַניע. דער הויפּטצענטער פֿון די צוגעוואַנדערטע ייִדן איז געווען איטאַליע. אויף די ברעגעס פֿונעם טיבער איז אונטער די ערשטע רוימישע קיסרים געוואַקסן אַ גרויסע און גוט אָרגאַניזירטע ייִדישע קהילה (דאָס איז צו זען פֿון די פֿיל מצבֿות אין די רוימישע קאַטאַקאָמבעס), און די שטאָט רוים האָט געהאַלטן בײַ פֿאַרנעמען אין דער דיאַספּאָרע דעם אָרט פֿון דער אַלטער אַלכּסנדריא. מיט אַ נעץ פֿון ייִדישע ייִשובֿים איז געווען באַדעקט דרום־איטאַליע, צום טייל אויך איבער־איטאַליע, ווו עס זײַנען געווען ערטערווײַז אויך ייִדישע ערד־אייגנטימער. פֿון דאָרט האָבן זיך געצויגן צווײַגן פֿון דער דיאַספּאָרע קיין גאַליע. פֿון די אַלטע ייִדישע ייִשובֿים אין גריכנלאַנד און קליין־אַזיע זײַנען געגאַנגען צווײַגן צו די צפֿונדיקע ברעגעס פֿון שוואַרצן ים: קיין טאַווריִדע אָדער קרים.

אין אָט דעם נאָרמאַלן גאַנג פֿון קאָלאָניזירונג האָבן זיך אַרײַנגעריסן די וועלט־געשעענישן פֿון 4טן און 5טן יאָרהונדערט: די פֿאַרשפּרייטונג פֿון קריסטנטום ווי די מלוכה־רעליגיע פֿון דער רוימיש־ביזאַנטישער אימפּעריע, דער צעפֿאַל פֿון דער מערבֿדיקער העלפֿט פֿון דער אימפּעריע אונטער דעם דראַנג פֿון דער גרויסער פֿעלקער־וואַנדערונג, די גרינדונג פֿון די נײַע מלוכות פֿון די גאָטן, פֿראַנקען און אַנדערע „באַרבאַרן" אין די געוועזענע רוימישע פּראָווינצן: שפּאַניע, גאַליע, גערמאַניע, און אויך אין דער מעטראָפּאָליע – אין איטאַליע. דער שטרענגער רעזשים וואָס האָט געהערשט אין דער קריסטלעכער רוים און ביזאַנץ האָט געטריבן די ייִדישע עמיגראַנטן אין יענע פּראָווינצן, ווו די קירך האָט נאָך ניט דערגרייכט צו דער ממשלה, נאָר באַלד פֿלעגט די קריגערישע קירך אַרײַנדרינגען אויך אַהין. די גאָטן האָבן אָנגענומען קריסטנטום צו ערשט אין דער אַריאַנישער פֿאָרם און זײַנען דערנאָך

בהדרגה אַריבער צו דער קאַטוילישער רעכטגלייביקייט. די פראַנקען האָבן פון לכתחילה אָן אָנגענומען קאַטויליציזם.

אין דעם פּראָצעס פון דער קריסטיאַניזירונג פון אייראָפּע זײַנען געבליבן פעסט בײַ זייער אַלטער אמונה נאָר די ייִדן, וואָס האָבן פון אויבן אַראָפּ געקוקט אויף די געצנדינער, וואָס האָבן זיך טאַקע צוגעקערט צום איין־איינציקן גאָט, אָבער אין דער געשטאַלט פון דרײַ־אייניקייט. אָט די אײַנגע־שפּאַרטקייט פון די ייִדן איז געווען קשה פאַר איינע, האָט גערייצט אַנדערע. אַזוי אַרום זײַנען קריסטוסעס פאָלקסברידער, וואָס האָבן דעם קריסטלעכן גאָט ניט געוואָלט אָננעמען, דערקלערט געוואָרן פאַר שונאים פון דער הערשנ־דיקער קירך. אויב עס לאָזט זיך ניט זיי מאַכן פאַר קריסטן איבער געוואַלד, דאַרף מען די דאָזיקע געפערלעכע מענטשן דערנידעריקן, איזאָלירן, און צו דעם ציל ווערט געווענדט דער אײַזערנער גנזעצגעבערישער אַפּאַראַט פון דער קריסטלעכער רוים. די נײַע מלוכות פון דרום־ און צענטראַל־אייראָפּע נעמען איבער פון רוים און ביזאַנץ גלײַכצײַטיק די עוואַנגעליע און דעם קאָ־דעקס טעאָדאָסיאַנוס, די רעליגיע און דאָס רוימישע רעכט אין זײַן לעצטער קריסטלעכער רעדאַקציע. די מלוכה ווערט אויסגעבויט אויפן פונדאַמענט פון דער קירך. צו גלײַך מיט די מלכים שאַפט געזעצן אויך די גײַסטלעכקייט אויף אירע סינאָדן. די פיל קירכלעכע סינאָדן פון דער רוימישער גאַליע, פון דער פראַנקישער מלוכה און באַזונדערס פון דער וועסטגאָטישער שפּאַניע נעמען אָן האַרטע פּאָליציייִשע מיטלען קעגן דער „ייִדישער סכנה“. ביסקופּן און מלכים פלײַסן זיך אַריבערצוזאָגן איינע די אַנדערע אין דער מצווה עוקר מן השורש צו זײַן די אומגלייביקע. ערטערווײַז, בפרט אין דער וועסטגאָטישער שפּאַניע, דערגייט אויך צו שמדן איבער געוואַלד און צו מאַסן־גירושים. אויף אָט דעם זויערטייג פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם וואַקסט אויס די ציווילזאַציע פון דער קריסטלעכער אייראָפּע. בײַם באַגינען פון מיטל־עלטער באַווײַזן זיך די שאָטנס וואָס זאָגן אָן זײַן שוואַרצע נאַכט.

אין אָנהייב 8טן יאָרהונדערט קומט צו צו דער אינעווייניקסטער, דער „ייִדישער סכנה“ די אויסווייניקסטע – די מוסלמאַנישע סכנה. אין זײַן נצחון־מאַרש פון אַזיע קיין אַפריקע גיט זיך דער מזרחדיקער כאַליפאַט פון די אָמאַיאַדן אַ רוק ווײַטער, צו די ברעגעס פון שפּאַניע, און פאַרמעסט זיך אויך אויף צענטראַל־אייראָפּע. די וועסטגאָטישע שפּאַניע פאַלט אַרונטער אין יאָר 711 אונטער דער ממשלה פון די אַראַבער, וואָס ברענגען באַפרײַונג דעם גערודפטן ייִדישן קיבוץ. דאָ איז דער ווענדפּונקט פון דער ייִדישער געשיכטע אין אייראָפּע. עס איז געענדיקט דער קאָלאָניזיר־פּעריאָד און עס הייבט זיך אָן דער אָרגאַניזיר־פּעריאָד. אין שפּאַניע קומט אויף אַן אויטאָ־נאָמער צענטער פון ייִדישן פאָלק, וואָס צו ערשט ווערט ער געשפּײַזט פון

זאַפֿטן פֿון דעם ווײַטען בבֿלישן צענטער, און שפּעטער ציט ער אַריבער צו זיך די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע. אין מיטל־אייראָפּע פֿאַראייניקן זיך די פֿעל־קער אין דער אימפּעריע פֿון קאַרל דעם גרויסן – צום טייל איז דאָס געשען אונטערן דרוק פֿון דער אַראַבישער סכּנה – און ניט געקוקט אויף די נגישות וואַקסן דאָרט גיך אויס אָרגאַניזירטע ייִדישע קהילות. באַלד הערט די מערבֿ־דיקע דיאַספּאָרע אויף צו זײַן אַ קאָלאָניע פֿון די מזרחדיקע צענטערס און ווערט די מעטראָפּאָליע פֿון דער צעזייטער אומה.

§ 2. די עלטסטע ייִדישע ישובֿים אין איטאַליע

אין יענעם מאָמענט, ווען צוזאַמען מיט פּומפּיוסעס לעגיאָנען האָבן זיך אַ ריר געטאָן פֿון יהודה קיין רוים פֿרײַוויליקע און געצוווּנגענע עמיגראַנטן [1], איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿאַר דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין איטאַליע. שוין דער ערשטער דור פֿון די ייִדישע איבערוואַנדערער אין רוים האָבן געשטרעבט צו שאַפֿן דאָרט זייער קהילה־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אויסגעפּועלט בײַ יוליוס קיסר די דערלויבעניש צו מאַכן פֿאַרזאַמלונגען פֿון זייער קהילה אין אַזאַ צײַט, ווען פֿאַרזאַמלונגען פֿון אַנדערע אָריענטאַלישע אײַנוואַנדערער זײַנען אין רוים געווען פֿאַרבאָטן. אין דער צײַט פֿונעם קיסר אויגוסטוס האָט די ייִדישע קאָלאָניע אין רוים זיך אָפּגערופֿן אויף די פּאָליטישע מהומות אין ארץ־ישׂראל. בעת דער רעגירונג פֿון טיבעריוסן האָט זי געהאַט אויסצושטיין רדיפֿות, און דער קיסר קלאַודיוס האָט באַגרענעצט די פֿאַרזאַמלונגס־פֿרײַהייט פֿון אירע מיטגלידער, מחמת גראָד אין יענער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן אין רוים די ייִדיש־קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע [2]. אָבער די ייִדישע קהילה אין רוים איז כּסדר געוואַקסן און האָט צוגעצויגן צו זיך ניט ווינציק גרים פֿון צווישן די היידן. נאָכן חורבן־ירושלים זײַנען אין רוים געבליבן זיצן אַ סך פֿון די ייִדישע קריגס־געפֿאַנגענע, וואָס זײַנען שפּעטער אַרויסגעלאָזט געוואָרן פֿרײַ אָדער אויסגעקויפֿט דורך זייערע פֿאָלקסברידער. אויך אין די שפּעטערע יאָרהונדערטער, איידער לעבן דער אַלטער רוים איז אויסגעוואַקסן די נײַע – קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט די ייִדישע קהילה אויף די ברעגעס פֿון טיבער זיך געמערט און געגאָסן פֿון אַ ברייטער אַליין־פֿאַרוואַלטונג, וואָס דערויף זאָגן עדות די פֿאַרבליבענע אויפֿשריפֿטן אויף מצבֿות.

לכתחילה האָבן ייִדן אין רוים געוווינט אין טראַסטעווערע, דעם שטאָטטייל אויף יענער זײַט טיבער, אויף זײַן נידעריקן ברעג, ווו די ייִדישע

---

1 זע ש. דובנאָוו, וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער מזרח־פּעריאָד, באַנד II, § 64.

2 דאָרט גופֿא, § 95.

געטאָ האָט זיך געפֿונען אויך שפּעטער, אין מיטל־עלטער. דאָ איז אין אַלטערטום געווען קאָנצענטרירט דער האַנדל מיט די אימפּאָרט־סחורות, וואָס עס פֿלעגן אַרײַנפֿירן די גריכישע שיפֿסלײַט, וואָס צו זיי זײַנען שפּעטער צוגעקומען יידן; דאָ האָט דער עיקר געוווינט די שטאָטישע אָרעמשאַפֿט: קרעמערס, וואַנדערנדיקע הענדלערס, קליינע בעלי־מלאָכות. שוין אין קיסר אויגוסטוסעס צײַט האָט זיך דאָ געבילדעט אַ היפּש גרויסער יידישער קוואַר־טאַל, וואָס וועגן אים האָט געשריבן פֿילאָן פֿון אַלכסנדריא, וועלכער האָט אַ ביסל שפּעטער באַזוכט רוים ווי אַן אָנטיילנעמער אין דער דעלעגאַציע צו קאַליגולאַ, אַט וואָס [1]: „אים (אויגוסטוסן) איז ניט געווען אומבאַוווּסט, אַז יידן פֿאַרנעמען אין דער שטאָט רוים אַ גרויסן פּלאַץ אויף יענער זײַט פֿון טײַך טיבער... ער האָט געוווּסט, אַז זיי האָבן סינאַגאָגעס, ווו זיי פֿאַרזאַמלען זיך באַזונדערס אום שבת און באַקומען לערנונג אין גײַסט פֿון דער קלוגער תורה פֿון זייערע אָבות. ער האָט געוווּסט, אַז זיי קלײַבן צונויף הייליקע געלטער דורך זייערע עלטסטע און שיקן זיי אָפּ קיין ירושלים צו ברענגען קרבנות (אין בית־המקדש)". אין דעם דאָזיקן געדיכט באַזעצטן קוואַרטאַל פֿלעגן זיך אַראָפּלאָזן נײַגעריקע רוימער, צווישן זיי אויך די שרײַבערס פֿון דער „גילדענער תקופֿה" (האָראַציוס, יוּוועּנאַל), בכדי זיך צוצוקוקן, ווי אַזוי יידן פֿאַרברענגען די שבתים און ריכטן אָפּ זייערע „אויסטערלישע" מנהגים.

אין משך פֿון דער צײַט, באַזונדערס ווען עס זײַנען אָנגעקומען די געפֿאַנגענע פֿון דער צעשטערטער ירושלים, האָבן יידן זיך באַזעצט אויך אין אַנדערע טיילן שטאָט, דער עיקר אין עקן שטאָט: בײַם באַרימטן אַפּיוס־וועג (Via Appia), אין ראַיאָן פֿון דעם מאַרס־פֿעלד (Campus Martius), אין דעם באַלעבטן האַנדלס־קוואַרטאַל סובורע (Subura), און אויך אין דעם פֿאָרשטאָט הינטער דעם קאַמפּעניש טויער (Porta Capena). אין די ערשטע יאָרהונדער־טער פֿון דער קריסטלעכער צײַט איז זייער צאָל געווען גאָר אַ גרויסע; טייל פֿאָרשער האַלטן, אַז זי האָט דערגרייכט ביז דרײַסיק טויזנט.

צעוואָרפֿן איבער פֿאַרשיידענע טיילן שטאָט, זײַנען די רוימישע יידן געווען אײַנגעטיילט אין אַזוי פֿיל קהילות, וויפֿל קוואַרטאַלן עס זײַנען געווען, און איטלעכער קוואַרטאַל האָט געהאַט זײַן אייגענעם בית־תּפֿילה. די קהילה גופֿא האָט געהייסן אויף גריכיש „סינאַגאָגע", און דער בית־תּפֿילה, וואָס מיר רופֿן איצט „שול" אָדער „בית־מדרש", האָט געהייסן „פּראָסויכע". אין דעם געדיכט באַזעצטן קוואַרטאַל טראַסטעווערע האָבן זיך געפֿונען צוויי אָדער דרײַ בתּי־תּפֿילה. די קהילות (די „סינאַגאָגעס") האָבן געוויינטלעך געטראָגן דעם נאָמען פֿון קוואַרטאַל: אַזוי איז געווען אַ „סינאַגאָגע פֿון די קאַמפּעסיער"– די אײַנוווינער פֿון דעם קאַמפּוס אָדער מאַרס־פֿעלד, אַ „סינאַגאָגע פֿון די

1 Legatio ad Cajum, § 23.

סובורעסיער" – די אײַנוווינער פון דער סובורע. אייניקע האָבן זיך אָנגערופן נאָכן נאָמען פון אויגוסטוסן און זײַן בעל־יועץ מאַרקוס אַגריפּאַ: די „סינאַגאָגע פון די אויגוסטעסיער", די „סינאַגאָגע פון די אַגריפּעסיער". אַ מאָל פלעגט די קהילה הייסן נאָך דער גרופּע לאַנדסלײַט, וואָס זי האָט פאַראייניקט: די „סינאַגאָגע פון די ראָדאָסער". די קהילה פון די „עברעער" איז משמעות באַשטאַנען פון אויסוואַנדערער פון ארץ־ישראל, וואָס צום אונטערשייד פון די העלעניזירטע ייִדן פון דער דיאַספּאָרע, פלעגן זיי אין זייערע תּפֿילות און אין געשריפטסן באַנוצן די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך און בײַם ריידן – איר אַרמישן דיאַלעקט.

אין די פיל אויפשריפטן אויף מצבֿות, וואָס שטאַמען פון די זעקס ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קריסטלעכער צײַט, זײַנען פאַרבליבן ידיעות וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז געווען אײַנגעשטעלט די אַליין־פאַרוואַלטונג פון די רוימישע רעליגיעזע קהילות, וואָס האָבן אין איינעם געבילדעט איין נאַציאָנאַלע געמיינדע. מיר געפינען אויף די מצבֿות די טיטלען פון די פאַרשטאָרבענע טוערס פון די קהילות, און אַ מאָל אויך פון די מוסדות ווו זיי האָבן געאַרבעט. אויפן ערשטן אָרט איז געשטאַנען דער ראָש פון דעם ראַט פון די עלטסטע (זקני העדה) אָדער „גערוסיאַ" – דער ג ע ר ו ס י אַ ר ך. היות ווי די רוימישע קהילה איז געווען צעטיילט אין „סינאַגאָגעס", האָט איטלעכע סינאַגאָגע געהאַט איר אייגענעם ראַט און איר אייגענעם גערוסיאַרך, און טייל מאָל ווערט בײַ דעם טיטל באַצייכנט אויך די סינאַגאָגע („גערוסיאַרך פון די סינאַגאָגע פון די אויגוסטעסיער"). קיין אַלגעמיינע גערוסיע פאַרן גאַנצן כּלל רוימישע „סינאַגאָגעס" האָט קענטיק ניט עקסיסטירט, און אין דעם פּרט איז דאָ די ייִדישע אַליין־פאַרוואַלטונג געווען אַנדערש אָרגאַניזירט, ווי אין דער עלטערער קהילה פון אַלכּסנדריא, וואָס האָט געהאַט איין אַלגעמיינע גערוסיע מיטן עטנאַרך בראָש, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער דעם גאַנצן גרויסן ייִדישן ישובֿ.

דעם צווייטן אָרט לויט דער מדרגה צווישן די מנהיגים פון דער קהילה האָבן פאַרנומען די „אַ ר כ אָ נ ט ן" (ענלעך צו די שפּעטערדיקע „ראָשים" אָדער „פּרנסים") – די מיטגלידער פון דעם פאַרוואַלטונגס־אָרגאַן פון דער גערוסיע, וואָס פלעגן ווערן אויסגעקליבן אויף אַ צײַט אָדער אויפן גאַנצן לעבן און וואָס האָבן געדאַרפט אויספירן באַשטימטע אַדמיניסטראַטיווע התמנותן. די אַרכאָנטן זײַנען קענטיק געווען אײַנגעטיילט לויט מדרגות; עס באַגעגענען זיך אין די אויפשריפטן דער טיטל Archon alti ordinis – אַרכאָן פון דער הויכער מדרגה (אָדער פון הויכן ראַט). אַ נאָענטע שײַכות צו דער אָרגאַני־זירונג פון דעם רעליגיעזן קולט האָט געהאַט דער „אַרכיסינאַגאָגאָס" (שול־גבאי), וואָס האָט געהאַט די השגחה איבער דער אָרדענונג פון דעם גאָט־

דינסט אין די בתּי־תּפֿילה. עס באַגעגענען זיך טיטלען: „פֿאָטער פֿון דער סינאַגאָגע" און „מוטער פֿון דער סינאַגאָגע", וואָס מען פֿלעגט אײַנטיילן בכּבֿודיקע מנדבֿים פֿון דער סינאַגאָגע. אַ וויכטיקע ראָלע אין דער קהילה־פֿאַרוואַלטונג האָט געשפּילט דער שרײַבער (grammateus), אָדער סופֿר: ער פֿלעגט קאָפּירן ספֿרי־תּורות, שרײַבן כּתובות און גטן און אַלע אַנדערע אָפֿיציעלע אַקטן, ער איז געווען דער סעקרעטאַר פֿון דער גערוסיע און פֿון בית־דין; אין אַ קהילה האָבן געקאָנט זײַן אויך עטלעכע סופֿרים, וואָס האָבן צווישן זיך אײַנגעטיילט די פֿאַרשיידענע פֿונקציעס.

אין די אַלטע אויפֿשריפֿטן געפֿינען מיר ניט קיין ספּעציעלן טיטל פֿאַר אַ דיין אָדער פֿאַר אַ בית־דין, אָבער פֿון דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער יידיש־העלעניש דיאַספּאָרע איז באַוווּסט, אַז ייִדן האָבן געהאַט אַן אייגן געריכט פֿאַר אינעווייניקסטע סיכסוכים צווישן זיי. אין רוים פֿלעגן די דיינים ווערן באַשטימט פֿון צווישן די אַרכאָנטן, סופֿרים אָדער תּלמידי־חכמים, וואָס אויף זייער גריכישער שפּראַך פֿלעגן זיי אָנרופֿן מיטן עפּיטעט „נאָמאָמאַטעס" – געלערנטער אין דער תּורה. בכּלל איז די אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די ייִדישע קהילות אין רוים און אַנדערע שטעט פֿון איטאַליע געווען געבויט אויף די זעלביקע יסודות פֿון אויטאָנאָמיע, וואָס זיי האָט געהאַט אָנגענומען די גאַנצע אָריענטאַלישע ייִדיש־העלעניסטישע דיאַספּאָרע: די זעלביקע „גערוסיאַ" אָדער „בולע" אין דער ראָלע פֿון קהילה־ראַט, מיט אַרכאָנטן, גערוסיאַרכן און אַנדערע ממונים פֿון דער קהילה.

ייִדישע בית־עלמינס אין רוים האָבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן זיך געפֿונען אין פֿאַרשיידענע עקן שטאָט. דער עלטסטער בית־עלמין האָט זיך געפֿונען ניט ווײַט פֿון טיבער, אין דער געגנט פֿון האַוון (Porta Portese), דאָרט האָבן מקבר געווען זייערע טויטע די אײַנוווינער פֿון טראַסטעווערע, דעם ייִדישן הויפּטקוואַרטאַל. אַנדערע בית־עלמינס האָבן זיך געפֿונען אין פֿאַרשיידענע פּונקטן פֿון דער וויִאַ אַפּיאַ. אַלע די דאָזיקע בתּי־קבֿרות האָבן זיך אויפֿגעהיט אין אונטערערדישע קאָרידאָרן אָדער „קאַטאַקאָמבעס", וואָס דורך זיי איז אַזוי באַרימט געוואָרן די אַלטע קריסטלעכע געמיינדע אין רוים [1]. דער אונטערערדישער גאַנג איז באַשטאַנען פֿון אַ לאַנגן קאָרידאָר, וואָס פֿון זײַנע ביידע זײַטן האָבן זיך געפֿונען נישעס אויסגעהאַקט אין די ווענט, און אין די נישעס פֿלעגן ווערן אַרײַנגעשטעלט ארונות מיט די מתים.

1 די ערשטע ייִדישע קאַטאַקאָמבע אין רוים אין דער געגנט פֿון האַוון האָט געפֿונען אין יאָר 1602 אַנטאָניאָ־באָזיאָ, דער מחבר פֿון אַ בוך וועגן דער אונטערערדישער רוים (Roma soterranea, 1632). די צווייטע קאַטאַקאָמבע ניט ווײַט פֿון דער וויִאַ אַפּיאַ האָט געפֿונען דער יעזויִט גאַרוטשי (Garrucci) אין יאָר 1859, און באַלד נאָך דעם האָט מען געפֿונען נאָך צוויי קאַטאַקאָמבעס. די לעצטע קאַטאַקאָמבע האָט געפֿונען אין יאָר 1904

די ייִדישע קאַטאַקאָמבעס קאָן מען אונטערשיידן פֿון די קריסטלעכע נאָר דורך די אויפֿשריפֿטן און עמבלעמעס אויף די שטיינער פֿון די אויסווייניקסטע ווענט פֿון די נישעס. אויף די ייִדישע קבֿרים פֿלעגט מען געווינטלעך אויסמעלן פֿאַרשיידענע תּשמישי קדושה: אַ מנורה מיט זיבן רערן, אַן אָרון=קודש, אַ לולבֿ מיט אַן אתרוג, אַ שופֿר, אַ קאָרב מיט פּירות – אַ רמז אויף די בכּורים וואָס מען פֿלעגט ברענגען אין בית=המקדש, אָדער קעפּ פֿון בהמות און עופֿות – אַן אָנווײַז אויף די קרבנות. דער טעקסט פֿון די אויפֿשריפֿטן איז געווײנטלעך קורץ, למשל: „דאָ ליגט סאַבאַטיס, וואָס איז געווען צוויי מאָל אַרכאָן, געלעבט 35 יאָר, זאָל רוען אין שלום", אָדער: „פֿאַר אוירעליאַ פֿלאַוויאַ, זײַן אשת=חיל, האָט אויפֿגעשטעלט דאָס (די מצבֿה) יונתן, דער בכּבֿודיקער אַרכאָנט".

צום באַדויערן זײַנען אויף די אויפֿשריפֿטן ניט באַצייכנט די דאַטעס פֿון טויט, און דער עלטער פֿון דער מצבֿה לאָזט זיך באַשטימען על פּי השערה לויט אויסווייניקסטע סימנים, לויטן כאַראַקטער פֿון דער שריפֿט אָדער לויט די פֿאָרמען פֿון דער שפּראַך. בדרך כּלל קאָן מען פֿעסטשטעלן, אַז די אויפֿשריפֿטן אויף גריכיש, וואָס מאַכן אויס אַן ערך צוויי דריטל פֿון אַלע אויפֿשריפֿטן, געהערן דער עיקר צו די ערשטע דרײַ יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט, און די לאַטײַנישע אויפֿשריפֿטן פֿאַרמערן זיך אָנגעהויבן פֿון 4טן יאָרהונדערט. בלויז אויף אייניקע מצבֿות באַגעגענען זיך אויפֿשריפֿטן אויף העברעיִש, אויף אַנדערע געפֿינט מען העברעיִשע אויסלאָז=פֿאָרמולעס (למשל: „שלום") צו גריכישע און לאַטײַנישע אויפֿשריפֿטן. דערפֿון איז געדרונגען, אַז אַ צײַט לאַנג האָבן די רוימישע ייִדן גערעדט און געשריבן אויף דער אַלגעמיינער שפּראַך פֿון דער רוימישער אימפּעריע – גריכיש, און ערשט שפּעטער הייבט זיך אָן די לאַטײַניזירונג פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס אין רוים און אין אַנדערע שטעט פֿון איטאַליע. העברעיִש ווידער, וואָס אין ארץ=ישׂראל גופֿא איז עס געוואָרן אַרויסגעשטופּט פֿון באַנוץ אין ריידן דורך אַרמיש אָדער גריכיש, ווערט באַנוצט נאָר אין זעלטענע געשריבענע דאָקומענטן. די עטלעכע העברעיִשע אויפֿשריפֿטן אָדער העברעיִשע טיילן פֿון אויפֿשריפֿטן, וואָס זײַנען אויפֿגעהיט געוואָרן, געהערן מן הסתּם צו די מיטגלידער פֿון דער אויבן דערמאָנטער „סינאַגאָגע פֿון די העברעער", וואָס האָבן אין אַזעלכע פֿאַלן געמיט זיך צו באַנוצן די נאַציאָנאַלע שפּראַך.

דער דײַטשער געלערנטער ניקאָלאַוס מילער, לעבן דעם בערגל מאָנטעווערדע, ניט ווײַט פֿון דעם הויפּט=בית=עלמין, וואָס עס האָט אַ מאָל געפֿונען באָזיאָ. די אויפֿשריפֿטן פֿון דעם דאָזיקן געפֿינס זײַנען אויסגעפֿאָרשט און אַרויסגעגעבן געוואָרן ערשט אין דער לעצטער צײַט (אין די יי' 1912 און 1919). זע צום סוף פֿון דעם באַנד די הוספֿה ג' 2 און די ביבליאָגראַפֿיע.

אויפֿן פּראָצעס פֿון אויסוווּיניקסטער אַסימילאַציע זאָגט עדות דער פֿאַקט, וואָס דער גרעסטער טייל נעמען פֿון יידן זײַנען גריכישע און נאָך מער לאַטײַנישע. מען געפֿינט זייער פֿיל אַזעלכע נעמען פֿון מענער און פֿרויען, ווי: אַליפּיוס טיבעריוס, אוירעליוס און אוירעליאַ, מאַרקעלוס און מאַרקעלאַ, יוליאַ אַפֿראָדיסיאַ, „קריספּינאַ די טאָכטער פֿון פּראָקאָפּיוס", אוידאָקסיוס, טעאָדאָטוס, ניקאָדעמוס, קווירינוס, זאָסימוס, סאַבינאַ, פֿלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, לוקרעציאַ. פֿון העברעיִשע נעמען באַגעגנט מען אין גריכישער טראַנסקריפּציע די ווײַטערדיקע: יעקבֿ, יהודה, יוסי, שמואל, בנימין, יונתן, שבתי, טוביה, מנשה, שׂרה, רבֿקה, חנה, אסתּר און אַנדערע. עס באַגעגענען זיך קאָמבי־נאַציעס פֿון יידישע און פֿרעמדע נעמען, אַפּידיאַ־לאה; „קאַקאָטיאַ, אויך גערופֿן יהודה"; „בעטוריאַ־פּאַולאַ, ווי אַ גרקע אָנגערופֿן שׂרה". דער לעצטער בײַשפּיל לאָזט משער זײַן, אַז אַזעלכע צווייענדיקע נעמען האָבן בכלל געטראָגן גרים.

אָבער אָט די אַלע סימנים פֿון אויסווייניקסטער אַסימילאַציע, וואָס זײַנען טיפּיש פֿאַר דער גריכיש־רוימישער דיאַספּאָרע, האָבן ניט אָפּגעשוואַכט די אינעווייניקסטע אייגנאַרטיקייט פֿון די יידישע מאַסן. די רוימישע שרײַ־בערס זאָגן פּה אחד עדות, אַז יידן האָבן שטרענג אָפּגעהיט זייערע מנהגים און צערעמאָניעס. פֿרומע יידן האָבן אויך געפֿירט אַ שטאַרקע רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די היידן, וואָס דאָס האָט דערוועקט דעם צאָרן פֿון דער רעגירונג און אויך פֿון אַזעלכע שרײַבערס ווי סענעקאַ, יוּווענאַל און טאַציטוס 1. אין די אויפֿשריפֿטן אויף די מצבֿות זײַנען פֿאַרצייכנט עטלעכע פֿאַלן וועגן אָננעמען דעם יידישן גלויבן. וועגן דער אויבן דערמאָנטער בעטוריאַ־פּאַולאַ, וואָס האָט געקראָגן דעם יידישן נאָמען שׂרה, שטייט, אַז זי האָט געלעבט סך־הכּל 86 יאָר, דערפֿון 16 יאָר אין יידישן גלויבן, ד"ה אַז זי האָט אָנגענומען די נײַע אמונה אין עלטער פֿון זיבעציק יאָר; אין דער יידישער קהילה, וואָס זי איז אין איר אַרײַן, איז זי געווען אַזוי פּאָפּו־לער, אַז זי האָט געקראָגן דעם בכּבֿודיקן טיטל „מוטער פֿון דער סינאַגאָגע". אויף גרים זײַנען משמעות געזאָגט אויך אַזעלכע לויבריידן אין די אויפֿ־שריפֿטן, ווי „זי האָט גוט געלעבט אין יידישקייט", „ער האָט ריכטיק אָפּגע־היט די תּורה".

אַז יידן האָבן אָפּגעהיט די ריינקייט פֿון פֿאַמיליען־לעבן, זאָגט עדות אויך זייער שׂונא, דער היסטאָריקער טאַציטוס. אין די אויפֿשריפֿטן ווערן די נעמען פֿון די פֿאַרשטאָרבענע באַצירט מיט די צערטלעכסטע עפּיטעטן — דאָס ווײַזן אַרויס די לעבן געבליבענע גלידער פֿון דער משפּחה זייער ליבשאַפֿט

1 זע ש. דובנאָו, וועלט־געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק, מזרח־פּעריאָד, באַנד II, § 95, און באַנד III, §§ 2 און 15.

און אַכטונג. „אַ כשרע נשמה", „פרײַנד פון אַלע מענטשן", „אַ האָרעפּאַשנע פרוי", האָט הייליק געהאַלטן די תורה", „אַ צנועה, ליב געהאַט דעם מאַן" – אַזעלכע און נאָך מער פשוטע ווערטער אויף אַ מצבה זאָגן עדות אויף דער פעסטקייט פון דעם פאַמיליען־פאַרבונד. לויט געוויסע אָנצוהערענישן אין די אויפשריפטן קאָן מען אַרויסזען, אַז מיידלעך פלעגן חתונה האָבן צו 15 אָדער צו 16 יאָר.

נאָר אין זעלטענע פאַלן ווערט אָנגעוויזן די פּראָפעסיע פון דעם פאַר־שטאָרבענעם (עס טרעפט זיך „אַ מאָלער", „אַ קצב"), נאָר פּינקטלעך ווערט פאַרצייכנט זײַן לאַגע אין דער קהילה, זײַן מעמד אין דער אַליין־פאַרוואַלטונג. דער טיטל „אַרכאָן" האָט זיך גערעכנט פאַר אַזאַ גדולה, אַז די עלטערן לאָזן אויסקריצן אויף די מצבות פון זייערע קליינע קינדער, אַז זיי זײַנען געווען קאַנדידאַטן אויפן דאָזיקן בכבודיקן אַמט (archon nepios, mellarchon). מען פלעגט אויך באַצייכענען, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַ געלערנטער, אַ קענער פון דער תורה: didascolos – רבי, mathetes sofon, nomomathes (דער לעצטער טיטל באַטײַט תלמיד־חכם).

חוץ אין רוים, האָבן יידן זינט די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קריסטלעכער צײַט געוווינט אויך אין די שטעט פון דרום־איטאַליע, וואָס איז געווען פאַרבונדן דורכן האַנדל מיטן וועלטהאַוון, דער גריכיש־יידישער אַלכסנדריא. אין דער שטאָט פּוטעאָלי (איצט Puzzuoli אין קאַמפּאַניע), וואָס האָט געהאַט דעם עלטסטן האַנדלס־האַוון אין איטאַליע, איז געווען אַ יידישע קהילה נאָך אין דער צײַט פון הורדוס I און זײַנע יורשים; וועגן דעם דערמאָנט דער היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס וואָס האָט געשריבן אין רוים[1]. אויף איינער פון די אויפשריפטן וואָס זײַנען דאָרט געפונען געוואָרן שטייט דער נאָמען „קלודיאַ־אסתר, אַ געפאַנגענע פון ירושלים" (hierosolymi-tana captiva).

אין די ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער קומען אויף יידישע יישובים אין אַפּוליע און קאַלאַבריע, און צום סוף פון 14טן י"ה האָבן יידן פון די דאָזיקע פּראָווינצן פאַרנומען בכבודיקע אַמטן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אַ סך יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם שטאָטישן דינסט, ווײַל עס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות און האָט געבראַכט צו חילול־שבת, – אַ באַפעל פון די קיסרים אַרקאַדיוס און האָנאָריוס (אין יאָר 398), וואָס דערמאָנט וועגן דעם, ווײַזט אָן, אַז אין אייניקע שטעט האָט דאָס געפירט צו דער דעזאָרגאַ־ניזאַציע פון די שטאָטישע ענינים[2]. אין דער אַפּולישער שטאָט ווענאָזע, אויך אין נעאַפּאָל, טאַרענט און קאַפּוע זײַנען דעמאָלט געווען באַדײַטיקע יידישע קהילות, דערויף זאָגן עדות אויפשריפטן אויף מצבות און קריסטלעכע

1 יידישע מלחמות, II, 7, 1; אלטערטימער XVII, 12, 1.

2 קאָדעקס פון טעאָדאָסיוס, XII, 1, 158.

כראָניקעס. אין די ייִדישע קאַטאַקאָמבעס, ענלעך צו די רוימישע, וואָס זײַנען געפֿונען געוואָרן אין ווענאָזע, האָבן זיך אויפֿגעהיט אַ סך אויפֿשריפֿטן פֿון 6טן י"ה און שפּעטער אויף העברעיִש, לאַטײַניש און גריכיש. די צאָל העברעיִשע אויפֿשריפֿטן אָדער העברעיִשע טיילן פֿון אויפֿשריפֿטן איז דאָ אַ סך גרעסער ווי אין רוים – דאָס באַווײַזט, אַז די דרום־איטאַליענישע ייִדן זײַנען געווען ווייניקער אַסימילירט. כאַראַקטעריסטיש איז איינע פֿון די העברעיִשע אויפֿשריפֿטן דערמיט, וואָס די נעמען זײַנען ניט־ייִדישע: משכבו של ביטה בן פאוסטינוס נוח נפש – „דער רופֿלאַץ פֿון בעטאַ דער זון פֿון פֿאַוסטינוס, גרינג זאָל זײַן זײַן נשמה".

שפּורן פֿון ייִדישע ייִשובֿים פֿון 4טן ביזן 6טן י"ה זײַנען פֿאַרבליבן אויך אין די וויכטיקסטע שטעט פֿון סיציליע: סיראַקוז, פּאַלערמאָ און אַגריגענט. וועגן ייִדישע ייִשובֿים אין די גרויסע שטעט פֿון אייבער־איטאַליע – מילאַן, ראַווענע, גענוע – ווערט דערמאָנט אין די ליטעראַרישע מקורים פֿון 6טן י"ה, נאָכן חורבן פֿון דער מערבֿ־רוימישער אימפּעריע, ווען דער פּאָליטישער צענטער איז אַריבער קיין לאָמבאַרדיע; אָבער אויפֿגעקומען זײַנען די דאָזיקע ייִשובֿים אָן ספֿק אין אַ פֿריִערדיקער תּקופֿה.

אַזוי אַרום האָט די באַזעצונג פֿון ייִדן אין איטאַליע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער שוועל פֿון דער קריסטלעכער ערע, געדויערט אין משך פֿון דעם גאַנצן „קאָלאָניזיר־פּעריאָד". צום אָנהייב 8טן י"ה האָבן ייִדישע קהילות, גרעסערע אָדער קלענערע, עקסיסטירט אין אַלע וויכטיקע שטעט פֿון דעם אַפּעניניש האַלבאינדזל.

§ 3. איטאַליע אין דער תּקופֿה פֿון דעם אונטערגאַנג פֿון דער אימפּעריע און פֿון דער ממשלה פֿון די אָסט־גאָטן און לאַנגאָבאַרדן

דער פֿערטער יאָרהונדערט, יענער יאָרהונדערט, ווען דער קריסטנטום האָט זיך אײַנגעפֿעסטיקט ווי די מלוכה־רעליגיע פֿון דער רוימישער אימפּעריע, האָט אַרײַנגעבראַכט אומרו אין ייִדישן לעבן. ייִדן האָבן באַלד דערשפּירט, אַז עס האָט זיך עפּעס געביטן אין דער וועלט, זיי האָבן דערפֿילט אויף זיך די גאַנצע שווערקייט פֿון דעם געשעענעם קריזיס: ער האָט זיך געגעבן זיי צו דערקענען דורך דער אַנטי־ייִדישער געזעצגעבונג פֿון אויבן און דורך די אָנפֿאַלן פֿון דעם גאַסיקן המון פֿון אונטן. בעת אין רוים האָט מען גענומען נאָכן אומקום פֿון קיסר יוליאַנוס דעם אַפּטריניקן זיך אָפּרעכענען מיט די ייִדן, האָט אויך די ייִדישע קהילה געהאַט אויסצושטיין צרות פֿון דעם קריסטלעכן פֿאַנאַטיזם. די טריומפֿירנדיקע קריסטן האָבן פֿאַרמאַכט די ייִדנישע טעמפּלען,

צעשטערט די אַלטאַרן און סטאַטועס, די פֿאַנאַטישע ביסקופֿן און מאָנאַכן האָבן אין זייערע דרשות געהעצט דעם המון קעגן די „כופֿרים, היידן און ייִדן". בעת דעם קאַמף פֿון דעם אוזורפּאַטאָר מאַקסימוס מיטן קיסר טעאָדאָסיוס I האָט אַ קריסטלעכער המון צעשטערט אַ סינאַגאָגע אין רוים (אַרום 387); מאַקסימוס האָט באַפֿוילן צו באַשטראָפֿן די אָנרייצער צום פּאָגראָם און ווידער אויסצובויען די סינאַגאָגע, אָבער ווען ער איז באַלד נאָך דעם אומגעקומען אין דער מלחמה מיטן קיסר, האָט מען אײַנגערעדט דאָס פֿאָלק, אַז דאָס האָט דער קריסטלעכער גאָט באַשטראָפֿט דעם באַשיצער פֿון די ייִדן. טעאָדאָסיוס גופֿא האָט, ווי באַוווּסט, געמוזט נאָכגעבן דעם דרוק פֿון אַזעלכע קירכן־פֿאָטערס, ווי דער מילאַנער ביסקופּ אַמבראָסיוס, און מילדערן די שטרענגקייט פֿון דעם געזעץ קעגן די צעשטערער פֿון סינאַגאָגעס[1]. די צעטיילונג פֿון דער רוימישער אימפּעריע אין יאָר 395 צווישן טעאָדאָסיוס' זין האָט פּאָליטיש אָפּגעשיידט איטאַליע מיט דער מערבֿדיקער העלפֿט פֿון דער אימפּעריע פֿון דער מזרחדיקער — ביזאַנץ, אָבער די גזירות אויף ייִדן פֿלעגן די ערשטע צײַטן אַרויסגעבן צוזאַמען ביידע יורשים פֿון דעם „גרויסן" קיסר — האָנאָריוס און אַרקאַדיוס.

די ערשטע יאָרן פֿון זײַן קיניגן האָט דער מערבֿ־רוימישער קיסר האָנאָריוס געפּרוּווט באַגרענעצן די אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די ייִדישע קהילות, און אין יאָר 398 האָט ער צוזאַמען מיטן מזרחדיקן קיסר אַרקאַדיוס אַרויסגעגעבן דעם באַוווּסטן דעקרעט, וואָס האָט מחייבֿ געווען די ייִדן זיך צו לאָדן פֿאַרן מלוכה־געריכט און ניט פֿאַר זייער אייגענעם אויטאָנאָמען בית־דין. אַ יאָר שפּעטער האָט ער אין אַ באַזונדער דעקרעט פֿון זיך פֿאַרבאָטן די משולחים („אַפּאָסטאָלן") פֿון דעם נשׂיא אין ארץ־ישׂראל צו קלײַבן געלט צווישן איטאַליענישע ייִדן — ער איז דערמיט אויסן געווען אָפּצורײַסן זיי פֿון זייער גײַסטיקער מעטראָפּאָליע, וואָס האָט געהערט צום באַשטאַנד פֿון דער מזרחדיקער העלפֿט פֿון דער אימפּעריע. נאָר אין יאָר 404 האָט ער געמוזט אָט דעם פֿאַרבאָט אָפּשאַפֿן[2]. אין די מהומה־יאָרן פֿון אָנהייב 5טן י"ה, ווען די חיילות פֿון די גאָטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין איטאַליע און האָבן צײַטווײַליק פֿאַרכאַפּט אַפֿילו די שטאָט רוים, האָט האָנאָריוס' רעגירונג גענומען באַגיין זיך בעסער מיט ייִדן, ווײַל זי האָט משמעות ניט געוואָלט זיך אײַנשאַפֿן אינעווייניקסטע שׂונאים אין אַ סכּנה־צײַט פֿאַר דער אימפּעריע. אין יענע יאָרן זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ריי גינציקע דעקרעטן. עס איז געוואָרן באַשטימט, אַז מען דאַרף ניט נעמען ייִדן אויף עפֿנטלעכע אַרבעטן און ניט „לאָדן זיי צום געריכט

1 וועלט-געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, מזרח-פּעריאָד, באַנד III, § 34.

2 דאָרט גופֿא, § 36.

אין דעם פֿאַר זיי הייליקן טאָג פֿון שבת". עס איז געוואָרן באַשטעטיקט דער געזעץ, אַז די סינאַגאָגעס און קולטערטער פֿון דער יידישער אמונה זײַנען אומבאַרירלעך. יידן איז געוואָרן דערלויבט צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק. עס איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דער פֿאַרבאָט, אַז יידן טאָרן ניט האַלטן קיין קריסטלעכע שקלאַוון, מער ניט וואָס די בעלי־בתּים זײַנען געווען מחויב ניט צו שטערן אַזעלכע שקלאַוון אָפּצוהיטן זייערע קריסטלעכע צערעמאָניעס [1].

אין האָנאָריוס' צײַט האָבן זיך אַרײַנגעריסן די „באַרבאַרן" קיין איטאַליע און אין די רוימישע פּראָווינצן פֿון גאַליע און שפּאַניע. אין יאָר 410 האָט דער אָנפֿירער פֿון די גאָטן אַלאַריק אײַנגענומען רוים און געלאָזט זײַנע זעלנער זי אויסרויבן; דערבײַ האָבן געליטן אויך די יידן. די קירכן־פֿאָטערס היעראָנימוס און אויגוסטינוס האָבן געקלאָגט אויף דעם חורבן פֿון דער „אייביקער שטאָט", דער מעטראָפּאָליע פֿון דעם קריסטנטום, אין עלעגישע בילדער גענומען פֿון „איכה", דער טרויער־געזאַנג אויפֿן חורבן־ירושלים. „די ליכטיקע שײַן פֿון ערדישן קרײַז איז פֿאַרלאָשן געוואָרן! – האָט געקלאָגט דער הייליקער היעראָנימוס, וואָס האָט געלעבט אין ארץ־ישׂראל. – עס איז אײַנגענומען געוואָרן די שטאָט, וואָס האָט אײַנגענומען גאָר די וועלט" (capitur urbs quae totum cepit orbem).

באַלד האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער אַקט פֿון דער טראַגעדיע. אָפּגעשוואַכט דורך דער שלעכטער רעגירונג פֿון האָנאָריוס' לא־יוצלחדיקע יורשים און דורך דעם קאַמף פֿון פֿאַרשיידענע קרוין־פּרעטענדענטן, איז איטאַליע ניט געווען בכּוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דער כוואַליע פֿון דער „גרויסער פֿעלקער־וואַנדערונג", וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט אייראָפּע, און איז געוואָרן אַ רויב פֿאַר די באַרבאַרן. די הונען פֿון „גאָטס בײַטש" אַטילאַ האָבן אין יאָר 452 פֿאַרוויסט אייבער־איטאַליע. אין יאָר 455 האָבן די וואַנדאַלן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גענסעריק, וואָס איינע פֿון די קעמפֿנדיקע פּאַרטייען האָט זיי גערופֿן צו הילף, צעראַבירט די שטאָט רוים. צווישן די אוצרות וואָס גענסעריק האָט צוגענומען האָבן זיך געפֿונען די רעשטן פֿון קריגסרויב, וואָס די רוימער האָבן מיטגענומען פֿון דער צעשטערטער שטאָט ירושלים. די הייליקע כּלים, וואָס טיטוס האָט פֿאַרכאַפּט אין בית־המקדש און מיטגעבראַכט ווי טראָפּייען קיין רוים, האָט איצט גענסעריק אַוועקגעפֿירט, צוזאַמען מיט היידנישע סטאַטועס, קיין קאַרטאַגאָ, דער הויפּטשטאָט פֿון דעם וואַנדאַלישן קיניגרײַך אין אַפֿריקע.

---

1 קאָדעקס פֿון טעאָדאָסיוס II, 8, 26 און XVI, 8, 20 (די דעקרעטן פֿון די יאָרן 409 און 412); XVI, 8, 24 (פֿון י' 418); XVI, 9, 3 (פֿון י' 415).

אין משך פֿון צוואַנציק יאָר נאָכן אָנפֿאַל פֿון די וואַנדאַלן האָט רוים געגוססט. די אַרמיי־אָנפֿירער, גאָטן אָדער גאַליער, פֿלעגן אַרויפֿזעצן און אַראָפּזעצן קיסרים איינעם נאָכן אַנדערן, ווען זיי האָבן געוואָלט, ביז עס איז סוף כּל סוף געוואָרן אַראָפּגעזעצט דער לעצטער פֿון די דאָזיקע „מלכים אויף אַ טאָג", ראָמולוס אויגוסטולוס, „דער קליינער אויגוסטוס". אין יאָר 476, 400 יאָר נאָכן אונטערגאַנג פֿון דער ייִדישער מלוכה, איז געקומען דער סוף צו דער רוימישער אימפּעריע. דער אָנפֿירער פֿון אַ בונטן אויסגעמיש גערמאַנישע שבֿטים אָדאָאַקער האָט זיך פּראָקלאַמירט פֿאַרן קיניג פֿון איטאַליע. ער האָט רעגירט איבערן חרובֿן לאַנד זיבעציק אין זײַן רעזידענץ אין ראַווענע אין משך פֿון 17 יאָר, ביז עס האָט אים אַראָפּגעוואָרפֿן דער קיניג פֿון די אָסטגאָטן טעאָדאָריק דער גרויסער אין יאָר 493. אין איטאַליע האָט זיך אײַנגעשטעלט די ממשלה פֿון די אָסטגאָטן, וואָס האָבן שוין געהאַט אָנגענומען די קריסטלעכע רעליגיע און איבערגענומען די רוימישע ציוויליזאַציע.

ווי דער גרעסטער רובֿ אָסטגאָטן, האָט טעאָדאָריק אָנגענומען קריסטנטום אין דעם אַריאַנישן נוסח, וואָס האָט אָנערקענט, אַז קריסטוס איז ענלעך צו גאָט, אָבער האָט אים ניט געהאַלטן פֿאַר אַ גאָט, און דעריבער איז ער בײַ די קאַטוילישע גרעכענט פֿאַרן אַ כּופֿר. דערפֿון נעמט זיך אויך צום טייל זײַן טאָלעראַנטע באַציִונג צו ייִדן, וואָס דער רוימישער געזעץ האָט זיי אויך צוגעגליכן צו כּופֿרים. בדרך כּלל איז נאָך געווען גילטיק דער שטרענגער קאָדעקס פֿון טעאָדאָסיוס, אָבער אין זײַן פּראַקטישער אָנווענדונג האָט מען אָפּגעהיט די אויטאָנאָמיע פֿון די ייִדישע קהילות. די יוריסדיקציע פֿון דעם ייִדישן בית־דין איז געוואָרן אויסגעברייטערט. אין אַן עדיקט פֿון קיניג טעאָדאָריק שטייט געזאָגט: „היות ווי די ייִדן לעבן לויט זייערע אייגענע דינים, דעריבער באַדאַרפֿן זיי האָבן צוליב באַטראַכטן זייערע סיכסוכים אייגענע דיינים, וואָס זײַנען זייערע רעליגיעזע לערערס". דאָס איז געווען געדרונגען פֿון דער אַלגעמיינער הנחה, וואָס לויט איר האָבן די גאָטן געהאַט זייער אייגן געריכט לעבן דעם רוימישן מלוכישן געריכט. לויט דער בקשה פֿון די ייִדן פֿון גענוע האָט דער קיניג באַשטעטיקט זייערע אַלטע פּריווילעגיעס מיט דער דערקלערונג, אַז „ער איז גערן מסכּים, עס זאָלן בלײַבן די אַלטע רעכט".

אָבער אויך אין טעאָדאָריקס באַפֿעלן ווײַזט זיך אַרויס די שטרעבונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענער תּקופֿה, אַריבערצוציִען ייִדן צום קריסטנטום. די דעקרעטן פֿון דעם דאָזיקן קיניג פֿלעגט געוויינטלעך שרײַבן זײַן געלערנטער בעל־יועץ, דער רוימישער סענאַטאָר קאַסיאָדאָר, אַ פֿרומער קריסט, וואָס איז די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן געוואָרן אַ מאָנאַך. דער דאָזיקער שר פֿלעגט טייל מאָל צואַלצן דעם קיניגס דעקרעטן מיט אַ טעאָ־

לאָגישן פּירוש. ווען די גענועער ייִדן האָבן דערלאַנגט דעם קיניג אַ בקשה, מען זאָל זיי דערלויבן אויסצופֿאַרריכטן אַן אַלטע סינאַגאָגע, האָט קאַסיאָדאָר געענטפֿערט אין דעם קיניגס נאָמען (אין יאָר 507 און 511): „פֿאַר וואָס ווילט איר דווקא האָבן דאָס, וואָס איר וואָלט באַדאַרפֿט אויסמײַדן? מיר גיבן אײַך די דערלויבעניש, אָבער מיר טאַדלען אײַער פֿאַרלאַנג, וואָס איז געדרונגען פֿון אַ טעות. איבעריקנס קענען מיר קיין רעליגיע ניט אויפֿצווינגען דורך אַ באַפֿעל, וואָרעם מען קאָן קיינעם ניט צווינגען צו גלייבן קעגן זײַן ווילן". דערפֿאַר איז טאַקע שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן דער אַמאָליקער געזעץ פֿון טעאָדאָסיוס, וואָס האָט פֿאַרבאָטן צו בויען נײַע שולן און האָט דערלויבט נאָר צו פֿאַרריכטן אַלטע שולן, אָבער מען האָט זיי ניט געטאָרט פֿאַרגרעסערן און ניט צוגעבן נײַע באַפּוצונגען. אין אַ צווייטער דערלויבעניש פֿון דעם קיניג האָט זײַן פֿרומער בעל־יועץ צוגעשריבן אַזאַ פּאָלעמישע באַמערקונג: „מיר באַפֿרידיקן די בקשה, אָבער צוליב וואָס, ייִד דו בעל־בקשה, טוסטו שטרעבן צו צײַטווײַליקער רו, אויב דו קאָנסט ניט דערלאַנגען צו אייביקער רו?"

הגם טעאָדאָריק האָט מיט אַן אמת געוואָלט זען דעם טריומף פֿון דער קירך אויף די חורבֿות פֿון דער סינאַגאָגע, האָט ער פֿון דעסט וועגן ענערגיש פֿאַרבאָטן יעטווידן פּרווו פֿון דעם המון און פֿון דער קריסטלעכער גײַסטלעכקייט צו פֿאַרמאַכן אָדער צעשטערן שולן אין יענער תּקופֿה, ווען עס איז צעשטערט געוואָרן די אַנטיקע קולטור. אַרום 510 האָט אין רוים פּאַסירט אַזאַ זאַך. קריסטלעכע שקלאַוון, וואָס האָבן געדינט אין דער משפּחה פֿון אַ רײַכן ייִדן, האָבן דערהרגעט זייערע בעלי־בתּים, און זײַנען דערפֿאַר לויט דעם באַפֿעל פֿון דער רעגירונג געוואָרן באַשטראָפֿט. דעמאָלט האָט דער קריסטלעכער המון אויס נקמה פֿאַר די באַשטראָפֿטע מערדער גענומען שלאָגן ייִדן אויף די גאַסן און האָט פֿאַרברענט אַ שול. אַז מען האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן טעאָדאָריקן, וואָס האָט געוויינטלעך געוווינט אין ראַווענע אָדער וועראָנע, איז ער געוואָרן אין כּעס און האָט שטרענג באַפֿוילן דעם רוימישן סענאַט אויסצופֿאָרשן דעם ענין און באַשטראָפֿן די אויפֿהעצערס, וואָרעם עס טאָר ניט דערלאָזן ווערן, אַז דער המון זאָל זיך אויף אַזאַ שטייגער אָפּרעכענען מיט יענע, וואָס ער האַלט פֿאַר שולדיק. משמעות, אַז דער קיניג אַליין איז געווען נוטה צום געדאַנק, אַז די ייִדן אין רוים האָבן עובֿר געווען אויף דעם געזעץ, וואָס האָט זיי פֿאַרבאָטן צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַוון, אָבער ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער המון זאָל זיך מישן.

אַן ערך אין דער זעלביקער צײַט (519) האָט דער קריסטלעכער המון אין דער קיניגלעכער רעזידענץ ראַווענע, צערייצט „דורך דעם געשפּעט פֿון די ייִדן" איבער די קירכלעכע צערעמאָניעס, אונטערגעצונדן די אָרטיקע

סינאַגאָגעס. האָבן די ייִדן אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע צום קיניג קיין ווע־
ראָנע מיט דער בקשה, ער זאָל זיי באַשיצן. און טעאָדאָריק האָט באַפוילן,
אַז אַלע רוימער, וואָס וווינען אין שטאָט (די גאָטן די אַריאַנער האָבן קענטיק
אין דעם פּאָגראָם קיין אָנטייל ניט גענומען), מוזן אָפּבויען די סינאַגאָגעס אויף
זייערע אייגענע הוצאות, און אויב זיי וועלן ניט פאָלגן, וועלן זיי באַשטראָפט
ווערן מיט שמיץ. אויך אין דעם פאַל באַדאַרף מען רעכענען, אַז טעאָדאָריק
האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר ייִדן ניט מחמת דעם, וואָס ער האָט זיי באַזונ־
דערס ליב געהאַט, נאָר דערפאַר ווײַל ער האָט געוואָלט אײַנהאַלטן אָרדענונג
אין לאַנד און אײַנצאַמען דעם פאַנאַטיזם פון די קאַטוילִיקן, וואָס זײַנען גע־
ווען פײַנטלעך געשטימט קעגן קיניג גופא, וואָס איז געווען אַן אַריאַנער.

חוץ דעם האָבן די מלוכה־לײַט פון יענער צײַט זיך נאָך אײַנגערעדט,
אַז מען קאָן די ייִדן בייגן, זיי זאָלן אָננעמען קריסטנטום, דורך צורעדן, דורך
דרשות. טעאָדאָריקס מיניסטער קאַסיאָדאָר, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ מאָנאַך,
האָט אויף דער עלטער געשריבן אַ פּירוש אויף תּהילים, און האָט דאָרט גע־
פונען אין געוויסע פּסוקים רמזים אויף קריסטוסן. האָט ער אויפגעוואָרפן
ייִדן, אַז זיי פאַרשטייען ניט זייערע אייגענע הייליקע ספרים. פונקט ווי פריִער
אין די דעקרעטן, האָט ער אויך דאָ פּאָלעמיזירט אויף אַזאַ שטייגער: „הערט
צו, ייִדן, פאַרנעמט, איר האַרטנאַקיקע, וואָס דער משורר אָסף זאָגט וועגן
קריסטוסעס קומען! וואָס זשע האַלט איר הייליק, ווען איר ווייסט אַפילו ניט
די רייד פון אײַערע אייגענע נביאים? גייט צו די קאַטוילִישע גײַסטלעכע:
זיי וועלן אײַך אויפעפענען די אויערן, און איר וועט מיט גאָטס הילף אויס־
געלייזט ווערן פון אייביקער טויבקייט!" נאָך אַזעלכע טענות שטעלט קאַסיאָ־
דאָר אַרײַן אין זײַנע שריפטן פּשוטע זידלערײַען: ייִדן רופט ער אָן „סקאָר־
פּיאָנען", „ווילדע אייזלען", „הינט".

אָבער די קירכלעכע דרשות און די אײַנטענענישן האָבן די ייִדן ווינציק
וואָס געאַרט, און היות ווי פאַקטיש האָט די מלוכה זיי געזיכערט דאָס לעבן,
די פרײַהייט פון פּרנסות און די אויטאָנאָמיע פון זייערע קהילות, דעריבער
האָבן זיי זיך ניט שלעכט געשפּירט אונטער דער ממשלה פון די אָסטגאָטן.
אין יענער צײַט זײַנען אויסגעוואַקסן ייִדישע קהילות אין מילאַן, ראַווענע,
ווענעציע, גענוע און אַנדערע שטעט פון אייבער־איטאַליע, וואָס אַהין איז
אַריבערגעטראָגן געוואָרן דער פּאָליטישער צענטער פון לאַנד. שטאַרק אַנט־
וויקלט האָבן זיך די עלטערע ייִדישע ייִשובים אין דרום — אין נעאַפּאָל און
אין די שטעט פון סיציליע. און דעריבער טאַקע, ווען די דינאַסטיע פון די
אָסטגאָטן האָט גענומען גיין אַראָפּ, און יוסטיניאַנוס דער קיסר פון ביזאַנץ
האָט אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף איטאַליע מיטן מיין אַרויסצוטרײַבן די אָסטגאָ־
טישע כּופרים, זײַנען ייִדן שטאַרק צערודערט געוואָרן. עס האָט זיי אָנגעכאַפּט

אַ שרעק בײַם געדאַנק, טאָמער װעלן זײ אַרונטערפֿאַלן אונטער דער ממשלה פֿון ביזאַנץ, װוּ די שׂנאה צו ייִדן איז אונטער יוסטיניאַנס רעגירונג געװען די אָפּיציעלע פּראָגראַם. צװאַנציק יאָר האָבן געדויערט די מלחמות צװישן איטאַליע און ביזאַנץ (535–555), און די גאַנצע צײַט זײַנען די ייִדן פֿון די פֿאַרשײדענע שטעט געשטאַנען אויפֿן צד פֿון די גאָטן, בעת די לאַטײַנער און גריכן זײַנען געװען פֿאַר ביזאַנץ. אַן אַקטיװן אָנטײל אין קאַמף האָבן גאָר אין אָנהײב פֿון דער מלחמה גענומען די ייִדן פֿון נעאַפּאָל. דער באַרימטער ביזאַנטישער קריגספֿירער בעליסאַריוס האָט, נאָך דעם װי ער האָט צעשטערט דאָס קיניגרײַך פֿון די װאַנדאַלן אין אַפֿריקע, געװענדט זײַן אַרמײ קײן איטאַליע, װאָס יוסטיניאַן האָט געװאָלט זי פֿאַראײניקן מיט זײַן מזרח־דיקער אימפּעריע. אין יאָר 535 האָבן די ביזאַנטיער אײַנגענומען סיציליע, און אַ יאָר שפּעטער זײַנען זײ געשטאַנען פֿאַר די מויערן פֿון נעאַפּאָל. אין אָט דער שטאָט איז געװען אַ גרויסע ייִדישע באַפֿעלקערונג, און די ייִדן האָבן ניט געװאָלט דערלאָזן, אַז די גריכישע אײַנװױנער זאָלן איבערגעבן די שטאָט דעם שׂונא, װי זײ האָבן דאָס געפּלאַנט. די ייִדן װאָס האָבן געהאַנדלט מיט תּבֿואה האָבן צוגעשטעלט פֿאַר דער שטאָט גענוג עסנװאַרג, כּדי זי זאָל קאָנען אויסהאַלטן לאַנג אַ באַלעגערונג, און צוזאַמען מיט אָרטיקע פּאַטריאָטן פֿון די קריסטן האָבן זײ זיך געשטעלט אויף די מויערן צו פֿאַרטײדיקן די שטאָט. צו ערשט האָט בעליסאַריוס ניט געקאָנט אײַננעמען נעאַפּאָל. די ייִדן האָבן מיט גבֿורה פֿאַרטײדיקט דעם טײל שטאָט, װאָס ליגט בײַם ים, און ערשט נאָך אַ באַלעגערונג פֿון דרײַ װאָכן זײַנען בעליסאַריוס׳ זעלנערס אַרײַנגעדרונגען אין שטאָט דורך דעם אַקװעדוקט. די אײַנװױנער, חוץ די בוגדישע גריכן, זײַנען אָן רחמנות אויסגעקוילעט געװאָרן. אויך ניט װיניק ייִדן זײַנען דעמאָלט אומגעקומען. דערמיט איז געװאָרן באַשטימט דער גורל פֿון דרום־איטאַליע: זי איז געװאָרן אַ פּראָװינץ פֿון דער ביזאַנטישער אימפּעריע.

סוף 536 האָט בעליסאַריוס אײַנגענומען רוים, װאָס האָט זיך אונטערגעגעבן אָן װידערשטאַנד, אָבער באַלד דערויף האָט די שטאָט באַלעגערט אַן אַרמײ פֿון די גאָטן און אײַנגעשלאָסן דאָרט די ביזאַנטיער. זײ האָבן זיך אָבער אַרויסגעריסן פֿון דאָרט קײן ראַװענע און גענומען באַצװינגען איבער־איטאַליע. אין דער זעלביקער צײַט האָט טאָטילאַ, דער העלדישער קריגספֿירער פֿון די גאָטן, אָפּגענומען בײַ זײ דרום־איטאַליע און אויך נעאַפּאָל. אין משך פֿון צװײ צענדליגג יאָר זײַנען רוים און אַנדערע איטאַליענישע שטעט צו עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען פֿון אײן האַר צום אַנדערן, ביז דער ביזאַנטישער קריגספֿירער נאַרזעס האָט זיך געשטאַרקט און האָט אונטערטעניק געמאַכט גאַנץ איטאַליע און פֿאַראײניקט זי מיט יוסטיניאַנס אימפּעריע. אין

דער צײַט פֿון אָט די מלחמות, וואָס האָבן געמאַכט דאָס בליִענדיקע לאַנד פֿאַר אַ מדבר, האָבן די ייִדן זיך ניט ווינציק אָנגעליטן, און להבא איז פֿאַר זיי געשטאַנען אַ טרויעריק לעבן אונטערן דרוק פֿון ביזאַנץ.

צום גליק האָבן זיך באַלד אין איטאַליע באַוויזן נײַע מחנות גערמאַנישע „באַרבאַרן" – די לאַנגאָבאַרדן, וואָס האָבן איין טייל פֿון לאַנד אָפּגענומען פֿון די ביזאַנטיער. דער לאַנגאָבאַרדישער קיניג אַלבאָין (568–572) האָט אײַנגענומען פּאַוויע און מילאַן, און נאָך דעם האָט די ממשלה פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק זיך אײַנגעפֿעסטיקט אויף צוויי הונדערט יאָר אין צפֿון-איטאַליע, וואָס האָט שפּעטער געטראָגן דעם נאָמען לאָמבאַרדיע, נאָך די לאַנגאָבאַרדן. זיי זײַנען געווען צו ערשט אַריאַנער און שפּעטער זײַנען זיי אַריבער צום קאַטוילישן גלויבן. אונטער זייער ממשלה האָבן די ייִדישע קהילות פֿון צפֿון-איטאַליע משמעות ניט געשפּירט קיין באַזונדערן דרוק; לכל-הפּחות אין די לאַנגאָבאַרדישע געזעצן זײַנען ניטאָ קיין באַזונדערע פּונקטן וועגן ייִדן. געבליבן איז נאָר עפּעס אַן אומקלאָרע ידיעה מכּוח דעם, אַז אין מיטן פֿון 7טן י"ה האָבן צוויי לאַנגאָבאַרדישע פּירשטן אין דער געגנט פֿון פּאַוויע און מילאַן געצוווּנגען ייִדן זיך צו שמדן און אויסגעהרגעט די וואָס האָבן דאָס ניט געוואָלט טון.

מיטל-איטאַליע און דרום-איטאַליע זײַנען געבליבן אונטער דער ממשלה פֿון די ביזאַנטישע קיסרים. רעגירט איבער די דאָזיקע פּראָווינצן האָט אין נאָמען פֿון קיסר אַן עקזאַרך, וואָס זײַן רעזידענץ האָט זיך געפֿונען אין ראַווענע (דער ראַווענער עקזאַרכאַט). אָבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט דאָ ניט געהאַט די גאַנצע דעה און ניט געקאָנט אַרויסווײַזן איר גאַנצע דעספּאָטישע שליטה, ווײַל אַ חלק אין דער מאַכט האָט געהאַט אויך די העכערע קאַטוילישע גײַסט-לעכקייט, באַזונדערס די רוימישע ביסקופּן – די פּויפּסן, וואָס האָבן אין יענער צײַט געקראָגן אַ גרויסע השפּעה אויף די ענינים פֿון דער רעגירונג.

פּאַוואָליע, אָבער זיכער האָט זיך אין רוים אײַנגעפֿעסטיקט די ממשלה פֿון דעם פּויפּס, וואָס האָט באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון דעם רוימישן קיסר. יאָרן לאַנג איז איטאַליע געווען צעריסן, און עס האָבן איבער איר געוועלטיקט פֿאַרשיידענע פֿרעמדע מושלים, און איצט האָט זיך געשטאַרקט די בענקשאַפֿט נאָך פֿאַראייניקונג און נאָך אַ פֿעסטער מאַכט, וואָס אַלע זאָלן זי אָננעמען. אַזאַ מאַכט האָט אויסגעוויזן צו זײַן די מערבֿ-רוימישע קירך, וואָס איז אין פֿלוק געשטאַנען העכער איבער דעם קאַמף פֿאַר עולם-הזה און וואָס איז טאַקע אין יענער צײַט ניט געווען פֿאַרזונקען אין דעם זומפּ פֿון די פּאָליטישע תּאוות, ווי די ביזאַנטישע קירך. דער עלטסטער ביסקופּ פֿון רוים, דער פּויפּס, דער לעגענדאַרישער יורש פֿון דעם וואַנגעלישן אַפּאָסטאָל פּעטרוס, פֿלעגט אָפֿט זײַן דער שליח פֿון שלום, וואָס האָט געזוכט

אויסצוגלײַכן די קעמפֿנדיקע פּאָליטישע צדדים אין די צײַטן פֿון מהומות, וואָס האָבן צעריסן איטאַליע. אַפֿילו בנוגע צו אַנדערשגלייביקע, בפֿרט צו ייִדן, האָבן די ערשטע רוימישע פּויפּסן ניט געפֿירט קיין אַגרעסיווע פּאָליטיק, ניט אָנגערייצט אויף זיי ניט די רעגירער און ניט דעם קריסטלעכן המון. אַוודאי האָבן די פּויפּסן זיך געמיט צו פֿירן אַ מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן ייִדן, אָבער זיי האָבן ניט גערופֿן זיי אָפּצושמדן איבער געוואַלד. זיי האָבן נאָר שטאַרק אויפֿגעפּאַסט, אַז די ייִדישע רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע זאָל ניט אַרײַנדרינגען אין דער עדה פֿון זייערע מאַמינים, וואָס זײַנען נאָך ניט געווען פֿעסט אין די דאָגמעס פֿון דער קירך. טיפּיש פֿאַר די ערשטע פֿאָרשטייער פֿון דעם פּויפּסטום פֿון יענעם ערשטן פּעריאָד איז געווען גרעגאָר I דער גרויסער (590–604), וואָס האָט געווירקט באַלד נאָך דעם, ווי איטאַליע איז געוואָרן צעטיילט צווישן די ביזאַנטיער און די לאַנגאָבאַרדן.

אין זײַנע פֿיל ווענדונגען צו די מאַמינים האָט גרעגאָר I גאַנץ אָפֿט אָנגערירט די „ייִדישע פֿראַגע“, און לויט אָט די בריוו קען מען זיך מאַכן אַ גאַנץ קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן דער סאָציאַלער לאַגע פֿון ייִדן אין דער דעמאָלטיקער איטאַליע. די רעכטלעכע לאַגע פֿון ייִדן אין דער קריסטלעכער מלוכה האָט אָט דער באַגרינדער פֿון דער פּויפּסלעכער מאַכט פֿאָרמולירט אויף אַזאַ אופֿן: „אויב מען דאַרף פֿון איין זײַט ניט דערלויבן די ייִדן, זיי זאָלן אין זייערע קהילות זיך נעמען מער רעכט, ווי עס גיט דער געזעץ, טאָר מען פֿון דער אַנדער זײַט ניט פֿאַרשמעלערן יענע רעכט, וואָס זײַנען זיי שוין געגעבן געוואָרן [1]... מיר פֿאַרבאָטן צו באַשווערן און צו אונטערדריקן די ייִדן קעגן דעם אײַנגעשטעלטן סדר, מיר דערלויבן זיי צו לעבן צו גלײַך מיט די רוימער און אָן שטער צו שאַפֿן איבער זייער אייגנס, נאָר קיין קריסטלעכע שקלאַוון טאָרן זיי ניט האַלטן“. דער פּויפּס האָט אויך באַשיצט די פֿרײַהייט פֿון דער אַליין-פֿאַרוואַלטונג פֿון די ייִדישע קהילות.

אָבער ניט אַלע פֿאָרשטייער פֿון דער קריסטלעכער גײַסטלעכקייט זײַנען געווען מסכּים מיט גרעגאָרס קוק אויף ייִדן ווי אויף רוימישע בירגער, און אָפֿט מאָל פֿלעגן זיי אָנטון גרויסע צרות די ייִדישע קהילות אין דער פּראָווינץ. אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגן די קהילות זיך באַקלאָגן פֿאַרן פּויפּס, און ער פֿלעגט זיך אײַנשטעלן פֿאַר זיי. אין איינער פֿון די שטעט פֿון קאַמפּאַניע, טעראַטשינע, האָט דער בישוף פּעטרוס אַרויסגעטריבן ייִדן פֿון זייער שול

---

1 די דאָזיקע אַרײַנפֿיר-פֿראַזע פֿון גרעגאָר Iנס בריוו פֿלעגט אין די שפּעטערדיקע צײַטן ווערן אַרײַנגעשטעלט אין אַלע טאָלעראַנץ-בולעס, וואָס די פּויפּסן פֿלעגן אַרויסגעבן לטובֿת ייִדן. פֿון דאַנען שטאַמט דער נאָמען פֿון די דאָזיקע בולעס Sicut non (לויט די אָנהייב-ווערטער: Sicut judaeis non debet esse licentia in synagogis suis).

אונטערן תּירוץ, אַז זי שטייט זייער נאָענט צו דער קירך, און די ייִדן, בעת זיי דאַוונען אויפֿן קול, שטערן דעם קריסטלעכן גאָטדינסט. די ייִדן האָבן זיך באַקלאָגט פֿאַרן פּויפּס, און ער האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע אויף אויס=צופֿאָרשן דעם ענין און האָט באַפֿוילן, אַז אויב די ייִדישע תּפֿילה שטערט מיט אַן אמת דעם קריסטלעכן גאָטדינסט, זאָל מען ייִדן געבן אַן אַנדער אָרט, וווּ זיי זאָלן אויסבויען זיך אַ שול. דעם פֿאַנאַטישן ביסקופּ ווידער האָט דער פּויפּס שטרענג אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט שטערן די ייִדן אָפּצוהיטן זייער רעליגיע (591). אַ צווייטער ביסקופּ, וויקטאָר פֿון פּאַלערמאָ, האָט צוגענומען בײַ די אָרטיקע ייִדן זייער סינאַגאָגע און קינדערשול מיט אַלע חפֿצים און ספֿרים, בכדי צו פֿאַרנוצן די בנינים צוליב אַ קירך. האָבן די פּאַלערמער ייִדן געלאָזט וויסן וועגן דעם זייערע גלויבנס=ברידער אין רוים, און לויט זייער בקשה האָט דער פּויפּס באַפֿוילן אַוועקצושיקן אַ בוררים=געריכט פֿון פֿאָרשטייער פֿון ביידע צדדים, וואָס זאָלן דעם ענין באַטראַכטן. נאָך דער פֿאַנאַטישער ביסקופּ האָט אויף דער גיך אײַנגעהייליקט די אָפּגענומענע בנינים פֿאַר קירכן און אַזוי אַרום אַוועקגעשטעלט דעם פּויפּס פֿאַר אַן אָפּגעטאָנענער זאַך, וואָרעם אָפּגעבן ייִדן אַ קירך וואָלט דאָך געווען אַ חילול=הקודש. האָט אָבער גרעגאָר I מחייבֿ געווען דעם ביסקופּ אָפּצוצאָלן דער ייִדישער קהילה דעם ווערט פֿון די צוגענומענע בנינים און פֿון די זאַכן (598). אין אַ בריוו צום ביסקופּ פֿון סאַרדיניע פֿאַרמשפּט דער פּויפּס שאַרף די מיאוסע מעשׂה פֿון איינעם אַ משומד אין דער שטאָט קאַליאַרי (Cagliari), וואָס האָט אויפֿן אַנדערן טאָג נאָכן אָפּשמדן זיך אַרײַנגעריסן זיך אין שול און אַוועקגעשטעלט דאָרט אַ קרייץ און די בילדער פֿון יעזוסן און מאַריע; דער פּויפּס האָט באַפֿוילן תּיכּף אַרויסצוטראָגן פֿון שול אָט די זאַכן, וואָס באַליידיקן דעם רעליגיעזן געפֿיל פֿון די ייִדן. ווען פֿאַנאַטישע קריסטן אין נעאַפּאָל האָבן גענומען שטערן ייִדן אין זייער גאָטדינסט אין די ימים=טובֿים, האָט גרעגאָר באַפֿוילן דעם ביסקופּ פּאַסכאַליוס אָנצונעמען מיטלען קעגן די וואָס שטערן די רעליגיעזע פֿרײַהייט פֿון ייִדן, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן פֿון אַמאָל.

דאָס וואָס גרעגאָר I האָט ניט דערלאָזט רודפֿן ייִדן איז געווען גע=דרונגען פֿון זײַן אַלגעמיינער קירכן=פּאָליטיק. אַוודאי האָט דער פּויפּס ניט געהאַט קיין שום סימפּאַטיעס פֿאַר ייִדישקייט, וואָס ער רופֿט זי טאַקע אָן אין זײַנע בריוו „אָבערגלויבן, אומקום, אָפּנאַרערײַ“ (Superstitio, perditio, perfidia), אָבער ער איז געווען אײַנגעגלייבט, אַז דורך אַ פֿרידלעכער פּראָ=פּאַגאַנדע קאָן מען בהדרגה אַרײַנציִען די „שארית ישׂראל“ אין דער קירך, און פֿאַרקערט, אויב מען וועט זיך מיט ייִדן באַגיין האַרט און זיי רודפֿן, וועט מען זיי נאָר דערצערענען און מאַכן פֿאַר פֿאַרביסענע שׂונאים פֿון דער קירך. ער האָט רעקאָמענדירט די גײַסטלעכע און וועלטלעכע מושלים, אַז

זיי זאָלן זען צוצוציִען ייִדן צום קריסטנטום דורך געבן זיי פֿאַרשיידענע פּריווילעגיעס און דורך פֿאַרגיטיקונגען, למשל ווי שענקען די ייִדן וואָס נעמען אָן קריסטנטום אַ דריטל פֿון די שטײַערן וואָס קומט פֿון זיי, אָדער געבן זיי שטיצע. איין מאָל האָט דער פּויפּס זיך דערוווּסט, אַז אין דער שטאָט אַגריגענט אין סיציליע איז פֿאַראַן אַ גרופּע ייִדן וואָס זײַנען גרייט זיך צו שמדן, האָט ער געהייסן, אַז מען זאָל זיי געבן אַ געלט=מתּנה און וואָס גיכער אָפּשמדן, „בכדי מחמת דער פֿאַרציִעניש זאָל זייער מיין זיך ניט בײַטן". ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט מתּנות און מאַטעריעלע רווחים קאָן מען אײַננעמען נאָר ניט=אויפֿריכטיקע מענטשן, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז די קינדער פֿון אָט די משומדים וועלן שוין זײַן גוטע קריסטן, אַזוי אַז די קירך „וועט געפֿינען אָדער זיי אַליין אָדער זייערע קינדער". צו גלײַך האָט ער אָבער שטרענג געוואָרנט קעגן שמדן איבער געוואַלד, וואָס צערייצט נאָר די ייִדישע באַפֿעלקערונג. מען דאַרף באַמערקן, אַז בײַם באַקערן די היידן האָט גרעגאָר I זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך פֿאַר שטרענגע מיטלען, אַזוי האָט ער געהייסן אַרויפֿלייגן שווערע אָפּצאָלן אויף פּויערים, וואָס האָבן ניט געלאָזט זיך טויפֿן.

פֿון דער אַנדער זײַט האָט דער פּויפּס מיט אַלע מיטלען געזוכט צו פֿאַרהיטן זײַן עדה פֿון דער „ייִדישער מגפֿה", ער האָט געפֿאָדערט, אַז עס זאָל באַזונדערס שטרענג אָפּגעהיט ווערן דער פֿאַרבאָט פֿאַר ייִדן צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַוון, וואָס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין קאָנסטאַנטינס צײַט און פֿאַרשטאַרקט געוואָרן אונטער יוסטיניאַנען. אין יענע צײַטן פֿון דער פֿעלקער=וואַנדערונג און פֿון כּסדרדיקע מלחמות האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט דער שקלאַוון=האַנדל, דער עיקר מיט קריגס=געפֿאַנגענע „באַרבאַרן", וואָס רײַכע ערד=אייגנטימער פֿלעגן זיי קויפֿן צוליב לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטן. צעשפּרייט איבער פֿאַרשיידענע לענדער, זײַנען ייִדן געווען פֿאַרמיטלערס אין דעם דאָזיקן האַנדל, וואָס איז יענע צײַטן געווען אַזוי נאָרמאַל, פּונקט ווי דער האַנדל מיט די לײַב=אייגענע פּויערים אין רוסלאַנד פֿאַר די רעפֿאָרמעס. אויך דער רוימישער פּויפּס האָט גאָרנישט געהאַט קעגן אָט דעם האַנדל בכלל, אָבער ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, אַז ייִדן זאָלן האָבן קריסטלעכע שקלאַוון, טאָמער פֿירן זיי זיי אַראָפּ פֿון קריסטלעכן וועג. אויב אַזאַ שקלאַוו זאָל אָננעמען דעם ייִדישן גלויבן, וואָלט דאָס געווען אַן עוולה לגבי דער קירך, עס וואָלט פֿאַרלאָרן געגאַנגען אַ קריסטלעכע נשמה; בלײַבט אָבער דער שקלאַוו בײַ זײַן גלויבן, דעמאָלט קומט דאָס אויס קעגן דעם קאַנאָנישן געזעץ, אַז אַ ייִד טאָר ניט הערשן איבער אַ קריסט. אין אַזעלכע פֿאַלן האָט גרעגאָר I ניט געוואָלט הערן קיין שום טענות: ער האָט געפֿאָדערט, אַז דער קריסטלעכער שקלאַוו זאָל תּיכּף באַפֿרײַט ווערן אָן אַן אויסקויף. די בעלי=בתּים פֿון די שקלאַוון פֿלעגן דערפֿון בדלות ווערן, וואָרעם אַ סך היידנישע

שקלאַוון פֿלעגן ווערן קריסטן נאָר צוליב דעם, כדי צו געווינען די פֿרײַהייט. אין סיציליע, וווּ דער שקלאַוון־האַנדל איז געווען באַזונדערס פֿאַרשפּרייט צווישן ייִדן און גריכן, האָבן דעם פּויפּס׳ פֿאַראָרדענונגען געטאָן אַ טובֿה די גריכישע שקלאַוון־הענדלערס, מחמת זיי האָבן באַזײַטיקט זייערע ייִדישע קאָנ־קורענטן. אָבער די דאָזיקע טובֿה פֿאַר אייניקע קריסטן איז קוים געווען אַ טובֿה פֿאַרן קריסטנטום. דער פּויפּס האָט אויך געהיס, אַז מחוץ איטאַליע זאָל ניט ווערן אָפּגעטראָטן פֿון אָט דעם פֿאַרבאָט פֿאַר ייִדן צו האַלטן קריסט־לעכע שקלאַוון, און ער פֿלעגט שיקן צו די מלכים פֿון די פֿראַנקען און גאָטן שטרענגע התראות אין דעם זינען.

דערפֿון וואָס ייִדן זײַנען געווען געענגט אין דעם רעכט צו האַלטן שקלאַוון, האָבן זיי ווירטשאַפֿטלעך געהאַט גרויסע היזקות. ייִדן פֿלעגן דעמאָלט קויפֿן שקלאַוון ניט בלויז בכדי צו האַנדלען מיט זיי, נאָר אויך צו באַאַרבעטן די ערד, וואָס איז געווען זייער אייגנס אָדער זיי האָבן אַרענדירט. אַז זיי האָבן זיך אין יענער צײַט פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט, איז צו זען פֿון דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענץ פֿון דעם פּויפּס גרעגאָר I. אין סיציליע האָבן געוווינט אַ סך ייִדישע „קאָלאָנען“ אין די גרויסע מאַיאָנטקעס פֿון דער רוימי־שער קירך, און דער פּויפּס האָט פֿאָרגעלייגט, מען זאָל אַראָפּלאָזן פֿאַר אָט די יישובֿניקעס דאָס אַרענדע־געלט אויף אַ פֿערטל אָדער אַ דריטל, כדי זיי אײַנצוזוגעבן חשק אָנצונעמען קריסטנטום.

אַזעלכע לאַנדווירטן זײַנען מן־הסתם געווען ניט ווייניק אויך אין אַנ־דערע טיילן פֿון איטאַליע. אין אָנהייב 5טן י״ה (אַן ערך 415) האָט געבײַזט איבער איטאַליע דער פּאָעט רוטיליוס נאַמאַציאַנוס — פֿון אָפּשטאַמונג אַ גאַליער און אַ הייד לויטן גלויבן — און ער דערציילט וועגן זײַן באַגעגע־ניש אויפֿן אינדזל פֿאַלעריאַ מיט אַ ייִדן אַ פֿאַרמער. דער ייִד האָט בײַם פּאָעט דעם שׂונא־ישׂראל ניט נושׂא חן געווען דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט לײַדן, אַז אַ קאָמפּאַניע שפּאַצירער זאָלן זיך אַרײַנרײַסן אין זײַן שיינעם גאָרטן מיט אַ סאַזשלקע. בײַ דער געלעגנהייט זאָגט רוטיליוס אַרויס זײַנע געדאַנקען וועגן דעם גאַנצן „מיאוסן שבֿט“ ייִדן, וואָס האָט אַ „קאַלטע רעליגיע“, ריכט אָפּ די „אומפֿאַרשעמטע צערעמאָניע“ פֿון מילה און „פֿאַרברענגט אין ליידיק גיין איינעם פֿון זיבן טעג, נאָכמאַכנדיק זייער פֿאַרמאַטערטן גאָט“. נאַמאַציאַנוס האָט פֿײַנט דעם קריסטנטום באַגלײַך מיט דער ייִדישקייט, ווײַל זיי האָבן געבראַכט צום אונטערגאַנג פֿון דער אַנטיקער רוים. ער דערגייט אַזוי ווײַט, אַז ער באַדויערט, פֿאַר וואָס רוים האָט אַנומלט אײַנגענומען דאָס לאַנד יהודה און אַרײַנגעפֿירט דורך דעם ייִדן קיין איטאַליע. „אָ — רופֿט ער אויס (אין דער פּאָעמע (De reditu suo — הלוואַי וואָלט יהודה קיין מאָל ניט אונטערטעניק געמאַכט געוואָרן דורך די קריגסלײַט פֿון פּומפּיוסן און

דורך טיטוסעס געווער! אַרויסגעריסן פֿון אירע וואָרצלען האָט די פּגערע זיך נאָך מער פֿאַרשפּרייט און די באַזיגטע נאַציע אונטערדריקט אירע באַזיגער" (victores suos natio victa premit). אָט די פֿראַזע דערמאָנט סענעקאָס אַ וואָרט, אויך אין שייַכות מיט ייִדן, מכּוח דעם אַז די באַזיגטע האָבן אַרויפֿגעצוווּנגען די באַזיגער זייערע געזעצן [1]. אונדזער מחבר באַקלאָגט דעם נצחון פֿון קריסטנ־טום, וואָס אים באַטראַכט דער פֿאַרערער פֿון היידנטום ווי אַ צווייַג פֿון ייִדישקייט. דער לעצטער הייד, וואָס האָט באַוויינט דעם אונטערגאַנג פֿון דער אַנטיקער רוים, האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז די קירכלעכע רוים וועט איבערנעמען בירושה פֿון איר פֿאַרגייערין די שׂנאה צו ייִדישקייט און וועט שפּעטער די דאָזיקע ירושה נאָך שטאַרק פֿאַרמערן.

§ 4. די רוימישע גאַליע און די ממשלה פֿון די וועסטגאָטן

אין יענער צייַט, ווען עס האָט נאָך עקסיסטירט מלכות־יהודה, זייַנען אָנגעקומען אין דער ווייַטער גאַליע צוויי מיוחסדיקע פֿאַרשיקטע, דעם קיניג הורדוס ונס צוויי זין: דער עטנאַרך פֿון יהודה אַרכעלאַוס, וואָס אויגוסטוס קיסר האָט אים אין יאָר 6 נאָך קר׳ פֿאַרשיקט קיין וויענע אויפֿן טייַך ראָנע, און דער טעטראַרך פֿון גליל הורדוס אַנטיפּס, וואָס דער קיסר קאַיוס קאַליגולאַ האָט אים אין יאָר 39 פֿאַרשיקט קיין לוגדונום (ליאָן) [2]. צי זייַנען אָט די צוויי פֿאַרשיקטע געווען די איינציקע ייִדישע אייַנוווינער פֿון דער רוימישער גאַליע אין יענער פֿריִער צייַט? צי האָבן שוין דעמאָלט זיך ניט באַוויזן פֿרייַוויליקע עמיגראַנטן פֿון יהודה אין די איצטיקע פֿראַנצייזישע געגנטן אויפֿן ברעג פֿון מיטללענדישן ים? אויף דער לעצטער פֿראַגע מעג מען זיכער ענטפֿערן: יאָ. נאָך פֿריִער, אין דער צייַט פֿון דער רעפּובליקאַנישער רוים, האָבן זיך גענומען באַזעצן אין דרום־גאַליע גריכישע קאָלאָניסטן פֿון גריכנ־לאַנד, קליין־אַזיע, פֿון דער העלעניזירטער סיריע און פֿון מצרים — דאָס זייַנען אַלץ לענדער, ווו עס איז אויך געווען אַ ייִדישע דיאַספּאָרע. באַלד נאָך גריכן זייַנען געוויינטלעך געגאַנגען אויך ייִדן.

די זייער אַלטע האַנדלשטאָט מאַסיליאַ (מאַרסעל) האָט געהאַט שטענדיקע האַנדלס־פֿאַרבינדונגען מיט דער ייִדיש־העלענישער אַלעקסאַנדריאַ. אין די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צייַט האָט די גריכישע קולטור זיך אויסגעשפּרייט איבער די ים־שטעט פֿון דרום־פֿראַנקרייַך. זינט דעם 4טן י״ה באַווייַזן זיך ייִדישע ייִשובֿים אין דער שטאָט נאַרבאָנע מיט איר סבֿיבֿה

1 וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, מזרח־פּעריאָד, ב׳ II, § 95.

2 דאָרט גופֿא, §§ 58 און 71.

(Gallia Narbonensis), אין אַרל (Arelate), אַוויניאָן, באָרדאָ און אין אַנדערע ערטער פֿון דרום־גאַליע. צו די עמיגראַנטן פֿון דער איטאַליענישער דיאַספּאָרע זײַנען צוגעקומען ייִדן סוחרים פֿון דער שכנישער איטאַליע. אונטער דער רעגירונג פֿון די פֿאַרוואַלטערס וואָס עס האָט אַוועקגעזעצט די היידנישע רוים האָבן געלעבט בשלום די אײַנגעבאָרענע קעלטן, רוימער, גריכן און ייִדן. אָבער זינט עס האָט זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן קריסטנטום, הייבן זיך אָן ערטערווײַז סיכסוכים. אין יאָר 177, אין דער רעגירונגס־צײַט פֿון מאַרקוס אורעליוס, זײַנען געפֿאַלן אונטער די קלעפּ פֿון היידן די ערשטע מאַרטירערס פֿון דער קריסטלעכער געמיינדע אין ליאָן. נאָר אין דער ווײַטערדיקער תקופֿה האָט דאָס קריסטנטום זיך אַלץ מער פֿאַרשפּרייט אין גאַליע, און אין פֿערטן יאָרהונדערט איז שוין דער מצבֿ אַן אַנדערער: די אָפֿיציעלע רעליגיע פֿון רוים, דאָס קריסטנטום, פֿירט אַן אָנפֿאַל־מלחמה קעגן דעם היידנטום. אַן אַרמיי פֿון מיסיאָנערן, מאָנאַכן און ביסקופּן פֿלאַנצן אײַן אין גאַליע קריסטנטום מיט דער הילף פֿון דער וועלטלעכער מאַכט. די מאַכט ווערט זינט יענער צײַט געשפּאָלטן אויף צווייען: דער ביסקופּ רעגירט איבער זײַן קירכלעכער ד י אָ צ ע ז ע מיט דער זעלביקער ברייטקייט, ווי דער רוימישער פּרעפֿעקט איבער זײַן פּראָווינץ (civitas), און באַנוגנט זיך ניט נאָר מיט דער גײַסטלעכער מאַכט. דער דרוק פֿון דער גײַסטלעכקייט רופֿט אַרויס ערטערווײַז אויפֿשטאַנדן פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס דערין באַטייליקן זיך טייל מאָל אויך ייִדן. אַזוי איז אין אַוויניאָן אַ גרויסע מחנה ייִדן אין יאָר 390 צוגעשטאַנען צו אַן אויפֿשטאַנד, וואָס די אָרטיקע אײַנוווינער האָבן אויפֿגעהויבן קעגן ביסקופּ סטעפֿאַנוס.

די רוימיש־ביזאַנטישע געזעצגעבונג, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט קריסטלעכע טענדענצן, ווערט אײַנגעפֿירט אויך אין גאַליע. אין יאָר 425 איז צוגעשיקט געוואָרן צום פּרעפֿעקט פֿון גאַליע אַמאַציוסן, כּדי ער זאָל וויסן ווי זיך צו פֿירן, דער באַוווסטער דעקרעט פֿון די קיסרים טעאָדאָסיוס II און וואַלענטיניאַנוס III, וואָס האָט פֿאַרבאָטן אַוועקצושטעלן ייִדן און היידן אויף געריכטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע פּאָסטנס. צו דעם דעקרעט איז צוגעגעבן געוואָרן אַזאַ דערקלערונג: „מיר ווילן ניט, אַז מענטשן פֿון קריסטלעכן געזעץ זאָלן דינען בײַ ייִדן און זאָלן אונטער דער השפּעה פֿון זייערע האַרן פֿאַרזאַמען אָפּצוהיטן די כּללים פֿון זייער רעליגיע". אָבער באַלד איז אין רוים אויסגעטריקנט געוואָרן דער קוואַל פֿון דער געזעצגעבערישער מאַכט: די מערבֿדיקע העלפֿט פֿון דער אימפּעריע איז געשטאַנען אויפֿן ראַנד פֿון אונטערגאַנג, רוים, וואָס איז צוויי מאָל צעשטערט געוואָרן אין די אָנפֿאַלן פֿון די גאָטן און פֿון די וואַנדאַלן, האָט שוין ניט געקאָנט רעגירן איבער די פּראָווינצן. גאַליע גופֿא ווערט אין יענער צײַט פֿאַרפֿלייצט פֿון פֿרעמדע שבֿטים:

גאָטן, פֿראַנקען, בורגונדער, וואָס האָבן אין משך פֿון 5טן י"ה זיך אויסגעמישט מיט דער אָרטיקער גאַליש=רוימישער באַפֿעלקערונג און אָנגענומען קריסטנטום, טייל אין דער אַריאַנישער, טייל אין דער קאַטוילישער פֿאָרם. אין יענער צײַט פֿון אַנאַרכיע פֿעסטיקט זיך אַלץ מער אײַן דער אויטאָריטעט פֿון דער קירך. די קריסטלעכע גײַסטלעכקייט נעמט אַרײַן אין אירע הענט די געזעצגעבערישע מאַכט, וואָס איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט פֿון דער אָנמעכטיק געוואָרענער מלוכה. די סינאָדן פֿון די ביסקופֿן און מיטראָפּאָליטן ווערן געזעצגעבערישע פֿאַרזאַמלונגען. אין יאָר 465 האָט דער אָרטיקער קירכן=סינאָד אין וואַן (Vannes) אין ברעטאָניע, בײַם אײַנשטעלן כּללים אָדער „קאַנאָנען" פֿאַר גײַסטלעכע און וועלטלעכע מענטשן, באַשלאָסן צו פֿאַרבאָטן „קלעריקער", ד"ה מענטשן פֿון גײַסטלעכן באַרוף, צו עסן בײַ ייִדן אָדער צו פֿאַרבעטן זיי צום עסן בײַ זיך, וואָרעם כּל=זמן ייִדן עסן ניט די שפּײַז וואָס קריסטן מעגן עסן, ווײַל זיי האַלטן זי פֿאַר אומריין, וואָלט דאָס געווען אומפּאַסיק און אַ בזיון פֿאַר דער קירך, אויב קריסטלעכע קלעריקער זאָלן אָננעמען שפּײַז בײַ זיי, ווײַל „דעמאָלט וואָלט אויסגעקומען, אַז די קלעריקער שטייען נידעריקער פֿאַר ייִדן".

פֿון דער דאָזיקער תּקנה, וואָס נאָך איר זײַנען געקומען נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס זײַנען געווען אויסן אָפּצוזונדערן קריסטן פֿון ייִדן, איז קענטיק, אַז אין יענער צײַט האָבן ניט בלויז וועלטמענטשן, נאָר אויך גײַסטלעכע זיך אײַנגעלעבט בשלום מיט ייִדן, פֿלעגן אַרײַנקומען צו זיי אַהיים און פֿאַרבעטן זיי צו זיך. אַפֿילו די זײַלן פֿון דער קירך, די ביסקופֿן, האָבן געהאַט „זייערע ייִדן" און פֿלעגן זיי באַנוצן צוליב זייערע געשעפֿטן. דער באַוווסטער מלוכה=טוער און שרײַבער סידאָניוס אַפּאָלינאַריס, ביסקופּ פֿון קלערמאָן, רעקאָמענדירט אין זײַנעם אַ בריוו צום ביסקופּ פֿון דער שטאָט טורנע פֿון יאָר 472 זײַן ייִדישן אַגענט, און פֿאַרענטפֿערט זיך, אַז מען באַדאַרף זיך ניט אָפּזאָגן פֿון אַ ייִדנס אַ טובֿה, ווײַל ער קאָן נאָך אָננעמען דעם אמתן גלויבן און דורך דעם אויסקויפֿן זײַנע זינד; חוץ דעם — שרײַבט סידאָניוס ווײַטער — פֿירן געוויינטלעך די מענטשן פֿון אָט דעם מין ערלעך די געשעפֿטן (Solent hujusmodi homines honestas habere causas), און דערפֿאַר מעג דער ביסקופּ זײַן פֿרײַנד זיך אײַנשטעלן פֿאַרן האָרעפּאַשנעם (laboriosus) ייִדן, צו גלײַך פֿאַרמשפּטנדיק זײַן אומגלויבן. אין דער נשמה פֿון סידאָניוסן גופֿא האָבן געקעמפֿט דער קאַטוילישער ביסקופּ און דער אויפֿגעקלערטער גאַליש=רוימישער פּאַטריציער. לויט זײַן גײַסטלעכן אַמט איז ער געווען מחויבֿ צו זײַן אָפּגעהיט לגבי אַנדערש גלייביקע. צוליב דער קאָרעספּאָנדענץ מיט סידאָניוסן האָט דער פּרעפֿעקט פֿון גאַליע פֿעליקס זיך באַנוצט מיט זײַן קליענט, דעם ייִד

גאָזאָלאַ, וואָס ער ליובט אים זייער; אין זײַן ענטפֿער האַלט דער ביסקופֿ, וואָס נעמט אָן דעם פּרעפֿעקטס רעקאָמענדאַציע, פֿאַר נייטיק צוצוגעבן אַזאַ אָפּיציעלע באַמערקונג: „גאָזאָלאַ, אַ ייִד לויט דער אָפּשטאַמונג און אַ קליענט פֿון דײַן הויכקייט, וואָלט מיר געווען מער צום האַרצן, ווען ער וואָלט ניט געהערט צו אַ שפּלער סעקטע". אין אַ צווייטן בריוו שרײַבט ער ווידער: „דעם בריוו וועט ווידער איבערגעבן אײַער גאָזאָלאַ, — זאָל גאָט געבן, אַז ער זאָל ווערן אַן אונדזעריקער (אַ קריסט)". טייל מאָל פֿלעגט דער מיסיאָנערישער דראַנג טאַקע באַפֿרידיקט ווערן, און מען פֿלעגט אַרײַנבאַקומען אַן אָפּהענגיקן קליענט און אים אָפּשמדן; דעמאָלט פֿלעגט זײַן אַ גרויסע שׂמחה בײַ די קריסטן. אַזוי דריקט אויס סידאָניוס אין אַ בריוו צום נאַנטער ביסקופֿ זײַן פֿרייד איבער דעם, וואָס דעם ביסקופֿס דרשות האָבן סוף כּל סוף געווירקט אויפֿן ייִד פּראָמאָטוס, וואָס איז איצט „געוואָרן אונדזערער" און שטרעבט צו „באַקומען בירגעררעכט אין קיניגרײַך פֿון הימל, ווײַל אים געפֿעלט בעסער דער באַלעבנדיקער גײַסט איידער דער טויטער אות" (אַן ערך 474).

סידאָניוס אַפּאָלינאַריס האָט געווירקט אין יענע יאָרן, ווען עס איז פֿאָרגעקומען די צעטיילונג פֿון דער רוימישער גאַליע צווישן די וועסטגאָטן, בורגונדער און פֿראַנקען. אונטער דער רעגירונג פֿון דעם וועסטגאָטישן קיניג אייריק, וואָס האָט זיך אײַנגעפֿעסטיקט אין יאָר 466 אין דרום־גאַליע (פּראָוואַנס און סעפּטימאַניע), האָבן דאָרט געלעבט רוימישע גאַליער, גאָטן און ייִדן, אָפּגעזונדערט איינע פֿון די אַנדערע דורך רעליגיע און לעבנשטייגער. די גאָטן די אַריאַנער האָבן ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט רוימער קאַטוילִיקן. פֿאַר דער רוימישער באַפֿעלקערונג זײַנען אין לאַנד געווען גילטיק די געזעצן פֿון טעאָדאָסיוסן, וואָס פֿון זײַן קאָדעקס איז אונטער דער רעגירונג פֿון אייריקס זון אַלאַריק II צוגעשניטן געוואָרן אַ באַזונדער געזעצבוך (אַרום 506; Lex Romana Visigothorum, Breviarium Alarici). די דאָזיקע דרומדיקע פּראָווינץ איז אין גיכן פֿאַראייניקט געוואָרן מיט דער וועסטגאָטישער שפּאַניע (ז׳ ווײַטער, § 6). אין דעם מיטלסטן פּאַס פֿון גאַליע (דער געגנט פֿון ליאָן און וויענע) האָבן זיך אײַנגעפֿעסטיקט די בורגונדער. זייער קיניג גונדאָבאַלד האָט דאָרט אײַנגעפֿירט זײַן רוימיש־בורגונדישן קאָדעקס (אַרום 500; Lex Romana Burgundiorum). אין אים איז אויך אַרײַן דער געזעץ וועגן דעם, אַז ייִדן טאָרן זיך ניט מתחתן זײַן מיט קריסטן, איבערגענומען פֿון טעאָדאָסיוסעס קאָדעקס. דאָס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זײַן, ווי באַלד עס זײַנען געווען פֿאַרבאָטן אַפֿילו שידוכים צווישן אַריאַנער און קאַטוילִיקן. אַ צווייטער געזעץ פֿון בורגונדישן קאָדעקס באַשטימט, אַז בײַ אַ ייִדן, וואָס „האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט" אויף אַ קריסט, מוז מען אָפּהאַקן די האַנט, אויב ער וועט ניט באַצאָלן שטראָף; פֿאַר אָנפֿאַלן אויף אַ גײַסטלעכן ווידער

האָט געקומט טויטשטראָף, וואָס האָט דורך געלטשטראָף ניט געקאָנט פֿאַרביטן ווערן.

אין דער זעלביקער צײַט האָט די קירכלעכע מאַכט געשאַפֿן איר אייגענע געזעצגעבונג, וואָס איז פֿון איין זײַט געווען אויסן צו פֿאַרשטאַרקן די מיסיאָנערישע טעטיקייט און פֿון דער צווייטער אָפּצוזונדערן מער די אַנדערשגלייביקע. אין יאָר 506 האָט אַ סינאָד פֿון 35 ביסקופּן אין אַגדע (ניט ווײַט פֿון נאַרבאָן) אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אויך וועלטמענטשן דאַרפֿן אָפּהיטן דעם אויבן דערמאָנטן געזעץ וואָס פֿאַרבאָט צו עסן בײַ ייִדן, דערבײַ ווערט אָנגעוויזן דער זעלביקער מאָטיוו פֿאַר דעם. צו גלײַך האָט דער זעלביקער סינאָד אײַנגעשטעלט אַ נײַע תקנה: היות ווי די ייִדן וואָס נעמען אָן דעם קאַטוילישן גלויבן האָבן אָפּט חרטה און קערן זיך אום צו זייער אַלטן גלויבן, דאַרף מען די וואָס ווילן זיך שמדן האַלטן אַכט חדשים אויף פּרווו ווי „קאַטעכומענאַי“, ביז עס וועט קלאָר ווערן, אַז זיי מיינען ערנצט מיט זייער שטרעבן צום קריסטנטום; ווען אָבער זיי וועלן אין משך פֿון אָט דער פּרוווציַיט געפֿערלעך קראַנק ווערן, זאָל מען זיי תיכּף טויפֿן, — מן הסתּם דערפֿאַר, ווײַל אַ גוסס קאָן שוין ניט ווערן צוריק אַ ייִד, און זײַן נשמה קאָן באַלד אַרײַן אין קריסטלעכן גן־עדן. פֿאָרזיצער פֿון דעם דאָזיקן סינאָד איז געווען דער אַרציביסקופּ פֿון דער שטאָט אַרל צעזאַריוס, וואָס ער האָט אין גיכן געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט ייִדן בײַ אַ פּאָליטישן קריזיס אין גאַליע.

צום סוף 5טן י״ה האָט פֿאַרנומען די ממשלה איבער צפֿון־גאַליע דער שבֿט פֿראַנקען, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זייער קריגערישן קיניג כלאָדוויק. דער גײַסטלעכקייט האָט אָפּגעגליקט צוצוציִען אָט דעם האַלבבאַרבאַר גלײַך צום קאַטוילישן גלויבן און צו פּועלן בײַ אים, ער זאָל גיין מלחמה האַלטן מיט די וועסטגאָטן פֿון דרום־גאַליע, וואָס האָבן געהאַלטן קריסטנטום לויטן אַריאַנישן נוסח. אין יאָר 508 האָבן די פֿראַנקען און די בורגונדער באַלעגערט די שטאָט אַרל. די גאָטן און די ייִדן האָבן מיט אַלע כּוחות פֿאַרטיידיקט די שטאָט, מחמת זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן גוט ניט אָפּשנײַדן, אויב די קאַטוילִיקן וועלן מנצח זײַן. דער אָרטיקער אַרציביסקופּ צעזאַריוס אָבער און דער קאַטוילישער מיעוט פֿון דער באַפֿעלקערונג האָבן געווונטשן זיך, אַז די פֿראַנקען זאָלן געווינען, נאָר זיי האָבן זייערע בוגדישע געפֿילן ניט אַרויסגעוויזן אָפֿן, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר דער נקמה פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון דער שטאָט. באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם אַרציביסקופּס צד האָט בשתּיקה פֿאַרבינדונגען מיטן שונא. איינער אַ גײַסטלעכער, צעזאַריוסעס אַ קרובֿ, האָט זיך בײַ נאַכט אַרויסגעגנבֿעט פֿון שטאָט און איז אַריבער צום לאַגער פֿון שונא. דעמאָלט האָבן די גאָטן און די ייִדן באַשולדיקט צעזאַריוסן אין בגידה, און ער איז געוואָרן אַרעסטירט.

בכדי צו ראַטעווען זייער ביסקופּ, האָבן די קאַטויליקן אין דער באַלעגערטער אָרל געמיט זיך אַרויסצוואַרפֿן די שולד אויף די ייִדן. לעבן שטאָטמויער האָט מען געפֿונען אַ בריוו צוגעבונדן צו אַ שטיין, וואָס איינער פֿון די ייִדישע קריגסלײַט וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט די שטאָט זאָל האָבן געהאַט אַריבער־געוואָרפֿן צום שונא; אין אָט דעם בריוו איז געוואָרן אָנגעוויזן די באַלעגע־רער, אַז זיי זאָלן בײַ נאַכט צוקומען צו אַ באַשטימטן אָרט, ווו עס האַלטן וואַך די ייִדישע קריגסלײַט, און דאָרט וועט מען זיי אַרײַנלאָזן אין שטאָט, בתנאַי אַז זיי זאָלן פֿאַרשוינען די ייִדישע אײַנוווינער און זייערע הײַזער און פֿאַרמעגן. דעם אונטערגעוואָרפֿענעם בריוו האָט מען איבערגעלייגט אויפֿן שטאָטמאַרק, און מען האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם וואָס זאָל עס האָבן געשריבן. דעם באַשולדיקטן האָט מען געטייט, און אַזוי איז דער קאַטוילישער ביסקופּ געראַטעוועט געוואָרן. אַז צעזאַריוס איז ניט אין גאַנצן געווען אומ־שולדיק, איז צו זען דערפֿון, וואָס אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט דער אָסט־גאָטישער קיניג פֿון איטאַליע טעאָדאָריק, דער באַשיצער פֿון דער וועסט־גאָטישער גאַליע, אים אַרויסגערופֿן צו זיך אויף אַ פֿאַרהער. אַ דאַנק טעאָ־דאָריקס אַרײַנמישונג האָבן די פֿראַנקען דעמאָלט ניט באַוויזן אָפּצונעמען בײַ די וועסטגאָטן אַלע זייערע לענדער.

§ 5. די פֿראַנקישע מלוכה אונטער די מעראָווינגער

אין מיטן 6טן י"ה, אין דער צײַט ווען די ביזאַנטישע אימפּעריע האָט זיך געשטאַרקט אונטער יוסטיניאַנען און האָט אײַנגענומען אַ גרויסן טייל פֿון איטאַליע, האָט זיך אין מיטל־אייראָפּע אײַנגעפֿעסטיקט אַ גרויסע גאַליש־גערמאַנישע מלוכה אונטער דער ממשלה פֿון די מעראָווינגער, די יורשים פֿון כלאָדוויקן. די דאָזיקע מלוכה האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿון די צפֿונדיקע ברעגעס פֿון ריין ביזן דרומדיקן ברעג פֿון דעם מיטללענדישן ים. די דאָזיקע מלוכה האָט אַרומגענומען אַ סך פֿאַרשיידענע שבֿטים, און זי איז ניט געווען קיין פֿולקום אייגנהייטלעכע. די ערשטע מעראָווינגער האָבן צעטיילט די מלוכה צווישן פֿאַרשיידענע מיטגלידער פֿון דער דינאַסטיע אַזוי, אַז על־פּי־רובֿ איז אויסגעקומען פֿאַר איטלעכן אַ באַזונדערער שבֿט. נאָך לאַנגע קריגערײַען צווישן די מושלים איז די פֿראַנקישע מלוכה געוואָרן אײַנגעטיילט אויף פֿיר טיילן: די ראַמאַנישע נייסטריע מיט דער הויפּטשטאָט פּאַריז, די גערמאַנישע אַוסטראַזיע, ווײַטער בורגונד און אַקוויטאַניע אין דרום. נאָר דער אַלגעמיינער סדר פֿון דער מלוכה איז געווען אַ גלײַכער אין אַלע טיילן, און זײַן סימן־מובֿהק איז געווען דאָס, וואָס די מאַכט איז געווען צעטיילט צווישן דעם קיניג און דער קירך – פּונקט ווי אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע. ייִדן,

ווי אַ פאָלק מיט אַ באַשטימטער רעליגיע, האָבן זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון דער הערשנדיקער קירך. די קירך ווידער און די רעגירער וואָס זײַנען געשטאַנען אונטער איר השפעה זײַנען אין יענער צײַט געווען פאַרכאַפּט פון איין שטרעבונג: אַריבערציִען צום קריסטנטום די גאַנצע באַפעלקערונג, וואָס איז נאָך געווען אין אַ גרויסן טייל היידניש. אין יענער תקופה, ווען אין אייראָפּע האָט זיך מיט אַ פרישן אימפעט פאַרשפרייט דאָס קריסטנטום, האָט געברענט דער חשק צו באַקערן די אַנדערשגלייביקע. מער ניט די ייִדן האָבן זיך געהאַלטן פעסט בײַ זייער גלויבן, און דאָס האָט געפּטרט בײַ די פאַנאַטיקער פון דער קירך די גאַנצע פרייד מיט דעם נצחון איבער די היידן. עס האָט אויסגעוויזן געפערלעך, אַז ייִדן זאָלן זיך חברן מיט די נײַ באַקערטע היידן, וואָס זײַנען נאָך ניט געווען פעסט אין קריסטלעכן גלויבן. דעריבער האָט די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט אָנגענומען מיטלען, בכדי פון איין זײַט אָפּצוצאַמען די נײַע קריסטן פון דער ייִדישער השפעה, און פון דער אַנדער זײַט צוצוציִען די ייִדן גופא צו דער קירך, און אויב עס גייט ניט מיט גוטן, איז איבער געוואַלד.

אין זעקסטן יאָרהונדערט זײַנען פאָרגעקומען אַ סך קירכלעכע סינאָדן אין דער פראַנקישער מלוכה. זיבן אַזעלכע סינאָדן האָבן צווישן אַנדערע זאַכן זיך פאַרנומען אויך מיט ייִדישע ענינים. אין בורגונד, וואָס אירע פירשטן זײַנען דעמאָלט אַריבערגעגאַנגען פון דעם אַריאַנישן גלויבן צום קאַטוילישן, האָט דער סינאָד אין עפּאַאָן אין יאָר 517 באַשטימט, אַז קאַטוילישע גײַסטלעכע טאָרן ניט זיצן בײַ איין טיש מיט גײַסטלעכע פון די כופרים (אַריאַנער); וואָס איז שייך ייִדן, טאָרן אויך וועלטמענטשן מיט זיי ניט עסן צוזאַמען. דער סינאָד אין אָרלעאַן פון יאָר 533 האָט פאַרבאָטן שידוכים צווישן קריסטן און ייִדן און באַשטימט, אַז אויב אַ קריסט וועט עובר זײַן אויף דעם פאַרבאָט, וועט ער אַרײַנגעלייגט אין חרם, ביז דער שידוך וועט צעריסן ווערן. דער סינאָד אין קלערמאָן האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער די דאָזיקע תקנה איבערגעחזרט – משמעות מען האָט אָפט אויף איר עובר געווען – און צוגעגעבן נאָך אַ פאַרבאָט: מען טאָר ניט באַשטימען אַ ייִדן פאַר אַ ריכטער אין ענינים וואָס זײַנען נוגע קריסטן. קעגן עובר זײַן אויפן פאַרבאָט פון געמישטע שידוכים האָט ווידער אַ מאָל געמוזט אַרויסטרעטן דער סינאָד אין אָרלעאַן אין 538. לויט דער החלטה פון דעם זעלביקן סינאָד און פון דעם ווײַטעריקן (אין יאָר 541), האָט מען קריסטלעכע שקלאַוון, וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון זייערע ייִדישע בעלי־בתים און זיך באַהאַלטן אין אַ קירך אָדער אין שטוב פון אַ קריסט, ניט באַדאַרפט אַרויסצוגעבן: די בעלי־בתים זײַנען געווען מחויב אַרויסצולאָזן זיי פרײַ פאַר אַ באַשטימטן אויסקויפפרײַז. אָן אויסקויף ווערן פרײַ אַזעלכע שקלאַוון, וואָס די בעלי־בתים האָבן זיי מגייר געווען;

דערבײַ האָט דער סינאָד פֿאָרויסגעזען דעם פֿאַל, ווען דער בעל=הבית לאָזט אַרויס אַ שקלאַוו פֿרײַ, בתּנאַי אַז ער זאָל בלײַבן אַ ייִד: דעמאָלט ווערט דער שקלאַוו ניט גערעכנט פֿאַר פֿרײַ, „וואָרעם עס איז ניט קיין יושר, אַז פֿון פֿרײַהייט זאָל געניסן אַזאַ איינער, וואָס הגם ער שטאַמט פֿון קריסטלעכע עלטערן, וויל ער נאָכגיין די ייִדישע מנהגים".

דער סינאָד פֿון 538 האָט אָנגענומען נאָך איין כאַראַקטעריסטישע החלטה: „היות ווי מיט גאָטס חסד געפֿינען מיר זיך אונטער דער ממשלה פֿון קאַטוילישע מלכים, באַשטימען מיר, אַז אין משך פֿון די פֿיר טעג, פֿון דעם טאָג פֿון דער געטלעכער סעודה (דאָנערשטאָג פֿאַר פּאַסכע) ביזן צווייטן טאָג פּאַסכע, טאָרן ייִדן זיך ניט ווײַזן צווישן קריסטן און זיך ניט אויסמישן מיט דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג אין ערגעץ ניט און בשום אופֿן ניט". די דאָזיקע תּקנה האָט באַשטעטיקט דער קיניג כילדעבערט, און שפּעטער איז זי איבערגעחזרט געוואָרן אין די קאַנאָנען פֿון דעם סינאָד אין מאַקאָן (581) מיט דער אויסטײַטשונג, אַז אין די קריסטלעכע הייליקע טעג טאָרן ייִדן ניט אַרומשפּאַצירן אויף די גאַסן אָדער אויפֿן מאַרק „אַזוי ווי צוליב חוזק". ווען זיי טרעפֿן גײַסטלעכע, מוזן זיי זיך פֿאַרנייגן און טאָרן זיך ניט זעצן אין בײַזײַן פֿון אַ גײַסטלעכן. ייִדן איז געוואָרן פֿאַרבאָטן צו קומען אין פּרויען=מאָנאַסטירן און צו שמועסן מיט מנישקעס אונטער פֿיר אויגן, ווײַל מען האָט זיך געוואָלט באַשיצן קעגן דער ווירקונג פֿון ייִדישקייט אויף די פּרויען. דער זעלביקער סינאָד האָט באַשטימט, אַז ייִדן טאָרן ניט זײַן קיין ריכטער און ניט קיין שטײַער=מאָנערס צווישן קריסטן. היות ווי אין פֿאַרשיידענע שטעט האָט מען זיך באַקלאָגט אויף ייִדן, אַז זיי ווילן ניט אַרויסלאָזן אויף דער פֿרײַ זייערע קריסטלעכע שקלאַוון אַפֿילו פֿאַר אַן אויסקויף, האָט דער סינאָד באַשלאָסן, אַז איטלעכער קריסט מעג קעגן דעם ווילן פֿון ייִדישן בעל=הבית אויסקויפֿן אַזעלכע שקלאַוון און צאָלן צו 12 סאָלידי פֿאַר איטלעכן „גוטן שקלאַוו, בכדי די יענע, וואָס דער האַר קריסטוס האָט זיי אויסגעקויפֿט מיט זײַן בלוט, זאָל ניט בלײַבן אין די קייטן פֿון די רודפֿים".

בכדי צוצוציִען ייִדן צום קריסטנטום האָט מען געפּרוווט ווירקן אויף זיי מיט גוטן און מיט בייזן, און ווען סטראַשונקעס האָבן ניט געהאָלפֿן, האָט מען זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר געוואַלד=מעשׂים. וועגן ביסקופּ פּערעאָל פֿון יִזעס (אין לאַנגעדאָק) ווערט דערציילט, אַז צו ערשט איז ער געווען גוט מיט ייִדן, האָט געגעסן און געטרונקען מיט זיי, און האָט אַזוי אַרום איבערגערעדט זיי צו שמדן זיך; נאָר אַז קיניג כילדעבערט איז געוואָר געוואָרן, אַז דער ביסקופּ היט ניט אָפּ דעם פֿאַרבאָט צו פֿירן פֿרײַנדשאַפֿט מיט ייִדן, האָט ער אים פֿאַרשיקט אויף דרײַ יאָר קיין פּאַריז. אַז דער ביסקופּ איז דערנאָך געקומען צוריק אין זײַן דיאָצעזע, איז ער געווען אַן איבערגעבי=

טענער. ער האָט געלאָזט רופֿן אַלע ייִדן פֿון דער שטאָט ייִזעס אין קירך אַרײַן און האָט זיי גענומען אײַנריידן, זיי זאָלן זיך שמדן, און געסטראַשעט מיט שטראָף, אויב זיי וועלן דאָס ניט טון. אייניקע האָבן זיך אונטערגעגעבן, און די איבעריקע זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שטאָט און פֿון דער גאַנצער דיאָצעזע פֿאַר אײַנגעשפּאַרטקייט אין זייער ניט־גלייבן (558).

דער דראַנג צו פֿאַרשפּרייטן די „קריסטלעכע ליבע" פֿלעגט אַ מאָל ברענגען אַ חורבן אויף גאַנצע ייִדישע קהילות. אַזוי איז געווען אין קלערמאָן. דאָרט האָט זיך געפֿונען אַ גרויסע ייִדישע קהילה, און דער ביסקופּ אַוויטוס האָט אַ צײַט לאַנג אײַנגעטענעט מיט די ייִדן, זיי זאָלן זיך לאָזן אָפּשמדן. ער האָט אָבער גאָרנישט געפּועלט, מער ניט איין ייִד האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן, און אין אַ פּאַסכע־טאָג האָט ער זיך געשמדט. די ייִדן האָבן אים אַרויסגעוויזן פֿײַנטשאַפֿט. איין מאָל, בעת ער איז געגאַנגען אין אַ רעליגיעזער פּראָצעסיע, האָט אַ ייִד אים באַגאָסן מיט שטינקענדיקן בוימל. דערפֿאַר האָט דער קריסטלעכער המון זיך צונויפֿגעקליבן אין טאָג פֿון הימלשטײַגונג, מיטן ביסקופּ, און האָט צעשטערט די סינאַגאָגע ביזן גרונט און געסטראַשעט אויסצוהרגען אַלע ייִדן. אויפֿן צווייטן טאָג האָט דער ביסקופּ צונויפֿגערופֿן אַלע ייִדן פֿון קלערמאָן און פֿאָרגעלייגט זיי: אָדער זיי זאָלן זיך אויסשמדן אָדער פֿאַרלאָזן די שטאָט. נאָך דרײַ טעג קעווענקלעניש האָבן אַ פֿינף הונדערט ייִדן זיך געלאָזט אָפּשמדן — פֿאַרשטייט זיך, נאָר לפּנים — און די איבעריקע זײַנען אַנטלאָפֿן קיין מאַרסעל (576). די קאַטויליקן האָבן געפֿײַערט אַ ניצחון, און דער דעמאָלטיקער פּאָעט וועננאַנציוס פֿאָרטונאַטוס האָט באַזונגען דעם אויפֿטו פֿון קלערמאָנער ביסקופּ אין לאַטײַנישע העקסאַמעטערס. די ווײַטערדיקע שורות פֿון זײַן פּאָעמע גיבן אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק פֿון די דעמאָלטיקע געגנג פֿון דער קריסטלעכער פּראָפּאַגאַנדע:

„וואָס טוט איר, ייִדן? — האָט ער (אַוויטוס) אויסגערופֿן. וואָס טוסטו, אָ פֿאָלק, וואָס דו ביסט פּונקט אַזוי אומפֿאַרשטאַנדיק ווי אַלט? אויב דו ווילסט געהויבן ווערן, לערן זיך אויס אויף דער עלטער כאָטש גלייבן. שעמט זיך ניט, איר זקנים, זיך אָפּצוזאָגן פֿון אײַער בלאָנדזשעניש כאָטש שפּעט. דער געזעץ פֿון אַלטע צײַטן לערנט אונדז, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט אַ דרײַיִקער און איינציקער, דרײַ פּערזאָן אין איין גאָט: פֿאָטער, זון און הייליקער גײַסט — דאָס איז אַלץ איין און דער זעלביקער גאָט. דאָס חזרט איבער אויך אײַער געזעצגעבער, דערין האָט געגלייבט אײַער פֿרומער עלטער־פֿאָטער, אבֿרהם אָבֿינו: ער האָט געגלייבט דערין, אין וואָס מיר גלייבן. ער האָט דערזען פֿאַר זיך דרײַ מענער, נאָר ער האָט זיך געווענדט צו זיי מיט אַ בקשה אין איין צאָל (בראשית י"ח, 3)... מיר מיט אײַך האָבן איין פֿאָטער, איין באַשעפֿער, מיר זײַנען אַלע די באַשעפֿענישן פֿון איין גאָט אין דרײַ פּערזאָנען. מיר

זײַנען די שאָף פֿון איין פּאַסטוך – פֿאַר וואָס זשע דערוויַיטערט איר זיך פֿון אונדז? געדענקט, אַז איין שפּראָצלינג האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿון געטלעכן שטאַם, אַז איין בתולה האָט אים געבוירן, אַז ער איז געוואָרן צוגענאָגלט צום קרייץ, נאָר זײַן לײַב איז אין קבֿר ניט פֿאַרפֿוילט געוואָרן, און דעם דריטן טאָג איז ער אַרויס פֿון קבֿר בכדי אויסצוהיילן אונדזערע געשווירן: ער האָט אַרויפֿגעשוועבט צום הימל, ווי דאָס באַווײַזט אונדזער הײַנטיקער יום־טובֿ... נו, איך האָב שוין גענוג צו אײַך גערעדט, און צײַט האָבן מיר ווינציק. פֿאָלגט מיך אָדער פֿאַרלאָזט דעם אָרט! מיר צווינגען אײַך צו גאָר־נישט, קלײַבט אויס מיט גוטן דעם וועג וואָס איר ווילט. אָדער בלײַבט בײַ אונדז און לעבט אויף אונדזער שטייגער, אָדער טראָגט זיך אָפּ וואָס גיכער. מאַכט פֿרײַ פֿאַר אונדז דאָס דאָזיקע לאַנד, ווו איר זײַט פֿרעמדע. באַפֿרײַט אונדז פֿון אײַער שכנישאַפֿט, אָדער, אויב איר בלײַבט דאָ, נעמט אָן אונדזער גלויבן!"

פֿון דער גײַסטלעכקייט נעמט איבער די רעליגיעזע קנאות אויך די וועלטלעכע מאַכט. די מלכים די מעראָווינגער באַשטעטיקן אָפּט די באַשלוסן פֿון די קירכלעכע סינאָדן און מאַכן זיי דורך דעם פֿאַר מלוכה־געזעצן – טייל מאָל נעמען די מלכים אַ דירעקטן אָנטייל אין דעם ענין פֿון אָפּשמדן יידן. אַפֿילו דער קיניג כילפּעריק, וואָס האָט געקראָגן דעם צונאָמען פֿראַנקי־שער נירון אָדער פֿראַנקישער הורדוס, אַ מענטש וואָס זײַן פֿרומקייט איז שטאַרק מוטל בספֿק, האָט מיט גרויס התמדה געזאָרגט פֿאַר פֿאַרשפּרייטן קריסטנטום צווישן יידן. דאָ האָט געווירקט די השפּעה פֿון דעם ביסקופּ גרעגאָר פֿון טור, וואָס האָט אין יענער צײַט געשפּילט אַ פֿירנדיקע ראָלע אין דער קירך. אין זײַן „געשיכטע פֿון די פֿראַנקען" (אונטער דעם יאָר 582) דערציילט גרע־גאָר פֿון טור אַזאַ געשיכטע, וואָס וואַרפֿט אַ שײַן אויף דעם דעמאָלטיקן מצבֿ פֿון יידן אין דער פֿראַנקישער מלוכה.

בײַם הויף פֿון קיניג כילפּעריק אין פּאַריז איז געווען אַ פֿינאַנץ־אַגענט אָדער ליווראַנט פֿון סחורות דער ייִד פּ ר י ס ק ו ס, אַ רײַכער און פֿאַר יענע קרײַזן געבילדעטער מאַן. דער קיניג האָט פּריסקוסן הויך געשאַצט און פֿלעגט אָפּט זיך אָן עצה האַלטן מיט אים מכּוח וויכטיקע ענינים. אָבער איינס האָט ער ניט געקאָנט מוחל זײַן: וואָס אָט דער מאַן האַלט די „ייִדישע פֿאַלשע אמונה". אַלע צוריידעניש פֿון דעם קיניג און פֿון דעם ביסקופּ גרעגאָר האָבן קיין פּעולה ניט געהאַט, דער הויף־ייִד האָט ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פֿון דעם גלויבן פֿון זײַנע אָבֿות. איין מאָל, ווען פּריסקוס איז געווען בײַם קיניג אין נאָזשאַן (Nogent sur Marne), און דער ביסקופּ איז אויך דאָרט געווען, האָט דער קיניג אויף קאַטאָוועס אָנגענומען פּריסקוסן פֿאַרן קאָפּ, אײַנגעבויגן אים און געזאָגט צום ביסקופּ: „קום אַהער, דינער פֿון גאָט, און לייג אַרויף אויף אים דײַנע הענט!" דער ייִד האָט זיך אין שרעק אָפּגעקערט פֿון דעם אַקט,

ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז דורך דעם ווערט ער אָפּגעשמדט. דער קיניג איז געוואָרן אין כּעס און האָט אויסגערופן: „אָ דו אומגלייביקער שטאַם, וואָס דו ווילסט ניט אָננעמען גאָטס זון, וואָס די נביאים האָבן וועגן אים אָנגעזאָגט!" דערויף האָט פּריסקוס געענטפערט: „גאָט האָט קיין מאָל ניט חתונה געהאַט און האָט ניט געקאָנט האָבן קיין זון. זײַן ממשלה טיילט ער מיט קיינעם ניט. ער האָט אַליין דורך משהן געזאָגט: איך בין גאָט, און עס איז ניטאָ קיינער חוץ מיר". עס האָט זיך פֿאַרקניפּט אַ הייסער רעליגיעזער וויכּוח צווישן פּריסקוסן און גרעגאָר פֿון טור. דער ביסקופּ האָט דורך אײַנטײַטשן פֿאַרשיידענע פּסוקים פֿון תּנך אויפֿגעוויזן, אַז די קריסטלעכע דאָגמע איז ריכטיק, און דער ייִד האָט אים אָפּגעפֿרעגט דורך ראַיות פֿון שׂכל. „עס קאָן ניט געמאָלט זײַן – האָט ער געטענהט, – אַז גאָט זאָל ווערן אַ מענטש, געבאָרן ווערן פֿון אַ פֿרוי, איבערקומען עינויים און שטאַרבן. און צוליב וואָס האָט ער דאָס באַדאַרפֿט אַראָפּנידערן און ווערן אַ בשׂר־ודם? צי האָט ער ניט געקענט שיקן נײַע נביאים און שליחים, בכדי אַרויפֿצופֿירן דעם מענטשן אויפֿן וועג פֿון גאולה?" אַזוי ווי פּריסקוס האָט זיך אַזוי אײַנגעשפּאַרט אין זײַן ראַציאָנאַליזם, האָט דער ביסקופּ בײַ אים קיין זאַך ניט געקאָנט פּועלן מיט זײַנע מיסטישע זאָגענישן און מיט זײַנע קונציקע אײַנטײַטשן פֿון פּסוקים. דאָס מאָל האָט דער קיניג פּריסקוסן אָפּגעלאָזן, אָבער ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו קלערן וועגן דעם, ווי אַזוי געווינט מען פֿאַר דער קירך די אײַנגעשפּאַרטע ייִדן (581).

אין אַ יאָר אַרום האָט כילפּעריק, בעת ער איז געווען אין פּאַריז, זיך גענומען שמדן ייִדן איבער געוואַלד. אַ סך האָבן אויס מורא זיך געלאָזט אָפּשמדן, און דער קיניג אַליין איז געשטאַנען בײַ דער צערעמאָניע פֿון טויף און האָט צוגענומען די געטובֿלטע פֿון דעם טויפֿבעקן. נאָר געשמדט זיך האָבן די ייִדן נאָר לפּנים וועגן, אָדער ווי ביסקופּ גרעגאָר זאָגט: „זיי האָבן געטובֿלט נאָר דעם גוף, און ניט די נשמה", און באַלד האָבן זיי זיך אומגעקערט צו זייער אַלטן גלויבן; אַ סך האָבן געהאַלטן סײַ שבת סײַ זונטאָג. פּריסקוס האָט געהערט צו די וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן, זײַנען געבליבן פֿעסט בײַ זייער גלויבן און ניט געוואָלט זיך לאָזן אָפּשמדן אַפֿילו נאָר לפּנים. האָט דער דערצערנטער קיניג אויסגערופֿן: „אויב דער ייִד וויל ניט גלייבן מיט גוטן, וועל איך אים צווינגען מיט כּוח!" – און האָט באַפֿוילן אַרײַנצוזעצן פּריסקוסן אין תּפֿיסה. דער מצבֿ איז געוואָרן געפֿערלעך, און דער תּפֿוס האָט געפֿונען אַזאַ עצה זיך צו ראַטעווען: ער האָט געבעטן דעם קיניג אים אָפּצולאָזן אויף אַ שטיקל צײַט קיין מאַרסעל, אויף זײַן זונס חתונה, און צוגעזאָגט, אַז שפּעטער וועט ער אַ קלער טון וועגן שמד. מען האָט פּריסקוסן אַרויסגעלאָזט אויף דער פֿרײַ, אָבער אויך נאָך דעם ווי ער איז געקומען צוריק פֿון מאַרסעל, האָט ער זיך

געמאַכט פאַרגעסנדיק אָן זײַן געצוווּנגענעם צוזאָג און ניט געקלערט וועגן שמד. איין מאָל אום שבת, ווען פּריסקוס, אײַנגעהילט אין טלית, איז געגאַנגען אין שול אַרײַן, וואָס האָט זיך געפונען אין אַן אָפּגעלעגענעם טייל פון פּאַריז, איז אָנגעפאַלן אויף אים איינער אַ משומד פּאַטיר מיט זײַנע באַוואָפנטע באַדינערס און האָט אים דערהרגעט. פּאַטיר איז פון פריִער געווען צעקריגט מיט פּריסקוסן, און ער האָט קענטיק געוואָלט זיך נוקם זײַן אָן זײַן געגנער, אָדער ער האָט מקנא געווען זײַן פאָלקסברודער, וואָס האָט ניט אַרויפגעצויגן אויף זיך די שאַנד פון שמד. די מערדער זײַנען אַנטלאָפן אין דער באַזיליקע פון הל׳ יוליאַן. דער המון האָט אַרומגערינגלט די קירך און געפאָדערט, מען זאָל זיי באַשטראָפן מיט טויט. האָט דער קיניג געהייסן טייטן פּאַטירס באַדינערס, נאָר אים אַליין, וואָס איז געווען זײַן טויפקינד, האָט ער באַגנעדיקט און דערלויבט אים אָפּצופאָרן אין קיניגרײַך פון קיניג גונטראַם, קיין בורגונד. דאָרט האָבן פּריסקוסעס קרובים פּאַטירן געכאַפּט און דערהרגעט, לויט דעם מנהג פון בלוט-נקמה (582).

ניט בעסער ווי אין נייסטריע איז געווען דער מצב אין בורגונד. דאָ האָבן געטראָפן פאַלן, ווען קריסטן האָבן צעשטערט סינאַגאָגעס. דער ביסקופּ גרעגאָר פון טור, וואָס פאַרצייכנט מיט פאַרגעניגן אַזעלכע גבורות פון קריסטלעכן ברען, דערציילט, אַז איין מאָל, ווען גונטראַם דער קיניג פון בורגונד איז געקומען צו פאָרן קיין אָרלעאַן, האָט אים מקבל פּנים געווען אַ גרויסע מאַסע מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, און עס האָבן זיך געהערט באַגריסונגען אויף פאַרשיידענע שפּראַכן: לאַטײַניש, סיריש און אַפילו העברעיִש. די ייִדן פון אָרלעאַן האָבן באַזונדערס שטאַרק געזונגען שבחים דעם קיניג, ווײַל זיי האָבן געהאָפט, אַז זיי וועלן פועלן בײַ אים, מען זאָל אָפּבויען זייער סינאַגאָגע וואָס די קריסטן האָבן געהאַט צעשטערט, – „אָבער – באַמערקט דער כראָניק-שרײַבער מיט בייזפרייד – גאָט וועט ניט דערלאָזן, דער קיניג זאָל דאָס טון״ (585).

צום סוף 6טן י״ה זײַנען די פאַלן פון שמדן ייִדן איבער געוואַלד אין דער פראַנקישער מלוכה געוואָרן אַזוי אָפט, אַז דער רוימישער פּויפּס גרעגאָר I האָט געפונען פאַר נייטיק זיך אַרײַנצומישן. ווען דער פּויפּס איז געוואָר געוואָרן פון איטאַליענישע ייִדן, וואָס זײַנען געפאָרן קיין מאַרסעל צוליב האַנדלס-געשעפטן, וועגן די לײַדן פון זייערע דאָרטיקע פאָלקסברידער, האָט ער אָנגעשריבן בריוו צו די ביסקופן פון אַרל און מאַרסעל, אַז עס איז גלײַכער צוצוציִען ייִדן צום קריסטנטום מיט דרשות, איידער מיט געוואַלד (591). דער פּויפּס האַלט נאָר פאַר נייטיק אָפּצוהיטן קריסטן, זיי זאָלן ניט אַרונטערפאַלן אונטער דער השפּעה פון ייִדן, און אין דעם פּרט פאָדערט ער, עס זאָלן שטרענג אָפּגעהיט ווערן די קאַנאָנישע געזעצן פון דער קירך. ער טאַדלט

שאַרף די קיניגין ברונהילד, פאַר וואָס זי דערלאָזט, אַז ייִדן זאָלן האַלטן קריסטלעכע שקלאַוון און באַדינערס (599). קריסטוס איז דער קאָפּ פון דער קירך – שרייבט ער, און די קריסטן זיינען איר רומפּ: ווי אַזוי זשע קאָן מען האַלטן אין כבוד דעם קאָפּ, און צו גלייכער צייט אָפּגעבן טיילן פון רומפּ די שונאים אויף צעטרעטן?

דער פויפּס האָט געמעגט זיין רויק: די קאַטוילישע גייסטלעכקייט איז געשטאַנען אויף דער וואך און ניט דערלאָזט, מען זאָל פון די ייִדנס וועגן עובר זיין אויף די קירכלעכע קאַנאָנען. אין יענער צייט האָט אָפּט געטראָפן, אַז ייִדן פלעגן ווערן באַשטימט פאַר פינאַנץ-אַגענטן פון מלכים און פּראָווינציעלע אַדמיניסטראַטאָרן, און די געשיכטע מיט פּריסקוסן איז נאָך ניט געווען פאַרגעסן. און אָט האָט דער פאַריזער סינאָד פון ביסקופן אין יאָר 614 באַשטימט, אַז אַ ייִד טאָר ניט פאַרנעמען קיין מלוכה-פּאָסטן, וואָס גיט אים די מאַכט איבער קריסטן, און אויב ער פאַרנעמט שוין אַזאַ פּאָסטן, האָט דער אָרטיקער ביסקופּ דאָס רעכט אים צו צווינגען צו שמדן זיך צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה. און דער קיניג פון די פראַנקען כלאָטאַר II האָט באַלד באַשטעטיקט די דאָזיקע החלטה פון דעם סינאָד.

אין יענע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן בייזע רדיפות אויף ייִדן אין דער וועסטגאָטישער שפּאַניע (וויטער, § 6). אין יאָר 613 זיינען פון דאָרט געקומען צו לויפן אין פראַנקען-לאַנד אַ סך ייִדן, וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן דעם באַפעל פון שפּאַנישן קיניג סיזעבוט, אַז זיי מוזן זיך שמדן. צו ערשט האָבן די פּליטים געפונען אַ מקום מקלט ביי זייערע ברידער אין פּראָוואַנס און אַנדערע טיילן פון דער פראַנקישער מלוכה. אָבער שפּעטער, ווען קיניג דאַגאָבערט (628–639), דער זון פון כלאָטאַר II, האָט פאַראייניקט אונטער איין ממשלה אַלע טיילן פון דער מלוכה, האָט ער אָנגעהויבן צו רודפן די שפּאַנישע פּליטים וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין זיין מלוכה. ער האָט ניט געוואָלט זיין הינטערשטעליק אין פרומקייט לגבי די וועסטגאָטישע מלכים, און דערפאַר האָט ער אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז די ייִדן וואָס זיינען געקומען פון שפּאַניע זאָלן זיך שמדן, און אויב ניט, זאָלן זיי אַוועק פון זיין לאַנד. פאַראַן אַן אומקלאָרע ידיעה אין די כראָניקעס, אַז דער קיניג פון די פראַנקען האָט די דאָזיקע פאָדערונג אַרויסגעשטעלט בנוגע צו אַלע ייִדן פון זיין מלוכה. אַ טראַדיציע דערציילט נאָך, אַז געווירקט אויף דאַגאָבערטן אין דעם זינען האָט זיין פאַרבינדעטער, דער ביזאַנטישער קיסר הערעקליוס; אים האָבן שטערנזעערס פאָרויסגעזאָגט, אַז די קריסטלעכע אימפּעריע וועט אין גיכן צעשטערט ווערן „דורך אַ געמלטן פאָלק", האָט ער זיך דערפאַר דערשראָקן און געגעבן אַן עצה זיין פראַנקישן פריינד, ער זאָל וואָס גיכער אָפּשמדן די ייִדן אָדער זיי פאַרטרייבן פון זיין לאַנד.

די דאָזיקע לעגענדע איז אויפגעקומען אין שייכות מיטן אָנפאַל פון די אַראַבער אויף די מזרחדיקע פראָווינצן פון דער ביזאַנטישער אימפעריע (632—640). דער קיסר הערַאקליוס האָט געקאָנט דערציילן זיין פראַנקישן בעל־ברית מכּוח דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די יידן אין ירושלים אין יאָר 629, בעת ער האָט צוריק אָפּגענומען ארץ־ישראל פון די פּערסער, און מכּוח די פרישע צרות, וואָס עס האָבן געהאַט אויסצושטיין די אָריענטאַלישע קריסטן בעת דעם אָנפאַל פון די אַראַבער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ פּאָר יאָר אַרום [1]. די נצחונות פון די אַראַבער האָבן אין אייראָפּע אַרויסגערופן אַ שׂנאה צו דער סעמיטישער ראַסע, און די פאַנאַטיקער פון דער קירך אין ביזאַנץ, פראַנקרייך און שפּאַניע האָבן דאָס געקאָנט אויסנוצן צוליב זייער אַגיטאַציע קעגן יידן. דער באַפעל פון דאַגאָבערטן, אַז די יידן וואָס ווילן זיך ניט שמדן מוזן אַוועק פון לאַנד, איז משמעות געווען דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַגיטאַציע. עס איז ניט באַוווסט, ווי ווייט דער דאָזיקער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן. עס לייגט זיך קוים אויפן שׂכל, אַז עס זיינען דעמאָלט פאַרטריבן געוואָרן אַלע יידן פון דער פראַנקישער מלוכה. עס האָבן געקאָנט טרעפן פאַלן פון מאַסן־שמד, אָבער נאָך דעם ווי די גזרה איז אַריבער, האָבן די געצוווּנגענע משומדים זיך אומגעקערט צוריק צו יידישקייט.

נאָך דאַגאָבערטס טויט גייט פאַרביי אַ לאַנגע צייט, ווען יידן ווערן זעלטן דערמאָנט אין אָפיציעלע דאָקומענטן און כראָניקעס פון פראַנקען־לאַנד. נאָר דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל דאָרט איז ניט געווען קיין יידישע באַפעלקערונג, נאָר ווייל אין די הונדערט יאָר צווישן דאַגאָבערטן און קאַרל דעם גרויסן האָט זיך די פראַנקישע מלוכה בכלל געפונען אין אַן איבערגאַנג־צושטאַנד. אין יענער צייט איז די מאַכט פון די מעראָווינגער־מלכים געווען נאָר אַ שאָטן פון מאַכט. רעגירט האָבן איבער דער מלוכה די „מאַזשאָרדאָמען" אָדער פאַרוואַלטערס פון קיניגלעכן חויף, די פאָרשטייער פון די סעניאָרן און מאַגנאַטן פון גאַנצן קיניגרייך. די מלוכה איז געווען צעשפּאָלטן: נייסטריע, אויסטראַזיע, בורגונד האָבן איטלעכע געהאַט אירע אייגענע מלכים און אירע אייגענע מאַזשאָרדאָמען, וואָס האָבן זיך אַרומגעקריגט צווישן זיך. די מאַזשאָרדאָמען האָבן בפירוש געשטרעבט צו פאַרכאַפּן די אייבערשטע מאַכט, און די ענערגישסטע פון זיי, ווי אַ שטייגער פּיפּין II און קאַרל מאַרטעל, וואָס האָט אָפּגעשטויסן דעם געפערלעכן אָנפאַל פון די אַראַבער (732), האָט דאָס טאַקע שפּעטער אָפּגעגליקט. עס האָט געהאַלטן ביים אויסבילדן זיך די אימפעריע פון קאַרל דעם גרויסן. אין אָט דעם איבערגאַנג־פעריאָד האָבן ניט די וועלט־

1 וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, מזרח־פעריאָד, באַנד III, § 39.

לעכע און ניט די קירכלעכע שׂררות אין דער פֿראַנקישער מלוכה זיך ניט
אינטערעסירט מיט דער ייִדישער פֿראַגע. די קירכלעכע סינאָדן, וואָס האָבן
אין 6טן י"ה מיט אַזאַ התמדה זיך פֿאַרנומען מיט ייִדן, זײַנען אין די שפּע=
טערדיקע צוויי יאָרהונדערטער געוואָרן זעלטן צונויפֿגערופֿן. די צענטראַלע
מאַכט איז געווען שוואַך, און איטלעכער סעניאָר אין זײַן נחלה און איטלע=
כער ביסקופּ אין זײַן דיאָצעזע איז געווען אַ פֿולער האַר פֿאַר זיך, אָבער
אין איטלעכן באַזונדערן אָרט איז דער ייִד געווען אַזוי נייטיק פֿאַרן עקאָנאָ=
מישן לעבן, אַז מען האָט פּשוט ניט געקאָנט אויסקומען אָן אים.

דערפֿון ווערט שוין צום טייל קלאָר די ראָלע פֿון ייִדן אין ווירט=
שאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער פֿראַנקישער מלוכה. לויט די אָפֿיציעלע
דאָקומענטן און די כראָניקעס פֿון יענער צײַט (באַזונדערס די שריפֿטן פֿון
גרעגאָר פֿון טור) קומט אויס, אַז ייִדן זײַנען געווען דער עיקר אײַנוווינער
פֿון די שטעט; זיי זײַנען געווען צום מייִנסט קאָנצענטרירט אין די
דרומדיקע געגנטן בײַם ים. אין די האַוונשטעט (מאַרסעל, אַרל, באָרדאָ) האָבן
זיי צוזאַמען מיט די גריכן און „סיריער" זיך פֿאַרנומען מיט אַרײַנפֿירן אָריענ=
טאַלישע סחורות — געווירצן, זײַדנס, פּאַפּירוס, טײַערע מעטאַלן; דאָרט איז
אויך געפֿירט געוואָרן אַ גרויסער האַנדל מיט שקלאַוון, דער אַרבעטקראַפֿט
וואָס פֿלעגט ווערן אַרײַנגעפֿירט פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. רײַכע ייִדן זײַנען
אָפֿט מאָל אַרענדאַטאָרס פֿון די מלוכישע אָפּצאָלן, זיי זײַנען פֿינאַנץ=אַגענטן
אָדער סחורה=ליוועראַנטן בײַ מלכים און פּעאָדאַלן, בײַ וועלטלעכע און גײַסט=
לעכע שׂררות, פֿאַרנעמען זיך מיט קרעדיט=אָפּעראַציעס. אין יענער צײַט
האָט אָבער אַ טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג זיך פֿאַרנומען אויך מיט
לאַנדווירטשאַפֿט, האָט געהאַט אייגנס אָדער געהאַלטן אין אַרענדע פֿעלדער
און ווײַנגערטנער. אין די ים=שטעט און אין די גרויסע האַוונשטעט בײַ די
טײַכן טרעפֿן זיך אויך ייִדן ווי בעלי=בתּים פֿון שיפֿן, וואָס האָבן געפֿירט
סחורות און פּאַסאַזשירן, אַזוי ווי די „נאַוויקולאַרן" אין אַלכּסנדריא [1].

בכלל דאָרט, וווּ די טוערס פֿון דער קריגערישער קירך האָבן ניט
אָנגערייצט די אָרטיקע באַפֿעלקערונג אויף די „אומגלייביקע", האָבן ייִדן
געלעבט בשלום מיט זייערע שכנים. אין די לענדער, וווּ מען האָט באַדאַרפֿט
פֿירן אַ קאַמף קעגן דעם היידנטום פֿון די פּויערים פֿון איין זײַט און קעגן
דער אַריאַנישער סעקטע פֿון דער צווייטער, האָבן ייִדן אָפֿט מאָל געשטערט
די קאַטוילישע מיסיאָנערן אין זייער טעטיקייט. ייִדן פֿלעגן אָפּשפּעטן פֿון
די אײַנגלייבענישן פֿון דער קירך, פֿון דעם גלויבן אין הייליקע, אין די מופֿתים
פֿון די הייליקע געביין אָדער הייליקע בילדער, וואָס דערמיט האָבן די גלחים

---

1 דאָרט גופֿא, ב' III, § 37.

אײַנגענומען דאָס פּראָסטע פֿאָלק מער ווי מיט די רעליגיעזע דאָגמעס. דער ביסקופּ גרעגאָר פֿון טור דערציילט מיט רוגזא אַזאַ מעשׂה. אַ ייִד פֿון באָרדאָ האָט איין מאָל באַגעגנט דעם אָרטיקן פּרעסביטער לופּוס, וואָס איז געגאַנגען אין קירך פֿון הייליקן מאַרטין, און האָט בײַ אים געפֿרעגט, צוליב וואָס ער גייט אַהין. לופּוס האָט געענטפֿערט, אַז שוין עטלעכע טעג לײַדט ער פֿון פֿיבער און ער האָפֿט, אַז ער וועט אויסגעהיילט ווערן דורך אָנרירן די געביין פֿון הייליקן מאַרטין, וואָס אין גאַנץ גאַליע האָט מען געהאַלטן, אַז זיי טוען ווונדער. האָט דער ייִד געזאָגט: מאַרטין וועט דיר ניט העלפֿן, ער איז צוגעדעקט מיט ערד און איז געוואָרן שטויב, אַ טויטער קאָן אַ לעבעדיקן ניט העלפֿן. בכדי צו ווײַזן אַ מוסר־השׂכל, פֿאַרענדיקט דער ביסקופּ גרעגאָר אַזוי די מעשׂה: לופּוס האָט דעם ייִדן ניט געפֿאָלגט, האָט אָנגערירט די הייליקע געביין און איז געזונט געוואָרן, דער ייִד ווידער איז קראַנק געוואָרן אויף פֿיבער, וואָס האָט אים געפּײַניקט אַ גאַנץ יאָר, אָבער אויך די יסורים האָבן ניט געקאָנט אויסגלײַכן דעם „צעדרייטן שׂכל". אַן אַנדערש מאָל האָט אַ ייִדן זיך אײַנגעגעבן אַראָפּצופֿירן אַ גלייביקן פֿון דרך־הישר. אַן אַרצי־דיאַקאָן אין דער שטאָט בורזשע האָט אַ לאַנגע צײַט געהיילט בײַ דאָקטוירים זײַנע אויגן, ווײַל ער האָט געהאַט פֿאַרלאָרן די ראיה, נאָר ס'האָט אים ניט געהאָלפֿן. דעמאָלט איז ער אַוועק אין דער קירך פֿון הל' מאַרטין, האָט דרײַ חדשים געפֿאַסט און תּפֿילה געטאָן, און צו לעצט אין דעם יום־טובֿ פֿון דעם דאָזיקן הייליקן האָבן זיך אים געעפֿנט די אויגן. נאָר היות ווי זײַן ראיה איז נאָך אַלץ געווען שוואַך, האָט ער גערופֿן צו זיך אַ ייִדישן רופֿא, וואָס האָט אים געשטעלט אויף די אַקסלען באַנקעס. נאָך דעם איז דער אומגליקלעכער אַרצידיאַקאָן ווידער בלינד געוואָרן, און דער הל' מאַרטין האָט אים שוין ניט געהאָלפֿן, ווײַל „נאָך דעם ווי גאָט האָט אים געהאָלפֿן, האָט ער זיך געווענדט נאָך הילף צו אַ ייִדן" — אַזוי דערקלערט דאָס גרעגאָר פֿון טור. די קריסטלעכע גײַסטלעכע האָבן געשפּירט, ווי געפֿערלעך עס זײַנען ייִדן מיט זייער ראַציאָנאַליזם פֿאַר דעם קולט פֿון די ווונדער־הייליקע, פֿון די הייליקע געביין און אַנדערע רעשטן פֿון הייִדנטום, וואָס גראָד דורך דעם איז גרינגער געווען צוצוציִען די היידן צום קריסטנטום.

פֿון די פֿיר טיילן פֿון דער פֿראַנקישער מלוכה זײַנען אין דער תּקופֿה פֿון די מעראָווינגער ייִדישע ייִשובֿים מער פֿון אַלץ געווען פֿאַרשפּרייט אין די שטעט פֿון די צענטראַלע מדינות נייסטריע און בורגונד (פּאַריז, אָרלעאַן, טור א"אַ). אין אַקוויטאַניע, חוץ דעם קרײַז פֿון נאַרבאָנע וואָס איז געווען פֿאַראייניקט מיט שפּאַניע, זײַנען געבליבן די אויבן דערמאָנטע קהילות (באָרדאָ א"אַ). נאָר זייער ווייניק איז באַוווּסט וועגן ייִדן אין א ו י ס ט ר אַ ז י ע — די געגנט בײַם ריין, ווו דער גרעסטער טייל פֿון דער

באַפֿעלקערונג זײַנען געווען גערמאַנען. נאָך אין דער צײַט פֿון דער רוימישער ממשלה איז דאָ געווען אַ ייִדישע קהילה אין קעלן (Colonia); בראש פֿון אָט דער קהילה זײַנען געשטאַנען אויסגעקליבענע פֿירער מיטן טיטל „כּהנים" (hiereis), „אַרכיסינאַגאָגן" (archisynagogi), „עלטסטע פֿון די סינאַגאָגעס" (patres synagogarum). דער ערשטער קיסר פֿון קריסטלעכן רוים קאָנסטאַנטין האָט אין יאָר 321 באַפֿוילן אויפֿן סמך פֿון געזעץ וועגן דעקוריאָנאַט צוצוציִען די פֿאַרמעגלעכע ייִדן פֿון קעלן צו דעם שווערן מוניציפּאַלן דינסט (vocare ad curiam), און באַפֿרײַען פֿון דעם נאָר צוויי דרײַ פּערזאָנען פֿון גײַסטלעכן שטאַנד, וואָס זײַנען אויך פֿריִער געווען פּטור פֿון דעם דינסט. אין די ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער, ביז צו דער תּקופֿה פֿון די קאַראָלינגער, ווערן מער קיין ייִדישע קהילות ניט דערמאָנט ניט אין קעלן און ניט אין אַנדערע שטעט פֿון דײַטשלאַנד. דערפֿון מעג מען דרינגען, אַז אַ צײַט לאַנג נאָך דער גרויסער פֿעלקער־וואַנדערונג זײַנען אין דעם דאָזיקן לאַנד קיין ייִדישע ייִשובֿים ניט אויפֿגעקומען. היות ווי די דיאַספּאָרע האָט געהאַט די טבֿע זיך צו ציִען צו די האַנדלס־צענטערס און צו די פּאָליטישע צענטערס, דעריבער האָט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע געמוזט זיך אַנטוויקלען פֿריִער אין דער ראָמאַנישער גאַליע, איידער אין די לענדער פֿון די גערמאַנען, וווּ עס האָט נאָך געהערשט די נאַטוראַלע ווירטשאַפֿט.

§ 6. די רוימישע און די וועסטגאָטישע שפּאַניע. דער אָנהייב פֿון רדיפֿות אונטער די קאַטוילישע מלכים

איינע פֿון די עלטסטע ייִדישע קאָלאָניעס אין אייראָפּע האָט זיך געפֿונען אויפֿן פּירענעיִשן האַלבאינדזל. אויב מען נעמט אַפֿילו ניט אָן פֿאַר ריכטיק די פֿאָלקס־מסורות וועגן דעם, אַז ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין שפּאַניע נאָך אין די צײַטן פֿון מלכות־ישׂראל [1], איז אָבער אָן ספֿק, אַז ייִדן האָבן

[1] אין דער שפּעטערדיקער בלי־תּקופֿה פֿון דעם ייִדישן צענטער אין שפּאַניע, וואָס האָט פֿאַרנומען די העגעמאָניע אין ייִדנטום, זײַנען צוגעקלערט געוואָרן פֿאַרשיידענע לעגענדעס, בכדי צו דערווײַזן, אַז דער דאָזיקער צענטער איז זייער אַלט. מען האָט געשמועסט, אַז נאָך אין דער צײַט פֿון שלמה המלך איז געקומען צו פֿאָרן קיין שפּאַניע אדונירם, וואָס איז געווען ממונה „על המס", און איז דאָרט געשטאָרבן, און אין סאַגונט איז אַ מאָל געשטאַנען זײַן מצבֿה מיט אַן אויפֿשריפֿט. די נעמען פֿון עטלעכע שטעט אין שפּאַניע האָט מען אויסגעטײַטשט ווי גענומען פֿון העברעיִש (עסקאַלאָנאַ פֿון אַשקלון, יאַפּעס פֿון יפֿו). דער נאָמען פֿון דער שטאָט טאָלעדאָ (אין לאַטײַנישע דאָקומענטן Urbs Toletana, אין העברעיִש און אַראַביש: טוליטולא) האָט מען אַרויסגעפֿירט פֿון די „טלטולים", וואָס די ייִדישע פּליטים פֿון לאַנד יהודה זײַנען אויסגעשטאַנען. מען מעג משער זײַן, אַז אַ יסוד פֿאַר אָט די אַלע

דאָ געוווינט אונטער דער רוימישער הערשאַפֿט זינט די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט. זיי זײַנען פֿאַרטראָגן געוואָרן אַהין דורך דעם ברייטן שטראָם פֿון דער ייִדישער אויסשפּרייטונג קיין מערבֿ, וואָס האָט נאָכן צווייטן חורבן געשאַפֿן גרעסערע ייִדישע קאָלאָניעס אין גאַנץ דרום־אייראָפּע. קיין שפּאַניע זײַנען די ייִדישע וואַנדערער אַרײַנגעדרונגען פֿון די שכנישע געביטן פֿון צפֿון־אַפֿריקע איבער דעם דורכגוס פֿון גיבראַלטאַר. אין די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט זײַנען אין דער רוימישער אַפֿריקע געווען אַ סך ייִדישע קהילות. מיט דער קהילה פֿון קאַרטאַגאָ האָט געפֿירט מלחמה איינער פֿון די קירכן־פֿאָטערס, טערטוליאַן, נאָך סוף 2טן יאָרהונדערט, און אין די ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער האָבן די אַפֿריקאַנישע קירכן־פֿאָטערס, נאָך ביזן הל׳ אויגוסטינוס, אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, בכדי צו פֿאַרהאַלטן דעם האַסטיקן וווּקס פֿון ייִדנטום, וואָס האָט זיי אויסגעוויזן צו זײַן געפֿערלעך פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון קריסטנטום אין יענע געגנטן [1]. געדריקט דורך דער קריסטלעכער מאַכט אין רוים, האָבן אַ סך ייִדן אַריבערגעוואַנדערט פֿון די אַפֿריקאַנישע שטעט אין די שפּאַנישע, אויף יענער זײַט פֿון דעם דורכגוס: קיין קאַדיקס, קאַרטאַגענע און אין די אַנדערע שטעט פֿון פּירענעיִשן האַלבאינדזל, ווו די קירך איז נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג אויף צו רודפֿן אַנדערשגלייביקע.

די ערשטע דאָקומענטאַלע ידיעות וועגן די באַציִונגען צווישן ייִדן און קריסטן אין שפּאַניע געהערן צום אָנהייב 4טן י״ה, אַ קורצע צײַט פֿאַר דעם ווי דאָס קריסטנטום איז געוואָרן דעקלאַרירט פֿאַר דער מלוכה־רעליגיע פֿון דער רוימישער אימפּעריע. נאָך פֿאַר דעם קאָנציל אין ניקעאַ איז אין יאָר 306 צונויפֿגערופֿן געוואָרן אין איליבעריע אָדער עלווירע (אין אַנדאַלוזיע) אַ סינאָד פֿון שפּאַנישע ביסקופֿן, בראש מיטן ביסקופּ פֿון קאָרדאָווע (קאָר־דובאַ). דער גרעסטער טייל פֿון די באַשטימונגען אָדער „קאַנאָנען" פֿון דעם דאָזיקן סינאָד זײַנען שייך צום קאַמף קעגן הייִדנטום אין שפּאַניע, צו דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון קריסטנטום און דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער קירך, און פֿיר קאַנאָנען האָבן אַ דירעקטע שײַכות צו ייִדן. אָט וואָס עס שטייט אין זיי: „מען דאַרף דערמאָנען די ערד־אייגנטימער (possessores), אַז זיי זאָלן ניט צולאָזן ייִדן צו בענטשן די פּירות, וואָס קומען אַרויס (פֿון דער ערד) לויט

מסורות האָט געדינט די מטושטשדיקע טראַדיציע וועגן די פֿאַרצײַטיקע נסיעות פֿון די פֿעניקיער מיט זייערע אַפֿריקאַנישע קרובֿים — די קאַרטאַגער, צו די שפּאַנישע ברעגעס, וואָס אין זיי האָבן אָנטייל גענומען אויך די ייִדישע אײַנוווינער פֿון מלכות ישׂראל און מלכות יהודה. אַזעלכע פֿאַרבינדונגען האָבן געקאָנט געמאָלט זײַן. נאָך די סעפּטואַגינטאַ און די ערשטע קירכן־פֿאָטערס אידענטיפֿיצירן די שטאָט תּרשיש אין תּנך מיט קאַרטאַגאָ.

1 וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, מזרח־פּעריאָד ב׳ III, §§ 24, 25, 35, 37.

גאָטס חסד, בכדי זיי (די ייִדן) זאָלן ניט אָפּשוואַכן די ווירקונג פֿון אונדזער (דער קריסטלעכער) ברכה; אויב עמעצער וועט נאָך אָט דעם פֿאַרבאָט עובֿר זײַן אויף אים, וועט ער אין גאַנצן אויסגעשלאָסן פֿון דער קירך (קאַנאָן 49). אויב אַ גײַסטלעכער אָדער אַן אַנדער גלייביקער וועט אָפּהאַלטן סעודות אויך מיט ייִדן, דאַרף מען אים באַזײַטיקן פֿון דער קאָמוניע, ביז ער וועט תּשובֿה טון (קאַנאָן 50). קאַטוילישע מיידלעך טאָר מען ניט חתונה מאַכן ניט מיט ייִדן, ניט מיט כּופֿרים, וואָרעם עס טאָר ניט זײַן קיין פֿאַרבינדונג צווישן אַ גלייביקן מיט אַ ניטגלייביקן; די עלטערן וואָס זײַנען עובֿר אויף דעם דאַרפֿן ווערן אָפּגעשיידט (פֿון דער קירך) אויף פֿינף יאָר (קאַנאָן 16). ווען אַ רעכטגלייביקער וואָס האָט אַ פֿרוי וועט מנאף זײַן מיט אַ ייִדישער פֿרוי אָדער מיט אַ געצנדינערין, דאַרף מען אים באַזײַטיקן פֿון דער קאָמוניע" (קאַנאָן 78).

פֿון די דאָזיקע החלטות פֿון דעם סינאָד איז צו זען, אַז אָנהייב 4טן י"ה זײַנען ייִדן שוין געווען אַן אײַנפֿלוסרײַכער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג אין שפּאַניע. ערד־אייגנטימער הײדן און אַפֿילו קריסטן פֿלעגן פֿאַרבעטן ייִדן (מן הסתּם פֿון גײַסטלעכן שטאַנד) צו דער צערעמאָניע פֿון הייליקן די פֿעלדער און גערטענער אָדער צוליב בענטשן די גערעטעניש. עס האָבן נאָך געטראָפֿן געמישטע שידוכים צווישן ייִדן און דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, מן הסתּם פֿלעגן דערבײַ די אַנדערשגלייביקע אָננעמען דעם ייִדישן גלויבן (אין גענעץ שטייט וועגן קריסטלעכע מ י י ד ל ע ך, וואָס האָבן חתונה מיט ייִדן, דאָס הייסט אַזעלכע פֿאַלן, ווען דאָס אָננעמען ייִדישקייט איז ניט פֿאַר־בונדן מיט קיין שוועריקייטן). אָט די השפּעה פֿון ייִדן האָט געשראָקן די פֿירער פֿון דער קירך אין שפּאַניע, פּונקט ווי שפּעטער די גײַסטלעכע אין גאַליע: זי האָט פֿאַרשווערט די פּראָפּאַגאַנדע פֿון קריסטנטום, האָט געשטעלט אין סכּנה די גלייביקייט פֿון די נײַע קריסטן, אונטערגעגראָבן דעם צוטרוי צו דער גײַסטלעכקייט.

אין דעם קאַמף קעגן ייִדנטום איז די שפּאַנישע קירך פֿריִער פֿאַר אַנדערע אַריבער צו אַן אָנפֿאַל־מלחמה. אָנהייב 5טן י"ה האָבן זיך געפֿונען אויף די באַלעאַרער אינדזלען מינאָרקאַ און מאַיאָרקאַ, וואָס האָבן געהערט צו שפּאַניע, ייִדישע ייִשובֿים. אין דער שטאָט מאַהאָן אויף מינאָרקע איז געשטאַנען בראָש פֿון דער ייִדישער קהילה אַ רײַכער מאַן טעאָדאָרוס, וואָס האָט געהאַט זײַן אייגנס גרויסע פּלאַנטאַציעס אויף ביידע אינדזלען און האָט פֿאַרנומען אַ בכּבֿודיקן אָרט אין דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג. דער אָרטיקער ביסקופּ ס ע וו ע ר ו ס האָט זיך פֿירגענומען אָפּצושמדן די ייִדן פֿון מאַהאָן און האָט צוליב דעם געוואָלט אויסנוצן אַ קירכלעכע פֿײַערונג, וואָס איז

אָפּגעריכט געוואָרן אויפֿן אינדזל. אין יאָר 418 האָט מען פֿון ערגעץ געבראַכט צו פֿירן די כּלומרשטע געביין פֿון דעם ערשטן קריסטלעכן מאַרטירער דעם הל׳ סטעפֿאַנוס, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין ירושלים קורץ נאָך קריסטוסעס טויט. פֿון אַלע עקן אינדזל האָבן זיך צונויפֿגעקליבן מאַסן קריסטן, כּדי אַ קוק צו טון אויף די ווונדער ווירקנדיקע געביין. האָט דער ביסקופּ סעווערוס אָן מיט אים די גאַנצע גײַסטלעכקייט גענומען אויפֿהעצן דעם המון קריסטן, זיי זאָלן זיך נוקם זײַן אָן די ייִדן דערפֿאַר, וואָס זייערע אָבֿות האָבן דערהרגעט דעם הייליקן סטעפֿאַנוס. און מען האָט באַשלאָסן צו צעשטערן די סינאַגאָגע אין מאַהאָן, און די ייִדן צו צווינגען איבער געוואַלד זיך צו שמדן. די ייִדן האָבן זיך צוגעגרייט צו באַשיצן זיך און האָבן זיך פֿאַר־פֿעסטיקט אין דער שול. אַזוי ווי די אָרטיקע קריסטן האָבן זיך ניט אײַנגע־שטעלט אָנצופֿאַלן אויף זיי, האָט דער ביסקופּ אַרויסגערופֿן צו הילף קריסטן פֿון דער שכנישער שטאָט. אָבער אויך דעמאָלט האָט דער המון מורא געהאַט אָנצופֿאַלן, ווײַל זיי האָבן געמיינט, אַז די ייִדן זײַנען באַוואָפֿנט. דעמאָלט האָט דער ביסקופּ סעווערוס דורך פֿאַלשקייט אַרײַנגעקראָגן צו זיך אייניקע ייִדן: ער האָט זיי אײַנגערעדט, אַז ער וויל האָבן מיט זיי אַ רעליגיעזן וויכּוח, אין דער אמתן האָט ער פֿון זיי אַרויסגענאַרט דעם סוד פֿון זייער פֿאַרטיידיקונג. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז אין דער סינאַגאָגע איז קיין שום געווער ניטאָ, דעמאָלט האָט ער געגעבן אַ צייכן זײַנע קריגסלײַט, און זיי זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף דער סינאַגאָגע און האָבן זי אונטערגעצונדן; די ייִדן וואָס האָבן זיך געפּרוווט ראַטעווען האָט מען געכאַפּט און געצוווּנגען זיך צו שמדן. אַ סך האָבן נאָכגעגעבן אויס שרעק פֿאַרן טויט. אַפֿילו דער ראש פֿון דער קהילה טעאָדאָרוס האָט זיך אויך געלאָזט אָפּשמדן – נאָר עס האָבן זיך געפֿונען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, באַזונדערס אַ גרופּע פֿרויען, וואָס האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ הויכן באַרג און האָבן פֿון דאָרט אַראָפּגעוואָרפֿן שטיינער אויף די אָנפֿאַלער. וועגן זײַן אויפֿטו, אַז ער האָט איבער געוואַלד אָפּגעשמדט מיט איין מאָל 540 ייִדן, האָט דער בּיסקופּ מיט אַ גדולה געלאָזט וויסן דער „גאָרער קירך” אין אַ לאַנגער מגילה, בכדי אויפֿצומונטערן די גײַסטלעכקייט אין אַנדערע ערטער, זי זאָל אים נאָכטון. עס קאָן זײַן, אַז דער ביסקופּ האָט מגזם געווען בנוגע דער צאָל געשמדטע, אָבער דער עצם פֿאַקט פֿון אַזעלכע מאַסן־שמדן איז כאַראַקטע־ריסטיש פֿאַר יענער צײַט. – אַזוי אַרום שטייען נאָך בײַם באַגינען פֿון דער געשיכטע פֿון ייִדישן קיבוץ אין שפּאַניע ווי לעבעדיקע סימבאָלן פֿון דעם וואָס דאַרף נאָך קומען צוויי געשטאַלטן: דער געזעצגעבערישער קירכן־סענאַד און דער קריגערישער ביסקופּ.

די נצחונות פֿון די וועסטגאָטן די אַריאַנער אין שפּאַניע אין 5טן יאָר־הונדערט האָבן אויף אַ צײַט אָפּגעשטעלט דעם מאַרש פֿון דעם קריגערישן קאַטוילּיציזם. די וועסטגאָטן, וואָס האָבן גלײַכצײַטיק פֿאַרנומען אַ סך מדינות פֿון גאַליע און שפּאַניע, האָבן צום סוף 5טן י"ה זיך אויף לאַנג פֿאַרפֿעסטיקט אויפֿן פּירענעיִשן האַלבאינדזל. צו די שפּאַנישע געביטן האָבן זיי צוגענומען אַ טייל פֿון דרום־גאַליע, סעפּטימאַניע אָדער די געגנט פֿון נ אַ ר ב אָ נ ע, וואָס איז געבליבן אונטער זייער ממשלה, נאָך דעם ווי די פֿראַנקען האָבן זיי אַרויסגעשטופּט פֿון דער איבעריקער גאַליע (§ 4). אין אָט דער נײַער מלוכה האָט זיך שאַרף אָנגעצייכנט דער אונטערשייד צווישן די טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג: פֿון איין זײַט רוימער אָדער ראָמאַניזירטע אײַנגעבוי־רענע, פֿון דער צווייטער זײַט די פֿריש געקומענע גאָטן, וואָס זײַנען געוואָרן די בעלי־בתּים פֿון לאַנד, דערנאָך די רוימער די קאַטוילּיקן און די וועסט־גאָטן די אַריאַנער, דאָס הייסט אַפּיקורסים פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער אָרטאָ־דאָקסיע. די קירכלעכע קאַנאָנען האָבן פֿאַרבאָטן די קאַטוילּיקן צו האָבן אַ מגע־ומשׂא מיט די אַריאַנער, און די געזעצן פֿון די גאָטישע מלכים האָבן אַ צײַט לאַנג פֿאַרבאָטן שידוכים צווישן גאָטן און רוימער. צווישן אָט די פֿײַנדלעכע עלעמענטן האָבן ייִדן גענאָסן רו אין משך פֿון אַ גאַנצן יאָרהונ־דערט, פֿון סוף 5טן ביזן סוף 6טן י"ה. די קנאים פֿון דער קאַטוילּישער קירך האָבן זיך געמוזט פֿאַרטיידיקן קעגן דעם דראַנג פֿון די הערשנדיקע „אַפּיקור־סים" און זײַנען ניט געקומען צו פֿירן מלחמה קעגן ייִדן. די וועסטגאָטן ווידער האָבן אין יענער צײַט גוט געלעבט מיט ייִדן, וואָס האָבן זיי באַטראַכט ווי שותּפֿים אין דעם קאַמף קעגן דער קאַטוילּישער גײַסטלעכקייט. די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דער נאַרבאָנער גאַליע איז געווען אַ פֿעסטער אָנשפּאַר פֿאַר דער וועסטגאָטישער מאַכט אויפֿן גרענעץ פֿון דער פֿראַנקישער מלוכה; זי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון די דאָזיקע גרענעצן קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די פֿראַנקען די קאַטוילּיקן, וואָס אויב זיי וואָלטן צוגענומען נאַרבאָנע, וואָלטן זיי דאָרט אײַנגעפֿירט אַ רעזשים פֿון רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. די ייִדן האָבן אויך געהאַט אַ גרונד צו זײַן אויפֿן צד פֿון די וועסטגאָטן אין זייער קאַמף קעגן ביזאַנץ אונטער דעם קיסר יוסטיניאַן, וואָס האָט געטשאַטעוועט אויף דער מלוכה פֿון די כּופֿרים פֿון דער זײַט פֿון אַפֿריקע.

פֿאָרמאַל איז די בירגערלעכע לאַגע פֿון ייִדן אין שפּאַניע געוואָרן רעגולירט דורך דעם קאָדעקס פֿון דעם ערשטן וועסטגאָטישן קיניג אַלאַריק II (484–507), וואָס האָט אין יאָר 506 פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אויסצוג פֿון טעאָדאָ־סיוס' קאָדעקס פֿאַר דער ראָמאַנישער באַפֿעלקערונג פֿון זײַן מלוכה (Breviarium Alarici). לויט אַלאַריקס קאָדעקס ווערן ייִדן יורידיש צוגערעכנט

צום ראָמאַנישן טייל פון דער באַפעלקערונג, נאָר עס זײַנען בנוגע זיי געבליבן אַ ריי באַזונדערע באַגרענעצונגען, אַרויסגענומען פון דעם רוימיש־ביזאַנטישן מקור (אין דעם רעכט צו האַלטן שקלאַוון, צו פאַרנעמען מלוכה־פּאָסטנס, צו בויען נײַע סינאַגאָגעס אָן אַ באַזונדער דערלויבעניש, וכדומה). פּאַקטיש אָבער זײַנען אָט די באַגרענעצונגען זעלטן ווען אָפּגעהיט געוואָרן, מחמת די אַריאַנישע מושלים זײַנען געווען פרײַ פון יענע פאָראורטיילן לגבי יידן, וואָס האָבן געווירקט אויף די קאַטוילן צו רודפן זיי. אַזוי אַרום האָט די יידישע באַפעלקערונג פון דער וועסטגאָטישער שפּאַניע כמעט אין משך פון גאַנצן 6טן י"ה געלעבט לפי ערך רויִק און געוואַקסן אין עקאָנאָמישן וווילשטאַנד. די יידישע קהילות אין דער הויפּטשטאָט טאָלעדאָ און אין אַנדערע שטעט זײַנען געוואַקסן אין צאָל, עס זײַנען באַלעבט געוואָרן די פאַרבינדונגען מיט די נאָענטע און ווײַטע צענטערס פון דער דיאַספּאָרע, און דאָס שפּאַנישע יידנטום גופא האָט זיך געגרייט צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן די דאָזיקע צענטערס... אין יענער רויִקער צײַט האָט מען קוים געקענט פאָרויסזען, אַז באַלד וועט אָנשטיין אַ צײַט, ווען די וועסטגאָטן וועלן זײַן ערגער לגבי יידן ווי די רוימער, ביזאַנטיער און פראַנקען צוזאַמען.

דאָס איז געשען אין דער רעגירונג פון דעם קיניג רעקאַרעד I (586–601), וואָס האָט געבראַכט אומגליקן אויף דער וועסטגאָטישער שפּאַניע. אונטער דער השפעה פון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט אָדער פון יענע פּאָליטיקער, וואָס האָבן געוואָלט אָפּשאַפן דעם רעליגיעזן אַנטאַגאָניזם צווישן דער ראָמאַנישער און גאָטישער באַפעלקערונג, האָט רעקאַרעד זיך אָפּגעזאָגט פון אַריאַנישן גלויבן און אַ נדר געטאָן אײַנצופעסטיקן די איינציקע קאַטוילישע רעליגיע אין לאַנד. אין מאַי 589 האָט דער קיניג פײַערלעך פראָקלאַמירט אויף דער זיצונג פון דעם דריטן קירכן־סינאָד אין טאָלעדאָ, אַז נאָך אים שטייען צו אַלע אַריאַנער צום אמתן גלויבן, און האָט גערופן די גײַסטלעכקייט צו הילף אין דער „הייליקער זאַך" צו שאַפן אַן איינהייטלעכע קאַטוילישע שפּאַניע. דער סינאָד האָט אָנגענומען דרײַ און צוואַנציק פאָרמולעס פון קללות וחרמות קעגן דער כפירה פון די אַריאַנער און האָט צוזאַמען מיטן קיניג אײַנגעשטעלט אַ ריי כללים, וואָס רעגולירן די באַציִונגען צווישן די קאַטוילן און אַנדערשגלייביקע.

בנוגע צו יידן זײַנען אָנגענומען געוואָרן אַזעלכע באַשטימונגען: אַ ייִד טאָר ניט האָבן קיין קריסטלעכע ווײַב אָדער קעפּסווײַב; אויב פון אַזאַ שידוך ווערן געבאָרן קינדער, מוזן זיי בלײַבן קריסטן; אַ ייִד האָט ניט קיין רעכט צו פאַרנעמען אַ פּאָסטן, וואָס גיט אים מאַכט צו באַשטראָפן אַ קריסט אָדער צו שאַפן איבער אים; ער האָט ניט קיין רעכט צו קויפן אַ שקלאַוו צוליב זײַן פּערזענלעכן דינסט, און אויב ער האָט שקלאַוון

„באַפלעקט מיט דער יידישער צערעמאָניע" (מל געווען), דעמאָלט איז ער מחויב זיי אַרויסצולאָזן פריי אָן אויסקויף און אומקערן זיי צוריק אין דער געמיינדע פון קריסטן. — אין די דאָזיקע באַשטימונגען איז ניט געווען קיין נייס לגבי דעם, וואָס איז געווען פריער אין דער גאָטיש-רוימישער געזעצגע-בונג; נייַ איז געווען נאָר דאָס, וואָס דאָ האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל פאַר-אייניקט די קיניגלעכע מאַכט און די קירכלעכע מאַכט אויף צו שאַפן אַ שותפישן געזעצגעבערישן אַקט. די באַשטימונגען פון דעם קירכן-סינאָד, וואָס זיינען פריער געווען אָבליגאַטאָריש נאָר פאַר גייסטלעכע, האָבן איצט, אַ דאַנק דער באַשטעטיקונג פון דעם קיניג, געקראָגן דעם באַטייט פון מלוכה-געזעצן, און דער סינאָד אין טאָלעדאָ פאַר זיך האָט געקראָגן דעם באַטייט פון אַ געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט דער רעגי-רונג. דעם פּראָטאָקאָל פון דעם דריטן סינאָד אין טאָלעדאָ האָבן געחתמעט דער קיניג און זיבעציק ביסקופן. אין דער דאָזיקער צונויפגיסונג פון דער וועלטלעכער און גייסטלעכער מאַכט האָט געשטעקט דער זוימען פון דער קומענדיקער טראַגעדיע פון יידנטום אויפן פּירענעישן האַלבאינדזל.

אין גיכן האָבן יידן געקראָגן צו שפּירן דעם דרוק פון דער דאָזיקער קירכלעך-וועלטלעכער געזעצגעבונג. די באַגרענעצונגען אין דעם רעכט צו האַלטן שקלאַוון אין אַזאַ תקופה, ווען שקלאַוון-אַרבעט איז געווען דער יסוד פון דער פאָלקסווירטשאַפט, זיינען געווען צו שטעלן בדלות די יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט אָדער מיט אַנדערע דערמיט פאַרבונדענע פּרנסות. די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען האָבן זיך געווענדט צו רעקאַרעדן מיט דער בקשה אָפּצושאַפן דעם פאַרבאָט, וואָס איז אַרויסגע-רופן נאָר דורך קירכלעכע מאָטיוון, און האָבן פאָרגעלייגט אים אויסצוצאָלן אַ גרויסע סומע. אָבער דער קיניג, וואָס איז געווען געבונדן דורך זיין שבֿועה פאַרן „הייליקן" סינאָד, האָט די יידן זייער בקשה אָפּגעזאָגט. דערפאַר האָט ער געהאַט די זכיה צו קריגן פון דעם פּויפּס גרעגאָר I אַ בריוו, ווו ער לויבט דעם שפּאַנישן קיניג פאַר זיין געטריישאַפט דער אמונה (599).

צום סוף פון יאָר 589, ווען עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער אַלגע-מיינער סינאָד אין טאָלעדאָ, איז אין נאַרבאָנע פאָרגעקומען אַ געגנט-סינאָד, וואָס האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער יידישער פראַגע. דער סינאָד האָט באַשטימט, אַז אַלע איינוווינער פון דער מדינה — די גאָטן, רוימער, סיריער, גריכן און יידן — מוזן האַלטן רו אום זונטאָג; עס איז געוואָרן פאַרבאָטן אין דעם „האַרנס טאָג" איינצושפּאַנען די אָקסן צו דער אַרבעט, און פאַר עובֿר זיין דעם פאַרבאָט האָט געקומט געלטשטראָף פאַר פריע און הונדערט שמיץ פאַר שקלאַוון. ספּעציעל פאַר יידן איז געוואָרן איינגעשטעלט אַ פאַר-באָט צו זאָגן תהלים אויף לוויות און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז זיי מוזן

אָפּהיטן דעם „אַלטן מנהג״ פֿון שטומע לוויות. די נאַרבאָנער פּראָווינץ, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בונטן באַשטאַנד פֿון איר באַפֿעלקערונג, האָט געהאַט אירע אייגענע געזעצגעבער אין דער פּערזאָן פֿון אָרטיקע ביסקופֿן און גראַפֿן, און אין דער שפּעטערדיקער צײַט האָבן די נאַרבאָנער ייִדן ניט אַלע באַדאַרפֿט פֿאָלגן דער געזעצגעבונג וואָס איז געווען גילטיק אויף יענער זײַט פּירענעען.

די איינהייט פֿון רעליגיע, וואָס איז געוואָרן דער אידעאַל פֿון די שפּאַניער זינט רעקאַרעדס צײַטן, איז בהדרגה פֿאַרווירקלעכט געוואָרן; די גאָטן האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער ראָמאַנישער באַפֿעלקערונג אין דער געאייניקטער קאַטוילישער אמונה, די אַריאַנישע כּפֿירה איז ביסלעכווײַז פֿאַרשווונדן, פֿון דעם היידנישן קולט זײַנען פֿאַרבליבן נאָר נעבעכדיקע רעשטן אין פֿאַרוואָרפֿענע דאָרפֿישע העקן. פֿעסט האָט זיך געהאַלטן די ייִדישקייט; אין איטלעכער שטאָט האָט די סינאַגאָגע געשטאָכן די אויגן די קנאים פֿון דער קירך. בײַ דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער רעליגיעזער איינהייט פֿון דער מלוכה האָט געמוזט קומען צו אַ לעצטגילטיקן צוזאַמענשטויס מיטן ייִדנטום.

דאָס איז געשען אין דער צײַט פֿון איינעם פֿון רעקאַרעדס יורשים, דעם קיניג סיזעבוט (620–612). באַלד ווי סיזעבוט האָט איבערגענומען די ממשלה, האָט ער אויפֿמערקזאַם געמאַכט די גײַסטלעכע און וועלטלעכע שׂררות דערויף, וואָס עס ווערן ניט אָפּגעהיט רעקאַרעדס געזעצן וועגן דעם, אַז ייִדן טאָרן ניט האַלטן קיין קריסטלעכע שקלאַוון, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסן דעקרעט וועגן דעם, אַז אַזעלכע שקלאַוון מוזן אַרויסגיין פֿרײַ, און אַז ייִדן טאָרן אויך ניט האַלטן קיין געדונגענע פֿרײַע קריסטלעכע באַדינערס. אין דעם נײַעם דעקרעט איז אָט די פּרט־פֿראַגע דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פֿון אַ וויכטיקער רעליגיעז־פּאָליטישער פּראָבלעמע: „דערין באַשטייט דאָך דער כּבֿוד פֿון דער ריכטיקער אמונה – שטייט דאָרט געשריבן, – אַז (דאָרט ווי זי הערשט) טאָר דער פֿאַרשאָלטענער ייִדישער אומגלויבן ניט האָבן קיין ממשלה איבער קריסטן. דעריבער באַשטעטיקן מיר מיטן איצטיקן געזעץ אויף אייביקע צײַטן, אַז פֿון דעם איצטיקן גליקלעכן ערשטן יאָר פֿון אונדזער קיניגן און ווײַטער זאָל קיין איין ייִדן ניט זײַן דערלויבט צו האָבן בײַ זיך אין דינסט אָדער אונטער זײַן רשות קיין קריסט, אַ פֿרײַען אָדער אַ שקלאַוו, אַ געדונגענעם אָדער בכלל אַן אונטערגעשטעלטן, אַלץ איינס אונטער וואָסער טיטל״. פֿון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם פּרינציפּ זײַנען אין דעם דעקרעט געמאַכט די לעצטע אויספֿירן: אַלע קריסטן, וואָס געפֿינען זיך אין שקלאַווערײַ אָדער אין דינסט בײַ ייִדן, מוזן אָדער איבערגעגעבן ווערן צו קריסטלעכע בעלי־בתּים אָדער מוזן ווערן אַרויסגעלאָזט אויף דער

פּרײַ; אַ ייִד וואָס האָט זײַן שקלאַוו מגייר געווען ווערט באַשטראָפֿט מיט טויט און זײַן אייגנס ווערט קאָנפֿיסקירט; ווען עמעצער פֿון די קינדער פֿון דעם באַשטראָפֿטן וועט וועלן אָננעמען די „הייליקע אמונה", קריגט ער אַ געוויסע צאָל שקלאַוון וואָס ווערן אָפּגענומען בײַ זײַנע עלטערן לויט דעם חלק ירושה וואָס קומט אים אַרויס; בכלל, ווען אַ ייִד נעמט אָן די קאַטוילישע אמונה און „רייניקט זיך אָפּ אין דעם וואַסער פֿון הייליקן טויפֿבעקן", ווערט ער באַפֿרײַט פֿון אַלע רעכטלעכע באַגרענעצונגען. צום סוף פֿון זײַן דעקרעט פֿאַרשווערט סיזעבוט זײַנע יורשים, די קומענדיקע מלכים פֿון שפּאַניע, זיי זאָלן גיין אין זײַנע וועגן פֿון קאַמף קעגן אומגלויבן, און סטראַשעט מיט די עינויים פֿון גיהנם אַלע וואָס וועלן עובֿר זײַן אויפֿן דעקרעט.

לויט דעם גאַנצן טאָן פֿון דעם דעקרעט איז געווען קענטיק, אַז דאָס איז נאָר אַן אָפֿיציעלער אַרײַנפֿיר צו אַ מער אַנטשיידנעם פּאָליטישן אַקט. דער קאַמף קעגן דער ייִדישער שקלאַוון־האַלטערײַ איז געווען ניט מער ווי אַ מיטל צו ווירקן אויף די פֿאַרמעגלעכע ייִדן, וואָס האָבן געקאָנט פֿאַרלירן זייער פֿאַרמעגן, ווען זיי וועלן ניט האָבן קיין אַרבעטסהענט, זיי זאָלן זײַן געצוווּנגען זיך צו שמדן און אַזוי אַרום בלײַבן בײַ זייער עשירות. היות אָבער ווי דער מיטל האָט ניט געהאָלפֿן אָדער ער האָט צוגעצויגן צו דער קירך נאָר ווינציק פֿון די גבֿירים, האָט סיזעבוט באַשלאָסן אָנצווענדן אַ פּשוטערן מיטל, וואָס איז געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין יענער תּקופֿה, ווען מען האָט געטויפֿט איבער גוואַלד גאַנצע מאַסן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל (אין יאָר 613), אַז די ייִדן וואָס ווילן ניט אָננעמען דעם קריסטנטום מוזן פֿאַרלאָזן שפּאַניע. דאָס איז געווען אַ שווערער נסיון פֿאַר די שפּאַנישע ייִדן. אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָט ניט געהערט צום האַנדלסקלאַס, נאָר זיי זײַנען געווען צוגעבונדן צו דער ערד, צו פּלאַנטאַציעס, צו פֿאַרשיידענע צווײַגן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט; אַזעלכע מענטשן האָבן ניט געקאָנט אַוועקוואַרפֿן זייער אייגנס און זיך לאָזן אין דער וועלט אַרײַן וואַנדערן אָן מיטלען צו לעבן. און אַ סך פֿון זיי האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרשטעלן זיך: זיי האָבן לפּנים אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה מיט דעם מיין בשתיקה אָפּצוהיטן די דינים פֿון זייער רעליגיע און זיך ווידער עפֿנטלעך אומצוקערן צו איר, ווי נאָר די רדיפֿות וועלן אויפֿהערן — אַנדערע ווידער, וואָס זײַנען געווען פֿעסטער גײַסטיק אָדער מער באַוועגלעך לויט זייער פּראָפֿעסיע, האָבן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד פֿון געוואַלד און האָבן זיך אַריבערגעקליבן צום גרעסטן טייל אין דער שכנישער מלוכה פֿון די פֿראַנקען, פֿון וואַנען דער קיניג דאַגאָבערט האָט אין גיכן זיי אויך גענומען טרײַבן (§ 5). אַ טייל פֿון די עמיגראַנטן ווידער זײַנען אַוועק אין די שכנישע מדינות פֿון צפֿון־אַפֿריקע [1].

1 דער העכסטער פֿאַרשטייער פֿון דער דעמאָלטיקער שפּאַנישער גײַסטלעכקייט, דער

די דאָזיקע געשעעניש איז געווען דער אָנהייב פון גרויסע צרות פאַר די ייִדן אין שפּאַניע אין דער שפּעטערדיקער צײַט. אין דעם מאָמענט אָבער און אין דער נאָענטסטער צײַט האָט מען משמעות ניט אַרויסגעשפּירט דאָס אומגליק, וואָס איז געשען. די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשמדט כּדי אויסצומײַדן די פאַרטרײַבונג פון לאַנד, האָבן בײַ זיך אין האַרצן זיך געהאַלטן פאַר ייִדן און האָבן נאָר אַרויסגעקוקט אויף דער שעת־הכּושר, ווען מען וועט קאָנען אַראָפּוואַרפן די מאַסקע פון דער אויפגעצוווּנגענער רעליגיע. אַזאַ מאָמענט איז אין גיכן אָנגעשטאַנען. נאָך סיזעבוטס קורצער רעגירונג איז די מאַכט אַריבער צום מוטיקן קריגסהויפּטמאַן סווינטילאַ (631–621), וואָס האָט געקלערט מער וועגן די אינטערעסן פון דער מלוכה ווי וועגן דער קריגערישער קירך. מען האָט באַדאַרפט פאַרזיכערן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט פון שפּאַניע קעגן די פּרעטענזיעס פון דעם ביזאַנטישן קיסר העראַקליוס און באַזײַטיקן די אינעווייניקסטע מחלוקות, וואָס זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם אינטערעסן־קאַמף צווישן די וועלטלעכע און גײַסטלעכע שׂררות. אַט די צוויי אויפגאַבעס האָט דער קיניג סווינטילאַ זיך גענומען אויספירן מיט הצלחה. אים האָט זיך אײַנגעגעבן עטוואָס אָפּצושוואַכן דעם דרוק פון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט, און די איבער געוואַלד געוואָרענע קריסטן האָבן געקראָגן די מיגלעכקייט זיך אומצוקערן צו זייער פריִערדיקער רעליגיע.

די געדריקטע האָבן סווינטילאַן אָנגערופן „פאָטער פון פאָטערלאַנד", נאָר די אונטערדריקער איז ער ניט געפעלן געווען, און די אַריסטאָקראַטיע האָט אים מיט דער הילף פון דער גײַסטלעכקייט אַראָפּגעזעצט פון טרוין.

ביסקופ פון סעווילי‎אַ איסידאָר (Hispalensis) שאַצט אַזוי אָפּ דעם אויפטו פון קיניג סיזעבוט: „אין אָנהייב פון זײַן רעגירונג האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס התמדה אין באַקערן די ייִדן צום קריסטלעכן גלויבן, אָבער ער האָט דאָס געטאָן ניט מיט שׂכל, ווײַל ער האָט געצווונגען איבער געוואַלד יענע, וואָס מען האָט זיי באַדאַרפט צוציִען מיטן גײַסט פון גלויבן. אָבער עס שטייט דאָך געשריבן, אַז קריסטוסן איז מען מבֿשׂר אָדער לויט אַ צופאַל אָדער לויטן אמת" (Historia Gothorum, № 60). אין דעם לעצטן זאַץ איז פאַראַן אַן אָפּשיק צו די ווערטער פון דעם אַפּאָסטאָל פּוילוס אין זײַן בריוו צו די פיליפּיער (18,1): „נאָר וואָס איז דערפון געדרונגען? אַלץ איינס ווי מען בענטשט קריסטוסן, לפּנים וועגן אָדער אויפריכטיק, איך בין צופרידן אויך דערמיט". דער ראש פון דער קריסטלעכער קירך אין שפּאַניע איז בלי ספק געווען צופרידן מיט דעם געשעענעם פאַקט. אין זײַן גײַסט האָט שפּעטער געווירקט דער סינאָד אין טאָלעדאָ פון יאָר 633, ווו דער זעלביקער איסידאָר איז געווען פאָרזיצער (ז' ווײַטער, § 7). — כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין זײַן „כראָניק" פאַרצייכנט איסידאָר פון סעווילי‎אַ בקיצור: „די ייִדן אונטערטאַנען פון זײַן קיניגרײַך האָט ער (סיזעבוט) באַקערט צו קריסטוסעס גלויבן" (Chronica, 416). אין דער הוספה צו איסידאָרס „כראָניק" שטייט, אַז „סיזעבוט האָט באַקערט צו קריסטוסעס גלויבן די ייִדן, חוץ יענע, וואָס זײַנען אַנטלאָפן געוואָרן צו די פראַנקען". זע צום סוף פון דעם באַנד אין דער ביבליאָגראַפיע צו די §§ 6—8.

זינט יענער צײַט זײַנען ווידער אויפֿן קיניגלעכן שטול אין שפּאַניע געזעסן מענטשן, וואָס פֿאַר זיי זײַנען די אינטערעסן פֿון דער מלוכה געווען איינס מיט די אינטערעסן פֿון דער קירך און וואָס האָבן געשטרעבט נאָר צו איין ציל – אײַנצושטעלן די איינהייט פֿון אמונה אין דער וועסטגאָטישער שפּאַניע.

§ 7. די צרות פֿון ייִדן אין שפּאַניע אונטער דער ממשלה פֿון די קירכלעכע סינאָדן

נאָך אין 18טן י״ה האָט מאָנטעסקיע געשילדערט דעם רעזשים פֿון דער וועסטגאָטישער שפּאַניע מיט די ווערטער [1]: „די ביסקופֿן האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע מאַכט בײַם הויף פֿון די וועסטגאָטישע מלכים, די וויכטיקסטע ענינים פֿלעגן ווערן באַשטימט דורך די קירכלעכע סינאָדן. דעם וועסטגאָטישן קאָדעקס האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען אַלע כּללים, פּרינציפּן און השקפֿות פֿון דער איצטיקער אינקוויזיציע, [2] און די שפּעטערדיקע מאָנאַכן האָבן נאָר קאָפּירט די געזעצן קעגן ייִדן, וואָס עס האָבן צונויפֿגעשטעלט די ביסקופֿן פֿון יענע צײַטן... די געזעצן פֿון די וועסטגאָטישע מלכים זײַנען קינדערשע, אומגעלומפּערטע, אידיאָטישע מאַכערײַקעס". די דאָזיקע אידיאָטישע געזעצן זײַנען אָבער ניט געווען קיין ווערק פֿון אידיאָטן, נאָר גיכער פֿון מאַניאַקעס, וואָס זײַנען געווען משוגע אויף איין זאַך, אויפֿן פּרינציפּ: איין רעליגיע אין אַ געאייניקטער מלוכה. דער גאַנצער מלוכה־סדר אין דער דעמאָלטיקער שפּאַניע איז געשטאַנען אויף דעם יסוד, אַז די מלוכה מוז אין גאַנצן זיך אונטערגעבן אונטער דעם אויטאָריטעט פֿון דער קירך. די מלכים זײַנען געוואָרן געקליבן, און קלײַבן פֿלעגן זיי די וועלטלעכע און גײַסטלעכע שׂררות, און היות ווי די גראַפֿן, די מיליטערישע און ציווילע שׂרים, וואָס פֿון צווישן זיי פֿלעגט דער קיניג ווערן אויסגעקליבן, האָבן זיך געטיילט אויף פּאַרטייען, וואָס איטלעכע פֿון זיי האָט געהאַט איר קאַנדידאַט, בכן פֿלעגט געווינטלעך מנצח זײַן יענע פּאַרטיי, וואָס אויף איר צד איז געשטאַנען די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט, וואָס איז געווען געאייניקט אין איר ווילן און אין אירע שטרעבונגען. דער אויסגעקליבענער קיניג האָט געמוזט זיך אָנשפּאַרן אויף דער גײַסטלעכקייט, וואָס איר האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען די קרוין. דער העכסטער ראַט פֿון דער קירך, דער סינאָד פֿון די ביסקופֿן אין טאָלעדאָ, איז געוואָרן דער פּאַרלאַמענט פֿון דער מלוכה. דאָרט פֿלעגט דער נײַ אויסגעקליבענער קיניג לייענען זײַן טרוינרעדע, אָוועקשטעלן צום באַטראַכטן געזעץ־פּראָיעקטן און אונטערחתמען באַשטימונגען צוזאַמען מיט די ביסקופֿן.

---

[1] De l'esprit des lois, livre 28, chap. 1.

[2] אין 18טן י״ה האָט די שפּאַנישע אינקוויזיציע נאָך אָפֿיציעל פֿונקציאָנירט.

עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ פֿעסטער טעאָקראַטישער רעזשים, געשטיצט אויף דער טובֿת=הנאה פֿון ביידע צדדים: דער קיניג האָט זיך געהאַלטן פֿאַר דעם שוץ פֿון דער קירך, און די קירך האָט אונטערגעהאַלטן יענע מלכים, וואָס האָבן דורכגעפֿירט אין גאַנצן איר פּאָליטיק. קרבנות פֿון דער דאָזיקער פּאָליטיק זײַנען געווען דער עיקר די ייִדן.

סוף 633 האָט דער קיניג סיזענאַנט, דער געוועזענער שטאַטהאַלטער פֿון נאַרבאָנע, וואָס אים האָט דאָס דער פֿרײַדענקערישער סווינטילאַ געמוזט אָפּטרעטן די ממשלה, צונויפֿגערופֿן דעם פֿערטן סינאָד אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער מלוכה, אין טאָלעדאָ. אין דעם סינאָד האָבן גענומען אָנטייל 62 ביסקופֿן אונטערן פֿאָרזיץ פֿון דעם הל׳ איסידאָר פֿון סעוויליאַ, דעם כראָניק=שרײַבער פֿון יענער צײַט. פֿאַרן עפֿענען די זיצונגען האָט דער קיניג מיט יראת=הכּבֿוד זיך געשטעלט אויף די קני פֿאַרן ביסקופּ און האָט מיט טרערן געבעטן זײַן ברכה; ער האָט אויך געבעטן, עס זאָלן באַשטעטיקט ווערן די פּריווילעגיעס פֿון דער קירך און די „אַלטע קאַנאָנען". פֿאַרשטייט זיך, אַז די מיטגלידער פֿון סינאָד האָבן מיט גרויס חשק אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג פֿון דעם פֿרומען קיניג און האָבן אין 75 קאַנאָנען אײַנגעשטעלט אַ פֿולע קאָנסטיטוציע פֿון אַ טעאָקראַטיע. קודם=כּל האָט מען באַשטימט אַזעלכע וויכטיקע ענינים, ווי די פֿראַגע צי זאָל מען בײַם טויפֿן אָפּטובֿלען איין מאָל אָדער דרײַ מאָל, פֿאַרשיידענע פּרטים פֿון דעם ריטוס בײַם גאָטדינסט און די אָרגאַניזאַציע פֿון דעם קלער, דערנאָך זײַנען געקומען צען קאַנאָנען וועגן ייִדן. פֿאַרן סינאָד איז געשטאַנען די ערנצטע פֿראַגע: וואָס זאָל מען טון מיט יענע, וואָס זײַנען אין סיזעבוטס צײַט געוואָרן איבער געוואַלד געשמדט און וואָס האָבן אין סווינטילאַס צײַט זיך אומגעקערט צו זייער פֿריִערדיקן גלויבן? און די פֿרומע געזעצגעבער האָבן פֿאַרענטפֿערט די פֿראַגע זייער קונציק: „להבא דאַרף קיין איין ייִד ניט געצוווּנגען ווערן אָנצונעמען קריסטנטום... (דערבײַ ווערן אַרויסגעזאָגט פֿײַנע סבֿרות, אַז מען מוז צוציִען מענטשן צו דער קירך ניט מיט כּוח, נאָר מען דאַרף ווירקן אויף דעם פֿרײַען ווילן). אָבער יענע, וואָס זײַנען אונטער דעם פֿרומען מושל סיזעבוט געווען געצוווּנגען צו שמדן זיך און זײַנען צוגעלאָזן געוואָרן צו די קירכלעכע מיסטעריעס, זײַנען מחויבֿ צו בלײַבן קריסטן". און דער זעלביקער סינאָד, וואָס האָט אָקאָרשט געפּסלט יעטווידן צוואַנג איבערן געוויסן פֿון גלייביקע, באַשליסט אָנצווועדן אַ ריי שווערע צוואַנגמיטלען בנוגע יענע קרבנות פֿון סיזעבוטס גוואַלד=מעשׂים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו זייער פֿריִערדיקן גלויבן. פֿאַר אָט די, וואָס האָבן שוין געליטן פֿון צוואַנג, האָט דער סינאָד מיטן קיניגס הסכּם אײַנגעשטעלט אַ גאַנצע סיסטעם פֿון אינקוויזיציע=מיטלען: איטלעכער ביסקופּ האָט דאָס רעכט צו פֿאָדערן, אַז זיי זאָלן האַלטן די קריסט=

לעכע אמונה; בײַ די וואָס פֿאָלגן ניט ווערט אָפּגענומען זייער פֿאַרמעגן; אויב זיי האָבן געמלט זייערע זין, נעמט מען די קינדער אָפּ בײַ זיי, און אויב זיי האָבן געמלט שקלאַוון, גייען די שקלאַוון אַרויס פֿרײַ. בכלל ווען עס שמדן זיך קינדער, און די עלטערן בלײַבן ייִדן, דעמאָלט דאַרף מען די קינדער אָפּנעמען בײַ די עלטערן און אָפּגעבן אויף האָדעווען אָדער אין אַ מאָנאַסטיר אָדער אין אַ משפּחה פֿון פֿרומע קריסטן, אָבער עס בלײַבט בײַ זיי דאָס רעכט אויף זייער חלק ירושה, נאָכן פֿאָטערס טויט. אַ ייִד וואָס האָט חתונה מיט אַ קריסטין מוז זיך שמדן, און אויב ער וויל ניט, מוז ער זיך גטן מיט איר און אָפּלאָזן זי צוזאַמען מיט די קינדער. ווען אַ ייִדישע פֿרוי לעבט מיט אַ קריסט, און די פֿרוי וויל זיך ניט שמדן, דעמאָלט ווערט דער שידוך בטל, און די קינדער בלײַבן בײַם פֿאָטער. ייִדן וואָס האָבן זיך געשמדט און האָבן זיך דערנאָך אומגעקערט צו זייער אַלטן גלויבן, פֿאַרלירן דאָס רעכט צו זאָגן עדות פֿאַרן געריכט, „וואָרעם עס קאָן ניט זײַן אמתדיק לגבי מענטשן יענער, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פֿעלשער אַנטקעגן גאָט" – דאָס איז באַשײַמפּערלעך שייך נאָר צום קריסטלעכן גאָט, וואָרעם די פֿריִערדיקע פֿעלשונג לגבי דעם ייִדישן גאָט פּסלט דעם משומד ניט פֿאַר אַן עדות. עס ווערט פֿאַרבאָטן יעטווידער פֿאַרקער צווישן משומדים און ייִדן. בנוגע צו ייִדן וואָס ווען זיך ניט שמדן בלײַבן גילטיק די פֿריִערדיקע באַגרענעצונגען: זיי טאָרן ניט פֿאַרנעמען קיין עפֿנטלעכע אַמטן, זיי טאָרן ניט האַלטן קיין קריסטלעכע שקלאַוון אאַז״וו. אין דער אויסלאָז־באַשטימונג פֿון דעם סינאָד האָט די גײַסטלעכקייט פֿאַרפֿעסטיקט איר פּאָליטישע פּאָזיציע אויף דער קומענדיקער צײַט: נאָכן קיניגס טויט ווערט זײַן יורש אויסגע־קליבן דורך די „ראשים פֿון פֿאָלק צוזאַמען מיט די ביסקופֿן".

אַזוי אַרום האָט דער פֿערטער סינאָד אין טאָלעדאָ, וואָס קאָן, פּונקט ווי דער סינאָד אין רעקאַרעדס צײַט, אָנגערופֿן ווערן אַ קאָנסטיטוציאָנעלער סינאָד, אײַנגעשטעלט די באַציִונג פֿון דער מלוכה צו צוויי קאַטעגאָריעס ייִדן: 1) די עכטע ייִדן, וואָס האָבן קיין מאָל זייער גלויבן ניט געביטן – לגבי זיי זײַנען גילטיק די געוויינטלעכע באַגרענעצונגען אין רעכט, וואָס דאַרפֿן זיי אָפּזונדערן פֿון דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט; 2) יענע ייִדן, וואָס האָבן אויס מורא פֿאַר געוואַלד־מעשׂים לפּנים זיך געשמדט – זיי ווערן גערודפֿט שוין ניט ווי ייִדן, נאָר ווי קריסטן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּפֿירן פֿון רעכטן וועג און נעמען אָן די ייִדישע כּפֿירה, זיי זײַנען judaizantes, יודאַיִזירנ־דיקע. אָט די קריגספֿאַנגענע פֿון דער קריגערישער קירך האָט דער סינאָד צוגעפֿעסטיקט צו איר, געמאַכט זיי פֿאַר קנעכט פֿון דער קאַטוילישער גײַסט־לעכקייט, און אומדירעקט פֿאַר אירע ציגנזצאָלערס. וואָרעם פֿאַר אָט די פֿאַרשקלאַוטע נשמות איז נאָך פֿאָרט געבליבן אַן אויסגאַנג פֿון דער שרעק־

לעכער לאַגע: מיט געלט האָבן זיי געקאָנט זיך אויסקויפֿן בײַ זייערע האַרן. געלטגייַציקע ביסקופֿן, גלחים און וועלטלעכע אַדמיניסטראַטאָרס פֿלעגן נעמען בײַ פֿאַרמעגלעכע ייִדן גרויסע מתּנות און פֿלעגן צודריקן אַן אויג אויף אַלע זייערע חטאים קעגן די סינאָדאַלע קאַנאָנען. דער זעלביקער סינאָד אין טאָלעדאָ, וואָס האָט אײַנגעשטעלט די אויבן געבראַכטע קאַנאָנען, האָט אין איינעם פֿון זײַנע באַשטימונגען אַרויסגעזאָגט אַ טאַדל קעגן יענע גײַסטלעכע און וועלטלעכע שׂררות, וואָס „נעמען בײַ ייִדן מתּנות און האַלטן זיי אונטער מיט זייער שוץ"; דער סינאָד רופֿט אָן אַזעלכע שוחד־נעמערס „אַנטיקריסטן" און סטראַשעט זיי מיט אַ חרם, „ווײַל מען מוז אָפּשנײַדן פֿון קריסטוסעס קערפּער יענעם, וואָס איז געוואָרן אַ באַשיצער פֿון קריסטוסעס שׂונאים". די שוחד־נעמערס צווישן די שׂררות, וואָס זײַנען געזעסן אין דעם סינאָד, האָבן מסתּמא אויפֿריכטיק אונטערגעהאַלטן די דאָזיקע החלטה, און דערבײַ געטראַכט בײַ זיך: אונדז וועט מען אין חרם ניט אַרײַנלייגן, אָבער הכּנסה וועט פֿון דעם צוקומען, ווײַל וואָס שטרענגער עס זײַנען די געזעצן קעגן ייִדן און וואָס גרעסער עס איז די ריזיקע זיי צו באַשיצן, אַלץ מער וועלן זיי צאָלן.

דער אָנפֿירער פֿון דעם פֿערטן סינאָד אין טאָלעדאָ, איסידאָר, אַרצי־ביסקופּ פֿון סעוויליאַ, האָט געפּרוּווט צו צעקלאַפּן ייִדישקייט אויך אין ליטעראַרישער פּאָלעמיק. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך „קעגן ייִדן" (De fide catholica ex Vetere et Novo Testamento contra Judaeos), ווו ער ווײַזט אויף די טעותן פֿון דער ייִדישע אמונה דורך די סקאָרבאָווע אײַנטײַ־טשונגען פֿון פּסוקים אין גײַסט פֿון די קירכן־פֿאָטערס. אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פֿון די רעליגיעזע וויכּוחים, וואָס זײַנען דעמאָלט געפֿירט געוואָרן אין שפּאַניע צווישן ייִדן און קריסטן. באַווײַזנדיק, אַז דער פּסוק אין יעקבֿס ברכה „לא יסור שבֿט מיהודה" איז געמיינט ניט אין פּאָליטישן זינען, נאָר אין קירכלעכן, פֿרעגט איסידאָר אָפּ די טענות פֿון די ייִדישע בעלי־וויכּוח, וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז נאָך גאָר ניט לאַנג האָט עקסיסטירט אַ ייִדישע מלוכה אין ווײַטן מזרח, דערמיט האָבן זיי געמיינט די מלוכה פֿון די כימיאַריטן אין דרום־אַראַביע, וואָס די עטיאָפּער האָבן צעשטערט אין 6טן י"ה [1].

דער קיניג כינטילאַ (636–640) האָט אָנגעהויבן זײַן רעגירונג מיט אַן אַקט פֿון פֿרומקייט: מיט רודפֿן די „יודאַיִזירנדיקע". אין זײַן רעדע אויפֿן זעקסטן סינאָד אין טאָלעדאָ האָט ער צוגעזאָגט „אויסצוּוואָרצלען די פֿאַלשקייט און די פֿאַראורטיילן פֿון די יודאַיִזירנדיקע צווישן די נײַ־קריסטן" און האָט אַרויסגעזאָגט די האָפֿענונג, אַז מיט דער צײַט וועט אין דער מלוכה

1 וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, מזרח־פּעריאָד, ב' III, § 52.

ניט בלײַבן קיין איין ניט־קאַטוליק.[1] דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אין התפּלות די ביסקופּן, וואָס זײַנען געזעסן אין סינאָד, און זיי האָבן באַשאָנקען דעם קיניג מיטן טיטל „דער קריסטלעכסטער פּירשט" (christianissimus princeps). דערבײַ איז געוואָרן אײנשטימיק באַשלאָסן, אַז להבא מוז איטלעכער קיניג בײַם אַרויפגיין אויפן טראָן אַרײַננעמען אין זײַן שבועה אַ פּונקט וועגן דעם, אַז ער וועט אָפּהיטן אַלע סינאָדאַלע קאַנאָ־נען, וואָס זײַנען געווענדט קעגן יידן. דער וואָס וועט עובֿר זײַן אויף דער דאָזיקער שבֿועה ווערט באַשטראָפט מיט אַ חרם פאַר גאָט און מיט אייביקע עינויים אין גיהנם. צום סוף האָט דער סינאָד באַשטעטיקט די גאַנצע אַנטי־יידישע קאָנסטיטוציע, וואָס עס האָט געהאַט פריִער אָנגענומען דער פערטער טאָלעדער סינאָד.

די נײַע באַשלוסן פון דעם סינאָד און פון קיניג האָבן אַרײַנגעבראַכט אין יאוש די געשמדטע יידן. מחמת דעם האָט אַ גרופּע משומדים, וואָס האָבן אָנגעוואָרן יעדע האָפענונג זיך אומצוקערן צוריק צו יידישקייט, באַשלאָסן אײַנצוקויפן זיך רו דורך אַ פרישן אָפּנאַר. זיי האָבן דערלאַנגט דעם קיניג און די ביסקופּן אַן אָפּיציעלע מעלדונג, ווו זיי זאָגן צו להבא צו זײַן גוטע קריסטן. אין דעם דאָזיקן חרטה־בריוו (Placitum) דערקלערן די משומדים: אַז זיי גלייבן אין איין גאָט און אין דער הייליקער דרײַ־אייניקייט, און הגם זיי זײַנען אַ ביסל פריִער ווידער אַ מאָל אַרײַנגעפאַלן אין טעות, נאָר איצט אָנערקענען זיי יעזוס קריסטוסן פאַרן אויסלייזער, וואָס אים האָבן אָנגעזאָגט די תורה און די נביאים; אַז זיי זײַנען גרייט להבא, נאָך דעם ווי זיי זײַנען פרײַ געוואָרן פון דעם טײַוולס נעץ, צו פאָלגן די געזעצן און כּללים פון דער קירך; זיי וואַרפן אַוועק די מנהגים און די זאַבאַבאָנעס פון די יידן, ווי שבת און מילה, זיי פאַרמיאוסן די סינאַגאָגע, און וועלן ווײַטער לעבן און עסן צוזאַמען מיט קריסטן, חוץ דער שפּײַז, וואָס איז זיי דערווידער ניט לויטן רעליגיעזן פאָראורטייל, נאָר לויט דעם נאַטירלעכן עקל; זיי וועלן ניט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט יידן און וועלן זיך מיט זיי ניט משדך זײַן;

---

1 דווקא אין דעם דאָזיקן זינען, ד"ה ווי אַ „פרומען ווונטש", דאַרף מען אויסטײַטשן דעם 3טן קאַנאָן פון 6סטן סינאָד, ווי עס שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קיניגס דערקלערונג: ‚Nec sini degere in regno suo eum qui non est catholicus — וואָס אַ סך האָבן דאָס אָנגענומען ווי אַ החלטה באַלד אַרויסצוטרײַבן פון לאַנד אַלע ניט־קאַטוליקן. עס איז אָבער שווער אָנצונעמען, אַז דער סינאָד פון יאָר 638 זאָל האָבן באַשלאָסן איבערצוחזרן סיזעבוטס פרווו אויסצושמדן די יידן איבער געוואַלד, וואָס דער סינאָד פון יאָר 633 האָט אין פרינציפּ געהאַלטן פאַר פאַלש. רעדן רעדט זיך דאָ וועגן אַ נײַעם דרוק אויף די משומדים, אויף די „יודאַיזירנדיקע", וואָס ווערן אין די אַקטן אָפּט צונויפגעמישט מיט „יידן". דאָס איז צו זען פון דעם „Placitum" וואָס זיי האָבן דערלאַנגט דעם קיניג, און וואָס וועגן דעם וועט זײַן די ריד שפּעטער.

זיי זײַנען גרייט צוצושטעלן דעם סינאָד אַלע ייִדישע שריפֿטן, סײַ די „דויטעראַ" (משנה און תּלמוד) סײַ די אַפּאָקריפֿן; איטלעכן ווער עס וועט עובֿר זײַן אויף די דאָזיקע הבֿטחות וועלן זיי איבערגעבן אין די הענט פֿון די קיניגלעכע באַאַמטע, ריכטער אָדער ביסקופּן.

אַ קורצע רו־פּויזע האָבן ייִדן געהאַט בעת דער רעגירונג פֿון הינדאַס־ווינט (642–649), וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו דער מאַכט נאָך אַ לאַנגן בירגערקריג, קעגן דעם ווילן פֿון אַ גרויסן טייל פֿון דער גײַסטלעכקייט. דער דאָזיקער קיניג האָט זיך ניט געחנפֿעט צום קירכלעכן פּאַרלאַמענט אין טאָלעדאָ און האָט אים ניט געגעבן קיין שבֿועה מכּוח עוקר מן השורש זײַן ייִדישקייט. ער האָט משמעות ניט געשטערט אומצוקערן זיך אין די ייִדישע קהילות די וואָס זײַנען איבער גוואַלד געשמדט געוואָרן, ער האָט אָבער שטרענג באַשטראָפֿט יענע וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן קריסטן און זײַנען שפּעטער אַריבער צום ייִדישן גלויבן. לויט דעם געזעץ וועגן די „יודאַיזירנ־דיקע קריסטן", וואָס הינדאַסווינט האָט אַרויסגעגעבן, האָט איינער וואָס איז געבאָרן געוואָרן פֿון קריסטן, און מען האָט דערוויזן, אַז ער האָט זיך געמלט און אָפּגעהיט די ייִדישע דינים, געדאַרפֿט ווערן באַשטראָפֿט מיט טויט, וואָרעם די שטראָף האָט געדאַרפֿט זײַן צוגעפּאַסט צו דעם „שרעקלעכן, מיאוסן פֿאַרברעך". דאָס איז מן הסתּם געווען שייך אויך צו די קינדער פֿון פֿריִער געשמדטע ייִדן, וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן אין קריסטנטום, וואָרעם אין יענער צײַט איז שוין אונטערגעוואַקסן אַ צווייטער דור באַהאַלטענע ייִדן, די זין און טעכטער פֿון די וואָס האָבן זיך געשמדט אין יאָר 613.

די אונטערדריקונג פֿון ייִדן און די רדיפֿות אויף משומדים איז געוואָרן אײַנגעפֿירט ווי אַ סיסטעם אונטער דער רעגירונג פֿון דעם קיניג דעם פֿאַ־נאַטיקער רעצעסווינט (649 – 672). אין זײַן רעדע, וואָס ער האָט געלייענט אויף דער זיצונג פֿון דעם אַכטן סינאָד אין טאָלעדאָ (דעצעמבער 653), האָט דער נײַער קיניג געזאָגט וועגן ייִדן אָט וואָס: „איך קום אײַך צו מעלדן וועגן דעם לעבן און די מידות פֿון די ייִדן, וואָרעם מיר איז באַוווּסט, ווי ווײַט דאָס פֿון מיר רעגירטע לאַנד איז באַפֿלעקט פֿון דער דאָזיקער פּלאָג... אין דער צײַט ווען דער אַלמעכטיקער גאָט האָט אויסגעוואָרצלט אין אונדזער לאַנד אַלע מינים כּפֿירה, איז געבליבן נאָר אָט די איינע גאָט־לעסטערונג, וואָס קאָן אָדער ווערן פֿאַרריכט דורך דער שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון אונדזער פֿרומקייט, אָדער פֿאַרטיליקט דורך דעם שטעקן פֿון נקמה. צווישן זיי (די ייִדן) זע איך, ווי איינע האַלטן זיך פֿאַר די טעותן פֿון אַ פֿאַרעלטערטער טראַדיציע און פֿאַר געזעצן פֿון אומגלויבן, און אַנדערע, אויסגעלייזט דורך דעם וואַסער פֿון הייליקן טויף, זײַנען צו מײַן באַדויערן אַזוי אײַנגעזונקען אין זינד פֿון כּפֿירה, אַז די גאָט־לעסטערונג אין זיי ברענגט אַרײַן נאָך מער

אין צאָרן, ווי אין יענע, וואָס זײַנען נאָך ניט אויסגעלײַטערט דורכן באַלעבנדיקן הײליקן וואַסער. דעריבער, איר בכּבֿודיקע און לויטערע, באַשווער איך אײַך, אַז איר זאָלט אַרויסטראָגן אַן אויפֿריכטיקע און אמתדיקע החלטה, וואָס פּאַסט פֿאַר גאָט און פֿאַר מײַן גלויבן, ניט צו לאָזן זיך אָפּווענדן דורך אַ פּניה אָדער דורך הבֿטחות פֿון זייער (די ייִדנס) זײַט, צום כּבֿוד פֿון מײַן האַר און אויסלייזער יעזוס קריסטוס. זאָל גאָט, וואָס האָט מיר געגעבן די מאַכט צווישן די גלייביקע, וואָס מיט זיי גרייס איך זיך, מיך מזכּה זײַן אַרויסצוצײַען נוצן (פֿאַר דעם אמתן גלויבן) פֿון די אומגלייביקע". דער רעזולטאַט פֿון אָט דער דרשה איז געווען, וואָס דער אַכטער סינאָד האָט באַשטעטיקט אַלע שטרענגע געזעצן פֿון דעם פֿערטן סינאָד קעגן די כּלומרשטע קריסטן, און זיי, די משומדים, וואָס האָבן זיך איבערגעשראָקן פֿאַר די שווערע נסיונות וואָס שטייען זיי פֿאָר, האָבן ווידער אַ מאָל דערלאַנגט דעם קיניג אַ תּשובֿה-בריוו און האָבן געמאָלדן זייער אונטערטעניקייט דער קירך (מערץ 654).

דאָס נײַע Placitum, געחתמעט פֿון אַ גרופּע משומדים „פֿון די ייִדן פֿון דער שטאָט טאָלעדאָ" (ex hebraeis Toletanae civitatis; אין אַ צווייטן טעקסט איז צוגעגעבן: et Hispaniae), האָט אין זיך אַזעלכע שאַרפֿע אַליין-באַשולדיקונגען, אַז מען מעג משער זײַן, אַז די ביסקופֿן האָבן אַ חלק אין צונויפֿשטעלן דעם דאָזיקן אַקט. „אונדזער עקשנותדיקער אומגלויבן און די אײַנגעגעסענע טעותן פֿון די אָבֿות האָבן אונדז אַזוי באַוועלטיקט, אַז מיר האָבן ניט געקאָנט מיט אַן אמת גלייבן אין דעם האַר יעזוס קריסטוס און אויפֿריכטיק האַלטן די קאַטוילישע רעליגיע. איצט אָבער גיבן מיר מיטן גוטן ווילן אַ צוזאָג פֿאַר זיך, פֿאַר אונדזערע ווײַבער און קינדער, אַז להבא וועלן מיר ניט נעמען קיין אָנטייל אין קיין שום ייִדישע צערעמאָניעס און מנהגים, מיר וועלן ניט האָבן קיין מגע-ומשא מיט דער שפּלער געזעלשאַפֿט פֿון די ניט-געשמדטע ייִדן, מיר וועלן ניט שליסן לויט אונדזער מנהג קיין עריותדיקע שידוכים מיט בלוט-קרובֿים ביזן זעקסטן גליד, נאָר מיר וועלן חתונה האָבן מיט פּערזאָנען פֿון ביידן געשלעכט פֿון קריסטן. מיר וועלן ניט מל זײַן אונדזער לײַב, מיר וועלן ניט פֿײַערן פּסח, שבת און אַנדערע ימים-טובֿים לויטן ייִדישן דין, מיר וועלן ניט אָפּהיטן די דינים וועגן אונטערשייד אין שפּײַז, — און בכלל וועלן מיר גאָרנישט אָפּהיטן פֿון די מיאוסע מנהגים פֿון די ייִדן, נאָר מיט אויפֿריכטיקן גלויבן, מיט דאַנקבאַרער נשמה און מיט יראַת-הכּבֿוד וועלן מיר אַכפּערן קריסטוסן, דעם זון פֿון לעבעדיקן גאָט, און אַלץ גלייבן לויט די מסורות פֿון די עוואַנגעליעס און פֿון די אַפּאָסטאָלן. אָבער אַלע מנהגים פֿון דער הייליקער קריסטלעכער רעליגיע בנוגע די ימים-טובֿים, שידוכים און שפּײַז וועלן מיר אָפּהיטן געוויסנהאַפֿטיק. וואָס איז שייך חזיר-פֿלייש, זאָגן מיר צו, אַז אויב פֿון געוויינהייט וועלן מיר ניט זײַן אין שטאַנד

עס צו עסן, וועלן מיר עסן אַלץ וואָס איז מיט דעם געקאָכט אָן עקל און שרעק". צום סוף שווערן זיך די אונטערגעחתמעטע אין נאָמען פֿון דער הייליקער דרײַ־אייניקייט, אַז ווען עמעצער פֿון זיי וועט עובֿר זײַן אויף די דאָזיקע התחײַבֿותן, וועלן זיי אָדער אַליין אים „פֿאַרטיליקן מיט פֿײַער און שטיינער", אָדער אים איבערגעבן צו באַשטראָפֿן אין די הענט פֿון די קיניגלעכע מאַכטאָרגאַנען.

די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט האָט אָבער ניט געגלייבט אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע און האָט אײַנגעשטעלט אַ שטרענגע השגחה איבער די משומדים. דער נײַנטער סינאָד אין טאָלעדאָ (655) האָט אַרויפֿגעלייגט אויף אַלע געשמדטע ייִדן דעם חובֿ צו זײַן אין קירך, בעת דער ביסקופּ ריכט אָפּ דעם גאָטדינסט סײַ אין קריסטלעכע חגאות סײַ אין ייִדישע ימים־טובֿים. אַזוי אַרום האָט דער ביסקופּ געקאָנט פּערזענלעך אויפּפּאַסן, אַז די ייִדן זאָלן היטן די קריסטלעכע חגאות און זאָלן ניט גיין אין שול אין די ייִדישע ימים־טובֿים. אַ משומד, וואָס פֿלעגט ניט קומען אין די טעג צום ביסקופּ, פֿלעגט באַקומען שמיץ אָדער מען פֿלעגט אַרויפֿלייגן אויף אים אַ תּענית צוליב אויסקויפֿן זײַן זינד. צי האָבן די ביסקופּן און גלחים ערלעך געטאָן זייער חובֿ ווי שפּיאָנען פֿון דער הייליקער קירך? מען מעג דערין מסופּק זײַן, פּונקט ווי אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון די הבֿטחות, וואָס עס האָבן געגעבן די קנעכט פֿון דער קירך, בעת זיי האָבן געשוואָרן „אין נאָמען פֿון דער הל' דרײַ־אייניקייט". דער קלער גופֿא פֿלעגט אָפֿט עובֿר זײַן אויף די סינאָדאַלע קאַנאָנען, און דער צענטער סינאָד אין טאָלעדאָ (656) האָט געמוזט מיט צער פֿאַרצייכענען, אַז גלחים פֿאַרקויפֿן קריסטלעכע שקלאַוון צו ייִדן, קעגן דעם גרונדגעזעץ פֿון דער קריסטלעכער מלוכה.

געטרײַ צו זײַן שבֿועה איז געבליבן נאָר דער קיניג רעצעסווינט. ער האָט באַשלאָסן אַרײַנצוטראָגן אין דעם קאָדעקס פֿון די מלוכה־געזעצן אַלע סינאָדאַלע קאַנאָנען און אַלע באַשטימונגען פֿון די פֿריִערדיקע מלכים קעגן ייִדן. דער דאָזיקער „וועסטגאָטישער יוסטיניאַן", וואָס האָט פֿאַרביטן דעם פֿריִערדיקן רוימישן קאָדעקס (Lex Romana Visigothorum) דורך אַ נײַעם נאַציאָנאַלן קאָדעקס (Lex Visigothorum), האָט דאָרט אָפּגעגעבן אַ באַזונדער אָפּטיילונג (די 12טע) פֿאַר די געזעצן קעגן כּופֿרים און ייִדן. ווי קלעפּ פֿון אַ האַמער קלינגען די קורצע באַפֿעלערישע פֿראַזעס פֿון דעם אַרײַנפֿיר צום ייִדישן טייל פֿון קאָדעקס: „קיינער פֿון די ייִדן, וואָס האָט אָנגענומען דעם בעקן פֿון הייליקן טויף, זאָל ניט פֿאַרשוועכן און ניט פֿאַרלאָזן די הייליקע קריסטלעכע רעליגיע! קיינער זאָל זיך ניט אַנטקעגנשטעלן ניט מיט ווערטער ניט מיט מעשׂים! קיינער זאָל זי ניט באַליידיקן ניט בשתיקה און ניט עפֿנטלעך! קיינער זאָל ניט שטרעבן זיך אַרויסצומאַכן פֿון איר, אויסנוצנדיק פֿאַרבאָרגענע ערטער!

קיינער זאָל ניט האָבן די האָפֿענונג איבערצוחזרן די גאָט־לעסטערונג און צו באַנײַען די בלאָנדזשענישן! קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן עובֿר צו זײַן אויף דעם, וואָס איז אָנגעשריבן אין די ווידוי־שריפֿטן זייערע (פֿון די געשמדטע ייִדן) און באַקרעפֿטיקט דורך עפֿנטלעכע חתימות. קיינער, וואָס ווייס וועגן דעם, אַז עס ווערן אָפּגעריכט די פֿאַרעלטערטע צערעמאָניעס (פֿון די ייִדן), אָדער וועגן דעם ווער עס ריכט זיי אָפּ, זאָל ניט פּרוּוון דאָס אויסבאַהאַלטן. קיינער זאָל ניט פֿאַרזאַמען דאָס פֿאַרבאָרגענע צו מעלדן, איבערצוגעבן אַן אונטערגעהערטן סוד".

ווײַטער ווערט אויסגערעכנט, וואָס עס איז פֿאַרבאָטן: מען טאָר ניט פֿײַערן פּסח פֿון 14טן טאָג פֿון דעם לבֿנה־חודש (ניסן), אָפּהיטן די ייִדישע ימים־טובֿים און אויך שבת, שליסן שידוכים אין די ערשטע זעקס גראַדן פֿון קרובֿישאַפֿט, מל זײַן סײַ אַ פֿרײַען סײַ אַ שקלאַוו, מאַכן דעם „עקלדיקן אונטערשייד", וואָס ייִדן מאַכן צווישן ריינע און אומריינע מינים שפּײַז, וואָרעם נאָך דער אַפּאָסטאָל פּוילוס האָט געזאָגט: „פֿאַר ריינע איז אַלצדינג ריין, און פֿאַר טמאים און אומגלייביקע איז ניטאָ קיין שום ריינע זאַך"; ייִדן, סײַ געשמדטע סײַ ניט־געשמדטע, טאָרן ניט עדות זאָגן אין געריכט קעגן קריסטן, אַ פּשיטא שוין, אַז זיי טאָרן ניט ווי שופֿטים אַרויפֿלייגן אויף קריסטן שטראָפֿן, וואָרעם „עס וואָלט געווען זינדיק אַנטקעגנצושטעלן קעגן גלייביקע דאָס וואָרט פֿון אומגלייביקע און לאָזן אָנטון עינויים גלידער פֿון קריסטוסעס לײַב (membra Christi) דורך זייערע געגנער"; נאָר קינדער און קינדסקינדער פֿון געשמדטע ווערן צוגעלאָזט פֿאַר עדות, אויב אַ גײַסטלעכער, דער קיניג אָדער אַ ריכטער וועלן עדות זאָגן אויף זייער קריסטלעכער פֿרומקייט. פֿאַר עובֿר זײַן אויף איינעם פֿון די אָנגעוויזענע פֿאַרבאָטן באַשטימט רעצעסווינט פֿאַרן שולדיקן די שטראָף, וואָס די ייִדן אַליין האָבן אײַנגעשטעלט אין זייער התחייבֿות, אין דעם אויבן דערמאָנטן placitum, דאָס הייסט פֿאַרשטייניקן אָדער פֿאַרברענען אויף אַ שײַטער־הויפֿן; ווען דער שולדיקער ווערט באַפֿרײַט פֿון טויטשטראָף, ווערט ער אָפּגעגעבן אין אייביקער קנעכטשאַפֿט.

מען דאַרף באַמערקן, אַז אין רעצעסווינטס געזעצן ווערט דער טערמין Judaeus באַנוצט צו באַצייכענען סײַ אמתע ייִדן און סײַ געשמדטע (למשל: Judaei sive baptizati sive non baptizati), נאָר מען מעג משער זײַן, אַז דער פֿאַרבאָט צו האַלטן די דינים פֿון דער ייִדישער רעליגיע איז געווען שייך נאָר צו די משומדים, ווי עס איז טאַקע ערטערווײַז בפֿירוש אויסגערעכנט. מיגלעך, אַז די אמתע ייִדן איז געווען פֿאַרבאָטן נאָר ע פֿ נ ט ל ע ך אָפּצוריכטן זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס, פּונקט ווי עס איז געווען פֿאַרבאָטן

די משומדים אָפּצוריכטן זיי באַהאַלטענערהייט.[1] נאָר מחמת דער געזעץ איז געווען פֿאָרמולירט צווייִדייַטיק, האָבן אויך די ניט-געשמדטע ייִדן געהאַט אויסצושטיין געננוג צרות פֿון דעם קירכלעכן טעראָר. דאָס אייִנציקע, וואָס האָט געראַטעוועט איז געווען דאָס, וואָס די גייַסטלעכע און וועלטלעכע שׂררות האָט מען געקאָנט אונטערקויפֿן: פֿאַר געלט האָט מען געקאָנט זיך אייַנשאַפֿן פֿרייַהייט פֿון געוויסן אין פֿאַרשיידענע חלקים. נאָר אויך דאָ איז דער געזעץ געשטאַנען אויף דער וואַך. אין דעם אויסלאָז-אַרטיקל פֿון דעם אַנטי-ייִדישן טייל פֿון דעם קאָדעקס ווערט אַלע טרעגערס פֿון דער מאַכט שטרענג פֿאַרזאָגט, אַז זיי טאָרן ניט באַשיצן ניט די ייִדן וואָס פֿאַרבלייַבן אין זייער „נבֿזהדיקער אמונה", ניט די געשמדטע, וואָס קערן זיך אום צום „פֿאַלשן גלויבן". פֿאַר אויסבאַהאַלטן אַזעלכע ייִדישע „פֿאַרברעכערס" האָט די ביסקופּן, גלחים און וועלטלעכע באַאַמטע געקומט אַ שטראָף צו ווערן אַראָפּ-געזעצט פֿון אַמט, אַרייַנגעצייגט צו ווערן אין חרם און קאָנפֿיסקאַציע פֿון אַ פערט-חלק פֿון פֿאַרמעגן. אַלע קנאים פֿון דער קירך ווערט געשטעלט ווי אַ מוסטער דער „קיניג סיזעבוט פֿון געטלעכן אָנדענק".

פֿאַרביטערט דורך אָט די אַלע אונטערדריקונגען האָבן די ייִדן גענומען אָן אָנטייל אין דעם אויפֿשטאַנד קעגן רעצעסווינטס יורש, דעם קיניג וואַמבאַ (672–680). דער אָנפֿירער פֿון די אויפֿשטענדער, גראַף הילדעריק פֿון נים, האָט גערופֿן צו הילף די ייִדן פֿון דער פּראָווינץ נאַרבאָנע און האָט משמעות דאָרט געגעבן אַ מקום-מקלט פֿאַר זייערע געטרויפֿטע ברידער פֿון שפּאַניע. צו די מורדים איז צוגעשטאַנען וואַמבאַס קריגסהויפּטמאַן פּויַלוס, וואָס איז געשיקט געוואָרן קעגן זיי. צווישן די קריסטלעכע מורדים און די ייִדן האָט זיך אייַנגעשטעלט אַ וואָפֿן-ברודערשאַפֿט, אָבער אין אַ יאָר אַרום איז דער אויפֿשטאַנד געוואָרן דערשטיקט. וואַמבאַ האָט אייַנגענומען די שטאָט נאַר-באָנע (673) און האָט פֿון דאָרט פֿאַרטריבן די ייִדן. אָבער אין גיכן איז די אַלטע ייִדישע קהילה אין דער דאָזיקער שטאָט ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן, ווי עס איז צו זען פֿון די פֿאַרבלייבענע דאָקומענטן.

---

1 די צווייִדייַטיקייט אין דער פֿאָרמולירונג פֿון רעצעסווינטס געזעצן האָט ארויסגערופֿן חילוקי-דעות צווישן די היסטאָריקער: גרעץ (אין דער מאָנאָגראַפֿיע: Die westgothische Gesetzgebung) האַלט, אַז די ניט-געשמדטע ייִדן האָבן געמעגט פֿרייַ האַלטן זייער גלויבן, פֿאַרקערט Juster (Les Juifs sous les rois visigoths) מיינט, אַז דער ייִדישער קולט איז געווען פֿאַרבאָטן פֿאַר אַלעמען. אונדזער השערה, אַז עס איז געווען פֿאַרבאָטן ע פֿ נ ט ל ע ך אָפּצוריכטן דעם ייִדישן קולט, קאָן דינען ווי אַן אויסגאַנג אויסצוגלייַכן די סתירה. אַזעלכע ביישפּילן זייַנען פֿאַראַן אין דער שפּעטערדיקער מיטלעל-טערלעכער געזעצגעבונג.

§ 8. די לעצטע וועסטגאָטישע מלכים און די באַצויונג פון שפּאַניע דורך די אַראַבער (680–711)

וואַמבאַן האָט באַזײַטיקט פון דער מאַכט אַ דורכגעטריבענער ביזאַנטיער, דער גראַף ערוויג (680–687): ער האָט אים אָנגעטרונקען מיט ביטער־קרויט, וואָס דערפון איז דער אַלטער קיניג אַראָפּ פון זינען. פאַרכאַפּט די קרוין דורך אַ פאַרברעך, האָט ערוויג זיך געמיט אויסצוקויפן זײַן חטא דורך דער מצווה פון רדיפות אויף ייִדן און יודאַיזירנדיקע. אין יאַנואַר 681 האָט ער געעפנט די זיצונג פון צוועלפטן סינאָד אין טאָלעדאָ, דאָס איז געווען די רעגולערע סעסיע פון אַט דעם מלוכה־פּאַרלאַמענט, אונטערן פאָרזיץ פון דעם אַרציביסקופּ פון טאָלעדאָ יוליאַנוס. עס איז פאָרגעלייענט געוואָרן דעם קיניגס כתב (tomus) מיט אַן אויפרוף צום סינאָד, ער זאָל זײַן דער געטרײַער היטער פון דער קירך און פון דער מלוכה. דער שטאַרקסטער טייל פון אָט דעם כתב איז נוגע ייִדן: „שטייט אויף, בעט איך אײַך, שטייט אויף! צערײַסט די נעץ פון די רשעים, זײַט מתקן די מידות פון די זינדיקע, ווײַזט אַרויס קנאות קעגן די אומגעטרײַע, און וואָס איז וויכטיקער פון אַלץ, רײַסט אַרויס מיטן וואָרצל די ייִדישע מגפה (judaeorum pestem radicibus exstirpate)". דער קיניג בעט די מיטגלידער פון סינאָד צו באַטראַכטן אויפמערקזאַם די געזעצן „קעגן אומגלויבן פון די ייִדן", וואָס ער האָט צוגעגרייט צום פאַרעפנטלעכן, און וואָרנט זיי ניט צו זײַן צו פיל נאָכגעביק בנוגע דעם ייִדנטום, בכדי זיי זאָלן ניט דאַרפן ענטפערן פאַר די זינד פון דעם דאָזיקן פאָלק פאַר גאָטס משפט.

די „נאָוועלעס", וואָס ערוויג האָט פאָרגעלייגט, זײַנען באַשטאַנען פון 28 אַרטיקלען, גענוי מאָטיווירט און באַקרעפטיקט מיט פסוקים פון דער הייליקער שריפט. דאָס איז געווען אַ נײַער קאָדעקס פון רדיפות, צונויפגעשטעלט אין נוסח פון אַ טעאָלאָגישן טראַקטאַט. די הויפּטנײַס אין די דאָזיקע „נאָוועלעס" איז באַשטאַנען דערין, וואָס אין זיי איז שוין אין גאַנצן פאַרשווונדן דער חילוק צווישן די געזעצן וועגן געשמדטע און ניט־געשמדטע ייִדן, און עס איז אָפיציעל געוואָרן פאַרבאָטן צו האַלטן ייִדישקייט — באַהאַלטענערהייט פאַר די געשמדטע און עפנטלעך פאַר די ניט־געשמדטע. דער דריטער אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט אַן אָנווײַז אויף די ווערטער פון עוואַנגעליע: „דאָס קיניגרײַך פון הימל ווערט גענומען מיט כוח, און די וואָס ווענדן אָן כוח באַקומען דאָס" (מתי, XI, 12). פון דער דאָזיקער מימרא דרינגט דער געזעצגעבער אַרויס די מסקנא, אַז מען מעג אָנווענדן געוואַלד לגבי די אומגלייביקע, כדי צו פאַרשאַפן זיי אַ חלק אין דער „גאָב פון גענאָד". די דאָזיקע מסקנא ווערט אויסגעפורעמט אין דעם ווײַטערדיקן שרעקלעכן

גענזעץ: „ווען עמעצער פֿון די ייִדן (וואָס האָבן ביז איצט זיך ניט געשמדט אָדער האָבן אָפּגעלייגט דעם שמד) לאָזט ניט אָפּ זײַנע זין אָדער זײַנע באַדינערס צום גלח אויף שמד, און אויב אין משך פֿון דעם יאָר זינט עס וועט אַרויסגעגעבן ווערן דער איצטיקער געזעץ וועט ער אַליין ניט אָנגעמען די גענאָד פֿון שמד, דאַרף מען אַזאַ פֿאַרברעכער באַשטראָפֿן מיט הונדערט שמיץ, מיט דעקאַלוואַציע (אַרויסרײַסן די האָר פֿון קאָפּ) און צו לעצט מיט פֿאַרטרײַבונג פֿון לאַנד, און זײַן פֿאַרמעגן ווערט אָפּגעגעבן אין רשות פֿון דעם רעגירער".

אַזוי אַרום האָט ערוויג באַשלאָסן צו מאַכן פֿאַר געזעצלעך דאָס, וואָס סיזעבוט האָט אַנומלט געטאָן אָן אַ געזעץ: מאַכן אַלע ייִדן פֿאַר קריסטן, און די וואָס וועלן ניט אונטערגעבן זיך פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד, נאָך דעם ווי מען וועט זיי פֿאַרפּײַניקן און באַראַבעווען. ווי אַזוי האָט דערויף רעאַגירט דער טאָלעדער סינאָד? פֿריִער האָבן די גײַסטלעכע פֿאָטערס שטענדיק אונטערגעהאַלטן די החלטה פֿון דעם פֿערטן סינאָד, וואָס איז געווען קעגן אָפּשמדן די ייִדן איבער געוואַלד, נאָר האָט געהייסן האַלטן פֿעסט אַלע וואָס האָבן זיך שוין געהאַט געשמדט. איצטער האָבן אויך די ביסקופֿן מסכּים געווען, אַז מען מוז אײַנפֿעסטיקן די איינהייטלעכע אמונה אין לאַנד איבער געוואַלד. די ווײַטערדיקע אַרטיקלען פֿון ערוויגס געזעץ מאַכן שוין ניט קיין חילוק צווישן „שוין געשמדטע" און „נאָך ניט־געשמדטע": אַלעמען ווערט פֿאַרבאָטן אָפּצוריכטן די ייִדישע צערעמאָניעס אונטער אַ שטראָף מיט שווערע ציִנויִים. די באַרבאַרישע החלטות ווערן באַגלייט דורך מימרות פֿון דער הייליקער שריפֿט. דער ייִדישער פּסח ווערט פֿאַרבאָטן מיטן אָנווײַז אויף דעם אַפּאָסטאָל פּוילוסעס מימרא: „פּאַסכע איז אונדזערער, קריסטוס איז געשאָכטן געוואָרן פֿאַר אונדז". מילה ווערט פֿאַרבאָטן אויפֿן סמך פֿון ירמיה הנביאס ווערטער: „זײַט זיך מל פֿאַרן אייבערשטן, נעמט אַראָפּ די אָנוואַקסן פֿון אײַער האַרץ". שבת און אַנדערע ימים־טובֿים טאָר מען ניט אָפּהיטן, ווײַל ישעיה הנבֿיא האָט געזאָגט: „אײַערע ראָשי־חדשים, שבתים און ימים־טובֿים האָט מײַן נשמה פֿײַנט". דערפֿון איז געדרונגען דער פּסק: פֿאַר אָפּהיטן די צערעמאָניעס אָדער ימים־טובֿים קומט דעם שולדיקן דעקאַלוואַציע, שמיץ, קאָנפֿיסקאַציע פֿון פֿאַרמעגן, פֿאַרטרײַבונג. אַ פֿרוי, וואָס דערלאָזט, אַז מען זאָל מל זײַן איר זון, הייסט מען אָפּשנײַדן די נאָז און צונעמען איר פֿאַרמעגן פֿאַרן רעגירער: „זאָל זי באַווײַנען איר פֿאַרברעך", — איז מוסיף דער געזעץ. די ייִדן זײַנען מחויבֿ צו פֿײַערן זונטאָג און אַלע אַנדערע קריסטלעכע חגאות — פּאַסכע, ניטל, דעם טאָג פֿון קריסטוסעס ברית (נײַיאָר), דעם טאָג פֿון דער הייליקסטער בתולה מאַריע און אַלע אַנדערע „טעג דעם האַרנס" (dies dominicos). ווען מען וועט אין אַזעלכע טעג כאַפּן

אַ ייִדן אָדער אַ ייִדישע פֿרוי בײַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט (opus rurale), בײַ וועבן וואָל און כּדומה נאָך אַזעלכע אַרבעטן אין פֿעלד אָדער אין שטוב, באַקומען זיי הונדערט שמיץ און עס ווערן בײַ זיי אויסגעריסן די האָר. די זעלביקע שטראָף באַקומען שקלאַוון און באַדינערינס, וואָס זײַנען עובֿר אויף דער יום־טובֿ־רו, און זייערע בעלי־בתּים מוזן צאָלן געלטשטראָף. די זעלביקע שטראָף קומט אַ געשמדטן ייִדן, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו עסן קריסט־לעכע שפּײַז; מוחל זײַן קאָן מען נאָר אַזעלכע, וואָס זאָגן זיך אָפּ צו עסן חזיר־פֿלייש, אויב זיי טוען דאָס, ווײַל זיי שפּירן אַ נאַטירלעכן עקל, אָבער דאָס איז נאָר בײַ דעם תּנאַי, אַז אין אַלע אַנדערע פּרטים פֿירט זיך אָט דער געגעבענער פֿון חזיר־פֿלייש ווי אַ גוטער קריסט, וואָרעם — באַמערקט דער „הומאַנער" געזעצגעבער — „עס וואָלט ניט געווען קיין יושר צו פֿאַרמשפּטן נאָר פֿאַר ניט וועלן עסן איין מין שפּײַז יענע, וואָס זײַנען אויסגעאיידלט דורך האַלטן געטרײַ קריסטוסעס גלויבן".

דאָס ווײַטערדיקע אין ערוויגס קאָדעקס חזרט צום טייל איבער און איז צום טייל ממלא רעצעסווינטס געזעצן. פֿאָרויסזעענדיק, אַז די ייִדן וועלן זיך באַמיִען דורך אונטערקויפֿן די גײַסטלעכע אַרויסצודרייען זיך פֿון דעם געזעץ, האָט דער קיניג אָנגעזאָגט שטרענגע שטראָפֿן אַלע יענע עלטסטע, וואָס נעמען בײַ ייִדן מתּנות און סטאַרען זיך צו פֿאַרגרינגערן זייער מצבֿ. בכדי אײַנצושרעקן יענע, וואָס נעמען אָן לפּנים קריסטנטום, שטעלט דער געזעצגע־בער אײַן בײַ דער צערעמאָניע פֿון שמד שטרענגע פֿאָרמולעס פֿון אַ גלויבנס־דערקלערונג (professio) און פֿון אַ שבֿועה. אין דער professio זאָגט זיך דער נײַ־באַקערטער אָפּ פֿון אַלע בלאָנדזשענישן פֿון דער „ייִדישער סעקטע" און פֿון יענע מענטשן, וואָס „זײַנען מבֿזה די קריסטלעכע תּורה". אין דער לאַנגער שבֿועה שווערט ער בײַם נאָמען פֿון אַלע העלדן פֿון תּנך און פֿון דער ברית חדשה, בײַ דער הייליקער דרײַ־אייניקייט, בײַם געקרייציקטן און אויפֿגע־שטאַנענעם קריסטוסן, בײַ אַלע אַפּאָסטאָלן און הייליקע, בײַם מעמד הר סיני און בײַ די מופֿתים פֿון דער עוואַנגעליע, אַז ער וועט אָפּהיטן די דינים פֿון דער נײַער רעליגיע, און רופֿט דערבײַ אויף זיך אַרויף אַלע קללות פֿון דער תּוכחה, אויב ער וועט אָפּטרעטן פֿון זײַן שבֿועה און וועט ווידער אַרײַנפֿאַלן אין דער „ייִדישער בלאָנדזשעניש". נאָר אויך אָט די פֿאַרהיט־מיטלען זײַנען פֿאַרן קיניג ערוויג ניט געווען גענוג, בכדי צו זײַן זיכערער מיט די גע־שמדטע, ווערן זיי אַרונטערגעשטעלט אונטער דער השגחה פֿון די ביסקופֿן, וואָס צו זיי מוזן זיי קומען אַלע שבת און יום־טובֿ, ווי דאָס איז געווען אײַנגעשטעלט פֿריִער. איטלעכער וואָס קומט פֿון אַן אַנדער שטאָט אָדער פּראָווינץ איז מחויבֿ זיך צו מעלדן בײַם אָרטיקן ביסקופֿ, גלח אָדער ריכטער, און מוז ווײַטער כּסדר בלײַבן אונטער זײַן השגחה, כּדי מען זאָל קאָנען

אויפֿפּאַסן, צי היט ניט אָט דער געקומענער די יידישע ימים־טובֿים. מען דאַרף משער זײַן, אַז די וואָס פֿלעגן קומען צו פֿאָרן פֿון ווײַטע מקומות פֿלעגן זיך אָנגעבן פֿאַר געשמדטע, און דעריבער איז אײַנגעשטעלט געוואָרן איבער זיי אַ קירכלעך־פּאָליציייִשע השגחה.

ערוויגס קאָדעקס איז פֿול מיט אינעווייניקסטע סתירות. נאָך די סטראַשונקעס מיט שווערע שטראָפֿן און מיט אַרויסטרײַבן פֿון לאַנד אַלעמען, ווער עס וועט נאָכן אָפּלויף פֿון איין יאָר אָפּריכטן דעם יידישן קולט, גייען ווײַטער אַזעלכע געזעצן פֿון די פֿריִערדיקע קאָדעקסן (אַז יידן טאָרן ניט האַלטן קיין קריסטלעכע באַדינערשאַפֿט, פֿאַרנעמען אַדמיניסטראַטיווע פּאָסטנס), וואָס האָבן אַ זינען נאָר אין דעם פֿאַל, אויב אין לאַנד זײַנען בכלל פֿאַראַן ניט־געשמדטע יידן, וואָס האַלטן אָפֿן זייער רעליגיע. באַשײַמפּערלעך, אַז די געזעצגעבערס האָבן אַליין ווינציק געגלייבט, אַז זיי וועלן אַ סך אויפֿטון מיט זייער נײַער ווילדער אַטאַקע אויפֿן יידנטום. פּונקט ווי פֿריִער, אַזוי זײַנען אויך איצט די טאָלעדער רעגירערס ניט געווען בכּוח צו פֿאַרווירקלעכן די החלטה וועגן פֿאַרטרײַבן אַלע יידן פֿון אַלע פּראָווינצן. דערצו האָבן גע־מוזט מסכּים זײַן די פֿעאָדאַלן, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט גרויסע מאַיאָנטקעס און זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט אין דערווירטשאַפֿטלעכער טעטיקייט פֿון יידן ווי אַרענדאַרן און האַנדלס־פֿאַרמיטלערס. דאָס וואָס אין ערוויגס קאָדעקס ווערן כּסדר איבערגעחזרט די התראות צו וועלטלעכע און גײַסטלעכע שׂררות, אַז זיי זאָלן ניט באַשיצן די יידן, באַווײַזט, אַז אויך דעמאָלט זײַנען די עקאָ־נאָמישע אינטערעסן געווען שטאַרקער פֿאַר די קירכלעכע. אַ ביסקופּ, וואָס פֿלעגט קומען אַהיים פֿון סינאָד, נאָך דעם ווי ער האָט געשטימט פֿאַרן געזעץ עוקר מן השורש צו זײַן דאָס יידנטום, פֿלעגט אין זײַן דיאָצעזע ווײַטער באַשיצן יידן. און פֿון דעסט וועגן פֿלעגט די סינאָדאַלע קאָמעדיע כּסדר אָפּגעריכט ווערן. דער צוועלפֿטער טאָלעדער סינאָד האָט אָנגענומען אַלע געזעץ־פּראָיעקטן ערוויגס. אין דעם לעצטן אַרטיקל פֿון דעם אָנגענומענעם קאָדעקס איז געווען אויסגעדריקט דעם קיניגס ווילן, אַז מען זאָל אין איט־לעכער שטאָט מעלדן די יידן עפֿנטלעך דעם אינהאַלט פֿון דעם קאָדעקס, כּדי זיי זאָלן ניט קאָנען טענען, אַז זיי ווייסן ניט דעם געזעץ. דער ביסקופּ אָדער גלח האָט געדאַרפֿט צונויפֿרופֿן די יידן אין קירך און איבערלייענען פֿאַר זיי דעם געזעצבוך אין לאַטײַנישן טעקסט אָדער אין איבערזעצונג אויף דער גערעדטער שפּראַך (lectus vel traditus). דאָס איז אין טאָלעדאָ אויס־געפֿירט אין צוויי טעג אַרום נאָכן פֿאַרענדיקן די זיצונגען פֿון דעם סינאָד (27 יאַנואַר 681).

אין דעם דאָזיקן נײַעם קריגסמאַרש קעגן יידנטום לאָזט זיך שפּירן די פֿירנדיקע האַנט פֿון אַ קירכלעכן פֿאַנאַטיקער. דאָס איז געווען דער

טאָלעדער אַרציביסקופּ יוליאַנוס, דער פּאָרזיצער פֿון דעם סינאָד, דעם קיניגס אַ גוטער פֿרײַנד — ער איז דאָס געווען דער אויפֿטוער און דער פֿירער פֿון דער קאַמפּאַניע, וואָס איז געשטאַנען הינטער ערוויגס רוקן. ער איז געווען אַ מענטש ניט פֿון געוויינטלעכן שניט. מען האָט גערעדט, אַז ער שטאַמט פֿון אַ ייִדישער משפּחה, אפֿשר פֿון איינער פֿון די וואָס האָבן זיך געשמדט בעת דער גזרה פֿון קיניג סיזעבוט. עס איז באַשערט געווען, אַז אָט דער מענטש זאָל ווערן דער פֿאַרברענטסטער שונא פֿון ייִדישן פֿאָלק. אַן אויסגעצייכנטער שרײַבער אַ טעאָלאָג, האָט ער געהאַלטן פֿאַר זײַן באַרוף אַרויפֿצופֿירן ייִדן אויפֿן „ריכטיקן וועג". עס איז אָן ספֿק, אַז פֿון יוליאַנוסעס פֿעדער שטאַמען אַלע טעאָלאָגישע חקירות, ציטאַטעס און טענות, וואָס דערמיט איז אָנגעשטאָפּט ערוויגס קאָדעקס. ער האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט דער פּאָלעמיק אין אָפֿיציעלע אַקטן, ווי די הויפּט-דעה האָט סוף-כּל-סוף „די שווערד פֿון געזעץ". ער האָט פּאָלעמיזירט מיט ייִדן אויך אין ליטעראַרישע ווערק. אין יאָר 686 האָט ער אָנגעשריבן מיט אַ דעדיקאַציע צום קיניג אַ טראַקטאַט „וועגן דעם באַווײַז פֿון דער זעקסטער תּקופֿה — קעגן די ייִדן" (De comprobatione aetatis sextae), ווו עס ווערט ווידער אַ מאָל אַרומגע-רעדט די אייביקע פּראָבלעמע וועגן משיחן. בכדי צו באַווײַזן, אַז ישו הנוצרי איז דאָס דער משיח, וואָס די נבֿיאים האָבן פֿאָרויסגעזאָגט, סטאַרעט זיך יוליאַנוס באַזונדערס שטאַרק אָפּצופֿרעגן די ייִדישע מסורה (וואָס איז אויך פֿאַראַן אין דער תּלמודישער אַגדה), אַז משיח דאַרף קומען ניט פֿריִער ווי אין אלף הששי, אין זעקסטן יאָרטויזנט, זינט די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן; לויט אָט דער מסורה קאָן ישו ניט זײַן דער משיח, ווײַל ער איז דאָך געבאָרן געוואָרן נאָך צום סוף פֿון פֿערטן יאָרטויזנט. יוליאַנוס זוכט מבֿטל צו זײַן די ייִדישע טענות מיט אַזעלכע סבֿרות: ערשטנס דאַרף מען ניט נעמען דאָס וואָרט „אלף"-יאָרטויזנט אין זײַן פּשוטן פּשט, נאָר עס באַטײַט אַ היסטאָרישע תּקופֿה, און אַזעלכע תּקופֿות זײַנען פֿאַראַן פֿינף פֿון אדם הראשון ביז ישון; און צווייטנס האַלט ער, אַז די ייִדן האָבן מיט אַ כּיוון איבערגעדרייט די כראָנאָ-לאָגיע אין דעם העברעיִשן טעקסט פֿון תּנך, כּדי צו שעדיקן דער קריסטלע-כער טראַדיציע, מען דאַרף מער געטרויען דעם גריכישן טעקסט פֿון דער ביבל, וואָס איז אָנגענומען בײַ קריסטן, און דאָרט איז צום חשבון פֿון די יאָרן פֿון אָדמען ביז ישון צוגעגעבן נאָך טויזנט יאָר. נאָר בײַ אָט די סבֿרות בלײַבט יוליאַנוס ניט שטיין און פֿירט ווײַטער אָן אַטאַקע קעגן דער ייִדישער אמונה. פֿאַר אים איז דער קלאָרסטער באַווײַז דערפֿאַר, אַז ייִדישקייט איז געפֿאַלן, דערין, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט ניט קיין מלוכה און קיין בית-המקדש און קיין כּהנים, און אומעטום ווערט עס געטרודפּט פֿון די קריסטן. דערפֿון איז געווען געדרונגען, אַז וואָס מער קריסטן וועלן פּײַניקן ייִדן, אַלץ

קלאָרער וועט זיך אַרויסווײַזן די פֿאַלשקייט פֿון דער ייִדישער אמונה. נאָר יוליאַנוס האָט משמעות פֿאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע ראַיה, וואָס איז אַנטליִען בײַ יאָאַנעס כריזאָסטאָמאָס און בײַ אַנדערע קירכן-פֿאָטערס, איז ווײניק מסוגל צו ווירקן אויף ייִדן, און דעריבער האָט ער אין זײַן דעדיקאַציע צום קיניג געשריבן: „אויב דאָס דאָזיקע בוך וועט ניט אויסבעסערן דעם ייִדן, זאָל כאָטש דער קריסט פֿון דעם ציִען נוצן", וואָרעם „די פֿאַרבלענדטע ייִדן לא די וואָס זיי פֿאַלן אַליין אַרײַן אין אָפּגרונט פֿון אומגלויבן, נאָר זיי צעטרייסלען נאָך די איבערצײַגונגען פֿון די גלייביקע". אויף אויסצובעסערן די ייִדן האָט יוליאַנוס, ווי מיר האָבן געזען, צוזאַמען מיטן קיניג צוגעקלערט נאָך אַנדערע באַווײַזן: סטראַשונקעס מיט פֿאַרטרײַבונג, קאָנפֿיסקאַציע, שמיץ, עינוייִם. די דאָזיקע באַווײַזן וואָלטן געקאָנט מער פּועלן, אויב דערצו וואָלט ניט געשטערט דאָס, וואָס די מאַכט-אָרגאַנען האָבן זיך געלאָזט באַווירקן דורך באַווײַזן פֿון אַן אַנדער מין, ווי דאָס איז אָנגעוויזן אויבן. אויב דער שרעקלעכער דעקרעט פֿון יאָר 681 וועגן דעם, אַז אין משך פֿון איין יאָר צײַט זאָלן אַלע ייִדן פֿון שפּאַניע זיך אויסשמדן, וואָלט טאַקע אויסגעפֿירט געוואָרן, דעמאָלט וואָלט דער אַרציביסקופּ יוליאַנוס, וואָס האָט צוזאַמען מיטן קיניג געחתמעט אָט דעם דעקרעט אויפֿן טאָלעדער סינאָד, ניט באַדאַרפֿט אין פֿינף יאָר אַרום זיך מתווכּח זײַן מיט ייִדן וועגן דער צײַט פֿון ימות-המשיח.

על-כּל-פּנים האָבן די געזעצן פֿון קיניג ערוויג און פֿון דעם טאָלעדער סינאָד פֿאַרשאַפֿט די ייִדן ניט ווײניק צרות. אַ סך פֿון זיי האָבן אויסגעוואַנדערט קיין צפֿון-אַפֿריקע, ווו עס האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן די באַוועגונג פֿון די אַראַבישע באַצווינגערס אין דער ריכטונג צום פּירענעיִשן האַלבאינדזל. עס האָט אויסגעוויזן, אַז די אַראַבער, וואָס האָבן באַפֿרײַט די אַפֿריקאַנער ייִדן פֿון דעם ביזאַנטישן יאָך, קענען אויך באַפֿרײַען די שפּאַנישע ייִדן פֿון דעם וועסטגאָטישן פֿאַנאַטיזם. דאָס האָט מן הסתם צוגעגעבן חשק די פּליטים פֿון שפּאַניע, פּונקט ווי זייערע פֿאָלקסברידער אין אַפֿריקע, אונטערצוהאַלטן די אַראַבישע באַוועגונג. אין דער רעגירונגס-צײַט פֿון דעם קיניג ערוויגס איידעם עגיקאַ (687—702) האָט זיך געשטאַרקט בײַ ייִדן די סימפּאַטיע פֿאַר די פֿרעמדלענדישע באַצווינגער. עגיקאַ, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן רעגירונג מיט אַן אַקט פֿון ברעכן זײַן שבֿועה (פֿאַר ערוויגס טויט האָט ער אים צוגעשוואָרן צו באַשיצן זײַנע זין, נאָר שפּעטער האָט ער אויסגעבעטן בײַם טאָלעדער סינאָד, ער זאָל פֿון אים אַראָפּנעמען די שבֿועה, ווײַל ער האָט געוואָלט פּטרן דעם קיניגס קינדער), האָט געפּרוווט פֿאַרמערן די צאָל משומדים דורך אַרויסגעבן באַלוינונגען אַלע, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן פֿון זייער גלויבן. עס איז צוגעזאָגט געוואָרן אַלע ייִדן, וואָס וועלן מיט אַן אמת אָננעמען קריסטנטום, אַז מען וועט זיי באַפֿרײַען פֿון אַלע אַלגעמיינע און

באַזונדערע אָפּצאָלן („ווארעם עס וואָלט געווען ניט יושרדיק צו באַשווערן מיט אַן אָפּגאָב אָדער מיט יידישע שטײַערן יענע, וואָס האָבן אויף זיך אַרויפגעלייגט דעם אָנגענעמען יאָך קריסטוסעס"), מיט דעם אַז דעם חסר אין די הכנסות פון דער קרוין וואָס וועט דערפון אַרויסקומען מוזן פאַרפולן זייערע ברידער, וואָס פאַרבלײַבן אין דעם „פאַרשאָלטענעם אומגלויבן".
ווײַטער געניסן די משומדים פולע פרײַהייט צו האַנדלען, דערבײַ מוזן די קריסטן וואָס קויפן בײַ זיי סחורות אויספרווון, צי זיי זײַנען מיט אַן אמת גוטע קאַטויליקן; צוליב דעם איז גענוג, ווען דער סוחר דער משומד וועט פירזאָגן פאַרן עדות אַ פראַגמענט פון אַפּאָסטאָלן־בוך, אויפעסן אַ שטיק חזיר־פלייש אָדער אַן אַנדער „קריסטלעכע שפּײַז". די יידן ווידער, „וואָס ווילן האַרטנעקיק ניט באַקערן זיך צום קאַטוילישן גלויבן", פאַרלירן דאָס רעכט אַרײַנצוקומען אין האַוון אויף צו פירן אַ ים־האַנדל און דאָס רעכט צו שליסן האַנדלס־געשעפטן מיט קריסטן; האַנדלען מעגן זיי נאָר מיט זייערע גלויבנס־ברידער; אַפילו די פריִער אָפּגעשלאָסענע געשעפטן זייערע ווערן בטל, און זיי זײַנען מחויב אָפּצוטרעטן דער קרוין לויט אַן עפנטלעך פעסטגעשטעלטן פרײַז אַלץ וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפט בײַ קריסטן: בנינים, פעלדער, ווײַנגערטענער, אָליוון־וועלדלעך און אַלע אַנדערע נחלאות, און אויך שקלאַוון. אַ ייִד, וואָס קומט אין אַ האַוון אַרײַן צוליב האַנדלען, ווערט באַשטראָפט מיט קאָנפיסקאַציע פון זײַן גאַנצן אייגנס, און אַ קריסט וואָס האַנדלט מיט אים מוז צאָלן שטראָף. אין נאָמען פון דעם, „וואָס דורך זײַן בלוט זײַנען מיר אויסגעלייזט געוואָרן", באַשווערט דער קיניגלעכער דעקרעט די קריסטן, זיי זאָלן ניט האַנדלען מיט יידן.

דעם דאָזיקן דעקרעט האָט עגיקאַ צוגעשטעלט צו באַטראַכטן דעם זעכצנטן קירכן־סינאָד אין טאָלעדאָ (693), און עס פאַרשטייט זיך, אַז די ביסקופן האָבן אים אָנגענומען. בעתן צושטעלן זײַן נאָוועלע דעם סינאָד, האָט דער קיניג ניט פאַרגעסן צו ברענגען אַ פּסוק פון תהלים: „זע, דײַנע שונאים, אָ גאָט, האָב איך פײַנט, און מיט די וואָס קריגן זיך מיט דיר טו איך זיך קריגן" (תהלים קל"ט, 21). אין דער זעלביקער רעדע פאַרן סינאָד פאָדערט עגיקאַ, אַז מען זאָל וואָס גיכער פאַרריכטן די פיל קירכן, וואָס זײַנען אָפּגעלאָזן און חרוב, ווארעם „די אומגלייביקע יידן לאַכן פון אונדז און זאָגן, אַז די קריסטלעכע באַזיליקעס געפינען זיך אין אַן ערגערן צושטאַנד ווי זייערע פאַרבאָטענע און האַלב צעשטערטע סינאַגאָגעס".

דאָס פאַרמאַכן די שפּאַנישע האַוונס פאַר יידן און בכלל דער פאַרבאָט פון פרײַען האַנדל האָט געקאָנט ברענגען צו פרישע לפנימדיקע שמדן, נאָר דאָס האָט אויך פאַרשטאַרקט די אויסוואַנדערונג קיין אַפריקע. דאָ זײַנען די עמיגראַנטן אָפּן צוגעשטאַנען צו די אַראַבער, וואָס האָבן זיך געגרייט

אַריבערצושווימען דעם דורכגוס פֿון גיבראַלטאַר, כּדי אײַנצונעמען שפּאַניע, און האָבן וועגן דעם געפֿירט פֿאַרהאַנדלונגען מיט די דאָרט געבליבענע ברידער, וואָס האָבן זיך געפּײַניקט אונטער דער מאַסקע פֿון קריסטן. עגיקאַ איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, אַז ייִדן נעמען אַן אָנטייל אין די מיליטערישע הכנות פֿון די אַראַבער, און האָט אין יאָר 694 עקסטרע צונויפֿגערופֿן זײַן פּאַרלאַמענט, דעם זיבעצנטן קירכן-סינאָד אין טאָלעדאָ. דער קיניג האָט דערמאָנט דעם סינאָד וועגן זײַנע „טובֿות" פֿאַר ייִדן, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט כּלערליי פּאַרגיטיקונגען, אויב זיי וועלן זיך לאָזן שמדן, און האָט דערקלערט, אַז איצט האָבן אים די דאָזיקע מענטשן אָפּגעצאָלט אַ רעה פֿאַר דער טובֿה: „ניט לאַנג זײַנען מיר געוואָר געוואָרן פֿון באַגלייבטע עדות, אַז זיי [די שפּאַנישע ייִדן] האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיט פֿרעמדע ייִדן אין לענדער מעבֿר לים, בכדי אַרויסצוטרעטן קעגן קריסטלעכן פֿאָלק". אויפֿגערודערט פֿון אָט דער ידיעה, האָט דער סינאָד אַרויסגעטראָגן אַזאַ לעצטן טויט-פּסק פֿאַרן ייִדנטום: „היות ווי די ייִדן [וואָס האָבן זיך לפּנים געשמדט] האָבן לא די וואָס פֿאַרפֿלעקט דעם צודעק פֿון גלויבן, וואָס אין אים האָט זיי אײַנגעהילט די מוטער קירך דורך דעם טויפֿבעקן, און האָבן ווײַטער אָפּגעהיט זייערע צערעמאָניעס ניט געקוקט אויף די צוזאָגן, נאָר זיי האָבן זיך נאָך דערוועגט צו מאַכן אַ פֿאַרשווערונג, כּדי צו פֿאַרכאַפּן די מלוכה-מאַכט", דעריבער קומט זיי אַזאַ שטראָף: זיי ווערן דערקלערט פֿאַר שקלאַוון פֿון דער מלוכה אויף שטענדיק; דער קיניג האָט דאָס רעכט זיי פֿונאַנדערצוגעבן אין אייגנטום צו פֿאַרשיידענע בעלי-בתּים, וואָס זײַנען מחויבֿ אויפֿצופּאַסן, אַז זיי זאָלן ניט אָפּריכטן קיין ייִדישע צערעמאָניעס; זייערע קינדער ווערן אין עלטער פֿון זיבן יאָר אָפּגענומען בײַ זיי און אָפּגעגעבן אויף האָדעווען צו קריסטן, און שפּעטער דאַרף מען זיי חתונה מאַכן מיט קריסטן. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר די ייִדן, וואָס וווינען אין דער גאַלישער פּראָווינץ סעפּטימאַניע (נאַרבאָנע), וואָס זײַנען געשטאַנען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דעם אָרטיקן הערצאָג, און חוץ דעם האָבן זיי זיך באַטייליקט אין באַשיצן די גרענעצן קעגן דעם אָנפֿאַל פֿון „פֿרעמדלענדישן שבֿט" (די פֿראַנקען); אָבער אויך זיי האָט מען געלאָזן נאָר מיטן תּנאַי, אַז זיי מוזן אָננעמען קריסטנטום.

וואָס האָט זיך געטאָן אין שפּאַניע נאָך אָט דעם פּסק, צי איז ער אויסגעפֿירט געוואָרן, אָדער (וואָס עס לייגט זיך מער אויפֿן שׂכל) די אָרטיקע פֿעאָדאַלן האָבן געשטערט אים אויסצופֿירן — דאָס איז ניט באַוווּסט. פֿאַראַן אַ מטושטשע ידיעה פֿון די כראָניקעס, אַז עגיקאַס מיטרעגירער און זײַן יורש וויטיצאַ (ביזן יאָר 710), האָט אָפּגעשאַפֿט אַלע גזירות קעגן ייִדן. בכל אופֿן זײַנען די געזעצן פֿון עגיקאַ און פֿון דעם 17טן טאָלעדער סינאָד געווען די-

לעצטע אויפֿבליצן פֿון דעם וועסטגאָטישן פֿאַנאַטיזם. די מלוכה, אויפֿגעטרייסלט פֿון אינעווייניקסטע מהומות, איז גיך געגאַנגען באַרג אַראָפּ. די אוממענטשלעכע רדיפֿות אויף ייִדן, וואָס האָבן געבילדעט אַ באַדייַטיקן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג אין שפּאַניע, און דעם פּעיִקסטן טייל, זייַנען געווען צווישן די הויפּט-סיבות, וואָס האָבן פֿאַרגיכערט דעם אונטערגאַנג פֿון דער דאָזיקער טעאָקראַטישער מלוכה. אויפֿן פּירענעיִשן האַלבאינדזל האָבן זיך גערוקט די חיילות פֿון די אַראַבער און בערבערן. אויב אַ גרופּע פֿון שפּאַנישע מאַגנאַטן, וואָס זייַנען ניט געווען צופֿרידן מיטן קיניגס פּאָליטיק, האָבן געקאָנט רופֿן די מוסלמענער אין זייער לאַנד, וועט ניט זייַן קיין חידוש, וואָס די הויפּט-קרבנות פֿון דעם וועסטגאָטישן רעזשים, די ייִדן אונטער אַ קריסטלעכער מאַסקע אָדער אָן איר, האָבן געוואַרט אויף די באַצווינגערס ווי אויף אויסלייזערס.

די דאָזיקע האָפֿענונגען זייַנען מקוים געוואָרן אין יולי 711. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זייער העלדישן קריגסהויפּטמאַן טאַריק זייַנען די בערבערן אַריבער פֿון אַפֿריקע דורך דעם דורכגוס פֿון גיבראַלטאַר קיין אַנדאַלוזיע און האָבן נאָך דער באַרימטער שלאַכט בייַ כערעס-דע-לאַ-פֿראָנטעראַ אייַנגענומען אַ גרויסן טייל פֿון דרום- און מיטל-שפּאַניע און האָבן דורך דעם געמאַכט אַ סוף צו דער ממשלה פֿון די וועסטגאָטן. אין אַ יאָר אַרום האָט די באַצווינגונג פֿאַרענדיקט דער הויפּט-רעגירער פֿון אַפֿריקע מוסאַ. אין די רייען פֿון דער מוסלמענישער אַרמיי האָט געקעמפֿט אַ בערבעריש-ייִדישע אָפּטיילונג אונטער דער קאָמאַנדע פֿון אַ קריגסהויפּטמאַן מיט אַ ייִדישן נאָמען. דאָס איז געווען קאַולאַן אַל יאַהודי, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ טייל פֿון קאַטאַלאָניע. עס ווערט דערציילט, אַז טאָלעדאָ האָבן איבערגעגעבן טאַריקן די ייִדן, אין דער צייַט ווען די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג האָט געזוכט זיך צו ראַטעווען אין די קירכן. אין אייניקע אייַנגענומענע שטעט — קאָרדאָווע, סעווילע, טאָלעדאָ — האָבן די קריגסהויפּטלייַט טאַריק און מוסאַ איבערגעלאָזט אַ באַוואָפֿנטע וואַך פֿון די אָרטיקע ייִדן, וואָס אויף זיי האָבן זיי געקאָנט זיך פֿאַרלאָזן, און זיי זייַנען מיט זייערע חיילות געגאַנגען ווייַטער. די ייִדישע מיליטערישע אָפּטיילונג אין טאָלעדאָ איז געווען אַ סימבאָל פֿון דער געשעענער היסטאָרישער איבערקערעניש. ייִדן זייַנען צוזאַמען מיט די מוסלמענער געוואָרן די בעלי-בתּים פֿון דער שטאָט, וואָס פֿון איר זייַנען אין משך פֿון יאָרהונדערטער אַרויסגעגעבן געוואָרן די אוממענטשלעכע דעקרעטן קעגן די אָנהענגער פֿון דער רעליגיע, וואָס די קאַטויליקן האָבן אַזוי פֿייַנט געהאַט. פֿאַרן שפּאַנישן ייִדנטום האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַע תּקופֿה.

§ 9. די אייראָפּעישע ביזאַנץ

צו גלײַך מיט דעם אַפּעניניש און פירענעישן האַלבאינדזל האָט די דיאַספּאָרע זיך פרי אײַנגעפעסטיקט אויפן באַלקאַנישן האַלבאינדזל, וואָס איז בעת דער צעטיילונג פון דער רוימישער אימפּעריע (395) אַרײַן אין באַשטאַנד פון איר מזרחדיקער העלפט, פון ביזאַנץ. ביז דער אַראַבישער באַצווינגונג אין 7טן י"ה האָט זיך געפונען אונטער דער אייבערהערשאַפט פון ביזאַנץ אויך ארץ־ישראל און די צו איר נאָענטע מזרחדיקע דיאַספּאָרע [1]. נאָר דאָ דאַרפן מיר וואַרפן אַ בליק אויף דעם גאַנג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין דער אייראָפּעישער ביזאַנץ, דאָס הייסט אויף דער טעריטאָריע פון געוועזענעם גריכנלאַנד און פון אַנדערע העלעניזירטע און ראָמאַניזירטע טיילן פון באַלקאַנישן האַלבאינדזל.

יידישע יישובים זײַנען אויפגעקומען אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע אין דעם מאָמענט, ווען דער מאַקעדאָניער אַלכסנדר דער גרויסער האָט צום ערשטן מאָל פאַרבונדן אייראָפּע מיט אַזיע און אַפריקע, און ווען עס הייבט זיך אָן צו גלײַך די יידיש־העלענישע דיאַספּאָרע. אונטער אַלכסנדרס יורשים, די סירישע סעלעווקידן, זײַנען אויף דעם באַלקאַן־האַלבאינדזל אַרײַנגעדרונגען די ערשטע אויסוואַנדערער פון סיריע און ארץ־ישראל. אין 2טן י"ה פאַר דער קריסטלעכער צײַט, אין דער תקופה פון די חשמונאָיִשע מלחמות, טרעפן זיך שפּורן פון יידן אין דער הייליקער גריכישער שטאָט דעלפי: אין צוויי אויפשריפטן, וואָס געהערן צו די יאָרן 157–165, איז די רייד וועגן אַרויסלאָזן אויף דער פרײַ דרײַ שקלאַווינס און איין שקלאַוו „פון שבט יהודה", מן הסתם קריגסגעפאַנגענע, וואָס זײַנען פאַרקויפט געוואָרן אין שקלאַווערײַ בעת דעם אויפשטאַנד פון יהודה קעגן אַנטיוכוס עפּיפאַנעס. די מסורות פון „ערשטן בוך חשמונאים" (קאַפּ' 12, 14, 15) וועגן די בונדאָפּמאַכן פון די חשמונאָיִשע פירשטן יונתן און שמעון מיט די אײַנוווינער פון ספּאַרטאַ זײַנען משמעות פאַרבונדן מיט די יידישע קאָלאָניעס, וואָס זײַנען דעמאָלט אויפגעקומען אין גריכנלאַנד. 200 יאָר שפּעטער שרײַבט שוין פילאָן פון אַלכסנדריא (אין זײַן בריוו צו קאַיוסן, § 36) בפירוש וועגן יידישע יישובים „אין טעסאַליע, בעאָטיע, מאַקעדאָניע, עטאָליע, אַטיקע, אַרגאָס, קאָרינט, אין דעם גרעסטן און בעסטן טייל פון פעלאָפּאָנעסאָס". זײַן יינגערער בן־דור, דער אַפּאָסטאָל פּוילוס, האָט געפּרעדיקט די נײַע רעליגיע אין די סינאַגאָגעס פון טעסאַלאָניקע, בעראַ, אַטען און קאָרינט (מפעלות השליחים, קאַפּ' 16–18). אין אייניקע שטעט פון מאַקעדאָניע און גריכנלאַנד זײַנען פאַרבליבן אַלטע אויפ־

---

1 וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, מזרח־תקופה, באַנד III.

שריפטן אויף מצבֿות מיט יִדישע נעמען אָדער יִדישע רעליגיעזע עמבלעמען, וואָס זאָגן עדות, אַז דאָרט האָבן זיך געפונען יִדישע קהילות (אין אַטען, קאָרינט, טעסאַלאָניקע, מאַנטינעאַ, פּאַטראַס, לאַריסאַ א״אַ) [1].

אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון גריכנלאַנד, וואָס איז אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער קריסטלעכער צײַט אַליין געוואָרן אַ לאַנד פון עמיגראַציע, האָט די יִדישע קאָלאָניזאַציע דאָרט ניט געקאָנט זיך אַנטוויקלען. ערשט זינט דעם 4טן יאָרהונדערט, ווען ביזאַנטיאָן, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען ק אָ נ ס ט אַ נ ט י נ אָ פּ אָ ל, קאָנסטאַנטינס שטאָט, איז געוואָרן די „נײַע רוים" פון דער אימפּעריע און דער צענטער פון דעם טריומפירנדיקן קריסטנטום, האָט דער גריכישער טייל פון דער אימפּעריע ווידער אָפּגעלעבט און גענומען צוציִען נײַע אײַנוואַנדערער, צווישן זיי אויך יִדן. די יִדן, וואָס האָבן מיט הצלחה קאָנקורירט מיט די גריכן אין די הויפטקנופּן פון די ים־האַנדלסוועגן, אין אַלכסנדריא און אין די סיריש־פּאַלעסטינישע האַוונשטעט, האָבן ניט ווינציק מיטגעהאָלפן דערצו, אַז קאָנסטאַנטינאָפּאָל זאָל זיך פאַרבינדן מיט אָט די האַנדלסקנופּן און זאָל ווערן אַ צענטער פון וועלטהאַנדל אויפן גרענעץ צווישן מזרח און מערבֿ. דער פאַרבאַנד פון די יִדישע „נאַוויקולאַריער" אָדער בעלי־בתים פון שיפן, וואָס האָט עקסיסטירט אין 4טן יאָרהונדערט אין אַלכסנדריא של מצרים, האָט געוויס געהאַט זײַנע קאָנטראַהענטן אין דער האַוונשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די יִדן האָבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַרנומען אַ באַזונדערן קוואַרטאַל אין דעם צענטראַלן טייל פון שטאָט מיטן נאָמען קופּערמאַרק (Chalkoprateia), ווו עס האָט זיך געפונען אין אָנהייב 5טן י״ה די סינאַגאָגע פון דער קהילה. עס ווערט דערציילט, אַז די סינאַגאָגע איז אויסגעבויט געוואָרן מיט דער דערלויבעניש פון דעם פּרעפעקט פון דער שטאָט, אין דער צײַט ווען דער קיסר טעאָדאָסיוס II איז געווען אַוועקגעפאָרן. אַז דער קיסר איז געקומען צוריק אַהיים, האָט ער באַפוילן, אַז די סינאַגאָגע, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן קעגן געזעץ (ווי באַוווסט, האָבן יִדן קיין נײַע סינאַגאָגעס ניט געטאָרט בויען), זאָל ווערן איבערגעמאַכט פאַר אַ קירך אין נאָמען פון דער גאָטמוטער (442). שפּעטער האָט מען די יִדן אַרויסגעזעצט פון דעם צענטראַלן טייל שטאָט, און זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער פאָרשטאָט סטענאָן אָדער סטאַנאָר, אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל (גיכער פון אַלץ אין דעם ראַיאָן פון דער איצטיקער גאַלאַטע).

עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין דער איירָאפּעיִשער ביזאַנץ האָבן יִדן געקרעכצט אונטערן יאָך פון די באַגרענעצונג־געזעצן, וואָס זײַנען פאַראייביקט

---

1 זע הוספה נו׳ 2 צום סוף פון דעם באַנד.

אין „טעאָדאָסיוסעס קאָדעקס" מיט די הוספות אין יוסטיניאַנס „קאָדעקס" און זיינע „נאָוועלעס". די קהילה־אויטאָנאָמיע פון יידן איז אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן אָנערקענט, און די אויסגעקליבענע עלטסטע פון די קהילות אָדער „עפאָרן" האָבן געשפילט די ראָלע פון בורגמייסטערס אין די שטאָטישע קוואַרטאַלן באַזעצט מיט יידן. אָבער אויך דאָ איז געווען גילטיק דער שאַנד־געזעץ, דער סימבאָל פון דער טריומפירנדיקער קירך, אַז יידן מעגן נאָר פאַרריכטן אַלטע סינאַגאָגעס, טאָרן אָבער קיין נייע ניט בויען. נאָך דעם באַוווסטן דעקרעט יוסטיניאַנס, אַז עס איז פאַרבאָטן די „דויטעראָסיס", אָדער דרשה אין די שולן, האָבן די ביזאַנטישע מאַכטאָרגאַנען געקראָגן די מיגלעכ־קייט זיך אַריינצומישן אויך אין דעם רעליגיעזן לעבן פון די ייִדישע קהילות.

די קירכלעך־סינאָדאַלע געזעצגעבונג אין ביזאַנץ, וואָס האָט אָפגעשיידט דאָס קריסטנטום פון ייִדישקייט נאָך זינט דעם 4טן יאָרהונדערט, זינט די צייטן פון די קאָנצילן אין ניקעאַ און לאַאָדיקעאַ, האָט אין די שפעטערדיקע יאָרהונדערטער זיך פאַרנומען ווינציק מיט דער ייִדישער פראַגע. די דאָזיקע פונקציע האָט מיט דער גאָרער התמדה אויסגעפירט די מלוכה־מאַכט, וואָס האָט געווירקט פולקום אין גייסט פון דער קירך. די ביזאַנטישע קאָנצילן זיינען געוויינטלעך געווען פאַרנומען מיט באַטראַכטן די דאָגמאַטישע מחלוקתן, וואָס האָבן צעריסן די קריסטלעכע קירך און האָבן צייטנווייז פונאַנדערגע־שיידט קאָנסטאַנטינאָפאָל און רוים. וועגן יידן האָט זיך דערמאָנט דער קאָנסטאַנטינאָפאָלער קאָנציל פון יאָר 692. דער עלפטער קאַנאָן פון דעם דאָזיקן קאָנציל פאַרבאָט איטלעכן קריסט, סיי אַ גייסטלעכן סיי אַ וועלט־מענטש, צו עסן ביי יידן מצות, צו היילן זיך ביי יידן, צו באָדן זיך צוזאַמען מיט יידן אין מרחץ, און בכלל צו האָבן אַ נאָענטע מגע־ומשא מיט זיי; אַ גייסטלעכער, וואָס איז עובר אויף אָט דעם פאַרבאָט, פאַרלירט זיין אַמט, און אַ וועלטלעכער קריסט ווערט אַריינגעלייגט אין חרם. דאָס וואָס מען האָט צום סוף 7טן י"ה ווידער געפונען פאַר נייטיק צו באַנייען די פאַרבאָטן קעגן דעם מגע־ומשא צווישן יידן און קריסטן, איז אַ ראיה דערפאַר, אַז אַזאַ פאַרקער איז געוואָרן אָפטער, און מען האָט מורא געהאַט פאַר דער השפעה פון יידן. קענטיק, אַז די צאַמען, ווי באַזונדערע ייִדישע קוואַרטאַלן אין דער הויפטשטאָט און אין די פראָווינציעלע שטעט, האָבן ניט געהאָלפן, וואָרעם דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן, באַזונדערס אין האַנדלספונקטן, דער־נעענטערט מענטשן אַפילו פון אַזעלכע פאַרשיידענע טיפן ווי יידן און גריכן. שפעטער, בעת דעם קאַמף אַרום די הייליקע בילדער, ווען זיך די רעליגיעזע ליידנשאַפטן צעפלאַקערן, און דער תהום צווישן די אָנהענגער פון די צוויי רעליגיעס וועט טיפער ווערן.

§ 10. די קאָלאָניעס בײַם שוואַרצן ים
(באָספּאָרוס, קרים)

זינט עס איז אויפֿגעקומען די ביזאַנטישע אימפּעריע, זײַנען אין איר באַשטאַנד אַרײַן די גריכיש־רוימישע קאָלאָניעס פֿון דעם צפֿונדיקן ברעג פֿון שוואַרצן ים, צווישן קאַווקאַז, קרים און דעם בעקן פֿון אונטערשטן דנעפּער. קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס ליגט בײַם דרומדיקן עק פֿון שוואַרצן ים, דאָרט ווו עס קומט זיך צונויף דער באַלקאַן־האַלבאינדזל מיט קליין־אַזיע, איז געווען דער נאַטירלעכער בעל־הבית איבער די גריכישע קאָלאָניעס, וואָס זײַנען געלעגן אויפֿן קעגנאיבערדיקן צפֿונדיקן ברעג.

מיט פֿיל יאָרהונדערטער פֿריִער, איידער ביזאַנץ איז אַרויס אויף דער היסטאָרישער אַרענע, זײַנען אויפֿגעקומען גריכישע קאָלאָניעס אין די לענדער פֿון די סקיטן, סאַרמאַטן און טאַוריער, אויף די ברעגעס פֿון דעם פּאָנטאָס אויקסינאָס און פֿון דער מעאָטיס (שוואַרצער ים און אַזאָווער ים), דאָרט ווו עס פֿאַלן אין זיי אַרײַן די טײַכן באָריסטענעס (דנעפּער), טיראַ (דנעסטער), איפּאַניס (בוג) און טאַנאַיִס (דאָן). אַלע די דאָזיקע קאָלאָניעס האָבן זיך גרופּירט אַרום **טאַוריס** אָדער דעם קרימער האַלבאינדזל. אָנגעהויבן פֿון 7טן י״ה פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט האָבן געגומען ציִען זיך קאָלאָניזאַטאָרן, צו ערשט פֿון קליין־אַזיע, שפּעטער אויך פֿון קלאַסישן גריכנלאַנד, פֿון אַטען און ספּאַרטאַ, די דאָזיקע גריכן האָבן געזוכט אין דעם האַלב ווילדן, אָבער תּבֿואה־רײַכן סקיטן־לאַנד ברויט פֿאַר די איבערבאַפֿעלקערטע מעטראָפּאָליעס. די סוחרים פֿלעגן אַרויספֿירן פֿון דעם לאַנד, חוץ תּבֿואה, אויך פֿיש און זאַלץ, און דערפֿאַר פֿלעגן זיי געבן די אָרטיקע אײַנוווינער געבראַכטע אינדוסטריעלע אַרטיקלען פֿון אַזיע. בהדרגה וואַקסן דאָ אויס היפּשע שטעט: **אָלוויע** אין דעם בוג־לימאַן, צווישן די איצטיקע ניקאָלאַיעוו און אָטשאַקאָוו, **פּאַנטיקאַפּייאָן** (איצט קערטש) אויפֿן ברעג פֿון דעם קימערישן באָספּאָרוס (אַזוי האָט געהייסן דער קערטשער דורכגוס, אָפּצושיידן פֿון דעם דרומדיקן טראַקישן באָספּאָרוס, דעם האַוון פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל), **טעאָדאָסיאַ** און **כערסאָנעס** (סעוואַסטאָפּאָל) אויפֿן דרומדיקן ברעג פֿון קרים אָדער טאַוריס. עס האָבן זיך געבילדעט פֿרײַע שטאָט־רעפּובליקן פֿון דעם אַלט־גריכישן טיפּ, און ערטערווײַז פֿאַראייניקונגען פֿון שטעט מיט אַ קיניג בראש. די שטאָט פּאַנטיקאַפּייאָן ווערט די הויפּטשטאָט פֿון דעם **באָספּאָראַנישן קיניגרײַך**, אין דעם ערדפּאַס, ווו עס קומט זיך צונויף דער שוואַרצער ים מיטן אַזאָווער ים. די העלענישע קולטור גיסט כּסדר אַרײַן לעבן און באַוועגונג אין אָט די ווײַטע קאָלאָניעס, און נאָך דער אויסשפּרייטונג פֿון דער גריכישער איבערהערשאַפֿט אין אַזיע, דרינגט מסתּמא אַהין אַרײַן אויך אַ שטראָם

פֿון דער ייִדישער דיאַספּאָרע, דורך קלײן-אַזיע און דער סעלעװקידישער סיריע. אין די לעצטע יאָרהונדערטער פֿון דער פֿאַרקריסטלעכער צײַט באַגלײט דער ייִד דעם גריך דעם קאָלאָניזאַטאָר; בײדע בױען זײ האַנדלס-פֿאַקטאָריעס און אָרגאַניזירן שטאָטישע געמײנדעס אויף די צפֿונדיקע ברעגעס פֿון שוואַרצן ים, אין דעם װײַטן ראַנדגעביט פֿון דער ייִדיש-העלענישער דיאַספּאָרע.

די ייִדישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אין דעם באָספּאָראַנישן קיניגרײַך, װוּ עס האָט זיך אין יענער צײַט פֿאַרפֿעסטיקט די העלעניש-סקיטישע דינאַסטיע פֿון די ספּאַרטאָקידן. אין ערשטן יאָרהונדערט פֿון דער פֿאַרקריסטלעכער צײַט האָט דאָס דאָזיקע קלײנע קיניגרײַך איבערגעלעבט דעם אַלגעמײנעם קריזיס פֿון דעם דעמאָלטיקן העלעניסטישן אָריענט. אַרום יאָר 80 האָט דאָס לאַנד פֿאַרכאַפּט דער גרויסער שׂונא פֿון רוים, דער קיניג פֿון קלײנאַזישן פּאָנטוס מיטרידאַטעס, װאָס האָט פֿאַראײניקט טאַוריס מיט זײַן דרומדיקן קיניגרײַך. צעקלאַפּט אין אַזיע דורך דעם רוימישן באַצװינגער פֿון דעם מזרח פּומפּיוסן, איז מיטרידאַטעס אַנטלאָפֿן אין דעם טאַורישן באָספּאָרוס, נאָר דאָ איז ער אומגעקומען, װײַל זײַן זון פֿאַרנאַקעס האָט אין אים געפֿעלשט און איז אַריבער אויפֿן צד פֿון די רוימער. דאָס איז געװען אין יענעם געדענקפֿולן יאָר 63 פֿאַר קריסטוס, װען פּומפּיוס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אומאָפּהענגיקײט פֿון יהודה. טאַוריס און יהודה זײַנען צו גלײַכער צײַט אַרונטערגעפֿאַלן אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון רוים.

אַרום פֿיר יאָרהונדערטער האָט געדױערט דער פּראָטעקטאָראַט פֿון רוים איבער דעם באָספּאָראַנישן קיניגרײַך. אין די צײַטן פֿון דער רוימישער אימפּעריע פֿלעגן די מלכים פֿון באָספּאָרוס פֿון די אײַנגעבאָרן-גריכישע דינאַסטיעס (אויפּאַטאָרידן א״אַ) טראָגן דעם טיטל „פֿרײַנד פֿון קיסר און פֿון די רוימער״, צוגעבן צו זײער נאָמען דעם נאָמען פֿון דער רוימישער דינאַסטיע טיבעריוס-יוליוס און גיסן מטבעות מיטן בילד פֿון קיסר. פּאַנטיקאַפּײאָן איז די רעזידענץ פֿון די דאָזיקע רוימישע װאַסאַלן, װאָס האָבן אויסגעשפּרײט זײער ממשלה איבער די שכנישע שטעט – טעאָדאָסיע, פֿאַנאַגאָריע (טאַמאַן), גאָרגיפּיע (אַנאַפּאַ), און צײַטנװײַז אויך איבער כערסאָנעס און דער װײַטער טאַנאַיִס (אַזאָװ), װאָס ליגט בײַם אַרײַנפֿאַל פֿון דאָן אין אַזאָװער ים. ייִדישע קאָלאָניעס זײַנען געװען אין אַלע די דאָזיקע שטעט. אין זײַן רשימה פֿון די ייִשובֿים פֿון דער דיאַספּאָרע דערמאָנט פֿילאָן (שליחות צו קאַיוסן, § 36) אויך װעגן דעם „װײַטן ראַנדלאַנד פֿון פּאָנטוס״. אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער רעדט װעגן טאַוריס און באָספּאָרוס װי װעגן רוימישע װאַסאַלע פּראָװינצן דער ייִדישער היסטאָריקער יוסף פֿלאַװיוס (ייִדישע מלחמות, II, 16, 4). עס זײַנען געבליבן אויך זאַכלעכע באַװײַזן דערויף, אַז אין ערשטן

יאָרהונדערט פֿון דער קריסטלעכער צײַט האָבן עקסיסטירט אָרגאַניזירטע ייִדישע קהילות אין דעם קיניגרײַך באָספּאָרוס. אויפֿן ערשטן אָרט שטייען דאָ צוויי גריכישע אויפֿשריפֿטן פֿון יאָר 80–81, וואָס זײַנען געפֿונען געוואָרן ניט ווײַט פֿון קערטש און וואָס זײַנען אַקטן פֿון אַרויסלאָזן שקלאַוון אויף דער פֿרײַ (manumissio). איינע פֿון די אויפֿשריפֿטן לייענט זיך אַזוי:

„אין דער רעגירונג פֿון דעם קיניג טיבעריוס יוליוס רעסקופּאָרידעס, דעם פֿרײַנד פֿון קיסר און דעם פֿרײַנד פֿון די רוימער, דעם פֿרומען, יאָר 377 [1]... טו איך כרעסטע, די געוועזענע פֿרוי פֿון דרוזוסן, אָפּלאָזן פֿאַר דעם געבעטהויז (proseuche) מײַן האָדעוואַניק הערֿאַקלעסן, דערקלערנדיק אים פֿאַר פֿרײַ אויף שטענדיק, בהסכם מיט מײַן נדר, ער טאָר ניט פֿאַרכאַפּט און ניט באַאומרויִקט ווערן דורך קיין שום יורש. ער מעג זיך קערן און ווענדן ווו ער וויל אומגעשטערט, חוץ דעם חובֿ צו קומען אין געבעטהויז צום בוקן זיך און שטענדיק בײַ צו זײַן דאָרט. געמאַכט מיט דער הסכּמה פֿון מײַנע יורשים, הערֿאַקלידעס און העליקאָניאַס, און מיטן אָנטייל פֿון דער סינאַגאָגע פֿון די ייִדן אין דער אַפּיטרופּסות" (Synepitropeuses tes synagoges ton Joudaion).

אין אַזעלכע שריפֿטלעכע אַקטן פֿלעגט ווערן פֿאַרפֿעסטיקט דער אַקט פֿון דער פֿרײַלאָזונג פֿון שקלאַוון, וואָס פֿלעגט געוויינטלעך פֿאָרקומען עפֿנטלעך, אין געבעטהויז, וואָס דער פֿרײַגעלאָזענער פֿלעגט אַזוי ווי צו אים געהייליקט ווערן על־פּי־נדר, דאָס הייסט עס פֿלעגט אויף אים אַרויפֿגעלייגט ווערן די התחײַבֿות צו קומען רעגולער אין דעם געבעטהויז צום גאָטדינסט. אויך אין היידנישן גריכנלאַנד איז געווען אָנגענומען אַן ענלעכע פֿאָרם בײַם אַרויסלאָזן פֿרײַ אַ שקלאַוו: מען פֿלעגט דעם שקלאַוו אַזוי ווי איבערגעבן אין רשות פֿון דער גאָטהייט, און ער פֿלעגט כּלומרשט ווערן אַ באַדינער פֿון טעמפּל. די דאָזיקע ענלעכקייט פֿון די מנהגים, די גריכישע שפּראַך פֿון די אויפֿשריפֿטן און די גריכישע נעמען פֿון די מענטשן זאָגן עדות, אַז די געמיינדע אין באָספּאָרוס איז באַשטאַנען פֿון העלעניזירטע ייִדן. אָבער די דאָזיקע אַסימילירטע קאָלאָניסטן זײַנען רעליגיעז געווען ענג פֿאַרבונדן צווישן אַנאַנד, פֿלעגן אָפּריכטן יורידישע אַקטן אין זייער געבעטהויז און פֿלעגן פֿאַרמעל צובינדן צו דעם די פֿרײַ געלאָזענע שקלאַוון. די ייִדישע געמיינדע גופֿא, וואָס ווערט אָנגערופֿן מיטן טערמין „סינאַגאָגע", וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ייִדיש־העלענישער דיאַספּאָרע, האָט פֿאַרמאָגט אַ באַשטימטן סכום

[1] לויט דער אָרטיקער באָספּאָראַנישער ערע, וואָס פֿאַלט צונויף מיטן יאָר 81 פֿון דער קריסטלעכער צײַט.

רעכט און אינעווייניקסטע אויטאָנאָמיע, וואָרעם זי טרעט אַרויס אין די דאָקומענטן ווי אַ יורידישע פּערזאָן מיטן רעכט פֿון אַפּיטראָפּסות און השגחה.

פּונקט אַזעלכע אָרגאַניזירטע געמיינדעס פֿון העלעניזירטע ייִדן, וואָס האָבן זיך געבילדעט פֿון עלטערע קליינע קאָלאָניעס אָדער האַנדלס=פֿאַקטאָריעס, האָבן עקסיסטירט אין די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט אויך אין אַנדערע שטעט אויף די ברעגעס פֿון שוואַרצן ים און פֿון אַזאָווער ים. אויפֿשריפֿטן פֿון גאָרגיפּיע און טאַנאַיִס זאָגן עדות דערויף, אַז צווישן דער גריכישער באַפֿעלקערונג איז געווען פֿאַרשפּרייט אַ רעליגיעזער סינקרעטיזם אונטער דער השפּעה פֿון דער יהדות. פּונקט ווי די ייִדן האָבן איבערגענומען בײַ די גריכן זייער שפּראַך און זייערע שטייגער=מנהגים, אַזוי האָבן די היידנישע גריכן זיך געפֿונען אונטער דער רעליגיעזער השפּעה פֿון זייערע ייִדישע שכנים. אין אָט דעם ווײַטן ווינקל פֿון דער דיאַספּאָרע האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט די באַוועגונג, וואָס איז אין די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט געווען קענטיק אין קליין=אַזיע, גריכנלאַנד און אין רוים: פֿון צווישן די היידן פֿלעגן אויפֿקומען גרופּעס פֿון אַזוי גערופֿענע „אַכפּערער פֿון דעם העכסטן גאָט" (Sebomenoi theon hyspiston), וואָס פֿלעגן זיך אָנשליסן אָן די ייִדישע געמיינדעס ווי האַלבע ייִדן. זיי פֿלעגן קומען אין די סינאַגאָגעס אַרײַן, אָפּהיטן אייניקע ייִדישע דינים וועגן כּשרות און ריינקייט, אָבער צו גלײַך האָבן זיי געהאַלטן אויך היידנישע מנהגים. צווישן אָט די האַלבע מאָנאָטעיִסטן האָט דער אַפּאָסטאָל פּױלוס בעת זײַנע נסיעות איבער קליין=אַזיע און גריכנלאַנד אַנטוויקלט אַ שטאַרקע קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע און האָט אַ סך פֿון זיי צוגעצויגן צו דער נײַער אמונה. אַנדערע פֿון די גאָט=אַכפּערער זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן פֿולע ייִדן לויט דער רעליגיע. אין טאַנאַיִס זײַנען געווען פֿאַרבאַנדן פֿון „אַכפּערער פֿון העכסטן גאָט" אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופֿן: „סינאָדן", וואָס זייערע מיטגלידער פֿלעגן זיך באַצייכענען ווי „ברידער" און האָבן אויסגעטיילט פֿון זיך אַ גאַנצע היעראַרכיע פֿון ראַנגען: „פּרעסביטער" (זקנים), „פֿאָטערס פֿון די פֿאַרזאַמלונגען", „סינאַגאָגן". אַ סך אויפֿשריפֿטן דערציילן וועגן קולט פֿון אָט די פֿאַרבאַנדן. די אויפֿשריפֿטן פֿלעגן ווערן אויסגעקריצט אויף שטיינערנע טאָוולען, „טעלאַמאָנען", און האַלטן רשימות פֿון די מיטגלידער פֿון פֿאַרבאַנד און פֿון זײַנע עלטסטע. די אַרײַנפֿיר=פֿאָרמולע איז געשריבן אַן ערך אַזוי: „דעם אייבערשטן גאָט, אין דער רעגירונג פֿון דעם קיניג טיבעריוס יוליוס רעסקופּאָרידעס, דעם פֿרײַנד פֿון קיסר און דעם פֿרײַנד פֿון די רוימער, דעם פֿרומען, האָבן די אַדאָפּטירטע ברידער [די מיטגלידער פֿון פֿאַרבאַנד אָדער ברודערשאַפֿט], וואָס אַכפּערן דעם העכסטן גאָט, אַוועקגעשטעלט אָט דעם טאָוול, אַרײַנגעשריבן דאָרט זייערע נעמען, בראש מיטן פּרעסביטער

העראַקלידעס, אַריסטאָן", אאַז"וו (עס גייען ווײַטער אַ ריי גריכישע נעמען). די לעצטע אויפֿשריפֿט איז פֿון יאָר 228, – דאָס הייסט, אַז נאָך אין 3טן י"ה פֿון דער קריסטלעכער צײַט האָט דער דאָזיקער ייִדיש-העלענישער סינקרעטיזם עקסיסטירט אין טאַוריס און אין דער געגנט פֿון אַזאָווער ים. דאָס זײַנען קענטיק שפּורן פֿון דער ייִדישער פּראָפּאַגאַנדע. די פֿאַרבאַנדן אָדער ברודערשאַפֿטן פֿון די „אַכפּערער פֿון העכסטן גאָט", וואָס זײַנען באַשטאַנען פֿון גריכן אָדער העלעניזירטע אײַנגעבאָרענע, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די ייִדישע געמיינדעס ווי האַלבע גרים (גר-תּושבֿ), בעת אין זייער שטייגער און רעליגיעזער פּראַקטיק זײַנען נאָך געבליבן אַ סך געצנדינערישע עלעמענטן. ווען אין אָט דעם ווײַטן ראַנדגעביט פֿון דער רוימישער אימפּעריע זײַנען געקומען די קריסטלעכע מיסיאָנערן, האָבן זיי געקאָנט געפֿינען אָנהענגער גרינגער פֿון אַלץ גראָד אין אָט די האַלב-ייִדישע קרײַזן, וואָס האָבן גיך אויפֿגענומען אַ רעליגיע, וואָס איז אַ קאָמפּראָמיס צווישן מאָנאָטעיִזם און היידנטום.

צום סוף 3טן י"ה האָט דאָס קריסטנטום שוין געהאַט זיך אײַנגעפֿעסטיקט אין אייניקע פּונקטן פֿון טאַוריס. דער צענטער פֿון דער נײַער רעליגיע איז געווען כ ע ר ס אָ נ ע ס, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן לעבעדיקע פֿאַרבינדונגען מיט ביזאַנטיאָן, דער קומענדיקער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויפֿן קעגנאיבערדיקן ברעג פֿון שוואַרצן ים. אַרום יאָר 300 האָבן אין כערסאָנעס געלעבט די קריסטלעכע ביסקופֿן באַזילעוס, קאַפּיטאָן און אַנדרעע, וואָס האָבן מיט אַזאַ ברען געפֿירט זייער מיסיאָנערישע טעטיקייט, אַז זיי האָבן אַרויסגערופֿן אַן אויפֿשטאַנד פֿון די היידן און ייִדן. אויף דעם ערשטן קירכן-קאָנציל אין ניקעאַ (אין יאָר 325) איז בײַגעווען דער ביסקופּ פֿון באָספּאָרוס, און אויפֿן סינאָד פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל (381) – אַ ביסקופּ פֿון כערסאָנעס. נאָך דער צעטיילונג פֿון דער רוימישער אימפּעריע איז פֿאַר טאַוריס אָנגעשטאַנען אַ נײַע תּקופֿה: אָפּיציעל באַקומט די ממשלה איבער איר קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס איז נאָענט צו איר געאָגראַפֿיש און עטנאָגראַפֿיש. די ערשטע צײַטן האָט די ביזאַנטישע מעטראָפּאָליע געלאָזט דער קאָלאָניע אַ ברייטע אויטאָנאָמיע, נאָר שפּעטער, באַזונדערס זינט יוסטיניאַנס צײַט, ווערט אײַנגעפֿירט אַ פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פּראָווינץ דירעקט פֿון צענטער. דער דרוק וואָס די ייִדן לײַדן אין ביזאַנץ טרײַבט אַ סך פֿון זיי קיין טאַוריס און אַנדערע געגנטן פֿון צפֿונדיקן ברעג פֿון שוואַרצן ים, און זייער צאָל וואַקסט. דער ביזאַנטישער כראָנאָגראַף טעאָפֿאַנעס פֿאַרצייכנט, אַז אין יאָר 671 האָבן זיך געפֿונען אין ברעגגעגנט פֿון שוואַרצן ים, אין פֿאַנאַגאָריע און דער סבֿיבֿה, אַ סך שבֿטים „אַרום די דאָרט לעבנדיקע ייִדן", – דערפֿון איז צו זען, אַז די ייִדן האָבן געבילדעט אַ באַדײַטיקן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג. וועגן דעם זאָגן אויך עדות די געפֿונענע מצבֿה-אויפֿשריפֿטן, צום טייל אין גריכיש, צום טייל

אין העברעיִש, וואָס געהערן צום 4טן י"ה און צו די ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער. אין די אויפֿשריפֿטן אויפֿן בית־הקבֿרות פֿון פּאַנטיקאַפּייאָן באַגעגענען זיך שוין צו גלײַך מיט גריכישע נעמען אויך ריין ייִדישע נעמען (שמעון, יצחק, שמואל) און ייִדישע עמבלעמען: בילדער פֿון אַ זיבנרעריקער מנורה, לולבֿים און שופֿרות, אַזוי ווי אין די רוימישע קאַטאַקאָמבעס (אויבן, § 2).

אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט דער ערשטער קאָלאָניזיר־צענטער פֿון ייִדנטום אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז פּונקט אַזוי אַלט ווי די מערבֿדיקע צענטערס, נאָר די גריכישע עלעמענטן זײַנען אין אים מער פֿאָרגעשטעלט ווי די רוימישע. ביזן 7טן יאָרהונדערט האָט אויף די ברעגעס פֿון שוואַרצן ים נאָך געהערשט די גריכישע קולטור. אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער איז זי אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך די אַרײַנדרינגענדיקע שבֿטים פֿון קאַווקאַז און פֿון פּערסיע, וואָס צווישן זיי פֿאַרנעמען דעם ערשטן אָרט די כאַזאַרן (כּוזרים), וואָס זײַנען אַרײַן אין דער ווירקונג־ספֿערע פֿון ייִדנטום.

צווייטער אָפּטייל

פּעריאָד פֿון דער אָרגאַניזירונג פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנטום

ביז די קרייצצוגן (711—1096)

§ 11. אַלגעמיינער איבערבליק

דער קאָלאָניזיר־פּעריאָד, דער צײַט־פּעריאָד, ווען די ייִדן אין מערבֿ־אייראָפּע האָבן פֿאַרנומען זייערע שטענדיקע זיצערטער, האָט זיך פֿאַרענדיקט אין 8טן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך פֿאַרענדיקט די איבערגאַנגס־צײַט צווישן דעם אונטערגאַנג פֿון דער מערבֿ־רוימישער אימפּעריע און דער אויסבילדונג פֿון קאַרל דעם גרויסנס אימפּעריע. פּונקט ווי אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פֿון אייראָפּע, אַזוי האָט זיך אויך אין לעבן פֿון די ייִדן אָנגעהויבן די צײַט פֿון קאָנצענטרירן די כּוחות, די צײַט פֿון אויפֿבוי. נאָך דעם קאָלאָניזיר־פּעריאָד קומט דער אָ ר ג אַ נ י ז י ר ־ פּ ע ר י אָ ד פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנטום. עס האָט זיך אָרגאַניזירט די מלוכה, צו ערשט אַן אימפּעריאַליסטישע, נאָר שפּעטער צעפֿאַלט זי אויף עטלעכע נאַציאָנאַלע מלוכות, מיט אַ פֿעאָדאַלער אָרדענונג און שטאַנדן־צעטיילונג. צופּאַסנדיק זיך צו דער אַלגעמיינער סאָציאַלער אָרדענונג, האָט זיך אויך אָרגאַניזירט דאָס ייִדנטום. די קאָלאָניעס ווערן געמיינדעס, די געמיינדעס וואָס האָבן פֿריִער עקסיסטירט פֿאַרברייטערן און פֿאַרפֿעסטיקן זייער אַליין־פֿאַרוואַלטונג לויטן מוסטער פֿון דער פֿריִערדיקער קהילה־אָרדענונג אין דער מזרחדיקער דיאַספּאָרע. אין יענער צײַט שטעלט זיך אײַן אַ פֿעסטע פֿאַרבינדונג צווישן די אייראָפּעיִשע ייִדן מיט זייערע ברידער אין די גרויסע נאַציאָנאַלע צענטערס פֿון באַגדאַדער כאַליפֿאַט — בבֿל, ארץ־ישׂראל און צפֿון־אַפֿריקע. די האַנדלס־פֿאַרבינדונגען צווישן מזרח און מערבֿ זײַנען אין יענער צײַט באַלעבט געוואָרן, ווי נאָך קיין מאָל ניט. באַגדאַד, באַסראַ, דמשק, עכּו, רמלה, עזה, אַלכּסנדריא, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מאַרסעל, די האַוונס פֿון איטאַליע און שפּאַניע זײַנען סטאַציעס פֿון איין גרויסן האַנדלסוועג, וואָס אויף אים ברענגט די אַרבעט פֿון גריכן, ייִדן, וועני־ציאַנער און אַנדערע טוער פֿון וועלטהאַנדל. אין די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון אייראָפּע שטראָמען אַרײַן נײַע מאַסן ייִדן געקומענע פֿון אַזיע און אַפֿריקע,

וואָס טראָגן אַרײַן די מנהגים און רגילותן פון דער קהילה־אויטאָנאָמיע און די פעסטע דיסציפּלין פון דעם תּלמודישן ייִדנטום. דורך אָט די פּאַרמיט־לערס האַלטן אונטער די פאַרבינדונג מיטן מזרח אַפילו די ווײַטע „אײַנוווינער פון ריין" (אַנשי רינוס), וואָס ווענדן זיך מיט שאַלות צו די גאונים פון סורא און פומבדיתא אָדער צו די ראָשי־ישיבות אין ארץ־ישׂראל. די קהילות פון דרום־איטאַליע און שפּאַניע, ווו עס האָבן זיך ברייט צעוואָקסן די צווײַגן פון באַגדאַדער כאַליפאַט, שטייען אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט די אַזיאַטיש־אַפריקאַנישע מעטראָפּאָליעס פון דער יהדות.

פאַרן אָנהייב מאָמענט פון אָט דעם אָרגאַניזיר־פּעריאָד מעג מען אָננע־מען דאָס יאָר 711, ווען די אַראַבער און בערבערן האָבן אײַנגענומען שפּאַניע: דעמאָלט איז אײַנגעשטעלט געוואָרן דער שטענדיקער בריק, וואָס האָט פאַר־בונדן די מזרחדיקע און די מערבֿדיקע דיאַספּאָרע. זײַן ענדפּונקט איז דאָס יאָר 1096, דער מאָמענט פון ערשטן קרייצצוג, ווען די באַוועגונג פון די קריגערישע קרייצפאָרערס פון אייראָפּע קיין אַזיע האָט דערלאַנגט דעם ערשטן ערנצטן קלאַפּ דעם אָרגאַניזירטן ייִדנטום פון מיטל־אייראָפּע.

אין משך פון אָט די פיר יאָרהונדערטער ווערט קודם כּל קאָנסאָלידירט די ייִדישע באַפעלקערונג פון מיטל־אייראָפּע — פון פראַנקרײַך און פון דײַטשלאַנד. די צײַטווײַליקע פאַראייניקונג פון אָט די צוויי לענדער אין דער אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן האָט מיטגעווירקט צו פאַרפעסטיקן דעם פאַרבונד צווישן די פראַנצייזישע און די דײַטשע ייִדן, וואָס אין געביט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור בלײַבט ער באַשטיין אויך נאָך דעם, ווי די אימפּעריע צעפאַלט זיך. פון היסטאָרישן נעפּל טרעטן אַרויס גרויסע ייִדישע קהילות בײַם ריין, דער באַריר־ליניע צווישן פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד: מעץ, מאַינץ, וואָרמס, קעלן. לאָטרינגען ווערט די וויג פון דער ייִדישער וויסנשאַפט אין מיטל־אייראָפּע (די „חכמי לותיר" אין 10טן און 11טן י"ה). דאָ ווירקט רבינו גרשום, דער „מאור הגולה", וואָס האָט דורך זײַנע תּקנות אײַנרעגולירט דאָס רעליגיעז־סאָציאַלע לעבן פון די פראַנצייזיש־דײַטשע ייִדן, און רשי, וואָס האָט פאַר זיי געעפנט די ספרים פון תּלמוד. אין דרום־פראַנקרײַך בליִען די אַלטע קהילות פון נאַרבאָנע, טולוזע, מאַרסעל. שוין אונטער די נאָענטסטע יורשים פון קאַרל דעם גרויסן האָבן ייִדן דערגרייכט צו אַזאַ ווירקונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, אַז די קריסטלעכע גײַסטלעכקייט האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלד וועגן דער „ייִדישער געפאַר". די השפּעהדיקע ביסקופן פון ליאָן, אַגאָבאַרד און אַמולאָ, טרעטן אַרויס מיט פײַערדיקע דרשות קעגן ייִדן אין די קלויסטערס און אין שריפטן וואָס זיי צעשיקן און פאָדערן, אַז מען זאָל באַגרענעצן זייערע בירגערלעכע רעכט און זייער אינעווייניקסטע אויטאָנאָמיע. אין צפון־איטאַליע, אונטער די־

קאַראָלינגער און די דײַטש-רוימישע קיסרים, אין דרום-איטאַליע אונטער דער ממשלה פֿון די אַראַבער און פֿון די נאָרמאַנען איז צו מערקן דער קולטורע-לער וווּקס פֿון די ייִדישע קהילות און עס ווערן צײַטיק די ערשטע שפּראָ-צונגען פֿון ליטעראַטור. אין שפּאַניע ווידער האָט, נאָך דעם הינערפּלעט פֿון די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער אַראַבישער ממשלה, זיך צעפֿלאַקערט אַ לײַכטורעם פֿון אַלגעמיין-מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס באַלײַכט די גאַנצע מערבֿדיקע דיאַספּאָרע. די פּאָליטישע צוזאַמענאַרבעט פֿון די אַראַבער און ייִדן אין קאָרדאָווער כאַליפֿאַט שאַפֿט דעם באָדן פֿאַר אַ נײַעם אַראַביש-ייִדישן רענעסאַנס, וואָס ווירקט אויף דער אַלגעמיינער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פֿון אייראָפּע. דאָס אַלץ ברענגט דערצו, אַז בהדרגה ווערט די ייִדישע נאַציאָנאַלע העגעמאָניע אַריבערגעטראָגן פֿון מזרח קיין מערבֿ, אַ פּראָצעס וואָס ווערט פֿאַרענדיקט אין 11טן יאָרהונדערט, נאָכן אונטערגאַנג פֿון בבֿלישן צענטער. די גײַסטיקע ירושה פֿון ארץ-ישׂראל און בבֿל גייט אַריבער צו די ייִדישע צענטערס אין שפּאַניע און אין פֿראַנקרײַך-דײַטשלאַנד ערבֿ דעם טרויעריקן קריזיס אין דעם גורל פֿון דעם פֿראַנצייזיש-דײַטשן צענטער, קורץ פֿאַר די קרייצצוגן, וואָס מחמת דעם באַקומט די שפּאַנישע העגעמאָניע אַן איבערוואָג אין דעם ווײַטערדיקן פּעריאָד פֿון מיטלעלטער.

דער קאָלאָניזיר-פּעריאָד, וואָס אין מערבֿ-אייראָפּע ווערט ער פֿאַרביטן דורך דעם אָרגאַניזיר-פּעריאָד, גייט אָן ווײַטער אין דער אָפּגעשטאַנענער מזרח-אייראָפּע. דער פּראָצעס פֿון קאָלאָניזאַציע קומט דאָ פֿאָר זינט דעם 8טן י"ה אונטער דער ווירקונג פֿון צוויי פֿאַקטאָרן: די עמיגראַציע פֿון בי-זאַנץ אין דער צײַט פֿון דעם „בילדער-שטורעם" און דער אַרײַנדרינג פֿון די כּוזרים (כאַזאַרן) פֿון די קאַספּישע סטעפּעס. אויף דער טעריטאָריע פֿון דעם שפּעטערדיקן דרום-רוסלאַנד האָבן זיך באַגעגנט די צוויי מיגראַציע-שטראָמען, פֿון באַלקאַנישן האַלבאינדזל און פֿון פּערסיע איבערן קאַווקאַז, און האָבן זיך אין טאַוריס צונויפֿגעגאָסן מיט די אַלטע ייִדיש-העלענישע ייִשובֿים. דאָס כאַזאַרישע קיניגרײַך מיט זײַנע ייִדישע מלכים שפּרייט אויס זײַן ממשלה איבער די לענדער פֿון קיִעווער רוסלאַנד, נעמט צינז פֿון די קיִעווער פֿירשטן און צעזייט צווישן די סלאַוון פֿון רוסלאַנד און פּוילן די ערשטע זוימען פֿון דער ייִדישער דיאַספּאָרע. שפּעטער, אין דער תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן, וועלן אַרײַנשטראָמען אין דער דאָזיקער מזרח-אייראָפּעיִשער דיאַספּאָרע עלע-מענטן פֿון מערבֿ. פֿון די חרובֿ געוואָרענע ייִדישע קהילות אין דײַטשלאַנד וועלן זיך אַ לאָז טון פּליטים קיין פּוילן און וועלן דאָרט לייגן דעם פֿונדאַ-מענט פֿון דעם קומענדיקן נאַציאָנאַלן צענטער.

קאַפּיטל I

די צײַט פֿון קאַרל דעם גרויסן, פֿון די קאַראָלינגער און פֿון פֿעאָדאַליזם אין מיטל־אייראָפּע

§ 12. ייִדן אונטער קאַרל דעם גרויסן

אין דער צווייטער העלפֿט 8טן י"ה איז די דינאַסטיע פֿון די מעראָ־ווינגער, וואָס צווישן אירע גלידער איז געווען צעטיילט די מלוכה פֿון די פֿראַנקען, געוואָרן דעגענערירט ביז לעצט. די מעראָווינגער, וואָס זײַנען לויטן נאָמען נאָך געווען די מושלים פֿון נייסטריע, בורגונד און אויסטראַזיע, האָבן געהאַט מער ניט דעם טיטל קיניג, פּאַקטיש האָבן רעגירט איבער דער מלוכה, און האָבן אויך אַ מאָל באַשטימט די מלכים גופא, די ענערגישע מאַזשאָר־דאָמען, די פֿאַרוואַלטערס פֿון קיניגלעכן הויף, וואָס זייער מאַכט פֿלעגט אויך איבערגיין בירושה. צוויי דינאַסטיעס, איינע פֿון נאָמינאַלע און די צווייטע פֿון פּאַקטישע הערשערס, האָבן ניט געקאָנט זיך אײַנלעבן צוזאַמען, און סוף כּל סוף האָט מנצח געווען די צווייטע. דער מאַזשאָרדאָם קאַרל מאַרטעל, וואָס האָט געראַטעוועט פֿראַנקרײַך פֿון דעם אַראַבישן אָנפֿאַל דורך זײַן נצחון בײַ פּואַטיע (732), האָט געעפֿנט זײַנע יורשים אַ וועג צום קיניגלעכן שטול. זײַן זון פּיפּין דער קורצער ווערט אין יאָר 751 פּראָקלאַמירט פֿאַרן קיניג פֿון די פֿראַנקען, און ער פֿאַראייניקט אונטער זײַן ממשלה די פּראָווינצן פֿון דער פֿראַנקישער מלוכה. דער רוימישער פּויפּס בעט בײַ אים הילף קעגן די לאַנגאָ־באַרדן, די באַהערשער פֿון אייבער־איטאַליע, וואָס ווילן זיך ניט צופֿרידן שטעלן מיט זייער הויפּטשטאָט פּאַוויע, נאָר ווילן כּסדר פֿאַרכאַפּן רוים, און פּיפּין ראַטעוועט אַרויס דעם הייליקן פּויפּסלעכן שטול און פֿאַרפֿעסטיקט צו גלײַך זײַן אייגענעם קיניגלעכן שטול.

פּיפּינס זון קאַרל דער גרויסער (768–814) באַזײַטיקט לעצטגילטיק די ממשלה פֿון די לאַנגאָבאַרדן אין איטאַליע (774), נעמט צו לאָמבאַרדיע פֿאַר זיך און ווערט דער מעכטיקער מיליטערישער באַשיצער פֿון דעם פּויפּס, פּונקט ווי דער פּויפּס ווערט זײַן גײַסטלעכער באַשיצער. פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרבונד צווישן דער וועלטלעכער און דער גײַסטלעכער מאַכט ווערט געבאָרן די הייליקע אימפּעריע. דער פּויפּס לעאָ III קריינט קאַרל דעם גרויסן אין רוים און פּראָקלאַמירט אים פֿאַרן קיסר, פֿאַרן „פּרימסטן אויגוסטוס" (800).

אַזוי אַרום איז לעבן דער ביזאַנטישער אימפּעריע, דעם אייראָפּעיִשן איבער־בלײַב פֿון דער אַמאָליקער מזרח־רוימישער מלוכה, אויפֿגעריכט געוואָרן די מערבֿ־רוימישע אימפּעריע פֿון איטאַליע און מיטל־אייראָפּע. זי האָט געהאַט אירע וועלטלעכע הויפּטשטעט אין פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד און איר גײַסט־לעכע הויפּטשטאָט אין רוים, דעם צענטער פֿון דער קריסטלעכער טעאָקראַטיע. דעם טעאָקראַטישן עלעמענט פֿון דער נײַער מלוכה־אָרדענונג וועט די יידישע באַפֿעלקערונג באַקומען צו שפּירן ערשט שפּעטער, ווען דער פּויפּס וועט גובֿר זײַן דעם קיסר; די ערשטע צײַטן אָבער האָבן יידן נאָך ניט געשפּירט די שווערע האַנט פֿון דער קירך: איר ראש, דער פּויפּס, איז נאָך געווען צו פֿיל אָפּהענגיק פֿון קאַרל דעם גרויסן און זײַנע נאָענטסטע יורשים, וואָס האָבן גענומען די יידן פֿון דער נײַער אימפּעריע אונטער זייער שוץ.

אומקלאָרע לעגענדעס, קריסטלעכע און יידישע, שילדערן אַ בילד פֿון גוטע באַציִונגען צווישן דער נײַער מאַכט און די יידן אין דרום־פֿראַנקרײַך, אין דער פּראָווינץ פֿון נאַרבאָנע. די דאָזיקע פּראָווינץ, וואָס איז געווען פֿריִער פֿאַראייניקט מיט דער וועסטגאָטישער שפּאַניע, איז צוזאַמען מיט איר אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער ממשלה פֿון די אַראַבער. נאָר אין יאָר 759 האָט אַן אַרמיי פֿון די פֿראַנקען אונטער דעם אָנפֿיר פֿון קיניג פּיפּין באַלע־גערט נאַרבאָנע און אײַנגענומען די שטאָט מיט דער הילף פֿון די קריסטלעכע אײַנוווינער, וואָס האָבן אויסגעהרגעט דעם אַראַבישן גאַרניזאָן און זיך אונ־טערגעגעבן די פֿראַנקען. אַ שפּעטערדיקע לעגענדע (פֿון די לעגענדעס וועגן קאַרל דעם גרויסן) דערציילט, אַז דאָס האָבן די יידן פֿון נאַרבאָנע איבער־געגעבן די שטאָט די פֿראַנקען, דערבײַ איז דער באַצווינגער פֿון נאַרבאָנע געווען ניט פּיפּין, נאָר זײַן זון קאַרל דער גרויסער. די יידן זאָלן האָבן אַרויסגעשיקט פֿון נאַרבאָנע אַ דעפּוטאַציע צו די פֿראַנקען און האָבן זיי פֿאָרגעלייגט זייער הילף. דער ראש פֿון דער דעפּוטאַציע יצחק האָט דער־קלערט קאַרלען, אַז די יידן, אויב זיי זײַנען גרייט איבערצוגעבן די שטאָט, פֿעלשן דערמיט גאָרניט קעגן דער אַראַבישער רעגירונג, וואָרעם די יידישע קהילה פֿון נאַרבאָנע האָט אַ פֿולע אויטאָנאָמיע און האָט אַפֿילו אַן אייגענעם „מלך" פֿון בית־דוד, וואָס איז געקומען פֿון באַגדאַד (אין טעקסט פֿון דער לעגענדע שטייט „באַלדאַכי"). אין נאָמען פֿון אָט דעם יידישן מושל האָט די דעפּוטאַציע אונטערגעטראָגן קאַרלען אַ מתנה פֿון 70.000 מאַרק און האָט דעקלאַרירט איר אונטערטעניקייט, בתּנאַי אַז עס זאָל בלײַבן באַשטיין די פֿריִערדיקע אויטאָנאָמיע פֿון דער קהילה. קאַרל האָט דערויף מסכּים געווען, און נאָך דעם ווי ער איז אַרײַן אין נאַרבאָנע, האָט ער אָפּגעגעבן די יידן אַ דריטהלק פֿון דער שטאָטישער ערד, וואָס איבער אים האָט ער אָנערקענט די מאַכט פֿון זייער „מלך", אַ צווייטן דריטל האָט ער אַוועקגעגעבן דעם

ביסקופֿ, און דעם לעצטן דריטל — דעם גראַף עמעריך. אַ יִידישע מסורה[1] רעדט אויך וועגן דעם, אַז נאַרבאָנע איז געווען איינגעטיילט אין דריי אויטאָנאָמע חלקים, און דערביי איז זי מוסיף, אַז איבערן יִידישן חלק האָט רעגירט רבי מכיר וואָס האָט געשטאַמט פֿון בית־דוד, וואָס אים האָט קאַרל דער גרויסער אַרויסגערופֿן פֿון בבל און באַשטימט פֿאַר אַ נשׂיא איבער די יִידן. פֿון די דאָזיקע מסורות קען מען מאַכן דעם היסטאָרישן אויספֿיר, אַז די באַגרינדער פֿון דער קאַראָלינגער־דינאַסטיע האָבן זיך געמיט צו געווינען די סימפּאַטיע פֿון די נאַרבאָנער יִידן, וואָס זייער פּאָליטישע אָריענטאַציע האָט געהאַט אַ וויכטיקן באַטייט אין דעם קאַמף פֿון די פֿראַנקען מיט די שפּאַנישע אַראַבער פֿאַר דרום־פֿראַנקרייך. דערמיט לאָזט זיך דערקלערן דער פֿאַקט, וואָס די דרום־פֿראַנצייזישע יִידן האָט זיך געלעבט לפֿי־ערך ניט שלעכט און וואָס זיי האָבן געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע.

אַז די יִידן פֿון נאַרבאָנע האָבן טאַקע גענאָסן באַזונדערע פּריווילעגיעס אין יענער צייט, באַלד נאָך דעם ווי די פֿראַנקען האָבן אָפּגענומען די שטאָט פֿון די אַראַבער, איז צו זען פֿון אַן אָפֿיציעלן דאָקומענט. דער פּויפּס סטעפֿאַנוס III האָט זיך געווענדט צום נאַרבאָנער אַרציביסקופּ אַריבערט מיט אַ בריוו (768–772), וואָס אין אים האָט ער אויסגעדריקט זיין צער דעריבער, וואָס די יִידן איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו האָבן זייער אייגנס ערד און צו וווינען צוזאַמען מיט קריסטן. „מיר זיינען געוואָרן אַרומגעכאַפּט מיט טרויער — האָט געשריבן דער פּויפּס — און אויפֿגערודערט ביז טויט, ווען מיר זיינען פֿון דיר טאַקע געוואָר געוואָרן, אַז דאָס יִידישע פֿאָלק, וואָס איז שטענדיק מורד קעגן גאָט און פֿיינדלעך צו אונדזערע צערעמאָניעס, פֿאַרמאָגט אויף אַ קריסטלעכער טעריטאָריע צו גלייך מיט קריסטן פֿרייע ירושה־מאַיאָנטקעס (allodia) אין שטעט און פֿאָרשטעט, אויפֿן יסוד פֿון פּריווילעגיעס, וואָס די מלכים פֿון די פֿראַנקען האָבן אין פֿריִערדיקע צייטן אַרויסגעגעבן. קריסטן באַאַרבעטן יִידישע פֿעלדער און ווייַנגערטענער, קריסטן און קריסטינס לעבן אונטער איין דאַך מיט די דאָזיקע בוגדים, פֿאַראומרייניקן זייער נשמה מיט רייד פֿון לעסטערונג ביי טאָג און ביי נאַכט; די אומגליקלעכע (קריסטלעכע באַדינערס) מוזן שטענדיק זיך מבֿזה זיין אַנטקעגן אָט די הינט און אויספֿאָלגן כּלערליי קאַפּריזן זייערע ...דער יושר פֿאַרלאַנגט דאָך, אַז אַלע הבֿטחות, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן די דאָזיקע אומגלייביקע און זייערע פֿאַרברעכערישע פֿאָטערס, זאָלן בטל ווערן אויס נקמה פֿאַרן טויט פֿון דעם

1 אין דער כראָניק פֿון ר׳ אבֿרהם אבן דאוד „ספֿר הקבלה" (12טער יאָרהונדערט): פֿראַגמענט פֿון אַ שפּעטער געפֿונענעם כּתבֿ־יד (ביי נייבויערן, ב׳ I, ז׳ 82); זע די ביבליאָגראַפֿיע.

געקרייציקטן אויסלייזער. אַזוי לערנט דאָך די רעכטגלייביקע קהילות דער ראש פֿון דער קירך [1] מיט די ווערטער: „צי קאָן מען פֿאַרבינדן ליכטיקייט מיט פֿינצטערניש, קריסטוסן מיט בליעל, אָדער עפּענען אַ טעמפּל גלײַכצײַטיק פֿאַר גאָט און פֿאַר די געצן?" —

דער צאָרנדיקער בריוו פֿון דעם פּויפּס איז משמעות אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דעם, וואָס בעת קאַרל דער גרויסער האָט איבערגענומען די רעגירונג פֿון דער מלוכה, האָבן די נאַרבאָנער ייִדן אויסגעפּועלט בײַ אים אַ באַשטעטיקונג פֿון זייערע פֿריִערדיקע פּריווילעגיעס, אַז זיי מעגן האָבן זייער אייגנס ערד און פֿרײַ באַנוצן געדונגענע אַרבעט, קעגן די קאַנאָנען פֿון די קירכלעכע סינאָדן. אַזוי ווי דער פּויפּס האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט אַרויסצוזאָגן זײַן פּראָטעסט דירעקט דעם קיניג, וואָס האָט דעמאָלט געראַטעוועט רוים פֿון די לאַנגאָבאַרדן, האָט ער אויסגעלאָזן זײַן כּעס אין דעם בריוו צו דער גײַסטלעכקייט.

קאַרל דער גרויסער האָט געהאַט אַזאַ ניכטערן קוק אויף די אויפֿגאַבעס פֿון דער מלוכה־פֿאַרוואַלטונג, אַז ער האָט ניט געקאָנט פֿאָלגן דער שמאָלקעפּיקער קירכלעכער פּאָליטיק, וואָס אירע בלינדע געצײַג זײַנען געווען די וועסטגאָטישע מלכים פֿון שפּאַניע און אייניקע פֿון די מעראָווינגער. ער האָט געזען, וואָס פֿאַר אַ טובֿות די מלוכה האָט געהאַט פֿון דער ענערגישער, ניכטערער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דעמאָלט, אין דער בליצײַט פֿון דעם באַגדאַדער כאַליפֿאַט, זײַנען ייִדן געווען די הויפּטטרעגער פֿון וועלטהאַנדל. דערצו האָבן מיטגעווירקט זייער צווישנפֿעלקערישע לאַגע און די שטענדיקע פֿאַרבינדונגען, וואָס האָבן עקסיסטירט צווישן די ייִדישע קהילות פֿון אַזיע און אייראָפּע. לויט דער עדות פֿון דעם אַראַבישן רײַזנדער פֿון 9טן יאָרהונדערט איבן־כאָרדאַדבע, פֿלעגן ייִדישע סוחרים פֿון פֿראַנקען־לאַנד (די „ראַדאַניטן") כּסדר פֿאָרן מיט סחורות קיין אַזיע און אַפֿריקע. אין זײַן „בוך פֿון די וועגן און פֿון די קיניגרײַכן" שרײַבט ער אָט וואָס:

„אָט דאָס איז דער וועג פֿון די ייִדישע סוחרים, וואָס הייסן ראַדאַניטן. די דאָזיקע סוחרים ריידן פּערסיש, אין דער שפּראַך רומי (גריכיש), אַראַביש, אין דער שפּראַך פֿון די פֿראַנקען, שפּאַניער און סלאַווון. זיי רײַזן פֿון מערבֿ קיין מזרח און צוריק, אַ מאָל איבער דער יבשה, אַ מאָל איבערן ים. זיי ברענגען צו פֿירן פֿון מערבֿ סריסים, שקלאַווינס, ייִנגלעך, זײַדנס, פעלצוואַרג און שווערדן. זיי זעצן זיך אויף די שיפֿן אין לאַנד פֿון די פֿראַנקען, אויפֿן מערבֿדיקן (מיטלענדישן) ים, און פֿאָרן קיין פֿאַראַם (פּעלוסיום אין עגיפּטן); דאָרט לאָדן זיי אָן זייערע סחורות אויף די רוקנס פֿון קעמלען און גייען מיט

[1] אַפּאָסטאָל פּוילוס אין צווייטן בריוו צו די קאָרינטער, קאַפּ' VI, 14—16.

דער יבשה קיין קולזום (סועץ), פאַרברענגענדיק אין וועג פינף טעג. פון קולזום פאָרן זיי מיט שיפן איבערן מזרחדיקן (רויטן) ים קיין אַלדזשאַר און דזשעדאַ (אַראַביע), ווײַטער קיין סינד, אינדיע און כינע. צוריקוועגס פירן זיי מאָשוס, אַלאָע, קאַמפער, צימערינג און אַנדערע פּראָדוקטן פון די מזרח-לענדער, קערן זיך אום קיין קולזום, דערנאָך קיין פאַראַם, פון דאָרט שיפן זיי זיך ווידער איבער דעם מערבֿדיקן ים. אייניקע פאָרן קיין קאָנסטאַנטי-נאָפּאָל, בכדי דאָרט צו פאַרקויפן זייערע סחורות, און אַנדערע קערן זיך אום אין לאַנד פון די פראַנקען".

אין דער דאָזיקער האַנדלס-טעטיקייט האָבן ייִדן מיט הצלחה קאָנקורירט מיט גריכן און סיריער, אַראַבער און איטאַליענער, וואָס האָבן געוווינט אין דרום-פראַנקרײַך. אין דער רײַכער שטאָט אַרל האָט זיך געפונען דער הויפּט-לאַגער פון די סחורות, וואָס זײַנען געווען באַשטימט צום אַרויספיר אין די מזרח-לענדער. די סחורות פלעגן געלאָדן ווערן אין מאַרסעל און נאַרבאָנע, צענטערס פון אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג. צווישן די ייִדן זײַנען געווען, פּונקט ווי אין אַלטערטום, אַ סך בעלי-בתים פון שיפן, וואָס האָבן געפירט סחורות און פּאַסאַזשירן אין אַלע עקן פון דער וועלט. אַז די ייִדישע סוחרים האָבן געשפּילט אַן ערשטראַנגיקע ראָלע אין דעם האַנדלס-פאַרקער, זאָגט עדות דער אויסדרוק, וואָס באַגעגנט זיך אָפט אין די דעמאָלטיקע אָפיציעלע אַקטן: „ייִדישע און אַנדערע סוחרים" (negotiatores judaei et alii), אין די „קאַפּיטולאַריעץ" פון די קאַראָלינגער. צווישן אַט די „איבעריקע סוחרים" איז געווען פאַרשפּרייט איין פּרנסה, וואָס דערין האָבן די ייִדן ניט געקאָנט זיי אויסקאָנקורירן: דאָס איז געווען די פּיראַטערײַ אָדער ים-רויבערײַ, וואָס אַ סך ים-פאָרערס פון יענער צײַט, מוסלמאַנער און קריסטן, האָבן זיך דערמיט פאַרנומען. אַט די ים-רויבערס פלעגן פאַרכאַפּן אויף אָפענעם ים אומבאַשיצטע שיפן, די פּאַסאַזשירן פאַר-קויפן פאַר שקלאַוון און די סחורות אָפּזעצן אויף ווײַטע מערק.

דער האַנדלס-פאַרקער מיטן מזרח האָט דערנעענטערט די אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן מיט דער מוסלמאַנישער אימפּעריע פון דעם באַגדאַדער כאַליפאַט. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די פאַרמיטלערס אין דעם דאָזיקן האַנדל, די ייִדן, האָבן געשפּילט אויך אַ געוויסע ראָלע אין די פּאָליטישע באַציִונגען צווישן די צוויי מלוכות. קאַרל דער גרויסער האָט פּערזענלעך אויסגענוצט ייִדן אין זײַנע פאַרבינדונגען מיטן מזרחדיקן כאַליפאַט. צווישן די שלוחים, וואָס קאַרל האָט געשיקט צום כאַליף פון באַגדאַד האַרון אַר-ראַשיד, האָט זיך געפונען אויך אַ ייִד מיטן נאָמען י צ ח ק. נאָך דעם ווי די שלוחים זײַנען געקומען צוריק פון באַגדאַד, האָט קאַרל אים אויפגענומען אין אַכן אויף אַ פײַערלעכער אוידיענץ, און ער האָט אים איבערגעגעבן דעם כאַליפס מתּנה

(797–802). דאָס וואָס ייִדן זײַנען געשיקט געוואָרן אין אַ דיפּלאָמאַטישער שליחות, לאָזט זיך מן הסתם דערקלערן דערמיט, וואָס קאַרל האָט געוואָלט אײַנשטעלן ענגערע האַנדלס־פֿאַרבינדונגען מיט די מזרח־לענדער, און דערבײַ האָט דער ייִדישער אַגענט, וואָס האָט געקענט אַראַביש, געקענט אויך דינען ווי אַן איבערזעצער בעת די אונטערהאַנדלונגען פֿון די שלוחים מיטן כאַליף.

פֿון דעסט וועגן האָבן די קירכלעכע קאַנאָנען אַפֿילו דעמאָלט אין אַ געוויסער מאָס געווירקט אויף דער וועלטלעכער געזעצגעבונג. אין די „קאַפּיטולאַריען" פֿון קאַרל דעם גרויסן און זײַנע יורשים באַגעגענען זיך אַ ריי באַשטימונגען, וואָס זײַנען בלתי־ספֿק אַרויסגעדרונגען פֿון דער אידעע פֿון אַ קריסטלעכער מלוכהשאַפֿט. ייִדן, וואָס האָבן געצוווּנגען זייערע קריסטלעכע געדונגענע אַרבעטער צו אַרבעטן זונטאָג, האָבן געדאַרפֿט שטרענג באַשטראָפֿט ווערן, נאָר בכלל איז ניט פֿאַרבאָטן געווען קריסטן צו אַרבעטן בײַ ייִדן, קעגן די אַלטע געזעצן. ייִדישע מלווים האָבן ניט געטאָרט נעמען פֿאַר אַ משכון כּלים פֿון דער קירך, פֿאַר עובֿר זײַן דעם פֿאַרבאָט האָט געקומט אָפּנעמען דעם פֿאַרמעגן און אָפּהאַקן די רעכטע האַנט. פּראָצעסן פֿון ייִדן צווישן זיך זײַנען געמשפּט געוואָרן לויט זייערע אייגענע דינים, אָבער סיכסוכים צווישן ייִדן און קריסטן פֿלעגן קומען פֿאַרן אַלגעמיינעם געריכט. עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדערע פֿאָרמולע פֿון אַ שבֿועה, וואָס אַ ייִד האָט געדאַרפֿט אָפּגעבן אויף פּטור צו ווערן פֿון אַ באַשולדיקונג, וואָס אַ קריסט האָט קעגן אים אַרויסגעשטעלט. דער באַשולדיקטער האָט בעת דער שבֿועה געמוזט האַלטן אין דער רעכטער האַנט אַ חומש אין אָריגינאַל אָדער אין דער לאַטײַנישער איבערזעצונג און זאָגן אַזוי: „זאָל גאָט מיר ניט העלפֿן, דער גאָט, וואָס האָט געגעבן משהן די תּורה אויפֿן באַרג סיני, זאָל דאָס צרעת פֿון נעמן דעם ארמי זיך צו מיר באַהעפֿטן, זאָל מיך אײַנשלינגען די ערד ווי זי האָט אײַנגעשלונגען דתנען און אבֿירמען, אויב איך האָב אין דעם ענין עפּעס געטאָן שלעכטס קעגן דיר". די אַלע אויסדרוקן זײַנען אַרויסגענומען פֿון אַלטע ייִדישע פֿאָרמולעס פֿון שבֿועה אָדער חרם, אָבער די אויסגעפֿינערישע קירך האָט צוגעגעבן צו אָט די שרעק־ווערטער נאָך אַן עלע־מענט פֿון אָנטון בזיון. אַ קריסט, וואָס אַ ייִד האָט קעגן אים געהאַט אַ טענה, האָט געקאָנט זיך ריינוואַשן אָדער דורך אַ שבֿועה איבער הייליקע געביין, אָדער דורך „גאָטס משפּט" — דורך אָנרירן אָנגעגליט אײַזן; אַ באַשול־דיקטער ייִד אָבער האָט בעת דער שבֿועה געדאַרפֿט שטיין געוויקלט מיט שטעכעדיקע דערנערצווײַגן אַרום האַלדז, אַרום די היפֿטן און קני, און אויב ער האָט אויסגעהאַלטן אָט די פּײַניקונג, איז ער באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אומשול־דיק. די היסטאָריקער זײַנען ניט אין גאַנצן זיכער, צי די „קאַפּיטולאַריען", ווו די דאָזיקע צערעמאָניעס זײַנען אַרײַנגעשטעלט, שטאַמען טאַקע פֿון קאַרל

דעם גרויסן און זײַן זון לודוויק דעם פֿרומען (אייניקע כּללים זײַנען סותר לודוויקס געזעצן; זע ווײַטער); עס איז מיגלעך, אַז דאָס זײַנען שפּעטער־דיקע געזעצן, נאָר זיי זײַנען אַרײַנגעשטעלט געוואָרן אין די קאַפּיטולאַריען פֿון דעם גרויסן קיסר, כּדי צוצוגעבן זיי גרעסערע חשיבֿות. מיר וועלן באַלד זען, ווי אַזוי די קירך האָט אונטער קאַרל דעם גרויסנס יורש געפֿירט אַ קאַמף קעגן דער ליבעראַלער באַציִונג פֿון דער וועלטלעכער מאַכט צו ייִדן, און ווי אַזוי אָט דער קאַמף איז געבליבן אָן אַ פּעולה, כּל־זמן ייִדן האָבן אויסגעפֿירט אין דער אימפּעריע אַזעלכע עקאָנאָמישע פֿונקציעס, וואָס די מלוכה האָט אָן זיי ניט געקאָנט זיך באַגיין.

§ 13. דער קאַמף פֿון דער גײַסטלעכקייט קעגן ייִדן אונטער לודוויק דעם פֿרומען

אין יענער תּקופֿה קומט אויף אין צענטראַל־אייראָפּע יענע סיסטעם פֿון שוץ איבער ייִדן מצד דעם קיסר און דער העכסטער מלוכה־מאַכט, וואָס האָט זיך שפּעטער פֿעסט אײַנגעשטעלט אין מיטלעלטערלעכן דײַטשלאַנד. דער קיסר לודוויק דער פֿרומער (814—840) איז געווען דער ערשטער קריסט־לעכער מאָנאַרך, וואָס האָט אַרונטערגענומען די ייִדן אונטער זײַן דירעקטן שוץ. ער האָט אַרויסגעגעבן די פֿאָרשטייער פֿון די ייִדישע קהילות און אייניקע אײנציקע פּערזאָנען באַזונדערע געשריפֿטן וועגן דעם, אַז זיי געפֿינען זיך אונטער דעם קיסרס שוץ (sub nostra defensione suscepimus ac retinemus). דער אינהאַלט פֿון די דאָזיקע פּריווילעגיעס באַשטייט דער עיקר אָט אין וואָס: די ייִדן, וואָס געפֿינען זיך אונטער דעם קיסרס שוץ, טאָר קיינער ניט באַעוולען, אויסטראַכטן אויף זיי בילבולים, צונעמען זייער אייגנס, וואָס זיי האָבן זיך געזעצלעך אײַנגעשאַפֿט, אָדער פֿאָדערן פֿון זיי, זיי זאָלן צאָלן ספּעציעלע אָפּצאָלן; זיי מעגן לעבן לויט זייערע דינים, אָבער זיי מוזן זייערע קריסט־לעכע באַדינערס באַפֿרײַען פֿון אַרבעט אום זונטאָג און אין חגאות; זיי מעגן קויפֿן און פֿאַרקויפֿן אין לאַנד פֿרעמדלענדישע (מוסלמאַנישע און היידנישע) שקלאַוון, דערבײַ טאָר קיינער ניט טויפֿן די דאָזיקע שקלאַוון אָן דערלויבעניש פֿון די בעלי־בתּים; פֿאַרן געריכט ווערט אײַנגעשטעלט די גלײַכבאַ־רעכטיקונג פֿון ייִדישע און קריסטלעכע עדות; ייִדן טאָר מען ניט צווינגען צו „גאָטס משפּט", ווי עס האָט זיך געפֿירט אין יענע צײַטן, דאָס הייסט צום אויספּרוּוון דורך פֿײַער, וואַסער און שמײַסן, אויב דאָס ווערט ניט דערלויבט דורך דעם ייִדישן געזעץ; דער, וואָס איז שולדיק אין דערהרגענען אַ ייִדן אָדער אין אָנרייצן צו הרגענען אַ ייִדן, מוז ענטפֿערן פֿאַרן קיסר. אויפֿצופּאַסן דערויף, אַז די פּערזענלעכע רעכט פֿון ייִדן און דאָס רעכט פֿון זייער געמיינדע־

אויטאָנאָמיע זאָלן ניט אָנגערירט ווערן, איז באַשטימט געוואָרן אַ באַזונדער באַאַמטער מיטן טיטל „מאַגיסטער פֿון די ייִדן“ (magister judaeorum).

דיווירטשאַפֿטלעכע טעטיקייט פֿון ייִדן אויף פֿאַרשיידענע געביטן האָט זיי אָפֿט מאָל געבראַכט אין באַריר מיט קריסטן, וואָס האָבן בדרך כּלל זיך באַצויגן צו זיי פֿרײַנדשאַפֿטלעך. די פֿרײַנדלעכע באַציִונגען צווישן די פֿאָרשטייער פֿון די צוויי אמונות צווישן אַנאַנד זײַנען געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אַ מאָל פֿלעגן קאַטוילִיקן פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט קומען אין די שולן בעת דער תּפֿילה און פֿלעגן הערן די דרשות פֿון די ייִדישע דרשנים. אָט די דערנעענטערונג, בפֿרט נאָך וואָס אַ סך ייִדן האָבן פֿאַרנומען אַ הויכן מעמד אין דער געזעלשאַפֿט, האָט שטאַרק באַאומרויִקט די פֿירער פֿון דער קאַטוילִישער גײַסטלעכקייט אין פֿראַנקרײַך. דער ליאָנער בישוף אַ ג אָ ב אַ ר ד האָט גענומען שטאַרק אַגיטירן קעגן דעם פֿאַרהאַסטן פֿאָלק. צו ערשט האָט ער געפּרוּווט ווירקן אויפֿן קיסר דורך די פֿאָרשטייער פֿון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי בײַם הויף און זיי צוגערעדט, זיי זאָלן פּועלן בײַם קיסר אײַנצופֿירן באַגרענעצונגען פֿון די ייִדישע רעכט אין גײַסט פֿון די קירכלעכע קאַנאָנען. באַזונדערס איז דער בישוף געווען אויפֿגעבראַכט קעגן דעם קיסרס באַפֿעל, אַז מען טאָר ניט אָפּשמדן פֿרעמדגלייביקע שקלאַוון אָן דעם הסכּם פֿון די ייִדישע בעלי־בתּים, וואָס האָבן פֿאַרשטייט זיך מיטן גוטן ווילן ניט געקאָנט געבן אַזאַ הסכּם, וואָרעם ווי נאָר דער שקלאַוו איז געוואָרן אַ קריסט, האָט דער ייִד אָנגעוואָרן זײַן אייגנטומס־רעכט אויף אים (דער געזעץ, אַז די שקלאַוון וואָס שמדן זיך ווערן פֿרײַ, איז נאָך געבליבן גילטיק). אין אַ בריוו צו די הויף־גלחים (אַרום יאָר 825) זאָגט אַגאָבאַרד אַרויס זײַן ספֿק, צי „דער פֿרימסטער און קריסטלעכסטער קיסר“ האָט געקאָנט אַרויסגעבן אַזאַ באַפֿעל, וואָס איז סותר די כּללים פֿון דער קירך. „ווען מיר ווילן – שרײַבט ער – פֿאָלגן די געבאָטן פֿון דער קירך, נאָר מיר האָבן צוגלײַך מורא עובֿר צו זײַן אויף דעם קיסרס באַפֿעל, געפֿינען מיר זיך צווישן צוויי סכּנות: ווען מיר אָפּהיטן אָט דעם באַפֿעל ניט געקוקט אויף די קירכלעכע כּללים, דעמאָלט לעסטערן מיר גאָט, ווען מיר אָפּהיטן וואָס די קירך הייסט, האָבן מיר מורא פֿאַר דעם קיסרס צאָרן, וואָרעם דער מאַגיסטער פֿון די אומגלייביקע ייִדן שרעקט אונדז רק, אַז ער וועט ברענגען שלוחים פֿון הויף (missi dominici), וואָס וועלן אונדז לאָדן צום געריכט פֿאַר אַזעלכע מעשׂים“. אָבער אַגאָבאַרדס אָנהענגער בײַם הויף האָבן בײַם קיסר גאָרנישט ניט געפּועלט. דעמאָלט האָט דער ליאָנער אַרציבישוף גענומען אויפֿרייצן דעם המון קעגן ייִדן דורך פֿײַנדלעכע דרשות. ער האָט געלאָזט אויסרופֿן אין זײַן דיאָצעזע, אַז אַלע קריסטן זײַנען מחויבֿ צו פֿאָלגן די קירכלעכע קאַנאָנען, הײַנו: זיי מוזן אויסמײַדן יעדער מגע־ומשׂא מיט ייִדן, ניט קויפֿן בײַ זיי קיין פֿלייש און

ווײַן און ניט דינען אין זייערע הײַזער, ווו מען מוז רוען שבת און אַרבעטן זונטאָג. האָבן די ייִדן זיך באַקלאָגט פֿאַר לודוויקן אויפֿן אייגנוויליקן אַרציביסקופּ און האָבן געקראָגן אַ קיסרלעכן באַפֿעל אויפֿן נאָמען פֿון דעם ליאָנער גראַף, אַז ער זאָל אָננעמען מיטלען צו באַשיצן די אָרטיקע ייִדישע באַפֿעלקערונג קעגן דער קריגערישער גײַסטלעכקייט (835). אין גיכן זײַנען אָנגעקומען קיין ליאָן דער קריסטלעכער מאַגיסטער פֿון די ייִדן עבעראַרד און צוויי הויף=באַאַמטע, זיי האָבן געמאָלדן אַגאָבאַרדן, אַז דער קיסר איז שטאַרק ניט צופֿרידן מיט זײַן אַגיטאַציע, און האָבן אים געשטעלט די פֿאָדערונג, ער זאָל פֿאָלגן די געזעצן. דערפֿון איז דער אַרציביסקופּ נאָך מער געוואָרן אויפֿגעבראַכט און האָט אָנגעשריבן דעם קיסר, אַז ער קאָן נאָך אַלץ ניט גלייבן, אַז דער ראש פֿון אַ קריסטלעכער מלוכה זאָל זיך אײַנשטעלן אַזוי פֿאַר די אינטערעסן פֿון ייִדן; אויפֿגעמונטערט דורך אַזאַ הויכן שוץ זײַנען ייִדן געוואָרן שוין גאָר „חוצפּהדיק", לערנען די קריסטן אין וואָס צו גלייבן און וואָס אָפּצוהיטן און לעסטערן פֿאַר זיי דעם אויסלייזער... פֿון די רייד פֿון די קיסרלעכע באַאַמטע, באַקלאָגט זיך אַגאָבאַרד, טראָגן קריסטן אַרויס די איבערצײַגונג, אַז „ניט נידעריק דאַרף מען האַלטן ייִדן, ווי אַ סך מיינען, נאָר אַז דער קיסר האַלט זיי טײַער און זיי שטייען בײַ אים העכער ווי קריסטן".

חוץ אָט דעם בריוו, וואָס איז שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אונטערן טיטל „וועגן דער ייִדישער חוצפּה" (De insolentia judaeorum), האָט אַגאָבאַרד מיט נאָך צוויי ביסקופּן אַרויסגעלאָזט אַ גרויסע שריפֿט אונטערן נאָמען „וועגן די ייִדישע זאַבאָבאָנעס" (De judaicis superstitionibus), ווו עס ווערן איבערגעגעבן די מיינונגען פֿון די קירכן=פֿאָטערס, אָנגעהויבן פֿון אַמבראָסיוס פֿון מילאַן, און די קאַנאָנען פֿון די סינאָדן וועגן ייִדן. אין די ביידע שריפֿטן געפֿינט זיך אַ פֿײַערדיקער באַשולדיקונגס=אַקט קעגן דעם פֿאָלק דעם „אַנטיקריסט". די ייִדן פֿאַרקויפֿן קריסטלעכע שקלאַוון אין דער מוסלמאַנישער שפּאַניע אַרײַן, צווינגען זייערע קריסטלעכע באַדינערס מחלל צו זײַן די קירכלעכע חגאות און פֿאַסטטעג, פֿאַרקויפֿן די קריסטן פֿלייש און ווײַן, וואָס ווערן בײַ ייִדן געהאַלטן פֿאַר אומריין (בשׂר=טרפֿה און יין=נסך). זיי זאָלן כּלומרשט אַלע טאָג אין זייערע תּפֿילות שילטן קריסטן אונטערן נאָמען „נוצרים", וואָס וועגן דעם „זאָגט עדות נאָך דער הייליקער היעראָנימוס". מיט אַזעלכע שׂונאים פֿון קריסטוסן טאָר מען ניט עסן און טרינקען צוזאַמען; מען מוז אָפּהיטן אַלע קירכלעכע כּללים, וואָס זײַנען געווענדט ניט קעגן לעבן אָדער אייגנס פֿון די ייִדן, נאָר אויף זיי אָפּצוזונדערן פֿון די קריסטן. נאָר איצט איז מען עובֿר אויף די דאָזיקע כּללים די ייִדן צו ליב. מען דערלויבט זיי צו בויען נײַע שולן, קעגן דעם געזעץ, און פֿאַרפֿירטע קריסטן זאָגן, אַז אין די שולן זאָגט מען בעסערע דרשות ווי אין די קירכן. בכדי צו געבן די ייִדן די-

מעגלעכקייט אָפּצוהיטן שבת, האָבן די קיסרלעכע באַאַמטע אָפּגעשאַפֿט דעם מאַרקהאַנדל אין דעם טאָג, בעת ווען פֿאַר קריסטן איז גראָד באַקוועמער אײַנצוקויפֿן אום שבת, בכדי זיי זאָלן קאָנען זונטאָג זײַן אין קירך בײַם גאָטדינסט און פּרעדיקט.

מיט אַ פֿולער אָפֿנהאַרציקייט זאָגט אַגאָבאַרד אַרויס זײַן מיינונג וועגן דער ייִדישער פֿראַגע אין אַ בריוו צו זײַן גײַסטלעכן קאָלעגע, דעם נאַרבאָנער אַרציביסקופֿ ניברידיוס (828). פֿון דער דאָזיקער גרויסער שריפֿט קאָן מען באַקומען אַ פֿאָרשטעלונג וועגן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן קריסטן און ייִדן אין יענער תּקופֿה. אָנווײַזנדיק אויף זײַן אייגענער שווערער לאַגע און אויף דער סכּנה וואָס הענגט איבער דער קירך, שרײַבט אַגאָבאַרד: „איך האָב געהייסן אַלע גלייביקע, אַז אויב זיי ווילן מיט אַן אמת אויפֿהיטן די קריסטלעכע רעליגיע, זאָלן זיי איבעררײַסן יעטווידער באַציִונג מיט די אומגלייביקע, לויט דעם געטלעכן געזעץ און לויט די הייליקע קאַנאָנען. ווי אומגלייביקע רוף איך אָן ניט די היידן, וואָס זײַנען ווינציק פֿאַראַן צווישן אונדז, נאָר די ייִדן, וואָס באַוווינען אין אַ גרויסער צאָל אונדזער שטאָט און די שכנישע שטעט". דורך אַ סך ציטאַטעס פֿון די הייליקע שריפֿטן, פֿון די בריוו פֿון אַפּאָסטאָל פּױלוס און פֿון די ווערק פֿון די קירכן־פֿאָטערס באַווײַזט אַגאָבאַרד, אַז די קירך און די סינאַגאָגע קאָנען ניט לעבן בשלום צווישן זיך: „עס געשיקט זיך ניט פֿאַר אונדזער גלויבן, אַז די זין פֿון ליכטיקייט זאָלן אַרויפֿציִען אויף זיך אַ שאָטן דורך דעם פֿאַרקער מיט די זין פֿון פֿינצטערניש. עס איז קעגן כּבֿוד, אַז די קירך קריסטוסעס, וואָס דאַרף זיך מזווג זײַן מיט איר הימלשן בן־זוג אָן פֿלעקן און אָן קנייטשן, זאָל ווערן פֿאַרמיאוסט דורך דעם אָנריר פֿון דער אומריינער, אַלטער פֿאַרוואָרפֿענער סינאַגאָגע. עס איז פּריקרע צו זען, ווי די אומבאַפֿלעקטע בתולה, וואָס איז פֿאַרקנסט מיט קריסטוסן, זיצט בײַ איין טיש מיט אַ זונה. עס זײַנען דאָך פֿאַראַן אייניקע גלידער פֿון קריסטוסעס טשערעדע, וואָס מחמת זייער משפּחה־נאָענטקייט מיט ייִדן האַלטן זיי זייער שבת, זײַנען מחלל די זונטאָגרו דורך ניט־דערלויבטער אַרבעט און היטן ניט אָפּ די געבאָטענע פֿאַסטטעג. אַ סך פֿרויען לעבן בײַ ייִדן ווי שטוביקע באַדינערינס אָדער אַרבעטערינס, טייל פֿון זיי זײַנען שוין אַראָפּגעפֿירט פֿון רעכטן וועג (געוואָרן ייִדן), נאָר אַלע זײַנען זיי פֿאַרדאָרבן און באַפֿרידיקן די קאַפּריזן און תּאוות פֿון זייערע בעלי־בתּים: דעם טײַוולס קינדער פֿירן זיי אַראָפּ פֿון וועג, אויסבאַהאַלטנדיק זייער שׂנאה און אויסטײַלנדיק זיי אָפֿנאַרערישע צערטלעכקייטן". רעדנדיק וועגן דער נאַציאָנאַלער גאווה פֿון ייִדן, שרײַבט אַגאָבאַרד: „מיט גדלות גיבן

זיי זיך אַרויס פֿאַר קינדסקינדער פֿון די הייליקע אָבֿות, פֿאַר שפּראָצונגען פֿון צדיקים, פֿאַר אוראייניקלעך פֿון די נבֿיאים, און די אומגליקלעכע (קריסטן), הערנדיק זיי, ווייסן ניט, אַז די זעלביקע נבֿיאים האָבן כּסדר אויפֿגעוואָרפֿן זייער פֿאָלק, אַז זיי זײַנען מענטשן באַשווערט מיט זינד, אַן אומטויגלעכער שטאַם, זין פֿון רשעות: זייער פֿאָטער איז אַן אמורי, זייער מוטער אַ חתּית, זיי זײַנען אָפּשטאַמלינגען פֿון די פֿירשטן פֿון סדום און פֿון פֿאָלק פֿון עמורה [1]. מען ווייס אויך ניט, אַז יוחנן דער געטלעכער מבֿשׂר (יוחנן המטביל), האָט זיי אָנגערופֿן „דאָס געבירט פֿון ווייפּערס", און אַז דער האַר גופֿא רעדט וועגן זיי ווי וועגן אַ גזע אַ שלאַנגישער, פֿאַלשער און פֿאַרדאָר־בענער. מענטשן פֿון פּראָסטן פֿאָלק, פּויערים, הערן זיך צו צו זייערע רייד און מיינען, אַז ייִדן זײַנען דאָס איינציקע פֿאָלק גאָטס, און זיי רעדן אײַן אַנדערע מענטשן פֿון דעם קרײַז, אַז גראָד בײַ ייִדן ווערט אָפּגעהיט דער רעכטער גלויבן, וואָס איז מער אמת ווי אונדזערער. דאָס בייז ווערט פֿאַר־שפּרייט צווישן פֿאָלק, וואָס איז אָנגעטרויט אונדזער השגחה, און וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג מיטן כּוח פֿון אַ מגפֿה. מיר מאַכן אַלע אָנשטרענ־גונגען, בכדי אַרויפֿצופֿירן די פֿאַרבלאָנדזשעטע נשמות אויפֿן וועג פֿון אמת. גאָטס געזעץ האָט אַ מאָל פֿאַרבאָטן צו שליסן שידוכים מיט געצן־דינערס, אָנטייל צו נעמען אין זייערע סעודות און רעליגיעזע צערעמאָניעס; מיר האָבן אויך פֿאַרבאָטן אונדזער טשערעדע צו עסן, טרינקען, לעבן צוזאַמען מיט די אומגלייביקע ייִדן, בכדי אַז זי זאָל דורך באַריר מיט זיי ניט פֿאַר־לירן איר קריסטלעכע פּשטות, און הערנדיק די ייִדישע באָבע־מעשׂיות זאָל זי ניט ווערן אַרײַנגעצויגן אין דער אויסגעשפּרייטער נעץ פֿון בלאָנדזשעניש. נאָר דער קיניג — באַקלאָגט זיך ווײַטער אַגאָבאַרד — האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און וויל ניט באַשטעטיקן אָט די פֿאַרהיט־מיטלען פֿון דער קירך און דער־לאָזט, אַז ייִדן זאָלן אין דער מלוכה געניסן די זעלביקע רעכט וואָס די איבעריקע אונטערטאַנען. „די באַאַמטע (missi) און עבעראַרד, דער איצטיקער מאַגיסטער פֿון די ייִדן, האָבן געפּרוּווט, זיך פֿאַרשטעלנדיק הינטער די קיסר־לעכע באַפֿעלן, זיך אונטערצוגראָבן אונטער אונדזער רעליגיעזן בנין און אים צעטרייסלען. ביז איצט האָבן מיר ניט נאָכגעגעבן, פֿול אַנטשלאָסנקייט צו שטיין פֿעסט פֿאַרן אמת פֿון געטלעכן געזעץ און פֿון די באַשטימונגען פֿון די קירכן־פֿאָטערס. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָלגן אָט די פֿאַרדאַרבערישע באַפֿעלן, איבערגעצײַגט, אַז באַפֿעלן, וואָס זײַנען כּנגד דעם געטלעכן געזעץ און די הייליקע קאַנאָנען און זײַנען געפֿערלעך פֿאַרן וווּל פֿון דער קירך, קאָן אַ פֿירשט, וואָס איז פֿרום אין דער העכסטער מדרגה און וואָס געניסט

1 יחזקאל ט״ז 3 און ישעיה א׳ 10.

פֿון גאָטס חסד, ניט פֿאַרעפֿנטלעכן". און דער אַרציביסקופּ פֿון ליאָן עצהט זײַן נאַרבאָנער קאָלעגע צו טון דאָס נעמלעכע: ניט צו פֿאָלגן די פֿאַראָרדעבונגען פֿון די קיסרלעכע באַאַמטע און אַרונטערצוװאַרפֿן די ייִדן פֿון זײַן דיאָצעזע אונטער די שטרענגע קאַנאָנען פֿון די קירכלעכע סינאָדן... דער רוף פֿון דער קריגערישער קירך קלינגט גאָר אויף אַ ביבלישן שטייגער: „אָ הייליקער פֿאָטער, דו זײַל און געװעלב פֿון גאָטס הויז, הייב זיך אויף און שטיי אָן מורא פֿעסט אויף דער װאַך פֿון קירכלעכן שטיין. דו װייסט, בכּבֿודיקער פֿאָטער, װי װײַט פֿאַרװאָרפֿן עס זײַנען די אָנהענגער פֿון משהס געזעץ. זאָלן זיי זײַן פֿאַרשאָלטן אין שטאָט און אין פֿעלד, בײַם אַרײַנגיין און אַרויסגיין, זאָל זײַן פֿאַרשאָלטן די פֿרוכט פֿון זייער אינגעװייד".

פֿון אַלע די דאָזיקע דאָקומענטן איז צו זען, אַז די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג האָט געלעבט בשלום מיט די ייִדן און איז ערטערװײַז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער זייער רעליגיעזער השפּעה. אָבער דווקא דאָס האָט געשראָקן די װעכטערס פֿון דער קירך, און זיי האָבן געלאָזן אין גאַנג אַלע מיטלען, בכדי צו זייען מחלוקת צװישן די אָנהענגער פֿון ביידע רעליגיעס, כּדי צו מאַכן די ייִדן פֿאַרהאַסט און פֿאַרװאָרפֿן און כּדי אָפּצושיידן זיי פֿון די קריסטן. אַז הינטער די קלעריקאַלע טענדענצן זײַנען געװען פֿאַרבאָרגן עקאָנאָמישע מאָטיװן, איז קענטיק פֿון דעם עצם כאַראַקטער פֿון דעם קאַמף. אַגאָבאַרד און זײַן צד האָבן ניט געקאָנט אַריבערטראָגן מער פֿון אַלץ דאָס, װאָס עס איז ניט אָפּגעהיט געװאָרן דער קירכלעכער קאַנאָן, װאָס האָט פֿאַרבאָטן ייִדן אויסצונוצן די אַרבעט פֿון קריסטלעכע שקלאַװן אָדער לײַבאייגענע. אָן אָט דער אַרבעט האָט ניט געקאָנט עקסיסטירן די ייִדישע לאַנדװירטשאַפֿט, װאָס איר װוּקס האָט ניט געלאָזט צו רו די קריסטלעכע ערד־אייגנטימער. אין יענער תּקופֿה, װען עס האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די פֿעאָדאַלע אָרדענונג און גרויסע מאַיאָנטקעס זײַנען קאָנצענטרירט געװאָרן אין די הענט פֿון דעם אַדל, האָט דער אַדל ניט געקאָנט גלײַכגילטיק צוזען די קאָנקורענץ פֿון ייִדן אויף אָט דעם געביט, און מיט דער הילף פֿון דער גײַסטלעכקייט האָבן די פּריצים געװאָלט זיך דערשלאָגן, אַז מען זאָל פֿאַרבאָטן ייִדן צו האָבן לײַבאייגענע אַרבעטער. זײַנען ייִדן געװען געצװוּנגען צו ברענגען צו פֿירן מוסלמאַנישע און היידנישע שקלאַװן פֿון שפּאַניע און פֿון די מזרח־לענדער, נאָר די קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן צוגערעדט די דאָזיקע שקלאַװן אָנצונעמען קריסטנטום, װײַל דעמאָלט װעלן זיי אַרויסגיין פֿרײַ, לויט דעם באַװוּסטן געזעץ. דעמאָלט האָבן ייִדן אויסגעפּועלט די פּריװילעגיע, אַז מען טאָר די שקלאַװן ניט אָפּשמדן אָן דעם הסכּם פֿון זייערע בעלי־בתּים. אָט דאָס האָט אויפֿגערייצט דעם כּעס פֿון אַגאָבאַרדן און פֿון דעם אַדל, װאָס איז געשטאַנען הינטער אים. דער קאַמף קעגן דעם רעכט פֿון ייִדן צו האַלטן שקלאַװן איז

פאַקטיש געווען דער קאַמף קעגן ייִדישן ערד־אייגנטום און קעגן ייִדישער לאַנדווירטשאַפט. פון אַט דער מיטהילף פון די פאַראינטערעסירטע קרײַזן האָט אַגאָבאַרד געקראָגן מער מוט. צו ערשט האָט ער מורא געהאַט פאַרן קיסר, אָבער שפּעטער האָט ער זיך שוין אײַנגעשטעלט אָפן צו דערקלערן מלחמה דעם מלוכישן ליבעראַליזם. דער סינאָד פון ביסקופן, וואָס אַגאָבאַרד האָט צונויפגערופן אין ליאָן (829), האָט משמעות אָנגענומען דעם פּלאַן פון דער קאַמפּאַניע וואָס ער האָט פירגעלייגט. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן אויף אומלעגאַלע וועגן. אַ געוויסע שײַכות צו אָט דעם קאַמף האָט מן הסתם געהאַט אַגאָבאַרדס אָנטייל אין דער פאַרשווערונג פון לודוויקס זין קעגן זייער פאָטער. משמעות, אַז דער אַרצעביסקופ האָט זיך געריכט, אַז אונטער די נײַע מושלים וועט זײַן קירכן־פּאָליטיק אין גאַנצן ווערן פאַרווירקלעכט.

לודוויק דער פרומער איז געווען דער לעצטער מושל פון דעם הויז קאַראָלינגער, וואָס האָט שטאַנדהאַפטיק באַשיצט ייִדן קעגן די אָנפאַלן פון דער פאַנאַטישער גײַסטלעכקייט. אַ יאָר פאַר זײַן טויט האָט ער אַרויסגעגעבן דרײַ ייִדן פון ספּעטימאַניע אַ געשריפטס, אַז זיי מעגן האָבן אייגנס מאַיאָנטקעס, און האָט דערבײַ אָנגעשריבן אַזאַ רעזאָלוציע: „הגם די אַפּאָסטאָלישע לערע איז אונדז מחייב צו טון גוטס די אָנהענגער פון גלויבן (דעם קריסטלעכן), זי פאַרזאָגט אָבער ניט צו טון טובֿות אויך ניט־גלייביקע, נאָר פאַרקערט זי באַפעלט אונדז צו זײַן דורכגעדרונגען מיט געטלעכן גענאָד און ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן גלייביקן און ניט־גלייביקן“. דער קיסר האָט ניט אָפגעטאָן זײַן חסד פון ייִדן אַפילו דעמאָלט, ווען זײַן באַליבטער גײַסטלעכער, דער דיאַקאָן באָדאָ, האָט זיך מגייר געווען, חתונה געהאַט מיט אַ ייִדישער פרוי און איז אַוועק קיין סאַראַגאָסע אין שפּאַניע, ווו ער האָט זיך באַזעצט אונטערן נאָמען אלעזר (839). דער פרומער קיסר האָט זיך מצער געווען, וואָס עס איז אַוועק פון דער קירך איר בעסטער זון, אָבער ער האָט דערפון ניט געמאַכט קיין אויסרייד צו רודפן ייִדן, וואָס זייער שכנות איז, לויט אַגאָבאַרדס מיינונג, געווען געפערלעך פאַר דער קריסטלעכער פרומקייט. די גײַסטלעכקייט אָבער האָט אויסגענוצט באָדאָס פאַרלאָזן דאָס קריסטנטום, כּדי צו פאַרשטאַרקן איר ייִדנפײַנדלעכע אַגיטאַציע. דער יורש פון אַגאָבאַרדן אין דער ליאָנער קאַטעדרע, דער אַרצעביסקופ אַמולאָ, האָט אין זײַן שריפט „קעגן ייִדן“ (זע § 14) אויסגעמעלט אָט דעם עפּיזאָד מיט טראַגישע קאָלירן: אַן אויפגעקלערטער גײַסטלעכער, געאַכט און געליבט בײַם הויף, האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין דער „טײַוולשער“ נעץ פון די ייִדן, וואָס ער איז געווען אויפגעטראָגן מיט זיי, און האָט אַוועקגעוואָרפן דעם הויף, די היים, די אייגענע און די קריסטלעכע מלוכה. „און איצט — רופט אויס דער אַרצעביסקופ — לעבט ער אין שפּאַניע, צווישן סאַראַצענער, פאַר־

בונדן מיט ייִדן! איבערגעצײַגט דורך די רשעים, לייקנט ער אין קריסטוסן גאָטס זון, לעסטערט די ברכה פֿון טויף. געוואָרן אין גאַנצן אַ ייִד לויטן פֿאַלשן גלויבן און שטייגער לעבן, זיצט ער באַוואַקסן מיט אַ באָרד אין די סינאַגאָגעס פֿון שׂטן און לעסטערט צוזאַמען מיט אַנדערע קריסטוסן און זײַן קירך". אין דער אמתן דערציילט באָדאָ אין זײַנע בריוו צו פֿרײַנד, אַז אים האָבן אָפּגעשטויסן פֿון קריסטנטום צו ערשט דאָס פֿאַרשײַטע און אוממאָראַ־לישע לעבן פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט און דערנאָך דאָגמאַטישע ספֿקות. איידער ער האָט זיך מגייר געווען, האָט ער געמאַכט אַ נסיעה קיין רוים, נאָר דאָס וואָס ער האָט געזען אין דער הויפּטשטאָט פֿון קריסטנטום האָט נאָך פֿאַרפֿעסטיקט זײַן החלטה אָנצונעמען די ייִדישע אמונה. קעגן אַזאַ אָנדראַנג פֿון די ייִדישע אידעען האָט די קריסטלעכע גײַסטלעכקייט אין דער אמתן געמוזט אויסבויען אַ דאַמבע: די פּאַסטיכער האָבן זיך געשראָקן, אַז זיי וועלן בלײַבן אָן אַ טשערעדע. מער ווי די רעליגיעזע אינטערעסן האָבן די פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן באַוויגן די היטערס פֿון דער קירך צו קעמפֿן קעגן דער השפּעה פֿון דער סינאַגאָגע.

§ 14. פֿראַנקרײַך אונטער די קאַראָלינגער און די ערשטע קאַפּעטינגער

די לאַגע פֿון ייִדן אין די מדינות פֿון קאַרל דעם גרויסן איז ערגער געוואָרן אונטער לודוויק דעם פֿרומענס זין, וואָס האָבן צעטיילט צווישן זיך די מלוכה, צום טייל נאָך פֿאַר זייער פֿאָטערס לעבן. לויט דעם אָפּמאַך פֿון ווערדען אין יאָר 843 איז אַ גרויסער טייל פֿון פֿראַנקרײַך אָנגעקומען אויפֿן חלק פֿון לודוויקס זון קאַרל דעם פּליכעדיקן; איטאַליע, לאָטרינגען און אַ טייל מיטל־פֿראַנקרײַך לאָטאַר I, און דײַטשלאַנד לודוויק דעם דײַטשן. ניט בלויז די טעריטאָריע פֿון דער מלוכה איז צעטיילט געוואָרן, נאָר אויך אין יעדן טייל אירן איז די מלוכה־מאַכט צעבראָקלט געוואָרן, וואָרעם עס האָט זיך אַלץ מער אײַנגעפֿעסטיקט די פֿעאָדאַלע סיסטעם, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט די מאַכט פֿון די מלכים און געבראַכט צו דער דעצענטראַליזירונג פֿון דער פֿאַרוואַלטונג. אָבער אין דער צײַט, וואָס די וועלטלעכע מאַכט האָט זיך געבראָקלט, האָבן די כּוחות פֿון דער גײַסטלעכקייט זיך קאָנצענטרירט. אַנטקעגן דעם בונטן געמיש פֿון מלכים, גראַפֿן און הערצאָגן איז געשטאַנען די דיסציפּלינירטע אַרמיי פֿון בישקופֿן, גרייט צו פֿאָלגן יעדער רגע דעם באַפֿעל פֿון דעם פּויפּס אין רוים. און עס איז ניט געווען שווער פֿאָרויסצוזען, אויף וועמעס זײַט עס וועט זײַן דער נצחון אין דעם קאַמף פֿון צוויי מאַכטן.

אין יאָר 848 איז צונויפגערופן געוואָרן אין מאָ (Meaux) לעבן פּאַריז אַ סינאָד פון די קירכלעכע שׂררות, וואָס האָט פאַרענדיקט זיינע אַרבעטן אַ יאָר שפּעטער אין פּאַריז. דער סינאָד האָט באַשלאָסן איינצופירן אַ ריי געזעצן, וואָס האָבן געדאַרפט שטאַרק באַגרענעצן און דערנידעריקן יידן; די געזעצן זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן סמך פון די באַוווסטע עדיקטן פון די ביזאַנטישע קיסרים און פון די באַשטימונגען פון די סינאָדן אין די צייטן פון די מעראָווינגער. דעם קיניג קאַרל דעם פליכעדיקן איז געוואָרן פירגעלייגט, ער זאָל די דאָזיקע קאַנאָנען מאַכן פאַר מלוכה־געזעצן. נאָר דער פראַנצייזישער קיניג האָט געהאַט גענוג מלוכישן טאַקט, בכדי אָפּצוּוואַרפן דעם פאָרשלאָג פון די פאַנאַטיקער, וואָס האָבן געשטרעבט אונטערטעניק צו מאַכן די גאַנצע בירגערלעכע אָרדענונג אונטער זייערע קאַסטישע אינטערעסן. קאַרל איז בכלל ניט געווען פיינדלעך געשטימט לגבי יידן. זיין הויפטדאָקטאָר איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען צדקיה, וואָס דער אָבערגלייבישער המון און די מאַנאַכן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ מכשף און שוואַרצקינצלער. נאָך די ניט־געראָטענע פּרווון פון דעם פאַריזער סינאָד האָט די גייסטלעכקייט זיך ניט באַרויקט: זי האָט ניט אויפגעהערט צו העצן די רעגירער און דאָס פאָלק קעגן יידן, האָט צעבלאָזן דעם פלאַם פון רעליגיעזער שׂנאה און האָט געגרייט דעם בלוטיקן שניט פאַר דער צוקונפט.

אַגאָבאַרדס געטרייער תּלמיד און יורש, דער ליאָנער אַרציביסקופּ אַמולאָ האָט באַנייט די אַנטי־יידישע אַגיטאַציע. אין יאָר 846 האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך „Contra judaeos“, וואָס אין דעם האָט ער אין העלע פאַרבן אויסגעמעלט די סכּנה, וואָס עס לויערט אויף די קריסטלעכע פעלקער און זייער גלויבן מצד די יידן [1]. דאָס בוך באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: פון טעאָלאָגישער פּאָלעמיק און פון פּאָליטישע באַשולדיקונגען. די פּאָלעמיק דערמאָנט אָן די צייטן פון יוסטינוס מאַרטיר, אָריגענעס און היעראָנימוס. אַן אַרסענאַל פון פּסוקים אַרויסגענומען פון תּנך, עוואַנגעליע, אַפּאָסטאָלישע בריוו און אַפּאָקאַליפּסיס, מיט די געהעריקע איינטייטשן, ווערט געלאָזן אין גאַנג, כּדי צו דערשלאָגן דעם שרעקלעכן שׂונא, די יהדות. דאָס יידישע פאָלק דאָס איז די „סינאַגאָגע פון שׂטן“, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער אַפּאָקאַליפּסיס. גאָט־לעסטערונג איז געוואָרן די יידישע ספּעציאַליטעט, זינט קריסטוס איז נתגלה געוואָרן. יידן מאַכן שטענדיק חוזק פון דער דאָגמע וועגן „גאָטס זון“,

---

1 אַ צייט לאַנג האָט מען אָט דעם פּאָלעמישן טראַקטאַט געהאַלטן פאַר אַ ווערק פון דעם דעמאָלטיקן פּאַריזער אַרציביסקופּ הראַבאַנוס מאַורוס, נאָר שפּעטער איז דער טעות אויפגעקלערט געוואָרן. אין טיטל איז דאָס בוך באַצייכנט ווי אַ „בריוו צום קיניג קאַרל“, נאָר אין טעקסט ווענדט זיך דער מחבר ניט צום קיניג, נאָר צו די ביסקופּן. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז דער מחבר האָט דאָס ווערק צוגעשיקט אויך צו קאַרל דעם פליכעדיקן.

זיי שטעלן אַרויס אין אַן אומגעלומפּערטער געשטאַלט די לערע פֿון קריסטוסן און פֿון די הייליקע אַפּאָסטאָלן, רופֿן זיי „אַפּאָסטאַטן“, אָפּטריניקע; דאָס וואָרט „עוואַנגעליאָן“, וואָס באַטײַט אין גריכיש „גוטע בשׂורה“ האָבן זיי איבערגעמאַכט אין „Havongalion“ (און גליון!), וואָס דאָס באַטײַט „פֿאַלשע אַנטפּלעקונג“. קעגן יעזוס קריסטוסן שטעלן ייִדן אַרויס זייערע צוויי משיחים (duos Christos): איינער פֿון זיי, משיח בן דוד, איז געבאָרן געוואָרן אין דער נאַכט, ווען טיטוס האָט צעשטערט דעם בית־המקדש, און ער זיצט זינט דעמאָלט בײַ די טויערן פֿון רוים אײַנגעוויקלט אין שמאַטעס, באַדעקט מיט ווונדן, און וואַרט אויף אַ רוף פֿון אויבן (דאָ פֿאַררופֿט זיך אַמולאָ אויפֿן ארץ־ישׂראלדיקן אמורא רבי יהושע בן לוי, וואָס אין זײַן נאָמען ווערט אין תּלמוד דערציילט די לעגענדע וועגן לײַדנדיקן משיח); דער צווייטער משיח, פֿון שבט אפֿרים (בן אפֿרים אָדער בן יוסף), וועט זיך באַטייליקן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה מיט די פֿעלקער גוג ומגוג, וועט אומקומען אין שלאַכט, און דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק וועט אים באַווײנען. אַמולאָ שטעלט אַנטקעגן אָט די ייִדישע פֿאָלקס־גלייבונגען (ניט קיין דאָגמעס פֿון דער אמונה) וועגן משיחן קעגן דער קריסטלעכער דאָגמע וועגן גאָטס זון, כּדי צו ווײַזן דעם אונטערשייד צווישן די „פֿאַלשע קריסטוסן“ און דעם אמתן קריסטוסן. עס ווערן איבערגעחזרט די דערציילונגען, ווי אַזוי ייִדן האָבן געוואַרט אויף זייער משיחן אין דער צײַט פֿון דעם קיסר יוליאַנוס דעם אָפּטריניקן, און דערנאָך אויפֿן אינדזל קיפּראָס אין דער צײַט פֿון הל׳ היעראָנימוס, און ווי אַזוי זייערע האָפֿענונגען האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרניש. די דאָזיקע שעדלעכע ייִדישע כּפֿירה מוז מען סוף־כּל־סוף אויסוואָרצלען. דאָ ווערן געבראַכט ווי מוסטערן, וואָס עס איז כּדאַי נאָכצומאַכן, די עדיקטן פֿון רוימישע און ביזאַנטישע קיסרים און די באַשטימונגען פֿון די קירכלעכע סינאָדן קעגן ייִדן. אַמולאָ באַקלאָגט זיך דערויף, וואָס די נײַע מושלים טוען ניט נאָך די דאָזיקע גוטע מוסטערן, בעת ווען די רשעות וואַקסט און די מגפֿה פֿון ייִדיש־קייט דרינגט אַלץ טיפֿער אַרײַן אין אָרגאַניזם פֿון קריסטנטום. קעגן די געזעצן פֿון דער קירך האָבן ייִדן שטענדיק אַ מגע־ומשׂא מיט קריסטן, וואָס גיבן זיך אָפּ אונטער זייער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, לויבן זייערע דרשנים מער ווי קריסטלעכע גלחים, „שבתן“ (sabbatizant) צוזאַמען מיט זיי און זײַנען מחלל זייערע אייגענע חגאות און פֿאַסטטעג. דאָ איז נאַטירלעך די רייד וועגן דער קריסטלעכער באַדינערשאַפֿט אין ייִדישע הייזער, וואָס וועגן זייער גורל האָט אַזוי שטאַרק געזאָרגט אַגאָבאַרד. אַמולאָ באַקלאָגט זיך, וואָס דער געזעץ, וואָס פֿאַרבאָט ייִדן צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַוון, דערלויבט זיי צו האַלטן אין דינסט פֿרײַע קריסטן (cum eis servos christianos habere non liceat, habent servientes liberos christianos). געשמדטע ייִדן האָבן דעם

מחבר געמסרט אויף זייערע פֿריִערדיקע גלויבנס=ברידער, אַז די ייִדישע שטײַער=מאָנערס אין ווײַטע מקומות באַדריקן אָרעמע קריסטן און ריידן זיי אָפּ פֿון דער קריסטלעכער אמונה. ייִדן רודפֿן משומדים פֿון זייער סבֿיבֿה און רעדן זיי אײַן, זיי זאָלן ניט גלייבן, „אַז גאָט קאָן האָבן זײַנס גלײַכן". מיט זייערע חקירות וועגן דער באַציִונג פֿון קריסטוסן צו גאָט גראָבן זיי אונטער דעם גלויבן פֿון די קריסטן. מיט אַזעלכע ראַציאָנאַליסטישע חקירות האָבן זיי אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג אַפֿילו אַזאַ געלערנטן ווי דער הויף=דיאַקאָן באָדאָ, וואָס וועגן אים איז געווען די רייד פֿריִער.

„אָט פֿאַר וואָס – דערציילט אַמולאָ ווײַטער – האָב איך דאָס יאָר, פֿאַרשילטנדיק זייער [די ייִדנס] אומגלויבן און וועלנדיק דערווײַטערן פֿון זייער מגפֿה דאָס אונדז פֿון גאָט אָנגעטרויטע קריסטלעכע פֿאָלק, דרײַ מאָל עפֿנטלעך געלאָזט אויסרופֿן, אַז אין הסכּם מיט די קירכן=סטאַטוטן זאָלן אַלע זיך דערווײַטערן פֿון זיי, אַז קריסטן זאָלן בײַ זיי ניט דינען ניט אין שטעט ניט אין דערפֿער, נאָר אַז זיי זאָלן אַליין טון זייער אַרבעט מיט דער הילף פֿון היידנישע שקלאַוון; ווײַטער האָב איך פֿאַרבאָטן צו פֿאַרזוכן זייער שפּײַז און געטראַנק. און נאָך אַ ריי שטרענגע פֿאַרבאָטן האָב איך אַרויסגעגעבן, וועלנדיק אַרויסרײַסן דאָס בייז מיטן וואָרצל און נאָכמאַכנדיק דעם בײַשפּיל פֿון דעם פֿרומען פּאַסטעך, אונדזער לערער און פֿאָרגייער (אַגאָבאַרד), דעם אויסגעפּרוּווטן און רעכטגלייביקן מאַן, וואָס האָט אַ סך אויפֿגעטאָן אויף אָפּצושאַפֿן דאָס דאָזיקע בייז אין יענער צײַט, כּל=זמן אין אונדזער מלוכה איז נאָך געווען רויִק. דורך דער צײַט פֿון מהומות (די דינאַסטישע מחלוקת און די צעטיילונג פֿון דער אימפּעריע) איז די אָנגעהויבענע אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן, און איך וואָלט מורא געהאַט פֿאַר גאָטס משפּט, ווען איך וואָלט גרינג געשאַצט די דאָזיקע אויפֿגאַבע און ניט געטאָן אַלץ וואָס אין מײַנע כּוחות, כּדי מען זאָל ניט זאָגן, אַז אַ סך מענטשן זײַנען פֿאַרדאָרבן און פֿאַרפֿירט געוואָרן און אַפֿילו אומגעקומען, דערפֿאַר וואָס איך האָב קיין אַכט ניט געגעבן". און אַמולאָ ווענדט זיך צו אַלע ביסקופּן מיטן רוף, זיי זאָלן זען ווירקן אויף די מלכים און פֿירשטן, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די געזעצן פֿון דער קירך און פֿון די ביזאַנטישע קיסרים לגבי ייִדן. מען מוז דערמאָנען די מושלים, אַז זיי וועלן ענטפֿערן פֿאַר גאָט ניט נאָר פֿאַר די גלייביקע זין פֿון דער קירך, נײַערט אויך פֿאַר די אומגלייביקע. גאָט וועט פֿאָדערן פֿון די רעגירער אַ דין=וחשבון: וואָס האָבן זיי געטאָן אויף אויסצובעסערן די בלאָנדזשענדיקע? פֿאַר וואָס באַשטראָפֿן זיי אַ מענטשן וואָס מאַכט קאַליע זײַן שכנס אַקערפֿעלד, און דערלאָזן, אַז די ייִדן זאָלן אומבאַשטראָפֿט אומברענגען מיט גיפֿטיקע זוימען „גאָטס אַקערפֿעלד", קריסטוסעס קירך? יענע רעגירער, וואָס האַלטן פֿאַר אַ געוויסנס=חובֿ צו באַשיצן זייערע ייִדישע אונ=

טערטאַנען קעגן צוולות, באַרויקט אַמולאָ מיט אַזאַ סאָפֿיזם: „מיר באַדאַרפֿן ניט דורך פֿאַרהיטן, צערטלען אָדער באַשיצן צו פֿיל פֿאַרזיכערן די רו פֿון די דאָזיקע מענטשן וואָס קומען אום און באַמערקן ניט זייער אומקום — די ייִדן. מיר דאַרפֿן ניט אויפֿמונטערן צו בלאָנדזשענישן יענע, וואָס מיר זײַנען מחויב זיי אויסצובעסערן (ne quorum debemus esse correctores efficiamur deceptores).

די רעזולטאַטן פֿון דעם מיסיאָנערישן ברען פֿון דער גײַסטלעכקייט האָבן אין גיכן זיך געלאָזט שפּירן. עס איז פֿאַרבליבן אַ בריוו פֿון אַ ביסקופּ פֿון מיטל־פֿראַנקרײַך, וואָס זײַן נאָמען איז ניט באַוווּסט, צום קיסר (משמעות צו לאָטאַרן, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל), ווו עס ווערט אַרויסגעזאָגט אַ דאַנק פֿאַר דער אונטערשטיצונג בײַם באַקערן ייִדן צום קריסטנטום (אַרום יאָר 850). דער ביסקופּ איז מודיע, אַז אים האָט אָפּגעגליקט אָפּצושמדן אַ גרופּע ייִדן פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער און געשלעכט, און די געשמדטע האָבן זיך גענומען „אויפֿצוקלערן“ זייערע געוועזענע גלויבנס־ברידער; די קינדער זאָלן כּלומרשט זיך האָבן גערן געלאָזט שמדן, ווײַל די מאָנאַכן און גלחים פֿלעגן אַלע שבת פֿירטראָגן פֿאַר זיי אין דער סינאַגאָגע „גאָטס וואָרט“; האָבן די עלטערן גענומען בײַ נאַכט בשתיקה אַוועקפֿירן זייערע קינדער קיין דרום, אין דער שטאָט אַרל, בכדי זיי אָפּצוראַטעווען פֿון דער השפּעה פֿון די קריסטלעכע מיסיאָנערן, אָבער דער ביסקופּ האָט, לויט דער אָנווײַזונג פֿון די משומדים, צונויפֿגעקליבן די איבעריקע קינדער און האָט וואָס גיכער אָפּגע־שמדט יענע, וואָס האָבן וועגן דעם געבעטן. מיטטיילנדיק אָט די גבֿורות האָט דער ביסקופּ געבעטן דעם „פֿרומען קיסר“ צו פֿאַראָרדענען, אַז מען זאָל דער גײַסטלעכקייט ניט שטערן אין איר גאָט־געפֿעליקער טעטיקייט, און אַז מען זאָל דעם ביסקופּ פֿון אַרל געבן די מיגלעכקייט אָפּצושמדן יענע קינדער, וואָס די עלטערן האָבן געבראַכט אַהין פֿון די צפֿונדיקע שטעט — שאַלאָן, מאַסאָן און וויענע. אַזעלכע פֿאַלן זײַנען פֿאַרשטייט זיך געווען פֿאַראייִנצלטע, און אויך דאָ איז דער נצחון פֿון דער קירך ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג, ווי עס שילדערט דער באַרימערישער ביסקופּ. נאָר די אַגיטאַציע פֿון אַזעלכע פֿאַנאַטיקער ווי אַגאָבאַרד און אַמולאָ האָט געוויס געהאַט אַ ווירקונג און האָט אַרײַנגעטריבן אין שויס פֿון דער קירך מענטשן שרעקעדיקע אָדער ניט פֿעסטע אין גלויבן.

באַזונדערס האָט ניט געלאָזט רוען די ייִדנפֿײַנד דער גוטער מעמד פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די צוויי דרום־פֿראַנצייזישע פּראָווינצן, פּראָוואַנס און לאַנגעדאָק, ווו עס האָבן געבליט די רײַכע קהילות פֿון מאַרסעל, אַרל, נאַרבאָנע, טולוזע, בעזיער, נים, קאַרקאַסאָן. אויבן איז שוין געווען אָנגעוויזן, ווי אַזוי אַגאָבאַרד האָט זיך געמיט אַריבערצוציִען אויף זײַן

זײַט דעם נאַרבאָנער אַרציביסקופֿ. אין דער לעבנס־באַשרײַבונג פֿון דעם הייליקן טעאָדאַרד, דעם אַרציביסקופֿ פֿון נאַרבאָנע, ווערט דערציילט אַזאַ מעשׂה. די ייִדן פֿון דער שטאָט טולוזע האָבן זיך באַקלאָגט פֿאַרן קיניג אויף דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג, וואָס זי טוט זיי שלאָגן און באַליידיקן אין טעג פֿון אירע חגאות. אויף צו באַטראַכטן אָט די אָנקלאָגעס איז אין יאָר 883 צונויפֿגערופֿן געוואָרן אין טולוזע אַ קירכלעכער סינאָד, און דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מנהג צו שלאָגן ייִדן אין חגאות־טעג האָט אַ פּאָליטישן גרונד: די טולוזער ייִדן זאָלן האָבן אַנומלט אַרויסגערופֿן קיין גאַליע די אַראַבער (סאַראַצענער), און דערפֿאַר האָט קאַרל דער גרויסער באַפֿוילן, אַז דרײַ מאָל אין יאָר — אום ניטל, אין דעם שטילן פֿרײַטאָג פֿאַר פּאַסכע און אין דעם טאָג פֿון הימלפֿלי — זאָל איינער אַ ייִד פֿון דער אָרטיקער געמיינדע באַקומען פֿון אַ קריסט אַ פּאַטש אין פּנים. די ייִדן האָבן געלייקנט די גאַנצע מעשׂה, וואָס די גלחים האָבן אויסגעטראַכט אויף צו פֿאַרענטפֿערן דעם גראָבן מנהג, אָבער די גײַסטלעכע פֿאָטערס האָבן ניט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פֿון אים. דער נאַרבאָנער אַרציביסקופֿ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז דער מנהג זאָל שטרענג אָפּגעהיט ווערן, און אַז דער ייִד וואָס איז באַשטימט צו באַקומען דעם פּאַטש זאָל דערבײַ דרײַ מאָל אויסרופֿן: „עס איז אַ יושר, אַז ייִדן זאָלן בייגן זייער נאַקן אונטער די קלעפּ פֿון קריסטן, ווײַל זיי האָבן זיך ניט געוואָלט בייגן פֿאַר קריסטוסן". דער באַרבאַרישער מנהג איז נאָך אָפּגעהיט געוואָרן אין 10טן און 11טן י"ה. עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז דער גראַף פֿון טולוזע פֿלעגט אין דעם שטילן פֿרײַטאָג רופֿן צו זיך אַ פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער קהילה און געבן אים אַ פּאַטש אין פּנים, כּדי צו דערמאָנען די ייִדן וועגן קריסטוסעס פּײַן. שפּעטער פֿלעגן ייִדן זיך אויסקויפֿן פֿון אָט דעם פֿאַרפּאַסכעדיקן פּאַטש דורך צאָלן אַ יערלעכן שטײַער לטובֿת דער אָרטיקער קירך. בכלל פֿלעגט דער המון אָנפֿאַלן אויף ייִדן אין די ערבֿ־פּאַסכע־טעג, ווען מען פֿלעגט אין די קאַטוילישע קירכן פֿירלייענען פֿון עוואַנגעליע „די געשיכטע פֿון דעם האַרס עינויים", און די גלחים פֿלעגן נאָך צוגעבן היץ דורך אויסמאָלן אין שרעקלעכע בילדער קריסטוסעס טויט. אין דער שטאָט בעזיער פֿלעגט דער המון אַלע יאָר פֿאַר פּאַסכע, אויפֿגעהעצט דורך די דרשות אין קירך, זיך וואַרפֿן שלאָגן אויף ייִדן אין די גאַסן און וואַרפֿן שטיינער אין זייערע הײַזער. עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז ייִדן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט געווער אין די הענט, און דעמאָלט פֿלעגט דערגיין ביז צו בלוט־פֿאַרגיסונג. נאָר אין משך פֿון דער צײַט איז אויך דאָ דער געשלעג פֿאַרביטן געוואָרן דורך אַ יערלעכן שטײַער פֿאַר דער קירך, וואָס עס האָבן געמוזט אַרײַנטראָגן די בעזיערער קינדסקינדער פֿון „קריסטוסעס פֿײַנד" אין ירושלים.

נאָר אָט די אַרויסווײַזן פֿון קריסטלעכער פֿרומקייט האָבן אין תּוך ניט
געהאַט קיין ווירקונג אויפֿן מצבֿ פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דרום=
פֿראַנקרײַך. ייִדן האָבן דאָ פֿון לאַנג אָן געהאַט פֿאַרנומען אַ פֿעסטע פּאָזיציע
אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד: זיי האָבן געהאַט זייער אייגנס
מאַיאָנטקעס און פּלאַנטאַציעס, פֿאַרנומען זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט, מיט אַרויס=
פֿירן און אַרײַנפֿירן סחורות. אין די שטעט האָבן זיי געוויינטלעך געוווינט
אין געשלאָסענע גרופּעס, אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, אָבער ניט ווי אַ מוז,
ווי אין דער שפּעטערדיקער צײַט, נאָר לויט דער נאַטירלעכער שטרעבונג
פֿון די גלידער פֿון אַן אויטאָנאָמער געמיינדע צו וווינען אין איינעם אין דעם
ראַיאָן, ווו עס געפֿינען זיך זייערע סינאַגאָגעס און אַנדערע מוסדות. אַזוי
האָט זיך אויסגעבילדעט אין נאַרבאָנע, בײַם מערבֿדיקן ראַנד פֿון דער שטאָט,
אַ באַזונדער „ייִדיש שטעטל" (Villa judaica); מיט דעם האָבן זיך געגרע=
נעצט די ווײַנגערטענער און זאַלצגרובן פֿון די פֿאַרמעגלעכע אײַנוווינער.
פּונקט אַזעלכע ייִדישע קוואַרטאַלן אָדער פֿאָרשטעט אונטער פֿאַרשיידענע נעמען
(Terra judaica, Guardia judaica, Podium judaicum) האָבן עקסיסטירט אין
בעזיער, נים, אַרל און אין אַנדערע שטעט. אין די דערפֿער זײַנען ייִדן געווען
ניט בלויז צײַטווײַליקע פּאָסעסאָרס אָדער אַרענדאַרן פֿון ערד=נחלאות, נאָר
טאַקע אויך פֿולע אייגנטימער, וואָס האָבן געהאַט אַלע רעכט פֿון די פּריצים,
„סעניאָרן". ערשט אין דער רעגירונג פֿון לודוויק דעם תּם (893–922),
אַן אומבאַגאַבטן קיניג וואָס איז געווען אָפּהענגיק פֿון דער גײַסטלעכקייט,
איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו אַרויסצושטויסן ייִדן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט.
אין איינער פֿון די קיניגלעכע פּריווילעגיעס פֿאַר דער גײַסטלעכקייט שטייט:
„אַלע ערד=נחלאות, הײַזער און ווײַנגערטענער, וואָס ייִדן האָבן אײַנגעשאַפֿט
זיך אין נאַרבאָנער גראַפֿשאַפֿט און וואָס גאָטס קירכן האָבן פֿריִער פֿון זיי
גענומען מעשׂר=אָפּצאָל, אַלץ איינס אויף וואָסערע אופֿנים זיי זאָלן זײַן אײַנ=
געשאַפֿט, טרעטן מיר זיי אָפּ אין מתּנה דער נאַרבאָנער קירך". עס זײַנען
פֿאַרבליבן נאָך דרײַ געשריפֿטסן, וואָס אין זיי באַשטעטיקט דער זעלביקער
קיניג אין פֿאַרשיידענע צײַטן זײַן מתּנה. דורך אַזעלכע אַקטן זײַנען געוויסע
ערד=נחלאות, וואָס מען האָט פֿון זיי געמוזט צאָלן דער קירך מעשׂר, און זיי
זײַנען אַריבערגעגאַנגען אין אייגנטום פֿון ייִדן, אָפּגענומען געוואָרן פֿון זיי
לטובֿת דער קירך. נאָר דערמיט איז מען משמעות ניט אויסן געווען אָפּצו=
נעמען אין גאַנצן דאָס אייגנס פֿון די ייִדן, נײַערט מער ניט, אַז די יוריס=
דיקציע איבער די מאַיאָנטקעס איז אַריבער צו דער קירך, וואָס האָט געמעגט
אויפֿמאָנען בײַ די בעלי=בתּים מעשׂר און אַנדערע שטײַערן. אַנדערע אַקטן
פֿון 10טן און 11טן יאָרהונדערט זאָגן עדות, אַז אין דער פּראָווינץ פֿון נאַר=
באָנע האָבן ייִדן אויך דעמאָלט געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט מיט אייגנטומס=רעכ...

פֿאַרשיידענע מינים אומבאַוועגלעך אייגנס: ערד־נחלאות, הײַזער, מילן. דערבײַ זײַנען זיי ניט פֿאַרמיטלערס בײַ די מכירות און קניות פֿון ערד, נאָר אמתע לאַנדווירטן, וואָס נעמען אַרויס פֿון זייערע מאַיאָנטקעס הכנסה מיט זייער אייגענער און געדונגענער אַרבעט.

וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די פֿעאָדאַלע סיסטעם אין פֿראַנקרײַך, אַלץ מער גייען יידן אַריבער פֿון אונטער דער מאַכט פֿון די מלכים צו דער דירעקטער מאַכט פֿון די פֿעאָדאַלע האַרן, וועלטלעכע אָדער גײַסטלעכע. דער גראַף אָדער דער ביסקופּ — זיי זײַנען דאָס די אויבערהאַרן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין איטלעכער גראַפֿשאַפֿט (comitatus, comté) און אין איטלעכער דיאָצעזע. טייל מאָל ווערט אין איין און דער זעלביקער פּראָווינץ די יוריסדיקציע איבער די ייִדן געטיילט צווישן גראַף און ביסקופּ. אין נאַרבאָנע האָט זיך די יוריסדיקציע פֿון דעם גראַף אויסגעשפּרייט אויף די ייִדן פֿון דער מזרחדיקער העלפֿט שטאָט, און פֿון דעם ביסקופּ אויף די אײַנוווינער פֿון דער מערבֿדיקער העלפֿט. ביידע מאַכטן האָבן זיך געמיט אַרויסצוציִען פֿון זייערע אונטערטאַנען וואָס מער הכנסה דורך אַרויפֿלייגן שטײַערן אויף זייערע נחלאות און אויף זייערע פֿינאַנציעלע אונטערנעמונגען, און ביידע האָבן ניט געוואָלט געבן דעם קיניג קיין חלק פֿון דער דאָזיקער הכנסה. בכדי צו זײַן אין שטאַנד צו צאָלן אַזעלכע אָפּצאָלן, האָט מען געמוזט אַרויסווײַזן אַ גרויסע ענערגיע אין עקספּלואַטירן די נאַטירלעכע רײַכטימער פֿון לאַנד. אַ סך ייִדן האָבן טאַקע דערגרייכט צו אַזאַ עשירות, אַז זיי האָבן געקאָנט פֿינאַנסירן זייערע סעניאָרן: גראַפֿן, וויקאָנטן (vicecomtes אָדער vicomte — פֿאַרטרעטער פֿון גראַף) און אַרציביסקופֿן. אַזוי אַרום האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ פֿאַרבונד צווישן ייִדן און די פֿעאָדאַלע שׂררות אויפֿן יסוד פֿון קעגנזײַטיקן נוצן, און דאָס האָט היפּש אָפּגעשוואַכט דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן אַנטאַגאָניזם און האָט באַשיצט אָפּט מאָל די ייִדישע באַפֿעלקערונג קעגן אָנפֿאַלן מצד די קאַטוילישע מאַסן.

דער נאַרבאָנער וויקאָנט בערענגאַר האָט אַ מאָל געטאָן אַ גרויסע טובֿה די ייִדן פֿון זײַן שטאָט. אַרום יאָר 1065 האָבן אָפּטיילונגען פֿון פֿראַנצייזישע פּרײַוויליקע זיך געלאָזט גיין צו די גרענעצן פֿון דער אַראַבישער שפּאַניע, בכדי דאָרט אין נאָמען פֿון קריסטוסן צו פֿירן מלחמה מיט די מוסלמאַנער. בעת דעם דורכמאַרש דורך דרום־פֿראַנקרײַך זײַנען אָט די באַנדעס אָנגעפֿאַלן אויף די ייִדישע קהילות אונטער וועגנס און האָבן געראַבעוועט און געהרגעט „קריסטוסעס שׂונאים". בעת זיי זײַנען געקומען קיין נאַרבאָנע, האָט בערענגאַר אָנגענומען מיטלען ניט צו דערלאָזן דאָרט קיין מערדערײַען אין נאָמען פֿון קרייץ, און די באַנדעס זײַנען דורכגעגאַנגען ניט צו שעדיקן ייִדן. אויך דער רוימישער פּויפּס אַלכּסנדר II האָט אײַנגעטענעט מיט די באַשיצערס

פון דער קירך, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די ערשטע רעפעטיציע צו די קרייצ־צוגן, אַז זיי זאָלן זיך ניט אָפּקערן פון זייער דירעקטן ציל און זאָלן אונטער וועגנס די ייִדן ניט טשעפּען. דער פּויפּס האָט אין אַ בריוו געלויבט דעם אויפפיר פון דעם וויקאָנט בערענגאַר: „אונדז איז געפעלן געוואָרן אײַער קלוגער אײַנפאַל, וואָס איר האָט באַשיצט פון טויט די ייִדן וואָס לעבן אונטער אײַער ממשלה, ווארעם גאָט האָט ניט ליב קיין בלוט־פאַרגיסונג און האָט ניט קיין פרייד פון דעם אונטערגאַנג אַפילו פון שלעכטע מענטשן". דעם פּויפּס׳ מענטשן־ליבע האָט זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן דער באַוואָרעניש צום סוף, אָבער דאָך האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ הומאַנעם מענטשן אין פאַרגלײַך מיט דעם נאַרבאָנער אַרציביסקופ גיפרעד, וואָס האָט אין זײַן געביט ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען צו שיצן די ייִדן, בעת די קריסטלעכע באַנדעס זײַנען דורכגעגאַנגען. דער פּויפּס האָט אין אַ באַזונדער בריוו געמוזט דערמאָנען זײַן גײַסטלעכן קאָלעגע, אַז „סײַ די קירכלעכע און סײַ די וועלטלעכע געזעצן פאַרבאָטן די פאַרגיסונג פון מענטשנס בלוט".

דערפאַר אָבער האָט דער נאַרבאָנער אַרציביסקופ געסטאַרעט זיך אַרויס־צוציִען וואָס מער רווחים פון די ייִדן פון זײַן דיאָצעזע. אויף דעם קירכן סינאָד אין זשיראָן (1063) האָט ער דורכגעפירט אַ באַשלוס, וואָס האָט מחייב געווען די ייִדן צו צאָלן מעשׂר לטובֿת דער קירך פון יעדער קירך־געמיינדע פון אַלע נחלאות, וואָס זיי האָבן זיך אײַנגעשאַפט פון קריסטן, „ווארעם עס וואָלט ניט געווען קיין יושר, אַז די קירך זאָל פאַרלירן דעם מעשׂר־אָפּצאָל, וואָס זי האָט אײַנגעמאָנט, איידער די ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין די דאָזיקע נחלאות". אין יאָר 1078 האָט אַן אַנדער סינאָד אַרויפגעלייגט אָט דעם אָפּצאָל אויף „אַלע שטיקער ערד, וואָס ייִדן באַאַרבעטן", אַפילו אויף אַזעלכע, וואָס זײַנען איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה.

נאָר דאָ האָבן זיך צונויפגעשטויסן די אינטערעסן פון די וועלטלעכע און גײַסטלעכע פעאָדאַלן, און די ייִדן האָבן מסתמא פאַרשטאַנען אויסצונוצן דעם שוץ פון די גראַפן, דאָרט ווו די ביסקופן האָבן זיי צו פיל געדריקט. אויך די ביסקופן גופא, וואָס האָבן פערזענלעך געהאַט פינאַנציעלע טובֿות פון ייִדן, פלעגן אָפט מאָלס האַלטן העכער די ערדישע אינטערעסן פאַר די הימלישע.

אין צפון־ און מיטל־פראַנקרײַך, ווו עס האָט זיך זינט 987 פאַרפעסטיקט די דינאַסטיע קאַפּעטינגער, האָבן ייִדן איבערגעלעבט אַן אומרויִקע צײַט אונטער די ערשטע מושלים פון דער דאָזיקער דינאַסטיע. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון געוויינטלעכער ייִדנפײַנטלעכער אַגיטאַציע צווישן די אָבער־גלויבישע קריסטלעכע מאַסן. דער פריצײַטיקער טויט פון דעם באַגרינדער פון דער דינאַסטיע הוגאָ קאַפּעט (996) האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר

קלאַנגען, אַז די יידישע דאָקטוירים האָבן אים פאַרסמט, פונקט ווי דאָס איז געווען מיט הונדערט יאָר פריער, נאָך דעם ווי דער רופא צדקיה האָט ניט געקאָנט אויסהיילן דעם קיניג קאַרל דעם פליכעדיקן. ביי דעם צווייטן קאַפעטינגער־קיניג ראָבערט האָט זיך אין פאַרשיידענע ערטער אויפגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן יידן. אין יאָר 1007 האָבן זיך אין אייראָפּע פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דעם מטורפדיקן עגיפּטישן כאַליף חאַכים, וואָס האָט באַפוילן צו צעשטערן אַלע קריסטלעכע קירכן אין ארץ־ישראל וואָס האָט דעמאָלט זיך געפונען אונטער זיין ממשלה 1. הגם דער דאָזיקער פאַנאַטיקער פון איסלאַם האָט פונקט אַזוי שאַרף גערודפט אויך די יידן אין זיין מלוכה, פון דעסט וועגן האָט זיך אין פראַנקרייך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידן זיינען שולדיק אין די צרות פון די ארץ־ישראלדיקע קריסטן. מען האָט דערציילט, אַז די יידן פון אייראָפּע, באַזונדערס פון פראַנקרייך, האָבן דורך זייערע בריוו אונטערגעהעצט די מוסלמאַנער אין הייליקן לאַנד צו צעשטערן די קירך פון האַרס קבֿר אין ירושלים. די אַגיטאַטאָרן האָבן זייער ציל דערגרייכט, און אין אייניקע שטעט פון פראַנקרייך האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות אויף יידן (צווישן די יאָרן 1007 און 1010). אין לימאָזש האָט דער ביסקופ פאַרגעלייגט די יידן, אַז אָדער זיי זאָלן זיך שמדן אָדער זיי זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט, און כמעט די גאַנצע קהילה איז אַוועק.

נאָך אַן ערגערע סכנה איז געהאַנגען איבער דער קהילה פון רואַן אין נאָרמאַנדיע, וווּ די אָרטיקע מאַכט האָט געגעבן דעם המון די דערלויבעניש צו הרגען די יידן וואָס ווילן זיך ניט לאָזן שמדן. עס זיינען שוין געפאַלן די ערשטע קרבנות, אייניקע האָבן אויסגעשטרעקט דעם האַלדז צום מעסער „אין נאָמען פון אחד", אייניקע פרויען האָבן זיך דערטרונקען אין טייך, בכדי ניט צו מוזן זיך שמדן. נאָר דאָ — דערציילט די מסורה — איז אויפגעשטאַנען אַן ענערגישער מאַן, אַ געקומענער פון לאָטרינגען, יעקבֿ בן יקותיאל, און האָט געזאָגט צו די מאַכטהאָבער: „ניט איר האָט דאָס רעכט צו שמדן יידן, נאָר דער ראָש פון דער קירך אין רוים; איך פאָר קיין רוים, און ווי דער פויפּס וועט פסקענען, אַזוי וועט דאָס בלייבן". האָבן די שׂררות געגעבן די יידן צייט, ביז עס וועט אָנקומען דער ענטפער פון פויפּס. יעקבֿ בן יקותיאל, וואָס האָט גוט געוווּסט די מנהגים אין פויפּסלעכן הויף, איז געקומען קיין רוים ניט נאָר מיט בקשות און תחנונים, נאָר מיט אַ היפּשער סומע געלט אויף מתנות פאַרן פויפּס און די קאַרדינאַלן. צוגלייך האָט ער זיך פאַרזיכערט די הילף פון די פירערס פון דער יידישער קהילה אין רוים, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן זיין השתדלות פאַר דער קוריע. נאָך לאַנגע

---

1 וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק. מזרח־פעריאָד. באַנד III, § 66.

קווענקלענישן האָט דער פּויפּס (מסתּמא סערגיוס IV) מסכּים געווען בטל צו מאַכן דעם באַפֿעל פֿון די פֿראַנצייזישע מאַכטהאָבער וועגן דעם, אַז מען זאָל די ייִדן אָפּשמדן איבער געוואַלד, און האָט אַרויסגעשיקט פֿון זיך אַ ביסקופּ אָנצוזאָגן וועגן דעם דער גײַסטלעכקייט אין אַלע שטעט, ווו די רדיפֿות האָבן געהאַט זיך אָנגעהויבן. אַזוי איז בטל געוואָרן די גזרה אין אָנהייב 11טן י״ה, וואָס האָט זיך אין גיכן איבערגעחזרט ערטערווײַז אין דײַטשלאַנד (ווײַטער § 15) און האָט געדינט אַזוי ווי אַ רעפּעטיציע פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון די קרייצצוגן צום סוף פֿון דעם זעלביקן יאָרהונדערט.

§ 15. דײַטשלאַנד אונטער די קאַראָלינגער און די רוימיש־דײַטשע קיסרים

נאָך אונטער קאַרל דעם גרויסן האָט דײַטשלאַנד פֿאַרנומען דעם צענטראַלן אָרט אין באַשטאַנד פֿון דער מיטל־אייראָפּעיִשער אימפּעריע. דער קיסר דער קריגסהעלד, וואָס האָט אַרויפֿגעלייגט „קריסטוסעס יאָך" אויף די האַלב־באַרבאַרן די סאַקסן, האָט זיך אויפֿגעהאַלטן מער אין דײַטשלאַנד ווי אין פֿראַנקרײַך: די שטעט אַכן, מאַינץ, וואָרמס זײַנען געווען זײַנע באַליבטע רעזידענצן. נאָך דער צעשפּאַלטונג פֿון דער אימפּעריע איז דער פֿעאָדאַליזם אין דײַטשלאַנד געגאַנגען טריט בײַ טריט מיט פּאָליטישן סעפּאַראַטיזם. די הערצאָגן און ביסקופּן האָבן געשטרעבט צו פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, און די פּרווון פֿון אייניקע דײַטשע קאַראָלינגער אויפֿצוריכטן די אימפּעריע האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט אַ דורכפֿאַל. אין אָנהייב 10טן יאָרהונדערט האָבן די גרויסע פֿעאָדאַלן אַרויסגערוקט אַ מאָנאַרך אַ פֿאַראייניקער פֿון זייער אייגענער סבֿיבֿה: דער מעכטיקער הערצאָג פֿון סאַקסן היינריך I ווערט דער קיניג פֿון דײַטשלאַנד (919–936), און זײַן זון אָטאָ I (936–973) לייגט אויף זיך אַרויף די קרוין פֿון רוימישן קיסר. אָטאָ באַזיגט דעם פּאַרטיקולאַריזם פֿון די הערצאָגן, שטויסט אָפּ די אָנפֿאַלן פֿון די נאָרמאַנען פֿון צפֿון־זײַט, פֿון די אַראַבער פֿון דרום־זײַט, פֿון די מאַדיאַרן און סלאַוון פֿון מזרח־זײַט און ראַטעוועט אַזוי אַרום דאָס פֿאָטערלאַנד. גייענדיק אין די פֿוסטריט פֿון קאַרל דעם גרויסן, מאַכט ער דעם רוימישן פּויפּס אַ געצײַג פֿון זײַן פּאָליטיק, נעמט צו פֿאַר זײַן מלוכה לאָמבאַרדיע און באַקומט אַ דעה אין די ענינים פֿון גאַנץ איטאַליע. אין דײַטשלאַנד גופֿא, וואָס מיט איר איז נאָך פֿאַראייניקט געוואָרן לאָטרינגען, האָבן די רעגירערס פֿון דער סאַקסישער דינאַסטיע פֿאַרשטאַנען קונציק אויסצודרייען זיך צווישן די וועלטלעכע און גײַסטלעכע פֿעאָדאַלן: זיי גיבן די הערצאָגן און ביסקופּן ברייטע אַדמיניסטראַטיווע און פֿיסקאַלישע רעכט, דערבײַ געניסן די ביסקופּן אין די

גרויסע שטעט אַלע רעכט פֿון וועלטלעכע שׂרות. די ייִדישע באַפֿעלקערונג, וואָס איז דער עיקר אַ שטאָטישע, געפֿינט זיך געוויינטלעך אונטער דער דירעקטער אייבערהערשאַפֿט פֿון די ביסקופֿן, און דערפֿון געווינט זי אַ סך. דאָס וואָס די ביסקופֿן זײַנען געוואָרן אַדמיניסטראַטאָרן, איז געווען דער בעסטער מיטל אויף אומשעדלעך צו מאַכן די אייבערשטע גײַסטלעכקייט: כּל־זמן די באַדינערס פֿון דער קירך האָבן זיך געפֿונען אין אָפּאָזיציע צו דער מלוכה־מאַכט, האָבן זיי געפֿאָדערט צו אונטערדריקן ייִדן, אָבער ווי נאָר זיי זײַנען געוואָרן באַאַמטע פֿון דער מלוכה, זײַנען זיי געווען פֿאַראינטערעסירט ניט צו אונטערדריקן ייִדן, וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן אַן אויפֿלעבונג אין דעם ווירטשאַפֿטלעכן לעבן און האָבן באַרײַכערט די מלוכה־קאַסע. דערמיט איז די קירך אַזוי ווי סעקולאַריזירט געוואָרן, און איר ספּעציפֿישער סם פֿון רעליגיעזער שׂנאה איז נייטראַליזירט געוואָרן, מיר זעען, אַז אין 10טן און 11טן י"ה האָבן די ייִדישע קהילות אין דײַטשלאַנד, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿון די ביסקופֿן, געליטן צום ווינציקסטן פֿון רעליגיעזע רדיפֿות. די קריגערישע קירך ווערט פֿרידלעך, ווי נאָר זי נעמט אַרויסציִען נוצן פֿון די ייִדן אונטער איר ממשלה.

די גרעסטע ייִדישע קהילות האָבן זיך געפֿונען אין די ביסקופֿשטעט בײַם ריין: מעץ, טריער, קעלן, מאַינץ, וואָרמס, ווײַטער אין די סאַקסישע און בײַערישע שטעט: מאַגדעבורג, מערזעבורג און רעגנסבורג. אונטער די לעצטע קאַראָלינגער פּרוווט נאָך די גײַסטלעכקייט אָנצווענדן די אַנטי־ייִדישע קאַנאָנען. דער סינאָד פֿון יאָר 888 אין מעץ האָט באַנײַט דעם פֿאַרבאָט פֿון די פֿראַנקישע סינאָדן פֿון 6טן יאָרהונדערט: קריסטן טאָרן ניט עסן און טרינקען צוזאַמען מיט ייִדן אָדער נעמען פֿון זיי שפּײַז, כּל־זמן ייִדן מיאוסן זיך לויט זייערע דינים צו עסן קריסטלעכע שפּײַז, ווארעם נאָך דער ביסקופּ צעזאַריוס פֿון אַרל האָט געזאָגט, אַז דורך דעם שטעלן די קריסטן זיך נידעריקער פֿאַר ייִדן (אויבן, § 4). אונטער דעם קיניג היינריך I איז אויפֿן קירכן־סינאָד אין ערפֿורט (932) פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ בריוו, וואָס זאָל כּלומרשט זײַן אָנגעקומען פֿון ירושלים, ווו עס ווערט מיטגעטיילט, אַז אין דער הייליקער שטאָט האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט אַ מחלוקת צווישן ייִדן און קריסטן, וואָס וואָלט זיך אויסגעלאָזט שלעכט פֿאַר דער קירך, מחמת די ייִדן האָבן מיט געלט אַריבערגעצויגן אויף זייער צד די מוסלמאַנער, נאָר גראָד איז אין יענער צײַט אין דער קירך פֿון האַרס קבֿר געשען עפּעס אַ נס, וואָס האָט אַזוי געווירקט אויף די ייִדן, אַז זיי האָבן אַלע זיך געלאָזט שמדן; דעריבער לייגן די מחברים פֿון דעם בריוו פֿאַר די דײַטשע מושלים, זיי זאָלן לאָזן וויסן וועגן דעם מופֿת אין ירושלים אויך זייערע ייִדן און צווינגען זיי צו שמדן זיך, און די וואָס וועלן דאָס ניט טון זאָלן זיי

פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד 1. דער דאָזיקער בריװ האָט משמעות ניט אַרױסגערופֿן קײן שום אַקציעס מצד די דײַטשע ביסקופֿן און דעם קיניג הײנריך I. מסתּמא אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַגיטאַציע װאָס איז דעמאָלט אױפֿגעקומען האָט דער מאַינצער אַרציביסקופּ פֿרידריך אָנגעפֿרעגט בײַם פּױפּסט לעאָ VII: װאָס איז בעסער, אָפּשמדן די ייִדן אָדער פֿאַרטרײַבן זײ. דער פּױפּסט האָט געענטפֿערט, אַז אָפּשמדן ייִדן איבער געװאַלד טאָר מען ניט, נאָר מען מוז װירקן מיט גוטע רײד, לערנען מיט זײ „דעם גלױבן פֿון דער הײליקער דרײַ־אײניקײט און דעם סוד פֿון דער געטלעכער פֿאַרקערפּערונג", יענע אָבער װאָס װעלן דעם גלױבן ניט אָננעמען מעג מען פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד (אַן ערך אין יאָר 937). נאָר אױך די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ האָט קײן פּראַקטישע רעזולטאַטן ניט געבראַכט. אין יענער צײַט האָט שױן רעגירט אָטאָ I, װאָס האָט אַרײַנגעצױגן די גײַסטלעכקײט אין דעם מעכאַניזם פֿון דער מלוכה־פֿאַרװאַלטונג און האָט געפּועלט בײַ די ביסקופֿן, זײ זאָלן פֿאַרגעסן אָן די האַרבע קירכלעכע קאַנאָנען.

אָטאָ I און זײַן יורש אָטאָ II האָבן אַרױסגעגעבן דעקרעטן װעגן דעם, אַז די יוריסדיקציע איבער ייִדן אין די ביסקופּישע שטעט געהער אױסשליסלעך צו די ביסקופֿן. אין מאַגדעבורג האָבן, לױטן דעקרעט פֿון יאָר 965, „די ייִדן אָדער די איבעריקע סוחרים" (judaei vel caeteri negotiatores) געמוזט זײַן אונטערטעניק דער אָרטיקער קירכלעכער מאַכט. אין עטלעכע יאָר אַרום איז געװאָרן אױפֿגעקלערט, אַז אַלע סוחרים, ייִדן און די איבעריקע אײַנװױנער פֿון מאַגדעבורג זײַנען אומאָפּהענגיק פֿון דער מאַכט פֿון גראַף און פֿון זײַנע באַאַמטע, נאָר זײ שטײען אונטער דער ממשלה פֿון דעם שטאָטעלטסטן (advocatus), װאָס דער אָרטיקער אַרציביסקופּ באַשטימט (אין די יאָרן 973 און 979). אין דער זעלביקער צײַט האָט אָטאָ II איבערגעענטפֿערט אין רשות פֿון דעם ביסקופּ אין מערזעבורג „אַלץ װאָס איז אײַנגעשלאָסן אין די שטאָטישע מױערן צוזאַמען מיט די ייִדן און הענדלערס" (cum judaeis et mercatoribus). דאָס האָט באַטײַט, אַז דעם ביסקופּ געהער גאָר דאָס שטײַערגעלט, װאָס װערט אױפֿגעמאָנט פֿון די אָרטיקע ייִדן און סוחרים. פּונקט אַזעלכע פּריװילעגיעס זײַנען געגעבן געװאָרן די ביסקופֿן פֿון װאָרמס, קעלן, מאַינץ און אַנדערע שטעט. אין אײניקע שטעט זײַנען אין די אַקטן פֿאַרצײכנט ייִדישע קװאַר־

---

1 עס זײַנען פֿאַראַן צװײ נוסחאות פֿון דעם דאָזיקן בריװ: אײנער זאָל שטאַמען כלומרשט פֿון דעם פּאַטריאַרך פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דער צװײטער פֿון דעם דאָזש פֿון װענעציע, װאָס זאָל צוזאַמען מיטן פּאַטריאַרך און מיט די װענעציאַנער ביסקופֿן זיך האָבן געװענדט צום דײַטשן קיניג הײנריך I און צום מאַינצער אַרציביסקופּ מיטן פֿאָרשלאָג צו שמדן די ייִדן. זע Aronius, Regesten, נ"נ 123 און 124, און אױך װײַטער, § 20.

טאָלן (Judaeorum habitacula) אין רעגנסבורג אָנהייב 11טן י"ה, Porta judaeorum אין וואָרמס), און מען מעג משער זײַן, אַז אויך דאָ האָבן ייִדן מיטן גוטן ווילן זיך באַזעצט אין באַזונדערע טיילן שטאָט, ווײַל זיי האָבן געוואָלט ווױנען אין אײנעם, אָרום זייערע מוסדות. אַז זיי האָבן אין די אינעווייניקסטע ענינים געגאָסן אַ ברייטע אַליין־פֿאַרוואַלטונג, איז צו זען צום טייל פֿון די אַקטן פֿון יענער צײַט, צום טייל פֿון די באַשרײַבונגען פֿון דער ווײַטערדיקער תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן.

די קיסרים פֿון דער סאַקסישער דינאַסטיע האָבן זיך באַצויגן צו די ייִדן גוט, און די ייִדן פֿון זייער זײַט זײַנען געווען זיי איבערגעגעבן. אַ קריסטלעכער כראָניסט דערציילט, אַז אין דער סוויטע פֿון אָטאָ II בעת זײַן צוג אין איטאַליע האָט זיך געפֿונען אַ ייִד קלונימוס, וואָס האָט איין מאָל געראַטעוועט דעם קיסרס לעבן. אין דער שלאַכט מיט די אַראַבער בײַ קאַטראָנע (982) איז דער קיסר געבליבן אין פֿעלד אָן זעלנער און אָן פֿערד, און וואָלט אָן ספֿק אומגעקומען, אויב קלונימוס וואָלט ניט אָפּגעגעבן אים זײַן פֿערד, וואָס אויף דעם איז דער קיסר אַוועקגעריטן. דער זעלביקער ייִד האָט אים געהאָלפֿן זיך זעצן אויף אַ שיף און אַוועקצופֿאָרן פֿון אַ געפֿערלעכן אָרט. שפּעטער האָט קלונימוס מיט זײַן משפּחה זיך אַריבערגעקליבן פֿון דער איטאַליענישער שטאָט לוקאַ קיין מאַינץ, ווו זײַנע קינדסקינדער זײַנען אַ צײַט לאַנג געשטאַנען בראָש פֿון דער ייִדישער קהילה.

נאָר וועגן איין פֿאַל פֿון רדיפֿות אויף ייִדן דערציילן די כראָניקעס. אין יאָר 1012 האָט דער פֿרומער קיסר היינריך II דער הייליקער באַפֿוילן פֿלוצים צו פֿאַרטרײַבן פֿון מאַינץ אַלע ייִדן, וואָס ועלן ניט וועלן זיך שמדן. געפֿעלשט אין זייער גלויבן האָבן נאָר ווײניק ייִדן, די איבעריקע זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן. נאָר אין אַ יאָר אַרום האָט מען די פֿאַרטריבענע אומגעקערט צוריק, אַ דאַנק דער השתּדלות פֿון דעם ראָש פֿון דער מאַינצער קהילה רבי שמעון בן יצחק. אין דער כראָניק ווערט ניט אָנגעוויזן די סיבה פֿון אָט דעם צײַטווײַליקן גירוש. מען איז משער, אַז דער טעם איז געווען דאָס, וואָס עס האָט זיך מגייר געווען דער גלח וועצעלין, וואָס איז געווען אַ גײַסטלעכער בײַ אײנעם פֿון די הערצאָגן. די ידיעה וועגן דעם זאָל שטאַרק האָבן אויפֿגעבראַכט דעם קיסר, וואָס האָט דערקלערט די פֿעלשונג פֿון אַ געטרײַען דינער פֿון דער קירך דורך דער ווירקונג פֿון דער ייִדישער פּראָפּאַגאַנדע.

נאָר עס איז פֿאַראַן אַ דערקלערונג פֿון אָט דער טרויעריקער געשעעניש, וואָס לייגט זיך מער אויפֿן שכל. ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן (§ 14), האָבן מיט עטלעכע יאָר פֿריִער די ייִדישע קהילות אין פֿראַנקרײַך געהאַט אויסצושטיין רדיפֿות אַ דאַנק די פֿאַלשע קלאַנגען וועגן דעם, אַז אין

ארץ-ישׂראל העצן די ייִדן אונטער די מוסלמאַנער צו צעשטערן קריסטלעכע היילּיקטימער. ווען די דאָזיקע קלאַנגען זײַנען דערגאַנגען קיין דײַטשלאַנד, איז דער פֿרומער קיסר געוואָרן אין כּעס און האָט געהייסן באַשטראָפֿן „קריסטוסעס שׂונאים" אין זײַן לאַנד, כאָטשבי אין איין שטאָט, נאָר שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט איבערבעטן פֿון די ייִדן און האָט די גזרה מבֿטל געווען. מיגלעך, אַז פֿאַר די געראָדפּטע האָט זיך אײַנגעשטעלט דער אָרטיקער מושל דער ביסקופֿ, וואָס וואָלט פֿאַרלאָרן זײַנע הכּנסות פֿון ייִדן, אויב מען וואָלט זיי פֿאַרטריבן, דערבײַ האָט ער געקאָנט זיך פֿאַררופֿן דערויף, וואָס אין פֿראַנקרײַך האָט דער פּויפּס אַליין געהייסן מבֿטל זײַן די גזרה.

ניט געקוקט דערויף וואָס די גזרה האָט לאַנג ניט געדויערט, פֿון דעסט וועגן האָט זי איבערגעלאָזט אַ שפּור אין זכּרון פֿון פֿאָלק ווי די ערשטע מאַסן-גזרה אין דײַטשלאַנד פֿאַר די קרייץ-צוגן. מען איז משער, אַז גראָד צו דער געשעעניש זײַנען שייך אייניקע סליחות, וואָס עס האָבן מחבר געווען דער דערמאָנטער ראש פֿון דער מאַינצער קהילה רבי שמעון בן יצחק און זײַן בן-דור רבנו גרשום מאור הגולה, וואָס וועגן אים וועט זײַן די רייד שפּעטער. מען דערציילט, אַז רבנו גרשומס זון איז געווען איינער פֿון די וואָס האָבן זיך געשמדט בעת דער מאַינצער גזרה; ווען דער גירוש איז בטל געוואָרן, האָבן די אָפּגעשמדטע זיך אומגעקערט צו זייער פֿריִער-דיקער אמונה, נאָר רבנו גרשומס זון האָט דאָס ניט באַוויזן צו טון, ווײַל ער איז אין גיכן געשטאָרבן. געבראָכן אין זײַן ווייטאָג האָט דער פֿאָטער אָפּגעריכט דעם טרויער נאָכן פֿאַרשטאָרבענעם ניט זיבן טעג (שבֿעה) לויטן דין, נאָר 14 טעג, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז דער זון זײַנער איז אומגעקומען ניט בלויז פֿאַר דער וועלט, נאָר אויך פֿאַר יענער וועלט. זײַן צער איבער דעם אומגליק פֿון פֿאָלק האָט רבנו גרשום אויסגעגאָסן אין אַ ריי סליחות. אין איינער פֿון זיי שטייט: „מען טראַכט אויס אויף אונדז בלבולים און מען גיט אונדז אָפּ אויף באַרויבונג. איין צרה יאָגט אָן די אַנדערע, דער צווייטער טאָג איז ערגער פֿאַרן פֿריִערדיקן. דײַנע אויסדערווײלטע, אָ גאָט, דריקט דער שׂונא און פֿאָדערט, מיר זאָלן דיך פֿאַרבײַטן דורך אַ געשאַפֿענעם גאָט. ביז וואַנען וועל איך רופֿן צו דיר פֿון אָט דער ענגעניש? ענטפֿער מיר אויף דער פֿרײַ: דו ביסט דאָך אַלמעכטיק". אין אַ צווייטער סליחה איז אָנגעוויזן אַן ערך איר דאַטע: „די שיינע שטאָט, די געטרײַע שטאָט (ירושלים), דו האָסט אָפּגעווענדט דײַן פּנים פֿון איר שוין 950 יאָר". (ווען מען זאָל צוגעבן די 70 יאָר פֿון דעם אָנהייב פֿון דער קריסטלעכער צײַט ביזן חורבן ירושלים, באַקומט זיך דאָס יאָר 1020).

ביזן סוף 11טן י"ה, ד"ה ביזן ערשטן קרייצצוג, האָבן אַזעלכע קאַטאַ-סטראָפֿעס ווי די מאַינצער געהאַט נאָר אַ צופֿעליקן כאַראַקטער און האָבן זיך

ניט אָפּגערופן אויף דער אַלגעמיינער לאַגע פון יידן אין דײַטשלאַנד. אין דער צווייטער העלפט 11טן י״ה האָבן יידן געשפּילט אַן אָנזעעוודיקע עקאָ־נאָמישע ראָלע אין גאַנץ דרום־דײַטשלאַנד, פון לאָטרינגען ביז בעמען. זיי האָבן געגאָסן פרײַהייט פון האַנדל, האָבן געהאַט זייער אייגנס נחלאות, האָבן געהאַט זייערע אויסגעקליבענע ראשי־קהילות און דיינים, אין טייל ערטער האָבן זיי געהאַט באַזונדערע פּריווילעגיעס. אין יאָר 1084 האָט דער מושל פון שפּײַער, דער ביסקופּ רידיגער, ווען ער האָט פאַראייניקט מיט דער שטאָט אַ שכנישן ישוב, אַרײַנגעלאָזן אַהין יידן, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס „קאָן היפש פאַרגרעסערן דעם פּירסום פון דעם אָרט״. ער האָט די נײַע אײַנוווינער אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קוואַרטאַל, „מחוץ דער געזעלשאַפט און די וווינונגען פון די שטאָטלײַט״, און האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, בכדי צו באַשיצן זײַנע אײַנוווינער פון דער „חוצפּה״ פון קריסט־לעכן פּעוול. פאַר דעם חלק ערד, וואָס איז די יידן אָפּגעגעבן געוואָרן, האָבן זיי געמוזט אַרײַנטראָגן אַ יערלעכן אָפּצאָל אין דעם ביסקופּס קאַסע. אין דעם סטאַטוט, וואָס איז בײַ דער געלעגנהייט געוואָרן אַרויסגעגעבן, האָט דער ביסקופּ געגעבן יידן דאָס רעכט צו האַנדלען אויף דער גאַנצער שטאָטישער טעריטאָריע און בײַם האַוון, האַלטן קריסטלעכע באַדינערס און אַמען; דעם רבֿ אָדער דעם עלטסטן פון דער קהילה (archisynagogus) זײַנען געגעבן געוואָרן די גלײַכע אַדמיניסטראַטיווע און געריכטלעכע קאָמפּעטענצן, ווי דעם קריסטלעכן בורגמײַסטער; ער האָט געדאַרפט פונאַנדערקלײַבן סיכסוכים צווישן יידן, מיטן רעכט צו אַפּעלירן צום ביסקופּ אָדער צו זײַן קאַמעראַריער. צום סוף דערקלערט דער ביסקופּ, אַז ער איז גרייט צו געבן דעם יידישן פאָלק (populus judaeorum) די גרעסטע הנחות, וואָס יידן געניסן אין וואָסער עס איז דײַטשער שטאָט. דער פאַרלאַנג צוצוציִען די יידן און מיט זייער הילף צו שאַפן בײַם ריין אַ נײַעם האַנדלס־צענטער האָט באַוויגן דעם ביסקופּ צו געבן כּלערליי הנחות יענער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָטישער קולטור. אין דער אמתן איז שפּײַער גיך באַזעצט געוואָרן פון יידן, באַזונדערס געקו־מענע פון מאַינץ, און אין 12 יאָר אַרום, צום אָנהייב פון די קרייצצוגן, איז שוין דאָרט געווען אַ היפּשע אָרגאַניזירטע יידישע קהילה.

אין יאָר 1090 האָט דער קיסר היינריך IV, לויט דער השתדלות פון דעפּוטאַטן פון שפּײַערער און וואָרמסער יידן, דערקלערט, אַז ער נעמט זיי אונטער זײַן שוץ, און האָט באַשטעטיקט זייערע רעכט אין באַזונדערע סטאַ־טוטן, וואָס זײַנען משמעות געווען גילטיק אויך פאַר אַנדערע יידישע קהילות אין דײַטשלאַנד. לויט אָט די סטאַטוטן טאָר קיינער ניט אָנרירן די פּערזאָן אָדער אייגנס פון יידן און קיינער טאָר ניט צווינגען זיי צו שמד; ווען

אַ ייִד וויל מיטן גוטן ווילן זיך שמדן, ווערט אים געגעבן אַ טערמין פֿון דרײַ טעג, כּדי אויפֿצוקלערן, ווי ווײַט זײַן באַשלוס איז פֿרײַ און אויפֿריכטיק; אַ משומד קאָן ניט האָבן קיין תּביעה אויף זײַן טייל ירושה פֿון זײַנע עלטערן, וואָס זײַנען געבליבן בײַ זייער פֿריִערדיקער אמונה; אין פּראָצעסן צווישן ייִדן און קריסטן מעג איטלעכער צד פֿאַרטיידיקן זײַנע אינטערעסן „לויט זײַן אייגע־נעם געזעץ" אָדער מנהג (ייִדן אַ שטייגער טאָר מען ניט צווינגען צום „גאָטס משפּט" אָדער אָרדאַלן, ווי עס איז דעמאָלט געווען אײַנגעפֿירט בײַ קריסטן); די אינעווייניקסטע סיכסוכים ווערן געמשפּט פֿון דעם ראָש פֿון דער ייִדישער קהילה, וואָס ווערט באַשטעטיקט דורך דעם רעגירנדיקן ביסקופּ און וואָס טראָגט אַ מאָל דעם טיטל „ייִדישער ביסקופּ" (judaeorum episcopus).[1]

די דײַטש־ייִדישע דיאַספּאָרע האָט דערגרייכט ביז בעמען און פּוילן, די פֿאָדער־פּאָסטנס פֿון סלאַוונטום. די מערבֿ־סלאַווישע לענדער האָבן אין יענער צײַט צוגעצויגן סוחרים פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס, דערין אויך ייִדן, וואָס האָבן פֿון דאָרט אַרויסגעפֿירט שקלאַוון, פֿערד און פֿאַרשיידענע רויוואַרג (פֿעלן, מעטאַלן, וואַקס). לויט ווי עס שרײַבט דער בעמישער כראָניסט קאָזמאַ, אַ דעקאַן פֿון אַ קירך אין פּראָג, האָבן צום סוף 11טן יאָרהונדערט אין פּראָג און אין דער שכנישער ווישגראַד געוווינט ייִדן „רײַך מיט גאָלד און מיט זילבער, די רײַכסטע סוחרים פֿון אַלע פֿעלקער, די פֿאַרמעגלעכסטע מטבעות־גיסערס". אויב מען זאָל גלייבן אַ שפּעטיקערן דאָקומענט, האָט בראַטיסלאַוו II, הערצאָג פֿון בעמען (1061–1092), אויסגעגלײַכט די ייִדן אין פֿאַרשטאָט פֿון פּראָג מיט די אָרטיקע דײַטשן אין רעכט „צו לעבן און צו משפּטן זיך לויט די אייגענע געזעצן", דאָס הייסט ער האָט געגעבן זיי אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון זייער קהילה.

§ 16. דער אָנהייב פֿון דער ייִדישער קולטור אין פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד

אין דער תּקופֿה, ווען די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון מיטל־אייראָפּע זײַנען געוואָרן אָרגאַניזירטע אויטאָנאָמע קהילות, האָבן געמוזט זיך דאָרט אויסבילדן צענטערס פֿון דער נאַציאָנאַלער גײַסטיקער קולטור, לויטן מוסטער פֿון יענע,

---

1 אייניקע היסטאָריקער זײַנען מסופּק, צי אָט די צוויי סטאַטוטן פֿון קיסר היינריך IV זײַנען טאַקע עכטע דאָקומענטן, און זיי מיינען, אַז עס זײַנען שפּעטער אַרײַנגעשטעלט געוואָרן פּונקטן, צום טייל לטובֿת דער ביסקופּישער מאַכט, צום טייל לטובֿת די ייִדישע קהילות. אָבער דער אַלגעמיינער אינהאַלט פֿון די דאָזיקע פּריווילעגיעס, וואָס שטימען מיט די שפּעטערע פּריווילעגיעס פֿון ביסקופּ רידיגער, קאָן קוים ווערן אָפּגעפֿרעגט. (זי' Aronius Regesten, נ״נ 170—171).

וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין די העגעמאָניע=צענטערס פֿון די מ״רח=לענדער. דער דאָזיקער וווּקס פֿון דער אייגנאַרטיקער קולטור טרעט אַרויס צו ערשט פֿון היסטאָרישן נעפּל אין די געשטאַלטן פֿון די פֿירנדיקע מענער פֿון 10טן און 11טן י״ה, די ערשטע גײַסטיקע מנהיגים פֿון דעם אייראָפּעיִשן יִידנטום.

דער אויסדרוק „אייגנאַרטיקע קולטור" דאַרף פֿאַרשטייט זיך פֿאַרשטאַנען ווערן אין באַגרענעצטן זינען: אייגנאַרטיק איז געווען דער אינעווייניקסטער אינהאַלט פֿון דער יִידישער קולטור, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן בירושה פֿון אַ לאַנגער ריי יאָרהונדערטער, אָבער ניט די אויסווייניקסטע פֿאָרמען אירע. קודם=כּל האָט די פֿראַנצייזיש=דײַטשע דיאַספּאָרע פֿון יענער צײַט ניט פֿאַרמאָגט איר אייגענע באַזונדערע ריידשפּראַך: ריידן האָבן יִידן גערעדט צווישן זיך אין דער שפּראַך פֿון לאַנד, פֿראַנצייזיש אָדער דײַטש, און נאָר אין שריפֿטלעכן פֿאַרקער און אין דער ליטעראַטור האָבן זיי גענוצט די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך. אין פֿראַנקרײַך און אין די ריין=פּראָווינצן פֿון דײַטשלאַנד האָבן יִידן גערעדט פֿראַנצייזיש, ווי עס איז צו זען פֿון די פּירושים צום תּנך פֿון 11טן יאָרהונדערט, ווו די מחברים פֿלעגן איבערזעצן העברעיִשע ווערטער אין דעם דעמאָלטיקן פֿראַנצייזיש, געשריבן מיט העברעיִשע אותיות. אין אינעווייניקסטן דײַטשלאַנד האָבן יִידן ביז צו די קרייצצוגן גערעדט פֿראַנצייזיש מיט אַ צומיש פֿון דײַטשע ווערטער; ערשט אין די שפּעטער=דיקע יאָרהונדערטער האָט מען אָנגעהויבן דאָרט צו ריידן דײַטש, וואָס אין דעם זײַנען אין משך פֿון דער צײַט אַרײַנגענומען געוואָרן אַ סך העברעיִשע ווערטער און ריידווענדונגען, און עס איז געוואָרן דאָס שפּעטערדיקע יִידיש=דײַטש (עבֿרי=טײַטש) אָדער יִידיש.

אין דער געשילדערטער תּקופֿה, ביזן סוף 11טן י״ה, האָבן די יִידן פֿון צרפֿת און אַשכּנז (פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד) געבילדעט אין קולטורעלן זינען איין גאַנצקייט. די הויפּטמאַסן פֿון זיי האָבן זיך גרופּירט אַרום דער גרויסער וואַסער=אַרטעריע פֿון מיטל=אייראָפּע, דעם ריין און זײַנע בײַטײַכן. פֿון דעם דאָזיקן צענטער, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן Lothringen (אין דער העברעיִשער ליטעראַטור: לותיר) און האָט אַרײַנגענומען אַלע ריין=געגנטן צוזאַמען מיט דער איצטיקער עלזאַס און לאָטרינגען, זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿראַנצייזישע צווײַגן (אין די פּראָווינצן איל=דע=פֿראַנס, שאַמ=פּאַניע, בורגאָן, נאָרמאַנדיע) און דײַטשע צווײַגן (סאַקסן, בײַערן א״אַ). אַ באַזונדער לאַגע האָט פֿאַרנומען דרום=פֿראַנקרײַך אָדער פּראָוואַנס, וואָס האָט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור געהאַט איר באַזונדער נאָמען „פּרובֿינציה" און איז קיין מאָל ניט געוואָרן צונויפֿגעמישט מיטן נאָמען פֿון צפֿון=פֿראַנקרײַך „צרפֿת". די יִידישע פּראָוואַנס, וואָס צו איר האָט געהערט אויך דער קרײַז

פֿון נאַרבאָנע, האָט זיך געצויגן מער צו דער אַראַביש-שפּאַנישער קולטור איידער צו דער פֿראַנצייזיש-דײַטשער.

צוויי לעגענדעס סימבאָליזירן אין די געשטאַלטן פֿון פּערזאָנען דעם פּראָצעס, ווי אַזוי די נאַציאָנאַלע קולטור האָט זיך אַריבערגעטראָגן פֿון די אַלטע דיאַספּאָרע-צענטערס אין די נײַע. לויט איין פֿאָלקס-לעגענדע האָט קאַרל דער גרויסער אַראָפּגעבראַכט פֿון באַגדאַד קיין נאַרבאָנע דעם געלערנטן רבי מכיר, וואָס ער האָט געגרינדעט די ערשטע ישיבֿה אין דרום-פֿראַנקרײַך און איז געוועזן דער אָנהייבער פֿון אַ דינאַסטיע „נשׂיאים", פֿירער פֿון דער ייִדישער געמיינדע אין דער פּראָווענס (אויבן, § 12). אַ צווייטע מסורה דערציילט, אַז קאַרל האָט אַריבערגעפֿירט דעם געלערנטן רבי קלונימוס פֿון דער לאָמבאַרדישער שטאָט לוקאַ קיין מײַנץ, וווּ ער און זײַנע קינדסקינדער זײַנען דורות לאַנג געשטאַנען בראָש פֿון דער ייִדישער קהילה. די היסטאָרישע קריטיק פֿאַרריכט די צווייטע מסורה אין דעם פּרט, וואָס זי פֿאַרבינדט זי מיט דער שפּעטערדיקער איבערוואַנדערונג פֿון דער איטאַליענישער משפּחה קלונימוס פֿון איטאַליע קיין מײַנץ אין דער צײַט פֿון דײַטשן קיסר אָטאָ II, וואָס דער ראָש פֿון דער משפּחה האָט אים געטאָן אַ וויכטיקע טובֿה (§ 15). ווי דאָס זאָל ניט זײַן, ווערן אין דיביידע מסורות[1] ריכטיק אָנגעוויזן די מקורים, פֿון וואַנען די גײַסטיקע ענערגיע פֿון פֿאָלק איז אַריבערגעפֿלאָסן אין די פֿראַנצייזיש-דײַטשע קאָלאָניעס: דאָס איז בבֿל מיט איר תּלמוד פֿון איין זײַט, און איטאַליע, די וויג פֿון דער מערבֿ-ייִדישער קולטור — פֿון דער צווייטער. מען קאָן אָנווײַזן נאָך אַ דריטן מקור: די ייִדיש-אַראַבישע שפּאַניע, וואָס האָט אויף אַ גלײַכן וועג איבערגענומען די גײַסטיקע ירושה פֿון מזרחדיקן כאַליפֿאַט און אָנגעטיילט מיט אַ טייל פֿון די באַקומענע רײַכטימער די שכנישע פּראָווענס.

אין נאַרבאָנע און אין אייניקע אַנדערע שטעט פֿון דרום-פֿראַנקרײַך האָבן משמעות זיך באַוויזן די ערשטע פֿאַרשפּרייטער פֿון דער ייִדישער אויפֿקלערונג צווישן די פֿראַנצייזישע ייִדן. דאָ האָט אין 10טן און 11טן י"ה בֿרייט אַנטוויקלט זיך די אויסטײַטשונג פֿון תּנך אין צוויי ריכטונגען: ד ר ש נ ו ת און פּ ר ש נ ו ת. די דרשנים פֿלעגן אַרויסנעמען פּסוקים פֿון תּנך פֿאַר זייערע דרשות און פֿלעגן זיי אויסטײַטשן אין גײַסט פֿון דער תּלמודישער אַגדה און מדרש. די פּרשנים ווידער האָבן פּשוט אויסגעטײַטשט דעם טעקסט פֿון תּנך גראַמאַטיש און לאָגיש, פֿלעגן די האַרבע פּסוקים איבערגעבן אין גרינגערע,

---

1 אין דער ניט לאַנג אויסגעפֿונענער הוספֿה צו דער כראָניק פֿון אבֿן דאוד „ספֿר הקבלה" (אויסג' פֿון נײַבויער, I, 82), אין דער כראָניק „יוחסין" פֿון ר' אבֿרהם זכותא און אין „עמק הבכא" פֿון ר' יוסף הכהן.

מער פאַרשטענדלעכע אויסדרוקן, און ערטערווייַז פלעגן זיי אויך איבערזעצן העברעיִשע ווערטער אין לאַטייניש אָדער פראַנצייזיש. ר׳ משה הדרשן פון נאַרבאָנע, וואָס האָט געלעבט סוף 10טן און אָנהייב 11טן י״ה, איז געווען אַ פאָרשטייער פון דער ערשטער גרופּע תּלמידי־חכמים. ער איז געשטאַנען בראָש פון דער נאַרבאָנער ישיבה, ווי עס זייַנען שוין פאַר אים געווען ראָשי־ישיבות זייַן פאָטער, זייַן זיידע און זייַן עלטער־זיידע; דאָס הייסט, אַז שוין דרייַ דורות ביז אים איז די ייִדישע וויסנשאַפט געוואָרן פאַרשפּרייט אין נאַרבאָנע. פון זייַנע חיבורים זייַנען איבערגעבליבן נאָר פראַגמענטן אָדער ציטאַטעס אין די ספרים פון די שפּעטערדיקע שרייַבערס. אַז די ווערק פון רבי משה הדרשן זייַנען בשעתּם געווען שטאַרק באַוווּסט, איז צו זען דערפון, וואָס עס ציטירט זיי דער גרעסטער מפרש פון דער שפּעטערדיקער תּקופה, רש״י. לויט די געבליבענע פראַגמענטן האָט דער נאַרבאָנער דרשן באַהאַנדלט די העכסטע ענינים פון דער טעאָלאָגיע: וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט און וועגן דער התגלות האלהות, און ער לערנט זיי אין דעם לעגענדאַריש־סימבאָלישן גייַסט פון מדרש. זייַן זון, רבי יהודה הדרשן, האָט ווייַטער גע־פירט זייַן אַרבעט און האָט פאַרשפּרייט טעאָלאָגישע ידיעות אין נאַרבאָנע און אין דער שכנישער טולוזע. אַ געבוירענער אין די זעלביקע מקומות איז געווען אויך דער מפרש פון תּנך ר׳ מנחם בר חלבו (אַרום דער העלפט פון 11טן י״ה), וואָס האָט זיך שפּעטער אַריבערגעקליבן קיין צפון־פראַנקרייַך. זייַן ספר „פתרונים״ (דער געגנויער טייַטש פון דעם וואָרט איז: „באַשיידונגען״) איז איינער פון די ערשטע פרווון פון אַ גראַמאַטישער און לעקסיקאַלישער אויסטייַטשונג פון תּנך אין די מערב־לענדער. פון דעם דאָזיקן גרויסן פירוש זייַנען געבליבן נאָר אַ סך פראַגמענטן, וואָס זייַנען שייך צו פאַרשיידענע ספרים פון תּנך, חוץ דעם חומש. מנחמס „פתרונים״ זייַנען פאַרבליבן אין די פירושים פון זייַן פּלימעניק און תּלמיד ר׳ יוסף קרא, וואָס איז גלייַכ־צייַטיק געווען אַ תּלמיד פון רשין. רשי גופא ציטירט אויך מנחמס פירושים. אין די דאָזיקע פירושים איז צו ערשט אָנגעווענדט דער מעטאָד צו פאַרטייַטשן ביבלישע אויסדרוקן אויף אייראָפעיִשע שפּראַכן („לעז״), אָפטער אויף פראַנצייזיש, ערטערווייַז אויף לאַטייניש אין דייַטש, דערבייַ ווערן די פרעמדע ווערטער געשריבן מיט העברעיִשע אותיות. פון דעם אַלעמען איז צו זען, אַז דער שטודיום פון תּנך איז דעמאָלט געווען דער יסוד פון דער שולבילדונג אין פּראָוואַנס, און אַז דאָס לערנען דעם תּלמוד איז דאָ געשטאַנען אויפן צווייטן אָרט.

אַ מער אינטענסיווע גייַסטיקע טעטיקייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג פון ייִדנטום, געפינען מיר אין צפון־פראַנקרייַך און אין דייַטשלאַנד. אויף די ברעגעס פון ריין איז אויפ־

געשטאַנען אַ מעכטיקע שטרעבונג — אַריבערצוטראָגן פֿון ארץ־ישׂראל און פֿון בבֿל קיין אייראָפּע יענעם אַפּאַראַט פֿון תּלמודישער געלערנטקייט, וואָס אָן אים וואָלט ניט מיגלעך געווען די ברייטע אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די נייַע קהילות. פֿריִער האָבן די „אַנשי־רינוס", די לייַט פֿון „פֿרנגיה" און „אַשכּנז" געמוזט שיקן זייערע שאלות אין רעליגיעז־ריטועלע און יורידישע ענינים צו די גאונים פֿון סורא און פּומבדיתא און וואַרטן אויף זייערע אויטאָריטעטע תּשובֿות. נאָך צום סוף 10טן י"ה פֿלעגן אַזעלכע שאלות פֿון אייראָפּע אָנקומען צו ר' שרירא גאון, און אין אָנהייב 11טן י"ה צו זייַן יורש, דעם לעצטן גאון אין בבֿל רבֿ האַי. אָבער אויפֿן ריין האָט מען דעמאָלט געשפּירט, אַז „דאָס ליכט פֿון מזרח" וועט אין גיכן אויסגיין, און אַז מען מוז אָנצינדן אַ שטאַרקאַץ פֿון וויסן אין די מערבֿדיקע לענדער. אין מיטן 10טן י"ה איז דאָ מפֿורסם געוואָרן דער חכם רבי יהודה בן מאיר מיטן צונאָמען ל י א ו נ ט י ן, וואָס זייַנע פּסקים זייַנען דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אויטאָריטעטיש. מיגלעך, אַז ער איז געווען דער גרינדער פֿון דער ישיבֿה אין מאַינץ (Moguntia, העברעיִש — מגנצא), וואָס איז אין גיכן געוואָרן די העכסטע געזעצגעבערישע קאָלעגיע. אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס אַהין האָט זיך לויט דער אויבן געבראַכטער מסורה אַריבערגעקליבן די משפּחה פֿון די איטאַליענישע חכמים בני קלונימוס, איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרוּוו צו פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייט פֿון די אייראָפּעיִשע קאָלאָניעס לגבי דער אַזיאַטישער מעטראָפּאָליע. סוף 10טן י"ה און אָנהייב 11טן י"ה האָט זיך דאָרט באַוויזן אַן אייגענער אויטאָריטעטישער גאון, וואָס האָט אמת ניט געטראָגן אָט דעם הויכן טיטל און האָט זיך באַנוגנט מיטן באַשיידענערן טיטל „רבי", אָבער פֿאַקטיש האָט ער געהאַט די מאַכט פֿון אַ גאון אין מיטל־אייראָפּע. דאָס איז געווען דער תּלמיד פֿון רבי ליאונטין, רבנו ג ר ש ו ם ב ן י ה ו ד ה (אַן ערך 960–1030), וואָס די נאָענטסטע דורות האָבן אים אָנגערופֿן מיטן טיטל „מאור הגולה", דאָס ליכט אָדער דער באַשייַנער פֿון דער דיאַספּאָרע — אַ פּאָעטישער אויסדרוק פֿאַר דעם בבֿלישן טיטל „ראָש הגולה".

געבוירן אין לאָטרינגען האָט ר' גרשום פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון זייַן לעבן אין מאַינץ, ווו ער איז געווען ראָש ישיבֿה. בכדי אָוועקצושטעלן ריכטיק דעם שטודיום פֿון תּלמוד, האָט ער גענומען צונויפֿשטעלן און קאָנטראָלירן פֿאַרשיידענע האַנטשריפֿטיקע טעקסטן פֿון אָט דער גוואַלדיקער ענציקלאָפּעדיע, וואָס זייַנען דעמאָלט געווען נאָך זעלטן און קריטיש ניט אויסגעפֿאָרשט, און האָט אַליין איבערגעשריבן פֿאַר זיך אַ דורכקאָנטראָלירטן טעקסט. ר' גרשום, חוץ וואָס ער האָט געלערנט מיט זייַנע תּלמידים תּלמוד בעל־פּה, האָט נאָך אָנגעשריבן פּירושים צום תּלמוד. פֿון זייַנע שריפֿטן איז אָבער ווייניק געבליבן. נאָר מער ווי מיט טעאָרעטישער פֿאָר־

שונג פֿון געזעץ, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט פּראַקטישער אויסטײַטשונג פֿון די דינים. די קהילות פֿון דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך און איטאַליע האָבן צו אים געשיקט שאלות אין פֿאַרשיידענע רעליגיעז־רעכטלעכע ענינים, און ער פֿלעגט צו זיי שיקן זײַנע „תשובות", וואָס האָבן געקראָגן די גילטיקייט פֿון געזעצן. אַזוי אַרום האָבן די ייִדן פֿון די דאָזיקע לענדער ניט באַדאַרפֿט אָנקומען צו דער גײַסטיקער פֿירונג פֿון דער בבלישער גאונות, וואָס איר לעצטער פֿאָרשטייער רבֿ האַי גאון האָט דעמאָלט אויסגעלעבט זײַנע לעצטע יאָרן אין פומבדיתא.

די וויכטיקסטע געזעלשאַפֿטלעכע באַדײַטונג האָבן געהאַט די באַוווּסטע תקנות פֿון רבנו גרשום, וואָס זײַנען מן הסתם אויסגעאַרבעט געוואָרן בײַ דער מיטווירקונג פֿון אַן אסיפֿה פֿון רבנים און וואָס זײַנען אַ מין קאָנסטי־טוציאָנעלע געזעצן פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנטום. איינע פֿון די דאָזיקע תקנות איז געווען דער פֿאַרבאָט צו נעמען מער ווי איין פֿרוי. לויטן אַלטן דין האָבן ייִדן געמעגט נעמען עטלעכע ווײַבער, אָבער פּאַקטיש פֿלעגט זיך דאָס טרעפֿן זעלטן אין יענע צײַטן אַפֿילו צווישן די ייִדן אין מזרח; אין מערבֿ אָבער האָט פּאָליגאַמיע ניט געפּאַסט פֿאַר דעם שטייגער לעבן פֿון די אייראָ־פּעיִשע פֿעלקער. דורך דער תקנה פֿון רבנו גרשום איז די פּאָליגאַמיע בײַ ייִדן פֿאָרמאַל אָפּגעשאַפֿט געוואָרן. ווײַטער, בכדי צו פֿאַרפֿעסטיקן די יסודות פֿון פֿאַמיליען־לעבן, האָט רבנו גרשום באַשטימט, אַז אַ מאַן קאָן ניט אָפּגטן אַ פֿרוי אָן איר הסכם. אויך האָט ער פֿאַרבאָטן צו לייענען פֿרעמדע בריוו, וואָס דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע פּראַקטישע באַדײַטונג אין יענער צײַט, ווען מען האָט געמוזט איבערשיקן בריוו דורך צופֿעליקע פֿאַרבײַפֿאָרערס. בכדי צו פֿאַרהיטן, אַז די איבערשרײַבערס זאָלן ניט פֿאַרגרײַזן די ספֿרים, ווי דאָס האָט דעמאָלט אָפֿט געטראָפֿן, האָט ער באַשטימט, אַז מען טאָר ניט אַרײַנ־טראָגן קיין שינויים אין אַ כּתבֿ־יד וואָס ווערט איבערגעשריבן. מן הסתם אין שײַכות מיט דער דערמאָנטער מאַינצער קאַטאַסטראָפֿע פֿון יאָר 1012 און מיט ר' גרשומס אייגענער טראַגעדיע רעכנט מען צו צו די תקנות פֿון רבנו גרשום אויך די תקנה, אַז אַ ייִדן, וואָס האָט געמוזט זיך שמדן בעת אַ גזרה און ער איז דערנאָך צוריק געוואָרן אַ ייִד, טאָר מען ניט אויפֿוואַרפֿן זײַן חטא און דערמאָנען אים וועגן זײַן שמד. פֿאַרן עובֿר זײַן אָט די אַלע פֿאַרבאָטן האָט מען באַדאַרפֿט אַרײַנלייגן אין חרם.

אַ חרם אָדער אַ נידוי — אַ דערווײַטערונג פֿון ייִדישן כּלל — איז געווען די איינציקע האַרבע שטראָף, וואָס די רבנים זײַנען געווען בכּוח אָנצווּווענדן. און אָט די שרעק פֿאַרן חרם האָט מער געווירקט ווי די שרעק פֿאַר פֿיזישע שטראָפֿן, וואָס עס האָט געקאָנט אַרויפֿלייגן די וועלטלעכע מאַכט. דער חרם האָט באַטײַט, אַז דער געטראָפֿענער ווערט אַרויסגעשטויסן פֿון דעם

נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד, פֿון דער געזעלשאַפֿט, ער פֿאַרלירט ניט בלויז די גײַסטיקע, נאָר אויך די מאַטעריעלע עקסיסטענץ. נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט אַ מאַכט, וואָס האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין צוואַנג־אַפּאַראַט, קיין אייגענע פּאָליצײַ, געקאָנט קעמפֿן קעגן דעם אייגנווילן אָדער קעגן דער געלט־גײַציקייט פֿון יחידים. דער חרם דרבנו גרשום האָט געהאַלטן אין שרעק מוסרים, און אויך אומערלעכע קאָנקורענטן, וואָס האָבן געוואָלט אונטעררײַסן אַ „חזקה“, אויסדינגען אַן אַרענדע בײַ אַן אַנדער ייִדן דורך העכערן דעם אָפּצאָל. משמעות, אַז נאָך אַ סך ענלעכע תּקנות צום פֿאַרזיכערן אַ רעגולירט צוזאַמענלעבן זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן אין יענער תּקופֿה.

מיטן נאָמען פֿון רבנו גרשום איז בכן פֿאַרבונדן די פֿאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ קאָנסטיטוציע פֿאַר ייִדן אין די פֿראַנציייזיש־דײַטשע לענדער, אַז דאָס מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז אַרײַנגעטראָטן אין פּעריאָד פֿון געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט און זעלבשטענדיקייט. די ריכטיקסטע מיינונג וועגן דעם היסטאָרישן באַטײַט פֿון דעם דאָזיקן מאַן האָט אַרויסגעזאָגט דער „תּלמיד פֿון זײַנע תּלמידים“ רש״י, דער גרעסטער גײַסטיקער פֿירער פֿון דעם ווײַטערדיקן דור: „רבנו גרשום זכר צדיק וקדוש לברכה האָט ליכטיק געמאַכט די אויגן פֿון די צעשפּרייטע, און מיט זײַנע געבאָטן לעבן מיר, זײַנע תּלמידים זײַנען די מנהיגים פֿון דער גולה אין אשכּנז און כּתּים (דײַטשלאַנד און די ים־לענדער)“. „האיר עיני הגולה“ — ער האָט ליכטיק געמאַכט די אויגן פֿון די צעשפּרייטע — דאָס איז דער מקור, פֿון וואַנען עס נעמט זיך דער טיטל „מאור הגולה“, וואָס די שפּעטערדיקע דורות האָבן מיט אים באַקרייַנט דעם פֿאָטער פֿון דער אייראָפּעיִשער רבנות.

§ 17. די „חכמי־לותיר“ און רשיס שול

רבנו גרשומס שול האָט באַלעבט די גײַסטיקע טעטיקייט אין די רײַן פּראָווינצן פֿון דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך. די „חכמי־לותיר“ — די געלערנטע פֿון לאָטאַרינגען — זײַנען מפֿורסם געוואָרן אין אַלע לענדער. די תּלמודישע וויסנשאַפֿט האָט געהאַט אויסגעצייכנטע פֿאָרשטייער אין מעץ, וואָרמס, מאַינץ און אַנדערע שטעט. דאָ האָבן געווירקט רבנו גרשומס תּלמידים: ר׳ יהודה הכּהן און ר׳ אליעזר הגדול אין מאַינץ, ר׳ יעקבֿ בן יקר און ר׳ יצחק הלוי אין וואָרמס און אַ ריי גרויסע רבנים אין אַנדערע שטעט. ווען מען לייענט די „תּשובֿות חכמי צרפֿת ולותיר“ — דאָס איז די קאָרעספּאָנדענץ פֿון די דערמאָנטע רבנים וועגן תּלמודישע פֿראַגעס — ווערט מען פֿאַרחידושט פֿון דעם, ווי ענלעך זיי זײַנען צו די „תּשובֿות הגאונים“ פֿון בבֿל: דער זעלביקער שאַרפֿער אַנאַליז פֿון די ריטואַלע און יורידישע ענינים, די זעלביקע בקיאות

אין תּלמוד. מער ניט וואָס די העברעיִשע שפּראַך פֿון די אייראָפּעיִשע רבנים איז אַ סך ריינער, האָט ווינציקער צומישן פֿון אַרמיש, ווי אין די שאלות־ותּשובֿות פֿון די גאונים. אין מיטל־אייראָפּע האָט די נאַציאָנאַלע שפּראַך ניט געהאַט אין דער ליטעראַטור די קאָנקורענץ פֿון אַנדערע שפּראַכן, ווי אין בבֿל, וווּ אַפֿילו אַזעלכע גאונים ווי רב סעדיה, רב שרירא און רב האַי האָבן אָפֿטער געשריבן זייערע ספֿרים און תּשובֿות אין אַראַביש אָדער אַרמיש. אין די פּראַקטישע ענינים פֿון טעגלעכן לעבן האָבן די ייִדן בײַם ריין באַנוצט טאַקע פֿראַנצייזיש אָדער דײַטש, אָבער אין דער ליטעראַטור האָבן זיי די דאָזיקע שפּראַכן ניט אַרײַנגעלאָזט, און דאָרט האָט אויסשליסלעך געהערשט די נאַציאָנאַלע שפּראַך.

אין דער טיף פֿון פֿראַנקרײַך איז אַרײַנגעדרונגען די ייִדישע וויסנשאַפֿט, און מיר באַגעגענען אין דער שטאָט לימאָזש אַ גרויסן תּלמודיסט רבי יוסף טובֿ עלם (דער צונאָמען איז אַ ווערטלעכע איבערזעצונג פֿון פֿראַנצייזישן Bonfils), וואָס קלײַבט צונויף מיט התמדה און סיסטעמאַטיזירט די ווערק פֿון די מזרחדיקע גאונים, בכדי מיט דער הילף פֿון די דאָזיקע פּירערס צו געפֿינען אַ וועג אין דעם אָנברעגיקן „ים פֿון תּלמוד". אַ בן־דור פֿון רבנו גרשום, האָט טובֿ עלם ניט באַמערקט, אַז אין לאָטאַרינגען בילדן זיך שוין אויס גרויסע לומדים, וואָס וועלן ווערן אומאָפּהענגיק פֿון די בבֿלישע גאונים; ער האָט ניט פֿאָרויסגעזען, אַז אין פֿראַנקרײַך גופֿא וועט אין גיכן אויפֿשטיין אַ מאַן, וואָס איז באַרופֿן צו עפֿענען די אוצרות פֿון תּלמוד מיט אַזאַ שליסל, וואָס אין בבֿל, אין דער היים פֿון תּלמוד, איז מען צו אים ניט דערגאַנגען. דאָס איז געווען רבי שלמה בן יצחק, וואָס איטלעך חדר־ייִנגל בײַ ייִדן האָט אים געקענט אונטער די ראשי־תּבֿות רש״י, וואָס באַטײַט רבי שלמה יצחקי.

רש״י איז געבאָרן געוואָרן אין דער שטאָט טרואַ (Troyes, העבר׳ טריוש), אין דער צפֿון־פֿראַנצייזישער פּראָווינץ שאַמפּאַניע, אין יאָר 1040. טרואַ איז געווען אַ האַנדלס־צענטער אין שאַמפּאַניע, אַן אָרט פֿון גרויסע ירידים, אָבער די דאָרטיקע ייִדישע קהילה איז ניט געווען גענוג גרויס אויף אויסצוהאַלטן אַ ישיבֿה. אויף צו פֿאַרטיפֿן זײַנע ידיעות אין תּלמוד, האָט רש״י געמוזט אַוועקפֿאָרן קיין וואָרמס און מאַינץ, וווּ עס זײַנען געווען גרויסע ישיבֿות. ער האָט געלערנט בײַ די „חכמי לותיר"; זײַנע רביים זײַנען געווען ר׳ יעקבֿ בן יקר און ר׳ יצחק הלוי אין וואָרמס און ר׳ יצחק בן יהודה אין מאַינץ. אַרום יאָר 1065 איז ער געקומען אַהיים אין זײַן געבוירן־שטאָט אַ גרויסער למדן, איז געוואָרן אויסגעקליבן פֿאַר אַ רבֿ און אַבֿ בית־דין און האָט געגרינדעט אַן אייגענע ישיבֿה, די ערשטע אין דער פּראָווינץ שאַמפּאַניע. אין די פֿאַרשיידענע ישיבֿות, וווּ ער האָט געלערנט, האָט ער זיך באַקענט מיט די

פֿאַרשיידענע מעטאָדן פֿון לערנען דעם תּלמוד, וואָס עס האָבן אָנגעווענדט זײַנע רביים, די גרויסע תּלמידי-חכמים. נאָר ער האָט זיך אויסגעאַרבעט זײַן אייגענעם דרך אין לערנען. אין גיכן איז ער מפֿורסם געוואָרן אין גאַנץ פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד; מען האָט אין דעם יונגן רבֿ דערזען אַן אויפֿגייענדיקן שטערן, מען האָט גענומען פֿון אומעטום זיך ווענדן צו אים מיט שאלות. דער אַלטער רבי זײַנער, ר׳ יצחק הלוי פֿון וואָרמס, האָט צו אים געשריבן: „דער דור איז ניט קיין יתום, וואָס דו געהערסט צו אים; הלוואַי זאָלן אַזעלכע ווי דו זיך פֿאַרמערן אין ישׂראל!" פֿון די ישיבֿות פֿון די חכמי לותיר האָבן אַ סך תּלמידים גענומען שטראָמען צו רשיס ישיבֿה, קיין טרואַ.

דער גרונדשטריך פֿון רשיס וויסנשאַפֿטלעכן מעטאָד באַשטייט דערין, וואָס ער מאַכט קלאָר די קאָמפּליצירטע תּלמודישע קאַזויִסטיק. די שטרעבונג צו קלאָרקייט און פּשטות האָט רשין געמאַכט פֿאַרן גרעסטן פּאָפּולאַריזאַטאָר פֿון דער תּלמודישער וויסנשאַפֿט, מחמת דער ניט-געוויינטלעכער קאָמפּליצירטקייט פֿון זײַן אינהאַלט און דער האַרבקייט פֿון זײַן פֿאָרם איז דער תּלמוד לחלוטין ניט צוטריטלעך פֿאַר מענטשן וואָס זײַנען ספּעציעל ניט צוגעגרייט. אין בבֿל און ארץ-ישׂראל, ווו די אַראַמישע שפּראַך פֿון דער גמרא איז געווען צום טייל די ריידשפּראַך, האָט מען נאָך ווי עס איז פֿאַרשטאַנען דעם טעקסט, אָבער אין אייראָפּע האָט מען געמוזט אַ ייִדן פֿאַרטײַטשן די אַראַמישע ווערטער, בפֿרט די טעכנישע אויסדרוקן, אויף העברעיִש אָדער אויף דער ריידשפּראַך. חוץ דעם איז די עקספּאָזיציע גופֿא פֿון דעם טעקסט אַ שווערע, עס זײַנען ניטאָ קיין אָפּשטעל-צייכנס, מען קאָן ניט זען, ווו עס ענדיקט זיך אַ זאַץ און עס הייבט זיך אָן אַ נײַער. אַזוי אַרום האָט מען אַלץ געמוזט דערקלערן און אויסטײַטשן, און לערנען תּלמוד אָן אַ רבין איז ניט געווען מיגלעך. די רבנים און די ראָשי-ישיבֿות זײַנען געווען אַזוי ווי אַ מין חרטומים, וואָס וויסן אַ סודותדיקע תּורה שבעל-פּה, און די ניט-אײַנגעהייליקטע אין דעם סוד האָבן געמוזט אָנקומען צו זיי. און פֿון די ווײַטסטע ערטער האָבן געמוזט קומען צום ראָש-ישיבֿה מענטשן וואָס ווילן לערנען תּורה; מען האָט געמוזט אַ לאַנגע צײַט „וואָגלען איבער די בתּי-מדרשים", איידער מען איז געוואָרן אַ קענער פֿון תּלמוד. רשי האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו פֿאַרגרינגערן דאָס לערנען תּלמוד, און האָט צוליב דעם אָ נ ג ע ש ר י ב ן ז ײַ ן פ י ר ו ש. געבליבן איז זײַן פּירוש צום גרעסטן טייל מסכתות פֿון דעם תּלמוד בבֿלי. ער גיט אַ קורצן אויסטײַטש פֿון די איינציקע ווערטער, און ער קלערט אויף דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון דעם ענין מיט דער שקלא-וטריא פֿון די תּנאים און אמוראים. דער פּירוש איז געשריבן אין אַ גרינגן קלאָרן העברעיִש. מיט איין קורצער באַמערקונג באַוואָרנט רשי

אַ מאָל די האַרבסטע קשיות. ער האָט אַזוי ווי פֿאַרמאָגט אַ סוד צו מאַכן פּשוט דאָס פֿאַרפּלאָנטערטע, צו באַלײַכטן דאָס פֿינצטערע און אַרײַנצוטראָגן אומעטום אָרדענונג און קלאָרקייט. פֿאַרשנדיק ווײַטער אין גײַסט פֿון רבנו גרשום האָט רשי אָפּטמאָל פֿעסטגעשטעלט די ריכטיקע גירסא פֿון דעם תּלמודישן טעקסט און פֿאַרריכט די גרײַזן, וואָס די איבערשרײַבערס האָבן געמאַכט. בײַם צונויפֿשטעלן זײַן פּירוש האָט ער אויסגענוצט געשריבענע פּירושים פֿון גאונים צו אייניקע טיילן פֿון תּלמוד און אויך די פּירושים בעל־פּה וואָס ער האָט געהאַט בקבלה פֿון זײַנע רביים, ר׳ גרשומס תּלמידים. נאָר רשיס פּירוש האָט פֿאַרשטעלט אַלע פֿריִערדיקע סײַ מיט זײַן פֿאַרנעם סײַ מיט זײַנע מעלות. נאָר אַ דאַנק רשיס פּירוש, וואָס איז גרינג פֿאַר־שטענדלעך, איז געוואָרן מיגלעך צו לערנען תּלמוד כּמעט אָן דער הילף פֿון אַ רבין, און אַ דאַנק אים האָט מען געקאָנט אײַנפֿירן דאָס לערנען תּלמוד מיט קליינע קינדער. ריכטיק זאָגן וועגן רשין זײַנע בני־דור, אַז „ווען ניט ער וואָלט דער תּלמוד בבלי פֿאַרגעסן געוואָרן". אַ דאַנק אים איז דער תּלמוד אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער געוואָרן בײַ ייִדן דער הויפּט־יסוד פֿון דעם לימוד אין דער היים און אין שול, צוגלײַך מיטן תּנך. צו ערשט פֿלעגן רשיס תּלמידים פֿאַרשרײַבן זײַנע פּירושים אויף די גליונות פֿון די כּתבֿי־ייִדן פֿון די מסכתּות, וואָס זיי האָבן געהאַלטן; שפּעטער האָט מען זיי איבערגעשריבן אין באַזונדערע העפֿטן (קונטרסים), און אָפּשריפֿטן פֿון אָט די קונטרסים פֿלעגן ווערן פֿאַרשפּרייט אין גאַנץ אייראָפּע. דערפֿון נעמט זיך טאָקע דער לכתּחילהדיקער נאָמען פֿון רשיס פּירוש – „פּירוש הקונטרס". ווען עס איז אויפֿגעקומען דער דרוק, האָט מען כּמעט אין אַלע אויסגאַבעס פֿון תּלמוד־בבלי, וואָס זײַנען זינט דעמאָלט געדרוקט געוואָרן, פּאַראַלעל מיטן טעקסט אַרײַנגעשטעלט אויך רשיס פּירוש. און אַזוי איז דאָס געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. דער פּירוש־רשי ווערט געזעצט מיט אַ באַזונדער וואַריאַציע פֿון דער העברעיִשער שריפֿט, וואָס הייסט רשי־כּתבֿ.

רשי האָט אויך געמאַכט אַ פּירוש צו תּנך, אַ געניִערן צום חומש און אַ קירצערן צום גרעסטן טייל פֿון די נבֿיאים און כּתובֿים. דאָ גיט ער אויך אַ פֿאַרשטענדלעכן און אייַנפֿאַכן אויסטײַטש פֿון דעם פּשט פֿון פּסוק, ברענגט אַ מאָל אויך אַ גראַמאַטישע דערקלערונג, און אַ סך ווערטער פֿאַר־טײַטשט ער אויף פֿראַנצייזיש געשריבן מיט העברעיִשע אותיות (בלע"ז) [1].

---

1 אַזעלכע אויסטײַטשן אין פֿראַנצייזיש, און אַ מאָל אין דײַטש און לאַטײַניש, טרעפֿן זיך אויך אין רשיס פּירוש צום תּלמוד, אָבער אין דעם פּירוש צום תּנך זײַנען זיי פֿאַראַן באַזונדערס פֿיל. דאָ טרעפֿן זיך ערטערווײַז גאַנצע פֿראַזעס אין פֿראַנצייזיש. אין די איבערזעצונגען אויף דער אָרטיקער שפּראַך („לעז") פֿאַררופֿט זיך רשי אָפֿט אויף די חכמים פֿון זײַן דור („ויש לועזים"), דערפֿון מעג מען דרינגען, אַז עס זײַנען געווען ספּעציעלע

נאָר היות ווי רשי איז צוגעקומען צום תּנך דורכן תּלמוד, דעריבער גיט זײַן פּירוש אָפּט אַנשטאָט דער אויסטײַטשונג פֿון דעם פּשוטן פּשט אַן אויסטײַטשונג, פֿאַרבונדן מיט דער הלכה פֿון תּלמוד, אָדער ער פֿלעכט אַרײַן מימרות און לעגענדעס, גענומען פֿון אַגדה און מדרש. די גרינגקייט און פֿײַנקייט פֿון דעם פּירוש האָבן געבראַכט דערצו, אַז ער איז בײַ יִדן אַזוי ווי פֿאַרבונדן געוואָרן מיטן חומש צו איין גאַנצקייט. „חומש מיט רשי“ איז נאָך ביז דער לעצטער צײַט געווען אַ לימוד, וואָס כמעט אַלע יִדישע יִנגלעך האָבן דורכגעמאַכט; אין דעם גרעסטן רובֿ אויסגאַבעס איז דער חומש געדרוקט צוזאַמען מיטן פּירוש רשי.

דורך זײַנע פּירושים האָט רשי אַזוי אַרום מיטגעווירקט, אַז עס זאָל גלײַכצײַטיק פֿאַרשפּרייט ווערן צווישן דער יִדישער מאַסע די קענטשאַפֿט סײַ פֿון תּנך און סײַ פֿון תּלמוד. צו גלײַך האָט ער זיך פֿאַרנומען אויך מיט אויסטײַטשן די דינים פֿאַר דעם פּראַקטישן לעבן. זײַנע תּשובֿות אין ענינים פֿון ריטואַל און רעכט זײַנען פֿאַראַן אין פֿאַרשיידענע זאַמלביכער, וואָס זײַנע תּלמידים האָבן צונויפֿגעשטעלט (ס' הפרדס, מחזור ויטרי א"אַ). רשיס פּסקים אין רעליגיעזע און געריכטלעכע שאלות צייכענען זיך אויס מיט אומגעוויינטלעכער הומאַנישקייט און טיפֿן מיטגעפֿיל צו די נויטן פֿון פֿאָלק. ער איז בדרך כּלל אַ מקיל, און איז אויך ניט געווען צו שטרענג צו יענע אומגליקלעכע, וואָס האָבן אויס מורא פֿאַר טויט אָדער גירוש זיך געלאָזט לפּנים שמדן. אויף דער שאלה, צי מען מעג בײַ אַזאַ געשמדטן יִדן נעמען פּראָצענט פֿאַרן אַנטליִענעם געלט, האָט ער געענטפֿערט, אַז מען טאָר ניט, וואָרעם „כאָטש ער האָט געזינדיקט, איז ער פֿאָרט געבליבן אַ יִד“ (אעפּ"י שחטא ישׂראל הוא). ער האָט אויך מתּיר געווען צו טרינקען דעם ווײַן, וואָס אַזעלכע געשמדטע יִדן האָבן געמאַכט, ווײַל אויף זיי איז ניט חל דער איסור פֿון „יין נסך“. „מען טאָר די דאָזיקע מענטשן ניט מבֿייש זײַן — שרײַבט רשי — וואָרעם דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן, האָבן זיי געטאָן אונטער דער שאַרף פֿון שווערד, און יענע, וואָס זײַנען באַלד אָפּגעשטאַנען (פֿון דער

װאָקאַבולאַרן מיט איבערזעצונגען פֿון העברעיִשע װערטער אויף דער אָרטיקער שפּראַך, און אומגעקערט, און אפשר זײַנען אויך געװען איבערזעצונגען פֿון איינציקע ספֿרים פֿון תּנך, װאָס זײַנען שפּעטער פֿאַרלוירן געגאַנגען. די פֿראַנצייזישע װערטער אין דער העברעיִשער טראַנסקריפּציע זײַנען גענומען פֿון דעם דעמאָלטיקן דיאַלעקט פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך (langue d'oil), און פֿון זיי קאָן מען אַ סך אָפּלערנען פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער פֿראַנצייזישער שפּראַך. ברענגענדיק אַ פֿראַנצייזישן אויסדרוק באַשרײַבט רשי אָפֿט דעם ענין װאָס ער באַצייכנט, אַזוי אַז מען קאָן דערפֿון אָפּלערנען אויך װעגן דעם דעמאָלטיקן שטייגער לעבן אין פֿראַנקרײַך. באַזונדערס אָפֿט באַגעגענען זיך פֿראַנצייזישע טעכנישע טערמינען בנוגע דער איינאַרבעטונג פֿון װײַן, װאָס איז געװען פֿאַרשפּרייט אין שאַמפּאַניע, און אויך בנוגע הלבשה און שטוביקע כּלים.

קריסטלעכער אמונה) און האָבן זיך אומגעקערט צו אונדז, טאָר מען ניט דערמאָנען דאָס וואָס איז געווען". דערביי פֿאַררופֿט ער זיך אויף דער אויבן דערמאָנטער תּקנה פֿון רבנו גרשום, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דער מאַינצער קאַטאַסטראָפֿע.

רשי גופא האָט דערלעבט אַ סך אַ גרעסערע קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט געטראָפֿן דאָס גאַנצע פֿאָלק: ער איז געווען אַן עדות־ראיה פֿון דעם ערשטן קרייצצוג, ווען עס זיינען חרוב געוואָרן די ייִדישע קהילות ביי די ברעגעס פֿון ריין אין יאָר 1096. „מיר דערוועגן זיך ניט צו קלאָגן – שרייבט ער אין יענער שרעקלעכער צייט – אויף גאָטס משפּט, הגם קענען אונדז שטייען נאָך די רשעים די אונטערדריקער. פֿון שרעק זיינען מיר אַ לאַנגע צייט אַזוי ווי פֿאַרשטומט געוואָרן, מיר האָבן אַפֿילו ניט געקאָנט פֿאַרנעמען זיך מיט לערנען די תּורה. פֿיינלעך איז אונדזער ווייטאָג". אַ פֿאָלקס־לעגענדע דערציילט, אַז דער פֿירער פֿון די פֿראַנצייזישע קרייצפֿאָרערס, גאָדפֿרעד פֿון בוליאָן, זאָל פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָבן געפֿרעגט ביי רשין, וואָס איז געווען מפֿורסם פֿאַר אַ הייליקן מאַן, צי ער וועט מצליח זיין אין דער מלחמה, און רשי זאָל אים האָבן דערויף געגעבן אַזאַ תּשובֿה: „ירושלים וועסטו איינגעמען און וועסט דאָרט קיניגן דריי טעג, אָבער אויפֿן פֿערטן טאָג וועלן די מוסלמאַנער דיך פֿאַרטרייבן פֿון דאָרט, און דו וועסט קומען צוריק אַהער מיט דריי פֿערד". אויפֿגעבראַכט פֿון דעם דאָזיקן ענטפֿער, האָט גאָדפֿרעד אָנגעסטראַשעט רשין, אַז אויב די נבֿואה וועט ניט מקויים ווערן פּינקטלעך מיט אַלע פּרטים, וועט ער מיט אים זיך שאַרף אָפּרעכענען. אין אַ יאָר אַרום איז דער הערצאָג געקומען צוריק קיין טרואַ באַגלייט פֿון דריי רייטערס און האָט שוין געוואָלט מקיים פּסק זיין רשין (ווייל ער איז געקומען צוריק מיט פֿיר פֿערד). אָבער בעת זיי זיינען אַריינגעריטן אין שטאָט, איז פֿון מויער אַראָפּגעפֿאַלן אַ גרויסער שטיין און האָט דערהרגעט אויפֿן אָרט איין רייטער מיטן פֿערד. דאָ האָבן די ריטערס דערזען אַ מופֿת פֿון הימל און האָבן געוואָלט גיין צו רשין אים אָפּצוגעבן כּבֿוד, נאָר זיי זיינען געוואָר געוואָרן, אַז דער גרויסער רבי איז שוין געשטאָרבן. די פֿאָלקס־לעגענדע האָט זיך טועה געווען אין דער כראָנאָ־לאָגיע: גאָדפֿרעד האָט טאַקע ניט לאַנג געקיניגט אין ירושלים, אָבער געשטאָרבן איז ער דאָרטן גופֿא, און פֿריִער פֿאַר רשין. רשי איז געשטאָרבן אין טרואַ אין יאָר 1105.

לעבן דער תּלמודישער וויסנשאַפֿט און דער פּרשנות האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער ליטעראַטור אַ פּאָעטישע שאַפֿונג פֿון אַ באַזונדער מין. זייער פּרי האָט זיך אַנטוויקלט די רעליגיעזע פּאָעזיע – דער פּיוט, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען פֿון ארץ־ישׂראל און בבֿל צו ערשט משמעות קיין איטאַליע (ווייטער, § 21) און איז פֿון דאָרט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין

דער ליטעראַטור פֿון די פֿראַנצייזיש־דײַטשע ייִדן. דער ענגער פֿאַרבונד צווישן דער ישיבֿה און דער סינאַגאָגע האָט זיך אַרויסגעוויזן דערין, וואָס די זעלביקע רבנים האָבן צו גלײַך צונויפֿגעשטעלט די דינים פֿון קולט און די הימנען פֿאַר דער תּפֿילה. די פּאָעזיע פֿון אָט די פֿרומע לײַט איז באַשטאַנען אין פּיוטים, סליחות און קינות. רבנו גרשום, דער פֿאָטער פֿון דער מערבֿדיקער רבנות, האָט אַליין מחבר געווען פּיוטים. אייניקע פֿון זיי זײַנען, ווי עס איז שוין דערמאָנט, אָנגעשריבן אונטערן אײַנדרוק פֿון די מאַינצער רדיפֿות אין יאָר 1012. די דאָזיקע פּיוטים זײַנען צום גרעסטן טייל אַרײַנגענומען געוואָרן ווי סליחות, וואָס מען זאָגט אין די עשׂרת ימי תּשובֿה, די טעג צווישן ערבֿ ראש־השנה און ערבֿ יום־כּפּור. מיט אַ טיפֿן נאַציאָנאַלן טרויער אָטעמט יעדע שורה פֿון די דאָזיקע סליחות. אין דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון די נײַע צענטערס פֿון דער מערבֿדיקער דיאַספּאָרע, ווײַט פֿון דער מזרחדיקער וויג פֿון דער נאַציע, זעט ר׳ גרשום נאָר אַ פֿאָרטיפֿונג פֿון דעם צער פֿון גלות. „אַ גלות נאָך אַ גלות, גאַנץ יהודה איז פֿאַרטריבן, קראַנק, פֿאַרפֿײַניקט, פֿון אַלעמען פֿאַרלאָזן. דו, מעכטיקער אויסלייזער, באַפֿרײַ אונדז פֿון דײַן נאָמען וועגן! זע, אונדזערע כּוחות גייען אויס; טו אַ קוק: אונדזערע צדיקים זײַנען אומגעקומען, און קיינער קאָן זיך פֿאַר אונדז ניט אײַנשטעלן. געדענק די הבֿטחה, וואָס איז געגעבן געוואָרן די אָבֿות, דער־באַרעם זיך איבער די צעשלאָגענע, פֿאַרפּײַניקטע, וואָס ווערן אַלע געהרגעט פֿון דײַנט וועגן. ריכט אויף פֿאַר אונדזערע אויגן דעם חרובֿן בית־המקדש, קער אום פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט די געצעלטן פֿון יעקבֿ, ראַטעווע אונדז פֿון וועגן דײַן נאָמען!"

דער פּירער פֿון דער מאַינצער קהילה ר׳ שמעון בן יצחק, וואָס האָט צוזאַמען מיט ר׳ גרשומען איבערגעלעבט די מאַינצער גזרה, האָט אויך געשריבן סליחות, וואָס אין זיי ווערט ווײַטער געפֿירט דער זעלביקער מאָנאָ־לאָג, געווענדט צו גאָט: „איטלעכן טאָג טייט מען אונדז פֿון וועגן דײַן הייליקן נאָמען, און פֿאָרט הערט אונדזער האַרץ ניט אויף דיך צו בענטשן און צו לויבן. מיר זײַנען איבערגעענטפֿערט אין די הענט פֿון האַרטע באַדריקער... זיי פֿאַרשעמען אונדז זאָגנדיק: ניטאָ פֿאַר אײַך קיין האָפֿענונג אַרויסצוגיין פֿון די קייטן פֿון שאַנד, אײַך איז באַשערט אונטערגאַנג ביזן סוף. קום גיכער, שטאַרק מיך, זאָל אדום (רוים) ניט זאָגן: איך האָב געזיגט." אין די דאָזיקע תּחנונים איז געווען אַ פֿאָרגעפֿיל פֿון די קומענדיקע פּורעניות פֿון די קרייצצוגן.

דער פּרוכפּעריקסטער פּייטן פֿון יענער צײַט איז געווען משולם בן קלונימוס, פֿון די איטאַליענישע בני־קלונימוס וואָס האָבן זיך באַזעצט

אין מאַינץ. דאָס יום־כּיפּורדיקע דאַוונען איז פֿול מיט זײַנע מאַיעסטעטישע פּיוטים, וואָס דערגרייכן צײַטנווײַז די שיינקייט פֿון תּהלים. אין פּסחדיקן דאַוונען זײַנען פֿאַראַן פּיוטים, וואָס ווערן צוגעשריבן משולמען אויף מאָטיוון פֿון שיר־השירים: עס גייט אין זיי אַ צערטלעכער דיאַלאָג צווישן דער פֿאַר־לאָזענער בת־ציון און איר „דוד נעורים", דעם אַלמעכטיקן גאָט; צווישן אָט די פּיוטים איז דער פּיוט, וואָס הייבט זיך אָן „ברח דודי" איינס פֿון די בעסטע ווערק פֿון דער סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע. אין 11טן י"ה האָבן זיך באַוויזן נאָך אַ סך פּייטנים אין דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך. אויך רש"י האָט אָנגעשריבן עטלעכע הימנען אין סליחות.

דאָס וואָס ייִדן זײַנען געווען ווילגעלערנטע, בעת די קריסטלעכע מאַסן פֿון יענער צײַט זײַנען געווען אײַנגעזונקען אין אומוויסן, האָט ניט מיטגע־האָלפֿן צו פֿאַרבעסערן די באַציִונגען צווישן די אָנהענגער פֿון ביידע רעליגיעס. דער אָבערגלייבישער קריסטלעכער המון האָט געהאַלטן די ייִדן פֿאַר מכשפֿים און שוואַרצקינצלערס, וואָס האָבן עסקים מיטן טײַוול. זייער ציל איז — האָט מען געריידט אין פֿאָלק — אַראָפּצופֿירן קריסטן פֿון רעכטן וועג; מיט כּישוף מאַכן זיי קאַליע מאַנאַכן, צווינגען זיי צו פֿאַרקויפֿן זייער נשמה דעם טײַוול און אָפּצוטון פֿאַרשיידענע מעשׂים־רעים. איבעריקנס האָט מען באַשולדיקט אין כּישוף־מאַכערײַ און אין פֿאַרבינדונגען מיטן שׂטן ניט בלויז געלערנטע ייִדן, נאָר אויך קריסטלעכע אַפּיקורסים, פֿרײַדענקערס. די קאַטוי־לישע גײַסטלעכקייט האָט אונטערגעהאַלטן אין פֿאָלק די דאָזיקע גראָבע זאַבאָבאָנעס, ווארעם די גלחים האָט געלוינט אַרויסצושטעלן אַלע פֿרײַדענ־קערס און אַנדערשגלייביקע פֿאַר שותּפֿים פֿון טײַוול. באַזונדערס זײַנען ייִדישע דאָקטוירים באַטראַכט געוואָרן פֿאַר שוואַרצקינצלערס. אויב עס האָט געטראָפֿן אַן אומגליק מיט אַ קראַנקן, וואָס אַ ייִדישער דאָקטאָר האָט קורירט, האָט מען דאָס פֿאַררעכנט פֿאַר כּישוף אָדער פֿאַר רשעות פֿון דאָקטאָר. דער־פֿון נעמען זיך אויך די אויבן דערמאָנטע באָבע־מעשׂיות וועגן דעם, אַז ייִדישע דאָקטוירים האָבן פֿאַרסמט די פֿראַנצייזישע מלכים קאַרל דעם פֿליכעדיקן און הוגאָ קאַפּעט.

קאַפּיטל II

איטאַליע און ביזאַנץ (VIII — XI י״ה)

§ 18. רוים און צפון־איטאַליע אונטער די קאַראָלינגער און די דײַטש־רוימישע קיסרים

טונקל און אָרעם אין געשעעענישן איז די געשיכטע פֿון ייִדן אין איטאַליע צווישן 8טן און 11טן י״ה, פּונקט ווי טונקל און כאַאָטיש עס איז געווען די אַלגעמיינע געשיכטע פֿון איטאַליע אין יענער צײַט. דער אַפּעני־נישער האַלבאינדזל איז אין יענע יאָרהונדערטער געווען ניט קיין מלוכה, נאָר אַ געאָגראַפֿישער טערמין, וואָס האָט באַצייכנט אַ בונטן געמיש פֿון פּאָליטישע גרופּירונגען, וואָס האָבן כסדר זיך געביטן. אין רוים און לאָמ־באַרדיע האָבן צו ערשט רעגירט די קאַראָלינגער, וואָס מיט זיי האָבן קאָנקורירט אָרטיקע מושלים, הערצאָגן און גראַפֿן. זינט דער העלפֿט פֿון 10טן יאָרהונדערט איז די אייבערהערשאַפֿט איבער אייבער־איטאַליע אַריבער צו די דײַטשע מלכים פֿון דער סאַקסישער דינאַסטיע. פֿון דעם פּאָליטישן שידוך צווישן דײַטשלאַנד און רוים ווערט געבוירן די דײַטש־רוימישע אימפּעריע. דער רוימישער פּויפּס, וואָס וואַרפֿט זיך אַרום צווישן די פּאַר־שיידענע מאַכטן, טוט אָן די קיסרלעכע קרוין אויפֿן קאָפּ פֿון אָטאָ I (962), אַזוי ווי אַנומלט אויפֿן קאָפּ פֿון קאַרל דעם גרויסן. דער דרום פֿון איטאַליע, וואָס האָט זיך זינט לאַנג געפֿונען אונטער דער אייבערהערשאַפֿט פֿון ביזאַנץ, ווערט זינט דעם 9טן י״ה אַן אַרענע פֿון קאַמף צווישן די ביזאַנטיער און די אַפֿריקאַנישע אַראַבער אָדער „סאַראַצינער“, וואָס דרינגען אַרײַן אין לאַנד. די אַראַבער, וואָס האָבן געגרינדעט זייער מלוכה אין שפּאַניע, שטרעבן דאָס נעמלעכע צו טון אויך אין דרום־איטאַליע. זינט 827 פֿאַרפֿעסטיקן זיי זיך בהדרגה אויפֿן אינדזל סיציליע, וואָס ליגט צווישן אייראָפּעיִשן און אַפֿריקאַ־נער ברעג פֿון מיטלענדישן ים, און פֿון דאָרט מאַכן זיי אָנפֿאַלן אויפֿן קאָנטינענט פֿון איטאַליע — אויף אַפּוליע, קאַלאַבריע, קאַמפּאַניע, און דער־גייען אַ מאָל האַרט ביז רוים. קעגן זיי קעמפֿן די ביזאַנטישע קיסרים, שפּעטער די דײַטשע קיסרים אָטאָ I און אָטאָ II. און דער מיט פֿון 11טן יאָר־הונדערט, קורץ פֿאַר די קרייצצוגן, ווערן די מוסלמאַנער אַרויסגעשטופּט פֿון סיציליע און דרום־איטאַליע דורך צפֿונדיקע באַצווינגער — די נאָרמאַנען.

אין צענטער פון די מהומות שטייט די „אייביקע שטאָט" מיט איר כהן גדול —ביידע דערונטערדיקע, נעבעכדיקע, שפּילכלעך פון דער פּאָלי־טישער סטיכיע. קיין בעסערן מזל האָבן די פּויפּסן פון יענער צײַט ניט פאַרדינט. על פּי רוב קליינע מענטשעלעך, טייל מאָל זינדיקע און פאַרקויפ־לעכע, האָבן זיי געפירט אַ האַנדל מיט זייער גײַסטלעכער סחורה, געמאַכט געשעפטן מיט יענעם וואָס האָט טײַערער געצאָלט, און אין זייערע פּוסטריט איז געגאַנגען דאָס רובֿ פון דער גײַסטלעכקייט. דער שטרענגער קאַרדינאַל פון 11טן יאָרהונדערט פּיעטראָ דאַמיאַני האָט געשילדערט די סדומישע מידות פון דער דעמאָלטיקער רוים אין אַ בוך, וואָס זײַן טיטל אַליין רעדט קלאָרע דיבורים: „דאָס בוך וועגן עמורה" (Liber Gomorrhianus). ערשט צום סוף פון דער תקופה טרעט אַרויס די שטאַרקע פיגור פון גרעגאָר VII (הילדע־בראַנד), וואָס האָט אויפגעהויבן דאָס פּויסטום פון דעם נידעריקן תהום ביז צו אַ נאָך קיין מאָל ניט געוועזענער הייך און האָט אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר דער הערשאַפט פון די פּויפּסן איבער די קיסרים און מלכים.

פון די צײַטן פון די קאַראָלינגער איז דערגאַנגען צו אונדז אַ מטושטשע ידיעה וועגן דעם, אַז קיניג לודוויג II זאָל אין יאָר 855 האָבן באַפוילן אַרויסצוטרײַבן אַלע ייִדן פון אייבער־איטאַליע אין אַ קורצן טערמין, ביזן 1 אָקטאָבער פון יענעם יאָר. נאָר די דאָזיקע ידיעה[1] ווערט ניט באַשטע־טיקט אין די דעמאָלטיקע כראָניקעס, און עס זײַנען ניטאָ קיין שום ידיעות, אַז אַזאַ האַרטער דעקרעט איז אויסגעפירט געוואָרן. משמעות, אַז דער דאָזיקער דעקרעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון אַ וואָסער עס איז איטאַליענישן אָנהענגער פון אַגאָבאַרד און אַמולאָ, איז אין גיכן אָפּגעשאַפט געוואָרן, פּונקט ווי דאָס איז געשען שפּעטער אין אייניקע ערטער פון פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד. די ייִדן האָבן ווײַטער געוווינט אין די גרויסע שטעט פון לאָמבאַרדיע: פּאַוויע, וועראָנע, לוקאַ און אַנדערע. אין רוים, ווו די בירגער זײַנען געווען אײַנגעטיילט לויט דער נאַציאָנאַליטעט אָדער פּראָפעסיע אויף פאַרשיידענע קאָרפּאָראַציעס, „סכאָלעס", האָבן ייִדן געבילדעט אַ באַזונדער קאָרפּאָראַציע צווישן די פרעמדלענדישע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג (scholae peregrinorum). בעת דער קריינונג פון ביידע אָטאָס אין רוים זײַנען געהערט געוואָרן באַגריסונגען אין העברעיִש פון די פאָרשטייער פון דער ייִדישער „סכאָלע", וואָס האָבן גענומען אָן אָנטייל אין דער פײַערלעכע פּראָצעסיע צום קאַפּיטאָל. די ייִדישע קהילה אין רוים האָט אונטערגעהאַלטן לעבעדיקע באַציִונגען מיט די קהילות פון דײַטשלאַנד און פלעגט מיטהעלפן זייערע שליחים, וואָס פלעגן קומען צו פאָרן קיין רוים,

---

[1] זי ווערט אָנגעגעבן אין די קאַפּיטולאַרן פון די קאַראָלינגער (Monumenta Germaniae, Legum I, 437).

בכדי צו זוכן בײַם פּויפּס שוץ קעגן די רדיפות פון דעם אָדער יענעם בּיסקופ אָדער װעלטלעכן מושל.

דאָס רויִקע לעבן פון די ייִדן אין רוים איז אָפטער געשטערט געוואָרן דורך די אַלגעמיינע פּאָליטישע מהומות פון יענער תּקופה, איידער דורך ספּעציעלע גזרות. אין יאָר 1020 האָט איבער דער שטאָט זיך דורכגעטראָגן אַ שרעקלעכער שטורעמווינט, וואָס פון אים זײַנען אומגעקומען אַ סך מענטשן. היות ווי דאָס האָט געטראָפן אום „שטיל פרײַטאָג", ווען מען פלעגט ווײַזן די גלייביקע אין די קירכן בילדער פון „קריסטוסעס עינויִים", האָט זיך געפונען אַ פאַנאַטיקער פון דער „גריכישער סכאָלע", וואָס האָט געמסרט דעם פּויפּס בענעדיקטוס VIII, אַז די ייִדן זאָלן כּלומרשט האָבן ערבֿ יענעם טאָג זיך איזדעקעוועט אין אַ שול איבער אַ קריסטוס-בילד, און דערפאַר האָט גאָט אויסגעלאָזט זײַן צאָרן צו דער שטאָט. דער פרומער קריסטלעכער כראָניסט פאַרזיכערט, אַז די אויספאָרשונג האָט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער מסירה, די „שולדיקע" זײַנען באַשטראָפט געוואָרן, און דער שטורעמווינט האָט זיך תּיכּף אײַנגעשטילט.

פאַלן פון שמד זײַנען געווען זעלטן צווישן די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אונטער די פליגלען פון רוימישן פּויפּס, אָבער איין פאַל אַזעלכער, וואָס האָט געהאַט פּאָליטישע רעזולטאַטן, איז פאַרבליבן אין זכּרון פון פאָלק. איין ייִדישער באַנקיר אין רוים, וואָס האָט געפירט פינאַנציעלע געשעפטן מיטן פּויפּס, האָט זיך געשמדט אונטערן נאָמען בענעדיקטוס און האָט געשלאָסן שידוכים מיט קריסטלעכע מיוחסדיקע פאַמיליעס. דער זון און דער אייניקל פון דעם משומד, לעאָן און פּעטרוס, זײַנען געווען די שטאַמפאָטערס פון דער רוימישער פּאַטריצישער משפּחה פּ י ע ר ל ע אָ נ ע (איטאַליענישע קאָמבינאַציע פון די נעמען פּעטרוס און לעאָן), וואָס איז געווען באַפרײַנדט מיט די פּויפּסן און האָט שפּעטער אַפילו אַרויסגערוקט פון זיך אַ פּויפּס (ווײַטער, § 51). מיט לעאָנען איז געווען באַפרײַנדט דער פּויפּס אַלכּסנדר II, וואָס האָט אין יאָר 1065 געהאַלטן פאַר זײַן חובֿ צו דערמאָנען די שׂררות פון נאַרבאָנע, אַז מען מוז באַשיצן די ייִדן קעגן דער ווילדקייט פון די קרייצפאָרערס, וואָס זײַנען געגאַנגען קעגן די שפּאַנישע מוסלמאַנער (אויבן, § 14). דער זעלביקער פּויפּס האָט אויך אויפגעוואָרפן דעם פירשט לאַנדולף אין בענעווענטע, פאַר וואָס ער האָט געשמדט ייִדן איבער געוואַלד. „וועגן אונדזער האַר יעזוס קריסטוס – האָט געשריבן אַלכּסנדר II — האָבן מיר ניט געהערט, אַז ער זאָל האָבן עמעצן געצוווּנגען אים צו די דינען; ער האָט צוגעצויגן מענטשן מיט עניוותדיקע רייד און האָט זיי אָפּגעווענדט פון פאַלשן גלויבן דורך דעם, וואָס ער האָט אַליין פאַרגאָסן זײַן בלוט". נאָך אַלכּסנדרס יורש, דער באַרימטער פּויפּס גרעגאָר VII, האָט אויפגעפּאַסט, עס זאָלן שטרענג אָפּגעהיט

ווערן די אַנטי־יִידישע קאַנאָנען פון דער קירך; ער האָט געטאַדלט דעם קיניג פון קאַסטיליע אַלפאָנס VI דערפאַר, וואָס ער האָט באַשטימט יִידן אויף הויכע מלוכה־פּאָסטנס (ווײַטער, § 26).

אין איטאַליע האָבן ניט אויסגעפעלט קיין פרומע ביסקופן און בכלל פאַנאַטיקער פון דער קירך, וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרטיליקן יִידישקייט. נאָר היות ווי זיי האָבן קיין מאַכט ניט געהאַט אויפן געביט פון דער ציווילער פאַרוואַלטונג, וואָס איז גראָד אין דעם לאַנד פון פויפּס געווען דעמאָלט קאָנ־צענטרירט אין די הענט פון וועלטלעכע שׂררות, — פלעגן זיי זיך געוויינטלעך באַנוגענען מיט רעליגיעזע וויכּוחים מיט יִידישע געלערנטע און מיט אויפדעקן די „יִידישע בלאַנדזשעניש" אין דער ליטעראַטור. נאָך אין יאָר 800 האָט דער „מיניסטער פאַר פאָלקס־אויפקלערונג" פון קאַרל דעם גרויסן, דער געלערנטער אַלקוין, מיטגעטיילט, אַז אין דער שטאָט פּאַוויע איז אין זײַן בײַזײַן פאָרגע־קומען אַ וויכּוח צווישן דעם קריסטלעכן גראַמאַטיקער פּעטרוס פון פּיזאַ און דעם יִידן יוליוס, און דער וויכּוח איז פאַרשריבן געוואָרן אין אַ בוך. דאָס דאָזיקע בוך איז צו אונדז ניט דערגאַנגען, אָבער עס זײַנען געבליבן אייניקע פאָלעמישע ווערק פון אַ שפּעטערדיקער צײַט און זיי זאָגן עדות, אַז די קאַטויִלישע גײַסטלעכקייט האָט זיך מיט גרויס התמדה געמיט צו פּטרן די גוטע שכנישע באַציִונגען צווישן יִידן און קריסטן. דער ביסקופּ פון וועראָנע ראַטעריוס, וואָס האָט געלעבט אין 10טן י"ה, אַ זייער געבילדעטער מאַן פאַר יענער צײַט, באַקלאָגט זיך אין זײַן בוך Qualitatis conjectura דערויף, וואָס די געזעלשאַפט איז צו פיל טאָלעראַנט לגבי יִידן: קריסטן פירן מיט זיי געשעפטן, גיבן זיי אָפּ כּבֿוד און עסן אַפילו אָפּט מאָל בײַ אין טיש מיט די דאָזיקע מענטשן, „וואָס זײַנען מבֿזה אונדזער הייליקע אמונה". „אַ יִיד — רופט אויס ראַטעריוס — לייגט ניט קיין כּבֿוד אויף מײַן רעליגיע, און אויב איך קען אים דערפאַר ניט שלאָגן, איז דען דערפון געדרונגען, אַז איך מוז זיך מיט אים קושן? ווער עס גיט אָפּ כּבֿוד אַ יִידן, דער קאָן זיך ניט רעכענען פאַר קיין קריסט, וואָרעם צי קאָן ער ליב האָבן זײַן גאָט, ווען ער האָט ליב גאָטס שונא? דער וואָס רודפט ניט אַ מענטשן, וואָס האָט געפעלשט אין זײַן קיניג, דער איז אַליין אַ בוגד. גענוג שוין דאָס, וואָס מען לאָזט דעם יִידן לעבן אין אַ קריסטלעכן לאַנד, פאַר וואָס זשע זאָל מען אים נאָך לאָזן זיך ווויל גיין און הנאה האָבן פון לעבן?" ראַטעריוס דערציילט מיט כּעס וועגן איין פאַל אין וועראָנע, ווען עס האָבן זיך צעשלאָגן בעת אַ קריי־געריי אַ יִיד און אַ גלח, און דער ריכטער האָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויפן דינער פון גאָט (מן הסתּם איז ער געווען דער אָנהייבער פון געשלעג), און דעם יִידן האָט ער באַפרײַט. נאָר באַשײַמפּערלעך, אַז די אַגיטאַציע פון די פאַנאַטיקער פון דער קירך האָט אין איטאַליע ניט אויסגענומען:

די קריסטלעכע נשמות זײַנען נאָך ניט געווען גענוג פֿאַרסמט מיט דעם יידנפֿײַנטלעכן גיפֿט.

אין יענער צײַט האָט זיך באַוויזן אַן אַפּאָקריף אונטערן טיטל: „דער וויכּוח צווישן קריסטן און יידן, וואָס איז פֿאַרצײַטנס פֿאָרגעקומען אין רוים פֿאַרן קיסר קאָנסטאַנטין". די אָנטייל-נעמערס פֿון דעם כּלומרשטן וויכּוח זײַנען געווען דער פּויפּס פֿון 4טן י"ה סילוועסטער I (וואָס פֿון אים זײַנען געבליבן פֿראַגמענטן פֿון אַ פּאָלעמישן טראַקטאַט קעגן יידן) און צוועלף יידישע געלערנטע, וואָס עס זאָל האָבן געשיקט דער יידישער „כּהן גדול" (וואָס נאָכן חורבן בית-המקדש איז גאָר אַזעלכער ניט געווען בײַ יידן). פֿאַרשטייט זיך, אַז סילוועסטער איז גובר אין דעם וויכּוח אַלע זײַנע געגנער, וואָס טרעטן אַרויס איינער נאָכן אַנדערן מיט שאַרפֿע באַשולדיקונגען קעגן קריסטנטום. אָבער פֿאַרן העכסטן בורר אין דער פּלוגתּא האָט זיך אַרויסגעוויזן — אַן אָקס. איינער פֿון די יידישע בעלי-וויכּוח, דער זקן זאַמבריִוס, אַ געניטער מכשף, האָט דערקלערט, אַז ער וויל באַווײַזן די ריכטיקייט פֿון דער יידישער אמונה ניט מיט פּוסטע רייד, נאָר מיט אַ מעשׂה-גבֿורה: „זאָל מען ברענגען אַהער, — האָט ער געזאָגט — אַן אָקס, און איך וועל אים טייטן נאָר מיטן שם המפֿורש, ווי דאָס פֿלעגט אַ מאָל טון דער כּהן גדול אין בית-המקדש". האָט מען געבראַכט דעם אָקס, זאַמבריִוס האָט אים אײַנגעזעגט אין אויער דעם שם המפֿורש, און דער אָקס איז אַנידערגעפֿאַלן אַ טויטער. זײַנען די קריסטן געוואָרן צעטומלט, נאָר דער פּויפּס סילוועסטער האָט אויך באַוויזן אַ מופֿת: ער האָט תּפֿילה געטאָן צו גאָט, ער זאָל אים העלפֿן מנצח זײַן די געגנער, און האָט דערנאָך לעבעדיק געמאַכט דעם אָקס. אַזוי אַרום האָט ער אַלעמען דערוויזן, אַז דאָס קריסטנטום איז אמת. — די דאָזיקע נאַיִווע לעגענדע, וואָס איז אויך פֿריִער געווען פֿאַרשפּרייט צווישן פֿאָלק, האָט געדינט פֿאַר אַ יסוד פֿון דעם אויבן אָנגערופֿענעם אַפּאָקריפֿישן בוך, וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אַרום 10טן י"ה.

די וויכּוחים האָבן געדויערט נאָך אין דעם ווײַטערדיקן יאָרהונדערט. דער קאַרדינאַל פּיעטראָ דאַמיאַני פֿאַרצייכנט מיט צער דעם פֿאַקט, אַז די יידן זײַנען אָפֿט גובר אין די וויכּוחים. צו אים אַליין פֿלעגן זיך ווענדן גײַסטלעכע מיט דער בקשה צו געבן זיי מאַטעריאַל אויף אָפּצופֿרעגן די טענות פֿון די יידן. די דעמאָלטיקע קריסטלעכע גײַסטלעכקייט אין איטאַליע האָט זיך אויסגעצייכנט, ווי שוין געזאָגט, מיט עם-הארצות. בעת די פֿראַנצייזישע ביסקופֿן האָבן אויסגעדריקט פֿאַרן פּויפּסלעכן לעגאַט זייער חידוש דעריבער, וואָס אַ מאָל טרעפֿט, אַז אַפֿילו דער פּויפּס איז אַן אומוויסנדיקער מענטש, האָט דער דעלעגאַט מיט רוגזא געענטפֿערט: „די שטאַטהאַלטערס און תּלמידים פֿון פּעטרוסן ווילן ניט האָבן פֿאַר זייערע לערערס פּלאַטאָן, ווירגיליוסן,

טערענציוסן און די איבעריקע פֿילאָסאָפֿישע בהמות (pecudes philosophorum). גאָט מאַכט פֿאַר זײַנע אָנזאָגערס ניט קיין פֿילאָסאָפֿן און אָראַטאָרן, נאָר ניט-געלערנטע און פּראָסטע מענטשן". אויב די פֿירערס פֿון דער קירך האָבן אַזוי שטאַרק געהאַלטן פֿון אינטעלעקטועלער „פּראָסטקייט", איז טאַקע קיין חידוש ניט, וואָס ייִדן האָבן געקאָנט זיי גובֿר זײַן אין די רעליגיעזע וויכּוחים.

§ 19. דרום-איטאַליע אונטער דער ממשלה פֿון די ביזאַנטיער, אַראַבער און נאָרמאַנען

די סאָציאַלע לאַגע פֿון ייִדן אין דרום-איטאַליע איז געווען גאָר אַן אַנדערע ווי אין צפֿון-איטאַליע, וואָס איז אין יענער תּקופֿה געווען פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַנקיש-דײַטש-רוימישער אימפּעריע. אין דרום האָבן געפֿירט אַ קאַמף צווישן זיך דרײַ רעליגיעס און דרײַ קולטורן: די קריסטלעכע, ייִדישע און אַראַבישע, און דאָ, אין דעם בונטן געמיש פֿון פֿעלקער: גריכן, איטאַליענער, אַראַבער און צו לעצט נאָרמאַנען, האָט דער ייִדישער עלעמענט זיך ניט אויסגעטיילט אַזוי שאַרף ווי אין צפֿון. אויפֿן קאָנטינענט פֿון דרום-איטאַליע, אין אַזעלכע שטעט ווי נעאַפּאָל, סאַלערנאָ, באַרי, אָטראַנטאָ, בענעווענט, האָבן זיך געביטן בײַם רודער פֿון דער רעגירונג ביזאַנטישע שטאַטהאַלטערס, אַראַבישע עמירן, דײַטש-איטאַליענישע הערצאָגן; די טירן זײַנען דאָ געווען אָפֿן קיין מזרח און קיין מערבֿ, און דער צושטראָם פֿון ייִדישע מאַסן איז דאָ געגאַנגען גלײַכצײַטיק איבער אַ סך קאַנאַלן. איבער דעם דינעם שיכט פֿון דער אַלטגעזעסענער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט ניט אַנדערש געמוזט אונטערגעבן זיך דער השפּעה פֿון דער אַרומיקער סבֿיבֿה, זײַנען אויסגעוואַקסן נײַע שיכטן, וואָס האָבן צוגעגעבן מער שטאַנדהאַפֿטיקייט די פֿריִערדיקע קאָלאָניעס און האָבן געשטאַרקט זייער נאַציאָנאַלע קולטור. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט אַזאַ סימן. אין ווענאָזע און אַנדערע דרום-איטאַליענישע שטעט פֿלעגט מען די אויפֿשריפֿטן אויף מצבֿות פֿון ייִדישע בית-עלמינס פֿריִער שרײַבן אין גריכיש אָדער לאַטײַניש, און זעלטן אַרײַנשטעלן העברעיִשע ווערטער (אויבן, § 2). זינט דעם 9טן י"ה ווערן די אויפֿשריפֿטן געשריבן נאָר אין העברעיִש און דאַטירט לויט דער נאַציאָנאַלער צײַט-רעכענונג, פֿון חורבן ירושלים אָדער פֿון בריאת העולם.[1] דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן דער קולטורעלער אונטערשייד צווישן דעם קאָלאָניזיר-פּעריאָד און דעם אָרגאַניזיר-פּעריאָד: באַשײַמפּערלעך, אַז די ייִדישע קהילות האָבן

1 זע הוספֿה נו' 2 צום סוף פֿון דעם באַנד.

זיך שוין געהאַט פֿאַרפֿעסטיקט אַ דאַנק דעם צושטראָם פֿון פֿרישע כּוחות, און הגם זיי האָבן נאָך אַלץ גערעדט אויף די אָרטיקע שפּראַכן, נאָר אין יענע געביטן, וווּ מען האָט געדאַרפֿט באַנוצן די שפּראַך פֿון דער רעליגיעזער ליטעראַטור, האָבן זיי די פֿרעמדע שפּראַכן שוין ניט אַרײַנגעלאָזט.

געדיכטע מאַסן פֿון ייִדנטום האָבן זיך קאָנצענטרירט אויפֿן אינדזל סיציליע, וווּ עס האָבן צוויי מיט אַ האַלב־יאָרהונדערט (827—1071) געהערשט אַראַביש־בערבערישע עמירן, וואָסאַלן פֿון די אַפֿריקאַנער סולטאַנען און שפּעטער פֿון די מצרישע כאַליפֿן — די פֿאַטימידן. דאָ האָבן ייִדן זיך געשפּירט אַזוי ווי בײַ זיך אין דער היים אין מזרח. די ייִדישע קהילות אין די הויפּטשטעט פֿון סיציליע: פּאַלערמאָ, מעסינע, סיראַקוז, קאַטאַניע האָבן געגאָסן אויטאָנאָמיע, וואָס איז שפּעטער געבליבן באַשטיין אויך אונטער דער ממשלה פֿון די נאָרמאַנען. די פֿאַרבינדונג צווישן סיציליע מיט מצרים און צפֿון־אַפֿריקע פֿון איין זײַט און מיט דעם ביזאַנטישן טייל פֿון איטאַליע פֿון דער צווייטער — האָט געמאַכט די אָרטיקע ייִדישע קאָלאָניע פֿאַר אַ פֿאַרמיטל־פּונקט צווישן דער מערבֿדיקער און דער מזרחדיקער קולטור, און אויך צווישן די האַנדלס־צענטערס פֿון דרײַ וועלטטיילן.

וועגן דעם דעמאָלטיקן לעבן פֿון ייִדן אין דרום־איטאַליע גיט אונדז געוויסע ידיעות אַ פֿאַמיליען־כראָניק, וואָס איז ניט לאַנג געפֿונען געוואָרן און וואָס נעמט אַרום די צײַט פֿון 9טן ביז דער העלפֿט פֿון 11טן יאָרהונדערט.[1] אין איר ווערט דערציילט די געשיכטע פֿון איין משפּחה, וואָס האָט געוווינט אין אַפּוליע אונטער דער ממשלה פֿון די ביזאַנטיער, אין דער שטאָט אָריאַ, וווּ עס האָט זיך געפֿונען אַן אַלטע ייִדישע קהילה. דער שטאַמפֿאָטער פֿון דער משפּחה, אַמתּי, וואָס האָט געלעבט אַרום 850, ווערט אָנגערופֿן אַ תּלמיד־חכם און אַ פּײַטן. ער האָט געהאַט דרײַ זין, וואָס צוויי פֿון זיי, שפֿטיה און חננאל מיט זייערע קינדער, האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין די פּאָליטישע געשעענישן פֿון זייער צײַט. שפֿטיה, וואָס איז געווען ראש־הקהלה אין אָריאַ, איז געוואָרן באַרימט דורך זײַן געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט אין דער ביזאַנטישער איטאַליע און דורך דעם, וואָס אַ דאַנק זײַן השפּעה בײַם הויף פֿון ביזאַנטישן קיסר באַסיליוס I (867—886) אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער אָפּגעראַטעוועט זײַן קהילה פֿון דער גזרה, וואָס האָט געטראָפֿן די איבע־ריקע ייִדישע קהילות פֿון ביזאַנץ (ווײַטער, § 20).

אין זײַן צײַט האָבן די אַראַבער פֿון סיציליע זיך אַרײַנגעריסן אין קאַלאַבריע און אַפּוליע און האָבן אײַנגענומען די וויכטיקסטע האַווטשטאָט

---

1 „מגלת יוחסין" אָדער „מגילת אחימעץ", אָנגעשריבן אין יאָר 1055, אויפֿגעהיט אין אַן אַלטן כּתבֿ־יד פֿון טאָלעדאָ און צו ערשט אָפּגעדרוקט אין א. נײַבויערס זאַמלונג פֿון מיטלעלטערלעכע כראָניקעס (זע ביבליאָגראַפֿיע).

פון דרום-איטאַליע, באַרי. שפטיה איז געווען דער פאַרמיטלער אין די אונטערהאַנדלונגען צווישן דעם ביזאַנטישן פאַרוואַלטער און דעם אַראַבישן קריגסהויפּטמאַן. באַלד האָבן די אַראַבער פאַרלאָזן אַפּוליע, די ייִדישע קהילות זײַנען פטור געוואָרן פון די מהומות פון דער קריגסצײַט, אָבער דער דרוק פון די ביזאַנטיער האָט ווײַטער אָנגעהאַלטן. אויך דאָ האָט זיך געלאָזט שפּירן דער חשק פון דער קריסטלעכער גײַסטלעכקייט צו פאַנגען נשמות. שפטיהס ברודער רבי חננאל האָט געהאַט אַ צונויפשטויס מיטן ביסקופּ פון דער שטאָט אָריאַ.

איין מאָל, בעת אַ רעליגיעזן וויכוח אין ביסקופּס הויף, האָט דער ביסקופּ געפרעגט ר' חננאלן: אין וואָסער טאָג און אין וואָסער שעה קומט אויס לויט דײַן חשבון דער מולד פון קומענדיקן חודש? ר' חננאל האָט די צײַט באַשטימט פאַלש. דער ביסקופּ אָבער, וואָס איז געווען אַ גוטער קענער פון דער קאַלענדער-וויסנשאַפט, האָט אָנגעוויזן די צײַט פון מולד ריכטיק, און האָט געזאָגט צו זײַן בעל-וויכוח: „אויב מײַן באַשטימונג פון ראש-חודש וועט זיך אַרויסווײַזן פאַר ריכטיק, מוזטו אָננעמען מײַן גלויבן, און אויב דו האָסט געטראָפן, וועל איך דיר אָפּגעבן מײַן בעסט פערד אָדער זײַן ווערט אין געלט". דער תּנאַי איז געוואָרן אָנגענומען, און מען האָט צעשטעלט מענטשן אויף טורעמס, וואָס האָבן געדאַרפט אויפפּאַסן, ווען עס וועט זיך באַווײַזן די לבנה. אַז ר' חננאל איז געקומען אַהיים, האָט ער אײַנגעזען זײַן טעות, און אויף אים איז אָנגעפאַלן אַן אימה: אים איז פאָרגעשטאַנען די סכנה צו מוזן זיך אָפּזאָגן פון גלויבן פון זײַנע אָבות. די גאַנצע ייִדישע קהילה איז געוואָרן שטאַרק צערודערט. און דער אומגליקלעכער רב האָט די גאַנצע צײַט מתפּלל געווען. און גאָט האָט דערהערט זײַן תּפילה, — דער-ציילט די פאַמיליען-כראָניק. — אין דעם מאָמענט, ווען די לבנה האָט געדאַרפט אויפגיין לויטן ביסקופּס חשבון, איז דער הימל געוואָרן באַדעקט מיט געדיכטע כמאַרעס, און ערשט דעם קומענדיקן אָוונט האָט זיך די לבנה באַוויזן, אַזוי ווי דאָס האָט באַשטימט ר' חננאל. אַזוי איז דער צדיק ניצול געוואָרן. דער ביסקופּ האָט אים געלאָזט רופן און געזאָגט צו אים: „דו ווייסט אַליין, אַז מײַן חשבון איז געווען ריכטיק, נאָר וואָס זאָל איך מיט דיר טון, ווי באַלד דו האָסט חן אין גאָטס אויגן?" און ער האָט געגעבן רבי חננאלן דרײַ הונדערט גילדערנע מטבעות — דעם ווערט פון פערד, און ר' חננאל האָט דאָס געלט צעטיילט אָרעמע לײַט.

שפטיהס זון אמתּי II איז אויך געווען ראש הקהילה און ראש ישיבה אין אָריאַ. ער האָט מחבר געווען פּיוטים און באַזונדערס סליחות, וואָס מען פלעגט זאָגן אין פאַלן פון אַבלות. עס איז מיגלעך, אַז גראָד ער, און ניט זײַן זיידע וואָס האָט אויך געהייסן אמתּי, איז דער מחבר פון די פּיוטים,

וואָס ווערן נאָך איצט געזאָגט אין דער סינאַגאָגאַלער ליטורגיע [1]. חננאלס זון חסדאי איז געפֿאַלן אַ קרבן בעת דעם אָנפֿאַל פֿון די אַראַבער אויף אָריאַ אין יאָר 925: ווען די אַראַבער האָבן איינגענומען די שטאָט, האָבן זיי אים מיט נאָך נײַן בכּבֿודיקע שטאָטלײַט דערהרגעט, מן=הסתּם פֿאַר דער איבערגעגעבנקייט דער ביזאַנטישער מאַכט. פּאָליטיש מער ווײַטזיכטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן חסדאיס זון פּ ל ט י א ל, וואָס איז אַ פֿערטל יאָרהונדערט שפּעטער אַריבער אויפֿן צד פֿון די אַראַבער, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו ייִדן מער טאָלעראַנט ווי די ביזאַנטיער.

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען דער אַפֿריקאַנער אימאַם אַל=מויִז האָט זיך געגרייט אײַנצונעמען מצרים און פֿאַרפֿעסטיקן דאָרט דעם כאַליפֿאַט פֿון די פֿאַטימידן (אַרום 960). בעת זײַן קריגסמאַרש אין דרום=איטאַליע האָט ער זיך געטראָפֿן מיט פּלטיאלן, וואָס האָט „לויט די שטערן" פֿאָרויסגעזאָגט אַל=מויִזן, אַז ער וועט אײַננעמען די שטעט טאַרענט, אָטראַנטאָ און באַרי און וועט ווערן דער איבערהאַר פֿון סיציליע, ווי עס האָבן געוועלטיקט בערבערישע עמירן. דער באַצווינגער האָט אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע געטרײַשאַפֿט פּלטיאלס און האָט אים מיטגענומען מיט זיך אין זײַן אַפֿריקאַנער רעזידענץ מאַהדיאַ, לעבן קײַרואַן, ווו ער זאָל זײַן אים אַ יועץ. ווען אַל=מויִז איז אין יאָר 969 געוואָרן דער כאַליף פֿון מצרים און האָט אַריבערטראָגן זײַן הויפּטשטאָט קיין קאַהיראָ, האָט ער באַשטימט זײַן ייִדישן מקורבֿ פֿאַרן הויפּטמאַן פֿון הויף און פֿאַרן הויף=אַסטראָלאָג [2]. לויט זײַן אַמט האָט פּלטיאל באַדאַרפֿט אויפֿנעמען אויסלענדישע שלוחים און פֿאָרשטעלן זיי דעם כאַליף. איין מאָל איז קיין קאַהיראָ אָנגעקומען אַ שליח פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט מתּנות פֿון דעם ביזאַנטישן קיסר. דערוווּסט זיך, אַז צוליב דער אוידיענץ מוז מען בעטן אַ דערלויבעניש בײַ דעם ייִדישן באַאַמטן, האָט דער גריכישער שליח דערקלערט, אַז גלײַכער וועט ער זיך אומקערן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָן אַן אוידיענץ, איידער ער וועט קומען זיך בייגן פֿאַר אַ ייִדן. האָט פּלטיאל געהייסן, אַז דעם גריך דעם בעל=גאווה זאָל מען ניט אַרײַנלאָזן אין הויף און מען זאָל אים ניט אָפּגעבן דעם כּבֿוד וואָס עס קומט אַ פֿאָרשטייער פֿון אַ גרויסער מלוכה. סוף=כּל=סוף, נאָך דעם ווי דער ביזאַנטישער שליח איז אָפּגעזעסן אין קאַהיראָ צען טעג, האָט ער זיך באַטראַכט, איז געקומען צו פּלטיאלן, אויסגעבעטן מחילה און איז געוואָרן אַרײַנגעלאָזן אין הויף.

1 אין דעם אַקראָסטיך פֿון דעם פּיוט „אראלים ומלאכים" פֿון שמיני=עצרתדיקן דאַווענען איז אָנגעצייכנט דער נאָמען פֿון מחבר: אמתּי בן שפֿטיה.

2 ווי באַוווּסט, האָבן ייִדן בײַם קײַרואַנער הויף פֿון די פֿאַטימידן, און שפּעטער אויך בײַם קאַהירער הויף, ניט זעלטן פֿאַרנומען פּאָסטנס פֿון לײַב=מעדיקער, יועצים און אַפֿילו וויזירן (זע „וועלט=געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק", מזרח=פּעריאָד, באַנד III, § 66).

דער ייִדישער שׂר האָט משמעות זיך פֿאַרנומען אויך מיט די ענינים פֿון זײַנע פֿאָלקסברידער אין די מזרח־לענדער. אין זײַן צײַט איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ פֿעסטער יסוד פֿאַר דער אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די ייִדישע קהילות אין קאַהיראָ און אין אַנדערע שטעט פֿון מצרים; באַלד האָבן זיך דאָרט באַוויזן אויך אייגענע ראָשי־גולה: די „נגידים" פֿון קאַהיראָ. עס איז מיגלעך, אַז פּלטיאל אַליין איז געווען דער ערשטער נגיד פֿון די עגיפּטישע ייִדן, הגם אין דער רשימה פֿון די נגידים ווערט זײַן נאָמען ניט דערמאָנט. די פֿאַמיליען־כראָניק פֿאַרצייכנט זײַן טעטיקייט לטובֿת די ייִדישע קהילות אין מצרים. פּלטיאל איז אַ געוויסע צײַט געבליבן אויף זײַן דיפּלאָמאַטישן אַמט אויך בײַם צווייטן פֿאַטימידן־כאַליף אַל־עזיז (פֿון יאָר 975).

אין דער זעלביקער צײַט וואָס פּלטיאל האָט געווירקט אין מזרח, האָבן אַנדערע מיטגלידער פֿון אָט דער געבענטשטער משפּחה פֿון אָריאַ ווײַטער געפֿירט זייער טעטיקייט אין די ייִדישע קהילות פֿון דרום־איטאַליע, מיט דער אונטערשטיצונג פֿון זייער קרובֿ דעם שׂר. נאָך די דערמאָנטע מלחמות צווישן די אַראַבער און ביזאַנטיער איז געוואָרן געשלאָסן שלום, וואָס לויט אים האָבן די מוסולמאַנער צוריק אָפּגעגעבן דעם ביזאַנטישן קיסר די שטעט פֿון אַפּוליע, דערין אויך אָריאַ, וואָס זיי האָבן געהאַט פֿאַרנומען. היות ווי בעת דער מלחמה איז אָריאַ געוואָרן צעראַבירט, און עס האָבן געליטן פּלטיאלס קרובֿים, איז איינער פֿון זיי, חננאל II, אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און געקראָגן דאָרט פֿון קיסר אַ געשריפֿטס, וואָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט אָפּצונעמען דאָס צוגערויבטע פֿאַמיליען־אייגנס, ווו ער וועט עס נאָר געפֿינען. חננאל האָט געפֿונען אַ טייל פֿון זײַנע זאַכן, צווישן דעם אַן אַלטן כּתבֿ־יד פֿון תּנך, אין דער שטאָט באַרי בײַ ייִדן, וואָס האָבן אויפֿגעקויפֿט בײַ די זעלנער דעם זאַקרויב. נאָך די דאָזיקע וואַנדערונגען האָט ער זיך באַזעצט אין דער שטאָט בענעווענט, און זײַן זון שמואל אין דער שכנישער קאַפּוע, ווו ער האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון אַן אויפֿמאָנער פֿון מלוכה־אָפּצאָלן. פֿון דער פֿאַמיליען־כראָניק איז צו זען, אַז אין אַלע דערמאָנטע שטעט האָבן זיך דעמאָלט (סוף 10טן און אָנהייב 11טן י"ה) געפֿונען גוט געאָרדנטע ייִדישע קהילות. דער מחבר פֿון דער כראָניק, דער געלערנטער און פּײַטן אַ ח י מ ע ץ, איז געווען שמואלס אַן אייניקל און האָט געשריבן זײַן בוך אין קאַפּוע און אין אָריאַ אין יאָר 1054, ווען אין דרום־איטאַליע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער פּאָליטישער קריזיס.

נאָך פֿון דער ערשטער העלפֿט 11טן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן די אָנפֿאַלן פֿון די צפֿונדיקע נ אָ ר מ אַ נ ע ן אויף דרום־איטאַליע און סיציליע. די רוימישע פּויפּסן און די ביזאַנטישע קיסרים פֿלעגן צו ערשט שליסן אָפּמאַכן מיט די נאָרמאַנישע קריגסלײַט צוליב דעם קאַמף קעגן דער מוסל־

מאַנישער הערשאַפֿט אין דרום, נאָך שפּעטער האָבן די פֿירער פֿון די נאָרמאַנען אָנגעהויבן אָפּצונעמען די לענדער פֿאַר זיך: סיציליע פֿון די אַראַבער און די דרום־איטאַליענישע געביטן פֿון די ביזאַנטיער. ראָבערט גיסקאַר און זײַן ברודער ראָזשער האָבן אין משך פֿון דרײַסיק יאָר (1087–1057) אײַנגענומען אַפּוליע, קאַלאַבריע און סיציליע. מיט דער ברכה פֿון רוימישן פּויפּס האָבן זיי דאָרט פֿאַרפֿעסטיקט אַ נאָרמאַנישע דינאַסטיע, וואָס האָט אין גיכן פֿאַראייניקט אָט די דרײַ דינאַסטיעס אין אַ מעכטיקן קיניגרײַך מיט אַ פֿעאָדאַלער אָרדענונג.

שוין די ערשטע יאָרן פֿון דער רעגירונג פֿון די נאָרמאַנען זײַנען די ייִדן אַרײַנגעפֿאַלן אין צוואַנג פֿון אַ נײַער פֿעאָדאַלער אָרדענונג, וואָס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַהער פֿון מיטל־אייראָפּע. די ייִדישע קהילות האָבן די הערצאָגן ניט געטשעפּעט און איבערגעלאָזן זיי דאָס רעכט פֿון אינעווייניקסטער אַליין־פֿאַרוואַלטונג, אָבער איבער ייִדן בכלל האָבן זיי געבעליבעטעוועט ווי איבער זייערע לײַבאייגענע, פֿלעגן אָפּגעבן ייִדישע „נפֿשות" פֿאַרשיידענע מענטשן און אינסטיטוציעס מיטן רעכט אויפֿצומאָנען פֿון זיי אָפּצאָלן. אין יאָר 1086 האָט די אַלמנה פֿון הערצאָג ראָבערט גיסקאַר אָפּגעגעבן אין רשות פֿון דעם אַרציביסקופּ פֿון דער שטאָט באַרי „אַלע ייִדן וואָס וווינען אָדער וואָס האָבן דאָס רעכט זיך צו באַזעצן אין דער שטאָט, מיט דעם גאַנצן אייגנס וואָס געהער צו זיי, באַוועגלעכס און אומבאַוועגלעכס, וואָס מײַן האַר און מײַן מאַן ראָבערט האָט מיר געגעבן אין נדן, און אויך דעם גאַנצן ייִדישן קוואַרטאַל (Judeca) מיט אַלע ערד־נחלאות וואָס געהערן צו אים און מיטן פּלאַץ פֿון דער סינאַגאָגע וואָס ייִדן האָבן פֿריִער אָפּגעטרעטן מיר און ווו עס איז אויסגעבויט אַ קירך לכּבֿוד דעם הייליקן סילוועסטער און דעם פּויפּס לעאָ". מיט דרײַ יאָר שפּעטער האָט די זעלביקע פֿרומע הערצאָגין אָפּגעגעבן אַ זעקסט־חלק פֿון אירע הכנסות פֿון די ייִדן פֿון דער שטאָט פּאַלערמאָ דעם אָרטיקן ביסקופּ לטובֿת דער מאַריע־קירך מיט דעם תּנאַי, אַז נאָך איר טויט זאָלן גיין אויף דעם זעלביקן צוועק אויך די איבעריקע טיילן פֿון דער הכנסה, צוליב דער נשמה פֿון דער הערצאָגין און די נשמות פֿון איר משפּחה. הערצאָג ראָזשער I האָט אַוועקגעשאָנקען דעם אַרציביסקופּ פֿון סאַלערנאָ „גאַנץ יהודה" (totam Judaeam), ד"ה דעם גאַנצן ייִדישן קוואַרטאַל פֿון דער שטאָט סאַלערנאָ מיט אַלע אײַנוווינער און מיט די אָפּצאָלן זייערע (1090). אין מעלפֿי האָט ער אונטערגעטראָגן אַזאַ מתּנה דער אָרטיקער קירך. לטובֿת דער מאַריע־קירך אין פּאַלערמאָ האָט ראָזשער אָפּגעגעבן אַ גרופּע „סאַראַצענער", וואָס זײַנען מחויבֿ צו צאָלן איר צינז אין געלט און אין נאַטור, נאָך צווישן אָט די סאַראַצענער באַגעגענען זיך ייִדישע נעמען (יצחק, משה, יוסף), וואָס געהערן מן־הסתּם צו אײַנוואַנדערער פֿון די מזרח־לענדער, וואָס האָבן גערעדט אַראַביש.

אַזוי אַרום האָט דאָס פּאַסירט, אַז ערבֿ די קרייצצוגן זײַנען די ייִדן פֿון דרום־איטאַליע, נאָך דעם ווי זיי זײַנען אָפּגעוועזן יאָרהונדערטער אונטער דער ממשלה פֿון די ביזאַנטיער און אַראַבער, אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער מאַכט פֿון נײַע מושלים און אַרײַנגעפֿירט אין די ראַמען פֿון דער זעלביקער פּעאָדאַלער אָרדענונג, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט זיך אײַנגעפֿעסטיקט אין גאַנץ מערבֿ־אייראָפּע.

§ 20. דער גורל פֿון די ייִדן אין ביזאַנץ

אומרויִק איז געווען אין יענער תּקופֿה אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע. אײַנגעקלעמט צווישן צוויי וועלטן, דער זיך צעוואַקסנדיקער אַראַבישער אַזיע און דער אויפֿקומענדיקער סלאַווישער אייראָפּע, האָט די אַלטע אימפּעריע כּסדר באַקומען קלעפּ פֿון רעכטס און פֿון לינקס, אַזוי אַז אָפֿט מאָל איז איר גאַנצער קיום געווען אין סכּנה. איין קלאַפּ אַזעלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף איר אין אָנהייב 8טן יאָרהונדערט, ווען די אַראַבער האָבן אײַנגענומען דעם דרום פֿון פּירענעיִשן האַלב־אינדזל און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום באַלקאַנישן האַלב־אינדזל. אין יאָר 718 איז אַ גוואַלדיקע מוסלמאַנישע אַרמיי געשטאַנען אונטער די טויערן פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער אַראַבישער פֿלאָט און חייל אויף דער יבשה פֿון דער זײַט פֿון קליין־אַזיע האָבן געהאַלטן אין באַלעגערונג די הויפּטשטאָט, און עס האָט אויסגעדוכט, אַז די אייראָפּעיִשע ביזאַנץ וועט האָבן דעם זעלביקן סוף וואָס אירע אַזיאַטישע פּראָווינצן. נאָר דער שטורעם איז פֿאַרבײַ. דער קיסר לעאָ III דער איסאַוריער (717—741), וואָס איז אָקאָרשט געווען אַרויף אויפֿן טראָן, האָט אָפּגעשלאָגן די באַלעגע־רונג פֿון די אַראַבער מיט דער הילף פֿון „גריכישן פֿײַער" וואָס איז דעמאָלט אויסגעפֿונען געוואָרן. דערמיט האָט ער פֿאַרזיכערט מזרח־אייראָפּע קעגן דער אַראַבישער סכּנה, פּונקט ווי קאַרל מאַרטעל האָט אין 732 פֿאַרזיכערט קעגן איר דעם קאָנטינענט פֿון מערבֿ־אייראָפּע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דעם קריטישן מאָמענט פֿון דער ביזאַנטישער אימפּעריע געפֿינט זיך די רעטענישפֿולע משיחישע באַוועגונג, וואָס איז דעמאָלט אויפֿגעשטאַנען אין סיריע אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פֿון דעם ביזאַנ־טישן אויסוואַנדערער זאָנאַריוס (שריני), וואָס איז אין די ערשטע רעגי־רונגס־יאָרן פֿון דעם איסאַוריער אַרויס מיט אַ רוף צו דער אויפֿלעבונג פֿון ארץ־ישׂראל [1]. וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן בײַ די ביזאַנטישע ייִדן, וועגן דעם זאָגן גאָרנישט די מטושטשע רמזים פֿון די כראָנאָגראַפֿן, נאָר דעם אַלגע־מיינעם גאַנג פֿון די געשעענישן קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן אַן ערך אַזוי: דער

---

1 זע „וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק", מזרח־פּעריאָד, באַנד III, § 56.

אָנפֿאַל פֿון די אַראַבער האָט צו ערשט אויפֿגעוועקט בײַ די ביזאַנטישע ייִדן די האָפֿענונג, אַז זיי וועלן זיך פֿאַראייניקן מיט די ייִדן אין ארץ־ישׂראל, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער דער ממשלה פֿון די אָמאַיאַדישע כאַליפֿן אין דמשׂק. אָבער אַז די אַראַבער זײַנען אָפּגעטריבן געוואָרן פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן ייִדן גענומען לויפֿן אין דער אַראַבישער סיריע, און דאָרט האָט דער בײַער משיח אַנטוויקלט זײַן טעטיקייט.

אויך די רדיפֿות, וואָס זײַנען אין גיכן אויפֿגעשטאַנען אויף די ייִדן אין ביזאַנץ, האָבן געקאָנט באַוועגן די ייִדן צו אַנטלויפֿן. די ערשטע יאָרן פֿון זײַן קיניגן, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בילדער־שטורעם, האָט לעאָ III מיט ניט־געוויינטלעכער התמדה זיך פֿאַרנומען מיט באַקערן ייִדן און הערעטיקער צום אָרטאָדאָקסישן גלויבן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז די ייִדן און די קליין־אַזישע סעקטאַנטן די מאָנטאַניסטן „זאָלן לעבן לויטן קריסטלעכן מנהג", און די וואָס וועלן ניט פֿאָלגן האָט ער געסטראַשעט מיט שווערע שטראָפֿן (723). דער דאָזיקער דעקרעט האָט ניט געהאַט קיין ערנצטע רעזולטאַטן, פּונקט ווי עס האָט זיי ניט געהאַט די משיחישע באַוועגונג, וואָס האָט געבראַכט נאָר צו דער אויסבילדונג פֿון אַ קליינער סעקטע. אין גיכן האָט דער קיסר אָפּגעלאָזן די סעקטאַנטן און די ייִדן, ווײַל עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער קאַמף אין דער אָרטאָדאָקסישער קירך גופֿא צווישן די פֿאַרערערס פֿון די הייליקע בילדער און צווישן די באַקעמפֿערס פֿון די בילדער, און דער קיסר גופֿא, דער באַקעמפֿער פֿון די הייליקע בילדער, האָט געקראָגן דעם שם פֿון אַן אַפּיקורס און יודאַיזירנדיקן.

מען מעג משער זײַן, אַז אין דעם קאַמף קעגן דער רעשט פֿון הײדנטום אין קריסטנטום: געצן־דינערײַ אין דער געשטאַלט פֿון בילדער־פֿאַרערונג, וואָס עס האָבן אונטערגענומען דער קיסר און די ביזאַנטישע ראַציאָנאַליסטן, האָט געהאַט אַ חלק די ייִדישע אידעאָלאָגיע; נאָר עס איז אַ ספֿק, צי עס האָבן אין דער באַוועגונג געהאַט אַ חלק ייִדן. פֿון געבוירן אַ סיריער האָט לעאָ III, וואָס האָט זינט די יונגע יאָרן געלעבט צווישן אַראַבער און ייִדן, געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ שטער עס איז פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון קריסטנטום צווישן אַנדערשגלייביקע די בילדער־פֿאַרערונג, וואָס גיט אַ שטאַרק געצײַג אין די הענט פֿון די געגנער פֿון דער קירך. צום טייל צוליב דעם, בכדי אַרויסצורײַסן דאָס דאָזיקע געצײַג פֿון די הענט פֿון די „אויסווייניקסטע שׂונאים", האָט דער קיסר זיך אײַנגעשטעלט אויף דעם געפֿערלעכן דאָגמאַטישן קאַמף, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט די גאַנצע מלוכה. קינדסקינדער פֿון די דינערס פֿון אַפּאָלאָ און אַפֿראָדיטע, האָבן די ביזאַנטישע גריכן ניט געקאָנט מוחל זײַן דעם קיסר, וואָס האָט צעשטערט די סטאַטועס און בילדער פֿון קריסטוסן, פֿון דער גאָטמוטער און די הייליקע, די „ניט מיט דער האַנט

געמאַכטע" הייליקע בילדער און הייליקע געביין, וואָס זייער קולט איז געווען אַ נאַטירלעכער המשך פון דעם אַנטיקן קולט. דעם קיסר און זײַנע אָנהענגער האָט מען געשטעמפּלט מיטן זידלוואָרט „יודאַיזירנדיקע". „ייִדן און שומרונים וואַרפן אָפּ הייליקע בילדער, הייסט דאָס, אַז אַלע געגנער פון די הייליקע בילדער זײַנען ייִדן" — אַזוי האָט דערקלערט איינער פון די גרעסטע פירער פון דער קירך אין יענער צײַט. נאָר דאָס האָט ניט געאַרט לעאָ III און זײַנע נאָענטסטע יורשים, וואָס האָבן ווײַטער געפירט דעם קאַמף קעגן דער בילדער־פאַרערונג און צו גלײַך קעגן דער גײַסטלעכקייט, דער קאָנקורענטין פון דער אומבאַגרענעצטער וועלטלעכער מאַכט.

ערשט אין יאָר 787 האָט דער קירכן־קאָנציל, וואָס די פרומע קיסרין אירינע האָט צונויפגערופן אין ניקעאַ, אויפגעריכט דעם דינסט פון די הייליקע בילדער און הייליקע געביין און האָט אַרײַנגעלייגט אין חרם אַלעמען, „וואָס רופן אָן די הייליקע בילדער געצנבילדער". דער זעלביקער קאָנציל האָט אויך אויסגעאַרבעט אַזאַ קאַנאָן וועגן ייִדן: „די ייִדן, וואָס זײַנען געוואָרן קריסטן נאָר לפּנים וועגן, און בשתיקה היטן זיי ווײַטער שבת און די איבע־ריקע ייִדישע צערעמאָניעס, דאַרפן ניט צוגעלאָזן ווערן ניט צו דער קאָמוניע, ניט צום געבעט. מען טאָר בכלל ניט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן קומען אין קירך אַרײַן. זייערע קינדער טאָר מען ניט טויפן. עס ווערט זיי פאַרבאָטן צו קויפן שקלאַוון (קריסטלעכע) אָדער האָבן אַזעלכע זייער אייגנס. ווען אָבער אַ ייִד (מיט אַ משפּחה) וויל אויפריכטיק זיך באַקערן צום קריסטנטום, דאַרף מען אים אָננעמען און אָפּשמדן צוזאַמען מיט זײַנע קינדער". משמעות, אַז אין ביזאַנץ האָבן אויך דעמאָלט געלעבט ייִדן פאַרשטעלט פאַר קריסטן, אַזעלכע וואָס זײַנען אַמאָל איבער געוואַלד געשמדט געוואָרן. זיי האָבן קענטיק אונטערגעהאַלטן די בילדער־שטורעמער, און דער קאָנציל האָט באַשלאָסן זיי צו דערווײַטערן פון קריסטוסעס טשערעדע, בכדי אויסצוּוואָרצלען די בילדער־שטורמערישע טענדענצן. די שרעק פאַר דער ייִדישער פּראָפּאַ־גאַנדע האָט גובֿר געווען אַפילו דעם חשק פון די קירכן־פאַנאַטיקער אָפּצושמדן ייִדן.

דער קאַמף צווישן די געגנער און אָנהענגער פון דער בילדער־פאַרערונג איז באַנײַט געוואָרן אין דער רעגירונגס־צײַט פון מיכאַיל II (820–829), דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פון דער גוואַרדיע, אַ געבוירענער אין פריגיע, וואָס האָט פאַרבראַכט זײַנע יונגע יאָרן „צווישן הערעטיקער, ייִדן און האַלב־העלעניזירטע פריגיער". דער נײַער קיסר גופא איז געווען גלײַכגילטיק צו דער קירך, און זײַן זון טעאָפילוס האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון די בילדער־שטורעמער. דעריבער האָבן זייערע שונאים אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דעם קיסרס זיידע איז געווען אַ געשמדטער ייִד. פון אַ כראָניק פון

יענער צײַט קאָן מען אַרויסנעמען ידיעות, וואָס דערקלערן, פֿון וואַנען אַזעלכע קלאַנגען האָבן זיך געקאָנט נעמען. אין דער פֿריגישער שטאָט אַמאָריאַ, ווּ מיכאַיל איז געבוירן געוואָרן (דערפֿאַר הייסט די דאָזיקע דינאַסטיע „די אַמאָרישע"), האָבן געוווינט אַ סך יודאַיזירנדיקע קריסטן פֿון דער סעקטע אַ ט י נ ג אַ נ ע ר. די סעקטאַנטן, וואָס האָבן געהאַלטן הייליק דעם טויף און האָבן ניט אָנגענומען מילה, האָבן אָבער אָפּגעהיט אַ סך ייִדישע מנהגים, בפֿרט שבת, און פֿלעגן בײַ זיך אין די הײַזער האַלטן אַ ייִדן אָדער אַ ייִדענע, וואָס זאָלן האָבן השגחה און לערנען זיי אין די ענינים פֿון רעליגיע. צו דער דאָזיקער סעקטע האָט יונגערהייט געהערט אויך דער קומענדיקער קיסר מיכאַיל. דערמיט האָט זיך דערקלערט זײַן גלײַכגילטיקייט צו די ענינים פֿון דער קירך און זײַן געבן שוץ ייִדן. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דער קיסר האָט בדעה אײַנצופֿירן אָבליגאַטאָרישע שבת־רו, אַז ער האַלט ניט שטאַרק פֿון די דאָגמעס פֿון קריסטנטום, אַז ייִדן באַפֿרײַט ער פֿון צאָלן שטײַערן. פֿון אָט די גוזמאות מעג מען נאָר אַרויסדרינגען, אַז אין מיכאַילס צײַט און אין דער צײַט פֿון זײַן זון טעאָפֿילוס (829—842) האָט זיך ייִדן אין ביזאַנץ געלעבט לפֿי ערך רויִק.

אַ צײַט פֿון פּורענויות איז אָנגעשטאַנען פֿאַר ייִדן, ווען עס איז געקומען צו דער מאַכט די מאַקעדאָנישע דינאַסטיע, אין דער פּערזאָן פֿון איר גרינדער באַסיליוס I (867—886). דער דאָזיקער קיסר האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו באַקערן ייִדן צום קריסטנטום. צו ערשט האָט ער געפּרוווט ווירקן מיט מיסיאָנערישע גענג: געמאַכט רעליגיעזע וויכּוחים מיט ייִדישע געלערנטע, בכדי צו דערווײַזן זיי, אַז „ישו איז דער שפּיץ פֿון דער תּורה און די נבֿיאים". אַזוי ווי די וויכּוחים האָבן קיין שום פּעולה ניט געהאַט, האָט דער קיסר גענומען צוריידן ייִדן זיך צו שמדן דורך צוזאָגן זיי פֿאַרגיטיקונגען און בכּבֿודיקע שטעלעס. אַז אויך דאָס האָט ניט געהאָלפֿן, האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפֿות. אין פֿאָלק איז פֿאַרבליבן אַ מטושטשע מסורה וועגן דעם, אַז באַסיליוס האָט פֿאַרבאָטן צו האַלטן די ייִדישע אמונה; אין זײַן צײַט זײַנען פֿון טויזנט ייִדישע קהילות אין גאַנצן לאַנד געבליבן נאָר פֿינף. די „שארית ישראל" אין ביזאַנץ זאָל כּלומרשט זײַן ניצול געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער השתּדלות פֿון דעם גרויסן תּלמיד חכם שפֿטיה, דעם ראָש הקהילה אין אָריאַ, וואָס האָט געשפּילט אַ פּאָליטישע ראָלע בעת דער מלחמה צווישן די אַראַבער און ביזאַנ־טיער אין דרום־איטאַליע (אויבן, § 19).

אין דער אויבן דערמאָנטער פֿאַמיליען־כראָניק „מגלת אחימעץ" איז די דאָזיקע געשעעניש אײַנגעהילט אין אַ נעפּל פֿון וווּנדער־מעשׂיות. „אין יענער צײַט, — שטייט אין דער כראָניק — האָט געקיניגט איבער די אדומים

אַ געמיינער און בלוטדאָרשטיקער מאַן, און ער האָט זיך פֿירגענומען צו פֿאַר־טיליקן די קינדער פֿון די הייליקע און צדיקים. אין 800סטן יאָר נאָך דעם חורבן פֿון דער הייליקער שטאָט און פֿון בית־המקדש [1] איז אויפֿגעשטאַנען אַ מלך מיטן נאָמען באַסיליוס, וואָס האָט באַשלאָסן צו פֿאַרלענדן די שארית ישׂראל, אָפּוועגדן די ייִדן פֿון דער תּורה און אַראָפּפֿירן זיי צו ישוס אמונה". ער האָט פֿונאַנדערגעשיקט אין אַלע שטעט שלוחים מיט דער פֿאָדערונג, אַז אַלע ייִדן זאָלן זיך גרייטן צום שמד. אַז די שלוחים זײַנען געקומען אין דער שטאָט אָריאַ, האָבן זיי באַוויזן דעם ראָש פֿון דער קהילה שפֿטיהן אַ בריוו מיטן קיסרס חותם, וואָס האָט אים באַפֿוילן צו קומען צו פֿאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. שפֿטיה האָט אויסגעפֿאָלגט דעם באַפֿעל. אין דער הויפּט־שטאָט האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט דעם קיסר און האָט מיט אים פֿאַרפֿירט אַ שמועס וועגן רעליגיעזע ענינים. בכדי צו איבערצײַגן דעם ייִדישן געלערנטן אין דער גרויסקייט פֿון דער קריסטלעכער אמונה, האָט דער קיסר אים געפֿירט באַווײַזן דאָס שײַנדל פֿון זײַן הויפּטשטאָט — די גרויסאַרטיקע קירך פֿון דער הייליקער סאָפֿיאַ. דערבײַ האָט באַסיליוס געפֿרעגט זײַן גאַסט, אויף וואָסער בנין איז געוואָרן אויסגענוצט מער גאָלד — אויפֿן בית־המקדש אין ירושלים אָדער אויפֿן קאָנסטאַנטינאָפּאָלער טעמפּל. האָט שפֿטיה אויסגערעכנט לויטן תּנך, אַז אויף שלמהס בית־המקדש איז אַוועקגעגאַנגען אַ סך מער גאָלד און זילבער ווי אויף דער קירך פֿון דער הייליקער סאָפֿיאַ. אַז באַסיליוס האָט אײַנגעזען די חכמה און די הייליקייט פֿון שפֿטיהן, האָט ער צו אים געזאָגט: מײַן טאָכטער איז קראַנק, עס איז אין איר אַרײַן אַ רוח, און קיינער קאָן זי ניט אויסהיילן; העלף מיר, היילן זי אויס פֿון דער קרענק. שפֿטיה האָט דערויף מסכּים געווען. לויט זײַן פֿאָדערונג האָט מען די קראַנקע אַריבער־געטראָגן אין איינעם פֿון די חדרים פֿון פּאַלאַץ באָקאָלעאָנע („לייבנמויל"), ווו עס זײַנען ניט געווען קיין קריסטלעכע הייליקע בילדער. דעמאָלט האָט ער גענומען באַשווערן דעם שד מיטן שם־המפֿורש, אַז ער זאָל אַרויסגיין פֿון דעם מיידל. דער שד האָט זיך אָפּגערופֿן, אַז עס געשיקט זיך ניט פֿאַר אַ פֿרומען ייִדן צו היילן די טאָכטער פֿון אַ רשע, וואָס רודפֿט דאָס ייִדישע פֿאָלק; דערויף האָט דער באַשווערער געענטפֿערט, אַז אַדרבא, ער טוט דאָס, כדי מקדש צו זײַן שם שמים, בכדי דער קיסר זאָל אײַנזען דעם כּוח פֿון דעם ייִדישן גאָט. דעמאָלט איז דער שד אַרויס פֿון דעם מיידל, און זי איז געזונט געוואָרן. דער קיסר איז געווען גליקלעך, נאָר פֿאָרט האָט ער ניט געגלייבט אין ייִדישן גאָט, נאָר פֿאַרקערט, ער האָט גענומען צוריידן שפֿטיהן, ער זאָל

---

1 דאָס הייסט אין יאָר 870 פֿון דער קריסטלעכער צײַט, וואָרעם דער בית־המקדש איז צעשטערט געוואָרן אין יאָר 70 פֿון דער קריסטל' צײַט.

אָנגענומען דעם קריסטלעכן גאָט, וואָס יענער האָט נאַטירלעך ניט געוואָלט. אַז באַסיליוס האָט געפֿרעגט שפֿטיהן, מיט וואָס זאָל ער אים אָפּצאָלן דערפֿאַר וואָס ער האָט געראַטעוועט זײַן טאָכטער, האָט יענער געענטפֿערט, אַז ער בעט, דער קיסר זאָל מבֿטל זײַן די גזרה אויף ייִדן, לכל הפּחות זאָל ער פֿאַרשוינען די קהילה אין אָריאַ. דער קיסר האָט געמוזט די בקשה נאָכגעבן, און אַזוי האָט די ייִדישע קהילה אין אָריאַ געקראָגן די פֿרײַהייט צו האַלטן איר אמונה. דערפֿאַר איז אין אַנדערע ערטער דער דעקרעט וועגן פֿאַרבאָט פֿון ייִדישקייט אָנגעוווענדט געוואָרן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, און „די זון איז אונטערגעגאַנגען" פֿאַר ייִדן אין דער רעגירונגס־צײַט פֿון אָט דעם פֿינצטערן פֿאַנאַטיקער. ערשט זײַן זון און יורש, לעאָ VI דער פֿילאָסאָף (911—886) — איז מוסיף דער מחבר פֿון דער פֿאַמיליען־כראָניק — האָט דערלויבט ייִדן צו האַלטן פֿרײַ זייער גלויבן.

אין די ביזאַנטישע קאָדעקסן פֿון די קיסרלעכע געזעצן, די אַזוי גערופֿענע „באַסיליקעס", זײַנען פֿאַרבליבן דעקרעטן פֿון לעאָ VI, וואָס דורך זיי ווערט פֿאַרזיכערט די אומבאַרירלעכקייט פֿון די סינאַגאָגעס, נאָר עס ווערט פֿאַרשמעלערט די אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿון די ייִדישע קהילות: ייִדן האָבן געמוזט משפּטן זיך פֿאַר די אַלגעמיינע געריכטן און אָפּהיטן די אַלגעמיין־מלוכהשע געזעצן בנוגע שידוכים. עס איז אויך באַנײַט געוואָרן דער פֿאַרבאָט פֿון יוסטיניאַנס צײַטן, אַז עס טאָר ניט זײַן בײַ ייִדן קיין Deuterosis, דאָס הייסט תּורה שבעל פּה (תּלמוד) און קיין דרשות אין די שולן טאָרן ניט געהאַלטן ווערן. נאָר אַזעלכע באַגרענעצונגען אין גײַסטיקן לעבן האָבן קוים געקאָנט ווערן אויסגעפֿירט. עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן פֿאַר ייִדן אַ דערנידעריקנדיקע פֿאָרם פֿון שבֿועה אין געריכט, ענלעך צו דער, וואָס איז בשעתו אײַנגעפֿירט געוואָרן אין מיטל־אייראָפּע דורך די קאַפּיטולאַרן פֿון קאַרל דעם גרויסן (אויבן, § 12). דער ייִד, וואָס האָט באַדאַרפֿט אָפּגעבן אַ שבֿועה פֿלעגט זיך מוזן אַרומגאַרטלען מיט דערנערצווײַגן און האַלטנדיק אין דער האַנט אַ ספֿר תּורה, האָט ער געמוזט זאָגן אַזוי: „אין נאָמען פֿון דעם האַר דעם גאָט פֿון אונדזערע אָבֿות, וואָס האָט באַשאַפֿן הימל און ערד און האָט אונדז געפֿירט דורכן ים־סוף אין הייליקן לאַנד אַרײַן, שווער איך, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן. אויב מען וועט דערווײַזן, אַז איך האָב געזאָגט ליגן, זאָל דער אייבערשטער מיך שטראָפֿן מיט דער צרעת פֿון גחזי און נעמען און מיט דער קללה פֿון עלי הכּהן, און זאָל די ערד עפֿענען איר מויל און אײַנשלינגען מיך לעבעדיקערהייט, אַזוי ווי דתנען און אַבֿירמען".

אַ מטושטשע ידיעה וועגן צוואַנג־שמדן איז דערגאַנגען צו אונדז פֿון דער צײַט פֿון ביזאַנטישן קיסר ראָמאַנוס לעקאַפּענוס (944—920), דעם מיטרעגירער פֿון קאָנסטאַנטין פּאָרפֿיראָגענעטוס. אין דעם ניט לאַנג געפֿונענעם

פֿראַגמענט פֿון דעם „כּוזרים־בריוו“ ווערט דערמאָנט וועגן „שמד אין דער צײַט פֿון דעם רשע ראָמאַנוס“. דער נאָמען פֿון דעם דאָזיקן קיסר ווערט אָנגערופֿן אויך אין דעם אויבן (§ 15) דערמאָנטן בריוו פֿון ווענעציע צום קיסר היינריך I (אַרום 932), ווו עס ווערט מיטגעטיילט, אַז דער פּאַטריאַרך פֿון ירושלים האָט געפּועלט בײַם קיסר ראָמאַנוס אָפּצושמדן אַלע ייִדן אין ביזאַנץ, און אַז אַ סך פֿון זיי זאָלן כּלומרשט האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה מיטן גוטן ווילן, ווען זיי זײַנען געוואָר געוואָרן וועגן די „מופֿתים“ בײַם האָרס קבֿר אין ירושלים. משמעות, אַז ווי־ניט־ווי האָבן ייִדן „מיטן גוטן ווילן“, דאָס הייסט אויס מורא פֿאַר אַ גירוש, אָנגענומען קריסטנטום לפּנים, אָבער וועגן אַן אַלגעמיינעם שמד קאָן קיין רייד ניט זײַן, וואָרעם אין פֿאַל פֿון רדיפֿות האָבן ייִדן געהאַט אַן אויסוועג: צו עמיגרירן קיין טאַוריס (קרים) אָדער אין דער ייִדישער מלוכה פֿון די כּוזרים.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 10טן יאָרהונדערט, אונטער די קיסרים קיניפֿאָרוס פֿאָקאָס און יאָאַנעס צימיסכיאָס (963—976), האָבן די ביזאַנטיער אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות איבער די אַראַבער אין סיריע און האָבן אײַנגענומען אַנטיוכיאַ און אַלעפּאָ, און די ייִדן אין ארץ־ישׂראל האָבן מיט שרעק געוואַרט, אַז עס זאָל אויפֿגעריכט ווערן די ממשלה פֿון די „אדומים“ איבערן הייליקן לאַנד. די ביזאַנטישע חיילות האָבן זיך טאַקע דערנעענטערט צו ארץ־ישׂראל, נאָר דאָס מאָל איז דער שטורעם פֿאַרבײַ. ערשט אין 125 יאָר אַרום איז געקומען קיין ירושלים די אַרמיי פֿון די קרייצפֿאָרערס, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך ביזאַנץ.

מען מעג בכלל משער זײַן, אַז די פֿאַלן פֿון צוואַנג־שמדן אָדער גירושים אין ביזאַנץ זײַנען פֿאַרגעשטעלט אין שטאַרק גוזמאדיקער געשטאַלט סײַ אין די קריסטלעכע, סײַ אין די ייִדישע מסורות. עס זײַנען טאַקע געווען מאָמענטן, ווען עס פֿלעגט אויפֿפֿלאַקערן דער רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם, און דעמאָלט האָבן געליטן סײַ ייִדן און סײַ די קריסטלעכע סעקטאַנטן, אָבער צווישן אָט די מאָמענטן האָבן זיך געצויגן לאַנגע פּעריאָדן, ווען עס האָט זיך געלעבט לפּי ערך רויִק. דער ביסקופּ פֿון דער סעקטע נעסטאָריאַנער אליהו פֿון נציבֿין שרײַבט (אַרום יאָר 1000), אַז ייִדן לעבן אין ביזאַנץ בעסער ווי די נעסטאָריאַנער. „די ראָמײַער (ביזאַנטיער) לאָזן ייִדן לעבן אין זייערע מדינות, באַשיצן זיי, דערלויבן זיי אָפּצוריכטן עפֿנטלעך זייער קולט און צו בויען סינאַגאָגעס. אַ ייִד מעג אין דער דאָזיקע מלוכה עפֿנטלעך דערקלערן: איך בין אַ ייִד. ער האַלט פֿרײַ זײַן רעליגיע, ריכט אָפּ עפֿנטלעך תּפֿילות און ווערט דערפֿאַר ניט באַשטראָפֿט, מען שטערט אים ניט אָפּצוהיטן זײַנע רעליגיעזע צערעמאָניעס און בכלל מאַכט מען אים ניט קיין שוועריקייטן“. פֿאַרשטייט זיך, אַז שוועריקייטן און אַ מאָל שווערע עוולות פֿלעגט מען גראָד

יאָ אָנטון ייִדן, אָבער דאָס איז דער געוויינטלעכער גורל פֿון אַלע פּרעמדגלויי־ביקע און אַפֿילו סעקטאַנטן אין דער הערשנדיקער קירך.

שׂנאה צו ייִדן האָבן געזייט די קריסטלעכע מאָנאַכן, וואָס זייער צאָל איז געווען זייער גרויס אין אָט דעם לאַנד פֿון קירכן און קלויסטערס. אין דער „לעבנס־באַשרײַבונג פֿון דעם הייליקן ניקאָן", וואָס האָט געלעבט אין 10טן י"ה, ווערט דערציילט אַזאַ מעשׂה: אין ספּאַרטאַ האָט געווילדעוועט אַ מגפֿה, און די אײַנוווינער האָבן זיך געווענדט צום מאָנאַך ניקאָן מיט דער בקשה, ער זאָל דורך זײַן תּפֿילה אויסלייזן די שטאָט פֿון דער פּלאָג. דער מאָנאַך האָט דערויף מסכּים געווען, אָבער מיט דעם תּנאַי, אַז פֿון שטאָט זאָלן פֿאַרטריבן ווערן אַלע ייִדן, „וואָס פֿאַראומרייניקן די שטאָט דורך זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס". האָבן די גריכן אַרויסגעטריבן די ייִדן, און דער מאָנאַך האָט באַוויזן זײַן „מופֿת" און מציל געווען די שטאָט פֿון דער מגפֿה. מער ניט איין גריך מיטן נאָמען אַראַטאָס איז געווען אויפֿגעבראַכט דורך ניקאָנס אויפֿפֿיר און האָט דערקלערט, אַז אַרויסטרײַבן האָט מען באַדאַרפֿט דעם מאָנאַך, און ניט די ייִדן. איין מאָל האָט אַראַטאָס מיטגעבראַכט מיט זיך אין שטאָט אַרײַן אַ ייִדן אַ בעל־מלאכה, וואָס ער האָט אים געדאַרפֿט האָבן, ער זאָל אים אָפּפֿאַרבן געוואַנט. אַז דער פֿאַנאַטיקער ניקאָן איז וועגן דעם געוואָר געוואָרן, איז ער אַרײַן אין כּעס און איז געקומען מיט אַ פּלאָקן שלאָגן דעם ייִדן. נאָר אַראַטאָס האָט אים אָפּגעשטויסן, און דער מאָנאַך איז אַוועק פֿון אים, נאָך מער פֿאַרביטערט קעגן ייִדן און קעגן זייערע באַשי־צערס. אין אָט דער מעשׂה איז פֿאַראַן אַ סימבאָל: די גײַסטלעכקייט האָט אָפֿט געהאַט אַ פּעולה מיט איר אַנטי־ייִדישער אַגיטאַציע, אָבער זי איז ניט געווען בכּוח צו צעשטערן יענעם עקאָנאָמישן סדר, וואָס ייִדן זײַנען אין אים געווען אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר.

ניט געקוקט אויף אַלע שטערענישן, האָבן ייִדן געוווינט אין אַלע שטעט פֿון גריכנלאַנד און די איבעריקע טיילן פֿון באַלקאַנישן האַלב־אינדזל, און אויך אין די ביזאַנטישע טיילן פֿון קליין־אַזיע, האָבן זיך פֿאַרנומען מיט מלאָכות, און באַזונדערס מיט אויסאַרבעטן זײַדענע געוועבן, און האָבן אויס־געבויט זייער געמיינדע־לעבן אויף אויטאָנאָמע יסודות. דער ייִדישער רײַזנ־דער פֿון 13טן י"ה בנימין פֿון טודעלאַ האָט אָנגעטראָפֿן אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע אַ ברייטע נעץ פֿון אַזעלכע אָרגאַניזירטע געמיינדעס מיט אַ האָרע־פּאַשנער, פֿאַרמעגלעכער באַפֿעלקערונג (ווײַטער, § 53).

§ 21. די גײַסטיקע קולטור אין איטאַליע און ביזאַנץ

אין פּרט פֿון קולטור האָבן די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון ביידע האַלב־אינדזלען פֿון דרום־אייראָפּע געבילדעט אין יענער תּקופֿה כּמעט ווי איין

גאַנצקייט. דרום־איטאַליע אונטער דער ביזאַנטישער איבערהערשאַפֿט איז געווען אַזוי ווי אַ פֿאַרבינד־רינגעלע צווישן דער ראָמאַנישער און דער גריכישער קולטור. אַ ייִד וואָס האָט אין לאָמבאַרדיע און רוים גערעדט איטאַליעניש, האָט באַנוצט גריכיש אין אַפּוליע און אַראַביש אין סיציליע, און האָט פֿאַרשטייט זיך גערעדט גריכיש אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין מאַקעדאָניע, טעסאַליע און אין גריכנלאַנד. נאָר בײַ אַט דער שפּראַכן־פֿאַרשיידנקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן ייִדן געהאַט איין ליטעראַטור־שפּראַך וואָס האָט זיי פֿאַראייניקט — דאָס איז העברעיִש. אויבן (§ 19) איז שוין געווען אָנגעוויזן דערויף, אַז אין די אויפֿשריפֿטן אויף די מצבֿות איז מען אין דרום־איטאַליע איבערגעגאַנגען צו דער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

איצט וועלן מיר זען, ווי אַזוי אַט די שפּראַך האָט אויפֿגעלעבט אין לעבעדיקע מאָנומענטן פֿון דער ליטעראַטור. דאָס האָט זיך גענומען דערפֿון, וואָס עס זײַנען צוגעקומען פֿרישע כּוחות פֿון די גײַסטיקע צענטערס פֿון די מזרח־לענדער. דער וועג פֿון ארץ־ישׂראל און בבֿל קיין מערבֿ־אייראָפּע איז געגאַנגען דורך איטאַליע און ביזאַנץ, און די דאָזיקע לענדער, צוזאַמען מיט שפּאַניע זינט דער אַראַבישער באַצווינגונג, זײַנען געווען אָפּשטעלפּונקטן פֿאַר דער ייִדישער קולטור אויף איר וועג פֿון מזרח קיין מערבֿ. פֿרי זײַנען דאָ אויפֿגעקומען ישיבֿות. אין דער „מגלת אחימעץ" ווערט דערמאָנט וועגן אַ נעץ ישיבֿות אין די קהילות פֿון דרום־איטאַליע. נאָך אין 12טן י"ה האָט מען ציטירט אַן אַלטע מימרא: „מבארי תצא תורה ודבר ה' מאוטרנטו". פֿון לוקאַ אין לאָמבאַרדיע האָט זיך אַריבערגעקליבן, ווי עס איז שוין דערציילט, קיין דײַטשלאַנד, די פֿאַמיליע תּלמידי חכמים פֿון די בני־קלונימוס, וואָס האָבן פֿאַרשפּרייט תּורה אין אַט דעם לאַנד. נאָר יענע ריין תּלמודישע וויסנשאַפֿט, וואָס האָט זיך אַזוי רײַך אַנטוויקלט אין פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד, האָט זיך אין ביזאַנטיע און איטאַליע ניט אײַנגעוואָרצלט. די דאָזיקע צוויי לענדער זײַנען מער געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון ארץ־ישׂראל, איידער פֿון בבֿל. בעת ווען די הלכה האָבן די איטאַליעניש־ביזאַנטישע קאָלאָניעס איבערגעלאָזט אויפֿן חלק פֿון די מער צפֿונדיקע לענדער, האָבן זיי איבערגענומען פֿון ארץ־ישׂראל דעם עלעמענט פֿון אגדה, די ליבע צום מדרש, צו דער דרשנות און צו דעם מיט איר פֿאַרבונדענעם פּיוט. עס איז שווער צו באַשטימטן פּינקטלעך, וואָסערע ווערק פֿון דער אַנאָנימער מדרש־ליטעראַטור זײַנען אויפֿגעקומען אין איטאַליע און ביזאַנץ, — נאָר אייניקע פֿון די שאַפֿונגען פֿון דעם מין טראָגן אויף זיך בפֿירוש דעם חותם פֿון אַט די לענדער.

צו דעם מין ווערק געהער דער מדרש „תנא דבי אליהו" (אָדער „סדר אליהו"). לויט אייניקע רמזים אין דעם ספֿר מעג מען דרינגען, אַז זײַן מחבר איז געווען אַ וואַנדערנדיקער דרשן און אַז ער האָט געלעבט אין איטאַליע

אָדער ביזאַנץ אין דער צווייטער העלפֿט 10טן י"ה (די צוויי דאַטעס וואָס ווערן געבראַכט אין טעקסט: 900 יאָר נאָכן חורבן בית־המקדש און 4744 יאָר נאָך דער וועלט־באַשאַפֿונג זײַנען די יאָרן 970 און 984 פֿון דער קריסטלעכער צײַט). אָפּקלאַנגען אויפֿן דרוק פֿון דער קריסטלעכער סבֿיבֿה זײַנען יענע ערטער פֿון די דרשות, ווו דער מחבר גיסט אויס זײַן כּעס אויף „רוים דער מרשעת" אָדער אויף דער „מלכות הרשעה". דער הייסער פֿאַרלאַנג נאָך דער גאולה און דער טיפֿער גלויבן אין דער נאָענטקייט פֿון דעם גרויסן יום־הדין, ווען די פֿעלקער וועלן געמשפּט ווערן, גיבן דעם דרשן די מיגלעכקייט אונטער־צוהאַלטן דעם גײַסט אין זײַנע צוהערערס. ער רעדט געוויינטלעך אין נאָמען פֿון אליהו הנבֿיא, דעם מבֿשׂר פֿון משיחן, אין אַזאַ נוסח: „איין מאָל בין איך געגאַנגען פֿון איין אָרט אין אַן אַנדערן און האָב באַגעגנט איינעם אַ זקן. האָט ער בײַ מיר געפֿרעגט: צי וועלן זײַן אַנדערשגלייביקע אין די טעג פֿון בן־דוד (משיח)? האָב איך אים געענטפֿערט: אַלע פֿעלקער און מלוכות, וואָס האָבן געפּײַניקט ייִדן און האָבן זיי געדריקט, וועלן זען די ייִדנס פֿרייד און וועלן דערפֿון זיך שטאַרק מצער זײַן און וויינען בײַ זיך אין הארצן, דערנאָך וועלן זיי ווערן צו שטויב און וועלן שוין קיין מאָל זיך ניט אומקערן; יענע אָבער, וואָס האָבן ניט געפּײַניקט ייִדן און געדריקט זיי, וועלן זען די ייִדנס שׂמחה און וועלן זײַן בײַ ייִדן ערד־אַקערער און ווײַנגערטנער" (אליהו רבא[1], קאַפּ' כב). „גאָט אין הימל! — רופֿט אויס דער מחבר מיט געפֿיל — עס איז דאָך באַוווּסט, אַז דו וואַרטסט אויף די טעג, ווען ישׂראל וועט זוכה זײַן, אַז בן־דוד זאָל קומען. דו ווייסט דעמאָלט געפֿינען אין ישׂראל סײַ קענערס פֿון מקרא, סײַ געלערנטע אין משנה, סײַ ערלעכע סוחרים. איך רוף פֿאַר אַן עדות הימל און ערד: גאָט וואַרט אויף ישׂראל (אין הייליקן לאַנד) מיט אַ גרעסערער אומגעדולד, ווי אַ פֿאָטער וואַרט אויף אַ זון אָדער אַ פֿרוי אויף אַ מאַן. ער וויל, ייִדן זאָלן תּשובֿה טון, כּדי ער זאָל קאָנען זיי אויסלייזן און אויפֿבויען פֿאַר זיי דעם בית־המקדש וואָס וועט שוין קיין מאָל ניט חרובֿ ווערן" (קאַפּ' ל"א). טייל מאָל גייט די דרשה אַריבער אין אַ הייסער תּפֿילה, וואָס האָט באַדאַרפֿט אויפֿטרייסלען די צוהערערס: „האַר פֿון דער וועלט! טו אַ קוק אויף אונדזער פּײַן און נעם זיך אָן פֿאַר אונדז און זאָלן אויפֿגיין פֿאַר דיר די עוולות וואָס מען טוט אונדז אָן יעדע שעה! — דערמאָן זיך וויפֿל זײַנען פֿאַראַן בײַ ייִדן בעלי־בתּים וואָס האָבן קיין פּרנסה ניט, און פֿאָרט זײַנען זיי תּמיד עוסק אין דער תּורה. דערמאָן זיך ווי פֿיל אָרעמע לײַט זײַנען פֿאַראַן אין ישׂראל, וואָס די גויים רײַסן בײַ זיי דאָס פֿלייש אַראָפּ (מיט שווערע

1 דער ספֿר איז אײַנגעטיילט אין צוויי טיילן, א גרעסערן און א קלענערן: „אליהו רבא" און „אליהו זוטא".

אָפּצאָלן), און זיי זײַנען פֿאָרט תּמיד עוסק בתּורה... פֿאָטער מײַנער אין הימל, דו האָסט אונדז געשריבן דורך דײַן קנעכט יונה הנבֿיא: „ווי אַזוי זאָל איך ניט פֿאַרשוינען די גרויסע שטאָט נינוה, ווו עס זײַנען פֿאַראַן מער פֿון צוועלף מאָל צען טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן ניט פֿון רעכטס ביז לינקס און בהמות אַ סך! אַזוי ווי דו האָסט זיך דערבאַרעמט איבער נינוה, דערבאַרעם זיך אויך איבער אונדז" (קאַפּ׳ י"ט). דער מחבר האָט ניט קיין געפֿיל פֿון שׂנאה לגבי די אַרומיקע פֿעלקער און פֿאָדערט, אַז ייִדן זאָלן אין געשעפֿטן מיט אַנדערש=גלייביקע האַנדלען ערלעך, ניט אָפּנאַרן זיי, אָבער צו גלײַך וואָרנט ער פֿאַר צו פֿיל התקרבֿות מיט ניט=ייִדן: מען טאָר ניט עסן בײַ איין טיש מיט זיי און ניט פֿירן מיט זיי קיין פֿרײַנדשאַפֿט, וואָרעם דערפֿון קאָן אַרויסקומען אַ סכּנה פֿאַרן ייִדישן משפּחה=לעבן (קאַפּ׳ ח׳). אין אַ צווייטן אָרט (קאַפּ׳ כ"א) דערקלערט דער מחבר זײַנע חששות מיט אַזאַ מעשׂה: דער פֿאָטער פֿון איין ייִדישער מיידל איז געווען שטאַרק אויפֿגעטראָגן מיט זײַנעם אַ שכן אַ גוי, האָט געגעסן, געטרונקען און זיך משׂמח געווען מיט אים; איין מאָל האָט דער שכן געבעטן, אַז דער ייִד זאָל אים געבן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב, און דער פֿאָטער איז באַשטאַנען, נאָר די טאָכטער האָט דעם שידוך ניט געוואָלט, און ווען עס איז געקומען דער טאָג פֿון דער חתונה, האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דאַך פֿון הויז און איז געשטאָרבן. ווען מען דערמאָנט זיך אָן די קירכלעכע קאַנאָנען, וואָס האָבן פֿאַרבאָטן קריסטן צו נעמען אָנטייל אין ייִדישע סעודות און זיך באַפֿרײַנדן מיט ייִדן און אַפּשיטא שוין זיך משדך זײַן מיט זיי, וועט ווערן קלאָר, אַז אַזעלכע התראות זײַנען געווען דורכויס באַרעכטיקט אין די תּנאים פֿון יענער צײַט. בכלל אָבער איז אָט דער „מדרש אליהו" דורכגענומען מיטן גײַסט פֿון דער ריינסטער און העכסטער מאָראַל, מענטשן=ליבע און טיפֿן מיטגעפֿיל צו אַלץ וואָס לײַדט. דעם מחברס וואָרט דרינגט אַרײַן טיף אין דער נשמה. דער לייענער ווערט פֿאַרכישופֿט מיט די אַלע רירנדיקע שטראָפֿרייד, מיט די שיינע משלים, מיט די דערציילונגען פֿון דעם סודותפֿולן וואַנדערער וועגן זײַנע באַגעגענישן און שמועסן מיט מענטשן. מען האָט באַדאַרפֿט זײַן ניט בלויז אַ מאָראַליסט, נאָר אויך אַ פּאָעט, כּדי צו האַלטן אַזעלכע רעדעס און אָנצושרײַבן אַזאַ ספֿר, דעם בעסטן פּערל פֿון דער מדרש=ליטעראַטור.

דער מדרש=אליהו איז מן הסתּם ניט געווען דאָס איינציקע ווערק פֿון יענער תּקופֿה, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפֿן באָדן פֿון איטאַליע אָדער ביזאַנץ. מען איז משער, אַז אין יענע לענדער און אין יענער תּקופֿה זײַנען צונויפֿגעשטעלט געוואָרן דער אַנאָנימער „מדרש תּהלים" אָדער „שוחר טובֿ" און דער מדרש צום חומש, וואָס עס האָט צונויפֿגעשטעלט רבי טובֿיה בן אליעזר אונטערן טיטל „לקח טובֿ" (באַוווּסט אויך אונטערן נאָמען „פּסיקתּא זוטרתא").

לויט די השערות פֿון די מאָדערנע פֿאָרשער האָט ר׳ טוביה געלעבט אין ביזאַנץ אין דער צווייטער העלפֿט 11טן י״ה און האָט אפֿשר דערלעבט ביז צום ערשטן קרייצצוג.

פונקט ווי אין ארץ־ישׂראל, אַזוי איז אויך דאָ דער דירעקטער המשך פֿון דער מדרש־ליטעראַטור געווען די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע, דער פּיוט. דער פּײַטן איז געגאַנגען אין די פוסטריט פֿון דעם דרשן. פֿון די עלטסטע פּײַטנים רופֿט די מסורה אָן שפֿטיה און אמתי, גלידער פֿון יענער באַרימטער משפּחה פֿון דער שטאָט אָריאַ, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ אָנגעזעענע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון ייִדן אין דרום־איטאַליע און ביזאַנץ (§§ 19–20). מען איז משער, אַז וועגן די דעמאָלטיקע רדיפֿות פֿון קיסר באַסיליוס I, סוף 9טן י״ה, האָט דאָס שפֿטיה פֿאַרפֿאַסט יענע סליחה, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „ישׂראל נושע״ (זי ווערט געזאָגט אין צווייטן טאָג סליחות אין דער וואָך פֿאַר ראש השנה):

זיי קלאַפּן אין דײַנע טויערן אָרעם און דערשלאָגן,
זייער שטיל געבעט פֿאַרנעם, אָ גאָט, וואָס דו לעבסט אויבן!
אײַנגעשראָקן זײַנען זיי דורך די באַדריקונגען פֿון זייערע לעסטערער,
פֿאַרלאָז זיי ניט דו, גאָט פֿון זייערע אבֿות!
זאָלן זיי געהאָלפֿן ווערן פֿאַר אַלעמענס אויגן, און רשעים זאָלן איבער זיי ניט געוועלטיקן,
פֿאַרלענד שׂעיר און זײַן שווער,[1] און זאָלן אויפֿגיין העלפֿערס קיין ציון.

דאָ שפּירט זיך שוין דער גײַסט פֿון דער פֿראַנצייזיש־דײַטשער סליחות־פּאָעזיע, וואָס איז אין 10טן י״ה געוואָרן אַריבערגעטראָגן פֿון איטאַליע אויף די ברעגעס פֿון ריין. אין דעם גײַסט האָט געשריבן זײַנע סליחות דער רוימישער פּײַטן שלמה בן יהודה הבבלי (דער צונאָמען „בבלי״ באַטײַט דאָ משמעות אָ געבוירענער אָדער אַן אײַנוווינער פֿון רוים, וואָרעם אין דער העברעיִשער ליטעראַטור ווערט רוים אין מיטלעלטער אַ מאָל מעטאַפֿאָריש באַצייכנט דורך בבל), וואָס האָט געלעבט אַרום יאָר 950. אין רוים איז אויך געבאָרן געוואָרן דער פּײַטן משולם פֿון דער משפּחה בני קלונימוס, וואָס האָט אַריבערגעוואַנדערט קיין דײַטשלאַנד צום סוף 10טן י״ה און ווערט צוגערעכנט צו דער מאַינצער גרופּע שרײַבערס (§ 17) — אַ לעבעדיקער סימבאָל פֿון דער ליטעראַרישער פֿאַראייניקונג פֿון איטאַליע און דײַטשלאַנד.

---

[1] עשׂו און ישמעאל, די לעגענדאַרע אבֿות פֿון די רוימער און אראַבער. אין די צענזורירטע אויסגאַבעס פֿון סליחות איז די דאָזיקע סטראָפֿע אומגעביטן.

די ליטעראַטור־שאַפֿונג, וואָס האָט זיך אויפֿגעוועקט אין איטאַליע, האָט
אָנגערירט אויך יענעם צווײַג, וואָס איז שוין לאַנג געווען פֿאַרלאָזן אין דעם
ייִדישן שריפֿטום — דאָס איז די היסטאָריאָגראַפֿיע. ביזן 10טן יאָר־
הונדערט איז פֿאַרבליבן מחוץ דער העברעיִשער ליטעראַטור דער המשך פֿון
דער ביבלישער געשיכטע, וואָס איז נכלל אין די קלאַסישע ווערק פֿון יוסף
פֿלאַוויִוס: „די ייִדישע אַלטערטימער" און „די ייִדישע מלחמות". יוספֿס
ווערק, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין רוים אויף גריכיש און וואָס
געשריבן האָט זיי דער גלילער קריגספֿירער, וואָס איז אַריבער בעת דער
גרויסער נאַציאָנאַלער מלחמה אויפֿן צד פֿון די רוימער, זײַנען פֿאַרטרונקען
געוואָרן אין דעם כאַאָס פֿון דער ייִדיש־העלענישער ליטעראַטור, וואָס פֿרומע
ייִדן, די שונאים פֿון „חכמה יונית", האָבן זיך געהאַלטן פֿון איר פֿון דער
ווײַטנס. אַזוי אַרום האָבן ייִדישע לייענערס קיין שום ידיעה ניט געהאַט
וועגן די לעצטע יאָרהונדערטער פֿון דער ייִדישער מלוכה, וואָרעם אין דער
תּלמודישער ליטעראַטור זײַנען פֿון דער תּקופֿה פֿאַראַן נאָר מאָגערע לעגענ־
דעס. דאָס האָט געהאַט אין זינען אַ ייִדישער שרײַבער, וואָס האָט משמעות
געלעבט אין רוים אין דער צווייטער העלפֿט 10טן י"ה, און האָט זיך פֿירגע־
נומען אונטערצוטראָגן זײַן פֿאָלק די שילדערונג פֿון זײַן פֿאַרגעסענער נאַציאָנאַ־
לער געשיכטע. אַזוי ווי דער גריכישער אָריגינאַל פֿון יוסף פֿלאַוויִוסעס
ווערק איז צו גרויס און צו שווער, האָט ער אויסגענוצט די לאַטײַנישע
באַאַרבעטונג פֿון די „ייִדישע מלחמות", וואָס איז אין פֿריִען מיטלעלטער
געווען פֿאַרשפּרייט אונטערן נאָמען „העגעזיפּוס בוך" (Hegesippus איז די
לאַטיניזירטע פֿאָרם פֿון דעם נאָמען Josephus). דער ייִדישער קאָמפּילאַטאָר
האָט צו אָט דער באַאַרבעטונג צוגעגעבן אויסצוגן פֿון יוספֿס „אַלטערטימער",
פֿון „ספֿר חשמונאים" און פֿון אייניקע אַלגעמיינע היסטאָרישע מקורים און
האָט דאָס אַלץ איבערגעגעבן אויף אַ גוטן העברעיִש. פֿאַרן מחבר פֿון בוך
האָט ער אָנגערופֿן יוסף בן גוריון, אָנשטאָט פֿלאַוויִוסעס אמתן ייִדישן נאָמען —
יוסף בן מתּתיהו (דער קאָמפּילאַטאָר האָט באַשײַמפּערלעך צונויפֿגעמישט דעם
נאָמען פֿון דעם היסטאָריקער מיטן נאָמען פֿון ירושלימער אָנפֿירער, וואָס
ווערט דערמאָנט אין דעם אָריגינאַל פֿון „די ייִדישע מלחמות" בוך II, קאַפּ' 20,
§ 3). אַזוי איז אַרויסגעקומען דאָס בוך, וואָס איז אין גיכן שטאַרק מפֿורסם
געוואָרן אונטערן נאָמען „יוסיפֿון" („קליינער יוסף"). דער אַנאָנימער צונויפֿ־
שטעלער גייט נאָך בלינד נאָך דעם אַלטן מקור אַפֿילו אין יענע טיילן, ווו
ער איז טענדענציעז, למשל, אין דער נעגאַטיווער כאַראַקטעריסטיק פֿון די
פּאַטריאָטן די קנאים, וואָס ער רופֿט זיי אָן נאָך יוספֿן „באַנדיטן" (פּריצים).
צווישן די פֿיל הוספֿות פֿון דעם קאָמפּילאַטאָר זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס
ווײַזן אויף דער צײַט, ווען דאָס בוך איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן. אין די

ערשטע קאַפּיטלען, ווו עס איז פֿאַראַן אַ רשימה פֿון פֿעלקער און מלוכות, וואַרפֿן זיך אין די אויגן די נעמען פֿון די נײַע אייראָפּעיִשע לענדער און פֿעלקער (פֿראַנקען, בורגונדער, אַלעמאַנער, כּוזרים, בולגאַרן, אונגערן, רוסן וכדו׳). אַ באַזונדער אויפֿמערק איז צוגעטיילט דער לעגענדאַרישער געשיכטע און דער טאָפּאָגראַפֿיע פֿון דער שטאָט רוים, און דערבײַ איז קענטיק, אַז דער מחבר האָט אויסגענוצט די „באַשרײַבונג פֿון דער גילדערנער שטאָט רוים“ (Graphia aureae urbis Romae), וואָס האָט זיך דעמאָלט באַוויזן. בפּרטיות ווערט באַשריבן די קריינונג פֿון די קיסרים אין רוים אין דער פֿאָרם, ווי זי איז אויסגעפֿירט געוואָרן בײַ דער קריינונג פֿון דעם דײַטש-רוימישן קיסר אָטאָ I (962). אויך צו באַצייכענען געלטאייִנסן באַנוצט ער די נעמען פֿון די דעמאָלטיקע איטאַליענישע מטבעות. די פֿײַנע עקספּאָזיציע, די גרינגע שפּראַך, די שיינע רעדעס, וואָס דער קאָמפּילאַטאָר לייגט אָפּט אַרײַן אין מויל פֿון די העלדן, אומאָפּהענגיק פֿון יוסף פֿלאַוויוסעס רעטאָריק, — דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן לייענער צום „יוסיפֿון“. דאָס בוך האָט געקראָגן אַ גרויסן פּירסום. שוין אין 11טן י״ה האָט זיך באַוויזן אין שפּאַניע אַן אַראַבישע איבערזעצונג פֿון דעם. באַלד נאָך דער אויסגעפֿינונג פֿון דער בוך-דרוקערײַ איז דער „יוסיפֿון“ געוואָרן אָפּגעדרוקט אין צוויי רעדאַקציעס: אַ פֿאַרקירצטער (מאַנטוע 1480) און אַ פֿולער (קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1510), און אין גיכן האָבן זיך באַוויזן איבערזעצונגען אויף יידיש-דײַטש און אַנדערע שפּראַכן.

דער מחבר פֿון „יוסיפֿון“ האָט משמעות געהערט צום קליינעם קרײַז געבילדעטע ייִדן אין איטאַליע פֿון יענער צײַט, וואָס זײַנען געווען גוט באַהאַוונט אין דער גריכישער און רוימישער ליטעראַטור און באַקאַנט מיט וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן. פֿון דעם דאָזיקן קרײַז האָט געשטאַמט דער ערשטער ייִדישער פֿילאָסאָף אין אייראָפּע שבתי דונולו (אַן ערך 913–982). געבוירן אין דער דרום-איטאַליענישער שטאָט אָריאַ, איז ער צו 12 יאָר צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו די אַראַבער, בעת זיי זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף דער דאָזיקער שטאָט. די עלטערן זײַנען געוואָרן אַוועקגעפֿירט קיין פּאַלערמאָ און פֿון דאָרט קיין אַפֿריקע, און שבתי איז אויסגעלייזט געוואָרן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט אין דער שטאָט אָטראַנטאָ און איז געבליבן אין „דער מלוכה פֿון די רוימער“ (ביזאַנטיער). דאָ האָט ער זיך פֿאַרנומען מיטן שטודיום פֿון מעדיצין, אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע. דונולו האָט, ווי ער זאָגט אַליין, „געלערנט די ביכער פֿון די גריכן און אַראַבער, די חכמה פֿון די כּשׂדים און אינדער“. היות ווי ער האָט אין דער היים ניט געפֿונען קיין מענטשן באַהאַוונט אין וויסנשאַפֿטן, האָט ער אַרומגעוואָגלט איבער פֿאַרשיידענע ערטער און געלערנט בײַ פֿאַרשיידענע חכמים. ער איז געווען דאָקטאָר בײַם ביזאַנטישן שטאַטהאַלטער אין קאַלאַבריע, און,

פאַרזאָרגט מיט חיונה, האָט ער געקאָנט זיך פאַרנעמען מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. ער האָט אָנגעשריבן אַ מעדיצינישׁ ווערק וועגן דער צוגרייטונג פון היילגראָזן. נאָר זײַן הויפּטווערק איז דער רעליגיעז־פילאָסאָפישער טראַקטאַט „חכמוני", וואָס איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ פּירוש צום מיסטישן „ספר יצירה". דאָ אַנטוויקלט ער דעם געדאַנק, אַז דער מענטש איז אַן „עולם קטן", אַ וועלט אין קליינעם, און ער געפינט אין דעם געבײַ פון מענטשלעכן אָרגאַניזם אַ פּאַראַלעל צו דער אַלוועלט: דער קאָפּ איז אַנטקעגן דעם הימל, דער שאַרבן — אַנטקעגן הימל־געוועלב, די אויגן — אַנטקעגן די מאורות פון הימל, די ביינער — אַנטקעגן די שטיינער, די נשמה וואָס באַלעבט דעם גאַנצן גוף — אַנטקעגן גאָט. דער מענטש איז אין אַ גרעסערער מאָס אַ באַשאַף פון געטלעכן גײַסט (אין דעם זינען טײַטשט דער מחבר אויס דעם אויסדרוק „בצלם אלהים"), איידער פון דעם חומר אָדער פון „ערדישן שטויב"; אָט די גײַסטיקייט פון דעם מענטשנס מידות פאַרבינדט אים מיט די אומגעזעענע כּוחות, וואָס רעגירן די וועלט. אַנטוויקלענדיק די שיטה פון דער פּאַרצײַטיקער פיזיק וועגן די פיר יסודות (לופט, פײַער, וואַסער און ערד), באַווײַזט דונולו, ווי אַזוי איין עלעמענט גייט איבער אין אַ צווייטן, און עס קומט אויס, ווי ער וואָלט פאָרויסגעפילט דעם געזעץ וועגן דער אויפהיטונג אָדער טראַנספאָרמירונג פון דער ענערגיע. אומעטום פלײַסט ער זיך צו פאַרבינדן טעאָלאָגיע מיט נאַטור־וויסנשאַפט, נאָר צו גלײַך האַלט ער פון די אַסטראָלאָגישע אײַנגלייבענישן פון זײַן צײַט און איז שטאַרק נוטה צו דער מיסטיק פון די צירופי־אותיות, וואָס איז אַנטוויקלט אין דעם „ספר יצירה".

נאָר בײַ אַלע זײַנע מיסטישע נטיות האָט דער ייִדישער געלערנטער געהאַט אַ מער ניכטערן קוק אויף דער וועלט ווי די קריסטלעכע טעאָלאָגן פון זײַן צײַט. דונולו איז געווען באַקאַנט מיט זײַן געלערנטן לאַנדסמאַן נילוס דעם ייִנגערן, וואָס האָט געפירט דאָס לעבן פון אַ מתבודד, און די קירך האָט אים שפּעטער אַרײַנגענומען צווישן אירע הייליקע. איין מאָל האָט דונולו באַזוכט נילוסן און אים געפונען אַ שטאַרק קראַנקן. האָט ער זיך אָנגעבאָטן צו היילן אים, אָבער דער שטרענגער מאָנאַך האָט ניט געוואָלט היילן זיך בײַ אַ ייִדן, כּדי ניט צו געבן קיין שלעכטן בײַשפּיל די קריסטן, וואָס וואָלטן געזען, ווי אַ ייִדישער דאָקטאָר האָט אויסגעהיילט אַ פירער פון דער קירך. ווידער אַ מאָל איז געקומען צו נילוסן צוזאַמען מיט דונולון נאָך אַ ייִד און האָט געוואָלט פירן מיט אים אַ רעליגיעזן וויכוח. נאָר דער מאָנאַך האָט פאָרגעלייגט דעם גאַסט, ער זאָל שטיין פאַר זײַן קאַמער אַזוי פיל טעג, ווי פיל משה רבנו איז געווען אויפן באַרג סיני, און זאָל די גאַנצע צײַט לערנען די תורה און די נביאים, ערשט דעמאָלט וועט ער שמועסן מיט

אים וועגן עניינים פֿון גלויבן. דונולוסעס חבֿר האָט פֿאַרשטייט זיך אָט דעם משונהדיקן פֿאָרשלאָג ניט אָנגענומען.

איבעריקנס האָבן צווישן די ייִדן פֿון ביזאַנץ און איטאַליע געהערשט ניט ווינציק זאַבאָבאָנעס. די „מגלת אחימעץ", וואָס איז אָנגעשריבן אין מיטן דעם 9טן יאָרהונדערט, איז פֿול מיט מעשׂיות וועגן מופֿתים, וואָס רבנים האָבן באַוויזן. איינער פֿון די העלדן פֿון אָט דער משפּחה-כראָניק, אהרן פֿון באַגדאַד, באַווײַזט אויף שריט און טריט מופֿתים מיטן כּוח פֿון שם המפֿורש. באַלד ווי אָט דער ר' אהרן קומט צו פֿאָרן קיין דרום-איטאַליע, טרעפֿט ער אין דער ים-שטאָט גאַעטאַ אַ ייִנגל, וואָס אַ מכשפֿה האָט אים פֿאַרכּישופֿט פֿאַר אַן אייזל, און מיטן שם המפֿורש מאַכט ער אים צוריק פֿאַר אַ מענטשן און גיט אים אָפּ דעם פֿאָטער. אין בענעווענט, ווו אהרן איז פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען געוואָרן אין דער ייִדישער קהילה, האָט ער באַמערקט, ווי דער יונגער חזן האָט בעתן דאַווענען, אין דער תּפֿילה „ברכו" דורכגעלאָזן גאָטס נאָמען. האָט ר' אהרן זיך אָנגעשטויסן, אַז דער חזן וואָס שטייט בײַם עמוד איז אַ מת, וואָס איז לעבעדיק געוואָרן דורך אַ כּישוף, און דערפֿאַר קאָן ער ניט אַרויסזאָגן דעם שם, ווײַל עס שטייט געשריבן: „לא המתים יהללו יה" — מתים קאָנען ניט לויבן גאָט. האָט ער פֿאַרבאָטן דעם חזן צו דאַווענען, אויסגעפֿרעגט אים און איז דערגאַנגען זײַן סוד. אין זײַן פֿריִער יוגנט איז אָט דער חזן אַוועקגעפֿאָרן מיט זײַן פֿאָטער עולה-רגל זײַן קיין ירושלים. דאָרט האָט איינער אַ הייליקער זקן געזאָגט דעם פֿאָטער, אַז אויף זײַן זון איז נגזר געוואָרן צו שטאַרבן אין גיכן. דערשלאָגן דורך דער דאָזיקער נבֿואה, האָט דער פֿאָטער געגומען טענען מיטן זקן, אַז ער קאָן אָן דעם זון אַהיים ניט קומען, ווײַל ער האָט געשוואָרן זײַן ווײַב, אַז ער וועט אים ברענגען צוריק אַ געזונטן. האָט דער זקן רחמנות געקראָגן אויפֿן ייִדן און האָט דעם בחור געראַטעוועט דאָס לעבן אויף אַזאַ אופֿן: ער האָט געמאַכט אויף זײַן קערפּער אַן אײַנשניט, אַרײַנגעלייגט אַהין אַ קמיע מיט אַ שם. מיטן כּוח פֿון אָט דעם שם איז דער יונגער מענטש אַרומגעגאַנגען צווישן די לעבעדיקע, און קיינער פֿון די אַרומיקע האָט זײַן סוד ניט געוווּסט. נאָך דעם ווי ר' אהרן האָט אַנטפּלעקט אָט דעם סוד, האָט ער גענומען און אויפֿגעשניטן דעם אָרט אונטער דעם בחורס עלנבויגן, ווו עס איז געווען אײַנגעוואַקסן די קמיע, האָט זי אַרויסגענומען, און דער חזן איז געבליבן ליגן אַ טויטער.

די זעלביקע כראָניק דערציילט, אַז אויך שפֿטיה, דער ראָש פֿון דער קהילה אין אָריאַ, וואָס איז געוואָרן מפֿורסם בעת די גזרות פֿון קיסר באַסיליוס, האָט אַרויסגעטריבן דיבוקים, געמאַכט „קפֿיצת-הדרך" און באַוויזן כּדומה נאָך אַזעלכע מופֿתים. דער איטאַליענישער ייִד פּלטיאל, וואָס האָט

דערגרייכט צו אַ הויכן ראַנג בײַם הויף פֿון די פֿאַטימידן אין עגיפּטן, האָט צום טייל געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זײַן קאַריערע דעם פֿאַקט, וואָס ער איז געווען אַ ידען אין אַסטראָלאָגיע און האָט געקענט פֿאָרויסזאָגן די צוקונפֿט. ניט אומזיסט האָט דער לעצטער גרויסער גאון פֿון בבֿל, רבֿ האַי, אָנגעוויזן אין איינער פֿון זײַנע תשובֿות, אַז די „חכמי רומי", ד"ה די איטאַליענישע רבנים, צייכענען זיך אויס מיט זייערע גוזמאדיקע אײַנגלייבעניש, ווײַל זיי האַלטן, אַז מיט שמות און השבעות קאָן מען טון וווּנדער. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די ווירקונג פֿון דער קריסטלעכער סבֿיבֿה, ווו דעמאָניזם, השבעות און כּישוף-מאַכערײַ פֿון פֿלערליי מינים זײַנען געווען דער מהות פֿון דעם פֿאָלקסגלויבן, און לויט די נבֿואות פֿון די הויף-אַסטראָלאָגן פֿלעגט אָפֿט מאָל ווערן באַשטימט די אויסווייניקסטע פּאָליטיק.

קאַפּיטל III

דער קולטור־צענטער אין דער אַראַבישער שפּאַניע

§ 22. אַ טונקעלער פּעריאָד פון דער ייִדישער געשיכטע (VIII—IX י״ה)

פּאַוואָליע האָט זיך צונויפגעשטעלט דער נײַער ייִדישער צענטער אין דער אַראַבישער שפּאַניע, וואָס האָט פאַרביטן דעם צעשטערטן צענטער פון דער וועסטגאָטישער מלוכה (§ 8). זינט דעם מאָמענט, ווען די אַראַבער האָבן אײַנגענומען דעם דרום־טייל פון דעם פירענעיִשן האַלב־אינדזל, זײַנען אַוועק צוויי יאָרהונדערטער (711—912), וואָס האָבן ניט אַרײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער געשיכטע קיין איין גרויסע געשעעניש, האָבן ניט אַרויסגערוקט קיין איין מערקווערדיקע פּערזענלעכקייט. נאָכן 7טן יאָרהונדערט, דעם שטורעמדיקן פּעריאָד פון מלחמה, וואָס די וועסטגאָטישע קירכלעכע מלוכה האָט געפירט קעגן ייִדן, גייען דורך שטיל און אָן רושם דער 8טער און 9טער יאָרהונדערט, וואָס מעגן פאַררעכנט ווערן ווי אַ צײַט פון רו פאַר די ייִדן אין שפּאַניע, ווי ווײַט מען מעג אָננעמען, אַז ווי באַלד עס זײַנען קיין „געשעענישן" ניט פאַרצייכנט, זײַנען קיין צרות ניט געווען.

אין די ערשטע יאָרצענדלינגער נאָך דעם ווי די אַראַבער האָבן אײַנגענומען שפּאַניע, איז זי געווען אַ טייל פון דער אַפריקאַנער פּראָווינץ פון דעם כאַליפאַט פון די אָמאַיאַדן. פאָרן אייבערהאַר האָט זיך גערעכנט דער גרויסער מזרחדיקער כאַליף פון דמשק; אונטער אים איז געשטאַנען דער עמיר פון צפון־אַפריקע, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט זײַן רעזידענץ אין קײַרואַן, — און דירעקט רעגירט איבער די שפּאַנישע פּראָווינצן האָט דער פאַרטרעטער פון דעם עמיר, וואָס האָט געוויינטלעך געוווינט אין קאָרדאָווע, דער הויפּטשטאָט פון דרום־שפּאַניע אָדער אַנדאַלוזיע. ניט אַזוי גיך האָט די נײַע רעגירערס זיך אײַנגעגעבן אײַנצושטעלן אין לאַנד די בירגערלעכע אָרדענונג. פון איין זײַט האָבן די אַראַבער געשטרעבט אַלץ אויסצוברייטערן זייערע באַציִונגען אין דער זײַט פון פראַנקרײַך, און זייער דראַנג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן ערשט נאָך לאַנגע מלחמות דורך דעם נצחון פון קאַרל מאַרטעל (732). פון דער אַנדער זײַט האָבן געשטערט די רו די שטענדיקע קריגערײַען צווישן די איינציקע שבטים, וואָס זײַנען אַזוי טיפּיש פאַר די אַראַבישע מלוכות.

אויך אין דער באַצווונגענער שפּאַניע האָט ניט אויפגעהערט דער קאַמף צווישן די אָנפירערס פון די סירישע אַראַבער מיט די אָנפירערס פון די אַפריקאַנישע בערבערן און צווישן די עלטסטע פון קלענערע שבטים־גרופּעס. די מאַכט פלעגט פאַרכאַפּן אַ מאָל איין פירער, אַ מאָל אַ צווייטער, די געגענער פלעגן צווישן זיך צעטיילן די טעריטאָריע אויף קליינע חלקים, און פון די פיל מושלים פלעגט קרעכצן די אָרטיקע באַפעלקערונג. איטלעכער מושל, צי איז דאָס געווען דער פאַרטרעטער פון דעם אַפריקאַנער עמיר אָדער אַ מושל אין זײַן אייגענעם נאָמען, פלעגט זיך סטאַרען אַרויסצוציִען וואָס מער נוצן פאַר זיך פון זײַן הערשאַפט און פלעגט מיט גרויס התמדה מקיים זײַן דעם אָנזאָג פון קאָראַן: צו נעמען וואָס מער צינז פון די אונטערטעניקע אַנדערש־גלייביקע, קריסטן און ייִדן, וואָס ווילן ניט ווערן קיין מוסלמאַנער.

באַזונדערס האָט מען געדריקט די קריסטן, וואָס האָבן זיך גערעכנט אויך פאַר פּאָליטישע שׂונאים, וואָרעם זייערע ברידער אין צפון פון לאַנד האָבן ווײַטער געקעמפט מיט די אַראַבישע באַצווינגערס. פון די קריסטן האָבן די אַראַבישע מושלים געריסן אַזעלכע שווערע קאָפּשטײַערן און ערדשטײַערן, אַז אַ סך פון זיי פלעגן זיך דעקלאַרירן פאַר מוסלמאַנער, כּדי פּטור צו ווערן פון צו צאָלן דעם צינז, וואָס איז זיי געווען איבער די כּוחות. די מוסלמאַנישע גײַסטלעכע זײַנען געווען צופרידן דערפון, וואָס עס וואַקסט די עדה פון די רעכטגלייביקע, פאַרקערט די שטײַער־מאָנערס, וואָס האָבן מחמת דעם פאַרלאָרן צאָלערס, האָבן דערפון געהאַט ווייניק נחת. היות ווי אַזוינס האָט זיך איבערגעחזרט אויך אין אַנדערע טיילן פון דעם כאַליפאַט, איז אויפגעשטאַנען די פראַגע, צי זאָל מען ניט בטל מאַכן אָט די הנחה פאַר איבערגיין צום „ריכטיקן גלייבן", וואָס ברענגט היזק דער מלוכה־קאַסע. נאָר דער פרומער כאַליף אָמאַר II (אַרום יאָר 720) איז געווען קעגן דעם און האָט דערבײַ געזאָגט זײַן באַרימט ווערטל: „אַלאַה האָט געהייסן מוחאַמאַדן זײַן אַ נביא, און ניט קיין שטײַער־מאָנער".

בײַם מאָנען שטײַערן האָבן די באַצווינגערס ניט געשוינט די ייִדן, וואָס זײַנען אָקערשט געווען זייערע בעלי־ברית און געהאָלפן זיי אײַנצונעמען דאָס לאַנד. די ייִדן האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זייער גלויבן, בכדי זיך צו פאַרגרינגערן דעם עול פון די שטײַערן, אָבער די אומצופרידנקייט איז בײַ זיי געוואַקסן. עס קאָן זײַן, אַז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שטייט די מטושטשע ידיעה וועגן אַן אויפשטאַנד, וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 718. דער אָנפירער פון איין בערבערישן אָפּטייל קאַולאַן דער ייִד (אַל־יאַהודי) איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם אַראַבישן מושל, וואָס האָט בדלות געשטעלט די באַפעלקערונג דורך שווערע שטײַערן; משמעות, אַז אויך ייִדן האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד. דער בונט איז געוואָרן דערשטיקט, און

קאַוּלאַן איז געוואָרן פֿאַרמשפּט צום טויט. נאָך אָט דער מעשׂה האָט זיך אין שפּאַניע פֿאַרשפּרייט אַ משיחישע באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אין סיריע און ביזאַנץ דורך דער אַגיטאַציע פֿון דעם משיח־השקר זאָנאַריאָס אָדער שיריני (אויבן § 20). לויט דער עדות פֿון אַ קריסטלעכן כראָניסט, האָבן אַ סך שפּאַנישע ייִדן אַוועקגעוואָרפֿן זייער האָב און גוטס און זיך געלאָזט גיין קיין מזרח, אין הייליקן לאַנד אַרײַן, און דער פֿאַרטרעטער פֿון דעם אַפֿריקאַנער עמיר אַמביז האָט דאָס אויסגענוצט און קאָנפֿיסקירט דאָס גאַנצע אייגנס פֿון די אַוועקגעגאַנגענע (אַן ערך 719—723).

אַ נײַע תּקופֿה איז אָנגעשטאַנען פֿאַר שפּאַניע זינט 756. דער מזרחדיקער כאַליפֿאַט האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ קריזיס — די מאַכט איז אַריבער פֿון די אָמאַיאַדן צו די אַבאַסידן. אַ גליד פֿון דער אָמאַיאַדישער דינאַסטיע אַבדו־ר־ראַכמאַן איז אַנטלאָפֿן קיין שפּאַניע און איז דאָרט פּראָקלאַמירט געוואָרן פֿאַר אַ זעלבשטענדיקן מושל, פֿאַרן „עמיר פֿון קאָרדאָווע און שפּאַניע”. בהדרגה שטעלט זיך אײַן אין לאַנד אַ בערכדיקע אָרדענונג, הגם די סיכסוכים צווישן די איינציקע שבֿטים בערבערן און אַראַבער געדויערן נאָך ווײַטער; עס ווערן רעגולירט די באַציִונגען מיט די קריסטן סײַ אין די מוסלמאַנישע פּראָווינצן און סײַ אין די צפֿונדיקע גרענעץ־לענדער — אַסטוריע, לעאָן און נאַוואַרע, ווו עס האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט די געוועזענע קריסטלעכע בעלי־בתּים פֿון לאַנד. איצטער גייען שוין אַ סך קריסטן אַריבער צום איסלאַם, ניט בלויז בכדי פּטור צו ווערן פֿון באַזונדערע אָפּצאָלן, נאָר אויך בכדי צו פֿאַרנעמען מלוכה־פּאָסטנס אין די אַראַבישע מדינות. די אַראַבער האָבן אומעטום געגרן צוגענומען אין מלוכה־דינסט די אַנדערש־גלייביקע, וואָס דאָבן אָנערקענט מוחאַמעדן פֿאַר אַ נבֿיא, און די שאָף פֿון קריסטוסעס טשערעדע זײַנען מיט הכנעה געגאַנגען אין דעם לאַגער פֿון די זיגער, בכדי צו געניסן דעם שׂכר וואָס די מלוכה האָט געצאָלט. אין דעם ערשטן יאָרהונדערט פֿון דער אַראַבישער ממשלה האָט אין שפּאַניע זיך געבילדעט אַ גרויסער קלאַס פֿון די אַזוי גערופֿענע „מאַוואַלי” (אַדאָפּטירטע) אָדער קריסטלעכע רענעגאַטן, וואָס זײַנען אין האַרצן געבליבן געטרײַ זייער אַלטער רעליגיע. צווישן ייִדן איז די דאָזיקע מיאוסע דערשײַנונג קענטיק פֿאָרגעקומען אַ סך זעלטענער: מענטשן וואָס האָבן פֿריִער זיך געשמדט נאָר מחמת מורא פֿאַרן טויט אָדער פֿאַר גירוש, האָבן איצט אַוודאַי ניט אָנגענומען דעם איסלאַם צוליב מאַכן אַ גוטע קאַריערע. די קריסטן אונטער דער מוסלמאַנישער מאַסקע האָבן איצט איבערגעלעבט, הגם אין אַ סך אַ קלענערן גראַד, די נשמה־פּײַן פֿון יענע ייִדן, וואָס זייערע אָבֿות די וועסטגאָטן האָבן אַנומלט איבער געוואַלד אַרײַנגעטריבן זיי אין שויס פֿון דער קירך. נאָך אין איין פּרט זײַנען די קריסטן

געשטעלט געוואָרן אין דער זעלביקער לאַגע, ווי אַ מאָל ייִדן. פּונקט ווי פֿריִער האָט איטלעכער שקלאַוו לויט די גאָטישע געזעצן געקאָנט ווערן פֿרײַ, ווען ער האָט אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה, און דאָס האָט בדלות גע־געשטעלט די ייִדישע בעלי־בתּים, ווען זיי פֿלעגן פֿאַרלירן זייערע אַרבעטער, אַזוי איז איצט איטלעכער שקלאַוו אָדער לייב־אייגענער פֿון אַ קריסט, וואָס האָט זיך דעקלאַרירט פֿאַר אַ מוסלים, געוואָרן פֿרײַ לויטן אַראַבישן געזעץ, און דורך דעם זײַנען די בעלי־בתּישקייטן פֿון די קריסטלעכע פּריצים חרובֿ גע־וואָרן. בכדי צו באַקומען דאָס רעכט אויסצונוצן פֿרעמדע אַרבעט, וואָס אין יענער צײַט האָט דאָס געקאָנט זײַן נאָר אין דער פֿאָרם פֿון קנעכטשאַפֿט אָדער לײַב־אייגנטום, האָבן די קריסטלעכע בעלי־בתּים אַליין געמוזט אָננעמען איסלאַם, און אַ סך האָבן דאָס טאַקע געטאָן. אויב די שקלאַוון האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער קריסטלעכער אמונה, בכדי אַרויסצוגיין פֿרײַ, האָבן דאָס די בעלי־בתּים געטאָן, בכדי זיי אײַנצוהאַלטן אין שקלאַווערײַ. אַזעלכע מעשׂים־תּעתּועים האָבן ייִדן מן־הסתּם ניט אָפּגעטאָן ניט פֿריִער, ווען זיי זײַנען געווען אונטער די וועסטגאָטן אין דעם זעלביקן מצבֿ, און אויך איצט ניט, ווען זיי זײַנען ווי אַנדערש־גלייביקע געווען פּונקט אַזוי באַגרענעצט אין רעכט.

אונטער אַבדו־ר־ראַכמאַן I יורשים, הישאַם I און חכּים I (788–822), פֿאַרשטאַרקט זיך אין לאַנד די השפּעה פֿון דער מוסלמאַנישער פּאַרטיי פֿון די „פֿאַקיהן", די געזעץ־געלערנטע. אומצופֿרידן מיט דער צו ליבעראַלער רעגירונג פֿון די עמירן, פֿאַראייניקן זיך די דאָזיקע פֿאַנאַטיקער פֿון איסלאַם מיט די קריסטלעכע רענעגאַטן, וואָס האָבן געוואָלט אַרויסווײַזן זייערע מוסל־מאַנישע איבערפֿרומקייט, און הייבן אויף אַ מרידה קעגן חכּימען אין קאָרדאָווע און אַנדערע שטעט. דער אויפֿשטאַנד איז אַכזריותדיק דערשטיקט געוואָרן: הונדערטער זײַנען אויסגעהרגעט געוואָרן און צענדלינגער טויזנטער פֿון די מורדים זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון לאַנד (814).

די ייִדן זײַנען געשטאַנען אָן אַ זײַט פֿון די דאָזיקע מהומות. אין איין עפּיזאָד, וואָס עס גיבן איבער אַראַבישע כראָניסטן, איז אָט די נייטראַליטעט פֿון די ייִדן פֿאַרצייכנט געוואָרן אויף אַזאַ שטייגער. איינער פֿון די פֿאַקיהן, טאַלו, וואָס האָט מער פֿון אַלע אַגיטירט קעגן חכּימען, האָט נאָכן דורכפֿאַל פֿון דעם אויפֿשטאַנד זיך אויסבאַהאַלטן אין שטוב פֿון אַ ייִדן אין קאָרדאָווע. אַ גאַנץ יאָר האָט דער ייִד אויסבאַהאַלטן בײַ זיך דעם אַנטרונענעם, הגם ער האָט ריזיקירט מיט זײַן לעבן און מיט זײַן האָב און גוטס, אויב מען זאָל בײַ אים געפֿינען דעם פּאָליטישן פֿאַרברעכער. לסוף האָט טאַלו באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן זײַן באַהעלטעניש און זיך צו מעלדן צום וויזיר, וואָס איז געווען זײַנער אַ תּלמיד, מיט דער האָפֿענונג, אַז יענער וועט אויספּועלן בײַם עמיר זײַן באַ־גנעדיקונג. דער ייִד האָט אָפּגערעדט דעם פֿאַקיה דאָס צו טאָן און האָט אים

פאַרגעלייגט נאָך ווײַטער צו באַהאַלטן אים בײַ זיך, נאָר יענער האָט ניט געוואָלט. דער וויזיר האָט אויפגענומען דעם אַנטרונענעם מיט פאַרשטעלטער פרײַנדלעכקייט, האָט אים איבערגעלאָזט בײַ זיך און צוגעזאָגט זיך משתדל צו זײַן פאַר אים בײַם הויף. בײַ זיך אָבער האָט ער באַשלאָסן זײַן אַלטן לערער צו באַגראָבן, בכדי זיך אײַנצוקויפן בײַם עמיר. אויפן צווייטן טאָג איז ער גע־קומען צו חכימען און האָט אים מיט אַ גדולה געלאָזט וויסן: „מיר האָט אָפּגעגליקט צו כאַפּן אַ פעטן שעפּס, וואָס איז אַ יאָר צײַט אָפּגעזעסן הינטער גראַטעס". האָט דער עמיר געענטפערט, אַז פאַר אים וואָלט בילכער געווען צו קוילען אַ שעפּס, וואָס האָט זיך געפאַשעט אויף דער פרײַ. דערוווּסט זיך, אַז די רייד גייט וועגן פאַקיה טאַלו, האָט חכים אים געלאָזט רופן צו זיך. נאָך אַ היציקן איבעררייד האָט חכים פאָרט באַגנעדיקט דעם פאַקיה. צום סוף איז חכים געוואָר געוואָרן, אַז ניט דער וויזיר האָט געכאַפּט טאַלון, נאָר אַז ער האָט פאַרלאָזן מיט זײַן גוטן ווילן די זיכערע באַהעלטעניש אין דעם יידנס הויז און איז געקומען צום וויזיר, ווײַל ער האָט אים געטרויט ווי אַ גוטן פרײַנד. דעמאָלט האָט דער עמיר זיך געוועגדט מיט כעס צום וויזיר וואָס איז געשטאַנען דערבײַ: „אָט דער ייד האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די פרומקייט און געלערנטקייט פון אַ מענטשן, וואָס געהער צו אַן אַנדער רעליגיע, און האָט אים אויסבאַהאַלטן, אײַנשטעלנדיק זײַן האָב און גוטס, און אַפילו זײַן לעבן און דאָס לעבן פון זײַן ווײַב און קינדער. דו אָבער האָסט געוואָלט דורך מיר אָפּטון אַ רציחה, וואָס עס וואָלט מיר דערויף שפּעטער באַנג געטאָן. אַוועק פון מײַנע אויגן!" אַזוי אַרום האָט דער פאַלשער וויזיר אָנגעוואָרן זײַן פּאָסטן, און דער ייד האָט ניט געליטן פאַרן אויסבאַהאַלטן דעם מורד־במלכות.

אונטער דער רעגירונג פון דעם שפּעטערדיקן עמיר אַבדו־ר־ראַכמאַן II (822—52) זײַנען אויפגעשטאַנען רדיפות קעגן די קריסטן אין אַנדאַלוזיע, וואָס מען האָט זיי חושד געווען אין סימפּאַטיע פאַר זייערע גלויבנס־ברידער, וואָס האָבן אין צפון געפירט מלחמה מיט די אַראַבער. סוף־כל־סוף האָבן זיך באַוויזן צווישן די שפּאַנישע קריסטן, צו גלײַך מיט רענעגאַטן, אויך עטלעכע מאַרטירער (דער קאָרדאָווער גײַסטלעכער אוילאָגיוס און אַנדערע). ווידער אַ מאָל זײַנען זיי אַרײַנגעפאַלן אין דער זעלביקער לאַגע, וואָס זייערע זיידעס האָבן אין איר געהאַלטן יידן, און זייערע אוראייניקלעך וועלן זיי נאָך האַלטן אין איר. די יסורים פון די קריסטן אין קאָרדאָווע האָבן גע־שטאַרקט דעם ברען צום קאַמף צווישן זייערע ברידער אין דער געוועזענער הויפּטשטאָט טאָלעדאָ און אין די קלענערע קריסטלעכע פירשטנטימער אין צפון. אין דער זעלביקער צײַט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די רײַסערײַען צווישן די אַראַבישע און בערבערישע שבטים, דער קאַמף פאַר מאַכט און כבוד צווישן די קריגסהויפּטלײַט. דער דאָזיקער פּאָליטישער כאַאָס האָט אָנגעהאַלטן אונטער

אַלע יורשים פֿון אַבדו־ר־ראַכמאַן II, ביזן אָנהייב 10טן י״ה. אָרדענונג איז געוואָרן איַינגעשטעלט ערשט אונטער דער רעגירונג פֿון דעם גרויסן ציוויליזאַטאָר פֿון שפּאַניע אַבדו־ר־ראַכמאַן III (912—961), דעם באַגרינדער פֿון דעם קאָרדאָווער כאַליפֿאַט. ערשט זינט יענעם מאָמענט קאָן מען ריידן וועגן דער אַראַבישער שפּאַניע ווי וועגן אַן אייראָפּעיִשער קולטורעלער מלוכה, וואָס האָט געקאָנט דינען ווי אַ מוסטער פֿאַר אירע שכנים. זינט יענער ציַיט טרעט אויך אַרויס דאָס שפּאַנישע יידנטום ווי אַן אַקטיווער היסטאָרישער כוח. דאָס פֿאָלק פֿון דער עלטסטער קולטור האָט אָפּגעלעבט, ווי אַ פֿיש אין וואַסער, אין דער פֿרישער קולטורעלער אַטמאָספֿערע, ווו שׂכל האָט געהאַט מער ווערט ווי די פֿויסט. נאָך צוויי הונדערט יאָר הינערפֿלעט האָט דאָס יידנטום זיך אויפֿגעכאַפּט.

§ 23. דער קאָרדאָווער כאַליפֿאַט און חסדאי אבן שפרוט

„אין משך פֿון צוואַנציק יאָר — זאָגט איינער פֿון די היסטאָריקער פֿון איסלאַם — האָט אַבדו־ר־ראַכמאַן באַוויזן צו מאַכן פֿון דעם צעריסענעם הויפֿן קליינע פֿירשטנטימער אַ מעכטיקע און בליענדיקע מלוכה. אויב די אַראַבישע שפּאַניע איז שפּעטער כמעט אין משך פֿון אַ גאַנצן יאָרהונדערט געשטאַנען בראָש פֿון דער ציוויליזירטער וועלט, סיַי לויט דעט מאַטעריעלן וווילשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג און סיַי לויט דער הויך אַנטוויקלטער קולטור, האָט זי דאָס געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אַבדו־ר־ראַכמאַן III. און ניט אומזיסט האָט אָט דער אויסגעצייכנטער רעגירער, בעת ער האָט געוואָלט לויטן מוסטער פֿון די מזרחדיקע כאַליפֿן צוגעבן צו זיַין נאָמען נאָך אַ צונאָמען, אויסגעקליבן דעם טיטל אַן־נאַסיר, דאָס הייסט דער „מציל״, און ער האָט געהאַט ניט ווינציקער רעכט אויפֿן דאָזיקן טיטל, ווי שפּעטער דער גרויסער סאַלאַדין״. פֿאַרשטייט זיך, אַז אָט דער נס פֿון דער שפּאַנישער אויפֿלעבונג איז ניט געווען דער אויפֿטו נאָר פֿון דעם איין פּערזענלעכן העלד. נאָך לאַנגע יאָרהונדערטער פֿון באַרבאַרנטום און קעגנזיַיטיקער פֿאַרטיליקונג האָט די מענטשן אָנגעכאַפּט אַ חשק צו שלום, צו רויִקער אַרבעט, צו באַפֿרידיקן גיַיסטיקע באַדערפֿעניש. אַבדו־ר־ראַכמאַן איז געווען אַ געציַיג פֿון אָט דער מעכטיקער שטרעבונג. דורך אַ קלוגער רעגירונג האָט ער פֿאַראייניקט די צעפֿאַלענע פּראָווינצן, איַינגעשטילט די אומצופֿרידענע קריסטן אין לאַנד און געמיט זיך, הגם ניט שטענדיק מיט הצלחה, איַינצושטעלן גוט־שכנישע באַציִונגען מיט די קריגערישע קריסטלעכע פֿירשטנטימער אין צפֿון.

די פֿאַראייניקטע מלוכה פֿון אַבדו־ר־ראַכמאַן III האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצן דרום און צענטער פֿון פּירענעיִשן האַלב־אינדזל מיט די הויפּטשטעט:

קאָרדאָווע, סעווילִיע, גראַנאַדע, לוסענע און אַנדאַלוזיע, און מיט די ים־שטעט: אַלמעריע, מורסיע, וואַלענסיע; צו איר האָט געהערט אויך די אַלטע הויפּט־שטאָט טאָלעדאָ, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אַ פֿרײַע שטאָט מיט אַ רובֿ פֿון קריסטלעכער באַפֿעלקערונג. דעם גרענעץ פֿון דער מלוכה אין צפֿון־זײַט האָבן געבילדעט די טײַכן דועראָ און עבראָ, און אויף יענער זײַט זײַנען געלעגן די צפֿון־שפּאַנישע קריסטלעכע פֿירשטנטימער: אַסטוריע, נאַוואַרע, אַראַגאָניע, קאַטאַלאָניע. אין 929 האָט אַבדו־ר־ראַכמאַן מיט פֿולן רעכט גע־מעגט אָנרופֿן זײַן מלוכה „כאַליפֿאַט" און זיך אַליין נעמען דעם טיטל „כאַליף". דורך דעם האָט דער איירָאָפּעיִשער „ראָש פֿון די מאַמינים" זיך אָוועקגע־שטעלט אין איין שורה מיט די אַבאַסידישע כאַליפֿן אין באַגדאַד און מיט די פֿאַטימידן פֿון צפֿון־אַפֿריקע, וואָס האָבן אויך אין יענער צײַט זיך געצויגן צום כאַליפֿאַט.

די אַראַבישע שפּאַניע איז געוואָרן אַ השפּעהדיקער גליד פֿון דער איירָאָפּעיִשער פֿעלקער־משפּחה. שטענדיקע דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען זײַנען געווען אײַנגעשטעלט צווישן איר רעגירונג און צווישן די ביזאַנטישע און דײַטש־רוימישע קיסרים, די פֿראַנצייזישע מלכים און אַלע אַנדערע מושלים פֿון מערבֿ. קאָרדאָווע איז געוואָרן אַ גרויסאַרטיקע רעזידענץ־שטאָט: „די פּראַכט פֿון דער וועלט, די יונגע וווּנדערלעכע הויפּטשטאָט, שטאָלץ מיט איר מיליטערישער קראַפֿט, שײַנענדיק אין שפֿע פֿון אַלע תּענוגים פֿון דער וועלט"— מיט אַזעלכע ווערטער שילדערט קאָרדאָווע אַ דײַטשע מאָנאַכין, וואָס האָט באַזוכט די שטאָט אין מיטן 10טן י"ה. די שטאָט, אַרומגערינגלט מיט אַ סך ווילעס אויף די ברעגעס פֿון דעם טײַך גוואַדאַלקיוויר, האָט דעמאָלט געהאַט אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַן ערך אַ האַלבן מיליאָן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס. אַבדו־ר־ראַכמאַן האָט אויסגעגעבן אַ גרויסן טייל פֿון די מלוכה־הכנסות אויף צו באַפּוצן די הויפּטשטאָט און אירע פֿאָרשטעט מיט גרויסאַרטיקע בנינים, און אויך אויף צו אַנטוויקלען אין איר אינדוסטריע און האַנדל. די פֿולע טאָלע־ראַנץ פֿון דעם כאַליף צו אַנדערשגלייביקע האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס ער האָט, אויף להכעיס די מוסלמאַנישע פֿאָראורטיילן, באַשטימט אַ ייִדן פֿאַר זײַן בעל־יועץ און געהילף אין די מלוכה־ענינים. דאָס איז געווען ח ס ד א י א ב ן ־ ש פּ ר ו ט (אַן ערך 910—970), וואָס אַראַבישע און ייִדישע שרײַבערס דערציילן זײַנע שבֿחים.

חסדאי האָט געהערט צו אַ רײַכער משפּחה אין קאָרדאָווע. זײַן פֿאָטער יצחק איז געווען שטאַרק חשובֿ אין דער ייִדישער קהילה און האָט געהאַט דעם שם פֿון אַ מעצענאַט, אַ באַשיצער פֿון געלערנטע און פּאָעטן. חסדאי האָט געקראָגן אַ פֿאַר יענער צײַט ברייטע וועלטלעכע בילדונג: חוץ העברעיִש און אַראַביש און די ראָמאַנישע דיאַלעקטן פֿון שפּאַניע האָט ער גוט געקענט

די ליטעראַרישע שפּראַך פֿון דער דעמאָלטיקער קריסטלעכער וועלט – לאַטײַן, האָט שטודירט מעדיצין און אויסגעפֿונען עפּעס אַ סגולה צו אַלע קרענק („אַל פֿאַרוק"). טאַקע מחמת אָט די דאָזיקע קענטעניש און אויך מחמת זײַן פּראַקטישן שׂכל און זײַן ענערגיע האָט ער געפֿונען חן אין די אויגן פֿון דעם כאַליף אַבדו־ר־ראַכמאַן III. צו ערשט איז ער געוואָרן זײַן הויפּדאָקטאָר, שפּעטער האָט ער אים אָנגעטרויט די פֿירונג פֿון די מלוכה־פֿינאַנצן, און צום סוף האָט ער אים געמאַכט פֿאַר זײַן הויפּט־פֿאַרמיטלער אין די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט אַנדערע מאָנאַרכן. אויפֿן דאָזיקן פּאָסטן האָט חסדאי אַרויס־געוויזן דעם טאַלענט פֿון אַן אויסגעצייכנטן אויסערן־מיניסטער.

די צווישנפֿעלקערישע באַציִונגען פֿון דעם קאָרדאָווער כאַליפֿאַט זײַנען אין יענער צײַט געווען שטאַרק פֿאַרפּלאָנטערט. מען האָט געמוזט זיך באַשיצן קעגן שׂונאים אויף צוויי פֿראָנטן: פֿון אַפֿריקע האָבן געשטורעמט די פֿאַטי־מידן, וואָס האָבן געהאַט פּרעטענזיעס אויף דער אייבערהערשאַפֿט איבער שפּאַניע, וואָס איז אַ מאָל געווען אַן אַפֿריקאַנישע פּראָווינץ, און דער גרויסער סולטאַן מאַיִז, וואָס איז אין גיכן געוואָרן כאַליף פֿון עגיפּטן, האָט געשיקט כּסדר קריגספֿלאָטן צו די שפּאַנישע ברעגעס; פֿון צפֿון־זײַט ווידער פֿלעגן אָפֿט אָנפֿאַלן די קריסטלעכע פֿירשטן פֿון לעאָן און נאַוואַרע, וואָס האָבן געקעמפֿט אַ מאָל צווישן זיך, אַ מאָל צוזאַמען אָדער איטלעכער באַזונדער – קעגן דער אַראַבישער קאָרדאָווע. קעגן דער אַפֿריקאַנער סכּנה האָט חסדאי זיך פֿאַרזיכערט דורך אַ בונד מיט ביזאַנץ, וואָס האָט אויך מורא געהאַט פֿאַר די פֿאַטימידן, זיי זאָלן אויף איר ניט אָנפֿאַלן פֿון דער זײַט פֿון סיריע. די פֿרײַנדשאַפֿט צווישן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קאָרדאָווע איז געוואָרן פֿאַר־פֿעסטיקט אין יאָר 949, ווען דער ביזאַנטישער קיסר קאָנסטאַנטין VII האָט צוגעשיקט צום אַבדו־ר־ראַכמאַן שלוחים מיט ווערטיקע מתּנות. צווישן די מתּנות האָט זיך געפֿונען אַן עקזעמפּלאַר פֿון דעם אַלט־גריכישן ווערק פֿון דיאָסקאָרידעס וועגן הייל־גראָזן, וואָס האָט שטאַרק אינטערעסירט דעם כאַליף און זײַן דאָקטאָר חסדאין. היות ווי אין קאָרדאָווע האָט זיך ניט געפֿונען קיין געלערנטער, וואָס קען גריכיש, איז לויט דעם כאַליפֿס בקשה צוגעשיקט געוואָרן פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דער געלערנטער מאָנאַך ניקאָלאַוס, וואָס האָט דאָס בוך איבערגעזעצט אויף לאַטײַניש, און פֿון לאַטײַניש האָט מען עס איבער־געזעצט אויף אַראַביש, מיט חסדאיס אָנטייל. דאָס דאָזיקע ווערק איז געווען דער יסוד פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער מעדיצינישער וויסנשאַפֿט אין שפּאַניע. דער ייִדישער מיניסטער האָט גלײַכצײַטיק אי געפֿירט פּאָליטיק אי פֿאַרשפּרייט וויסנשאַפֿט.

איין מאָל האָט חסדאין אָפּגעגאָלטן צו פֿאַרהיטן פֿון אַ קאָנפֿליקט צווישן אַבדו־ר־ראַכמאַן און דעם דײַטשן קיסר אָטאָ I. דער כאַליף האָט אַוועקגע־

שיקט שלוחים צו אָטאָן און אין דעם בריוו צו אים האָט ער זיך עפּעס ניט פֿײַן אויסגעדריקט לגבי דעם קריסטנטום. דערפֿאַר האָט מען די שלוחים פֿון קאָרדאָווע געלאָזט וואַרטן זייער לאַנג, איידער מען האָט זיי צוגעלאָזט צום קיסר, און דערנאָך האָט אָטאָ פֿון זײַן זײַט געשיקט צום כאַליף שלוחים, בראָש מיטן אַבאַט יאָהאַנעס (אַרום 959), און האָט זיי מיטגעגעבן אַ בריוו, וואָס האָט געהאַט באַליידיקנדיקע ווערטער פֿאַר די מוסלמענער. דער כאַליף איז וועגן דעם געוואָר געוואָרן מן הצד און האָט אויך געלאָזט די דײַטשע שלוחים וואַרטן לאַנג אויף אַן אוידיענץ. דער צוזאַמענשטויס איז אַראָפּ גלאַט אַ דאַנק דער אַרײַנמישונג פֿון חסדאי אבן שפּרוט, וואָס האָט מיט דער הילף פֿון דעם קאָרדאָווער ביסקופּ געפּועלט בײַם אַבאַט יאָהאַנעס, ער זאָל בעטן בײַם קיסר אַן אַנדער בריוו צום כאַליף, אָנגעשריבן אין אַ מער לײַטישן טאָן. דער אַבאַט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך נעענטער באַקענט מיטן יִדישן מיניסטער, האָט געזאָגט, אַז ער „האָט קיין מאָל ניט געזען אַ מענטשן מיט אַזאַ פֿײַנעם פֿאַרשטאַנד ווי דער ייִד חסדאי". (זע אויבן, § 19 — אַן ענלעכע דערציילונג וועגן דעם יִדישן דיפּלאָמאַט פּלטיאל אין עגיפּטן).

דעם יִדישן דיפּלאָמאַט האָט זיך אײַנגעגעבן אויפֿצוהייבן דעם פּרעסטיזש פֿון קאָרדאָווער כאַליפֿאַט, דורך דעם וואָס ער האָט מיט הצלחה פֿאַרענדיקט די אונטערהאַנדלונגען מיט די אומרויִקע קריסטלעכע שכנים, די פֿירשטן פֿון לעאָן און נאַוואַרע. צוליב דעם האָט ער קונציק אויסגענוצט די אינעווייניקסטע סיכסוכים צווישן די קריסטן גופֿא. אין לעאָן איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן דעם קיניג סאַנטשאָ און זײַן וואַסאַל דעם הערצאָג פֿון קאַסטיליע פֿערדינאַנד גאָנזאַלעס. אונטערגעהעצט דורך דעם הערצאָג האָט די אַריסטאָקראַטיע אַראָפּגעזעצט סאַנטשאָן, ווײַל ער איז געווען אַ קראַנקער און ניט פֿעיִק צו רעגירן (אין יאָר 958). דער אַראָפּגעזעצטער פֿירשט איז אַנטלאָפֿן אין דער שטאָט פּאַמפּעלאָנע צו זײַן באָבען טאָטאַ, דער קיניגין פֿון נאַוואַרע, וואָס איז געוואָרן באַרימט דורך איר מלחמה מיטן קאָרדאָווער כאַליפֿאַט. האָט טאָטאַ באַשלאָסן ווידער אַרויפֿצוזעצן איר אייניקל אויפֿן קיניגלעכן שטול מיט דער הילף פֿון איר פֿריִערדיקן געגענער אַבדו־ר־ראַכמאַן III. זי האָט זיך געווענדט קיין קאָרדאָווע מיט אַ צווייענדיקער בקשה: מען זאָל דעם אומגליקלעכן סאַנטשאָן געבן צו גלײַך אי מעדיצינישע אי מיליטערישע הילף. אויף אויסצופֿירן אָט די שליחות איז פּונקט צו ניץ געקומען דער יִדישער דאָקטאָר און דיפּלאָמאַט, וואָס האָט געקאָנט ריידן מיט די שפּאַניער אויף זייער שפּראַך. לויטן כאַליפֿס באַפֿעל איז חסדאי אַוועק קיין פּאַמפּעלאָנע. דאָ האָט ער זיך גענומען היילן סאַנטשאָן און צו גלײַך געפֿירט מיט אים אונטערהאַנדלונגען וועגן די תנאים, וואָס אויף זיי קאָן דער כאַליפֿאַט אים געבן מיליטערישע הילף. סאַנטשאָ האָט מסכּים געווען אָפּצוטרעטן

אַבדו־ר־ראַכמאַנען צען באַפֿעסטיקטע שטעט אויפֿן גרענעץ פֿון זײַן קיניגרײַך, אויב זײַן ממשלה אין לעאָן וועט ווערן אויפֿגעריכט. דערנאָך האָט חסדאי געמאָלדן דער אַלטער קיניגין פֿון נאַוואַרע, אַז אויף צו פֿאַרענדיקן די אונטערהאַנדלונגען בכּי טובֿ, דאַרף זי צוזאַמען מיט איר אייניקל פֿאָרן קיין קאָרדאָווע, כּדי פּערזענלעך זיך דורכצושמועסן מיטן כאַליף. די שטאָלצע קריסטלעכע קיניגין איז צו ערשט ניט געווען מרוצה זיך אַזוי צו דערנידעריקן, נאָר דער ייִדישער דיפּלאָמאַט האָט „דורך גלאַטע רייד" געפּועלט בײַ איר, זי זאָל דאָס יאָ טון. און אָט האָט „די מוסלמאַנישע שפּאַניע דערזען פֿאַר זיך אַן אויסטערליש בילד: באַלייט פֿון אַ סוויטע גראַנדן און גלחים, איז די קיניגין פֿון נאַוואַרע געגאַנגען גדלותדיק קיין קאָרדאָווע צוזאַמען מיט איר זון גאַרסיאַ און דעם אומגליקלעכן סאַנטשאָ, וואָס האָט געשפּאַנט זיך אָנשפּאַרנדיק אויף חסדאיס האַנט". דער כאַליף האָט די קריסטלעכע פֿירשטן אויפֿגענומען פֿרײַנדלעך אין זײַן גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ הינטער דער שטאָט און האָט זיי צוגעזאָגט די הילף, וואָס זיי האָבן געבעטן לויט די תּנאָים, וואָס זײַנען געווען אָפּגערעדט מיט חסדאין. מיט דער הילף פֿון די מוסלמישע חיילות האָט סאַנטשאָ באַקומען צוריק אַ גרויסן טייל פֿון קיניגרײַך לעאָן און איז געוואָרן ווידער קיניג, און דער בונטערישער וואַסאַל פֿערדינאַנד פֿון קאַסטיליע איז אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו די נאַוואַרער. דער כאַליף האָט געקראָגן די צוגעזאָגטע פֿעסטונגען, און אומעטום האָט געקלונגען דער שם פֿון חסדאין, וואָס האָט געבראַכט צו אָט דעם דיפּלאָמאַטישן נצחון. דער העברעיִשער פּאָעט דונש בן לברט, וואָס חסדאי האָט אים געשטיצט, האָט באַזונגען זײַן מעצענאַט אין אַ פֿײַערלעכער אָדע, ווו ער באַרירט אויך דעם דאָזיקן פּאָליטישן עפּיזאָד: „קריין מיט ליד און כּבֿוד דעם שׂר, דעם ריש־כּלה, [1] וואָס האָט פֿאַרלענדט די חיילות פֿון די פֿרעמדע. ער האָט זיך אײַנגעהילט אין מאַכט און האָט מיט גאָטס הילף אָפּגענומען בײַ די פֿרעמדע צען פֿעסטונגען. און אַ סך דערנער האָט ער אָפּגעשניטן און געבראַכט צו פֿירן ראַמיראָס זון (סאַנטשאָן) מיט זײַנע שׂרים און גלחים. אַ שׂר פֿון דעם קיניגלעכן העלד (אַבדו־ר־ראַכמאַן), האָט ער אים (סאַנטשאָן) געבראַכט צו פֿירן ווי אַ וואַנדערער, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף אַ שטעקן, צום פֿײַנדלעכן פֿאָלק (די מוסלמאַנער). און ער האָט איבערגעקליגט אָט די נאַרישע פֿרוי, זײַן באָבע טאָטאַ, וואָס האָט געטראָגן אַ קיניגלעכן מאַנטל ווי אַ מאַנצביל, האָט זי איבערגעקליגט מיט זײַן קלוגשאַפֿט און מיט זײַנע גלאַטע רייד. עס אײַלן זיך פֿעלקער, עס ציטערן שבֿטים און עס פֿאַלן בײַ זיך אַראָפּ העלדן פֿון מורא

---

1 ריש־כּלה איז אַ טיטל פֿון די בבֿלישע ישיבֿות — דערין איז אַ רמז דערויף, אַז חסדאי איז געווען אויך אַ למדן.

פֿאַר אים. עס ציטערט דער קיניג (פֿון פֿרעמדן לאַנד), נידערט אַראָפּ פֿון שטול און ברענגט צו אים מתנות קיין ספרד (שפּאַניע)... אין מזרח און אין מערבֿ איז זײַן נאָמען געגרייסט, וועגן זײַן באַרעמהאַרציקייט רעדט מען אין די הײַזער פֿון עשׂו און ערבֿ (קריסטן און מוסלמאַנער)". בײַ אַלע די גוזמאות פֿון דעם פּאָעט דעם חונף גיט דאָך אָט די כאַראַקטעריסטיק אַ געוויסע פֿאָר־שטעלונג, ווי ווײַט חסדאי איז געווען מפֿורסם.

ווי אַ הויך געבילדעטער מענטש איז חסדאי געווען באַזונדערס נוציק בײַם הויף פֿון אַבדו־ר־ראַכמאַן IIIנס יורש חכּים II (961—970), וואָס האָט געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון זײַן רעגירונגס־פּראָגראַם די אײַנפֿלאַנצונג פֿון וויסנשאַפֿט און קונסט. אַליין אַ פּאָעט און ליבהאָבער פֿון וויסנשאַפֿטן, האָט חכּים געשטרעבט צו מאַכן פֿון קאָרדאָווע אַ גײַסטיקן צענטער פֿון דער וועלט. ער האָט אויסגעגעבן גרויסע געלטער אויף אײַנצושאַפֿן זיך ביכער; צווישן קאָרדאָווע, קאַהיראָ און באַגדאַד פֿלעגן אַרומפֿאָרן זײַנע אַגענטן און פֿלעגן אויפֿקויפֿן כּתבֿ־ידן פֿון אַלע ווערק, אַלטע און נײַע. אַזוי אַרום האָט זיך אין קאָרדאָווע אָנגעקליבן אַ ביבליאָטעק, וואָס האָט איר גלײַכן ניט געהאַט אין אייראָפּע; ווי די כראָניסטן דערציילן, איז זי באַשטאַנען פֿון פֿיר מאָל הונדערט טויזנט בענד. די מוסלימישע אַקאַדעמיע אין קאָרדאָווע, וואָס האָט צוגעצויגן טויזנטער תּלמידים, האָט פֿאַרשפּרייט אין פֿאָלק וויסן, אמת ניט קיין פֿרײַ וויסן, נאָר געשמידט דורך די קייטן פֿון דער רעליגיעזער דאָגמע. בכל אופֿן זײַנען אין יענער צײַט אין דער אַראַבישער שפּאַניע געווען מער געבילדעטע מענטשן ווי אין דער קריסטלעכער אייראָפּע. אין אָט דער אויפֿ־קלערערישער אַרבעט האָט חסדאי געקאָנט זײַן אַן אַקטיווער מיטהעלפֿער פֿון דעם געבילדעטן כאַליף.

דער ייִדישער שׂר האָט פֿון זיך ווידער מיטגעהאָלפֿן דער אַנטוויקלונג פֿון וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור צווישן זײַנע פֿאָלקסברידער: ער האָט אַוועק־געלייגט דעם יסוד פֿאַר יענעם גײַסטיקן אויפֿבלי, וואָס האָט אין גיכן אַוועק־געשטעלט דאָס שפּאַנישע ייִדנטום אויפֿן ערשטן אָרט צווישן אַלע ייִדישע קיבוצים אין מערבֿ־אייראָפּע. זײַן דיפּלאָמאַטישע טעטיקייט האָט חסדאי אויך געפֿירט ווײַטער בעת דער רעגירונג פֿון חכּים II. מן הסתּם לאָזט זיך דורך דעם דערקלערן דער פֿאַקט, וואָס צווישן די שלוחים פֿון דעם כאַליף, וואָס זײַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון קאָרדאָווע קיין דײַטשלאַנד קורץ פֿאַר 970, האָט זיך געפֿונען אויך אַ ייִד איבראַהים איבן יאַקוב. מען האַלט, אַז איבראַהים איז געווען אַ דאָקטאָר, ווײַל אין זײַן רײַזע־באַשרײַבונג דערמאָנט ער וועגן די קרענק, וואָס זײַנען פֿאַרשפּרייט אין די לענדער וואָס ער האָט באַזוכט.

צי איז חסדאי געווען צופרידן מיט זײַן הויכן מעמד, צי איז ער געווען רויִק אויף די שפּיצן פון דער מאַכט, צווישן די הויכע מוסלמאַנישע שׂררות און אויסלענדישע שלוחים? גיכער ניט. עס פלעגט טרעפן אויך אין דעם מזרחדיקן כאַליפאַט, אַז דער אָדער יענער אויפגעקלערטער מושל האָט געהאַלטן אין מלוכה-דינסט אַן אַנדערשגלייביקן, אָבער דאָס פלעגט שטענדיק דערוועקן קנאה בײַ די רעכטגלייביקע שׂררות און אַרויסרופן אומצופרידנקייט פון די מוסלמאַנישע מאַסן. וועדליג מען קאָן משפּטן לויט די בײַשפּילן פון אַ שפּעטערער צײַט אין שפּאַניע גופא, מעג מען משער זײַן, אַז אויך חסדאי האָט ניט אויסגעמיטן אָט די שטעכיקע דערנער פון מלוכה-טעטיקייט און האָט געהאַט ניט ווייניק שׂונאים צווישן די וועלטלעכע און גײַסטיקע שׂררות אין קאָרדאָווע.

איין עפּיזאָד פון חסדאיס לעבן באַווײַזט, אַז אים איז ניט שטאַרק ניחא געווען זײַן לאַגע. ווי אַ מיניסטער האָט ער באַדאַרפט זיך אויפטראָגן מיט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע מלוכות, אָפט מיט געסט פון ווײַטע לענדער, און ער האָט זיך געמיט דורך זיי צו פאַרבינדן זיך מיט זײַנע פאָלקס-ברידער אין פאַרשיידענע לענדער. ווען עס פלעגן קומען קיין קאָרדאָווע שלוחים פון ביזאַנץ און פון אַנדערע מלוכות פון אייראָפּע און אַזיע, פלעגט חסדאי בײַ זיי נאָכפרעגן זיך אויפן מצבֿ פון יִדן אין זייערע לענדער. איין מאָל האָבן די שלוחים פון כאָראַסאַן (פּערסיע) אים דערציילט, אַז אין דעם ווײַטן קיניגרײַך פון די כוזרים, בײַ דער אונטערשטער וואָלגע און בײַם קאַספּישן ים, הערשן מלכים וואָס האַלטן די יִדישע אמונה. האָט חסדאי זיך נאָכגעפרעגט בײַ די שלוחים פון ביזאַנץ, צי די דאָזיקע ידיעות זײַנען ריכטיק, און יענע האָבן דאָס באַשטעטיקט און מיטגעטיילט, אַז דער איצטיקער מלך פון די כוזרים הייסט יוסף, און זייער לאַנד איז גוט באַקאַנט די גריכן, וואָס פירן פון דאָרט אַרויס פיש, פעלן און אַנדערע פּראָדוקטן. חסדאי האָט זיך ביז גאָר פאַראינטערעסירט מיט די אַלע דערציילונגען און האָט באַשלאָסן זיך אַליין צו פאַרבינדן מיט דער מלוכה פון די כוזרים, ווו ער האָט געהאָפט צו געפינען אַ שפּור פון די עשׂרת השבֿטים, וואָס זײַנען פאַרלאָרן געגאַנגען אין גלות אַשור און זײַנען געוואָרן אַ טעמע פאַר פאָלקס-לעגענדעס. ער האָט אַוועקגעשיקט דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון זיך אַ באַזונדערן שליח מיטן נאָמען יצחק בן-נתן, מיטגעגעבן אים אַ בריוו צום ביזאַנטישן קיסר מיט דער בקשה צו העלפן דעם דאָזיקן שליח דורכצופאָרן ביזן לאַנד פון די כוזרים. נאָר דער קיסר האָט משמעות ניט געוואָלט, אַז צווישן דעם יִדישן מיניסטער פון קאָרדאָווע און דעם יִדישן קיניג פון כוזרים-לאַנד זאָלן זיך אײַנשטעלן דירעקטע פאַרבינדונגען. אונטער פאַרשיידענע תּירוצים האָט מען דעם שליח פון קאָרדאָווע פאַרהאַלטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און

אין אַ האַלב יאָר אַרום אָפּגעשיקט צוריק צו חסדאין מיטן קיסרס תּשובֿה, אַז פֿאָרן אין דעם כּוזרים־לאַנד איבער די ברעגעס פֿון שוואַרצן ים איז זייער שווער און פֿול מיט סכּנות, ווײַל מען מוז דורכפֿאָרן לענדער, ווו פֿאַרשיידענע שבֿטים פֿירן צווישן זיך מלחמה. חסדאי האָט געהאַט גרויס צער, וואָס זײַן פּלאַן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, נאָר באַלד האָט ער אָנגעהויבן אונטערהאַנד־לונגען מיט די שלוחים פֿון דעם „קיניג פֿון די גבֿלים" (געמיינט סלאַוון, מן הסתּם בולגאַרן), וואָס צווישן זיי זײַנען געווען צוויי ייִדן, מר שאול און מר יוסף. און זיי האָבן זיך אונטערגענומען איבערצושיקן חסדאיס בריוו צום קיניג פֿון די כּוזרים דורך „בולגאַריע און רוס".

אין זײַן לאַנגן בריוו, געשריבן אין העברעיִש, דערציילט חסדאי דעם קיניג פֿון די כּוזרים וועגן מצבֿ פֿון ייִדן אין דעם קאָרדאָווער כאַליפֿאַט: „מיר, דער רעשט פֿון ישׂראל אין גלות, האָבן צו ערשט געלעבט דאָ רויק, נאָר ווען מיר האָבן געזינדיקט פֿאַר גאָט, האָט ער אַרײַנגעגעבן אין האַרץ פֿון די מושלים, זיי זאָלן שטעלן איבער אונדז ציִנזהאַרן, און זיי האָבן אונדז באַשווערט מיט אָפּצאָלן, געדריקט און דערנידעריקט. איצט האָט גאָט, וואָס האָט אײַנגעזען די פּײַן פֿון זײַן פֿאָלק, געבראַכט מיך צום קיניג (דעם כאַליף אַבדו־ר־ראַכמאַן), וואָס איז געווען לײַטזעליק צו מיר. מחמת דעם האָבן די דאָזיקע אָרעמע שאָף געקראָגן אַ שטאַרקונג, די הענט פֿון די אונטערדריקער זײַנען אָפּגעשלאָפֿט געוואָרן, און דער יאָך איז אָפּגעטאָן געוואָרן. דער נאָמען פֿון לאַנד, ווו מיר וווינען, איז אין העברעיִש ספֿרד, און אויף דער שפּראַך פֿון די אײַנוווינער די ישמעאלים — אַל־אַנדאַלוס (אַנדאַלוזיע). דער נאָמען פֿון דער הויפּטשטאָט פֿון דער מלוכה איז קורטובה (קורדובֿה—קאָרדאָווע). דער נאָמען פֿון אונדזער קיניג איז עבד־אַל־רחמן; ער רופֿט זיך אָן „אַמיר אַל מואמינין" (האַר פֿון די מאמינים), זײַן נאָמען איז אומעטום באַוווּסט, און עס איז ניט געווען קיין גלײַכן צו אים צווישן די פֿריִערדיקע מלכים. אונדזער לאַנד איז אַ פֿעטס, רײַך מיט קוואַלן און מיט ברונעמער, אַ לאַנד פֿון תּבֿואה, ווײַן און בוימל; זי איז רײַך מיט פּירות און מיט זיסקייטן, האָט גרינס־גערטענער און פֿרוכטגערטענער, ברענגט אַרויס ביימער פֿון אַלע מינים, וואָס טראָגן פּירות און וואָס טראָגן זײַד, דערפֿאַר איז בײַ אונדז פֿאַראַן אַ סך זײַדנס [1]. סוחרים און הענדלערס קומען זיך צונויף בײַ אונדז פֿון אַלע לענ־דער און ווײַטע אינדזלען, פֿון מצרים און אַנדערע לענדער. זיי ברענגען צו פֿירן בשׂמים און איידלשטיינער. אונדזער קיניג קלײַבט אוצרות פֿון גאָלד און זילבער און כּלערליי טײַערע זאַכן. זײַנע יאָריקע הכנסות, וואָס קומען

---

1 מיט אויסאַרבעטונג פֿון זײַדנס האָבן אין שפּאַניע, פּונקט ווי אין אַנדערע לענ־דער, זיך אָפּט פֿאַרנומען ייִדן.

אַרײַן צו מיר, באַטרעפֿן הונדערט טויזנט גילדענע רענדלעך; דאָס איז די הכנסה נאָר פון די פרעמדע סוחרים, וואָס זייערע געשעפֿטן גייען דורך מיר און דורך מײַנע באַפעלן. די מלכים פון גאָר דער וועלט, ווען זיי הערן וועגן דער גדולה און דער מאַכט פון אונדזער קיניג, שיקן צו אים מתּנות, כּדי צו געווינען זײַן גענאָד; דאָס זײַנען די מלכים פון אַשכּנז (דײַטשלאַנד), פון די גבֿלים אָדער אַל סאַקלאַב (די סלאַוון בײַם דונאַי אָדער אויף די באַל־קאַנען), פון קונשטנטינה (קאָנסטאַנטינאָפּאָל) און אַנדערע. אַלע זייערע מתּנות גייען דורך דורך מײַנע הענט".

ווײַטער דערציילט חסדאי, ווי אַזוי ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ די פרעמדלענדישע שלוחים וואָס קומען קיין קאָרדאָווע וועגן דעם אומאָפּהענגיקן קיניגרײַך פון דעם „שארית ישראל", ווי אַזוי ער איז סוף־כּל־סוף געוואָר געוואָרן וועגן לאַנד אַל־כּאַזאַר און ווי אַזוי ער האָט געזוכט מענטשן אויף איבערצושיקן זײַן בריוו. ער שטעלט דעם קיניג פון די כּוזרים אַ סך פראַגעס וועגן דער לאַגע פון זײַן לאַנד, וועגן זײַן באַפעלקערונג, וועגן דער מלוכה־אָרדענונג און באַזונדערס וועגן דער דינאַסטיע וואָס קיניגט איצט. „מיר ווילט זיך וויסן דעם אמת, – שרײַבט ער, – צי איז טאַקע פאַראַן אַן אָרט אויף דער וועלט, ווו דאָס צעשפּרייטע פאָלק ישראל האָט טאַקע אַן אייגענע ממשלה, ווו עס איז קיינעם ניט אונטערטעניק. און ווען איך וואָלט געוווסט, אַז דאָס איז אמת, וואָלט איך זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע מײַנע כּיבודים, וואָלט אַוועקגעוואָרפֿן מײַן הויכן פּאָסטן, פאַרלאָזן מײַן פאַמיליע און וואָלט געגאַנגען איבער בערג און איבער טאָלן, איבער דער יבשה און איבערן ים, ביז איך וואָלט געקומען אין יענעם אָרט, ווו עס וווינט מײַן האַר דער קיניג (דער ייִדישער). איך וואָלט געזען זײַן גדולה און זײַן כּבֿוד, די סוויטע וואָס רינגלט אים אַרום. איך וואָלט געזען, ווי עס לעבט רויִק די שארית ישראל. נאָך אַ בקשה האָב איך: מיך צו לאָזן וויסן, צי האָט איר ידיעות וועגן קץ־הימים (ווען משיח וועט קומען), וואָס מיר וואַרטן אויף אים אַזוי לאַנג וואָגלענדיק פון לאַנד צו לאַנד. באַרויבט פון כּבֿוד, דערנידעריקט אין גלות, האָבן מיר גאָרנישט וואָס צו ענטפֿערן די וואָס זאָגן צו אונדז: איטלעכס פאָלק האָט אַ מלוכה, איר אָבער האָט אויף דער ערד קיין סימן נישט פון אַ מלוכה".

אין דעם דאָזיקן בריוו פון דעם שפּאַנישן מיניסטער קלינגט הויך די בענקשאַפֿט פון דעם ייִדישן נע־ונדניק. עס איז באַשײַמפּערלעך ניט געווען גרינג די לאַגע פון אַ ייִדן, וואָס האָט געמוזט פירן די אויסווייניקסטע פּאָליטיק פון אַ מוסלימישער מלוכה, האָבן צו טון מיט קריסטלעכע דיפּלאָמאַטן און שטענדיק לאַווירן צווישן פרעמדע שטימונגען. הײַנט די קנאה פון די אַרומיקע שׂרים צום טאַלענטירטן אַנדערשגלייביקן מיניסטער און די פאַרשטיקטע פײַנדשאַפֿט פון די רעכטגלייביקע מאַסן האָט זיך געלאָזט פילן אויף שריט

און טריט. עס איז דעריבער מיגלעך, אַז חסדאיס אויסגעשריי, אַז ער איז גרייט צו גיין איבער לענדער און ימים, כּדי צוצוקומען צום ייִדישן קיניג, האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַ צעווייטאָגטער נשמה. ער וואָלט זיכער געגרן איבער־געביטן זײַן הויכן פּאָסטן אַפֿילו בײַ אַזעלכע כאַליפֿן ווי אַבדו־ר־ראַכמאַן III און חכם II אויף אַ מיניסטער־פּאָסטן בײַ אַ ייִדישן הויף, ווו עס וואָלט ניט געווען קיין צעשפּאָלטנקייט, ווו עס וואָלט ניט געשטיקט פֿון אַלע זײַטן די פֿרעמדע סטיכיע... דער דאָזיקער חלום האָט שוין ניט געקאָנט ווערן קיין וואָר. חסדאי האָט אָפּגעשיקט זײַן בריוו אין כּוזרים־לאַנד אַן ערך אין יאָר 955, און אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער געקראָגן אַ תּשובֿה פֿון דעם דאָר־טיקן קיניג אָדער „כאַגאַן" יוסף (ווײַטער, § 29), וואָס האָט אַרויסגעזאָגט זײַן גרייטשאַפֿט איבערצוגעבן אין חסדאיס הענט די גאַנצע רעגירונג פֿון דער מלוכה, אויב ער זאָל וועלן אַריבערקומען אין דעם ווײַטן לאַנד בײַם קאַספּישן ים. אָבער עס איז ניט באַשערט געווען, אַז דער ייִדישער מיניסטער זאָל זיך צונויפֿקומען מיטן ייִדישן קיניג. אין גיכן זײַנען מן הסתּם דערגאַנגען קיין שפּאַניע די ידיעות וועגן די ווילדע אָנפֿאַלן פֿון די „רוסן" אויף דעם קיניג־רײַך פֿון די כּוזרים, וואָס די קיִעווער רוסן האָבן פֿריִער זיי געצאָלט צינז. אַרום יאָר 969 האָט דער קיִעווער פֿירשט סוויאַטאָסלאַוו צעשטערט די הויפּט־שטאָט פֿון כּוזרים־לאַנד בײַ דער וואָלגע, איטיל, און דערמיט געמאַכט אַ סוף צו דער קיניגלעכער דינאַסטיע, וואָס האָט געהאַלטן די ייִדישע אמונה. קורץ נאָך דעם, בײַם סוף פֿון חכם II רעגירונג, איז געשטאָרבן אויך חסדאי אבן שפּרוט (צווישן 970 און 976).

§ 24. די ייִדישע אַליין־פֿאַרוואַלטונג אין קאָרדאָווער כאַליפֿאַט

בײַם באַגינען פֿון דער ייִדישער קולטור אין אייראָפּע האָט איינער פֿון אירע גרעסטע טוערס געחלומט וועגן דעם „קץ הפּלאות", וועגן אומקער קיין מזרח, אין דער וויג פֿון דער נאַציע, — און גראָד אים איז געווען באַשערט אין דער גרעסטער מאָס מיטצווווירקן דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דעם ייִדישן קולטור־צענטער אין דעם מערבֿדיקן לאַנד, וואָס איז באַרופֿן געווען צו ווערן אין אַ משך פֿון עטלעכע יאָרהונדערטער די ארץ־ישׂראל פֿון גלות. דער היסטאָרישער גורל האָט באַשטימט, אַז חסדאי אבן־שפּרוט האָט שטרעבנדיק אין געדאַנק קיין מזרח געמוזט נעמען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין אַ היפּכ־דיקן היסטאָרישן פּראָצעס: אין אַריבערטראָגן די ייִדישע נאַציאָנאַלע הגעמאָניע פֿון מזרח קיין מערבֿ. דער וויכטיקסטער פֿאַרדינסט פֿון אָט דעם מלוכה־טוער איז באַשטאַנען דערין, וואָס ווי באַלד ער האָט אײַנגעזען, אַז

דער אַלטער ייִדישער צענטער אין בבֿל האַלט בײַם אונטערגיין, האָט ער אָנגענומען מיטלען צו שאַפֿן אַ נײַעם אויטאָנאָמען צענטער אין שפּאַניע, וואָס לויט איר געאָגראַפֿישער און פּאָליטישער לאַגע איז זי געווען אַ נאַטירלעכער בריק צווישן אַפֿריקע, אַזיע און אייראָפּע. אין יענעם יאָרהונדערט, ווען די יונגע קאָרדאָווע האָט אין דער מוסלימישער וועלט פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון דער אַלט געוואָרענער באַגדאַד, איז געווען נאַטירלעך די שטרעבונג אַריבער-צופֿלאַנצן אין דער נײַער הויפּטשטאָט די אַמטן פֿון ריש-גלותא און פֿון גאון און דאָס ישיבֿה-לעבן פֿון דער געוועזענער מעטראָפּאָליע. דאָס איז געווען די צײַט, ווען די מחלוקת צווישן די גאונים און די רישי-גלותא האָט געהאַט צעטרייסלט אָט די צוויי יסודות פֿון דער בבֿלישער העגעמאָניע, ווען די הויפּט-ישיבֿה אין סורא האָט נאָכן טויט פֿון רבֿ סעדיה גאון זיך פֿאַרמאַכט, און די ישיבֿה אין פּומבדיתא האָט געקאָנט זיך האַלטן נאָר אַ דאַנק דער אונטערשטיצונג מצד אַנדערע לענדער פֿון דער דיאַספּאָרע. [1] אַנשטאָט דעם העגעמאָניע-צענטער, וואָס האָט געהאַלטן אין צעפֿאַלן ווערן, האָבן זיך באַוויזן אַנדערע, צײַטווײַליקע אין מזרח, מער שטאַנדהאַפֿטיקע אין די מערבֿ-לענדער.

צווישן די מערבֿדיקע פּרעטענדענטן אויף העגעמאָניע איז דאָס שפּאַנישע ייִדנטום געווען דעמאָלט דער סאָלידסטער. חסדאי אבן שפּרוט איז שוין פֿאַקטיש געווען אַזוי ווי אַ ריש-גלותא, ער האָט אַפֿילו בײַם פֿאָלק געטראָגן דעם טיטל „נשיא". אָבער חוץ אָט דעם וועלטלעכן פֿאַרטרעטער פֿון דער אויטאָנאָמיע האָט מען געדאַרפֿט נאָך אַוועקשטעלן גײַסטלעכע פֿירערס: מענטשן וואָס זאָלן אויספֿירן די התמנות פֿון גאונים, ראשי-ישיבֿות. און חסדאי האָט טאַקע געהאָלפֿן צו שטאַנד ברענגען אָט די אויפֿגאַבע. לכתחילה פֿלעגט ער, לויטן אַלטן מנהג, שיקן גרויסע סומעס געלט קיין בבֿל אויף אויסצוהאַלטן די דאָרטיקע ישיבֿות, האָט געווענדט זיך מיט שאלות צו די גאונים אין בבֿל און צו די רבנים אין אַפֿריקע. נאָר אין גיכן האָט זיך אין קאָרדאָווע גופֿא צונויפֿגעקליבן אַ קרײַז פֿון לומדים, וואָס האָבן דאָ געפֿונען אַ גינציק פֿעלד פֿאַר פֿאַרשפּרייטן דעם תּלמוד אונטערן שוץ פֿון דעם אויפֿגעקלערטן ייִדישן שׂר. [2] אין די לעצטע יאָרצענדליגער פֿון חסדאיס לעבן איז אין קאָרדאָווע אויפֿגעקומען אַ צענטער פֿאַר תּלמוד-שטודיום, וואָס זײַנע אָנפֿירערס האָבן זיך גערופֿן ניט „גאונים", נאָר „רבנים", אָבער בעצם האָבן זיי אויסגעפֿירט די פֿונקציע פֿון גאונים סײַ אין לערנען די תּורה מיט תּלמידים, סײַ אין פּסקענען דינים.

---

1 זע „וועלט-געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק", מזרח-פּעריאָד, ב׳ III, § 64.

2 חוץ די ייִדישע כראָניסטן און פּאָעטן, וואָס פֿאַרצייכענען אָט דעם אויפֿטו חסדאיס, רעדט וועגן דעם אויך דער אַראַבישער שרײַבער איבן-אַבי-אוסײַביאַ: „חסדאי בן יצחק איז געווען איינער פֿון די בעסטע ייִדישע געלערנטע, וואָס קענען די תּורה. פֿאַר זײַנע גלויבנס-ברידער אין אַנדאַלוזיע האָט ער אויפֿגעעפֿנט די טויערן פֿון דער טעאָלאָגישער וויסנשאַפֿט

אַ שפּאַניש-ייִדישער כראָניסט [1] דערציילט וועגן אויפֿקום פֿון אָט דעם רבנישן צענטער אין דער פֿאָרם פֿון אַ לעגענדע. זי איז פֿאַרבונדן מיט דער באַוווּסטער מסורה וועגן פֿיר רבנים פֿון די מזרח-לענדער, וואָס האָבן געפֿאָרן איבערן ים קיין איטאַליע, און אונטער וועגנס האָבן ים-רויבערס זיי גענומען געפֿאַנגען, און די ייִדישע קהילות פֿון אַפֿריקע און אייראָפּע האָבן זיי אויסגעלייזט און האָבן זיי אַוועקגעזעצט בײַ זיך פֿאַר רבנים (מעשׂה ד' שבֿויים). [2] ווען מען טראַכט זיך אַרײַן אין דער דערציילונג פֿון דעם כראָניסט, קאָן מען קומען צו דער מסקנא, אַז דרום-איטאַליע איז געווען יענער פֿאַר-מיטלפּונקט, וואָס דורך אים איז די תּורה פֿון מזרח אַריבער קיין שפּאַניע. דאָס איז געשען אין מיטן 10טן יאָרהונדערט, ווען די בערבערישע חיילות פֿון דעם פֿאַטימיד אַל-מויִז האָבן פֿון אַפֿריקע זיך אַרײַנגעריסן אין דרום-איטאַליע און האָבן אויף אַ צײַט אָפּגענומען בײַ די ביזאַנטיער די ים-שטעט טאַרענט, אָטראַנטאָ און די וויכטיקסטע האַונשטעט באַרי (אויבן, § 19). דער געגענער פֿון די פֿאַטימידן, דער קאָרדאָווער כאַליף אַבדו-ר-ראַכמאַן III, האָט אַרויסגעשיקט אין מיטלענדישן ים זײַן קריגספֿלאָט אונטער דער אָנפֿי-רונג פֿון דעם אַדמיראַל איבן-רומאַכיס מיטן באַפֿעל צו פֿאַרכאַפּן די חשודיקע שיפֿן, וואָס שווימען אַרום צווישן די ברעגעס פֿון איטאַליע און ביזאַנץ. איין מאָל האָט דער קאָרדאָווער גענעראַל געכאַפּט אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען פֿון באַרי צו איינעם פֿון די ביזאַנטישע האַוונס. צווישן די געפֿאַנגען גענומענע פּאַסאַזשירן פֿון דער שיף זײַנען געווען אויך פֿיר רבנים, וואָס זײַנען געפֿאָרן ווי משולחים צו קלײַבן געלט פֿאַר ישיבֿות. וועגן צוויי געפֿאַנגענע ווייס די מסורה צו דערציילן, אַז די קהילות פֿון קײַרואַן און פֿון אַלכסנדריא אין אַפֿריקע האָבן זיי אויסגעלייזט, און זיי האָבן אין יענע שטעט געגרינדעט ישיבֿות; וואָס איז געוואָרן מיטן דריטן, איז ניט באַוווּסט; דער פֿערטער ווידער איז געקומען קיין שפּאַניע בײַ באַזונדערס טראַגישע אומשטאַנדן. דאָס איז געווען דער געלערנטער רבי משה בן-חנוך, וואָס איז גענומען געוואָרן געפֿאַנגען צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי און מיט זײַן ייִנגל, וואָס האָט געהייסן חנוך. דער אַדמיראַל איבן-רומאַכיס, וואָס האָט די געפֿאַנגענע געהאַלטן פֿאַר זײַן אייגנטום, האָט געוואָלט צונעמען ר' משהס שיינע פֿרוי

אונ געזעץ-קענטשאַפֿט, פֿון דער כראָנאָלאָגיע און אַנדערע קענטעניש. ביז יענער צײַט האָבן זיי געמוזט זיך ווענדן צו די ייִדן פֿון באַגדאַד מיט שאלות וועגן געזעץ, וועגן אַלץ וואָס איז שייך צום לוח און צו די צײַטן פֿון די ימים-טובֿים".

[1] ר' אַבֿרהם אבן דאוד פֿון טאָלעדאָ אין „ספֿר הקבלה" (אָנגעשריבן אַרום 1170). היות ווי דער טעקסט פֿון דעם ספֿר איז געקומען צו אונדז מיט חסרים און אין עטלעכע נוסחאות, דעריבער איז די לעגענדע, וואָס האָט בלתי-ספֿק אַ היסטאָרישן יסוד, ניט גענוג קלאָר. מחמת דעם זײַנען פֿון איר געמאַכט געוואָרן אומבאַגרינדעטע אויספֿירן.

[2] „וועלט-געשיכטע פֿון ייִד' פֿאָלק", מזרח-פּעריאָד ב' III, § 68.

אין זײַן האַרעם אַרײַן. די יונגע פרוי, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן וועגן דעם אַראַבערס מיין, נאָך בעת זיי זײַנען געפאָרן אויף דער שיף, האָט געפרעגט בײַ איר מאַן, צי דערטרונקענע האָבן אויך אַ חלק לעולם הבא. „אוודאי, – האָט געענטפערט דער מאַן, וואָס האָט קיין זאַך ניט חושד געווען – עס שטייט אין פסוק: אשיב ממצולות ים — איך וועל אומקערן פון די טיפענישן פון ים״. דערהערט דאָס, איז די יונגע פרוי אַראָפּגעשפּרונגען פון שיף אין ים אַרײַן און איז דערטרונקען געוואָרן. אַ צעבראָכענער פון טרויער איז ר׳ משה בן חנוך מיט זײַן זון אָנגעקומען קיין קאָרדאָווע, ווו די אָרטיקע קהילה האָטביידע שבויים אויסגעלייזט (אַן ערך אין יאָר 950).

די ערשטע צײַט, וואָס ר׳ משה האָט געוווינט אין קאָרדאָווע, האָט ער קיינעם ניט אויסגעזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער למדן, און נאָר על-פּי צופאַל האָט מען זיך דערוווּסט וועגן זײַן לומדות. איין מאָל איז ער, אָנגעטאָן ווי אַן אָרעמאַן, אַרײַנגעקומען אין דער ישיבה, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען דער דיין ר׳ נתן. גראָד אין יענער צײַט האָט ר׳ נתן געלייענט אַ שיעור פאַר זײַנע תּלמידים אין אַ האַרבער סוגיא. ר׳ משה האָט זיך עניוותדיק אַוועקגעשטעלט בײַ דער טיר פון בית-המדרש און זיך צוגעהערט צום שיעור. אין מיטן האָט ער דערהערט, אַז דער דיין האָט פאַלש אויסגע-טײַטשט דעם ענין. האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און אַרויסגעזאָגט זײַנע באַוואָרענישן. די צוהערער זײַנען נשתּומם געוואָרן דערויף, וואָס אַט דער אָרעמאַן ווײַזט אַרויס אַזעלכע ידיעות, און האָבן אים געשטעלט נאָך עטלעכע קשיות, וואָס ער האָט באַלד פאַרענטפערט. דערווײַל האָבן זיך אויף דער גאַס צונויפגעקליבן מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן דיין פירצוברענגען פאַר אים זייערע דין-תּורות. איז רבי נתן אַרויס צו די ייִדן אויפן גאַס און האָט צו זיי געזאָגט: „פון הײַנט אָן בין איך מער ניט אײַער דיין, דער אָרט קומט אָט דעם אָרעמאַן דעם אורח: נאָר ער איז ראוי צו זײַן דער דיין פון דער קאָרדאָווער קהילה״. אַזוי אַרום איז רבי משה בן-חנוך אויס-געקליבן געוואָרן פאַר אַ רבֿ און דיין פון קאָרדאָווע, און שפּעטער איז ער געוואָרן דער ראש פון דער אַליין-פאַרוואַלטונג פון די ייִדישע קהילות אין קאָרדאָווער כאַליפאַט. אַז דער אַדמיראַל איבן-רומאַכיס איז געוואָר געוואָרן, וואָס פאַר אַ גרויסער מאַן עס איז זײַן געוועזענער געפאַנגענער, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט גענומען בײַ דער קאָדאָווער קהילה אַ צו קלײנעם אויסקויף, און פאַרלאַנגט, אַז די קהילה זאָל אים נאָך מוסיף זײַן. נאָר דערצו האָט ניט דערלאָזט דער כאַליף אַבדו-ר-ראַכמאַן. וועדליג דער כראָניסט דער-ציילט, איז ער געוועזן זייער צופרידן, ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז להבא זײַנען די ייִדן אין זײַן מלוכה אומאָפּהענגיק פון די „אנשי בבל״, פון די אײַנוווינער פון דעם לאַנד פון די אַבאַסידן, וואָס זײַנען געווען די שונאים פון די שפּאַנישע אָמאַיאַדן.

דער ווילן פֿון דעם אויפֿגעקלערטן כאַליף האָט אין גאַנצן געשטימט מיטן פֿאַרלאַנג פֿון ייִדישן מיניסטער. חסדאי האָט שוין פֿון לאַנג געשטרעבט צו שאַפֿן אַ זעלבשטענדיקן גײַסטיקן צענטער פֿון שפּאַנישן ייִדנטום, און איצט האָט ער געקאָנט פֿאַרווירקלעכן זײַן רעיון. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿאַרשטאַרקטע אַרבעט פֿון אָרגאַניזירן אויטאָנאָמע קהילות און אײַנפֿלאַנצן אין זיי די דינים פֿון תּלמוד ווי אַ יסוד פֿון געזעצגעבונג און פֿאַרוואַלטונג. די ישיבֿה אין קאָרדאָווע איז אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ר׳ משה בן־חנוך געוואָרן אַ צענטראַלע ישיבֿה מיט אַ קאָלעגיע פֿון דיינים. פֿאַר די לערנערס פֿון תּלמוד האָט מען אויסגעשריבן פֿון בבֿל כּתבֿ־ידן, וואָס האָבן געקאָסט אַ סך געלט. די קאָרדאָווער ישיבֿה האָט אין גיכן געקראָגן אַזאַ שם, אַז עס האָבן אָנגעהויבן קומען אַהין תּלמידים פֿון פֿאַרשיידענע שטעט פֿון שפּאַניע און פֿון דער שכנישער אַפֿריקע. ר׳ משה בן־חנוך האָט געהאַט דעם זעלביקן אויטאָריטעט וואָס אַ גאון, און ווען אין פּומבדיתא איז אין גיכן ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן די ישיבֿה בראש מיט רבֿ שרירא גאון, האָט די שפּאַנישע קאָלאָניע געקאָנט זיך שוין אויסגלײַכן מיט דער מעטראָפּאָליע אין בבֿל.

חסדאי אבן שפּרוט האָט געזאָרגט ניט בלויז וועגן אײַנפֿלאַנצן דאָס לערנען תּלמוד אין שפּאַניע, ער האָט אויך מיטגעהאָלפֿן דער אַנטוויקלונג פֿון אַנדערע צווײַגן פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. אין זײַן קרײַז האָט ער געשפּילט די ראָלע פֿון אַ באַשיצער פֿון געלערנטע און פּאָעטן, אַזוי ווי דער כאַליף חכם II בײַ די אַראַבער. ער האָט פֿאַרבעטן קיין קאָרדאָווע צוויי מדקדקים: מנחם בן־סרוק און דונש בן־לברט, וואָס האָבן געמאַכט די התחלה פֿון דער העברעיִשער שפּראַך־וויסנשאַפֿט אין די מערבֿ־לענדער (ווײַטער, § 27). די שרײַבערס וואָס חסדאי האָט אונטערגעהאַלטן האָבן מחבר געווען לויבלידער פֿון זײַן כּבֿוד וועגן. די קנאה־שׂנאה צווישן די מחברים פֿלעגט אַ מאָל אויך ברענגען צו פּערזענלעכע אינטריגעס, ווי דאָס איז ניט אויסצומײַדן בײַם מעצענאַטנטום, אָבער סוף־כּל־סוף איז דערגרייכט געוואָרן דער גוטער ציל: מענטשן מיט כּשרונות האָבן געקראָגן די מיגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן אין גאַנצן מיט זייער ליטעראַרישן באַרוף.

אַז ר׳ משה בן־חנוך איז געשטאָרבן (אַרום 970), האָט אין קאָרדאָווע זיך צעפֿלאַקערט אַ מחלוקת פֿון וועגן דער רבנות. איצט האָט מען שוין ניט באַדאַרפֿט וואַרטן, ביז עס וועט קומען אַ רבֿ פֿון דער פֿרעמד, עס זײַנען שוין געווען אייגענע היימישע קאַנדידאַטן, צום טייל טאַקע תּלמידים פֿון דער קאָרדאָווער ישיבֿה, און פֿון זיי האָט מען באַדאַרפֿט אויסקלײַבן אַ רבֿ. זײַנען אין שטאָט געוואָרן צוויי צדדים: איין צד האָט געוואָלט האָבן דעם זון פֿון פֿאַרשטאָרבענעם רבֿ, רבי חנוכן, וואָס איז געווען אַ גרויסער קענער פֿון

תּלמוד, און דער צווייטער צד האָט געהאַלטן פֿאַר רבי יוסף אבן=אַביתור (אויך אבן שטנש אָדער שנטש), וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַן אַלזײַטיקע בילדונג. אבן=אַביתור איז געווען אַ געבוירענער אין דער אַנדאַלוזישער שטאָט מערידע און האָט געקראָגן זײַן סמיכה אויף הוראה אין דער קאָרדאָווער ישיבֿה. חוץ זײַן לומדות, איז ער נאָך געווען אַ משורר, און זײַנע פּיוטים זײַנען אַרײַנגענומען אין דער ליטורגיע פֿון נוסח ספֿרד. לויט דער באַשטעלונג פֿון דעם כאַליף חכּים II, וואָס האָט צונויפֿגעקליבן אין זײַן ביבליאָטעק ליטעראַרישע ווערק פֿון אַלע פֿעלקער, האָט אבן=אַביתור געמאַכט אַן איבערזעצונג אָדער אַ קיצור פֿון תּלמוד אין אַראַביש. בכּלל איז ר' יוסף אבן=אַביתור געווען אַ נײַער טיפּ פֿון אַ רבֿ, וואָס איז אויך וועלטלעך געבילדעט, בעת ווען רבי חנוך איז געווען אַ פֿאָרשטייער פֿון דעם אַלטן טיפּ בבֿלישע תּלמודיסטן, וואָס חוץ דער גמרא האָבן זיי קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן.

היות ווי חסדאי אבן=שפּרוט איז געווען אויף ר' חנוכס צד, דעריבער איז ער טאַקע אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַרן רבֿ פֿון קאָרדאָווע און צו גלײַך פֿאַרן גײַסטלעכן מנהיג פֿון אַלע ייִדישע קהילות פֿון אַנדאַלוזיע. אָבער נאָך חסדאיס טויט האָט די מחלוקת פֿאַר דער רבנות אין קאָרדאָווע זיך ווידער פֿאַרשאַרפֿט. אבן=אַביתורס צד זײַנען אָפֿן אַרויסגעטראָטן קעגן ר' חנוכן, און דעם לעצטנס אָנהענגער האָבן אבן=אַביתורן אַרײַנגעלייגט אין חרם. ביידע צדדים האָבן זיך געווענדט צום כאַליף חכּים, ער זאָל אַנטשיידן זייער מחלוקת. טאָג פֿאַר טאָג — דערציילט דער כראָניסט בלשון גוזמא — פֿלעגן אַרויספֿאָרן פֿון קאָרדאָווע קיין אַל=זאַהראַ (דאָס איז די פֿאָרשטאָט פֿון די ווילעס, וווּ עס האָט זיך געפֿונען דעם כאַליפֿס פּאַלאַץ) הונדערטער קאַרעטעס מיט ייִדן אָנגעטאָן אין גרויסאַרטיקע אַראַבישע בגדים: דאָס זײַנען געווען פֿאָרשטייער פֿון די צוויי קעמפֿנדיקע צדדים, איטלעכע גרופּע מיט איר רבֿ. דער כאַליף האָט טאַקע מער געהאַלטן פֿון דעם געבילדעטן אבן=אַביתור, נאָר ער האָט געמוזט פּסקענען לטובֿת ר' חנוכן, ווײַל אויף זײַן צד זײַנען געווען דאָס רובֿ קאָרדאָווער ייִדן. אבן=אַביתור האָט געפּרוווט געווינען דעם כאַליף אויף זײַן צד, נאָר חכּים האָט אים געענטפֿערט: „אויב די אַראַבער וואָלטן געווען קעגן מיר, אַזוי ווי עס זײַנען קעגן דיר די קאָרדאָווער ייִדן, וואָלט איך אַוועק פֿון מײַן מלוכה; איך גיב דיר אַן עצה צו פֿאַרלאָזן קאָרדאָווע". און אבן=אַביתור איז טאַקע סוף=כּל=סוף אַוועקגעפֿאָרן צו ערשט אין איינער פֿון די שפּאַנישע האַוונשטעט און שפּעטער קיין צפֿון=אַפֿריקע.

בינתּים האָט די לאַגע אין קאָרדאָווע זיך איבערגעביטן גינציק פֿאַר אים. דער כאַליף חכּים איז געשטאָרבן (976), און די רעגירונג פֿון דער מלוכה איז אויף אַ לאַנגער צײַט אַריבערגעגאַנגען צו זײַן געוועזענעם מיניסטער איבן=אַבי=אַמיר, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין די שפּאַנישע פֿאָלקס=מסורות

אונטערן נאָמען אַלמאַנסור אָדער אַ ל מ אַ נ ז אָ ר (דער זיגער). דער דאָזיקער רעגענט, וואָס איז געווען דער אַפּיטראָפּוס פֿון דעם אומפֿעיִקן קרוין=יורש הישאַם, האָט זיך געמיט אויף אַלע אופֿנים צו באַקומען געלט אויף צו פֿירן מלחמות מיט די קריסטלעכע פֿירשטן פֿון צפֿון=שפּאַניע, און דעריבער האָט ער געזוכט אונטערשטיצונג בײַ רײַכע ייִדן. זײַן ליבלינג, דעם זײַדן=פֿאַבריקאַנט יעקבֿ אבן ג'או (איבן=דזשאַו) האָט ער באַשטימט פֿאַרן ראָש פֿון די ייִדישע קהילות אין קאָרדאָווער כאַליפֿאַט, פֿאַר אַ מין „נשׂיא". דעם נײַעם נשׂיא איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט, וואָס עס האָט פֿריִער געהאַט חסדאי אבן=שפּרוט: ער האָט געדאַרפֿט באַשטימען רבנים און דיינים אין די קהילות און אַרויפֿלייגן אויף ייִדן שטײַערן, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז געווען באַשטימט פֿאַר דעם רעגענט. דער אויפֿגעקומענער סוחר, וואָס איז געוואָרן אַ הויכער שׂררה, האָט געקראָגן אין זײַן רשות אַן אָפּטייל אויסגעפּוצטע דינערס פֿון דעם כאַליפֿס הויף און אַ הויף=קאַרעטע, און ער פֿלעגט מיט גרויס פּאַראַד אַרומפֿאָרן איבער די גאַסן פֿון קאָרדאָווע. פּונקט ווי זײַן באַשיצער אַלמאַנזאָר האָט זיך אויפֿגעפֿירט מעשׂה דעספּאָט אין זײַן מלוכה, אַזוי האָט אבן=דזשאַו אין דער ייִדישער סבֿיבֿה געפּראַוועט תּקיפֿות. ער האָט געלאָזט מעלדן רבי חנוכן, אַז אויב ער וועט זיך דערוועגן צו פּסקענען דין=תּורות אָן זײַנער, אבן=דזשאַוס דערלויבעניש, וועט מען אים אַרײַנזעצן אין אַ שיפֿל אָן רודערס און לאָזן שווימען איבערן ים. היות ווי אבן=דזשאַו איז פֿון לאַנג אָן געווען אין דער מחלוקת וועגן דער רבנות אויפֿן צד פֿון אבן=אַביתור, דעריבער האָט ער באַשלאָסן אַראָפּצוזעצן ר' חנוכן און אַוועקצוזעצן אויף זײַן אָרט זײַן פֿאַרטריבענעם קאָנקורענט. לויט דער פֿאָדערונג פֿון אבן=דזשאַו האָט די קאָרדאָווער קהילה אַוועקגעשיקט אַ פֿאַרבעטונג מיט אַלע כּיבודים צו אבן=אביתורן, וואָס איז דעמאָלט געזעסן אין אַפֿריקע. נאָר דער פֿאַרטריבענער געלערנטער האָט אַרויסגעוויזן זײַן איידעלן כאַראַקטער: ער האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאָג פֿון די קאָרדאָווער און האָט ניט געוואָלט אָננעמען די רבנות מיט דער הילף פֿון אַן אויפֿגעקומענעם תּקיף. אבן=אַביתור האָט ווײַטער געפֿירט אַ לעבן פֿון נע=ונד. פֿון אַפֿריקע איז ער אַוועק קיין בבֿל און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּומבדיתא, ווו ער האָט געהאָפֿט, אַז רבֿ האַי גאון וועט אים פֿרײַנדלעך אויפֿנעמען. נאָר רבֿ האַי, וואָס איז געווען אַ מחמיר אין דין, האָט ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך קיין מוחרם. אַזוי איז דער נע=ונדניק אַוועק קיין דמשׂק, ווו ער איז געשטאָרבן.

בינתּים איז דער קאָרדאָווער „נשׂיא" אַראָפּ פֿון זײַן גדולה. אַלמאַנזאָר האָט אים מקרבֿ געווען דערפֿאַר, ווײַל ער האָט גערעכנט דורך אים אַרויסצופּרעסן אַ סך געלט פֿון די ייִדישע קהילות. און פּונקט ווי דער רעגענט האָט אים גרויס געמאַכט, אַזוי האָט ער אים, ווען עס האָט אים געפּאַסט, אַראָפּגע=

זעצט פון דער גדולה און אים דערצו נאָך איינגעשפּאַרט אין תּפיסה. איין מאָל איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דער תּפיסה דער יונגער כאַליף הישאַם אין דער באַגלייטונג פון אַלמאַנזאָר. האָט אבן־דזשאַו זיך געשטעלט ביי דער טיר אַזוי, אַז דער כאַליף זאָל אים זען. ווען הישאַם האָט אים דערזען אַ תּפוס, האָט ער געפרעגט ביים רעגענט, פאַר וואָס האָט ער אים אַריינגעזעצט. האָט יענער געענטפערט, אַז דער יידישער נשיא גיט ניט אָפּ קיין געצוג גרויסן חלק פון זיינע רייכטימער פאַרן הויף. דערויף האָט הישאַם באַפוילן צו באַפרייען דעם תּפוס און צוריק אָוועקצוזעצן אים אויף זיין אַמט. נאָך היות ווי דער רעגענט איז געבליבן אים אַ שונא, האָט ער שוין ניט געהאַט די מאַכט, וואָס פריער. אין גיכן איז ער געשטאָרבן. רבי חנוכן האָט אָנגעזאָגט די בשורה וועגן טויט פון זיין געגענער עמעצער פון זיינע קרובים, וואָס האָט געמיינט, אַז ער זאָגט אים אָן אַ שמחה. נאָר ר׳ חנוך האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. האָט דער פאַרוווּנדערטער קרוב אויסגערופן: איך האָב דיר געבראַכט די בשורה וועגן טויט פון דיין שונא, און דו באַוויינסט אים גאָר ווי אַ גוטן פריינד! „יאָ, האָט געענטפערט ר׳ חנוך, – איך וויין איבער דעם גורל פון יענע אָרעמע לייט, וואָס האָבן זיך מפרנס געווען פון אָט דעם עושר. וואָס וועט מיט זיי איצט זיין? ניט דו און ניט איך קאָנען זיי דאָך ניט מפרנס זיין”. דער כראָניסט איז מוסיף דערצו, אַז „ר׳ חנוך האָט מחמת זיין צדקות ניט געוואָלט נהנה זיין פון זיין תּורה, און האָט דעריבער שטענדיק געלעבט אין דחקות”.

ר׳ חנוך האָט אַ לאַנגע צייט פאַרנומען די רבנות אין קאָרדאָווע און איז געשטאָרבן אין טיפער עלטער פון אַן אומגליקפאַל. איין מאָל אום שמחת־תּורה, ווען ער איז אַרויף אויף דער בימה אין שול, האָט די בימה פון אַלטקייט זיך איינגעבראָכן, און דער זקן איז אַנידערגעפאַלן און האָט זיך איבערגעבראָכן דעם רוקנביין (1014). דאָס איז געשען גראָד אין אַ צייט, ווען דער קאָרדאָווער כאַליפאַט האָט איבערגעלעבט אַ פּאָליטישן קריזיס.

§ 25. די יידישע גראַנאַדע, ר׳ שמואל הנגיד און זיין זון יוסף

נאָכן טויט פון דעם רעגענט אַלמאַנזאָר (1002) זיינען פאַרן קאָרדאָווער כאַליפאַט אָנגעשטאַנען שווערע צייטן. דער קריגערישער מושל, וואָס האָט אַריינגעצויגן דאָס לאַנד אין כסדרדיקע מלחמות מיט די קריסטלעכע פירשטנטימער פון צפון־שפּאַניע, האָט זיך געשטיצט דער עיקר אויף געדונגענע חיילות פון די בערבערישע שבטים, וואָס זיינען געקומען פון צפון־אַפריקע. נאָר אין גיכן האָבן די דאָזיקע שבטים איינגענומען אויך דעם

כאַליפֿאַט. די אַפֿריקאַנער מחנות האָבן זיך אַ גאַס געטאָן איבער אַנדאַלוזיע, אַרויסגעשטופּט די אַראַבישע מושלים און אַוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט זייערע אייגענע הויפּטלײַט. דער קאָרדאָווער כאַליפֿאַט איז צעברעקלט געוואָרן אויף קליינע מדינות. דער אָנפֿירער פֿון די אַפֿריקאַנער סוליימאַן איז אַרײַן מיט זײַן חיל אין קאָרדאָווע און האָט דאָרט אָנגעמאַכט אַ גרויסן חורבן (אַפּריל 1013). דערבײַ האָבן אויך געליטן די ייִדן וואָס זײַנען געבליבן געטרײַ דער געזעצלעכער דינאַסטיע. זייערע הײַזער און סחורה־לאַגערס זײַנען צעשטערט געוואָרן, און אַ סך משפּחות האָבן געמוזט אַוועק פֿון שטאָט. נאָך הונדערטער יאָר פֿון קולטורעלער בליִונג האָט דער ייִדישער צענטער אין קאָרדאָווע געקראָגן אַ קלאַפּ וואָס האָט אים חרוב געמאַכט.

אין די ווײַטערדיקע יאָרצענדלינגער איז זיך דער קאָרדאָווער כאַליפֿאַט אין גאַנצן צעפֿאַלן. די אַראַבישע שפּאַניע האָט זיך צעשפּאָלטן אויף עטלעכע קליינע מלוכות מיט באַזונדערע עמירן אין איטלעכער פֿון די הויפּטשטעט: סעווילע, גראַנאַדע, מאַלאַגע, אַלמעריע, סאַראַגאָסע און אַנדערע. מחמת דעם זײַנען אויך די ייִדישע קהילות צעטיילט געוואָרן צווישן די איינציקע מלוכות; אַנשטאָט איין גרויסן צענטער פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע זײַנען געוואָרן עטלעכע צענטערס. דער הויפּטצענטער איז געוואָרן די קהילה אין גראַנאַדע, וואָס צו איר איז אויף אַ צײַט אַריבער די העגעמאָניע פֿון קאָר־דאָווע און דרום־שפּאַניע. אַ סך ייִדן, וואָס זײַנען אין דער מהומה־צײַט אַנטרונען געוואָרן פֿון קאָרדאָווע האָבן זיך באַזעצט אין גראַנאַדע, וואָס איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון דער זעלבשטענדיקער מלוכה פֿון דער אַפֿריקאַנער דינאַסטיע פֿון די זירידן. אין דער מדינה פֿון גראַנאַדע האָבן געוווינט אַ סך ייִדן; אין דער שטאָט לוסענע (העברעיִש און אַראַביש — אליסנה) האָבן זיי געבילדעט דעם גרעסטן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג. די שטאָט גראַנאַדע אַליין האָט בײַ די מוסלמאַנער געהאַט דעם שם פֿון אַ „ייִדישער שטאָט“. דאָ האָט זיך אין צווייטן פֿערטל פֿון 11טן י״ה באַוויזן אַ מאַן, וואָס איז געוואָרן פֿאַר זײַנע פֿאָלקסברידער דאָס, וואָס חסדאי אבן־שפּרוט איז געווען פֿאַר זיי אין פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דאָס איז געווען רבי **שמואל הלוי אבן־נגדילא**, וואָס איז באַוווּסט אויך אונטערן נאָמען **רבי שמואל הנגיד** (993—1055).

אַ געבאָרענער אין מערידע, האָט רבי שמואל הנגיד געקראָגן זײַן אויסבילדונג אין קאָרדאָווע אין די לעצטע יאָרן פֿון איר בליצײַט. ער האָט גרונטיק אויסשטודירט דעם תּלמוד אין רבי חנוכס ישיבֿה, און אין דער גלײַכער צײַט האָט ער אויסגעלערנט דעם קורס פֿון די וועלטלעכע וויסנ־שאַפֿטן פֿון זײַן צײַט. ער האָט גוט געקענט די העברעיִשע און אַראַבישע ליטעראַטור און האָט גוט געשריבן אויף ביידע שפּראַכן, ער האָט שטודירט

דקדוק אָדער פילאָלאָגיע, לאָגיק און פילאָסאָפיע און איז אויך געווען אַ טאַלענטירטער פּאָעט.

נאָכן חורבן פון קאָרדאָווע איז ר׳ שמואל אַנטלאָפן געוואָרן פון דאָרט צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער קהילה. ער האָט זיך באַזעצט אין מאַלאַגע און געלעבט דאָרט באַשיידן: ער האָט זיך מפרנס געווען פון אַ קראָם צו פאַרקויפן בשמים. גאָר צופעליק האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג דער וויזיר פון דעם דעמאָלטיקן גראַנאַדער עמיר כאַבוס, איבן־אַלאַריף. ר׳ שמואלס קראָם האָט זיך געפונען בשכנות מיטן הויז פון וויזיר, וואָס זיין משפחה האָט געוווינט אין מאַלאַגע. אַ באַדינערין פון דעם כאַליפס הויז האָט געפועלט ביי ר׳ שמואלן, ער זאָל שרייבן פאַר איר בריוו צו איר בעל־הבית אין גראַנאַדע. די דאָזיקע בריוו, וואָס זיינען געווען געשריבן אין אַן עלעגאַנטן אַראַבישן סטיל און מיט אַ שיינער האַנטשריפט, האָבן פאַראינטערעסירט דעם וויזיר. איין מאָל איז ער געקומען צו פאָרן קיין מאַלאַגע, האָט זיך באַקענט מיט ר׳ שמואלן און איז געווען פאַרחידושט, וואָס פאַר אַ גרויסע ידיעות עס פאַרמאָגט אָט דער באַשיידענער קרעמער. „דיין אָרט איז ניט אין קראָם — האָט ער געזאָגט צו ר׳ שמואלן — נאָר אין עמירס הויף; פון איצט אָן וועסטו אַרבעטן מיט מיר״. דער וויזיר האָט באַשטימט ר׳ שמואלן פאַר זיין סעקרעטאַר און האָט אים מיטגענומען מיט זיך קיין גראַנאַדע. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ייִדישער געלערנטער פאַרשטייט אויפן בעסטן אופן די פּאָליטישע ענינים און האָט פעיִקייטן פון אַ דיפּלאָמאַט. אין גיכן איז אַלאַריף קראַנק געוואָרן און האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. דעמאָלט האָט ער געגעבן אַן עצה דעם עמיר, ער זאָל ר׳ שמואלן נעמען פאַר אַ יועץ אין די ענינים פון דער רעגירונג. כאַבוס, וואָס אים איז געווען שווער צוצוקלייבן זיך אַ וויזיר צווישן די אַראַבער און בערבערן, וואָס האָבן זיך געקריגט, האָט באַשלאָסן צו באַשטימען אויף אָט דעם אַמט אַ מענטשן פון אַ נייטראַלער נאַציע, אַ ייִדן. ער האָט איבערגעגעבן ר׳ שמואלן צו פירן די וויכטיקסטע מלוכה־ענינים מיט די רעכט פון אַ „כאַתיב״, דאָס הייסט מלוכה־סעקרעטאַר אָדער וויזיר (אין יאָר 1020).

אין משך פון 35 יאָר (ביזן יאָר 1055) האָט ר׳ שמואל פאַרנומען דעם הויכן און אַחריותדיקן פּאָסטן פון אַ וויזיר פון גראַנאַדער מלוכה. ער האָט געדינט ביי צוויי עמירן, כאַבוס און זיין זון באַדיס. אין דער צייט פון קאַמף צווישן די קליינע אַראַבישע און בערבערישע מושלים אין דרום־שפּאַניע האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן אַ סך פאַרשטאַנד און טאַקט, בכדי ווי עס איז איינצוהאַלטן די גלייכוואָג. „אויב די מלוכה־אָרדענונג אין גראַנאַדע איז נאָכן טויט פון כאַבוסן ניט צעשטערט געוואָרן, איז דאָס בלי־ספק שמואלס פאַרדינסט – זאָגט אַ היסטאָריקער פון איסלאַם. – באַדיס (1073–1038) איז

געווען אַ רשעותדיקער טיראַן. ווי דער עלטסטער זון האָט ער בײַם אַרויפֿ־שטײַגן אויפֿן טראָן געהאַט די אונטערשטיצונג פֿון שמואלן, בעת ווען אַ השפּעהדיקע פּאַרטיי האָט געוואָלט אַוועקזעצן אַן אַנדער פּרינץ. עס איז געווען אַ גליק פֿאַרן לאַנד, וואָס אַזוי אַרום האָט דער קלוגער ייִד געקאָנט האָבן אַ ווירקונג צום גוטן אויפֿן נײַעם עמיר. און טאַקע נאָר אַ דאַנק ר׳ שמואלס באַמיִונגען האָט די מחלוקת וועגן דער קרוין־ירושה זיך געענדיקט לטובֿת באַדיסן. עס איז געווען אַ גרויסע פּאַרטיי פֿון בערבערן און ייִדן פֿון גראַנאַדע, וואָס האָבן געוואָלט אַוועקזעצן אויפֿן טרוין באַדיסעס ייִנגערן ברודער באָלאָגינען. עס איז געווען אַ סכּנה פֿון אַ בירגערקריג, און ר׳ שמואל האָט אָנגעווענדט אַלע כּוחות און געפּועלט בײַ באָלאָגינען, ער זאָל מוותּר זײַן אויף זײַנע פּרעטענזיעס. ער האָט דאָ געהאַנדלט ווי אַ פּאַטריאָט, אויך קעגן די ייִדן פֿון דעם צד פֿון דעם פּרעטענדענט, וואָס האָבן שפּעטער, ווען זיי זײַנען דורכגעפֿאַלן, געמוזט אַנטלויפֿן פֿון גראַנאַדע. צווישן די וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן קיין סעווילִיע האָבן זיך געפֿונען מיטגלידער פֿון מיוחסדיקע ייִדישע משפּחות (אבן־מיגש און אַנדערע). באַדיס האָט קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן די טובֿה וואָס ר׳ שמואל האָט אים געטאָן, און ר׳ שמואל האָט טאַקע אויף אים אַלע מאָל געהאַט אַ ווירקונג און פּלעגט אָפֿט אײַנצאַמען זײַן כּעס און ווילדקייט. בכלל האָט דער ייִדישער וויזיר געמיט זיך צו פֿירן אַ פּאָליטיק פֿון שלום און אויסמײַדן סיכסוכים מיט די שכנים, דאָס איז אין יענער צײַט פֿון מהומות ניט געווען קיין גרינגע זאַך. דורך זײַן קלוגער רעגירונג האָט ער אויפֿגעהויבן דעם וווילשטאַנד פֿון לאַנד, אײַנגעשטעלט אין איר אָרדענונג און געמאַכט זי פֿאַר דער ערשטער צווישן די שכנישע קליינע מלוכות.

אַ ייִד וואָס רעגירט איבער אַ מוסלימיש לאַנד האָט ניט אַנדערש געמוזט האָבן שׂונאים סײַ צווישן די הויכע סײַ צווישן די נידעריקע שיכטן פֿון פֿאָלק. די בערבערישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך געסטאַרעט אויפֿצורייצן קעגן אים דעם פֿאַנאַטיזם פֿון די פֿרומע, אָבער ר׳ שמואל האָט פֿאַרשטאַנען אײַנצונעמען אויך אַזעלכע געגנער דורך זײַן איידלקייט און דורך זײַן אָפּגע־היטקייט לגבי דעם אַנדערנס רעליגיעזע איבערצײַגונגען. זײַנע באַפֿעלן און צירקולאַר־בריוו פֿלעגט ער שרײַבן אין נוסח פֿון קוראַן און אַרײַנשטעלן אין זיי פּסוקים וואָס זײַנען הייליק פֿאַר מוסלימס. ר׳ שמואלס אַ בן־דור אַן אַראַבער, אַ פֿאַנאַטישער מוסלים, האָט וועגן אים אַזוי געשריבן: „דער דאָזיקער פֿאַר־שאָלטענער, הגם גאָט האָט אים טאַקע ניט אַנטפּלעקט דעם אמתן גלויבן, איז געווען אויסגעצייכנט לויט זײַנע ידיעות און לויט זײַן טאָלעראַנץ. צוזאַמען מיט אַ פֿאַרנעמיקן פֿאַרשטאַנד און פֿרײַנדלעכקייט צו מענטשן האָט ער פֿאַרמאָגט אַ פֿעסטן כאַראַקטער. ער האָט פֿאַרשטאַנען צו אַנטוואָפֿענען זײַנע פֿײַנד און אויך צו מאַכן זיי פֿאַר גוטע פֿרײַנד. מיט וואָסער שלמות

האָט ער געקענט די שפּראַכן און ליטעראַטורן פון ביידע פעלקער, ווי פיין האָט ער געשריבן אַראַביש! חוץ דעם, האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, ער האָט אַריבערגעשטיגט זיינע בני־דור אין אַסטראָנאָמיע, האָט געקענט בשלמות געאָמעטריע און לאָגיק און אין פּאָלעמיק האָט ער קיין גלייכן ניט געהאַט. רעדן פלעגט ער ווייניק, נאָר טרעפיק ביז גאָר; און זיינע געדאַנקען האָבן זיך אויסגעצייכנט דורך טיפקייט". אַ צווייטער אַראַבישער פּאָעט איז דערגאַנגען אין זיינע שבחים פאַר ר׳ שמואלן אַזוי ווייט, אַז ער האָט געעצהט צו קושן אַנשטאָט דעם שוואַרצן שטיין אין מעקאַ די הענט פון דעם יידישן וויזיר וואָס שענקען גליק.

פונקט דער היפוך פון ר׳ שמואלן, וואָס האָט זיך געשטעלט העכער איבער רעליגיעזע און פּאָליטישע ליידנשאַפטן, איז געווען זיין קאָלעגע, דער וויזיר פון דעם עמיר פון אַלמעריע איבן־אַבאַס, אַ רייכער און שטאָלצער אַראַבער, „וואָס האָט פיינט געהאַט בערבערן און פאַראַכט יידן". דער דאָזיקער פאַנאַטיקער, וואָס האָט זיך געגרייסט מיט זיין יחוס, אַז ער שטאַמט פון מוהאַמעדס מקורבים, האָט ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז בראש פון דער רעגירונג פון דער באַפריינדטער גראַנאַדער מלוכה זאָל שטיין אַ ייד. צו ערשט האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאַמפלעט אין גראַמען, פול מיט גיפטיקע בילבולים אויף ר׳ שמואלן און אויף יידן, און האָט געלאָזט דעם פּאַמפלעט פאַרשפּרייטן. דערנאָך האָט איבן־אַבאַס צוגערעדט זיין עמיר, ער זאָל שיקן צו באַדיסן אַ בריוו מיט דער פאָדערונג אַראָפּצוזעצן דעם יידישן וויזיר, אַז ניט וועט ער צערייסן דעם בונד צווישן גראַנאַדע און אַלמעריע. אויף אָט דעם בריוו האָט באַדיס געענטפערט דעם עמיר פון אַלמעריע אָט וואָס: „אויב איך וועל טון דיין פאַרלאַנג און וועל פעלשן אין מיין געטריישן דינער, וועל איך זיין אַ בוגד און וועל אַליין אַריינפאַלן אין די הענט פון מיינע שונאים". דעמאָלט האָט איבן־אַבאַס מיט אַ חייל זיך אַריינגעריסן קיין גראַנאַדע, בכדי דאָרט איבער געוואַלד צו מאַכן אַן איבערקערעניש, אָבער די גראַנאַדער האָבן אים געכאַפּט און באַדיס האָט באַפוילן אים צו טייטן. ר׳ שמואל האָט אַליין גענומען אַן אָנטייל אין דער שלאַכט (1038) און האָט באַזונגען דעם נצחון אין אַ גרויסער פּאָעמע, ווו ער פאַרגלייכט די מפּלה פון איבן־אַבאַס מיט המנס מפּלה.

אַזעלכע המנס האָבן זיך באַוויזן אויך אין אַנדערע ערטער. איטלעכס מאָל, ווען אַראַבער פון די שכנישע מדינות פלעגן פירן מלחמה קעגן די גראַנאַדער, פלעגן זיי זיך סטאַרען צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי פירן אַ הייליקן קריג קעגן דער „יידישער שטאָט". דעם עמיר פון סעווילע אַבאַד־אַל־מוטאַדיד, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געפירט מלחמה מיט באַדיסן, האָט אַן אַראַבישער פּאָעט געריימט בזה הלשון: „דיין שווערד האָט געשניטן

דאָס פֿאָלק, וואָס האַלט די ייִדישע אמונה, הגם עס טראָגט דעם נאָמען בער־בערן״. דאָס האָט באַטײַט, אַז אונטער דער רעגירונג פֿון דעם ייִדישן וויזיר זײַנען די מוסלימס געוואָרן ייִדן. רבי שמואל פֿלעגט באַלייטן באַדיסן אין אַלע זײַנע מלחמות קעגן דעם קיניג פֿון סעווילִיע און זײַנע פֿאַרבינדעטע. די נצחונות פֿון די גראַנאַדער האָט ער באַזונגען אין העברעיִשע שירים אין נוסח פֿון מזמורים (זע ווײַטער, § 27). פֿון דער אַנדער זײַט האָט ר׳ שמואל בעת די מלחמות צווישן די מוסלימישע מלוכות געמיט זיך אײַנצוהאַלטן די ווילדקייט פֿון די קריגסלײַט און צו פֿאַרמײַדן איבעריקע בלוט־פֿאַרגיסונג. אין יאָר 1053, ווען די אַראַבער פֿון סעווילִיע האָבן פֿאַרכאַפּט גרענעץ־ייִשובֿים פֿון גראַנאַדע און אויסגעקוילעט דאָרט די בערבערישע באַפֿעלקערונג, האָט באַדיס באַשלאָסן צו נעמען נקמה און פֿאַרטיליקן די גאַנצע אַראַבישע פֿריד־לעכע באַפֿעלקערונג, וואָס איז געווען אַ מיעוט צווישן די בערבערן פֿון גראַנאַדער קיניגרײַך. נאָר ר׳ שמואל האָט ניט דערלאָזט דערצו. אין אַ פֿײַערדיקער רעדע האָט ער אויפֿגעוויזן דעם עמיר, וואָס פֿאַר אַ צרות עס וועלן אַרויסקומען, אויב ער וועט אויספֿירן אָט דעם ווילדן פּלאַן, וואָרעם אַלע אַראַבער וועלן דערנאָך שליסן אַ בונד קעגן גראַנאַדע. און בשתיקה האָט ר׳ שמואל געלאָזט וויסן די אַראַבער וועגן דער געפּלאַנטער שחיטה. מחמת אָט די פֿאַרהיט־מיטלען איז באַדיסעס שרעקלעכער פּלאַן ניט געוואָרן אויסגעפֿירט.

צו גלײַך מיט זײַן אַרבעט אין דער רעגירונג פֿון דער מלוכה האָט ר׳ שמואל אויך געטרײַ געדינט די אינטערעסן פֿון דעם אייגענעם פֿאָלק. ער האָט געטראָגן דעם טיטל נ ג י ד, וואָס האָט באַטײַט דאָס זעלביקע, וואָס „נשיא״. אָפֿיציעל איז ער געשטאַנען בראָש פֿון די ייִדישע קהילות אין דער מדינה גראַנאַדע, אָבער זײַן אויטאָריטעט האָבן אָנערקענט אויך אַלע אַנדערע קהילות פֿון שפּאַניע. זײַן שוץ האָבן געגאָסן, וועדליג עס דערציילט אַ כראָניק פֿון 12טן י״ה, אַפֿילו די ווײַטע קהילות פֿון צפֿון־אַפֿריקע, בבֿל און ארץ־ישׂראל. ר׳ שמואל־הנגיד האָט נאָך געגומען זיך צײַט צו לערנען מיט תּלמידים גמרא און צו פּסקענען שאלות פֿון ייִדישן דין. ער האָט אונטערגעהאַלטן פֿאַרבינדונ־גען מיט די גרויסע גײַסטלעכע פֿאָרשטייער פֿון ייִדנטום אין פֿאַרשיידענע לענדער, האָט קאָרעספּאָנדירט מיט רבֿ האַי גאון פֿון בבֿל און מיטן לעצטן ריש־גלותא חזקיה. מיט רבי נסים גאון פֿון קיירוואַן אין אַפֿריקע איז ער געוואָרן מחותּנים, זײַן זון יוסף האָט ער חתונה געמאַכט מיט רבי נסימס טאָכטער. ער פֿלעגט שיקן גרויסע נדבֿות פֿאַר ישיבֿות און האָט אויף זײַן חשבון מפֿרנס געווען אָרעמע תּלמידי־חכמים. באַזונדערס האָט רבי שמואל הנגיד געזאָרגט וועגן פֿאַרשפּרייטן צווישן פֿאָלק כּתבֿי־יד פֿון תּנך און תּלמוד. אַזעלכע כּתבֿי־יד זײַנען געווען זעלטן און שטאַרק טײַער. האָט ער געהאַלטן

בײַ זיך ספּעציעלע סופֿרים, וואָס האָבן איבערגעשריבן די כּתבֿי־יד, וואָס מען פֿלעגט זיי דערנאָך פֿונאַנדערשיקן אומזיסט צו אָרעמע געלערנטע און זייערע תּלמידים. אין דעם פּרט האָט ער ווײַטער געפֿירט די אַרבעט, וואָס עס האָט אָנגעהויבן חסדאי אבן־שפּרוט. נאָר חוץ זײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, האָט ר׳ שמואל הנגיד געהאַט נאָך פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ליטעראַטור ווי אַ שרײַבער; ער איז געווען איינער פֿון די באַגרינדער פֿון דעם רענעסאַנס פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין שפּאַניע, וואָס וועגן דעם וועט ווערן דערציילט ווײַטער (§§ 27–28).

רבי שמואל הנגיד איז געשטאָרבן אין יאָר 1055. זײַן אָרט ווי אַ וויזיר פֿון גראַנאַדע און ווי אַ נגיד פֿון דער ייִדישער געמיינדע האָט פֿאַרנומען זײַן זון יוסף. דורך דער וועלטלעכער און גײַסטלעכער בילדונג, וואָס יוסף האָט געקראָגן, איז ער צוגעגרייט געוואָרן אויסצופֿירן די פֿונקציעס פֿון ביידע אַמטן. חוץ דעם איז ער פּערזענלעך געווען זייער אַ פֿײַנער מאַן, אַ מזג טובֿ, און „קיינער איז פֿון אים ניט אַוועקגעגאַנגען אַן אָפּגעגאַרטער אין זײַן האָפֿענונג", — זאָגט וועגן אים אַן אַראַבישער שרײַבער. ער האָט געשעצט געלערנטע, צווישן אַנדערע האָט ער פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען די זין פֿון דעם לעצטן ריש־גלותא און גאון חזקיה,[1] וואָס זײַנען פֿון פּומבדיתא געקומען קיין גראַנאַדע, און האָט פֿאַר זיי געשאַפֿן דאָרט אַ מקום־מנוחה. נאָר יוסף, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ „כאַתיב" בײַם הויף פֿון דעם עמיר באַדיס נאָך יונגערהייט, האָט ניט פֿאַרמאָגט יענע שטריכן פֿון זײַן פֿאָטערס כאַראַקטער, וואָס אָן זיי האָט די לאַגע פֿון אַ ייִדישן שׂר אין אַ מוסלימישער מלוכה ניט געקאָנט זײַן פֿעסט. אויפֿגעהאָדעוועט אין עשירות און געוווינט צו מאַכט, האָט יוסף הנגיד זיך ניט אויסגעצייכנט מיט דער קלוגער געהיטקייט און באַשיידנקייט, ווי זײַן פֿאָטער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שווער לעבן, איידער ער איז עולה לגדולה געוואָרן. יוסף פֿלעגט באַשטימען אויף מלוכה־שטעלעס זײַנע קרובֿים אָדער אַנדערע ייִדן, און אים האָבן ניט געאַרט די טענות און תּרעומות פֿון די מוסלמאַנער, וואָס האָבן סײַ ווי ניט געקאָנט אַריבערטראָגן רויִק דאָס, וואָס אַ ייִד שטייט בראָש פֿון דער רעגירונג. די פּאַרטיי, וואָס איז געווען פֿײַנטלעך געשטימט קעגן יוספֿן, האָט אַגיטירט קעגן דעם ייִדישן וויזיר. דער פֿאַנאַטישער אַראַבישער „פֿאַקיה" אַבו־איסהאַק פֿון עלווירע, וואָס האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף יוספֿן די שולד דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין מזל צו אַ קאַריערע בײַם הויף, האָט אָנגעשריבן אַן אויפֿרוף צום עמיר און צום פֿאָלק, וווּ ער האָט געהעצט קעגן יוספֿן.

---

1 וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. מזרח־פּעריאָד. ב׳ III, § 64.

דער דאָזיקער אויפֿרוף ווײַזט קלאָר די דעמאָלטיקע פּאָליטישע שטימונג. אָט וואָס דאָרט שטייט געשריבן:

„גיי, מײַן שליח, און זאָג אָן אַלע סינכאַנדזשיס, די ריזן פֿון אונדזער צײַט, די לייבן פֿון מדבר, די דאָזיקע רייד פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט זיי ליב און וואָס וואָלט ניט אויסגעפֿירט דעם געבאָט פֿון זײַן רעליגיע, אויב ער וואָלט זיי ניט געגעבן די עצות זיי צו העלפֿן. אײַער מושל [באַדיס] האָט געטאָן אַ פֿעלער, און עס פֿרייען זיך דערמיט שלעכטע מענטשן: בעת ווען ער האָט געקאָנט אויסקלײַבן אַ כּאַתיב פֿון צווישן די גלייביקע, האָט ער אים גענומען צווישן די אומגלייביקע. אַ דאַנק אָט דעם כּאַתיב זײַנען ייִדן פֿון שפֿלע מענטשן געוואָרן גרויסע האַרן, און איצט האָבן זייער גאווה און פֿאַריסענקייט קיין גרענעצן ניט. אָ באַדיס, מאַן מיטן שאַרפֿן בליק, צי זעסטו ניט דאָס בייז, וואָס עס טוען אָט די טײַוואָלים, וואָס זייערע הערנער זעען זיך אין אַלע דײַנע מדינות? ווי אַזוי קאָנסטו זײַן גוט געניגט צו אָט די ממזרים, ווי אַזוי האָסטו געקאָנט בלינד געטרויען דעם פֿאַרברעכער און ווערן זײַן נאָענטער פֿרײַנד? ווענד דײַנע בליקן אויף אַנדערע לענדער, און דו וועסט זען, אַז אומעטום באַגייט מען זיך מיט ייִדן ווי מיט הינט און מען האַלט זיי ווײַט פֿון דער געזעלשאַפֿט!

געקומען צו פֿאָרן קיין גראַנאַדע, האָב איך דערזען, אַז ייִדן געוועלטיקן דאָרט. זיי האָבן צווישן זיך צעטיילט די הויפּטשטאָט און די פּראָווינצן: אומעטום רעגירט עמעצער פֿון די פֿאַרשאָלטענע. זיי מאָנען אויף שטײַערן, עסן זיסע מאכלים, טוען זיך אָן אין טײַערע בגדים, בעת ווען אײַער קליידונג, אָ מוסלימס, איז אַלט און אָפּגעטראָגן. גלייביקע עסן שלעכט פֿאַר איין דירהעם, די ייִדן פֿאַרקערט ריכטן אָפּ גרויסאַרטיקע סעודות אין פּאַלאַצן. דער ראָש פֿון די דאָזיקע מאַלפּעס [יוסף] האָט אַרומגעשטעלט זײַן וווינונג מיט רײַכע באַפּוצונגען פֿון מירמלשטיין, אויסגעבויט דאָרט פֿאָנטאַנען מיט ריין וואַסער, און בעת מיר וואַרטן בײַ זײַן טיר, לאַכט ער זיך אויס פֿון אונדז און פֿון אונדזער אמונה. גאָט, סאַר אַן אומגליק! זעט זשע וואָס גיכער אים צו קוילען, ברענגט אים פֿאַר אַ קרבן, אָט דעם פֿעטן שעפּס! שאַנעוועט ניט זײַנע קרובֿים און נאָענטע: זיי האָבן אויך אָנגעקליבן אוצרות אָן אַ שיעור. נעמט צו זייער געלט, איר האָט אויף דעם מער רעכט. האַלט ניט פֿאַר אומרעכט זיי צו הרגענען: עס וואָלט געווען אַן אומרעכט צו לאָזן זיי געוועלטיקן. זיי האָבן עובֿר געווען אויפֿן אָפּמאַך מיט אונדז, און ווער וועט אײַך פֿאַרמשפּטן, ווען איר וועט זיי באַשטראָפֿן פֿאַר פֿעלשן אין בונד!"

דער דאָזיקער אויפֿרוף האָט ניט געווירקט אויפֿן קיניג באַדיס, וואָס האָט געטרויט זײַן וויזיר, נאָר ער האָט אויפֿגערייצט די בערבערישע מאַסן.

מען האָט פֿונאַנדערגעלאָזט רשעותדיקע קלאַנגען: דער ייִדישער וויזיר זאָל כּלומרשט אָפּן מאַכן חוזק פֿון דעם קאָראַן, זאָל כּלומרשט אָנרופֿן די גלייבונ־גען פֿון די מוסלימס אומגעלומפּערטע. עס האָט זיך געבילדעט אַ פֿאַרשווערונג אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם וויזיר און „די הערשאַפֿט פֿון די ייִדן"; די פֿאַרשווערער האָבן נאָר אויסגעוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט כּדי צו מאַכן אַ פּאָגראָם. די געלעגנהייט איז געקומען, ווען דער מושל פֿון אַלמעריע מוטאַסים איז מיט אַ חייל אַרײַנגעטראָטן אין דער פּראָווינץ פֿון גראַנאַדע. דעמאָלט האָבן די פֿאַרשווערער פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יוסף האָט אַליין גערופֿן דעם שונא אין לאַנד אַרײַן, בכדי איבערצוגעבן דעם טרוין פֿון גראַנאַדע דעם מושל פֿון אַלמעריע. אָט דער קלאַנג וועגן דער כּלומרשטער בגידה פֿון דעם ייִדישן וויזיר האָט געגעבן זײַנע געגנער דעם נייטיקן אויסרייד אויף אויסצופֿירן זייער פּלאַן. דער אויפֿגעהעצטער מוסלימישער המון האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום וויזירס פּאַלאַץ. יוסף האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין איינעם פֿון די הינ־טערשטע צימערן פֿון זײַן פּאַלאַץ, אויסגעשמירט זיך דעם פּנים מיט קויל, כּדי מען זאָל אים ניט דערקענען, נאָר מען האָט אים געפֿונען, דערהרגעט און זײַן טויטן קערפּער אויפֿגעהאַנגען אויפֿן טויער פֿון גראַנאַדע (9 טעג אין טבֿת 1066). דערנאָך דאָט דער המון מיט גרימצאָרן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די ייִדן, חרובֿ געמאַכט ביז 1500 משפּחות, וואָס זײַנען זיך צעלאָפֿן אין אַנדערע שטעט. צווישן די אַנטרונענע זײַנען געווען אויך יוספֿס פֿרוי און זײַן זון, וואָס זײַנען אַוועק קיין לוסענע. יוספֿס טײַערע ביבליאָטעק איז געוואָרן פֿאַרברענט און צענישטעט.

דער דאָזיקער שרעקלעכער פּאָגראָם האָט זיך אָפּגערופֿן אויפֿן גורל פֿון אַלע ייִדן פֿון קיניגרײַך גראַנאַדע: זיי האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווו זיי האָבן אין משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט געלעבט רויִק און רײַך, און אַריבערקלײַבן זיך אין אַנדערע אַראַבישע מדינות פֿון פּירענעיִשן האַלב־אינדזל. דאָס גראַנאַדישע קיניגרײַך פֿון די זיגרידן האָט נאָך אָט דער קאַטאַסטראָפֿע לאַנג ניט עקסיסטירט: אין צוואַנציק יאָר אַרום האָבן דאָס לאַנד אײַנגענומען די אַלמאָראַווידן, געקומענע פֿון אַפֿריקע.

§ 26. ייִדן אין דער מוסלימישער אַנדאַלוזיע און אין דער קריסטלעכער קאַסטיליע

דער אונטערגאַנג פֿון דעם ייִדישן צענטער אין גראַנאַדע האָט גורם געווען, פּונקט ווי דער צעפֿאַל פֿון קאָרדאָווע, דערצו, אַז דאָס שפּאַנישע ייִדנטום זאָל נאָך מער דעצענטראַליזירט ווערן. אַ גרויסער טייל פֿון דער צעשטערטער קהילה פֿון גראַנאַדע האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין סעוויליע,

דעם דריטן פּאָליטישן צענטער פֿון אַנדאַלוזיע נאָך קאָרדאָווע און גראַנאַדע. אין דער צווייטער העלפֿט 11טן י״ה האָט דאָס קיניגרײַך סעווילִיע, ווו עס האָבן רעגירט קאַדיס אָדער עמירן פֿון דער אַראַבישער משפּחה באַנו־אַבאַד, זיך פֿאַרמאָסטן אַראָפּצושטופּן גראַנאַדע פֿון דעם ערשטן פּלאַץ, וואָס זי האָט פֿאַרנומען. דער אויבן דערמאָנטער עמיר פֿון סעווילִיע מוטאַדיד (1042—1069) האָט אָפּגעריסן שטיק נאָך שטיק פֿון דער טעריטאָריע פֿון זײַן שכן באַדיס. היות ווי דער אויפֿגעקלערטער דעספּאָט מוטאַדיד און זײַן יורש מוטאַמיד (1069–1091) האָבן, לויט דער מאָדע פֿון יענער צײַט, געשטרעבט צו מאַכן זייער הויפּטשטאָט פֿאַר אַ קולטור־צענטער פֿון דער מוסלימישער שפּאַניע, האָבן זיי אויך צוגעצויגן צו זייער הויף מענטשן מיט כשרונות פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס און רעליגיעס. נאָענט צום סעווילִיער הויף איז געשטאַנען דער ייִדישער געלערנטער **יוסף אבן מיגש**, איינער פֿון יענע פּאָליטישע טוערס, וואָס איז געווען געצווונגען צו עמיגרירן פֿון גראַנאַדע נאָך אין ר׳ שמואל הנגידס צײַט (§ 25). ער האָט אויסגעפֿירט פּאָליטישע שליחותן אונטער מוטאַדידן אָדער אונטער זײַן יורש, מן־הסתּם אין די באַציִונגען מיט די קריסטלעכע פֿירשטן פֿון צפֿון־שפּאַניע.

אַ הויכן פּאָסטן אין דער ייִדישער אַליין־פֿאַרוואַלטונג האָט דאָ פֿאַרנומען דער אַסטראָנאָם און תּלמוד־געלערנטער **רבי יצחק אבן אלבליא**, אַ געבאָרענער פֿון קאָרדאָווע (1035–1094). אַ גוטער פֿרײַנד פֿון דעם אומגליקלעכן יוסף הנגיד, וואָס אים האָט ער געהייליקט זײַן אַסטראָנאָמיש ווערק „ספֿר העבור״, איז אבן אלבליא גראָד געווען בײַ אים צו גאַסט אין גראַנאַדע אין דעם טאָג פֿון בלוטיקן פּאָגראָם, און נאָר על־פּי צופֿאַל האָט ער זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון טויט. שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין סעווילִיע און איז געוואָרן אַ מקורב בײַם פּרינץ מוטאַמיד, וואָס איז געווען אַ פּאָעט און ליבהאָבער פֿון וויסנשאַפֿט. אַז יענער איז געוואָרן עמיר, האָט ר׳ יצחק אבן אַלבאַלִיאַ פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ הויף־אַסטראָלאָג. צו גלײַך איז ער געוואָרן דער „נשיא״, דער ראָש פֿון די ייִדישע קהילות אונטער דער ממשלה פֿון דעם עמיר פֿון סעווילִיע, און מיט זיי איז געווען פֿאַרבונדן אויך די קהילה פֿון קאָרדאָווע.

חוץ אין סעווילִיע, האָבן געבילדעטע ייִדן פֿאַרנומען אָנגעזעענע פּאָסטנס בײַ אייניקע אַנדערע מוסלימישע מושלים. דער קיניג פֿון סאַראַגאָסע מוקטאַדיר האָט בײַ זיך געהאַט אַ ייִדישן וויזיר מיטן נאָמען **חסדאי אבו־פֿאַדל** (1066). אַבו־פֿאַדל האָט געשריבן שירים אין אַן עלעגאַנטן אַראַביש. איינער אַן אַראַבישער שרײַבער האָט געזאָגט וועגן די ווערק פֿון דעם ייִדישן פּאָעט אָט וואָס: „ווען אַבו־פֿאַדל זינגט, ווערסטו אַריבערגעטראָגן אין אַ פֿאַרכּישופֿטן קיניגרײַך; ער שאַפֿט ניט קיין פֿערזן, נאָר נסים״. נאָר זײַן פּאָעטישע

שאַפֿונג האָט געהאַט מער באַדײַטונג פֿאַר דער אַראַבישער ליטעראַטור ווי פֿאַר דער העברעיִשער. די אַראַבישע היסטאָריקער דערציילן, אַז אַבו־פֿאַדל האָט אָנגענומען איסלאַם, ווײַל ער האָט זיך שטאַרק אײַנגעליבט אין אַ מוסלימיש מיידל.

די אַדמיניסטראַטיווע און דיפּלאָמאַטישע פֿעיִקייטן פֿון ייִדן זײַנען אָפּגעשאַצט געוואָרן אַפֿילו דאָרט, ווו מען האָט צום ווינציקסטן זיך געקאָנט ריכטן דערויף. די קינדסקינדער פֿון די וועסטגאָטישע מלכים, וואָס האָבן אַנומלט אוממענטשלעך גערודפֿט ייִדן, האָבן איצט גענומען זיך ווענדן צו ייִדן און אָננעמען זייער דינסט. די קריסטלעכע מלוכות, וואָס זײַנען געבליבן אין צפֿון־שפּאַניע ווי אַ נשאר פֿון געוועזענעם גאָטישן קיניגרײַך, האָבן אין 11טן י"ה זיך געשטאַרקט און גענומען שטרעבן אויפֿצוריכטן די אַלטע גדולה. נאָכן צעפֿאַל פֿון קאָרדאָווער כאַליפֿאַט און נאָך דער צעברעקלונג פֿון דרום־שפּאַניע האָבן די מוסלימישע מושלים שוין ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם דראַנג פֿון די קריסטן, און דורך זייערע קעגנזײַטיקע מחלוקות צווישן אַנאַנד האָבן זיי נאָך מער זיך אָפּגעשוואַכט. עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז ווען עמעצער פֿון די אַראַבישע פּירשטן, וואָס פֿלעגט פֿירן מלחמה קעגן אַ צווייטן אַראַבישן פּירשט, פֿלעגט רופֿן צו הילף אַ קריסטלעכן קיניג, און ווען יענער האָט אַרײַנגעפֿירט זײַנע חיילות אין דעם לאַנד פֿון זײַן בעל־ברית, האָט ער זיך טאַקע דורך דעם דורכגעשלאָגן אַ וועג אין יענע פּראָווינצן, פֿון וואַנען זײַנע עלטער־זיידעס די וועסטגאָטן זײַנען אַ מאָל געוואָרן אַרויסגעשטופּט.

באַזונדערס האָט אין 11טן י"ה זיך אַרויסגערוקט דאָס קיניגרײַך קאַסטיליע, וואָס האָט זיך געבילדעט פֿון דער פֿאַראייניקונג פֿון קאַסטיליע און לעאָן אונטער דעם ענערגישן קיניג פֿערדינאַנד I – אין משך פֿון איין צענדליגג יאָרן (1055–1065) האָט דער דאָזיקער ריטער פֿון קריסטנטום אין צפֿון־לאַנד, בעת די מוסלמאַנער אין שפּאַניע האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך, אונטער־טעניק געמאַכט די עמירן פֿון סאַראַגאָסע, טאָלעדאָ און אַפֿילו פֿון סעוויליע און געצוווּנגען זיי צו צאָלן צינז. זײַן יורש אַלפֿאָנס VI (1075–1109) האָט אויסגעברייטערט און פֿאַרפֿעסטיקט די קריסטלעכע פֿאַראייניקונג אין צפֿון און אין צענטער פֿון שפּאַניע.

די נצחונות פֿון די קריסטן אויפֿן פּירענעיִשן האַלב־אינדזל האָט די ערשטע צײַט ניט געבראַכט די ייִדן קיין שאָדן. הגם אין קאַסטיליע זײַנען נאָך געווען גילטיק די אַלטע וועסטגאָטישע קאָדעקסן, וואָס האָבן באַגרענעצט די ייִדישע רעכט, נאָר זייער ווירקונג איז געווען אָפּגעשוואַכט דורך דער נײַער, מער יושרדיקער געזעצגעבונג, וואָס איז געווען באַגרינדעט ניט אויף די קירכלעכע קאַנאָנען, נאָר אויף דעם געוויינהייט־רעכט (fueros). לויט די נײַע געזעצן האָבן קריסטן, מוסלימס און ייִדן געהאַט כמעט גלײַכע רעכט;

פּראָצעסן צווישן ייִדן און קריסטן זײַנען באַטראַכט געוואָרן אין אַ געמישטן געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון „אַלקאַלדן", בוררים פֿון ביידע רעליגיעס; פֿאַר הרגען אַ ייִד, אַן אַדלמאַן און אַ גײַסטלעכן האָט געקומט אַ גלײַכע שטראָף. נאָך אַלע רעליגיעזע פֿאָראורטיילן האָט מען ניט געקענט אָפּלייקענען די בירגערשאַפֿט פֿון ייִדן אין אַזאַ צײַט, ווען זיי האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין פּאָליטישן לעבן פֿון שפּאַניע. די פּאָליטישע לאַגע איז דעמאָלט געווען אַזאַ, אַז פּונקט ווי די מוסלימישע מושלים, אַזוי האָבן אויך די קריסטלעכע פֿירשטן געמוזט צוציִען ייִדן צו דער מלוכה־פֿאַרוואַלטונג, דער עיקר צום דיפּלאָמאַטישן דינסט.

דער קיניג פֿון קאַסטיליע אַלפֿאָנס VI האָט שטענדיק געמוזט אויסקערעווען זײַן פּאָליטיק צווישן די פּאָליטישע אינטערעסן און אינטריגעס פֿון די קאָנקורירנדיקע מוסלימישע הויפֿן, און קונציקע דיפּלאָמאַטיע איז דערבײַ אָפֿט געווען וויכטיקער ווי אַ געווונענער קריג. אָבער אויף אויסצופֿירן אַ דיפּלאָמאַטישע שליחות האָבן ייִדן געפּאַסט בעסער ווי ווער עס איז אַנדערש. געבילדעטע ייִדן, פּאָליטיש נייטראַלע, און דערצו נאָך ווילקענעוודיק אין די מזרחדיקע און אין די מערבֿדיקע שפּראַכן, זײַנען געוואָרן די נאַטירלעכע פֿאַרמיטלערס אין די אונטערהאַנדלונגען צווישן די רעגירונגען. דאָס האָט פֿאַרשטאַנען אויך דער קיניג אַלפֿאָנס. דער ייִדישער דאָקטאָר ע מ ר ם א ב ן ש ל ב י ב (אָדער שאַליב) האָט בײַ אים געדינט ווי אַן אויפֿמאָנער פֿון צינז בײַ די מוסלימישע וואַסאַלן זײַנע און צוליב פֿאַרשיידענע דיפּלאָמאַטישע שליחותן. אַ צווייטער געלערנטער ייִד, ס י ד ע ל ו ס, איז אויך געווען דעם קיניגס אַ מקורבֿ.

קעגן אָט דער באַציִונג פֿון אַלפֿאָנסן צו ייִדן, וואָס האָט ניט געהאַט גאָרנישט פֿון קירכלעכער אומטאָלעראַנץ, איז אַרויסגעטראָטן מיט גרימצאָרן דער אַלמעכטיקער רוימישער פּויפּס גרעגאָר VII, וואָס האָט געשטרעבט אונטערטעניק צו מאַכן אַלע מאָנאַרכן פֿון אייראָפּע דעם אויטאָריטעט פֿון דער קירך. אין יענער צײַט האָט דער פּויפּס באַנײַט אויף אַ קירכן־קאָנציל אין רוים דעם קאַנאָן, אַז ייִדן איז פֿאַרבאָטן צו זײַן עלטסטע איבער קריסטן (1078). אויב אַזאַ קעמפֿער פֿאַרן קריסטנטום קעגן איסלאַם ווי אַלפֿאָנס VI דערלויבט זיך עובֿר צו זײַן אויף דעם באַנײַטן פֿאַרבאָט, איז דאָס געווען אַזוי ווי אַ באַליידיקונג פֿאַר דער קירך. און גרעגאָר שרײַבט צום קיניג פֿון קאַסטיליע אַ שאַרפֿן בריוו (אַרום יאָר 1080), ווו ער זאָגט אים מוסר, פֿאַר וואָס ער נעמט ייִדן אויף מלוכה־פּאָסטנס, וואָס גיבן זיי מאַכט איבער קריסטן: „מיר זײַנען דיר מתרה, דו זאָלסט בשום־אופֿן ניט דערלאָזן, אַז ייִדן זאָלן געוועלטיקן איבער קריסטן אָדער זאָלן ווערן אין עפּעס געשטעלט העכער פֿאַר זיי. אונטערטעניק מאַכן קריסטן צו ייִדן אָדער צווינגען זיי צו פֿאָלגן

יידישע ריכטערס — צי הייסט דען דאָס ניט דערנידעריקן גאָטס קירך און דערהייבן דעם שׂטנס סינאַגאָגע? אויב דו טוסט עפּעס לטובֿת קריסטוסעס שׂונאים, ביסטו מיט דעם מזלזל קריסטוסן אַליין". נאָר דער קיניג אַלפֿאָנס האָט אויף דעם פּויפּס' ווערטער קיין אַכט ניט געלייגט. זײַן עובֿדא איז געווען צו פֿאַרשטאַרקן פּאָליטיש זײַן מלוכה, און ער האָט ניט געוואָלט דורך רעליגיעזע נגישות מאַכן די יידישע בירגער, וואָס זײַנען אים געווען נוציק, פֿאַר זײַנע שׂונאים.

אין גיכן האָט דער קיניג פֿון קאַסטיליע געמוזט אָנקומען צו דער הילף פֿון די יידישע פּאָליטיקער צוליב זייער אַ וויכטיקער שליחות. שטרעבנדיק אײַנצונעמען אַלע נײַע מדינות, האָט אַלפֿאָנס באַשלאָסן צוצונעמען קאָרדאָווע, וואָס עס האָט מיט אַ שטיקל צײַט פֿריִער געהאַט פֿאַרכאַפּט דער עמיר פֿון סעווילליע מוטאַמיד. היות ווי מוטאַמיד האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ וואַסאַל פֿון דעם קיניג פֿון קאַסטיליע, דעריבער האָט אַלפֿאָנס VI געשיקט צו אים זײַן דיפּלאָמאַטישן און פֿינאַנץ-אַגענט אבן-שלביבן מיט זייער אַ דרייסטער שליחות: ער זאָל פֿאָדערן אין דעם קיניגס נאָמען, ער זאָל אים אָפּטרעטן אַל-זאַהראַ, די געוועזענע רעזידענץ פֿון די כאַליפֿן בײַ קאָרדאָווע (לויט אַן אַנדער אַראַבישער ידיעה, האָט ער אויך געפֿאָדערט העכערן דעם צינז). דער יידישער דיפּלאָמאַט האָט אויסגעפֿירט די געפֿערלעכע שליחות. ער איז געקומען קיין סעווילליע אין דער באַגלייטונג פֿון קאַסטילישע ריטערס און האָט איבערגעגעבן דעם עמיר אַלפֿאָנס' פֿאָדערונג. מוטאַמיד איז אַזוי אַרײַן אין כעס, אַז ער האָט תּיכף אויפֿן אָרט באַפֿוילן צו דערהרגענען אבן-שלביבן און די ריטערס וואָס האָבן אים באַגלייט אַרײַנצוזעצן אין תּפֿיסה (1082). נאָר דערפֿאַר האָט אַלפֿאָנס שטרענג זיך אָפּגערעכנט מיט זײַן וואַסאַל. אין דעם זעלביקן יאָר האָט זײַן חייל זיך אַרײַנגעריסן אין דער מדינה פֿון סעווילליע, חרובֿ געמאַכט אַלץ אונטער וועגנס און אָוועקגעשלעפּט די אײַנוווינער אין געפֿאַנגענשאַפֿט. אין גיכן איז מקוים געוואָרן דאָס וואָס די קריסטן האָבן שוין לאַנג געגאַרט: זיי האָבן אָפּגענומען צוריק די געוועזענע וועסטגאָטישע הויפּטשטאָט טאָלעדאָ. דער נעבעכדיקער מושל פֿון אָט דער שטאָט, וואָס איז אין גאַנצן געווען אָפּהענגיק פֿון אַלפֿאָנסן, דער סולטאַן קאַדיר, האָט אים אָפּגעגעבן טאָלעדאָ און געקראָגן דערפֿאַר אַן אַנדער טעריטאָריע. אין מאַי 1085 איז דער קיניג פֿון קאַסטיליע מיט גרויס פּאַראַד אַרײַנגעפֿאָרן אין אָט דער אַלטער קריסטלעכער שטאָט.

דעמאָלט האָט די מוסלימישע שפּאַניע זיך אַ ריר געטאָן. מען האָט געמוזט פֿירן מלחמה מיט די קאַסטיליער, אָבער די קליינע עמירן און סולטאַנען, צעריסן צווישן זיך, האָבן קיין כּוח ניט געהאַט פֿאַרן קאַמף. דעריבער האָבן זיי געמוזט אַרויסרופֿן באַשיצערס פֿון איסלאַם אַזש פֿון אַפֿריקע. אין

יענער צײַט האָט אין צפֿון־אַפֿריקע זיך אַרויסגערוקט דער פֿירער פֿון אַ פֿאַנאַטישער בערבערישער סעקטע אַלמאָראַווידן יוסוף איבן טאַשפֿין (אָדער טעשופֿין), דער גרינדער פֿון דער שטאָט מאַראַקעש (אין מאַראָקאָ). אונטער דער פֿאָן פֿון „הייליקן קריג“ האָבן די אַלמאָראַווידן אײַנגענומען פֿעס, טלעמסען און נאָך אַ סך אַנדערע שטעט פֿון מאַגרעב אַזש ביז טאַנזשער בײַם ברעג ים גלײַך קעגנאיבער שפּאַניע. די שפּאַנישע מוסלמאַנער האָבן ניט מיט אַ גרינגן האַרצן זיך באַשלאָסן צו רופֿן צו הילף די אַפֿריקאַנער: עס זײַנען נאָך אַלעמען געלעגן אין זכּרון די מעשׂים פֿון סולײמאַנס בערבערן, וואָס האָבן צשטערשט דעם קאָרדאָווער כאַליפֿאַט—מען האָט מורא געהאַט, אַז די נײַ־געקומענע וועלן טאַקע באַפֿרײַען אַנדאַלוזיע פֿון די קריסטן, אָבער זיי וועלן דערפֿאַר אַליין פֿאַרכאַפּן די מאַכט פֿאַר זיך, ווי דאָס איז טאַקע שפּעטער געשען. אָבער מוטאַמיד דער עמיר פֿון סעווילִיע האָט געזאָגט: „גלײַכער צו זײַן אַ טרײַבער פֿון מוילאייזלען אין אַפֿריקע, איידער אַ חזיר־היטער אין אַנדאַלוזיע אונטער דער קריסטלעכער ממשלה“ (אַן אָנצוהערעניש דערויף, וואָס די קריסטן האָדעווען דעם חזיר, וואָס איז טריף פֿאַר מוסלימס און ייִדן). יוסוף איבן טאַשפֿין איז מיט זײַן חייל אַריבער איבערן דורכגוס און איז אַרײַן קיין אַנדאַלוזיע. פֿון סעווילִיע האָבן די פֿאַראייניקטע אַרמייען פֿון יוסופֿן און פֿון די אָרטיקע מושלים זיך געלאָזט גיין קיין צפֿון, קעגן אַלפֿאָנסן, וואָס האָט אין יענער צײַט באַלעגערט סאַראַגאָסע. בײַ זאַלאַק, ניט ווײַט פֿון באַדאַכאָס, איז פֿאָרגעקומען אַ בלוטיקע שלאַכט צווישן די קריסטן און די מוסלמאַנער, און די מוסלמאַנער האָבן גובֿר געווען (1081). אויב מען זאָל גלייבן די ידיעות פֿון די אַראַבישע כראָניסטן, האָבן איןביידע אַרמייען זיך געשלאָגן ייִדן, און דערפֿאַר האָט דער טאָג פֿון דער שלאַכט ניט געקאָנט באַשטימט ווערן ניט אויף פֿרײַטאָג, ניט אויף שבת און ניט אויף זונטאָג, ווײַל פֿרײַטאָג איז דער רוטאָג פֿון די מוסלימס, שבת פֿון די ייִדן און זונטאָג פֿון די קריסטן. בעת דער שלאַכט האָט מוטאַמיד פֿון סעווילִיע כּסדר געמאָנט בײַ זײַן שטערנזעער, מן־הסתּם דעם אויבן דערמאָנטן יצחק אַלבאַליאַ, ער זאָל אים זאָגן לויט די שטערן וואָס וועט זײַן דער סוף. דער נצחון פֿון די אַלמאָראַווידן, וואָס האָט טאַקע אָפּגעהאַלטן דעם וווּקס פֿון די קריסטלעכע מלוכות אין שפּאַניע, האָט אָבער די אָרטיקע מוסלימישע מושלים קיין נוצן ניט געבראַכט, וואָרעם די אַפֿריקאַנער גוטע פֿרײַנד זייערע האָבן זיי אין גיכן געמאַכט פֿאַר זייערע אונטערטאַנער. יוסוף איבן טאַשפֿין האָט זיך אונטערטעניק געמאַכט די קליינע אַראַבישע און בערברישע עמירן פֿון אַנדאַלוזיע און האָט געגרינדעט דאָ זײַן אייגענע דינאַסטיע, וואָס האָט געקיניגט איבער פֿופֿציק יאָר. גראָד אין יענער צײַט, ווען די אַלמאָראַווידן האָבן געוועלטיקט אין שפּאַניע, זײַנען אויסגעפֿאַלן אין דער קריסט־

לעכער אייראָפּע די ערשטע קרייצצוגן, ווי עס וועט ווערן דערציילט אין דעם ווייטערדיקן אָפּטייל.

§ 27. ליטעראַרישער רענעסאַנס; די צייט פֿון ר' שמואל הנגיד און פֿון אבן גבירול

די בשותּפֿישע קולטור־טעטיקייט פֿון די אַראַבער און ייִדן האָט אין שפּאַניע געשאַפֿן אַ תּקופֿה פֿון „הומאַניזם" אָדער רענעסאַנס מיט פֿיר הונדערט יאָר פֿריִער פֿאַר דעם איטאַליענישן רענעסאַנס. נײַע ווינטן האָבן אָפּגע־פֿרישט דאָס פֿעלד פֿון גײַסטיקן שאַפֿן. עס האָט אויפֿגעלעבט די וויסנשאַפֿט, פֿילאָסאָפֿיע, טעאָלאָגיע, פּאָעזיע. דער אַראַביש־העברעיִשער רענעסאַנס אין שפּאַניע איז געווען אַ המשך פֿון יענער גײַסטיקער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין באַגדאַדער כאַליפֿאַט נאָך אין 9טן י"ה.[1] ביידע באַוועגונגען זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער אַלטער ייִדיש־העלענישער קולטור אין זייער פֿון היסטאָרישער ירושה־פֿאַרבינדונג. דאָרט איז געווען אַ צירוף פֿון העלעניזם און יהדות, דאָ אַ צירוף פֿון העלעניש־ייִדישע און העלעניש־אַראַבישע געדאַנקען. פּלאַטאָן און פּלאָטינוס, אַריסטאָטעלעס און פֿילאָן, רב סעדיה גאון, אַלפֿאַראַבי און איבן סינאַ — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפֿגעשמאָלצן אין אַ נײַער שאַפֿונג. פּונקט ווי אַנומלט האָבן די ייִדישע דענקער פֿון אַלכּסנדריא של מצרים געשריבן אין גריכיש, אַזוי זײַנען איצט דער גרעסטער טייל וויסנ־שאַפֿטלעכע און פֿילאָסאָפֿישע ווערק געשריבן געוואָרן אין אַראַביש, אין דער שפּראַך פֿון דער דעמאָלטיקער געבילדעטער וועלט, אָבער פּאָעטישע ווערק — סײַ מיט רעליגיעזן סײַ מיט וועלטלעכן אינהאַלט — זײַנען געשריבן געוואָרן אין העברעיִש. אין דער זעלביקער תּקופֿה האָט זיך אויפֿגעוועקט, ווי מיר האָבן געזען, די גײַסטיקע טעטיקייט אויך אין די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך, אָבער דאָרט איז זי געגאַנגען אין די אַלטע שמאָלע שטעגן פֿון דעם תּלמודיזם, ווו זי האָט זיך שפּעטער געשטאַרקט ביז דער העכסטער מדרגה, בעת ווען אין שפּאַניע האָט דער ייִדישער געדאַנק זיך אַנטוויקלט עקסטענסיוו, אַרויסגעוויזן אַ קיין מאָל נאָך ניט געוועזענע פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון שאַפֿונג און געשטרעבט צו פֿאַראייניקן דאָס נאַציאָ־נאַלע מיטן אוניווערסאַלן. אַ בפֿרטיותדיקע שילדערונג פֿון אָט דעם וויסנ־שאַפֿטלעך־ליטעראַרישן רענעסאַנס געהער צו דער אויפֿגאַבע פֿון אַ ספּעציעלער ליטעראַטור־געשיכטע, דאָ אָבער וועט זײַן גענוג צו כאַראַקטעריזירן בקיצור די וויכטיקסטע טוער, ווי ווײַט זייער שאַפֿונג האָט אָפּגעשפּיגלט די שטימונג

---

[1] וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, מזרח־תּקופֿה, ב' III, §§ 71—73.

פֿון די פּראָגרעסיווע קרײַזן פֿון דער געזעלשאַפֿט און האָט אָנגעצייכנט די ווײַטערדיקע וועגן פֿון דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג.

דער יסוד פֿון דער נײַער הומאַניסטישער בילדונג איז געווען די גראַמאַטיק (דקדוק), וואָס האָט אין מיטלעלטער באַטײַט אַזוי פֿיל ווי דאָס גאַנצע געביט פֿון דער שפּראַך=וויסנשאַפֿט. רײַך האָט זיך צעבליט אויפֿן באָדן פֿון שפּאַניע די פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿט, וואָס אין די מזרח=לענדער האָט זי אײַנגעפֿלאַנצט דער דור פֿון ר׳ סעדיה גאון. די ייִנגערע בני=דור פֿון ר׳ סעדיה גאון, מ נ ח ם ב ן ס ר ו ק און ד ו נ ש א ב ן ל ב ר ט (אַן ערך 910–980), האָבן באַאַרבעט די העברעיִשע גראַמאַטיק און לעקסיקאָגראַפֿיע נאָך אין דער צײַט פֿון חסדאי אבן שפּרוט און אונטער זײַן שוץ. מנחם בן סרוק, וואָס האָט געלעבט אין אָרעמקייט אין דער קריסטלעכער טאָרטאָזע, איז פֿאַרבעטן געוואָרן קיין קאָרדאָווע צום שׂר דעם מעצענאַט, וואָס האָט אים געמאַכט פֿאַר זײַן סעקרעטאַר און פֿאַרזיכערט מיט חיונה, כּדי ער זאָל קאָנען זיך אָפּגעבן נאָר מיט וויסנשאַפֿט. דער רעזולטאַט פֿון מנחמס פֿיליאָריקע פֿאָרשונגען איז געווען אַ ווערטערבוך פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, אונטערן נאָמען „מחברת״, ווו אַלע ווערטער פֿון תּנך זײַנען אַנאַליזירט אויף זייערע באַשטאַנדטיילן, שרשים און אותיות שימושיות (פֿאָרשטעלן און אויסלאָזן), און די שווערסטע ווערטער ווערן אויסגעטײַטשט אין צוזאַמענהאַנג מיט די געהעריקע פּסוקים. בײַ אַלע זײַנע חסרונות (דער מחבר האָט נאָך ניט געוווּסט דעם גרונדגעזעץ פֿון דער העברעיִשער גראַמאַטיק, אַז די העברעיִשע שרשים באַשטייען פֿון דרײַ אותיות) האָט דאָס דאָזיקע ווערק געהאַט אַ גרויסן באַטײַט ווי דער ערשטער אַנאַליטישער ווערטערבוך פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס האָט דורכגעלייגט דעם וועג פֿאַר די שפּעטערדיקע פֿילאָלאָגן. ניט קיין קלײנער פֿאַרדינסט מנחמס איז אויך דאָס, וואָס ער האָט זײַן ווערק געשריבן ניט אין אַראַביש, נאָר אין העברעיִש, און דורך דעם געמאַכט דאָס צוטריטלעך אויך פֿאַר ייִדן פֿון אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער.

נאָר ווייניק נחת האָט אונדזער מחבר געהאַט פֿון זײַן ווערק. אין דער פּערזאָן פֿון דעם באַגאַבטן אדונים הלוי, וואָס איז באַוווּסט אונטער דעם ליטעראַרישן נאָמען דונש אבן לברט, האָט מנחם געהאַט אַ געגענער, וואָס האָט אים פֿאַרביטערט דאָס לעבן. דונש איז געווען אַ געבוירענער פֿון פֿעס און האָט געקראָגן זײַן אויסבילדונג אין באַגדאַד, אין דער תּקופֿה פֿון רב סעדיה גאון. אָנגעהערט זיך וועגן דעם אויפֿגעקלערטן שפּאַנישן מעצענאַט חסדאי, איז דונש געקומען צו פֿאָרן צו אים קיין קאָרדאָווע. אין יענער צײַט איז ער שוין געווען מפֿורסם מיט זײַנע פֿאָרשונגען אין גראַמאַטיק און באַזונדערס דערמיט, וואָס ער האָט אַרײַנגעפֿירט אין דער העברעיִשער פּאָעזיע די אַראַ=

בישע מעטריק. ער אַליין האָט אויך געשריבן שירים לויט די כּללים פֿון דער דאָזיקער ווערסיפֿיקאַציע. ווען עס האָט זיך באַוויזן מנחמס ווערטערבוך (אַרום 955), האָט דונש אָנגעשריבן אַ פּאָלעמיש ווערק אין שירים און אין פּראָזע, ווו ער האָט אויסגעלאַכט אַ סך כּללים פֿון דיקדוק, וואָס מנחם האָט אײַנגעשטעלט אין זײַנע פּירושים צו פּסוקים. צווישן אַנדערע זאַכן האָט דער קריטיקער געהאַט טענות צו מנחמען דערפֿאַר, וואָס ער האָט אין זײַן גראַמאַ־טיק אָפּגעטראָטן פֿון סעדיה גאונס מעטאָד, וואָס איז געגרינדעט אויף דעם פֿאַרגלײַך צווישן העברעיִש און אַראַביש. זײַן קריטיק האָט דונש געהייליקט דעם באַשיצער פֿון חכמה חסדאי אבן שפּרוט און האָט צו איר צוגעגעבן ווי אַ הקדמה אַ לויבגעזאַנג פֿאַר דעם שני למלך.[1] דאָ האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז מען טאָר טאָקע אויף „נדיבים" ניט שטעלן. דונש און זײַנע גוטע פֿרײַנד האָבן געווירקט אויף חסדאין און ער האָט געוואָרפֿן אַן אומחן אויף מנחמען. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז איין מאָל האָבן זיך די משרתים פֿון דעם ייִדישן מיניסטער אַרײַנגעריסן אין מנחמס שטוב און האָבן אים אָנגעשלאָגן. שפּעטער האָבן מנחמס תּלמידים זיך אָנגענומען וואָרעם פֿאַר זייער רבין און האָבן אין זייערע בריוו אָפּגעפֿרעגט די טענות פֿון דונשן און פֿון זײַן שול קעגן דעם ווערטערבוך „מחברת", און דונשס תּלמידים האָבן ווידער געשריבן בריוו קעגן זיי. די דאָזיקע וויכּוחים האָבן אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן אינטערעס צו דער העברעיִשער שפּראַך־וויסנשאַפֿט און האָבן אַ סך מיטגעווירקט צו באַשאַפֿן אַ ריינעם פּראָזאַיִשן און פּאָעטישן סטיל און דורך דעם צוגעגרייט דעם אויפֿבלי פֿון דער ליטעראַטור אין 11טן יאָרהונדערט.

אַן אויסגעצייכנטער תּלמיד פֿון מנחם בן סרוק, וואָס האָט אַריבערגע־שטײַגט זײַן רבין, איז געווען **יהודה חיוג׳** (כאַיודזש), וואָס איז אויך געקומען פֿון פֿעס קיין קאָרדאָווע. ער האָט אַרײַנגעבראַכט חידושים אין דער העברעיִשער שפּראַך־וויסנשאַפֿט דורך אײַנשטעלן דעם כּלל, אַז די העברעיִשע שרשים באַשטייען געוויינטלעך פֿון דרײַ אותיות. חיוג׳ האָט אין זײַנע ווערק קלאַסיפֿיצירט די העברעיִשע ווערטער לויט זייערע שרשים, ער האָט באַאַר־בעט די כּללים פֿון דעם ניקוד און אַנדערע יסודות פֿון דיקדוק, וואָס זײַנען נייטיק אויף צו פֿאַרשטיין ריכטיק דעם פּשט פֿון תּנך. די ווערק זײַנע האָט חיוג׳ געשריבן אין אַראַביש.

נאָך אַ גרעסערער מחדש אין דקדוק איז געווען **יונה מרינוס** אָדער אבן ג׳נאַח (דזשאַנאַך) (מען האָט אים אויך גערופֿן אַבולוליד מרוון), וואָס איז געווען אַ געבילדעטער מעדיצינער און פֿילאָלאָג. אין איין צײַט

---

1 דאָס איז די אויבן (§ 23) ציטירטע אָדע, ווו עס ווערן באַזונגען חסדאיס מעשים־טובים און זײַן דיפּלאָמאַטישער נצחון איבער די קריסטלעכע מלכים פֿון לעאָן און נאַוואַרע.

מיט ר׳ שמואל הנגיד האָט אבן ג׳נאַח פֿאַרלאָזן קאָרדאָווע נאָך דער קאַטאַ־סטראָפֿע פֿון יאָר 1013 און האָט זיך באַזעצט אין סאַראַגאָסע, ווו ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט מעדיצינישער פּראַקטיק. נאָר מיט אַ גרעסערן חשק האָט ער שטודירט שפּראַך־וויסנשאַפֿט. דער רעזולטאַט פֿון זײַנע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען זײַנען געווען אַ גראַמאַטיק און אַ לעקסיקאָן פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, מיט אַ בפּרטיותדיקער שיטה פֿון סינטאַקס און רעטאָריק (אָנגעשריבן אין יאָר 1050). אבן ג׳נאַח האָט געזונגען שבֿחים דער וויסנשאַפֿט פֿון דער העברעיִשער שפּראַך ווי דער „מלכּה פֿון אַלע וויסנשאַפֿטן״, וואָס גיט דעם שליסל צו פֿאַרשטיין דאָס געטלעכע וואָרט אין גאָר זײַן לויטערקייט און הייליקייט. „איך האָב געאַרבעט, — שרײַבט ער — מיט גרויס התמדה טאָג און נאַכט, אַזוי אַז איך האָב אויסגעגעבן אויף בוימל (צו באַלײַכטונג) מער ווי אַנדערע אויף ווײַן״. אבן ג׳נאַחס ווערטערבוך און גראַמאַטיק, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין אַראַביש, זײַנען שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש („ספֿר השרשים״ און „ספֿר הרקמה״).

דער דאָזיקער הויפּט־באַגרינדער פֿון דער העברעיִשער שפּראַך־וויסנשאַפֿט האָט געהאַט צו באַשטיין אַ געלערנטן וויכּוח מיט דעם געלערנטן ייִדישן מיניסטער פֿון גראַנאַדע, ר׳ שמואל הנגיד. ר׳ שמואל הנגיד האָט פּאַרטיי־דיקט די שיטה פֿון זײַן רבין יהודה חיוג׳, וואָס אבן ג׳נאַח איז אין כּמה פּרטים פֿון איר אָפּגעטראָטן. עס האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט אַ ליטעראַ־רישע פּאָלעמיק לויט דעם מנהג פֿון יענער צײַט. די ייִדישע געלערנטע האָבן געקעמפֿט קעגן אַנאַנד מיט ספֿרים און עפּיגראַמעס, אַנשטאָט די שווערדן פֿון די אַראַבישע קריגסהעלדן, אָבער אין אָט דעם ליטעראַרישן קאַמף איז אָפּגעהיט געוואָרן דער ריטערלעכער שטאַט. ר׳ שמואל הנגיד אַליין האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן טראַקטאַט וועגן שפּראַך־וויסנשאַפֿט, וואָס איז אָבער צו אונדז ניט דערגאַנגען. נאָר זײַן הויפּטפֿאַרדינסט פֿאַר דער ליטעראַטור געפֿינט זיך אויף אַן אַנדער געביט — אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער שיינער ליטעראַטור, וואָס פֿאַר איר איז דעמאָלט געשאַפֿן געוואָרן אַ נײַער פּאָעטישער סטיל.

ר׳ שמואל הנגיד איז דער ערשטער משורר אין שפּאַניע, וואָס האָט גענומען שרײַבן אויף וועלטלעכע טעמעס. אויפֿן געביט פֿון רעליגיעזער פּאָעזיע האָט אים מקדים געווען דער אויבן דערמאָנטער ר׳ יוסף אבן אַבֿיתור, דער מחבר פֿון פּיוטים, וואָס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער ליטור־גיע פֿון ספֿרדישן נוסח (§ 24). ר׳ שמואל האָט פֿון דעם מין פּיוטים געשריבן ווינציק: זײַן מוזע האָט זיך אָפּגערופֿן אויף אַלץ, וואָס האָט אָנגע־רירט דעם פּאָעטס האַרץ אין פּערזענלעכן און פּאָליטישן לעבן. דער טויט פֿון דעם לעצטן גאון אין בבֿל רב האַי (1038) האָט באַגײַסטערט ר׳ שמואלן

אָנצושרײַבן אַ לאַנגע עלעגיע, וואָס אין איר ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די פּאָליטישע באַדײַטונג פֿון דער דאָזיקער געשעעניש: עס איז בטל געוואָרן די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע פֿון בבֿל, און „עס זײַנען אויסגעגלײַכט געוואָרן די בני־בבֿל, בני־אַפֿריקה און בני ספֿרד". אַ סך שירים פֿון דעם גראַנאַדער וויזיר האָבן אַ דירעקטע שײַכות צו די פּאָליטישע געשעענישן אין דער אַראַבישער שפּאַניע, וואָס דער פּאָעט אַליין איז געשטאַנען אין זייער צענטער. איינער פֿון די שירים איז אָנגעשריבן אין דעם קריגסלאַגער בײַ לאָרקע אין דער פֿאָרם פֿון אַ צוואה צום פּאָעטס זון יוספֿן (זומער 1042), ערבֿ אַ גרויסער שלאַכט צווישן די גראַנאַדער און דער פֿאַראייניקטער אַרמיי פֿון די אַראַבער פֿון סעוויליע. אין דער דאָזיקער צוואה זאָגט דער פֿאָטער אָן דעם יונגן זון, ער זאָל זײַן פֿרום, זען זיך אײַנצושאַפֿן וואָס מער וויסן, זיך באַציִען גוט צו מענטשן, העלפֿן נויטבאַדערפֿטיקע און דער עיקר — ניט פֿאַרלאָזן זיך אויפֿן פֿאָטערס זכות, נאָר סטאַרען זיך אַליין עפּעס אויפֿצוטון. עס דערוועקט באַוווּנדערונג אָט די רויִקייט פֿון געמיט, וואָס האָט דערלאָזט דעם מיניסטער ערבֿ דער געפֿערלעכער שלאַכט אָנצושרײַבן אַ צוואה אין פֿערזן אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. דער רעזולטאַט פֿון דער מלחמה איז געווען גליקלעך פֿאַר גראַנאַדע, און אין גיכן האָט ר' שמואל געקאָנט אָנזאָגן דעם זון אין אַ נײַעם שיר די פֿריילעכע בשׂורה, אַז דער שׂונא האָט געליטן אַ מפּלה.

ר' שמואל הנגיד האָט געשריבן שירים בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן: שירים צו קרובֿים און גוטע פֿרײַנד צו פֿאַרשיידענע פֿריילעכע אָדער טרויעריקע געשעענישן אין פֿאַמיליע־לעבן. פֿון גרויסע ווערק ר' שמואלס זײַנען באַוווּסט לויטן נאָמען דרײַ ספֿרים, וואָס זײַנען אָנגעשריבן ווי אימיטאַציעס נאָך די דרײַ ספֿרים פֿון תּנך: תּהלים, משלי און קהלת (בן־תּהלים, בן־משלי, בן־קהלת). צו אונדז זײַנען פֿון זיי דערגאַנגען נאָר פֿראַגמענטן, נאָר דער פּאָעט פֿון 12טן י"ה רבי משה אבן עזרא וואָס האָט די דאָזיקע ספֿרים געזען לויבט זיי זייער שטאַרק ווי קלאַסישע ווערק לויט דער עלעגאַנץ פֿון סטיל און לויט דער רײַכקייט פֿון געדאַנקען. [1] דער זעלביקער טיילט אָגבֿ מיט, אַז אַ סך שרײַבערס פֿון יענעם דור האָבן שאַרף קריטיקירט ר' שמואל הנגיד. דער משורר און קריטיקער פֿון אַ שפּעטערער צײַט, דער באַרימטער אַלחריזי, שרײַבט וועגן אים: „זײַנע שירים זײַנען געהויבן און וויכטיק, זייער אינ־

1 אין אַ נײַ אַנטדעקטער קאָלעקציע פֿון כּתבֿ־ידן זײַנען געפֿונען געוואָרן אַלע דרײַ ביכער כּמעט אין גאַנצן. אין בן־תּהלים אַליין זײַנען פֿאַראַן 187 שירים, וואָס אַ סך פֿון זיי האָבן אַ שײַכות צו די פּאָליטישע געשעענישן פֿון יענער צײַט. די שירים האָט צונויפֿגעקליבן דעם משוררס זון יוסף און צוגעגעבן זײַנע אייגענע הערות. די דאָזיקע זאַמלונג האָט אַרויסגעגעבן ד. ששון אין יאָר 1934, אין אָקספֿאָרד.

האַלט איז דרייסט און נײַ, אָבער על־פּי־רובֿ זײַנען זײַנע סטראָפֿעס צו פֿיל טיף און האַרב, אַזוי אַז מען מוז האָבן צו זיי אַ פּירוש". אין דער אמתן, הגם ר' שמואל הנגידס סטיל איז פֿיל בעסער ווי דער סטיל פֿון די פֿריִערדיקע פּייטנים, אָבער דאָך איז אין זײַנע שירים פֿאַראַן נאָך אַ סך שווערקייט און ניט־געשליפֿנקייט; מען מעג זאָגן, אַז ער פֿאַרנעמט אין דער ייִדישער פּאָעזיע פֿון מיטלעלטער אַן ערך דעם אָרט, וואָס עס פֿאַרנעמט קלאָפּשטאָק אין דער נײַער דײַטשער פּאָעזיע אָדער דערזשאַווין אין דער רוסישער פּאָעזיע. פּונקט ווי נאָך אָט די אָנזאָגערס האָבן זיך באַוויזן געטע און פּושקין, אַזוי האָבן באַלד נאָך ר' שמואלן און צום טייל נאָך אין זײַן צײַט זיך באַוויזן די גרעסטע פּאָעטן פֿון דעם ייִדיש־אַראַבישן רענעסאַנס. דער היסטאָריקער פֿון אָט דער תּקופֿה אבֿרהם אבן דאוד האָט טרעפֿיק אָנגעוויזן אויף אָט דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ליטעראַטור מיט די ווערטער: „אין די טעג פֿון חסדאי דעם שׂר האָבן די משוררים אָנגעהויבן צו טשירקען, און אין די טעג פֿון ר' שמואל הנגיד האָבן זיי גענומען זינגען לידער". אין דעם דאָזיקן כאָר פֿון די זינגערס האָט מיט אַ מאָל אָפּגעקלונגען די צאַרטע שטים פֿון אַ סאָלאָוויי, פֿון אַן אמתן פּאָעט — אבן גבירול.

ר ב י ש ל מ ה א ב ן ג ב י ר ו ל (אַן ערך 1020—1070) איז געבאָרן געוואָרן אין מאַלאַגע, ווו עס האָבן זיך באַזעצט זײַנע עלטערן נאָכן פֿאַלן פֿון קאָרדאָווע אין יאָר 1013. ער האָט פֿרי פֿאַרלאָרן זײַן פֿאָטער און מוטער. דער דאָזיקער אָנווער און צו גלײַך די אָרעמקייט און צרות, וואָס דער פֿאַריתומטער בחור האָט זיך אָנגעליטן, האָבן אַרויפֿגעדריקט אויף זײַן שטימונג אַ שטעמפּל פֿון עצבֿות און פֿאַרטרויערטער אײַנגעצאַמטקייט אין זיך. צו 16 יאָר האָט ער אָנגעשריבן זײַנע ערשטע עלעגישע פֿערזן: „מײַן ליד ווערט געשטופּט דורך זאָרג, מײַן פֿרייד — דורך קרעכצן. ווען איך זע אַ שמייכל, וויינט מײַן האַרץ איבער מײַן פֿאַרלאָרן לעבן. מײַן פֿרײַנד, צי געשיקט זיך, אַז וויינען זאָל אויפֿן טאָג פֿון טויט אַ בחור פֿון זעכצן יאָר, וואָס דאַרף זיך פֿרייען מיט קינדערשן שפּיל און שײַנען מיט רויטקייט פֿון די באַקן?" אין גבירולס יוגנטצײַט איז געווען נאָר איין ליכטיקער פּונקט. בעת ער האָט געלעבט אין סאַראַגאָסע, האָט ער געפֿונען אַ באַשיצער און פֿרײַנד אין דער פּערזאָן פֿון יקותיאל חסאַן, אַ געבילדעטער ייִד, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ בכּבֿודיקן פּלאַץ בײַם הויף פֿון דעם סאַראַגאָסער עמיר. גבירול האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן צוגעבונדן צו אָט דעם מעצענאַט און האָט באַזונגען זײַן לויב אין קלינגענדיקע אָדעס. נאָר אין גיכן האָט ער שוין געמוזט באַוויינען דעם טויט פֿון זײַן גוטן פֿרײַנד, וואָס איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַ הויף־איבערקערעניש אין סאַראַגאָסע (1039). לויט דעם פֿאָטערס רייד איז אָט דער טויט געווען אַ גרויסער אָנווער פֿאַרן גאַנצן ייִדנטום. אין אַ האַרציקער

עלעגיע לאָזט גבירול די נאַציע (ציון) פֿרעגן מיט ביטערניש: „ווער וועט איצט מיך אונטערהאַלטן אין אַ צײַט פֿון פּורעניות, ווען מײַנע שונאים וועלן זיך צונויפֿריידן און וועלן אָנפֿאַלן אויף מיר? ווער וועט צעברעכן די ציין פֿון די צעווילדעוועטע לעמפּערטן, וואָס האָבן אויפֿגעעפֿנט זייער שלונד, אײַנצושלינגען די רעשטלעך בלאָנדזשענדיקע שאָף?"

די צרות, וואָס דער פּאָעט האָט געליטן, האָבן איבערגעלאָזט אין זײַן נשמה אַ רושם פֿון ביטערניש און צאָרן. אבן גבירול באַקלאָגט זיך אויף דער אומגערעכטיקייט פֿון מענטשן, אין זײַנע שירים טרעט ער אָפֿט אַרויס מיט שטראָפֿרייד קעגן תּקיפֿים. דורך דעם האָט ער זיך אײַנגעשאַפֿט שונאים צווישן די פֿאָרשטייער פֿון דער סאַראַגאָסער געזעלשאַפֿט, און ער האָט געמוזט אַוועק פֿון סאַראַגאָסע. סוף־כּל־סוף האָט דער פּאָעט באַשלאָסן אין גאַנצן צו פֿאַרלאָזן שפּאַניע און זיך אַריבערקלײַבן אין די מזרח־לענדער, נאָר איבער אַן אומבאַוווסטער סיבה האָט ער דעם דאָזיקן פּלאַן זײַנעם ניט אויסגעפֿירט. אין יענער צײַט האָט ער געפֿונען אַ באַשיצער אין ר' שמואל הנגיד, וואָס האָט געקענט גבירולס משפּחה נאָך פֿון מאַלאַגע. די באַציִונג פֿון דעם יונגן פּאָעט צו דעם נגיד און משורר האָט זיך אָפֿט געביטן: אויסגעהאַלטנקייט איז בכלל ניט געווען אין גבירולס כאַראַקטער. אַט זינגט ער שבחים צו זײַן פֿרײַנד און באַשיצער, און אַט שרײַבט ער קעגן אים בײַסיקע פּערזן, שפּירנ־דיק זיך העכער פֿאַר אים, און פֿאַרגלײַכט זײַן קאַלטע פּאָעזיע מיטן אײַזיקן שפּיץ פֿון באַרג חרמון. גבירול האָט מן־הסתּם געהאַט נאָך סיכסוכים מיט זײַנע בני־דור איבער זײַנע רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישע חקירות, וואָס פֿאַר דער שטרענגער אָרטאָדאָקסיע האָבן זיי געקאָנט אויסדוכטן ווי אַפּיקורסות. אבן גבירול האָט צו פֿרי פֿאַרענדיקט זײַן טרויעריק נע־ונד־לעבן: ער איז געשטאָרבן אין וואַלענסיע אַן ערך אין עלטער פֿון 48 יאָר.[1]

אָט דער גײַניאַלער מאַן, וואָס אים איז באַשערט געווען נאָר אַזאַ קורץ לעבן, האָט אָבער באַוויזן אויף לאַנג אַרײַנצוזוכן לעבן אין דער ייִדישער פּאָעזיע. דאָס איז דער ערשטער פּאָעט פֿון דעם רענעסאַנס, וואָס איז געווען ניט קיין שקלאַוו פֿון פֿערז, נאָר זײַן האַר, און ער האָט מיט רעכט געמעגט זאָגן וועגן זיך די שטאָלצע ווערטער:

---

1 די ביאָגראַפֿן זײַנען מחולק מכּוח דעם, ווי לאַנג גבירול האָט געלעבט (טייל נעמען אָן זײַן לעבן צווישן 1020—1052, אַנדערע צווישן 1022 און 1070). לויט איין פֿראַזע אין זײַן נאַציאָנאַלער עלעגיע „שנותינו ספֿו" מעג מען פּסקענען, אַז ריכטיק איז די צווייטע דאַטע. אין דעם שיר שטייט: ישמעאל (די אַראַבער) געוועלטיקן איבער דער וועלט 401 יאָר; אָט דאָס יאָר פֿון דער העדזשראַ געפֿאַלט אין יאָר 1068 פֿון דער קריסטלעכער צײַט. הייסט דאָס, אַז פֿריִער פֿאַר אָט דעם יאָר האָט גבירול ניט געקאָנט שטאַרבן.

אַ האַר — אַ זינגער [1] בין איך, און דער שיר איז מײַן קנעכט.
אַ האַרף בין איך פֿאַר אַלע משוררים וואָס זינגען.

דער פּאָעט פֿון צווייטן דור משה אבן עזרא האָט אָנגערופֿן אבן גבירולן „דער ריטער פֿון סטיל און מײַסטער פֿון פּערז", און דער שפּעטערדיקער קריטיקער אַלחריזי האָט אָנערקענט, אַז דעם נײַעם שלמהן קומט די קיניג־לעכע קרוין פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע: „גאָט האָט אים געזאַלבט אויף דער מלכות אין דער פּאָעזיע, און ער האָט באַשאַפֿן דעם שיר השירים אשר לשלמה. אַלע וואָס זײַנען געקומען נאָך אים האָבן זיך אָנגענומען מיט זײַן גוסט, און דער גײַסט פֿון זײַן מוזע האָט אויף זיי גערוט".

די פֿיל לירישע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע שירים אבן גבירולס צייכענען זיך אויס מיט שיינקייט פֿון פֿאָרם און מיט עפּעס אַ באַזונדער האַרציקייט. קיין איינער פֿון די פֿריִערדיקע פּייטנים זײַנען ניט געווען בכוח אַזוי צאַרט אויסצודריקן די טיפֿע געפֿילן פֿון דער גלייבנדיקער נשמה, דעם צער און טרויער פֿון דער געדרודפּטער אומה, ווי אָט דער טרויעריקער זינגער פֿון סאַראַגאָסע. זײַנע האַרמאָנישע הימנען, וואָס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער ליטורגיע, האָבן דערמאָנט אָן די שענסטע מזמורים פֿון תהלים. עס קלינגט אין זיי פֿאַרכטיקע התלהבות פֿון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס טענעט זיך אויס מיט איר באַשעפֿער, אָדער די תחנונים פֿון דער פֿאַראומער־טער ייִדישער נאַציע, וואָס בעט זיך רחמים, אַז גאָט זאָל זי ברענגען צוריק אין איר לאַנד אַרײַן. אבן גבירול האָט דער ערשטער אײַנגעפֿירט אין דער העברעיִשער פּאָעזיע יענע האַרציקע פֿאָרם פֿון דיאַלאָג צווישן דער אומה ישראלית און הקדוש ברוך הוא: [2]

ד י א ו מ ה: „די געפֿאַנגענע די אָרעמע אין לאַנד דעם פֿרעמדן איז געוואָרן אַ שקלאַווין, אַ מצרישע שקלאַווין. זינט דעם טאָג, ווען האָסט זי פֿאַרלאָזן, גאָט, וואַרט זי אויף דיר... צו אַלץ קומט אַ סוף, אָבער צו מײַנע צרות ניט; יאָרן קומען און גייען — און צו מײַן ווונד איז קיין היילונג ניטאָ. אין גלות לעב איך, איך טרינק מיך אין שטראָם, און קיינער נעמט דעם רודער ניט, בכדי דאָס זינקענדיקע שיפֿעלע אַרויסצופֿירן. צעריסענע, דערשטיקטע, מיטן יאָך באַלאָדענע, באַרויבטע, געצופּטע, אין דער ערד אַרײַן געטראָטענע — ביז וואַנען, אָ גאָט, וועלן מיר קלאָגן אויף עוולות, אויף פֿיליאַריקער קנעכטשאַפֿט? ישמעאל (די מוסלימס) איז גלײַך צו אַ לייב,

---

1 דאָ איז פֿאַראַן אַ וואָרטשפּיל מיט די ווערטער שָר און שָר.

2 אין דער סעריע פּיוטים „גאולות", וואָס ווערן געזאָגט בעתן דאַווענען שחרית אין די שבתים צווישן פּסח און שבֿועות. זיי זײַנען זייער מעלאָדיש, ווי למשל: „שביה עניה בארץ נכריה..."

און עשׂו (די קריסטלעכע וועלט) איז גלײַך צו אַ שפּאַרבער, קוים לאָזט אונדז אײנער אָפּ, באַלד כאַפּט אונדז דער צווייטער".

גאָט: „צי דײַן שטים טו איך הערן, דו וואָגלער אַריאל? פֿריי זיך, טאָכטער פֿון ישׂראל, עס געגענט די צײַט אָנגעוויזן אין ספר דניאל. אין יענער צײַט וועט אויפֿשטיין מיכאל (דער מלאך) און וועט אויסרופֿן אויפֿן באַרג: עס איז געקומען צו ציון דער גואל".

אַ מאָל הייבט כּבֿיכול גאָט אַליין אָן דעם שמועס מיטן פֿאָלק ישׂראל און באַקומט אַן ענטפֿער:

גאָט: „פֿאַריתומטע, פֿאַרמאַטערטע, וואָס וויינסטו? צי דען האָסטו זיך מייאש געווען פֿון דעם אויף וואָס דו האָסט געוואַרט?" (די אומה): „עס האָט זיך פֿאַרזאַמט די שעה פֿון מײַן אויסלייזונג, און עס האָט זיך פֿאַרצויגן דער חושך אַרום". — (גאָט): „וואַרט, אָרעמינקע, נאָך אַ ביסל — און איך וועל שיקן מײַן מבֿשׂר, ער זאָל דורכטרעטן דעם וועג פֿאַר מיר, און אויפֿן באַרג ציון וועט מען קרייִנען מײַן קיניג (משיחן)".

אבן גבירולס כּוח שטעקט מער פֿון אַלץ אין זײַנע ריין רעליגיעזע הימנען, אין די פֿלאַמענדיקע אויסגאָסן פֿון דער גלייביקער נשמה, וואָס באַהעפֿט זיך אין גאַנצן מיט גאָט, דעם מקור פֿון לעבן און אייביקייט. דער וועלטקוק פֿון דעם פּאָעט דעם פֿילאָסאָף האָט געקראָגן זײַן בעסטן אויסדרוק אין דעם גרויסן הימן „כּתר מלכות", וואָס איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער ליטורגיע פֿון דעם נוסח ספֿרד. דאָ ווערט אין פּאָעטישע בילדער פֿאָרגע־שטעלט גבירולס מעטאַפֿיזישע סיסטעם, וואָס ער האָט זי אַרויסגעזאָגט אין אַן אַבסטראַקטער פֿאָרם אין זײַן ווערק „מקור חיים". דער דאָזיקער פֿילאָסאָ־פֿישער חיבור, וואָס איז לכתּחילה אָנגעשריבן געוואָרן אין אַראַביש, איז בײַ ייִדן געווען ווינציק פֿאַרשפּרייט און איז שפּעטער פֿאַרלאָרן געגאַנגען, דערפֿאַר אָבער האָט ער געקראָגן אַ גרויסן שם צווישן די קריסטלעכע טעאָלאָגן פֿון מיטלעלטער, וואָס האָבן באַנוצט די לאַטײַנישע איבערזעצונג פֿון דעם ווערק (Fons vitae). אין דעם אָריגינאַל און אין דער לאַטײַנישער איבערזעצונג איז דער נאָמען פֿון דעם מחבר געווען פֿאַרצייכנט אַוויצעבראָן, און ערשט אין דער מאָדערנער צײַט איז אויפֿגעקלערט געוואָרן, אַז דער דאָזיקער נאָמען איז דאָס זעלביקע, וואָס אבן גבירול.

אין זײַן פֿילאָסאָפֿישער סיסטעם שטייט אבן גבירול אויפֿן יסוד פֿון דער מעטאַפֿיזיק פֿון די נעאָפּלאַטאָניקער און פֿון פֿילאָן פֿון אַלכּסנדריא, נאָר ער האָט אויך צוגעגעבן אין איר עלעמענטן פֿון דעם אַריסטאָטעליזם, וואָס ער האָט אַרויסגענומען משמעות פֿון אַראַבישע מקורים. אין דער דאָזיקער סיסטעם איז אײַנגעשטעלט אַ לייטער פֿון מדרגות פֿון די שעפֿערישע כּוחות אין דער וועלט פֿון גײַסט און פֿון חומר: גאָט — די ריין רוחניותדיקע

סובסטאַנץ; דער ווילן — די ערשטע עמאַנאַציע פֿון גאָט (פֿילאָנס „לאָגאָס"); דערנאָך דער אוניווערסאַלער חומר און די אוניווערסאַלע פֿאָרם (צורה), דער וועלט־שכל און די וועלט־נשמה, און צו לעצט די אוניווערסאַלע נאַטור; פֿון די דאָזיקע שפּעטערישע כּוחות אַרויס האָט זיך אַנטוויקלט דורך אויסשטראַלונג (אַצילות) אָדער עמאַנאַציע די גאַנצע וועלט פֿון די חושים. אַנטקעגן אָט דעם מאַקראָקאָסמאָס שטייט דער מיקראָקאָסמאָס — דעם מענטשנס אָרגאַניזם, וואָס אין אים געפֿינען זיך בזעיר אַנפּין דער חומר, די פֿאָרם, דער ווילן, דער שׂכל און די נשמה. דערפֿון איז געדרונגען די האַרמאָניע צווישן דער אייבערשטער און דער אונטערשטער וועלט. די תּשוקה צו דער גאָטהייט, וואָס איז דער „קוואַל פֿון לעבן", איז דער געזעץ פֿון מענטשנס זײַן, און וואָס שטאַרקער עס איז אין דעם יחידס נשמה די תּשוקה צו דער וועלט־נשמה, אַלץ לויטערער און רוחניותדיקער איז דער מענטש. הסתּכּלות אָדער באַהעפֿטונג אין געדאַנק מיט גאָט — דאָס איז דער וועג, וואָס פֿירט פֿון ענדלעכקייט צו אומענדלעכקייט.

אבן גבירול האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרבינדן זײַן מעטאַפֿיזיק מיט דער תּורה פֿון דער יהדות, אַזוי ווי דאָס האָט פֿריִער געטאָן רב סעדיה גאון. ער האָט נאָר דערפֿירט זײַן סיסטעם ביז צו די גרענעצן פֿון דער עטיק. מיט די פֿראַגעס פֿון עטיק פֿאַרנעמט זיך זײַנס אַ צווייט ווערק, וואָס איז אויך אָנגעשריבן געוואָרן אין אַראַביש, נאָר איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג אונטער דעם טיטל „תּיקון מדות הנפֿש". דאָ שטעלט אבן גבירול אײַן דעם פּסיכאָפֿיזישן יסוד פֿון דער מאָראַל, אַרויסדריקנ־געדיק די נאַטירלעכע נטיות פֿון דער מענטשלעכער נשמה פֿון די פֿינף חושים. איטלעכער פֿון די פֿינף חושים גיט אַרויס פֿון זיך באַשטימטע מדות פֿון דער נשמה, גוטע אָדער שלעכטע, אין פֿאַרשיידענע צירופֿים, וואָס בילדן פֿאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן (מזג). די אויפֿגאַבע פֿון דער מאָראַל איז אײַנ־צושטעלן אַ שטרענגן קאָנטראָל פֿון דעם שׂכל איבער אַלע די נאַטירלעכע נטיות. אין דעם נצחון פֿון דער „שׂכלדיקער נשמה" איבער דער „בהמהשער נשמה" באַשטייט די השתּלמות פֿון מענטשן, דער זינען און דאָס גליק פֿון זײַן לעבן.

אבן גבירולס טעאָסאָפֿיע האָט געהאַט אַ גרעסערע השפּעה אויף דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע פֿון מיטלעלטער, איידער אויף דער ייִדישער. אַלבערטוס מאַגנוס, דונס סקאָטוס און אַנדערע סכאָלאַסטיקער האָבן ניט ווייניק געשעפּט פֿון אַוויצעבראָנס „לעבנסקוואַל", און האָבן גאָר ניט חושד געווען, אַז דער מחבר איז אַ ייִד. די ייִדישע רעליגיעזע פֿילאָסאָפֿיע פֿון יענער צײַט אָקעגן איז געווען מער נוטה צום אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם, וואָס זײַן גרויסער פֿאָרשטייער וועט אין הונדערט יאָר אַרום נאָך אבן־גבירולן

זײַן דער רמבם. ערשט אין דער שפּעטערער צײַט, ווען דעם רמבמס השפּעה איז שוואַכער געוואָרן, האָט אבן גבירולס סיסטעם געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין דער מיסטישער שיטה פֿון דער קבלה, וואָס איז געגרינדעט אויף דער טעאָריע פֿון אַצילות.

פֿאַרבינדן די עטיק פֿון דער יהדות אין איין פֿעסטער סיסטעם מיט דער רעליגיע — דאָס איז געווען דער אויפֿטו פֿון אַ צווייטן ייִדישן דענקער, אבן גבירולס אַ בן־דור, וואָס האָט צום טייל אויך געהאַלטן פֿון דער זעלביקער פֿילאָסאָפֿישער שיטה וואָס ער. דאָס איז געווען רבנו בחיי אבן פקודה, אַ דיין אין סאַראַגאָסע, דער מחבר פֿון דעם פּאָפּולערן מוסר־ספֿר „חובֿות הלבֿבֿות“, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַראַביש אַרום יאָר 1040 און איז שפּעטער געוואָרן איבערגעזעצט אויף העברעיִש. ר׳ בחיי טיילט איַין אַלע מצוות, וואָס אַ ייִד איז מחויבֿ זיי אָפּצוהיטן, אין צוויי מינים: א) די חובֿות פֿון גוף, דאָס זײַנען די צערעמאָניעס און די פּראַקטישע געבאָטן פֿון דער ייִדישער אמונה, און ב) די חובֿות פֿון האַרצן, וואָס באַשטייען אין אינעווייניקסטן גלויבן און אין השתּלמות פֿון די כּוחות פֿון דער נשמה. דער תּלמוד, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן ערשטן אָרט אין לעבן דאָס מקיים זײַן די צערע־מאָניעלע מצוות, האָט דורך דעם פֿאַרשטעלט די „חובֿות פֿון האַרצן“, און דערפֿאַר באַמיט זיך רבנו בחיי אַרויסצוהייבן וואָס מער דעם באַטײַט דווקא פֿון אָט די חובֿות, צו ווײַזן די אינעווייניקסטע כּוונה פֿון דער אויסווייניק־סטער רעליגיעזער פּראַקטיק. זײַן ספֿר באַשטייט פֿון צען קאַפּיטלען, וואָס אין זיי ווערן בפּרוטרוט אַנאַליזירט די גרונט־יסודות פֿון דער מאָראַלישער טעאָלאָגיע: דאָס באַוווּסטזײַן פֿון אַחדות הבורא, באַציִונג צו די ליידן און פֿריידן פֿון לעבן, דינען גאָט, בטחון, צופּאַסונג פֿון די מעשׂים צו גאָטס רצון, עניוות, תּשובֿה, „חשבון הנפֿש“, פּרישות און ליבשאַפֿט צו גאָט. אין די ערשטע קאַפּיטלען גיט דער מחבר אַ פֿילאָסאָפֿישע באַגרינדונג פֿון זײַן רעלי־גיעזער עטיק, וואָס שטימט אין אַ סך פּרטים מיט אבן גבירולס, נאָר זי איז אַ קלאָרערע (למשל די באַווײַזן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט: עס קאָן ניט גע־מאָלט זײַן קיין באַשאַף אָן אַ באַשעפֿער; אַלץ וואָס איז צונויפֿגעהעפֿט אָדער אָרגאַניש איז דער רעזולטאַט פֿון אַ צילבאַוווּסטן אַקט פֿון דעם וואָס האָט דאָס צונויפֿגעהעפֿט, אאַז״וו). נאָר דער עיקר כּוח רבנו בחייס באַשטייט אין דעם פֿײַנעם אַנאַליז פֿון דער גלייבנדיקער נשמה, אין דער פּסיכישער אַליין־אָבסערוואַציע. אין דעם פּרט האָט ער אַ סך באַריִרפּונקטן מיטן מוסלימישן „סופֿיזם“ – אַ טעאָריע פֿון אַסקעטיזם און הסתּכּלות וואָס דאַרף פֿירן צו דער „באַהעפֿטונג מיט גאָט“. אין דער העברעיִשער ליטעראַטור זײַנען פֿאַראַן ווינציק אַזעלכע ביכער, וואָס זײַנען אַזוי מסוגל צו פֿאַרטיפֿן דעם רעליגיעזן געדאַנק און אויסצואיידלען די מדות, ווי דער ספֿר „חובֿות הלבֿבֿות“ פֿון רבנו בחיי

אבן פקודה. איבער אָט די מעלות האָט אָט דער ספֿר זיך זייער שטאַרק פֿאַרשפּרייט צווישן פֿאָלק, ניט געקוקט דערויף וואָס ער איז געשריבן גאַנץ האַרב און אַבסטראַקט. אין משך פֿון אַ סך יאָרהונדערטער האָבן דעם ספֿר געלייענט מיט גרויס התמדה מענטשן מיט אַ ווילן און חשק זיך צו פֿאַרטיפֿן אין טעאָלאָגישע חקירות. 1 פּונקט ווי אַנדערע דענקער פֿון יענער תּקופֿה האָט רבנו בחיי געשריבן אויך פּיוטים, וואָס ער פֿלעגט אין זיי אַרײַנפֿלעכטן זײַנע טעאָסאָפֿישע אידעען.

§ 28. די תּלמודישע וויסנשאַפֿט

בעת ווען אין דער ליטעראַטור פֿון די פֿראַנצייזיש־דײַטשע ייִדן האָט די תּלמודישע וויסנשאַפֿט פֿאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ, איז זי אין שפּאַניע געווען אָפּגערוקט אויפֿן צווייטן פּלאַץ, און עס האָבן זי פֿאַרשטעלט וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, פֿילאָסאָפֿיע, פּאָעזיע. אָבער אויך אין דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן געביט פֿון געזעץ־קענטעניש זײַנען אַרײַנגעדרונגען נײַע ווינטן. די פֿאָרשער האָבן אָנגעהויבן צו ווענדן מער זייער אויפֿמערק אויף דער סיסטעמאַטיזירונג פֿון דעם פֿאַרפֿלאָנטערטן מאַטעריאַל פֿון תּלמוד. נאָך דעם ווי די פֿון מזרח אָנגעקומענע ר׳ משה און ר׳ חנוך האָבן אַראָבגעבראַכט קיין שפּאַניע די קענטעניש פֿון תּלמוד, האָט זייער תּלמיד ר׳ שמואל הנגיד געשטעלט זיך אַן אויפֿגאַבע אַרײַנצוטראָגן היסטאָרישע קלאָרקייט אין דעם געביט. צווישן זײַנע פֿיל אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון פּאָליטיק און ליטעראַטור האָט ער נאָך געפֿונען צײַט צונויפֿצושטעלן אַן „אַרײַנפֿיר אין תּלמוד“ (מבוא התּלמוד), וואָס אַנטהאַלט די געשיכטע און די מעטאָדאָלאָגיע פֿון דער אַזוי גערופֿענער „תּורה שבעל פּה“. מיטן ניכטערן פֿאַרשטאַנד פֿון אַ פּאָליטיקער האָט ר׳ שמואל תּופֿס געווען, ווי ווינציק האַפֿט עס קאָן האָבן די פֿיקציע מכּוח דעם, אַז די משנה מיט דער גמרא זײַנען אין משך פֿון אַ סך הונדערטער יאָרן איבערגעגעבן געוואָרן בעל־פּה, און ער האָט בפֿירוש אַרויסגעזאָגט זײַן איבערצײַגונג, אַז אייניקע הלכות און טיילן פֿון דער משנה זײַנען געוואָרן פֿאַרשריבן מיט אַ צײַט פֿריִער, איידער רבי יהודה הנשיא האָט צונויפֿגעשטעלט די גאַנצע משנה, און ממילא איז די גמרא אויך אַזוי פֿאַרשריבן געוואָרן טיילנווײַז. דער

---

1 אונטער רבנו בחיס נאָמען איז צו אונדז דערגאַנגען נאָך אַ מוסר־ספֿר, וואָס מען האָט ניט לאַנג אויסגעפֿונען אין אַן אַראַבישן כּתבֿ־יד. דער ספֿר טראָגט דעם נאָמען „חקירות וועגן דער נשמה“ און איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש א״ט „תּורות הנפֿש“ (אַרויסגעגעבן מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון י. ברוידאָ אין פּאַריז, 1896). לויט זײַן אינהאַלט און לויט זײַן סטיל איז אָט דער ספֿר טאַקע שטאַרק ענלעך צום ספֿר „חובֿות הלבֿבֿות“, נאָר צי איז ער טאַקע רבנו בחיס װערק, איז נאָך מוטל בספֿק.

היסטאָרישער טייל פֿון רבי שמואל הנגידס „מבֿוא" איז צו אונדז ניט דערגאַנגען, דער מעטאָדאָלאָגישער טייל אָבער איז געבליבן און ווערט ביז איצט איבערגעדרוקט אין פֿיל אויסגאַבעס פֿון תּלמוד בבֿלי.

אַ וויַיטערדיקן שריט צו דער סיסטעמאַטיזירונג פֿון דעם תּלמוד האָט געמאַכט דער דירעקטער יורש פֿון די מזרחדיקע גאונים רבי י צ ח ק א ל פֿ ס י (1102–1013). געבאָרן אין דער שטאָט פֿעס אָדער פֿאַס אין אַפֿריקע (דערפֿון נעמט זיך דער צונאָמען אַלפֿסי, און אויך דער קיצור רי"ף, ווי ער ווערט געבראַכט אָפֿט אין דער רבנישער ליטעראַטור — רבי יצחק פֿסי), האָט ער געלערנט תּלמוד בײַ די גאונים פֿון קײַרואַן רבנו נסים און רבנו חננאל. אַלע כּוחות פֿון זײַן שאַרפֿן פֿאַרשטאַנד האָט אַלפֿסי אַרײַנגעלייגט אין דעם שטודיום פֿון דער תּלמודישער געזעצגעבונג, און דער רעזולטאַט פֿון זײַן אַרבעט איז געווען דאָס באַרימטע ווערק „הלכות", וואָס ווערט מיט רעכט אָנגערופֿן „ק י צ ו ר ה ת ל מ ו ד". אַלפֿסי האָט זיך געשטעלט אַ ציל אַרויסצונעמען פֿון דער גוואַלדיקער און בונטער ענציקלאָפּעדיע וואָס הייסט תּלמוד די גאַנצע הלכה, ד"ה דעם יורידישן און געזעצגעבערישן טייל, און פֿון דער הלכה קלײַבט ער אויס נאָר די גרונדטעזיסן מיט זייער באַגרינדונג אין תּוך און לאָזט דורך די גאַנצע איבעריקע שקלא וטריא פֿון די אַמוראים. דערמיט איז אַרויסגעקומען אַ נײַע רעדאַקציע פֿון דער גמרא, אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרבעסערט לגבי דער פֿאַרעלטערטער פּראָטאָקאָל־אופֿנדיקער רעדאַקציע פֿון רבֿ אַשי. אין אַלפֿסיס רעדאַקציע האָט זיך באַקומען די משנה מיט אַ פֿאַרקירצטער גמרא, און אין אַ סך ענינים האָט ער אויך אָנגעוויזן, ווי איז דער דין לויט די אויטאָריטעטע פּסקים פֿון די גאונים. די דאָזיקע גוואַלדיקע אַרבעט האָט פֿאַרגרינגערט סײַ דאָס לערנען די תּלמודישע הלכה מיט תּלמידים, סײַ איר אָנווענדונג אין פּראַקטישן לעבן. אַלפֿסיס „קיצור התּלמוד" האָט מען אָנגעהויבן צו פֿאָרשן און צו מאַכן צו אים פּירושים באַגלײַך מיטן פֿולן תּלמוד בבֿלי. אַלע פֿריִערדיקע תּלמודישע ווערק וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן צווישן אָט די צוויי זאַמלונגען האָבן פֿאַרלאָרן זייער באַטײַט.

פּאָליטישע מהומות און נגישות מצד דער מוסלימישער רעגירונג אין אַפֿריקע האָבן געצוווּנגען רבי יצחק אַלפֿסי אויף דער עלטער זיך אַריבערצוקלײַבן קיין שפּאַניע (1088), ווו עס האָט זיך דעמאָלט געהאַט אײַנגעפּעסטיקט די ממשלה פֿון די אַלמאָראַווידן. דער נאָענטסטער גורם פֿאַר אָט דער איבערוואַנדערונג איז געווען עפּעס אַ מסירה בײַ דער מאַכט אויף אַלפֿסיס טעטיקייט. דער 75־יאָריקער זקן האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ רבֿ אין ל ו ס ע נ ע. דאָ איז ער געוואָרן דער ראָש פֿון אַ ישיבֿה, ווו עס זײַנען זיך צונויפֿגעקומען תּלמידים פֿון אַלע עקן שפּאַניע. לוסענע איז געוואָרן אַ נײַער גײַסטיקער צענטער נאָך קאָרדאָווע און גראַנאַדע. אַלפֿסי איז געשטאָרבן צו

90 יאָר. די ייִדישע קהילות האָבן טיף געטרויערט איבערן טויט פֿון זייער גײַסטיקן פֿירער, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט קיין מערבֿ די תּלמודישע וויסנ־שאַפֿט פֿון איר לעצטן מזרחדיקן מקום־מקלט – אַפֿריקע. דער גרעסטער פּאָעט פֿון יענעם דור רבי יהודה הלוי האָט אָנגעשריבן דעם ווײַטערדיקן שיר אויף אלפֿסיס מצבֿה:

די בערג האָבן אין דעם טאָג פֿון סיני לכּבֿוד דיר געדונערט,
גאָטס מלאָכים האָבן דיך באַגעגנט
און אויסגעקריצט די תּורה אויף די לוחות פֿון דײַן האַרץ,
און זייער בעסטע קרוין אויף דײַן קאָפּ אַרויפֿגעלייגט.

איידער אַלפֿסי איז געקומען קיין לוסענע, איז דאָרט געווען רבֿ רבי יצחק אבן גיאת, וואָס איז אויך געווען אַ שרײַבער (ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1089). אַ גוטער פֿרײַנד פֿון רבי שמואל הנגיד און זײַן זון יוסף הנגיד, האָט אבן גיאת פֿאַרמאָגט אויך אַ היפּשע אַלגעמיינע בילדונג, אָנגע־אייגנט זיך אַ סך פֿון דער „חכמה יונית" און האָט געשריבן רעליגיעזע שירים. זײַן עיקר אַרבעט האָט זיך קאָנצענטרירט אין דעם שטודיום פֿון תּלמוד, אָבער פֿון זײַנע ווערק אויף דעם געביט זײַנען דערגאַנגען צו אונדז נאָר קליינע פֿראַגמענטן. דערפֿאַר איז פֿאַרבליבן פֿאַר די שפּעטערדיקע דורות דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין אבן גיאתס ליטעראַרישער שאַפֿונג: דאָס זײַנען זײַנע פֿיל פּיוטים, וואָס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דעם מחזור פֿון נוסח ספֿרד. טייל פֿון זײַנע נאַציאָנאַלע עלעגיעס פֿאַלן ניט אַראָפּ אַנטקעגן אבן גבֿירולס ווערק לויט זייער קראַפֿט פֿון שיינקייט.

לוסענע, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון איר באַפֿעלקערונג איז באַשטאַנען פֿון ייִדן, איז געווען דער הויפּטצענטער, פֿון וואַנען עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט דער שטודיום פֿון תּלמוד; זי איז אָבער ניט געווען דער איינציקער מקום־תּורה אין שפּאַניע. אַ צווייטער צענטער איז געווען אין סעוויליע. דאָרט האָט געווירקט אַלפֿסיס אַ בן־דור, דער אויבן שוין דערמאָנטער „נשיא", רבי יצחק אַלבליא (§ 26). חוץ דעם דערמאָנטן אַסטראָנאָמישן ווערק, האָט ער אָנגעשריבן אַן אויספֿאָרשונג פֿון די האַרבע הלכות פֿון תּלמוד מיט אַ קריטישן אַנאַליז און מיט דערקלערונגען, אַ"נ „קופּת הרוכלים". ווען די אַלמאָראַווידן האָבן פֿאַרכאַפּט סעוויליע, איז אַלבליא אַראָפּ פֿון זײַן גדולה און האָט פֿאַר־בראַכט דעם רעשט פֿון זײַן לעבן אין גראַנאַדע. אין יענער צײַט האָט זיך צעפֿלאַקערט צווישן אים און צווישן אַלפֿסי אַ מחלוקת, וואָס איז משמעות אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך טעאָרעטישע חילוקי־דעות, און עס איז געקומען צו שאַרפֿע איבעררייד צווישן די געגנער אין בריוו און פּערזענלעך. באַלד האָט רבי יצחק אַלבליא דערשפּירט, אַז ער האַלט בײַ שטאַרבן. טראַכטנדיק

מיט צער וועגן דעם, וואָס וועט זײַן דער תּכלית פֿון זײַן 17יאָריקן זון ברוכן, וואָס ער מוז איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט, האָט דער שטאַרבנדיקער צוגע־רופֿן דעם בחור צו זיך און געזאָגט: „גיי קיין לוסענע צו רבי יצחק אַלפֿסי און זאָג אים, אַז איך גיי אַוועק פֿון דער וועלט און גיי אַריבער אין אַן אַנדער וועלט, אַז איך האָב אים שוין לאַנג מוחל געווען פֿאַר אַלע שאַרפֿע רייד, וואָס ער האָט מיר אָנגעזאָגט סײַ שריפֿטלעך סײַ פּערזענלעך, און איך בעט אים, אַז ער זאָל מיר אויך מוחל זײַן. זאָל ער מיט דיר לערנען, און דו פֿאָלג אים אין אַלץ, וואָרעם איך ווייס, אַז ער וועט דיר טון אַ סך גוטס און וועט מיטן גאַנצן האַרצן לערנען מיט דיר". געבליבן אַ יתום, איז דער בחור אַוועק קיין לוסענע און האָט איבערגעגעבן אַלפֿסין, וואָס דער פֿאָטער האָט געזאָגט פֿאַרן טויט. אַלפֿסי האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט, האָט אַרומגע־נומען דעם בחור און האָט געזאָגט: „אויב דײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן, וועל איך דיר זײַן אַ פֿאָטער, און דו מיר אַ זון". און ברוך אַלבליא איז געבליבן בײַ אַלפֿסין אין שטוב און איז שפּעטער געוואָרן אַ באַרימטער רבֿ (1094).

פֿון אַלפֿסיס ישיבֿה זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַ סך תּלמידי־חכמים, וואָס האָבן פֿאַרשפּרייט די קענטשאַפֿט פֿון תּלמוד איבער גאַנץ שפּאַניע. דער כראָניסט פֿון יענער צײַט רבי אבֿרהם אבן דאוד ווײַזט אָן אויף אַ טשעקאַווער זאַך: דרײַ פֿון די גרעסטע תּלמידי חכמים אין שפּאַניע אין יענעם דור האָבן געהייסן יצחק (אַלפֿסי, אבן גיאת און אַלבליא), און נאָך צוויי מיט דעם נאָמען האָבן זיך גערעכנט צווישן די געלערנטע פֿון אַ צווייטער מדרגה.

עס האָט געקאָנט אויסקומען חידושדיק, וואָס די ליטעראַטור פֿון אַגדה און מדרש, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַנטוויקלט אין איטאַליע און דרום־שפּאַניע, איז כּמעט ניט געווען פֿאַרגעשטעלט אין דעם שפּאַנישן רענעסאַנס. אין דער אמתן אָבער איז אָט דער ליטעראַטור־צווײַג ניט פֿאַרשוווּנדן, ער האָט נאָר אָנגענומען אַן אַנדער געשטאַלט: פֿון דער אַגדה איז אַרויסגעקומען די לירישע אָדער דידאַקטישע פּאָעזיע און פֿון מדרש — די רעליגיעזע פֿילאָסאָפֿיע. אין דעם כאַאָס פֿון די לעגענדעס און מימרות איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן סיסטע־מאַטיש דענקען אָדער ריטמישריידן. דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן די השפּעה פֿון דער נײַער אויפֿקלערונג, אָבער נאָך העלער וועט אַרויסטרעטן אָט די נײַע ריכטונג אין דער ווײַטערדיקער תּקופֿה, אין דעם דור פֿון רבי יהודה הלוי, אבן עזרא און רמבם.

קאַפּיטל IV

די ייִדישע קאָלאָניעס פון מזרח-אייראָפּע

§ 29. דאָס קיניגרײַך פון די כּוזרים

אין דער צײַט ווען אין דער געשיכטע פון די ייִדן אין מערבֿ-אייראָפּע איז נאָכן קאָלאָניזיר-פּעריאָד שוין געוועזן געקומען דער אָרגאַניזיר-פּעריאָד, האָט אין מזרח-אייראָפּע נאָך אַלץ געדויערט דער פּראָצעס פון קאָלאָניזאַציע, וואָרעם נאָך איז דאָרט די גרויסע פעלקער-וואַנדערונג ניט געווען פאַרענדיקט. וואַנדערונגען פלעגן פאָרקומען דער עיקר אין די לענדער צווישן דעם שוואַרצן און דעם אַזאָווער ים, אַרום די געוועזענע ייִדיש-העלעניש קאָלאָניעס פון טאַוריס אָדער קרים (אויבן, § 10). די צפונדיקע קאָלאָניעס בײַם שוואַרצן ים זײַנען אַלץ מער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער ווירקונג-ספערע פון ביזאַנץ, וואָס האָט געהאַט אין קרים, צווישן דער איבערגעגעבענער גריכישער באַפעל-קערונג, איר „פעמע" (מיליטערישע פאַרוואַלטונג) און אירע ביסקופן-מיסיאָנערן, די פאָליטישע אַגענטן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער צענטער פון ביזאַנטישן געביט איז געווען די שטאָט כּערסאָנעס (אַלטרוסיש קאָרסון לעבן סעבאַסטאָ-פּאָל), ווו עס האָט פון לאַנג אָן זיך געפונען די רעזידענץ פון דעם ביסקופ פון טאַוריס. די קירכלעכע „נשמה-פאַנגערס" האָבן געזוכט צו כאַפּן ניט בלויז די היידן און מוסלימס אין קרים, נאָר אויך די ייִדן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. דער ביזאַנטישער כראָנאָגראַף טעאָפאַנעס דערמאָנט אין אָנהייב 9טן י"ה וועגן אַ גרויסער ייִדישער קאָלאָניע אין פאַנאַגאָריע (טאַמאַן), וואָס אַרום איר וווינען „אַ סך אַנדערע שבֿטים". אין דער צווייטער העלפט פון דעם זעלביקן יאָרהונדערט שרײַבט פאָטיאָס דער פּאַטריאַרך פון קאָנסטאַנטי-נאָפּאָל צו דעם ביסקופ פון באָספּאָרוס (קערטש) מכּוח דער פרייד, וואָס ער האָט געשפּירט, ווען ער איז געוואָר געוואָרן וועגן די אויפטוען די קריסט-לעכע מיסיאָנערן אין יענע מקומות, און איז מוסיף: „אויב דו ווייסט, ווי דו שרײַבסט, אויך די ייִדן וואָס וווינען דאָרט פאַנגען צו אונטערטעניקייט קריסטוסן און פון פינצטערניש און פון (טויטן) אות וועסטו זיי פירן צו דער-קענען דעם חסד, דעמאָלט וועל איך פון גאַנצן האַרצן באַגריסן די פרוכטן

פון אַזעלכע שיינע האָפענונגען". די ביזאַנטישע רעגירונג גופא האָט געזאָרגט פאַר דער פאַרמערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף די צפונדיקע ברעגלענדער פון שוואַרצן ים. די רדיפות פון דעם קיסר לעאָ דעם איסאַוריער, דעם בילדער־שטורעמער (אין יאָר 723), האָבן געצווונגען אַ סך יידן צו אַנט־לויפן פון באַלקאַנישן האַלב־אינדזל אויפן קרימער. און נאָך זיי האָבן זיך געלאָזט אַהין די געררודפטע קריסטן — די בילדער־פאַרערער. דער גרויסער „שמד" אונטער דעם קיסר באַסיליוס דעם מאַקעדאָניער (867–886) האָט אויך פאַרטריבן אַ סך יידן פון די דרומדיקע ברעגעס פון שוואַרצן ים צו זײַנע צפונדיקע ברעגעס (אויבן, § 20).

נאָר חוץ אָט דער געצווונגענער עמיגראַציע פון באַלקאַנישן האַלב־אינדזל איז קיין קרים און אין די שכנישע געביטן געגאַנגען אַן עמיגראַציע פון דער זײַט פון קאַווקאַז און פערסיע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ פעלקער־וואַנדערונג אין מזרח. נאָך אין דער צײַט פון די פערסישע סאַסאַנידן האָט אַרומגעוואַנדערוועט אין די גרענעץ־געביטן צווישן פערסיע, אַרמעניע און קאַווקאַז אַ טערקישער שבט כאַזאַרן אָדער כוזרים, וואָס האָט געמאַכט אָנפאַלן אַ מאָל אויף די אינעווייניקסטע געביטן פון פערסיע, אַ מאָל אויף די לענדער פון איר געגנערין ביזאַנץ. אַרומוואַנדערנדיק איבערן קאַווקאַז אין דער עפּאָכע פון דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג, האָבן די כוזרים געקאָנט אַרײַננעמען אַ צומיש פון די אָרטיקע עטנישע עלעמענטן: אַרמענישע, גרוזינישע, יידישע. מיט די יידן האָבן זיי זיך באַגעגנט אין אַרמעניע און גרוזיע, ווו יידישע יישובים האָבן עקסיסטירט פון גאָר אַלטע צײַטן (אין דער געגנט פון וואַן און פון טיפליס), און אויפן קאַווקאַזער ברעג פון שוואַרצן ים, וואָס ביז דאָרט האָבן זיך געצויגן די קאָלאָניעס פון דעם יידיש־העלענישן באָספּאָרוס אָדער פאַנטיקאַפּייאָן. די גרויסע אַראַבישע באַצווינגונגען פון 7טן י"ה און די שאַפונג פון דעם אַלאַזיאַטישן כאַליפאַט האָבן פאַרשטאַרקט די באַוועגונג פון די כוזרים פון מזרח קיין מערב — צו די ברעגעס פון וואָלגע און דאָן, צו די קאָלאָניעס פון טאַוריס און צום דרומדיקן ראַיאָן פון דנעפּער. פאַזע די ברעגעס פון קאַספּישן ים, צווישן דערבענט און דער איצטיקער אַסטראַכאַן, האָט אין 8טן י"ה זיך געבילדעט אַ שטאַרקע כוזרישע מלוכה, מיט דער הויפּטשטאָט איטיל, וואָס איז געלעגן אין דער געגנט ווו די וואָלגע פאַלט אַרײַן אין ים (די כוזרים האָבן די וואָלגע אָנגערופן איטיל). פון דאָרט האָט דאָס קריגערישע פאָלק געמאַכט אָנפאַלן אויף די נאָענטע און ווײַטע סלאַווישע שבטים און גענומען פון זיי צינז. די כוזרים זײַנען אַרײַנגעדרונגען אויך אין שכנישן קרים, האָבן אַרויס־געשטופּט די גריכן און האָבן געבילדעט אַן ערנצטע סכנה פאַר דער ביזאַנ־טישער מאַכט אין לאַנד. די ביזאַנטישע קיסרים פלעגן אָפט שליסן בונדן

מיט די כּוזרישע מלכים, די „כאַגאַנען", און אײַנהאַלטן דעם דראַנג פֿון די באַרבאַרן דורך נאָכגעבן זײערע פֿאָדערונגען אָדער צאָלן זײ צינז. אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל האָט מען שטאַרק געקלערט װעגן אַ גרױסן נצחון פֿון דער קירך, װאָס װאָלט פֿאַר אײנס געװען אַ נצחון פֿון דער ביזאַנטישער פּאָליטיק: װעגן באַקערן צום קריסטלעכן גלױבן די כּוזרים, װאָס זײַנען געװען געצן־דינערס. צוליב דעם פֿלעגן װערן געשיקט מיסיאָנערן און די ביסקופּן פֿון טאַװריס האָבן מיט התמדה דערױף געאַרבעט. נאָר עס איז געװען שװער אױסצופֿירן די זאַך, װײַל עס האָט זיך באַװיזן אַ שטאַרקער קאָנקורענט פֿאַר דער גריכישער קירך – די יידישע רעליגיע, װאָס האָט אין קיניגרײַך פֿון די כּוזרים אָפּגעהאַלטן אַ טײלװײַזן נצחון.

די כּוזרים די הײדן האָבן זיך גלײַכצײַטיק געפֿונען אונטער דער השפּעה פֿון דרײַ רעליגיעס: פֿון דער מוסלימישער, װאָס האָט דורכגעמאַכט איר נצחון־מאַרש פֿון דעם כאַליפֿאַט; פֿון דער קריסטלעכער, װאָס האָט זיך פֿאַרשפּרײט פֿון ביזאַנץ איבער די ברעגלענדער פֿון שװאַרצן ים, און פֿון דער יידישער, װאָס האָט אירע נעסטער געהאַט אומעטום. די גריכן און די אַראַ־בער איז געראָטן צו באַקערן אײניקע גרופּעס פֿון דעם כּוזרישן שבֿט, נאָר די יידישע אמונה האָט באַװיזן גאָר אַן אױסנאַמלעכע זאַך: זי האָט אײַנגענומען די קיניגלעכע פֿאַמיליע פֿון דעם כּוזרים־לאַנד און די רעגירנדיקע קלאַסן. דאָס איז משמעות געװען דער רעזולטאַט פֿון אַ לאַנג דױערנדיקן פּראָצעס, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין דער צײַט, װען די כּוזרישע נאָמאַדן האָבן אַרומגעװאַנדערט אין דער סבֿיבֿה די אָנהענגער פֿון די דרײַ רעליגיעס צװישן אַזיע און אײראָפּע. די השפּעות פֿון די אַרמעניער, אַראַבער און יידן האָבן בהדרגה צעשפּליטערט די געצנדינערישע מאַסע אױף פֿאַרשײדענע רעליגיעזע גרופּעס. נאָר אין די פֿאָלקס־מסורות װערט די באַקערונג פֿון דעם העכערן קלאַס פֿון די כּוזרים צו דער יידישער אמונה פֿאָרגעשטעלט װי אַן אײנצײַטיקער, זײער פֿײַערלעכער אַקט. אָט װאָס עס דערצײלט װעגן דעם אַן אַלטע יידישע מסורה, װאָס װערט אין עיקר באַשטעטיקט אױך דורך אַראַבישע שרײַבערס.

דער כּוזרישער קיניג בולאַן האָט באַשלאָסן אָװעקצװואַרפֿן געצנדינערײַ, נאָר ער איז ניט געװען זיכער, װאָס פֿאַר אַן אמונה ער זאָל אױסקלײַבן. שלוחים פֿון דעם כאַליף האָבן אים צוגערעדט אָנצונעמען דעם איסלאַם, ביזאַנטישע שלוחים האָבן אים גערופֿן צום קריסטנטום, יידישע חכמים — צו דער יידישער אמונה. האָט בולאַן געלאָזט רופֿן צו זיך פֿאָרשטײער פֿון די דרײַ רעליגיעס און זײ פֿאָרגעלײגט, זײ זאָלן פֿאַר אים אין די אױגן דורכפֿירן אַ װיכּוח, אָבער פֿון זײערע אַלע טענות און קעגן־טענות האָט ער נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו קײן פֿעסטער החלטה. דעמאָלט האָט ער

צוגעטראַכט אַזאַ פּלאַן. ער האָט גערופֿן צו זיך צו ערשט דעם קריסט אַליין, און דערנאָך דעם מוסלים אַליין. בײַם קריסט האָט ער געפֿרעגט: אויב מען וואָלט דיר געשטעלט צום אויסקלײַבן צווישן דער ייִדישער און דער מוסלימישער רעליגיע, וואָסערע וואָלסטו אויסגעקליבן? „פֿאַרשטייט זיך די ייִדישע, – האָט געענטפֿערט דער קריסט, — וואָרעם זי איז געגעבן געוואָרן דעם פֿאָלק, וואָס גאָט האָט אויסגעקליבן, מער ניט וואָס שפּעטער האָט ער דאָס פֿאַרשטויסן פֿאַר זײַנע זינד". בײַם מוסלים ווידער האָט דער קיניג געפֿרעגט, וועלכע פֿון די צוויי רעליגיעס, די ייִדישע אָדער קריסטלעכע, וואָלט ער אויסגעקליבן אָנשטאָט זײַן אייגענער, און האָט געקראָגן דעם ענטפֿער, אַז די ייִדישע, און דער מוסלים האָט נאָך מוסיף געווען, אַז די קריסטלעכע אמונה איז שלעכט דערמיט, וואָס זי דערלויבט צו עסן אומריין פֿלייש (חזיר) און צו בוקן זיך צו בילדער, וואָס מענטשן האָבן געמאַכט. נאָך דעם האָט בולאַן ווידער געהייסן אַלע דרײַ זיך צונויפֿקלײַבן אין איינעם, און אַז זיי האָבן באַשטעטיקט נאָך אַ מאָל, וואָס איטלעכער פֿון זיי האָט פֿריִער געזאָגט, האָט דער קיניג זיך אָפּגערופֿן: „אויב דער קריסט און דער מוסלים זאָגן ביידע, אַז די אַלטע תּורה פֿון ישׂראל איז גוט, האַלט איך אויך, אַז זי איז די בעסטע, ווײַל זי איז די תּורה פֿון אבֿרהם אבֿינו". אַזוי אַרום האָט דער קיניג פֿון די כּוזרים זיך מגייר געווען, און אַ סך פֿון די כּוזרישע שׂרים האָבן אים נאָכגעטאָן. די ייִדישע מסורה איז מוסיף, אַז איינער פֿון בולאַנס קינדסקינדער, דער כאַגאַן עובֿדיה, איז געווען אַ באַזונדערס פֿרומער ייִד. ער האָט אַרויסגערופֿן פֿון אַנדערע לענדער (פֿון בבֿל?) תּלמידי־חכמים און געהייסן לערנען מיטן פֿאָלק חומש און אַפֿילו תּלמוד, האָט געגרינדעט סינאַגאָגעס און אײַנגעשטעלט דעם קולט. 1

די דאָזיקע מסורה, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען אין דעם ענטפֿערבריוו פֿון דעם כּוזרישן קיניג יוסף צו חסדאי אבן שפּרוט (אויבן, § 23), ווײַזט אַ בפֿירושע רעליגיעזע טענדענץ. אָבער מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז געפֿונען געוואָרן אַ פֿראַגמענט פֿון אַ דאָקומענט פֿון דער זעלביקער צײַט (פֿון 10טן י"ה), וווּ די מעשׂה וועגן דעם, ווי אַזוי דער כּוזרישער הויף האָט

---

1 ווי עס איז צו זען פֿון דער דאָזיקער מסורה, זײַנען ערשט בולאַנס יורשים, עובֿדיה און אַנדערע, פֿאַקטיש אַריבער צו דער ייִדישער אמונה. דאָס איז געווען, הייסט דאָס, ערשט סוף 8טן און אָנהייב 9טן י"ה. דאָס איז געווען יענע צײַט, ווען דער קאַראַיִמיזם האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין באַגדאַדער כאַליפֿאַט און אין די שכנישע לענדער. מען קאָן נאָך ניט וויסן גענוי, צי די כּוזרישע מלכים האָבן אָנגענומען די תּלמודישע (רבנישע) יהדות אָדער דעם קאַראַיִמיזם. ווען מען זאָל קוקן אויף די ביז איצט באַוווּסטע פֿאַקטן, וואָלט זיך מער געלייגט אויפֿן שׂכל די השערה, אַז זיי האָבן אָנגענומען דעם קאַראַיִמיזם אין אַ פֿאַראייִנפֿאַכטער פֿאָרם.

אָנגענומען די ייִדישע אמונה, ווערט דערציילט אָן די צופֿוצן פֿון דער מסורה. אין דעם בריוו פֿון אַ כּוזרישן ייִדן פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל [1] שטייט געשריבן, אַז ייִדן וואָס מען האָט אָנגעטאָן נגישות אין פֿאַרשיידענע לענדער זײַנען געקומען צו לויפֿן אין לאַנד פֿון די כּוזרים, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען געצנדינערס. די צוגעקומענע האָבן זיך אויסגעמישט מיט אָרטיקע אײַנוווינער, געפֿירט מלחמות צוזאַמען, נאָר האָבן אָפּגעהיט דעם דין פֿון מילה און שבת. אין יענער צײַט האָבן די כּוזרים נאָך ניט געהאַט קיין קיניג, נאָר עס האָבן רעגירט איבער זיי די קריגסהויפּטלײַט וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין מלחמה. איין מאָל איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַרן רעגירער פֿון לאַנד אַ קריגס-הויפּטמאַן אַ ייִד, פֿון יענע ייִדן וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די כּוזרים. זײַן פֿרוי און זײַן פֿרומער שווער האָבן איבערגערעדט אָט דעם אויסגעקליבענעם רעגירער, ער זאָל האַלטן אָפֿן ייִדישקייט. ווען „די מלכים פֿון מוקדון [ביזאַנץ] און פֿון ערבֿ [דער כאַליף]", וואָס האָבן געוואָלט די כּוזרים מאַכן פֿאַר קריסטן צי פֿאַר מוסלימס, זײַנען געוואָר געוואָרן, אַז בראָש פֿון דעם כּוזרים-לאַנד שטייט אַ ייִד, האָבן זיי געשיקט צו די כּוזרים שלוחים צו פֿרעגן: „שוין זשע וועט איר אָננעמען די אמונה פֿון די ייִדן, וואָס זײַנען אונטערטעניק צו אַלע פֿעלקער?" דעמאָלט האָט דער ייִדישער רעגירער פֿאַרבעטן אויף אַ רעליגיעזן וויכּוח „חכמים" פֿון ייִדן, גריכן און אַראַבער. ווען די גריכן האָבן געפּרוווט באַווײַזן, אַז די קריסטלעכע אמונה איז די אמתע, זײַנען קעגן זיי אַרויס-געטראָטן אײַנשטימיק די ייִדן און די אַראַבער, קעגן די אַראַבער ווידער האָבן צוזאַמען געטענהט די קריסטן און די ייִדן; ווען אָבער די ייִדישע חכמים האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן דעם אינהאַלט פֿון דער תּורה פֿון בראשית אָן, האָבן די געגנער גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגן קעגן זיי; וואָרעם זיי האָבן דאָך אויך געהאַלטן, אַז די תּורה איז אמת. פֿון ערגעץ אַ הייל האָט מען נאָך דערצו געבראַכט צו טראָגן ספֿרים פֿון דער תּורה, וואָס דורך זיי האָבן די ייִדן באַקרעפֿטיקט זייערע ראַיות. דעמאָלט האָבן די כּוזרים צוזאַמען מיט יענע ייִדן וואָס האָבן געהאַט פֿאַרלאָזט ייִדישקייט אָנגענומען צו היטן אין גאַנצן די ייִדישע אמונה. שפּעטער זײַנען אין לאַנד פֿון די כּוזרים צוגעקומען נאָך אַ סך ייִדן פֿון באַגדאַד, כאָראַסאַן און ביזאַנץ, וואָס האָבן באַפֿעסטיקט די אָרטיקע מענטשן אין דעם נײַעם גלויבן.

דאָס איז געשען אין דער מיט פֿון 8טן י"ה (אַרום יאָר 740). זינט דעמאָלט האָבן די כּוזרישע מושלים אויף אַ משך צײַט פֿון צוויי יאָרהונדערטער פֿאַרפֿעסטיקט זייער ממשלה איבער דעם דרום-מזרחדיקן טייל פֿון שפּעטערדיקן אייראָפּעיִשן רוסלאַנד. מיט איר צענטער אין דעם אונטערשטן בעקן פֿון דער

1 זע די הוספֿה נו' 3 צום סוף פֿון דעם באַנד.

וואָלגע האָט די כּוזרישע מלוכה בהדרגה זיך אויסגעשפּרייט ווײַט קיין מערבֿ און קיין צפֿון, איבער די ברעגלענדער פֿון שוואַרצן ים און אין די געגנטן בײַם אונטערשטן דנעפּער. אין קרים האָבן די כּוזרים פֿאַרנומען די טעריטאָריע פֿון דעם אַמאָליקן קיניגרײַך באָספּאָרוס (די געגנט פֿון קערטש און טאַמאַן) און זײַנען געוואָרן גאָר נאָענטע שכנים פֿון די ביזאַנטיער אין כערסאָנעס. פֿון דאָרט האָבן זיי געמאַכט אָנפֿאַלן אויף די סלאַווישע שבֿטים פֿון דעם דרומדיקן דנעפּער און געצווונגען זיי צו צאָלן צינז. די סלאַוון האָבן אָט דעם צינז געצאָלט נאָך אַ שטיק צײַט נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך באַוויזן די וואַריאַגן־רוסן און עס איז געשאַפֿן געוואָרן די מלוכה פֿון קיִעוו אין דער צווייטער העלפֿט 9טן י״ה. די גרויסע כּוזרישע מלוכה צווישן וואָלגע און דנעפּער האָט געהאַט אויף איר מזרחדיקן גרענעץ פֿאַרבינדעטע דעם שטאַרקן שבֿט אַלאַנען וואָס האָט דעמאָלט געהערשט איבער קאַווקאַז, און אין מערבֿ האָט זי געקאָנט אויסנוצן די כּוחות פֿון די סלאַוון און שפּעטער פֿון די רוסן קעגן ביזאַנץ. דאָס האָט איר דערלאָזט צו האַלטן זיך, ביז וואַנען די דרום־רוסן זײַנען ניט אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער ווירקונג־ספֿערע פֿון ביזאַנץ, און ביידע צוזאַמען האָבן זיך געווענדט קעגן דער „ייִדישער מלוכה“.

ווי עס איז צו זען פֿון די אַראַבישע און ייִדישע מקורים פֿון יענער צײַט, האָט די כּוזרישע מלוכה אונטער דער רעגירונג פֿון אירע מלכים פֿון ייִדישן גלויבן אויסגעבעסערט איר אָרדענונג. דער אָפֿיציעלער טיטל פֿון דעם קיניג איז געווען כ אַ ג אַ ן (פֿון דעם טוראַנישן וואָרט כאַקאַן אָדער כאַן, וואָס באַטײַט פֿירשט); ער איז געווען דער העכסטער רעגירער און דער אייבערשטער ריכטער, און בראָש פֿון חייל איז געשטאַנען זײַן מיטרעגירער (בעק, פּעך אָדער „אישאַ“). אַלע מיטגלידער פֿון דער רעגירונג און די אַדללײַט האָבן געהאַלטן די ייִדישע אמונה, אין די מיטעלע און נידעריקע קלאַסן זײַנען געווען פֿאַרשפּרייט איסלאַם, קריסטנטום און געצנדינערײַ. הגם די פּריווילעגירטע קלאַסן האָבן געהאַלטן די ייִדישע אמונה, איז פֿאָרט די גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון די רעליגיעס ניט געשטערט געוואָרן. בײַם כאַגאַן זײַנען געווען זיבן ריכטערס, צו צוויי פֿאַר ייִדן, קריסטן און מוסלימס און איינער פֿאַר היידן (לויט אַן אַנדער שילדערונג זײַנען געווען נײַן ריכטערס פֿאַר אַלע גרופּעס). דאָס לאַנד האָט דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה פֿון עקאָנאָמישן ווילשטאַנד אַ דאַנק זײַן לאַגע צווישן מזרח און מערבֿ. דורך דעם לאַנד פֿון די כּוזרים איז געגאַנגען איינער פֿון די האַנדלסוועגן וואָס האָבן פֿאַרבונדן אַזיע מיט אייראָפּע. דער אַראַבישער געאָגראַף פֿון 9טן י״ה איבן־כאָרדאַדבע ווײַזט אָן אין זײַן „בוך פֿון די וועגן“, אַז ייִדישע סוחרים זײַנען געפֿאָרן פֿון פּערסיע, אַרמעניע און קאַווקאַז „דורכן לאַנד פֿון די סלאַוון, פֿאַרבײַ דער הויפּטשטאָט פֿון די כּוזרים“ (אויף דער וואָלגע), דערבײַ האָבן טייל געריײַזט „איבערן ים

פֿון די דזשאָרדזשער" (גרוזינער, ד"ה קאַספּישן ים). זײַן בן=דור איבן=שאַרזי דערציילט אין זײַן „בוך פֿון די וועגן", אַז אויפֿן וועג פֿון די סלאַווישע סוחרים, וואָס האָבן געפֿירט רויוואַרג צווישן דעם „כּוזרישן און רוימישן ים" (צווישן קאַספּישן און שוואַרצן ים), האָט זיך געפֿונען אַ האַנדלספּונקט אין דער „ייִדישער שטאָט" סאַמקערש, אויפֿן האַלבאינדזל טאַמאַן, אין דער געגנט פֿון אַמאָליקן באָספּאָרוס און פּאַנטיקאַפּייאָן – קערטש. אין אָט דעם צווישנפֿעלקערישן האַנדל האָבן ייִדן פֿאַרשטייט זיך געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע, וואָרעם זיי זײַנען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן וועג צווישן פּערסיע, קאַווקאַז, קרים און קיִעווער רוסלאַנד.

צום סוף 9טן י"ה איז די צאָל ייִדן אין כּוזרים=לאַנד שטאַרק אויסגעוואַקסן מחמת דעם צושטראָם פֿון עמיגראַנטן פֿון ביזאַנץ, וואָס זײַנען געלאָפֿן פֿון די גזרות פֿון דעם קיסר באַסיליוס דעם מאַקעדאָניער. די פּליטים, וואָס זײַנען אַנטרונען געוואָרן פֿון איבערגעוואַלדיקן שמד, האָבן אין די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון כּוזרים=לאַנד געוועקט צאָרן קעגן די ביזאַנטישע דעספּאָטן. דאָס האָט געמוזט פֿאַרשאַרפֿן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די ייִדישע רעגירערס פֿון לאַנד און צווישן דעם הויף פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און טאַקע, אין גאַנצן משך פֿון דער ערשטער העלפֿט 10טן י"ה ציט זיך אַ קאַמף צווישן דעם כּוזרים=לאַנד און ביזאַנץ. ביידע מלוכות זוכן צוצוציִען פֿאַרבינדעטע: פֿון איין זײַט די אַלאַנען פֿון קאַווקאַז, פֿון דער צווייטער זײַט — די רוסן פֿון קיִעוו. סײַ דאָ און סײַ דאָרט ווערט די פּאָליטיק געפֿירט דורך דעם, וואָס די ביזאַנטיער פּראָפּאַגאַנדירן קריסטנטום, און די ייִדן פֿון כּוזרים=לאַנד פּראָפּאַגאַנדירן פֿאַר דער ייִדישער אמונה. אין די מלחמות האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אַ מאָל איין צד און אַ מאָל דער אַנדער צד, געווענדט אָן דעם באַשטאַנד פֿון די קאָאַליציעס. באַזונדערס שאַרף איז געווען דער קאַמף צווישן דער „ייִדישער" און דער קריסטלעכער מלוכה אין דער רעגירונגס=צײַט פֿון דעם ביזאַנטישן קיסר ראָמאַנוס I לעקאַפּענוס, וואָס האָט לויט דער עצה פֿון דעם פּאַטריאַרך אין ארץ=ישׂראל באַשלאָסן אָפּצושמדן אַלע ייִדן אין זײַן מלוכה (אַרום 932–940). לויט ווי עס דערציילט דער אַראַבישער שרײַבער מסעודי, זײַנען דעמאָלט אַ סך ייִדן פֿון ביזאַנץ אַוועק אין לאַנד פֿון די כּוזרים, כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון דעם „קיסר אַרמאַנוס". די דאָזיקע נײַע קרבנות פֿון אונטערדריקונג האָבן אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אויפֿרעגונג צווישן די כּוזרים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אַ צושטאַנד פֿון אַ שטענדיקער מלחמה מיט ביזאַנץ. דער אויבן דערמאָנטער כּוזרישער דאָקומענט, וואָס איז ניט לאַנג געפֿונען געוואָרן, באַלײַכט אין אַ געוויסער מאָס די ראָלע פֿון ייִדן אין די דעמאָלטיקע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם טרויעריקן סוף פֿון דער כּוזרישער מלוכה.

אָן עד־ראיה פון די דאָזיקע געשעענישן דערציילט, אַז אין דער ערשטער העלפט פון 10טן יאָרהונדערט, ווען עס האָבן געקיניגט די מלכים בנימין און אהרן, האָבן די כוזרים איבערגעלעבט זייער אומרויִקע צייַטן. „די גריכן און מאַקעדאָניער", ד"ה די ביזאַנטיער, האָבן אַריבערגעצויגן אויף זייער צד די פריִערדיקע פאַרבינדעטע פון די כוזרים, די קאַווקאַזער אַלאַנען, און מיט זייער הילף האָבן זיי געגומען צודריקן די כוזרים. דעמאָלט האָט דער כאַגאַן אהרן זיך פאַרבונדן מיטן „מלך פון טורקיע" (מן־הסתם מיט איינעם פון די טערקישע סולטאַנען פון צענטראַל־אַזיע, וואָס זייַנען נאָמינאַל געשטאַנען אונטער דער ממשלה פון דעם כאַליף אין באַגדאַד) און מיט דער הילף פון געדונגענע טערקישע זעלנער האָט ער באַזיגט די אַלאַנען און גענומען געפאַנגען זייער קיניג. דעמאָלט האָבן די אַלאַנען באַנייַט זייער בונד מיט די כוזרים, און די קיניגלעכע פאַמיליעס פוןביידע פעלקער האָבן זיך מתחתן געווען צווישן זיך (טייל אַלאַנען האָבן געהאַלטן די יידישע אמונה): דער זון פון דעם כאַגאַן אהרן, יוסף, האָט התונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם קיניג פון די אַלאַנען.

אין דער רעגירונגס־צייַט פון דעם קיניג יוסף (אַן ערך 932–965) זייַנען פאָרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן באַשטימט דעם גורל פון דער כוזרישער מלוכה. גאָר אין אָנהייב פון זייַן רעגירונג האָבן זיך איבערגעחזרט די רעלי־גיעזע רדיפות קעגן יידן אין ביזאַנץ, וואָס עס האָט אָנגעהויבן דער קיסר ראָמאַנוס I, און אַז דער קיניג יוסף איז וועגן דעם געוואָר געוואָרן פון די אַנטרונענע יידן, האָט ער גענומען רודפן די ביזאַנטיער אין זייַן מלוכה. דערפון איז ווידער אַרויסגעקומען אַ מלחמה צווישן ביזאַנץ און די כוזרים. דער קיסר ראָמאַנוס האָט געשיקט אַ סך מתנות דעם „קיניג פון די רוסן אָלעג (Helgu)", דאָס הייסט דעם פירשט פון קיִעוו, וואָס דעמאָלט איז דאָס געווען אין דער אמתן אָלעגס זון איגאָר (912–945), און האָט אים אייַנגערעדט צו גיין מלחמה האַלטן מיט די כוזרים. די רוסן זייַנען אַרייַנגעדרונגען אין די קרימער פראָווינצן פון די כוזרים (סאַמקערש, אין טאַמאַן), נאָר דער כוזרישער קריגסהויפטמאַן פסח האָט זיי אין גיכן אַרויסגעשטופט פון דאָרט. ער איז אויך אָנגעפאַלן אויף „ראָמאַנוסעס" שטעט אין קרים, האָט אויסגעהרגעט זייערע אייַנוווינער און אַרויפגעלייגט צינז אויף דער קרימער הויפטשטאָט פון די ביזאַנטיער – כערסאָנעס. נאָך דעם ווי פסח האָט זיך אַזוי אָרום אָפגערעכנט מיט די גריכן, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין לאַנד פון די רוסן און האָט דאָ אונטערטעניק געמאַכט זייַן געוועזענעם צינזצאָלער, דעם פירשט איגאָר. דער פירשט פון די רוסן האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס אים האָט אייַנגערעדט צו פירן מלחמה מיט די כוזרים דער קיסר ראָמאַנוס, נאָר פסח האָט צו אים געזאָגט: „אויב אַזוי גיי דו אַרויס קעגן ראָמאַנוסן און

פיר מיט אים מלחמה, אַניט וועל איך זיך אָן דיר נוקם זיין". איז דער פירשט פון די רוסן אַוועק מיטן ים אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט דאָרט מלחמה געהאַלטן פיר חדשים, נאָר ער האָט געליטן אַ מפּלה, ווייל די ביזאַנ־טיער האָבן אָפּגעטריבן זיינע שיפן מיטן „גריכישן פייער". איז ער געקומען צוריק קיין קיִעוו און האָט ווייטער געצאָלט צינז די כּוזרים.

אין אָט דער דערציילונג פון דעם כּוזרישן ייִדן פון 10טן י"ה הערן מיר אַן אָפּקלאַנג פון די שטורמישע געשעענישן פון יענער צייט. דאָס וואָס ווערט דאָ דערציילט וועגן די מלחמות פון די רוסן מיט די ביזאַנטיער שטימט בדרך כּלל מיט די פאַקטן, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין די ביזאַנטישע און רוסישע כראָניקעס. אין יאָר 941 איז טאַקע דער פירשט איגאָר אַוועק מיט אַ חייל אויף אַ סך שיפן קיין צאַרגראַד (קאָנסטאַנטינאָפּאָל), נאָר די רוסישע שיפן זיינען פאַרברענט געוואָרן דורכן גריכישן פייער, און די רעשטן פון די רוסן האָבן געמוזט אַנטלויפן. אין יאָר 944 איז פאָרגעקומען אַ צווייטער אָנפאַל אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס דעמאָלט האָבן די רוסן געהאַט מער הצלחה, און עס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דער באַוווּסטער גריכיש־רוסישער אָפּמאַך. אין אַ יאָר 10–15 אַרום נאָך אָט די געשעענישן הערן מיר אַן אָפּרוף אויף זיי פון דעם כּוזרישן קיניג יוסף אַליין. ווי אַ תּשובה אויפן בריוו פון דעם שפּאַנישן מיניסטער חסדאי אבן שפּרוט, וואָס איז געווען אויפגערו־דערט דורך די קלאַנגען וועגן דער „ייִדישער מלוכה" (אויבן, § 23), האָט יוסף אַן ערך אין יאָר 960 צו אים אָפּגעשיקט אַ בריוו, ווו ער האָט געשיל־דערט די לאַגע פון די כּוזרים אַמאָל און איצט. נאָך דער אויבן געבראַכטער דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי דער קיניג בולאַן האָט אָנגענומען די ייִדישע אמונה, רעכנט יוסף אויס די נעמען פון די פריִערדיקע פירשטן פאַר אים, וואָס האָבן געטראָגן דעם טיטל „כּאַגאַן": עובדיה, חזקיה, מנשה, חנוכּה, יצחק, זבולון, משה, נסי, בנימין, אהרן, און נאָך זיי קומט דער שרייבער פון די בריוו, יוסף. ווייטער דערציילט ער אָט וואָס: „אונדזער לאַנד געפינט זיך ביים טייך (איטיל־וואָלגע), וואָס איז נאָענט צום ים פון די דזשאָרדזשער (קאַספּישער ים) און וואָס שטראָמט פון מזרח־זייט אויף אַ מהלך פון פיר חדשים רייזע [1]. ביים טייך לעבן אַ סך פעלקער אין שטעט און דערפער, אין אָפענע און באַפעסטיקטע פלעצער. אָט זיינען זייערע נעמען: בורטאַס,

---

1 ווי אַ פּאַראַלעל דערצו ברענגען מיר די באַשרייבונג פון דעם לאַנד אין דעם פראַגמענט פון דעם בריוו פון דעם כּאַזארישן ייִדן: „אונדזער לאַנד הייסט ארקאנאָס (הירקאניע האָט געהייסן ביי די אַלטע גריכן די געגנט ביים קאַספּישן ים). דעם קיניגס שטאָט הייסט כּוזר. דער טייך, וואָס פליסט דורכן לאַנד, הייסט איטיל און ער ליגט אין דער רעכטער זייט פון דעם ים פון יענעם לאַנד, וואָס דורך דעם זיינען דיינע שלוחים (חסדאיס שלוחים פון קאָרדאָווע) דורכגעגאַנגען קיין קאָנסטאַנטיניע (קאָנסטאַנטינאָפּאָל). איך האַלט, אַז דער דאָזיקער ים ציט זיך פון דעם ים הגדול (מיטללענדישער ים). אונדזער

בולגאַר, סוואַר, אַריסו, צאַרמיס, ווענטיט, סעוער (סעווערי־אַנער), סלאַוויון (סלאַוון). איטלעכס פון די דאָזיקע פעלקער איז זייער פילצאָליק, און אַלע צאָלן מיר צינז. פון דאַנען גייט דער גרענעץ קיין דזשאָרדזשאַן, און אַלע איינוווינער פון דעם ים־ברעג, וואָס וווינען אויף אַ מהלך פון איין חודש גאַנג, צאָלן מיר צינז. פון דרום־זייט געפינען זיך סעמענדער און באַק־טאַדלו ביז צו די טויערן פון באַב־אַל־אַבוואַב, אויפן ברעג פון ים. אין מערב־זייט געפינען זיך: שאַרקעל, סאַמקערץ, קערץ, סוגדאַי, אַלוס, לאַמבאַט, באַרטניט, אַלוביקאַ, קוט, מאַנקופ, בודאַק, אַלמאַ, גרוזין, 1 – אָט די אַלע מקומות ליגן אויפן ברעג פון דעם ים פון קאָנסטאַנטיניע... איך וווין ביי דער לעפצונג פון טייך (וואָלגע) און מיט דער הילף פון דעם אַלמעכטיקן היט איך דעם אַריינגאַנג אין דעם טייך און איך לאָז ניט דורך די רוסן, וואָס קומען צו פאָרן אויף שיפן, בכדי צו גיין איבערן ים (דעם קאַספּישן ים) צו די ישמעאלים (די אַראַבער פון דעם באַגדאַדער כאַליפאַט). דאָס נעמלעכע דער־לאָז איך ניט די שונאים, וואָס געפינען זיך אויף דער יבשה צו די טויערן פון באַב־אַל־אַבוואַב. איך פיר מיט זיי אַן איינגעשפּאַרטן קאַמף, וואָרעם אויב איך וואָלט זיי דורכגעלאָזט כאָטש איין מאָל, וואָלטן זיי חרוב געמאַכט דאָס גאַנצע לאַנד פון ישמעאל אַזש ביז באַגדאַד".

אָט די אַלע פאַקטישע מיטטיילונגען שטימען מיט די ידיעות פון די אַראַבישע און העברעיִשע שריפטן פון יענער צייט און מיט דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן צושטאַנד פון דער תּקופה. מער ניט דער סוף פון דעם קיניגס יוספס בריוו זעט אויס צו זיין צו פיל ליטעראַריש, צוגעטראַכט, און איז משמעות אַ הוספה פון אַ שפּעטערן איבערשרייבער אָדער רעדאַקטאָר. אין אים איז פאַראַן אַן ענטפער אויף חסדאיס שאלה מכּוח די משיחס צייטן: „דו פרעגסט מיך, – שרייבט יוסף, – וועגן דעם קץ הפלאות (משיחס קומען). אונדזערע אויגן זיינען געווענדט צו גאָט און צו די חכמי ישראל אין די ישיבות אין ירושלים און בבל. פון וועגן אונדזערע זינד זיינען די חשבונות פאַרפּלאָנטערט געוואָרן, און מיר ווייסן גאָרנישט. זאָל דער אייבערשטער פאַרגיכערן אונדזער גאולה און זאָל צונויפקלייבן אונדזערע פאַרטריבענע...

הויפּטשטאָט (מדינה) געפינט זיך אויף אַ מהלך פון 2160 ריס פון ים. צווישן אונדזער קיניגרייך און צווישן קאָנסטאַנטיניע איז אַ מהלך פון ניין טעג רייזע מיטן ים און 28 טעג מיט דער יבשה. דער שטח פון דעם קיניגרייך פון מיין האַר באַטרעפט 50 טעג רייזע. און אָט ווער עס פירט מיט אונדז מלחמה: אַסיה (די ביזאַנטיער פון קליין־אַזיע ?), באַב־אַל־אַבוואַב (דערבענט אויף קאַווקאַז), די זעבוסן, די טערקן און די לוזינער".

1 אין דער דאָזיקער רשימה איז גרינג צו דערקענען די נעמען פון די שטעט: סאַרקעל אָדער בעלאַיאַ וועזשאַ אויפן דאָן, קערטש, סודאַק, אַלושטע, צאַלופקע, מאַנגופּ אין קרים א"אַ.

דו דערמאָנסט אין דײַן בריוו, אַז דו וואָלסט וועלן מיך זען, — איך וואָלט אויך וועלן דיך אָנקוקן, זען דײַן חכמה און דײַן גדולה. אויב דאָס וואָלט מקוים געוואָרן, וואָלסטו מיר געווען אַ פֿאָטער, און איך דיר אַ זון, און מײַן גאַנץ פֿאָלק וואָלט געפֿאָלגט דײַנע עצות".

בשעת עס איז געשריבן געוואָרן אָט דער בריוו, וואָס אין אים איז פֿאַראַן נאָר אַ פֿאַרשטעלטער רמז אויף דער סכּנה מצד די רוסן, האָט דער קיניג יוסף נאָך ניט געקאָנט פֿאָרויסזען, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט קומען אַ סוף צו דער גרויסער כּוזרישער מלוכה, און אַז אים איז דאָס באַ-שערט צו זײַן דער לעצטער ייִדישער כּאַגאַן. אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער דראַנג פֿון די רוסן פֿון קיִעווער פֿירשטנטום, געווענדט צו די ברעג-לענדער פֿון שוואַרצן און קאַספּישן ים. אין יאָר 966 האָט דער קיִעווער פֿירשט סוויאַטאָסלאַוו אָנגעהויבן אַ גרויסע מלחמה קעגן די כּוזרים און זייערע צינז-פֿעלקער. די רוסישע חיילות האָבן צעשטערט די כּוזרישע פֿעסטונג סאַרקעל אויפֿן דאָן, און דערנאָך די הויפּטשטאָט בײַ דער וואָלגע און סעמענדער בײַם קאַספּישן ים. אין משך פֿון דרײַ יאָר (ביז 969) זײַנען אַזוי אַרום חרובֿ גע-וואָרן די דרײַ הויפּטשטעט פֿון כּוזרים-לאַנד, די שטיצפּונקטן פֿון זייער ממשלה אין די געגנטן פֿון דער אונטערשטער וואָלגע און פֿון אונטערשטן דאָן און בײַם קאַספּישן ים. געבליבן גאַנץ זײַנען נאָר די כּוזרישע פּראָווינצן אין קרים און בײַ די ברעגעס פֿון דעם אַזאָווער ים. אָבער אויך דאָ זײַנען די כּוזרים געווען צונויפֿגעפּרעסט צווישן די רוסן, וואָס האָבן דעמאָלט אײַנגע-נומען ט מ ו ט אַ ר אַ ק אַ ן (טאַמאַן), און צווישן די ביזאַנטיער פֿון דער פּראָווינץ פֿון כּערסאָנעס. אין גיכן איז פֿאָרגעקומען אַ דערנענטערונג צווישן די רוסן און די ביזאַנטיער, וואָס איז פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן, נאָך דעם ווי דער קיִעווער פֿירשט וולאַדימיר האָט אין יאָר 988 אָנגענומען קריסטנטום. דער ביזאַנטיש-רוסישער בונד האָט געבראַכט דעם אונטערגאַנג פֿאַרן רעשט פֿון כּוזרישן קיניגרײַך. אין יאָר 1016 האָבן די פֿאַראייניקטע חיילות פֿון די ביזאַנטיער און רוסן (דער חייל פֿון דעם טמוטאַראַקאַנער פֿירשט מסטיסלאַוו, אַ זון פֿון וולאַדימיר דעם הייליקן) צעשטערט די לעצטע נעסט פֿון די כּאַזאַרן אויפֿן קרימער האַלבאינדזל און האָבן גענומען געפֿאַנגען זייער כּאַגאַן, וואָס האָט געהייסן געאָרג און איז שוין געווען אַ קריסט. די כּוזרים האָבן זיך צעשפּרייט איבער דרום-רוסלאַנד און האָבן זיך בהדרגה אויסגעמישט מיט די איבעריקע פֿעלקער. די כּוזרים פֿון ייִדישן גלויבן, וואָס זײַנען געבליבן אין קרים האָבן זיך אויסגעמישט מיט ייִדן און שפּעטער מיט די קאַראַימער, וואָס האָבן זיך אַהין אַריבערגעקליבן פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אייניקע מיטגלידער פֿון דער משפּחה פֿון די ייִדישע כּאַגאַנען האָבן אַריבערגעוואַנדערט קיין שפּאַניע. דער כראָניסט פֿון 12טן י"ה אבֿרהם אבן דאוד האָט זיך געטראָפֿן מיט

זייערע קינדסקינדער אין טאָלעדאָ און איז פֿון זיי געוואָר געוואָרן, אַז די כּוזרים וואָס זײַנען געבליבן בײַם ייִדישן גלויבן זײַנען רבניטן און ניט קיין קאַראַימער. נאָר די דאָזיקע מסורה איז קוים אין גאַנצן ריכטיק, וואָרעם פֿאַר די כּוזרים איז געווען גרינגער צוצושטיין צו די קאַראַימער איידער צו די תּלמודיסטן. אין די באַשרײַבונגען פֿון די ייִדישע רײַזנדערס פֿון די ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער ווערט דער קרימער האַלבאינדזל נאָך אָפֿט אָנגערופֿן „כּוזרים־לאַנד“.

§ 30. די ייִדן אין קיִעווער פֿירשטנטום

די כּוזרישע כוואַליע האָט פֿרי פֿאַרטראָגן ייִדן פֿון מזרח צווישן די סלאַווישע שבֿטים, וואָס האָבן געוווינט אויף די ברעגעס פֿון וואָלגע און דנעפּער. מיגלעך, אַז נאָך פֿריִער פֿלעגן אַהין קומען צו פֿאָרן וואַנדערנדיקע הענדלערס פֿון ביזאַנץ און אירע קרימער קאָלאָניעס, אָבער פֿון די מזרחדיקע צענטערס פֿון דעם כאַליפֿאַט האָט אַ פֿלייץ געטאָן אַ שטראָם ייִדישע וואַנדערער איבערן קאַווקאַז, ערשט ווען די האַלב־ייִדישע כּוזרישע מלוכה האָט זיך אײַנגעפֿעסטיקט אויף די ברעגעס פֿון קאַספּישן ים און פֿון דער וואָלגע. איידער עס האָט זיך געגרינדעט די רוסישע מלוכה מיטן צענטער אין קיִעוו, פֿלעגן ייִדן פֿאָרן צוליב מסחר אין די סלאַווישע לענדער, ווו די הויפּט־שבֿטים, די סעוועריאַנעס און פּאָליאַנעס (אין דעם געביט פֿון שפּעטערדיקן קיִעווער פֿירשטנטום) האָבן געצאָלט צינז צו די כּוזרים און זײַנען געווען עקאָנאָמיש פֿאַרבונדן מיט זיי. ווען עס האָט זיך אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 9טן יאָרהונדערט געבילדעט די רוסישע מלוכה פֿון קיִעוו, האָבן אירע ערשטע שטאַרקע פֿירשטן פֿון ריוריקס משפּחה — אָלעג (879—962) און איגאָר (912—945) — ניט מיט אַ מאָל זיך באַפֿרײַט פֿון אונטער דער כּוזרישער ממשלה: ביידע פֿירשטן האָבן אַ מאָל געפֿירט מלחמה מיט די כּוזרים און אַ מאָל געצאָלט זיי צינז. אָבער אין אַלע צײַטן זײַנען ניט איבערגעריסן געוואָרן די האַנדלס־פֿאַרבינדונגען צווישן די לענדער פֿון דעם כאַגאַן און פֿון דעם רוסישן פֿירשט. האַנדלס־קאַראַוואַנען און שיפֿן זײַנען כּסדר געגאַנגען צווישן באַגדאַד, אַרמעניע, קאַווקאַז, כּוזרים־לאַנד און קיִעוו, דער ווײַטער רוסישער הויפּטשטאָט בײַם דנעפּער.[1] אין דער געדעכעניש פֿון די

[1] וועגן די האַנדלס־פֿאַרבינדונגען פֿון די רוסן אין דער תּקופֿה ווען עס איז אויפֿגעקומען די רוסישע מלוכה אין קיִעוו האָט דער אויבן דערמאָנטער אַראַבישער רײַזנדער איבן כאָרדאַדבע (אַרום 880) געשריבן אָט וואָס: „די רוסן, וואָס געהערן צום סלאַווישן פֿאָלק, גייען אַרויס פֿון די ווײַטסטע ערטער פֿון סלאַווישן לאַנד צו די ברעגעס פֿון דעם רוימישן (שוואַרצן) ים און פֿאַרקויפֿן דאָרט פֿעלכלעך פֿון ביבערס און פֿיקס, און אויך שווערדן.

אַלטרוסישע כראָניסטן האָבן די ביידע באַגריפן „ייִדן" און „כּוזרים" זיך צונויפגעשמאָלצן, ווײַל דער הערשנדיקער קלאַס אין כּוזרים־לאַנד האָט געהאַלטן די ייִדישע אמונה, און צו גלײַך פלעגן פון דאָרט קומען געבאָרענע ייִדן, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער ייִדישער מעטראָפּאָליע אין בבל און פון אַנדערע לענדער פון דעם באַגדאַדער כאַליפאַט. אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער עלטסטער רוסישער כראָניק דער טערמין „כּוזרישע ייִדן". נאָך דעם ווי סוויאַטאָסלאַוו דער זון פון איגאָרן האָט צעשטערט דעם צענטער פון דער כּוזרישער מלוכה בײַם קאַספּישן ים (966—969), האָבן די כּוזרים אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך אײַנגעהאַלטן די ממשלה אין אייניקע ערטער פון קרימער האַלבאינדזל. אין יענער צײַט האָבן זיכער אַ סך כּוזרישע ייִדן און כּוזרים פון ייִדישן גלויבן געוווינט שטענדיק אין קיִעוו, און אַנדערע פלעגן קומען צו פאָרן אַהין פון דרום, ווײַל צווישן דער רוסישער הויפּטשטאָט און צווישן קרים, וואָס אין נאָענטער שכנות פון איר האָט זיך געפונען די רוסישע טמוטאַראַקאַן בײַם אַזאָווער ים, האָבן זיך אײַנגעשטעלט פעסטע פאַרבינדונגען. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אין יענער מיסיאָנערישער אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אַרום קיִעוו ערבֿ דער תּקופה, ווען די רוסן האָבן אונטער וולאַדימירן אָנגענומען קריסטנטום, האָבן זיך אויך באַטייליקט פאָרשטייער פון דער ייִדישער רעליגיע.

די ביזאַנטישע גריכן האָבן שוין זינט לאַנג געשטרעבט צו באַקערן צום קריסטנטום די היידנישע סלאַוון, וואָס דורך דעם וואָלט גאַנץ מזרח־אייראָפּע אַרונטערגעפאַלן אונטער דער גײַסטלעכער אַפּיטרופּסות פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָס וואָס האָט פריִער זיך ניט אײַנגעגעבן מיט די כּוזרים איז אין 10טן י"ה איבערגעחזרט געוואָרן אין גרעסערע מאָסן לגבי די רוסן פון קיִעווער פירשטנטום. די מפּלה פון די כּוזרים אין סוויאַטאָסלאַווס צײַט און די פאַרשטאַרקונג פון דער רוסישער מלוכה האָט די ביזאַנטיער אונטערגעגעבן

דער קיסר (פון ביזאַנטיע) באַפרידיקט מיט אַ מעשׂר־אָפּצאָל פון זייערע סחורות. די רוסן לאָזן זיך אויך אַראָפּ איבער! סלאַווישן טײַך (די וואָלגע), גייען דורך זײַן אָדער, וואָס פליסט דורך דער שטאָט פון די כּוזרים (די געגנט פון אַסטראַכאַן), וווּ דער רעגירער פון לאַנד נעמט פון זיי אַ מעשׂר־אָפּצאָל, דערנאָך גייען זיי אַרײַן אין דעם ים דזשאָרדזשאַן (קאַספּישער ים) און דערפאָרן צום באַשטימטן אָרט. טייל מאָל ווערן די סחורות פון די רוסן אַריבערגעפירט אויף די רוקנס פון קעמלען פון דער שטאָט דזשאָרדזשאַן (דערבענט?) ביז קיין באַגדאַד". — מען דאַרף משער זײַן, אַז צווישן אָט די „רוסישע סוחרים" זײַנען אויך געווען ייִדן — די ספּעציאַליסטן פון דעם וועלטהאַנדל אין יענער צײַט. דער בן־דור פון איבן כאָרדאַדבע, איבן פאַרזי, וואָס חזרט איבער זײַן מיטטיילונג, איז מוסיף, אַז די סלאַווישע סוחרים פלעגן פאַרפאָרן אויך אין דער „ייִדישער סאַמקערש", ד"ה קיין טאַמאַן, און אַזוי אַרום פלעגן זיי קומען אין באַריר מיט דער מאַסע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון קרימער האַלבאינדזל און פון די שכנישע ברעגעגנטן פון שוואַרצן ים.

נאָך מער חשק. האָבן טאַקע פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל געקומען גיין קיין קיִעוו געלערנטע מיסיאָנערן מאָנאַכן, וואָס האָבן זיך געסטאַרעט אַרײַנצונעמען דעם קיִעווער פֿירשט וולאַדימיר אין די נעצן פֿון דער גריכישער קירך און פֿון דער ביזאַנטישער פּאָליטיק. פֿריִערדיקע צײַטן וואָלטן די ייִדיש־כּוזרישע מיסיאָנערן שטאַרק געשטערט די גריכן דורך זייער קאָנקורענץ, נאָר די פּאָליטישע ירידה פֿון דער כּוזרישער מלוכה האָט פֿאַרקלענערט די שאַנסן פֿון די ייִדישע אַגיטאַטאָרן: צי האָט דען טאַקע דער קיִעווער פֿירשט דער האַלבער באַרבאַר געקאָנט האַלטן עפּעס פֿון דעם ייִדישן גאָט, וואָס איז ניט געווען בכּוח צו באַשיצן די ממשלה פֿון כּוזרישן קיניג? פֿון דעסט וועגן האָבן נאָך געקאָנט מאַכן אַ פּרוּוו צו קאָנקורירן מיט די קריסטלעכע מיסיאָנערן די „כּוזרישע ייִדן" פֿון קרימער האַלבאינדזל, וואָס אַ סך פֿון זיי האָבן געוווינט אין קיִעוו. עס קאָן גאַנץ גוט געמאָלט זײַן, אַז אין דער מסורה פֿון דער רוסישער כראָניק מכּוח דעם, אַז איידער וולאַדימיר דער הייליקער האָט זיך באַשלאָסן אָנצונעמען קריסטנטום, האָט ער דורכגעפֿירט אַן „אויספּרוּוונג פֿון די אמונות", שטעקט טאַקע אַ קערנדל אמת. אַזוי איז שוין געווען דער מנהג אין מזרח־אייראָפּע, אַז איידער די היידנישע רעגירערס האָבן זיך אויסגעקליבן אַן אמונה, האָבן זיי געמאַכט אַ קאָנקורס פֿון די דרײַ רעליגיעס, בכדי צו וויסן, וועלכע איז פֿון זיי די „אמתע אמונה". אַנומלט האָט אָט דער קאָנקורס געבראַכט צום נצחון פֿון דער ייִדישער אמונה בײַ די כּוזרים, דער איצטיקער קאָנקורס ווידער האָט זיך געענדיקט מיטן נצחון פֿון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער אמונה.

דער כראָניסט דערציילט, אַז ווען דער קיִעווער פֿירשט וולאַדימיר האָט באַשלאָסן אַוועקצוואַרפֿן די געצן־דינערײַ, זײַנען צו אים געקומען צו גלײַך מיט די קריסטלעכע און מוסלימישע מיסיאָנערן אויך „כּוזרישע ייִדן". זיי האָבן געזאָגט: „מיר האָבן געהערט, אַז עס זײַנען געקומען קריסטן און לייגן פֿיר זייער אמונה, נאָר זיי גלייבן דאָך אין דעם, וועמען מיר האָבן געקרייציקט, און מיר גלייבן אין דעם איין־אייניציקן גאָט פֿון אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ". האָט וולאַדימיר געפֿרעגט די ייִדן: „אין וואָס באַשטייט אײַער געזעץ?" — און האָט געקראָגן די תּשובֿה: „זיך מל זײַן, ניט עסן קיין חזיר־פֿלייש אָדער געוויילד און היטן שבת". — „און ווו איז אײַער לאַנד?" — האָט דער פֿירשט געפֿרעגט. „אין ירושלים", האָבן די ייִדן געענטפֿערט. „און איר וווינט דען דאָרט?" — האָט ער ווײַטער געפֿרעגט. „ניין, האָבן די ייִדן געענטפֿערט — ווײַל גאָט איז דערצערנט געוואָרן אויף אונדזערע אָבֿות און האָט אונדז צעזייט איבער אַלע לענדער פֿאַר אונדזערע זינד, און אונדזער לאַנד האָט ער אָפּגעגעבן די קריסטן". דעמאָלט האָט וולאַדימיר געזאָגט: „ווי אַזוי זשע לערנט איר אַנדערע, אויב אײַך גופֿא האָט גאָט פֿאַרוואָרפֿן און

צעזייט? אויב גאָט וואָלט אײַך ליב געהאַט, וואָלט איר ניט געווען צעוואָרפֿן אין פֿרעמדע לענדער. צי ווילט איר אונדז אויך אָנטון אַזאַ צרה?"

אין אָט דער קירכלעך-טענדענציעזער דערציילונג איז ריכטיק אפֿשר נאָר דער לעצטער אויספֿיר: די רעליגיע פֿון באַזיגטן פֿאָלק האָט ניט געקאָנט געפֿעלן ווערן דעם פֿירשט פֿון אַ יונגער מלוכה, וואָס האָט געוואָלט צושטיין צו דער רעליגיע פֿון די הערשנדיקע פֿעלקער. דער אונטערגאַנג פֿון דער כּוזרישער מלוכה, וואָס איז קורץ פֿאַר דעם געשען, איז פֿאַרן קיִעווער פֿירשט געווען אַ וואָגיקערער באַווײַז קעגן ייִדישקייט, ווי דער אונטערגאַנג פֿון דער פֿאַרצײַטיקער מלכות יהודה, וואָס דער כראָניסט דער טעאָלאָג שטעלט אַרויס. דער פּאָליטישער מאָמענט האָט אין דער גאַנצער געשיכטע געשפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָלע ווי דער קירכלעכער מאָמענט. די גריכישע דיפּלאָמאַטן איז געראָטן צו מאַכן וולאַדימירן פֿאַר אַ קריסט און צו גלײַך אים חתונה צו מאַכן אין כערסאָנעס (קאָרסון) מיט אַ פּרינצעסין פֿון ביזאַנטישן קיסרלעכן הויז: „דורך דער ביזאַנטישער בת-מלכּה — זאָגט דער קירכלעכער כראָניסט — האָט גאָט דאָס רוסישע לאַנד געבראַכט צו תּשובֿה, און דאָס גריכישע לאַנד באַפֿרײַט פֿון אַ בייזן שׂונא". די אַפּיטרופּסות פֿון ביזאַנץ איבער קיִעוו איז געווען געזיכערט. דורך דעם איז שוין אויך געווען אין פֿאָרויס באַשטימט די באַציִונג פֿון דער רוסישער מלוכה צו ייִדן.

די השפּעה פֿון ביזאַנץ האָט זיך קודם-כּל אַרויסגעוויזן אין דער באַציִונג פֿון דער נײַער רוסישער גײַסטלעכקייט צו ייִדן. אין די רוסישע קירכלעכע סטאַטוטן האָבן גענומען אַרײַנדרינגען די קאַנאָנען פֿון די סינאָדן, וואָס זײַנען געווענדט קעגן אַנדערשגלייביקע (למשל דער כּלל, וואָס שטייט אין אַ סטאַטוט פֿון פֿירשט יאַראָסלאַווס צײַט, אַז עס ווערט אַרײַנגעלייגט אין חרם פֿון דער קירך דער וואָס לעבט מיט אַ „באַסורמאַנקע אָדער זשידאָווקע"). באַזונדערס בולט ווײַזט זיך דאָס אַרויס אין יענער שאַרפֿער פּאָלעמיק קעגן ייִדן און ייִדישקייט, וואָס עס האָבן געפֿירט די העכסטע היִעראַרכן פֿון דער רוסישער קירך אין 11טן יאָרהונדערט. פֿון די דעמאָלטיקע ביסקופּן איז ניט אָנגעפֿאַלן אויף ייִדן נאָר דער נאָווגאָראָדער ביסקופּ לוקאַ זשידיאַטאַ (אים האָט באַשטימט דער פֿירשט יאַראָסלאַוו אין יאָר 1035). דאָס לאָזט זיך דערקלערן מיט דער השערה, אַז ער אַליין, ווי דאָס איז קענטיק פֿון זײַן צונאָמען, האָט געשטאַמט פֿון ייִדן (און איז אפֿשר איבער געוואַלד אָפּגעשמדט געוואָרן אין דער צײַט פֿון וולאַדימיר דעם הייליקן צוזאַמען מיט אַלע רוסן אין קיִעוו), אָדער אפֿשר מיט דעם, וואָס אין נאָווגאָראָדער לאַנד זײַנען בכלל קיין ייִדן ניט געווען, און ממילא איז אויך דאָרט קיין „ייִדישע סכּנה" ניט געווען. אָבער די קיִעווער מעטראָפּאָליטן האָבן מיט דער גרעסטער התמדה געקעמפֿט קעגן דער השפּעה פֿון דער ייִדישער אמונה. דער מיטראָפּאָליט אילאַריאָן, אַ בן-דור פֿון לוקאַ

זשידיאַטאַ, האָט אין זײַן „וואָרט וועגן משהס תּורה און וועגן דער גענאָד פֿון יעזוס קריסטוס" (אַן ערך אין יאָר 1080) קריטיקירט די ייִדישע אמונה אויפֿן געוויינטלעכן דרך פֿון די ביזאַנטישע מיסיאָנערן: משהס תּורה איז געווען גילטיק אַ געוויסע צײַט און איר פֿעלט שלמות, זי האָט געטויגט נאָר, ביז עס איז נתגלה געווען די אמתע גענאָד פֿון קריסטוסן, און דערפֿאַר וואָס ייִדן האָבן ניט אָנגענומען דעם קריסטנטום, זײַנען זיי צעזייט געוואָרן איבער אַלע לענדער און לײַדן צרות. אילאַריאָן טענעט אײַן מיט זײַנע געטרײַע שאָף, זיי זאָלן ניט קוקן אויף די „ייִדישע לעסטערונגען" קעגן קריסטוסן, ד"ה דערויף וואָס זיי לייקענען אָפּ קריסטוסעס געטלעכקייט. דער מיטראָפּאָליט בעט צו גאָט, ער זאָל דאָס רוסישע פֿאָלק ניט שטראָפֿן, אַזוי ווי ער האָט געשטראָפֿט דאָס ייִדישע פֿאָלק, ער זאָל ניט דערלאָזן, אַז די קרויבשטאָט קיִעוו זאָל זײַן אין אַזאַ געפֿאַנגענשאַפֿט ווי ירושלים, און אַז די רוסישע מענטשן זאָלן זײַן פֿאַרטריבן אין פֿרעמדע לענדער. לויטן גאַנצן טאָן פֿון די דרשות פֿון דעם קיִעווער קירכנפֿירשט איז צו זען, אַז ער האָט ניט געקעמפֿט קעגן אַ כּפֿירה וואָס האָט געשטעקט אין ביכער, נאָר קעגן אַ לעבעדיקער פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער ייִדישער אמונה, וואָס האָט זיך געפֿירט אין קיִעוו און אין אַנדערע ערטער פֿון דרום=רוסלאַנד.

אַ דירעקטער באַווײַז אויף אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע איז פֿאַראַן אין די מסורות וועגן לעבן פֿון דעם הייליקן פֿעאָדאָסי, דעם ראָש פֿון פּעטשערסקער קלויסטער (אַן ערך 1057–1074). דער דאָזיקער מאָנאַך האָט אין זײַנע דרשות געלערנט די קיִעווער לײַט, אַז זיי זאָלן לעבן בשלום מיט גוטע פֿרײַנד און מיט שונאים, „אָבער נאָר מיט די אייגענע שונאים, און ניט מיט גאָטס שונאים"; גאָטס שונאים דאָס זײַנען די ייִדן און די כּופֿרים, „וואָס האַלטן אַ קרומען גלויבן". אין דער „לעבנס=באַשרײַבונג" פֿון פֿעאָדאָסי דעם פּעטשערסקער, וואָס עס האָט צונויפֿגעשטעלט דער ערשטער רוסישער כראָניסט נעסטאָר, ווערט דערציילט, אַז דער דאָזיקער שטרענגער מאָנאַך האָט געהאַט אַזאַ מנהג: ער פֿלעגט אויפֿשטיין בײַ נאַכט און בשתיקה אַרײַנגיין צו ייִדן, בכדי צו פֿירן מיט זיי וויכּוחים וועגן קריסטוסן; ער פֿלעגט זיי מוסרן, אָנרופֿן זיי רשעים און אָפּטריניקעס, און פֿלעגט מיט אַ כּיוון זיי רייצן, מחמת ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן אים טייטן דערפֿאַר „וואָס ער גלייבט אין קריסטוסן", און זאָלן אים אַזוי אַרום מאַכן פֿאַר אַ הייליקן מאַרטירער. דעם דאָזיקן נחת האָבן די קיִעווער ייִדן דעם מאָנאַך ניט אָנגעטאָן, אָבער זיי האָבן מיט ברען זיך מתווכּח געווען און האָבן פּראָפּאַגאַנדירט פֿאַר זייער רעליגיע. אין אַ בריוו צום פֿירשט איזיאַסלאַוו דעם זון פֿון יאַראָסלאַוו ענטפֿערט פֿעאָדאָסי אויף דער שאלה, צי מען מעג אום זונטאָג שעכטן אַ בהמה כּדי צוצוגרייטן שפּײַז, מיט אַזאַ חקירה: די טויפֿונג באַפֿרײַט פֿון דעם חובֿ אָפּצוהיטן משהס געזעצן, וואָס פֿאַרבאָטן צו

קאָכן אום שבת שפּײַז און וואָס פֿאָדערן, אַז מען זאָל דאָס עסן צוגרייטן פֿון פֿרײַטאָג, „ווי עס טוען די ייִדן ביזן הײַנטיקן טאָג"; זונטאָג אָבער, וואָס ווערט געפֿײַערט צום אָנדענק אָן קריסטוסן, האָט קיין שום שײַכות ניט צום ייִדישן שבת; היות די וואָס האָבן אָנגענומען די טויפֿונג זײַנען קריסטוסעס קינדער און ניט אַבֿרהמס קינדער, דעריבער איז ניט קיין עבֿירה צו שעכטן און צו קאָכן אום זונטאָג. דערבײַ איז דער מאָנאַך מוסיף, אַז יענער מענטש וואָס האָט בײַ דעם פֿירשט אויפֿגעוועקט אַ ספֿק אין דעם פּרט האָט גערעדט ניט פֿון דער הייליקער שריפֿט (פֿון דער עוואַנגעליע) און דאַרף ווערן פֿאַרשאָלטן. באַשײַמפּערלעך, אַז אויך דאָ האָט דער קיִעווער פֿאַנאַטיקער פֿון דער קירך געזוכט אַ ייִדן, וואָס איז שולדיק אין וועלן אַראָפּפֿירן דעם פֿירשט פֿון רעכטן וועג.

דער מיטראָפּאָליט יאָאַן II (1077–1088) האָט געהאַלטן שטאַרק פֿאַר די קאַנאָנען פֿון די קירכלעכע סינאָדן און האָט זיך באַזונדערס אײַנגעשטעלט פֿאַר דעם פּונקט, וואָס האָט אין פֿראַנקרײַך אין אַגאָבאַרדס צײַט געדינט ווי דאָס הויפּטגעצײַג אין די הענט פֿון דער גײַסטלעכקייט, ער איז געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל פֿאַרקויפֿן קריסטלעכע שקלאַוון צו ייִדן: „דער געזעץ זאָגט, אַז מען טאָר ניט פֿאַרקויפֿן קיין קריסט ניט צו קיין ייִד און ניט צו קיין כּופֿר, און דער וואָס פֿאַרקויפֿט צו ייִדן איז אַ רשע". דער שקלאַוון־האַנדל איז אין יענער צײַט געווען באַזונדערס אַנטוויקלט אין די סלאַווישע לענדער; מען פֿלעגט אַהין קומען צו פֿאָרן פֿון מזרח און פֿון מערבֿ אײַנצוקויפֿן שקלאַוון, בפֿרט קריגסגעפֿאַנגענע, און מען פֿלעגט זיי אַוועקפֿירן אין פֿאַרשיידענע לענדער. דאָס וואָרט „שקלאַוו", וואָס איז זינט יענער צײַט געוואָרן אין אייראָפּע דער נאָמען פֿון קנעכט, נעמט זיך טאַקע פֿון דעם נאָמען פֿון די סלאַוון. אַוודאי האָבן די ייִדן אויך געהאַט אַ חלק אין דעם שקלאַוון־האַנדל, און אויך דאָ, פּונקט ווי אין מערבֿ־אייראָפּע, האָט זיך אַרײַנגעמישט די קירך און האָט ניט געוואָלט דערלאָזן ייִדן צו דעם האַנדל ניט אין נאָמען פֿון מענטשלעכקייט, ווײַל האַנדל מיט מענטשן איז אַ שלעכטע זאַך, נאָר בלויז בכדי צו פֿאַרהיטן, אַז די קריסטן וואָס אַרבעטן בײַ ייִדן זאָלן ניט אַראָפּגעפֿירט ווערן פֿון דעם ריכטיקן וועג און זאָלן זיך ניט אָננעמען מיט דער „ייִדישער כּפֿירה".

די התחלות פֿון דער אַנטי־ייִדישער אַגיטאַציע אין דעם קיִעווער פֿירשטנטום זאָגן עדות דערויף, אַז די ייִדישע קאָלאָניעס זײַנען דאָרט געווען גאַנץ גרויסע און אַז זיי האָבן געשפּילט אַן אָנזעעוודיקע ראָלע אין דעםווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד, ווי ווײַט דאָס איז געווען מיגלעך אין די תּנאים פֿון דער פּרימיטיווער ווירטשאַפֿט. אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט אין קיִעוו גופֿא צום סוף 11טן י"ה געקראָגן אַ גרויסע השפּעה און האָט אַפֿילו געגאָסן דעם שוץ פֿון דעם פֿירשט, איז צו זען פֿון יענער פֿאָלקס־

באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן קעגן זיי אין אָנהייב פֿון דעם ווײַטערדיקן יאָרהונדערט — מן הסתם אונטער דער ווירקונג פֿון די קירכלעכע פֿאַנאַטיקער (ווײַטער, § 55).

§ 31. די ערשטע ייִדישע יישובֿים אין פּוילן

אויב די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון אַלטן רוסלאַנד זײַנען געשאַפֿן געוואָרן דער עיקר דורך אויסוואַנדערער פֿון דרום-מזרח-אייראָפּע, פֿון דעם כּוזרישן קיניגרײַך, האָט זיך דער קערן פֿון די יישובֿים אין פּוילן צונויפֿגעשטעלט פֿון מערבֿדיקע עמיגראַנטן, דער עיקר פֿון דײַטשע. די היסטאָרישע תּנאים פֿון 10טן און 11טן יאָרהונדערט האָבן געשאַפֿן אַ מחיצה צווישן די מזרחדיקע און די מערבֿדיקע סלאַוון. דאָס קיִעווער פֿירשטנטום איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער ווירקונגס-ספֿערע פֿון ביזאַנץ, און בעמען און פּוילן אין דער ווירקונגס-ספֿערע פֿון דײַטשלאַנד; אין קיִעוו האָט זיך אײַנגעפֿעסטיקט די גריכישע קירך, און אין די לעצטע צוויי לענדער די לאַטײַנישע קירך, און דאָס איז געשען גראָד אין יענער צײַט, ווען די קירכן האָבן זיך לעצטגילטיק פֿונאַנדערגעטיילט. מיט אַ פֿערטל יאָרהונדערט פֿריִער, איידער דער קיִעווער פֿירשט וולאַדימיר האָט אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה פֿון גריכישע גײַסטלעכע, איז דער פּוילישער פֿירשט מעטשיסלאַוו I (מעשקאָ) געוואָרן אַ וואַסאַל פֿון דעם דײַטשן קיסר אָטאָ I, האָט אָנגענומען קריסטנטום לויטן לאַטײַנישן נוסח (966) און חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿון זײַן שכן, דעם פֿירשט פֿון בעמען, וואָס איז געווען דער פֿאַרמיטלער צווישן דײַטשטום און סלאַוונטום. מען מעג משער זײַן, אַז זינט יענעם מאָמענט האָבן דײַטשע ייִדן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין פּוילן.

מן-הסתם פֿלעגן ייִדן נאָך פֿאַרן 10טן י״ה קומען צו פֿאָרן פֿון צײַט צו צײַט אין די סלאַווישע לענדער אויף די ברעגעס פֿון דער ווײַסל און וואַרטע. נאָך קאַרל דער גרויסער האָט צום סוף 8טן י״ה, נאָך דער מלחמה מיט די סאַקסן, אונטערטעניק געמאַכט די שכנישע סלאַוון פֿון בעמען און איז געוואָרן אַ נאָענטער שכן פֿון פּוילן. זינט יענער צײַט האָבן אין דעם לאַנד געקאָנט פֿאַרפֿאָרן יענע ייִדישע וואַנדער-סוחרים, וואָס האָבן געריײַזט איבער די שליאַכן פֿון דעם וועלטהאַנדל צווישן אַזיע און אייראָפּע. עס האָבן געקאָנט קומען אַהין פֿון די מזרח-סלאַווישע לענדער אויך כּוזרישע ייִדן. מיט אָט די פֿריִע יישובֿים זײַנען פֿאַרבונדן טונקעלע פּוילישע לעגענדעס וועגן ייִדן אין דער פֿאַרקריסטלעכער פּוילן.

איינע פֿון אָט די לעגענדעס פֿאַרבינדט מיטן נאָמען פֿון אַ ייִדן דעם אָפּשטאַם פֿון דער פּוילישער פֿירשטן-דינאַסטיע פֿון די פּיאַסטן. אַ פֿאָלקס-מסורה דערציילט: אין 9טן יאָרהונדערט, נאָכן טויט פֿון דעם פֿירשט פּאָפּעל, האָבן די פּאָליאַקן זיך צונויפֿגעקליבן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין קרושעוויץ,

כּדי אויסצוקלײַבן אַ נײַעם פּירשט. אַ צײַט לאַנג האָבן זיי זיך אַרומגעקריגט און האָבן פֿאָרט ניט געקאָנט קומען צו קיין הסכּם, וועמען אויסצוקלײַבן. דעמאָלט האָט די פֿאַרזאַמלונג באַשלאָסן, אַז דער וואָס וועט דעם קומענדיקן פֿרימאָרגן דער ערשטער אַרײַנקומען אין שטאָט אַרײַן, יענער וועט זײַן פּירשט. האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי, אַז דער ערשטער איז יענעם פֿרימאָרגן געקומען אין שטאָט אַרײַן דער ייִד אבֿרהם פּאָרכאָווניק (ד״ה פֿאַרקויפֿער פֿון שיספּולווער — נאָך איידער מען האָט עס געהאַט אויסגעפֿונען!), און אים האָט מען טאַקע אויסגעקליבן און פּראָקלאַמירט פֿאַרן פּירשט. נאָר דער ייִד האָט זיך פֿון דעם כּבֿוד אָפּגעזאָגט און איז באַשטאַנען דערויף, אַז פֿאַרן פּירשט זאָל מען אויסקלײַבן דעם קלוגן פּאָליאַק פּיאַסט, וואָס ער איז געוואָרן דער עלטערפֿאָטער פֿון דער דינאַסטיע פֿון די פּיאַסטן.

אַ צווייטע לעגענדע דערציילט, אַז צום סוף 11טן י״ה זאָלן ייִדישע שלוחים פֿון דײַטשלאַנד זײַן געקומען צום פּוילישן פּירשט לעשעק מיט דער בקשה, אַז ער זאָל אַרײַנלאָזן ייִדן קיין פּוילן. לעשעק האָט צו ערשט זיך לאַנג נאָכגעפֿרעגט וועגן די אייגנשאַפֿטן פֿון דער ייִדישער רעליגיע און מאָראַל און האָט דערנאָך געגעבן זײַן הסכּם. דעמאָלט האָבן ייִדן אָנגעהויבן צו קומען מאַסנווײַז פֿון דײַטשלאַנד קיין פּוילן און האָבן דאָרט געקראָגן באַזונדערע פּריווילעגיעס פֿאַרשריבן אין כּתבֿים, וואָס זײַנען שפּעטער פֿאַרלאָרן געגאַנגען. די דאָזיקע אַלע מעשׂיות, וואָס זײַנען פֿול מיט אַנאַכראָניזמען און זײַנען קענטיק אויסגעטראַכט אין אַ שפּעטערדיקער צײַט, האָבן דאָך אַ קערן פֿון היסטאָרישן אמת אין דעם זינען, וואָס זיי ווײַזן, אַז ייִדן זײַנען אָנגעקומען קיין פּוילן נאָך אין דער היידנישער צײַט און אַז געקומען זײַנען זיי פֿון דײַטשלאַנד.

נאָר אויך וועגן ייִדן אין קריסטלעכן פּוילן פֿון סוף 10טן יאָרהונדערט זײַנען פֿאַראַן זייער קנאַפּע ידיעות. אין די כראָניקעס פֿון די פּירשטן פֿון יענער תּקופֿה: מעטשיסלאַוו I, באָלעסלאַוו דעם גיבור, באָלעסלאַוו דעם דרייסטן און װלאַדיסלאַוו I — ווערט ניט דערמאָנט וועגן ייִדישע ייִשובֿים אַפֿילו אין די פּירשטלעכע רעזידענצן פּויזן, גנעזנע און קראָקע. נאָר פּראַגמענטאַרישע ידיעות, וואָס זײַנען געבליבן, ברענגען אַרויף אויפֿן געדאַנק, אַז אין פּוילן האָבן דעמאָלט עקסיסטירט קליינע ייִדישע קאָלאָניעס, וואָס עס האָבן געגרינדעט אויסוואַנדערער פֿון דײַטשלאַנד און ביימען, דער עיקר פֿון דער שטאָט פּראָג. אין יאָר 906 האָבן דײַטשע פּירשטן באַשטימט אויפֿצומאָנען גרענעץ־אָפּצאָלן אויפֿן באַיעריש־סלאַווישן גרענעץ פֿון „סוחרים ייִדן און אַנדערע סוחרים״, וואָס פֿאָרן קיין מזרח, און דערבײַ ווערן די גרענעץ־צאָלן גענומען „פֿון שקלאַוון און כּלערליי אַנדערע סחורות״. ביימען איז, ווי באַוווּסט, געווען איינער פֿון די הויפּטמערק צו קויפֿן און פֿאַרקויפֿן סלאַווישע

שקלאַוון, וואָס פלעגן אַוועקגעפירט ווערן קיין דײַטשלאַנד און ווײַטער קיין מערב, און פוילן איז אויך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין נעץ פון דעם צווישנ־פעלקערישן האַנדל. אויך דאָ, פונקט ווי אין אַנדערע לענדער, איז די קירך אַרויסגעטראָטן ניט קעגן שקלאַוון־האַנדל בכלל, נאָר בלויז קעגן ייִדן וואָס האַלטן קריסטלעכע שקלאַוון. אין דער לעבנס־באַשרײַבונג פון דעם הייליקן אַדאַל־בערט (וואָיצעך) ווערט דערציילט, אַז דער דאָזיקער אַפּאָסטאָל פון קריסטנטום צווישן די סלאַוון און פּרײַסן האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פּאָסטן פון אַ ביסקופּ אין פּראָג, צווישן אַנדערע טעמים, אויך איבער דעם טעם, וואָס מען האָט אים ניט געלאָזן אויסלייזן קריסטלעכע געפאַנגענע און שקלאַוון, וואָס „אַ ייִד אַ סוחר האָט זיי געהאַט אײַנגעקויפט פאַר זײַן פאַרשאָלטענעם גאָלד" (אין יאָר 989). די טשעכישע פּרינצעסין יהודית, די פרוי פון דעם פּוילישן פירשט וולאַדיסלאַוו I (1080–1102), האָט אויסגעגעבן אַ סך געלט אויף אויסצוקויפן קריסטלעכע געפאַנגענע און שקלאַוון פון די הענט פון ייִדן. ווען מען זאָל משפּטן לויט אָט די ידיעות – וואָס זײַנען אָגב איינזײַטיק צונויפגעקליבן בײַ די קירכלעכע כראָניסטן – האָבן אין פּוילן געהאַנדלט ניט אײַנגעזעסענע ייִדן, נאָר וואַנדערנדיקע ייִדישע סוחרים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט געוויינטלעך אין דעם שקלאַוון־האַנדל צוזאַמען מיט גריכן און אַראַבער. אין די דערמאָנטע מקורים גייט ניט די רייד וועגן ייִדן, וואָס האַלטן שקלאַוון אָדער לײַבאייגענע צוליב פעלדאַרבעטן, וואָס דערויף האָבן זיך באַקלאָגט די קירכלעכע פאַנאַטיקער אין שפּאַניע און פראַנקרײַך. משמעות, אַז אַזעלכע ייִדישע ערד־אייגנטימער זײַנען אין יענער צײַט אין פּוילן ניט געווען. זיי באַווײַזן זיך, צוזאַמען מיט מענטשן פון אַנדערע פּראָפעסיעס, אין דער ווײַטערדיקער תּקופה, ווען דער וואַנדערנדיקער סוחר איז געוואָרן אַרויסגעשטופּט דורך דעם אײַנגעזעסענעם סוחר, און דעמאָלט הערט מען שוין ניט קיין טענות קעגן דעם שקלאַוון־האַנדל.

בכלל ביז די קרייצצוגן קען מען ריידן נאָר וועגן שוואַכע התחלות פון פּוילישן ייִדנטום. די געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן הייבט זיך אָן ערשט זינט דעם מאָמענט, ווען דער ערשטער קרייצצוג האָט אַרויסגעטריבן אַ גרויסע מאַסע ייִדן פון דײַטשלאַנד און ביימען אין די שכנישע פּוילישע לענדער, און די סיסטעמאַטישע גזרות קעגן ייִדן אין אַלע לענדער פון אייראָפּע, וואָס זײַנען געקומען דערנאָך, האָבן פאַרשטאַרקט די דאָזיקע ייִדישע עמיגראַציע קיין מזרח. פּוילן איז נאָך אַ צײַט לאַנג געבליבן אַ לאַנד פון ייִדישער אימי־גראַציע און קאָלאָניזאַציע, אַ מקום־מקלט פאַר די גערודפטע, ביז זי איז אַליין געוואָרן אײַנגעפּעסטיקט אין דעם קירכלעך־שטאַנדישן רעזשים און האָט איבערגענומען די אַלגעמיינע ייִדנפײַנטלעכע פּאָליטיק פון דער מיטלעלטער־לעכער אייראָפּע.

דריטער אָפּטייל

די תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן

(1215 — 1096)

§ 32. אַלגעמיינער איבערבליק

דאָס יאָר 1096, וואָס איז אַווענדפּונקט אין דער געשיכטע פֿון מיטלעלטער, איז אויך אַ טרויעריקע ערע אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער ערשטער קרייצצוג האָט געמאַכט דעם אָנהייב פֿאַר אַ מאַסן=פֿאַרלענדונג פֿון ייִדן. דער רוף פֿון דער קירך אָנצוהייבן אַ מלחמה קעגן די מוסלימס אין מזרח האָט געדינט ווי אַ סיגנאַל אויסצוהרגען ייִדן אין מערבֿ. עס הייבט זיך אָן אַ תּקופֿה פֿון אויסווייניקסטע און אינעווייניקסטע רעליגיעזע מלחמות. דרײַ גרויסע קרייצצוגן (1096, 1147, 1189) באַצייכענען דעם לײַדנסוועג פֿון ייִדישן פֿאָלק אין משך פֿון אַ גאַנצן יאָרהונדערט. נאָך אָט די קרייצצוגן, ווען מען האָט געהרגעט נאָר אגבֿ אורחא, קומען אינעווייניקסטע קרייצצוגן, וואָס זײַנען דירעקט געווענדט קעגן אייגענע כּופֿרים און ייִדן (די מלחמות קעגן די אַלביגענזער און די שטרענגע איזאָלירונג פֿון ייִדן לויט די קירכן=געזעצן פֿון 1215). זינט דעם 13טן יאָרהונדערט ציט זיך די פֿינצטערסטע תּקופֿה פֿון מיטלעלטער, זײַנע לעצטע דרײַ יאָרהונדערטער, וואָס געהערן שוין צו דער ווײַטערדיקער אָפּטיילונג פֿון אונדזער „געשיכטע“.

צו יענעם מאָמענט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קרייצצוגן, איז די סאָציאַלע אָרדענונג פֿון דער מיטלעלטערלעכער מלוכה אַרײַנגעטראָטן אין פֿאַזיס פֿון קריסטאַליזירונג. יענע סאָציאַלע כּוחות, וואָס האָבן פֿריִער זיך געהאַט געפֿונען אין אַ צושטאַנד פֿון יוירונג און קאַמף, ווערן איצט פֿאַר=פֿעסטיקט אין זייערע פֿאָרמען און דורך זייער קעגנזײַטיקער ווירקונג בילדן זיי דעם שטאַנדהאַפֿטיקן קירכלעך=פֿעאָדאַלן רעזשים פֿון מערבֿ=אייראָפּע. נאָך ערבֿ דעם ערשטן קרייצצוג שפּילט זיך אָפּ די אַנטשיידנדיקע שלאַכט צווישן

דער וועלטלעכער און דער קירכלעכער מאַכט אין דער פּערזאָן פֿון היינריך IV און דעם פּויפּס גרעגאָר VII, און זי ענדיקט זיך מיטן נצחון פֿון דעם פּויפּס־טום. דער יאָרהונדערט פֿון די קרייצצוגן האָט אַזוי ווײַט פֿאַרפֿעסטיקט די מאַכט פֿון די פּויפּסן, אַז אין אָנהייב 13טן י"ה האָט אינאָקענטיוס III געקאָנט אַרויפֿצווינגען זײַן ווילן אויף אַלע מאָנאַרכן און פֿעאָדאַלע פּירשטן פֿון אייראָפּע. אין דער זעלביקער תּקופֿה פֿון העכסטן אויפֿשטײַג פֿון דער קירך דערגרייכט אויך איר העכסטן פּונקט די פֿעאָדאַלע סיסטעם, וואָס האָט געמאַכט פֿון אַלע מלוכות אַן אײַנזאַמלונג פֿון גרויסע און קליינע מאָנאַרכיעס, אויפֿגעבויט אויפֿן יסוד פֿון דער שקלאַוון־אַרבעט פֿון די פּויערים אין דאָרף און אויפֿן פּרינציפּ פֿון שטאַנדן־אײַנטיילונג אין שטאָט. אין די שטעט, וואָס געפֿינען זיך אונטער דער ממשלה פֿון מלכים, הערצאָגן אָדער ביסקופֿן, פֿעסטיקט זיך אײַן די שטאַנדיש־צעכנדיקע אָרדענונג, וואָס האָט אויפֿגעשטעלט אײַזערנע פֿאַרצאַמונגען צווישן די פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. דער פֿעאָדאַליזם וואַרפֿט יידן אַרויס פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט, וואָרעם מיטן אייגנטום אויף ערד איז פֿאַרבונדן מאַכט איבער מענטשן, איבער לײַבאייגענע פּויערים, אָבער לויט די קאַנאָנען פֿון דער קירך טאָרן פּרעמדגלייביקע ניט האָבן קיין מאַכט איבער קריסטן. די קריסטלעכע שטאָט צאַמט זיך אָפּ פֿון דער יידישער שטאָט דורך אירע געשלאָסענע צעכן פֿון בעלי־מלאָכות און גילדיעס פֿון סוחרים. דער רעזשים פֿון געטאָ ווערט פֿאַרשאַרפֿט.

די הריגות פֿון דער תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן אין מיטל־אייראָפּע ברענגען דערצו, אַז יידן ווערן אין גאַנצן אָפּהענגיק פֿון דעם קיסר, פֿון די מלכים און פֿון די פֿעאָדאַלע פּירשטן, וואָס האָבן געקאָנט באַשיצן זייערע יידישע צינזצאָלערס נאָר אַזוי ווײַט, ווי דאָס האָט געלוינט פֿאַר זייער קאַסע. וואָס מער יידן האָבן זיך געבייטיקט אין שוץ, אַלץ מער האָבן זיי געמוזט דערפֿאַר צאָלן, און יידן ווערן „קאַמערקנעכט” פֿון דעם קיסר אין דײַטשלאַנד, הויף־באַדינערס אויף צוזשטעלן געלט אין פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד. אַנשטאָט פֿרײַע סוחרים ווערן זיי איצט ל ײַ ב א י י ג ע נ ע פֿ ו ן ה אַ נ ד ל, און ווערן אָפּט צוגעבונדן צום געפֿערלעכסטן מין האַנדל – דעם געלטהאַנדל. געלט־גײַציקע פּירשטן צאַפּן אויס די דמים פֿון זייערע לײַבאייגענע האַנדלסלײַט, און טייל מאָל נעמען זיי גאָר און פֿאַרטרײַבן די יידן און קאָנפֿיסקירן זייער אייגנס (פֿיליפּ אויגוסט אין צפֿון־פֿראַנקרײַך אין יאָר 1181).

די דאָזיקע אָרדענונג האָט אין דער געשילדערטער תּקופֿה ניט באַוויזן זיך אײַנצופֿעסטיקן בלויז אין די צוויי יידישע צענטערס פֿון דרום־אייראָפּע: אין איטאַליע און אין שפּאַניע. אין דעם אייגענעם לאַנד זײַנען די רוימישע פּויפּסן, ווי באַוווּסט, ניט אָנגעגאַנגען פֿאַר נביאים, און אין רוים גופֿא איז דער דרוק פֿון דער קירך געווען אַ סך שוואַכער ווי אין אַנדערע לענדער

אונטער דער ממשלה פון דעם הייליקן שטול. אין די שטאַטישע רעפּובליקן און אין די פּעאָדאַלע פירשטנטימער פון איטאַליע האָבן די פאַרשיידענע רעגירונגען די י.דן געשיצט. אין דער אַראַבישער שפּאַניע האָט אין 12טן י"ה נאָך געדויערט דער קאַמף צווישן די מוסלימס גופא (די אַלמאָראַווידן און אַלמאָהאַדן), און אויך צווישן זיי און די קריסטן. דאָ האָבן ייִדן נאָר אין משך פון צוויי יאָר געליטן פון די עקסצעסן פון די אַלמאָהאַדישע פאַנאַ־טיקער (1147–1148), נאָר בדרך כלל איז זייער סאָציאַלע לאַגע אין ביידע טיילן פון דעם האַלבאינדזל, דעם מוסלימישן און דעם קריסטלעכן, ניט ער־גער געוואָרן. דאָ האָט נאָך געדויערט און האָט דערגרייכט צו איר פולן גלאַנץ די גאָלדענע תקופה פון דעם אַראַביש־ייִדישן רענעסאַנס. דער גרעסטער פּאָעט פון מיטלעלטער און דער גרעסטער פילאָסאָף, יהודה הלוי און דער רמבם, האָבן געלעבט אין 12טן יאָרהונדערט, איינער אין דער ערשטער העלפט זײַנער, דער אַנדערער אין דער צווייטער העלפט. אין דעם דאָזיקן יאָרהונדערט האָבן זיך אַרויסגערוקט נאָך אַ סך אַנדערע שאַפערס אין אַלע צווײַגן פון דער ליטעראַטור. דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס אוניווערסאַלע האָבן זיך דאָ צונויפגעשמאָלצן אין פאַרשיידענע פּראָפּאָרציעס: בײַ יהודה הלוי איז דאָס אוניווערסאַלע באַפאָרבן אין אַ העלן נאַציאָנאַלן קאָליר, בײַם רמבם איז דאָס פאַרקערט. דאָ האָט זיך אָנגעמערקט אַ פאַר יענער צײַט ברייטער פלי פון געדאַנק, וואָס אים וואָלט צו ענג געווען אין דער געשלאָסענער ספערע פון תלמודיזם און פון דער רבנישער סכאָלאַסטיק, אין דער גײַסטי־קער געטאָ פון די פראַנצייזיש־דײַטשע ייִדן.

אין דעם גײַסטיקן לעבן פון ייִדן פון די פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד, וואָס איז באַלד פון אָנהייב אַוועק אויף אָט דעם שמאָלן וועג, איז נאָך די שרעקלעכע איבערלעבונגען פון דער תקופה פון קרייצצוגן דער האָריזאָנט נאָך מער פאַרשמעלערט געוואָרן. דאָ האָבן די פירער פון פאָלק געמוזט אויסנוצן די גאַנצע מאַכט פון דעם תלמודישן געזעץ אויף צו באַשיצן די איינהייט פון דער נאַציע קעגן דעם אָנדראַנג פון דער פײַנטלעכער סאָציאַ־לער סביבה, אויף צו קעמפן קעגן די מאָראַלישע ווירקונגען פון דעם דרוק און פון די פּאָגראָמען, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן אונטער דער פאָן פון דעם קרייץ. דאָס לעבן האָט געצוווּנגען צו אַרבעטן אין איין ריכטונג: אויסצובויען וואָס העכער דעם „צאָם אַרום דער תורה", צו פאַרשטאַרקן די רעליגיעז־צערעמאָניעלע דיסציפּלין דורך פאַרמערן די דינים, וואָס זונדערן אָפּ און שיידן אָפּ דעם ייִדן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. דער שׂכל האָט זיך פאַרטיפט אין דער קאַזויִסטיק פון דער תורה, אַנשטאָט דער קלאָרער פּרשנות פון רש״י איז געקומען די געפּילפּולטע סכאָלאַסטיק פון די בעלי־תוספות. די שרעקלעכע איבערלעבונגען האָבן אַרײַנגעשלײַדערט די נשמה

אין דעם פינצטערן אָפּגרונט פון אַסעקטיזם און מיסטיק. דאָ שטייט דער „ספר חסידים" פון רבי יהודה החסיד, די פרוכט פון אַ געבראָכענעם געמיט, ווי אַ קעגנוואָג צו מיימוניס „מורה נבוכים", דעם פּראָדוקט פון שטאָלצן שׂכל, וואָס שטרעבט איינצופּעסטיקן זיין ממשלה אויך אויפן געביט פון גלויבן. שפּעטער האָט געמוזט ניט אַנדערש קומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אָט די צוויי ריכטונגען פון געדאַנק.

קאַפּיטל I

דער יאָרהונדערט פֿון די קרייצצוגן אין מיטל־אייראָפּע
(1196 — 1096)

§ 33. דער ערשטער קרייצצוג (1096)

אין די לעצטע יאָרצענדלינגער פֿון 11טן י״ה, זינט יענער צײַט ווען די סעלדזשוקישע טערקן האָבן אײַנגענומען ירושלים און אַ גרויסן טייל פֿון ארץ־ישׂראל (1071), האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין צווישן די קריסטן פֿון מערבֿ־אייראָפּע כּסדרדיקע קלאַנגען מכּוח דעם, אַז די מוסלמאַנער פֿאַרשוועכן דעם „האַרס קבֿר״ און אַנדערע קריסטלעכע הייליקטימער אין הייליקן לאַנד. דער קול, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן מיטן מיין אונטערצוואַרעמען די רעליגיעזע געפֿילן אין דער קריסטלעכער אייראָפּע, האָט שטאַרק מגזם געווען די סכּנה אין מזרח: מען האָט דערציילט וועגן טויזנטער קרבנות פֿון דעם מוסלימישן – און טייל האָבן נאָך מוסיף געווען – און פֿון יידישן פֿאַנאַטיזם, מען האָט אויסגעמאָלט בילדער פֿון מאַרטירער וואָס לא היו ולא נבֿראו, און מען האָט געוועקט אין די הערצער פֿון די גלייביקע אַ דאָרשט נאָך נקמה. אויפֿגערעגט דורך אַזעלכע קלאַנגען, האָבן די מערבֿ־מענטשן זיך דערמאָנט אָן דער וויג פֿון זייער רעליגיע. אויב פֿריִער האָט דער מזרח געצויגן פֿרומע קריסטן, וואָס זײַנען געגאַנגען מתפּלל זײַן בײַ קריסטוסעס קבֿר, האָט איצט דאָס שטרעבן קיין מזרח באַקומען אַ פּאָליטישן כאַראַקטער: עס האָבן זיך געלאָזט הערן אויפֿרופֿן צו אַ קרייצצוג פֿון די מאַסן, וואָס זאָלן גיין קיין ארץ־ישׂראל און אָפּנעמען דאָס הייליקע לאַנד בײַ די אומגלייביקע.

אין יאָר 1095 איז אין קלערמאָן אין פֿראַנקרײַך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קירכלעכער סינאָד, וווּ דער פּויפּס אורבאַן II האָט גערופֿן די פֿירשטן און ריטער, זיי זאָלן זיך צונויפֿנעמען און גלײַך באַפֿרײַען די שטאָט ירושלים, „דעם מיטלפּונקט פֿון דער ערד, דעם צווייטן גן־עדן״. און זײַן רוף האָט באַגעגנט אַ מיטגעפֿיל בײַ די פֿאַרזאַמלטע. דערצו האָט אויך גערופֿן דער פֿרומער מתבודד פּעטרוס פֿון אַמיען, וואָס האָט אין אַ פֿײַערדיקער רעדע געשילדערט די פּײַן פֿון די קריסטלעכע עולי־רגל אין דער הייליקער שטאָט.

אויפֿן רוף פֿון דער קריסטלעכער גײַסטלעכקייט האָבן זיך אָפּגערופֿן מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע שטאַנדן: פֿעאָדאַלע פֿירשטן, ריטערס, שטאָטלײַט און פויערים. די באַוועגונג האָט אין גיכן אַרומגעכאַפּט אויך די ריין־געגנטן פֿון דײַטשלאַנד. צענדליגער טויזנטער מענטשן האָבן פֿאַרלאָזט זייערע הײַזער, פֿעלדער, נחלאות, האָבן זיך צוגענייט קרייצן צו די בגדים און זײַנען געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט די „אומגלייביקע".

אָנהייב 1096 האָט זיך שוין געהאַט אָנגעקליבן אַ גרויסער חייל פֿון קרייצפֿאָרערס. אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז אמתע פֿרומקייט און רעליגיעזע התלהבות געווען געפּאָרט מיט פראַקטישע חשבונות, מיט פערזענלעכע אָדער קלאַסן־אינטערעסן און מיט די נידעריקסטע אינסטינקטן: די גײַסטלעכקייט האָט דורך דער שטאַרקונג פֿון דעם רעליגיעזן געפֿיל געשטרעבט צו פֿאַרפֿעסטיקן איר מאַכט אין דער מלוכה; די פֿעאָדאַלע ריטערס האָבן געגאַרט נאָך מיליטערישע גבֿורות, נאָך רײַכן זאַקרויב און אויסטערלישע טרעפֿענישן אין די מוסלמאַנישע לענדער; די פויערים האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין די רייען פֿון די קרייצפֿאָרערס, בכדי צו באַפֿרײַען זיך כאָטש אויף אַ ווײַלע פֿון זייער שקלאַווישער פראַצע, פֿון צאָלן חובֿות און אָפּגאָבן, און פֿרומע לײַט פֿון אַלע קלאַסן האָט צוגעצויגן דאָס, וואָס די גײַסטלעכקייט האָט צוגעזאָגט, אַז דער וואָס גייט אויף מלחמה פֿאַרן גלויבן באַקומט מחילה פֿאַר זײַנע זינד. צו דעם דאָזיקן פֿאָלקס־חייל איז צוגעשטאַנען אַן ערבֿ־רבֿ פֿון אַרומטרײַבערס, אַוואַנטוריסטן און פֿאַרברעכערס, וואָס זײַנען געגאַנגען מיטן אויסקוק צו ראַבעווען און צו מאָרדן.[1]

איידער די פֿירשטן, דער לאָטרינגער הערצאָג גאָדפֿרעד פֿון בוליאָן, דער נאָרמאַנדישער הערצאָג ראָבערט און אַנדערע, האָבן באַוויזן צו פֿאָרמירן רעגולערע אַרמייען פֿאַר דעם ווײַטן קריגסמאַרש, האָבן אין שוואַבן, לאָטרינגען און אויף ביידע ברעגעס פֿון דעם ריין זיך באַוויזן באַנדעס קרייצפֿאָרערס, אָנגעפֿירט פֿון פֿאַנאַטישע גלחים און רויבריטערס, און האָבן גענומען ראַבעווען די פֿרידלעכע באַפֿעלקערונג פֿון דערפֿער און שטעט; ייִדן ווידער האָבן זיי לאָ די וואָס געראַבעוועט, נאָר אויך אויסגעהרגעט אָדער זיי האָבן מיט סטראַשונקעס און געוואַלד זיי געצוווּנגען זיך צו שמדן. אַ ייִדישער כראָניסט פֿון יענער צײַט דערציילט: „עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ ווילד פֿאָלק, אָן אַ צאַם און אַ פֿאַרביטערטס, אַן ערבֿ רבֿ פֿון דײַטשן און פֿראַנצויזן, און זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו גיין צו דער הייליקער שטאָט, כדי אַרויסצוטרײַבן

---

1 אַ בן־דור פֿון די דאָזיקע געשעענישן, דער קריסטלעכער שרײַבער אַלבערט פֿון אַכן רעדט וועגן דער שרעקלעכער צעלאָזנקייט פֿון אָט די כאַליאַסטרעס קרייצפֿאָרערס (Albertus Aquentis, Historia hierosolymitanae expeditionis I, cap. 25). זע ווײַטער, אָנהייב § 56, הערה.

פֿון דאָרט די תּושבֿים די בני־ישמעאל (די מוסלימס). איטלעכער, ווער עס האָט געוואָלט גיין אַהין, האָט צוגעהעפֿט צו זײַן בגד אַ צלם, און עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן פֿון די דאָזיקע מענטשן אַן עם רבֿ — מאַנצביל, ווײַבער און קינדער. ווען זיי [די קרייצפֿאָרערס] זײַנען דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ שטעט, ווו יידן האָבן געוווינט, האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: „מיר גייען זיך נוקם זײַן אָן די ישמעאלים, און דאָ האָבן מיר בײַ זיך יידן, וואָס זייערע אָבֿות האָבן געקרייציקט אונדזער אויסלייזער, – לאָמיר זשע פֿריִער זיך נוקם זײַן אָן זיי! זאָל אויסגעמעקט ווערן דער נאָמען פֿון ישׂראל, אָדער זאָלן זיי ווערן גלײַך צו אונדז און מודה זײַן, אַז ישו איז דער משיח...".

ווען אין פֿראַנקרײַך האָבן זיך גענומען קלײַבן די ערשטע אָפּטיילונגען פֿון די קרייצפֿאָרערס, איז איינע פֿון זיי אָנגעפֿאַלן אויף די יידן פֿון דער שטאָט ר ו אַ ן. מען האָט די יידן אָוועקגעשלעפּט אין קירך אַרײַן און מען האָט זיי אויפֿגעפֿאָדערט זיך צו שמדן, און יענע, וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פֿון זייער אמונה, האָט מען דערהרגעט אויפֿן אָרט. די איבער־געשראָקענע פֿראַנצייזישע יידן האָבן באַלד אָנגעזאָגט וועגן דער אָנקומענדי־קער סכּנה זייערע פֿאָלקסברידער אויף דעם דײַטשן ברעג פֿון דעם ריין. האָט די מאַינצער קהילה, ווי נאָר זי האָט געקראָגן די דאָזיקע ידיעה, גוזר תּענית געווען, און יידן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין די שולן. דאָס נעמ־לעכע האָבן געטאָן די שכנישע קהילות. אין זייער ענטפֿער־בריוו צו זייערע פֿראַנצייזישע ברידער האָבן די מאַינצער יידן געשריבן, אַז אין דער געגנט פֿון ריין איז דערווײַל רויִק. אָבער אין גיכן האָבן די מאַסן קרייצפֿאָרערס זיך אַ ריר געטאָן פֿון פֿראַנקרײַך, ווו די יידן האָבן חוץ רואַן ווייניק געליטן, האָבן פֿאַרפֿלייצט דײַטשלאַנד און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די יידן. בייזע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבער לאָטרינגען: מען האָט דערציילט, אַז דער אָרטיקער הערצאָג גאָדפֿרעד פֿון בוליאָן זאָל האָבן געשוואָרן, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן אין וועג אַרײַן, איידער ער וועט זיך ניט נוקם זײַן אָן יידן פֿאַר קריסטוסעס טויט, „אַזוי אַז עס זאָל ניט בלײַבן קיין איינער, וואָס טראָגט דעם נאָמען ייד". דעמאָלט האָט דער ראָש פֿון דער יידישער קהילה אין מאַינץ, רבי קלונימוס, אָוועקגעשיקט אַ שליח צום קיסר היינריך IV, וואָס האָט זיך געפֿונען דעמאָלט אין איטאַליע, בכדי אים איבערצוגעבן, וואָס דער הערצאָג סטראַשעט. דער קיסר איז געוואָרן אויפֿגעבראַכט איבער דעם אויפֿפֿיר פֿון זײַן וואַסאַל און האָט געשיקט צו אַלע הערצאָגן און ביסקופּן אַ באַפֿעל צו שיצן די יידן קעגן געוואַלד־מעשׂים. גאָדפֿרעד האָט געמוזט דערקלערן, אַז ער האָט גאָר ניט בדעה געהאַט צו רודפֿן יידן. ער האָט צוגעזאָגט די קהילות פֿון קעלן און מאַינץ, אַז ער וועט זיי באַשיצן, און האָט אָנגבֿ באַקומען פֿון זיי אַ גרויסע געלט־מתּנה. אַ צווייטער אָנפֿירער, פּעטרוס

פון אַמיען האָט, בעת ער איז מיט זיין חייל דורכגעגאַנגען פּסח־צייט דורך דער שטאָט טריר, געפאָדערט ביי די אָרטיקע יידן, זיי זאָלן צושטעלן פּראָ־וויאַנט פאַר זיין חייל, און אַז ער האָט געקראָגן וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, איז ער אַוועק ווייטער. אָבער ניט אַזוי איינגעצאַמט אין זייערע פאָדערונגען זיינען געווען די אָנפירערס פון צופעליקע באַנדעס, וואָס האָבן מער חשק געהאַט זיך אָפּצורעכענען מיט די אַנדערשגלייביקע אין דער היים, איידער אין ווייטן מזרח. ווען די באַנדעס פלעגן דורכגיין דורך אַ שטאָט, פלעגן זיך צעפלאַקערן ביי די אָרטיקע איינוווינער דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם און נידעריקע ליידנשאַפטן. דער פרילינג פון יאָר 1096 האָט געבראַכט אַ גרויס אומגליק אויף די יידישע קהילות ביים ריין: אומעטום האָבן „קריסטוסעס קריגסלייט" אָפּגעריכט זייער בלוטיקע סעודה, און פון אומעטום האָבן אָפּגע־הילכט די קרעכצן און וויגעשרייען פון די געפייניקטע פאַרן גלויבן.

איינער פון די ערשטע פּאָגראָמען איז פאָרגעקומען אין דער זעלביקער שטאָט שפּייער, ווו די יונגע יידישע קהילה האָט פאַר קורצן געקראָגן פון דעם אָרטיקן ביסקופּ און פון קיסר אַ כתב אויף אויטאָנאָמיע (§ 15). שבת אַכט טעג אין אייר (3טן מאַי) זיינען די פרעמדע קרייצפאָרערס צוזאַמען מיט אַ טייל פון די אָרטיקע קריסטן אָנגעפאַלן אויף די יידן פון שטאָט און האָבן דערהרגעט עלף מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שמדן זיך. די רוצחים האָבן נאָך געהאַט בדעה אָנצופאַלן אויף דער שול און אויסהרגענען די גאַנצע קהילה, נאָר זייער באַשיצער, דער ביסקופּ פון שפּייער יאָהאַן, האָט אַרויסגעשיקט זיינע מענטשן קעגן דער באַנדע קרייצפאָרערס און האָט זיי צעטריבן, און ביי טייל רוצחים פון די שטאָטלייט האָט ער געהייסן אָפּהאַקן די הענט. בכדי צו פאַרהיטן די יידן קעגן ווייטערדיקע אָנפאַלן, האָט ער זיי געלאָזט זיך אויסבאַהאַלטן אין זיין שלאָס און אין די אַרומיקע באַפעסטיקטע ערטער.

אַז די יידן פון וואָרמס זיינען געוואָר געוואָרן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין שפּייער, האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין דעם שלאָס פון דעם ביסקופּ אַלעבראַנט (אָדער אַדאַלבערט), און יענע, וואָס זיינען געבליבן ביי זיך אין די הייזער, האָבן זייערע טייערע זאַכן אָפּגעגעבן צו באַהאַלטן זייערע קריסטלעכע שכנים. דעמאָלט האָבן די קרייצפאָרערס פונאַנדערגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן דערהרגעט אַ קריסט, און פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם. מען האָט די אומבאַשיצטע דערהרגעט מיט רציחה, דאָס אייגנס וואָס איז געבליבן ביי זיי האָט מען צעראַבעוועט און די ספרי־תורות אין די שולן צעריסן. דאָס ה׳ז געשען 23 טעג אין אייר (18טן מאַי). נאָר ווייניק יידן האָבן געראַטעוועט זייער לעבן, דורך דעם וואָס זיי האָבן געלאָזט זיך אָפּשמדן לפנים, די איבעריקע האָבן זיך געלאָזט טייטן פאַרן גלויבן אָדער

האָבן אַליין זיך גענומען דאָס לעבן. מוטערס האָבן געטייט זייערע קינדער, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן זיך, מען זאָל זיי ניט שמדן. די קדושים זײַנען געשטאָרבן מיטן אויסרוף: „שמע ישׂראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

באַלד נאָך דעם איז געקומען די ריי צו יענע מיטגלידער פון דער יידישער קהילה וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם שלאָס פון דעם וואָרמסער ביסקופ. דער ביסקופ האָט ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט מער זיי אויסבאַהאַלטן און האָט זיי פאָרגעלייגט זיך צו שמדן בכדי צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן. האָבן די ייִדן געבעטן, מען זאָל זיי לאָזן צײַט אויף זיך צו באַטראַכטן. פאַרן ביסקופס שלאָס האָבן זיך געלעגערט די קרייצפאָרערס, גרייט צו פירן די ייִדן אָדער אין קירך אַרײַן אָדער אויף טויט. ווען עס איז אַריבער די צײַט וואָס איז געגעבן געוואָרן די ייִדן, האָט דער ביסקופ געעפנט די טירן פון דעם בנין, ווו זיי האָבן זיך באַהאַלטן, און האָט זיי געפונען שווימענדיק אין בלוט: זיי האָבן בעסער געוואָלט זיך אַליין מאַכן דעם טויט, איידער אַרײַנפאַלן אין [די הענט פון די בייזע שׂונאים. די צווילדעוועטע קרייצפאָרערס האָבן זיך איזדעקעוועט איבער די טויטע קערפּערס פון די קדושים, און די איבעריקע וואָרמסער ייִדן וואָס זײַנען נאָך געבליבן לעבן האָבן זיי צום טייל אויסגעהרגעט און צום טייל אָפּגעשמדט איבער געוואַלד. (ראש חודש סיון, 25סטן מאַי). איין בחור שׂמחה כהן, וואָס האָט אין דער דאָזיקער שחיטה פאַרלאָרן זײַן פאָטער און זײַנע ברידער, האָט באַשלאָסן פאַרן שטאַרבן זיך נוקם צו זײַן פאַרן אומקום פון זײַן משפחה: אַז מען האָט אים געבראַכט צו פירן אין קירך צום שמד, האָט ער בײַם אַלטאַר אַרויסגעכאַפּט אַ קינזשאַל וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן אונטער זײַנע בגדים און דערשטאָכן דעם ביסקופס פּלימעניק און נאָך צוויי מענטשן. דער המון האָט באַלד אויפן אָרט שמחהן צעריסן אויף שטיקער. ערשט ווען די קרייצפאָרערס זײַנען אַוועק פון וואָרמס, האָט מען די קדושים געבראַכט צו קבֿר ישׂראל. סך הכּל זײַנען אומגעקומען דאָרט 800 נפשות.

אין די זעלביקע טעג האָט אַן אַנדער באַנדע קרייצפאָרערס אונטערן אָנפיר פון דעם ווילדן גראַף עמעריך אָדער עמיכאָ זיך דערנעענטערט צו מ אַ י נ ץ, דעם גרעסטן גײַסטיקן צענטער פון דײַטשן ייִדנטום. איבערגעשראָקן דורך די ידיעות פון שפּײַער, האָבן די ייִדן זיך געווענדט נאָך הילף צום מאַינצער אַרציביסקופ רוטהאַרד. באַקומען פון די ייִדן אַ גרויסע סומע געלט, האָט דער ביסקופ געלאָזט די ייִדן באַהאַלטן זיך אין זײַן הויף, האָט אַרומגעשטעלט אַ וואַך און צוגעזאָגט זיי צו שיצן. ווען עמיכאָ מיט זײַן חייל איז צוגעגאַנגען צו מאַינץ, האָט ער געפונען די טויערן פון דער שטאָט פאַרשלאָסן. נאָר זײַנע אָנהענגער פון צווישן די שטאָטלײַט האָבן אים געעפנט די טויערן, און אַזוי האָבן די רויבער פאַרכאַפּט די שטאָט. די ייִדן וואָס

האָבן זיך געפונען אין אַרציביסקופס הויף האָבן זיך גענומען פאַר געווער און אונטער דער אָנפירונג פון דעם ראש־הקהלה קלונימוס בן משולם האָבן זיי זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן זיך מיט דער הילף פון דער הויפישער וואַך; נאָר אין דער לעצטער מינוט איז די וואַך זיך צעלאָפן, און דער פּחדנות־דיקער ביסקופ וואָס האָט געבראָכן זײַן וואָרט איז אַוועק, איבערגעלאָזן די ייִדן אויפן באַראָט פון די מערדער. אַז די ייִדן האָבן אײַנגעזען, אַז זיי קענען זיך ניט אַנטקעגנשטעלן קעגן די קרייצפאָרערס, האָבן טייל פון זיי גענומען זיך דאָס לעבן, און די איבעריקע זײַנען אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די רוצחים. אין איין באַפעסטיקטן טייל פון פּאַלאַץ האָט אַ הײַפל ייִדן זיך פאַרטיידיקט אַ גאַנצן טאָג, און ווען זייערע כּוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט, האָבן זיי זיך גענומען דאָס לעבן (3 טעג אין סיוון, 29סטן מאַי). מער ניט קלונימוסן און אַ פּופצן מיטגלידער פון דער קהילה האָט אָפּגעגליקט זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַ פאַרבאָרגענעם אָרט פון אַ קירך, ווו מען האָט זיי ניט באַמערקט. פון דאָרט זײַנען זיי אַנטרונען געוואָרן און האָבן זיך אַ שטיקל צײַט אויסבאַהאַלטן אין דער סביבה פון מאַינץ. אַז מען האָט זיי געפונען, האָט דער ביסקופ פאָרגעלייגט קלונימוסן זיך אונטערצוגעבן און צו לאָזן זיך שמדן. אָבער דער ראש־הקהלה האָט מיט פאַראַכטונג אָפּ־געוואָרפן דעם פאָרשלאָג. אים און די איבעריקע אַנטרונענע האָבן דער־הרגעט די דאָרפסלײַט, וואָס זײַנען צוגעשטאַנען צו די קרייצפאָרערס. די עטלעכע ייִדן אין מאַינץ וואָס האָבן אין טויטשרעק אָנגענומען קריסטנטום האָבן זיך געפלײַסט אויסצוקויפן זייער זינד. די מיטגלידער פון דער קהילה מר יצחק מיט צוויי קינדער און זײַן פרײַנד אוריה, געפּײַניקט דורך חרטה־געפיל, האָבן זיך גענומען דאָס לעבן אויף אַ שרעקלעכן אופן: יצחק האָט צו ערשט געקוילעט זײַנע צוויי קינדער און אונטערגעצונדן זײַן הויז, און דערנאָך האָבן ער און אוריה זיך פאַרברענט אין דער שול. אין דער דאָזי־קער שׂרפה איז אַוועק מיטן פײַער אַ גרויסער טייל שטאָט. די צאָל פון די ייִדן וואָס זײַנען אומגעקומען אין מאַינץ דערגרייכט ביז 1100.

אַ כראָניסט פון יענער צײַט, ר׳ שלמה בן שמעון ממגנצא (מאַינץ), גיט די ווײַטערדיקע מאָומדיקע שילדערונג פון דער גזרה אין מאַינץ: [1]

„דרײַ טעג אין סיוון אין איינעם פון די שלשת ימי הגבלה פאַר מתּן תּורה, ווען משה רבנו האָט געזאָגט: „זײַט גרייט צום דריטן טאָג״, זײַנען דערהויבן געוואָרן די לויטערע און הייליקע נשמות פון דער קהילה קדושה מגנצא און האָבן זוכה געווען זיך צו באַהעפטן מיט דער שכינה... אַרום

---

1 דער דאָזיקער פראַגמענט, וואָס ווערט דאָ ציטירט מיט קיצורים, געפינט זיך אויך אין צוויי אַנדערע כראָניקעס (פון רבי אליעזר בן נתן און פון אַן אַנאָנים).

האַלבן טאָג איז געקומען דער רשע עמיכאָ, דער שונא פֿון ייִדן, מיט זײַן גאַנצן חייל, און די שטאָטלײַט האָבן געעפֿנט פֿאַר אים די טויערן. די שונאים פֿון גאָט האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „זעט, די טויערן זײַנען אָפֿן, איצט לאָמיר נעמען נקמה פֿאַרן בלוט פֿון געקרייציקטן". אַז די זין פֿון הייליקן בונד האָבן דערזעען דעם דאָזיקן המון אָן אַ צאָל, האָבן זיי אָנגעטאָן שילדן און אָנגעגורט זיך מיט כּלי-זיין, און בראש פֿון זיי דער פּרנס רבי קלונימוס בן משולם. נאָר פֿון די פֿיל פֿײַן און תּעניתים זײַנען זיי אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן זיך קעגן די שונאים... אין דעם אינעווייניקסטן הויף פֿון דעם ביסקופּס הויז זײַנען באַוואָפֿנטע ייִדן צוגעגאַנגען צו די טויערן, בכדי מלחמה צו האַלטן מיט די ריקים (די קרייצפֿאָרערס) און שטאָטלײַט, בײַ די טויערן איז פֿאָרגעקומען אַ שלאַכט, און בעוונותינו הרבים האָבן גובֿר געווען די שונאים. זיי זײַנען אַרײַן אין הויף. אַז די זין פֿון הייליקן בונד האָבן דערזעען, אַז עס איז נגזר געוואָרן אויף זיי דער דין, האָבן זיי אַלע, אַלט און יונג, בתולות און קינדער, משרתים און דינסטן, געגומען שרײַען צו זייער פֿאָטער אין הימל, באַווייגענדיק זייער לעבן און מצדיק זײַנענדיק אויף זיך דעם גזר-דין פֿון אייבערשטן. זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „לאָמיר זיך שטאַרקן, כּדי אויסצוהאַלטן דאָס וואָס עס לייגט אויף אונדז אַרויף די הייליקע אמונה... באַלד וועלן אונדז אַוועקהרגען די שונאים, אָבער הרג איז דאָך די גרינגסטע פֿון די אַרבע מיתות בית-דין, דערפֿאַר אָבער וועלן אונדזערע נשמות בלײַבן גאַנץ פֿאַרן אייביקן ליכטיקן גן-עדן. ווײַל איז דעם, וואָס קומט אום פֿאַרן הייליקן און אייביקן נאָמען: אויף יענער וועלט וועט ער זיצן אין דער מחיצה פֿון רבי עקיבֿא און זײַנע חבֿרים, וואָס זײַנען אומגעקומען אויף קידוש השם"... דעמאָלט האָבן אַלע געגומען שרײַען: „איצט איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן. די שונאים גענענען. לאָמיר גיכער זיך ברענגען אַ קרבן פֿאַר גאָט. ווער עס האָט אַ מעסער, זאָל אים אַרומקוקן, צי איז אויף דעם ניטאָ קיין פּגימה, און זאָל ער אונדז שעכטן על קידוש השם פֿון דעם איינציקן און הייליקן, און דערנאָך זאָל ער זיך אַליין איבערשנײַדן דעם האַלדז אָדער אַרײַנשטעכן דאָס מעסער אין בויך"...

„אַז די שונאים זײַנען אַרײַן אין הויף, האָבן זיי געזען, ווי אָט די אַלע צדיקים מיט אונדזער רבֿ רבי יצחק בן משה, אײַנגעהילט אין טליתים מיט ציצית, זיצן אין הויף. ער (דער רבֿ) האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַלדז, און אים האָט מען דעם ערשטן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, און די איבעריקע זײַנען געבליבן זיצן גרייט צו טון דעם רצון פֿון זייער באַשעפֿער. די שונאים האָבן אויף זיי געוואָרפֿן שטיינער און געשאָסן פֿײַלן, אָבער אונדזערע זײַנען ניט אַנטלאָפֿן, און מען האָט זיי אַלעמען אויסגעהרגעט. ווען די וואָס

זײַנען געווען אין די חדרים האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי בעסער געוואָלט זיך ברענגען פאַר אַ קרבן. דאָרט האָבן פרויען זיך אָנגענומען מיט גבֿורה און האָבן געקוילעט זייערע זין און טעכטער און דערנאָך זיך אַליין. מענער האָבן געקוילעט זייערע ווײַבער און קינדער. אַ צאַרטע מוטער האָט געטייט איר געליבט קינד. בתולות, כּלות און חתנים האָבן געקוקט דורך די פענצטער און האָבן הויך געשריִען: „זע, גאָט, וואָס מיר טוען פון דײַן הייליקן נאָמען וועגן!"... די אײַנוווינער פון מגנצא זײַנען בײַגעשטאַנען דעם נסיון, וואָס מיט אים איז געפּרוּווט געוואָרן אבֿרהם אבֿינו: זיי האָבן געבראַכט אַ קרבן זייערע קינדער, אַזוי ווי אבֿרהם האָט זיך געגרייט מקריבֿ צו זײַן יצחקן. אַ פאָטער האָט מקריבֿ געווען זײַן זון, אַ ברודער זײַן שוועסטער, אַ מאַמע איר טאָכטער, אַ שכן זײַן שכן, אַ חתן זײַן כּלה, איטלעכער האָט געבראַכט אַ קרבן און איז אַליין אַ קרבן געוואָרן. און אויסגעמישט האָט זיך דאָס בלוט פון עלטערן מיטן בלוט פון זייערע קינדער, דאָס בלוט פון שוועסטער און ברידער, פון רביים און תּלמידים, פון חתנים און כּלות, פון חזנים און סופֿרים, פון זייגקינדער און זייגערינס. זיי אַלע זײַנען געשאָכטן געוואָרן פאַר דער איינציקייט פון דעם הייליקן און פאָרכטיקן נאָמען. ווער האָט געהערט אָדער געזען עפּעס אַזוינס? צי איז זינט אָדם הראשונס צײַטן געווען אַזאַ עקדה פון אַן עם רבֿ — טויזנט מיט הונדערט קרבנות אין איין טאָג?"

נאָך מאַינץ איז געקומען די ריי פון קעלן, דעם עלטסטן ייִדישן ייִשובֿ אין דײַטשלאַנד. אַרומגעכאַפּט פון שרעק האָבן די קעלנער ייִדן זיך געבעטן רחמים בײַם אָרטיקן ביסקופּ און בײַ די שטאָטלײַט, זיי זאָלן זיי שיצן. פון רחמנות וועגן האָבן אַ סך קריסטלעכע אײַנוווינער פון קעלן אויסבאַהאַלטן אין זייערע הייזער זייערע ייִדישע שכנים. ווען דער צעווילדעוועטער המון פון די קרייצפאָרערס האָט אום שבֿועות (30 מאַי) זיך אַרײַנגעריסן אין די ייִדישע הײַזער, האָבן זיי זיי געפונען ליידיק און האָבן זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן פאַרברענט די הײַזער און די שול צוזאַמען די הייליקע ספֿרים, וואָס זײַנען דאָרט געווען. בכדי אָפּצוראַטעווען די ייִדן אויף דער נאָענטסטער צײַט האָט דער מענטשנפֿרײַנדלעכער ביסקופּ פון קעלן הערמאַן III בשתּיקה אַרויסגעפירט אַ סך ייִדן פון שטאָט און האָט זיי געלאָזט זיך באַהאַלטן אין זיבן אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, וואָס האָבן געהערט צו אים. דרײַ וואָכן האָבן די ייִדן פאַרבראַכט אין דעם ביסקופּס מאַיאָנטקעס אַרײַנגעטאָן אין תּענית און תּפֿילה, אָבער די „שערי רחמים זײַנען געווען פאַרשלאָסן". די קרייצפאָרערס האָבן אויסגעפונען די אומגליקלעכע אין זייערע באַהעלטענישן. אין די שטעטלעך רייסע, וועלפלינגהאָפן און קסאַנטן זײַנען אַלע קעלנער פּליטים, וואָס זײַנען דאָרט געפונען

געוואָרן, אויסגעהרגעט געוואָרן אָדער אָפּגעשמדט איבער געוואַלד. אומעטום האָבן ייִדן אַרויסגעוויזן אַ ניט־געוויינטלעכע שטאַנדהאַפטיקייט און זײַנען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ געגאַנגען צום טויט פֿאַרן גלויבן. גרויס איז געווען די צאָל פֿון די וואָס האָבן אַליין זיך גענומען דאָס לעבן. גאַנצע משפחות האָבן זיך געוואָרפֿן אין ריין אַרײַן מיטן געשריי „שמע ישראל" און זײַנען דערטרונקען געוואָרן (יוני 1096).

די ייִדן פֿון ט ר י ר, וואָס זײַנען ניצול געוואָרן אין די פּסח־טעג, בשעת עס איז דורכגעגאַנגען דער חייל פֿון פּעטער פֿון אַמיען, האָבן ניט אויסגעמיַדט דעם גזר־דין אין צוויי חדשים אַרום. ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די בלוטדאָרשטיקע באַנדעס דערנעענטערן זיך, האָבן טייל ייִדן געטייט זיך און זייערע קינדער, כּדי זיי זאָלן ניט דאַרפֿן זיך שמדן. אַ באַזונדער העלדישקייט האָבן אַרויסגעוויזן די פֿרויען: זיי פֿלעגן זיך אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך מאָזעל מיט ברוסטקינדער אויף די הענט. די איבעריקע ייִדן האָבן געפּועלט בײַם אַרציביסקופּ פֿון טריר עגילבערט, ער זאָל לאָזן זיי אויסבאַהאַלטן זיך אין זײַן באַפֿעסטיקטן שלאָס. דער ביסקופּ האָט געפּרוווט אָפּצוהאַלטן די קרייצפֿאָרערס פֿון דער שחיטה, נאָר ער האָט דורך דעם נאָר אויפֿגערייצט זייער כּעס אויף אים. קריסטוסעס קריגסלײַט האָבן געסטראַשעט זייער גײַסטיקן פֿירער, אַז זיי וועלן אים אַוועקהרגען, אויב ער וועט זיי ניט אַרויסגעבן די ייִדן. האָט עגילבערט געמאָלדן די ייִדן, אַז ער קאָן זיי מער ניט באַשיצן, און האָט זיי געעצהט זיך צו שמדן: „איר זעט דאָך, — האָט ער געטענעט — אין גאַנץ לאָטרינגען איז ניט געבליבן קיין איין ייִדישע קהילה". האָבן די ייִדן געענטפֿערט, אַז שמדן וועלן זיי זיך ניט: „אויב איטליכער פֿון אונדז וואָלט געהאַט צען נשמות, וואָלטן מיר זיי אַלע אַוועקגעגעבן אין נאָמען פֿון גאָטס איינציקייט און וואָלטן ניט דערלאָזט, אַז די שׂונאים זאָלן זיי מטמא זײַן". ווען די קרייצפֿאָרערס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שלאָס, האָבן אַלע ייִדן געזאָגט ווידוי און געגרייט זיך צום טויט. ווערדליג דער כראָניסט דערציילט, האָבן נאָר ווייניק „זוכה געווען" צו נעמען זיך דאָס לעבן אָדער צו פֿאַלן פֿון די שׂונאִימס הענט. דעם גרעסטן טייל פֿרויען האָט מען ניט געלאָזט זיך טייטן אַליין און מען האָט זיי איבער געוואַלד אָפּגעשמדט. די מאַנצבילן האָבן נאָך פֿײַנלעכע קווענקלענישן לפֿנים ווען אָנגענומען קריסטנטום. דער למדן רבי מיכה האָט זיך געלאָזט שמדן און האָט בשעת מעשׂה אין יאוש געשריִען: „גלײַכער אָנצונעמען די קריסטלעכע אמונה, איידער יעדן טאָג צו ציטערן פֿאַרן לעבן!" — אַן אומזיניקע פֿאָרם פֿון פּראָטעסט קעגן גאָט, וואָס דערלאָזט, אַז זײַן פֿאָלק זאָל פֿאַרטיליקט ווערן...

מאַסן ייִדן זײַנען געשמדט געוואָרן איבער גענוואַלד אויך אין דער גרויסער קהילה פֿון מ ע ץ. אין ר ע ג נ ס ב ו ר ג (באַיערן) איז די גאַנצע ייִדישע קהילה געוואָרן אָפּגעשמדט אויף אַן אָריגינעלן שטייגער: די קרייצפֿאָרערס און די שטאָטלײַט האָבן אַרײַנגעטריבן די ייִדן אין דונאַי, אַוועקגעלייגט אַ קרייץ אויפֿן וואַסער און אַלעמען אײַנגעטונקט אין טײַך. פֿאַרשטייט זיך, אַז ווי נאָר די קרייצפֿאָרערס זײַנען אַוועק, האָבן אָט די אַלע געצוווּנגענע משומדים זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער נײַער אמונה.

די באַנדעס קרייצפֿאָרערס האָבן געווילדעוועט אין די געגענטן צווישן ריין און דונאַי אין משך פֿון מאַי, יוני און יולי 1906 („פֿון אייר ביז תּמוז"). קיין ב ײ מ ע ן האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן אין דער צײַט, ווען דער פֿירשט וורַאַטיסלאַוו II איז געווען פֿאַרנומען אין אַ מלחמה מיט פּוילן, און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן די רציחות פֿון קריסטוסעס קריגסלײַט. די ייִדן פֿון פּראָג און פֿון אַנדערע שטעט האָט מען איבער גענוואַלד געשמדט, און די וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך לאָזן האָט מען דערהרגעט. אומזיסט האָט דער פּראָגער ביסקופּ קאָזמאַ געפּרוּווט אײַנטענען מיט די רוצחים, עס האָט גאָר נישט געהאָלפֿן. מער ניט אין איין שטאָט, וואָס איר נאָמען רופֿט דער כראָניסט ניט אָן, האָבן די ייִדן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט געווער אין די הענט און מיט דער הילף פֿון אַן אָפּטיילונג זעלנער, וואָס דער פֿירשט האָט צוגעשיקט, האָבן זיי די קרייצפֿאָרערס אָפּגעטריבן.

די אַלגעמיינע צאָל ייִדן, וואָס זײַנען אין די ריין־פּראָווינצן אומגעקומען אויף קידוש השם בעת דעם ערשטן קרייצצוג, שאַצט מען אויף צוואַנציק טויזנט; אייניקע אָבער האַלטן די דאָזיקע צאָל פֿאַר אַ גוזמא און רעכענען נאָר ביז פֿיר טויזנט. די ייִדן וואָס זײַנען איבער גענוואַלד געשמדט געוואָרן האָבן, באַלד ווי קרייצפֿאָרערס זײַנען אַוועק, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די מאַסקע און האָבן זיך אומגעקערט צום גלויבן פֿון זייערע אָבֿות. ווען דער קיסר היינריך IV איז געקומען צוריק פֿון איטאַליע, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ באַזונדער דעקרעט מכּוח דעם, אַז די איבער גענוואַלד געשמדטע האָבן דאָס פֿולע רעכט זיך אָפּצוזאָגן פֿון קריסטנטום (1097). היינריך IV האָט בכלל זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר די ייִדן, וואָס האָבן געליטן פֿון די קרייצפֿאָרערס. צווישן אַנדערע זאַכן האָט ער באַפֿוילן אויסצופֿאָרשן די מעשׂים פֿון דעם מאַינצער אַרציביסקופּ רוטהאַרד און זײַנע מקורבֿים, וואָס האָבן צוגענומען דאָס אייגנס פֿון די ייִדן אין מאַינץ.

אַנדערש איז זיך באַגאַנגען אין די זעלביקע אומשטאַנדן דער בײמישער פֿירשט וורַאַטיסלאַוו. די איבער גענוואַלד אָפּגעשמדטע פּראָגער ייִדן האָבן

געזוכט אַ מקום מקלט, ווו זיי זאָלן קאָנען פֿרײַ האַלטן זייער פֿרי־ערדיקן גלויבן. אַ סך האָבן זיך פֿירגענומען אַריבערצוּוואַנדערן אין דער שכנישער פּוילן און אונגערן.[1] צונויפֿגעקליבן זייערע מטלטלין, האָבן זיי געוואָלט זיי אָפּשיקן פֿאָרויס צום גרענעץ און אַליין זיך לאָזן דערנאָך אין אַ גאַנצער מחנה. בינתּים איז דער פֿירשט ווראַטיסלאַוו געקומען צוריק פֿון מלחמה. ווי ער האָט דערהערט וועגן די פּלענער פֿון די ייִדן, האָט ער באַלד געהייסן צעשטעלן אין זייערע הײַזער זעלנערס. דערנאָך האָט דעם פֿירשטס שאַצמײַסטער געלאָזט רופֿן צו זיך די פּרנסים פֿון דער קהילה און האָט זיי געמאָלדן אין ווראַטיסלאַווס נאָמען, אַז זיי זאָלן ניט דערוועגן זיך אַרויסצופֿירן זייער אייגנס, וואָרעם לויטן געזעץ געהער דאָס דעם מלוכה=אוצר. „איר — האָט ער געזאָגט צו די ייִדן — האָט דאָך פֿון אײַער ירושלים קיין שום רײַכטימער ניט געבראַכט מיט זיך קיין בעמען. אײַך האָט באַזיגט אַספּסינוס, און איר זײַט פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר קנעכט און צעזייט געוואָרן איבער אַלע לענדער. נאַקעט זײַט איר אַרײַנגעקומען אין לאַנד, און נאַקעט מוזט איר אַוועקגיין. וואָס איז שייך דאָס, וואָס איר האָט געפֿעלשט אין דער קירך, זאָל זיך דערפֿאַר רעכענען מיט אײַך דער ביסקופּ קאָזמאַ“. אַזוי אַרום זײַנען די פּראָגער ייִדן אַרומגענומען געוואָרן אין גאַנצן, מען האָט זיי איבערגעלאָזט נאָר דאָס בייטיקסטע אויף אויפֿצוהאַלטן זיך בײַם לעבן פֿאַרן אָפּפֿאָר (1098). וואָס איז מיט זיי געוואָרן שפּעטער, איז ניט באַוווּסט. אַ סך האָבן קענטיק עמיגרירט, די איבעריקע האָבן געמוזט בלײַבן אין ביימען.

דער שרעקלעכער קלאַפּ, וואָס דאָס ייִדנטום האָט געקראָגן דורכן ערשטן קרייצצוג, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך טיפֿע שפּורן. אַזעלכע מאַסנהאַפֿטיקע גזירות אויף ייִדן זײַנען אין מיטל=אייראָפּע דעמאָלט פֿאָרגעקומען צום ערשטן מאָל. דער תּהום צווישן דער ייִדישער און דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט איז טיפֿער געוואָרן. דער קרייץ איז געוואָרן אַ סימבאָל פֿון שרעק פֿאַר יענע, וואָס פֿאַר זיי זײַנען די טרעגער פֿון קרייץ געוואָרן תּליונים, פֿאַרדאַרבערס פֿון גוף און נשמה. די שטימונג פֿון די ייִדן אין דײַטשלאַנד איז פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן אויף דורות. אָפּקלאַנגען פֿון אָט דער פֿינצטערער שטימונג זײַנען צו אונדז דערגאַנגען אין אַ סך קינות און סליחות, וואָס זאָגנדיק זיי אין די שולן און בתּי=מדרשים האָט די אויף פּײַן פֿאַרמשפּטע נאַציע יאָרהונדערטער לאַנג פֿאַרגאָסן ביטערע טרערן.

1 וועדליק עס איז צו זען פֿון אַ נײַ געפֿונענעם דאָקומענט, איז אַ גרופּע ייִדישע פּליטים פֿון דײַטשלאַנד שוין אין דער צווייטער העלפֿט פֿון יאָר 1096 דערגאַנגען ביז ביזאַנץ, משמעות דורך אונגערן. זע ווײַטער § 53.

§ 34. דער צווייטער קרייצצוג (1147–1146)

דאָס „קיניגרייך פון ירושלים", וואָס די קרייצפאָרערס האָבן געגרינדעט אין ארץ־ישׂראל, איז נאָך עטלעכע צענדלינג יאָר פון זײַן עקסיסטענץ געשטאַנען אונטער אַ סכּנה, ווײַל עס האָבן זיך געשטאַרקט די מוסלמאַנער אין סיריע. האָבן דעריבער דער פּויפּס אייגעניוס III און דער באַרימטער פראַנצייזישער אַבאַט בערנאַרד פון קלערוואָ געגומען רופן די מערבדיקע קריסטן צו אַ נײַעם קרייצצוג קיין אַזיע. דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דעם קרייצצוג איז געווען דער פראַנצייזישער קיניג לודוויג VII, און שפּעטער איז אויך צוגעשטאַנען דער דײַטשער קיסר קאָנראַד III (1146–47).

בכדי מען זאָל קאָנען גרינגער אַרײַנקריגן פרײַוויליקע פאַר דעם נײַעם קרייצצוג, האָט דער פּויפּס אייגעניוס III אין אַ באַזונדער בולע געלאָזט אויסרופן, אַז איטלעכער פרײַוויליקער ווערט, צווישן אַנדערע זאַכן, באַפרײַט פון צו צאָלן פראָצענטער זײַנע קרעדיטאָרן. דאָס האָט דער עיקר אָנגערירט די אינטערעסן פון די יידן, וואָס האָבן אין יענער צײַט, ווען אין דײַטשלאַנד און פראַנקרײַך זײַנען ניט געווען קיין קרעדיט־אַנשטאַלטן, זיך מער פון אַלעמען פאַרנומען מיט הלוואה־געשעפטן. ווערדליג עס שרײַבט דער יידישער כראָניסט, האָט דער פראַנצייזישער קיניג דערלויבט די קרייצפאָרערס בכלל ניט צו צאָלן קיין חובות יידן. צו נאָך שטרענגערע טריט קעגן יידן האָט גערופן איינער פון די הייליקסטע אַגיטאַטאָרן פאַר דעם נײַעם קרייצצוג, דער פאַנאַטישער מאָנאַך פּעטער פון קלוני (פּעטרוס ווענעראַביליס). פּעטער האָט פון דער נײַער באַוועגונג געוואָלט מאַכן אַ געצײַג פאַר דער סיסטעמאַטישער אונטערדריקונג פון יידן. „צוליב וואָס, – האָט ער געשריבן צום קיניג פון פראַנקרײַך, – באַדאַרפן מיר זוכן קריסטוסעס שׂונאים אין ווײַטע לענדער, בעת ווען די גאָטלעסטערישע יידן, וואָס זײַנען אַ סך ערגער פאַר סאַראַצענער, לעבן צווישן אונדז און באַליידיקן אומבאַשטראָפט קריסטוסן און די קירכלעכע הייליקטימער?... איך פאַרלאַנג ניט, אַז מען זאָל אָט די מענטשן, וואָס איבער זיי הענגט אַ קללה, איבערגעבן צום טויט, וואָרעם עס שטייט געשריבן: איר זאָלט זיי ניט טייטן! גאָט וויל ניט, אַז מען זאָל זיי אויסוואָרצלען, נאָר אַז זיי זאָלן, פּונקט ווי דער ברודער־מערדער קין, ווײַטער לעבן צוליב גרויסן פּײַן און צוליב גרויסער שאַנד, אַזוי אַז דאָס לעבן זאָל זיי זײַן ביטערער ווי דער טויט. זיי זײַנען פאַרשקלאַווט, נעבעכדיק, דערשטיקט, שרעקעוודיק – און אַזעלכע דאַרפן זיי בלײַבן, ביז זיי וועלן פאַרקערעווען אויפן וועג פון אויסלייזונג". פּעטער האָט געפאָדערט, אַז דער קיניג זאָל צונעמען בײַ די יידן זייער געלט און פאַרמעגן אויף צו דעקן די הוצאות אויפן קרייצצוג, וואָרעם אַ סך יידן זײַנען רײַך געוואָרן אויפן חשבון פון

קריסטן און זיי האַלטן זיך ניט אָפּ אַפֿילו פֿון אויפֿקויפֿן קירכלעכע חפֿצים. — צו פֿאַרטיידיקן די ייִדן איז אַרויסגעטראָטן בערנאַרד פֿון קלערוואָ. ער האָט געהאַלטן פֿאַר ריכטיק די פּויפּסלעכע בולע וועגן דעם, אַז די קרייצפֿאָרערס זײַנען פּטור פֿון צו באַצאָלן פּראָצענטער זייערע קרעדיטאָרן, ער האָט אָבער געוואָרנט קעגן דעם, אַז מען זאָל בײַ ייִדן אָפּנעמען זייער אייגנס און באַגיין עוולות קעגן זיי. אין זײַן בריוו צו די אײַנוווינער פֿון מזרח־פֿראַנקרײַך און בײַערן, וואָס ער האָט זיי גערופֿן צו נעמען אַן אָנטייל אין קרייצצוג, האָט דער פֿרומער אַבאַט זיי צוגערעדט, זיי זאָלן די ייִדן ניט רודפֿן. גאָט האָט צעזייט דאָס דאָזיקע פֿאָלק איבער אַלע לענדער, כּדי עס זאָל אָפּקומען פֿאַר זײַן זינד קעגן קריסטוסן, אָבער דאָס פֿאָלק ישׂראל וועט נאָך אַרויפֿגיין אויפֿן ריכטיקן וועג אין יענער צײַט, ווען עס וועט אָנשטיין דער אונטערגאַנג פֿון דער וועלט און דער שרעקלעכער יום־הדין. ווען מען וועט אָבער ייִדן אויסהרגענען, וועלן זייערע קינדסקינדער זיך ניט דערוואַרטן אויף דער אָנגעזאָגטער אויסלייזונג אין אַחרית הימים.

אין פֿראַנקרײַך האָט די פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַזעלכע פֿאַנאַטיקער ווי פּעטער פֿון קליני ניט געקאָנט דעמאָלט האָבן קיין ווירקונג: ניט דער קיניג, ניט זײַנע קלוגע יועצים, די אַבאַטן סוגעריוס און בערנאַרד, וואָלטן ניט דערלאָזט צו קיין גוואַלד־מעשׂים איבער דער פֿרידלעכער ייִדישער באַפֿעלקערונג. אַנדערש איז געווען אין דײַטשלאַנד. דאָ האָט דער קיסר קאָנראַד III אויך באַשיצט די ייִדן, אָבער זייער פֿײַנטלעך געשטימט צו זיי איז געווען די דײַטשע פֿאָלקסמאַסע, וואָס אין איר האָבן נאָך געטליִעט די פֿונקען פֿון דעם פֿאַנאַטיזם, אָנגעצונדן דורך דעם ערשטן קרייצצוג. די דאָזיקע פֿונקען האָט פֿונאַנדערגעבלאָזן צו אַ גוואַלדיקער שׂרפֿה דער ווילדער פֿאַנאַטיקער פֿון דער קירך, דער פֿינצטערער מאָנאַך רודאָלף (ראַדולף). ער האָט אייגנוויליק פֿאַרלאָזט זײַן קלויסטער און געלאָזט זיך גיין פֿון שטאָט צו שטאָט דרשענדיק, אַז דעם נײַעם קרייצצוג דאַרף מען אָנהייבן מיט אָפּשמדן ייִדן אָדער זיי אויסהרגענען. אין דער געגנט אַרום קעלן און שפּײַער זײַנען געפֿאַלן די ערשטע קדושים פֿון דעם צווייטן קרייצצוג. נאָר אין אַ סך ערטער האָבן ייִדן, אָנגעלערנט דורך דער ביטערער ערפֿאַרונג פֿון 1096, זיך פֿאַרהיט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע: זיי האָבן געצאָלט גוואַלדיקע סומעס געלט די פֿעאָדאַלע פֿירשטן און בישקופֿן, כּדי זיי זאָלן זיי דערלויבן זיך אויסצובאַהאַלטן צײַטווײַליק אין זייערע באַפֿעסטיקטע שלעסער און הויפֿן. דער קיסר קאָנראַד אַליין האָט געלאָזט ייִדן זיך באַהאַלטן אין זײַנע ירושה־לענדער, אין דער שטאָט נ י ר נ ב ע ר ג און אַנדערע פֿעסטונגען. פֿאַר אַ גרויסער סומע געלט האָט דער קאַרדינאַל־בישקופֿ פֿון קעלן אַרנאָלד אָפּגעגעבן אין רשות פֿון די דאָרטיקע ייִדן די פֿעסטונג װ א ָ ל ק ע נ ב ו ר ג און האָט זיי דערלויבט זיך

צו פֿאַרטיידיקן קעגן אָנפֿאַלן מיט געווער אין די הענט. אין די באַפֿעסטיקטע ערטער האָבן ייִדן ווי עס איז געקענט זיך נאָך ראַטעווען, אָבער ווי נאָר עמעצער האָט פֿאַרלאָזן זײַן באַהעלטעניש, איז ער באַלד געפֿאַלן אַ קרבן פֿון די באַנדעס קרייצפֿאָרערס וואָס האָבן אומעטום אַרומגעשנאָרעט. עס האָט אויפֿגעהערט די זיכערקייט פֿון די וועגן, און אין לאַנד האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן אַנאַרכיע.

דער דאָזיקער צושטאַנד פֿון אַנאַרכיע האָט געצווונגען די פֿירשטן פֿון דער קירך אַ טראַכט צו טון וועגן די געפֿערלעכע רעזולטאַטן וואָס עס קאָן האָבן די העצערישע אַגיטאַציע פֿון דעם מאָנאַך רודאָלף. לויט דער בקשה פֿון דעם מאַינצער אַרציביסקופּ האָט בערנאַרד פֿון קלערוואָ, דער גרעסטער אויטאָריטעט פֿון דער קירך אין יענער צײַט, פֿאַרעפֿנטלעכט אַ שריפֿט, ווו ער האָט שאַרף געטאַדלט רודאָלפֿס אַגיטאַציע און דערוויזן, אַז רדיפֿות אויף ייִדן זײַנען דערווידער דעם גײַסט פֿון דער אמתער קירך, וואָס מוז האָבן בטחון אין דעם, אַז דאָס פֿאָלק ישׂראל וועט זיך נאָך באַקערן צו קריסטוסן. אויף זײַן נסיעה קיין דײַטשלאַנד, בכדי צוצורײַדן קאָנראַד III וואָס גיכער אַרויסצומאַרשירן קיין מזרח, האָט בערנאַרד זיך אָפּגעשטעלט אויך אין די ריינישע שטעט (נאָוועמבער 1146). דאָ האָט ער מיט זײַנע דרשות געפּרוווט צו ווירקן קעגן רודאָלפֿס אַגיטאַציע. אין מאַינץ האָט בערנאַרד זיך געטראָפֿן מיט רודאָלפֿן און האָט אים שטאַרק אויסגערעדט, פֿאַר וואָס ער העצט קעגן ייִדן, און אים געהייסן זיך אומקערן אין זײַן קלויסטער. נאָר דער המון האָט אויפֿגענומען בעסער רודאָלפֿס רשעותדיקע רייד, איידער בערנאַרדס דרשות וואָס זײַנען אויסן געווען צו באַרויִקן די געמיטער.

די לײַדנשאַפֿטן פֿון פֿאָלק זײַנען געווען צערייצט, און אײַנשטילן זיי איז געווען שווער. אין גיכן האָט מען אין דער געגנט פֿון ווירצבורג געפֿונען אַ צעקאַלטשטעטן הרוג אַ קריסט, און די קרייצפֿאָרערס האָבן אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז דאָס זײַנען ייִדן שולדיק אין דעם מאָרד. אין פֿעברואַר 1147 (25 טעג אין אדר) איז אַ באַנדע קרייצפֿאָרערס אָנגעפֿאַלן אויף די ווירצבורגער ייִדן און דערהרגעט פֿון זיי איבער צוואַנציק מאַן; צווישן די דערהרגעטע איז געווען אויך דער רבֿ רבי יצחק בן אליקים, אַן עניו און אַ מענטש מיט אַ גוטן האַרץ; ער איז דערהרגעט געוואָרן מיט אַ שווערד, ווען ער איז געזעסן פֿאַרטיפֿט אין אַ ספֿר. דער ביסקופּ פֿון ווירצבורג האָט דערלויבט מקבר צו זײַן די אויף שטיקער צעהאַקטע קערפּערס פֿון די קדושים אין זײַן גאָרטן; שפּעטער האָט די ייִדישע קהילה דעם גאָרטן אָפּגעקויפֿט און געמאַכט פֿאַר אַ בית־עלמין. די לעבן געבליבענע ייִדן זײַנען אַנטלאָפֿן געוואָרן אין אַ באַפֿעסטיקטן שלאָס הינטער דער שטאָט.

אין פרילינג 1147, ווען די פאראייניקטע דייטש-פראנצייזישע קרייצ-פארער-ארמיי האט זיך געגרייט צום גרויסמארש אונטער דעם אנפיר פון די מלכים, זיינען ווידער פארגעקומען פאגראמען קעגן יידן אין אייניקע געביטן פון פראנקרייך. אין קארענטאן האבן יידן, צונויפגעקליבן אין איין הויף, זיך א לאנגע צייט פארטיידיקט קעגן די אנפאלנדיקע קרייצפארערס, פארוווּנדעט און דערהרגעט עטלעכע, נאר סוף כל סוף זיינען זיי אלע געפאלן אונטער די קלעפ פון די פארביטערטע שונאים, וואס האבן זיך אריינגעכאפט אין הויף פון א הינטערשטן גאנג. אין דער שטאט ראמערי (רומרוג) איז דער המון אנגעפאלן אויף די יידן דעם צווייטן טאג שבועות. די פאגראמשטשיקעס האבן זיך אריינגעריסן אין הויז פון דעם בארימטן ראש פון די פראנצייזישע רבנים, רבנו יעקב תם, האבן צעראבירט זיין פארמעגן, צעריסן די הייליקע ספרים און אים אליין ארויסגעשלעפט אין פעלד. דא האבן זיי אים געמאכט פינף וווּנדן אין קאפ און געזאגט: „דו ביסט דאך א גדול בישראל, דעריבער דארפן מיר אן דיר נקמה נעמען פאר די פיין פון אונדזער געקרייציקטן אויסלייזער". דערווייל איז פארבייגעריטן איבערן פעלד עפעס א ריטער, וואס האט געקענט רבי יעקבן. האט ר׳ יעקב גענומען זיך בעטן ביי אים, ער זאל אים ראטעווען, און צוגעזאגט דערפאר צו שענקען אים א טייערן פערד. דער ריטער האט איינגערעדט דעם המון, זיי זאלן דעם רב אים אוועקגעבן, און האט פארזיכערט, אז ער וועט אים צווינגען אנצונעמען קריסטנטום. א דאנק אט דעם שפיצל איז געראטעוועט געווארן פון טויט איינער פון די גרעסטע גייסטיקע פארשטייער פון דעם דעמאלטיקן יידנטום. ערשט ווען די פראנצייזישע און דייטשע קרייצפארערס זיינען אוועק אין די מזרח-לענדער, האבן יידן פרייער אפגעאטעמט: די וואס האבן זיך אויסבאהאלטן אין שלעסער און פעסטונגען האבן גענומען ארויסגיין פון זייערע באהעלטענישן, און די איבער געוואלד געשמדטע האבן זיך אומגעקערט צו זייער אלטער אמונה (אויגוסט 1147).

§ 35. די ווירקונג פון די קרייצצוגן אין פראנקרייך. די רדיפות אונטער פיליפ אויגוסט.

די גזרות פון די קרייצצוגן האבן געטראפן די יידן פון פראנקרייך אין דער תקופה, ווען אין דעם דאזיקן לאנד האט זיך געהאט איינגעפעסטיקט א גרויסער קולטור-צענטער פון דער דיאספארע. יידן זיינען געווען אונטערנעמער אין אינדוסטריע און האנדל, האבן געהאט זייער אייגנס גרויסע מאיאנטקעס, האבן פארמאגט הייזער אין פאריז און אין פראווינציעלע שטעט. זייערע קהילות זיינען געווען לחלוטין אויטאנאם. דעם עלטסטן פרנס (פרע-

וואָ), וואָס איז געשטאַנען בראָש פֿון איטלעכער קהילה, פֿלעגן אויסקלײַבן אירע מיטגלידער, און עס פֿלעגט אים באַשטעטיקן דער קיניג אָדער דער פֿעאָדאַלער באַראָן, וואָס צו אים האָט געהערט די געגעבענע שטאָט. דער פּרנס האָט געזאָרגט וועגן דעם, אַז עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די קאָרפּאָראַטיווע רעכט פֿון דער קהילה און אַז זי זאָל אויספֿירן אַלע אירע התחייבֿותן לגבי דער מאַכט, און דער רבֿ האָט רעגולירט דאָס גײַסטלעכע לעבן. די רבנים און תּלמידי חכמים פֿלעגן ניט אויסמײַדן צו טרעפֿן זיך מיט פֿאָרשטייער פֿון דער קריסטלעכער גײַסטלעכקייט און פֿלעגן אָפֿט, לויטן מנהג פֿון יענע צײַטן, פֿירן מיט זיי רעליגיעזע וויכּוחים. בעת די דאָזיקע וויכּוחים פֿלעגן די ייִדישע תּלמידי חכמים זיך האַלטן פֿרײַ; בײַם אָפּשלאָגן טענות קעגן דער ייִדישער אמונה פֿלעגן זיי אַליין אָפֿט מאָל ווערן אַגרעסיוו און מיט שאַרפֿע קשיות אָפּפֿרעגן די הויפּט־יסודות פֿון דער קריסטלעכער דאָגמע.

די אַלגעמיינע איבערקערעניש, וואָס די קרייצצוגן האָבן אָנגעמאַכט אין דעם סאָציאַלן און גײַסטיקן לעבן פֿון די פֿעלקער פֿון מיטל־אייראָפּע, האָט זיך אָפּגערופֿן אויך אויפֿן לעבן פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן. עס זײַנען אָפּטער געוואָרן די פֿאַרבינדונגען צווישן אייראָפּע און אַזיע, אין דעם האַנדל מיט די מזרח־לענדער זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אַ סך קריסטלעכע סוחרים, וואָס האָבן אַרויסגעשטופּט די ייִדן, די פּיאָנירן פֿון דעם צווישנפֿעלקערישן האַנדל. אין אייראָפּע גופֿא, וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך דאָס שטאָטישע לעבן, וואַקסט די צאָל קריסטלעכע סוחרים אויפֿן חשבון פֿון די ייִדן, וואָס ווערן אַלץ מער אָפּגעשטופּט אין געביט פֿון קליינעם האַנדל און פֿון געלט־געשעפֿטן. ייִדן זײַנען געוועזן געצוווּנגען, בפֿרט אין צפֿון־פֿראַנקרײַך, צו פֿאַרנעמען זיך מיט דעם געשעפֿט, וואָס די קירכלעכע געזעצן האָבן קריסטן פֿאַרבאָטן, הײַנו מיט אַנטלײַען געלט אויף פּראָצענט.[1] דאָס האָט ניט איין מאָל אַרויסגערופֿן געפֿערלעכע סיכסוכים צווישן די בעלי־חובֿות און די קרעדיטאָרן און האָט שפּעטער געבראַכט אויף ייִדן צרות אָן אַ סוף. מיר האָבן שוין געזען, אַז בעת דעם צווייטן קרייצצוג האָט זיך געפֿירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן ייִדן טאַקע אויפֿן סמך פֿון זייערע קרעדיט־אָפּעראַציעס, און אַפֿילו בערנאַרד פֿון קלערוואָ פֿלעגט אָנרופֿן קריסטן וואָכערניקעס „געשמדטע ייִדן". אונטער דעם קיניג לודוויג VII (1180–1137), וואָס האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ באַשיצער פֿון ייִדן, האָט די דאָזיקע אַגיטאַציע נאָך ניט געבראַכט צו קיין באַזונדערע רדיפֿות. דאָס וואָס די קריגסלײַט פֿון צווייטן קרייצצוג זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן פֿון צו צאָלן פּראָצענטן איז געווען אַן אַלגעמיינער

1 דער צווייטער און דריטער לאַטעראַן־קאָנציל (1139 און 1179) האָבן שטרענג פֿאַרבאָטן קריסטן צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַנטלײַען געלט אויף פּראָצענט, אונטער דער שטראָף פֿון ניט ווערן צוגעלאָזט צום ווידוי און צו קריסטלעכער באַגראָבעניש.

געזעץ, וואָס איז געווען געדרונגען פון דער פויפּסטלעכער בולע און האָט אָנגערירט אויך די אינטערעסן פון קריסטלעכע קרעדיטאָרן, ווי ווײַט יענע האָבן ניט אָפּגעהיט די קירכלעכע פֿאַרבאָטן. נאָר אונטער די יורשים פון לודוויג VII ווערט שוין די אַרײַנמישונג פון דער מלוכה־מאַכט אין דעםווירטשאַפטלעכן לעבן פון ייִדן אַ סיסטעמאַטישע זאַך, און זייער סאָציאַלע לאַגע ווערט אין גיכן ערגער.

צווישן די מאָטיוון פאַר דער שׂנאה צו ייִדן האָבן אין יענער תּקופה פֿאַרשטייט זיך די רעליגיעזע מאָטיוון פאַרנומען דעם ערשטן אָרט, מחמת אַלע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען אין יענער צײַט זײַנען געווען רעליגיעז באַפֿאַרבן. די אויפּרעגונג פון די גײַסטער, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן די קרייצצוגן, און דער ברענענדיקער רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנצע שיכטן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, האָט אַוועקגעשטעלט ייִדן אַזוי ווי אויף אַ ווולקאַן. די ייִדן האָבן געמוזט תּמיד ציטערן, איטלעכער אויסבראָך פון רעליגיעזע לײַדנשאַפטן האָט געקאָנט זיי ברענגען אומקום און חורבן. די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע האָט זיך געשפּײַזט מיט כּלערליי אומגעלומפּערטע קלאַנגען, וואָס האָבן געשילדערט ייִדן ווי די שרעקלעכסטע באַשעפענישן. גראָד אין יענער צײַט האָט זיך צו ערשט פֿאַרשפּרייט אין אייראָפּע יענער מיאוסער בילבול, וואָס איז זינט דעמאָלט געוואָרן איינס פון די שרעקלעכסטע געצײַג אין די הענט פון די שׂונאים פון ייִדישן פֿאָלק. פֿאַר צײַטן, אין דער רוימישער אימפּעריע, האָבן די אַלטע רוימער אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף די ערשטע קריסטן, אַז זיי זאָלן כּלומרשט כאַפּן היידן און קוילענען זיי באַהאַלטענערהייט, כּדי צו באַנוצן זייער בלוט בײַ דער קאָמוניע, — און איצט האָבן די קינדסקינדער פון יענע קריסטן אַרויסגעשטעלט אַן ערך אַזאַ בילבול קעגן ייִדן. עס האָט צווישן פֿאָלק גענומען אַרומגיין אַ קלאַנג, מען ווייס ניט פון וואַנען, אַז ייִדן טייטן בשתיקה קריסטן, בפרט פֿאַר פּסח, און חזרן איבער איבער דעם טויטן דעם אַקט פון קרייציקונג צום אָנדענק אָן דער קרייציקונג פון קריסטוסן (שפּעטער האָט נאָך די לעגענדע צוגעגעבן, אַז די ייִדן נוצן קריסטלעך בלוט בײַ דער פּסחדיקער סעודה). פּסיכאָלאָגיש לאָזט זיך דער אויפקום פון אַזעלכע בילבולים דערקלערן דערמיט, וואָס דער המון, פֿאַרשיכּורט דורך די בלוטיקע מעשׂים פון די קרייצפֿאָרערס, האָט געמוזט האָבן עפּעס אַ תּירוץ צו פֿאַרענטפֿערן די רציחות און אַרויסצושטעלן זיי ווי אַ שטראָף, וואָס עס קומט ייִדן פֿאַר די פֿאַרברעכנס, וואָס זיי טוען כּלומרשט אָפּ.

דאָס יאָר 1171 איז פֿאַר אייראָפּע דאָס אָנהייב־יאָר פון דער עלילת־דם, פון דעם „בלוט־בילבול", וואָס פֿאַרסמט דעם גײַסט און געוויסן פון די פֿינצ־

טערע קריסטלעכע מאַסן ביזן הײַנטיקן טאָג.[1] אין יענער צײַט האָבן אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון פֿראַנקרײַך גענומען פֿאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען וועגן דעם, אַז עס זײַנען געפֿונען געוואָרן קריסטלעכע הרוגים פֿאַרפּײַניקט דורך ייִדן. מען האָט דערציילט, אַז דער גוף פֿון איינעם פֿון אַזעלכע כּלומרשטע מערטירערס, וואָס מען האָט באַגראָבן לעבן אַ פּאַריזער קירך, האָט באַוויזן אַ סך מופֿתים. אויף אָט דעם יסוד פֿון אײַנגלייבענישן איז אויסגעוואַקסן די שרעקלעכע טראַגעדיע פֿון יאָר 1171. אין דער שטאָט בלואַ (Blois) איז איין מאָל דער באַדינער פֿון דעם אָרטיקן שטאָטשעף אַראָפּגעריטן פֿאַר נאַכט צום טײַך לוואַרע אָנצוטרינקען אַ פֿערד. אויפֿן ברעג האָט ער באַגעגנט אַ ייִדן, וואָס האָט געהאַלטן אַ שטיק ווײַס לעדער אין דער האַנט. אין דער טונקלקייט פֿון אָוונט האָט דאָס פֿערד זיך דערשראָקן פֿון דער שײַן און איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זײַט און דער רײַטער האָט זיך אויך איבערגעשראָקן. פֿול מיט אָנגעהערטע מעשׂיות איז דער אָבערגלייבישער באַדינער געקומען צו זײַן האַר און האָט אים דערציילט, אַז ער האָט געזען, ווי אַזוי אַן אומבאַקאַנטער ייִד האָט אַרײַנגעוואָרפֿן אין טײַך אַרײַן דעם טויטן קערפּער פֿון אַ קריסטלעכן ייִנגל. דער שטאָטשעף האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם גראַף פֿון דער געגנט טעאָבאַלד אָדער טיבאָ פֿון שאַמפּאַניע. האָט דער גראַף באַפֿוילן אַרײַנצוזעצן אין תּפֿיסה אַלע מיטגלידער פֿון דער אָרטיקער ייִדישער קהילה. אויף דער פֿרײַ איז געבליבן נאָר איין ייִדישע פֿרוי פּולצעלינע, וואָס דער גראַף איז מיט איר געווען שוין פֿון לאַנג אויפֿגעטראָגן. די דאָזיקע קלוגע און ענערגישע פֿרוי האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען בכדי צו ראַטעווען אירע אומשולדיקע פֿאָלקסברידער. דער גראַף האָט מן־הסתּם אײַנגעזען, אַז די באַשולדיקונג האָט קיין טעם ניט, און איז שוין געווען גרייט צו נעמען פֿון די ייִדן אויסקויפֿגעלט און אַרויסלאָזן זיי אויף דער פֿרײַ. ער האָט שוין אַפֿילו געפֿירט מכּוח דעם אונטערהאַנדלונגען מיט איינעם פֿון די מיטגלידער פֿון דער קהילה. אָבער איינער אַ פֿאַנאַטישער גלח וואָס איז געווען נאָענט צום גראַף האָט אים אײַנגערעדט שטרענגער אויסצופֿאָרשן די זאַך. די אויספֿאָרשער האָבן אָנגעווענדט איינעם פֿון די דעמאָלטיקע געוויינטלעכע מיטלען בײַ אַ גערעכטלעכער אויספֿאָרשונג – די אויספּרוווּנג דורך וואַסער. דעם דינער דעם באַשולדיקער האָט מען אַרײַנגעלאָזן אין טײַך אין אַ שיפֿל, וואָס

1 אין ענגלאַנד איז, ווי עס איז צו זען פֿון דעם ווײַטערדיקן (§ 36), אויפֿגעקומען אַ בלוט־בילבול עטוואָס פֿריער, אין יאָר 1146, אָבער ער האָט געהאַט נאָר אַ לאָקאַלע באַדײַטונג און איז אין אַנדערע לענדער ניט באַוווּסט געוואָרן. דער פּראָטאָטיפּ פֿון אַזעלכע באַשולדיקונגען אין אַזיע איז פֿאַרבונדן מיטן יום־טובֿ פּורים און איז אונדז באַוווּסט פֿון אַ געשעעניש לעבן אַנטיוכיא אין יאָר 415 (זע די אַלגעמיינע געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. מזרח־תּקופֿה, באַנד III, § 35).

איז געװען אָנגעפֿילט מיט „הייליקן װאַסער", און װען דאָס שיפֿל איז ניט אײַנגעזונקען, האָט מען באַשלאָסן, אַז די באַשולדיקונג איז דערװיזן. דעמאָלט האָט מען די באַשולדיקטע ייִדן אַריבערגעפֿירט אין אַ הילצערנעם טורעם, און לעבן טורעם האָט מען אָנגעצונדן אַ גרויסן שײַטער־הויפֿן. מען האָט נאָך די ייִדן פֿאָרגעלייגט זיך צו שמדן, און דעמאָלט װעט מען זיי באַגנע־דיקן, נאָר זיי האָבן זיך דערפֿון אָפּגעזאָגט, האָט מען זיי אַרײַנגעװאָרפֿן אין שטײַער־הויפֿן און פֿאַרברענט (20 טעג אין סיון — 25סטן מאַי 1171). די ייִדן זײַנען געשטאָרבן װי העלדן זינגענדיק די תּפֿילה „עלינו לשבח", דעם דאָזיקן שטאָלצן אַרויסרוף דער געצן־דינערײַ. סך־הכּל זײַנען אומגעקומען אין בלואַ אַכט און דרײַסיק קדושים, צווישן זיי איז געװען אויך פּולצעלינע. די דאָזיקע געשעעניש האָט אויפֿגעטרייסלט אַלע פֿראַנצייזישע ייִדן. רבנו יעקבֿ תּם האָט אײַנגעשטעלט צום אָנדענק פֿון די קדושים אַ תּענית־ציבור אויפֿן טאָג פֿון כ׳ סיון, און דער דאָזיקער תּענית איז נאָך אַ צײַט לאַנג אָפּגעהיט געװאָרן אין די קהילות פֿון פֿראַנקרײַך און פֿון די ריין־פּראָווינצן. דער כראָניסט פֿון יענער צײַט דערציילט, אַז די פֿאָרשטייער פֿון דער פּאַריזער קהילה זײַנען געקומען צום קיניג לודוויג VII זיך באַקלאָגן אויף דער רציחה, װאָס איז געשען אין בלואַ. האָט דער קיניג אויסגעדריקט דער דעפּוטאַציע זײַן באַדויערן און האָט זיי דערקלערט, אַז אין זײַנע אייגענע לענדער װעט ער ניט דערלאָזן, אַז װי נאָר מען װעט געפֿינען אַ הרוג אַ קריסט, זאָל מען דעם שולדיקן זוכן צווישן ייִדן. צו זײַנע באַאַמטע האָט דער קיניג צעשיקט אַ באַפֿעל, אַז בײַ אַזעלכע פֿאַלן זײַנען זיי מחויבֿ אָפּצוהיטן דאָס לעבן און האָב־און־גוטס פֿון די ייִדן.

אין צען יאָר אַרום נאָך דער טראַגעדיע אין בלואַ איז אויף לודוויג VIIנס אָרט אַרויף אויפֿן פֿראַנצייזישן טרוין דער יונגער פֿיליפּ II אויגוסט (1180–1223), װאָס זײַן באַציִונג צו ייִדן איז שוין געװען גאָר אַן אַנדערע. קינדווײַז האָט פֿיליפּ זיך אָנגעהערט פֿון זײַנע דערציִערס און חבֿרים װעגן די פֿאַרברעכנס, װאָס מען טראַכט אויס אויף ייִדן. ער האָט געװוּסט די שרעקלעכע מעשׂיות װעגן דעם, אַז אַלע יאָר אין דער װאָך פֿאַר פּאַסכע שלעפּן ייִדן אַראָפּ אין אַ הייל אַ קריסט און טייטן אים דאָרט, בכדי צו לעסטערן דורך דעם די קריסטלעכע רעליגיע; ער האָט געהערט װעגן די װונדער־געבניין פֿון אייניקע פֿון אַזעלכע כּלומרשטע מערטירערס אין דער קירך פֿון הל׳ אינאָקענטיוס אין פּאַריז; ער האָט געװוּסט, אַז אין בלואַ האָט מען פֿאַרברענט אויפֿן שטײַער־הויפֿן ייִדן, װאָס מען האָט זיי „אויפֿגעװיזן" אַזאַ פֿאַרברעך. חוץ דעם האָט מען אים פֿאַרזיכערט, אַז ייִדן זײַנען ניט געװיינט־לעך רײַך, אַז אַ העלפֿט פֿון אַלע פּאַריזער הײַזער געהערן צו זיי אָדער זײַנען בײַ זיי פֿאַרמשכּונט, אַז גײַסטלעכע פֿאַרזעצן בײַ ייִדישע מלווים גיל־

דערנע און זילבערנע כּלים פון קירך פאַר משכּנות. צוגעגרייט אויף אַזאַ אופן, האָט דער יונגער קיניג שוין איבערגענומען די רעגירונג פון לאַנד מיט אַ געפיל פון שׂנאה צו ייִדן, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ הערשגלוי־סטיקער און אַ געלטגייציקער מענטש, האָט ער געמוזט ווערן אַ בייזער טיראַן איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג פון יענער פּראָווינץ, וואָס איז געווען דאָס קיניגלעכע ירושה־לאַנד (די פּראָווינץ פון פּאַריז און אָרלעאַן, אָדער איל־דע־פראַנס).

היות ווי פיליפ אויגוסט האָט זיך געניייטיקט אין געלט בכדי צו פאַר־ברייטערן זיין טעריטאָריע און אונטערטעניק צו מאַכן זיך די פעאָדאַלן, דעריבער האָט ער באַשלאָסן, אַז גרינגער פון אַלץ וועט פאַר אים זיין אָנצופילן זיין קאַסע מיט געלט פון פאַרמעגלעכע ייִדן, און צוליב דעם דאָזיקן צוועק האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום געוואַלד־מיטלען. באַלד נאָך זיין קריינונג (מערץ 1181) האָט ער באַפוילן צו אַרעסטירן די רייכע ייִדן אין פּאַריז אום שבת, ווען זיי האָבן געדאַוונט אין שול און צונעמען זייער געלט און זייערע קליידער: „ער האָט אַזוי אַרומגענומען די ייִדן, ווי די ייִדן האָבן אָנומלט ביי יציאת מצרים אַרומגענומען די מצרים", — אַזוי רימט פיליפן זיין אייגענער ביאָגראַף. האָבן די ייִדן צונויפגעקליבן אַ גרויסע סומע (15000 מאַרק אין זילבער) און אונטערגעטראָגן דאָס געלט דעם קיניג ווי אַן אויסקויף; דעמאָלט האָט מען די אַרעסטירטע אַרויסגעלאָזט פריי. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט פיליפ אויגוסט באַפרייט די קריסטן פון באַצאָלן די חובות די ייִדישע קרעדיטאָרן, בתּנאי אַז די בעלי־חובות זאָלן אַ פינפט־חלק פון די חובות אַריינטראָגן אין דעם קיניגס קאַסע. אַ פרומער מתבודד פון ווענסען האָט געלויבט דעם קיניגס טועכץ: ווייל עס איז אַ מצווה צוצונעמען ביי ייִדן זייער עשירות. אין גיכן האָט דער געלטגייציקער קיניג אָנגענומען נאָך אַ שטרענגערן מיטל. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן וואָס וווינען אין די לענדער וואָס געהערן אים פּערזענלעך מוזן פון דאָרט זיך אַרויסקלייבן אין משך פון דריי חדשים, פון אַפּריל ביז יולי 1182. די פאַר־טריבענע האָבן געמעגט נעמען מיט זיך אָדער פאַרקויפן נאָר זייער באַוועגלעכע אייגנס, אָבער גאָר זייער אומבאַוועגלעכן אייגנטום — הייזער, פעלדער, וויינ־גערטנער, וויין־קעלטערס און שפּייכלערס — האָט דער קיניג דערקלערט פאַר זיין אייגנטום. די שולן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דער קאַטוילישער גייסטלעכקייט צו מאַכן פון זיי קירכן. [1]

---

1 עס איז פאַרבליבן נאָך אַ קיניגלעכער אַקט פון יאָר 1183 וועגן דעם, אַז דעם פּאַריזער אַרציביסקופּ איז דערלויבט איבערצובויען פאַר אַ קירך אַ סינאַגאָגע אין פּאַריז, ווו „עס האָבן פריער געוויינטלעך מתפּלל געווען ייִדן".

די פֿעאָדאַלן, וואָס מיט זיי האָט פֿיליפּ II כסדר געפֿירט אַ קאַמף, האָבן צום גרעסטן טייל דעם קיניגס רויבאַקט ניט געהאַלטן פֿאַר ריכטיק. ווען די פֿאַרטריבענע ייִדן פֿון די קיניגלעכע שטעט — פּאַריז, אָרלעאַן, בורזש — זײַנען אָנגעקומען אין די שכנישע פּראָווינצן, האָבן די אָרטיקע אומאָפּהענגיקע גראַפֿן געלאָזן זיי בלײַבן זיצן דאָרט. דער גרעסטער טייל פֿון די פֿאַרטריבענע זײַנען פֿאַרבליבן אין דער גראַפֿשאַפֿט שאַמפּאַניע. נאָר אויך אין די פֿרעמדע פּראָווינצן האָט געקאָנט דערלאַנגען די מעכטיקע האַנט פֿון דעם קיניג, וואָס האָט שטענדיק געקאָנט געפֿינען אַן אויסרייד זיך אַרײַנצומישן אין די עניבים פֿון זײַנע וואַסאַלן. אין דער שטאָט ברײַ (Brey sur Seine), אין דער גראַפֿשאַפֿט שאַמפּאַניע, האָט אַ קריסט דעם קיניגס אַן אונטערטאַן דערהרגעט אַ ייִדן. האָבן די קרובֿים פֿון דערהרגעטן זיך באַקלאָגט פֿאַר דער גרעפֿין און געפֿועלט בײַ איר, מען זאָל דעם מערדער באַשטראָפֿן: מען האָט אים אויפֿגעהאַנגען גראָד אום פּורים. עס האָבן זיך געפֿונען פֿײַנע לײַט וואָס האָבן דערציילט וועגן דעם קיניג, און פֿאַר איין וועגס נאָך צוגעפּוצט דעם אמת מיט פֿאַרשיידענע אויסטראַכטענישן, אַ שטייגער ווי דאָס, אַז די ייִדן האָבן דעם פֿאַרברעכער געבונדן די הענט, אָנגעטאָן אים אויפֿן קאָפּ אַ קראַנץ פֿון דערנער און אַזוי געשלעפּט אים איבער די גאַסן. דעמאָלט איז „דער קיניג דער רשע" (אַזוי רופֿט פֿיליפּן דער ייִדישער כראָניסט) געקומען מיט אַ חייל קיין ברײַ, אַרומגערינגלט די הײַזער פֿון די ייִדן מיט זעלנער און פֿאָרגעלייגט זיי איינס פֿון די ביידע: שמד אָדער טויט. די ייִדן האָבן זיך ניט געקווענקלט וואָס אויסצוקלײַבן. מוּנטערנדיק איינע די אַנדערע זײַנען זיי באַהאַרצט געגאַנגען צום טויט. אַן ערך הונדערט מאַן זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אויף שײַטער־הויפֿנס, פֿאַרשוינט זײַנען געוואָרן נאָר קינדער ייִנגער פֿון 13 יאָר (מאַרץ 1191).

אין 16 יאָר אַרום נאָכן גירוש פֿון די ייִדן פֿון איל־דע־פֿראַנס האָט פֿיליפּ אויגוסט, „קעגן אַלע דערוואַרטונגען און קעגן זײַן אייגענעם דעקרעט", דערלויבט זיי זיך אומצוקערן צוריק און צו וווינען אין פּאַריז און אין אַנדערע שטעט פֿון דער קיניגלעכער פּראָווינץ (1198). דאָס איז ניט געווען דערפֿאַר, וואָס ער האָט רחמנות געקראָגן אויף די פֿאַרטריבענע אָדער חרטה געהאַט אויף זײַנע רציחות. נאָר דער טעם איז געווען אַ פּשוטער: ער האָט געוואָלט באַקומען צוריק די הכנסה פֿון די גרויסע אָפּצאָלן, וואָס מען פֿלעגט נעמען בײַ ייִדן פֿאַר דער דערלויבעניש צו פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאַרשיידענע געשעפֿטן. דער קיניג האָט אָנגעהויבן באַקומען אַ באַשטימטן פּראָצענט פֿון אַלע ייִדישע הכנסות און באַזונדערס פֿון הלוואה־אָפּעראַציעס (produits des juifs). איצט האָט ער זײַן טאַקטיק איבערגעביטן: לא די וואָס ער האָט ייִדן ניט געטריבן, נאָר ער האָט זיך געפֿלײַסט צו באַהאַלטן זיי בײַ זיך, ווײַל

זיי זײַנען געווען בײַ אים טײַער ווי זײַנע לײַבאייגענע. מיט די וואַסאַלע גראַפֿן האָט ער געשלאָסן אַן אָפּמאַך, אַז זיי זאָלן בײַ זיך ניט האַלטן „דעם קיניגס ייִדן", וואָס ווערן אָן זײַן דערלויבעניש זיך אַריבערקלײַבן אין זייערע גראַפֿשאַפֿטן, נאָר פֿאַרקערט זיי זאָלן איבערגעבן זיי דעם קיניג, בכדי ער זאָל זיי אַוועקזעצן אין זייערע פֿריִערדיקע וווינערטער, און ער פֿון זײַן זײַט האָט זיך מתחייבֿ געווען דאָס זעלביקע צו טון בנוגע די „גראַפֿישע ייִדן", וואָס ווערן קומען צו אים. אַזוי אַרום זײַנען די ייִדן פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך געוואָרן צוגעפֿעסטיקט צו אַ באַשטימטער טעריטאָריע און צו באַשטימטע פּרנסות. דער קיניג און די גראַפֿן האָבן באַשיצט אָט די „לײַבאייגענע פֿון האַנדל", בכדי צו עקספּלואַטירן זייער אַרבעט און זייער פֿינאַנציעלע אויסקער־פֿעיִקייט.

בעסער איז געווען אין 12טן יאָרהונדערט דער מצבֿ פֿון ייִדן אין דרום־פֿראַנקרײַך — אין לאַנגעדאָק און פּראָוואַנס.[1] דאָ האָט דער ערשטער יאָרהונדערט פֿון די קרייצצוגן ניט באַוויזן נאָך קאַליע צו מאַכן די באַציִונגען צווישן קריסטן און ייִדן, און די פֿעאָדאַלע פֿירשטן האָבן זיך געפֿלײַסט אַפֿילו צו פֿאַרבעסערן די דאָזיקע באַציִונגען און צו באַזײַטיקן געוויסע מיאוסע דערשײַנונגען פֿון דער פֿריִערדיקער תּקופֿה. די אָרטיקע גראַפֿן און ביסקופֿן האָבן אין יענער צײַט אָנגעהויבן אַרויסצווײַזן אַ געוויסן ליבעראַליזם, — אַ רעזולטאַט פֿון די פֿרײַע שטרעמונגען אין גײַסטיקן לעבן, וואָס זײַנען פֿאַרטראָגן געוואָרן פֿון דער שכנישער אַראַביש־ייִדישער שפּאַניע און וואָס האָבן שפּעטער געבראַכט צו דער באַוועגונג פֿון די אַלביגענזער. אין אָנהייב 12טן י"ה האָט דער גראַף פֿון טולוזע אָפּגעשאַפֿט דעם ווילדן מנהג צו געבן אַ פּאַטש אין פּנים דעם פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער קהילה אין דער וואָך פֿאַר פּאַסכע צום אָנדענק אָן קריסטוסעס לײַדן (אויבן, § 14); אָנשטאָט אָט דער „נאַטוראַלער" התחײַבֿות איז געוואָרן אײַנגעשטעלט אַ געלט־אָפּצאָל: די קהילה האָט באַדאַרפֿט אַרײַנטראָגן אַלע יאָר אַ באַשטימטע סומע לטובֿת די גײַסטלעכע פֿון דער אָרטיקער קירך. דער מנהג וואָס האָט זיך געהאַט אײַנגעשטעלט אין בעזיער צו באַוואַרפֿן ייִדן מיט שטיינער און צו שלאָגן זיי אין די טעג פֿון פּאַסכע האָט דער וויקאָנט רײַמאָנט מבֿטל געווען אין יאָר 1160 מיטן הסכּם פֿון דעם ביסקופּ, וואָס האָט אײַנגעשטעלט אָנשטאָט אָט דער פֿרומער דעמאָנסטראַציע אַן אויסקויף אַ באַשטימטע סומע, וואָס

---

1 געוויינטלעך ווערן אָט די פּראָווינצן אָנגערופֿן מיט איין נאָמען פּראָוואַנס, צו לאַנגעדאָק האָבן געהערט די אינעווייניקסטע שטעט פֿון דרום־פֿראַנקרײַך צווישן די טײַכן גאַראָנע און ראָנע: טולוזע, בעזיער, קאַרקאַסאָן, נים, פּאָסקיער, לינעל, מאָנפּעליע און אָפּט אויך נאַרבאָנע; צו דער פּראָוואַנס אין ענגן זינען האָבן זיך גערעכנט די שטעט נעענטער צום ים: מאַרסעל, אַרל א"אַ.

די ייִדישע קהילה האָט באַדאַרפֿט אײַנצאָלן אויף צו קויפֿן צירונג פֿאַר דער קירך.

דאָס וואָס מען האָט איצט אין דרום=פֿראַנקרײַך באַצויגן זיך בעסער צו ייִדן, האָט זיך גענומען דערפֿון, וואָס עס איז אויסגעוואַקסן דאָרט זייער השפּעה ווי אַ גרויסער עקאָנאָמישער און קולט.רעלער כּוח. אין לאַנגעדאָק און פּראָוואַנס זײַנען ייִדן נאָך ניט געווען אַרײַנגעטריבן אין דעם געביט פֿון קליינעם האַנדל און געלט=הלוואות ווי אין צפֿון. ווי פֿריִער האָבן זיי זיך פֿאַרנומען מיט דאָרפֿישער ווירטשאַפֿט, האָבן געהאַט זייער אייגנס אָדער געהאַלטן אין אַרענדע גרויסע מאַיאָנטקעס, אָדער געהאַט היפּאָטעקעס אויף די הויפֿן פֿון פֿעאָדאַלע סעניאָרן, וואָס פֿלעגן אָפֿט מאָל פֿאַרמשכּונען זייערע נחלאות בײַ רײַכע ייִדן, כּדי צו קריגן געלט אויף צו פֿירן מלחמה אָדער אויף זייערע אַנדערע הצטרכותן. היות ווי די גראַפֿן און וויקאָנטן האָבן אָפֿט זיך גענייטיקט אין געלט, פֿלעגן זיי אָפּגעבן ייִדן אין אַרענדע די אויפֿמאָנונג פֿון שטײַערן און אַקציזן אין זייערע פּראָווינצן, דורך דעם האָבן די אַרענדאַטאָרס באַקומען געוויסע אַדמיניסטראַטיווע רעכט אין זייערע שטײַער=באַצירקן. דערפֿון איז שוין געווען ניט ווײַט ביז צו באַשטימען געבילדעטע און פֿעיִקע ייִדן אויף אַדמיניסטראַטיווע פּאָסטנס פֿון דער אָרטיקער פֿאַרוואַלטונג. אין אייניקע ערטער האָבן ייִדן פֿאַרנומען פּאָסטנס פֿון „בײַלס" (bailes) — לאַנדשעפֿן מיט געריכטלעכע און נאָטאַריאַלע פֿונקציעס. אויף אַזעלכע בכּבֿודיקע פּאָסטנס פֿלעגן באַשטימען ייִדן די וויקאָנטן פֿון בעזיער און קאַרקאַסאָן (ראָזשער II און רײַמאָנד ראָזשער) אין די לעצטע יאָרצענדליגער פֿון 12טן י"ה און אין אָנהייב 13טן י"ה. וויקאָנט רײַמאָנד ראָזשער ווענדט זיך אין זײַן באַפֿעל „צו אַלע זײַנע בײַלס, סײַ קריסטן סײַ ייִדן" (אין יאָר 1203). אַוודאי זײַנען ניט אַלע סעניאָרן דערגאַנגען צו אַזאַ ליבעראַליזם; למשל די האַרן פֿון דער שטאָט מאָנפּעליע פֿלעגן אין זייערע צוואות פֿאַרבאָטן זייערע יורשים צו באַשטימען ייִדן אויפֿן פּאָסטן פֿון אַ בײַל אָדער צו באַשטעטיקן אַ ייִדן אויף אַזאַ פּאָסטן, אויב מען וועט אים אויסקלײַבן. אין נאַרבאָנע האָט די אַלטע ייִדישע קהילה גענאָסן דעם שוץ פֿון די אָרטיקע וויקאָנטן און ביסקופֿן. מער ניט איין מאָל האָט זי איבערגעלעבט אַן אומרויִקע צײַט. נאָכן טויט פֿון דעם וויקאָנט עמעריך II (Aymeri) אין יאָר 1134 האָט איבער דער שטאָט רעגירט דער גראַף פֿון טולוזע אַלפֿאָנס ווי דער אַפּוטרופּוס פֿון דעם וויקאָנטס מינעריעריקע קינדער. בעת דער צעניאָריקער רעגירונג פֿון דעם פֿרעמדן פֿעאָדאַל, ווען אין לאַנד איז געגאַנגען אַ קאַמף צווישן די אָנהענגער און געגענער פֿון דעם רעגענט, איז די באַפֿעלקערונג געוואָרן באַשווערט מיט גרויסע קאָנטריבוציעס, וואָס דערפֿון האָט באַזונדערס געליטן די ייִדישע קהילה. דער ראָש פֿון דער קהילה רבי ט ו ד ר ו ס ה נ שׂ י א האָט

זיך געמיט צו פֿאַרגרינגערן דעם מצבֿ פֿון די מיטגלידער, נאָר אַ סך פֿון זיי האָבן פֿאָרט געמוזט פֿאַרלאָזן נאַרבאָנע און אַריבערקלײַבן זיך קיין אַנזשו, פּואַטו און אַנדערע שטעט פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך. מחמת דעם איז די קהילה פֿון נאַרבאָנע, וווּ עס האָבן פֿריִער זיך גערעכנט ביז 2000 בעלי־בתּים, שטאַרק פֿאַרקלענערט געוואָרן; אין מיטן 12טן י״ה זײַנען דאָרט געבליבן סך הכּל אַן ערך 300 משפּחות.

אַ שילדערונג פֿון דעם מצבֿ פֿון ייִדן אין דרום־פֿראַנקרײַך אין יענער צײַט האָבן מיר אין דער דערציילונג פֿון אַן עד־ראיה – דאָס איז די רײַזע־באַשרײַבונג פֿון רבי בנימין פֿון טודעלאַ. רבי בנימין האָט אַרום יאָר 1160 אַרומגערײַזט די וויכטיקסטע שטעט פֿון דער פּראָווינץ. אין נאַרבאָנע האָט ער געפֿונען אַן אײַנגעפֿונדעוועטע ייִדישע קהילה פֿון 300 משפּחות, און בראָש פֿון איר רבי קלונימוס דעם זון פֿון דעם „גרויסן נשׂיא" רבי טודרוס; דער דאָזיקער ראש־הקהילה „האָט פֿאַרמאָגט מאַיאָנטקעס און נחלאות, וואָס עס האָבן אים געגעבן די מושלים פֿון לאַנד". אין בעזיער (העברעיִש: בדרש) זײַנען בראָש פֿון דער קהילה געשטאַנען געלערנטע רבנים. אין מאָנפּעליע האָט געבליט דער האַנדל, ווײַל „אַהין פֿלעגן קומען צו פֿאָרן קריסטלעכע און מוסלימישע סוחרים פֿון אַלע לענדער – פֿון אלגרבה (פּאָרטוגאַל), לאָמבאַרדיע, פֿון דער מלוכה פֿון דער גרויסער רוים, פֿון מצרים, ארץ־ישׂראל, גריכנלאַנד, פֿראַנקרײַך, שפּאַניע און ענגלאַנד; מענטשן וואָס האָבן גערעדט אויף אַלע שפּראַכן פֿלעגן זיך דאָ באַגעגענען אַ דאַנק די האַנדלס־פֿאַרבינדונגען פֿון די גענועזער און פּיזאַנער". די קהילה פֿון לונעל (300 מיטגלידער) איז געווען באַרימט מיט אירע תּלמידי חכמים און מיט איר ישיבֿה. אַ ישיבֿה איז אויך געווען אין פּאָסקיער. אין סען־זשיל (Saint-Gilles) איז בראָש פֿון דער קהילה געשטאַנען דער „נשׂיא" אבא מרי, וואָס איז געווען צו גלײַך אַ באַאַמטער בײַם גראַף רײַמאָנד. אין דער אַלטער ייִדישער קהילה פֿון אַרל (אַרעלאַט) האָבן זיך גערעכנט בײַ 200 משפּחות, אין מאַרסעל – 300 משפּחות. די קהילה פֿון מאַרסעל איז באַשטאַנען פֿון צוויי טיילן: איינער האָט זיך געפֿונען אונטן, אויפֿן ברעג ים, און דער צווייטער אין אייבערשטן טייל שטאָט, לעבן דער פֿעסטונג. די שטאָט האָט געפֿירט אַ באַלעבטן האַנדל מיט איטאַליע, באַזונדערס מיט גענוע. די גענועזער, ווענעציאַנער און די קריסטלעכע סוחרישע קאָרפּאָראַציעס פֿון אַנדערע ערטער האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אַרויסגעשטופּט ייִדן פֿון דעם ים־האַנדל, נאָר אין אַזעלכע האַוונשטעט ווי מאַרסעל איז די השפּעה פֿון ייִדן אין האַנדל נאָך געבליבן אין 12טן י״ה ביז דער תּקופֿה, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַלגעמיינע רדיפֿות אויף ייִדן אין פֿראַנקרײַך.

§ 36. די ייִדן אין ענגלאַנד און דער דריטער קרייצצוג
(1190 — 1189)

אין די לעצטע יאָרצענדלינגער פֿון 11טן י"ה, ערבֿ די קרייצצוגן, האָבן זיך אויסגעבילדעט גרעסערע ייִדישע יישובֿים אין ענגלאַנד. דאָס זײַנען געווען צווײַגן פֿון דער דיאַספּאָרע פֿון מערבֿ-אייראָפּע. דאָס ענגלישע ייִדנטום איז לכתּחילה געווען אַ קאָלאָניע פֿון דעם פֿראַנצייזישן צענטער. רעליגיעזער דרוק און מאַטעריעלע נויט האָט אַריבערגעיאָגט אַ סך ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך אויף דעם שכנישן גרויסן אינדזל אויף יענער זײַט קאַנאַל. די דאָזיקע וואַנדער-באַוועגונג, צו ערשט אַ צופֿעליקע, אַ ספּאָראַדישע, איז געוואָרן אַ באַוועגונג פֿון מאַסן און אַ סיסטעמאַטישע, זינט די נאָרמאַנען האָבן אײַנגענומען ענגלאַנד (1066). די ערשטע גרופּעס ייִדישע אײַנוואַנדערער זײַנען אָנגעקומען אַהין באַלד נאָך ווילהעלם דעם באַצווינגער. די נײַע סאָציאַל-עקאָנאָמישע אָרדענונג פֿון ענגלאַנד האָט צוגעצויגן אונטערנעמערישע סוחרים און פֿינאַנסיסטן – פֿאָרשטייער פֿון יענעם מיטלשטאַנד, וואָס האָט אויסגעפֿעלט אין דעם דאָזיקן לאַנד פֿון פֿעאָדאַלן-פּריצים און לײַבאייגענע פּויערים. ווילהעלם I, וואָס האָט פֿונאַנדערגעטיילט די נחלאות פֿון די סאַקסן צווישן נאָרמאַנישע פֿעאָדאַלע הארן, איז געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז דעם צינז, וואָס זיי זײַנען געווען מחוייבֿ אים צו צאָלן, זאָלן זיי אים צאָלן ניט אין נאַטור, נאָר אין געלט, וואָס די באַצווינגערס האָבן באַדאַרפֿט האָבן אויף אײַנצוהאַלטן די ממשלה, אויף צו בויען שטעט און פֿעסטונגען. בײַם איבערמאַכן אַ נאַטוראַלע ווירטשאַפֿט אין אַ געלטווירטשאַפֿט איז אָן ייִדן געווען שווער זיך צו באַגיין. די ערשטע נאָרמאַנישע מלכים האָבן געזען, ווי אַזוי אָט דער פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען מיט דער הילף פֿון ייִדן אין פֿראַנקרײַך, און זיי האָבן געוואָלט האָבן אָט דעם דאָזיקן וויכטיקן פֿינאַנציעלן אַפּאַראַט אין זייער נײַ געגרינדעטער מלוכה. אָט דער פּשוטער סוחרישער חשבון איז געווען דער יסוד פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ענגלאַנד, און פֿון דעם נעמט זיך, וואָס די גאַנצע געשיכטע פֿון די ענגליש-ייִדישע באַציִונגען טראָגט דעם כאַראַקטער פֿון אַ מקח-וממכּר, פֿון אַ געשעפֿט, וואָס בײַ דעם זוכט איטלעכער צד אַרויסצוציִען וואָס מער רווחים, נאָר דער שטאַרקערער צד, די קיניגלעכע מאַכט, האָט מער געקענט עקספּלואַטירן דעם שוואַכערן צד.

די ערשטע ייִדישע קהילות אין ענגלאַנד האָבן זיך באַוויזן אין די צווײ קולטור-צענטערס פֿון לאַנד, אין די שטעט קעימבריִדזש און אָקספֿאָרד (אין די יאָרן 1073—1075). אין לאָנדאָן האָבן ייִדן זיך באַזעצט שפּעטער, אָנהייב 12טן י"ה. די אומרוען פֿון דעם ערשטן קרייצצוג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן

אין פראַנקרייך, האָבן געגעבן אַ שטאַרקן שטופּ דער עמיגראַציע פון ייִדן קיין ענגלאַנד. נאָרמאַנדיע, בפרט די שטאָט רואַן, ווו עס איז אין יאָר 1096 פאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם פון די קרייצפאָרערס, האָט געגעבן די גרעסטע צאָל עמיגראַנטן. [1] בכלל איז נאָרמאַנדיע, וואָס איז אין גיכן אַריינ־גענומען געוואָרן אין באַשטאַנד פון ענגלאַנד, געווען דער נאַטירלעכער בריק צווישן דער דאָזיקער מלוכה און צווישן פראַנקרייך. וואָס מער עס האָט זיך געשטאַרקט די אימיגראַציע, זיינען אויפגעקומען ייִדישע קהילות אין נייע מקומות (נאָרוויטש, לינקאָלן, יאָרק, לין, סאַוט־העמפּטאָן און אַנדערע שטעט) און עס זיינען שטאַרקער געוואָרן די פריִערדיקע קהילות, בפרט די לאָנדאָנער. בראָש פון די קהילות זיינען געשטאַנען גרויסע רבנים פון פראַנקרייך און אויך מענטשן מיט השפּעה ביים הויף.

די רעכטלעכע לאַגע פון ייִדן אין ענגלאַנד האָט דאָס ערשטע מאָל באַשטימט די כאַרטיע פון קיניג הענרי I (1100—1135), וואָס איז געגעבן געוואָרן די איינוווינער פון לאָנדאָן. די ייִדן איז געגעבן געוואָרן די פריי־הייט צו פאָרן איבערן גאַנצן לאַנד און צו באַזעצן זיך ווו זיי ווילן; זיי האָבן געמעגט אַריבערפירן אומגעשטערט זייער אייגנס פון אָרט צו אָרט, „אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אייגנטום פון קיניג" (sicut res propriae nostrae); מלווים האָבן געמעגט נעמען פאַר משכנות נחלאות, און סוחרים האָבן געמעגט האַנדלען מיט וואָס זיי האָבן געוואָלט, חוץ מיט קירכלעכע זאַכן. אין זייערע אינעווייניקסטע ענינים האָבן ייִדן געהאַט געניסן פון אַליין־פאַרוואַלטונג, האָבן געהאַט אייגענע דיינים און פלעגן שווערן אויף אַ חומש. פאַרן דאָזיקן שוץ האָט דער קיניג גענומען ביי די ייִדן גרויסע סומעס געלט ווי שטענ־דיקע שטייערן און ווי אויסערגעוויינטלעכע אָפּצאָלן; פון איטלעכן האַנדלס־אָדער קרעדיט־געשעפט האָט דער קיניג געקראָגן אַ באַשטימטן חלק סיי פון דעם לווה און סיי פון דעם מלווה. די קאַפּיטאַלן פון ייִדן האָבן שטענדיק געמוזט זיין גרייט צו דינען דעם קיניג, וואָס האָט געמעגט אַנטלייען וויפל ער האָט געוואָלט און אויף וויפל צייט ער האָט געוואָלט.

היות ווי די ענגלישע ייִדן זיינען געווען כמעט מאָנאָפּאָליסטן פון דעם קרעדיט־געשעפט, ממילא האָבן זיי זיך אָנגעפאַרדינט גרויסע פאַרמעגנס. בעלי־חובות זיינען געווען ביי זיי פעאָדאַלע באַראָנען, ביסקופּן און שטאָטלייט. שלעסער פון פעאָדאַלן און גרויסאַרטיקע קירכן פלעגן אָפט געבויט ווערן פאַר געלט אַנטליִען ביי ייִדן. ייִדן זיינען געוואָרן די פאַקטישע בעלי־בתים פון

1 דאָס האָט משמעות געגעבן דעם ענגלישן כראָניסט ווילִיאַם מאַלמסבערי די גע־לעגנהייט צו שרייבן, אַז ווילהעלם דער באַצווינגער האָט אַליין מיטגעבראַכט מיט זיך ייִדן פון רואַן.

אַ סך מאַיאָנטקעס, וואָס עס האָבן פֿאַרזעצט בײַ זיי זייערע בעלי=בתּים די ריטערס, ווען זיי האָבן זיך געגרייטיקט אין געלט אויף צו פֿאָרן קיין מזרח בעת די קרייצצוגן. אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט האָבן זיך באַוויזן ייִדישע גבֿירים, וואָס האָבן זיך אויסגעבויט געמויערטע הײַזער „גלײַך צו פּאַלאַצן". דאָס האָט געוועקט קנאה=שׂנאה בײַ דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג, אַ טאָפּעלע שׂנאה צום מלווה און צום אַנדערשגלייביקן, וואָס באַרײַכערט זיך מיטן קיניגס הילף.

נאָר די גרעסטע רווחים פֿון דעם ייִדנס פֿינאַנציעלע געשעפֿטן האָט געהאַט זײַן באַשיצער, דער ענגלישער קיניג, וואָס האָט זייער אָפֿט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צו די ייִדישע קאַפּיטאַלן און זיך באַדינט מיט זיי ווי מיט זײַן אייגנס. חוץ די געוויינטלעכע „געזעצלעכע" אָפּצאָלן, האָבן די ענגלישע מלכים, ווען זיי האָט זיך פֿאַרוואָלט, אַרויפֿגעלייגט שטראָפֿן און קאָנטריבוציעס. הענרי I האָט אַ מאָל אויפֿגעמאָנט בײַ די לאָנדאָנער ייִדן די גוואַלדיקע סומע פֿון 2000 פֿונט (לויטן איצטיקן ווערט באַטרעפֿט דאָס 80.000 פֿונט) דערפֿאַר, וואָס איינער אַ ייִדישער דאָקטאָר אָדער רופֿא האָט שלעכט געהיילט אַ קריסט און אַזוי אַרום אים „געטייט" (1130). דער קיניג סטעפֿאַן (1135—1154) האָט בדלות געשטעלט די אָקספֿאָרדער ייִדן דורך קאָנטריבוציעס בעת דעם בירגערקריג, דערבײַ האָט ער באַפֿוילן אונטערצוצינדן די הײַזער פֿון די רײַכע מיטגלידער פֿון דער קהילה, בכדי זיי אָנצושרעקן. אין דער צײַט פֿון הענרי II (1154—1189) האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ מנהג, אַז ווען אַ ייִד אַ קרעדיטאָר איז געשטאָרבן, האָבן אַלע חובֿות וואָס האָבן אים געקומט, באַדאַרפֿט אַרײַנגעטראָגן ווערן אין דער קיניגלעכער קאַסע. אַזוי אַרום האָט הענרי II פֿאַרכאַפּט דעם ריזיקן פֿאַרמעגן, וואָס איז געבליבן נאָכן טויט פֿון דעם גרעסטן אַרענדאַטאָר און באַנקיר פֿון יענער צײַט אַהרן פֿון לינקאָלן, וואָס האָט געהאַט זײַנע אַגענטן איבערן גאַנצן לאַנד. עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז דער געקריינטער יורש פֿון די וואָכערניקעס פֿלעגט איבערלאָזן זײַן חלק אין רשות פֿון די געזעצלעכע יורשים, כּדי זיי זאָלן ווײַטער פֿירן די קרעדיט=געשעפֿטן און דער קאַפּיטאַל זאָל אַלץ וואַקסן, ביז ער וועט סוף=כּל=סוף אַריבערגיין אין דער קיניגלעכער קאַסע. דעריבער איז אויסגעקומען, אַז אין דער אמתן זײַנען ייִדן געווען די פֿינאַנציעלע אַגענטן אָדער מעקלערס פֿון דעם קיניג, און דער קיניג איז געווען דער אמתער בעל=הבית פֿון אַלע קרעדיט=געשעפֿטן.

הענרי II, וואָס האָט שטענדיק זיך געגרייטיקט אין געלט, האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די דאָזיקע „געזעצלעכע" הכנסות און פֿלעגט אָפֿט מאָל אַרויפֿלייגן אויף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג קאָנטריבוציעס אויסער דער ריי. בשעת ער האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן דײַטשן קיסר פֿרידריך באַרבאַראָסאַ (1168), האָט ער געהייסן אַוועקשיקן קיין נאָרמאַנדיע פֿאַר ערובֿניקעס אייניקע

פֿאָרשטייער פֿון די ייִדישע קהילות אויף אַזאַ צײַט, ביז די קהילות וועלן אים אויסצאָלן אַן אויסערגעוויינטלעכן שטײַער. בעת מען האָט געקליבן געלט אויפֿן דריטן קרייצצוג (1188), פֿלעגט מען פֿון קריסטן נעמען דעם צענטן טייל פֿון דעם באַטרעף פֿון זייער אומבאַוועגלעכן אייגנס, און פֿון ייִדן – אַ פֿערט־חלק – און דאָס האָט אויסגעמאַכט אַ סומע פֿון 60.000 פֿונט. עס איז כאַראַקטעריסטיש: אין דער תּקופֿה, ווען שמדן ייִדן האָט זיך גערעכנט פֿאַרן הייליקסטן חובֿ פֿון אַ רעגירער, האָט דער ענגלישער קיניג מיט אַלע מיטלען געשטערט אַזעלכע שטרעבונגען פֿון דער גײַסטלעכקייט, מחמת אַ געשמדטער ייִד איז שוין ניט געווען קיין מקור פֿון הכנסה פֿאַר דעם מלוכה־אוצר. עס איז געוואָרן אײַנגעשטעלט, אַז דאָס אייגנס פֿון אַ ייִדן וואָס נעמט אָן קריסטנטום גייט אַריבער אין רשות פֿון קיניג, ווײַל דאָס איז פּונקט אַזוי ווי דאָס אייגנס פֿון אַ געשטאָרבענעם. אַזוי אַרום האָט דער קיניג זיך ממלא געווען דעם היזק וואָס ער האָט געהאַט פֿון אָנווערן אַ ייִדישע „נשמה", וואָס די קירך האָט געוווּנען. אַוודאי האָט דאָס שווערער געמאַכט צו באַקערן ייִדן צום קריסטנטום, און די מיסיאָנערן האָבן דערפֿון געהאַט צער. אָבער אין ענגלאַנד האָט די גײַסטלעכקייט דעמאָלט נאָך געהאַט אַ צו שוואַכע השפּעה אויף די מלוכה־ענינים, אַז זי זאָל קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דער קיניגלעכער מאַכט, וואָס האָט ווינציק זיך גערעכנט מיט די אינטערעסן פֿון דער קירך.

דורך דער שוואַכקייט פֿון דער קירכלעכער מאַכט לאָזט זיך אויך דערקלערן דאָס, וואָס די ערשטע צוויי קרייצצוגן, וואָס אין זיי האָט אויך ענגלאַנד גענומען אַן אָנטייל, האָבן זיך דירעקט ניט אָפּגערופֿן אויפֿן גורל פֿון ייִדן. אין יאָר 1096 האָט די יונגע ייִדישע קאָלאָניע אין ענגלאַנד לאָ־די וואָס ניט געליטן בעת דער אָרגאַניזירונג פֿון דער קרייצפֿאָרער־אַרמיי, נאָר זי איז געווען אין שטאַנד נאָך אויפֿצונעמען בײַ זיך פּליטים פֿון רואַן און פֿון אַנדערע פֿראַנצייזישע פּראָווינצן. דער צווייטער קרייצצוג האָט אויך ניט געהאַט קיין דירעקטע ווירקונג אויפֿן מצבֿ פֿון די ענגלישע ייִדן, אָבער די ייִדנפֿײַנטלעכע אַגיטאַציע, וואָס איז דעמאָלט געפֿירט געוואָרן אויפֿן קאָנטינענט, האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אויך אויף יענער זײַט פֿון קאַנאַל.

אין דעם זעלביקן יאָר (1146), ווען אין פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד האָבן געפֿירט זייער ייִדנפֿײַנטלעכע אַגיטאַציע די מאָנאַכן פּעטרוס ווענעראַביליס און רודאָלף, איז אין דער ענגלישער שטאָט נאָרוויטש אויפֿגעקומען אַ בילבול קעגן ייִדן, אַז זיי האָבן פֿאַר פּאַסכע געכאַפּט אַ קריסטלעך ייִנגל כּדי אים צו פֿאַרפּײַניקן צום אָנדענק אָן קריסטוסעס קרייציקונג. דער אָרטיקער ריכטער (שעריף) האָט געהאַלטן, אַז די דאָזיקע באַשולדיקונג איז אַזוי ווינציק באַגרינדעט, אַז ער האָט אַפֿילו ניט דערלויבט די ייִדן צו שטעלן זיך מכּוח דעם פֿאַרן משפּט פֿון דעם בישוף, און דער בישוף פֿון נאָרוויטש גופֿא האָט

אויך ניט געגלויבט אין דעם בילבול. נאָר עטלעכע מאָנאַכן פֿון דעם אָרטיקן קלויסטער האָבן מיט התמדה פֿאַרשפּרייט די דאָזיקע אויסטראַכטעניש, פֿאַרופֿנדיק זיך אויף דער עדות פֿון עפּעס אַ משומד, טעאָבאַלד פֿון קעימברידזש, וואָס האָט דערציילט, אַז אַלע יאָר פֿאָרן זיך צונויף ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט פֿון אייראָפּע און וואַרפֿן גורל, וואָסער קריסטלעך קינד צו „ברענגען אַ קרבן" אויף פּסח.

אַזוי אַרום האָט ענגלאַנד, וואָס איז אין דער קירכן־פּאָליטיק געווען אָפּגעשטאַנען, אַריבערגעיאָגט אַפֿילו די טיף קאַטוילישע פֿראַנקרײַך אין פּרט פֿון אויסטראַכטן דעם בלוט־בילבול, וואָס איז אַרויפֿגעשווומען אין בלוֹאַ אין פֿראַנצעס פֿון יאָר 1171. דאָ האָט אַגבֿ געקענט זײַן אַ קעגנזײַטיקע ווירקונג צווישן פֿראַנצייזישע און ענגלישע קלעריקאַלן, וואָס דאָס איז דורכויס נאַטירלעך אין אַ תּקופֿה, ווען גאָר אַ היפּשער טייל פֿון דער פֿראַנצייזישער טעריטאָריע (נאָרמאַנדיע, אַנזשו, מען, ברעטאַן) האָט געהערט צום ענגלישן קיניג הענרי II. די אַגיטאַציע פֿון די נאָרוויטשער מאָנאַכן האָט זיך גוט אָנגענומען בײַם יענעם טייל פֿון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג, וואָס האָבן מקנא געווען דעם ווילשטאַנד פֿון די ייִדישע שכנים. ניט געקוקט אויפֿן שוץ פֿון דעם שעריף איז דער המון אָנגעפֿאַלן אויף דער קהילה, דערהרגעט עטלעכע ייִדן און די איבעריקע זײַנען זיך צעלאָפֿן.

שפּעטער האָבן אַזעלכע פּאָגראָמען אויפֿן סמך פֿון דעם אומגעלומפּערטן בילבול זיך איבערגעחזרט אין גלאָסטער (1168) און בערי־סענט־עדמונדס (1181). צופֿעליק געפֿונענע הרוגים פֿלעגט מען מאַכן פֿאַר קריסטלעכע מאַרטירער און באַגראָבן זיי אין קירכן און קלויסטערס; די מאָנאַכן פֿלעגן דערציילן די שרעקלעכע מופֿתים, וואָס די געביינער טוען אויף און דערמיט צוציִען מאַסן גאָטבעטערס — און צולייגן צום עסק האָבן זיי ניט צוגעלייגט.

נאָר פֿון די דאָזיקע צופֿעליקע אויפֿפֿלאַקערונגען פֿון דעם רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער קנאה־שׂנאה האָבן די ענגלישע ייִדן זיך ווינציק גענומען צום האַרצן, מחמת זיי האָבן זיך געשפּירט שטאַרק דורך דעם שוץ פֿון דעם קיניג, וואָס איז געווען פּערזענלעך פֿאַראינטערעסירט איז זייער ווילשטאַנד. וויפֿל דער קיניג זאָל ניט האָבן עקספּראָפּריִרט בײַ די ייִדישע גבֿירים, זײַנען פֿינאַנציעלע אַגענטן און שותּפֿים אין זײַנע עסקים, זײַנען זייערע קאַפּיטאַלן אַלץ געוואַקסן. די ייִדישע קוואַרטאַלן פֿון לאָנדאָן און פֿון אַנדערע שטעט זײַנען אויסגעפּוצט געוואָרן מיט נײַע געמויערטע פּאַלאַצן, וואָס פֿאַר די גבֿירים זײַנען דאָס געווען אי הײַזער אויף צו וווינען אי פֿעסטונגען ווו מען האָט זיך געקענט אויסבאַהאַלטן אין אַן עת־צרה. דאָס לעבן אין ענגלאַנד האָט אויסגעוויזן צו זײַן אַזוי ווײַט זיכער, אַז אַהין זײַנען

אוועק אַ סך ייִדן פון די, וואָס פיליפּ II האָט אין יאָר 1182 פאַרטריבן פון צפון־פראַנקרייַך. עס זייַנען ניט געווען קיין שום סימנים, אַז עס איז נאָענט אַ גרויסע, אַ מאַסנהאַפטיקע קאַטאַסטראָפע.

אין זיבן יאָר אַרום האָט די קאַטאַסטראָפע אויסגעבראָכן. דער דריטער קרייצצוג (1189—1190) האָט אָנגעטרונקען די ענגלישע ייִדן מיט יענעם ביטערן בעכער, וואָס אויף זייערע ברידער אין פראַנקרייַך און דייַטשלאַנד איז נגזר געוואָרן אים אויסצוטרינקען בעת די ערשטע צוויי קרייצצוגן. אויך דאָ האָט מען פאַר דעם ווייַטן קריגסמאַרש קעגן די מזרחדיקע מוסלימס דורכגעפירט אַ היימישן קריג קעגן די „אינעווייניקסטע שונאים", וואָס האָבן מיט דער הילף פון דעם קיניג און פון די פעאָדאַלע שׂררות פאַרנומען אַזאַ הויכע לאַגע אין דער מלוכה.

אין יאָר 1187 האָט געמאַכט אויפשטורעמען אייראָפּע די בשׂורה, אַז עס איז געפאַלן דאָס קיניגרייַך ירושלים, די גרינדונג פון די ערשטע קרייצפאָרערס, אונטער די קלעפּ פון דעם גרויסן פאַראייניקער פון דעם מזרח, דעם עגיפּטישן סולטאַן סאַלאַדין (סאַלאַח־אַד־דין). די קרבנות פון די ערשטע צוויי קרייצצוגן זייַנען אַוועק אומזיסט: ירושלים און די הייליקע ערטער זייַנען ווידער אַ מאָל געווען אין די הענט פון די מוסלימס, וואָס האָבן אַגב זיך פאַרהאַלטן צו די קריסטן אין אַזיע אַ סך מענטשלעכער, ווי די קריסטן צו די ייִדן אין אייראָפּע. דרייַ אייראָפּעישע מאָנאַרכן — פיליפּ אויגוסט, הענרי II, פרידריך באַרבאַראָסאַ — האָבן גענומען זיך גרייטן צו אַ נייַעם קרייצצוג, דעם שווערסטן פון אַלע, ווייַל מען האָט געדאַרפט האָבן צו טון מיט אַזאַ קריגסהעלד ווי סאַלאַדין. דער ענגלישער קיניג הענרי האָט ביזן קריג ניט דערלעבט: ער איז געשטאָרבן בעת די הכנות און האָט איבער־געלאָזט דעם ענין בצוואה זייַן יורש ריטשאַרד I לייבנהאַרץ (1189—1199). ריטשאַרד האָט דורך זיך פּערזאָניפיצירט אַלע מעלות און אַלע חסרונות פון אַ טיפּישן ריטער אַ קרייצפאָרער. ער האָט מיט היץ זיך געגרייט צום מאַרש, ווערבירט אין לאַנד פרייַוויליקע, צום טייל פאַר דער קאָנטריבוציע, וואָס ער האָט גענומען בייַ ייִדן. פאַרן אָפּמאַרשירן קיין מזרח האָט דער נייַער קיניג געלאָזט אָפּריכטן אַ פייַערלעכע קריינונג אין וועסטמינסטער־אַבאַטשאַפט אין לאָנדאָן. אָט דאָ טאַקע האָט אויסגעבראָכן די קאַטאַסטראָפע.

עס איז געווען דער 3טער סעפּטעמבער 1189, אַ זונטאָגדיקער טאָג. אַרום וועסטמינסטער האָבן זיך געקליבן גוואַלדיקע מאַסן מענטשן, שטאָטלייַט און געקומענע קרייצפאָרערס; אַ סך דעפּוטאַציעס זייַנען געקומען אָפּגעבן מזל־טוב דעם קיניג צו זייַן קריינונג. צווישן זיי איז געווען אויך אַ דעפּו־טאַציע פון די ענגלישע ייִדן, וואָס איז באַשטאַנען פון די רייַכסטע און חשובֿסטע פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קהילות. די דעפּוטאַטן זייַנען געקומען

מיט רײַכע מתּנות און האָבן געהאַט בדעה צו בעטן ריטשאַרדן, ער זאָל באַשטעטיקן זייערע פֿריִערדיקע רעכט און פּריווילעגיעס. אין דעם קיניגס סוויטע זײַנען אויפֿגעקומען ספֿקות, צי מעג מען דאָס לאָזן, אַז פּרעמדגלויביקע זאָלן נעמען אַן אָנטייל אין אַזאַ רעליגיעזער צערעמאָניע ווי די קרייִנונג, וואָס ווערט אָפּגעריכט דערצו אין קירך. [1] האָט מען טאַקע די ייִדישע פֿאָרשטייער ניט אַרײַנגעלאָזן אינעווייניק אין בנין, און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיטן המון, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן הינטערן טויער. צוויי פֿון אָט די דעפּוטאַטן האָבן זיך מחמת נײַגעריקייט דורכגעשפּאַרט דורכן טויער אין הויף אַרײַן, נאָר די טויער-וועכטערס האָבן זיי געכאַפּט, אָנגעשלאָגן זיי און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון הויף. האָט זיך תּיכּף צווישן המון פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קיניג האָט אַליין געהייסן אַרויסטרײַבן די ייִדישע דעפּוטאַטן און דערלויבט צו שלאָגן בכלל ייִדן. תּיכּף האָבן די לאָנדאָנער שטאָטלײַט צוזאַמען מיט די קרייצפֿאָרערס, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין שטאָט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף ייִדן און אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם. מען האָט דערהרגעט מענטשן אויף טויט, צעשטערט הײַזער, צעראַבירט האָב-און-גוטס. די רײַכע ייִדן האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין זייערע הויכע געמויערטע הײַזער, אָבער די רויבערס האָבן די הײַזער אונטערגעצונדן, און ווען די אײַנוווינער זײַנען אַרויסגעלאָפֿן, האָבן זיי זיי געכאַפּט און דערהרגעט. צווישן די מנהיגים פֿון דער קהילה, וואָס זײַנען אין יענעם טאָג אומגעקומען, איז געווען אויך דער רבֿ רבי יעקבֿ פֿון אָרלעאַן, וואָס איז געווען געקומען פֿון פֿראַנקרײַך.

ווען די מעשׂים תּעתּועים פֿון דעם ווילדן המון איז דער קיניג געוואָר געוואָרן בעת דעם באַנקעט, וואָס איז פֿאָרגעקומען נאָך דער קרייִנונג. האָט ער באַלד געשיקט עטלעכע הויכע שׂררות פֿון זײַן סוויטע מיטן באַפֿעל צו באַרויִקן דעם המון און אָפּצושטעלן די שחיטה, נאָר די צעווילדעוועטע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן קיינעם ניט געוואָלט הערן, און דעם קיניגס שלוחים האָבן קוים מיט צרות זיך אַליין אַרויסגעראַטעוועט פֿון קלעפּ. דער פּאָגראָם האָט געדויערט אַ גאַנצן מעת-לעת, פֿון זונטאָג האַלבן טאָג ביז צוויי אַ זייגער מאָנטאָג; בײַ נאַכט זײַנען די רציחות אָפּגעטאָן געוואָרן בײַ דער שײַן פֿון די ברענענדיקע הײַזער.

ריטשאַרד I איז געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט איבער אָט דער ווילדער שחיטה, וואָס האָט פֿאַרשטערט דעם יום-טובֿ פֿון זײַן קרייִנונג. ער איז

---

1 פֿאַראַן אַ השערה, אַז מען האָט די ייִדן ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין קירך איבערן חשש פֿון „כּישוף", װאָרעם מחמת דעם זעלביקן טעם האָט מען צו דער קרייִנונג ניט צוגעלאָזט אויך פֿרויען.

געווען גרייט צו באַשטראָפן די אַנטייל־נעמער אין פּאָגראָם, אָבער זיי האָבן שוין געהאַט באַוויזן פֿונאַנדערצוגיין זיך און פֿונאַנדערצופאָרן זיך אין פֿאַר־שיידענע ערטער. עטלעכע פון זיי האָט מען אַרעסטירט, נאָר דאָס געריכט האָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף נאָר אויף דרײַען, און דאָס נאָר פֿאַר אונטער־צינדן און צעראַבירן הײַזער פון קריסטן, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן די ייִדישע הײַזער. עס איז געווען באַשײַמפערלעך, אַז אויך די ריכטערס גופא זײַנען דורכגענומען מיט שׂנאה צו ייִדן. אָבער אויך דער קיניג גופא, וואָס אים איז ניט געפעלן געווען דער אופן צו באַגיין זיך מיט ייִדן, וואָס האָט געבראַכט היזק קודם־כּל דער מלוכה־אוצר, האָט דאָך געהאַלטן, אַז איבער רעליגיעזע טעמים קומט דאָס ייִדן.

בעת דעם פּאָגראָם האָט דער המון צעשלאָגן איינעם פון די ייִדישע דעפּוטאַטן, וואָס זײַנען געקומען צו דער קריינונג, בענעדיקט פון יאָרק. בכדי צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן, האָט בענעדיקט געזאָגט, אַז ער איז גרייט זיך צו לאָזן שמדן. האָט מען אים אַוועקגעפירט אין אַ קירך אַרײַן און אָפּגעשמדט. אויף מאָרגן האָט מען אים געררופן צום קיניג. אַז דער קיניג האָט בײַ אים געפרעגט, צי האָט ער מיט אַן אמתן האַרצן אָנגענומען קריסטנטום, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט דאָס געטאָן נאָר מחמת שרעק פאַרן טויט, אָבער אין דער נשמה איז ער געבליבן אַ ייִד. האָט דער קיניג געפרעגט דעם אַרציביסקופּ פון קענטערבערי, וואָס איז געווען דערבײַ, וואָס זאָל מען טון מיטן משומד, האָט דער אַרציביסקופּ מיט רוגזא געענטפערט: „אויב ער וויל ניט דינען צו גאָט, טאָ זאָל ער דינען דעם טײַוול!" — און מען האָט דעם ייִדן דערלויבט צו בלײַבן בײַ זײַן אמונה. נאָר בענעדיקט האָט ניט איבערגעטראָגן די איבערגעלעבטע אויפטרייסלונגען. אויפן וועג אַהיים קיין יאָרק איז ער געשטאָרבן.

הגם עס זײַנען אין נאָמען פון קיניג פֿונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבערן לאַנד באַפעלן, אַז מען טאָר אויף ייִדן ניט אָנפאַלן, פון דעסט וועגן האָבן זיך אין דער פּראָווינץ איבערגעחזרט פּונקט אַזעלכע געשעענישן ווי אין לאָנדאָן. אין אַ סך שטעט (נאָרוויטש, סטאַמפאָרד, לין א״אַ) האָבן אין פּאָגראָם גענומען אַן אָנטייל אָרטיקע אײַנוווינער און דורכגייענדיקע באַנדעס קרייצ־פאָרערס. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן מער דער עקאָנאָמישער מאָטיוו: דערלעבן נקמה אָן די גבירים, באַרויבן זיי, בדלות שטעלן, צונעמען בײַם מלווה די חובֿות־פאַרשרײַבונגען און צערײַסן זיי, בכדי מען זאָל ניט דאַרפן זיי באַצאָלן. דאָס האָט געווירקט באַזונדערס שטאַרק בײַ די באַראָנען און ריטערס, וואָס זײַנען ערטערווײַז געווען די אויפהעצערס פון דעם המון צום פּאָגראָם. אין עטלעכע שטעט האָבן ייִדן זיך געראַטעוועט דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די באַפעסטיקטע שלעסער פון די פעאָדאַלן און פון קיניג.

די וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפֿן האָט מען דערהרגעט אָדער געצוווּנגען צו שמדן זיך.

די פּאָגראָמען זײַנען באַנײַט געוואָרן מיט אַ באַזונדער קראַפֿט, נאָך דעם ווי קיניג ריטשאַרד I איז אָפּגעפֿאָרן אויפֿן קאָנטינענט בכדי צו פֿאַראייניקן זיך מיט דער אַרמיי פֿון די קרייצפֿאָרערס (אָנהייב 1190). די שרעקלעכסטע שחיטה איז פֿאָרגעקומען אין י אָ ר ק, דער הויפּטשטאָט פֿון צפֿון־ענגלאַנד. דאָ האָט זיך געפֿונען אַ גרויסע ייִדישע קהילה, וואָס האָט געשיקט צו ריטשאַרדס קרייִנונג צוויי דעפּוטאַטן – דעם דערמאָנטן בענעדיקט און יאָסצע, די רײַכסטע מענטשן אין שטאָט, וואָס האָבן געוווינט אין געמויערטע הײַזער. בענעדיקט איז געוואָרן אַ קרבן פֿון לאָנדאָנער פּאָגראָם, און פֿון זײַן משפּחה האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם אין יאָרק. נאָך דעם ווי די רוצחים האָבן אונטערגעצונדן אַ סך ייִדישע הײַזער, זײַנען זיי אָנגעפֿאַלן אויף בענעדיקטס הויז, האָבן דערהרגעט זײַן אַלמנה, זײַנע קינדער און גוטע פֿרײַנד, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין דעם דאָזיקן באַפֿעסטיקטן בנין. דער צווייטער מנהיג פֿון דער יאָרקער קהילה, יאָסצע, האָט געפּועלט בײַם קאָמענדאַנט פֿון דעם קיניגלעכן שלאָס, ער זאָל אים מיט זײַן משפּחה לאָזן זיך אויסבאַהאַלטן אין שלאָס, און די רויבערס האָבן נאָר צעשטערט און צעראַבירט דאָס הויז פֿון דעם ייִדישן נגיד. אין קיניגלעכן שלאָס האָבן צוזאַמען מיט יאָסצען זיך באַהאַלטן נאָך אַ סך ייִדן. באַלד זײַנען זיי געוואָר געוואָרן, אַז דער המון איז גרייט זיך אַרײַנצורײַסן אין זייער באַהעלטעניש. איין מאָל איז דער קאָמענדאַנט אַוועק אין שטאָט צוליב אַן ענין, און אַז ער איז אויפֿן צווייטן טאָג געקומען צוריק, האָבן די איבערגעשראָקענע ייִדן ניט געוואָלט אים אַרײַנלאָזן: זיי האָבן אים חושד געווען, אַז ער רעדט זיך צונויף מיט זייערע שונאים, און האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט זיי אַרויסגעבן. דעמאָלט האָט די אָרטיקע מיליציע באַלעגערט דעם שלאָס, און מיט איר איז געווען אויך דער המון פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס מען האָט פֿריִער ניט צוגעלאָזט צום שלאָס. די באַלעגערונג האָט געדויערט עטלעכע טעג. פֿאַנאַטישע מאָנאַכן און אַדללײַט, וואָס זײַנען געווען פֿאַרחובֿעט בײַ ייִדן, האָבן אונטערגעהעצט דעם המון. איינער אַ מאָנאַך, וואָס האָט אויפֿן קול גערופֿן דאָס פֿאָלק צו פֿאַרטיליקן ייִדן, איז געפֿאַלן אַ טויטער, געטראָפֿן פֿון אַ שטיין, וואָס איינער פֿון די באַלעגערטע האָט אַראָפּגעוואָרפֿן אויף אים פֿון מויער אַראָפּ. דאָס האָט די אָנפֿאַלער נאָך מער צערייצט. דערווײַל האָבן גענומען זיך אויסלאָזן אין שלאָס די פֿאַרגרייטן פֿון שפּײַז, און עס איז פֿאַרשוווּנדן די האָפֿענונג אויף צו ראַטעווען זיך פֿון דער קלעם. האָבן די עלטסטע געהאַלטן אַ יישובֿ־הדעת צווישן זיך, וואָס מען זאָל טון. האָט זיך אָפּגערופֿן ר ב י י ו ם ־ ט וֹ ב

פֿון זשואַני (Joigny), דער רבֿ פֿון שטאָט מיט אַזאַ רעדע: 1 „דער גאָט פֿון אונדזערע אָבֿות וויל באַשײַמפּערלעך, אַז מיר זאָלן שטאַרבן פֿאַר אונדזער הייליקער תּורה. דער טויט שטייט פֿאַר אונדזערע אויגן, און מיר באַדאַרפֿן נאָר אַ קלער טון, ווי אַזוי אומצוקומען מיט מער כּבֿוד. ווען מיר זאָלן אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון אונדזערע שׂונאים, וועט אונדזער טויט זײַן לא די וואָס שרעקלעך, נאָר אויך מיאוס. זיי וועלן לא די וואָס פּײַניקן אונדז, נאָר זיי וועלן אונדז אויך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט. מײַן עצה איז דעריבער אַזאַ: דער בורא האָט אונדז געגעבן דאָס לעבן, באַדאַרפֿן מיר אים דאָס אומקערן מיט די אייגענע הענט. אַזאַ בײַשפּיל האָבן אונדז באַוויזן אַ סך מענטשן מפֿורסמים און גאַנצע קהילות אין אַזעלכע פֿאַלן". דאָס האָט באַטײַט, אַז מען באַדאַרף נאָכטון דעם בײַשפּיל פֿון די קדושים, וואָס האָבן זיך גענומען דאָס לעבן בעת דעם ערשטן קרייצצוג אין דײַטשלאַנד. דער גרעסטער טייל פֿון די באַלעגערטע האָבן אָנגענומען דעם רבֿס עצה, בײַ די איבעריקע אָבער האָט ניט געקלעקט קיין מוט צו טייטן זייער פֿאַמיליע און זיך אַליין מאַכן אַ טויט, און דער רבֿ האָט זיי געגעבן פֿרײַהייט צו טון וואָס זיי ווילן. יענע וואָס זײַנען געגאַנגען נאָכן רבֿ האָבן צו ערשט פֿאַרברענט זייערע זאַכן, כּדי צו די שׂונאים זאָל ניט אָנקומען קיין זאַקרויב. דערנאָך האָט דער מנהיג יאָסצע מיט אַ שאַרפֿן מעסער איבערגעשניטן דעם האַלדז זײַן פֿרוי חנה און צוויי קינדער, און ער אַליין האָט זוכה געווען צו ווערן געקוילעט פֿון דעם רבֿס האַנט. אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך גענומען דאָס לעבן נאָך אַ סך פֿון די באַלעגערטע. דאָס איז געווען בײַ נאַכט ערבֿ שבת הגדול (16—17 מאַרץ 1190). אויף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען די שׂונאים זײַנען צוגעקומען צום טורעם פֿון שלאָס בכדי אים צו שטורעמען, האָבן די לעבן געבליבענע ייִדן, וואָס האָבן נאָך געהאָפֿט זיך צו ראַטעווען, געמאָלדן, אַז זיי זײַנען גרייט צו עפֿענען די טויערן און צו לאָזן זיך שמדן. אָבער ווי נאָר די טויערן האָבן זיך געעפֿנט, האָבן די קריסטן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די גאַנץ געבליבענע ייִדן און האָבן זיי אַלע אויסגעקוילעט. פֿון דאָרט האָט דער המון זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קירך און האָט פֿאַרברענט די דאָקומענטן פֿון די חובֿות פֿון קריסטן צו ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפֿונען. דער קאַנצלער און שטאָטהאַלטער דעם קיניגס לאָנשאַן (Longchamp) האָט געוואָלט באַשטראָפֿן די אָנטייל־נעמער פֿון די פּאָגראָמען, אָבער עס איז געווען שווער זיי

1 די דאָזיקע רעדע ברענגט דער פֿאַרצײַטיקער ענגלישער כראָניסט וואַלטער, נאָר מען מוז אָננעמען, אַז זי איז אויסגעקלערט לויטן מוסטער פֿון דער רעדע פֿון דעם פֿירער פֿון די קנאָים אלעזר אין מצדה, וואָס ווערט געבראַכט אין פֿלאַוויוסעס „ייִדישע מלחמות". על כּל פּנים גיט זי איבער ריכטיק די שטימונג פֿון די עלטסטע. דאָ ווערט געבראַכט נאָר אַ קיצור פֿון דער לאַנגער רעדע.

אויפֿצווזוכן: די קרייצפֿאָרערס זײַנען זיך צעלאָפֿן אין אַלע זײַטן, די אויפֿ־העצערס די אַדללײַט זײַנען אַנטלאָפֿן קיין שאָטלאַנד, און די שטאָטלײַט האָבן אַרויפֿגעוואָרפֿן די גאַנצע שולד אויף די פֿרעמדע קרייצפֿאָרערס.

אין דער צײַט ווען ריטשאַרד I איז געווען אויף מלחמה און בשעת ער איז געווען געפֿאַנגען אין דײַטשלאַנד צוריק וועגס, האָט די ענגלישע רע־גירונג אויסגעפּרעסט בײַ די פֿאַראָרעמטע יִדישע קהילות אויסערגעוויינטלעכע אָפּצאָלן. ווען מען האָט געקליבן געלט אויף אויסצולייזן דעם קיניג, האָט מען בײַ די יִדן געפֿאָדערט פֿינף טויזנט מאַרק, ד"ה דרײַ מאָל אַזוי פֿיל וויפֿל מען האָט אויפֿגעקליבן בײַ דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון לאָנדאָן. אַז ריטשאַרד איז געקומען צוריק, איז די אויספּרעסונג־פּאָליטיק געוואָרן אײַנ־געפֿירט ווי אַ סיסטעם. דער קיניג פֿלעגט קריגן גענויע חשבונות פֿון די פֿינאַנץ־און קרעדיט־געשעפֿטן פֿון די יִדן, וואָס האָבן געמוזט געפֿירט ווערן אונטער דער השגחה פֿון ספּעציעלע באַאַמטע, און פֿלעגט פֿון איטלעכן געשעפֿט אַראָפּ־נעמען אַ באַשטימטן טייל. די דאָזיקע סיסטעם האָט שפּעטער געבראַכט צו טרויעריקע רעזולטאַטן. זינט דעם דריטן קרייצצוג האָבן די יִדן פֿון ענג־לאַנד זיך אויסגעגלײַכט אין לײַד און פּײַן מיט זייערע ברידער אויפֿן קאָנ־טינענט.

§ 37. די פּועל־יוצאס פֿון די קרייצצוגן אין דײַטשלאַנד

מיר האָבן געזען, אַז דער ערשטער קרייצצוג איז מיט גאָר זײַן שווערקייט געפֿאַלן אויף די קעפּ פֿון די דײַטשע יִדן. נאָך דער צעשטערונג פֿון די גרעסטע קהילות בײַם ריין איז זיי געקומען צו הילף דער קיסר היינריך IV, וואָס האָט אין דער צײַט פֿון די שחיטות זיך געפֿונען אין איטאַליע. די דער־הרגעטע און פֿאַרפּײַניקטע האָט ער צוריק צום לעבן ניט געקאָנט אומקערן, נאָר ער האָט געראַטעוועט אַ סך פֿון גײַסטיקן טויט, דורך דעם וואָס ער האָט דערלויבט טויזנטער געשמדטע איבער געוואַלד זיך אומצוקערן צו דער אמונה פֿון זייערע אָבֿות. צום קלאַפּ פֿון דעם צווייטן קרייצצוג זײַנען די יִדן און זייערע פֿאַרטיידיקער שוין געווען מער צוגעגרייט: דער גרעסטער טייל פֿון די ריינישע יִדן האָבן זיך געראַטעוועט אין די באַפֿעסטיקטע שלעסער פֿון דעם קיסר און פֿון די פֿעאָדאַלן. נאָר אין דער צײַט פֿון דעם דריטן קרייצ־צוג, וואָס אין אים האָט דער דײַטשער קיסר פֿרידריך I באַרבאַראָסאַ (1152–1190) גענומען דעם טעטיקסטן אָנטייל, איז די מלוכה־מאַכט שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי איז געווען אין שטאַנד אין גאַנצן צו פֿאַרוואָרענען פֿון פּאָ־גראָמען.

אָט ווי עס כאַראַקטעריזירט דעם מצב אין די יאָרן 1187–1189 דער כראָניסט, וואָס האָט יונגערהייט איבערגעלעבט די מהומה פון דעם צווייטן קרייצצוג, בעת ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער פעסטונג וואָלקנבורג, און וואָס האָט דערלעבט ביז צום דריטן קרייצצוג (ר׳ אפרים בן יעקב מבונא): „בעת די בשורה (אַז סאַלאַדין האָט אײַנגענומען ירושלים) האָט זיך פאַרשפרייט איבערן גאַנצן לאַנד אדום (דײַטשלאַנד) צווישן דעם פאָלק פון ישו הנוצרי, זײַנען זיי (די קריסטן) אויפגעשטאַנען קעגן גאָטס פאָלק, כּדי דאָס אײַנצושלינגען און צו פאַרטיליקן. נאָר גאָט האָט זיך דערבאַרעמט איבער זײַן פאָלק און האָט דערוועקט רחמנות צו דעם אין די הערצער פון יענע, וואָס בײַ זיי געפינט זיך עס אין געפאַנגענשאַפט. דער אייבערשטער האָט אײַנגעגעבן אין זינען דעם קיניג פרידריך, אַז ער זאָל עפּעס נעמען פון ייִדנס האָב־און־גוטס, און דאָס ניט קײַן סך, און די מאָנאַכן און גלחים האָט ער באַפוילן ניט צו בילן אויף זיי (ניט אויפצורייצן קעגן ייִדן). פרידריך האָט אונדז באַשיצט מיט אַלע כּוחות און האָט אונדז געגעבן די מיגלעכקייט צו לעבן צווישן די שונאים, און קיינער האָט ייִדן קיין שלעכטס ניט געטאָן".

אַ צווייטער בן־דור [1] דערציילט, ווי אַזוי עס האָט געציטערט די מאַינצער קהילה, וואָס האָט איבערגעלעבט די שרעקנס פון 1096, בשעת עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נײַע באַנדעס קרייצפאָרערס מיט דער בפירושער כּוונה אויסצוהרגען ייִדן אָדער זיי אָפּצושמדן. אין מאַינץ האָט מען גוזר־תּענית געווען און מען האָט תּפילה געטאָן אין די שולן, מען האָט זיך געגרייט צו אַנטלויפן אין פעסטונג און מען האָט געפּאַקט די ספרי־תּורות, כּדי זיי אויסצובאַהאַלטן בײַ קריסטלעכע שכנים פון די „רײַסנדיקע וועלף". די קהילות פון מאַינץ, שפּײַער, שטראַסבורג, וואָרמס אוןווירצבורג האָבן פונאַנדערגעטיילט צווישן זיך די באַפעסטיקטע שלעסער פון די פעאָדאַלן אין זייער געגנט, ווו זיי האָבן באַדאַרפט זיך באַהאַלטן, ווען די אָפּטיילונגען פון די קרייצפאָרערס וועלן דורכגיין. ווען די קרייצפאָרערס זײַנען דורכגעגאַנגען דורך מאַינץ (מאַרץ 1188), זײַנען אין שטאָט געווען געבליבן ווייניק ייִדן: דער גרעסטער טייל איז אַנטרונען געוואָרן אין דער שכנישער פעסטונג; די איבערגעבליבענע האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין זייערע הײַזער און האָבן זיך ניט אײַנגעשטעלט אַרויסצוגיין פון שטוב. פרידריך I און זײַנע שׂררות וואָס זײַנען געשטאַנען בראָש פון די קרייצפאָרערס האָבן זיך געפלײַסט צו דערשטיקן יעטווידער פּרווו פון אַ פּאָגראָם. דער אָרטיקער מאַרשאַל פלעגט אַליין קומען צו גיין אין אַלע ערטער ווו די ווילדע חבֿרה פלעגן זיך צונויפקלײַבן און פלעגט זיי צעטרײַבן, ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט צום

---

1 ר׳ אלעזר בן יהודה פון מאינץ (אפשר איז דאָס דער זעלביקער וואָס דער מחבר פון דעם ספר „רוקח", אַ מיסטיקער פון וואָרמס) אין אַ פראַגמענט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין דער זאַמלונג: Hebräische Berichte über die Kreuzzüge. זע די ביבליאָגראַפיע.

ייִדישן קוואַרטאַל. דער קיסר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז פֿאַר הרגען אַ ייִדן קומט טויטשטראָף און פֿאַר מאַכן אַ ווונד זאָל מען אָפּהאַקן אַ האַנט. די ביסקופֿן האָבן געשראָקן אַלע פּאָגראָמשטשיקעס אַרײַנצולייגן אין חרם און האָבן געמאָלדן, אַז אַפֿילו דער אָנטייל אין הייליקן קריג וועט אַזעלכע מענטשן ניט העלפֿן. אַ דאַנק אָט די אַלע מיטלען האָבן די ייִדן זיך באַרויִקט, און אין אַפּריל האָבן די אַנטרונענע פֿון מאַינץ זיך שוין אומגעקערט פֿון פֿעסטונג אַהיים.

„דאָס אַלץ האָט אונדז געקאָסט אַ סך געלט" — איז מוסיף אַ צווייטער עד־ראיה, אָבער ניט דאָס געלט, וואָס זיי האָבן דירעקט אָפּגעצאָלט דעם קיסר בשעת מעשׂה, אין דער צײַט פֿון די מהומות, האָט געראַטעוועט די דײַטשע ייִדן און אויסגעלייזט זיי דערפֿון, עס זאָלן זיך איבערחזרן די פּורעניות פֿון 1096. די זיכערקייט פֿון זייער לעבן און אייגנס איז די ייִדן גאַראַנטירט געוואָרן דורך יענער סיסטעם פֿון שוץ איבער זיי, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט אין דײַטשלאַנד אין משך פֿון דעם יאָרהונדערט וואָס איז פֿאַרבײַ פֿון דעם ערשטן ביז דעם דריטן קרייצצוג. די קיסרים און די פֿעאָדאַלע פֿירשטן האָבן אײַנגעזען, אַז סײַ זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן און סײַ די עקאָנאָמישע אינטערעסן פֿון לאַנד לײַדן דערפֿון, וואָס מען שטעלט בדלות די ייִדן, וואָס זײַנען דער ווירטשאַפֿטלעכער הויפּטנערוו פֿון שטאָטישן לעבן. שוין היינריך IV, בעת ער איז געקומען צוריק פֿון איטאַליע און האָט דערזען וואָסערע חורבנות די קרייצפֿאָרערס האָבן אָנגעטאָן, האָט צונויפֿגערופֿן אין מאַינץ זײַנע פֿעאָדאַלן און האָט צוזאַמען מיט זיי אָנגענומען אַ פֿײַערלעכע שבֿועה אָפּצוהיטן אין די נאָענטסטע יאָרן „לאַנדפֿרידן" פֿאַר אַלע שטאַנדן, דערין אויך פֿאַר ייִדן (1103). די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז שוין אַרײַן ווי אַ נויטווענדיק רינגעלע אין דער קייט פֿון דער מיטלעלטערלעכער לעבנס־אָרדענונג, אַ קייט אויסגעשמידט דורך דער קירכלעכקייט און דעם פֿעאָדאַליזם, דורך אַן אײַנגעשטאַנענער טראַדיציע, לײַב־אייגנטום און שטאַנדישן גײַסט; אַרויסציִען אָט דאָס רינגעלע וואָלט געהייסן צערײַסן די גאַנצע קייט, און דער עיקר אָוועקנעמען בײַ דעם הערשנדיקן שטאַנד אַ מקור פֿון הכנסה און פֿון פֿינאַנציעלן אויסקער. אין דײַטשלאַנד פֿון 12טן י"ה זײַנען ייִדן נאָך ניט געווען אַזוי צוגעפּאַסטיקט צום געלטהאַנדל און קרעדיט־אָפּעראַציעס, ווי זייערע רײַכערע ענגלישע און פֿראַנצייזישע ברידער. מער פֿאַרשפּרייט צווישן זיי זײַנען געווען קליינע פֿאַרמיטלערס אין סחורה־האַנדל און בײַ הלוואות. די באַשיידענע געלטמיטלען פֿון די דאָזיקע ייִדישע הענדלערס האָבן ניט געקאָנט פֿונאַנדערבלאָזן די אַפּעטיטן פֿון די מושלים, ווי די גרויסע עשירות פֿון די באַנקירן און שטײַער־אַרענדאַרן אין פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד. אין דײַטשלאַנד האָבן די קיסרים נאָך ניט דערטראַכט זיך צו אַ סיסטעם פֿון אויספּומפּן געלט

פֿון דער באַפֿעלקערונג דורך ייִדן, און דערנאָך פֿון די ייִדן. טרעגערס פֿון דער קרוין פֿון דער „הייליקער רוימישער אימפּעריע", מושלים ניט בלויז איבער דײַטשלאַנד, נאָר אויך איבער אַ גרויסן טייל פֿון איטאַליע, האָבן זיי פֿאָרט זיך ניט אַראָפּגעלאָזן צו דער מדרגה פֿון אָפֿענע עקספּלואַטאָרן ווי דער ענגלישער קיניג הענרי II אָדער דער פֿראַנצייזישער פֿיליפּ אויגוסט.

אין דײַטשלאַנד האָט זיך אײַנגעוואָרצלט די לעגענדאַרע פֿאָרשטעלונג, אַז די דײַטש=רוימישע קיסרים זײַנען די דירעקטע יורשים פֿון די אַלט=רוימישע קיסרים, די וואָס האָבן באַצוווּנגען דאָס לאַנד יהודה, און פֿון זיי האָבן זיי דאָס אָפּגעירשעט דאָס רעכט פֿון שוץ איבער ייִדן.[1] די דאָזיקע היסטאָרישע ראָלע פֿון אַפּוטרופּסים און באַשיצערס האָט ניט געשטימט מיט דער גראָבער סיסטעם פֿון עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט זיך פּראַקטיקירט לגבי ייִדן אין פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד. פֿרידריך באַרבאַראָסאַ, וואָס איז אַליין געוואָרן אַ העלד פֿון דער דײַטשער לעגענדע, האָט געהאַלטן, אַז ער איז „דורך גאָטס גענאָד" באַרופֿן צו פֿאַרווירקלעכן אָט דעם לעגענדאַרישן שוץ איבער די זין פֿון דעם אַלטן פֿאָלק. אויך די פֿריִערדיקע קיסרים היינריך IV און קאָנראַד III האָבן זיך געמיט צו פֿאַרזיכערן אין די צײַטן פֿון מהומות דעם „לאַנד=שלום" אָדער דעם „קיניגלעכן שלום" (Königsfrieden) פֿאַר ייִדן באַגלײַך מיט די אַנדערע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג, אָבער פֿרידריך I האָט אַרײַנגעלייגט אין דעם דאָזיקן אַקט אַ באַזונדערע פֿײַערלעכקייט. אין די קיסרלעכע כּתבֿים וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן די ייִדישע קהילות אין דער רעגירונגס=צײַט פֿון פֿרידריך I איז בפֿירוש אויסגעדריקט אָט די באַציִונג פֿון אַ באַשיצער וואָס די השגחה עליונה האָט אַוועקגעשטעלט. שוין אין דעם כּתבֿ פֿון יאָר 1157, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער וואָרמסער קהילה אויף צו באַשטעטיקן די פֿריִערדיקע פּריווילעגיעס, ווערט דעקלאַרירט, אַז דער קיסר האַלט זיך פֿאַרן איינציקן מקור פֿון דער מאַכט איבער ייִדן, „וואָרעם זיי געהערן צו אונדזער אוצר" (cum ad cameram nostram attineant). די קהילה קריגט איר אַליין=פֿאַרוואַלטונג פֿון דעם קיסר, און אין אירע אינעווייניקסטע ענינים טאָרן זיך ניט אַרײַנמישן ניט קיין ביסקופּ, ניט קיין גראַף, ניט קיין אַנדערע שׂררות פֿון דער אימפּעריע. נאָך באַשטימטער איז די דאָזיקע פֿאַרהעלטעניש אויסגעדריקט אין דער פּריווילעגיע פֿאַר די ייִדן פֿון רעגנסבורג פֿון יאָר 1182. אין אָט דעם כּתבֿ דערקלערט פֿרידריך I פֿאַר זײַן חובֿ צו באַשיצן די רעכט פֿון אַלע זײַנע אונטערטאַנען, „און ניט

1 דער דאָזיקער קוק איז געוואָרן פֿאָרמולירט אין די קאָדעקסן פֿון געוווינטהייט=רעכט פֿון 13טן י"ה — דעם „סאַקסן=שפּיגל" און דעם „שוואַבן=שפּיגל" (זע אין דעם ווײַטערדיקן באַנד פֿון דער „געשיכטע").

נאָר פון די וואָס האַלטן די קריסטלעכע רעליגיע", בפרט די רעכט פון „די ייִדן וואָס לעבן אין אונדזער אימפעריע, וואָס עס איז אָנערקענט געוואָרן, אַז לויט די אייבערקעכט פון אונדזער ממשלה געהערן זיי צום קיסרלעכן אוצר" (ad imperialem cameram dinoscuntur pertinere). אויפן סמך פון זײַן קיסרלעכן רעכט גיט דער קיסר די רעגנסבורגער ייִדן די פולע פרײַהייט צו האַנדלען מיט מעטאַלן און אַנדערע סחורות „לויט די פאַר זיי געוויינטלעכע אופנים". די אָפּיציעלע טערמינאָלאָגיע האָט נאָך דעמאָלט ניט באַצייכנט, אַז ייִדן זײַנען לײַב־אייגענע פון קיסרלעכן הויף, קאַמערקנעכט, ווי מען פלעגט זיי אָנרופן שפּעטער, אָבער זי האָט שוין דײַטלעך באַשטימט זייער אויסנאַמ־לעכע רעכטלעכע שטעלונג. ייִדן זײַנען געשטאַנען ניט אונטערן שוץ פון די אַלגעמיינע בירגערלעכע געזעצן, נאָר אונטער אַ רעזשים פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס און אונטער דעם קיסרס פּערזענלעכן שוץ. איטלעכער וואָס רירט אָן די פּערזאָן אָדער אייגנס פון אַ ייִדן, טוט אָן שאָדן דעם קיסרס אייגנטום, און ער מוז ענטפערן ניט פאַרן געוויינטלעכן לאַנדגעריכט, נאָר פאַרן הויפגעריכט. פאַרן דאָזיקן שוץ האָבן ייִדן געמוזט צאָלן דעם קיסר סײַ שטענדיקע שוץ־אָפּגאָבן און סײַ אויסערגעוויינטלעכע שטײַערן, אָפט זייער שווערע. חוץ שטײַערן לטובת דעם קיסר, האָבן זיי געמוזט צאָלן גרויסע שטײַערן די פעאָדאַלע פירשטן און די מאַגיסטראַטן פון די שטעט, וואָס אויף זייער ערד האָבן זיי געוווינט; אין אייניקע ערטער האָבן זיי פון זייערע נחלאות געצאָלט מעשׂר אויך לטובת דער קירך.

אין 12טן יאָרהונדערט האָבן די דײַטשע קיסרים פּינקטלעך אָפּגעהיט זייער חוב צו באַשיצן די ייִדן קעגן די אָנפאַלן פון ווילדן המון; דאָס איז געווען באַזונדערס וויכטיק אין יענער תקופה, ווען מען האָט כסדר געמאַכט בילבולים אויף ייִדן אויפן סמך פון דעם קריסטלעכן אָבערגלויבן. אין דער רעגירונגס־צײַט פון פרידריך Iנס יורש היינריך VI האָט געטראָפן אַזאַ מעשׂה. פאַר פּסח 1195 האָט מען דרײַ מײַל פון שפּײַער געפונען אַ דערהרגעטע קריסטין, און דער פינצטערער המון פון דער שטאָט האָט באַשולדיקט די ייִדן, אַז זיי האָבן דאָס די פרוי דערהרגעט. בכדי צו נעמען נקמה פאַרן פלומרשטן מאָרד האָט מען אויסגעגראָבן פון קבֿר דעם גוף פון דער פאַר־שטאָרבענער טאָכטער פון דעם רבֿ ר' יצחק בן אשר, אויפגעהאַנגען אים אויפן מאַרקפּלאַץ און געשענדט אים. דערנאָך האָבן די דאָזיקע „אנשי סדום" (אַזוי רופט זיי דער כראָניסט) זיך אַרײַנגעריסן צום רבֿ אין שטוב, דער־הרגעט אים און נאָך אַכט מענטשן און אונטערגעצונדן די ייִדישע הײַזער. די ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם אייבערשטן גאָרן פון דער שול און האָבן זיך פאַרטיידיקט דאָרט ביז בײַ נאַכט, שפּעטער זײַנען זיי אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און אַוועק פון שטאָט. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן

פאַרברענט די שול, צעריסן די ספרי־תורות און די הייליקע ספרים און צעראַבירט דאָס אייגנס פון די אַנטרונענע. דער אָרטיקער ביסקופּ האָט קיין זאַך ניט געטאָן אויף צו באַשיצן די ייִדן. דעמאָלט האָט הערצאָג אָטאָ, דעם קיסרס ברודער, וואָס האָט געקראָגן פון ייִדן אַ היפּשע סומע געלט, צונויפגעקליבן אַ חייל, באַלעגערט די שטאָט שפּײַער און פּאַרוויסט די געגנט אַרום מיט די פעלדער און ווײַנגערטענער וואָס האָבן געהערט דעם ביסקופּ. שפּעטער האָט דער קיסר היינריך VI, וואָס איז געקומען צוריק פון איטאַליע, געהייסן כאַפּן די אויפהעצער צום פּאָגראָם, געצוווּנגען זיי אומצוקערן ייִדן אַלע היזקות און אויסבויען אויף זייער חשבון די שול און די צעשטערטע הײַזער. אין מאַי דאָס זעלביקע יאָר, ווען היינריך האָט גענומען זיך גרייטן צום פערטן קרייצצוג קיין ארץ־ישׂראל, האָבן אייניקע באַנדעס פון קרייצפאָרערס געפּרוּווט ווידער אויפהייבן פּאָגראָמען אין ריינלאַנד. אין באָפּאַרד האָבן די קרייצפאָרערס דערהרגעט דעם חזן פון דער שול און נאָך זיבן ייִדן. נאָר הערצאָג אָטאָ און דער קיסר גופא האָבן באַלד דערשטיקט די אומרוען און הארט באַשטראָפט די העצערס, און אַ דאַנק דעם זײַנען די הכנות צום קרייצצוג אַריבער פאַר די ריינישע ייִדן בשלום.

פון דעסט וועגן האָט דעם קיסרס שוץ ניט שטענדיק געקאָנט פאַרטיידיקן די ייִדן קעגן די אָנפאַלן פון דעם המון און דעם ווילדווילן פון די אָרטיקע מאַכטהאָבער... אין יאָר 1187 האָט געטראָפן אַ מעשׂה אין נייסע בײַ קעלן, אַז איין ייִד האָט אין אָנפאַל פון שגעון אַוועקגעקוילעט אין מיטן גאַס אַ קריסטלעכע מיידל. האָבן די צערייצטע קריסטן געכאַפּט ניט בלויז דעם פאַרברעכער דעם מטורף אַליין, נאָר חוץ דעם נאָך זעקס ייִדן און האָבן זיי פאַרפּײַניקט צו טויט אויפן ראָד. אַ שבת שפּעטער האָט מען געכאַפּט דעם משוגענעמס מוטער און זײַנע קרובֿים; די פרוי האָט מען געפּײַניקט, געוואָלט זי צווינגען צו שמדן זיך, אָבער אַזוי ווי זי האָט ניט געוואָלט, האָט מען זי באַגראָבן אין דער ערד לעבעדיקערהייט. דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיטן וויסן פון דעם אָרטיקן אַרציב'סקופּ. דער דאָזיקער מוסטערדיקער קירכנהאַר האָט נאָך אַרויפגעלייגט אויף דער ייִדישער קהילה אין נייסע אַ געלטשטראָף און האָט גענומען נאָך אַ צוגאָב פאַר דער דערלויבעניש צו ברענגען די קדושים צו קבֿר ישׂראל. מען האָט די טויטע אַראָפּגענומען פון דעם ראָד און אַראָפּגעפירט זיי אויף אַ שיפל אַראָפּ דעם ריין ביז דער שטאָט קסאַנטן און דאָרט האָט מען זיי מקבר געווען לעבן די קדושים פון יאָר 1096.

אין מיטן דעם אימהדיקן טומל פון דער תקופה פון די קרייצצוגן טרעט צום ערשטן מאָל אַרויס אויף דער סצענע די ייִדישע קאָלאָניע אין עסטרײַך, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מאַרק־הערצאָגטום פון דער דײַטשער

אימפּעריע. דער ערשטער און דער צווייטער קרייצצוג האָבן פֿאַרטריבן ניט ווינציק יידישע עמיגראַנטן פֿון די געגנטן בײַם ריין קיין עסטרײַך, ווו עס איז דעמאָלט געווען לפי ערך רויק. אין ווין האָט אין לעצטן פערטל פֿון 12טן יאָרהונדערט שוין עקסיסטירט אַ יידישע קהילה. בײַם הויף פֿון הערצאָג לעאָפּאָלד V (ביזן יאָר 1194) איז געווען אַ רײַכער ייד שליאָם (שלמה), וואָס האָט פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ מינצמײַסטער און פֿאַרוואַלטער פֿון דעם הערצאָגס מאַיאָנטקעס. דעם דאָזיקן גבֿיר און פֿילאַנטראָפּ האָט אָבער ניט געהאָלפֿן זײַן נאָענטקייט צום הערצאָגס הויף אין דעם טאָג, ווען עס האָט זיך צעפֿלאַקערט די ווילדקייט אין דעם המון. ווען מען האָט זיך אין ווין געגרייט צום פֿערטן קרייצצוג (1196), האָט איינער פֿון שליאָמס קריסטלעכע באַדינערס, וואָס איז געוואָרן אַ קרייצפֿאָרער, באַגנבֿעט זײַן בעל-הבית, און יענער האָט געלאָזט אים אַרײַנזעצן אין תּפֿיסה. דעמאָלט איז דעם אַרעסטירטנס פֿרוי אַוועק אין קירך און האָט אויפֿגעהויבן אַ טומל, אַז די חברים פֿון איר מאַן, די קרייצפֿאָרערס, זאָלן אים אַרויסנעמען פֿון תּפֿיסה. האָט דער המון זיך אַרײַנגעריסן אין שליאָמס הויז, דערהרגעט אים און נאָך 15 יידן און באַפֿרײַט דעם באַדינער. דער הערצאָג פֿרידריך I (לעאָפּאָלד Vנס יורש), אויפֿגעבראַכט דורך דעם דאָזיקן ווילדווילן, האָט באַפֿוילן צו באַשטראָפֿן מיט טויט צוויי פֿון די אָנפֿירערס פֿון דעם אָנפֿאַל, נאָר די איבעריקע האָט ער פֿרײַ געלאָזן, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט צערייצן די קרייצפֿאָרערס, וואָס ער איז אויך געווען מיט זיי.

אין סלאַווישן לאַנד בײמען, אויפֿן גרענעץ פֿון דײַטשלאַנד, האָבן יידן באַזונדערס שווער איבערגעלעבט די רעזולטאַטן פֿון די קרייצצוגן, וואָס האָבן צו ערשט געשטערט זייער רו אין די יאָרן 1096–1098. פֿאַר אָט דער קאַטאַסטראָפֿע האָבן אין פּראָג, ווישעגראַד און אייניקע אַנדערע שטעט זיך געפֿונען יידישע קהילות, ווו עס זײַנען געווען אַ סך פֿאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרמיטלערײַ אין דעם סחורות-אויסבײַט צווישן די סלאַווישע און די דײַטשע לענדער (טשעכישע כראָניסטן דערמאָנען וועגן אַזעלכע קהילות אין 10טן און 11טן י"ה). די באַנדעס קרייצפֿאָרערס, וואָס זײַנען אין יאָר 1096 דורכגעגאַנגען דורך פּראָג, האָבן בײַ די יידן צוגענומען זייער רעליגיע דורך דעם, וואָס זיי האָבן אַ סך פֿון זיי געצוווּנגען אונטער טויטשרעק זיך צו שמדן, און אין צוויי יאָר אַרום האָט דער בײמישער פֿירשט וורואַטיסלאַוו II צוגענומען דאָס אייגנס בײַ יענע, וואָס האָבן געהאַט בדעה אַריבערצוּוואַנדערן קיין פּוילן און אונגערן (אויבן, § 33). די יידן, וואָס זײַנען געבליבן אין לאַנד, האָבן שפּעטער זיך געפֿלײַסט צו קומען צוריק צו זייער פֿריערדיקן שטאַנד. זיי האָבן באַלד אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די

אויפגעצוווּנגענע מאַסקע פון קריסטנטום און זיך אומגעקערט צו דער ייִדישער רעליגיע. די מאַכטהאָבערס האָבן זיי דערין ניט געשטערט. דער פּראָגער ביסקופּ הערמאַן האָט אויף זײַן טויטנבעט (אין יאָר 1122) זיך געשלאָגן על־חטא דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אײַנגעהאַלטן די וואָס זײַנען אַוועק פון דער קירך: „ווי צו מיר, – האָט ער געטענעט, – וואָס איך האָב געשוויגן, וואָס איך האָב ניט צוריקגעבראַכט דאָס אָפּטריניקע פאָלק און ניט געקעמפט מיט דער שווערד פון חרם אין קריסטוסעס נאָמען! דאָס אָפּטריניקע פאָלק דאָס זײַנען די ייִדן, וואָס האָבן מחמת אונדזער אָפּגעלאָזנקייט נאָכן שמדן זיך צוריק אומגעקערט זיך צו דער ייִדישער רעליגיע". דער לפֿנימדיקער שמד פלעגט אַ מאָל ברענגען צו טיפע טראַגעדיעס. איינער פון די משומדים, יעקבֿ אַפּעלעס, איז געבליבן בײַם נײַעם גלויבן און אַ דאַנק זײַנע אַדמיני־סטראַטיווע פעיִקייטן איז ער געוואָרן אַ יועץ אָדער צוטרוימאַן (vicedominus) פון דעם פירשט וולאַדיסלאַוו I (1110–1140). די קריסטן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן. נאָר דער דאָזיקער הויכגעשטעלטער משומד האָט סוף־כּל־סוף געקראָגן טיף חרטה און האָט באַשלאָסן צו טון תּשובֿה און אויף אַ דעמאָנ־סטראַטיוון אופן זיך אָפּזאָגן פון קריסטנטום. איין מאָל בײַ נאַכט איז ער אַרײַן אין דער שול, ווו די קרייצפאָרערס האָבן אין יאָר 1096 אַוועקגעשטעלט אַ קירכן־אַלטאַר מיט הייליקע געביין, און האָט צעבראָכן דעם אַלטאַר און די געביין אַוועקגעוואָרפן אין אַן אומריינעם אָרט. האָט דער פירשט אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה דעם פאַרשוועכער פון הייליקטום און זײַן אייגנס האָט ער צוגע־נומען פאַר זיך. ייִדן האָבן אונטערגעטראָגן דעם פירשט אַ סך זילבער און גאָלד, כּדי צו ראַטעווען יעקבֿן פון טויט (1142). אין משך פון דער צײַט זײַנען די ייִדישע קהילות אין בײמען געוואָרן אויפגעריכט, און די פירשטן האָבן זיי געוויינטלעך געשיצט און אַרויסגעגעבן זיי, פּונקט ווי די דײַטשן, באַזונדערע פּריווילעגיעס מכּוח אַליין־פאַרוואַלטונג און געריכט. אין דער צווייטער העלפט פון 12טן י"ה איז פּראָג געווען דער גײַסטיקער צענטער פון טשעכישן ייִדנטום, פון דאָרט זײַנען אַרויס עטלעכע באַרימטע רבנים.

די בײמישע ייִדן, וואָס זײַנען נאָכן ערשטן קרייצצוג אַנטלאָפן געוואָרן קיין אונגערן, האָבן דאָרט געפונען פאָלקסברידער, וואָס זײַנען שוין זינט לאַנג געזעסן אין לאַנד, נאָך פריִער איידער דאָס קריסטנטום האָט זיך דאָרט געהאַט אײַנגעפעסטיקט. וואָס מער די נײַע רעליגיע האָט זיך אײַנגעוואָרצלט, אַלץ מער האָט די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט זיך געפלײַסט אײַנצופירן די קירכלעכע קאַנאָנען אין דער געזעצגעבונג, וואָס האָט רעגולירט די לאַגע פון ייִדן צווישן די מאַדיאַרן. דער סינאָד פון גײַסטלעכע און וועלטלעכע שׂררות אין סאַבאָלטש (1092) האָט פאַרבאָטן די ייִדן צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַוון (דאָס האָט אַרויסגעשטופּט ייִדן פון דער לאַנדווירטשאַפט), זיך

מתחתן צו זײַן מיט קריסטן און צו אַרבעטן אין די קריסטלעכע חגאות. דער פּראָצעס פֿון דער אָפּזונדערונג פֿון ייִדן אין ווירטשאַפֿט און לעבן־שטייגער איז דאָ פֿאָרגעקומען, ווי אין אַנדערע לענדער. אַז די האַנדלס־טעטיקייט האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס איז געלעגן אויפֿן וועג צווישן אַזיע און אייראָפּע, איז צו זען דערפֿון, וואָס דער אונגערישער קיניג קאָלאָמאַן (1095–1114) האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו רעגולירן דורך אַ באַזונדער געזעץ דעם האַנדל פֿון ייִדן און בפֿרט זייערע קרעדיט־געשעפֿטן. ער האָט אײַנגעשטעלט אַ כּלל, אַז אין אַ פּראָצעס צווישן אַ ייִד און אַ קריסט מכּוח אַ הלוואה מוזן זײַן עדות פֿון ביידע רעליגיעס. פֿון דער צווייטער זײַט האָט קאָלאָמאַן ניט דערלאָזן צו קיין אָנפֿאַלן אויף ייִדן, בעת די ערשטע אָפּטיילונגען פֿון די קרייצפֿאָרערס זײַנען דורכגעגאַנגען דורך אונגערן. ווען די רעשטן פֿון יענע באַנדעס, וואָס האָבן אין 1096 אויסגעקוילעט די ייִדישע קהילות בײַם ריין, האָבן זיך באַוויזן אין אונגערן און האָבן גענומען דאָ ווילדעווען, האָט קאָלאָמאַן זיי פֿאַרטיליקט ווי פּשוטע רויבערס. דערפֿאַר האָבן די מאַדיאַרן געקראָגן אַ שם אין מערבֿ־אייראָפּע ווי „הײדן" און „ייִדן". פּונקט ווי אין דײַטשלאַנד, אַזוי האָבן אויך דאָ ייִדישע קהילות זיך געבילדעט דער עיקר אין שטעט ווו עס האָבן רעגירט ביסקופֿן: אין אָפֿען, פּרעסבורג, טירנוי און אַנדערע. מחמת דעם זײַנען די שׂררות פֿון דער קירך געווען פֿאַראינטערעסירט צו פֿאַרטיידיקן זייערע ייִדן, וואָס האָבן זיי געצאָלט צינז.

§ 38. די ייִדישע קהילה אין דער קריסטלעכער שטאָט

דער נאַטירלעכער רעזולטאַט פֿון די קרייצצוגן אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון דעם ייִדישן קיבוץ איז געווען די טיפֿע פֿאַרפֿרעמדונג פֿון דער קריסטלעכער וועלט. די גזרות און די מאַסן־הריגות האָבן איבערגעלאָזט אויף דער נשמה פֿון פֿאָלק אַ רושם ניט אָפּצומעקן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט עס איז אויפֿגעקומען דער קריסטנטום, ווען אין אַ סך שטעט אין איין צײַט האָבן באַוואָפֿנטע מענטשן מיט צלמים אויף זייערע קליידער גענומען זיך אַרײַנרײַסן אין שטילע שטיבער מיטן אימהדיקן געשריי: שמד אָדער טויט! אָט די ברירה האָט דאָס טאַקע געצוווּנגען גאַנצע משפּחות זיך מקריבֿ צו זײַן אויף קידוש־השם (די כראָניסטן רופֿן דאָס אָן „עקדה"), ווײַל מען האָט זיך געשראָקן פֿאַר זיך און פֿאַר די נאָענטע, טאָמער וועט עמעצער חלילה אין אַ רגע פֿון שוואַכקייט ניט אויסהאַלטן, און בכדי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן וועט ער זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן גאָט און פֿון זײַן פֿאָלק. אַזוי אַרום איז דער קרייץ, דער צלם, געוואָרן דער סימבאָל פֿון שרעק אויף דער ייִדישער גאַס – אַ צייכן פֿון בלוט, פֿון געוואַלד, פֿון איזדעקעווען זיך

איבערן גוף און איבער דער נשמה פון טויזנטער מענטשן. טיף אין דער נשמה האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אַ געפיל פון שׂנאה צום קריסטנטום, וואָס אין זײַן נאָמען זײַנען אָפּגעטאָן געוואָרן אָט די אַלע רציחות, אַזאַ געפיל, וואָס איז גאָר פריִער ניט געווען בײַ יידן. קיין מאָל האָבן זיך אין דער יידישער ליטעראַטור ניט געטראָפן אַזעלכע שאַרפע אויסדרוקן לגבי די דאָגמעס און די סימבאָלן פון דער קריסטלעכער קירך, ווי אין די כראָניקעס פון די מחברים, וואָס האָבן געשריבן בעת די ערשטע קרייצצוגן. די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די גזרות פון 1096 (גזרות תתנ״ו) און פון 1147, האָבן אין זייערע שריפטן אויסגעגאָסן דעם צאָרן זייערן, וואָס האָט ניט געקאָנט קריגן קיין אויסגאַנג אין דירעקטן ווידערשטאַנד קעגן די פײַניקער. פאַר דער קאַטוילישער קירך, פאַר אַלע אירע דאָגמעס און צערעמאָניעס, בפרט פאַר די קרייצפאָרערס, האָט מען צוגעקלערט די ערגסטע ווערטער: „זיי האָבן מטמא געווען, אײַנגעטונקט אין אומריין וואַסער״ (געטויפט), „דאָס הויז פון עבֿודה זרה״ (קירך), „ריקים״ און „וועלף פון סטעפּ״ (קרייצפאָרערס)— אין אַזעלכע און כּדומה נאָך אַזעלכע זידלערײַען האָבן די געיאָגטע און געפּלאָגטע זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן זייער עוולה. עס איז דאָך אין גאַנצן ריין=געביט ניט געווען כּמעט קיין איין יידישע שטוב, וואָס זאָל ניט באַווייגען אירן אַ דערהרגעטן אָדער אַן איבערגעוואַלד אָפּגעשמדטן, „וואָס איז טמא געוואָרן דורך דער אומריינער מקווה״.

טרויעריק איז געווען דער גורל פון אָט די געצוווּנגענע משומדים, די „אַנוסים״. דער גרעסטער טייל פון זיי זײַנען געקומען צוריק צו יידישקייט, ווי נאָר די סכּנה איז פאַרבײַ, און זיי האָבן קיין מאָל זיך ניט געקאָנט מוחל זײַן, פאַר וואָס זיי האָבן אויף אַ ווײַלע זיך געלאָזט בייגן. די רבנים האָבן שטרענג פאַרזאָגט, אַז מען זאָל אַזעלכע בעלי=תּשובֿה ניט דערמאָנען וועגן דעם וואָס איז געווען, כּדי ניט צו פאַרמערן זייערע יסורים. גאָר ווינציק זײַנען ווײַטער געבליבן בײַ דער נײַער אמונה, מחמת עס איז זיי געווען אַ שאָד זיך אָפּצוזאָגן פון די מאַטעריעלע נוצן, וואָס עס האָט געגעבן דער מצבֿ פון אַ געשמדטן ייִד אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, אָבער אויך יענע פלעגן שפּעטער חרטה האָבן און אַוועקגיין פון דער אויפגעצוווּנגענער רעליגיע. זייער אַ זעלטענע זאַך איז דעמאָלט געווען אויף דער יידישער גאַס אַ „מומר להכעיס״, אַ משומד וואָס איז מיטן גוטן ווילן אַוועק פון יידישקייט. אַזעלכן פלעגן אויסמײַדן זײַנע קרובֿים און באַקאַנטע, און אַ פאַרשטויסענער און פאַרביטערטער האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אין גאַנצן אַוועקגיין צו קריסטן. איינער פון אַזעלכע משומדים אין 12טן י״ה, יהודה הערמאַן, האָט איבערגעלאָזט אַן אויספירלעכע באַשרײַבונג פון זײַן שמד, וואָס וואַרפט אַ שײַן אויף די דעמאָלטיקע באַציִונגען צווישן יידן און קריסטן.

יהודה, וואָס האָט נאָכן שמד זיך אָנגערופֿן הערמאַן, איז געווען אַ זון פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער ייִדישער משפּחה אין קעלן. קינדווייַז, דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם ערשטן קרייצצוג, האָט ער געקראָגן אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג. אַז ער איז געוואָרן צוואַנציק יאָר אַלט, האָט ער אָנגעהויבן צו פֿאָרן מיט סחורה קיין מאַינץ, „וואָרעם אַלע ייִדן פֿאַרנעמען זיך מיט מסחר", — טייַטשט ער אויס. אין מאַינץ האָט דער יונגער סוחר זיך געטראָפֿן מיטן ביסקופֿ עקבערט פֿון מינסטער. דער ביסקופֿ האָט געבעטן בייַ יהודהן, ער זאָל אים אַנטלייַען געלט, און יענער האָט אים גערן געגעבן אַפֿילו אָן אַ משכּון, „הגם בייַ ייִדן איז געווען אַ מנהג צו נעמען פֿאַר יעדער הלוואה אַ משכּון אין טאָפּלטן ווערט". אַז יהודה איז געקומען צוריק אַהיים, האָבן די קרובֿים אים גענומען אויפֿוואַרפֿן, הלמאַי ער איז ניט גענוג אָפּגעהיט מיט געלט; זיי האָבן אים געעצהט אַריבערצופֿאָרן צום ביסקופֿ קיין מינסטער און בלייַבן דאָרט, ביז וואַנען דער ביסקופֿ וועט אים ניט אָפּצאָלן דעם חובֿ. אויף אָפּצוהיטן דעם יונגן מאַן אין אַ שטאָט, וווּ עס איז ניט געווען קיין ייִדישע קהילה, האָט מען מיט אים מיטגעשיקט אַ חבֿר, אַ געוויסן ברוכן, וואָס האָט געדאַרפֿט השגחה געבן אויף זייַן אויפֿפֿיר. אין מינסטער האָט יהודה פֿאַרבראַכט 20 וואָכן, ווייַל דער ביסקופֿ האָט אַלץ אָפּגעלייגט דעם טערמין פֿון באַצאָלן דעם חובֿ. אין יענער צייַט, ווען יהודה האָט ניט געהאַט וואָס צו טון, פֿלעגט ער אָפֿט גיין אין קירך אַרייַן און הערן עקבערטס דרשות. איז אים געפֿעלן געוואָרן, ווי אַזוי דער ביסקופֿ טייַטשט אייַן די ביבל אין זייַנע דרשות: ער פֿלעגט טענען, אַז די קריסטן פֿאַרשטייען דעם אינעווייניקסטן, פֿאַרבאָרגענעם זינען פֿון דער הייליקער שריפֿט, בעת ווען די ייִדן האַלטן זיך, ווי ברואים אָן פֿאַרשטאַנד, נאָר פֿאַר דאָס אויסווייניקסטע. דער יונגער מאַן האָט זיך אויך אויסגעלערנט פֿון זיך לאַטייַן און אָנגעהויבן נעמען ביכער אויף לייענען פֿון דער קלויסטערישער שול. די גלחים און מאָנאַכן אַרום דעם ביסקופֿ, ווען זיי האָבן באַמערקט, ווי דער יונגער ייִד האָט אַזאַ חשק צו קריסטלעכע זאַכן, האָבן פֿאַרפֿירט מיט אים רעליגיעזע שמועסן, וואָס דערבייַ האָבן זיי אָנגעווענדט אַלע זייערע מיסיאָנערישע קונצן. נאָר יהודה האָט נאָך אַלץ זיך געקווענקלט: ער האָט ניט געקאָנט גורס זייַן דעם קולט פֿון די הייליקע בילדער און בכלל די אַלע זאַכן, וואָס פֿירן אַוועק די קירך פֿון ריינעם מאָנאָטעיִזם. נאָר פֿון דער אַנדער זייַט האָט ער ניט געקאָנט פּטור ווערן פֿון דעם געדאַנק, אַז אויב קריסטנטום וואָלט טאַקע געווען אַ פֿאַלשע אמונה, וואָלט דער אייבערשטער ניט געגעבן די קריסטן די ממשלה איבער אַלע לענדער און וואָלט ניט גוזר געווען אויף ייִדן גלות און נע-ונד צווישן די פֿעלקער. מיט אַזעלכע ספֿקות אין דער נשמה איז יהודה סוף כּל סוף געקומען קיין קעלן, נאָך דעם ווי ער

האָט אָפּגענומען דעם חוב בײַם ביסקופֿ. די משפּחה זײַנע האָט אים באַלד חתונה געמאַכט מיט דער האָפֿענונג, אַז די דאגות פֿאַר זײַן פֿאַמיליע וועלן אַרויסשלאָגן בײַ אים די שלעכטע געדאַנקען פֿון קאָפּ. אויף עטלעכע חדשים האָט יהודה זיך באַרויִקט, אָבער דערנאָך האָט אים ווײַטער גענומען פּײַניקן די צעשפּאָלטנקייט אין דער נשמה צווישן ייִדנטום און קריסטנטום. ער האָט פֿון דאָס נײַ גענומען גיין אין די קירכן אין קעלן און אין מאַינץ. איין מאָל איז ער אין וואָרמס אַרײַן אין בית־המדרש און האָט געפֿונען מענטשן זיצן און לערנען תּלמוד. האָט ער פֿאַרפֿירט מיטן עולם ייִדן אַ וויכּוח און האָט געפּרוּווט אײַנטײַטשן פּסוקים פֿון תּנך אין קריסטלעכן גײַסט. דערבײַ איז ער געווען אָפּגעהיט צו פֿאַרוואָרענען זיך, אַז דאָס האָט ער געוואָלט נאָר דער־ציילן, ווי אַזוי אַנדערע, פֿרעמדע, טײַטשן די תּורה, אָבער ער אַליין האַלט ניט דערפֿון. די קעלנער ייִדן האָבן אָבער זיך אָנגעשטויסן, וואָס יהודה איז אויסן, און האָבן געשיקט צו די מנהיגים פֿון דער קהילה אין מאַינץ אַ בריוו מיט דער בקשה אים צו כאַפּן און באַשטראָפֿן לויט דער גאַנצער האַרבקייט פֿון דעם דין וועגן אָפּטריניקע. יהודה האָט דעם בריוו אויסגענאַרט בײַ דעם שליח, און דאָס האָט בײַ אים לעצטגילטיק פֿאַרפֿעסטיקט דעם געדאַנק זיך צו שמדן. ער האָט אין מאַינץ צוגעכאַפּט זײַן זיבניאָריקן ברודער און האָט אים אַוועקגעפֿירט אין אַ קלויסטער. אין גיכן זײַנען ער און זײַן ברודער געוואָרן אָפּגעשמדט, און דערבײַ האָט יהודה אָנגענומען דעם נאָמען הער־מאַן און איז געוואָרן אַ מאָנאַך (1128).

די ייִדן פֿון מאַינץ, וואָרמס און קעלן האָבן ערשט דרײַסיק יאָר נאָכן ערשטן קרייצצוג, ווען עס האָבן נאָך דאָ געשוועבט די שאָטנס פֿון די קדושים, ניט געקאָנט רויִק צוקוקן, ווי אַזוי אַן אָפּטריניקער גייט אַריבער אין דעם לאַגער פֿון שטאַרקע. אָבער דאָס, וואָס האָט פֿאַרשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן גלויבן אין פֿאָלק ווי אַ גאַנצס, האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן בײַ יחידים, וואָס האָבן, פּונקט ווי הערמאַן, זיך אַזוי געחקירעט: אויב דער אייבערשטער האָט טאַקע אַזוי ליב ייִדן, טאָ פֿאַר וואָס לאָזט ער זיי אַזוי פּײַניקן און גיט די אייבערהאַנט דער פּײַנטלעכער „אמונת שוא״? אַזעלכע ספֿקות האָבן געשטויסן שוואַכע אין די אָרעמס פֿון דער קירך אַרײַן. אין רעגנסבורג איז געווען אַזאַ פֿאַל. אַ זון פֿון אַ רײַכן ייִדן האָט באַשלאָסן זיך צו שמדן און האָט אַרויסגעגנבֿעט בײַ זײַן פֿאָטער אַ סך געלט און טײַערע זאַכן און אָפּגעגעבן עס צו היטן דעם אָרטיקן אַרצידיאַקאָן, וואָס האָט אים אויפֿגענומען בײַ זיך אין שטוב, כּדי צוצוגרייטן אים צום אַריבערגאַנג אין דער נײַער אמונה. נאָך דער געלטגײַציקער גלח האָט מער געהאַלטן פֿון דעם אוצר, וואָס מען האָט אים געגעבן צו היטן, איידער פֿון דעם קומענדיקן זון פֿון דער קירך, וואָס ער וואָלט אים באַדאַרפֿט אָפּגעבן זײַן געלט צוריק נאָך זײַן שמד. האָט

ער אַליין אָפּגעלייגט די צערעמאָניע פון דעם שמד און בינתים געפירט אונ־טערהאַנדלונגען מיטן בחורס פאָטער און אים אָנגעבאָטן אומצוקערן אים צוריק דעם אַנטלאָפענעם זון, בתנאי אַז דאָס געלט און די טייערע זאַכן, וואָס יע־נער האָט פאַרכאַפּט, זאָלן בלייבן ביי אים, דעם אַרצידיאַקאָן. און דער עסק איז געמאַכט געוואָרן. דער פאָטער האָט געפרוווט אָפּצורעדן דעם בן־סורר פון שמד, אָבער זיינע רייד האָבן ניט געהאָלפן, און איין מאָל האָט ער אין אַנפאַל פון כעס דעם זון דערהרגעט. דעם קערפּער פון דערהרגעטן האָט מען געפונען אין דונאַי. דאָס געריכט האָט באַשטימט דעם אַרצידיאַקאָן צו פאַרברענען, און די עלטערן פון דערהרגעטן און זיינע מיטהעלפער האָבן זיך געראַטעוועט פון שטראָף דורך דעם, וואָס זיי האָבן „אָנגענומען דעם גלויבן אין קריסטוסן", ד"ה זיי האָבן זיך געלאָזן אָפּשמדן — טייטן די נשמה אָנ־שטאָט צו טייטן דעם גוף (1137).

ביי אַזאַ פאַרשאַרפונג פון דער פראַגע פון רעליגיע אין טאָגטעגלעכן לעבן איז קיין חידוש ניט, וואָס עס האָבן זיך אָפּט גענומען איבערחזרן רעליגיעזע וויכוחים צווישן יידן און קריסטן. אָפּט מאָל פלעגן יידן אַליין, וואָס זיינען געווען זיכער, אַז זייערע באַווייזן זיינען פעסטערע, אַרויסרופן זייערע געגנער צו אַ וואָרטקאַמף. אַ פאַרשטייער פון דער קריסטלעכער גייסטלעכקייט שרייבט אין יאָר 1166: „מיר באַווייזן אין אונדזערע חיבורים די איבערוואָג פון אונדזער רעליגיע צוליב דעם, כדי די יידן זאָלן אויפהערן צו שפעטן פון אונדז, אַז מיר זיינען אומוויסנדיק. שטענדיק טרעטן זיי אַרויס און רופן צו אונדז, פונקט ווי גלית הפלשתי: „שטעלט אַרויס אייער קריגסמאַן, און מיר וועלן מלחמה האַלטן מיט אים!" — די קאַטוילישע גייסט־לעכע פלעגן אָפּט דערווייזן די אמתקייט פון זייער גלויבן אויף אַזעלכע דרכים, אַז די יידן איז ניט געווען שווער זיי אָפּצופרעגן. אַזוי האָט למשל איין גלח געטענעט, אַז די הייליקע קירכלעכע בגדים ברענען ניט אויפן פייער, האָט איינער אַ ייד טאַקע אויפן אָרט גענומען און באַגאָסן די היי־ליקע בגדים מיט עסיק און פאַרברענט זיי אויף אַש. האָט מען געדאַרפט צו־גרייטן מער געראָטענע בעלי־וויכוח, וואָס זאָלן אַרויסטרעטן פאַר דער קירך. מען האָט אַרויסגעלאָזט שריפטן מיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו פירן וויכוחים מיט יידן. אויף צו שרייבן אַט די שריפטן האָט מען צוגעצויגן געשמדטע יידן. דער אַרצידיאַקאָן ווילהעלם פון בורזש, אַ געשמדטער ייד, האָט אָנ־געשריבן אַ פירוש צו דער ביבל אין גייסט פון דער קירך און חוץ דעם אַ פאַמפלעט מיטן נאָמען „דעם אייבערשטנס מלחמה קעגן די יידן" (Bellum Domini contra Judaeos).

אויף אַ מדרגה, וואָס צו איר האָט קיינער אין יענער צייט ניט דער־לאַנגט, האָט זיך געשטעלט דער באַרימטער פראַנצייזישער סכאָלאַסטיקער

אַבעלאַר אין זײַן „דיאַלאָג צווישן אַ פֿילאָסאָף, אַ ייִד און אַ קריסט" (Dialo-gus inter philosophum, Judaeum et Christianum, 1135). דער דאָזיקער מאָ-נאַך, וואָס די קירך האָט אים גערודפֿט, האָט תּופֿס געווען די נשמה פֿון די גערודפֿטע ייִדן און שילדערט מיט אַ באַשײַמפּערלעך מיטגעפֿיל זייער ביטערן מזל: „אונדזערע גרעסטע שׂונאים — קלאָגט זיך דער ייִד אין אַבעלאַרס „דיאַלאָג" — זײַנען מיר געצוווּנגען אָנצוגעטרויען אונדזער לעבן". אַבעלאַר איז זיך מצער אויף די שווערע תּנאים, וואָס ייִדן לעבן אין זיי: זייערע פּרנסות זײַנען באַגרענעצט נאָר אין האַנדל און אַנטלײַען געלט, און מחמת דעם ווערט נאָך גרעסער די שׂנאה צו זיי מצד דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג. דער איינציקער אַרויסגאַנג פֿון דער אייביקער אַמפּערניש צווישן די רעלי-גיעס איז, לויט דער מיינונג פֿון דעם פֿילאָסאָף אין אַבעלאַרס „דיאַלאָג", נאָר דערין, אַז מען זאָל זײַן טאָלעראַנט צו פֿרעמדע גלייבונגען, ווי ווײַט זיי זײַנען נאָר ניט קעגן די געבאָטן פֿון דעם נאַטירלעכן שׂכל און פֿון דער מאָראַל. די דאָזיקע שטים פֿון אַן אַנדער וועלט האָט, פֿאַרשטייט זיך, קיין שום אָפּקלאַנג ניט געפֿונען אין יענעם יאָרהונדערט פֿון פֿלאַמענדיקן רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם.

אין די תּנאים פֿון 12טן י"ה האָט די אָפּזונדערונג, וואָס איז נאַטירלעך געווען געדרונגען. פֿון דעם פֿאַרזיכדיקן שטייגער פֿון ייִדישן לעבן, געמוזט נאָך שטאַרקער ווערן אונטערן דרוק פֿון דער אויסווייניקסטער סבֿיבֿה. ווי אַ טשערעדע שאָף, געיאָגט פֿון וועלף, האָבן די גערודפֿטע זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע, געפֿלײַסט זיך צו וווינען צוזאַמען, וואָס ווײַטער פֿון די פֿײַנטלעכע שכנים. אין דעם רובֿ שטעט האָבן שוין פֿון לאַנג אָן עקסיס-טירט באַזונדערע ייִדישע קוואַרטאַלן, אין אָט דער תּקופֿה זײַנען זיי געוואָרן אַלץ מער אָפּגעשלאָסן. ייִדן האָבן זיך אַרויסגעקליבן פֿון הײַזער, וואָס זײַנען געשטאַנען אין די „קריסטלעכע" שטאָטטיילן, און קריסטן זײַנען בהדרגה אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון ייִדישן קוואַרטאַל [1]. די אויטאָנאָמע קהילה ווערט אַלץ מער אַ ייִדיש שטעטל אין דער קריסטלעכער שטאָט. די שותּפֿישע סכּנה שמעלצט צונויף די מיטגלידער פֿון דער קהילה אין איין פֿאַראיין צום באַשיצן זיך. די זעלבסטפֿאַרוואַלטונג ווערט זעלבסטשוץ. אַלץ דײַטלעכער טרעטן אַרויס אין די אַקטן פֿון יענער צײַט די אָרגאַניזיר-פֿאָרמען פֿון דער קהילה: דער „ייִדישער מאַגיסטראַט" (Magistratus Judaeorum), זײַן פֿאָרזיצער אָדער Judenbischof (episcopus Judaeorum אין קעלן, אין די ייִדישע אַקטן — „פּרנס"), דער רבֿ, די דיינים און פֿאַרשיידענע כּלי-קודש.

---

1 אין קעלן למשל האָבן ייִדן אין משך פֿון 13טן י"ה געסטאַרעט זיך אויסצוקויפֿן אַלע הײַזער אין ייִדישן קוואַרטאַל, וואָס האָבן געהערט צו קריסטן (דער טעכנישער טערמין פֿאַר אַזעלכע הײַזער איז: domus inter Judaeos sita, Aronius, Regesten, נ׳ 255—297).

די קהילות בײַם ריין און אין צפֿון־פֿראַנקרײַך, הגם זיי האָבן געהערט צו צוויי פֿאַרשיידענע מלוכות, פֿון דעסט וועגן האָבן זיי געבילדעט אַזוי ווי איין פֿאַרבאַנד פֿון קהילות. קודם כּל זײַנען די ייִדן פֿון ביידע ברעגעס פֿון ריין, פֿון דער סענע און לואַרע געווען פֿאַראייניקט דורך זייער בשותּפֿישער ר ײ ד ש פ ר אַ ך. אין קעלן, מאַינץ, וואָרמס, פּונקט ווי אין פּאַריז און אָרלעאַן, האָבן זיי גערעדט פֿראַנצייזיש אָדער אויף אַ באַזונדערן פֿראַנצייזישן דיאַלעקט מיט אַ צומיש פֿון העברעיִשע ווערטער, און אין די דײַטשע פּראָווינצן, נאָך מיט אַ צומיש פֿון אַ סך דײַטשע ווערטער. אין די אינעווייניקסטע פּראָווינצן פֿון דײַטשלאַנד האָבן ייִדן גערעדט דײַטש, אויך צוגעמישט ווערטער פֿון זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך (ייִדיש־דײַטש). די גײַסטיקע העגעמאָניע איז דעמאָלט געווען קאָנצענטרירט אין די קהילות פֿון צפֿון־פֿראַנקרײַך און פֿון דײַטשן ריינלאַנד, באַזונדערס אין לאָטרינגען מיט אירע פֿיל לומדים און ישיבֿות (חכמי לותּיר). פֿון דאָרט אויס זײַנען געמאַכט געוואָרן פּרווון צו פֿאַראייניקונג, וואָס איר יסוד איז געלייגט געוואָרן אין מיטן 12טן י"ה אין די צ ו ז אַ מ ע נ פֿ אָ ר ן אָדער ו ו ע ד י ם פֿון די רבנים.

איבער דרײַ סיבות האָבן די רבנים זיך געמוזט צונויפֿקומען: 1) מען האָט געדאַרפֿט אײַנשטעלן דעם סדר פֿון דער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג פֿון די קהילות, אַז ער זאָל זײַן איינער און דער זעלביקער פֿאַר אַלעמען, מען האָט באַדאַרפֿט באַשטימען די רעכט פֿון די רבנים און די בתּי־דינים, וואָס האָבן געהאַט צו פּסקענען אויך אין ציווילע פּראָצעסן (דיני ממונות) צווישן די מיט־גלידער פֿון דער קהילה; 2) מען האָט געמוזט צופּאַסן די דינים פֿון תּלמוד בנוגע רעכט און ריטואַל, וואָס זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די מזרח־לענדער, צו די נײַע אומגעביטענע תּנאים פֿון דעם ייִדישן לעבן אין מערבֿ־אייראָפּע, צווישן קריסטלעכע פֿעלקער; 3) מען האָט געמוזט צוזאַמען באַטראַכטן אַ ריי תּקנות, וואָס האָבן זיך געפֿאָדערט אויף אײַנצושטעלן דאָס לעבן נאָך די גזרות פֿון די קרייצצוגן.

די ערשטע צוזאַמענפֿאָרן זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן צווישן די יאָרן 1150 און 1170, משמעות אין טרואַ אָדער אין ריימס, אונטער דער פֿירונג פֿון דעם גרעסטן רבנישן בר־סמכא פֿון יענער צײַט, רבנו יעקבֿ תּם, רשיס איייניקל. אויף איינעם פֿון די צוזאַמענפֿאָרן זײַנען געווען ביז 150 רבנים פֿון פּאַריז, ריימס, טרואַ, סאַנס, אָרלעאַן, דיזשאָן, פֿון די פּראָווינצן פֿון נאָרמאַנדיע, פֿון אַנזשו, פּואַטו און לאָטרינגען. דער דאָזיקער צוזאַמענפֿאָר האָט, צווישן אַנדערע, אָנגענומען אַ החלטה, אַז סיכסוכים און לאָדענישן צווישן ייִדן דאַרפֿן באַטראַכט ווערן נאָר אין ייִדישן בית־דין, און ניט אין קריסטלעכן געריכט; אַ ייִד, וואָס ווענדט זיך מיט אַן אָנקלאָג קעגן אַ ייִדן אין קריסט־לעכן געריכט (ערכּאות של גויִם) ווערט אַרײַנגעלייגט אין חרם, אויסגעשלאָסן

פון דער קהילה, ווײַל ער גראָבט אונטער דעם יסוד פון דער יידישער אויטאָנאָמיע. לאָזן באַטראַכטן אַ פּראָצעס אין אַ ניט־יידישן געריכט מעג מען נאָר אין דעם פאַל, ווען ביידע צדדים זײַנען מסכּים, און עס דאַרפן דערבײַ זײַן יידישע עדות. עס איז אויך געווען פאַרבאָטן זיך צו ווענדן נאָך הילף צו די ניט־יידישע מאַכטהאָבער — „אַ מלך, אַ שׂררה אָדער שופט" — אויף צו באַקומען דעם פּאָסטן פון אַ פּרנס אין אַ קהילה אָדער אויף „אָנצושרעקן די שבֿעה טובֿי העיר", דאָס הייסט צו ווירקן פון אויסווייניק אויף די אויסגעקליבענע מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. עס זײַנען שטרענג באַשטראָפט געוואָרן מסירות און יעטווידער פּרווו אַרײַנצומישן די פרעמדע מאַכטהאָבערס אין די אינעווייניקסטע ענינים פון דער קהילה. „אַ גוי טאָר מיט אַ פינגער ניט אָנרירן (אונדזערע אינעווייניקסטע ענינים), און זאָל קיין פרעמדער ניט אַרײַנדרינגען אין אונדזערע רייען. זאָלן אַלע אָפּהיטן הייליקייט און ריינקייט און זיך דערווײַטערן פון דער טומאה פון די בני־המדינה". אויף די יידן וואָס זײַנען מקורבֿים למלכות האָט דער וועד אַרויפגעלייגט די התחייבֿות צו באַשיצן די אומבאַרירלעכקייט פון דער קהילה־אויטאָנאָמיע, אַזוי „אַז די וואָס זײַנען עובֿר אויף אונדזערע תּקנות זאָלן קריגן זייער שטראָף דורך די גויים".

אויף אַנדערע פאַרזאַמלונגען פון די פראַנצייזישע רבנים, וואָס זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיטן אָנטייל פון רבנו תּם, זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ ריי תּקנות אויף צו אָרדענען דאָס פאַמיליע־לעבן און דעם סאָציאַלן שטייגער. עס זײַנען באַשיצט געוואָרן די אייגנטום־רעכט פון דער פרוי און איבערגעקוקט די דינים וועגן גט. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן דעם מאַן אַוועקצופאָרן אין אַן אַנדער שטאָט אויף אַ לענגערער צײַט אָן דעם וויסן פון זײַן ווײַב און אָן דעם הסכּם פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. איין תּקנה איז געווען, אַז אַ ייד טאָר באַין אופן ניט קויפן צוליב פאַרקויפן אָדער נעמען בתורת משכּון עפּעס פון די קירכלעכע חפצים — בילדער, בגדים, כּלים, וואָרעם דאָס קאָן אַרויסרופן געפערלעכע מהומות פון דער קריסטלעכער מאַסע, וואָס איז חושד די יידן, אַז זיי „פאַרשוועכן" די קירכלעכע חפצים. אויף צו האַלטן אין שרעק די ניט־פאָלגערס האָבן די רבנים געהאַט דעם חרם, דעם זעלביקן מיטל וואָס עס האָבן אויסגענוצט די קריסטלעכע גײַסטלעכע.

חוץ די רבנים־צוזאַמענפאָרן אין פראַנקרײַך, איז פאַראַן נאָך אַ מטושטשע ידיעה וועגן אַזעלכע „וועדים" פון די דרײַ ריינישע קהילות — שפּײַער, וואָרמס און מאַינץ (שו"ם), אָבער מער פּינקטלעכע ידיעות וועגן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע באַווײַזן זיך ערשט אין 13טן י"ה.

§ 39. די בעלי=התוספֿות און די אַנטוויקלונג פֿון דער רבנישער ליטעראַטור

די תּלמוד=וויסנשאַפֿט איז געשטאַנען אין צענטער פֿון דעם קהילה=לעבן. זי איז געווען סײַ דאָס געצײַג פֿון גײַסטיקער דערציִונג סײַ דער „בית=היוצר” פֿון די געזעצן, וואָס האָבן רעגולירט דעם רעליגיעזן, משפּחה= און געזעלשאַפֿטלעכן שטייגער פֿון ייִדנטום. די פֿריִערדיקע תּקופֿה פֿון רבנו גרשום און רשי (§§ 16–17) האָט אַוועקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון דער תּלמודישער וויסנשאַפֿט, וואָס האָט אין צוועלפֿטן י"ה דערגרייכט צו איר פֿולער אַנטוויקלונג, בפֿרט אין פֿראַנקרײַך. עס איז ניט געווען קיין איין גרעסערע קהילה, וואָס זאָל ניט האָבן אין איר בית=מדרש אָדער בײַם רבֿ אין שטוב אַ ישיבֿה, חוץ אַ נעץ פֿון נידעריקע און מיטעלע שולן. זינט דער גרויסער רשי האָט מיט זײַן פּירוש געגעבן אַ שליסל צום תּלמוד, איז תּלמוד געוואָרן דער הויפּט=לימוד אין די שולן און דער הויפּטפֿאַך פֿון פֿאָרשונג. פּונקט ווי פֿריִער אין די מזרח=לענדער, אַזוי זײַנען איצט אין מערבֿ געווען איבערגעפֿלאָכטן טעאָרעטישע און פּראַקטישע צילן, דער שטודיום פֿון די הלכות און זייער אײַנטײַטשונג. היות ווי אויסטײַטשן די תּלמודישע הלכה האָט מען געמוזט צוליב פּראַקטישע אויספֿירן, דעריבער האָט מען אָן טעאָ=רעטישער פֿאָרשונג זיך ניט געקאָנט באַגיין, און אָט די פֿאָרשונג איז געוואָרן אַ לעבעדיקע באַדערפֿעניש פֿון דעם גײַסט, וואָס האָט קיין אַנדער שפּײַז ניט געהאַט. אַזוי אַרום האָבן געמוזט אַרויסקומען בײַ דער ווײַטערדיקער באַאַרבעטונג פֿון תּלמוד די זעלביקע רעזולטאַטן וואָס בײַ זײַן צונויפֿשטעלונג אין בבֿל: עס האָט זיך ביז גאָר אַנטוויקלט דער פּילפּול. פּונקט ווי פֿאַר=צײַטנס איז אויף דער משנה אויסגעבויט געוואָרן די גמרא ווי אַ פּירוש און מילואים צו איר, אַזוי האָט מען איצט אָנגעהויבן צו בויען איבער דער גמרא אַ נײַעם גאָרן פֿון הוספֿות: די תּוספֿות[1], וואָס אין זיי איז ווידער צונויפֿגעשמאָלצן אַ פּירוש, אַ פֿרײַע אײַנטײַטשונג און אַ שאַרפֿע דיאַלעקטיק – דער פּראָדוקט פֿון אַ צוגעשפּיצטן מוח. די רבנים וואָס האָבן געמאַכט אַזעלכע פּירושים צו דער גמרא האָבן זיך גערופֿן בעלי=התוספֿות. די דאָזיקע רבנישע סכאָלאַסטיק האָט באַזונדערס געבליט אין יענע לענדער פֿון אייראָפּע, ווו עס איז געווען פֿאַרשפּרייט די קריסטלעכע טעאָלאָגישע סכאָלאַסטיק – אין פֿראַנקרײַך און אין דײַטשלאַנד.

---

1 מיר האַלטן פֿאַר ריכטיק די מיינונג פֿון אײַזיק הירש ווײַס, אַז דערמיט זײַנען געמיינט הוספֿות אין אײַנטײַטשונגען צום עצם טעקסט פֿון דער גמרא, און ניט צו רשיס פּירוש, ווי גרעץ מיינט.

די ערשטע בעלי־התוספות שטאַמען ניט בלויז פון רשיס בית־מדרש, נאָר אויך פון זײַן משפּחה. רשיס טעכטער האָבן חתונה געהאַט מיט זײַנע אויסגעצייכנטע תּלמידים, און איינער פון זיי, רבי מאיר, רעכנט זיך פאַרן ערשטן פון די בעלי־התוספות, נאָר רבי מאירס זין האָבן אַריבערגעשטיַגט זייער פאָטער אין לומדות. פון אָט די אייניקלעך רשיס האָבן די גרעסטע חשיבות אין דער רבנישער ליטעראַטור צוויי: ר׳ שמואל בן מאיר, וואָס וואָס ווערט געוויינטלעך געבראַכט אונטער די ראָשי־תּיבות רשב״ם, און ר׳ יעקב בן מאיר תם אָדער רבנו תם. זייער טעטיקייט איז פון איין זײַט אַ המשך פון רשיס פּרשנות, און פון דער צווייטער זײַט איז זי אַן אָנהייב פון דער תּוספות־ליטעראַטור.

רשבם (אַן ערך 1080–1150) האָט מיט הצלחה ווײַטער געפירט און ממלא געווען זײַן זיידנס גרויס ווערק. ער האָט פאַרענדיקט יענע טיילן פון דעם פּירוש צום תּלמוד בבלי, וואָס רשי האָט ניט באַוויזן אָנצושרײַבן. אין דער זעלביקער צײַט האָט דער רשבם זיך פירגענומען צו שאַפן אַ פּירוש צום חומש לויט אַן אַנדער פּרינציפּ ווי רשיס פּירוש, וואָס איז באַגרינדעט דער עיקר אויף אויסטײַטשונגען פון תּלמוד. ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן פּירוש צום חומש לויטן מעטאָד פון פשט, ד״ה דערקלערן דעם פּשוטן זינען פון טעקסט, און ניט לויטן מעטאָד פון דרש, וואָס איז אויסן נאָר אונטערצוהאַלטן די אָדער יענע הלכה אָדער די אָדער יענע אַגדתא.

דער אמתער ראָש און מנהיג פון די פראַנצייזישע בעלי־התוספות איז געווען דעם רשבמס ברודער, ר׳ יעקב תּם, וואָס האָט געוווינט אין די שטעט ראַמערי און טרואַ (רומרוג און טרויש) (אַן ערך 1100–1171). אַ גביר און אַ בעל־השפּעה, אַ מקורב צו די רעגירנדיקע קרײַזן פון פראַנקרײַך, איז דער רבנו תם געווען אַ מין ייִדישער ביסקופּ — וואָס פאַראייניקט אין זיך גײַסט־לעכע און וועלטלעכע מאַכט. דער דאָזיקער מנהיג פון פראַנצייזישן ייִדנטום איז געווען סײַ אַ גרויסער בקי אין תּלמוד סײַ אַ גוואַלדיקער חריף. „אין פּרט פון פּילפּול האָט ער צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאַט זינט דער חתימת־התּלמוד״ — אַזוי זאָגט וועגן רבנו תם איינער אַ מיטלעלטערלעכער רב (ר׳ יצחק בן ששת). די האַרבסטע קשיות, וואָס האָבן געקאָנט אויפקומען בײַם לערנען גמרא, האָט ער געקאָנט פאַרענטפערן, און מיט שאלות וועגן ייִדישע דינים פלעגט מען זיך ווענדן צו אים ניט בלויז פון פראַנקרײַך, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער. זײַנע חידושי־תּורה און תּשובות אויף שאלות זײַנען צונויפגעקליבן אין זײַן הויפּטווערק „ספר הישר״, זײַן תּורה איז פאַראַן אויך אין די קאָלעקטיווע „תּוספות״, וואָס ווערן געדרוקט צוזאַמען מיטן תּלמוד בבלי. אין זײַנע פּסקים האָט דער רבנו תם געהאַט אין זינען די פאָדע־רונגען פון דער צײַט און האָט אָפט מאָלס מקיל געווען, ווײַל די איבערגעבי־

טענע תּנאים פֿוןווירטשאַפֿטלעכן לעבן האָבן ניט דערלאָזט אָפּצוהיטן דעם דין אין זײַן פֿולער האַרבקייט. אַזוי האָט ער מתּיר געווען צו אַנטלײַען ניט-ייִדן געלט אויף פּראָצענט, ווײַל אָן דעם וואָלט קיין האַנדל ניט געווען מיגלעך. „מיר זײַנען דאָך — שרײַבט ער — באַשוואַרט מיט צינזן, וואָס עס מאָנען פֿון אונדז דער מלך און די שׂררות, און לעבן מוזן מיר. ווי באַלד מיר לעבן צווישן אַנדערע פֿעלקער, קאָנען מיר זיך ניט מפֿרנס זײַן, ווען מיר זאָלן מיט זיי ניט האַנדלען, און דערפֿאַר קאָן מען ניט אַסרן צו נעמען פּראָצענטן". רבנו תּם גופֿא האָט אויך געלעבט פֿון אַנטלײַען געלט אויף פּראָצענט, אָבער קענטיק, אַז ניט ער אַליין האָט זיך דערמיט פֿאַרנומען, נאָר ער האָט דאָס געטאָן דורך ייִדישע אַגענטן. ער האָט אויך מקיל געווען אין די דינים וועגן עסנוואַרג: אַזוי אַ שטייגער האָט ער מתּיר געווען צו עסן קעז וואָס אַ גוי האָט געמאַכט און האַנדלען מיט ווײַן, וואָס איז געקויפֿט געוואָרן בײַ קריסטלעכע ווײַנערס. אָבער אין ריין רעליגיעזן געביט איז ער געווען אַ מחמיר און האָט געפֿאָדערט, אַז עס זאָלן פּינקטלעך אָפּגעהיט ווערן די צערעמאָניעס און אַפֿילו די פֿאָלקס-מנהגים, ווײַל ער האָט געהאַלטן פֿון דעם כּלל „עשׂו סייג לתּורה", מאַכט אַ צאַם אַרום דער תּורה, כּדי אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פֿון דער נאַציע. רבנו תּם האָט שטענדיק אויפֿגעפּאַסט אויף דער פֿעסטקייט פֿון דער ייִדישער קהילה-אויטאָנאָמיע, און אויף די דערמאָנטע רבנים-צוזאַמענפֿאָרן האָט ער דורכגעפֿירט אַ סך תּקנות געווענדט קעגן מענטשן, וואָס ווילן עובֿר זײַן אויף דער דיסציפּלין פֿון דער קהילה. אויב ער האָט מתּיר געווען צו אַנטלײַען געלט, ווײַל מען האָט אָן דעם ניט געקאָנט זיך באַגיין, האָט ער אָבער געזאָרגט דערפֿאַר, עס זאָלן דערבײַ זײַן וואָס ווינציקער געלעגנהייטן צו סיכסוכים; מען מעג משער זײַן, אַז דאָס איז געווען זײַן אויפֿטו, וואָס דער צוזאַמענפֿאָר האָט אָנגענומען די אויבן דערמאָנטע תּקנה, אַז ייִדן טאָרן ניט געבן קיין הלוואות אויף אַ משכּן פֿון קירכלעכע חפֿצים. אַ מקורבֿ צו די רעגירנדיקע קרײַזן, האָט רבנו תּם געמוזט וויסן וועגן דער אַגיטאַציע, וואָס די קאַטוילישע גײַסטלעכקייט האָט ערבֿ דעם צווייטן קרייצצוג אויפֿגעהויבן מכּוח די קרעדיט-אָפּעראַציעס פֿון ייִדן. ער גופֿא האָט אויך ניט, ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן (§ 34), אויסגעמיטן אַן אָנפֿאַל און איז שיער ניט אומגעקומען, ווען די קרייצפֿאָרערס זײַנען דורכגעגאַנגען דורך ראַמערו. עטלעכע חדשים פֿאַר זײַן טויט האָט זיך אָפּגעשפּילט די בלוטיקע דראַמע אין בלואַ (§ 35), און דער זקן, אויפֿגעטרייסלט דורך אָט דער געשעעניש, האָט אײַנגעשטעלט אַ תּענית-ציבור צום אָנדענק פֿון די קדושים.

נאָך רבנו תּמס טויט איז בראָש פֿון די פֿראַנצייזישע בעלי-תּוספֿות געשטאַנען זײַן פּלימעניק רבי יצחק בן שמואל (ר"י הזקן), וואָס האָט געהאַט

זײַן ישיבֿה אין דאַמפּיער בײַ ראַמערו. מען דערציילט, אַז ער האָט געהאַט 60 תּלמידים, וואָס איטלעכער פֿון זיי האָט געוווּסט אויף אויסווייניק איין מסכת פֿון דער גמרא, און דורך זייער שקלא־וטריא פֿלעגן זיי פֿאַרענטפֿערן אַלע קשיות און אויסגלײַכן אַלע סתּירות, וואָס זײַנען פֿאַראַן אין די פֿאַרשײַדענע מסיכתּות. פֿון די ישיבֿות פֿון רבנו תּם און פֿון ר"י איז אַרויסגעקומען אַ נײַער דור בעלי־תּוספֿות. זיי האָבן פֿאַרנומען די פּאָסטנס פֿון רבנים און ראָשי־ישיבֿות אין פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און ענגלאַנד. אייניקע פֿון זיי זײַנען אומגעקומען אויף קידוש־השם סוף דעם 12טן י"ה (למשל רבי יעקבֿ פֿון אָרלעאַן און רבי יום־טובֿ פֿון זשואַניִ, וואָס זײַנען דערהרגעט געוואָרן אין ענגלאַנד בעת דעם דריטן קרייצצוג). אָנהייב 13טן י"ה איז געווען גאָר אַ גרויסע צאָל בעלי־תּוספֿות. זייערע חידושי־תּורה זײַנען בהדרגה צונויפֿגעקליבן געוואָרן אין שריפֿטלעכע קאָלעקציעס און שפּעטער צוגעגעבן געוואָרן צום טעקסט פֿון תּלמוד. און ביזן הײַנטיקן טאָג ווערן די תּוספֿות כּמעט אין אַלע אויסגאַבעס פֿון תּלמוד בבֿלי געדרוקט אויף איטלעכן עמוד ווי אַ שפּאַלט פֿון איין זײַט טעקסט (פֿון דער אַנדער זײַט ווערט געדרוקט דער פּירוש רשי).

אין דער זעלביקער צײַט האָט אָפּגעלעבט די אַלטע נעסט פֿון דער תּלמודישער תּורה אין דרום־פֿראַנקרײַך. דער רײַזנדער בנימין פֿון טודעלאַ, וואָס האָט באַזוכט די דאָזיקע פּראָווינץ אַרום יאָר 1160, רופֿט אָן נאַרבאָנע „די אַלטע שטאָט פֿון חכמה, פֿון וואַנען די תּורה ווערט פֿאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער". ער האָט דאָרט געזען בראָש פֿון דער קהילה דעם אויבן דערמאָנטן „נשׂיא" ר' קלונימוס בן טודרוס, וואָס איז געווען אַ בעל־הבית פֿון גרויסע מאַיאָנטקעס, בראָש פֿון דער ישיבֿה — ר' אבֿרהם בן יצחק, דער מחבר פֿון דעם ספֿר „האשכּול", אַ זאַמלונג פֿון חידושי הלכות, וואָס זײַנען באַגרינדעט אויף די ווערק פֿון אַלפֿסי און אַנדערע ראשונים. אין לונעל האָבן געלערנט תּורה דער „גרויסער רבי" ר' משולם און זײַנע פֿינף זין. אין דער ישיבֿה פֿון לונעל פֿלעגן קומען תּלמידים פֿון ווײַטע מקומות, אַלע פֿלעגט מען מפֿרנס זײַן אויפֿן חשבון פֿון קהל און מען פֿלעגט זיי געבן אַלץ וואָס זיי דאַרפֿן, כּדי זיי זאָלן קאָנען לערנען תּורה בהרחבֿה.

פֿון שרײַבערס אויפֿן געביט פֿון תּלמוד זײַנען אין פּראָוואַנס און לאַנגעדאָק באַזונדערס מפֿורסם געוואָרן צוויי: רבי זרחיה הלוי פֿון געראָנע (געשט' אין י' 1186) און רבי אבֿרהם בן דוד (ראב"ד) פֿון פּאָסקיער (געשט' אין י' 1198). ר' זרחיה הלוי איז געקומען קיין פֿראַנקרײַך פֿון שפּאַניע און האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער קהילה פֿון לונעל. אַ שאַרפֿער בעל־פּילפּול, האָט ער ניט געקאָנט איבערטראָגן דאָס, וואָס אַלפֿסיס אַזוי גערופֿענער „קליינער תּלמוד", אָן דעם איבעריקן פּילפּול פֿון

דער גמרא, איז געוואָרן אָנגענומען ביי רבנים און לומדים אַנשטאָט דער גמרא גופא. ר׳ זרחיה האָט געוואָלט דערווייזן, אַז אויף אַלפסיס קיצור הש״ס קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן, בכדי אויף זיין סמך צו פסקענען אַ דין, ווייל אין אים איז אַ סך דורכגעלאָזן און אַ סך זאַכן זיינען ניט פינקטלעך געענוג. זיינע פיל קריטישע השגות און הוספות צו אַלפסיס ווערק האָט ער צונויפגענומען אין אַ חיבור מיטן נאָמען „המאור“, וואָס לויט זיין מעטאָד איז ער נאָענט צום מעטאָד פון די בעלי־התוספות. אין דעם זעלביקן גייסט זיינען געשריבן אויך די חידושים פון רבי אַברהם בן דוד, דעם ראָש־ישיבה פון פּאָסקיער. דער ראַב״ד, וואָס איז געווען קאָנסערוואַטיוו ביז לעצט, איז געוואָרן באַרימט דורך זיין שאַרפער פּאָלעמיק קעגן דעם קאָדעקס און קעגן דער פילאָסאָפישער סיסטעם פון זיין גרויסן בן־דור, דעם רמבם (ווייטער, § 49).

די פראַנצייזישע שיטה אין לערנען דעם תלמוד איז געווען אין גאַנצן באַגרינדעט אויף אַ נ אַ ל י ז, וואָס איז דערפירט געוואָרן ביז קליינלעכקייט און האָט זיך אָפט פאַרבלאָנדזשעט אויף די קרומע וועגן פון געקינצלטן פּיל־פּול. איר האָט געפעלט די פאַראַלגעמיינערונג, דער ס י נ ט ע ז, די שטרעבונג דורכצושלאָגן קלאָרע וועגן אין דעם לאַבירינט פון דער תורה. די דאָזיקע סינטעטישע ריכטונג האָט געקראָגן איר געניאַלן פאָרשטייער אין אַן אַנדער לאַנד, ווו דער תלמודיסט האָט ניט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף וויסן, ווו דאָס פעלד פון געדאַנק איז געווען צו ברייט, אַז עס זאָל קאָנען זיך איינ־ראָמען אין די „פיר איילן פון דער הלכה“. רבי משה בן מיימון, אַ געבוי־רענער אין דער שטאָט קאָרדאָווע, — ער איז דאָס געווען באַרופן דורכצו־ברעכן נייע וועגן פאַרן יידישן געדאַנק.

§ 40. בעלי־מוסר און מיסטיקער

ניט אַלעמען האָט געקאָנט באַפרידיקן די טרוקענע וויסנשאַפט פון תלמוד, וואָס האָט געגעבן שפּייז דעם שכל, אָבער ניט דעם געמיט. אין יע־נער תקופה פון גזרות און פורעניות האָט געמוזט מיט אַ באַזונדער שטאַרקייט זיך אַנטפּלעקן די רעליגיעז־מאָראַלישע עמאָציע. דער רביניזם, וואָס איז באַגרינדעט אויפן פרינציפּ פון „מאַכן אַ צאָם אַרום דער תורה“, האָט געקאָנט דינען ווי אַ געצייג פון אויסווייניקסטער דיסציפּלין פאַר אַ כלל, אָבער שמידן דעם גייסט פון דעם יחיד, געבן אים דעם כוח איבערצוטראָגן די יסורים און אָנצונעמען פאַר ליב דעם טרויעריקן מצב — דאָס האָבן געקאָנט פועל זיין באַר פּערזענלעכע מאָראַל, אַ באַגייסטערטער גלויבן און אַ טיפע פרומקייט. אויף דעם וועג איז אַוועק אַ טייל פון דער גייסטיקער שאַפונג פון 12טן יאָרהונדערט. עס איז אויפגעקומען די מוסר־ליטעראַטור, וואָס איז באַשטימט

פֿאַר אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק און וואָס האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט די מיינונגען און גלייבונגען פֿון פֿאָלק. פֿון אַלע ספֿרים פֿון דעם מין איז געוואָרן צום מיינסט פּאָפּולער דער „ספֿר חסידים“ פֿון רבי יהודה חסיד פֿון רעגנס־בורג.

דער דאָזיקער ספֿר, וואָס מען האָט פֿריִער געהאַלטן פֿאַר אַ ווערק פֿון איין מענטשן, איז אין דער אמתן, ווערדליג עס האָבן געוויזן די נײַסטע פֿאָרשונגען, אַ פּראָדוקט פֿון קאָלעקטיוון שאַפֿן. פֿאָרשטייער פֿון דרײַ דורות האָבן איבער דעם געאַרבעט פֿון מיטן 12טן ביזן אָנהייב 13טן י״ה, אויף אַ שטח ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט פֿון ייִדישע קדושים, פֿון שפּײַער ביז רעגנסבורג. צוויי מחברים פֿון אָט דעם זאַמלווערק, פֿאָטער און זון, האָבן געטראָגן דעם טיטל „חסיד“ – דאָס האָט באַטײַט אַ מענטש נוטה צו מיסטיק. דער פֿאָטער, רבי שמואל חסיד (אַן ערך 1115–1180), האָט געלעבט און געלערנט מיט תּלמידים אין שפּײַער, וואָס אַהין איז זײַן פֿאָטערס משפּחה אַנטרונען געוואָרן פֿון מאַינץ בעת דעם ערשטן קרייצצוג. אַ נאָענטער צו די קרײַזן פֿון די בעלי־התּוספֿות, האָט רבי שמואל פֿון דעסט וועגן זיך ניט פֿאַרטיפֿט אַזוי שטאַרק אין דעם פּילפּול פֿון דער הלכה, נאָר ער האָט זיך פֿאַרנומען מער מיט אַגדה און מדרש און אויך מיט „סתרי תּורה“, וואָס זײַן פֿאָטער האָט מיט אים געלערנט אויף אויסווייניק. „אין דעם איצטיקן דור– זאָגט ער – זײַנען פֿאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס קענען תּורה לערנען און ווייסן פֿאַרשיידענע חכמות, אָבער פֿון גרויס לומדות לאָזן זיי זיך צו פּיל אַרײַן אין תּלמודישן פּילפּול. דעריבער מוז מען טון דאָס, וואָס אַנדערע זײַנען זיך דערמיט ניט עוסק“. און ר׳ שמואל שרײַבט אַ „ספֿר היראה“ און אַ „ספֿר התּשובֿה“, וואָס זײַנען פּירושים צום סידור. – אין דעם שטייגער האָט ער אויך געלערנט מיט זײַן זון רבי יהודה חסיד (אַן ערך 1150–1217), וואָס האָט שפּעטער זיך אַריבערגעקליבן קיין רעגנסבורג און איז דאָרט געוועזן ראָש־ישיבֿה. ביידע, דער פֿאָטער און דער זון, האָבן געהאַלטן, אַז די ערשטע זאַך אין ייִדישקייט איז ניט לומדות און וויסן, נאָר דער גלויבן, תּפֿילה, די הייליקייט פֿון לעבן און די לויטערקייט פֿון מידות. דעם אידעאַל פֿון אַ „חסיד“ האָבן זיי זיך געמיט מקיים צו זײַן אין זייער פּער־זענלעכן לעבן, און די לעגענדע פֿון פֿאָלק ווייס צו דערציילן אַ סך וועגן זייער פֿרומקייט און הייליקייט. וועגן רבי שמואלן ווערט דערציילט, אַז ער האָט אָפּגעריכט גלות און האָט אַרומגעוואָגלט פֿון שטאָט צו שטאָט פֿאַר־שטעלט פֿאַר אַן אָרעמאַן און האָט ניט אויסגעזאָגט ווער ער איז, כּדי מען זאָל אים ניט אויפֿנעמען ווי אַ תּלמיד־חכם. איין מאָל איז ער אָנגעקומען אין שטוב פֿון רבנו תּם און האָט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר אַ בעל־מלאָכה, און ערשט שפּעטער האָט מען זיך צופֿעליק דערוווּסט, אַז דאָס איז דער באַרימטער

הייליקער מאַן פֿון שפּעטער. וועגן רבי יהודה החסיד ווערט דערציילט, אַז איין מאָל איז ער געגאַנגען אין וואָרמס אין גאַס פֿאַרביי דער שול, און בשעת מעשה האָט אים אַ פֿאַרבייפֿאָרנדיקער וואָגן צוגעקוועטשט צו דער וואַנט פֿון שול, נאָר דאָ איז געשען אַ נס: אין וואַנט איז געוואָרן אַ פֿאַרטיפֿונג, און דאָרט האָט דער צדיק זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן און איז געראַטעוועט געוואָרן פֿון טויט; די לעגענדע איז מוסיף, אַז די דאָזיקע פֿאַרטיפֿונג זעט מען עד היום אין וואָרמסער שול. רבי יהודה האָט אָנגעשריבן דעם הויפּטטייל פֿון דעם „ספֿר חסידים", און זיין תּלמיד, דער באַוווּסטער מיסטיקער ר' אלעזר מורמיישא (וואָרמס), וואָס ווערט אָנגערופֿן רוקח לויט דעם חיבור וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט זיין רבינס ווערק ממלא געווען. שפּעטער האָט אַ שרייבער וואָס זיין נאָמען איז ניט באַוווּסט צונויפֿגענומען אין איין זאַמלווערק די תּורה פֿון ר' שמואלן, פֿון ר' יהודהן און פֿון ר' אלעזרן און האָט דעם אַ נאָמען געגעבן „ספֿר חסידים".

דער דאָזיקער ספֿר איז אין מיטלעלטער זייער אַ סך געלייענט געוואָרן. עס איז אַן אויסטערליש געמיש פֿון געהויבענע רעליגיעז־מאָראַלישע מימרות מיט נאַיִווע איינגלייבענישן פֿון פּשוטן המון־עם, פֿון ניכטערער לעבנס־קלוגשאַפֿט מיט באָבע־מעשׂיות וועגן רוחות און מכשפֿים. עס אַנטפּלעקט זיך קלאָר און דייטלעך דער לעבנסקוק פֿון אַ ייִדן, וואָס איז צוגעדריקט ניט בלויז דורך די רדיפֿות פֿון אויסווייניק, נאָר דורך דעם באַוווּסטזיין פֿון זיין אייגענער זינדיקייט, וואָס זעט אומעטום, ווי דער שׂטן שטעלט פֿאַר אים נעצן, ווי שרעקלעכע פֿאַרבאַהאַלטענע כּוחות לאָקערן אויפֿן מענטשן פֿון אַלע זייטן, גרייט אים אומצובריינגען איטלעכע רגע. און אין דער זעלביקער צייט, אין ענינים פֿון „בין אדם לחברו" ווייזן די מחברים אַרויס אַזאַ הויכע מדרגה פֿון ליבשאַפֿט צו מענטשן און פֿון מסירת־נפֿש, וואָס צו איר האָט ניט דערגרייכט קיין איין באַשעפֿער פֿון אַ מאָראַלישן קאָדעקס אין יענע אַכזריותדיקע צייטן פֿון מיטלעלטער.

אָפּקלאַנגען פֿון די קרייצצוגן לאָזן זיך הערן אין די ווייטערדיקע עצות און אָנווייזן: „ווען שׂונאים זאָגן: גיט אונדז אַרויס איין מענטשן, און מיר וועלן אים טייטן, אַניט וועלן מיר אייך אַלעמען אויסהרגענען, — זאָלן זיי אויסהרגענען, נאָר איבערענטפֿערן זיי אַ ייִדישע נשמה טאָר מען ניט. ווען שׂונאים זאָגן: גיט אונדז אַרויס אַ פֿרוי און מיר וועלן זי מטמא זיין, אַניט וועלן מיר אַלע שענדן — זאָלן זיי מטמא זיין אַלעמען, נאָר מען טאָר זיי ניט איבערענטפֿערן קיין ייִדישע פֿרוי, אַפֿילו ניט קיין ניט־חתונה־געהאַטע". — „אין איין שטאָט האָט מען אַ ייִדן געגעבן די ברירה: אָדער זיך צו שמדן אָדער צו שטאַרבן, און דער רבֿ פֿון שטאָט האָט מתּיר געווען

אַלע מיטגלידער פֿון דער קהילה זיך צו לאָזן שמדן, בכדי שפּעטער זיך אומצוקערן צום גלויבן. אַלע האָבן אַזוי געטאָן, און דער רבֿ אויך מיט זיי, און שפּעטער זײַנען זיי ווידער געוואָרן ייִדן. אָבער דערפֿאַר, וואָס דער רבֿ האָט אַלעמען מתּיר געווען זיך צו שמדן, וועט ער שפּעטער האָבן צו ענטפֿערן, ווײַל ער האָט זיי אַלעמען דערפֿירט צו אַן עבֿירה". — „אַ סך ייִדן זײַנען דערהרגעט געוואָרן בעת דער גזרה (קרייצצוג), און אַנדערע האָבן זיך געגרייט צום טויט, נאָר זײַנען ניצול געוואָרן. איינער פֿון די דערהרגעטע איז געקומען צו חלום צו זײַנעם אַ חבֿר און האָט געזאָגט: אַלע וואָס זײַנען געווען מוכן ומזומן צו שטאַרבן אויף קידוש־השם (הגם זיי זײַנען שפּעטער ניצול געוואָרן) וועלן זיצן אין איינעם אין גן־עדן". — „ווען עס פֿאַלן אָן אויף ייִדן חיילות (פֿון די קרייצפֿאָרערס), טאָר מען ניט אַרויס־שטעלן אין די הײַזער אָדער צוהעפֿטן צו די בגדים צייכנס פֿון זייער דת אָדער גיין אין זייערע געבעטהײַזער, כּדי מען זאָל אויסזען ווי אַ קריסט".

כאַראַקטעריסטיש איז די באַציִונג פֿון דעם „ספֿר חסידים" צו פֿרעמד־גלייביקע. עס ווערט פֿאַרשטייט זיך געבאָטן, אַז אַ ייִד מוז זיך שטרענג אָפּזונדערן פֿון גוייִם אין פּרט פֿון רעליגיע און מנהגים, אָבער עס ווערט אים בפֿירוש אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זײַן פֿולקום ערלעך אין געשעפֿט מיט ניט־ייִדן. פֿון איין זײַט ווערט אײַנגעשטעלט אַזאַ כּלל: „אַ פּיוט וואָס אַ גוי האָט געמאַכט טאָר מען ניט איבערזעצן אויף לשון־קודש און זאָגן בײַם דאַווענען, הגם עס קאָן אויסווײַזן, אַז דאָס איז זייער אַ גוטער פּיוט. מען טאָר ניט זינגען פֿאַר אַ קינד גוייִשקע וויגלידער בכּדי אײַנצושטילן זײַן געוויין". אָבער פֿון דער אַנדער זײַט ווערט דעם ייִדן געלערנט: „דו ביסט מחויבֿ צו פֿירן זיך מיטן גוי פּונקט אַזוי ערלעך ווי מיט דײַן ברודער, אַ ייִדן; אויב אַ גוי האָט אַ טעות געהאַט (אין אַ וואָסער געשעפֿט), זאָלסטו אים וואָרענען, בכּדי ער זאָל שפּעטער אַליין זיך ניט אָנשטויסן, און דעמאָלט וועט דורך דיר אַרויס־קומען אַ חילול־השם, וואָרעם מען וועט זאָגן: אַלע ייִדן זײַנען אָפּנאַרערס. — מען טאָר קיין גוי ניט אָפּנאַרן, וואָרעם דאָס דערנידעריקט דעם מענטשן און גיט אים קיין גליק ניט. — די וואָס גיבן אָפּ געלט אויף פּראָצענט, די וואָס שנײַדן אַרום מטבעות, די וואָס נוצן פֿאַלשע מאָסן און וואָג אין האַנדל — ווערן סוף־כּל־סוף אָרעמע לײַט, און זייערע קינדער שטייען אויס צרות אין דער פֿרעמד און מוזן אָנקומען צו לײַטישער הילף".

אין פּרט פֿון פּערזענלעכער פֿרומקייט ווערט געמאָנט גאָטספֿאָרכטיקייט און ענִיוות, אָבער ניט קיין עקסטרעמער אַסקעטיזם. „פֿאַרן אייבערשטן אין שול מוז מען שטיין אין פֿאָרכט און ציטערניש", אָבער מען באַדאַרף ניט צו פֿיל זיך פּײַניקן מיט תּעניתים, ווײַל דאָס שטערט דעם מענטשן אַרבעטן. די תּפֿילה מוז גיין פֿון האַרצן, און דערפֿאַר דאַרפֿן די וואָס פֿאַרשטייען ניט קיין

לשון-קודש, בפרט ווייבער, בעסער זאָגן זייערע תּפילות אויף דער גערעדטער שפּראַך, וואָרעם „אויב דאָס האַרץ ווייס ניט וואָס דאָס מויל רעדט אַרויס, איז וואָס קאָן נוצן די תּפילה?" — ביים דערציִען קינדער דאַרף מען אָפּהיטן אַזעלכע כּללים: „אין דרויסן זאָלן יינגלעך זיך שפּילן באַזונדער און מיידלעך באַזונדער. — לאָז ניט אַ קליין קינד נעמען שפּייז פון אַ שאָל, וואָס פון איר עסן אַלע (ביים טיש), וואָרעם אַ קינד היט ניט אָפּ קיין ריינקייט, און אויב מען וועט עסן צוזאַמען, קאָנען דערוואַקסענע זיך מיאוסן. — קינדער באַדאַרף מען שטראָפן, כּדי זיי זאָלן ניט גיין אין אַ שלעכטן וועג, נאָר מען טאָר צו זיי ניט אויסלאָזן דעם כּעס. — גלייכער פון אַלץ איז צו זאָגן קינדער: אַזוי האָט מיין פאָטער געטאָן, אַזוי טו איך אויך. — אַ מענטש איז מחויב אויך מיט זיינע טעכטער צו לערנען די מצוות, כּדי זיי זאָלן וויסן וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. ווען אַ יינגל טוט אַ פּעולה אין חומש און ניט אין גמרא, זאָלסטו זיך ניט איילן צו לערנען מיט אים גמרא, נאָר וואַרט, ביז ער וועט אַלט ווערן 15 יאָר; אויב עס וועט זיך אויך דעמאָלט אַרויסווייזן, אַז ער איז ניט פעיִק צו גמרא, זאָלסטו אים לערנען לייענען פּסקי-דינים און מדרש".

נאָר אָט טרעטן מיר אַריין אין אַ פּאַס פון מיסטיציזם און פון פינצ-טערע איינגלייבענישן. אַ סך מימרות אין דעם „ספר חסידים" זיינען דורכ-געדרונגען מיט אָבערגלייבערישער שרעק און מיט אַ מין יענעוועלטיקער שטימונג. „זאָלן בחורים און מיידלעך זיך ניט צונויפקומען און זיך ניט שפּילן אין איינעם, וואָרעם איין מאָל איז אַ מענטש געפאָרן ביי נאַכט ביי דער שיין פון דער לבנה און האָט דערזען אַ סך גרויסע פורן, אין די פורן זיינען גע-זעסן מענטשן און איינגעשפּאַנט אין זיי זיינען אויך געווען מענטשן, און אַז מען האָט ביי אָט די מענטשן געפרעגט (פאַר וואָס זיי שלעפּן די פורן), האָבן זיי געענטפערט: בעת מיר האָבן געלעבט אויף דער ערד, האָבן מיר זיך גע-שפּילט מיט פרויען, און איצט קומען מיר אָפּ אונדזער זינד אויף דעם שטייגער". אין דעם ספר זיינען פאַראַן אַ סך מעשׂיות וועגן בר-מינגס וואָס באַווייזן זיך צווישן לעבעדיקע, וועגן רוחות און ניט-גוטע. דאָרט באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל די איינגלייבעניש, אַז ביי האַלבער נאַכט שטייען די מתים אויף פון די קבֿרים און קלייבן זיך צונויף אין די ליידיקע שולן, ווו זיי ריכטן אָפּ תּפילות, און צווישן זיי שטייען די שאָטנס פון לעבעדיקע וואָס דאַרפן די נאָענטסטע טעג שטאַרבן. עס ווערט אויך באַשטעטיקט די איינגלייבעניש, אַז ווער עס זעט ניט אין דער נאַכט פון ראָש-השנה דעם שאָטן פון זיין קאָפּ, אויף דעם איז נגזר געוואָרן, אַז ער זאָל אין משך פון דעם יאָר שטאַרבן; אָבער דערביי ווערט דערציילט אַ פאַל, ווען דורך תּפילה און פאַסטן תּעניתים האָט אָפּגע-גליקט מבֿטל צו זיין די דאָזיקע גזרה און צו ראַטעווען דאָס לעבן פון „פאַר-משפּטן". די מחברים גלייבן אין השבעות קעגן די ניט-גוטע, אָבער זיי צעהן

וואָס ווינציקער צו האָבן צו טון מיט „יענע לײַט" און ניט צו גיין צו מכשפים. נאָר פון די רפואות וואָס עס גיבן די אָפּשפּרעכערס האָלט מען יאָ, און די פאָלקס־מעדיצין מיט אַלע אירע נאַיִווע מיטלען רופט ניט אַרויס קיין שום ספקות.

דעם „ספר חסידים" האָט באַאַרבעט, ווי עס איז געזאָגט אויבן, דער תלמיד פון רבי יהודה חסיד, רבי אלעזר פון וואָרמס, דער מחבר פון דעם באַוווּסטן ספר „רוקח" (געשט' אין יאָר 1238). ר' אלעזר האָט געהערט צו די גרויסע בעלי־תוספות, נאָר דער הויפּט האָט ער זיך פאַרנומען מיט סתרי־תורה און מיט מוסר. דער שטורעם פון די קרייצצוגן האָט ניט אויסגעמײַדט אויך די שטילע היים פון דעם וואָרמסער רב. אין אַ הערבסטנאַכט פון יאָר 1196, ווען רבי אלעזר איז געזעסן איבער דעם כתב־יד פון זײַן פירוש צו חומש, פאַרטיפט אין זײַנע רעיונות, האָבן זיך אין שטוב אַרײַנגעריסן צוויי קרייצ־פאָרערס. די רוצחים האָבן דערהרגעט זײַן פרוי דולצע, וואָס זי איז געווען די פרנסה־געבערין פון דער גאַנצער משפחה, און צוויי טעכטער, און אים אַליין און זײַן זון האָבן זיי אָנגעמאַכט וווּנדן. זינט דעמאָלט האָט נאָך טיפער זיך אײַנגעוואָרצלט די עצבות אין דער נשמה פון דעם דענקער — דעם אַסקעט. ער האָט זײַנע געפילן אויסגעגאָסן אין סליחות און קינות, האָט זיך פאַרטיפט אין די באַהעלטענישן פון מיסטיציזם. פאַרן גערודפטן איז ע נ י ו ו ת די קרוין פון אַלע מידות טובות. אין ר' אלעזרס הויפּטווערק ס' „רוקח", וואָס באַשטייט סײַ פון דברי־הלכה און סײַ פון שטיקער מוסר, איז די אידעע פון ענייוות און תשובה דער ווינקלשטיין פון דער רעליגיעזער סיסטעם. „די בעסטע קרוין — שטייט דאָרטן געזאָגט — איז די קרוין פון ענייוות, דער בעסטער קרבן — אַ צעבראָכן האַרץ, די העכסטע מידה — שעמעוודיקייט. אַ מענטש אַן ענוו איז געפאַלן בײַ זיך, באַשיידן, האָט אַ ווייך האַרץ און געבראָכן געמיט. ווען מען ווײַזט אָן אויף זײַנע שלעכטע מעשים, דאַנקט ער דעם בורא דערפאַר, וואָס די וועלט האָט זיך דערוווּסט וועגן זײַנע חסרונות, וואָס מען שטראָפט אים אָדער מען טאַדלט אים, כדי ער זאָל תשובה טון. ער איז מוחל דעם ווער עס רעדט שלעכטס וועגן אים, ער רעדט ווינציק און מיט אַ שטילער שטים, ער קלערט שטענדיק וועגן טאָג פון זײַן טויט. ווען עס טרעפט זיך מיט אים אַ צרה, ער פאַרלירט זײַנע קינדער אָדער נאָענטע קרובים - בייגט ער זיך שטענדיק פאַר דער גערעכטיקייט פון דער השגחה... ווען אין די טעג פון גזרות וועלן אויפשטיין קעגן דיר פעלקער, בכדי דיך צו צווינגען אָפּצוטרעטן פון דײַן גלויבן, זאָלסטו, פונקט ווי אַ סך אַנדערע, מקריב זײַן דײַן לעבן. זאָלסט ניט האָבן קיין טענות, קוקנדיק, ווי די רשעים גייט גוט און ווי זיי זײַנען מעכטיק, וואָרעם גאָטס וועגן פירן צו אויסלייזונג, הגם זײַנע טובות לגבי ייִדן אין דער איצטיקער צײַט זײַנען פאַרהוילן פאַר אונדזערע אויגן".

דאָס איז די מאָראַל פֿון געזאָגטע און געפּלאָגטע, די פּסיכאָלאָגיע פֿון פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן שונא, וואָס פֿיזיש קאָן מען אים ניט בײַקומען. אַזאַ שטימונג האָט געקאָנט זײַן בײַ מענטשן, וואָס האָבן אין געדאַנק געלעבט אויף „יענער וועלט" ווײַט פֿון דעם ערדישן עמק־הבכא. דאָס איז געווען דער באָדן פֿאַרן מיסטיציזם. ר' אלעזר פֿון וואָרמס איז געווען דער אָנזאָגער פֿון די מקובלים וואָס האָבן זיך פֿאַרמערט אין 13טן י"ה.

§ 41. רעליגיעזע פּאָעזיע, מאַרטיראָלאָגיע און אַנדערע מינים ליטעראַטור

די פּאָעזיע פֿון די פֿראַנצייזיש־דײַטשע ייִדן פֿון 12טן י"ה איז אין גאַנצן דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פֿון דער תּקופֿה פֿון קידוש־השם. צוזאַמען מיט די קינות אויפֿן חורבן ירושלים האָבן מיר קלאָגלידער אויפֿן אונטערגאַנג פֿון די קהילות אין שפּײַער, וואָרמס, מאַינץ, אויף דעם אומקום פֿון די קדושים אין בלוא, אויף די פּורעניות פֿון דער געררודפֿטער אומה אין לאַנד „אדום". אַ סך גרויסע רבנים פֿון יענער צײַט האָבן געשריבן סליחות צו זאָגן אין שול אין די טעג פֿון תּעניתים, און די דאָזיקע ווערק זײַנען שפּעטער אַרײַנגענומען געוואָרן אין דעם נוסח פֿון די תּפֿילות אין פֿאַרשיידענע לענדער פֿון אייראָפּע. די דאָזיקע פּיוטים זײַנען לויט דער שיינקייט פֿון סטיל געשטאַנען נידעריקער פֿאַר די ווערק פֿון דער דעמאָלטיקער שפּאַניש־העברעיִשער פּאָעזיע, נאָר זיי האָבן געווירקט אויף דעם עולם מתפּללים דורך דעם קאָנקרעטן געפֿיל פֿון איבערגעלעבטן צער און צאָרן פֿון פֿאָלק. דער ערשטער קרייצצוג האָט אַרויסגעריסן פֿון דער ברוסט פֿון איין פּאָעט אַזעלכע ווענדונגען צו גאָט: 1

גאָט, ניט געשטילט זאָל ווערן מײַן בלוט!
ניט שווײַג און ניט רו קעגן מײַנע שונאים,
זוך דאָס בלוט, פֿאָדער דאָס פֿון מײַנע פֿאַרלענדער,
זאָל די ערד דאָס ניט צודעקן, ווו דאָס זאָל ניט זײַן!..
קינדער מיט פֿרויען זײַנען צוזאַמען צו דער עקדה געגאַנגען...
צו די מוטערס זאָגן זיי: האָט קיין רחמנות ניט,
פֿאַר אַ קרבן צו גאָט זײַנען מיר פֿאַרלאַנגט געוואָרן פֿון אויבן!..
און כּשרע דינערס פֿון כּהונה זײַנען צוגלײַך געוואָרן פֿרויען ווי מענער...

1 „אלהים אל דמי לדמי", מיטן נאָמען פֿון דעם מחבר דוד בן משולם אין די אָנהייבן פֿון די שורות — אַ סליחה צו כ' סיוון. עס איז די רייד וועגן דעם ווי ייִדן האָבן זיך געגומען דאָס לעבן אין מאַינץ, ווו עלטערן זײַנען געוואָרן „כּהנים" וואָס ברענגען אַ קרבן זייערע קינדער.

אַ צווייטער פּײַטן 1 שילדערט, ווי אַזוי די קרייצפאָרערס האָבן זיך באַוויזן נאָך דעם קאָנציל אין קלערמאָן: „עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין פינצטערן ווינקל (קרן אפלה – איראָנישער רמז אויף דעם נאָמען פון דער דער שטאָט Clair-mont, וואָס באַטײַט „ליכטיקער באַרג"), צו לויבן דעם נאָמען פון נוצרי, – און אַ שרעקלעכע פינצטערניש האָט זיך אויף אונדז אָנגערוקט. נאָענט צו די טעג פון שבועות האָבן מיך גרויסע פורעניות געטראָפן. אין יאָר נ"ו [ד' תּתנ"ו, ד"ה 1096 פון דער קריסטל' צײַט] איז מיר אַ שווערע ווונד געמאַכט געוואָרן. מײַן גאָט, שוויַג נישט!"...

אַ מערקווערדיקע עלעגיע, וואָס איז אַרײַנגענומען געוואָרן צווישן די קינות צו תּשעה־באָבֿ, האָט געשאַפן נאָך אַ פּײַטן: 2

מײַנע וויעס טוען שטראָמען, טוען גיסן טרערן,
און איך קלאָג ביטער אויף די הרוגים פון אשפּירה [שפּײַער],
געפאַלן טויט זײַנען בחורים גלוסטיקע און ישישים פּרעכטיקע...
און אין ביטערקייט פון מײַן אומעט און טרויער וועל איך קלאָגן,
ווען איך דערמאָן הײַנט די הייליקע קהילות, ווי זיי זײַנען אויס־
געהרגעט געוואָרן:
די קהילה וורמישא [וואָרמס], די געפּרווטע און אוסדערווײלטע,
לאַנד־גאונים און געלײַטערטע אין ריינקייט,
צוויי מאָל האָבן זיי געהייליקט דעם נאָמען פון איינציקן אין פאָרכט...
און די העלדן פון דער קהילה מגנצא [מאַינץ] דער געהויבענער,
פון אָדלערס פלינקער, פון לייבן מעכטיקער,
האָבן זיי פאַר דער איינציקייט פון פאָרכטיקן נאָמען זיך מוסר
נפש געווען...
אין דריטן חודש אין דריטן טאָג איז צום ווייטאָג אַ קללה געקומען,
אין דעם חודש וואָס איז געוואָרן צו טרויער און אומגליק,
אין דעם טאָג פון מתּן־תּורה וואָס מיט איר האָב איך געהאָפט
גליקלעך צו זײַן,
אין דעם טאָג ווען זי איז געגעבן געוואָרן איז זי צוריק אַוועק,
ארויף אויף אויבן אין אָרט פון איר ווינונג,
צוזאַמען מיט די וואָס האָבן זיך מיט איר אָנגענומען און זי געפאָרשט...

---

1 „אלהי אקראך", וואָס מען זאָגט שבת פאַר שבֿועות. דער נאָמען פון מחבר אין אַנהייב־אותיות פון די פּערזן לייענט זיך: שמואל בן יהודה.

2 קלונימוס בן יהודה: „מי יתּן ראשי מים"...

די פֿאַרברענונג פֿון די קדושים אין בלאָ (§ 35) האָט באַגייַסטערט צוויי פּייַטנים פֿון יענער צייַט אָנצושרייַבן לאַנגע סליחות, [1] ווו אין טעקסט פֿון דעם פּיוט איז אַרייַנגעפֿלאָכטן אַ מאָוימדיקע שילדערונג פֿון דעם דאָזיקן ערשטן אינקוויזיציע־געריכט אין אייראָפּע. „גאָט פֿון משפּט, טו אַ קוק! — רופֿט אויס דער פּאָעט. — פֿיר אויס איבער די שׂונאים דעם משפּט, וואָס די נבֿיאים האָבן פֿאָרויסגעזאָגט. פֿיר זיי אַראָפּ אין דעם טאָל יהושפֿט [ווו עס דאַרף פֿאָרקומען דער גרויסער יום־הדין]". דאָס איז געווען אַ ווענדונג צו גאָט, צו דער העכסטער אינסטאַנץ, וואָס בייַ איר האָבן געקאָנט מאָנען זייער רעכט די ברידער און שוועסטער פֿון די פֿאַרפּייַניקטע קדושים, וואָס אין אַ מענטשלעכן געריכט האָבן זיי קיין שוץ ניט געקאָנט געפֿינען. נאָר אויך אָט די געשרייען און בקשות האָבן ניט געהאָלפֿן: גאָט האָט זיך ניט אָפּגערופֿן, און די מענטשלעכע רשעות האָט טריומפֿירט. דעמאָלט האָט אַפֿילו דער הייסטער מאמין אַ מאָל פֿאַרלאָרן די געדולד, און אין אייניקע „טרערן־לידער" פֿון יענער צייַט הערן מיר קלאַנגען פֿון פּראָטעסט, אַזעלכע ווי עס האָבן זיך פֿאַר צייַטן אַרויסגעריסן פֿון דער ברוסט פֿון פֿאַרפּייַניקטן איובֿן. צוויי פּייַטנים, וואָס האָבן געשריבן באַלד נאָכן צווייטן קרייצצוג, האָבן איבערגעמאַכט דעם פּסוק פֿון „אָז ישיר": „מי כמוך באלים יהוה" (ווער איז ווי דו צווישן געטער?) — אין „מי כמוך ב א ל מ י ם" — „ווער איז ווי דו צווישן ש ט ו מ ע, אָ גאָט! גויִים האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין דייַן הייליק־טום — און דו שווייַגסט, טמאים איזדעקעווען זיך איבער דייַנע קינדער — און דו שווייַגסט!" [2] עס איז מיגלעך, אַז אַזאַ מין אומזיניקער פּראָטעסט קעגן גאָט האָט טייל פֿאַריאושטע ייִדן אַרייַנגעטריבן אין די אָרעמס פֿון דער קירך, אפֿשר ווי דעם אויבן דערמאָנטן רבי מיכה פֿון טריר (§ 33).

איין מעשׂה גבֿורה פֿון קידוש־השם, וואָס איז אָבער היסטאָריש ניט באַגלייביקט געוואָרן, האָט די פֿאָלקס־לעגענדע פֿאַרבונדן מיט דער שאַפֿונג פֿון דער ימים־נוראימדיקער תּפֿילה „ונתנה תוקף" — וואָס שילדערט דעם פֿאָרכטיקן יום־הדין אין הימל אום ראש־השנה. די מסורה דערציילט: אין דער שטאָט מאַינץ האָט געלעבט אַ פֿרומער ייִד אַן עושר רבי אַ מ נ ו ן, וואָס דער אָרטיקער ביסקופּ האָט ניט אַנדערש געוואָלט אים אָפּשמדן. איין מאָל, ווען דער ביסקופּ איז ווידער אַ מאָל צוגעשטאַנען צו רבי אַמנונען מיט זייַנע אייַנריידן, האָט זיך בייַ יענעם אַרויסגעכאַפּט, אַז ער וויל זיך מיישבֿ

---

1 דער מחבר פֿון דער ערשטער סליחה („למי אוי למי אבוי") איז דער באַוווּסטער כראָניסט רבי אפֿרים מבונא. די צווייטע („אמוני שלומי ישראל") טראָגט אין אַקראָסטיך דעם נאָמען הלל בן יעקבֿ און איז אַרייַנגענומען אין פּוילישן נוסח־תּפֿילה.

2 די אומבאַקאַנטע פּייַטנים רבי יצחק און ר' מנחם בן יעקבֿ אין די סליחות, וואָס הייבן זיך אָן: „אין כמוך באלמים" און „אללי לי" („ספֿר הדמעות" פֿון ש. בערנפֿעלד, ב' I, 217 און 237).

זײַן און אין דרײַ טעג אַרום וועט ער אים געבן אַ תּשובֿה. נאָר צום באַשטימטן טערמין איז רבי אַמנון ניט געקומען. דער ביסקופּ האָט געהייסן אים ברענגען צו פירן און האָט געפֿאָדערט פֿון אים אַן ענטפֿער. דערויף האָט רבי אַמנון געענטפֿערט: „דערפֿאַר וואָס דורך מײַן צוזאָג האָסטו געקאָנט מיינען, אַז עס איז פֿאַראַן אַ סבֿרא, אַז איך זאָל מיך שמדן, קומט מיר, מען זאָל מיר אויסשנײַדן די צונג". דער דערצערנטער ביסקופּ האָט אָבער זיך אָפּגערופֿן: „ניט די צונג דאַרף מען דיר אויסשנײַדן, נאָר די פֿיס דאַרף מען דיר אָפּשנײַדן, ווײַל זיי זײַנען ניט געקומען צו מיר אין טאָג, ווען דו האָסט צוגעזאָגט". און מען האָט דעם אומגליקלעכן אָפּגעהאַקט ביידע פֿיס. אַז עס איז אָנגעקומען ראש־השנה, האָט רבי אַמנון געבעטן, מען זאָל אים אַוועקטראָגן אין שול. מען האָט דעם קראַנקן אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק לעבן אָרון־קודש. אין מיטן דאַוונען האָט רבי אַמנון אָפּגעשטעלט דעם חזן און האָט געגומען זינגען זײַן מאַיעסטעטישע תּפֿילה וועגן דעם הימלישן דין איבער די מענטשן אום ראש־השנה און יום־כּיפּור. ער האָט געזונגען וועגן דעם שטרענגן בית־דין של מעלה וואָס זיצט צו משפּטן די וועלט, וועגן די מלאָכים וואָס פֿליִען אַרום, וועגן ביכער, וואָס זײַנען געעפֿנט, און אין די ביכער זײַנען פֿאַרשריבן די מענטשנס מעשׂים, וועגן דעם, אַז דאָרט ווערט באַשטימט דער גזר־דין פֿון איטלעכן מענטשן אויפֿן קומענדיקן יאָר: ווער עס זאָל לעבן און ווער עס זאָל שטאַרבן, און מיט וואָסער טויט — צי מיט אַ נאַטירלעכן טויט אָדער מיט אַ מיתה־משונה, פֿון אַ שווערד, פֿון פֿײַער, פֿון וואַסער, פֿון הונגער, פֿון פעסט. אויפֿגעטרייסלט איז געשטאַנען די עדה און זיך צוגעהערט צו די ווערטער, וואָס האָבן אין יענער צײַט אָנגערירט איטלעכן. אַז דער קראַנקער האָט געענדיקט די תּפֿילה, איז בײַם לעצטן וואָרט אים אַרויס די נשמה, און זײַן קערפּער איז נעלם געוואָרן. אין דרײַ טעג אַרום איז דער פֿאַרשטאָרבענער געקומען צו חלום דעם רבֿ, האָט איבער־געחזרט די תּפֿילה און געבעטן, ער זאָל פֿונאַנדערשיקן דעם טעקסט צו אַלע קהילות. זינט יענער צײַט איז די תּפֿילה „ונתנה תוקף" געוואָרן דער וויכ־טיקסטער טייל פֿון דעם דאַוונען אין די ימים־נוראים, און דורות גאַנצע האָבן זי געזאָגט מיט זיפֿצן און טרערן.

פונקט ווי די פּאָעזיע, אַזוי איז אויך די כראָניק פֿון יענער צײַט פֿאַר־נומען מיט דער שילדערונג פֿון די גזרות. דער כראָניסט, וואָס האָט באַשריבן דעם ערשטן קרייצצוג איז געווען דער באַוווּסטער תּלמודיסט רבי אליעזר בן־נתן פֿון מאַינץ, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט די גזרה. זײַן קורצער „קונטרס תּתנו" שילדערט דאָס שרעקלעכע בילד פֿון די שחיטות פֿון יאָר 1096 אין די ריינישע שטעט. אין זײַן אומעטיקער דערציילונג שטעלט דער מחבר אָפּט מאָל אַלײַן לירישע פֿערזן אין גײַסט פֿון די אויבן געבראַכטע קינות און

סליחות. די צרות פֿון ייִדן אין דער תּקופֿה פֿון די ווײַטערדיקע קרייצצוגן, צווישן 1146 און 1196, האָט באַשריבן אַ צווייטער בן־דור, רבי אפֿרים פֿון באָן, וואָס האָט אויך מחבר געווען סליחות. בעת ר׳ אפֿרים איז געווען אַלט 13 יאָר, האָט ער צוזאַמען מיט זײַנע אייגענע זיך אויסבאַהאַלטן אין דער פֿעסטונג וואָלקנבורג, ווו אַ סך האָבן געפֿונען אַ באַהעלטעניש בעת דעם צווייטן קרייצצוג. שפּעטער האָט ער איבערגעגעבט אַלע גזרות פֿון דער מהומה־צײַט אין דײַטשלאַנד. די דערציילונגען פֿון די צוויי כראָניסטן זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין שפּעטערדיקע כראָניקעס (למשל אין „עמק הבכא" פֿון ר׳ יוסף הכהן), באַזונדער זײַנען זיי אַרויסגעגעבן געוואָרן בשלמות ערשט אין דער נײַסטער צײַט. צום סוף 19טן י״ה האָט מען געפֿונען אין כּתבֿ־יד און אַרויסגעגעבן נאָך צוויי באַשרײַבונגען פֿון די גזרות תּתנ״ו: איינע האָט אָנגעשריבן אַ בן־דור ר׳ שלמה בר שמעון פֿון מאַינץ און די צווייטע אַן אַנאָנים פֿון אַ שפּעטערער צײַט. די דערציילונג פֿון רבי שלמה פֿון מאַינץ גיט איבער די געשעענישן פֿון יאָר 1096 צום גענויסטן און בולטסטן. עס איז קיין חידוש ניט, וואָס דער חיבור איז געבליבן ניט אָפּגעדרוקט, אַפֿילו נאָך דעם ווי מען האָט שוין געהאַט אויסגעפֿונען די בוך־דרוקערײַ. דער טאָן פֿון דער שילדערונג איז אַזוי שאַרף, זײַנע אַרויס־זאָגונגען וועגן די שולדיקע אין דער קאַטאַסטראָפֿע און וועגן קריסטנטום בכלל זײַנען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ ביטערניש, אַז קיין איין קריסטלעכע צענזור האָט ניט געקאָנט דורכלאָזן אַזאַ ווערק. אַפֿילו אין דעם אַלטן כּתבֿ־יד פֿון דעם ספֿר, וואָס געפֿינט זיך אין דער אָקספֿאָרדער ביבליאָטעק, זײַנען עטלעכע צו שאַרפֿע אויסדרוקן אויסגעמעקט געוואָרן דורך אַ פּאַרטײַטיקן צענזאָר. עס ווערן דאָ געבראַכט איינציקע פֿראַזעס (מיט השמטות), כּדי צו ווײַזן אַ מוסטער, ווי אַזוי עס איז געשריבן, און די שטימונג, וואָס אין איר איז דאָס געשריבן געוואָרן: „און עס זײַנען געווען דאָרט אין מאַינץ אַ סך נשים, וואָס האָבן געהייליקט דעם נאָמען פֿון זייער באַשעפֿער ביזן לעצטן אָטעם. די דאָזיקע נשים טהורות האָט מען אַוועקגעשלעפּט אין הויף פֿון דער עבֿודה זרה און מען האָט זיי געגומען צורעדן, זיי זאָלן זיך טובֿל זײַן אין טמא וואַסער... אַז זיי זײַנען דערגאַנגען צום הויז פֿון שאַנד, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנצוגיין אין אָט דעם געצנהויז, מען האָט זיי איבער געוואַלד אַרײַנגעשטופּט איבערן שוועל, נאָר זיי האָבן ניט געוואָלט צוטרעטן צו די געצן און שמעקן די ריחות פֿון די טמא הויטן. און אַז די ריקים (קרייצ־פֿאָרערס) האָבן דערזען, אַז די נשים וואַרפֿן אָפּ זייער טומאה, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי און האָבן זיי דערהרגעט אויף טויט מיט העק און האַמערס. אַזוי זײַנען די ריינע אומגעקומען אויף קידוש־השם". אין דער דערציילונג זײַנען אַרײַנגעפֿלאָכטן באַטראַכטונגען און תּפֿילות, דער מחבר איז

מתפּלל, אַז דער אייבערשטער זאָל זיך נוקם זײַן אָן די רודפֿים, „בכדי זיי זאָלן פֿאַרשטיין, אַז פֿאַר גאָרנישט האָבן זיי באַדעקט די ערד מיט אונדזערע טויטע קערפּערס, אונטער דער ווירקונג פֿון אָפּנאַרערישע רייד האָבן זיי דערהרגעט אונדזערע צדיקים, אומגעבראַכט זייגקינדער"... דאָס איז געווען די ווירקונג פֿון צוואַנג איבערן געוויסן. „אַלץ וויסן הייסט אַלץ מוחל זײַן". אָבער „מוחל זײַן אַלץ" קאָן מען די געפּײַניקטע, אָבער ניט די פּײַניקער.

דער חשק צו נסיעות אין די מזרח־לענדער, וואָס האָט זיך געשטאַרקט דורך די קרייצצוגן, האָט פֿאַרכאַפּט אויך אַ ייִדישן תּלמיד־חכם פֿון דײַטש־לאַנד. רבי פּתחיה פֿון רעגנסבורג האָט אַרומגערײַזט איבער מזרח־אייראָפּע און מערבֿ־אַזיע צווישן די יאָרן 1170 און 1180. זײַן „סיבובֿ העולם" האָט ער אונטערגענומען אין דער צײַט, ווען זײַן שפּאַנישער בן־דור, ר' בנימין פֿון טודעלאַ האָט שוין פֿאַרענדיקט זײַן רײַזע (ווײַטער, § 47). אַזוי ווי רבי פּתחיהס ווינאָרט האָט זיך געפֿונען אויפֿן גרענעץ פֿון מזרח־אייראָפּע, ממילא האָט ער געמוזט אויסקלײַבן אַן אַנדער מאַרשרוט ווי דער רײַזנדער פֿון נאַוואַרע. ר' פּתחיה איז פֿון רעגנסבורג אַרויסגעפֿאָרן קיין פּראָג, פֿון דאָרט קיין פּוילן און ווײַטער „קיין קיִעוו וואָס אין לאַנד פֿון די רוסן", דערנאָך איז ער אַריבער דעם דנעפּער און דערלאַנגט קיין קרים, אין לאַנד פֿון די וואַנדערנדיקע „קדרים" און אין „לאַנד פֿון די כּוזרים", קיין קאַווקאַז און צו לעצט קיין מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע. ערשט דאָרט האָט דער רײַזנ־דער געטראָפֿן אײַנגעפֿונדעוועטע ייִדישע קהילות — אין מאָסול, באַגדאַד, דמשק, וואָס ער באַשרײַבט זיי אויספֿירלעך. דער גאון פֿון באַגדאַד רבי שמואל בן עלי, וואָס האָט אין דער זעלביקער צײַט געשפּילט אויך די ראָלע פֿון אַ ריש־גלותא (ווײַטער, § 59), האָט געגעבן ר' פּתחיהן אַ בריוו מיט זײַן שטעמפּל, ווו ער האָט באַפֿוילן, אַז מען זאָל אין אַלע ייִדישע קהילות העלפֿן דעם רײַזנדער אַרומקוקן די שטאָט און מיטגעבן אים באַגלייטערס אויפֿן וועג. ר' פּתחיה האָט אויך באַזוכט ארץ־ישׂראל. ער איז געווען אין טבֿריה, ירושלים, חבֿרון און אַנדערע שטעט, נאָר אומעטום האָט ער געפֿונען ווייניק ייִדן. די באַשרײַבונג פֿון זײַן „רײַזע אַרום דער וועלט", וואָס געפֿינט זיך בײַ אונדז, האָט ער משמעות ניט אַליין צונויפֿגעשטעלט, נאָר עמעצער אַנדערש האָט עס אָנגעשריבן לויט זײַן דערציילונג, אין אַ פֿאַרקירצטער פֿאָרם. רבי פּתחיה געהער צו די לײַכטגלייביקע: אַלע פֿאָלקס־מעשׂיות וואָס מען דערציילט אים נעמט ער אָן פֿאַר ריכטיקע פֿאַקטן. ער גלייבט אין די מופֿתים וואָס געשעען בײַ די הייליקע קבֿרים — דעם קבֿר פֿון יחזקאל הנבֿיא בײַ באַגדאַד און דעם קבֿר פֿון עזרא הסופֿר בײַ שושן. בכּלל זײַנען די קבֿרים פֿון גרויסע לײַט באַשריבן גענויער ווי די טועכץ פֿון די לעבעדיקע מענטשן אין ארץ־ישׂראל און אין בבֿל. איבעריקנס איז דאָרט שוין דעמאָלט די גאַנצע ייִדישע גדולה

געוועזן פאַרגאַנגען. ר' פתחיה איז אַ מענטש פון זײַן דור: ער גלייבט אין שדים און אין השבעות און דערציילט בתמימות, אַז אין גריכנלאַנד (ביזאַנץ) זײַנען פאַראַן ייִדן, וואָס קאָנען באַשווערן שדים און צווינגען זיי צו דינען ווי שקלאַוון.

וועלטלעכע וויסנשאַפטן — נאַטור־וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע, „גראַמאַטיקע" אין דעם ברייטן טײַטש ווי מען פלעגט דאָס וואָרט נוצן אין מיטלעלטער — מיט די אַלע זאַכן האָבן ייִדן אין דײַטשלאַנד און פראַנקרײַך אין יענער פינצטערער תקופה ניט געקאָנט זיך פאַרנעמען. אַלע גײַסטיקע כוחות זײַנען אַוועק אין תלמודישן פילפול, און די רעליגיעז־מאָראַלישע עמאָציעס האָבן געפונען זייער פולע באַפרידיקונג אָדער אין דער אַלטער אַגדה און מדרש אָדער אין דער נײַער ליטעראַטור פון די בעלי־מוסר די מיסטיקער. ניט געוועזן אויך קיין שפורן פון וועלטלעכער פּאָעזיע: די גאַנצע ליריק האָט פאַרנומען די סינאַגאָגע פאַר זיך. ווען דער פירער פון פראַנצייזישן ייִדנטום רבנו יעקב תם האָט געפרוווט מחבר זײַן אויך וועלטלעכע שירים לויטן מוסטער פון די שפּאַנישע משוררים און האָט איין שיר זײַנעם אונטערגע־טראָגן ר' אַברהם אבן עזרא, וואָס איז געקומען ווי אַן אורח קיין פראַנקרײַך, האָט דער פאַרחידושטער ספרדישער פּאָעט געענטפערט אים מיט אַזאַ עפּיגראַמע:

ווער האָט די פראַנצויזן אַרײַנגעפירט אין שטוב פון דער בת־השיר?
ווי אַזוי איז אַ פרעמדער אַרײַנגעדרונגען אין הייליקן מקדש?
זאָל יעקבס [ר' תמס] ליד זײַן זיס ווי מן,
בין איך די זון, און וואַרעמט אָן די זון, צעגייט דער מן.

רבנו תם האָט מחבר געווען אַ ספר פון דיקדוק (ס' ההכרעות), וווּ ער האָט געפרוווט מאַכן אַ פשרה צווישן מנחמס און דונשס שיטות. נאָך דער גרויסער בעל־התוספות האָט געקענט בעסער פאַרענטפערן קשיות אין דער גמרא, איידער אויסגלײַכן סתירות אין גראַמאַטיק; דער העלדישער שווימער אין „ים התלמוד" איז געווען שוואַך אין דער ספרדישער חכמה, וווּ ער איז ניט געווען אין דער היים. אין געביט פון פרײַען שאַפן איז די ייִדישע שפּאַניע געבליבן אין דער שפּיץ. אין 12טן י"ה האָט איר ליטעראַרישע אויפ־בלעבונג דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה.

קאפיטל II

יידן אין שפאניע אין לעצטן יאָרהונדערט פון דער מוסלימישער ממשלה

§ 42. די אַלמאָראַווידן און די אַלמאָהאַדן

ווי טיף עס איז ניט געווען דער אונטערשייד פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָרדענונג צווישן דער מוסלימישער שפּאַניע און דער קריסטלעכער מיטל-אייראָפּע, קאָן מען דאָך פאַרצייכענען איין שטריך פון ענלעכקייט אין זייער געשיכטע אין 13טן יאָרהונדערט: דער רעליגיעזער יסוד האָט געוועלטיקט אין די פּאָליטישע באַוועגונגען פון די מאַסן, גרויסע מאַסן האָבן זיך אויפגעהויבן און געלאָזט גיין אונטערן לאָזונג צו ראַטעווען די אמונה. אין איין און דער זעלביקער צייט האָבן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך זיך אַ לאָז געטאָן קיין אַזיע די קרייצפאָרערס מיטן אויסקוק אָראָפּצוואַרפן דעם יאָך פון איסלאַם אין הייליקן לאַנד, און פון אַנדער זייט זיינען אַריין קיין שפּאַניע קנאים פון איסלאַם, בכדי איינצופלאַנצן פרומקייט צווישן די „קאַליע געוואָרענע" מוסלימס פון אַנדאַלוזיע און פאַרהאַלטן דעם אָנדראַנג פון די קריסטן פון דער זייט פון קאַסטיליע. קורץ פאַרן ערשטן קרייצצוג האָבן זיך אַ רוק געטאָן פון דער טיפעניש פון אַפריקאַנער מאַגרעב, דער נעסט פון מוסלמאַנישן פאַנאַטיזם, און זיינען אַריין קיין שפּאַניע אונטער דער פאָן פון „הייליקן קריג" די באַהערשער פון מאַראָקאָ, די אַלמאָראַווידן (אַלמוראַביטן — מתבודדים). אין משך פון צוויי צענדליגג יאָר האָבן זיי אונטערטעניק געמאַכט אַלע קליינע מלוכות פון די עמירן אויף דעם פּירענעיִשן האַלבאינדזל (§ 26). און אין פופציק יאָר אַרום, בעת דעם צווייטן קרייצצוג, האָבן זיך פון דער זעלביקער אַפריקע אַ לאָז געטאָן די נאָך מער פייערדיקע פאַנאַטיקער פון איסלאַם, די אַלמאָהאַדן, און האָבן גענומען אַרויסשטופּן פון שפּאַניע די אַלמאָראַווידן, אַלץ אונטער דער זעלביקער פאָן פון שטרענגער פרומקייט. דער גייסט פון דער צייט האָט זיך אַנטפּלעקט אין ביידע באַוועגונגען, ווו עס זיינען מיט דער פאָן פון רעליגיע געווען צוגעדעקט גאָר ניט קיין פרומע כוונות. סיי דאָ און סיי דאָרט האָבן די באַוועגונגען געווירקט אויפן גורל פון יידן, הגם אין פאַרשיידענע פאָרמען און אין פאַרשיידענע גראַדן.

אין שפּאַניע, ווו ייִדן האָבן זיך געהאַט אײַנגעלעבט מיט די אַראַבער און האָבן צוזאַמען מיט זיי געשאַפֿן די קולטור פֿון לאַנד, איז געווען שווער אויפֿצוהייבן אַ רעליגיעזע באַוועגונג קעגן די ייִדן. די ערשטע אַפֿריקאַנער באַצווינגער האָבן געפּרוווט דאָס טון, אָבער עס האָט זיי ניט אָפּגעגאָלטן. מען דערציילט, אַז אַזאַ פּרווו האָט געמאַכט דער ערשטער פֿירער פֿון דער אַלמאָראַווידן יוסף איבן טאַשפֿין. נאָך דעם ווי זײַנע חיילות האָבן געהאַט אײַנגענומען סעווילִיע, קאָרדאָווע, וואַלענסיע און די אַנדערע וויכטיקסטע שטעט פֿון אַנדאַלוזיע, איז ער איין מאָל געקומען קיין לוסענע (אַליסנה), וואָס איז געווען כּמעט אין גאַנצן באַזעצט פֿון ייִדן, און האָט געשטעלט די אײַנוווינער די פֿאָדערונג, זיי זאָלן תּיכּף אָננעמען איסלאַם. די געלערנטע איסלאַמישע טעאָלאָגן פֿון קאָרדאָווע — האָט געזאָגט דער באַצווינגער — האָבן געפֿונען אין די אַלטע שריפֿטן אַ מסורה, אַז ייִדן האָבן אַ מאָל צוגעזאָגט אונדזער נבֿיא מוחמד, אַז זייערע קינדסקינדער וועלן אָננעמען דעם מוסלימישן גלויבן, אויב עס וועט אין 500 יאָר אַרום נאָך זײַן אַנטפּלעקונג ניט קומען דער ייִדישער משיח; איצט איז די צײַט אַריבער — און איר מוזט מקיים זײַן די התחייבֿות [1]. די ייִדן אָבער האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז די כּלומרשטע רעליגיעזע התחייבֿות קאָן ווערן געדעקט דורך אַן אויסקויף מיט געלט, וואָרעם אין דער אמתן איז יוסף אויסן געווען צו באַקומען געלט אויף זײַנע גרויסע קריגס־הוצאות פֿון אַ שטײַער אויף דער רײַכער קהילה פֿון לוסענע. און די ייִדן האָבן געבעטן דעם געלערנטן קאַדי פֿון קאָרדאָווע, דעם באַוווּסטן איבן־כּאַמדין, ער זאָל אָנבאָטן אַזאַ אויסקויף דעם מאַראָקאַנער באַצווינגער. דער געשעפֿט איז צו שטאַנד געקומען: יוסף האָט געקראָגן פֿון די לוסענער ייִדן אַ גרויסע סומע געלט און האָט זיי געלאָזן געמאַך (אַרום יאָר 1105).

דער צווייטער כּאַליף פֿון דער דינאַסטיע אַלמאָראַווידן עלי (1106–1143) איז געווען ניט געווײנטלעך פֿרום. ער האָט זיך געפֿונען אין גאַנצן אונטער דער השפּעה פֿון דער גײַסטלעכקייט, און דאָס וואָרט פֿון אַ פֿאַקיה (מוסלימישער טעאָלאָג) איז פֿאַר אים געווען הייליק. אָבער אויך ער האָט זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן דעם דינסט פֿון געבילדעטע ייִדן, וואָס זײַנען געווען בײַם הויף פֿון עלי און פֿון זײַן ברודער דעם מיט־רעגירער תּמים אָנגעשטעלט ווי דאָק־

1 וועדליג אַראַבישע היסטאָריקער דערציילן, האָט די זעלביקע פֿאָדערונג געשטעלט ייִדן דער עגיפּטישער כּאַליף אל־חכים מיט הונדערט יאָר פֿריִער, און ער האָט זיך אויך פֿאַררופֿן אויף דער מסורה (מזרחדיקער פּעריאָד ב׳ III, § 66); דאָס זעלביקע ווערט דערציילט אויך מכּוח דעם אַלמאָהאַדישן כּאַליף אַבדולמומין אין מאַראָקאָ פֿופֿציק יאָר שפּעטער (ווײַטער, § 61). — דערפֿון מעג מען דרינגען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ לעגענדאַרישער דערקלערונג פֿון אַ מוסלימישן כראָניסט, וואָס ווערט איבערגעחזרט בײַם דערציילן אַזעלכע פֿאַקטן.

טוירים און פינאַנץ־אַגענטן. דער ייִדישער דאָקטאָר און פּאָעט שלמה אַלמועלים פון סעווילי|ע איז געווען לײַב־מעדיקער בײַם כאַליף עלי און האָט געטראָגן דעם בכּבודיקן טיטל וויזיר. וועגן זײַנע שירים זאָגט אַ שפּע־טערדיקער פּאָעט (אַלחריזי) בדרך גוזמא, אַז זיי קאָנען „מאַכן זינגען טויב־שטומע". פּונקט אַזאַ הויכע פּאָזיציע בײַם הויף פון עלי האָט פאַרנומען דער ייִדישער דאָקטאָר אַבֿרהם אבן קמניאל פון סאַראַגאָסע. אַ משורר פון יענער צײַט (ר' משה אבן עזרא) האָט געריימט די מידות־טובֿות פון אבן קמניאל, וואָס ער זאָרגט אַזוי שטאַרק פאַר ייִדן. „אין טעג פון צרות איז ער אַ שילד פאַר זײַן פאָלק; ער לעבט אין שפּאַניע, אָבער זײַן גענאָד שפּרייט זיך אויס איבער בבֿל און מצרים". מען מעג אָננעמען, אַז „טעג פון צרות" זײַנען געווען ניט זעלטן אין יענער אומרויִקער צײַט, ווען שפּאַנישע שטעט פלעגן אַריבערגיין פון האַנט צו האַנט אין דעם קאַמף פון דרײַ צדדים — די אָרטיקע עמירן, די קריסטלעכע מלכים און די אַפריקאַנער באַצווינגער. אין אַזאַ צײַט האָבן די ייִדישע קרובֿים למלכות אָפּגעראַטעוועט זייערע פאָלקס־ברידער פון אַ סך פּלאָגענישן.

דער מצבֿ איז ערגער געוואָרן אין מיטן 12טן י"ה, ווען פון אַפריקע זײַנען אַראָפּגעקומען די אײַנגעשפּאַרטע פאַנאַטיקער פון איסלאַם, די אַלמאָהאַדן. אָנהענגער פון דעם נײַעם „מאַהדי" אָדער נבֿיא־רעפאָרמאַטער פון מאַראָקאָ, מוחמד איבן־טומאַרט, האָבן די דאָזיקע „מאַמינים אין איינהייט" („מוואַחי־דונאַ" — מיחדים) געשטרעבט צו צוויי צילן מיט איין מאָל: אײַנפעסטיקן בײַ די מוסלימס די ריינע דאָגמע פון מאָנאָטעיִזם און צו גלײַך אײַנשטעלן די איינהייט פון אמונה אין די גרענעצן פון דער מוסלימישער ממשלה, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: צו באַקערן די אַנדערשגלייביקע צום איסלאַם איבער געוואַלד. מיט פײַער און שווערד האָבן זיי אײַנגעפלאַנצט אַזאַ „איינהייט פון אמונה" אין מאַראָקאָ און אַנדערע געגנטן פון אַפריקע, ווו עס זײַנען צעשטערט געוואָרן אַלטע ייִדישע קהילות: טייל ייִדן זײַנען אַנטלאָפן, אַנדערע האָבן לפּנים אָנגערופן מוחמדן פאַר אַ נבֿיא (ווײַטער, § 61). אַרויס־געשטופּט די אַלמאָראַווידן פון אַפריקע, האָבן די אַלמאָהאַדן אונטער דעם אָנפירער פון אַבדולמומין זיך אַ לאָז געטאָן אויף שפּאַניע. אין דעם זעלביקן יאָר, ווען די פראַנצייזיש־דײַטשע קרייצפאָרערס זײַנען אַוועק קיין אַזיע, האָבן די אַפריקאַנער פאַנאַטיקער פון איסלאַם אײַנגענומען סעווילי|ע (1147) און דערנאָך קאָרדאָווע (1148), ווו זיי האָבן צעשטערט אַלע שולן. עס זײַנען אויך חרובֿ געוואָרן די קהילות פון לוסענע, מאַלאַגע און אַנדערע שטעט פון אַנדאַלוזיע. אַ סך ייִדן האָבן אין טויטשרעק אָנגענומען לפּנים דעם איסלאַם, אָבער ווי נאָר די סכּנה איז אַריבער, האָבן זיי זיך פון אים אָפּגעזאָגט. נאָר דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז אַנטלאָפן געוואָרן.

ווי גרויס דאָס אומגליק איז געווען, וואָס דער אָנפֿאַל פֿון די אַלמאָהאַדן האָט אָנגעטאָן די קהילות פֿון שפּאַניע, גיט אַ בולטע פֿאָרשטעלונג דער פּאָעטישער אויסגעשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן בײַם גרויסן שרײַבער רבי אַבֿרהם אבן עזרא, וואָס איז געווען אַן עד־ראיה פֿון אָט די אַלע מאוימדיקע געשעענישן (זײַן קינה: „אהה ירד עלי ספרד"...).

אוי ווײ, אויף שפּאַניע איז אַ שווער גזר־דין פֿון הימל געפֿאַלן,
מיר מוזן וויינען אויפֿן מערבֿ [1], ווו די הענט האָבן בײַ אַלע זיך
אַראָפּגעלאָזט.
עס וויינען די אויגן איבער לוסענע, ווו עס האָט איר רו געפֿונען
די גולה,
אַ קהילה פֿון פֿרומע און גערעכטע, ביזן יאָר טויזנט מיט זיבעציק [2].
אָנגעשטאַנען איז דער אימהדיקער טאָג, צעזייט איז דאָס פֿאָלק,
און די קהילה איז געבליבן אַן אַלמנה,
אָן תורה, אָן משנה, אָן גמרא, אָן דער אַמאָליקער גײַסטיקער שיינקייט...
דאָס הויז פֿון תפֿילות און ברכות איז צו אַ תיפֿלה געוואָרן,
און דעם שונאס האַנט האָט צעריסן די מגילה פֿון הייליקע שריפֿטן...
איך רײַס די האָר, גיס ביטערע טרערן אויף דער געפֿאַנגענשאַפֿט
פֿון דער שיינער סעוויליע,
איבער די שטאָלצע מיוחסים, איבער אירע חכמים, איבער די
געפֿאַנגענע זין
און צאַרטע טעכטער, וואָס זײַנען אָפּגעגעבן צו אַ פֿרעמדער אמונה...
ווי פֿאַרוואָרפֿן איז קאָרדאָווע, די שטאָט פֿון קלוגע און מעכטיקע!
און אין כאַענע, אין אַלמעריע איז קיין איין ייִד נישטאָ.
אין מאַיאָרקע און אין מאַלאַגע איז קיין מקום מקלט ניט געבליבן
פֿאַר די באַרויבטע ייִדן, פֿאַר די צעשלאָגענע, בדלות געוואָרענע [3].
עס וויינט די אומה, געטרודפּט און געדריקט פֿון דער שקלאַווין [4],
און ציטערט און בעט זיך: גאָט, קוק אַראָפּ פֿון הימל!

---

1 געמיינט איז דאָ ניט דער מערבֿ פֿון אייראָפּע, נאָר מאַגרעב אין אַפֿריקע, וואָרעם נאָך דעם ווי דער פּאָעט רעכנט אויס די שפּאַנישע קהילות וואָס די אַלמאָהאַדן האָבן חרובֿ געמאַכט, רופֿט ער אָן אויך די אַפֿריקאַנער.

2 1070 יאָר נאָכן חורבן ירושלים, ד"ה דאָס יאָר 1140 פֿון דער קריסטלעכער צײַט, דאָס איז אין פֿאַרקירצלעכטע ציפֿערן די צײַט, ווען די אַלמאָהאַדן זײַנען געקומען; זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן אין אַפֿריקע אין יאָר 1142.

3 ווײַטער רעכנט ער אויס די נעמען פֿון חרובֿ געוואָרענע אַפֿריקאַנער קהילות: מאַראָקאָ, פֿעס, טלעמסען א"אַ.

4 די אַראַבער זײַנען די קינדסקינדער פֿון ישמעאלן, דעם זון פֿון דער שקלאַווין הגר.

אַ מאַסע פּליטים פֿון די חרובֿ-געוואָרענע דרומדיקע קהילות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין צפֿון, דער עיקר קיין קאַסטיליע, ווו די קריסטלעכע רעגירערס זײַנען געווען גוט צו ייִדן, ווײַל זיי האָבן זיי געהאַט פֿאַר פֿאַרבינדעטע אין קאַמף קעגן די מוסלימישע פֿאַנאַטיקער. דער ייִדישער כראָניסט ר׳ אַבֿרהם אבן דאוד, אַן עד-ראיה פֿון די געשעענישן, שרײַבט: „די וואָס זײַנען אויפֿגעשטאַנען אין מלכות-פּלשתּים (געמיינט די בערבערן, די אַלמאָהאַדן) זײַנען געקומען פֿון יענער זײַט ים קיין שפּאַניע, נאָך דעם ווי זיי האָבן ניט איבערגעלאָזט פֿאַרן פֿאָלק ישׂראל קיין איין נעסט פֿון טאַנזשער ביז אל-מאַהדיאַ (אין אַפֿריקע). דאָס נעמלעכע האָבן זיי געוואָלט טון אין אַלע מוסלימישע מדינות פֿון שפּאַניע, אָבער דער אייבערשטער האָט דערהערט דעם געשריי פֿון פֿאָלק ישׂראל. וואָרעם ווען די מורדים זײַנען געקומען אָפּצורײַסן ייִדן פֿון גאָט, זײַנען אַלע וואָס האָבן געאַכפּערט גאָטס וואָרט זיך צעלאָפֿן, כּדי צו ראַטעווען זייערע נשמות. איינע האָבן זיך איבערגעענטפֿערט אין די הענט פֿון די בני אדום (קריסטן), בכדי יענע זאָלן זיי אַרויספֿירן פֿון דער מוסולימישער מדינה; אַנדערע זײַנען אַנטלאָפֿן געוואָרן נאַקעטע אין באָרוועס, אָפּגעקלאַפּט די פֿיס אויף די פֿינצטערע בערג, און זייערע קינדער בעטן ברויט, און קיינער גיט זיי ניט. נאָר דער וואָס שאַפֿט די רפֿואה פֿאַר דער מכּה האָט אַרײַנגעגעבן דעם קיניג אַלפֿאָנס (VII) דעם געדאַנק, ער זאָל באַשטימען דעם שׂר רבי יהודה אבן עזרא פֿאַרן ראָש פֿון קאַלאַטראַווע, וואָס איז געוואָרן אַן עיר-מקלט, וואָס דורך איר זײַנען די פֿאַרטריבענע דורכגעגאַנגען. רבי יהודה האָט באַפֿרײַט די געפֿאַנגענע, געשפּײַזט די הונגעריקע, אָנגעטרונקען די דאָרשטיקע, באַקליידט די נאַקעטע און געזאָרגט פֿאַר אַלע נויטבאַדערפֿטיקע, ביז זיי זײַנען אָנגעקומען אין דער געגנט פֿון טאָלעדאָ".

בעת דעם אָנפֿאַל פֿון די אַלמאָהאַדן זײַנען געווען אויך פֿאַלן, ווען ייִדן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט געווער אין די הענט. די ייִדישע אײַנוווינער פֿון גראַנאַדע האָבן זיך צונויפֿגענומען מיט די אָרטיקע מוסלימס און קריסטן, בכדי צו באַפֿרײַען די שטאָט פֿון די אָנגעקומענע באַצווינגערס. בראָש פֿון די אויפֿגעשטאַנענע ייִדן איז געווען אבן דאַהרי. די אונטערנעמונג האָט אָבער ניט אָפּגעגליקט, און די ייִדן האָבן מן הסתּם געהאַט זייער אָפּקומעניש פֿאַר זייער אײַנשטעל (1162).

אויף אַזאַ שטייגער האָט זיך אַריבערגערוקט דער ייִדישער צענטער אין שפּאַניע: פֿון דרום קיין צפֿון, פֿון די מוסלימישע מדינות אין די קריסטלעכע. דער דאָזיקער איבעררוק האָט געהאַט אַ וויכטיקן באַטײַט. מיט פֿיר יאָרהונדערטער פֿריִער האָבן די אָנגעקומענע אַראַבער אויסגעלייזט די שפּאַנישע ייִדן פֿון דער וועסטגאָטישער קנעכטשאַפֿט, און די איצטיקע באַוועגונג

פֿון די מוסלימס פֿון אַפֿריקע קיין שפּאַניע האָט געבראַכט ייִדן צרות איבער צרות און געצוווּנגען זיי צו זוכן אַ מקום־מקלט בײַ די קינדסקינדער פֿון די וועסטגאָטן...

§ 43. דער וווקס פֿון ייִדנטום אין דער קריסטלעכער שפּאַניע

די מלכים פֿון קאַסטיליע, וואָס האָבן געשטרעבט אויפֿצוריכטן די ממשלה פֿון די קריסטן אין שפּאַניע, האָבן שוין לאַנג פֿאַרשטאַנען, ווי וויכטיק עס איז פֿאַר זיי אַריבערצוציִען אויף זייער צד די ייִדן, וואָס זײַנען ניט צופֿרידן מיטן מוסלימישן רעזשים, און דעריבער האָבן זיי לאָ די וואָס אויפֿגענומען בײַ זיך די פּליטים פֿון דרום, נאָר זיי האָבן אויך ייִדן מיט פֿעיִקייטן צוגעלאָזט צום מלוכישן דינסט. ווי עס איז שוין דערציילט (§ 26), האָט טאַקע דער קיניג אַלפֿאָנס VI געקראָגן דערפֿאַר אַ האַרבן אויסרייד פֿון דעם פּויפּס גרעגאָר VII, נאָר דאָס האָט אים ווייניק געאַרט. אין דער אַלטער מעטראָפּאָליע טאָלעדאָ, וואָס ער האָט באַפֿרײַט פֿון די אַראַבער און געמאַכט פֿאַר דער קרוינשטאָט פֿון קאַסטיליע (1185), האָט זיך געבילדעט אַ ייִדישע קהילה, וואָס איז כּסדר געוואַקסן דורכן צושטראָם פֿון נײַע אײַנוואַנדערער פֿון אַנדאַלוזיע. פֿילנדיק זיך ווי בירגער זײַנען ייִדן געוואָרן פּאַטריאָטן פֿון דער נײַער מלוכה. ייִדישע אָפּטיילונגען האָבן זיך געשלאָגן אין די רייען פֿון דער קאַסטילישער אַרמיי אין דער באַרימטער שלאַכט בײַ זאַלאַק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן ניצחון פֿון די אַלמאָראַווידן (1086). אין יאָר 1108 האָבן ייִדן גענומען אַן אָנטייל אין דער שלאַכט צווישן די קאַסטיליער און דעם חיל פֿון די אַלמאָראַווידן, און אויך די דאָזיקע שלאַכט האָבן די קריסטן פֿאַרלאָרן. די דאָזיקע מפּלה האָט אויסגענוצט די קריסטלעכע גײַסטלעכקייט פֿאַר אַן אַגיטאַציע קעגן ייִדן. דער אַרכיבּיסקופּ פֿון טאָלעדאָ בערנאַרדאָ האָט דערקלערט, אַז די שלאַכט איז פֿאַרלאָרן געוואָרן פֿון וועגן די ייִדן, וואָס האָבן פֿריִער פֿון אַנדערע טיילן פֿון דער אַרמיי נאָכגעגעבן דעם דראַנג פֿון שונא (די ייִדישע אָפּטײלונג האָט זיך געפֿונען אויפֿן לינקן פֿלאַנג און האָט די ערשטע געמוזט אויסשטיין דעם אָנפֿאַל). די אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ פּעולה: דער המון אין טאָלעדאָ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן שלאָגן ייִדן, דערבײַ איז דערהרגעט געוואָרן דער ייִדישער שׂר שלמה בן פֿריצול.[1]

---

1 דער גרעסטער פּאָעט פֿון יענער צײַט רבי יהודה הלוי האָט באַקלאָגט דעם טויט פֿון דעם דאָזיקן „גביר" אין אַ לאַנגן שיר, וואָס באַווײַזט, ווי חשוב דער פֿאַרשטאָרבענער איז געווען אין דער געזעלשאַפֿט: „צו וועמען וועט זיך איצט ווענדן די געבליבענע טשערעדע?

פּאַגראָמען זײַנען פֿאָרגעקומען אויך אין אייניקע פּראָווינציעלע שטעט. אַל־פֿאָנס VI האָט באַפֿוילן אויפֿצוזוכן די אָנטיילנעמער פֿון פּאָגראָם און שטרענג זיי באַשטראָפֿן, אָבער דעם קיניגס באַפֿעל איז ניט אויסגעפֿירט געוואָרן, מחמת ער איז אין גיכן געשטאָרבן.

די ייִדנפֿײַנטלעכע אַגיטאַציע פֿון דער גײַסטלעכקייט האָט ניט אַראָפּ־געפֿירט פֿון וועג די מושלים פֿון קאַסטיליע, און דער נײַער קיניג אַלפֿאָנס VII, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל „קיסר" (1126—1157), האָט נאָך אַלץ געשיצט ייִדן. אין זײַן צײַט זײַנען די אַלמאָהאַדן אָנגעפֿאַלן אויף אַנדאַלוזיע, און פֿאַר זיי זײַנען אַנטלאָפֿן קיין צפֿון אַ סך ייִדן פֿון סעווילִיע, קאָרדאָווע און אַנדערע דרומדיקע שטעט. די פּליטים האָבן זיך אָנגעקליבן אין גרויס דחקות און אָרעמקייט אין דער גרענעץ־פֿעסטונג פֿון קאַסטיליע קאַלאַטראַווע, און דאָ האָט זיי מיט אַלע כּוחות געשטיצט דער אויבן (§ 42) אָנגערופֿענער שׂר אָדער נשׂיא רבי יהודה אבן עזרא, איינער פֿון דער משפּחה, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין דער געשיכטע פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור. רבי יהודה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע גרויסע אַדמיניסטראַטיווע פֿעיִקייטן צווישן די העכסטע באַאַמטע פֿון קאַסטיליע אין יענער צײַט. נאָך דעם ווי קאַלאַטראַווע איז אין יאָר 1147 אײַנגענומען געוואָרן, איז ער אַ געוויסע צײַט געווען דער שעף פֿון דער פֿעסטונג, און אין יאָר 1149 האָט אַלפֿאָנס VII אים באַשטימט פֿאַר זײַן „אַלמאָכאַריף" (almojarife mayor) — דעם הויפּטאַגענט פֿאַר פֿינאַנצן. אָט דער באַאַמטער דער בעל־השפּעה האָט דאָס מער ווי אַלע מיטגעווירקט אײַנצואָרדענען ייִדישע קהילות אין טאָלעדאָ און אַנ־דערע שטעט פֿון קאַסטיליע, ווו עס האָבן זיך באַזעצט די פּליטים פֿון דרום. לויט דעם טיטל „נשׂיא" איז ער געשטאַנען אויך בראָש פֿון דער פֿאַרוואַל־טונג פֿון די קהילות. אין טאָלעדאָ איז געעפֿנט געוואָרן אַ ישיבֿה, וואָס בראָש פֿון איר איז געשטאַנען רבי מאיר אבן מיגש, וואָס איז געקומען פֿון דער חרובֿ־געוואָרענער תּורה־שטאָט לוסענע.

וואָס וועט אַן דיר טון די גולה פֿון ספֿרד? ווער וועט פֿיטערן אירע שאָף?" דער משורר שיקט אַ קללה די רוצחים וואָס האָבן אים געהרגעט: „זאָל גאָט מאַכן אויספֿלייצן דעם שטראָם פֿון זײַן צאָרן אויף דער טאָכטער פֿון אדום (די קריסטן), זאָל ער צעשטערן איר וואָרצל און אָפּהאַקן אירע צווײַגן! זאָל ער איר אָפּצאָלן פֿאַר די קינדער וואָס זײַנען געוואָרן יתומים און פֿאַר דער פֿרוי וואָס איז געבליבן אַן אַלמנה. זאָל ער אָראָפּשלײַדערן צו דער ערד איר המון און אירע געצן!" אין דעם שיר גופֿא איז אָנגעוויזן די דאַטע פֿון דעם מאָרד (אייר ד' תּס"ח — 1108) און דער עלטער פֿון דעם דערהרגעטן (ניט קיין פֿולע 40 יאָר). ווי אַ געבוי־רענער פֿון טאָלעדאָ איז דער פּאָעט געווען פֿריצולס אַ פּערזענלעכער פֿרײַנד, און גראָד אין דעם מאָמענט ווען צו אים איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן זײַן טויט, האָט ער געהאַלטן אין שרײַבן צו אים אַ פֿרײַנדשאַפֿטס־ליד (שירי יהודה הלוי, אַרויסגעגעבן פֿון הרכּבֿי, I, 97).

רבי יהודה אבן עזרא האָט געזאָרגט וועגן פֿאַרשפּרייטן דעם לימוד פֿון דער תּורה אין קאַסטיליע און האָט שטרענג אויפֿגעפּאַסט אויף דער אָרטאָדאָקסישער פֿרומקייט. ווען אין לאַנד זײַנען אַרײַנגעדרונגען קאַראַימער און האָבן געפּרוווט פּראָפּאַגאַנדירן זייער אמונה, איז דער נשׂיא אַרויסגעטראָטן קעגן. נאָך אין אַלפֿאָנס VIס צײַטן האָבן אין קאַסטיליע זיך באַוויזן גרופּעס קאַראַימער, וואָס זײַנען אַהין געקומען משמעות פֿון ביזאַנץ, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער הויפּטצענטער פֿון דער סעקטע. בראָש פֿון די שפּאַנישע קאַראַימער איז דעמאָלט געשטאַנען דער געבילדעטער טעאָלאָג אבן אַלטאַראַס, און נאָך זײַן טויט (אַן ערך 1100) איז געוואָרן די פֿירערין פֿון דער סעקטע זײַן „געלערנטע פֿרוי" (אַל-מועלימאַ). אין יענער צײַט האָבן די רבניטן אויסגעפּועלט בײַם קיניג, ער זאָל פֿאַרבאָטן די קאַראַימער צו באַזעצן זיך אומעטום און האָט זיי דערלויבט צו וווינען נאָך אין איין שטאָט. אַזאַ ניט-כּשרן מיטל אין קאַמף קעגן אַנדערש גלייבנדיקע האָט מיט פֿופֿציק יאָר שפּעטער אָנגעווענדט אויך יהודה אבן עזרא. מיט דער דערלויבעניש פֿון קיניג אַלפֿאָנס VII האָט ער „צוגעמאַכט די מינים דאָס מויל (פֿאַרבאָטן זיי די פּראָפּאַגאַנדע) אין גאַנץ קאַסטיליע, אַזוי אַז זיי זײַנען שטיל געוואָרן, קאָנען מער ניט אויפֿהייבן אַ קאָפּ און ווערט זייער צאָל ווינציקער". אַזוי זאָגט דער כראָניסט פֿון יענער צײַט, דער ראַציאָנאַליסטישער פֿילאָסאָף רבי אַבֿרהם אבן דאַוד, וואָס האַלט, אַז דער יידישער שׂר האָט פֿאַרדינט אַ גרויסע מצווה מיט אָט דעם קאַמף קעגן די קאַראַימער דורך דער האַנט פֿון דער דרויסנדיקער מאַכט.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 12טן י"ה איז דער מצבֿ פֿון יידן אין קאַסטיליע נאָך פֿעסטער געוואָרן. קיניג אַלפֿאָנס VIII (1166–1214) האָט אויך צוגעצויגן צו מלוכה-דינסט געבילדעטע יידן, וואָס זײַנען געוואָרן די אָפֿיציעלע פֿירערס פֿון דעם וואַקסנדיקן יידישן צענטער פֿון קאַסטיליע. פֿון זיי זײַנען געוואָרן באַרימט: י ו ס ף א ב ן ש ו ש ן, דעם קיניגס אַלמאָכאַריף און אַ מעצענאַט מיט אַ ברייטער האַנט, וואָס האָט אויסגעבויט די שענסטע שול אין טאָלעדאָ, און אַ ב ר ה ם א ב ן אַ ל פֿ כ אַ ר, וואָס האָט אויסגעפֿירט אַלפֿאָנסאָס דיפּלאָמאַטישע שליחותן בײַ די אַלמאָהאַדישע כאַליפֿן אין מאַראָקאָ. ווענדליג עס דערציילן די שפּאַנישע כראָניסטן, האָט אַלפֿאָנס VIII געהאַט אַ יידישע פֿאַוואָריטין רחל, וואָס פֿאַר איר שיינקייט האָט מען זי גערופֿן פֿאָרמאָזאַ. דער קיניג האָט זיך אײַנגעליבט אין איר און האָט מיט איר אָפּגעלעבט זיבן יאָר, „פֿאַרגעסן אָן זײַן כּשרער פֿרוי, זײַן פֿאָלק און זײַן מלוכה". אַ פּאַרטיי פֿון הויפֿלײַט, וואָס איז געווען ניט צופֿרידן דערמיט, האָט געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג קעגן דער אומגעזעצלעכער מלכּה. נאָך דער מפּלה פֿון די קאַסטיליער אין אַ שלאַכט מיט די מוסלימס בײַ אַלאַרקאָס, ווען דער שׂונא

איז צוגעטראָטן אַזש ביז צו דער הויפּטשטאָט (1195), האָבן די פֿאַרשווערער פֿאַרשטאַנען אײַנצורעדן די אויפֿגערעגטע קריסטלעכע באַפֿעלקערונג, אַז דאָס האָט גאָט געשטראָפֿט דאָס לאַנד פֿאַר דעם קיניגס זינד. דעמאָלט האָט דער המון זיך אַ לאָז געטאָן צו פֿאַרמאָזאַס הויז און דערהרגעט זי און אירע קרובֿים.

אין דער אמתן האָבן די ייִדן פֿון קאַסטיליע דעמאָלט שטאַרק אַקטיוו זיך באַטייליקט אין באַשיצן דאָס לאַנד קעגן די חיילות פֿון איסלאַם. ווען דער אַלמאָהאַדישער כאַליף יאַקוב אַל־מאַנסור (דער זעלביקער וואָס האָט געצוווּנגען די ייִדן וואָס האָבן לפּנים געהאַט אָנגענומען דעם איסלאַם צו טראָגן מיאוסע בגדים, כּדי מען זאָל קאָנען זיי אָפּשיידן פֿון די רעכטגלייביקע מוסלימס), האָט זיך אַרײַנגעריסן מיט זײַן חייל אין קאַסטיליע, האָבן ייִדן מיט גבֿורה זיך געשלאָגן אין די רייען פֿון דער קריסטלעכער אַרמיי. ייִדישע גבֿירים האָבן געגעבן קיניג אַלפֿאָנס VIII אַ סך געלט, כּדי ער זאָל קאָנען פֿירן דעם קריג. נאָר דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפֿן: אין דער אויבן דערמאָנטער שלאַכט בײַ אַלאַרקאָס האָבן די קאַסטיליער געליטן אַ מפּלה, און אין גיכן האָט מען בײַ זיי אָפּגענומען די גרענעץ־פֿעסטונג קאַלאַטראַווע, וווּ עס האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן די ייִדישע פּליטים פֿון דרום. אויפֿגעמונטערט פֿון זײַן ניצחון האָט מאַנסור גענומען באַלעגערן טאָלעדאָ. די ייִדן פֿון דער הויפּטשטאָט האָבן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שטאָטלײַט מוטיק פֿאַרטיידיקט די שטאָט, ביז עס איז עס אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אין אַפֿריקע איז אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד, און דער כאַליף איז אַוועק פֿון דער שטאָט. בכדי צו פֿאַרזיכערן די מלוכה קעגן נײַע אָנפֿאַלן, האָט קאַסטיליע געשלאָסן אַ בונד מיט דער קריסטלעכער אַ ר אַ ג אָ נ י ע, וואָס האָט זיך אין יענער צײַט געשטאַרקט און געשטרעבט צו פֿאַרברייטערן אירע גרענעצן דורך אָפּנעמען טעריטאָריעס פֿון די מוסלימס.

פּונקט ווי די קאַסטילישע מלכים, אַזוי האָבן אויך די מלכים פֿון אַראַגאָניע געגעבן ייִדן שוץ און געלאָזט זיי פֿירן אַ ברייטע אַליינפֿאַרוואַלטונג אין די קהילות. אין דער הויפּטשטאָט פֿון לאַנד ס אַ ר אַ ג אָ ס ע, וואָס עס האָט אָפּגענומען בײַ די מוסלימס דער קיניג פֿון אַראַגאָניע אַלפֿאָנס I דער קריגסמאַן (Batallador, 1118), איז די ייִדישע קהילה וואָס האָט עקסיסטירט זינט אַלטע צײַטן באַלעבט געוואָרן דורך אַ פֿרישן צושטראָם פֿון אײַנוואַנדערער, וואָס זײַנען געקומען פֿון קאָרדאָווע און אַנדערע דרומדיקע שטעט. נאָר דער וויכטיקסטער קולטור־צענטער פֿון ייִדנטום איז געווען ב אַ ר צ ע ל אָ נ ע, די הויפּטשטאָט פֿון ק אַ ט אַ ל אָ נ י ע, וואָס איז פֿריִער געווען אַ וואַסאַללאַנד פֿון פֿראַנקרײַך און שפּעטער געוואָרן פֿאַראייניקט מיט אַראַגאָניע. אָפּיציעלע אַקטן באַווײַזן, אַז אין 11טן און אין 12טן י״ה

האָט צו ייִדן געהערט אַ גרויסער טייל פֿון די נחלאות אין באַרצעלאָנע, הײַזער, סעדער און ווײַנגערטענער, און זיי זײַנען געווען דער פֿאַרמעגלעכסטער טייל פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג. שריפֿטלעכע אָפּמאַכן וועגן פֿאַרשיידענע עסקים פֿלעגן ווערן געשריבן אין צוויי שפּראַכן — אין לאַטײַניש און אין העברעיש.[1] דער רײַזנדער רבי בנימין פֿון טודעלאַ, וואָס איז דורכגעפֿאָרן באַרצעלאָנע (אַרום 1160), שילדערט זי ווי אַ שטאָט ניט קיין גרויסע, נאָר אַ באַלעבטע, וואָס ליגט בײַם ברעג ים, „און עס קומען אַרײַן צו פֿאָרן סוחרים מיט סחורות פֿון אַלע מקומות: פֿון גריכנלאַנד (ביזאַנץ), פּיזע, גענועז, סיציליע, אַלכּסנדריא של מצרים, ארץ־ישׂראל און די שכנישע מדינות". אין דער שטאָט איז פֿאַראַן אַ „קהילה קדושה", און בראָש פֿון איר שטייען געלערנטע מענער און חכמים, גרויסע נשׂיאים, ווי רבי ששת, רבי שאלתּיאל, רבי שלמה (שמואל) בן אַבֿרהם בן חסדאי. ר' ששת בנבנשׂתּי (בענוועניסטע) (אַרום 1130—1210) איז געווען אַ דאָקטאָר, אַ שרײַבער און אַ מלוכה־טוער. ער איז געווען אַ דיפּלאָמאַטישער אַגענט פֿון קיניג אין זײַנע פֿאַרהאַנדלונגען מיט די מוסלימישע מושלים פֿון שפּאַניע. ער איז געווען אַ באַשיצער פֿון ייִדישע געלערנטע און פּאָעטן, און זיי האָבן באַזונגען זײַן לויב אין שירים און אין פּראָזע. דער משורר אַלחריזי האָט אים אָנגערופֿן דער „קאָפּ פֿון די נדיבֿים", דער ווינקלשטיין פֿון ייִדנטום אין שפּאַניע.

אין אַ צווייטער שטאָט פֿון קאַטאַלאָניע, געראָנע, האָט זיך געפֿונען אַ קליינע ייִדישע קהילה, וואָס פֿון איר זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַ סך גדולים אין דער ליטעראַטור, וואָס האָבן געטראָגן דעם צונאָמען גירונדי (דער אויבן דערמאָנטער תּלמודיסט רבי זרחיה הלוי, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּראָוואַנס, שפּעטער דער רמבן א"אַ).

אין דעם שכנישן קיניגרײַך נאַוואַרע, אויפֿן גרענעץ צווישן שפּאַניע און פֿראַנקרײַך, האָבן אין 12טן י"ה זיך פֿאַרמערט ייִדישע קהילות. די מלכים פֿון נאַוואַרע האָבן דורך פֿאַרשיידענע הנחות און פּריווילעגיעס געפֿלײַסט זיך אײַנצוהאַלטן ייִדן אין די שטעט, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען בײַ די מוסלימס. אין דער שטאָט טודעלאַ האָט די ייִדישע קהילה געקראָגן פֿון קיניג אַ באַזונדער פֿעסטונג, וווּ ייִדן האָבן געקאָנט זוכן שוץ, ווען מען וועט אויף זיי אָנפֿאַלן (1170), מחמת די שטאָט איז געלעגן אויפֿן גרענעץ צווישן נאַוואַרע און אַראַגאָניע, וווּ עס פֿלעגן פֿאָרקומען אָפֿטע צוזאַמענשטויסן. פֿון

1 די דאָזיקע דאָקומענטן וואָס זײַנען ניט לאַנג געוואָרן פֿאַרעפֿנטלעכט (זע ביבליאָגראַפֿיע) באַשטייען צום גרעסטן טייל פֿון קויפֿאַקטן און פֿאַרשיידענע אָפּמאַכן, דערבײַ זײַנען געבליבן די חתימות פֿון די צדדים און פֿון די עדות אויך אין די צוויי שפּראַכן. בײַ די נעמען פֿון די ייִדן שטייט אין דעם לאַטײַנישן טעקסט דער עפּיטעט hebraeus אָנשטאָט דעם געוויינטלעכן judaeus.

דער דאָזיקער שטאָט קומט אַרויס דער באַרימטער רײַזנדער פון יענער צײַט רבי בנימין מטודלא.

אַזוי אַרום האָט די קריסטלעכע שפּאַניע באַוויזן אַריבערצוציִען צו זיך די הויפּטמאַסע פון יידנטום פון דעם מוסלמאַנישן דרום אין יענעם מאָמענט, ווען נאָך אַ לאַנגער אַנאַרכיע איז דאָרט אָנגעשטאַנען די ירידה פון דער ממשלה פון די אַלמאָהאַדן. דער זון פון דעם כאַליף מאַנסור, מוהאַמעד אַן־נאַסיר (1199—1214), איז ניט געווען דאָס וואָס זײַן צונאָמען באַטײַט (נאַסיר באַטײַט „אויסלייזער"): ער האָט ניט געקענט אָפּראַטעווען זײַנע שפּאַנישע מדינות פון די כסדר אָנפאַלנדיקע קאַסטיליער און אַראַגאָניער. דער גרויסער קריגסמאַרש קעגן קאַסטיליע וואָס ער האָט אונטערגענומען האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולער מפּלה פון זײַן אַרמיי בײַ נאַוואַס דע טאָלאָסאַ (1212). נאָך דער מעשה הייבט די ממשלה פון די מוסלימס אָן גיך צו ווערן אַלץ קלענער, ביז עס בלײַבט איבער אונטער זייער מאַכט נאָך דאָס קליינע געביט פון גראַנאַדע אין דרום. דער 12טער יאָרהונדערט איז געווען דער לעצטער יאָרהונדערט פון דער מוסלימישער אייבערהערשאַפט אין שפּאַניע.

§ 44. המשך פון דעם רענעסאַנס. די נאַציאָנאַלע פּאָעזיע
(רבי משה אבן עזרא און רבי יהודה הלוי)

אָרעם מיט אויסווייניקסטע געשעענישן, אָבער רײַך מיט גײַסטיקער שאַפונג איז די געשיכטע פון די שפּאַנישע ייִדן אין יענער תקופה, ווען די געשיכטע פון זייערע ברידער אין מיטל־אייראָפּע איז באַרײַכערט געוואָרן מיט אַזעלכע שרעקלעכע „אויסווייניקסטע געשעענישן", וואָס האָבן דאָרט ביז גאָר פאַרשמעלערט דעם האָריזאָנט. דער ליטעראַרישער רענעסאַנס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אַראַביש־ייִדישער שפּאַניע אין 11טן י"ה (§ 27), האָט דערגרייכט צו זײַן פולן גלאַנץ אין דעם יאָרהונדערט שפּעטער. די גײַסטיקע באַוועגונג האָט זיך גיך אַנטוויקלט מיטן כוח פון דעם ערשטן שטויס, ניט געקוקט אויף די פּאָליטישע קריזיסן אין דרום־שפּאַניע, דעם צענטער פון דער אַראַביש־ייִדישער קולטור. ווען די גרויסע ייִדישע קהילות נעמען זיך אַריבערטראָגן קיין צפון, אין די קריסטלעכע מלוכות, ווערן אויך אַהין אַריבערגעטראָגן די גײַסטיקע כוחות פון דער נאַציע. אין דער ערשטער העלפט פון 12טן י"ה, אין דער לפי ערך רויִקער צײַט פון די אַלמאָראַווידן, צײַטיקן זיך נאָך אויס די גײַסטיקע פאַרזייען פון דער פריִערדיקער אַנדאַלוזיע (דער פּאָעט ר' משה אבן עזרא און אַנדערע), אָבער שוין דעמאָלט באַווײַזט זיך אין דער הויפּטשטאָט פון קאַסטיליע טאָלעדאָ אַ שטערן פון דער ערשטער גרייס – רבי יהודה הלוי. זינט דער צווייטער העלפט פון דעם יאָר־

הונדערט זײַנען מיט קאַסטיליע און מיט די שכנישע קריסטלעכע מלוכות פֿאַרבונדן די גרעסטע נעמען פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור: אַבֿרהם אבן עזרא, אבן דאַוד, אַלחריזי און נאָך. בלויז יענער ריז פֿון געדאַנק, וואָס האָט אין אַ העכערן סינטעז געבראַכט צו שלמות די גאַנצע שאַפֿונג פֿון דער „גאָלדענער תּקופֿה", דער רמב״ם, שטייט אין אַ מוסלימישער סבֿיבֿה אויף די שיידוועגן פֿון דער וועלט־דיאַספּאָרע, צווישן קאָרדאָווע, זײַן געבוירן־שטאָט, און צווישן פֿאָסטאַט־קאַהיראָ, און סימבאָליזירט אַזוי אַרום דעם פֿאַרבונד פֿון ייִדנטום אין מערבֿ און אין מזרח.

זינט עס איז אַנטשטומט געוואָרן די ביבלישע לירע, איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזאַ אויפֿבלי פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, ווי אין דער ייִדישער שפּאַניע פֿון 12טן י״ה. אבן גבירולס פּאָעטישע ירושה נעמט איבער ר׳ משה בן יעקבֿ אבן עזרא (אַן ערך 1070 — 1138), וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ מיוחסדיקער משפּחה אין גראַנאַדע. יונגערהייט האָט ער געלערנט תּלמוד אין דער באַרימטער ישיבֿה פֿון לוסענע בײַ דעם רבֿ און פּײַטן רבי יצחק אבן גיאת. ער האָט זיך אײַנגעשאַפֿט היפּשע קענטעניש אין דער אַראַבישער ליטעראַטור, וואָס יעדער געבילדעטער מענטש אין זײַן צײַט האָט זי געמוזט האָבן, און אויך אין דער גריכיש־רוימישער ליטעראַטור און אין די „פֿילאָסאָפֿישע" וויסנשאַפֿטן. אין זײַנע פֿריִע שירים, וואָס ער האָט געשריבן אין העברעיִש לויט די כּללים פֿון דער אַראַבישער מעטריק, האָט ר׳ משה אבן עזרא אַרויסגעוויזן ריין לירישע נטיות: ער האָט באַזונגען די נאַטור, די ליבע, די פֿריידן און לײַדן פֿון דער יוגנט. איינע פֿון זײַנע שירים וועגן פֿרילינג פֿאַרחידושט דורך דער רײַכקייט פֿון פֿאַרבן: „דער גאָרטן האָט זיך אין אַ בונטן געוועב אָנגעטאָן, אין אַ קלייד מיט גרינער האַפּטערײַ. יעדער בלימל האָט זיך צום נײַעם פֿרילינג באַנײַט און איז מיט אַ שמייכל אים אַרויס אַנטקעגן. נאָר פֿאָרויס פֿאַר אַלע איז די רויז געגאַנגען, אַ קיניגין אויף הויכן שטול: דורך דער פֿאַרצאַמונג פֿון בלעטער זיך דורכגעריסן און די תּפֿיסה־קליידונג אומגעביטן. דער וואָס וועט לכּבֿוד דעם קיין ווײַן ניט טרינקען וועט אַ גרויסע עבֿרה באַגיין". אין יענע יונגע יאָרן האָט דער פּאָעט נאָך פֿאַנטאַזירט וועגן „שיינעם פּנים, וועגן אַ בעכער ווײַן, וועגן אַ סאָד מיט געזאַנג פֿון פֿויגלען און שטיל פּלעשטשענדיקן טײַכל, וועגן באַלזאַם פֿון לײַדנשאַפֿט און אומרויִקער פֿרייד, וועגן אַ מונטערן ליד". נאָר אין מיטן האָט זײַן מונטער ליד זיך איבערגעריסן און איז פֿאַרביטן געוואָרן דורך אַן עלעגיע אָן אַן ענד. די סיבה פֿון דעם דאָזיקן אומבײַט איז געווען אַן אומגליקלעכע ליבע: דער פּאָעט האָט ליב געקראָגן זײַנע אַ פּלימעניצע און האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט איר, דאָס מיידל האָט אויך ליב געקראָגן דעם פּאָעט, נאָר דער פֿאָטער אירער איז געווען קעגן

דעם שידוך און האָט די טאָכטער חתונה געמאַכט מיט אַן אַנדערן. דאָס האָט אויף לאַנג פאַרפינצטערט אבן עזראס נשמה. ער האָט פאַרלאָזן גראַנאַדע און אַוועקגעלאָזט זיך וואַנדערן איבער דער וועלט. פון קאַסטיליע האָט ער געשריבן צו זײַנע קרובֿים, אַז פון וועגן דעם געליבטן מיידל איז ער „אַרײַנ־געפאַלן אין נעץ פון דער פרעמד" און איז געוואָרן „אדומס אורח" (אין קריסטלעכן לאַנד). אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָט ער געקראָגן פון דער היים אַ טרויעריקע בשורה: די פרוי וואָס ער האָט געליבט איז געשטאָרבן פון קימפּעט און פאַרן טויט האָט זי געבעטן אָנשרײַבן דעם פעטער דעם נע־ונדניק, אַז ער זאָל איר מוחל זײַן פאַר די פאַרשאַפטע יסורים: „שרײַב אָן דעם פעטער: פון מײַנט וועגן פאַרברענט אים דאָך דאָס פײַער פון וואָגל. זאָל ער דערמאָנען דעם בונד פון דער יוגנט, און זאָל אַ ליבנדיקע האַנט אין טיר פון מײַן קבֿר אַ קלאַפּ טון". דער דאָזיקער גרוס פון יענער וועלט האָט אויפגעטרייסלט ר' משהס האַרץ. ער איז געבליבן אַן איינזאַמער זײַן גאַנץ לעבן. זײַן מוזע האָט זיך אין אייביקן טרויער אײַנגעהילט. ער האָט גענומען שרײַבן וועגן דעם הבֿל־הבֿלים פון לעבן, וועגן עלטער און נאָענט־קייט פון טויט, וועגן אומגעטרײַע פרײַנד און אָפּגענאַרטע האָפענונגען. „דער מענטש דאַרף שטענדיק געדענקען, אַז ער געפינט זיך אויפן וועג צום טויט. איטלעכן טאָג מאַכט ער דורך אַ טייל פון אָט דעם וועג, בעת ער מיינט, אַז ער געפינט זיך אין רו. ער איז געגליכן צו איינעם וואָס פאָרט רויִק אויף אַ שיף און באַמערקט ניט, אַז ער ווערט געטראָגן אויף די פליגלען פון ווינט (צום טויט)".

מיט אַזאַ שטימונג איז ר' משה אבן עזרא אַריבער צו דער רעליגיעזער פּאָעזיע. ער האָט מחבר געווען עטלעכע הונדערט תּפילות און סליחות, וואָס אַ סך פון זיי זײַנען אַרײַן אין דער ליטורגיע פון נוסח ספרד פאַר ראָש־השנה, יום־כּיפּור און אַנדערע תּעניתים. דערפאַר האָט רבי משה אבן עזרא געקראָגן דעם צונאָמען „הסלח", דער מײַסטער פון דער סליחה. זײַנע רעלי־גיעזע שירים זײַנען צעשפּרייט איבער אַלע „מחזורים" פון די ראָמאַנישע, גריכישע און אַפריקאַנישע קהילות. זײַנע איבעריקע שירים זײַנען פאַרבליבן אין צוויי זאַמלונגען: „תּרשיש" אָדער „ענק" (ד"ה אַ האַלדזבאַנד פון לידער) און אין „דיוואַן". דאָ פאַרנעמט אַן אָנזעעוודיקן אָרט די קאָרעספּאָנדענץ אין שירים צווישן ר' משה אבן עזרא און זײַן גוטן פרײַנד דעם גרויסן פּאָעט רבי יהודה הלוי, וואָס ער האָט זיך שטאַרק באַפרײַנדעט מיט אים, בעת ער איז געווען אין קאַסטיליע. די העכסטע געדאַנקען און די טיפסטע געפילן זײַנען אַרויסגעזאָגט אין אָט דער לירישער קאָרעספּאָנדענץ פון די צוויי פּאָעטן. ווען רבי יהודה הלוי האָט געקראָגן די ידיעה וועגן טויט פון זײַן פרײַנד, האָט ער אָנגעשריבן איינע פון זײַנע בעסטע עלעגיעס („עלי כּזאת

תּבֿפֿינה שאננות״...): „די שטאָלצע קרוין פֿון שפּאַניע – ווי איז זי פֿון קאָפּ אַראָפּגעפֿאַלן!... משה, משה, ברודער מײַנער, לײַכטונג מײַנע, מײַן פֿירנדיקער שטערן פֿון די פֿריסטע יאָרן! מײַן ווייטאָג שטאַרקט זיך בײַם געדאַנק, אַז איך וועל מער דײַן געשטאַלט ניט זען״.

בעת ווען די שירים זײַנע האָט ר׳ משה אבן עזרא געשריבן העברעיִש, האָט ער אָבער פּראָזע געשריבן אַראַביש. אין אַראַביש האָט ער געשריבן זײַנע חיבורים וועגן פֿילאָסאָפֿיע (ווײַטער, § 46) און וועגן ליטעראַטור־טעאָריע און פּאָעטיק (פֿאַראַן אַן איבערזעצונג אין העברעיִש אונטערן טיטל „שירת ישׂראל״). פֿון אָט דעם לעצטן ווערק איז צו זען, אַז דער מחבר איז געווען שטאַרק אָנגעלייענט מיט די ווערק פֿון דער אַראַבישער און פֿון דער אַנטיקער ליטעראַטור. ער לויבט די אַראַבישע סטיליסטיק און פּאָעטיק און ווײַזט, ווי אַזוי מען קאָן אויסנוצן די זעלביקע גענג אין דער העברעיִשער שיינער ליטעראַטור. אין פֿינפֿטן קאַפּיטל ווערט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פֿון אַלע העברעיִשע שרײַבערס אין שפּאַניע פֿון 10טן י״ה ביז דעם מחברס צײַט, און דאָס איז אַ ביז גאָר וויכטיקער מקור פֿאַר דער ליטעראַטור־געשיכטע פֿון יענער צײַט. פֿון די בני־דור ווערן אָנגערופֿן אַ צאָל פּאָעטן, וואָס פֿון זייערע ווערק זײַנען צו אונדז דערגאַנגען נאָר קליינע פֿראַגמענטן (דער אויבן דערמאָנטער לײַב־מעדיקער פֿון סעווילִיע אַל־מועלים, אבן סהל, דער פֿילאָסאָף יוסף אבן צדיק פֿון קאָרדאָווע א״אַ). זייער פּאָעטישע שאַפֿונג איז פֿאַרבלאַסט און פֿאַרווישט געוואָרן, ווען אויפֿן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן די זון פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע – ר ב י י ה ו ד ה ה ל ו י.

רבי יהודה בן שמואל הלוי (זײַן אַראַבישער נאָמען איז: אַבו־ל־חאַסאַן) איז געבוירן געוואָרן אין טאָלעדאָ אַן ערך אין יענער צײַט, ווען די קריסטלעכע קאַסטיליע האָט אײַנגענומען די דאָזיקע שטאָט (1085). אין זײַן פֿריִער יוגנט איז ער אַוועק קיין דרום, אין דער אַראַבישער שפּאַניע, און דאָרט האָט ער געקראָגן זײַן רעליגיעזע און וויסנשאַפֿטלעך־פֿילאָסאָפֿישע אויסבילדונג. אין לוסענע האָט ער געלערנט תּורה אין דער ישיבֿה פֿון רבי יצחק אַלפֿסי. אין גראַנאַדע איז ער געוואָרן נאָענט מיט דער משפּחה אבן עזרא, און באַזונדערס האָט ער זיך צוגעבונדן צו דעם סימפּאַטישן משה אבן עזרא. זייער פֿרײַ האָט זיך אין רבי יהודה הלוי אויפֿגעוועקט דער פּאָעטישער טאַלענט. איינער פֿון זײַנע יוגנט־שירים האָט אַרויסגערופֿן אַ באַגײַסטערטן לויב פֿון רבי משה אבן עזרא. אין דער אַראַבישער שפּאַניע האָט רבי יהודה הלוי שטודירט אויך מעדיצין. געקומען צוריק קיין טאָלעדאָ האָט ער חתונה געהאַט און אָנגעהויבן זיך מפֿרנס זײַן מיט מעדיציניִשער פּראַקטיק. שפּעטער באַגעגענען מיר אים ווידער אין דער אַראַבישער שפּאַניע, אין קאָרדאָווע.

ר׳ יהודה הלוי איז ניט געווען פשוט אַ פּייטן אַ גראַמען־שרײַבער, נאָר אַ פּאָעט אין אמתן זינען פון דעם וואָרט. זײַנע פּײַנע נאַטור־שילדערונגען קענען זיך פאַרמעסטן מיט די בעסטע ווערק פון די ליריקער פון אַלע צײַטן. אַזעלכע איז, צווישן אַנדערע, זײַן באַרימטע שילדערונג פון דעם שטורעמדיקן ים, ווי סײַ די הפלאדיקע געמעלן און סײַ די מוזיק פון דעם פערז ברענגען אַרויס פאַרן לייענער דאָס בילד פון דער צעווילדעוועטער סטיכיע. זײַנע עראָטישע שירים, וואָס שימערירן מיט בונטע בילדער אין אָריענטאַלישן גוסט, זײַנען צום גרעסטן טייל אָנגעשריבן ווי מזל־טוב־ווינטשונגען צו חתונות פון קרובים און גוטע פרײַנד: בײַ דער שטרענגקייט פון די דעמאָלטיקע מידות האָט דער שטיפערישער עראָס ניט געטאָרט זיך באַווײַזן סײַדן אײַנגעהילט אין דעם מאַנטל פון הימען. דער געבענטשטער פּאָעט פלעגט אָפט צעטרענצלען זײַן טאַלענט אויך אויף קלייניקייטן: ער האָט געשריבן ליבלידער לכבוד גוטע פרײַנד און מעצענאַטן, עפּיגראַמעס, שאַראַדעס און בכלל צופעליקע שירים. אָבער אין מיטן אָט די אַלע בלאָנדזשענישן פון דער מוזע האָט זיך אַרויסגערוקט איין הויפּטשטרעמונג, וואָס זי האָט געשטאַמט פון דער טיפעניש פון דעם פּאָעטס נשמה. די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ע ל ע ג י ע — דאָס איז דאָס געביט, ווו קיין איינער האָט ניט דערגרייכט צו ר׳ יהודה הלוי. זי איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם ייִדישן אומגליק פון הונדערטער יאָרן, אָבער דעם דירעקטן שטופּ צו דער שאַפונג אין דעם שניט האָבן געגעבן דעם פּאָעט די געשעענישן פון 12טן יאָרהונדערט: די קרייצצוגן, וואָס האָבן איבערגעענטפערט דאָס הייליקע לאַנד אין די הענט פון די שונאי־ישׂראל, די פאַרשטאַרקטע רדיפות אין די מוסלימישע לענדער.

דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו אין יהודה הלויס קלאָגלידער איז דער שווערער מצב פון דער אומה „צווישן אדום און ישמעאל", דער קריסטלעכער און דער מוסלימישער וועלט. „צי האָבן מיר אין מזרח אָדער מערב — רופט ער אויס — כאָטש איין אָרט, ווו מיר זאָלן קאָנען זײַן רויִק?"... „מײַן ברודער (די קריסטן אין דער געשטאַלט פון די קינדער פון עשׂו, יעקבס ברודער) און דער זון פון מײַן שקלאַווין (די מוסלימס — די קינדס־קינדער פון ישמעאלן, הגרס זון) האָבן מײַן בכורה זיך צוגענומען"... „ביז ווי לאַנג, אָ גאָט, וועל איך זײַן אין פײַער צווישן אדום און דעם אַראַבער, וואָס דו האָסט זיי פאַר מײַנע שופטים באַשטימט?"... „איך לעב צווישן אַ סקאָרפּיאָן און אַ שלאַנג: אדום איז געוואָרן אַ תושב אין מײַן פּאַלאַץ (די קרייצפאָרערס אין ירושלים), און דעם אַראַבערס הענט בעלי־בתעווען אין אדומס לענדער (שפּאַניע)". אונטער דער השפעה פון די דעמאָלטיקע וועלט־געשעענישן האָט זיך געשטאַרקט די בענקשאַפט נאָך משיחן. די האָפענונג, אַז משיח דאַרף אין גיכן קומען איז משמעות נאָך געווען פאַרבונדן

מיט דער פאַרשפּרייטער איינגלייבעניש, אַז אין טויזנט יאָר נאָכן חורבן בית המקדש (אַן ערך אין 1070) האָט געדאַרפט קומען די גאולה. אין ר׳ יהודה הלויס שירים חזרט זיך עטלעכע מאָל איבער די שאַלה: וואָס איז דאָס, וואָס דער אָנהייב פון נייעם יאָרטויזנט האָט ניט געבראַכט די אויסלייזונג פאַר דער אויסגעפּייניקטער אומה? „זי האָט גערעכנט טויזנט יאָר פאַרן סוף פון איר צייט (צו בלייבן אין גלות), נאָר זי האָט זיך אָפּגענאַרט אין איר חשבון“. [1] און דער פּאָעט הערט ניט אויף צו פרעגן ביי גאָט, ווען זשע וועט קומען דער סוף פון גלות פון דער אומה, וואָס ער האָט זי אַמאָל אָנגערופן זיין „עם סגולה“:

„אויף אָדלער־פליגלען האָסטו דיין טייבל [די כנסת־ישראל] געטאָן טראָגן, זי פאַר צייטן געטוליעט אין דיין שויס, אויסבאַהאַלטן זי אין שטילע רופּלעצער, — פאַר וואָס זשע האָסטו זי איצט פאַרלאָזן, זי זאָל פאַרוואָגלט ווערן אין וועלדער, ווו עס זיינען אומעטום נעצן פאַר איר אויסגעשטעלט? פרעמדע טוען זי איבעררײדן צו פרעמדע געטער, זי אָבער וויינט אין פאַרבאָרגעניש איבער דעם אויסדערווײלטן פון איר יוגנט... פאַר וואָס איז אַזוי וויַט פון איר איר הימלשער פריינד און עס דריקט זי אַזוי דער פיינד?“

די שטאַרקסטע פון ר׳ יהודה הלויס נאַציאָנאַלע עלעגיעס זיינען יענע, ווו דער פּאָעט גיסט אויס זיין פלאַמענדיקע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים פון ישראל, נאָכן הייליקן לאַנד און דער חרובער שטאָט ציון:

„אָ וווּנדערלעך לאַנד, דו פרייד פון דער וועלט, די שטאָט פון גרויסן קיניג! צו דיר רייסט זיך מיין נשמה פון וויַטן מערב! אַ ברענענדיקער רחמנות פילט מיך אָן, ווען איך דערמאָן זיך אָן דיין גרויסקייט פון אַמאָל, וואָס האָט זיך איצט געפּעלט, ווענן דיין מקום מקלט, וואָס איז איצט פאַרוויסט. ווער וועט מיך אַוועקטראָגן אויף אָדלער־פליגלען — איך וואָלט אָנגעטרענקט די ערד מיט מיינע טרערן, איך וואָלט אַרומגענומען און געקושט דיינע שטיינער, און דער טעם פון דיינע פעלזן וואָלט מיר געווען זיסער פאַר האָניק“.

„מיין הארץ איז אין מזרח, און איך בין אין עק מערב, ווי אַזוי זשע קאָן מיר שמעקן עסן און ווי קאָן עס מיין גומען פאַרזיסן? ווי אַזוי וועל איך מקיים זיין מיינע נדרים, כל־זמן ציון איז ביי אדומען געשמידט, און איך בין אין ישמעאלס קייטן? אַלע גוטיקייטן פון

1 די זעלביקע טענה געפינען מיר אויך ביי א צווייטן משורר פון יענער צייט, רבי אברהם אבן עזרא, סיי אין זיין עלעגיע אויפן אנפאל פון די אלמאהאדן (אויבן, § 42) אין סיי אין דעם שיר „אם אויבי יאמרו לי רע“.

שפאניע וואָלטן מיך ניט איינגענומען, וואָלט איך נאָר מיט מיינע אויגן געקאָנט זען די שטויב פון דיין חרובן מקדש". 1

די דאָזיקע צעפלאַמטע בענקשאַפט נאָך ציון איז ניט געווען נאָר אַ פּאָעטישער פלי, זי האָט פול געמאַכט יהודה הלויס גאַנצע נשמה, און זיין טיפסטער ווּנטש איז געווען צו זען די הייליקע חורבות און קוקנדיק אויף זיי זיך אַריבערצוטראָגן אין געדאַנק אין דעם גרויסן עבר פון פאָלק ישראל. גוטע פריינד האָבן זיך געפליסט אים אָפּצורעדן פון דער נסיעה אין וויטן לאַנד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות: ארץ־ישראל האָט זיך דאָך געפונען אונטער דער ממשלה פון די קרייצפאָרערס. דערויף האָט יהודה הלוי געענטפערט מיט אַ שיר „היוכלו פגרים", וואָס ברענגט אַריין אין התפעלות מיט דער טיפקייט פון געפיל און מיט דער הפלאדיקער האַרמאָניע פון דעם פערז. דער פאָעט האָט ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם „נדר פון זיין האַרץ". נאָכן טויט פון זיין פרוי האָט ער פאַרלאָזן זיין שטילן ווינקל אין שפאַניע, צעשיידט זיך מיט זיין איין איינציקער טאָכטער און מיט זיין געליבטן אייניקל, מיט זיינע תלמידים און גוטע פריינד און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וויטער נסיעה קיין ארץ־ישראל (אַרום 1140). פאָרנדיק אויפן שיף האָט רבי יהודה הלוי אָנגעשריבן יענע פיינע שירים, ווו עס איז געשילדערט מיט אַזאַ קינסטלערישער קראַפט דער צעשטורעמטער ים און דער נשמה־צושטאַנד פון אַ מענטשן אין מיטן דער מאַכטפולער וואַסער־סטיכיע. אונטער וועגס האָט דער פאָעט זיך אָפּגעשטעלט אין מצרים און פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין אַלכסנדריא, קאַהיראָ, דאַמיעטע. דאָ איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט פייערדיקע פאַרערערס, וואָס צווישן זיי איז געווען אויך דער ראָש („נגיד") פון די עגיפּטישע יידן, שמואל אַבו מאַנסור. פון מצרים איז רבי יהודה הלוי אַוועק קיין ארץ־ישראל, קודם־כל קיין ירושלים, דער הויפּטשטאָט פון די קרייצפאָרערס. וואָס דאָרט איז געשען מיטן פאָעט — וועגן דעם שווייגט די געשיכטע; עס איז אַפילו ניט באַוווסט, צי ער איז געקומען קיין ירושלים, דעם ציל פון זיינע פלאַמענדיקע שטרעבונגען, ווו די קריסטלעכע באַצווינגערס האָבן ניט דערלויבט די אוראייניקלעך פון די אַמאָליקע בעלי־בתים צו וווינען. משמעות, אַז ער איז געשטאָרבן באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל.

אַ לעגענדע דערציילט, אַז רבי יהודה הלוי, ווי ער איז אָנגעקומען פאַר די טויערן פון ירושלים און האָט דערזען פון דער וויטנס די חורבות פון דער הייליקער שטאָט, האָט ער קריעה געריסן און איז צוגעפאַלן צו דער

---

1 „ציון ביי אדומען געשמידס" באַטייט ירושלים אין די הענט פון די קרייצפאָרערס וואָס האָבן געגרינדעט דאָס קיניגרייך פון ירושלים.

ערד און פֿאַרגאָסן זי מיט זײַנע טרערן. דאָ האָט ער גענומען באַגײַסטערט זינגען זײַן באַרימטע עלעגיע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך" (ציון, דו וועסט דאָך פֿרעגן, וואָס מאַכן דײַנע געפֿאַנגענע). אין דער צײַט איז פֿאַרבײַגעריטן עפּעס אַ רײַטער, וואָס ווי נאָר ער האָט דערזען דעם ייִדן ליגנדיק אויף דער ערד אין תּפֿילה, איז ער אויף אים אַרויפֿגעריטן און האָט אים צעטראָטן אונטער די טלאָען פֿון זײַן פֿערד. אויב אין דער דאָזיקער לעגענדע איז פֿאַראַן אַ קערנדל אמת, קאָן דאָס אפֿשר זײַן נאָר דערין, וואָס אַ ווילדער ריטער פֿון די פֿראַנקישע קרייצ־פֿאָרערס האָט דערהרגעט אַ ייִדן, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט צוצוטרעטן צו נאָענט צו די קריסטלעכע הייליקע ערטער; נאָר די לעגענדע רעדט וועגן אַ רײַטער אַן אַראַבער, וואָס האָט אין יענער צײַט גאָר ניט געקאָנט זײַן אין ירושלים, און על־כּל־פּנים האָט ער גאָרנישט געקאָנט האָבן קעגן אַ ייִדן, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים געליטן צרות אונטער דער קריסטלעכער ממשלה אין ארץ־ישׂראל.

די עלעגיע, וואָס וועגן איר גייט די רייד אין דער לעגענדע, איז אָנגעשריבן נאָך אין שפּאַניע אָדער אין מצרים (ווײַטער, § 60) און געהער צו די בעסטע „ציונס" רבי יהודה הלויס, וואָס ייִדן זאָגן נאָך עד היום אום תּשעה־באָבֿ. אין אָט דעם גרוס צו ציון פֿון אירע פֿאַרוואָגלטע און איבער דער וועלט צעשפּרייטע קינדער לאָזט זיך הערן ניט בלויז די בענקשאַפֿט, נאָר אויך דער שטאָלצער פּראָטעסט קעגן אַ היסטאָרישער אומגערעכטיקייט.

„ציון, דו וועסט דאָך פֿרעגן, וואָס מאַכן דײַנע געפֿאַנגענע, זיי לאָזן דיר גריסן און זיי זײַנען דער רעשט פֿון דײַנע טשערעדעס. פֿון מערבֿ און מזרח, פֿון צפֿון און דרום שיקט דיר אַ גרוס ווײַט און נאָענט. נעם צו אַ גרוס אויך פֿון דעם געפֿאַנגענעם פֿון דײַן ליבע, וואָס פֿאַרגיסט זײַנע טרערן ווי דעם טוי פֿון חרמון און גאַרט זיי אויסצוגיסן אויף דײַנע בערג!.. ווי וואָלט איך וועלן אויסגיסן מײַן נשמה אין יענעם אָרט, ווו גאָטס גײַסט האָט גערוט אויף דײַנע אויסדערווײלטע! דו ווינאָרט פֿון מלכים, באַרימ־טער טרוין פֿון גאָט, ווי אַזוי זיצן איצט קנעכט אויף די שטולן פֿון די הערשערס? ווער וועט דאָס מיך לאָזן אַרומגיין איבער די ערטער, ווו גאָט האָט זיך באַוויזן דײַנע נבֿיאים און שלוחים? ווער וועט מיר געבן פֿליגלען, און איך וואָלט געפֿלויגן צו דיר ווײַט, איך וואָלט געוואָרפֿן די שטיקער פֿון מײַן האַרץ צווישן דײַנע חורבֿות. איך וואָלט מיטן פּנים זיך צוגעטוליעט צו דײַן ערד, געגלעט דײַנע שטיינער און אַרומגענומען דײַן שטויב. איך וואָלט געשטאַנען אויף די קבֿרים פֿון מײַנע אָבֿות און וואָלט אין חבֿרון זיך געוווּנ־דערט איבער דער שיינקייט פֿון דײַנע מערות. איך וואָלט דורכגעגאַנגען דורך דײַן וואַלד, דײַן כּרמל, וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אין גלעד און באַקוקט

דײַן באַרג עבֿרים... מיר וואָלט געוועזן געשמאַק צו בלאָנקען נאַקעט און באָרוועס אַרום די אויסגעלײדיקטע חורבֿות, וואָס זײַנען אַמאָל געווען דײַנע פּאַלאַצן!.. צי קאָן איך עסן און טרינקען, ווען איך זע, ווי הינט שלעפּן אַרום די קערפּערס פֿון דײַנע לייבן? ווי קאָן איך געניסן פֿון דער זונס ליכטיקער שײַן, ווען איך זע אין די שנאָבלען פֿון ראָבן די טויטע קערפּערס פֿון דײַנע אָדלערס?... צי קאָנען מיט דיר זיך אויסגלײַכן שנער און פּתרוס (בבֿל און מצרים), און צי קאָן זייער אײַנגלייבעניש זיך גלײַכן מיט דײַן געטלעכער חכמה? צי וועט זיך געפֿינען עפּעס וואָס איז גלײַך צו דײַנע געזאַלבטע און נבֿיאים, דײַנע לוִיִם און זינגערס?״

אין אָט די פֿלאַמענדיקע געפֿילס־אויסלאָדונגען פֿון דעם נאַציאָנאַלן פּאָעט לאָזן זיך הערן די קרעכצן פֿון דער נשמה, וואָס איז אויסגעפּײַניקט אין גלות, און דער פֿאַרגעפֿיל פֿון נײַע פּורעניות. אָט דאָס ליד פֿון בענקשאַפֿט איז געזונגען געוואָרן ערבֿ צוויי קאַטאַסטראָפֿעס: דעם חורבן פֿון די יידישע קהילות אין אַפֿריקע און אַנדאַלוזיע, וואָס עס האָבן אָנגעמאַכט די פֿאַנאַטישע האָרדעס פֿון די אַלמאָהאַדן, און די גזרות פֿון דעם צווייטן קרייצצוג אין פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד (1142—1148).

§ 45. די פּאָעטן אַבֿרהם אבן עזרא און יהודה אַלחריזי

דער דריטער גרויסער פּאָעט פֿון יענער תקופֿה, רבי אַבֿרהם בן מאיר אבן עזרא (1092—1167), שטייט היפּש נידעריקער פֿאַר רבי יהודה הלוי לויט דער טיפֿקייט פֿון די פּאָעטישע עמאָציעס און דער שיינקייט פֿון דער פֿאָרם. די מאָטיוון פֿון זײַן פּאָעזיע זײַנען מער גענומען פֿון שׂכל ווי פֿון געפֿיל. ער איז געווען אַ מאַן מיט פֿאַרשיידענע טאַלענטן: אַ פֿילאָסאָף, אַ מפֿרש, אַ קריטיקער, אַ מדקדק, אַן אַסטראָנאָם, אַ מאַטעמאַטיקער, — און בדרך אַגבֿ אויך אַ פּאָעט. ר׳ אַבֿרהם אבן עזרא איז געבאָרן געוואָרן אין טאָלעדאָ, נאָר פּונקט ווי רבי יהודה הלוי האָט ער אַ לענגערע צײַט געוווינט אין קאָרדאָווע און אין אַנדערע שטעט פֿון דער אַראַבישער שפּאַניע. קיין גרויסע גליקן האָט ער אין זײַן לעבן ניט געהאַט. קיין באַשטימטע פּראָפֿעסיע האָט ער ניט געהאַט, פֿון שרײַבן האָט ער געצויגן זײַן קנאַפּע חיונה אַ דאַנק צופֿעליקער אונטערשטיצונג פֿון מעצענאַטן. זייער אָפֿט האָט ער געליטן נויט. ער אַליין שילדערט זיך ווי אַ שלימזלניק אין לעבן. „פֿאַר וואָס איך זאָל זיך נישט נעמען, — קלאָגט ער זיך אין איין שיר, — גערעכט מיר קיין זאַך ניט, וואָרעם מײַן אומגליקלעכער שטערן (לויטן האָראָסקאָפּ) האָט מיר געשפּערט מײַן לעבנסוועג. ווען איך וואָלט געהאַנדלט מיט תּכריכים, וואָלט

מן הסתם ווײַל איך לעב קיין איין מענטש ניט געשטאָרבן, און וואָלט איך פֿאַרקויפֿט ליכט, וואָלט די זון ניט אונטערגעגאַנגען ביז מײַן טויט".

די צווייטע העלפֿט פֿון זײַן לעבן פֿאַרברענגט ער אין כסדרדיקע וואָגלעניש פֿון לאַנד צו לאַנד. כּמעט אין איין צײַט מיט יהודה הלוי (אַרום 1138) לאָזט ר' אַבֿרהם אבן עזרא זיך פֿאָרן אין די מזרח־לענדער. ער האָט באַזוכט מצרים, ארץ־ישׂראל, בבֿל. אָנגעלאָדן מיט אַ סך נײַע ידיעות און באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ פֿרעמדן לעבן, האָט ער זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע און האָט זיך באַזעצט אויף אַ לענגערער צײַט אין רוים. די איטאַליענישע ייִדן האָט זיך אין יענער צײַט געלעבט לפֿי ערך גוט, נאָר דער גײַסטיקער צושטאַנד איז בײַ זיי געווען ניט קיין געהויבענער. מיט אבן עזראס אָנקומען האָט זיך דאָ אויפֿגעוועקט דער אינטערעס צו ליטעראַטור. עס האָבן זיך געפֿונען רײַכע מעצענאַטן, וואָס האָבן אויפֿגענומען בײַ זיך דעם שפּאַנישן נע־ונדניק. אָבער אויך דאָ איז ער ניט געזעסן אויף איין אָרט: אין משך פֿון 15 יאָר האָט ער געוווינט אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון איטאַליע – אין רוים, סאַלערנאָ, מאַנטוע, לוקאַ. אומעטום האָבן זיך געקליבן אַרום אים תּלמידים, וואָס האָבן געגאַרט צו לערנען עפּעס; זיי האָבן מיט גרויס חשק געהאָרכט די וויסנשאַפֿטלעך־פֿילאָסאָפֿישע חידושים פֿון דעם ספֿרדישן חכם.

אין איטאַליע האָט ר' אַבֿרהם אבן עזרא אָנגעשריבן דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן הויפּטווערק – דעם פּירוש צו תּנך, וואָס איז געווען די התחלה פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן שטודיום פֿון דער ביבלישער ליטעראַטור. אין יאָר 1155 האָט ער פֿון איטאַליע זיך אַריבערגעקליבן קיין דרום־פֿראַנקרײַך, קיין פּראָוואַנס, ווו ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיט די אָרטיקע ייִדישע געלערנטע. אין יאָר 1158 זעען מיר אים אין לאָנדאָן, ווו די רײַכע ייִדישע קהילה גיט אים אָפּ גרויס כּבֿוד, און אין צוויי יאָר אַרום איז ער ווידער אין נאַרבאָנע און אין אַנדערע שטעט פֿון דרום־פֿראַנקרײַך, ווו ער מאַכט אויסבעסערונגען צו זײַן פּירוש אויף תּנך און שרײַבט חיבורים וועגן דיקדוק. שוין אויף די עלטערע יאָרן האָט אַבֿרהם אבן עזרא זיך פֿאַרבענקט אַהיים און האָט זיך געלאָזט פֿאָרן קיין שפּאַניע, נאָר אונטער וועגס, אין דער שטאָט קאַלאַהאָראַ, צווישן נאַוואַרע און קאַסטיליע, איז ער געשטאָרבן.

אַ טרויעריקע געשעעניש האָט פֿאַרפֿינצטערט די לעצטע יאָרן פֿונעם שרײַבער: זײַן זון יצחק, וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַ פּאָעטישן טאַלענט, איז אַוועקגעפֿאָרן קיין באַגדאַד, האָט זיך דאָרט באַפֿרײַנדט מיט אַ געבילדעטן ייִדן, וואָס האָט געהאַט אָנגענומען דעם איסלאַם, און איז אַליין אַריבער צום מוסלימישן גלויבן. דאָס דאָזיקע אומגליק פֿון דער פֿאַמיליע און פֿון דער נאַציע האָט בײַ דעם געבראָכענעם פֿאָטער אַרויסגעריסן אַ טיפֿן פּאָעטישן קרעכץ: אין צוויי שירים באַוויינט ער דעם זונס „טויט" — דעם

גייסטיקן טויט, וואָס ער איז געשטאָרבן פאַר זיין אייגענער פאַמיליע און פאַר זיין פאָלק (אייניקע פאָרשער האַלטן אָבער, אַז ער באַוויינט דעם זונס אמתן טויט).

אַ וואָגלער איבער דער וועלט, האָט ר׳ אַברהם אבן עזרא אַרומגעוואָגלט איבער אַלע צווייגן פון דער ליטעראַטור, נאָר אין שווערע מאָמענטן פון לעבן פלעגט ער זיך ווענדן צו דער פּאָעזיע, וואָס איז בעצם געווען אַן עמאָציאָנאַלער אויסדרוק פון זיין פילאָסאָפיע. אין זיינע שירים, וואָס זיינען צום גרעסטן טייל רעליגיעזע הימנען, איז מער פאַראַן דיאַלעקטיק ווי ליריק. דער פּאָעט פּירט מיט גאָט שמועסן וועגן די גרויסע פּראָבלעמען פון לעבן און פון דער מענטשלעכער נשמה, אַנאַליזירט זיין גלויבן, שטרעבט אין יענע געביטן אַריין, ווו דער שכל האָט קיין שליטה ניט. דאָס זיינען חקירות אין פערזן. דער אינדיווידועלער מאָמענט איז ביי אים אַ סך שטאַרקער ווי דער נאַציאָנאַלער; אַנשטאָט רבי יהודה הלויס רעאַלער בענקשאַפט נאָך ציון, טרעט דאָ אַרויס די אַבסטראַקטע גלוסטעניש פון דעם גייסט צו דער גאָט־הייט, צו דער האַרמאָניע פון ישׂראל מיט דער תורה. אַ סך הימנען אבן עזראס זיינען דערציילונגען וועגן די ביבלישע געשעענישן אָנגעשריבן אין פערזן. ערטערווייז טרעפט מען ביי אים אויך טענות אויף דעם שווערן מצב פון דעם יידישן פאָלק צווישן דער קריסטלעכער און דער מוסלמאַנישער וועלט. פאַר אים אין די אויגן זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן די רציחות פון דעם אַלמאָהאַדישן אָנפאַל, וואָס ער האָט זיי באַוויינט אין זיין אויבן (§ 42) גע־בראַכטער עלעגיע. „ישמעאלס האַנט האָט אונדז באַרויבט, זיינען מיר געלאָפן קיין אדום, נאָר אויך דאָרט איז ניט אויסצוהאַלטן״. — אַזוי קלאָגט זיך דער פּאָעט, מיט אַן אָנצוהערעניש דערויף, וואָס די יידן פון די חרובֿ געוואָרענע דרומדיקע קהילות זיינען געלאָפן קיין קאַסטיליע („איה נבֿואות נבֿיאים קדומים״). בכלל אָבער איז אבן עזראס געווייטלעכער הימען אַ ריט־מישער מזמור, וואָס באַזינגט די גרויסקייט פון דעם בורא עולם אָדער פאַר־שיידענע מאָמענטן פון דער הייליקער געשיכטע פון ישׂראל. וועגן דער באַזונדערער באַשטימונג פון דער העברעישער פּאָעזיע זאָגט ער אין זיינע אַפאָריזמען: „די ישמעאלים פאַרנעמען זיך אין זייערע שירים מיט ליבע און תאווה, די אדומים (ראָמאַנישע פעלקער) — מיט מלחמות און גבֿורות פון נקמה, די יוונים (גריכן) — מיט געקליגטע אויסטראַכטעניש, די אינדער — מיט משלים און רעטענישן, און די יידן — מיט הימנען וואָס לויבן גאָט״.

נאָר אבן עזרא גופא האָט אָנגעשריבן ניט ווייניק וועלטלעכע לידער, וואָס זיינען מער שאַרפזיניק ווי פּאָעטיש. עפּיגראַמעס און „רעטענישן״ (חידות) זיינען זיין באַליבטער זשאַנער. ער האָט געהאַט אַ שם פון אַן אויס־געצייכנטן פייטן, אַ מייסטער פון דער פערזנקונסט. פאַראַן עפּעס אַן אומ־

קלאָרע לעגענדע מכּוח דעם, ווי אַזוי אבן עזרא האָט אַ מאָל אַרויסגעהאָלפֿן דעם גרויסן משורר רבי יהודה הלוי. ר׳ יהודה הלוי האָט געשריבן אַ שיר, וואָס די אָנהייב-אותיות פֿון זײַנע פֿערזן האָבן געמוזט גיין נאָכן אַלף-בית; ווען ער איז געקומען צום אות ריש, איז ער געבליבן שטיין, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט געפֿינען קיין פּאַסיקן אָנהייב. האָט ער אַוועקגעלייגט די פּען און זיך געלייגט שלאָפֿן. אין דער צײַט וואָס ער איז געשלאָפֿן, איז אין שטוב אַרײַן אַן אורח, און אַז ער האָט דערזען דעם אָנגעהויבענעם שיר, האָט ער צוגעשריבן דעם פֿעלנדיקן פֿערז. אַז ר׳ יהודה הלוי איז אויפֿגעשטאַנען און האָט איבערגעלייענט די צושריפֿט, האָט ער פֿון התפּעלות אויסגערופֿן: „דאָס האָט נאָר געקאָנט מאַכן אָדער אַ מלאך אָדער רבי אַבֿרהם אבן עזרא״. — די פּרטים פֿון דער דערציילונג זײַנען בפֿירוש צוגעטראַכטע, אָבער אין תּוך האָט די פֿאָלקס-לעגענדע קיין טעות ניט געהאַט: אין דער פֿאָרמאַלער קונסט פֿון מאַכן פֿערזן איז אבן עזרא ניט געשטאַנען נידעריקער פֿאַר רבי יהודה הלוי, און פֿון דעסט וועגן האָט ער ניט דערגרייכט ניט צו דער טיפֿקייט פֿון דער לירישער באַגײַסטערונג פֿון דעם באַשעפֿער פֿון די ציון-לידער און ניט צו דער כּישופֿדיקער שיינקייט פֿון זײַנע בילדער.

דער לעצטער פּאָעט פֿון דעם רענעסאַנס איז געווען יהודה אַ ל ח ר י ז י (אַן ערך 1165—1225). אַ געבוירענער אין שפּאַניע (מען איז משער, אַז ער שטאַמט פֿון באַרצעלאָנע, וואָס אַהין האָבן זײַנע עלטערן זיך אַריבערגעקליבן פֿון סעוויליע, נאָך דעם ווי אַלמאָהאַדן האָבן זי צעשטערט), האָט ער אַ סך יאָרן פֿאַרבראַכט אין דרום-פֿראַנקרײַך (מאַרסעל, לונעל), און דערפֿאַר קאָן ער צוגערעכנט ווערן צו דער גרופּע פּראָוואַנסאַלישע פּאָעטן. אַלחריזי האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט מיט איבערזעצונגען: ער האָט איבערגעזעצט אין העברעיִש די ווערק פֿון אַראַבישע און גריכישע שרײַבערס: זײַן הויפּטווערק אויף דעם געביט איז געווען די איבערזעצונג פֿון די פּאָעטישע „מאַקאַמען״ אָדער נאָוועלעס פֿון דעם אַראַבישן פּאָעט אַל האַרירי. שפּעטער האָט אַלחריזי לויט זײַן מוסטער פֿאַרפֿאַסט זײַן אייגענע זאַמלונג „מאַקאַמען״ אונטערן נאָמען „תּחכּמוני״. אין די פֿופֿציק שערים פֿון זײַן בוך, וואָס איז געשריבן אין געגראַמטער פּראָזע, אויסגעמישט מיט שירים, דערציילט דער פּאָעט אינטערעסאַנט און לעבעדיק וועגן זײַנע וואָגלענישן און טרעפֿענישן אין פֿאַרשיידענע לענדער, פֿלעכט אַרײַן אין זײַן דערציילונג אַ מאָל פּאָעטישע פֿאַנטאַזיעס, אַ מאָל באַלערעוודיקע אָדער הומאָריסטישע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון פֿאַרשיידענע טיפּן מענטשן, אַ מאָל שמועסן וועגן ליטעראַטור. צווישן אַנדערע זאַכן גיט אַלחריזי טרעפֿיקע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון די פּאָעטן וואָס פֿאַר אים — אבן גבירול, יהודה הלוי, משה אבן עזרא און אַנדערע.

זײַן אייגענע שאַפונג באַצייכנט דעם אָנהייב פון דער ירידה פון דער מיטלעלטערלעכער פּאָעזיע: ער איז געווען מער אַ פּערזון־שרײַבער אַ סטיליסט איידער אַ פּאָעט. ער אַליין רעכנט זיך צו צו די עפּיגאָנען וואָס קלײַבן צונויף די ברעקלעך פון טיש פון די גרויסע ראשונים. „נאָכן טויט פון שלמהן (אבן גבירול), וואָס איז געזעסן אויפן טרוין פון דער פּאָעזיע, נאָך אַבֿרהמען (אבן עזרא), איר קריגסהויפּטמאַן יהודה (הלוי) און איר נבֿיא משה (אבן עזרא) איז אויסגעטריקנט געוואָרן דער קוואַל פון ליד, האָט זיך געפעלט די צײַט פון גדולה, און גאָטס מלאך אַנטפּלעקט זיך מער ניט. אַזעלכע זינגערס און אַזעלכע לידער האָבן זיך מער ניט באַוויזן. מיר אָבער קלײַבן נאָר צונויף די זאַנגען וואָס זיי האָבן פאַרגעסן, מיר לויפן אין זייערע וועגן, אָבער קאָנען זיי ניט דעריאָגן. די פריִערדיקע דורות האָבן געגעסן זעמלמעל, און אונדז האָבן זיי איבערגעלאָזט די קלײַען" (תחכמוני, שער י"ח). אין אַ צווייטן אָרט (שער ב') באַקלאָגט זיך אַלחריזי, אַז עס זײַנען איצט ניטאָ אַפילו די אַמאָליקע מעצענאַטן וואָס האָבן געשטיצט די משוררים: „שלמה, יהודה און משה האָבן געפונען מענטשן מיט אַן אָפענער האַנט, וואָס האָבן געקויפט זייערע פּערל, איך אָבער בין געבאָרן געוואָרן, ווען אַלע באַשיצערס זײַנען פאַרשוווּנדן; זיי האָבן געפונען טײַכן פון גן־עדן, איך אָבער היץ און טריקעניש".

פונקט ווי אַבֿרהם אבן עזרא, האָט אַלחריזי אַ סך אַרומגעוואַנדערט. ער האָט באַזוכט ארץ־ישׂראל, מצרים, סיריע און בבֿל, געווען אין די קהילות פון אַלכּסנדריא, דמשק, אַלעפּאָ, מאָסול און באַגדאַד, געזען ירושלים וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אירע חורבֿות נאָך דער פאַרטרײַבונג פון די קרייצ־פאָרערס (1218). די באַשרײַבונג פון זײַן רײַזע האָט ער אַרײַנגעפלאָכטן אין די דערציילונגען פון זײַן „תחכמוני". אומעטום פאַרצייכנט ער די שפּראַ־צונגען פון דער ליטעראַטור, בפרט פון דער פּאָעזיע, אָבער זײַנע מיינונגען וועגן די פּאָעטן אין די לענדער וואָס ער האָט באַזוכט זײַנען זייער שטרענגע. אַן עפּיגאָן פון דער גאָלדענער תקופה פון דער העברעיִשער פּאָעזיע אין שפּאַניע, איז אַלחריזי פאָרט געשטאַנען אַ סך העכער פאַר די משוררים די ליבהאָבערס פון אַנדערע לענדער, וואָס האָבן נאָר נאָכגעמאַכט די ספרדישע מוסטערן.

§ 46. די נאַציאָנאַלע און די אוניווערסאַלע פילאָסאָפיע

אין 11טן י"ה איז דער ערשטער ייִדישער פילאָסאָף אין דער אַראַבישער שפּאַניע, רבי שלמה בן גבירול, געשטאַנען כמעט איינער אַליין אויפן געביט פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק, אַזוי ווי עס זײַנען אין זייער צײַט געווען איינזאַם פילאָן אין דער גריכישער אַלכּסנדריא און רב סעדיה גאון אין דעם

מזרחדיקן כאַליפֿאַט. נאָר אין 12טן י"ה איז צו מערקן אַ ניט־געוויינטלעכע באַוועגונג אויף דעם געביט: כמעט אַלע אויבן אויסגערעכנטע פּאָעטן זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט זייערע אייגענע פֿילאָסאָפֿישע סיסטעמעס, אייגענע אָדער איבערגענומענע. דער טיפּ פֿון משורר און פֿילאָסאָף, ווי אבן גבירול, ווערט ווידער לעבעדיק אין רבי יהודה הלוי און אין ביידע אבן עזראס. עס חזרט זיך איבער אויך דער אויסווייניקסטער חילוק צווישן ביידע מינים שאַפֿונג: די זעלביקע מחברים שרײַבן זייערע פּאָעטישע ווערק אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך און די פֿילאָסאָפֿישע טראַקטאַטן אין אַראַביש. דאָס לאָזט זיך דערקלערן ניט בלויז דורך טעכנישער באַקוועמקייט, וואָס די אַראַבישע אוניוועראַלע שפּראַך איז בעסער געווען צוגעפּאַסט אויסצודריקן וויסנשאַפֿטלעכע באַגריפֿן, נאָר אויך דורך דעם, וואָס די פֿילאָסאָפֿישע באַוועגונג גופֿא צווישן ייִדן פֿון יענער צײַט איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט אַן ענלעכער באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַוויזן אין 12טן י"ה צווישן די אַראַבער פֿון מזרח און פֿון מערב.

אין אָנהייב פֿון יענעם יאָרהונדערט זײַנען די גײַסטער געווען אויפֿגעוועקט דורך די אידעען פֿון דעם באַגדאַדער דענקער אַל־גאַזאַלי, וואָס ער איז נאָך לאַנגע בלאָנדזשעניש פֿון ראַציאָנאַליזם צו סקעפּטיציזם און שפּעטער צום מיסטישן „סופֿיזם", — סוף כּל סוף אַרויסגעטראָטן אין מלחמה קעגן דער פֿילאָסאָפֿיע בכלל אין זײַן בוך „די אָפּלייקענונג פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע". גאַזאַלי קאָן ניט פֿאַרלײַדן, וואָס מען וויל די רעליגיעזע דאָגמעס אָוועקשטעלן אונטער דעם קאָנטראָל פֿון דעם שׂכל לויט אַריסטאָטעלעס' סיסטעם; ער האָט געהאַלטן, אַז די רעליגיעזע אינטויִציע איז מער ווערט ווי די טעאָלאָגישע חקירות, און האָט געוואָלט קענען נאָר אַזאַ פֿילאָסאָפֿיע, וואָס באַשטעטיקט די געטלעכע אַנטפּלעקונג. דער דאָזיקער פּראָטעסט קעגן די ראַציאָנאַליסטן־מוטאַזיליטן פֿון דער מזרח־אַראַבישער שולע פֿון אַלפֿאַראַבי און איבן סינאַ האָט אַרויסגערופֿן צום קאַמף די פֿאָרשטייער פֿון דער דאָזיקער שולע אין שפּאַניע פֿון 12טן י"ה — איבן באַדזש, איבן טופֿאַיִל און דעם באַרימטן איבן ראָשד (אַווערראָעס), וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט אַריסטאָטעלעס' סיסטעם און האָבן געטענעט, אַז זי פֿאַרפֿעסטיקט שטאַרקער דעם אמתן „שׂכלדיקן" גלויבן ווי די בלינדע טראַדיציע אָדער מיסטיק. עס האָבן זיך אויפֿס נײַ צעפֿלאַקערט די אַלטע וויכּוחים מכּוח בחירה און ידיעה (פֿרײַהייט פֿון ווילן אָדער פּרעדעסטינאַציע), וועגן דער אייביקייט פֿון דער וועלט אָדער איר באַשאַפֿנקייט (אין דער ייִדישער פֿילאָסאָפֿיע: „קדמות העולם" און „חידוש העולם"), וועגן „אַנטראָפּאָמאָרפֿיזמען" אין תנך און אין קאָראַן, ד"ה יענע ערטער ווו עס ווערט גערעדט וועגן גאָט אין מענטשלעכע השׂגות. די דאָזיקע טעאָלאָגישע פּלוגתות האָבן זיך צונויפֿגעפּלאָנטערט מיט די פּאָליטישע מהומות

פון יענער צייט. די פירער פון די אַלמאָהאַדן, זייער נביא איבן־טומאַרט און דער כאַליף אַבדול־מומין, זיינען אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון דער ראַציאָנאַליסטישער דאָקטרינע פון „תּוחיד" אָדער אַבסאָלוטן מאָנאָטעיזם, און די מושלים וואָס זיינען געקומען נאָך זיי האָבן זיך געשטעלט אַ מאָל אויף איין צד און אַ מאָל אויפן צווייטן צד. דאָס האָט ניט אַנדערש געמוזט ווירקן אויף די געבילדעטע קרייזן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, וואָס ניט געקוקט אויף דער ייִדן־פיינטלעכער פּאָליטיק פון די אַלמאָהאַדן האָבן זיי נאָך ניט געהאַט איבערגעריסן זייערע פאַרבינדונגען מיט דער אַראַבישער אינטעליגענץ. די ייִדישע דענקערס האָבן זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צו אַלצדינג, וואָס איז גערעדט געוואָרן אין די פילאָסאָפישע שולן פון קאָרדאָווע און סעווילִיע, צו יענע טעאָלאָגישע וויכּוחים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַמינים פון דער תּורה ניט ווייניקער ווי די אָנהענגער פון קאָראַן.

און אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז אין 12טן י"ה האָט דער ייִדישער פילאָסאָפישער געדאַנק זיך אַ קער געטאָן אין צוויי ריכטונגען: פון דעם ראַציאָנאַליזם און פון דער טראַדיציע. די איינע שטרעבן איינצושטעלן די שליטה פון דעם שׂכל אין געביט פון גלויבן און האָבן געטענעט, אַז די לויטערע רעליגיע און דער ריינער שׂכל האַרמאָנירן אין גאַנצן; די אַנדערע לייקענען אָפּ די דאָזיקע האַרמאָניע און האַלטן, אַז די געטלעכע אַנטפּלעקונג מוז הערשן איבער אַלץ, און ווילן באַפעסטיקן דעם אמת פון גלויבן אויף היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע עמאָציעס. עס צייכענען זיך אָן צוויי שטרעמונגען אין דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע: אַן אוניווערסאַלע און אַ נאַציאָנאַלע. אין דער ערשטער ריכטונג האָט געהערשט דער אַריסטאָטעליזם אין דער געשטאַלט, ווי ער איז אָנגעווענדט געוואָרן אין דער מיטלעלטערלעכער טעאָלאָגיע; די צווייטע שטרעמונג נוצט אויס אַריסטאָטעלישע אָדער פּלאַטאָנישע מעטאָדן (אין דעם גייסט פון אבן גבירול) נאָר ווי געצייג אין דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער ייִדישקייט. די נאַציאָנאַלע ריכטונג האָט אין דער ערשטער העלפט פון 12טן י"ה געהאַט איר בעסטן פאָרשטייער אין דער פּערזאָן פון דעם משורר רבי יהודה הלוי, די אוניווערסאַלע אָדער ראַציאָנאַליסטישע ריכטונג האָט דערגרייכט צו איר פולער אַנטוויקלונג אין דער צווייטער העלפט פון דעם יאָרהונדערט, און איר העכסטער אויסדריקער איז געווען דער גרויסער פילאָסאָף רבי משה בן מיימון.

צווישן 1130 און 1140 האָט רבי יהודה הלוי געשריבן זיין פילאָסאָפישן חיבור, וואָס אין אַראַבישן אָריגינאַל טראָגט ער דעם טיטל „דאָס בוך פון באַווייזן צום שוץ פון אַ דערנידעריקטער אמונה", און אין דער העברעיִשער איבערזעצונג „ספר כוזרי". דאָס דאָזיקע ווערק איז אַ שמועס צווישן

אַ מלך פֿון די כּוזרים און אַ ייִדישן חכם מכּוח די העכסטע ענינים פֿון דער רעליגיע בכלל און פֿון ייִדישקייט בפֿרט. דער מחבר האָט אויסגענוצט די באַוווּסטע לעגענדע וועגן דעם, ווי אַזוי די כּוזרים האָבן אָנגענומען די ייִדישע אמונה, אָבער ער האָט זי איבערגעאַנדערשט צוליב זײַן דיאַלאָג. דער מלך פֿון די כּוזרים, אַ געצן־דינער, האָט געוואָלט אָננעמען די סאַמע שׂכלדיקע אמונה און האָט צו ערשט געפֿרעגט אַן עצה בײַ אַ פֿילאָסאָף. דער פֿילאָסאָף האָט געגעבן דעם קיניג צו פֿאַרשטיין אַ גלויבן אין גײַסט פֿון פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס, נאָר דער קיניג איז ניט געוועזן צופֿרידן געשטעלט דורך אָט דער פֿילאָסאָפֿישער סיסטעם, ווו די גאָטהייט איז אַן אַבסטראַקטע קראַפֿט, וואָס האָט אין דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט ניט קיין ווילן ניט קיין ציל, און האָט אויך קיין שײַכות ניט צום גורל פֿון די מענטשן און צו זייער מאָראַלישן אויפֿפֿיר אין ערדישן לעבן. שוין בײַם איבערגעבן דעם פֿילאָסאָפֿס ענטפֿער האָט דער מחבר אַרײַנגעלייגט אַ צע־שטערנדיקע רעליגיעזע קריטיק: „דער בורא האָט ניט קיין ווילן, ניט קיין גלוסטן, וואָרעם ער איז העכער איבער אַלע ווענלענישן און שטרעבונגען. ער איז איבער אַלע פּרט־דערשײַנונגען וואָס בײַטן זיך אין צײַט. ער ווייס פֿון דיר ניט, אַ פּשיטא שוין פֿון דײַנע כּוונות און עסקים. ער הערט ניט דײַנע תּפֿילות און זעט ניט דײַנע באַוועגונגען. אויב די פֿילאָסאָפֿן זאָגן, אַז ער האָט דיך באַשאַפֿן, פֿאַרשטייען זיי דאָס ווי אַ בילד אין דעם זינען, אַז ער איז די סיבה אין דער באַשאַפֿונג פֿון דער גאַנצער וועלט, און ניט אין דעם זינען פֿון אַ פֿאָרויס באַרעכנטער יצירה (פֿון דעם יחיד)". ניט באַפֿרי־דיקט פֿון אָט דער קאַלטער פֿילאָסאָפֿישער רעליגיע, ווענדט זיך דער קיניג פֿון די כּוזרים צו אַ קריסט און צו אַ מוסלים. דער קריסט דערציילט צו ערשט לויטן חומש, ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן אין זעקס טעג און ווי אַזוי גאָט מישט זיך שטענדיק אַרײַן אין דעם גורל פֿון מענטשן, און דערנאָך נעמט ער זיך אײַנטײַטשן אים די דאָגמע פֿון דער דרײַ־אייניקייט. דער כּוזרי מיינט, אַז די דאָזיקע דאָגמע גייט קעגן דער נאַטירלעכקייט, און הערט אויס דעם מוסלים, וואָס טוט לויבן דעם „לעצטן נבֿיא" און דעם קאָראַן. נאָר דער קיניג וויל ניט אײַנזען דעם שׂכל, אַז גראָד צו אַן אַראַבער האָט דער אייבערשטער מגלה געווען די לעצטע אַנטפּלעקונג. ווענדט ער זיך סוף כּל סוף צו אַ ייִדן. צו ערשט האָט דער קיניג ניט געוואָלט רופֿן צו זיך אויף אַ שמועס דעם פֿאָרשטייער פֿון אַ געפֿאַלענער אומה, דערנאָך אָבער איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז היות סײַ דער קריסט און סײַ דער מוסלים פֿאַררופֿן זיך אויפֿן תּנך ווי אויפֿן ערשטן מקור פֿון זייערע אמונות, ממילא איז ער מחויבֿ אויסצוהערן אַ פֿאָרשטייער פֿון יענעם פֿאָלק וואָס דעם איז דער הייליקער ספֿר אַנטפּלעקט געוואָרן. און דער ייִדישער חכם — דער

חבֿר — קומט צום קיניג פֿון די כּוזרים און טראָגט אים פֿיר די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער יהדות.

די תּורה פֿון ייִדישקייט שטיצט זיך ניט אויף פֿילאָסאָפֿישע חקירות, וואָס קאָנען זײַן אויך טעותדיקע, נאָר אויף די רעאַלע פֿאַקטן פֿון דער אַנטפּלעקונג און אויף די אויסזאָגונגען פֿון די נבֿיאים, וואָס זײַנען געבליבן אין תּנך. פּרוּוון אָפּלייקענען די דאָזיקע פֿאַקטן, וואָס אַ מאָל האָבן דאָס הונדערטער טויזנטער מענטשן געזען מיט זייערע אויגן, וואָלט געהייסן אָפּלייקענען דעם אמת פֿון דער געשיכטע בכלל. די היסטאָרישע רעליגיע פֿון דער אַנטפּלעקונג שטייט העכער פֿאַר דער נאַטירלעכער רעליגיע, וואָס מען קאָן צו איר דערגיין מיטן שׂכל. גאָט איז נתגלה געוואָרן צו ערשט צו די בני־ישׂראל, ווײַל זיי האָבן פֿריִער פֿאַר אַנדערע פֿעלקער אַרויסגעוויזן אַ פֿעיִקייט צו דערקענען גאָט. אין דעם זינען זײַנען ייִדן אַן אויסדערוויילט פֿאָלק. משה זאָגט צו פּרעהן: „דער גאָט פֿון די עבֿרים האָט מיך געשיקט צו דיר", און ניט „דער באַשעפֿער פֿון הימל און ערד האָט מיך געשיקט", וואָרעם אַ היסטאָרישער פֿאַקט איז אַ בעסערע ראָיה איידער אַן אַבסטראַקטער אמת. און דערפֿאַר טאַקע האָט דאָס פֿאָלק ישׂראל געהערט אויפֿן באַרג סיני: „איך בין דײַן גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפֿירט פֿון לאַנד מצרים". ממילא איז די תּורה דער קאָדעקס פֿון אַ נאַציאָנאַלער רעליגיע. אויב אַריסטאָטעלעס וואָלט געהאַט אַ דירעקטע התגלות פֿון דער שכינה, אַזוי ווי משה רבנו, וואָלט ער ניט באַדאַרפֿט „מטריח זײַן זײַן שׂכל" אויף צו פֿאַרענטפֿערן די שאַלה, צי די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן צי זי עקסיסטירט פֿון אייביק אָן. אַלע „געזעצן פֿון שׂכל", וואָס אויף זיי שטיצט זיך די נאַטירלעכע רעליגיע, זײַנען נאָר אַ צוגרייט־שטאַפּל צו די מצוות פֿון דער געטלעכער תּורה. די געזעצן פֿון מאָראַל זײַנען נייטיק פּשוט, כּדי די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט זאָל האָבן אַ קיום, אָבער אַזעלכע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע חוקים פֿון דער תּורה, ווי די חוקים וועגן שבת, ימים־טובֿים, מילה און אַנדערע, שטאַמען פֿון אַן איבער־שׂכלדיקן מקור און האָבן אַ גרעסערן באַטײַט ווי דער נוצן פֿאַרן מענטשנס לעבן. דער חילוק צווישן ייִדישקייט ביזן איסלאַם און קריסטנטום איז דאָס, וואָס אויף אָנצונעמען יענע צוויי רעליגיעס איז גענוג צו זאָגן, אַז מען נעמט אָן די אָדער יענע דאָגמע פֿון גלויבן, דער ייִד אָבער איז מחויבֿ צו באַווײַזן מיט מעשׂים זײַן רעליגיע. עס זײַנען פֿאַראַן חוקים און צערעמאָניעס, וואָס דער פּשוטער שׂכל קאָן זייער טעם ניט תּופֿס זײַן, אָבער זיי זײַנען פֿאָרט נייטיק, בכדי צו פֿאַרהייליקן און פֿאַרגײַסטיקן אַלע טועכצן פֿון לעבן דורך אײַנשליסן זיי אין דעם גבֿול פֿון רעליגיע. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט נאָר אַ דאַנק אָט דער אייגנאַרטיקער רעליגיעזער דיסציפּלין געקאָנט בלײַבן לעבן ווי אַ פֿאָלק, בעת ווען אַנדערע פֿעלקער, ווי באַלד זיי

זײַנען געקומען צו אַזאַ מצב, זײַנען אונטערגעגאַנגען. די צרות און פּײַן, וואָס ייִדן שטייען אויס צײַטווײַליק, און דער גלות קאָנען ניט דינען ווי באַווײַזן קעגן דעם אמת פון דער ייִדישער אמונה, נאָר זיי זײַנען אַ נויטווענדיקער טייל פון יענער דערציִערישער פּראָגראַם, וואָס גאָט האָט אָנגעצייכנט פאַר זײַן אויסדערוויילטן פאָלק. „ישׂראל צווישן די פעלקער איז אַזוי ווי דאָס האַרץ אין די אבֿרים פון גוף. ניט אומזיסט האָט גאָט געזאָגט צום פאָלק ישׂראל: נאָר אײַך האָב איך דערקענט פון אַלע פעלקער און דערפאַר וועל איך בײַ אײַך מער אויפמאָנען פאַר אײַערע זינד". צום ייִדישן פאָלק איז גאָט שטרענגער ווי צו אַנדערע.

דער אַפּאָלאָגעט אין „כוזרי" קאָן גוט פּאָלעמיזירן. בעת דער ייִדישער חכם האָט צוגעגליכן די כּהנים פון בית-המקדש אין ירושלים און די נבֿיאים מיטן קאָפּ און מיטן האַרץ פון פאָלק, און דער קיניג פון די כּוזרים האָט דערויף איראָניש באַמערקט: „זײַט איר איצט הייסט דאָס אַ רומפּ אָן אַ קאָפּ און אַ האַרץ?" – איז דער ייִד ניט געבליבן אָן אַ געהעריקער תּשובֿה: „יאָ, ריכטיק. מיר זײַנען אַפילו קיין רומפּ ניט, נאָר צעוואָרפענע ביינער, ווי יענע, וואָס יחזקאל הנבֿיא האָט געזען. און פאָרט, אָ מלך פון די כּוזרים, זײַנען אָט די ביינער, וואָס אין זיי איז געבליבן לעבנסקראַפט און וואָס זיי האָבן געדינט ווי כּלים פאַרן מאַרך און האַרץ, פאַרן גײַסט און שׂכל, בילכער ווי די געגאָסענע בילדער פון שטיין און קאַלך מיט אַ קאָפּ, אויגן, אויערן און אַנדערע גלידער, נאָר אין זיי איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זײַן קיין לעבעדיקער גײַסט. די אומות, וואָס האָבן געוואָלט זיך אויסגלײַכן מיט דער לעבעדיקער אומה (דער ייִדישער) האָבן מער ווי צו אַן אויסווייניקסטער אויסגלײַכונג ניט געקאָנט דערלאַנגען". אויף דעם קיניגס טענה, אַז דער מצבֿ פון שיפלות וואָס ייִדן געפינען זיך אין אים טוט ניט באַרעכטיקן זייער האָפערדיקייט, ענטפערט דער ייִד תּוך כּדי דיבור מיט אַזאַ קלאַפּ: „וועדליג איך זע, וואַרפסטו אונדז אויף אונדזער אָרעמקייט און געפאַלנקייט, נאָר גראָד אָט מיט די תּכונות האַלטן זיך גרויס די ראָשים פון די דאָזיקע אומות (די קריסטלעכע). צי דען טוען זיי ניט רימען און לויבן דעם, וואָס האָט געזאָגט: „אויב איינער גיט דיר אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק, שטעל אים אונטער אויך די לינקע"? וויפל דערנידעריקונג און פּײַן האָבן זיך אָנגעליטן דער וואָס האָט דאָס געזאָגט, זײַנע תּלמידים און אָנהענגער אין משך פון יאָרהונדערטער – און זיי זײַנען דאָך דער פּאָר פון זייערע פעלקער! פונקט אַזוי האָבן די באַשעפער פון דער שיטה פון ישמעאלן (דעם איסלאַם) ניט ווינציק זיך אָנגעליטן, איידער זיי האָבן מנצח געווען, און גראָד מיט די דאָזיקע מענטשן איז מען זיך מייחס, און ניט מיט די איצטיקע אַלמעכטיקע מלכים, די האַרן איבער גרויסע מדינות. הייסט דאָס, אַז אונדזער

נאַענטקייט צו גאָט איז איצט שטאַרקער, ווי אויב מיר וואָלטן געווען גרויס אויף דער וועלט".

אַזוי אַרום איז דער „ספר כוזרי" אַן אַפּאָלאָגיע, אַ שוצבוך פאַרן „דער־נידעריקטן גלויבן" און פאַר דער נאָך מער דערנידעריקטער נאַציע. די נאַציע שטייט אין צענטער פון יהודה הלויס וועלטקוק. דאָס איז יודעאָ־צענטרישע סיסטעם: די ייִדישע אומה, דער אויסדערוויילטער טרע־גער פון דער ערשטער רעליגיע, וואָס זי האָט זי מקבל געווען דירעקט פּביכול פון גאָט, — זי איז דאָס די אַקס פון דער וועלט־געשיכטע: אַרום איר דרייט זיך דאָס גייסטיקע לעבן פון דער מענטשהייט, זי אַליין אָבער בלייבט אומבאַוועגלעך און ניט פאַרענדערט, אין איר בלייבט פאַרבאָרגן דער סוד פון אייביקייט, וואָס שטעקט אין איר נאַציאָנאַלער רעליגיע. די דאָזיקע רעליגיע וועט באַשטיין לא די וואָס אַנטקעגן דעם אָנדראַנג פון קריסטנטום און איסלאַם, וואָס מיט זיי געפינט ניט דער מחבר פאַר נייטיק אַפילו צו פּאָלעמיזירן ערנצט, נאָר אויך אַנטקעגן דער פילאָסאָפישער און נאַטירלע־כער רעליגיע, וואָס נעמט איין פרייַדענקערישע מענטשן מיט אירע סברות און ראַיות גענומען פון שכל. די אַנטפּלעקונג פון אַריסטאָטעלעסן קאָן ניט פאַרבייַטן די געטלעכע התגלות, די „חכמה יוונית" קאָן ניט אַזוי אָרגאַניזירן דאָס מענטשלעכע לעבן, אַזוי ווי די חכמה פון דער תורה. אין איינעם פון זייַנע שירים האָט יהודה הלוי אויסגעדריקט דעם דאָזיקן געדאַנק אין אַזאַ פאָר פערזן:

זאָל דיך די גריכישע חכמה ניט פאַרפירן,
זי האָט בלייונג, אָבער ניט קיין פירות.

דער העלעניזם איז די שיינע בלייונג פון דעם עץ־הדעת, אָבער זי ווערט באַלד פאַרדאַרט, ייִדישקייט אָבער איז זייַן פרוכט, וואָס דערנערט, וואָס גיט דעם כוח צו לעבן. דער שכל קאָן ניט זייַן קיין שופט אין די ענינים פון גלויבן, וואָס איז לויט זייַן עצם מהות איבערן שכל. דערין שטימט יהודה הלוי מיט אַל־גאַזאַלי, וואָס זייַן ווערק „צעשטערונג פון דער פילאָסאָפיע" איז פאַרשפרייט געוואָרן, קורץ פאַר דעם ווי עס האָט זיך באַוויזן דער „ספר כוזרי", און האָט געקאָנט האָבן אַ השפעה אויף זייַן מחבר.

יהודה הלויס בני־דור האָבן ניט דורכגעצויגן אַזוי שאַרף אָט דעם חילוק צווישן ראַציאָנאַליזם און אַנטפּלעקונג, צווישן דער אוניווערסאַלער און דער נאַציאָנאַלער רעליגיע. דער גרויסער רוב ייִדישע טעאָלאָגן האָבן, פונקט אַזוי ווי דער רוב אַראַבישע טעאָלאָגן, געהאַלטן, אַז מען מוז אויסנוצן די פילאָ־סאָפיע אויף צו באַפעסטיקן די רעליגיע, אַז מען טאָר אין דעם פרט זיך ניט אָפּזאָגן פון דער הילף וואָס עס קאָנען געבן די היידן אַריסטאָטעלעס און

פלאַטאָן, די באַגרינדער פון דער נאַטירלעכער אָדער אוניווערסאַלער רעליגיע. אין דעם גייסט פון אויסגלייך צווישן דער פילאָסאָפיע און צווישן דער רעליגיע האָבן געשריבן משה אבן עזרא און אַבֿרהם אבן עזרא. דער משורר משה אבן עזרא האָט אין זיין אַראַבישן חיבור, וואָס הייסט אין דער העברעיִשער איבערזעצונג „ערוגת הבשׂם" (באַלזאַם-בייט), זיך פאַרנומען מיט אייִנטייטשן די אַנטראָפּאָמאָרפיזמען אין תּנך, און ער זאָגט, אַז אומעטום ווו עס ווערט גערעדט וועגן גאָט ווי וועגן אַ מענטשן איז דאָס נאָר אַ בילד, אַ מעטאַפער („על דרך העבֿרה"), און מען טאָר דאָס ניט אָננעמען אין פשוטן זינען, ער פאַרטיידיקט דעם געדאַנק וועגן פרייען ווילן (בחירה חפשית) און איז קעגן דער טעאָריע פון נויטווענדיקייט אָדער פאָרויס-באַשטימונג, וואָרעם אויב עס איז ניטאָ קיין פרייהייט, דעמאָלט קאָן ניט פאַלן אויפן מענטשן קיין אַחריות און עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין שׂכר ועונש. בכלל זוכט ער אין די הויפּטפּראָבלעמען פון דער רעליגיע צו געפינען אַ וועג פון אַ פשרה צווישן איר און צווישן דער פילאָסאָפיע.

ר׳ אַבֿרהם אבן עזרא (אין זיין ספר „יסוד מורא" און אין אַ סך ערטער פון זיין פירוש צו תּנך) באַנוצט אַ קאָמבינאַציע פון אַריסטאָטעלישע, פלאַטאָנישע און פּיטאַגאָרעיִשע אידעען אויף צו באַגרינדן אַ יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. ער גיט נאָך טיילווייז דעם ראַציאָנאַליזם אין דעם פּרט, וואָס ער האַלט פאַר געשאַפן ניט די מאַטעריע פון דער וועלט, נאָר די פאָרם, און אויך אין דעם, וואָס די געטלעכע השגחה אַנטפּלעקט זיך, לויט אים, אין דעם כּלל, אין דעם קאָלעקטיוו, אָבער ניט אין איטלעכן יחיד. די פרייהייט פון ווילן שטעלט ער איין אַזוי: גאָט ווייס אַלצדינג וואָס איז ווי אַ טייל פון זיין אייגענעם זיין, אָבער ער באַשטימט ניט פאָרויס, וואָס עס וועט זיין, און דער מענטש מיט זיין שׂכל באַשאַפט פריי זיין גורל לויט זיין אייגענעם ווילן. איבעריקנס ווערט די פרייהייט פון דעם מענטשלעכן ווילן באַגרענעצט דורך דער ווירקונג פון די שטערן אויף די ערדישע ברואים, וואָס זיינען אַ טייל פון דעם קאָסמאָס. אַבֿרהם אבן עזרא איז ביי גאָר זיין פרייִדענקעריי געווען אַן אָנהענגער פון אַסטראָלאָגיע; חוץ דעם איז ער געווען נוטה צום מיסטישן פּיטאַגאָרעיִזם און האָט געגלייבט אין דעם מאַגישן באַטייט פון צאָלן.

עקלעקטיזם איז אויך די אייגנשאַפט פון דער רעליגיעז-פילאָסאָפישער סיסטעם פון רבי יוסף אבן צדיק (געשט׳ 1149), דעם דיין פון קאָרדאָווע, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ קליינעם חיבור אונטערן טיטל „עולם קטן" (אין דער העברעיִשער איבערזעצונג). אין דעם דאָזיקן ווערק זיינען אויסגעמישט עלעמענטן פון די שיטות פון אַריסטאָטעלעסן, פלאַטאָנען, אבן גבירולן און פון דער אַראַבישער טעאָלאָגישער שול פון די „לויטערע ברידער". אבן צדיק האַלט, אַז דער מענטש איז אַ מיקראָקאָסמאָס, אַ קליינע וועלט, וואָס דורך

פילאָסאָפישער הסתּכלות קאָן זי זיך פאַראייניקן מיטן מאַקראָקאָסמאָס, דער גרויסער וועלט, און איר באַשעפער. דער מענטשלעכער מיקראָקאָסמאָס באַשטייט פון חומר, וואָס פאַרגייט, און פון גייסט וואָס איז אייביק, און די אויפגאַבע פון דער רעליגיע איז צו פאַרשטאַרקן די ממשלה פון דעם גייסט איבערן חומר. צו אָט דעם ציל זײַנען געווענדט די מצוות פון ייִדישקייט.

פאַר דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף דעם גלויבן באַפעסטיקן אויפן יסוד פון שׂכל, שטייט פעסט דער דענקער ר' אַבֿרהם אבן דאַוד פון טאָלעדאָ (אַרום 1110–1180). ער איז משמעות געווען אויפגעבראַכט אויף ר' יהודה הלוי דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי מזלזל דעם ראַציאָנאַליזם און די נאַטירלעכע רעליגיע. ער האַלט, אַז אין אַזאַ צײַט, ווען צווישן די געבילדעטע ווערט אַלץ גרעסער די צאָל פון די, וואָס זייער גלויבן איז אָפּגעשוואַכט און זיי זײַנען צעטומלט פון ספקות, איז געפערלעך זיך אָפּצוזאָגן פון דער הילף, וואָס עס קאָן געבן די פּאָזיטיווע אַריסטאָטעלישע פילאָסאָפיע. גאָט האָט געזאָגט, אַז די תּורה דאַרף ווײַזן די אומות־העולם די „חכמה" פון ישׂראל; דאָס באַטײַט, אַז די ניט־ייִדישע דענקערס באַדאַרפן געפינען אין דער תּורה דאָס, צו וואָס זיי זײַנען דערגאַנגען מיט זייער פילאָסאָפישן פאַרשטאַנד. דערפון איז געדרונגען, אַז מיר פון אונדזער זײַט זײַנען מחויב ווי ווײַט עס לאָזט זיך צו דערנעענטערן די תּורה צו דער פילאָסאָפיע, די נאַציאָנאַלע רעליגיע צו דער אוניווערסאַלער, אַרונטערברענגען דעם גלויבן אונטערן קאָנטראָל פון שׂכל.

אין זײַן חיבור, וואָס טראָגט אין דער העברעיִשער איבערזעצונג דעם טיטל „אמונה רמה" — „דערהויבענער גלויבן" — אַ טיטל, וואָס איז שוין פאַר זיך אַליין געווענדט קעגן יהודה הלויס ספר וועגן „דערנידעריקטן גלויבן", זאָגט אבן דאַוד, אַז די מצווה פון דער תּורה „וידעת את אלהיך" — „דו זאָלסט דערקענען דײַן גאָט" לייגט אַרויף אויפן מענטשן דעם חובֿ צו דערקענען גאָט מיטן שׂכל. וויסנשאַפטלעכע פילאָסאָפיע לאָזט זיך פולקום אײַנשטימען מיט דער יהדות, וואָס אירע גרונד־יסודות האָבן ניט קיין מורא פאַר קריטיק. די פאָרשטעלונג פון גאָט, וואָס איז די סיבה פון אַלע סיבות, וואָס אָן איר קאָן מען לאָגיש ניט דענקען די עקסיסטענץ פון דער וועלט, געהער סײַ צו דער סיסטעם פון דער יהדות און סײַ צו דער אַריסטאָטעלישער פילאָסאָפיע. קעגן יהודה הלויס דאָגמאַטישן קוק אויף דער אַנטפּלעקונג פון דער תּורה שטעלט אבן דאַוד אַרויס אַ קריטישן קוק. די אַנטפּלעקונג איז געשטיצט אויף דער נבֿואה (משה רבנו איז דער ערשטער און דער העכסטער נבֿיא), און די נבֿואה איז נישט אַנדערש, נאָר די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכן שׂכל, וואָס דערנעענטערט זיך צו זײַן מקור, דעם וועלט־שׂכל; דאָס איז די דערקענטעניש פון גאָט, וואָס דערגייט צו אַ וויזיע. די צילן פון דער

פילאָסאָפיע און פון דער רעליגיע זײַנען איינע און די זעלביקע: ביידע זײַנען זיי אויסן צו דערגרייכן מאָראַלישע שלמות פון דעם יחיד, פון דער משפחה און פון דעם ציבור. די פּראַקטישע מצוות פון דער יהדות וואָס זײַנען געווענדט צו אָט דעם ציל טיילט אבן דאַוד איין אין פינף מדרגות. צו די העכסטע מדרגות געהערן יענע חוקים, וואָס דאַרפן דערמאָנען אָן גאָט ווי דעם באַשעפער און רעגירער פון דער וועלט (שבת, די היסטאָרישע ימים־טובים, תפילה), אויסבעסערן די געפילן (ליבשאַפט צום חבר, רחמנות אויף שוואַכע) אָדער איינפעסטיקן דעם חוש פאַר רעכט און גערעכטיקייט (געזעצן וועגן דער משפחה און די ציווילע געזעצן). צו דער נידעריקסטער מדרגה געהערן די ריטועלע דינים, ווי למשל וועגן די קרבנות אין בית־המקדש, וועגן טריפה און כשר, וואָס אויך די נביאים האָבן געהאַלטן, אַז זיי זײַנען אַ טפל־זאַך. אין דעם פונקט האַלט אבן דאַוד פונקט פאַרקערט ווי ר׳ יהודה הלוי, וואָס לויט אים שטייען די צערעמאָניעלע געזעצן העכער פאַר די סאָציאַלע. אבן דאַוד פאַרטיידיקט דעם רעאַליזם קעגן סימבאָליזם, די פילאָסאָפישע קריטיק קעגן די נאָכמאַכערס פון אַל־גאַזאַלי אין פרט פון „צעשטערן די פילאָסאָפיע". אבן דאַודס גרונדפרינציפּ, אַז מען קאָן און מען מוז אויסשטימען יידישקייט מיט דער פילאָסאָפיע, דינט ווי אַ רינג, וואָס פאַרבינדט די אַלטע שיטה פון רב סעדיה גאון מיט דער שיטה פון דעם רמבם, וואָס האָט אין יענער צײַט געהאַלטן אין וואַקסן, ווו דער ראַציאָנאַ־ליזם האָט געפונען זײַן העכסטן אויסדרוק (ווײַטער, § 50).

§ 47. וויסנשאַפט און ליטעראַטור אין שפּאַניע און אין פּראָוואַנס

ענג פאַרבונדן מיט דער פילאָסאָפיע זײַנען געווען די וועלטלעכע וויסנ־שאַפטן. אַריסטאָטעלעס׳ מעטאַפיזיק האָט זיך געשטיצט אויף זײַן פיזיק און אויף דער אַלטער אַסטראָנאָמישער טעאָריע פון די הימלישע ספערעס (גלגלים); די אַסטראָנאָמיע ווידער קאָן זיך ניט באַגיין אָן מאַטעמאַטיק. אין אַלע די דאָזיקע געביטן האָבן אין 12טן י״ה זיך אַרויסגערוקט גרויסע כוחות פון צווישן די שפּאַנישע יידן. ר׳ אַברהם בר חייא (געשט׳ 1136), וואָס איז בײַ די קריסטלעכע שרײַבערס באַוווּסט אונטערן נאָמען Abraham Judaeus, איז באַרימט געוואָרן דורך זײַנע ווערק אין מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און קאַ־לענדאַר־וויסנשאַפט. וועגן זײַן לעבן איז באַוווּסט נאָר דאָס, אַז ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אַדמיניסטראַטיוון אַמט בײַם הויף פון אַ מוסלמי־מישן מושל אין שפּאַניע, און שפּעטער האָט ער געלעבט אין באַרצעלאָנע, ווו ער האָט געטראָגן דעם טיטל „נשיא" אָדער ראָש פון דער קהילה. פון

זײַנע ווערק זײַנען צו אונדז דערגאַנגען נאָר זײַן חיבור אויף אַסטראָנאָמיע אונטערן טיטל „צורת הארץ“ (דאָס ווערק איז אָפּגעדרוקט אין העברעיִשן אָריגינאַל מיט אַ לאַטײַנישער איבערזעצונג פֿון אייניקע טיילן אין 16טן י"ה), אַ חיבור וועגן לוח („ספֿר העבור“) און אַ בוך וועגן געאָמעטריע און ערד־מעסטונג („ספֿר התשבורת“) מיט אַ לאַטײַנישער איבערזעצונג. אייניקע ספֿרים זײַנען געבליבן אין כּתבֿ־יד. פֿון אַסטראָנאָמיע איז אַבֿרהם בר חייא געקומען צו אַסטראָלאָגיע. ער האָט אָנגעשריבן אַ ספֿר „מגלת המגלה“, וווּ ער האָט אַרומגערעדט דעם גלויבן אין ביאת המשיח און אויפֿן סמך פֿון אַסטראָלאָגישע חשבונות האָט ער באַוויזן, אַז משיח דאַרף קומען אין יאָר ה' קי"ח, ד"ה אין 1358 פֿון דער קריסטלעכער צײַט. דער מחבר האָט די גאולה אָפּגעלייגט אויף 200 יאָר, און עס איז זײַן זכות וואָס ער האָט ניט דערלעבט די צײַט: דאָס איז גראָד געווען די פֿינצטערסטע צײַט פֿון דעם יידישן גלות. דער זעלביקער ר' אַבֿרהם בר חייא איז אַ ניכטערער דענקער אין זײַן שיטה פֿון מאָראַלישער פֿילאָסאָפֿיע, וואָס ער האָט פֿירגעטראָגן אין זײַן קליינעם חיבור „הגיון הנפֿש“ — „באַטראַכטונגען וועגן דער נשמה“. דאָס איז אַ ריי געדאַנקען, אַרויסגענומען פֿון אַריסטאָטעלעס' עטיק, פּלאַטאָנס „פֿעדאָן“, פֿון אבן גבירולס און בחיים ווערק און אויף אַ געראָטענעם אופֿן צונויפֿגעפֿלאָכטן אין דער פֿאָרם פֿון דרשות אויף די הפֿטרות פֿון דער וואָך. דער מחבר קלאַסיפֿיצירט די מצוות און די חוקים פֿון דער תּורה און באַ־שטימט דעם באַטײַט פֿון איטלעכער גרופּע פֿאַר דער השלמה פֿון די מידות פֿון מענטשן אויף פֿאַרשיידענע מדרגות פֿון גײַסטיקער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג.

מיט מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע (חכמת ההנדסה און חכמת התכונה) האָט זיך אויך פֿאַרנומען רבי אַבֿרהם אבן עזרא (אין דעם חיבור „ספֿר המספּר“ און אַנדערע). ער האָט אויך געהאַלטן פֿון אַסטראָלאָגיע: ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי חיבורים אין אָט דער כּלומרשטער וויסנשאַפֿט, און אויך אין זײַנע שירים איז דאָס קענטיק, ווײַל ער רעדט כּסדר וועגן דער השפּעה פֿון די שטערן (מזלות) אויפֿן מענטשנס גורל. אָבער, חוץ פּאָעזיע און פֿילאָסאָפֿיע, איז זײַן באַליבט געביט געווען שפּראַך־וויסנשאַפֿט פֿאַרבונדן מיט דער פּרשנות פֿון תּנך. נאָך די באַשעפֿער פֿון דער העברעיִשער גראַמאַטיק חיוג' און ג'אנח (§ 27) האָט אבן עזרא נאָר באַדאַרפֿט פּאָפּולאַריזירן די יסודות פֿון דיקדוק, און ער האָט דאָס טאַקע געטאָן אין זײַנע חיבורים „צחות“, „שׂפֿה ברורה“, „מאזנים“ און אַנדערע. זײַן גרעסטער פֿאַרדינסט באַשטייט דערין, וואָס ער האָט אָנגעווענדט זײַן טיפֿע קענטעניש פֿון דעם גײַסט פֿון דער שפּראַך אויף אויסצופֿאָרשן דעם ביבלישן טעקסט אין זײַן מערקווירדיקן פּירוש צום חומש און צום גרעסטן טייל פֿון די נבֿיאים און

כּתובֿים. די הויפּט־באַדײַטונג פֿון דעם ווערק באַשטייט אין זײַן קריטישער ריכטונג. אין דער הקדמה לאָזט דער מחבר וויסן דורך אַ רמז, אַז ער האָט זיך גענומען שרײַבן זײַן פּירוש אָן אַ פּאַרטיקער, אין פֿאָרויס באַשטימטער מיינונג: ער האָט ניט אַרײַנגענומען די אײַנטײַטשונגען פֿון דער אַגדה, אַזוי ווי רש״י, און ניט די אויספֿירן פֿון פֿילאָסאָפֿישע שיטות, ער איז אויסן געווען נאָר קלאָר צו מאַכן דעם פּשוטן פּשט פֿון פּסוק. און אין דער אמתן מאַכט אבן עזרא אָפֿט קלאָר די האַרבסטע פּסוקים פֿון תּנך דורך אַ גראַמאַטיקאַלישן און לאָגישן אַנאַליז, און עס טרעפֿט אַ מאָל, אַז ער זאָגט זיך ניט אָפּ פֿון אַ פֿרײַער ראַציאָנאַליסטישער אָדער אַלעגאָרישער אײַנטײַטשונג. אַזעלכע טײַטשן גיט ער איבער שטאַרק בקיצור, מיט רמזים, אין האַלבע ווערטער, אויס מורא, מען זאָל אים ניט אויפֿוואַרפֿן קיין אַפּיקורסות. אַזוי למשל בײַם ערשטן פּסוק פֿון „בראשית ברא אלהים" (האָט גאָט באַשאַפֿן) זאָגט ער, אַז דאָס וואָרט „ברא" ווערט באַנוצט בדרך כּלל פֿאַר באַשאַפֿן אַ פֿאָרם דורך באַאַרבעטן אַ מאַטעריאַל, — און דאָ בלײַבט ער שטיין און רײַסט איבער די דערקלערונג דורך דער באַמערקונג „והמבֿין יבֿין" (און דער מבֿין וועט פֿאַר־שטיין). און געוואָלט האָט ער זאָגן: אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט ניט אַ יש מאין, ווי די דאָגמע וויל האָבן, נאָר פֿון אַ שוין פֿאַראַנענער מאַטעריע (חומר היולי), וואָס ער האָט זי אויסגעבילדעט אין אַ באַשטימטער פֿאָרם, — פֿאַר אַ פֿרומען ייִדן איז דאָס געווען אַ כּפֿירה בעיקר. אַ סך חוקים פֿון דער תּורה טײַטשט ער אײַן סימבאָליש, בפֿרט בנוגע די קרבנות, און זאָגט דעריבער, אַז ער וויל דאָ מגלה זײַן דעם לייענער אַ „סוד". אַ מאָל גיט ער אַן אָנצוהערעניש דערויף, אַז דער אָדער יענער טייל פֿון תּנך איז אָנגע־שריבן געוואָרן שפּעטער (למשל, אַז דער צווייטער טייל פֿון ספֿר ישעיה געהער צו אַ נבֿיא פֿון דער צײַט פֿון גלות בבֿל). אַזוי אַרום איז אבן עזרא צום טייל דער פֿאָטער פֿון דער ביבל־קריטיק (אַזוי רופֿט אים אָן ספּינאָזע). היות ווי אבן עזראס פּירוש צום תּנך איז שטאַרק צונויפֿגעפּרעסט און פֿול מיט אַזעלכע ניט־פֿאַרענדיקטע געדאַנקען, דעריבער האָבן אַ סך שפּעטערדיקע געלערנטע געשריבן פּירושים צו זײַן פּירוש.

מער ניט איין צווײַג פֿון דער ליטעראַטור איז געבליבן פֿאַרוואָרפֿן אין אַ ווינקל, אַזוי ווי ביז אַהער: דאָס איז געשיכטע אָדער כראָנאָגראַפֿיע. דער איינציקער „היסטאָריקער" פֿון יענער צײַט איז געווען דער אויבן דערמאָנטער פֿילאָסאָף ר׳ אַבֿרהם אבן דאַוד, אָבער אויך ער האָט ניט געהאַט אין זינען צו באַשרײַבן די געשעענישן פֿון זײַן צײַט, נאָר גאָר אַן אַנדער ציל. אין יענער צײַט איז אין שפּאַניע ווידער באַנײַט געוואָרן דער ליטעראַרישער וויכּוח צווישן די קאַראַימער און די רבנים. די קאַראַימער האָבן געלייקנט דערין, אַז די אָנהענגער פֿון תּלמוד האָבן אַ כּסדרדיקע, ניט־איבערגעריסענע

רעליגיעזע טראַדיציע, און האָבן געטענעט, אַז ווי באַלד עס איז בטל געוואָרן די גאונות אין די מזרח־לענדער, האָט די יידישע רעליגיע שוין ניט מער קיין לעגאַלן פאָרשטייער. האָט ר׳ אַבֿרהם אבן דאַוד זיך געשטעלט אַ ציל צו דערווייַזן, אַז דאָס איז ניט אַזוי. צוליב דעם האָט ער גענומען און אָנגעשריבן דעם „ספר הקבלה", וואָס אין אים האָט ער געגעבן אַ רשימה פון די גדולי הדור, די רעליגיעזע פירערס, אויסגעשטעלט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, אָנגעהויבן פון די באַשעפערס פון דעם תלמוד אין די מזרח־לענדער ביז צו די לעצטע רבנים אין אייראָפּע. דערביי פירט ער דורך דעם געדאַנק, אַז די גייַסטיקע העגעמאָניע וואָס עס האָבן געהאַט די גרויסע קיבוצים אין מזרח איז אַריבער קיין מערבֿ, אַז די שפּאַנישע און די פראַנצייזיש־דייַטשע רבנים זייַנען די לעגאַלע יורשים פון די בבֿלישע גאונים און אַז זייערע פּסקים אין די דינים פון תלמוד זייַנען גילטיק פאַר אַלע יידן, אַזוי ווי די פּסקים פון די גאונים. די דאָזיקע המשכדיקייט פון דער טראַדיציע איז אויסגעדריקט אין דער מעשׂה פון די פיר געפאַנגענע (אַרבעה שבֿויים) פון בבֿל, וואָס איינער פון זיי (רבי משה בן חנוך) איז אין דער צייַט פון חסדאי אבן שפּרוט אָנגעקומען קיין קאָרדאָווע און איז געוואָרן דער באַגרינדער פון דער מערבֿדיקער רבנות. צוזאַמען מיט דער געשיכטע פון די ישיבֿות אין אייראָפּע גיט דער מחבר ידיעות וועגן אייניקע געשעענישן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין שפּאַניע ביזן מיטן פון 12טן י"ה. אויב מען זאָל צונויפנעמען זייַן שילדערונג מיט די דערציילונגען פון די אַראַבישע כראָניסטן, קען מען צום טייל קריגן אַ בילד פון דער תקופה פון חסדאי אבן שפּרוט און רבי שמואל הנגיד. די שפּעטערדיקע געשעענישן ווערן דערציילט אין „ספר הקבלה" צו קורץ און אָן אַ געהעריקן סדר, ניט קלאָר ווערט געשילדערט, ווי אַזוי די יידן פון די קהילות אין דער מוסלימישער שפּאַניע, וואָס די אַלמאָהאַדן האָבן חרובֿ געמאַכט, האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין דער קריסטלעכער שפּאַניע, הגם דאָס האָט דער כראָניסט, ווי אַן אייַנוווינער פון טאָלעדאָ, אַליין איבערגעלעבט. ווי אַזוי דער כראָניסט האָט געענדיקט זייַן לעבן – דאָס בלייַבט אַ היסטאָרישע רעטעניש. כראָנאָגראַפן פון 15טן י"ה (אבן צדיק און אַבֿרהם זכותא) שרייַבן, אַז רבי אַבֿרהם אבן דאַוד איז אומגעקומען אין טאָלעדאָ אויף קידוש־השם. עס איז ניט באַוווּסט, ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט טרעפן, בעת מיר ווייסן, אַז אין קאַסטיליע זייַנען אין יענער צייַט קיין רדיפות אויף יידן ניט געווען.

צו גלייַך מיטן איינציקן היסטאָריקער אָדער כראָנאָגראַף פון יענער צייַט ווירקט דער איינציקער רייַזנדער און עטנאָגראַף צווישן די שפּאַנישע יידן רבי בנימין פון טודעלאַ (נאַוואַרע). אין יאָר 1160 האָט דער דאָזיקער דרייסטער מאַן זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ לאַנגער רייַזע איבער דער גאַנצער

דעמאָלט באַוווסטער וועלט. ער האָט אַרומגערייזט אַ היפּשן טייל פֿון אייראָפּע, אַזיע און אַפֿריקע. אַרויסגעפֿאָרן פֿון סאַראַגאָסע, האָט ר׳ בנימין באַזוכט פֿראַנקרײַך און דורך מאַרסעל האָט ער אָפּגעזעגלט קיין איטאַליע. אַרומגע=קוקט די שטעט פֿון איטאַליע און ביזאַנץ (רוים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל א״אַ), איז ער אַריבער קיין אַזיע, וווּ ער האָט אַרומגערייזט איבער סיריע, ארץ=ישׂראל און מעסאָפּאָטאַמיע ביז באַגדאַד, פֿון דאָרט אַרײַנגעפֿאָרן קיין פּערסיע און אַראַביע, און לסוף דורך מצרים און צפֿון=אַפֿריקע זיך אומגעקערט צוריק קיין שפּאַניע אין יאָר 1173, דאָס הייסט, אַז ער איז געווען אין וועג דרײַצן יאָר. די אײַנדרוקן פֿון זײַן נסיעה האָט ר׳ בנימין איבערגעגעבן אין זײַן בוך „ספר המסעות" אָדער „מסעות בנימין". דער רײַזנדער דערציילט וועגן די לענדער וואָס ער האָט באַזוכט און וועגן זייערע ייִדישע קהילות; ער גיט אָפּט מאָל ידיעות וועגן דער צאָל מענטשן אין דער קהילה און וועגן די חשובֿסטע מנהיגים אירע, וועגן די פּרנסות פֿון די אײַנוווינער און וועגן זייערע מידות און מנהגים, וועגן אָרטיקע מסורות, בנינים, מאָנומענטן, אאַז״וו. ער גיט איבער ניט בלויז דאָס וואָס ער האָט אַליין געזען, נאָר אויך דאָס וואָס אַנדערע האָבן אים דערציילט, און פּונקט ווי אַנדערע רײַזנדערס פֿון מיטל=עלטער ווייס ער אָפּט ניט אונטערצושיידן אמתע פֿאַקטן פֿון אויסגעטראַכטע פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות. נאָר פֿאָרט איז ער ניט אַזוי לײַכטגלייביק ווי זײַן בן=דור ר׳ פּתחיה פֿון רעגענסבורג, וואָס איז געפֿאָרן נאָך אים (§ 41), וואָרעם ער איז געווען מער געבילדעט און האָט בעסער געקענט שפּראַכן.

די באַשרײַבונגען פֿון ר׳ בנימין פֿון טודעלאַ האָבן אַ גרויסן ווערט ניט בלויז פֿאַר געשיכטע פֿון ייִדן, נאָר אויך בכלל פֿאַר דער געאָגראַפֿיע און עטנאָגראַפֿיע פֿון מיטל=עלטער. אין די דאָזיקע באַשרײַבונגען קאָן מען געפֿינען ידיעות וועגן די פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך פֿון דער דיאַספּאָרע, למשל וועגן ייִדן אין אַזיע און אַפֿריקע. פֿאַר די ייִדן אין אייראָפּע איז רבי בנימינס חיבור געווען דער הויפּט=מקור, פֿון וואַנען זיי האָבן געשעפּט ידיעות וועגן לעבן פֿון זייערע ברידער אין ווײַטן מזרח אין יענער צײַט פֿון מהומות און מלחמות, ווען צווישן אייראָפּע און אַזיע האָבן געמאַרשירט די חיילות פֿון די קרייצפֿאָרערס. פֿון די באַשרײַבונגען פֿון דעם וויסן=דאָרשטיקן רײַזנ=דער האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע קהילות אין מעסאָפּאָטאַמיע, סיריע, מצרים און וועגן זייער ירידה אין ארץ=ישׂראל אונטער דער ממשלה פֿון די קרייצפֿאָרערס. דאָס איז געווען אַ גרוס דעם מערבֿדיקן ייִדנטום פֿון די געוועזענע מזרחדיקע צענטערס. אָנגעהויבן פֿון 16טן י״ה איז דער חיבור פֿון ר׳ בנימין פֿון טודעלאַ עטלעכע מאָל איבער=געזעצט געוואָרן אויף די אייראָפּעיִשע שפּראַכן, און דער נאָמען פֿון דעם דאָזיקן ייִדישן רײַזנדער, וואָס האָט מיט הונדערט יאָר פֿריִער פֿאַר דעם

באַרימטן ווענעציאַנער מאַרקאָ פּאָלאָ אויסגעפֿאָרשט אַזיע, פֿאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געשיכטע פֿון דער ערד=קענטעניש.

פֿון שפּאַניע איז דער ליטעראַרישער רענעסאַנס אַרײַנגעדרונגען קיין ד ר ו ם = פֿ ר אַ נ ק ר ײַ ך – לאַנגעדאָק און פּראָוואַנס. דער פּאָליטישער פֿאַרבונד, וואָס האָט עקסיסטירט צווישן פֿראַנקרײַך און די צפֿון=שפּאַנישע מלוכות קאַסטיליע און נאַוואַרע, האָט געמוזט דערנעענטערן צווישן אַנאַנד די ייִדן פֿון יענע לענדער, אין יענער תּקופֿה, ווען די ייִדישע קולטור=צענטערס האָבן זיך אַריבערגעהויבן פֿון דער מוסלימישער שפּאַניע אין דער קריסטלעכער שפּאַניע און צום טייל אין די שכנישע פּראָוואַנסאַלישע שטעט – נאַרבאָנע, לונעל, מאָנפּעליע. אויב אין פּרט פֿון לערנען דעם תּלמוד האָבן די ייִדן פֿון פּראָוואַנס זיך געפֿונען אונטער דער השפּעה פֿון די צפֿון=פֿראַנצייזישע בעלי=התּוספֿות, האָבן זיי אויפֿן געביט פֿון די פֿרײַע וויסנשאַפֿטן און פֿילאָסאָפֿיע זיך געשפּײַזט פֿון די רײַכע אוצרות פֿון זייערע שפּאַנישע שכנים. אַ גאַנצע פּלעיאַדע שרײַבערס האָבן דאָ געאַרבעט אויף פֿאַרשפּרייטן די וויסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָסאָפֿישע אידעען פֿון דער שפּאַנישער שולע. אויף דעם געביט האָבן זיך אַרויסגערוקט צוויי ליטעראַרישע דינאַסטיעס — די ב נ י ק מ ח י און די ב נ י ת ב ו ן. די משפּחה קמחי האָט זיך אַריבערגעכאַפּט פֿון שפּאַניע קיין נאַרבאָנע אין דער צײַט פֿון רדיפֿות פֿון די אַלמאָהאַדן. ר׳ יוסף קמחי (געשטאָרבן אַרום 1170) האָט מחבר געווען פּירושים צו ספֿרים פֿון תּנך, האָט איבערגעזעצט פֿון אַראַביש אויף העברעיִש דעם ספֿר פֿון רבנו בחיי אבן פּקודא „חובֿות הלבֿבֿות“, געשריבן פּיוטים און פּזמונות און פֿאַרנומען זיך מיט שטודירן העברעיִשע גראַמאַטיק. מען האַלט אויך, אַז ער איז דער מחבר פֿון דעם „ספֿר הבּרית“, דאָס איז אַ וויכּוח צווישן אַ ייִדן וואָס איז געבליבן געטרײַ זײַן אמונה און אַזאַ ייִדן וואָס האָט זיך געשמדט (אַזאַ מין ווערק איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענער צײַט). ר׳ יוסף קמחיס טעטיקייט אין נאַרבאָנע האָט געפֿירט ווײַטער זײַן זון רבי דוד, וואָס איז באַוווּסט אונטער דעם פֿאַרקירצטן נאָמען רדק (רבי דוד קמחי, 1160–1235). ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָפּולערן דיקדוק מיט אַ ווערטערבוך א״ט „מכלול“ און אַ פּירוש צו פֿאַרשיידענע ספֿרים פֿון תּנך לויט דער מעטאָדע פֿון גראַמאַטיקאַלישער און לאָגישער אויסטײַטשונג. באַזונדערס פּאָפּולער איז זײַן פּירוש אויף תּהלים. ר׳ דוד קמחי האָט געקראָגן דעם שם פֿון דעם גרעסטן מדקדק און קענער פֿון העברעיִש אין מיטלעלטער; די לאַטײַנישע איבערזעצונגען פֿון זײַנע ווערק האָבן באַנוצט אויך קריסטלעכע טעאָלאָגן, הגם אין זײַן פּירוש אויף תּהלים האָט ער שטאַרק פּאָלעמיזירט קעגן די קריסטלעכע דאָגמעס.

אין דער צײַט, וואָס די בני קמחי האָבן איבערגעאַרבעט די ווערק פֿון דער אַראַביש־שפּאַנישער שולע, האָבן די בני תּבון מיט התמדה איבערגעזעצט אויף העברעיִש אַ סך ווערק, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין אַראַביש. רבי יהודה אבן תּבון, וואָס איז אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון די רדיפֿות פֿון די אַלמאָהאַדן פֿון שפּאַניע קיין לונעל (1120—1190), האָט איבערגעזעצט פֿון אַראַביש דאָס ווערק פֿון דעם פֿאָטער פֿון דער יידישער רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע רבי סעדיה גאון „האמונות והדעות", אבן גבירולס ספר „תּיקון מידות הנפֿש" (אַן עטיק), רבנו בחייס „חובֿות הלבֿבֿות" און ר' יהודה הלויס „כּוזרי". מערקווערדיק איז די „צוואה", וואָס ער האָט אָנגעשריבן פֿאַר זײַן זון שמואלן. ר' יהודה עצהט זײַן זון צו שטודירן באַגלײַך מיט דער רעליגיעזער ליטעראַטור אויך וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן, בפֿרט מעדיצין, און צו לייענען פֿילאָסאָפֿישע ווערק אין אַראַביש. ער גיט דעם זון אָנווײַזן, ווי אַזוי מען דאַרף איבערזעצן פֿון אַראַביש אויף העברעיִש. אין דער הקדמה צום ספר „חובֿות הלבֿבֿות" ווײַזט ער אָן, ווי שווער עס איז איבערצוזעצן פֿילאָסאָפֿישע ביכער און רעקאָמענדירט אַזאַ גאַנג: צו ערשט איבערזעצן דעם אָריגינאַל וואָרט אין וואָרט, און דערנאָך איבערקוקן די איבערזעצונג און אויספֿאַרריכטן די סטילגרײַזן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געוועזן דעם איבערזעצערס אייגן ווערק.

ר' שמואל אבן תּבון (1150—1230) האָט אַריבערגעשטײַגט זײַן פֿאָטער דורך דער פֿאַרשיידנזײַטיקייט פֿון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט. ער איז געוועזן לויט זײַן פּראָפֿעסיע אַ מעדיצינער און האָט געוווינט אין לונעל, בעזיער, אַרל, האָט אַרומגערײַזט איבער שפּאַניע און מצרים, און צום סוף פֿון זײַן לעבן האָט ער זיך באַזעצט אין מאַרסעל. ר' שמואל אבן תּבון איז געוועזן אַ באַגײַסטערטער אָנהענגער פֿון דעם רמבם, וואָס ער האָט געפֿירט מיט אים אַ ליטעראַרישע קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט איבערגעזעצט פֿון אַראַביש אויף העברעיִש דעם רמבמס פֿילאָסאָפֿיש ווערק „מורה נבֿוכים", אַ טייל פֿון זײַן פּירוש צו משניות און אייניקע זײַנע קלענערע חיבורים. די דאָזיקע איבערזעצונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ וויכטיקע באַדײַטונג פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער אויפֿקלערונג, האָבן פֿאַרשטעלט ר' שמואלס אָריגינעלע שאַפֿונג, אויפֿן געביט פֿון פּרשנות און פֿילאָסאָפֿיע. דורך זייערע איבערזעצונגען פֿון אַראַביש האָבן די בני תּבון געשאַפֿן אַ באַזונדערן פֿילאָסאָפֿישן נוסח, מיט אַ גאַנץ רײַכער טערמינאָלאָגיע, וואָס האָט זיך אײַנגעבירגערט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און האָט אין משך פֿון עטלעכע יאָרהונדערטער געדינט פֿאַר אַ גוט געצײַג אויסצודריקן די קאָמפּליצירטסטע פֿילאָסאָפֿישע באַגריפֿן. נאָך דער הויפּטפֿאַרדינסט פֿון די בני תּבון איז באַשטאַנען

דעריך, וואָס אַ דאַנק זייערע אַרבעטן זײַנען די קלאַסישע ווערק פֿון די געלערנטע און פֿילאָסאָפֿן פֿון שפּאַניע פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע לענדער און זײַנען געוואָרן דאָס אייגנס פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.

§ 48. רבנו משה בן־מײַמון (רמבם, מײַמאָנידעס)

פֿאַרענדיקט און כּולל געווען אין זיך די גאַנצע גײַסטיקע שאַפֿונג פֿון 12טן יאָרהונדערט האָט דער מאַן, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אים געקריינט מיטן טיטל „דער צווייטער משה". דער דאָזיקער גרויסער מאַן האָט זוכה געווען צו ווערן צוגעגליכן צום ערשטן באַשעפֿער פֿון דער יהדות דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען ניט בלויז אַ פֿילאָסאָף אָדער אַ געלערנטער, נאָר ער איז אויך געווען דער גײַסטיקער אָרגאַניזאַטאָר פֿון ייִדנטום. ער האָט אין זײַן „משנה תּורה" פֿאַרבונדן די יסודות פֿון דער תּורה שבכּתב מיט די יסודות פֿון דער תּורה שבעל־פּה, די ביבל מיטן תּלמוד, און האָט געשטרעבט צו געבן דעם סך־הכּל פֿון דער שאַפֿונג פֿון טויזנטער יאָרן. און נאָך אויף אַ גרעסערן אײַנשטעל האָט ער זיך פֿאַרמאָסטן: ער האָט געוואָלט אין דער יהדות צונויפֿגיסן צוויי קוקן אויף דער וועלט — דעם רעליגיעזן און דעם פֿילאָסאָפֿישן, מאַכן שלום צווישן גלויבן און וויסן, שטאַרקן די באַציִע דורך דער דיסציפּלין פֿון באַוווסטזיניקן גלויבן און פֿון פֿרײַען געדאַנק. ער האָט אַרויסגעטראָגן פֿאַר דער ייִדישער וועלט די אידעען, וואָס האָבן שפּעטער אויפֿגערודערט די געבילדעטע געזעלשאַפֿט און צעטיילט זי אויף קעמפֿנדיקע צדדים אין משך פֿון יאָרהונדערטער.

רבי משה בן מײַמון, וואָס בײַ ייִדן איז ער מער באַקאַנט אונטערן נאָמען רמבם און אין דער וועלט רופֿט מען אים מײַמאָנידעס, איז געבאָרן געוואָרן ערבֿ פּסח פֿון יאָר 1135 אין קאָרדאָווע, ווו זײַן פֿאָטער, רבי מײַמון, אַ תּלמיד פֿון אַלפֿסיס ישיבֿה, איז געווען אַ רבֿ אָדער אַ דיין. ר' משהס יונגע יאָרן זײַנען געווען די צײַט, ווען אין אַנדאַלוזיע און קאַסטיליע האָט געקאָכט אַ גײַסטיקע אַרבעט און בראָש פֿון אַן אַרמיי פֿון פֿילאָסאָפֿן און פּאָעטן זײַנען געשטאַנען אַזעלכע פֿירער ווי ביידע אבן עזראס און רבי יהודה הלוי. אין יענע רויִקע יאָרן האָט דאָס ייִנגל דער עילוי באַוויזן אַ סך זיך אויסצולערנען סײַ אין דער ייִדישער ליטעראַטור און סײַ אין דער אַראַבישער ליטעראַטור. ווען ער איז געוואָרן 13 יאָר, איז איבער קאָרדאָווע אויסגעבראָכן אַ קאַטאַסטראָפֿע: די שטאָט האָבן אײַנגענומען די פֿאַנאַטיקער די אַלמאָהאַדן, און די אומגליקלעכע ייִדישע אײַנוווינער האָבן געהאַט די ברירה אָדער אָנצונעמען דעם איסלאַם אָדער צו פֿאַרלאָזן די שטאָט (1148). רבי מײַמונס משפּחה האָט געמוזט אַוועק פֿון דער היימישער

שטאָט און האָט געגומען אַרומוואָגלען איבער דער וועלט אין צרות און לײַד. אויך אין אָט די צײַטן פֿון נע־ונד אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון דער מוסלי־מישער און פֿון דער קריסטלעכער שפּאַניע האָט דער יונגער רמבם ניט אויפֿ־געהערט צו אַרבעטן מיט התמדה אויף זײַן גײַסטיקער אַנטוויקלונג. ער האָט זיך באַקענט אַלץ מער מיט די ווערק פֿון די אַראַבישע פֿילאָסאָפֿן און האָט זיך אָנגענומען מיט אַ סך ידיעות אין אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפֿטן. צוזאַמען מיט דער נאַטור־וויסנשאַפֿט האָט ער שטודירט מעדיצין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זײַן פּראָפֿעסיע. לויט די אַראַבישע מקורים האָט ער שטודירט אַריסטאָטעלעס' שיטה, און ער איז שוין זײַן גאַנץ לעבן געבליבן אַ געטרײַער אָנהענגער זײַנער. נאָר די צרות וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן יונגערהייט אין נאָמען פֿון דער רעליגיע האָבן געשטויסן זײַן פֿאַרשטאַנד אין אַן אַנדער געביט און האָבן אים באַוויגן צו אַרבעטן פֿאַר דער אײַנפֿעסטיקונג פֿון דעם בנין פֿון דער יהדות, וואָס קעגן אים זײַנען פֿון אַלע זײַטן געווען געווענדט צעשטערערישע כּוחות. דער רמבם האָט קודם־כּל געוואָלט מאַכן ליכטיק אין געביט פֿון דער תּלמודישער יהדות. צוליב דעם האָט ער אין יאָר 1158 אָנגעהויבן צו שרײַבן אַ גרויסן פּירוש אויף משניות און האָט אים געענדיקט אין 10 יאָר אַרום.

אַן ערך אַרום יאָר 1160 האָט דער רמבם צוזאַמען מיט דער משפּחה פֿון זײַנע עלטערן זיך אַריבערגעקליבן קיין צפֿון־אַפֿריקע. די משפּחה האָט זיך באַזעצט אין פֿעס, ניט ווײַט פֿון דער הויפּטשטאָט פֿון די אַלמאָהאַדישע כאַליפֿן. דאָ האָט נאָך געווילדעוועט דער פֿאַנאַטיזם פֿון דעם „איין איינציקן גלויבן", וואָס פֿון אים האָבן ייִדן געקאָנט זיך ראַטעווען נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבן עפֿנטלעך אַרויסגעזאָגט די מוסלמאַנישע פֿאָרמולע: „מוהאַמעד איז דער נביא פֿון אַללאַ". עס איז ניט באַוווּסט, צי דעם רמבמס משפּחה האָט אויסגעמיטן דעם דאָזיקן נסיון. בכל אופֿן איז דעם רמבם באַשערט געווען געוועזן צו שפּירן די יסורים פֿון יענע „אנוסים", די געצוווּנגענע באַקענערס פֿון אַ פֿרעמדן גלויבן, וואָס האָבן געמוזט לפּנים אַרויסזאָגן דעם גלויבן־סימבאָל פֿון דעם איסלאַם. אין יענער צײַט האָט איינער אַ רבֿ אַ קנאי אָנגעשריבן אַ בריוו צו די אַפֿריקאַנער קהילות און זיי מזהיר ומודיע געווען, אַז איטלעכער ייִד, וואָס האָט אַפֿילו אויף צו פֿלײַסנס אַרויסגעזאָגט דעם גלויבן־סימבאָל פֿון דעם איסלאַם, מוז ווערן גערעכנט פֿאַר אַ משומד, אַפֿילו אין דעם פֿאַל ווען ער האַלט ווײַטער די דינים פֿון ייִדישקייט. דער דאָזיקער בריוו האָט שטאַרק מצער געווען די אומגליקלעכע אנוסים. דער רמבם ווידער האָט מורא געהאַט, אַז אָט דער בריוו וועט האָבן אַ פֿאַרקערטע פּעולה ווי יענער רבֿ האָט געמיינט: ווען מען וועט די אַנוסים נעמען אויסשליסן פֿון די ייִדישע קהילות, וועלן זיי פֿון פֿאַרשטעלטע משומדים ווערן אמתע.

דעריבער האָט ער באַלד אַרויסגעלאָזן אַן ענטפערשריפט א"ט „אגרת השמד״, ווו ער האָט דערוויזן, ווי ניט שכלדיק עס איז די מיינונג פון דעם קנאי, אַז מען זאָל אָפּשטויסן פון יידישקייט מענטשן, וואָס זיינען מיטן גאַנצן האַרצן געטריי דעם פאָלק, און נאָר איבער סכנת־נפשות האָבן זיי אויף מכלומרשט אַרויסגעזאָגט די דאָגמע פון דער פרעמדער אמונה. „דער דאָזיקער שמד (פון לפנים וועגן) – האָט געשריבן דער רמבם – באַטייט ניט עובר זיין אויף די תריג מצוות פון אונדזער דת; מען צווינגט אונדז דאָך ניט אָפּצוריכטן אַ צערעמאָניע (פון דעם איסלאַם), נאָר מער ניט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט (פון גלויבן אין מוהאַמעדס נבואה), דערביי ווייסן די צווינגערס, אַז מיר גלייבן ניט דעם דאָזיקן וואָרט און זאָגן דאָס נאָר, בכדי פטור צו ווערן פון דעם סולטאַנס גרימצאָרן". דער רמבם דערווייזט ווייטער, אַז מקריב זיין דאָס לעבן פאַרן גלויבן איז די העכסטע מצווה, און אויב עמעצער פרעגט אַ שאלה, צי זאָל ער לאָזן זיך הרגען אָדער לפנים אָננעמען דעם גלויבן פון די מוסלימס, באַדאַרף מען אים הייסן נאָכגעבן און צו גלייך ניט בלייבן אין יענעם לאַנד ווו עס איז די גזרה, נאָר עוקר זיין אין אַזאַ לאַנד, ווו מען קאָן פריי האַלטן יידישקייט.

אין גיכן האָט זיך אויפן רמבם גופא אָנגערוקט די סכנה מצד די מוסלימישע פאַנאַטיקער. ער האָט געמוזט בשתיקה אַנטלויפן מיט זיינע קרובים פון פעס, און ער איז אויף אַ שיף אַריבער קיין ארץ־ישראל (פרילינג 1165). בעת די שיף איז געשוווּמען איבערן מיטללענדישן ים איז אויפגע־שטאַנען אַזאַ שטורעם, אַז די שיף איז שיער ניט אונטערגעגאַנגען. אַ סך ליידן האָט איבערגעלעבט די אומגליקלעכע משפחה, אַ סך טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן און הייסע תפילות צום אייבערשטן, ער זאָל העלפן און ראַטעווען. צו לעצט, נאָך אַ חודש פאָרן זיינען די רייזנדערס אָנגעקומען אין עכו, דער האַווּנשטאָט פון ארץ־ישראל. דאָ זיינען זיי געבליבן עטלעכע חדשים און דערנאָך זיינען זיי אַוועק קיין ירושלים, בכדי מתפלל צו זיין אויפן אָרט ווו עס איז געשטאַנען דער בית־המקדש. פון ירושלים זיינען זיי געפאָרן קיין חברון, און דאָרט האָט דער רמבם אַ גאַנצן טאָג געטאָן תפילה אין דער מערת־המכפלה, ווו עס געפינען זיך, לויט דער מסורה, די קברים פון די אָבות און אמהות. דערנאָך איז ער מיט דער משפחה אַוועקגעפאָרן קיין מצרים. זיי האָבן זיך באַזעצט צו ערשט אין אַ ל כּ ס נ ד ר י א, און שפעטער אין אַ ל ט ־ ק אַ ה י ר אָ (פאָסטאַט). קורץ נאָך דעם ווי זיי זיינען געקומען קיין מצרים, איז געשטאָרבן דעם רמבמס פאָטער, דער אַלטער רבי מיימון (1166).

אין מצרים האָט דער רמבם צו ערשט געלעבט צוזאַמען מיט זיין ברודער דודן. זיי האָבן געהאַנדלט מיט יוועליר־אויסאַרבעטונגען, און דאָס

האָט זיי געגעבן זייער אויסקומעניש. דוד פֿלעגט פֿאָרן מיט סחורה אין ווײַטע מדינות, און רבי משה איז געזעסן אין דער היים און האָט געלערנט תורה און חכמה. נאָר אין גיכן איז דוד אומגעקומען אונטער וועגנס קיין אינדיע אין אַ קאַטאַסטראָפֿע אויפֿן ים, און זייער גאַנץ אייגנס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען. דעמאָלט האָט דער רמבם אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען זיך מיט דאָקטערשער פּראַקטיק, כדי זיך מפרנס צו זײַן. ער איז געוואָרן אַ לײַב־דאָקטאָר בײַ דעם סולטאַן פֿון מצרים סאַלאַח־עד־דין (סאַלאַדין) און בײַ זײַן וועזיר. אין דער זעלביקער צײַט איז ער געשטאַנען בראָש פֿון דער קהילה אין קאַהיראָ, און דערנאָך איז ער אָפֿיציעל אָנערקענט געוואָרן פֿאַרן „נגיד" פֿון די מצרישע ייִדן. דעם רמבמס השפּעה אין די מזרח־לענדער איז געוואַקסן אַלץ מער, וואָס מער עס האָט זיך פֿאַרברייטערט די ממשלה פֿון סאַלאַדינען און קאַהיראָ איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון אַזיע און אַפֿריקע. דער „נגיד" פֿון די ייִדן („ראַס־אַל־אומאַ" – ראָש פֿון דער אומה) האָט נאָך געהאַט די זכיה צו דערלעבן, ווי סאַלאַדין האָט אָפּגענומען בײַ די קרייצלער ירושלים, און די טויערן פֿון דער הייליקער שטאָט האָבן זיך ווידער געעפֿנט פֿאַר די „גולי ציון" (זע ווײַטער, § 60). אין יענער צײַט האָט מען צום רמבם זיך געווענדט מיט שאלות פֿון פֿאַרשיידענע קהילות אין די מזרח־לענ־דער, און זײַנע ענטפֿערבריוו („אגרות", „תשובות") זײַנען געווען אָנגענומען ווי פּסקים פֿון דעם העכסטן אויטאָריטעט.

§ 49. די סיסטעמאַטיזירונג פֿון דער ייִדישער אמונה, די „משנה תורה"

פֿון די ערשטע שריט אָן פֿון זײַן טעטיקייט האָט דער רמבם זיך גע־שטעלט אַ ציל אַרײַנצוטראָגן אַ סדר און אַ סיסטעם אין דעם תוהו־ובוהו פֿון דער תּלמודישער ליטעראַטור, וואָס די פֿראַנצייזיש־דײַטשע בעלי־התוספות האָבן נאָך מער פֿאַרפּלאָנטערט דורך זייער פּילפּול. אין יאָר 1168 האָט ער פֿאַרענדיקט זײַן גרויס ווערק וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך יונגערהייט: דעם פּירוש אויף דער משנה (ער האָט אים אָנגעשריבן אין אַראַביש אונטערן טיטל „כּיתאַב־אַל־סיראַדזש", ד"ה „די שריפֿט פֿון ליכט"; שפּעטער האָבן פֿאַרשיידענע געלערנטע אים איבערגעזעצט אין העברעיִש). אין דער הקדמה צו דעם פּירוש דעפֿינירט ער אַזוי די אויפֿגאַבע פֿון זײַן ווערק: צו געבן אַ מיגלעכקייט די לערנערס צו פֿאַרשטיין די משנה אָן די פּילפּולים פֿון דער גמרא און צו וויסן דעם פּסק, ד"ה דעם פּראַקטישן אויספֿיר פֿון איטלעכער הלכה. דעם רמבמס סינטעטישער פּירוש האָט געדאַרפֿט ווערן אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם אַנאַליטישן פּירוש פֿון די בבֿלישע אמוראים, וואָס האָבן דעם

אַנאַליז דערפירט צו אַזעלכע פּרטים און דיקדוקים, אַז דער מהות פון די הלכות איז פאַרשטעלט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ שטרעבונג צו מאַכן די ענינים פשוטער און קלערער, להיפך צו דער שטרעבונג פון די בעלי-התוספות אויס-צובויען נאָך אַ באַרג גמרות איבער דעם אַלטן באַרג פון דעם תלמוד בבלי.

פאַרן פירוש האָט דער רמבם געשטעלט אַ ברייטן אַלגעמיינעם מבוא, און צו די וויכטיקסטע מסכתות פון דער משנה האָט ער געמאַכט באַזונדערע אַריינפירן. אין די אַריינפירן האָט ער אויפגעקלערט די יסודות און פּרינציפּן פון דער תלמודישער געזעצגעבונג און איר פאַרבינדונג מיט דער תורה שבכתב, און אויך די באַדייטונג פון אַזעלכע עיקרים פון דער אמונה ווי התגלות, נבואה און קבלה. צווישן אַנדערע זאַכן האָט דער רמבם פעסטגעשטעלט אַזאַ וויכטיקן פּרינציפּ, אַז ניט אַלץ אין דער תורה שבעל-פה דאַרף מען אָננעמען ווי אַן אַלטע טראַדיציע, נאָר מער ניט די גרונד-הנחות פון דער משנה און די הלכות וואָס וועגן זיי זיינען קיין פּלוגתות פון די תנאים ניטאָ. מיט אַ באַ-זונדער אויפמערק שטעלט דער רמבם זיך אָפּ אויף יענע טעלעכע טיילן פון דער משנה, וווּ עס ווערט געלערנט וועגן דער דאָגמאַטיק און עטיק פון דער יהדות. אין דעם פירוש אויפן לעצטן פרק פון מסכת „סנהדרין" („יש נוחלין"), וווּ עס גייט די רייד וועגן תחית-המתים, עולם-הבא און שכר ועונש אויף יענער וועלט, אַנטוויקלט דער רמבם זיין שיטה וועגן השארת-הנפש. ער זאָגט, אַז מען מוז זיך אָפּזאָגן פון גראָבע, חומרדיקע פאָרשטעלונגען וועגן יענער וועלט; עולם-הבא האָט אין דער אמתן אַ ריין גייסטיקן כאַראַקטער און באַשטייט אין דער גייסטיקער השתלמות פון דעם מענטשן ביז צו דער העכסטער מדרגה. אין דעם זעלביקן אָרט האָט דער רמבם אַריינגעשטעלט זיינע באַרימטע י"ג עיקרים, וואָס ייִדן זאָגן זיי נאָך עד-היום אין דער פרי נאָכן דאַווענען. דאָס זיינען די 13 „אני מאמינס". די דאָזיקע 13 עיקרים פון גלויבן זיינען: 1) אַז גאָט איז דער באַשעפער פון דער וועלט, 2) אַז ער איז אַבסאָלוט אַן איינציקער, 3) אַז ער איז קיין גוף ניט און ער בייט זיך ניט, 4) אַז ער איז אייביק און ניט געבונדן צו קיין צייט, 5) אַז דינען מוז מען נאָר צו גאָט, 6) אַז די נבואה פון תנך איז אמת, 7) אַז משהס נבואה איז די העכסטע, 8) אַז די תורה איז אמת, 9) אַז זי וועט ניט גע-ביטן ווערן, 10) אַז דער באַשעפער ווייס אַלצדינג, 11) אַז ער באַצאָלט שכר לויט די מעשים, 12) אַז משיח וועט קומען, 13) אַז די טויטע וועלן אויפ-שטיין תחית-המתים. אין זיין אַריינפיר צו דער מסכת „אָבות" פון דער משנה לערנט דער רמבם אין אַכט פרקים (שמונה פרקים) זיין מערקווערדיקע שיטה וועגן דער נשמה און וועגן מאָראַל. ער באַשרייבט די תכונות פון דער נשמה, די גוטע און שלעכטע נטיות אירע, די „קראַנקייטן פון דער נשמה" (מחלות הנפש) און די אופנים ווי אַזוי זיי אויסצוהיילן, און דערקלערט מיט אַ טיפער

חקירה, ווי אַזוי צו פֿאַרענטפֿערן די קשיא וועגן ידיעה ובחירה, דעם ווידעראַנאַנד צווישן דעם מענטשנס פֿרײַען ווילן און דער געטלעכער השגחה וואָס באַשטימט די געשעענישן פֿאָרויס.

זיך באַזעצט אין קאַהירע, האָט דער רמבם זיך גענומען גרייטן דורכצופֿירן נאָך אַ וויכטיקערע עובֿדא: ער האָט זיך געשטעלט אַ ציל צונויפֿצושטעלן אַ פֿולע סיסטעמאַטישע זאַמלונג פֿון די ייִדישע דינים, דאָגמעס און צערעמאָניעס. דער תּלמוד, וואָס איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון גרויסבעגעבערישער אַרבעט אין משך פֿון טויזנט יאָר, האָט אויסגעזען ווי אַ לאַבירינט אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג, וווּ עס האָבן זיך געשפּירט אין דער היים נאָר שאַרפֿע מוחות, וואָס האָבן ליב זיך אַרײַנצוטון אין האַרבע, פֿאַרפּלאָנטערטע ענינים, אָבער ניט מענטשן, וואָס האָבן פּשוט געזוכט אַ דין, ווי אַזוי זיי האָבן זיך צו פֿירן אין לעבן לויטן געזעץ פֿון ייִדישקייט. און אַזוי האָט טאַקע דער רמבם זיך פֿירגענומען איבערצומאַכן אָט דעם לאַבירינט אין אַ ריכטיק אויסגעפּלאַנירטן בנין, די ניט־געאָרדנטע זאַמלונג פֿון וויכּוחים און שקלא־וטריאס — אין אַ סיסטעמאַטישן געזעצבוך. ער האָט אויך געוואָלט באַפֿרײַען די מענטשן וואָס ווילן לערנען עפּעס פֿון דער נייטיקייט צו פּטרן אַזוי פֿיל צײַט אויף צו שטודירן דעם תּלמוד און אַנדערע ספֿרים פֿון די רבנים, כּדי עס זאָל זיי בלײַבן מער צײַט אויף צו שטודירן וויסנשאַפֿטן און פֿילאָסאָפֿיע. „איך וואָלט געוואָלט — זאָגט דער רמבם אין דער הקדמה צו זײַן „יד החזקה" — אַז אָט דאָס ווערק זאָל דינען ווי אַ פֿולע זאַמלונג פֿון דער תּורה שבעל־פּה מיט אַלע תּקנות, מנהגים און דינים, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן זינט משה רבנו ע"ה ביז דער צונויפֿשטעלונג פֿון דער גמרא. איך האָב דעם ספֿר אָנגערופֿן משנה תּורה, האָבנדיק אין זינען, אַז איטלעכער מענטש, נאָך דעם ווי ער וועט אויסלערנען די תּורה שבכּתבֿ, וועט באַלד זײַן ביכולת צו נעמען לערנען אָט דעם דאָזיקן חיבור, וואָס פֿון אים וועט ער זיך באַקענען מיט דער תּורה שבעל־פּה, אַזוי אַז צווישן אָט די ספֿרים וועט ער קיין אַנדער זאַך ניט באַדאַרפֿן לייענען" (ד"ה אַז באַלד נאָכן חומש וועט ער קאָנען נעמען לערנען דעם רמבמס חיבור און וועט צום תּלמוד ניט באַדאַרפֿן אָנקומען).

דעם דאָזיקן גרויסן חיבור האָט דער מחבר פֿאַרענדיקט אין יאָר 1180. ער האָט אים געשריבן ניט אין אַראַביש, נאָר אין העברעיִש, אין אַ פֿײַנעם משנה־סטיל. ער באַשטייט פֿון 14 ספֿרים, וואָס אין דעם ערשטן פֿון זיי מיטן טיטל „ספֿר המדע" (דאָס בוך פֿון דערקענטעניש) זײַנען אויסגעשטעלט אַלע דאָגמעס פֿון דער יהדות און עס איז געגעבן די פֿילאָסאָפֿישע אײַנטײַטשונג צו זיי. דאָס איז דער ערשטער פּרוּוו אויסצושטעלן סיסטעמאַטיש די ייִדישע דאָגמאַטיק, וואָס די חכמי התּלמוד, זײַנענדיק פֿאַרנומען מיט דער טעאָריע און פּראַקטיק פֿון די געזעצן, האָבן זי אין גאַנצן געלאָזן אָן אַ זײַט. דער רמבם

שטעלט פיר די יסודות פון דער יידישער אמונה אין אַ ראַציאָנאַליסטישער באַלייכטונג. בעת ער לערנט די פרינציפן פון דער גאָט-דערקענטעניש, באַמיט ער זיך מיט אַלע כוחות אויסצושליסן יעטווידן רמז אויף הגשמה, יעטווידע קערפערלעכע פאָרשטעלונג. ער האַלט, אַז דער מענטש איז מחויב צו קלערן און צו זאָרגן וועגן זיין השתלמות און גייסטיקייט, אָבער אין קערפער. די רעליגיעזע דאָגמע וועגן עולם-הבא פאַרבינדט ער מיטן פילאָסאָפישן פרינציפּ פון השאָרת-הנפש, יענע וועלט שטעלט ער פאָר ווי אַ ריין גייסטיקע, אָנקערפּערדיקע עקסיסטענץ און וואַרפט אָפּ אַלע פאַרשפּרייטע גלייבונגען וועגן אַ גיהנום און אַ גן-עדן און וועגן תחית-המתים פון דעם גוף. פון דער דאָגמע פון משיחס קומען האָט ער אַראָפּגעריסן דעם מיסטישן שלייער און האָט דאָס פאָרגעשטעלט ווי אַ היסטאָרישע איבערקערעניש פון אַ ניט-געווייִנטלעכן פאַרנעם, ווי די פאַרווירקלעכונג פון דעם נביאישן אידעאַל פון אַלגעמיינער פאַרברידערונג. אין די וויטערדיקע 13 ספרים שטעלט דער רמבם אויס אין אַ קלאָרער און לאָגיש אויסגעהאַלטענער סיסטעם אַלע רעליגיעזע, בירגערלעכע און פאַמיליען-רעכטלעכע דינים פון דער יהדות לויט דער תורה און דער „תורה שבעל-פה". מחמת די „משנה תורה" איז איינגעטיילט אין 14 ספרים, דעריבער האָט מען דעם ספר געגעבן נאָך אַ צווייטן נאָמען: „יד החזקה" — „די שטאַרקע האַנט" (יד איז די צאָל 14 אויסגעדריקט אין העברעיִשע אותיות).

ווי אַ תוספה צו זיין חיבור „משנה תורה" האָט דער רמבם אָנגעשריבן אין אַראַביש אַ באַזונדער טראַקטאַט וועגן די תריג מצוות, איינגעטיילט אין 14 גרופּעס לויט דער צאָל טיילן פון זיין הויפּטווערק (אין דער העברעיִשער איבערזעצונג הייסט די שריפט „ספר המצוות"). אין אָט דעם ווערק האָט ער פעסטגעשטעלט דעם כלל, אַז אַ דין פון תלמוד, וואָס ווערט דערוויזן דורך לאָגישע ראיות און וואָס וועגן אים גייט אַ מחלוקת אין דער גמרא, דאַרף מען ניט האַלטן פאַר אַ „קבלה שבעל-פה" (וואָרעם וואָלט עס געווען אַ טראַדיציע, וואָלט דאָך ניט שייך געווען קיין מחלוקת פון תנאים), און מען מעג אים קריטיקירן, פּונקט ווי איטלעכע איינטייטשונג פון אַ פסוק. דער רמבם האָט דורכגעפירט אַ שייד-ליניע צווישן די דינים פון דער תורה און די דינים פון תלמוד, יענע זיינען אַן עיקר און די זיינען פון אַ צווייטער מדרגה, אָדער ווי ער דריקט זיך אויס: „שרשים וענפים" (וואָרצלען און צווייגן).

דעם רמבמס „משנה תורה" האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יהדות. זי האָט געבראַכט צו צוויי פאַרשיידענע רעזולטאַטן: פון איין זייט האָט זי געהאָלפן אויפצוקלערן די יסודות פון דער יידישער אמונה און געזעצגעבונג על פי שכל, אָן דעם

אַז מען זאָל דאַרפֿן זיך פֿאַרטיפֿן אין תּלמוד, פֿון דער אַנדער זײַט האָט זי פֿאַרפֿעסטיקט אין פּרעציזע פֿאָרמולעס פֿון געזעצן אַ סך זאַכן, וואָס אין תּלמוד זײַנען זיי געבליבן נאָך אין דער בחינה פֿון טעאָריע. דורך זײַן שעפֿערישן צוריר צום תּוהו־ובֿוהו פֿון דעם תּלמוד האָט דער רמב״ם אָפּגעראַטעוועט פֿון אונטערגאַנג אַ סך עלעמענטן זײַנע, אַ סך „צווײַגן״ האָט ער צוגעפֿעסטיקט צום שטאַם פֿון יהדות, צו די „שרשים״. די קאָנסערוואַטיווע רבנים, ווי דאָס איז צו זען פֿון די שפּעטערדיקע ספֿרי־פּוסקים, האָבן איבעריקנס געשטרעבט נאָך צו פֿאַרמערן די „צווײַגן״ אָדער די סייגים פֿון דער תּורה, און אין רמב״מס ווערק האָבן זיי אײַנגעפֿונען אַ טענדענץ אײַנצושמעלערן די תּורה.

די פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון רמב״מס קאָדעקס האָט געמאַכט אַ פֿאַרשיידענעם אײַנדרוק אין די פֿאַרשיידענע קרײַזן פֿון דער געזעלשאַפֿט. אייניקע האָבן אים באַטראַכט ווי אַ מער שלמותדיקן תּלמוד, וואָס איטלעכער רבֿ און איטלעכער למדן דאַרף זיך האַלטן אָן אים; אַנדערע ווידער האָבן אין אים אײַנגעזען טאַקע אַ נײַעם תּלמוד, אָבער אַזאַ איינעם, וואָס קאָן פֿאַרשטויסן דעם אַלטן, דעם תּלמוד בבֿלי. מען האָט דעם מחבר אויפֿגעוואָרפֿן, אַז ער איז אויסן צו פּועלן, מען זאָל ווייניקער לערנען גמרא; מען האָט אים באַשולדיקט אין פֿרײַדענקערײַ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם ערשטן דאָגמאַטישן ספֿר פֿון דעם קאָדעקס, און מען האָט אויך געהאַט צו אים טענות, פֿאַר וואָס ער האָט סתּם אַזוי, לויט זײַן אייגענעם אײַנזען געפּסקנט אין אַזעלכע שאלות, וואָס די עלטערע אויטאָריטעטן זײַנען געווען דערין מחולק. די דאָזיקע טענות האָבן אַרויסגעשטעלט די אָרטאָדאָקסן, אַ שטייגער ווי דער באַגדאַדער גאון רבי שמואל בן עלי, וואָס ער האָט באַטראַכט דעם רמב״ם ווי זײַנעם אַ קאָנקורענט אין דער גײַסטיקער מאַכט איבער די קהילות פֿון די מזרח־לענדער (ווײַטער, § 59). אין אַלכּסנדריא של מצרים האָבן די רבנים פּראָטעסטירט קעגן דעם רמב״מס טענדענץ מקיל צו זײַן און „מתּיר צו מאַכן דאָס וואָס איז אָסור״. די קנאים פֿון גלויבן האָבן זיך דערוועגט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם מחבר פֿון „משנה תּורה״ מיט שאַרפֿע רייד, אָבער דער רמב״ם האָט נאָר זעלטן אין זײַער אַ רויִקן טאָן געענטפֿערט אויף די אַלע אָנפֿאַלן און טענות.

באַזונדערס שטאַרקע חילוקי־דעות האָט דעם רמב״מס קאָדעקס אַרויסגערופֿן אין אייראָפּע, צווישן די חכמים פֿון פּראָוואַנס. אייניקע האָבן מיט התפּעלות באַגריסט דעם פֿענאָמענאַלן ספֿר און האָבן באַטיטלט דעם מחבר „המורה הגדול״, „מאור הגולה״. דער פּאָעט אַלחריזי האָט געשריבן: „משה (בן־מײַמון) האָט דורכגעזיפּט גאַנץ תּלמוד דורך אַ זיפּ, האָט אָפּגעקליבן די זעמלמעל און אונטערגעטראָגן די פֿאַרטיקע שפּײַז פֿאַר מענטשן, וואָס זײַנען

פֿאַרנומען מיט ענינים פֿון דער וועלט". אַנדערע האָבן אָט די אָפּזיפּונג פֿון תּלמוד געהאַלטן פֿאַר אַ חטא פֿון דעם רמבמס „משנה תּורה". קעגן אים איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפֿער קריטיק דער פֿאָרשטייער פֿון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, דער רבֿ פֿון פּאָסקיער דער ראַבד (§ 39). אין זײַנע „השׂגות" באַשולדיקט ראַבד דעם רמבם, אַז ער דרינגט אַרויס מסקנות פֿון דעם תּלמודישן מאַטעריאַל אָן אַ גענוגן יסוד, און אַז ער וויל אַרײַנפֿירן אין דער דאָגמאַטיק פֿילאָסאָפֿישע חקירות. די פֿאָרם פֿון דער פּאָלעמיק איז געווען זייער אַ שאַרפֿע; דער קריטיקער האָט באַנוצט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „דאָס איז נאַריש, פֿאַלש, אונטערגעשטעלט". דער פּעדאַנטישער ראַבד איז ניט געווען בכּוח אָפּצושאַצן ניט יענע האַרמאָניע, וואָס עס האָט אַרײַנגעטראָגן אין דעם תּוהו־ובֿוהו פֿון תּלמוד דעם רמבמס געאָרדנטע סיסטעם, ניט יענע קלאָרקייט, וואָס די ייִדישע דאָגמאַטיק האָט באַקומען אין דער דאָזיקער סיסטעם. נאָר פֿון זײַן שטאַנדפּונקט איז ער געווען גערעכט: די טעטיקייט פֿון דעם קאַהירער דענקער איז מיט אַן אמת געווען געפֿערלעך פֿאַר דער קליינלעכער פּילפּול־דרייערײַ אין לערנען און פֿאַר דער בלינדער אָרטאָדאָקסישקייט אין דער רעליגיע, וואָס זײַנען געווען דער אידעאַל פֿון דער רבנות אין פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד. דער מענטש וואָס האָט געזאָגט: „ווען איך וואָלט געקאָנט אַרײַנשטעלן גאַנץ תּלמוד אין איין פּרק, וואָלט איך אים ניט אַרײַנגעשטעלט אין צוויי פּרקים" (דעם רמבמס אַן אויסדרוק), האָט ניט געקאָנט זײַן צום האַרצן די אײַנגעזעסענע לומדים, וואָס האָבן אין דער אויסברייטערונג פֿון דעם תּלמודישן פּילפּול געזען דעם גאַנצן זינען פֿון גײַסטיקער דערציִונג. דער קאַמף קעגן דעם רמבם האָט געמוזט אויסברעכן; ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעם, ווי עס האָט זיך באַוויזן דער „יד החזקה", און איז געפֿירט געוואָרן מיט באַזונדער שאַרפֿקייט און ביטערניש נאָך דעם, ווי עס איז אַרויס פֿאַר דער וועלט זײַן פֿילאָסאָפֿיש ווערק „מורה נבֿוכים".

§ 50. דער „מורה נבֿוכים"

די קרוין פֿון דעם רמבמס טעטיקייט איז געווען זײַן דריט גרונדווערק, וואָס איז כּולל אין זיך אַ פֿולע סיסטעם פֿון אַלגעמיינער און ייִדישער פֿילאָסאָפֿיע. דאָס דאָזיקע גרויסע ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן אַרום 1190 אין אַראַביש אונטערן טיטל „דאַלילאַת אַל־האַיִרין", און נאָך בעת דעם מחברס לעבן איז עס איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש אונטערן טיטל „מורה נבֿוכים", וואָס באַטײַט דאָס זעלביקע: „וועגווײַזער פֿאַר בלאָנדזשענדיקע", אָדער „לערער פֿון צעטומלטע". דער מחבר האָט זײַן ווערק באַשטימט ניט פֿאַר „די וואָס זײַנען אָנהייבערס אין דענקען" און ניט פֿאַר יונגע תּלמודיסטן,

נאָר פאַר אַזעלכע, וואָס פאַרטיפן זיך אין טעאָלאָגיע און פילאָסאָפיע, געפינען סתירות צווישן זיי און ווייסן ניט קיין אויסוועג.

פונקט ווי זײַן בן־דור און בן־עיר, דער גרויסער אַראַבישער פילאָסאָף א י ב ן ־ ר אָ ש ד אָדער אַ ו ו ע ר אָ ע ס (געב' אין קאָרדאָווע 1126, געשט' אין מאַראָקאָ 1198), איז דער רמבם געווען דורכגעדרונגען מיט דער אַריסטאָ־טעלישער פילאָסאָפיע, וואָס ער האָט זי אויסשטודירט פון אַראַבישע מקורים. די דאָזיקע פרײַע פילאָסאָפיע האָט ער אַנטקעגנגעשטעלט דער סכאָלאַסטיק פון די טעאָלאָגן פון דער שולע פון די מוטאַקאַלימון (אין דער העברעיִשער איבערזעצונג „מדברים"), וואָס האָט געבונדן דעם געדאַנק דורך די פענטעס פון טראַדיציע און אײַנגלויבעניש. פאַר אים האָבן עקסיסטירט צוויי אַנטפּלעק־קונגען: די רעליגיעזע אַנטפּלעקונג פון תנך און די פילאָסאָפישע אַנטפּלעק־קונג פון אַריסטאָטעלעסן, דער אמת פון גלויבן און דער אמת פון שׂכל. פונקט ווי פילאָן, האָט ער אויך געהאַלטן, אַז משה רבנו האָט געהאַט צוזאַמען מיט דער רעליגיעזער אַנטפּלעקונג אויך אַ מעטאַפיזישע. דעם רמבמס טיפע כוונה איז געווען שלום מאַכן צווישן די צוויי באַשטאַנדטיילן פון זײַן וועלט־קוק און פאַראייניקן זיי אין אַ האַרמאָנישער איינהייט: פילאָסאָפיש באַגרינדן ייִדישקייט און פאַרייִדישן די פילאָסאָפיע. ער האָט זײַן אויפגאַבע אויסגע־פירט: ער האָט געשאַפן אַ געניאַלע פילאָסאָפישע קאָמבינאַציע, ער איז אָבער דערבײַ ניט אויסגעקומען אָן פשרות, וואָס אין אַזעלכע פאַלן קאָן מען זיך אָן דעם ניט באַגיין. בײַם רמבם, להיפך צו די פריִערדיקע ייִדישע דענקערס, האָבן די פשרות מכריע געווען מער אויפן צד פון דער פילאָסאָפיע ווי אויפן צד פון דער רעליגיע. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם געדאַנק, אַז דער גלויבן – ניט ער קאָן, נאָר ער מוז ווערן באַרעכטיקט דורך דער פילאָסאָפיע, דורכן שׂכל: ערשט דעמאָלט קאָן ער זײַן אַ כלי פאַר אַ קלאָרער דערקענטעניש פון גאָט. די בלינדע טראַדיציע טויג ניט דערפאַר, זי איז דער חלק פון שׂכלען פון אַ נידעריקער בחינה.

דער תּמצית פון דעם רמבמס מעטאַפיזיק באַשטייט דערין, אַז עס איז פאַראַן אַן „ערשטער באַוועגער", וואָס ער האָט די גאַנצע וועלט געבראַכט אין באַוועגונג. גאָט איז דער כּוח, וואָס „עקסיסטירט בהכרח", להיפך צו אַלע זאַכן, וואָס „עקסיסטירן ביכולת". גאָט קאָן מען ניט באַשרײַבן מיט קיין אַטריבוטן (תוארים), וואָרעם דאָס וואָלט געבראַכט — און דאָס האָט פאַקטיש געבראַכט – צו הגשמה, צו פאַרמענטשלעכונג, און דאָס, האַלט דער רמבם, איז די גרעסטע אַפּיקורסות. די אַנטראָפּאָמאָרפיזמען פון תנך (אַזעלכע אויסדרוקן ווי „גאָט האָט געזאָגט", „געהערט", וכדומה אַזעלכע) באַדאַרף מען אָננעמען נאָר ווי בילדער אָדער גלײַכעניש, וואָרעם קיין רעאַלע פאָרשטעלונג וועגן גאָט האָבן מיר ניט. מיר ווייסן נאָר, אַז גאָט א י ז פ אַ ר אַ ן, אָבער ניט

וואָס ער איז. גאָט קאָן מען ניט באַשרײַבן מיט קיין פּאָזיטיווע אַטריבוטן, אָבער נאָר מיט נעגאַטיווע: ער האָט ניט ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סוף, ער איז ניט פֿאַרבונדן מיט קיין צײַט און מיט קיין רוים וכדומה. די אַבסאָלוטע איינציקייט פֿון גאָט איז געדרונגען פֿון דעם, וואָס עס קאָן ניט געמאָלט זײַן מער ווי איין כּוח וואָס „עקסיסטירט בהכרח", אָדער אַ כּוח וואָס עקסיסטירט פֿון זיך אַליין, וואָרעם אַנדערש וואָלט ער דאָך געווען נאָר אַ כּוח, וואָס „עקסיסטירט ביכולת", וואָס קאָן זײַן, אָבער מוז ניט זײַן, וואָלט ער געווען דער באַשאַף פֿון אַ צווייטן כּוח. אָבער דאָס איז דאָך אין סתּירה מיט דער הנחה, אַז ער איז דער בראשית־כּוח, וואָס איז געווען פֿריִער פֿאַר יעדער זײַן. דערפֿון איז געדרונגען, אַז די וועלט קומט אַרויס לויט דעם בוראס שעפֿערישן ווילן פֿון גאָרנישט (מאַין), אַז אויך די מאַטעריע גופֿא פֿון דער וועלט (דער חומר היולי) איז אויך געוואָרן באַשאַפֿן און עקסיסטירט נאָר אין די גרענעצן פֿון דער צײַט, וואָרעם אויב מיר נעמען אָן, אַז דער חומר פֿאַרמאָגט אַן אייביק זײַן, אַז ער עקסיסטירט פֿאַר דער צײַט, גלײַכן מיר אים צו צו דעם זײַן פֿון גאָט אַליין, דאָס הייסט, אַז מיר נעמען אָן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן צוויי זאַכן, וואָס עקסיסטירן איטלעכע פֿאַר זיך, און ממילא קומען מיר ווידער צו אַ סתּירה קעגן דער גרונד־הנחה. אין דעם פּונקט גייט דער רמבם אַוועק פֿון אַריסטאָטעלעס' שיטה וועגן דעם, אַז די וועלט איז אַ קדמון, אַז די וועלט־מאַטעריע איז אייביק. מיט געוויסע שינויים נעמט דער רמבם אָן דעם „לייטער פֿון דער יצירה" לויט דער שיטה פֿון די פּעריפּאַטעטיקער און שטעלט אַרײַן צווישן גאָט און דער גשמיותדיקער וועלט אַ קאַטעגאָריע פֿון ריינע גײַסטער אָדער „אָפּגעשיידטע שׂכלען" (שׂכל הנבדל), וואָס די טראַדיציע רופֿט זיי אָן מלאָכים און וואָס זיי זײַנען אַן עמאַנאַציע פֿון דעם געטלעכן שׂכל. די גשמיותדיקע וועלט הייבט זיך אָן פֿון די העכסטע שטערן־ספֿערעס (עולם הגלגלים), וואָס דרייען זיך אייביק אין דעם לופֿטרוים, און ענדיקט זיך מיט דער אונטערשטער וועלט פֿון די פֿיר יסודות (פֿײַער, וואַסער, לופֿט, ערד), ווו דער גראָבער חומר איז מער שולט ווי די „פֿאָרם", די „צורה", דער לעבן־שאַפֿנדיקער תּוך, ווו אַלץ געפֿינט זיך אונטערן געזעץ פֿון פֿאַרגייִקייט און טויט.

אין דעם מענטשן איז פֿאַראייניקט דער חומר און די צורה, דאָס צײַטווײַליקע און דאָס אייביקע, גוף און נשמה. די נשמה באַשטייט פֿון צוויי עלעמענטן: 1) פֿון דער אינדיווידועלער לעבנסקראַפֿט פֿון דעם געגעבענעם יחיד און 2) פֿון דעם אוניווערסאַלן גײַסט פֿון דער מענטשהייט, וואָס איז ויך משתּלם דורך דענקען, ווערט אַן „אײַנגעשאַפֿטער שׂכל" (שׂכל הנקנה) און ווערט אַרײַנגענומען אין דער געטלעכער עמאַנאַציע אָדער אין דער בחינה פֿון דעם „שׂכל הנבדל". די נשמה (נפש) ווי די לעבנסקראַפֿט פֿאַרגייט

צוזאַמען מיטן גוף, דער גייַסט אָבער (רוח) אָדער דער שׂכל – אויף אים האָט דער טויט קיין שליטה ניט. צו פֿולער אומשטאַרביקייט זייַנען זוכה נאָר אויסדערוויילטע מענטשן, וואָס האָבן דערפֿירט צו שלמות זייער שׂכלדיקן, געטלעכן גייַסט; מענטשן פֿון אַ נידעריקערער בחינה דערגרייכן נאָר צו אַ טיילווייַזער אומשטאַרביקייט, וואָס האָט פֿאַרשיידענע מדרגות.

אַריבערגייענדיק צו די יסודות פֿון דער ביבלישער ייִדישקייט דערקלערט דער רמבם, אַז די נבֿואה איז דער רעזולטאַט פֿון אַ דערנעענטערונג פֿון דעם מענטשלעכן שׂכל צום געטלעכן שׂכל און אַז יעדער מענטש, וואָס זייַן געדאַנק איז געווענדט צו אַ העכערן ציל, קאָן אין פֿאַרשיידענע מדרגות דערגרייכן צו רוח־הנבֿואה אָדער רוח־הקודש. צו דער העכסטער מדרגה פֿון דער נבֿואה האָט דערגרייכט משה רבנו, וואָס גאָט האָט צו אים שטענדיק גערעדט פּנים־אל־פּנים, און ניט דורך צופֿעליקע וויזיעס (מחזה אָדער חזון), ווי ביי די אַנדערע נבֿיאים. דער ציל פֿון תּורת משה איז די השלמה פֿון דעם מענטשנס גוף און נשמה. אַ גאַנצע ריי היגיענישע כּללים און סאָציאַלע געזעצן רעגולירן דאָס לעבן פֿון דעם ייִד ווי אַ יחיד, אַ גליד פֿון אַ משפּחה און פֿון אַ געזעלשאַפֿט. ריידנדיק וועגן די איסורים פֿון געצנדינערייַ באַמערקט דער רמבם, אַז דער קולט פֿון די קרבנות, וואָס איז געווען איינגעשטעלט אין בית־המקדש, איז געווען נאָר אַ צייַטווייַליקע פּשרה לגבי דעם המון־עם, וואָס איז געווען צוגעוויינט צום געצנדינערישן קולט, און דערפֿאַר זייַנען די נבֿיאים געווען קעגן די קרבנות. די דינים וועגן שפּייַז, וועגן ריטועלער ריינקייט און סעקסועלער ציכטיקייט באַדאַרפֿן צוגעוויינען צו היגיענע און צו אייַנגעהאַלטנקייט. די ימים־טובֿים שאַפֿן אָפּרו פֿאַרן גוף און פֿאַר דער נשמה און פֿאַרפֿעסטיקן דעם אָנדענק פֿון היסטאָרישע געשעענישן. די געזעצן וועגן אייגנטום און וועגן הילף פֿאַר אָרעמע לייַט זייַנען אַרויסגעדרונגען פֿון די פּרינציפּן פֿון יושר און מענטשן־ליבע.

מען דאַרף באַמערקן, אַז דער רמבם שטעלט אומעטום די השלמה פֿון שׂכל איבער דער השלמה פֿון די מידות. אין דעם לעצטן פּרק פֿון זייַן ספֿר שיידט ער אונטער „קנינים" פֿון פֿיר מינים: 1) גשמיותדיקע קנינים (עשירות וכדומה) — דאָס איז די נידעריקסטע מדרגה, וואָרעם זיי גיבן גאָרנישט צו מאַכן בעסער דעם מענטשנס טבֿע, און חוץ דעם פֿאַרגייען זיי גיך; 2) געזונטקייט פֿון גוף — דאָס איז אַ קנין וואָס דער מענטש האָט אים באַגלייַך מיט די נידעריקסטע בעלי־חיים; 3) די השלמה פֿון די מאָראַלישע מידות – דאָס איז אַ העכערע דערגרייכונג, וואָס אויף איר זייַנען געווענדט דער גרעסטער טייל פֿון די מצוות, אָבער זי איז דאָך ניט קיין ציל פֿאַר זיך, וואָרעם די מידות זייַנען וויכטיק אין די באַציִונגען פֿון דעם מענטש צו זייַן חבֿר אָדער צו דער געזעלשאַפֿט, און אויב מען זאָל זיך פֿאָרשטעלן דעם מענטשן מחוץ

דעם כלל, דעמאָלט זײַנען אַלע גוטע מידות גאָר ניט נייטיק; ממילא קומט אויס, אַז עס איז פֿאַראַן נאָך אַ העכערער, אַן אַבסאָלוט גוטער קנין, דאָס איז 4) די השלמה פון די מידות פון שׂכל, וואָס באַשטייט אין דערקענען דעם בורא און די וועלט וואָס ער האָט באַשאַפֿן דורך שטענדיקן שטודירן און דענקען. דער „המון" מעג הויך שאַצן די מעלות פון די קנינים פון די ערשטע דרײַ מינים, — דער חכם ווייס, אַז אַן אמתן ווערט האָט נאָר דער פֿערטער קנין, די העכסטע מדרגה. די השלמה פון שׂכל אָדער פון דער ידיעה איז דער סימן פון אַ מענטשן פון אַ העכערן טיפּ, פון אַן איבערמענטשן, וואָס שטייט אונטער דער השגחה פּרטית פון דעם אייבערשטן און וואָס איז זוכה צו אַבסאָלוטער אומשטאַרביקייט. די דאָזיקע אייבער=שליטה פון דעם שׂכל, האַלט דער רמבם, מיינט עס דער פּסוק אין ירמיה ט׳, 22: „אל יתהלל חכם בחכמתו ואל יתהלל הגבור בגבורתו אל יתהלל עשיר בעשרו, כי אם בזאת יתהלל המתהלל השׂכל וידע אותי — נאם ה׳" — „זאָל זיך ניט באַרימען דער קלוגער מיט זײַן קלוגשאַפֿט (אין ענינים פון דער וועלט), דער שטאַרקער מיט זײַן שטאַרקייט, דער רײַכער מיט זײַן רײַכקייט, נאָר דערמיט מעג זיך באַרימען דער וואָס באַרימט זיך: דורך שׂכל און דערקענען מיך – אַזוי זאָגט גאָט".

אַזוי אַרום איז דער אונטערשייד=סימן פון דעם רמבמס רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע דער א י נ ט ע ל ע ק ט ו אַ ל י ז ם, דער שלטון=השׂכל, די אייבערוואָג פון דעם שׂכל איבערן געפֿיל, פון דער דערקענטעניש איבער דער עמאָציע, און דער דערפֿון געדרונגענער גײַסטיקער אַריסטאָקראַטיזם. דער רמבם שטייט אויף די ליכטיקע, אָבער קאַלטע שפּיצן פון געדאַנק, ווו עס ווערן בטל יענע באַדערפֿענישן און נויטן פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס זיי איז באַרופֿן צו באַדינען די רעליגיע. ער פֿאַרזעט, אַז רעליגיע איז אַ פֿונקציע ניט נאָר פון דעם „גײַסט" אָדער פון דעם העכסטן שׂכל, נײַערט אויך אַ פֿונקציע פון דער נשמה, און אַז זי איז מחוייב צו געבן ניט נאָר ליכטיקייט, נײַערט אויך וואַרעמקייט, ניט נאָר דעם אָביעקטיוון אמת, נײַערט אויך דעם סוביעקטיוון אמת. ער וויל ניט באַמערקן דעם טיפֿן דעמאָקראַטישן מהות אין דער עטיק פון ייִדישקייט, וואָס טיילט אײַן די מענטשן לויט דער מדרגה פון זייער מאָראַלישער שלמות, וואָס איטלעכער קאָן צו איר גרייכן, און ניט לויט דער מדרגה פון דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, וואָס ניט אַלע קאָנען צו איר דערלאַנגען. דער אידעאַל פון דעם רמבמס „דענקענדיקן איבערמענטש" איז נעענטער צו דעם העלענישן וועלטקוק ווי צו דעם ייִדישן. אויך אין די פּרטים פון זײַן סיסטעם איז דער רמבם מוותר בנוגע אַ סך פּונקטן אויף די היסטאָרישע יסודות פון ייִדישקייט צוליב די אַריסטאָטעלישע חקירות. פּונקט ווי אַלע דענקער פון מיטלעלטער האָט ער ניט קיין היסטאָרישע פּערספּעקטיווע, האָט ער ניט קיין פֿאָרשטעלונג וועגן עוואָלוציע, נאָר אַלצדינג

שטעלט זיך בײַ אים אויס אין אַ קייט ריכטיק געבויטע סילאָגיזמען און פֿאָרמאַלע דרינגענישן פֿון דעם שׂכל. דער אַבסטראַקטער פֿילאָסאָפֿיזם שטייט דאָ שאַרף אַנטקעגן דעם קאָנקרעטן היסטאָריזם.[1]

און פֿון דעסט וועגן האָט די פֿילאָסאָפֿישע סיסטעם, וואָס איז אַרויסגעזאָגט אין „מורה נבֿוכים“, אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער אַנטוויקלונג פֿון דעם ייִדישן געדאַנק. פֿון איר האָט אַ פֿלייץ געטאָן אין ייִדישן גײַסטיקן לעבן אַרײַן אַזאַ שטראָם ליכטיקייט, אַז אַ סך האָבן פֿאַר שרעק פֿאַרמאַכט די אויגן, געבלענדט דורך די העלע שטראַלן. פֿאַר איינע איז דעם רמבמס ספֿר געוואָרן דער לײַכטנדיקער פֿירער־שטערן, און פֿאַר אַנדערע — דער סימבאָל פֿון פֿרײַדענקערײַ און אַפּיקורסות. אין קאַמף פֿאַר און קעגן דעם ספֿר זײַנען מאָביליזירט געוואָרן גאַנצע מחנות דענקערס; ער איז געוואָרן די סיבה פֿון דער גײַסטיקער שפּאַלטונג אין דער נאָענטסטער תּקופֿה.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג, און דער שם פֿון דעם ספֿר „מורה נבֿוכים“ האָט זיך פֿאַרשפּרייט ווײַט און ברייט. עס האָבן אים שטודירט די טעאָלאָגן פֿון אַלע אמונות: ייִדן, מוסלימס, קריסטן. די אָרטאָדאָקסאַלע מוסלימס האָבן אַרויסגעזאָגט דעם חשש, אַז דעם רמבמס ספֿר וואָס איז געשריבן אין אַראַביש קאָן פֿאַרשפּרייטן אַפּיקורסות בײַ די אַראַבער. מען האָט דעם מחבר צוגעגליכן צו דעם אַראַבישן אַריסטאָטעליקער איבן־ראָשד, וואָס איז גראָד אין יענע יאָרן לויטן באַפֿעל פֿון דעם אַלמאָהאַדישן כאַליף מאַנסור געוואָרן דערקלערט פֿאַר אַ צעשטערער פֿון דעם קאָראַן, און זײַנע ביכער זײַנען געוואָרן פֿאַרברענט. נאָר פֿון דער אַנדערער זײַט האָט דער רמבם געהאַט אויך הייסע אָנהענגער. די גרעסטע באַוועגונג האָט דעם רמבמס ספֿר אַרויסגערופֿן אין די געבילדעטע קרײַזן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, און ער איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן מיט אַ גיכקייט, וואָס איז פֿאַר יענע צײַטן ממש אַ חידוש. צום מחבר האָבן גענומען זיך ווענדן מענטשן פֿון אַלע זײַטן, סײַ אָנהענגער סײַ געגנער, מיט בקשות אויסצוטײַטשן די אָדער יענע פּרטים פֿון זײַן שיטה. טייל האָבן געמאָנט בײַם רמבם אַן אויפֿקלערונג, פֿאַר וואָס ער האָט, בעת ער האָט פֿילאָסאָפֿיש דערוויזן די אידעע פֿון השאָרת־הנפֿש, פֿאַרשוויגן די דאָגמע פֿון תּחית־המתים. דערויף האָט דער רמבם געענטפֿערט אין אַ באַזונדער טראַקטאַט (אין דער העברעיִשער איבערזעצונג א"ט „מאמר תּחית המתים“, אַרום 1191), אַז ער קאָן טאַקע פֿילאָסאָפֿיש ניט באַגרינדן די דאָגמע וועגן דער תּחית־המתים פֿון דעם גוף, נאָר אין תּחית־המתים גופֿא

[1] אין זײַן פּירוש צום לעצטן פּרק פֿון משנה „סנהדרין“ רעכנט דער רמבם צווישן די „עסקים וואָס מען בטלט דערבײַ צײַט אומזיסט“—דאָס לייענען „פֿאָלקסביכער פֿון געשיכטע, וואָס דערציילן וועגן דער רעגירונג פֿון מלכים אאז"וו“. „אין אַזעלכע ביכער איז ניטאָ קיין נוצן ניט פֿאַרן גוף און ניט פֿאַרן שׂכל, און לייענען זיי הייסט נאָר פּטרן צײַט אומזיסט“.

גלייבט ער, אַז דאָס איז איינער פֿון יענע „פּאַרויס באַשטימטע נסים", וואָס דורך זיי טוט גאָט טייל מאָל צעשטערן דעם געזעצמאָסיקן גאַנג פֿון דער נאַטור. דער פֿילאָסאָף איז געוועזן ברוגז, וואָס מען וואַרפֿט אָזעלכע חשדים אויף זײַן פֿרומקייט, און אפֿשר אויך געוועזן ניט צופֿרידן דערמיט, וואָס ער קאָן זיך ניט אַרויסזאָגן פֿרײַ מכּוח אייניקע פֿראַגעס פֿון דער דאָגמאַטיק. אין זײַנע בריוו צו נאָענטע מענטשן רעדט ער גאַנץ שאַרפֿע דיבורים קעגן יענע „שוטים און אַלטע ייִדענעס", וואָס האַלטן הייליק יעטווידער אַלטע טראַדיציע, וואָס שטעלט פֿאַר דעם בורא כּבֿיכול שיער נישט מיט אויגן און אויערן. ער וואָרנט זײַן זון, ער זאָל ניט לערנען די ספֿרים פֿון די פֿראַנצייזישע תּלמודיסטן, וואָס קענען ניט קיין פֿילאָסאָפֿיע, און רעקאָמענדירט אים דעם פּירוש צום תּנך פֿון אַבֿרהם אבן עזרא, וואָס זאָגט דעם אמת „אָן מורא פֿאַר קיינעם און אָן צו שאַנעווען עמעצן". ווען געלערנטע פֿון מאַרסעל האָבן געבעטן בײַם רמבם אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג וועגן אַסטראָלאָגיע, האָבן זיי געקראָגן פֿון אים אַ תּשובֿה, אַז די „געצנדינערישע אײַנגלייבעניש פֿון די שטערנזעערס" איז אַ מיאוסע און אַ פּוסטע זאַך און האָט קיין שום שײַכות ניט צו דער וויסנשאַפֿטלעכער אַסטראָנאָמיע, וואָס איז דער יסוד פֿון דער מעטאַפֿיזיק.

פֿון מאַרסעל, לונעל און אַנדערע שטעט פֿון פּראָוואַנס האָט מען צום רמבם געשיקט התפּעלותדיקע בריוו. מען האָט אים צוגעגליכן צו משה רבנו, צו רב אַשי, צו אַנדערע בויערס פֿון דער יהדות — דערפֿאַר וואָס ער האָט מחבר געווען די „משנה תּורה". דער פּאָעט יהודה אַלחריזי האָט אים באַזונגען מיט אַזעלכע ווערטער: „אַ סך חכמים האָבן אויפֿגעשטײַגט ביז צו דער הויכקייט פֿון דעם שׂכל, נאָר משה (דער רמבם) האָט אַרויפֿגעשטײַגט צו גאָט".

אַ באַזונדערס געטרײַער תּלמיד פֿון דעם רמבם איז געווען דער באַוווּסטער איבערזעצער ר' שמואל אבן תּבון (§ 47), וואָס האָט איבערגעזעצט פֿון אַראַביש אויף העברעיִש דעם „מורה נבֿוכים". 1 רבי שמואל האָט דעם ספֿר איבערגעזעצט מיט אַ געפֿיל פֿון יראת־הכּבֿוד, אַזוי ווי מען זעצט איבער הייליקע טעקסטן; ער פֿלעגט שיקן צום מחבר דעם כּתבֿ־יד פֿון דער איבערזעצונג און בעטן אים אויסצוטײַטשן די האַרבע ערטער פֿון דעם טעקסט. ער האָט אויך געשריבן אים, אַז ער וויל קומען צו פֿאָרן קיין מצרים און דורכמאַכן דעם גאַנצן לאַנגן וועג, כּדי צו זען זיך פּנים־אל־פּנים מיטן רבין. נאָר דער רמבם האָט אים אָפּגערעדט פֿונעם פֿאָרן און האָט אים אָנגעוויזן, אַז ער איז צו פֿיל פֿאַרנומען מיט פֿאַרשיידענע ענינים, אַזוי אַז ער וועט גאָר ווינציק

1 באַלד נאָך דעם ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן די דאָזיקע איבערזעצונג, האָט דער פּאָעט אַלחריזי איבערגעזעצט דעם „מורה נבֿוכים" נאָך אַ מאָל. זײַן איבערזעצונג צייכנט זיך אויס מיט אַ גרינגן סטיל, אָבער זי גיט ניט איבער אַזוי פּינקטלעך דעם געדאַנק פֿונעם אָריגינאַל, ווי אבן תּבֿונס גענויע איבערזעצונג, וואָס איז אָבער שווער לויט דער שפּראַך.

צײַט קאָנען פֿאַרברענגען מיט אים. אָנווײַזנדיק זײַן איבערזעצער, ווי אַזוי מען דאַרף איבערגעבן דעם טעקסט, עצהט ער אים צו לייענען די ביכער פֿון אַריסטאָטעלעסן אין די אַראַבישע באַאַרבעטונגען פֿון אַלפֿאַראַבי, איבן־סינאַ און איבן־ראָשד.

חוץ די אָנגערופֿענע חיבורים, האָט דער רמבם אָנגעשריבן נאָך אַ צאָל טראַקטאַטן וועגן מעדיצין אין אַראַביש. ער איז געווען אַן אָנהענגער פֿון דער אַלגעמיין אָנגענומענער סיסטעם פֿון גאַלענוס און האָט צו איר צוגעגעבן געוויסע תּוך־זאַכן. צווישן די דאָזיקע ווערק האָבן די מיטלעלטערלעכע מע־דיקער געהאַלטן באַזונדערס פֿון דעם טראַקטאַט וועגן די סמען און די „אַפֿאָ־ריזמען" לויט גאַלענוסן (אין דער העברעיִשער איבערזעצונג א"ט „פּרקי משה"). לויט דער בקשה פֿון דעם סולטאַן אַל־אַפֿדאַל דעם זון פֿון סאַלאַדין, האָט דער רמבם געשריבן אַ האַנטבוך וועגן היגיענע („הנהגת הבריאות"). פֿון די איבעריקע ווערק דעם רמבמס דאַרף מען נאָך דערמאָנען זײַן קליינעם חיבור וועגן לאָגיק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן יונגערהייט אין אַראַביש, און וואָס איז שפּעטער שטאַרק מפֿורסם געוואָרן אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פֿון משה אבן תּבון, אונטערן טיטל „מלות ההגיון להרמבם".

די אַרבעט אָן אויפֿהער האָט אײַנגעבראָכן דאָס געזונט פֿון דעם גרויסן דענקער. די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער אָפֿט געקרענקט און געקלאָגט זיך אויף מידקייט. דער רמבם איז געשטאָרבן אין מצרים, 70 יאָר אַלט, 20 טעג אין טבֿת ד' תּתקס"ה (13טן דעצעמבער 1204). [1]

---

1 וועגן דעם רמבמס לעצטע יאָרן אין מצרים זע ווײַטער, § 61.

קאַפּיטל III

איטאַליע און ביזאַנץ, פּוילן און רוסלאַנד אין 12טן י״ה

§ 51. ייִדן אין רוים און אין אייבער־איטאַליע

די תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַזוי פֿיל שינויים אין לעבן פֿון די ייִדן פֿון מיטל־אייראָפּע, האָט זיך ווינציקער פֿון אַלץ אָפּגערופֿן אין דער עלטסטער ייִדישער קאָלאָניע פֿון אייראָפּע: אין איטאַליע. אין דער רעזידענץ פֿון די פּויפּסן האָט די באַוועגונג פֿון די קרייצפֿאָרערס ניט אַרויסגערופֿן אַזאַ רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם ווי אין אַנדערע לענדער, ווו דער רוף פֿון רוים האָט פֿונאַנדערגעבלאָזן די שׂינאה צו אַנדערש־גלייביקע. די רוימישע פּויפּסן זײַנען אין יענער צײַט ווינציקער פֿון אַלץ געווען נביאים אין זייער פֿאָטערלאַנד. נאָך דעם צײַטווײַליקן ניצחון פֿון דעם פּויפּסטום איבער דעם דײַטשן קיסרטום, וואָס עס האָט אָפּגעהאַלטן גרעגאָר VIII, איז אַוועק נאָך אַ גאַנצער יאָרהונדערט אין דעם געראַנגל צווישן די צוויי כּוחות, וואָס צו אים זײַנען נאָך צוגעקומען שטענדיקע מהומות און קריגערײַען אין רוים גופֿא. אַלע מאָל ווען מען האָט געדאַרפֿט קלײַבן אַ פּויפּס, זײַנען אַרויסגעקומען מחלוקתן צווישן די פּאַרטייען, וואָס פֿלעגן דערגריין צו שלאַכטן אין די גאַסן. עס איז געגאַנגען אַ קאַמף צווישן פֿאַר־שיידענע גרופּעס פּאַטריציער, וואָס איטלעכע פֿלעגט אַרויסשטעלן איר קאַנ־דידאַט, און אויך צווישן דער גאַנצער רוימישער אַריסטאָקראַטיע און דעם מיטלקלאַס פֿון די שטאָטלײַט, וואָס האָבן בהדרגה איבערגענומען דאָ די מאַכט, פּונקט ווי אין די אַנדערע שטאָטישע רעפּובליקן פֿון איטאַליע. טייל פּויפּסן האָבן געהאַט זייערע אַנטיפּויפּסן. אין 12טן י״ה האָבן אַלע ווײַלע זיך געביטן די פּויפּסן אויפֿן הייליקן שטול: אָט פֿלעגט מען קריינען אַ פּויפּס און באַלד איז ער געוואָרן אַראָפּגעזעצט, און אַ צווייטער פּרעטענדענט האָט פֿאַרנומען זײַן אָרט, בעת ער אַליין האָט געמוזט ווערן נע־ונד, ביז די צערודערטע שטאָט האָט זיך אײַנגעשטילט. מחמת אָט דעם מצבֿ האָט מען אין דער פּויפּסלעכער רעזידענץ ניט געקענט קוקן אויפֿן ראָש פֿון דער קירך מיט אַזאַ יראת־הכּבֿוד, ווי אין די ווײַטע לענדער, ווו מען האָט ניט געזען די אַלע מעשׂים־תּעתּועים וואָס טוען זיך אָפּ אין רוים.

אין דער קריסטלעכער רוים, וואָס האָט איבערגענומען בירושה פֿון דער הייִדנישער צײַט די תשוקה צו שפּילן און פּאַראַדן, פֿלעגט מען אָפּהיטן מיט אַלע קלעפּערלעך דעם קיסרלעכן צערעמאָניאַל בײַ דער קריינונג פֿון אַ פּויפּס. אויך די רוימישע ייִדן האָבן געהאַט אויסצופֿירן אַ צערעמאָניע וואָס איז געווען אײַנגעשטעלט דורך דער טראַדיציע. בעת דער נײַ אויסגע־קליבענער פּויפּס פֿלעגט אין אַ פֿײַערלעכער פּראָצעסיע גיין צום לאַטעראַנער פּאַלאַץ, פֿלעגט אים באַגעגענען אונטער וועגס אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ אַ דעפּוטאַציע פֿון דער ייִדישער קהילה, וואָס פֿלעגט קומען באַגלייך מיט די דעפּוטאַציעס פֿון אַנדערע רוימישע „סקאָלעס" (אויבן, § 18). דער רבֿ פֿלעגט אונטערטראָגן דעם פּויפּס אַ ספֿר־תּורה געשריבן אויף פּאַרמעט. אין יענעם טאָג, פּונקט ווי אין די טעג פֿון פּאַסכע און ניטל, פֿלעגט די ייִדישע קהילה, באַגלײַך מיט די אַנדערע סקאָלעס, אַרײַנטראָגן דעם פּויפּס די טראַדיציאָנעלע נתינה: צוויי פֿונט צימערינג און איין פֿונט פּעפּער, און דערפֿאַר פֿלעגט זי קריגן פֿון דעם פּויפּס' קאַסירער צוואַנציק קליינע מטבעות. חוץ אָט דער יום־טובֿדיקער נתינה, וואָס איז געווען אַ סימבאָל פֿון דער אונטער־טעניקייט פֿון דער סינאַגאָגע לגבי דעם ראָש פֿון דער קירך, פֿלעגט דעם פּויפּס' קאַסע באַקומען מער ממשותדיקע וואָכעדיקע אָפּצאָלן פֿון די ייִדן, די אונטערטאַנען פֿון דער רוימישער קוריע. עס פֿלעגט טרעפֿן אָפֿט אין יענער צײַט, אַז ייִדן האָבן געדאַרפֿט צאָלן אויך אויסערגעוויינטלעכע קאָנטריבוציעס. די פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער קהילה אין רוים, וואָס האָבן געהאַט פֿאַר־בינדונגען אין פּויפּסלעכן הויף, זײַנען געווען די נאַטירלעכע שתּדלנים בײַם פּויפּס פֿאַר זייערע פֿאָלקסברידער אין פֿאַרשיידענע לענדער. אַז עס פֿלעגן זיך טרעפֿן פּאָגראָמען אין דײַטשלאַנד אָדער אין פֿראַנקרײַך, אַז עס פֿלעגן פֿאָרקומען רדיפֿות מצד די אָרטיקע מאַכטהאָבערס אָדער עס פֿלעגן געשען בכלל וואָסערע אומגליקן, באַלד פֿלעגט דאָס ווערן באַוווּסט אין רוים, וואָס די געליטענע קהילות פֿלעגן שיקן אַהין שלוחים צו זייערע ברידער מיט דער בקשה, זיי זאָלן אויסשתּדלען בײַם פּויפּס זײַן וואָגיק וואָרט צום שוץ פֿון די גערודפֿטע און געפּלאָגטע. די רוימישע ייִדן האָבן גערן גענומען אויף זיך אַזעלכע שליחותן, און די פּויפּסלעכע קאַנצעלאַריע האָט ניט געקאַרגט מיט קיין גוטע ווערטער פֿון דעם אַפּאָסטאָלישן שטול אויף צו באַרויִקן די געמיטער, ווי ווײַט די שתּדלנים זײַנען ניט געווען קאַרג אויף מתּנות. דאָס איז משמעות די פּראָזאַיִשע דערקלערונג דערפֿאַר, פֿון וואַנען עס שטאַמען די פּויפּסלעכע בולעס לטובֿת די ייִדן, חוץ יענע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע מאָטיוון, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן יענע אַקטן. צו גלײַך מיט דער שתּדלנות פֿאַר זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער האָבן די רוימישע ייִדן געזאָרגט צו פֿאַרזיכערן דורך אַזעלכע אַקטן אויך זייער אייגענעם געזעלשאַפֿטלעכן

מצבֿ, זייערע קנאַפּע „רעכט און פּריווילעגיעס", וואָס איטלעכער נײַ אויסגע-קליבענער פּויפּס פֿלעגט זיי באַשטעטיקן.

דער מצבֿ פֿון ייִדן אין רוים און אין איטאַליע בכלל האָט אין 12טן י"ה געמעגט ווערן באַטראַכט פֿאַר גאָר גוט לגבי דעם מצבֿ פֿון ייִדן אין אַנדערע לענדער. די פּויפּסן, וואָס האָבן זיך גיך געביטן נאָך גרעגאָר VII און דעם באַגײַסטערער פֿון דעם ערשטן קרייצצוג אורבאַן II, האָבן געטאַדלט די קרייצפֿאָרערס פֿאַר די פּאָגראָמען און געוואַלד-שמדן פֿון ייִדן, הגם זיי האָבן אויך ניט געהן דערלויבט די אָפּגעשמדטע זיך אומצוקערן צו זייער פֿריִערדיקער אמונה. דער פּויפּס קאַליקסטוס II (1120—1124), וואָס אַ ייִדישע דעפּוטאַציע האָט אים באַגעגנט מיט אַ ספֿר-תּורה בײַ זײַן פֿײַערלעכן אַרײַנ-פֿאָר אין רוים, האָט אַרויסגעגעבן אַ בולע וועגן דעם, אַז מען מוז באַשיצן די רעכט פֿון ייִדן און ניט דערלאָזן זיי שמדן איבער געוואַלד.

בײַם הויף פֿון קאַליקסטוס II האָט זיך געפֿונען אַ קאַרדינאַל פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג, מיטן נאָמען פּעטרוס, פֿון דער פּאַטריצישער משפּחה פּיערלעאָנע, וואָס איר עלטערפֿאָטער איז געווען אַ געשמדטער ייִדישער באַנקיר (אויבן, § 18). אַט דעם אָפּשטאַמלינג פֿון ייִדן איז געווען באַשערט אַ קורצע צײַט צו פֿאַרנעמען די שטול פֿון הייליקן פּעטרוס. נאָכן טויט פֿון דעם פּויפּס האָנאָריוס II (1130), וואָס האָט רעגירט נאָך קאַליקסטוסן, האָט זיך אין רוים אָנגעהויבן דער געוויינטלעכער קאַמף פֿאַר דער פּויפּסלעכער טיאַרע צווישן די פּרעטענדענטן די קאַרדינאַלן. די פּאַרטיי פֿון די פּיער-לעאָנעס האָט אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פֿון דעם קאַרדינאַל פּעטרוס, און די קעגן-פּאַרטיי פֿון דער פּאַטריצישער משפּחה פֿראַנדזשינאַני האָט אַרויס-געשטעלט איר קאַנדידאַט. די קעמפֿנדיקע פּאַרטייען האָבן געמאַכט וואַלן אין פֿאַרשיידענע קאָלעגיעס פֿון קאַרדינאַלן און וועלטלעכע האַרן: אין איין קאָלעגיע, וואָס האָט זיך צונויפֿגעקליבן בשתיקה און אין אַ ניט-געזעצלעכן באַשטאַנד, איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ פּויפּס דער קאַנדידאַט פֿון די פֿראַנדזשינאַני אונטערן נאָמען אינאָקענטיוס II, און אין אַ צווייטער פֿאַר-זאַמלונג, ווו עס האָבן זיך באַטייליקט דער רובֿ פֿון די קאַרדינאַלן און חשובֿע שטאָטלײַט, איז אויסגעקליבן געוואָרן פּעטרוס פּיערלעאָנע, וואָס האָט ווי אַ פּויפּס באַקומען דעם נאָמען אַ נ אַ ק לע ט ו ס II (1130—1138). אין שטאָט האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ בירגערקריג. דער פּויפּס אינאָקענטיוס II, וואָס האָט זיך געהאַט באַזעצט אין לאַטעראַן, האָט געמוזט אַנטלויפֿן פֿון דאָרט און אָפּטרעטן דעם אָרט אַנאַקלעטוסן, וואָס זײַן צד האָט אײַנגענומען דעם שלאָס אין שטורעם. אין דער גרערישיקער פּראָצעסיע לכּבֿוד דעם נײַעם פּויפּס איז געגאַנגען אויך אַ ייִדישע פּראָצעסיע, וואָס איז געקומען מיט די געוויינטלעכע באַגריסונגען און מיט אַ ספֿר-תּורה אין דעם רבֿס הענט.

אַנאַקלעטוס IIגס שׂונאים האָבן געמיט זיך צו פסלען אים באַזונדערס פאַר זײַן ייִדישער אָפּשטאַמונג און האָבן פאַרשפּרייט בילבולים, אַז ער האָט געראַובט קירכן און פאַרקויפט צו ייִדן טײַערע בילדער פון הייליקע. דער שטאַרקסטער פון די געגנערס פון דעם נײַעם פּויפּס, דער באַרימטער פראַנ־צייזישער אַבאַט בערנאַרד פון קלערוואָ, האָט זיך באַקלאָגט אין זײַן בריוו צום דײַטשן קיסר, פאַר וואָס „אויפן שטול פון דעם הייליקן פּעטרוס זיצט אַן אָפּשטאַמלינג פון ייִדן אויף צו שענדן קריסטוסן", און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אינאָקענטיוס II צוריק אַוועקזעצן אויף זײַן אָרט. אַכט יאָר האָט זיך געהאַלטן אויפן הייליקן שטול דער פּויפּס פון ייִדישן גזע. אין דער ייִדישער מאַסע פון ווײַטע לענדער האָט דער קלאַנג וועגן אַ „ייִדישן אַפּיפּיור" אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע פאַנטאַסטישע לעגענדעס. 1

נאָך דעם ווי דער אַנטיפּויפּס אינאָקענטיוס II איז געקומען צוריק קיין רוים, האָט אים די ייִדישע דעפּוטאַציע באַגריסט, לויטן אַלטן מנהג, מיט

---

1 מען מעג משער זײַן, אַז די פאָלקס־לעגענדע וועגן דעם ייִדישן פּויפּס אלחנן האָט אַ שײַכות מיט דער געשיכטע פון אַנאַקלעטוס II. די ייִדישע לעגענדע מאַכט פון דעם פּויפּס אַ קדוש און טראָגט אַריבער די דאָזיקע געשעעניש אין אַ פריִער צײַט. די מסורה דערציילט אָט וואָס: בײַ דעם באַרימטן פּײַטן רבי שמעון בן יצחק, וואָס האָט געלעבט אין 11טן י"ה אין מאַינץ (§ 15), האָט די קריסטלעכע דינסט צוגעכאַפּט זײַן ייִנגעלע אלחנן און אַוועקגע־געבן אים צו מאָנאַכן, וואָס האָבן דאָס קינד געשמדט און אויסגעהאָדעוועט אין אַ קלויסטער. שפּעטער איז ער געקומען קיין רוים, און אַ דאַנק זײַנע גרויסע פעיִקייטן איז ער געוואָרן אַ בישקופּ, דערנאָך אַ קאַרדינאַל און לסוף אַ פּויפּס. זײַן משפּחה האָט ניט געוווּסט וווּ דאָס פאַרפאַלענע קינד איז אַהין געקומען. אלחנן ווידער האָט שטאַרק געבענקט נאָך זײַן היים. בכדי צו קענען זען זײַן אַלטן פאָטער, האָט ער אָנגעווענדט אַזאַ קונץ. ער האָט באַפוילן דעם בישקופּ פון מאַינץ גוזר צו זײַן שווערע גזרות אויף די מאַינצער ייִדן, און האָט זיך משער געווען, אַז די קהילה וועט שיקן קיין רוים שלוחים זיך משתדל צו זײַן בײַם פּויפּס, און צווישן אָט די שלוחים וועט זיכער זײַן רבי שמעון. און אַזוי איז טאַקע געשען, ר' שמעון איז געקומען צו פאָרן קיין רוים זיך משתדל צו זײַן בײַם פּויפּס, ער זאָל מבטל זײַן די גזרות. דער פּויפּס האָט דערקענט זײַן פאָטער, אָבער יענער האָט אים ניט דערקענט. נאָך אַ קורצן וויכּוח אין רעליגיעזע ענינים האָט דער פּויפּס זיך אַוועקגעזעצט שפּילן מיטן אַלטן שאָך (ביידע האָבן זיי ליב געהאַט שאָך), און אַז ער איז געבליבן מיט אים אונטער פיר אויגן, האָט ער אים אויסגעזאָגט זײַן סוד. צו גלײַך האָט ער מיטגעטיילט דעם פאָטער, אַז ער האָט בדעה ווידער צו ווערן אַ ייִד. רבי שמעונס שׂמחה וואָס ער האָט געפונען זײַן פאַרלאָרענעם זון איז געווען אין לשער, און ער איז אין גיכן אַוועקגעפאָרן אַהיים מיט אָט דער גוטער בשׂורה און געבראַכט מיט זיך אויך אַ דעקרעט פון פּויפּס אויף אָפּצושאַפן אַלע גזרות קעגן די מאַינצער ייִדן. אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז דער פּויפּס נעלם געוואָרן פון רוים. ער איז בשתיקה געקומען צו פאָרן קיין מאַינץ, איז ווידער געוואָרן אַ ייִד און האָט זיך שטיל געלעבט אין זײַן משפּחה ווי אַלע ייִדן. — אַ צווייטער נוסח פון דער לעגענדע דערציילט, אַז דער פּויפּס האָט דורך אַ תּשובֿה געוואָלט אויסקויפן זײַן חטא, האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דעם טורעם פון דער קירך פון הל' פּעטרוס אין רוים און איז דערהרגעט געוואָרן. — וועגן די מקורים זע אין דער ביבליאָגראַפיע צום § 51 (גידעמאַנס בוך).

אַ ספֿר־תּורה, נאָר זי האָט געקראָגן אַ שטרענגן ענטפֿער: „די הייליקע שריפֿט — האָט געזאָגט דער פּויפּס — שאַצן מיר און האַלטן אין כּבֿוד ווי דעם געזעץ וואָס דער אַלמעכטיקער גאָט האָט געגעבן דורך משהן אײַערע אָבֿות, אָבער אײַערע רעליגיעזע מנהגים און פּוסטע אײַנטײַטשונגען פֿאַרמשפּטן מיר, וואָרעם דער גואל, וואָס איר וואַרט אים אומזיסט, איז שוין לאַנג געקומען, לויט ווי עס לערנט אונדזער אַפּאָסטאָלישע אמונה: דאָס איז אונדזער האַר יעזוס קריסטוס, וואָס לעבט מיטן פֿאָטער און מיטן הייליקן גײַסט און וואָס קיניגט ווי אַ גאָט פֿון אייביקייט ביז אייביקייט". די שוצבולע פֿון קאַליקסטוס II האָט אינאָקענטיוס ניט באַנײַט. דאָס אַלץ איז געווען אַ שטראָף דערפֿאַר, וואָס אַ פּויפּס פֿון יִדישן אָפּשטאַם האָט מיט אים קאָנקורירט. דערפֿאַר אָבער די אַלט אײַנגעשטעלטע רעכט פֿון דער יִדישער קהילה אין רוים האָט אינאָקענטיוס II ניט אָנגערירט, און אויך ניט די נאָענטסטע פּויפּסן נאָך אים. אייניקע פֿון די שפּעטערדיקע פּויפּסן האָבן געפֿירט אַ צווייענדיקע פּאָליטיק לגבי יִדן: פּערזענלעך האָבן זיי באַשיצט די רוימישע קהילה, בפֿרט די יִדישע גבֿירים, וואָס האָבן געטאָן פֿינאַנציעלע טובֿות דער פּויפּסלעכער קוריע, אָבער אין די אָפֿיציעלע אַקטן, וואָס האָבן באַשטימט די לאַגע פֿון יִדן אין דער קריסטלעכער וועלט בכלל, האָבן זיי איבער פּאָליטישע חשבֿונות געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו באַשטעטיקן די אַנטי־יִדישע קאַנאָנען. אַזוי האָט זיך נוהג געווען דער פּויפּס אַלכּסנדר III (1159—1181), וואָס זײַן נאָמען איז פֿאַרבונדן מיטן דריטן לאַטעראַנער קאָנציל פֿון יאָר 1179. אַ העלד פֿון דער פּאָליטישער דראַמע, וואָס אין איר האָבן גענומען אַן אָנטייל צוזאַמען מיט די אַנטיפּויפּסן אויך דער קיסר פֿרידריך באַרבאַראָסאַ און די אויפֿגעשטאַנענע לאָמבאַרדישע שטעט, האָט אַלכּסנדר III שטענדיק זיך געגייטיקט אין געלט און אין געניטע פֿינאַנץ־אַגענטן. אייניקע רײַכע יִדן פֿון רוים האָבן אים אויסגעהאָלפֿן מיט געלט; איינער פֿון זיי, י ח י א ל (אַן אייניקל פֿון רבי נתן בעל הערוך), איז געווען אַ פֿינאַנציעלער אַגענט בײַם פּויפּסלעכן הויף. לויט דער השתּדלות פֿון אָט די גבֿירים האָט אַלכּסנדר III באַשטעטיקט פֿאַר די רוימישע יִדן די שוצבולע, וואָס איז געווען באַגרינדעט אויף דער באַוווסטער פֿאָרמולע פֿון דעם פּויפּס גרעגאָר דעם גרויסן Sicut non (אויבן, § 3). פֿאַררופֿנדיק זיך אויף זײַנע פֿאָרגייערס קאַליקסטוס און אויגעניוס, פֿאַרזאָגט אַלכּסנדר III, אַז מען טאָר יִדן ניט איבער געוואַלד שמדן, אַז מען טאָר ניט אָנפֿאַלן אויף זיי, רויבן זייער אייגנטום, „שלאָגן זיי מיט שטעקנס אָדער שטיינער אין טעג פֿון זייער יום־טובֿ", חרובֿ מאַכן זייערע בתּי־קבֿרות און אַרויסגראָבן די מתים, כּדי צו זוכן געלט און טײַערע זאַכן (אַ געוויינטלעכע פּאַסירונג אין די רוימישע קאַטאַקאָמבעס). פֿאַר ניט אָפּהיטן די אַלע פֿאַרבאָטן האָט געקומט חרם פֿון

דער קירך. אויב מען וואָלט אומעטום אָפּגעהיט די פּויפּסטלעכע בולע, וואָלט מען אין יענער צײַט באַדאַרפֿט אַרײַנלייגן אין חרם טויזנטער קרייצפֿאָרערס, וואָס האָבן געטראָגן די פֿענער פֿון דער קירך און געמאַכט פּאָגראָמען אין צענטראַל-אייראָפּע.

אָבער ווען מען האָט אין רוים זיך גענומען גרייטן צום דריטן לאַטעראַנער קאָנציל, וואָס איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן צום יאָר 1179 און וואָס ער האָט דאָס באַדאַרפֿט אויך באַשטימען דעם מצבֿ פֿון די ייִדן אין אייראָפּע נאָך די ערשטע קרייצצוגן, איז מען אין די ייִדישע קהילות געוואָרן שטאַרק אומרויִק. אַ קורצע ידיעה אין אַ ייִדישער כראָניק[1] זאָגט, אַז ווען דער פּויפּס אַלכּסנדר III האָט באַשלאָסן „צונויפֿצורופֿן זײַנע ביסקופֿן און גלחים פֿון פֿראַנקרײַך און שפּאַניע, האָבן אַלע ייִדישע קהילות געציטערט פֿאַר שרעק און האָבן גוזר תּענית געווען אויף דרײַ טעג, נאָר גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף זיי, און דאָרט (אויפֿן קאָנציל) האָט מען גערעדט נאָר גוטס (וועגן ייִדן)". די קהילות האָבן משמעות זיך געריכט אויף גאָר שלעכטע רעזולטאַטן פֿון אָט דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קאַטוילישער גײַסטלעכקייט, און דעריבער זײַנען זיי געווען צופֿרידן, וואָס עס האָט זיך ניט אויסגעלאָזט אַזוי שלעכט ווי עס האָט געקאָנט זײַן. אין דער אמתן איז אין די באַשטימונגען פֿון דעם לאַטעראַנער קאָנציל פֿון יאָר 1179 גאָרניט געווען „נאָר גוטס". דאָרט זײַנען ניט געווען קיין פֿרישע גזרות אויף ייִדן: דער קאָנציל באַשטעטיקט נאָר די אַלטע פּריווילעגיעס פֿון דער קירך, אָבער דערבײַ חזרט ער איבער אויך די אַלטע מאָטיווירונג אין אַ ייִדן-פֿײַנטלעכן גײַסט. עס זײַנען באַנײַט געוואָרן די אַלטע קאַנאָנען, אַז ייִדן טאָרן ניט האַלטן בײַ זיך אין שטוב קיין קריסטלעכע דינערשאַפֿט, טאָרן ניט בויען קיין נײַע שולן און ניט אויספּוצן אַלטע. דער קאָנציל פֿאָדערט, אַז אין געריכט זאָלן אָנגענומען ווערן די עדות פֿון קריסטן קעגן ייִדן אין אַלע ענינים, וואָרעם אויך ייִדן שטעלן אַרויס זייערע עדות קעגן קריסטן, — אַ גערעכטע פֿאָדערונג, ווי ווײַט עס רעדט זיך ניט וועגן רעליגיעזע פּראָצעסן, וואָס פֿלעגן אויפֿקומען פֿון די קריסטלעכע אײַנגלייבענישן, אָבער זי ווערט באַלייט דורך אַזאַ סטראַשונעק: „עס קומט אַרײַנצולייגן אין חרם יענע, וואָס ווען אין אַזעלכע פּראָצעסן העכער שטעלן די ייִדן איידער קריסטן, בעת ווען די ייִדן מוזן שטיין נידעריקער ווי די קריסטן און ווערן באַגינציקט נאָר מחמת זייער מענטשישקייט אַליין" (pro sola humanitate faveantur). ווײַטער האָט דער קאָנציל באַשטעטיקט דעם

---

1 הוספֿה צו דער כראָניק „שבֿט יהודה" פֿון דער כראָניק פֿון שם-טובֿ שאַנצולו (ווינערס אויסגאַבע, ז' 112), וואָס גרעץ האָט זי ריכטיק אַנאַליזירט אין 6טן באַנד פֿון זײַן געשיכטע, הוספֿה I.

אַלטן קאַנאַן, אַז געשמדטע ייִדן דאַרפן ניט פאַרלירן יענעם טייל אייגנס אָדער ירושה, וואָס געהער זיי אין זייער משפּחה, „וואָרעם די וואָס האָבן זיך באַקערט אויפן וועג פון גלויבן מוזן פאַרנעמען אַ בעסערע לאַגע ווי פריִער".

אין אַלכּסנדר IIIנס צײַט האָט די רוימישע קהילה אויפגענומען בײַ זיך אַ מערקווערדיקן אורח, דאָס איז געווען דער רײַזנדער רבי בנימין פון טודעלאַ (אַרום 1160—1165). רבי בנימין איז געקומען קיין רוים פון מאַרסעל איבער גענוע, פּיזע און לוקאַ, און פון אַט דער רײַזע איז געבליבן אַ קורצע באַשרײַבונג פון יענע מקומות, די איינציקע אויטענטישע ידיעה וועגן די דעמאָלטיקע ייִדישע קהילות אין צפון־איטאַליע. „פון מאַרסעל, שרײַבט רבי בנימין, פאָרט מען אויף שיפן אין דער שטאָט גענוע, וואָס ליגט אויפן ברעג ים אַ מהלך פון פיר טעג רײַזע. דאָרט וווינען צוויי ייִדן: רבי שמואל בן כּלעם און זײַן ברודער. די גענועזער, די האַרן פון ים, בויען שיפן וואָס מען רופט זיי „גאַלערעס", שווימען אַרויס פון אַלע מקומות נאָך זאַקריוב און אַלצדינג, וואָס זיי שאַפן זיך אײַן און וואָס זיי רויבן זיך אָן, ברענגען זיי צו פירן קיין גענוע. זיי פירן מלחמה מיט די אײַנוווינער פון פּיזע. צווישן גענוע און פּיזע איז אַ מהלך פון צוויי טעג רײַזע. פּיזע איז אַ גרויסע שטאָט. אַלע לײַט פון פּיזע זײַנע גיבורים, און בראָש פון זיי איז ניט קיין מלך און ניט קיין פירשט, נאָר שופטים (קאָנסולן), וואָס זיי אַליין האָבן אָוועקגעשטעלט. אין דער שטאָט געפינען זיך אַ צוואַנציק ייִדן [ראָשי־משפּחה], זייערע עלטסטע זײַנען רבי משה, ר׳ חיים און ר׳ יוסף. די שטאָט געפינט זיך אויף אַ מהלך פון פיר מײַל פון ים; די שיפן גייען אַרויס פון דאָרטן און קערן זיך אום צוריק איבערן טײַך, וואָס פליסט דורך אין יענע מקומות. ווײַטער פיר מײַל פון דאָרט געפינט זיך די גרויסע שטאָט לוקאַ, וווּ עס וווינען אַ פערציק ייִדן; בראָש פון זיי שטייען ר׳ דוד, ר׳ שמואל און ר׳ יעקבֿ. פון דאָרט איז אַ מהלך פון זעקס טעג רײַזע ביז צו דעם גרויסן כּרך רוים, דער הויפּטשטאָט פון מלכות־אדום. דאָרט וווינען אַ 200 ייִדן [משפּחות] — אַלע זײַנען זיי בכּבֿודיקע לײַט, וואָס צאָלן קיינעם קיין צינז ניט (?). אייניקע פון זיי זײַנען אין דינסט פון פּויפּס אַלכּסנדר, דעם גרויסן בּיסקופּ און דעם ראָש פון דער גאַנצער אדומישער קירך. דאָרט זײַנען פאַראַן זייער געבילדעטע מענטשן, וואָס צווישן זיי צייכענען זיך אויס מער פון אַלעמען ר׳ דניאל און ר׳ יחיאל. דער זעלביקער איז אין דינסט בײַם פּויפּס. דאָס איז אַ יונגער, פײַנער און קלוגער מענטש, וואָס קומט אַרײַן אין הויז פון דעם פּויפּס און איז דער ממונה איבער זײַן גאַנצן אייגנס. ער איז אַן אייניקל פון ר׳ נתנען, דעם מחבר פון דעם ספר הערוך און פון פּירושים. ווײַטער [פאַרנעמען אין דער קהילה אַ חשובֿן אָרט] רבי יואָבֿ בן

שלמה, דער ראָש-ישיבֿה ר׳ מנחם, ר׳ יחיאל וואָס וווינט אין טראַסטעווערע, און ר׳ בנימין בר רבי שבתי״.

ווײַטער באַשרײַבט דער רײַזנדער די גרויסע מאָנומענטן פֿון רוים: די קירך פֿון הל׳ פּעטרוס, דעם לאַטעראַן, די אַלטע פּאַלאַצן פֿון די קיסרים. אַגבֿ אורחא ברענגט ער די נאַיווע מעשׂיות מכּוח ייִדן, וואָס עס האָבן אים דערציילט די מענטשן וואָס האָבן אים אַרומגעפֿירט איבער דער שטאָט. דער אַלטער פּאַלאַץ פֿון דעם קיסר טיטוס זאָל זיך האָבן געפֿונען אויסערן שטאָט מחמת דעם, וואָס די רוימישע סענאַטאָרן זײַנען געווען ניט צופֿרידן מיט טיטוסן דערפֿאַר, וואָס ער האָט כּלומרשט אײַנגענומען ירושלים ערשט נאָך אַ באַלע-גערונג פֿון דרײַ יאָר. אין דער קאַפּליצע פֿון דעם הל׳ יאָהאַנעס אין לאַטע-ראַן שטייען צוויי קופּערנע זײַלן פֿון בית-המקדש, און אַלע יאָר אום תּשעה-באָבֿ ווערן אָט די זײַלן באַדעקט מיט שווייס, וואָס שטראָמט אַראָפּ פֿון זיי ווי אַ טײַכל. דאָרט גופֿא אין אַ הייל זאָלן זיך געפֿינען די כּלים פֿון בית-המקדש, וואָס טיטוס האָט געבראַכט. אין אַ צווייטער הייל, אויפֿן ברעג פֿון טיבער, זאָלן זײַן די קבֿרים פֿון די צען הרוגי-מלכות, וואָס האַדריאַנוס האָט געלאָזט טייטן. די פֿאָלקס-לעגענדעס, וואָס דער רײַזנדער האָט געהערט, בעת ער איז אַרומגעגאַנגען איבער רוים, האָבן נאָר אַ פּאָעטישן אינטערעס, אָבער דאָס ביסל, וואָס ער דערציילט פֿון דעם וואָס ער האָט אַליין געזען, קען געבן אַ שטיקל פֿאַרשטעלונג וועגן דעם מצבֿ פֿון די ייִדישע קהילות. מיר זעען, אַז אין 12טן י״ה זײַנען אין די איטאַליענישע רעפּובליקן געווען נאָך גאָר ווינציק ייִדן. קיין גענוע פֿלעגן ייִדישע סוחרים משמעות קומען צו פֿאָרן נאָר צוליב געשעפֿט פֿון מאַרסעל און פֿון אַנדערע האַוונשטעט פֿון פֿראַנקרײַך, נאָר זיי האָבן זיך דאָרט ניט באַזעצט, קענטיק דערפֿאַר ווײַל די אָרטיקע אײַנוווינער האָבן ניט געוואָלט האָבן בײַ זיך שטענדיקע האַנדלס-קאָנקורענטן. בעת די קרייצצוגן זײַנען דרײַ שטעט פֿון איטאַליע — גענוע, פּיזע און ווענעציע — שטאַרק רײַך געוואָרן פֿון דעם וואָס זיי האָבן געפֿירט די קרייצפֿאָרערס קיין אַזיע און זיי האָבן אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרט פֿרײַ פֿון צאָל אָריענטאַלישע סחורות, און זיי האָבן ניט געוואָלט לאָזן די ייִדן קיין חלק אין זייערע רווחים. וואָס איז שייך דער שטאָט רוים, איז די צאָל ייִדישע אײַנוווינער, וואָס דער רײַזנדער גיט אָן (200 מיטגלידער פֿון דער קהילה אָדער ראָשי-משפּחה), ניט קיין צו קליינע וועדליג די דעמאָלטיקע צײַטן. די רוימישע קהילה האָט אויף רבי בנימין פֿון טודעלאַ געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק מיט איר לפֿי-ערכדיקן וווילזײַן: ער האָט געזען פֿאַר זיך פֿאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס האָבן צום טייל געהאַט אַ השפּעה אין דער שטאָט און האָבן געגאָסן די שוץ פֿון דעם „ראָש פֿון דער אדומישער קירך״ אַליין, און די אינעווייניקסטע אָרדענונג פֿון דער קהילה, מיט אירע קצינים, רבנים און ישיבֿה האָבן נאָך פֿאַרשטאַרקט דעם גינציקן אײַנדרוק.

§ 52. די קהילות פון דרום־איטאַליע און סיציליע

געדיכטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען געווען קאָנצענטרירט דעמאָלט, אַזוי ווי פאַר די קרייצצוגן, אין דרום־איטאַליע: אין אַפוליע, קאַלאַבריע און סיציליע. די ממשלה פון די נאָרמאַנען וואָס האָט זיך דאָ איינגעשטעלט (§ 19) האָט זיך געהאַלטן ביזן סוף 12טן י״ה, ווען דער דײַטשער קיסר היינריך VI האָט איינגענומען דרום־איטאַליע (1194) און איינגעשטעלט דאָרט די ממשלה פון די האָהענשטאַופנס. די נאָרמאַנישע באַצווינגערס פון דרום־איטאַליע האָבן דאָרט פאַרפעסטיקט די פעאָדאַלע אָרדענונג, נאָר צו גלייך האָבן זיי מיטגעווירקט צו אַנטוויקלען דעם האַנדל און אינדוסטריע. אין דעם דאָזיקן לאַנד האָט געהערשט פולע פרייהייט פון טעטיקייט פאַר די דריי גרופעס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג: גריכן, יידן, אַראַבער. דער הערצאָג ראָזשער II (1127–1154) האָט איבער פּאָליטישע טעמים זיך אָנערקענט פאַר אַ וואַסאַל פון רוים און אָנגענומען פון דעם „יידישן פויפּס“ דעם טיטל קיניג, נאָר די קירכלעכע געזעצן האָט ער ניט איינגעפירט אין זיין קיניגרייך, און דאָרט וואָלט עס אויך ניט געווען מיגלעך ביי דער בונטער פאַרשיידנקייט פון דער באַפעלקערונג אין פרט פון רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט. אין זיין צייט האָבן זיך צעבויט די שטעט פון אַפוליע און סיציליע, וואָס זיינען געוואָרן גרויסע צענטערס פון אינדוסטריעלער און גייסטיקער קולטור. אַמאַלפי און פּאַלערמאָ האָבן קאָנקורירט מיט די צפונדיקע האַנדלשטעט ווענעציע און גענוע; סאַלערנאָ איז געווען באַרימט מיט איר מעדיצינישער שול, און נעאַפּאָל און אַמאַלפי מיט זייערע יורידישע שולן. די שטענדיקע פאַרבינדונגען מיטן מזרח, בפרט מיט די נאָענטע האַנדלשטעט פון צפון־אַפריקע, האָבן געגעבן די מיגלעכקייט איינצופירן פאַרשיידענע צווייגן פון פּראָדוקציע. אַזוי איז למשל אַריינגעפירט געוואָרן פון אָריענט דער זיידנבוים און עס האָט זיך גענומען אַנטוויקלען די פּראָדוקציע פון זיידנס, וואָס דערמיט האָבן זיך באַזונדערס פאַרנומען גריכן און יידן. בכלל האָבן יידן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין לאַנד דורך זייער צאָל און דורך זייער אָנטייל אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. אָט ווי עס באַשרייבט דעם צושטאַנד פון די יידישע קהילות אין דרום־איטאַליע רבי בנימין פון טודעלאַ, וואָס איז אַוועק אַהין פון רוים:

„פון דאָרט (פון רוים) פיר טעג רייזע ביז קאַפּוע, אַ גרויסע פּראַווינץ־שטאָט; דאָרט געפינען זיך ביז 300 יידן, און צווישן זיי חשובע לייט, וואָס אין לאַנד גיט מען זיי אָפּ פיל כבוד: דער פרנס רבי קאָמפּאַסאָ, זיין ברודער ר׳ שמואל, ר׳ זקן, רבי דוד, וואָס טראָגט דעם טיטל „פּרינציפּאַלע“. די שטאָט נעאַפּאָל איז זייער שטאַרק באַפעסטיקט, זי ליגט אויפן ברעג ים,

און געבויט האָבן זי גריכן; דאָרט וווינען אַ 500 ייִדן, צווישן זיי רבי חזקיה, ר׳ שלום, ר׳ אליהו הכּהן און ר׳ יצחק מן ההר. פֿון דאָרט איז אַ טאָג רײַזע ביז צו דער שטאָט סאַלערנאָ, ווו עס געפֿינט זיך אַן אַקאַדעמיע פֿאַר דאָקטוירים־קריסטן; דאָרט זײַנען פֿאַראַן אַרום 600 ייִדן, וואָס צווישן זיי צייכענען זיך אויס די חכמים: ר׳ יהודה בר יצחק, ר׳ מלכּי צדק, אַ גרויסער רבֿ, וואָס האָט פֿריִער געוווינט אין סיפּאָנטאָ, — ר׳ שלמה הכּהן, ר׳ אליהו פֿון גריכנלאַנד, ר׳ אַבֿרהם נרבוני און ר׳ המון. די שטאָט איז פֿון דער יבשה אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, וואָס דערגייט ביז צום ברעג ים, און די פֿעסטונג אויפֿן שפּיץ באַרג איז זייער אַ שטאַרקע. — פֿון דאָרט איז אַ האַלבער טאָג רײַזע ביז קיין אַ מ אַ ל פֿ י, ווו עס וווינען אַ 20 ייִדן, צווישן זיי דער דאָקטאָר רבי חננאל, ר׳ אלישע און דער גרויסער בעל־צדקה אַבו אַלגיד. די גויִים פֿון יענעם אָרט פֿאַרנעמען זיך מיט האַנדל און פֿאָרן אַרום מיט סחורות; זיי זייען ניט (קיין תּבֿואה), נאָר זיי קויפֿן פֿאַר געלט, וואָרעם זיי וווינען צווישן הויכע בערג און אויף שפּיצן פֿון פֿעלזן, אָבער זיי האָבן אַ סך פּירות, ווײַל די ערד ברענגט אַרויס ווײַנטרויבן און אייליבירטן און איז באַדעקט מיט גרינס־ און פֿרוכט־גערטנער. און קיינער קאָן זיך ניט פֿאַרמעסטן מיט זיי אין מלחמה. — נאָך צוויי טעג רײַזע קומט מען צו פֿאָרן קיין ב ע נ ע וו ע נ ט אָ, אַ גרויסע שטאָט, וואָס ליגט צווישן ים און צווישן אַ באַרג. דאָרט איז פֿאַראַן אַ ייִדישע קהילה פֿון אַן ערך צוויי הונדערט מיטגלידער, בראָש פֿון איר שטייען ר׳ קלונימוס, ר׳ זרח און ר׳ אַבֿרהם.—ווײַטער אויף אַ מהלך פֿון צוויי טעג רײַזע געפֿינט זיך די שטאָט מעלפֿי, אין דער מדינה אַפּוליע; דאָרט זײַנען פֿאַראַן אַ 200 ייִדן. פֿון דאָרט איז צוויי טעג רײַזע ביז ט ר אַ נ י אויפֿן ברעג ים, ווו עס קלײַבן זיך צונויף אַלע בלאָנדזשענדיקע (גאָטבעטערס), וואָס פֿאָרן קיין ירושלים, וואָרעם דאָרט איז פֿאַראַן אַ גוטער האַוון, אַ „פּאָרט". די ייִדישע קהילה אין דער שטאָט ציילט אַ 200 מענטשן; דאָס איז אַ גוטע און גרויסע שטאָט. נאָך אַ טאָג רײַזע קומט מען צו פֿאָרן קיין סאַנט־ניקאָלאַי־די־ב אַ ר י, אַ גרויסע שטאָט, וואָס דער קיניג ווילהעלם פֿון סיציליע האָט זי חרובֿ געמאַכט, און עס איז דאָרט ניטאָ קיינער פֿון ייִדן, און אויך ניט פֿון די אומות־העולם. פֿון דאָרט איז אָנדערהאַלבן טעג רײַזע ביז צו דער שטאָט ט אַ ר ע נ ט. דאָ הייבט זיך אָן די מדינה קאַלאַבריע. די אײַנוווינער פֿון דער דאָזיקער גרויסער שטאָט זײַנען גריכן, און צווישן זיי וווינען אַ 300 ייִדן. בראָש פֿון דער קהילה שטייען די חכמים ר׳ מאַלי, ר׳ נתן און ר׳ ישׂראל. פֿון דאָרט איז איין טאָג רײַזע ביז קיין ב ר י נ ד י ז י אויפֿן ברעג ים; דאָרט וווינען אַ צען ייִדן פֿאַרבערס. אין צוויי טעג אַרום קומט מען אָן אין אָ ט ר אַ נ ט אָ, אויפֿן ברעג פֿון דעם גריכישן ים; דאָרט זײַנען פֿאַראַן אַ 500 ייִדן... פֿון דאָרט פֿאָרט מען מיטן ים צוויי טעג ביזן

אינדזל קאָרפו, ווו עס געפינט זיך איין ייִד, מיטן נאָמען ר׳ יוסף. דאָ ענדיקט זיך מלכות סיציליע".

בײַם פאָרן אַהין אין די מזרח־לענדער איז דער ייִדישער רײַזנדער ניט פאַרפאָרן קיין סיציליע, נאָר ער איז פון דעם דרום־איטאַליענישן ברעג אַריבערגעפאָרן מיטן ים גלײַך קיין ביזאַנץ. נאָר אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען ער איז געפאָרן צוריק פון אַלכּסנדריא של מצרים קיין אייראָפּע, האָט ער באַזוכט סיציליע. דאָ איז ער געווען אין די צוויי גרויסע שטעט מעסינע און פּאַלערמאָ. אין מעסינע, וואָס איז געווען אַ האַוונשטאָט פאַר די פאָרערס קיין ירושלים, האָט רבי בנימין געפונען אַ ייִדישע קהילה פון צוויי הונדערט משפּחות, און אין דער הויפּטשטאָט פון סיציליע, אין פּאַלערמאָ, האָט זיך אַרויסגעוויזן די גרעסטע ייִדישע קהילה וואָס ער האָט געזען אין איטאַליע: זי האָט געציילט אַרום 1500 מיטגלידער. די שטאָט האָט אויפן רײַזנדער געמאַכט אַ גרויסן רושם: דאָרט זײַנען פאַראַן אַ סך „בני אדום און ישמעאלים", קריסטן און מוסלימס, גרויסאַרטיקע פּאַלאַצן פון די נאָרמאַנישע מלכים מיט סאַזשלקעס פאַר פיש, אַ רײַכע מדינה, מיט אַ שפע פון תּבֿואה און פּירות. חוץ די צוויי סיצילישע האַוונשטעט וואָס רבי בנימין האָט באַזוכט זײַנען געווען היפּשע ייִדישע קהילות אויך אין אַנדערע שטעט פון דעם אינדזל: סיראַקוז, טראַפּאַני, מאַרסאַלאַ, קאַטאַניע — ווי דאָס איז צו זען פון די אָפיציעלע אַקטן פון יענער תּקופֿה.

אונטער דער ממשלה פון די נאָרמאַנען האָבן די קוואַרטאַלן, וואָס די ייִדן האָבן פאַרנומען אין די שטעט (Judeca), זיך גערעכנט ווי פריִער פאַרן אייגנטום פון די מלכים און הערצאָגן, וואָס פלעגן טייל מאָל אָפּטרעטן די ביסקופן די יוריסדיקציע איבער די ייִדן און די הכנסה פון זיי. אין יאָר 1121 האָט דער הערצאָג ווילהעלם געמאָלדן, אַז ער גיט אַוועק אויף שטענדיק דעם אַרציביסקופ פון סאַלערנאָ די Judeca פון דער שטאָט סאַלערנאָ מיט אַלע ייִדן וואָס וווינען דאָרט, און אויך דאָס רעכט זיי צו משפּטן און אײַנצומאָנען פון זיי פאַרשיידענע צינזן און אָפּגאָבן. פרומע רעגירערס פלעגן ניט זעלטן אָוועקשענקען ייִדן צוזאַמען מיט די מוסלימישע ווילאַנען (לײַב־אייגענע פּויערים) צו פאַרשיידענע קירכן און קלויסטערס. ניט געקוקט אויף דעם דאָזיקן פעאָדאַלן רעזשים האָבן דאָך די ייִדן פון דרום־איטאַליע און סיציליע געבילדעט איינע פון די פיר אינעוווייניק גלײַכבאַרעכטיקטע און אויטאָנאָמע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע גרופּעס, וואָס פון זיי איז באַשטאַנען די באַפעלקערונג פון דעם גאַנצן קיניגרײַך סיציליע. „די לאַטײַנער, גריכן, ייִדן און סאַראַצינער ווערן געמשפּט איטלעכער לויט זײַנע אייגענע געזעצן" — אַזוי זאָגט די באַשטימונג פון דעם ביסקופּ פון קאַטאַניע אין דער פּריווילעגיע וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן די אײַנוווינער פון דער דאָזיקער שטאָט (1168).

דער דאָזיקער מצבֿ האָט זיך איבערגעביטן ערשט אונטער דער דינאַסטיע האָהענשטאַופֿן, אין דער ערשטער העלפֿט 13טן יאָרהונדערט.

§ 53. ביזאַנץ און די גריכישע קהילות

דאָס גריכישע ייִדנטום, וואָס איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן לאַטייַנישן ייִדנטום פֿריִער, בעת די ביזאַנטיער האָבן געוועלטיקט איבער דרום־איטאַליע, איז אַלץ מער געוואָרן אָפּגעזונדערט אין דער תקופֿה פֿון די קרייצצוגן, וואָס האָבן בכלל איזאָלירט ביזאַנץ פֿון דער אַקטיווער אייראָפּעיִשער פּאָליטיק. דער פֿאַרפֿאָסטן פֿון קריסטנטום אויפֿן גרענעץ צווישן אייראָפּע און אַזיע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פֿאַרלירט אַלץ מער זייַן באַדייַטונג, וואָס מער די מערבֿדיקע קרייצפֿאָרערס דרינגען אַרייַן אין אַזיע. די פֿריִערדיקע העגעמאָניע פֿון ביזאַנץ איבער דעם אָריענטאַלישן קריסטנטום פֿאַלט שוין באַלד נאָכן ערשטן קרייצצוג, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן לויט דער איניציאַטיווע פֿון דער רוימישער קירך, און ניט פֿון דער גריכישער, און וואָס דער ביזאַנטישער קיסר האָט אים ניט אונטערגעהאַלטן ווי געהעריק. ווען די קרייצפֿאָרערס גרינדן זייער קיניגרייַך אין ירושלים (1099), דעמאָלט פֿאַרלירט ביזאַנץ אין גאַנצן איר השפּעה אין אָריענט, און צום סוף פֿון דער תקופֿה פֿאַלט קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַליין אַרייַן אין די הענט פֿון די קרייצפֿאָרערס פֿון דעם פֿערטן קרייצצוג (1204). אין אָט דער אָפּגעשוואַכטער ביזאַנץ האָט דאָס ייִדנטום געקאָנט אָפּעטעמען פֿרייַער ווי אין דער געוועזענער שטאַרקער דעספּאָטיע, דער נעסט פֿון דער גריכיש־קריסטלעכער ייִדן־פֿייַנטשאַפֿט. די קיסרים פֿון דער דינאַסטיע קאָמנען, וואָס האָבן בעת די קרייצצוגן גערופֿן אַפֿילו מוסלימס צו הילף קעגן די לאַטייַנישע קריסטן, האָבן ניט געהאַט קיין גרונד צו רודפֿן ייִדן אין נאָמען פֿון קרייץ, וואָס האָט אָנגעטאָן די ביזאַנטיער אַזוינע נגישות. דערויף, אַז די ייִדן אין ביזאַנץ האָט זיך אין יענער תקופֿה געלעבט לפֿי ערך ניט שלעכט, זאָגט עדות דאָס שווייַגן פֿון די כראָניסטן, וואָס פֿאַרצייכענען די פֿאַלן פֿון אויסערגעוויינטלעכע גזרות; דערפֿאַר איז פֿאַראַן דאָס עדות־זאָגן פֿון דעם רייַזנדער פֿון 12טן י״ה מכּוח דעם, ווי אַזוי עס זייַנען אויסגעוואַקסן די ייִדישע קהילות אין דער גריכישער אימפּעריע.

פֿון דער ווייַט פֿון די יאָרהונדערטער הילכט אָפּ די פֿאַרשטיקטע ידיעה וועגן אַ משיחישער באַוועגונג, וואָס האָט אויפֿגערודערט די ביזאַנטישע ייִדן אין די יאָרן פֿון ערשטן קרייצצוג.[1] עס איז שווער צו באַשטימען, צי האָט

1 אַ פֿראַגמענט פֿון אַ בריוו פֿון אַ ביזאַנטישן ייִדן מנחם בן אליהו, וואָס איז געפֿינען געוואָרן אין דער גניזה פֿון קאַהיראָ. לויט אַלע סימנים שטאַמט דער בריוו פֿון דער צווייטער העלפֿט 1096. אַנטדעקט האָט אים נייַבויער (1896) און אויסגעפֿאָרשט דוד קויפֿמאַן (1898) און י. מאַן (1925). זע די ביבליאָגראַפֿיע.

זיך אָט די באַוועגונג אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך גענומען הערן קלאַנגען, אַז די מערבֿדיקע קריסטן זײַנען אַרויסגעגאַנגען אויף מלחמה קיין ארץ־ישׂראל און אַז זיי האָבן דערווײַל פֿאַרלענדט די ייִדישע קהילות בײַם ריין, אָדער דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען עס האָבן זיך באַוויזן אין ביזאַנץ ווי לעבעדיקע עדות פֿון דעם „קץ־הימים" די ייִדישע פּליטים פֿון דײַטשלאַנד (די „אַשכּנזים") און די באַנדעס קרייצפֿאָרערס, וואָס האָבן אָנגעשטראָמט אַהין דורך אונגערן? בכל־אופֿן צום סוף זומער 1096 זײַנען די ייִדישע קהילות פֿון ביזאַנץ, בפֿרט פֿון די האַונשטעט סאַלאָניק און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געווען פֿאַרכאַפּט פֿון אַ גרויסער אויפֿרעגונג. דער מאַרש פֿון די קרייצפֿאָרערס צו די הייליקע ערטער אין ארץ־ישׂראל און זייער בלוטיקער וועג איבער די ייִדישע קהילות פֿון מערבֿ האָבן אויסגעזען ווי קלאָרע סימנים פֿון די „חבֿלי משיח". פֿון דײַטשלאַנד זײַנען אָנגעלאָפֿן מאַסנווײַז איבערגעשראָקענע פּליטים און האָבן דערציילט זייערע ברידער אין סאַלאָניק און קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועגן די מאוימדיקע געשעענישן וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, און צו גלײַך וועגן די קומענדיקע מופֿתים: אונטער וועגנס (מן הסתּם דורך אונגערן) האָט מען זיי געזאָגט, אַז פֿון „הינטער די הרי חושך" האָבן זיך שוין אַ ריר געטאָן די „עשׂרת השבֿטים", און נאָך זיי גייען זיבעצן קהילות פֿון „אַל־כּאַזאַריע", און ווי נאָר די דײַטשע קרייצפֿאָרערס וועלן אָנקומען קיין ארץ־ישׂראל, וועט „פֿול ווערן דער שײַער", דער ייִדישער חיל וועט אויף זיי אָנפֿאַלן און וועט אָנהייבן „דרעשן", אויף מקיים צו זײַן די נבֿואה פֿון מיכה (ד׳, 13): „שטיי אויף און דרעש, דו טאָכטער פֿון ציון!" די דאָזיקע בשׂורות צוזאַמען מיט די פֿריִערדיקע מטושטשדיקע גלייבונגען פֿון די ביזאַנטישע ייִדן האָבן צעפֿלאַמט די געמיטער. אין סאַלאָניק האָט מען געשמועסט וועגן מופֿתים מן השמים, וועגן דעם, אַז אין פֿאַרשיידענע ערטער איז שוין נתגלה געוואָרן אליהו הנבֿיא, דער אָנזאָגער פֿון משיחן, און אַז אַפֿילו קריסטן טוען אין אים גלייבן. אַפֿילו דער ביסקופּ פֿון סאַלאָניק זאָל האָבן געזאָגט צו די אָרטיקע ייִדן: „וואָס זיצט איר דאָ? פֿאַרקויפֿט די הײַזער און מטלטלין און גייט (קיין ארץ־ישׂראל), וואָרעם איר האָט דאָך זיכער געהערט, אַז אײַער משיח איז שוין אַרויסגעטראָטן, און אונדזער קיסר וועט אײַך אויך אונטערהאַלטן". און מענטשן האָבן טאַקע אַוועקגעוואָרפֿן זייערע עסקים און האָבן זיך געקליבן אין די שולן, ווו זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין תּענית און תּפֿילה און געוואַרט, מען זאָל זיי רופֿן אין וועג אַרײַן, אין וועג פֿון דער גאולה. דער גײַסטיקער פֿירער פֿון די ייִדישע קהילות אין מאַקעדאָניע, דער סאַלאָניקער רבֿ רבי טובֿיה בן אליעזר (דער מחבר פֿון דעם מדרש „לקח טובֿ"), איז אויך געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דער משיחישער באַוועגונג און האָט געשיקט „גוטע בשׂורות" קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די מער ניכטערע פֿאָרשטייער פֿון די קהילות האָבן זיך גע־

וועגדט מיט שאלות צו די גאונים פֿון ארץ־ישׂראל און מצרים און אָנגעפֿרעגט, צי מעג מען גלייבן אין די קלאַנגען, אַז דאָס הייליקע לאַנד וועט אין גיכן ווערן אויסגעלייזט. דעם באַשייד אויף די אַלע משיחישע חלומות האָבן אין גיכן געגעבן די וועלט־געשעענישן — און אַ שרעקלעכן באַשייד: זומער 1099 איז דער חיל פֿון די קרייצפֿאָרערס סוף־כּל־סוף אָנגעקומען אין ארץ־ישׂראל, אַרײַנגעריסן זיך אין ירושלים און דאָרט אויסגעקוילעט אַלע ייִדן (ז' ווײַטער, § 56).

אויסגעניכטערט פֿון זייערע משיחישע חלומות האָבן די ייִדן פֿון ביזאַנץ געמוזט זיך טרייסטן דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגעמיטן די גזרות וואָס האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט אויף זייערע ברידער בײַם ריין. אַזוי ווי די גריכן זײַנען געווען פֿײַנטלעך געשטימט קעגן די לאַטײַנער, זײַנען זיי ניט צוגעשטאַנען צו די קרייצפֿאָרערס, וואָס האָבן אונטער וועגנס אומעטום פּאַרטיליקט ייִדן, נאָר אַדרבא זיי האָבן נאָך אָפּגעשטויסן די רויבערישע באַנדעס אויף די באַל־קאַנען און אין קליין־אַזיע. דער צוועלפֿטער יאָרהונדערט, וואָס האָט אַזוי פֿיל פּורעניות געבראַכט אויף די מיטל־אייראָפּעיִשע ייִדן, איז געווען די רויִקסטע צײַט פֿאַר די ייִדישע קהילות אין ביזאַנץ, וואָס האָבן פֿון מאַסן־גזרות ניט געליטן און האָבן געקאָנט אַנטוויקלען אַ ברייטע האַנדלס־טעטיקייט אין אַלע גריכישע ברעגלענדער בײַם מיטללענדישן ים. וועגן דעם זאָגט עדות דער רײַזנדער רבי בנימין פֿון טודעלאַ, וואָס איז אין די 60ער יאָרן פֿון אָט דעם יאָרהונדערט געקומען פֿון איטאַליע קיין ביזאַנץ. זײַן באַשרײַבונג גיט אַ לעפּי־ערך פֿרידלעך לעבן פֿון ייִדישע קהילות אונטער דער רעגירונג פֿון מאַנועל קאָמנען.

אָנגעקומען אין אָטראַנטאָ, די לעצטע האַוונשטאָט פֿון דרום־איטאַליע, וואָס איז אין יענער צײַט נאָך געשטאַנען אונטער דער ביזאַנטישער ממשלה, באַמערקט דער רײַזנדער, אַז די שטאָט געפֿינט זיך „אויפֿן ברעג פֿון דעם גריכישן ים" און אַז דאָרט געפֿינט זיך אַ גוט אײַנגעפֿונדעוועטע ייִדישע קהילה פֿון 500 מיטגלידער, בראָש מיט אַ בית־דין פֿון רבנים. אין דער שטאָט אַרטאַ (אָדער לאַרטאַ), ווו „עס הייבט זיך אָן דאָס שטאַמלאַנד פֿון דעם קיניג מאַנועל", האָט ר' בנימין געפֿונען אַ הונדערט ייִדן; איינער פֿון די מנהיגים פֿון דער קהילה האָט געטראָגן דעם כאַראַקטעריסטישן גריכישן נאָמען רבי אירקולוס. אין פּאַטראַס איז געווען אַ קהילה פֿון 50 מיטגלידער, אין לעפּאַנטאָ — 190; אין קריסאָ בײַ דעם באַרג פּאַרנאַס האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט 200 ייִדן, וואָס האָבן זיך פּאַרנומען מיט ערדאַרבעט: „זיי זייען און שנײַדן אין זייערע נחלאות, אויף זייער אייגענער ערד" — פֿאַרצייכנט ער אָט די זעלטענע דערשײַנונג. אין קאָרינט איז די קהילה באַשטאַנען פֿון 300 מיטגלידער. די גרעסטע קהילה אין גריכישן שטאַמלאַנד איז געווען אין טעבן. „דאָס איז אַ גרויסע שטאָט, ווו עס וווינען אַן ערך 2000 ייִדן. זיי זײַנען די בעסטע מײַסטערס אין גאַנץ

גריכנלאַנד און מאַכן זײַדענע און פורפּל־וואָלענע בגדים. צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן גרויסע לומדים, קענערס פֿון משנה און תּלמוד, מפֿורסמים פֿון דעם איצטיקן דור. בראָש פֿון דער קהילה שטייט דער גרויסער רבֿ רבי אהרן קוטי, זײַן ברודער ר׳ משה, ר׳ חייא, ר׳ אליהו טרנטינו און ר׳ יקטן. אַזעלכע לומדים זײַנען ניטאָ אין גאַנץ גריכנלאַנד, חוץ קאָנסטאַנטינאָפּאָל". דער רײַזנדער ווײַזט אָן נאָך אַ צאָל קהילות פֿון מיטעלער גרייס אין נעגראָפּאָנטע (אייבעאַ) און אין אייניקע ווינציק באַוווּסטע שטעט אויפֿן גרענעץ פֿון וואַלאַכיע. די האַלב ווילדע וואָלאַכן, דערציילט ער, פֿאַלן אָן אויף די גריכישע שטעט, ראַבעווען און הרגען די קריסטלעכע אײַנוווינער, די ייִדן ראַבעווען זיי, נאָר הרגען זיי זיי ניט, מחמת זיי האַלטן זיך אַליין פֿאַר קינדס־קינדער פֿון ייִדן. אין דער ים־שטאָט אַרמיראָס, וואָס האָט געהאַט אַ האַוון פֿאַר סוחרים פֿון ווענעציע, פּיזע, גענוע און אַנדערע ערטער, איז געווען אַ קהילה פֿון 400 מיטגלידער, וואָס בראָש פֿון איר איז געשטאַנען אַ קאָלעגיע פֿון דרײַ מענטשן: דער רבֿ, דער „פּרנס" און דער „ראָש". בכלל פֿאַרצייכנט רבי בנימין אין די געוויינטלעכע קהילות פֿון ביזאַנץ אַ פֿאַרוואַלטונג פֿון דרײַ מענטשן, דער רבֿ און צוויי פּרנסים, און נאָר אין די גרויסע קהילות זײַנען פֿאַראַן קאָלעגיעס מיט אַ גרעסערן באַשטאַנד. אין ס אַ ל אָ נ י ק האָט די קהילה געציילט 500 מיטגלידער, און בראָש פֿון איר זײַנען געשטאַנען רבי שמואל, „דער עלטסטער איבער די ייִדן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דעם קיסרס רשות" (מן הסתם מיטן טיטל „עפֿאָראָס") און נאָך דרײַ פּרנסים. אָבער אין סאַלאָניק האָט דער רײַזנדער באַמערקט אַ גרויסע אונטערדריקונג („גלות") פֿון ייִדן. דאָס איז משמעות געווען דערפֿאַר, ווײַל דאָרט, אין דער צווייטער הויפּטשטאָט פֿון ביזאַנץ, איז די אויבן דערמאָנטע משיחישע באַוועגונג געווען באַזונדערס שטאַרק.

אַ גרויסן אײַנדרוק האָט אויפֿן ייִדישן רײַזנדער געמאַכט די „הויפּט־שטאָט פֿון דעם קיסר מאַנועל", קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס ליגט בײַ די דורכ־גאַנגען, „וואָס גייען פֿון צוויי ימים: דעם רוסישן (דעם שוואַרצן ים) און דעם שפּאַנישן (מיטללענדישן ים)". ער איז נשתּומם און נתפּעל פֿון דער גרויסאַר־טיקייט פֿון אירע פּאַלאַצן, פֿון דער שיינקייט פֿון דער הל׳ סאָפֿיע און פֿון די פֿיל אַנדערע קירכן, פֿון די פֿאָרשטעלונגען אין צירק אָדער היפּאָדראָם, פֿון דעם באַלעבטן האַנדל פֿון דער שטאָט, וואָס ציט צו סוחרים פֿון גאָר דער וועלט, פֿון איר רײַכקייט און לוקסוס. די ייִדישע קהילה פֿון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל איז באַשטאַנען פֿון צוויי טויזנט מיטגלידער און איז געווען „אָפּגע־צאַמט דורך אַ מויער" פֿון דער קאַראַימישער קהילה (500 מיטגלידער). די ייִדן מיט די קאַראַימער צוזאַמען ווידער זײַנען געווען אָפּגעשיידט פֿון דער גריכישער באַפֿעלקערונג, וואָרעם זיי האָבן געוווינט מחוץ דער שטאָט, אין

דער פֿאָרשטאָט פּעראַ, אויף יענער זײַט פֿון דעם „אײַנגוס פֿון סאָפֿיע", אַזוי אַז זיי האָבן געקאָנט אַרײַנקומען אין די צענטראַלע טיילן פֿון שטאָט נאָר איבערן וואַסער. בראָש פֿון דער קהילה פֿון די רבניטן איז געשטאַנען אַ קאָלעגיע פֿון פֿינף מענטשן: דער רבֿ, דער „פּרנס" און דרײַ „ראָשים". צווישן ייִדן זײַנען געווען מײַסטערס וואָס מאַכן זײַדענע בגדים און אַ סך רײַכע סוחרים, נאָר לויט די געזעצן פֿון לאַנד האָבן זיי ניט געטאָרט אַרויסווײַזן זייער עשירות. אַ ייִד האָט ניט געטאָרט רײַטן אויף אַ פֿערד; אַן אויסנאַם איז נאָר געווען געמאַכט פֿאַר דעם קיסרס לײַב־מעדיקער שלמה המצרי. דער דאָזיקער השפּעהדיקער הויפֿמאַן האָט געבראַכט גרויס נוצן זײַנע פֿאָלקסברידער: דורך אים האָבן זיי געפּועלט, מען זאָל פֿאַרגרינגערן די גזרות און באַשיצן זיי קעגן די גריכן. וועדליג דער רײַזנדער דערציילט, האָבן די גריכן פֿײַנט ייִדן, אונטערדריקן זיי, שלאָגן זיי אין די גאַסן און צווינגען זיי צו שווערע אַרבעטן; באַזונדערס פֿול מיט רשעות זײַנען די גאַרבערס, משמעות איבער האַנדלס־קאָנקורענץ; אַז זיי שווענקען דורך די פֿעל, גיסן זיי אויס דאָס שמוציקע וואַסער פֿאַר די טירן פֿון ייִדישע הײַזער. פֿון דעסט וועגן ווערן ייִדן נתעשר און טוען אַ סך צדקה, און „דעם גלות טראָגן זיי אַריבער מיט גוטן מוט". גרויסע קהילות האָט רבי בנימין געפֿונען אין ראָדאָסטאָ (400 מיטגלידער) און אין גאַליפּאָלי (200), און אויך אויף די גריכישע אינדזלען מיטילענע, כיאָס, סאַמאָס, ראָדאָס. אויפֿן אינדזל קיפּראָס האָט ער געפֿונען עטלעכע ייִדישע קהילות, צווישן זיי עפּעס אַ געמיינדע סעקטאַנטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן שבת ניט פֿרײַטאָג צו נאַכט, נאָר ערשט אויף מאָרגן.

פֿון אָט די אַלע שילדערונגען איז צו זען, אַז די ביזאַנטישע רעגירונג פֿאַר זיך האָט די ייִדן ניט גערודפֿט, הגם זי האָט געפֿאָדערט, עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די אײַנגעשטעלטע געזעצלעכע באַגרענעצונגען, אָבער די גריכישע באַפֿעלקערונג פֿון די גרויסע שטעט, ווי קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סאַלאָניק, איז געבליבן בײַ איר פֿריִערדיקער שׂנאה צו ייִדן, און די שׂנאה איז נאָך פֿאַרשטאַרקט געוואָרן איבער דער האַנדלס־קאָנקורענץ. הענדלערס לויט זייער טבֿע, האָבן די גריכן געמוזט זיך צונויפֿשטויסן מיט ייִדן אין די האַונשטעט. פֿון דער אַנדער זײַט זײַנען די ייִדן אין ביזאַנץ, להיפּך צו זייערע ברידער אין מיטל־אייראָפּע, ניט געווען באַגרענעצט אין זייערע פּראָפֿעסיעס: זיי האָבן זיך פֿאַרנומען אויך מיט מלאָכות און מיט אַ ברייטער אינדוסטריע, אַ שטייגער ווי אויסאַרבעטן זײַדנס, און ערגעץ וווּ אויך מיט דאָרפֿישער ווירטשאַפֿט. אויף אָט די אַלע אַרבעט־געביטן האָבן געקאָנט געמאָלט זײַן סיכסוכים מיט קריסטן, נאָר היות ווי די מלוכה־מאַכט איז אין יענער צײַט ניט געווען פֿאַראינטערעסירט אין פֿונאַנדערבלאָזן דעם רעליגיעז־

נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם, דעריבער האָט די שׂנאה צו ייִדן זיך באַגרענעצט מיט דער געוויינטלעכער אומפֿריינטשאַפֿט און פֿאַרפֿרעמדטקייט, און די ייִדן פֿון זייער זײַט האָבן זיך אויך אָפּגעזונדערט אין זייער ווינקל.

§ 54. דאָס גײַסטיקע לעבן אין איטאַליע און ביזאַנץ

ביזן 11טן י"ה איז איטאַליע געווען דער פֿאַרמיטל־פּונקט, וואָס דורך אים האָט די ייִדישע גײַסטיקע קולטור זיך איבערגעטראָגן פֿון מזרח קיין מערבֿ (§ 21). ווען אָט דער פּראָצעס פֿון איבערטראָגונג איז געווען פֿאַר־ענדיקט, זינט די קרייצצוגן, האָט די ייִדישע איטאַליע אָנגעהויבן צו באַקומען איר גײַסטיקע שפּײַז פֿון די צוויי העגעמאָנישע צענטערס אין מערבֿ: שפּאַניע און פֿראַנקרײַך. דער דאָזיקער איבערגאַנגס־מאָמענט האָט זיך אָנטפּלעקט אין דער טעטיקייט פֿון איין רוימישן תּלמודיסט, וואָס איז געשטאַנען בײַ דעם גרענעץ צווישן 11טן און 12טן י"ה און האָט זײַן תּורה געשעפּט סײַ פֿון בבֿלישע און סײַ פֿון פּראָווענצייזישע מקורים. רבי נתן בן יחיאל, געבוירן אין אַ געבילדעטער משפּחה פֿון רוים, האָט שטודירט די תּלמודישע ליטעראַטור אין סיציליע בײַ דעם אָרטיקן דיין, וואָס איז געקומען פֿון בבֿל און איז געווען אַ תּלמיד פֿון דעם לעצטן גאון רב האַי אין פּומבדיתא. דערנאָך איז ר' נתן אַוועק קיין נאַרבאָנע און האָט דאָרט זיך פֿאַרבונדן מיט דער עלטערער גרופּע רבנים און דרשנים, וואָס האָבן פֿאַרשפּרייט דעם לימוד פֿון דער תּורה אין דרום־פֿראַנקרײַך. רבי נתן, וואָס האָט געקענט סײַ די מזרחדיקע און סײַ די מערבֿדיקע שפּראַכן, האָט געוואָלט פֿון זײַן זײַט מיט־העלפֿן דער פּאָפּולאַריזירונג פֿון תּלמוד, וואָס עס האָט געפֿירט זײַן בן־דור, דער גרויסער מפֿרש רשי אין צפֿון־פֿראַנקרײַך. אין יאָר 1101 האָט ער פֿאַר־ענדיקט זײַן ווערק, וואָס ער האָט אויף דעם געאַרבעט אַ סך יאָרן: דעם ווערטערבוך „ערוך", וואָס האָט אויסגעטײַטשט אַלע ווערטער פֿון דעם אַרמישן טעקסט פֿון תּלמוד, און דערבײַ געבראַכט בײַ איטלעכן וואָרט ציטאַטן פֿון תּלמוד; עס איז אַרויסגעקומען אַ מין רעאַלע ענציקלאָפּעדיע, וואָס האָט באַדאַרפֿט שטאַרק פֿאַרגרינגערן דאָס לערנען דעם תּלמוד. דער מחבר האָט די אַרמישע ווערטער ניט בלויז דערקלערט דורך העברעיִשע ווערטער, נאָר ער האָט זיי אָפֿט מאָל איבערגעזעצט אויך אין איטאַליעניש, און אין אַ סך ווערטער אויך אָנגעוויזן זייער אָפּשטאַם פֿון פּערסיש, אַראַביש, גריכיש און לאַטײַניש. די דאָזיקע סיסטעמאַטישע דערקלערונג פֿון דער טערמינאָלאָגיע פֿון דעם תּלמוד און פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור וואָס שליסט זיך אָן אים אָן האָט ממלא געווען רשיס פּירוש און האָט נאָך ברייטער געעפֿנט פֿאַרן תּלמוד דעם וועג אין דער שול־דערציִונג, אַזוי אַז ניט בלויז די וואָס האָבן

זיך געגרייט צו ווערן רבנים האָבן אים געלערנט, נאָר אויך סתם ייִדן. אין שפּעטערדיקע צײַטן איז דער „ערוך" עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט געוואָרן און איז געבליבן איינער פֿון די וויכטיקסטע הילפֿסמיטלען בײַם שטודירן דעם תּלמוד.

אַזוי אַרום איז די אַנטוויקלונג פֿון דער רבנישער וויסנשאַפֿט אין איטאַליע געווען געזיכערט. אין 12טן י"ה זײַנען אין רוים און אין אַנדערע איטאַליענישע קהילות געווען ניט ווינציק גרויסע רבנים, וואָס האָבן אונטער־געהאַלטן שטענדיקע פֿאַרבינדונגען מיט די בעלי־התּוספֿות פֿון פֿראַנקרײַך. אין יענער צײַט איז די איינזײַטיקע השפּעה פֿון דער פֿראַנצייזישער שיטה אין איטאַליע און ביזאַנץ געווען שטאַרקער ווי די השפּעה פֿון דעם שפּאַנישן ליטעראַרישן רענעסאַנס. ווען איינער פֿון די באַשעפֿער פֿון דעם דאָזיקן רענעסאַנס, ר' אַבֿרהם אבן עזרא, האָט זיך בעת זײַנע וואַנדלונגען אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע יאָר (1140—1145) אין איטאַליע, איז ער געווען פֿאַרחידושט דורך דער איינזײַטיקער בילדונג פֿון זײַנע פֿאָלקסברידער אין דעם דאָזיקן לאַנד. דער גרויסער פֿאָרשער פֿון תּנך האָט זיך געקלאָגט דערויף, וואָס דעם תּנך וויל מען אין איטאַליע גאָרניט לערנען, און מען גיט זיך אָפּ אין גאַנצן נאָר מיטן פּילפּול פֿון תּלמוד; פֿאַראַן אַזעלכער וואָס איז קלאָר אין גאַנץ ש"ס און ווייס ניט דעם פּשט פֿון אַ פּרשה חומש, וואָס מען לערנט אין אַ קינדערשן חדר; פֿון די געבילדעטע שפּאַנישע שרײַבערס האַלט מען גאָרניט, מען גיט אָפּ כּבֿוד נאָר די תּלמוד־קענערס, וואָס קומען צו פֿאָרן פֿון ביזאַנץ: „אין אדום (איטאַליע) — שרײַבט אבן עזרא — גיט מען גאָר קיין כּבֿוד ניט אָפּ אַ געלערנטן, וואָס וווינט אין לאַנד פֿון די בני־קדר (אַראַבישע שפּאַניע), דערפֿאַר אָבער זאָל נאָר פֿאַרפֿלִיען אַהין אַ גריכישע פֿליג, ווערט זי באַלד פֿאַררעכנט פֿאַר אַ ריז". נאָר די פֿינף יאָר, וואָס רבי אַבֿרהם אבן עזרא האָט פֿאַרבראַכט אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון איטאַליע (רוים, לוקאַ, מאַנטוע, ווּ ער האָט אָנגעשריבן אַ טייל פֿון דעם פּירוש אויף תּנך און זײַן גראַמאַטיש ווערק „מאזנים"), זײַנען ניט געבליבן אָן אַ רושם פֿאַר דער דאָרטיקער ליטעראַטור. אבן עזרא האָט אײַנגעגעבן חשק אַ גרופּע יונגע געלערנטע זיך צו פֿאַרנעמען מיטן שטודיום פֿון תּנך און האָט אַפֿילו געווירקט צו פֿאַראיידלען דעם פּאָעטישן סטיל אין די פּיוטים. די נײַע פּײַטנים האָבן שוין ניט געשריבן קיין קנאַקעדיקע גראַמען לויטן נוסח פֿון הקליר, וואָס דער שפּאַנישער קריטיקער האָט אים שטאַרק אויסגעלאַכט, נאָר זיי האָבן באַכגעמאַכט דעם סטיל פֿון די ספֿרדישע משוררים, וואָס ר' אַבֿרהם אבן עזרא האָט אַליין געהערט צו זיי. זינט דעמאָלט האָבן די איטאַליענישע מחברים פֿון קינות און סליחות געשאַפֿן שוין בעסערע, מער געלײַטערטע ווערק. באַזונדערס פֿיל פֿון אָט דעם מין זײַנען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין רוים, וואָס

אַהין פֿלעגן דערגיין די קרעכצן און ווייגעשרייען פֿון דער געפּײַניקטער אומה דורך די שלוחים פֿון די ייִדישע קהילות אין פֿאַרשיידענע לענדער, וואָס פֿלעגן קומען צו פֿאָרן מיט שתּדלנות צום פּויפּס.

אין דער ליטעראַטור פֿון די ביזאַנטישע ייִדן לאָזן זיך הערן אָפּקלאַנגען פֿון די קרייצצוגן אין די דרשות פֿון ר׳ טוביה בן־אליעזר, דעם מחבר פֿון דעם מדרש „לקח טוב" (אויבן, § 21). דער דאָזיקער פּאָפּולערער דרשן פֿון 11טן י"ה, וואָס האָט דערלעבט ביזן ערשטן קרייצצוג, האָט פֿאַראייביקט די פּײַן פֿון זײַנע ברידער בײַם רײַן אין אַזעלכע ווערטער: „איך פֿאַרשרײַב צו געדעכעניש די גבֿורה וואָס עס האָבן אָפּגעטאָן די קדושים פֿון דער קהילה מאַינץ, וואָס האָבן מקריבֿ געווען זייער לעבן, זייערע ווײַבער, זייערע זין און טעכטער אין איין טאָג, ערבֿ שבֿועות. אַלע זײַנען זיי געשאָכטן געוואָרן ווי איין מענטש אויף קידוש־השם אין יאָר ד׳ תּתנ"ו פֿון בריאת־העולם (1096), ווען די אײַנוווינער פֿון לאַנד האָבן זיך אויפֿגעהויבן, בכדי אײַנצונעמען דעם אייבערשטנס זיצאָרט" (ארץ־ישׂראל).[1] דער דרשן דערמאָנט ניט וועגן דער משיחישער באַוועגונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן קרייצצוג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט: ער האָט זיך משמעות געשעמט צו רעדן וועגן אַ האָפֿענונג, וואָס איז צערונען געוואָרן און האָט איבערגעלאָזן נאָר ביטער־ניש און פֿאַרדראָס.

לויט דער אויבן געבראַכטער מיינונג פֿון אַבֿרהם אבן עזרא איז די ייִדישע גײַסטיקע קולטור אין ביזאַנץ אין דער צווייטער העלפֿט 12טן י"ה געשטאַנען אויפֿן זעלביקן מעמד ווי אין איטאַליע. דער פּאָעט און קריטיקער אַלחריזי, וואָס האָט באַזוכט גריכנלאַנד אין אָנהייב 13טן י"ה, האָט דאָרט געטראָפֿן משוררים, וואָס האָבן געשריבן שירים אין העברעיִש, אָבער ער האַלט גאָר קנאַפּ פֿון זייער פּאָעטישן טאַלענט. „אין די גריכישע קהילות — זאָגט ער אין זײַן „תּחכמוני" (קאַפּ׳ י"ח) — זײַנען פֿאַראַן מענטשן מיט פֿאַר־שטאַנד, וויסן און גוטע מידות, אָבער זייערע שירים זײַנען ניט שיין, שווערוואָגיק ווי שטיין, האָבן ניט קיין טעם און קיין ריח". מער ניט אין די שירים פֿון איין פּאָעט, מיכאל בן כּלבֿ, האָט דער קריטיקער געפֿונען אַ געוויסע שיינקייט און ער דערקלערט דאָס דערמיט, וואָס יונגערהייט איז אָט דער פּאָעט געווען אין שפּאַניע און האָט דאָרט עפּעס אָפּגעלערנט. העכער פֿון אַנדערע ביזאַנטישע משוררים שטעלט אַלחריזי אויך אַ געוויסן משה בן אַבטליון. משמעות אַז אָט די אַלע שירים האָבן געהערט צו דעם מין פּיוטים צום דאַווענען. פּונקט ווי די איטאַליענישע פּײַטנים האָבן די גריכישע געשריבן תּפֿילות און פּזמונים, וואָס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דעם באַזונדער נוסח פֿון די ביזאַנטישע אָדער „ראָמאַנישע" שולן (מחזור רומניא).

---

1 מדרש „לקח טוב", פּרשה אמור און ש. בובערס אַרײַנפֿיר ז׳ 24 (ווילנע, 1880).

עס איז מערקווערדיק, אַז גראָד בייַ די ביזאַנטישע קאַראַיִמער האָט זיך באַוויזן אַ שטיקל אויפֿלעבונג פֿון ליטעראַרישער טעטיקייט. אין מיטן 12טן י"ה האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געלעבט דער טאַלענטירטער קאַראַיִמישער שרייַבער יהודה הדסי. אין זייַן גרויסן חיבור „אשכול הכופר" האָט ער געגעבן אַ סיסטעמאַטישע זאַמלונג פֿון דינים, אייַנגעטיילט אין צען גרופּעס לויטן סדר פֿון די עשׂרת־הדברות; פֿון איטלעכן מאַמר פֿון די עשׂרת־הדברות דרינגט דער מחבר אַרויס די שייַכותדיקע חוקים פֿון דער תּורה אין קאַראַיִמישער אייַנטייַטשונג. דער ספֿר איז געשריבן אין געגראַמטער פּראָזע, און אין זייַן טעקסט זייַנען אַרייַנגעפֿלאָכטן אַ סך מסורות און טעאָלאָגישע חקירות, דערבייַ פֿירט דער מחבר פֿאַר איין וועגס אַ וויכוח קעגן די רבניטן. די דאָזיקע אייגנאַרטיקע ענציקלאָפּעדיע פֿון דער קאַראַיִמישער טעאָלאָגיע און געזעץ־פֿאָרשונג האָט געדינט פֿאַר אַ סך שפּעטערדיקע מחברים ווי אַ מקור צו שעפּן פֿון איר. חוץ הדסין, האָבן נאָך געשריבן פּירושים צום חומש די ביזאַנטישע קאַראַיִמער יעקבֿ בן ראובֿן און אַהרן בן יוסף (12טער און 13טער י"ה). דער לעצטער, דער מחבר פֿון דעם ספֿר „המבחר", האָט אַ געוויסע צייַט געלעבט אין קרים, ווו די קאַראַיִמישע קאָלאָניע האָט אונטערגעהאַלטן אַ שטענדיקע פֿאַרבינדונג מיט די געלערנטע פּירערס פֿון דער סעקטע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

§ 55. באַוועגונג פֿון מערבֿ־אייראָפּע קיין מזרח־פּוילן און רוסלאַנד

דער ערשטער קרייצצוג, וואָס האָט אַ רוק געטאָן די קריסטלעכע מאַסן אין דעם אַזיאַטישן מזרח אַרייַן, האָט אַ טריב געטאָן די ייִדישע מאַסן אין מזרח פֿון אייראָפּע. די ערשטע גרופּעס עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן נאָך די גזרות פֿון 1096 אין דער טשעכישער פּראָג און זיך געגרייט אַריבערצוּוואַנדערן קיין פּוילן אָדער קיין אונגערן, האָט פֿאַרהאַלטן און באַרויבט דער ביימישער פֿירשט ווראַטיסלאַוו (§ 33). נאָר אַזעלכע מניעות האָבן ניט געקאָנט אָפּשטעלן די באַוועגונג פֿון די ייִדישע וואַנדערער, וואָס זייַנען געגאַנגען פֿון דייַטשלאַנד דורך ביימען אין דער רויִקער פּוילן, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט באַוויזן זיך אָנצושליסן אָן דער קרייצפֿאָרערישער ציוויליזאַציע. די דאָזיקע עמיגראַציע איז געגאַנגען אין משך פֿון גאַנצן 12טן י"ה. אין די צייַטן פֿון נייַע קרייצצוגן אָדער אויסנאַמלעכע גזרות האָט זי אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ לויפֿעניש, און אין רויִקערע מאָמענטן האָט זי געטראָגן שטריכן פֿון אַן עקאָנאָמישער איבערגרופּירונג. קיין דירעקטע ידיעות וועגן דעם, ווי אַזוי די איבערוואַנדערונג איז דורכגעגאַנגען, זייַנען

ניטאָ, נאָר וועגן דעם אַז ייִדישע סוחרים פון דײַטשלאַנד זײַנען געפאָרן אין די סלאַווישע לענדער, פוילן און רוסלאַנד, דערמאָנען אייניקע רבנים און רײַזנדערס פון יענער צײַט.

די רעזולטאַטן פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין פוילן (§ 31 זײַנען שוין געווען קענטיק אין דער צווייטער העלפט 12טן י״ה: פוילישע פירשטן האָבן געמוזט באַשיצן ייִדן קעגן אָנפאַלן פון גאַסיקן המון – אַ זיכער סימן דערפאַר, אַז אין אייניקע ערטער זײַנען געווען ייִדישע קהילות אָדער גרעסערע ישובים. דער פירשט פון קראָקע מעטשיסלאַוו דער אַלטער (1173–1209) האָט פאַרבאָטן, ווען מען זאָל גלייבן דער פוילישער כראָניק, יעטווידע געוואַלד־מעשים קעגן ייִדן, בפרט די אָנפאַלן פון די ווילדע קריסט־לעכע שילער, און פאַר די וואָס וועלן עובר זײַן אויף אָט דעם פאַרבאָט זײַנען באַשטימט געוואָרן שווערע שטראָפן. דער זעלביקער פירשט און זײַנע בני־דור די טייל־פירשטן (קאַזימיר דער בעל־יושר, באָלעסלאַוו דער געגרײַזלטער און לעשעק דער ווײַסער) האָבן אָפּגעגעבן ייִדן אין אַרענדע איינע פון די וויכטיקסטע מלוכה־רעגאַליעס – דאָס אויסשלאָגן די מטבעות. משמעות אַז פון יענער צײַט זײַנען דאָס אויסגעשלאָגן געוואָרן יענע „בראַקטעאַטן" (בלעכלעך), וואָס אויף זיי זײַנען מיט העברעיִשע אותיות אָנגעצייכנט געווען די ווערטער: „משקא קרול פולסקי". פאַרבונדן מיטן אויסשלאָגן די מטבעות זײַנען בלי ספק געווען די פינאַנציעלע אָפּעראַציעס פון די ייִדן, וואָס זיי האָט אויסגענוצט מעטשיסלאַוו דער אַלטער, וואָס האָט שטאַרק געזאָרגט וועגן פאַרמערן די הכנסות פון דער מלוכה. עס קאָן זײַן, אַז טאַקע אָט די ייִדן־פרײַנדשאַפט מעטשיסלאַווס האָט געדינט זײַנע שונאים פון צווישן די וועלט־לעכע און גײַסטלעכע שׂררות פאַר אַן אויסרייד אויף אַראָפּצוואַרפן דעם פירשט פון זײַן גדולה און פאַרבײַטן אים מיט זײַן ברודער קאַזימיר דעם בעל־יושר. בשעת דער ביסקופּ פון קראָקע געדענקט האָט עפנטלעך געמאַכט פאַרווּרפן מעטשיסלאַוון פאַר זײַן רעגירונג־סיסטעם, וואָס איז געווען געווענדט קעגן די גרויסע שׂררות, האָט ער אים געקאָנט באַשולדיקן אויך אין באַשיצן פרעמדגלייביקע. ייִדן האָבן אין יענער צײַט זיך באַזעצט אין אַלע טייל־פירשטנטימער: אין גרויספוילן און אין קליינפוילן, אין מאַזאָוויע און קויאַוויע, אויך אין שלעזיע, וואָס האָט דעמאָלט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון אַ באַזונדער ליניע פון דער דינאַסטיע פּיאַסטן. אַן ערך אַרום יאָר 1200 האָבן ייִדן געהאַט זייער אייגנס אַ גאַנץ דאָרף (villa) לעבן ברעסלוי.

אַז די ייִדישע קאָלאָניע, וואָס האָט עקסיסטירט אין קיִעווער רוסלאַנד אין 11טן י״ה (§ 30), האָט זיך ווײַטער אַנטוויקלט אויך אין אָנהייב 12טן י״ה, לכל הפחות אין קיִעוו גופא, – וועגן דעם זאָגט עדות די רוסישע כראָניק. וועגן ייִדן ווערט דאָ דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיטן בונט פון

פֿאָלק, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין קיִעוו בעת דעם קורצן אינטעררעגנום נאָכן טויט פֿון דעם גרויספֿירשט סוויאַטאָפּאָלק II (1113). די איינוווינער פֿון קיִעוו האָבן פֿאַרבעטן צו פֿאַרנעמען דעם גרויספֿירשטלעכן טרוין דעם ליבלינג פֿון פֿאָלק דעם פֿירשט וולאַדימיר מאָנאָמאַך, נאָר היות ווי ער האָט זיך געקווענקלט און איז ניט געקומען אַזוי באַלד, האָבן אין קיִעוו אויסגעבראָכן מהומות. דער ווילדער המון האָט צעראַבירט די הויפֿן פֿון די העכסטע באַאַמטע און פֿון די ייִדן. עס איז געווען אַ סכּנה, אַז דער המון זאָל אָנפֿאַלן אויך אויף דער אַלמנה פֿון דעם פֿירשט, אויף די באָיאַרן און אַפֿילו אויף די קלויסטערס, נאָר סוף־כּל־סוף איז דער פֿירשט געקומען צו פֿאָרן, און דעמאָלט האָבן די מהומות זיך איינגעשטילט. פֿון דער דאָזיקער דערציילונג מעג מען דרינגען, אַז די ייִדישע קאָלאָניע אין קיִעוו האָט אין יענער צייט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענע געזעלשאַפֿטלעכע לאַגע. דער גרויספֿירשט האָט זי געשיצט, מחמת ער האָט אויסגענוצט דעם פֿינאַנציעלן דינסט פֿון די רייכע ייִדן און איבערגעגעבן זיי אויפֿצומאָנען שטייערן און אַקציז פֿון סחורות.

נאָך סוויאַטאָפּאָלקס טויט האָט דאָס אויפֿגעשטאַנענע פֿאָלק זיך נוקם געווען גלייכצייטיק סיי אָן זיינע באַאַמטע און סיי אָן זיינע פֿיסקאַלע אַגענטן, די ייִדן. וואָס זיינען געווען די רעזולטאַטן פֿון דעם דאָזיקן ערשטן פּאָגראָם פֿאַר דער ייִדישער קאָלאָניע אין קיִעוו, דאָס איז ניט באַוווּסט. פֿון די רוסישע כראָניקעס איז צו זען, אַז אין די נאָענטסטע יאָרצענדליגער האָבן ייִדן ווייטער געוווינט אין קיִעוו. אין יאָר 1124 האָבן זיי שטאַרק געליטן פֿון דער שׂרפֿה, וואָס האָט צעשטערט אַ גרויסן טייל פֿון דער שטאָט. אין די רוסישע כראָניקעס פֿון יענער צייט (1146–1151) ווערט דערמאָנט אַ „ייִדישער טויער" אין קיִעוו, וואָס דערפֿון מעג מען דרינגען, אַז עס איז דאָרט געווען אַ באַזונדערער ייִדישער קוואַרטאַל. קיִעוו האָט צוגעצויגן די ייִדישע סוחרים ווי אַ גרויסער צענטער, וואָס דורך אים איז געגאַנגען דער האַנדל פֿון מערבֿ־אייראָפּע מיט די לענדער ביים שוואַרצן ים און מיט אַזיע.

קיִעוו דערמאָנען ביידע רייזנדערס פֿון יענער צייט: רבי בנימין פֿון טודעלאַ און רבי פּתחיה פֿון רעגנשבורג (1160–80). דער ערשטער רעדט וועגן „קיניגרייך רוס, וואָס שפּרייט זיך אויס פֿון די טויערן פֿון פּראָג ביז די טויערן פֿון קיִעוו, אַ גרויסע שטאָט אויפֿן גרענעץ פֿון דער מלוכה". דער צווייטער דערציילט, אַז ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון רעגנשבורג און איז געקומען קיין פּראָג, דער הויפּטשטאָט פֿון ביימען, פֿון פּראָג איז ער געפֿאָרן קיין פּוילן, פֿון דאָרט — „קיין קיִעוו וואָס אין רוסלאַנד", און דערנאָך איז ער געשוווּמען זעקס טעג איבערן טייך דנעפּער, און נאָך אַ שווערער נסיעה האָט ער דערגרייכט ביז צום ברעג פֿון שוואַרצן ים און ביז קרים. דאָ איז דער רייזנדער געקומען אין דעם „לאַנד פֿון די קדרים", ד"ה די פּעטשענעגן און

פּאָלאָווצעס, די דעמאָלטיקע בעלי־בתּים פֿון קרימער האַלבאינדזל, נאָר ער רופֿט אָן די דאָזיקע מדינה כ אַ ז אַ ר י ע, ווײַל עס לעבט נאָך דאָרט דער זכר וועגן דעם כּוזרישן קיניגרײַך, וואָס איז דאָרט געווען פֿריִער. אין כאַזאַריע האָט רבי פּתחיה געטראָפֿן ניט קיין אמתע ייִדן, נײַערט נאָר „מינים", סעקטאַנטן וואָס האַלטן ניט פֿון תּלמוד און פֿון דער תּורה שבעל־פּה, אום שבת גייען זיי ניט אַרויס פֿון די שטיבער און פֿרײַטאָג בײַ נאַכט צינדן זיי ניט אָן קיין ליכט. לויט אָט די סימנים איז גרינג צו דערקענען די קאַראַימער, וואָס האָבן זינט לאַנג שוין אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען קיין קרים פֿון קאַווקאַז און האָבן געפֿונען אַ גינציקן באָדן פֿאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די רעשטן פֿון די ייִדישע כּוזרים. היות ווי אין 12טן י"ה האָט נאָך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל עקסיסטירט אַן אָרגאַניזירטע קאַראַימישע קהילה מיט אַ השפּעהדיקן גײַסטיקן צענטער, ממילא איז די קאַראַימישע קהילה אין קרים געווען אַזוי ווי אַ קאָלאָניע פֿון דער ביזאַנטישער מעטראָפּאָליע.

נאָך די ערשטע קרייצצוגן, ווען עס זײַנען אויפֿגעקומען אין פּוילן גרעסערע ייִדישע קאָלאָניעס פֿון די פּליטים פֿון דײַטשלאַנד, האָבן אַ טייל פֿון אָט די דײַטשע ייִדן דערגרייכט ביז צו קיִעווער רוסלאַנד. דײַטשע רבנים פֿון 12טן י"ה דערמאָנען אין זייערע חיבורים מכּוח נסיעות פֿון דײַטשע ייִדן מיט סחורות קיין „רוסיה" און „אַשקלבוניה" (סלאַווישע מדינות). עס זײַנען פֿאַר־בליבן ידיעות, אַז די ייִדן פֿון פּוילן און רוסלאַנד, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע רבנים בר־סמכאס, פֿלעגן זיך ווענדן מיט שאלות צו דײַטשע רבנים, אָדער פֿלעגן שיקן זייערע בחורים וואָס האָבן באַגערט צו לערנען תּורה אין די דײַטשע ישיבֿות. אין דער העבֿרעיִשער ליטעראַטור פֿון 12טן י"ה ווערט דערמאָנט דער נאָמען פֿון רבי מ ש ה מ ק י ו ב, וואָס האָט זיך איין מאָל געווענדט מיט אַ שאלה צום באַוווּסטן באַגדאַדער גאון רבי שמואל בן עלי. אויב די דאָזיקע ידיעה איז ריכטיק, וואָלט דאָס געדינט ווי אַן איבעריקער באַווײַז דערפֿאַר, אַז ניט געקוקט אויף זייער דערנעענטערונג מיטן מערבֿ, האָבן דאָך די ייִדן פֿון רוסלאַנד ניט איבערגעריסן זייער פֿריִערדיקן קולטורעלן פֿאַרבונד מיטן מזרח און האָבן דורך קרים און קאַווקאַז זיך אויפֿגעטראָגן מיטן צײַטווײַליק אויפֿגעלעבטן נאַציאָנאַלן צענטער אין בבֿל. [1]

---

1 זע פּאָזנאַנסקי, אין דער ביבליאָגראַפֿיע צו דעם פּאַראַגראַף.

קאַפּיטל IV

דער יידישער אָריענט אין דער תּקופֿה פֿון די קרייצצוגן

§ 56. ארץ־ישׂראל און סיריע אונטער דער ממשלה פֿון די קרייצפֿאָרערס

דער וועג פֿון די קרייצפֿאָרערס פֿון די ברעגעס פֿון ריין ביז צו די טויערן פֿון ירושלים האָט געדויערט דריי יאָר, פֿון פֿרילינג 1096 ביז זומער 1099. די ערשטע חיילות, באַזונדערס די ווילדע דייטשע באַנדעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גראַף עמיכאָ, וואָס האָבן אויסגעקוילעט די ייִדן בײַם ריין, זײַנען ניט דערגאַנגען ביז ארץ־ישׂראל, נאָר זײַנען אומגעקומען אונטער וועגנס. דעמאָראַליזירט דורך רציחות און גזלות באַלד אין אָנהייב פֿון דעם מאַרש, האָבן אָט די „קריגסלײַט פֿון קרייץ" ווײַטער געראַבעוועט אין יענע לענדער, ווו זיי זײַנען דורכגעגאַנגען: אין אונגערן און בולגאַריע, אַזש ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל; אָבער דאָרט האָט די אָרטיקע קריסטלעכע באַפֿעלקערונג אָן רחמנות פֿאַרטיליקט די באַנדיטן. 1 ווײַטער דורכגעגאַנגען זײַנען נאָר די

---

1 איינער פֿון די עלטסטע קריסטלעכע כראָניסטן פֿון ערשטן קרייצצוג, אַלבערט פֿון אַכען וואָס האָט געלעבט אין יענער צײַט, האַלט, אַז דאָס האָט דער אייבערשטער געשטראָפֿט די ערשטע קרייצפֿאָרערס וואָס האָבן זיך באַפֿלעקט מיט ייִדיש בלוט, און זיי זײַנען אומגעקומען. נאָך דעם ווי ער האָט באַשריבן די שחיטה בײַם ריין אין פֿרילינג 1096, זאָגט ער ווײַטער: „אַזוי אַכזריותדיק זײַנען די ייִדן פֿאַרטיליקט געוואָרן. נאָר עטלעכע פֿון זיי זײַנען אַנטרונען געוואָרן און עטלעכע האָבן זיך געלאָזט שמדן, מער מחמת מורא פֿאַרן טויט, איידער מחמת ליבשאַפֿט צום קריסטלעכן גלויבן. און עמיכאָ, קלאַרעבאַלד, טאָמאַס און אָט די גאַנצע נידערטרעכטיקע באַנדע מענער און פֿרויען, באַלאָדן מיטן רויב פֿון די ייִדן, האָבן זיך געלאָזט גיין ווײַטער קיין ירושלים. און זיי זײַנען געגאַנגען אויפֿן וועג קיין אונגערן, ווו מען פֿלעגט אַלע מאָל דורכלאָזן די עולי־רגל (קיין ארץ־ישׂראל) איבער דעם גרויסן קיניגלעכן שליאַך: נאָר אַז אָט דער המון איז דערגאַנגען צו דער קיניגלעכער פֿעסטונג מערזעבורג, וואָס ווערט באַשיצט דורכן דונאַי און דורך דער לײַטע מיט אירע זומפּן, זײַנען זיי געבליבן שטיין פֿאַר פֿאַרשלאָסענע בריקן און טויערן..." די אונגערן האָבן פֿריִער געהאַט אויסגעהרגעט די דײַטשע קרייצפֿאָרערס פֿון דעם חיל פֿון דעם גײַסטלעכן גאָטשאַלק, וואָס האָבן אָנגעטאָן גזלות אין לאַנד, און דעריבער האָבן זיי מורא געהאַט אַרײַנצולאָזן אָט די נײַע פּאָגראָם־מאַכערס. דעמאָלט האָבן עמיכאָ און זײַנע חבֿרים אָנגעהויבן צו פּאַרוויסטן די אַרומיקע געגנט און האָבן געסטראַשעט זיך אַרײַנצורײַסן אין לאַנד אַרײַן, אָבער די אונגע-

רעגולערע אָפּטיילן פון די קרייצפאָרערס – די „פראַנקען", וואָס זײַנען געקומען שפּעטער, אונטער דער אָנפירונג פון גאָדפרעד פון בוליאָן. זיי זײַנען דורכ־געגאַנגען דורך ביזאַנץ און קליין־אַזיע ביז קיין סיריע און דאָרט האָבן זיי אין משך פון צוויי יאָר מלחמה געהאַלטן מיט די אָרטיקע עמירן פון די טערקן־סעלדזשוקן און פון אַנדערע מוסלימישע דינאַסטיעס. אין סיריע האָבן די פראַנקען און נאָרמאַנען אײַנגענומען די עלטסטע וויג פון דעם קריסטנטום אַנטיוכיא, די מאָנאַכן־שטאָט עדעסע און נאָך אַ צאָל שטעט מיט אַ גרעסערער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ערשט אין פרילינג 1099 זײַנען די קרייצפאָרערס אָנגעקומען קיין ארץ־ישׂראל און אין יוני האָבן זיי דערגרייכט ביז ירושלים, דעם הויפּטציל פון זייער מאַרש.

מיט שרעק האָט געוואַרט אויף די גרויליקע געסט פון מערבֿ די הייליקע שטאָט, וואָס דער פאַטימידישער כאַליף פון עגיפּטן האָט אָקערשט געהאַט באַוויזן אָפּצונעמען זי בײַ די סעלדזשוקישע טערקן. די ייִדישע אײַנוווינער האָבן געהאַט אַ גרונד צו זײַן אומרויִק, מחמת עס זײַנען צו זיי דערגאַנגען ידיעות וועגן די רציחות פון די קרייצפאָרערס אין אייראָפּע. דעם 15טן יולי 1099 האָבן די פראַנקען, נאָך אַ באַלעגערונג פון זעקס וואָכן, זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט, און קוים באַוויזן אָפּצוריכטן זייער תּפילה אין די הייליקע ערטער, האָבן זיי זיך געלאָזט אויסהרגענען די אײַנוווינער די ניט־קריסטן. די מוסלימס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן אין דעם מעטשעט אַל־אַקסאַ, און דאָרט האָט מען זיי אויסגעקוילעט: „ביז די קני פון די רײַטערס און ביז די צײַמלעך פון די פערד האָט געשטראָמט דאָס בלוט פון דערהרגעטע און עס האָבן געוואַקסן בערג פון הרוגים". די ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שול און האָבן דרײַ טעג זיך פאַרטיידיקט קעגן די אָנשטורעמענדיקע פראַנקען. איין ידיעה איז פאַראַן, אַז די פראַנקען האָבן פאַרברענט די שול צוזאַמען מיט אַלע מענטשן אין איר; אַ צווייטע ידיעה ווידער זאָגט, אַז די ייִדן האָבן זיך אונטערגעגעבן, בתּנאַי אַז מען זאָל זיי לאָזן פרײַ אַרויסגיין פון שטאָט, און זיי זײַנען דערנאָך אַוועק קיין אַשקלון. [1] דאָס אייגנס פון די

רישע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון דעם קיניג קאָלאָמאַן האָט זיי אַרײַנגעטריבן אין דונאַי און אויסגעהרגעט אַ כך קרייצפאָרערס. „אָט אין דעם אַלעמען — שרײַבט דער אַרנטלעכער כראָניסט — איז געווען צו זען גאָטס האַנט קעגן די עולי־רגל, וואָס האָבן געזינדיקט קעגן אים מיט פאַרשײַטקייט און מיט די גרעסטע נבֿלות און האָבן אָנגעמאַכט — מער מחמת זשעדנע־קייט צו געלט איידער מחמת פרומקייט — אַ שחיטה איבער די פאַרוואָגלטע ייִדן, הגם יענע זײַנען טאַקע געווען קריסטוסעס שונאים". זע די אָנווײַזונגען אין דער ביבליאָגראַפיע.

1 פון די קריסטלעכע כראָניסטן דערמאָנט נאָר איינער מכּוח דעם, אַז די ייִדן האָבן בעת דער באַלעגערונג פון ירושלים זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון שטאָט קעגן די קרייצפאָרערס און זיי זײַנען דערנאָך אומגעקומען בעת דער אַלגעמיינער שחיטה. זע די ביבליאָגראַפיע: Michaud און יוסף הכּהן.

שטאָטלײַט האָבן די ריטערס פֿון קרייץ צעראַבירט, אַזוי אַ שטייגער האָט געטאָן דער גערימטער טאַנקרעד, וואָס האָט, באַלד ווי ער איז אַרײַן אין שטאָט, אַוועקגעלאָזט זיך ראַבעווען דאָס גאָלד אין די געבעטהײַזער. ירושלים איז געוואָרן אַ קריסטלעכע שטאָט, די הויפּטשטאָט פֿון דעם קיניגרײַך ירושלים. פֿאַר אַ קיניג איז געוואָרן פּראָקלאַמירט דער אָנפֿירער פֿון די קרייצפֿאָרערס גאָדפֿרעד פֿון בוליאָן, און אַז ער איז אין גיכן געשטאָרבן – זײַן ברודער באַלדוין. בהדרגה זײַנען אין באַשטאַנד פֿון אָט דעם קיניגרײַך אַרײַן גאַנץ יהודה און גליל מיטן ברעג ים פֿון יפֿו ביז צור. ווי נאָר די קריסטן האָבן אײַנגענומען אַ שטיק לאַנד, האָבן זיי פֿון דאָרט אַרויסגעטריבן די ייִדישע באַפֿעלקערונג.

דער אָנפֿאַל פֿון די קרייצפֿאָרערס האָט צעקלאַפּט אויף טויט דעם נאָך ניט פֿאַרפֿעסטיקטן גײַסטיקן צענטער פֿון ייִדנטום אין ארץ־ישראל, וואָס האָט געהאַט בדעה איבערצונעמען די ירושה פֿון דער בבֿלישער העגעמאָניע. נאָך בעתן אָנפֿאַל פֿון די סעלדזשוקן האָט דער ארץ־ישׂראלדיקער גאון אַביתור געמוזט זיך אַריבערקלײַבן צוזאַמען מיט זײַן ישיבֿה פֿון ירושלים קיין צור.[1] אַרום 1096 זעען מיר אים אין אַן אַנדער ארץ־ישׂראלדיקן האַוון — אין טריפּאָליס. בכלל האָבן אין אָט דער מהומה־צײַט די רעשטלעך פֿון דעם צעקלאַפּטן צענטער פֿון יהודה און גליל זיך אויסבאַהאַלטן אין די ים־שטעט (חוץ די דערמאָנטע, האָבן זיך נאָך געהאַלטן ייִדישע קהילות אין חיפֿה, עכו, יפֿו און אַשקלון), ביז וואַנען די קרייצפֿאָרערס האָבן נישט אײַנגענומען אויך אָט די לעצטע באַהעלטענישן, צווישן 1104 און 1123. די פֿאַרבײַגייענדיקע העגעמאָניע פֿון ארץ־ישׂראל אין ייִדישן לעבן איז געפֿאַלן, ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די קריסטלעכע הערמאָנען פֿון דעם הייליקן לאַנד. די ארץ־ישׂראלדיקע גײַסטיקע פֿירער זײַנען זיך צעלאָפֿן: אייניקע זײַנען אַוועק קיין מצרים, אַנדערע — אין יענעם טייל סיריע, וואָס איז נאָך געבליבן אונטער דער ממשלה פֿון מוסלימישע עמירן אָדער „אַטאַבעגן". דמשק, מאָסול, אַלעפּאָ זײַנען געוואָרן די הויפּטצענטערס פֿאַר דער אימיגראַציע פֿון ארץ־ישׂראל. באַזונדערס זײַנען דאָרט אויסגעוואַקסן די ייִדישע קהילות, נאָך דעם ווי אין מאָסול האָט זיך געבילדעט אַ שטאַרקער מוסלימישער פֿירשטנטום אונטער דער רעגירונג פֿון דעם אַטאַבעג זענגי (1127–1146) און זײַן באַרימטן זון נור־עד־דין (1146—1179), וואָס האָבן אָפּגעשטעלט דעם מאַרש פֿון די קרייצפֿאָרערס קיין מזרח. אין דער מוסלימישער סיריע האָבן געפֿונען אַ מקום־מקלט די ישיבֿות און אַנדערע ייִדישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך אַריבערגעקליבן פֿון ארץ־ישׂראל, ווו זיי האָבן ניט געקאָנט פֿירן זייער

1 מזרח־תקופֿה, ב' III, § 67.

טעטיקייט. ווען עס זײַנען אויסגעלאָשן געוואָרן די ערשטע פֿלאַקערס פֿון דעם קריסטלעכן פֿאַנאַטיזם, האָבן די רעגירערס פֿון קיניגרײַך ירושלים פֿון דער דינאַסטיע פֿון די באַלדויִנס אָנגעהויבן אַרויסצווײַזן אַ ביסל טאָלעראַנץ בנוגע אַנדערשגלייביקע. מען האָט דערלויבט ייִדן צו וווינען אין ירושלים און אין אַנדערע שטעט און צו פֿאַרנעמען זיך מיט געוויסע פּרנסות, אָבער פּונקט ווי די מוסלימס זײַנען זיי געווען באַגרענעצט אין דעם רעכט אײַנצו־קויפֿן ערד־אייגנטום און זײַנען באַשווערט געוואָרן מיט גרויסע אָפּצאָלן. וועגן אַ פֿרײַער אַליין־פֿאַרוואַלטונג און וועגן דער טעטיקייט פֿון אַ ייִדישן בית־דין אָדער פֿון אַ ישיבֿה האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד אין דעם לאַנד פֿון דער קריגערישער קירך און פֿון דעם קולט פֿון „האָרס קבֿר".

דאָס קיניגרײַך ירושלים האָט עקסיסטירט 88 יאָר (ביז 1187), און מיר וואָלטן גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן גורל פֿון דעם דאָרטיקן ייִדנטום, ווען צום סוף פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה וואָלט פֿון אייראָפּע ניט געקומען צו פֿאָרן קיין מזרח דער דרייסטער ייִדישער רײַזנדער, וואָס האָט באַשריבן דאָס לעבן פֿון זײַנע ברידער אין די לענדער, וואָס ער האָט באַזוכט. צווישן די יאָרן 1170 און 1173 איז דער דאָזיקער רײַזנדער, רבי בנימין פֿון טודעלאַ אין נאַוואַרע, אַרומגעפֿאָרן איבער סיריע, ארץ־ישׂראל און מעסאָפּאָטאַמיע ביז באַגדאַד און האָט פֿאַרשריבן אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט וועגן דער פּאָליטישער אָרדענונג אין יעדן לאַנד און וועגן דעם מצבֿ פֿון די דאָרטיקע ייִדן. אין ארץ־ישׂראל האָט רבי בנימין געפֿונען קליינע ייִדישע קהילות, און אין אייניקע ערטער זײַנען גאָר קיין קהילות ניט געווען. די הויפּטשטאָט פֿון די קרייצ־פֿאָרערס, ירושלים, איז געווען „אַ קליינע שטאָט, באַפֿעסטיקט מיט דרײַ מויערן און באַזעצט מיט אַ סך מענטשן פֿון די יאַקאָביטן (סירישע קריסטן), אַרמים (אַרמעניער), גריכן, געאָרגיער (גרוזינער), פֿראַנקען און אַנדערע פֿעל־קער, וואָס ריידן אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן". אין דער שטאָט האָבן זיך געפֿונען 200 ייִדישע משפּחות, וואָס האָבן געוווינט אין עק שטאָט, אונטער דעם מגדל דוד. 1 זיי האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער מלאָכה פֿון פֿאַרבערס, וואָס איז געווען אַזוי ווי זייער מאָנאָפּאָל; דער קיניג פֿלעגט אָפּגעבן די ייִדן אין אַרענדע די פֿאַרבערײַען אין ירושלים, מיט דעם תּנאַי אַז קיין אַנדערער האָט קיין רעכט ניט צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער אַרבעט. אַלע היסטאָרישע ערטער אין דער שטאָט זײַנען געווען פֿאַרנומען פֿון קריסטלעכע

1 רבי פּתחיה פֿון רעגנשבורג, וואָס האָט באַזוכט ירושלים אַן ערך אין צען יאָר אַרום, האָט דאָרט געפֿונען נאָר איין ייִדן אַ פֿאַרבער (ד"ה איין משפּחה), וואָס האָט געצאָלט דעם קיניג אַ גרויסן צינז פֿאַרן רעכט צו וווינען אין שטאָט. מיגלעך, אַז אין דער מהומה־צײַט פֿון אָנפֿאַלן פֿון סאַלאַח־אַד־דין אויף ארץ־ישׂראל האָבן די קריסטן פֿאַרטריבן די ייִדן פֿון ירושלים, ווײַל זיי האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר ניט זיכער פּאָליטיש.

קירכן און קאַפּליצעס, און נאָר ביי דער מערבֿדיקער וואַנט (כותל מערבֿי) פון דעם געוועזענעם בית־המקדש, ווו עס איז פריִער געשטאַנען אָמאָרס מעטשעט, און אין דער צייט פון די קרייצפאָרערס „דעם האַרס טעמפּל״ (רבי בנימין רופט עס אָן אין שפּאַניש: Templo Domino), פלעגן ייִדן זיך צונויפקלייבן אויף מתפלל צו זיין; ייִדן האָבן דעם אָרט אָנגערופן שער־הרחמים, די מוסלימס – באַב־אַל־ראַהמאַן.

קליינע גרופּעס ייִדן האָט דער שפּאַנישער רייזנדער אָנגעטראָפן אויך אין אַנדערע שטעט, וואָס האָבן געהאַט אַ רעליגיעזן באַטייט פאַר קריסטן. אין בית־לחם האָבן געוווינט צוויי ייִדן פאַרבערס. אויפן וועג צו דער שטאָט האָט זיך געפונען דער טראַדיציאָנעלער קבֿר־רחל, מיט אַ קופּל און זיילן, ווו ייִדן פלעגן קומען מתפלל זיין. די אַלטע שטאָט חברון איז געלעגן אין חורבות, אָבער די לעגענדע וועגן דער מערת־המכפלה מיט די קבֿרים פון אַבֿרהם אָבֿינו און דער מוטער שׂרה האָט צוגעצויגן אַהין עולי־רגל פון אַלע דריי אמונות. ניט ווייט פון דאָרט, אין דער געגנט וואָס די קרייצפאָרערס האָבן זי אָנגערופן „טורעם פון ריטערס״ (Torreon de los caballeros), האָבן געוווינט אַ 300 ייִדן. אין דער געוועזענער מוסלימישער הויפּטשטאָט פון יהודה רמלה זיינען געבליבן נאָר דריי ייִדן. דאָס ווייזט, אַז אין דער צייט פון דער קריסטלעכער ממשלה אין ארץ־ישׂראל האָט דער באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג דאָרט זיך שטאַרק אומגעביטן. אין דער ים־שטאָט יפו, דער נאָענטסטער האַונשטאָט צו ירושלים, האָבן די קריסטן געלאָזט וווינען נאָר איין משפחה פון אַ ייִד אַ פאַרבער. דערפאַר אָבער זיינען אין נײַ־אַשקלון, ביים ברעג ים, געווען דריי קהילות: פון ייִדן רבניטן (אַ 200 מיטגלידער), פון קראים (אַ 40 מיטגלידער) און שומרונים (אַ 300). אין צפורי אין גליל האָט דער רייזנדער געפונען נאָר אַ גרויסן בית־הקבֿרות, און אין טבֿריה איז די ייִדישע באַפעלקערונג באַשטאַנען פון 50 משפחות, מיט דריי רבנים בראָש. אַ געוויסע אויפלעבונג איז געווען צו מערקן אויפן גליליש־פעניקישן ים־ברעג. אין דער נײַער צור, אַ גרויסער האַונשטאָט, איז געווען אַ ייִדישע קהילה פון 400 מיטגלידער, בראָש מיט אַ דיין, אַ ראָש־הקהל און געלערנטע תּלמודיסטן. דאָרטן זיינען געווען רייכע בעלי־בתּים פון שיפן, וואָס האָבן געפירט אַ האַנדל איבער ימים, עס זיינען אויך געווען מייסטערס צו מאַכן גלאָז. אין עכּו, דער הויפּט־האַונשטאָט פון די קרייצפאָרערס, האָבן זיך געפונען אַ 200 ייִדישע משפחות. אין קיסריא זיינען געווען ווינציק ייִדן, אָבער אַ סך שומרונים. שומרונים האָבן געוווינט אויך אין לאַנד שומרון און אין שכם, ווו קיין ייִדן זיינען גאָרניט געווען. בכּלל איז ארץ־ישׂראל אין דער תּקופה פון די קרייצ־פאָרערס, חוץ די ים־שטעט, געווען אַ לאַנד פון הייליקע קבֿרים און אָן אַ צאָל

קירכן, וואָס צו זיי פֿלעגן קומען מאַסן עולי־רגל פֿון אייראָפּע. פֿאַר ייִדן איז קיין אָרט ניט געווען אין אָט דעם לאַגער פֿון דער טריומפֿירנדיקער קירך, קריגערישע פֿירשטן און ריטערס, וואָס האָבן געקענט זיך שלאָגן, זינדיקן און בעטן מחילה פֿאַר זייערע זינד, אָבער ניט בויען קיין מלוכה.

גאָר אַן אַנדער בילד שילדערט דער זעלביקער רײַזנדער, ווען ער גייט אַריבער פֿון דער קריסטלעכער ארץ־ישׂראל צו דער מוסלימישער סיריע. דאָ לעבן אָפּ די חרובֿ געוואָרענע אַלטע צענטערס פֿון דער דיאַספּאָרע, אויפֿגעפֿרישט דורך די צוגעקומענע כּוחות פֿון ארץ־ישׂראל. אויב אין דער פֿאַרצײַטן גרויסער אַ נ ט י ו כ י א, וואָס די קרייצפֿאָרערס האָבן אײַנגענומען, זײַנען געבליבן סך־הכּל אַ וואָסער צענדליקער ייִדישע משפּחות, איז אין דמשׂק, וואָס איז געווען פֿרײַ פֿון דעם קרייץ, די ייִדישע קהילה אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס ווי ביז דרײַ טויזנט מיטגלידער.[1] אין אָט דער גרויסער שטאָט, „אַ צענטער פֿון האַנדל פֿאַר אַלע לענדער", וואָס „פֿון איר הייבט זיך אָן די מלוכה פֿון דעם טערקישן מלך נור־עד־דין" (אַזוי שרײַבט רבי בנימין פֿון טודעלאַ), האָבן זיך באַזעצט די ארץ־ישׂראלדיקע תּלמידי־חכמים און געזעלשאַפֿטלעכע טוער. בראָש פֿון דער קהילה זײַנען געשטאַנען דער ראָש־ישיבֿה ר׳ עזריה, דער אַבֿ־בית־דין שׂר־שלום, אַ רײַ ממונים מיטן טיטל „ראָש־סדר" (עלטסטער ישיבֿה־מאַן), „דרשן", „פּרנס" און איין דאָקטאָר. דאָ איז געווען דער גאַנצער אַפּאַראַט פֿון אַ ישיבֿה, וואָס האָט זיך געהאַט פֿריִער אויסגעבילדעט אין ארץ־ישׂראל. פֿון ארץ־ישׂראל האָבן געהאַט זיך אַריבערגעקליבן אויך גרופּעס קאַראַימער און שומרונים, וואָס האָבן דאָ געבילדעט באַזונדערע קהילות. אָט די דרײַ גרופּעס פֿון דער באַפֿעלקערונג האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום, אָבער זיך משדך געווען איינע מיט די צווייטע האָבן זיי ניט. אונטער וועגנס איבער דעם סירישן מדבר, צווישן דמשׂק און מעסאָפּאָטאַמיע, האָט דער רײַזנדער געטראָפֿן אין דעם אָאַזיס פּ אַ ל מ י ר ע (תּדמור) אַ ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון 2000 קריגערישע לײַט, וואָס האָבן געהאָלפֿן זייערע אַראַבישע שכנים אין דער מלחמה קעגן די „אדומים" – די קרייצפֿאָרערס און האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָנדראַנג פֿון די בעדויִנער פֿון אַראַביע. די צווייטע גרויסע קהילה נאָך דמשׂק האָט זיך געפֿונען אין אַ ל ע פּ אָ (חלב, אַחלאַב, ארם־צובא), וווּ עס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען די רעזידענץ פֿון דעם סולטאַן נור־עד־דין. בראָש פֿון דער קהילה, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַנדערהאַלבן טויזנט מיטגלידער, איז געשטאַנען אַ ראָט פֿון דרײַ מענטשן. אין די שטעט ראַקאַ און נציבֿין אויפֿן גרענעץ מיט אַרמעניע האָבן זיך גערעכנט פֿון 700 ביז 1000 ייִדישע אײַנוווינער. די גרעסטע קהילה (אַרום 8000 מיטגלידער)

1 אַרום 1180 האָט דער רײַזנדער ר׳ פּתחיה שוין אָנגעציילט צען טויזנט, נאָר די דאָזיקע ציפֿער איז, ווײַזט אויס, אַ גוזמא.

האָט זיך געפֿונען אין דער מעסאָפּאָטאַמישער שטאָט מאָסול, אויפֿן ברעג פֿון חידקל, ניט ווײַט פֿון די חורבות פֿון דער פֿאַרצײַטיקער הויפּטשטאָט פֿון אַשור נינוה (דערפֿאַר טאָקע רופֿן די יידישע רײַזנדער זי אָן אַשור אָדער די „נײַע נינוה"). דער רעגירער פֿון דער שטאָט איז געווען נור־עד־דינס ברודער סייף־עד־דין, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך פֿאַר אַן אַסטראָלאָג אַ ייִדן, וואָס האָט זיך גערופֿן רבי יוסף החוזה, און די אַראַבער האָבן אים געגעבן דעם צונאָמען „בורהאַן אַל־פֿולוק" („דער קענער פֿון די הימלען"). ער איז געווען איינער פֿון די מנהיגים פֿון דער ייִדישער קהילה. פֿאַרן אָפֿיציעלן פֿאָרשטייער פֿון דער מאָסולער קהילה האָט זיך גערעכנט דער נשיא רבי זכאי, וואָס האָט זיך מייחס געווען צו זרע בית־דוד, אָדער צו דער משפּחה פֿון די רישי־גלותא אין בבל. מאָסול, וואָס איז נאָענט צו באַגדאַד, איז געווען פֿאַרבונדן מיט דעם אינסטיטוט פֿון ראָש־הגולה און גאונות, וואָס האָט דעמאָלט ווידער אויפֿגעלעבט אין בבל. די דאָזיקע צײַטווײַליקע אויפֿלעבונג פֿון דער אַמאָליקער אויטאָנאָמיע אין דעם יידישן צענטער, וואָס האָט שוין זײַן העגעמאָניע געהאַט אָנגעוואָרן, איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דעם אַלגע־מיינעם גאַנג פֿון די געשעענישן אין די מזרח־לענדער אין 12טן יאָרהונדערט.

§ 57. די צײַטווײַליקע אויפֿלעבונג פֿון דעם אויטאָ־נאָמען צענטער אין באַגדאַד

דער אָנדראַנג פֿון די קרייצפֿאָרערס און די דינאַסטישע קריגערײַען אין דער מוסלימישער אַזיע האָבן אויף אַזוי פֿיל אָפּגעשוואַכט די אייבער־הערשאַפֿט פֿון די סעלדזשוקישע טערקן, אַז די באַגדאַדער כאַליפֿן, וואָס זײַנען פֿריִער געווען אונטער דער ממשלה פֿון די טערקישע סולטאַנען און האָבן נאָר געהאַט אַ גײַסטלעכע מאַכט, האָבן איצט צוריק אָפּגענומען אויך די וועלטלעכע מאַכט פֿאַר זיך, הגם נאָר אויף אַ באַגרענעצטער טעריטאָריע. אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 12טן י"ה זײַנען אָט די קינדסקינדער פֿון די אַבאַסידן געווען בכּוח צו שאַפֿן אין בבל (איראַק), אין דער געגנט פֿון באַגדאַד, אַ קליינע מלוכה, אַ מין קירכן־מלוכה פֿון דעם פּויפּס אין איטאַליע, וואָס איז נאָר לויטן נאָמען נאָך געווען אָפּהענגיק פֿון די „גרויסע סולטאַנען" פֿון פּערסיע.

צו דער העכסטער מדרגה פֿון זעלבשטענדיקייט האָט דערגרייכט דער כאַליף מוהאַמעד אַל־מוקטאַפֿי (1136–1160), וואָס האָט געשטרעבט צו באַנײַען דעם אַמאָליקן גלאַנץ פֿון דעם באַגדאַדער כאַליפֿאַט אין די שמאָלע גרענעצן פֿון זײַן געביט. דער דאָזיקער כאַליף האָט אויך באַשטימט אומצוקערן די יידן פֿון בבל די אינעווייניקסטע אויטאָנאָמיע, וואָס זיי האָבן געהאַט אין די

בעסטע צייטן פון דעם כאַליפאַט. די רעסטאַוראַציע פון דער אַליין־פאַרוואַל־טונג איז געוואָרן באַזונדערס וויכטיק אין דעם מאָמענט, ווען יידן פון ארץ־ישׂראל האָבן געגומען אַנטלויפן און באַזעצן זיך אין די בבלישע און סירישע שטעט. עס האָט אויסגעדוכט, אַז דאָס ארץ־ישׂראלדיקע יידנטום, וואָס ווערט געדריקט דורך די קרייצפאָרערס, וועט ווידער אַ מאָל אַריבערטראָגן די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע צו די ברעגעס פון פרת און חידקל, ווי אַנומלט, בשעת קאָנסטאַנטין דער גרויסער האָט דערהויבן דעם קרייץ איבערן הייליקן לאַנד. ווידער אַ מאָל האָבן די צוזענטרישע כּוחות געשטויסן די צעריסענע טיילן פון דער אומה זיך צו פאַראייניקן, צו שאַפן אַן אויטאָנאָמען פאַרבאַנד פון קהילות מיט די העכסטע אָרגאַנען פון וועלטלעכער און גייסטלעכער מאַכט. נאָך אַ הפסקה פון הונדערט יאָר ווערט אויפגעריכט דער אינסטיטוט פון ראש־הגולה, און צו גלייך די מאַכט פון נייע גאונים.

אין דער צייט פון דעם כאַליף מוקטאַפי האָט זיך באַוויזן דער ערשטער ריש־גלותא פון דער נייער סעריע, מיטן נאָמען חסדאי (לויט אַן אַנדער נוסח, וואָס איז ווינציקער פינקטלעך – שלמה). ער איז משמעות געווען אַן אָפּשטאַמלינג פון דער פריערדיקער משפחה פון די רישי־גלותא, וואָס האָט געפירט איר יחוס פון דוד המלך. מען מעג רעכענען, אַז אויב דער כאַליף האָט ווידער אויפגעריכט אַן אָפיציעלע יידישע פאָרשטייערשאַפט, האָט ער דערפון גערעכנט צו פאַרדינען פאַר זיך און פאַר דער מלוכה; דער ריש־גלותא איז געווען ערבֿ דערפאַר, אַז עס זאָלן ריכטיק אַרייַנגיין די אָפּצאָלן פון די יידישע קהילות, און אָפט מאָל פלעגט ער אונטערטראָגן טייַערע מתנות דעם „מושל פון די מאַמינים" (עמיר־אַל־מומינין). אַ מסורה דערציילט, אַז דער כאַליף האָט שטאַרק געהאַלטן פון דעם ריש־גלותא און ער האָט מיט גדלות געזאָגט: „איך געהער צו די קינדסקינדער פון מוהאַמעדן, און ער איז פון די קינדסקינדער פון דוד המלך". חסדאיס זון און יורש דניאל (אַן ערך 1160–1174) האָט אויסגעשפרייט זייַן מאַכט איבער די יידישע קהילות ווייַט אַריבער די גרענעצן פון באַגדאַדער מדינה. ער האָט זיך געפירט מיטן לוקסוס פון אַ פירשט און האָט עפנטלעך אַרויסגעוויזן זייַן מאַכט אין דעם גייסט פון אָריענטאַלישע שׂררות, און דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אייַנדרוק אויף דעם יידישן רייַזנדער פון אייראָפּע, וואָס האָט באַזוכט באַגדאַד. רבי בנימין פון טודעלאַ דערציילט אָט וואָס וועגן דער טעטיקייט און וועגן שטייגער לעבן פון דעם דאָזיקן ריש־גלותא:

„בראָש פון אַלע (ראָשי־ישיבֿות און פאָרשטייער פון די קהילות) שטייט רבי דניאל בן חסדאי, וואָס מען רופט אים ראש־גלות און וואָס פירט זייַן יחוס פון דוד המלך. די יידן רופן אים „אונדזער האַר ראש־הגולה", און די מוסלימס: „סיידנאַ בן־דאַוד" (אונדזער האַר בן־דוד). און ער האָט

אַ געוואַלדיקע מאַכט איבער אַלע ייִדישע קהילות, וואָס געפֿינען זיך אין די מדינות פֿון דעם האַר פֿון די ישמעאלים, דעם עמיר אַל־מומינין, וואָרעם אַזוי האָט אָנגעזאָגט מוהאַמעד [1] זײַנע קינדסקינדער. דער כאַליף האָט געגעבן דעם ריש־גלותא אַ כּתבֿ מיט זײַן זיגל אויף צו באַשטעטיקן זײַן מאַכט איבער אַלע ייִדישע קהילות. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו אַלע מוסלימס, ייִדן און אַנדערע פֿעלקער פֿון זײַן קיניגרײַך, אַז איטלעכער, ווען ער וועט דערזען דעם ריש־גלותא, זאָל פֿאַר אים אויפֿשטיין און אים גריסן, און ווער עס וועט ניט אויפֿשטיין פֿאַר אים, דער קריגט הונדערט מלקות. ווען ער (דער ריש־גלותא) גייט צום גרויסן קיניג (דעם כאַליף), באַגלייטן אים רײַטערס ייִדן און ניט־ייִדן און רופֿן אויס אויף זייער שפּראַך (אַראַביש): „לאָזט דעם וועג אונדזער האַר, דעם בן־דוד!“ ער פֿאָרט רײַטנדיק אויף אַ פֿערד, אָנגעטאָן אין אויסגעהאַפֿטע זײַדענע בגדים, מיט אַ גרויסן טורבאַן אויפֿן קאָפּ, און איבער אים איז אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ גרויס ווײַס טוך מיט אַ האַלדזבאַנד און מוהאַמעדס זיגל. און דער ריש־גלותא געוועלטיקט איבער אַלע קהילות פֿון שנער (בבֿל), פּרס, כאָראַסאַן, שבא אָדער תּימן, דיאַרבעקיר (אַרמעניע), דאָס גאַנצע לאַנד אַרם־נהרים, דאָס לאַנד כּוט (?) בײַ די בערג פֿון אַררט, דאָס באַרגלאַנד פֿון אַלאַניע (קאַווקאַז)..., ווײַטער איבער די קהילות פֿון סכּביא (?), פֿון דעם לאַנד פֿון די תּוגרמים (טורקמענער) און געאָרגיער (גרוזינער), וואָס האַלטן קריסטנטום, ביז די טויערן פֿון סאַמאַרקאַנד, ביז קיין טיבעט און אינדיע [2]... אַלע קהילות אין די דאָזיקע לענדער דערלויבט ער צו באַשטימען רבנים און חזנים, צו אים קומט מען אויף צו באַשטעטיקן אויף אָט די פּאָסטנס און מען ברענגט מתּנות פֿון אַלע עקן וועלט. ער האָט הויפֿן און סעדער אין בבֿל און אויך ירושה־מאַיאָנטקעס. פֿון די ייִדישע אַכסניות, פֿון די ירידים און הענדלערס באַקומט ער אַ באַשטימטן יאָריקן אָפּצאָל. ער איז זייער רײַך און וווילגעלערנט אין תּורה און אין תּלמוד, און בײַ זײַן טיש עסן אַלע טאָג אַ סך ייִדן. אין דער צײַט ווען דער ריש־גלותא ווערט באַשטעטיקט אויף זײַן פּאָסטן, גיט ער אויס אַ סך געלט אויף מתּנות

---

1 אין אָריגינאַל שטייט אָנשטאָט דעם נאָמען מוהאַמעד דער „משוגע“.

2 די טעריטאָריע פֿון דעם ריש־גלותאס ממשלה איז דאָ בלי־ספֿק פֿאַנטאַסטיש אויסגעברייטערט. עס איז אָבער גאַנץ מיגלעך, אַז אין יענער צײַט האָט מען אָנערקענט דעם אויטאָריטעט פֿון דעם באַגדאַדער ריש־גלותא אויך אין פּערסיע, אַרמעניע און אויף קאַווקאַז, וווּ די ייִדישע קהילות האָבן געקענט באַנײַען זייערע פֿאַרבינדונגען מיט דער געוועזענער מעטראָפּאָליע. אייניקע גוזמאות קאָן מען דערקלערן דערמיט, וואָס דער מחבר האָט זיך נעפֿונען אונטער דעם אײַנדרוק פֿון דער אַלטער שילדערונג פֿון דעם אינסטיטוט פֿון ריש־גלותא אין דעם ווערק פֿון ר׳ נתן הבבֿלי (מזרח־תּקופֿה, § 60).

דעם כאַליף, די שׂררות און זייערע חבֿרים; מען זעצט אים אַוועק אין אַ קיניגלעכן קאַראָט און מען פירט אים פון דעם פּאַלאַץ פון דעם גרויסן קיניג אין זײַן אייגן הויז אַרײַן מיט מוזיק און טענץ. דער ריש־גלותא פון זײַן זײַט באַשטעטיקט די ראָשי־ישיבֿות".

אין דער זעלביקער צײַט האָט מען געפּרוּווט צו מאַכן אויפלעבן אין באַגדאַד די ישיבֿות, ווי זיי זײַנען אַ מאָל געווען אין סורא און פּומבדיתא. אַרום 1170 האָט אונדזער רײַזנדער אָנגעציילט אין באַגדאַד צען ישיבֿות, וואָס איטלעכע פון זיי האָט געהאַט איר ראָש־ישיבֿה. דער ראָש־ישיבֿה פון דער הויפּט־ישיבֿה איז געווען רבי שמואל בן עלי הלוי, וואָס האָט געהאַט דעם טיטל „גאון". דער גאון צוזאַמען מיט די איבעריקע ראָשי־ישיבֿות זײַנען געווען די גײַסטלעכע קאָלעגיע, וואָס האָט געהאַט צו שאַפן איבער די אינעווייניקסטע ענינים פון דער קהילה, געפּסקנט אין דיני־תורות און געגעבן תשובֿות אויף שאלות אין רעליגיעזן לעבן. די קאָלעגיע פון דעם בית־דין איז באַשטאַנען פון די חכמים פון דער צענטראַלער ישיבֿה, וואָס האָבן זיך פאַרנומען נאָר מיט צרכי־ציבור. געוויינטלעך פלעגן זיי אַליין פּסקענען אין די ענינים, וואָס פלעגן אַרײַנקומען פון פאַרשיידענע בית־דין־קרײַזן; נאָר איין מאָל אין וואָך פלעגט אין זייערע זיצונגען נעמען אָנטייל אויך דער גאון רבי שמואל, און דעמאָלט פלעגט מען משמעות באַטראַכטן די וויכטיקסטע ענינים.

די ייִדישע קהילה פון באַגדאַד, וואָס איז געוואָרן די מעטראָפּאָליע פון דער מזרחדיקער דיאַספּאָרע, שילדערן די בני־דור אין די שענסטע פאַרבן. זי איז באַשטאַנען פון טויזנט משפּחות, וואָס צווישן זיי זײַנען געווען אַ סך גבֿירים און לומדים. אַכט און צוואַנציק סינאַגאָגעס זײַנען געווען אין באַגדאַד און איר סבֿיבֿה אויף ביידע ברעגעס פון חידקל; די סינאַגאָגע פון דעם ריש־גלותא איז געווען באַזונדערס גרויסאַרטיק. באַגדאַד איז בכלל געווען זייער אַ רײַכע שטאָט, ווײַל זי האָט געפירט אַ האַנדל מיט אַלע לענדער; געווען זײַנען דאָרט אַ סך „קלוגע פילאָסאָפן, כלערליי געלערנטע און חרטומים, וואָס זײַנען בקי אין אַלע מינים כישוף". צום באַגדאַדער קרײַז האָבן געהערט די קהילות פון די שטעט פּומבדיתא און סורא, ווו עס זײַנען אַ מאָל געווען די גרויסע ישיבֿות, און אויך דער ראַיאָן פון דער אַמאָליקער נהרדעא. גרויסע ייִדישע ייִשובֿים זײַנען געווען אויך אין עוקברא (בשכנות פון באַגדאַד) און אויך אין דער ים־שטאָט באַסרע, ווו עס האָבן געוווינט אַ סך „ייִדן נגידים און לומדים". די רײַזנדערס רופן אָן אָפט מאָל די נעמען פון יענע מנהיגים וואָס זײַנען געשטאַנען בראָש פון יעדער קהילה, און דאָס באַווײַזט, אַז די קהילה־פאַרוואַלטונג אין באַגדאַדער קרײַז איז געווען אָרגאַניזירט אומעטום אויף איין שטייגער.

אַ באַזונדער כאַראַקטער האָבן געטראָגן די ייִדישע קהילות פֿון צווייטע מדינות, וואָס האָבן פֿריִער געהערט צום באַשטאַנד פֿון באַגדאַדער כאַליפֿאַט: דאָס איז אַראַביע און פּערסיע. דאָס איז געווען עפּעס אַ וועלט פֿאַר זיך, הגם צוגעבונדן צו די גײַסטלעכע אויטאָריטעטן פֿון באַגדאַד, נאָר מיט באַזונדערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע סימנים. אין די שטעט פֿון צפֿון־אַראַביע (תּימא, חיבר א"אַ), פֿון וואַנען מען האָט ייִדן פֿאַרטריבן בײַם אָנהייב פֿון איסלאַם, זײַנען אין 12טן י"ה געווען גרויסע ייִדישע קהילות אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ באַזונדער „נשׂיא". רבי בנימין פֿון טודעלאַ, וואָס האָט געקענט אַראַביע משמעות נאָר פֿון הערן זאָגן, רעכנט די ייִדישע אײַנוווינער פֿון אַראַביע אין צענדליגער און אַפֿילו אין הונדערטער טויזנטער, און פֿאַרצייכנט, אַז פֿאַראַן צווישן זיי גבֿירים און לומדים און אויך „גיבורים קריגסלײַט, וואָס פֿירן מלחמה מיט די בבֿלים פֿון צפֿון־זײַט און מיט די אײַנוווינער פֿון תּימן (פֿון דרום־זײַט)". זיי האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַקערן די ערד און האָדעווען בהמות, געווען אויך צווישן זיי נאָמאַדן, וואָס האָבן געלעבט אויפֿן שטייגער פֿון די אַראַבישע בעדויִנער, נאָר זיי זײַנען געווען זייער פֿרום. צווישן ייִדן פֿון אַראַביע האָט דער רײַזנדער געפֿונען קרײַזלעך פֿון אַסקעטן, וואָס האָבן געפֿאַסט תּעניתים און „געטרויערט אויף ציון און ירושלים", ד"ה זיי האָבן געוואַרט, אַז משיח דאַרף באַלד קומען. אין די פּערסישע פּראָווינצן פֿון דעם געוועזענעם באַגדאַדער כאַליפֿאַט האָבן זיך געפֿונען גרויסע ייִדישע קהילות אין די שטעט שושן, אַמאַדיע, האַמאַדאַן, אין דער רעזידענץ פֿון דעם פּערסישן סולטאַן איספּאַהאַן, אין שיראַס, אין סאַמאַרקאַנד און ווײַטער אין מיטל־אַזיע. דאָ האָבן זיך אויך געטראָפֿן „אַבֿלי־ציון" און עס האָט זיך געפֿירט אַ משיחישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז משמעות געווען פֿאַרבונדן מיט דעם, וואָס די קרייצפֿאָרערס האָבן אײַנגענומען ארץ־ישׂראל. בײַ די פּערסישע ייִדן, וואָס צווישן זיי זײַנען געווען ניט ווייניק קריגערישע באַרג־אײַנוווינער, איז ניט געווען שווער צו פּועלן, אַז אויב די פֿרעמדע חיילות פֿון ווײַטן מערבֿ האָבן געקאָנט אײַננעמען ירושלים צוליב דעם נצחון פֿון קריסטנטום, דאַרפֿן אויך די געזעצלעכע יורשים פֿון הייליקן לאַנד זען צו באַפֿרײַען דאָס מיט כּוח. די דאָזיקע משיחישע שטרעבונגען זײַנען פֿאַרשטאַרקט געוואָרן, נאָך דעם ווי די מוסלימישע אַטאַבעגן פֿון סיריע האָבן באַוויזן אַרויסצושטופּן די קרייצפֿאָרערס פֿון זייער סירישער פֿעסטונג עדעסע, וואָס מחמת דעם איז פֿאָרגעקומען דער צווייטער קרייצצוג פֿון יאָר 1147, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה פֿון די קריסטן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז אויפֿגעקומען אַ משיחישע באַוועגונג, וואָס איר צענטער האָט זיך געפֿונען אין פּערסיע.

§ 58. די משיחישע באַוועגונגען פֿון 12טן י״ה

צווישן די יאָרן 1155 און 1160 האָט אין דער פּערסישער שטאָט אַמאַדיע זיך באַוויזן איינער פֿון אַזעלכע אויסדריקער פֿון די פֿרײַהייטס־האָפֿענונגען פֿון דער דיאַספּאָרע. דוד אַלרואי (אָדער מנחם אַלרוחי), וואָס איז אַרויס־געטראָטן ווי אַ „משיח", האָט געהערט צו די געבילדעטע מענטשן פֿון יענער צײַט. יונגערהייט, אין דער רעגירונגס־צײַט פֿון דעם ריש־גלותא חסדאי, האָט ער געלערנט אין דער באַגדאַדער ישיבֿה און האָט זיך אײַנגעשאַפֿט גרויסע ידיעות אין תּלמוד; ער איז געווען באַהאַוונט אין וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן און אין דער אַראַבישער ליטעראַטור, און אין פֿאָלק האָט מען געשמועסט, אַז ער קען אויך כּישוף. משמעות, אַז דוד האָט אויפֿגעהויבן דעם אויפֿשטאַנד ניט אַזוי איבער מיסטישע מאָטיוון, ווי איבער די אויבן דערמאָנטע פּאָליטישע סבֿרות. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף צו די קריגערישע באַרגייִדן פֿון אַזערביידזשאַן, זיי זאָלן אויפֿשטיין קעגן דעם פּערסישן סולטאַן און אַרויס־שיקן אַ חיל קיין ארץ־ישׂראל, כּדי אײַנצונעמען ירושלים. זיך אַליין האָט דוד פּראָקלאַמירט פֿאַרן אָנפֿירער פֿון דעם אויפֿשטאַנד וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿון גאָט, אַז ער זאָל אויסלייזן דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון דעם יאָך פֿון פֿרעמדע פֿעלקער. אַ סך זײַנען נאָכגעגאַנגען נאָך דודן און האָבן אים אָנגע־נומען פֿאַרן משיח. צו אים זײַנען געקומען העלדישע מענטשן פֿון באַגדאַד, מאָסול און אַנדערע ערטער. ייִדישע חיילות האָבן זיך באַוואָפֿנט, גרייט אַרויס־צוטרעטן אין מלחמה. אַז דער פּערסישער סולטאַן איז געוואָר געוואָרן וועגן אָט די הכנות, האָט ער געלאָזט רופֿן דוד אַלרואי און געפֿרעגט בײַ אים, צי ער שטייט טאַקע בראָש פֿון די אויפֿגעשטאַנענע. אַז דוד האָט געענטפֿערט, אַז יאָ, האָט דער סולטאַן געהייסן אַרײַנזעצן דעם „משיח" אין תּפֿיסה אין טאַבאַריסטאַן, וואָס מען האָלט דאָרט פּאָליטישע פֿאַרברעכערס. נאָר אין גיכן איז אַלרואי אַנטלאָפֿן פֿון תּפֿיסה. אין פֿאָלק האָט מען דערציילט, אַז דער משיח האָט זיך געמאַכט דורך כּישוף אַ רואה ואינו נראה און איז געקומען צום סולטאַן אין פּאַלאַץ אַרײַן. אַז דער סולטאַן האָט געהייסן כאַפּן אים, האָבן די באַדינערס זײַנע ניט געקאָנט טון גאָרנישט, ווײַל זיי האָבן אים ניט געזען, נאָר בלויז געהערט זײַן קול. לײַכטגלייביקע מענטשן האָבן פֿאַרשפּרייט מעשׂיות וועגן דעם משיחס מופֿתים, און מען האָט אַלץ שטאַרקער געגלייבט אין אים.

אין דער צײַט וואָס דער כּלומרשטער משיח האָט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער פּערסישער רעגירונג, האָבן זיך באַוויזן אין באַגדאַד צוויי אָפּנאַרערס, וואָס האָבן אויסגענוצט די לײַכטגלייביקייט פֿון דעם המון צוליב אַ דורכגע־טריבענער מיסטיפֿיקאַציע. זיי האָבן באַוויזן די באַגדאַדער ייִדן אַ בריוו, וואָס דער משיח זאָל האָבן כּלומרשט צוגעשיקט, און אין בריוו איז געשטאַנען,

אַז די שעה פֿון אויסלייזונג איז נאָענט, און אַז די גאולה וועט קומען בדרך נס: אין דער באַשטימטער שעה, אַרום האַלבער נאַכט, דאַרפֿן ייִדן זיך אָנטון אין גרינע בגדים, אַרויפֿגיין אויף די דעכער פֿון זייערע הײַזער און וואַרטן דאָרט, ביז עס וועט זיך אויפֿהייבן אַ שטאַרקער ווינט און וועט זיי אַוועקטראָגן גלײַך קיין ירושלים. דער פֿאַרנאַרטער באַגדאַדער המון האָט אַוועקגעגעבן די אָפּנאַרערס זייער גאַנץ אייגנס אויף צעטיילן צדקה אָרעמע לײַט, און אַליין האָבן אַלע געפֿאָלגט דאָס וואָס עס האָבן זיי געהייסן טון דעם משיחס כּלומרשטע שלוחים. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי אָפּגעוואַרט, מיט זייערע ווײַבער און קינ־דער, אויף די דעכער, און ערשט אַז דער נס פֿון פֿלִיען איז ניט געשען, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט. אָבער בינתים האָבן די אָפּנאַרערס באַוויזן נעלם צו ווערן צוזאַמען מיטן אייגנס פֿון די באַגדאַדער תּמימים. אין באַגדאַד האָט מען דאָס דאָזיקע יאָר גערופֿן בדרך הלצה „דאָס פֿלִייאָר".

דער דאָזיקער קאָמישער עפּיזאָד האָט ניט אומגעביטן דעם טראַגישן קוק פֿון דער פּערסישער מאַכט אויף דער ייִדישער משיחישער באַוועגונג. דער פּערסישער סולטאַן האָט געמעגט מורא האָבן, עס זאָלן ניט אַרויסקומען גאָר ערנצטע רעזולטאַטן פֿון „דער מלחמה מיט אַלע פֿעלקער", וואָס די ייִדן האָבן זיך אויף איר פֿאַרמאָסטן. ער האָט געלאָזט וויסן דעם באַגדאַדער כאַליף וועגן זײַנע חששות און האָט אים געבעטן, ער זאָל ווירקן אויפֿן ריש־גלותא און אויפֿן גאון, אַז זיי זאָלן אָפּרעדן דודן פֿון זײַן אומזיניקער אונטער־נעמונג, אַניט האָט ער געסטראַשעט אויסצוקוילן אַלע ייִדן אין פּערסיע. אויך די פֿאָרשטייער פֿון די פּערסישע קהילות, וואָס האָבן געציטערט פֿאַר זייער לעבן, האָבן זיך געווענדט צו די מנהיגים אין באַגדאַד, זיי זאָלן זיי העלפֿן. האָבן דער ריש־גלותא און די ראָשי־ישיבֿות אַוועקגעשיקט צו דודן אַ בריוו, ווו עס איז געשטאַנען: „זאָלסט וויסן זײַן, אַז די צײַט פֿון דער גאולה איז נאָך ניט געקומען, און אַז קיין מופֿתים דערויף פֿון אויבן זײַנען נאָך ניטאָ, און מיט כּוח קאָן מען ניט אויספֿירן. מיר באַפֿעלן דיר אָפּצושטעלן אַזעלכע מעשׂים, אַניט וועסטו ווערן מנודה פֿון כּל ישׂראל". די זעלביקע פֿאָדערונג האָבן באַקרעפֿטיקט די ראָשים פֿון דער ייִדישער קהילה אין מאָסול, דער אויבן דערמאָנטער נשׂיא ר׳ זכּאי און דער שטערנזעער ר׳ יוסף החוזה. נאָר אַלרואי האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן אידעע און האָט ווײַטער אַגיטירט אין פֿאָלק. דעמאָלט האָט די פּערסישע רעגירונג באַשלאָסן פּטור צו ווערן פֿון דעם געפֿערלעכן בונטמאַכער אויפֿן געוויינטלעכן שטייגער, ווי מען איז זיך נוהג אין אָריענט. דער שטאָטהויפּטמאַן פֿון אַמאַדיע האָט אונטערגעקויפֿט מיט אַ גרויסער סומע געלט דוד אַלרואיס שווער און האָט אים אײַנגערעדט צו דערהרגען זײַן איידעם, בכדי צו ראַטעווען אַלע ייִדן

פון אַ צרה. מען האָט דעם משיח דערהרגעט אין בעט בעתן שלאָף. די פאָלקס־באַוועגונג האָט זיך נאָך דעם איינגעשטילט. נאָר דער פּערסישער סול־טאַן האָט געוואָלט זיך פּאַרגיטיקן פאַר יענער אומרויִקער צײַט וואָס ער האָט דורכגעלעבט און האָט אַרויפגעלייגט אַ שווערע קאָנטריבוציע אויף די ייִדישע קהילות פון זײַן לאַנד. דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם ריש־גלותא האָט אָפּגעגאָלטן צונויפצוקלײַבן הונדערט „ככר" גאָלד און מיט דער נתינה איבער־בעטן דעם דערצערנטן סולטאַן. נאָר צווישן די ייִדן פון אַזערביידזשאַן זײַנען נאָך פאַרבליבן סעקטאַנטן, וואָס האָבן הייליק געהאַלטן דעם אָנדענק פון דעם טראַגיש אומגעקומענעם משיח. די דאָזיקע סעקטאַנטן הייסן „מנחמיטן" לויטן טיטל פון דעם משיח „מנחם" (דער טרייסטער).

די משיחישע באַוועגונג, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן אין פּערסיע, האָט זיך איבערגעחזרט אַ ביסל שפּעטער צווישן די ייִדן פון דרום־אַראַביע, אָדער תימן. אין אָט דעם צענטער פון איסלאַם האָט מען דעמאָלט שטאַרק גערודפט ייִדן; מען האָט זיי איבער געוואָלד געצוווּנגען אָנצונעמען מוהאַמעדס רעליגיע. אַ סך ייִדן האָבן לפנים אָנגענומען די דאָזיקע רעליגיע, אָבער בשתיקה האָבן זיי געהאַלטן ייִדישקייט (אַן ערך אין יאָר 1175). די פורענויות האָט געוועקט משיחישע חלומות. עס האָט זיך באַוויזן אין תימן אַזאַ בעל־חלומות, וואָס האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער איז דער אָנזאָגער פון משיחס קומען און האָט מיט זײַנע נבֿואות אַרײַנגעבראַכט אַ מהומה צווישן פאָלק. אין יענער צײַט איז גראָד דער רמבם אַריבערגעפאָרן קיין מצרים, און די פאָרשטייער פון די ייִדישע קהילות פון אַראַביע האָבן זיך געווענדט צו אים מיט אַ שאלה וועגן דעם ענין און האָבן אים געלאָזט וויסן, וואָס בײַ זיי טוט זיך. שפּעטער האָט דער גרויסער דענקער דערציילט וועגן דער געשעעניש, וואָס ער האָט זיך אין איר אַרײַנגעמישט דורך זײַן באַרויִקנדיקן און אויפקלערנדיקן וואָרט:

„אין תימן האָט זיך באַוויזן אַ מאַן, וואָס האָט זיך אויסגעגעבן פאַר אַ שליח פון דעם משיח, וואָס איז באַרופן אָפּצוראַמען דעם וועג פאַר זײַן קומען. וועדליג זײַנע רייד וועט דער משיח נתגלה ווערן דער וועלט אין לאַנד תימן. אַרום אים (דעם נבֿיא) האָבן זיך געקליבן אַ סך מענטשן, ייִדן און אַראַבער. ער איז געגאַנגען איבער די שטעט, אַרײַנגעפירט מענטשן אין בלאָנדזשעניש און האָט זיי אײַנגערעדט צו לאָזן זיך גיין מיט אים אַנטקעגן דעם משיח, וואָס האָט אים געשיקט. אונדזערע ברידער אין תימן האָבן אָנגעשריבן צו מיר אַ גרויסן בריוו און געלאָזט מיר וויסן וועגן דעם אויפפיר פון דעם דאָזיקן מענטשן און וועגן זײַנע חידושים בנוגע די תפילות, און אויך וועגן זײַנע דרשות און די מופתים, וואָס ער האָט באַוויזן און וואָס זיי האָבן געזען, און זיי האָבן בײַ מיר געפרעגט, וואָס באַדאַרף מען האַלטן

דערפֿון. אַז איך האָב זיך אַרײַנגעטראַכט אין דעם ענין, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עס גייט די רייד וועגן אַ מענטשן וואָס איז אָרעם אין שׂכל, אַ ירא־שמים, אָבער ליידיק פֿון יעדער וויסן. אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט וועגן זײַנע מעשׂים (מופֿתים) אָדער וואָס האָט אויסגעוויזן פֿון זײַן טועכץ, איז שקר און אָפּנאַרערײַ. איך בין געווען אומרויִק איבער דעם גורל פֿון די דאָרטיקע ייִדן און איך האָב צו זיי אָנגעשריבן דרײַ תּשובֿות וועגן דעם ענין פֿון מלך המשיח, וועגן זײַנע סימנים, וועגן די מופֿתים פֿון דער צײַט, ווען ער קאָן קומען, דערבײַ האָב איך זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן מתרה זײַן דעם דאָזיקן מענטשן, בכדי אַז ער אַליין זאָל ניט אומקומען און די קהילות זאָלן ניט לײַדן מיט אים. געענדיקט האָט זיך די מעשׂה דערמיט, וואָס אין אַ יאָר אַרום האָט מען אים (דעם נבֿיא) געכאַפּט, און אַלע זײַנע אָנהענגער זײַנען זיך צעלאָפֿן. איינער פֿון די אַראַבישע מלכים, וואָס האָט גענומען געפֿאַנגען דעם נבֿיא, האָט צו אים געזאָגט: „וואָס האָסטו דאָס אָנגעטאָן!“ און יענער האָט געענטפֿערט: „אַדוני קיניג, איך האָב דאָס אַלץ געטאָן לויט גאָטס וואָרט“. — „ווי אַזוי וועסטו דאָס באַווײַזן?“ — האָט דער קיניג געפֿרעגט. און דער נבֿיא האָט געזאָגט: „האַק מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, און איך וועל באַלד לעבעדיק ווערן און אויפֿשטיין ווי געווען“. — „אַ דאָס איז טאַקע אַ גרויסער מופֿת — האָט דער קיניג אויסגערופֿן — און אויב דו וועסט אים ווײַזן, דעמאָלט וועל איך און גאָר די וועלט גלייבן, אַז דײַנע רייד זײַנען אמת, און אַז אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן אונדז איבערגעגעבן פּוסטע און אומנוציקע אײַנגלייבענישן“... דער קיניג האָט געהייסן דערלאַנגען אַ שווערד, און מען האָט דעם אומגליקלעכן נעבעך אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, און ער איז אומגעקומען. זאָל זײַן טויט זײַן אַ כּפּרה פֿאַר אים און פֿאַר כּל־ישׂראל! די ייִדן אָבער אין אַ סך ערטער זײַנען געקנסעט געוואָרן מיט געלטשטראָפֿן. אָבער אויך נאָך איצט (אין צוואַנציק יאָר אַרום) זײַנען דאָרט פֿאַראַן מענטשן אָן פֿאַרשטאַנד, וואָס זאָגן, אַז ער (דער נבֿיא) וועט אין גיכן אויפֿשטיין תּחית־המתים און אַרויסגיין פֿון קבֿר“.

עס ווײַזט אויס, אַז דעם רמב״מס בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן צו די תּימנער ייִדן אין עצם ברען פֿון דער משיחישער באַוועגונג, האָט ווינציק געהאָלפֿן. אין דעם דאָזיקן בריוו („אגרת תּימן“) האָט ער גערופֿן זיך צו פֿאַרהאַלטן רויִק און זיך צו באַטראַכטן, ער האָט געוואָרנט קעגן דער ביטערער חרטה, וואָס ווײַזט זיך שטענדיק אַרויס, נאָך דעם ווען מען דער־קענט, אַז דאָס איז געווען אַ פֿאַלשער משיח, און האָט געראָטן ניט „דוחק צו זײַן דעם קץ“, ניט צו וואַרטן אויפֿן משיח, איידער די צײַט איז געקומען. עס איז געווען שווער צו קעמפֿן קעגן דער משיחיות, וואָס די געזעלשאַפֿט־לעכע אַטמאָספֿער איז געווען מיט איר אָנגעזעטיקט, ווען דער קריסטלעכער

און מוסלימישער פאַנאַטיזם האָבן געשטופּט די ייִדישע דיאַספּאָרע אויף פּאַריאַושטע פּרוּוון זיך צו ראַטעווען. דער גלויבן אין נסים, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די משיחישע באַוועגונגען, איז געווען באַזונדערס שטאַרק צווישן די מזרחדיקע ייִדן. דעם דאָזיקן שטריך פּאַרצייכענען אָפּט די דעמאָל־טיקע רײַזנדערס. אין די ייִדישע מאַסן פון מעסאָפּאָטאַמיע האָט געהערשט אַ טיפער אָבערגלויבן. מען האָט איבערגענומען בײַ די מוסלימס דעם מנהג צו גיין מתפלל זײַן אויף קברים פון הייליקע פון דער אַלטער צײַט, צום גרעסטן טייל דאָרטן, ווו די קברים זײַנען גאָרניט געווען. צענדליגער טויזנטער ייִדן פון אַלע לענדער פון אַזיע פלעגן קומען צו גיין אין יענע ערטער, ווו עס זאָלן זיך געפינען, לויט מוטל־בספקדיקע טראַדיציעס, דער קבר פון יחזקאל הנביא (ניט ווײַט פון קופע), פון עזרא הסופר און אַנדערע גדולי ישראל. דאָס עולה־רגל זײַן צו יחזקאלס קבר איז געוואָרן אַ פאָלקס־קולט, און אַפילו די אָפיציעלע פירערס האָבן אים אָנגענומען. אַלע יאָר, בעת די ימים־נוראים, פלעגן זיך צונויפקומען אַהין פון 60 ביז 70 טויזנט עולי־רגל פון נאָענט און פון ווײַט. אַ מאָל פלעגן קומען אַהין אויך דער ריש־גלותא און די ראָשי־ישיבות. די עולי־רגל האָבן געוווינט אין געצעלטן אויפן ברעג פון פרת. איבערן קבר איז געווען אויסגעבויט אַ גרויסאַרטיקער קופל־בנין, און דערנעבן איז געווען אַ גרויסע שול. דאָ פלעגן אָפגעריכט ווערן פײַערלעכע רעליגיעזע צערעמאָניעס און מען פלעגט אויך פּראַווען פרײלעכע סעודות (סוכות־צײַט), און עס איז דערבײַ געווען אַ יריד. בײַ יחזקאלס קבר האָט מען מתפלל געווען אויף רפואה פון קרענק און פקידת־עקרות, מען פלעגט זיך געבן נדרים, שענקען נדבות אויף אויסצוהאַלטן דעם קבר און די שול. אין פאָלק זײַנען אַרומגעגאַנגען אַ סך סיפורי־מעשׂיות וועגן די מופתים, וואָס זײַנען געשען בײַ דעם הייליקן קבר. אויך מוסלימס פלעגן קומען אַהין מתפלל זײַן.

ווידער אַ הייליקער אָרט איז געווען דער כלומרשטער קבר פון עזרא הסופר, וואָס איז אמת געבאָרן געוואָרן אין בבל, נאָר געוווינט האָט ער אין ירושלים און איז מן־הסתם דאָרט געקומען צו קבורה. די פאָלקס־מסורה האָט באַשטימט, אַז עזראס קבר געפינט זיך אין אַן אָרט בײַם טײַך סאַמאַראַ, אין באַגדאַדער געגנט. אַהין זאָל דער אָרון זײַן אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון אַן אַנדער אָרט, מחמת עזרא זאָל זײַן געקומען צו חלום איינעם אַ פּאַסטוך, וואָס איז געשלאָפן אויף זײַן קבר, און האָט אים געהייסן איבערגעבן דעם סולטאַן, אַז ער זאָל באַפעלן די ייִדן, זיי זאָלן אַריבערטראָגן זײַן אָרון צום ברעג פון יענעם טײַך. דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן, און איבער דעם אײַזערנעם אָרון (לויט אַן אַנדער נוסח – מירמלשטיינערנעם אָרון) אין דעם נײַעם אָרט האָט מען אויסגעבויט אַ קופל־בנין און אַ שול פון איין זײַט

און אַ מעטשעט פֿון דער צווייטער, מחמת די מוסלימס האָבן אויך געהאַלטן היילים דעם קבֿר. מען האָט דערציילט, אַז אַרום האַלבער נאַכט באַווײַזט זיך איבער עזראס קבֿר אַ פֿײַערדיקער זײַל און לײַכט די רײַזנדערס אין וועג אַ שעה אָדער צוויי. די שליסלען פֿון די בנינים בײַם קבֿר געפֿינען זיך אין די הענט פֿון ייִדן. די עולי־רגל לאָזן איבער אָט די שומרים נדבֿות, וואָס ווערן גענוצט אויף מפֿרנס צו זײַן יתומים און אויף בדק־הבית פֿון שולן אין אָרעמע קהילות.

אַ שותּפֿישער הייליקטום פֿאַר ייִדן און מוסלימס איז אויך געווען דער כּלומרשטער אָרון פֿון דעם נבֿיא דניאל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער פּערסישער פּראָווינץ כוזיסטאַן, אין דער אַלטער שטאָט שושן. דער בית־הקבֿרות, ווו אָט דער קבֿר האָט זיך געפֿונען, איז געווען דער האַנדלסטייל פֿון שטאָט, ווו עס האָבן געוווינט רײַכע ייִדן, און די אָרעמע אײַנוווינער פֿון די עקן שטאָט אויף יענער זײַט טײַך האָבן געהאַט טענות, פֿאַר וואָס קומט עס די גבֿירים, אַז זיי אַליין זאָלן געניסן פֿון דעם מזלדיקן אָרון. צום סוף איז מען געקומען צו אַן אויסגלײַך, אַז דער אָרון זאָל זיך געפֿינען איין יאָר אין איין טייל שטאָט און דאָס צווייטע יאָר אין צווייטן. נאָך איין מאָל איז געקומען צו פֿאָרן קיין שושן דער פּערסישער סולטאַן סינדזשאַר שאַך (אַן ערך 1140) און האָט אָנגעוויזן די אײַנוווינער, אַז עס געשיקט זיך ניט, מען זאָל כּסדר אַריבערטראָגן דעם אָרון פֿון איין טייל שטאָט אין צווייטן; ער האָט געפֿונען פֿאַר זיי אַ גלײַכערע עצה: מען זאָל אויפֿהענגען דעם אָרון אויף אײַזערנע קייטן איבערן בריק, וואָס פֿאַרבינדט ביידע טיילן שטאָט, און אַזוי אַרום ווען אים אַלע האָבן. האָט מען אַזוי געטאָן. אַז די ייִדישע רײַזנדערס פֿון מערבֿ זײַנען אַרום העלפֿט 12טן י"ה געקומען קיין שושן, האָבן זיי געפֿונען אַזוי דעם אָרון הענגען.

§ 59. דער ראָש־הגולה און גאון ר' שמואל בן עלי אין באַגדאַד

אין דער צווייטער העלפֿט 12טן י"ה האָט אין באַגדאַד געוועלטיקט דער אויבן דערמאָנטער גאון ר' שמואל בן עלי, וואָס ווען דער ראָש־הגולה דניאל איז געשטאָרבן אָן קינדער (1174), האָט ער פֿאַר זיך צוגענומען אויך די וועלטלעכע מאַכט. צוויי קרובֿים פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם דניאלן, דוד און שמואל, וואָס האָבן געוווינט אין מאָסול, האָבן זיך דאָרט אַרומגעקריגט פֿאַרן פּאָסטן פֿון ריש־גלותא, אָבער זיי זײַנען געווען צופֿרידן דערמיט, וואָס זיי האָבן געטראָגן דעם טיטל און געקראָגן אָפּצאָלן, איטלעכער פֿון זײַן צד. דער אמתער ריש־גלותא איז געווען ר' שמואל בן עלי, און דער באַגדאַדער

כאַליף האָט געמוזט אָנערקענען די דאָזיקע געשעענע צונויפֿגיסונג פֿון די גײַסטלעכע און וועלטלעכע פֿונקציעס אין איין פּערזאָן. „אין גאַנץ אַשור (דער קרײַז פֿון מאָסול), אין דמשק, אין די שטעט פֿון פּרס, מדי און בבֿל — זאָגט דער רײַזנדער רבי פּתחיה פֿון רעגנסבורג — האָבן ייִדן ניט קיין איין דיין, וואָס אים זאָל ניט האָבן באַשטימט דער גאון רבי שמואל, דער ראָש־ישיבֿה פֿון באַגדאַד. ער גיט אין איטלעכער שטאָט אַ היתּר אויף לערנען און משפּטן, שטרות מיט זײַן זיגל זײַנען גילטיק אין אַלע לענדער, אַפֿילו אין ארץ־ישׂראל, און אַלע האָבן מורא פֿאַר אים. ער האָט זעכציק שקלאַוון און משרתים, וואָס שלאָגן מיט שטעקענער אַלעמען ווער עס ווידערשפּעניקט. ער טראָגט גאָלד־געשטיקטע בגדים ווי אַ מלך, און זײַן פּאַלאַץ איז אויסגעפּוצט מלכותדיק מיט זײַדענע געוואַנטן". צו גלײַך איז אָט דער שׂר „רײַך מיט קענטעניש אין דער תּורה שבכּתבֿ און אין דער תּורה שבעל־פּה און אין גאָר דער חכמה פֿון מצרים (וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן), און קיין זאַך איז פֿון אים ניט פֿאַרהוילן; ער ווייס אויך דעם כּוח פֿון די שמות (השבעות)... בײַ אים פֿרעגט מען שאלות אויך אין דער חכמה פֿון די שטערן (אַסטראָלאָגיע)". ר' שמואל בן עלי האָט אין דער ישיבֿה געזאָגט אַ שיעור אין גמרא נאָר פֿאַר אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געקענט לערנען, און פֿון דעסט וועגן איז צו אים געקומען אַ גרויסער עולם: ער האָט געהאַט ביז 500 תּלמידים. געזאָגט זײַנע שיעורים האָט ער אויך ווי אַ גרויסער שׂררה: אין זאַל פֿון זײַן פּאַלאַץ וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט קאָבריצעס איז געזעסן דער גאון אויף אַ הויכער בימה, און די תּלמידים זײַנען געזעסן אויף דער ערד. ער פֿלעגט לייענען געווענדט צום מתורגמן („אויסטײַטשער"), וואָס איז געשטאַנען אויף דער בימה, און דער מתורגמן פֿלעגט איבערחזרן זײַנע ווערטער און זיי אויסטײַטשן. אויב די תּלמידים האָבן געהאַט וואָס צו פֿרעגן, פֿלעגן זיי זיך ווענדן צום מתורגמן, און אויב ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן, פֿלעגט ער איבערפֿרעגן בײַם גאון. דער אויבן אָנגערופֿענער רײַזנדער דערציילט, אַז ר' שמואל האָט קיין זין ניט געהאַט, און נאָר איין טאָכטער, וואָס האָט זייער גוט געקאָנט תּנך און גמרא. זי האָט אויך געלערנט אַ שיעור פֿאַר די יונגע תּלמידים, זיצנדיק בײַ אַן אָפֿענעם פֿענצטער און אייבערשטן גאָרן, און די תּלמידים זײַנען געשטאַנען אונטן אין הויף און האָבן געקאָנט נאָר הערן זי, אָבער ניט זען. אַזוי אָרום איז מען ניט עובֿר געווען אויף דעם מנהג פֿון צניעות, וואָס ייִדן האָבן געהאַט איבערגענומען בײַ די מוסלימס, אַז די פֿרויען טאָרן זיך ניט ווײַזן פֿאַר פֿרעמדע מאַנצבילן. דעם גאונס טאָכטער איז געווען די פֿרוי פֿון זײַנעם אַ תּלמיד, וואָס האָט געדאַרפֿט ירשענען זײַן טיטל, אָבער דער יונגער איידעם איז געשטאָרבן פֿאַר זײַן שווער. אַ משורר פֿון יענער צײַט האָט באַזונגען אין קלינגענדיקע

העברעיִשע פּערזן די זעלטענע מעלות פֿון רבי שמואלס געלערנטער טאָכטער.

זינט עס איז געפֿאַלן די גאונות נאָכן טויט פֿון רב האַי גאון, איז רבי שמואל בן עלי געווען דער ערשטער (און ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אויך דער לעצטער) גאון, וואָס זײַן אויטאָריטעט איז געווען אָנגענומען אין די לענדער פֿון מזרח און מערבֿ. ווי די גאונים פֿון דער פֿריִערדיקער צײַט, האָט ער געשיקט תשובֿות אויף שאַלות אין ענינים פֿון געזעצגעבונג און רעליגיעזער פּראַקטיק. ווי גרויס עס איז געווען דער נאָמען פֿון רבי שמואל בן עלי אין ווײַטע מקומות, איז צו זען דערפֿון, וואָס צו אים האָט זיך געווענדט מיט שאַלות רבי משה פֿון קיִעוו.[1]

אַרום 1190 האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט אַ פּאָלעמיק צווישן דעם באַגדאַדער גאון און צווישן רבנו משה בן מײַמון, וואָס האָט דעמאָלט געווױנט אין מצרים. צוביידע גדולי הדור האָט מען זיך געווענדט מיט אַ שאַלה, צי מעג מען אום שבת פֿאָרן אין אַ שיף אויף אַ גרויסן טײַך. דער ליבעראַלער רמבם האָט געענטפֿערט, אַז מען מעג, דער קאָנסערוואַטיווער רבי שמואל בן עלי האָט געענטפֿערט, אַז מען טאָר ניט, און האָט דערויף געבראַכט אויסגעפּילפּולטע ראַיות. אין גיכן האָט מען זיך געווענדט פֿון תימן צו די ביידע חכמים, אין באַגדאַד און אין קאַהיראָ, מיט אַן ערנצטער שאַלה: ווי אַזוי דאַרף מען פֿאַרשטיין די דאָגמע פֿון תחית־המתים, וואָס איז געווען ניט קלאָר פֿאָרמולירט אין דעם רמבמס „יד החזקה", וואָס האָט זיך דעמאָלט באַוויזן. דער באַגדאַדער גאון האָט געענטפֿערט אויף דער שאַלה אין הסכם מיט דעם פֿאָלקסטימלעכן גלויבן, אַז פּשוט דער גוף וועט אויפֿשטיין צו אַ נײַעם לעבן, און דערבײַ האָט ער אויפֿגעוואָרפֿן דעם רמבם, אַז ער וויל פֿאַרשטעלן די דאָזיקע רעליגיעזע דאָגמע דורך דער פֿילאָסאָפֿישער אידעע פֿון השאָרת־הנפֿש. דער חכם פֿון קאַהיראָ האָט דערויף געענטפֿערט, ווי זײַן מנהג איז געווען צו ענטפֿערן זײַנע געגנערס פֿון אָרטאָדאָקסישן לאַגער: מיט אַן איראָנישער אָפּשאַצונג פֿון זייער פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק (אויבן, § 50). דער רמבם האָט בכלל קנאַפּ וואָס געהאַלטן פֿון יענער אָפֿיציעלער ייִדישקייט, וואָס איר פֿאָרשטייער איז געווען דער באַגדאַדער גאון. זײַנעם אַ תלמיד רבי יוסף בן עקנין, וואָס האָט געוואָלט עפּענען אַ ישיבֿה אין באַגדאַד, האָט ער געגעבן אַן עצה ניט צו פֿאַרבינדן זיך מיט די דאָרטיקע תלמידי־חכמים, וואָס וועלן אים צווינגען אײַנצוצאַמען די פֿרײַהייט פֿון זײַן געדאַנק. „גלײַכער פֿאַר דיר – האָט ער געשריבן – צו פֿאַרדינען אײַן דראַכמע מיט אַרבעט פֿון

1 די ייִדן פֿון דרום־רוסלאַנד פֿלעגן דעמאָלט זיך קאָמוניקירן מיט באַגדאַד איבער קרים, קאַווקאַז און פּערסיע, זע אויבן, § 55.

אַ וועבער, אַ שנײַדער אָדער אַ סטאָליער, איידער צו פֿאַרנעמען אַ שטעלע אונטער דער ממשלה פֿון דעם ראש=הגולה".

דער גאון און ראש=הגולה רבי שמואל בן עלי איז געשטאָרבן אַרום 1200, און זינט דעמאָלט הייבט דער באַגדאַדער אויטאָנאָמער צענטער אָן ביסלעכווײַז אײַנצוגיין. דער כאַליפֿאַט גופֿא, וואָס איז אָנהייב 12טן י"ה אויפֿגעלעבט געוואָרן, איז ווידער געגאַנגען באַרג אַראָפּ. דער ענערגישער כאַליף אַן=נאַסיר (1180—1225) האָט זיך געפֿלײַסט נאָך אונטערצוהאַלטן דעם פּרעסטיזש פֿון זײַן קליינער מלוכה, וואָס איז געווען אײַנגעפּרעסט אין די צוואַנגען פֿון זײַנע קריגערישע שכנים. לויט דער טראַדיציע פֿון אַ מאָל האָט ער אַרויסגעגעבן איינעם פֿון די נאָכקומערס פֿון רבי שמואלן, ר' דניאל בן אלעזר, אַ כּתבֿ (1209), ווו עס איז געווען באַשטימט די מאַכט פֿון דעם גאון אָדער ראָש=ישיבֿה לגבי די קהילות אויף אַזאַ אופֿן: „היות ווי דניאל בן אלעזר בן חיבת=אַלאַ בעט אונדז אַוועקצושטעלן אים אויפֿן אָרט פֿון אַ ראַס=מתיבא (ריש=מתיבתא, ראָש=ישיבֿה) אָנשטאָט דעם פֿאַרשטאָרבענעם אלעזר בן הלל, לויט די פֿריִערדיקע כּללים און מנהגים, האָט זײַן מאַיעסטעט אַן=נאַסיר=בידין=אַלאַהי באַפֿוילן: באַשטימען דעם בעטער אויפֿן אָרט פֿון ראַס=מתיבא אָנשטאָט דעם פֿאַרשטאָרבענעם (אויף די זעלביקע יסודות), ווי איבן=אַל=דאַסטור (דער אַראַבישער נאָמען פֿון ר' שמואל בן עלי) האָט פֿאַרנומען דעם דאָזיקן אַמט. זאָל מען זיך ווענדן צום טרעגער פֿון דעם דאָזיקן טיטל פֿון אַלע ערטער, וואָס לויטן מנהג שטייען זיי אונטער זײַן פֿאַרוואַלטונג. אים איז דערלויבט זיך אויסצוצייכענען מיט זײַנע בגדים פֿון זײַנס גלײַכן, ווי עס געשיקט זיך פֿאַר מענטשן פֿון זײַן ראַנג. די ייִדישע קהילות און זייערע דיינים אין באַגדאַד און אין אַלע מדינות פֿון איראַק זײַנען מחויבֿ אָפּצוהיטן זײַנע תּקנות און צו פֿאָלגן זײַנע פּסקים אין זייערע סיכסוכים. עס דאַרפֿן אים ווערן געגעבן אַלע רעכט, וואָס עס האָבן גענאָסן זײַנע פֿאָרגייערס אויף דעם פּאָסטן, אין אַלע ערטער ווו ער האָט צו שאַפֿן, און קיינער טאָר אים ניט אַנטקעגנשטעלן זיך. ער ווידער מוז אין אַלע זײַנע ענינים און תּקנות זיך צוצופּאַסן צו פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן (פֿון זײַנע פֿאָלקסברידער) און געוויסנדיק אויספֿירן די פֿאָדערונגען פֿון זײַן האַר (דעם כאַליף)".

נאָר אָפֿיציעלע כּתבֿים האָבן שוין ניט געקאָנט הייבן דעם באַטײַט פֿון דער גאונות, וואָס אירע פֿאָרשטייער זײַנען געוואָרן אַלץ קלענער. די ווירקונג=ספֿערע פֿון באַגדאַד איז אַלץ ענגער געוואָרן. די גרויסע קהילות פֿון סיריע: מאָסול, אַלעפּאָ, דמשק האָבן געהאַט זייערע אייגענע מנהיגים מיטן טיטל „ראָש=ישיבֿה" און אַפֿילו „נשׂיא", און פּאָליטיש זײַנען זיי געשטאַנען אונטער דער ממשלה פֿון אָרטיקע סולטאַנען וואָס זײַנען געווען ניט אָפּהענגיק פֿון דעם כאַליף. ארץ=ישׂראל, וואָס איז בהדרגה באַפֿרײַט געוואָרן פֿון דער

איבערהערשאַפֿט פֿון די קרייצפֿאָרערס מיט דער הילף פֿון מצרים, איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער ווירקונג=ספֿערע פֿון דער דאָזיקער מלוכה. דער ספֿרדישער פּאָעט אַלחריזי, וואָס האָט באַזוכט באַגדאַד אַרום יאָר 1220, האָט געשריבן וועגן אָט דער שטאָט ווי וועגן אַ געוועזענעם צענטער: „אַנומלט די שיינקייט פֿון אַלע לענדער, ווו עס זײַנען זינט קדמונים געווען גאונים און חכמי עולם, האָט זי (באַגדאַד) איצט אָנגעוואָרן אירע זקנים, און עס זײַנען געבליבן נאָר יונגע, עס האָט זיך געפֿעלט די זעמלמעל, און עס איז געבליבן נאָר קלײַען, עס זײַנען אַוועק פֿרומע לײַט און געבליבן זײַנען העצערס, געשטאָרבן זײַנען די לייבן, און זייער אָרט האָבן פֿאַרנומען די פֿיקס". אין אַלעפּאָ און דמשק האָט דער דאָזיקער רײַזנדער באַמערקט אַ סך מער באַלעבונג, אין דער געזעלשאַפֿט און אין דער ליטעראַטור. דער באַגדאַדער כאַליפֿאַט האָט טאַקע שוין געלעבט זײַנע לעצטע יאָרן. דער כאַליף נאַסיר, וואָס האָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון זײַנע פּערסישע און טורקעסטאַנישע שונאים, האָט גערופֿן צו הילף מאָנגאָלן פֿון טשינגיס=כאַנס האָרדעס, און אין גיכן האָבן די מאָנגאָלישע כוואַליעס פֿאַרפֿלייצט גאַנץ אַזיע. די לעצטע כאַליפֿן זײַנען געווען אָפּהענגיק פֿון די דאָזיקע באַרבאַרן, און אין יאָר 1250 האָט זיך זיי אונטערגעגעבן באַגדאַד.

אַזוי איז געקומען דער סוף צו דעם כאַליפֿאַט פֿון די אַבאַסידן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פֿינף הונדערט יאָר, און מיט אים איז אַוועק אַ גלאַנצפֿולע תקופֿה פֿון דער ייִדישער געשיכטע. די כוואַליעס פֿון באַרבאַרנטום, וואָס האָבן פֿאַרפֿלייצט די ציוויליזאַציע פֿון דעם באַגדאַדער כאַליפֿאַט, האָבן אַראָפּגעטראָגן אויך די ייִדישע קולטורעלע נעסטן אין די דאָזיקע מדינות פֿון דעם איסלאַם. עס זײַנען נאָך געבליבן ייִדישע קהילות אין פֿאַרשיידענע ווינקלען פֿון בבל, פּערסיע און צענטראַל=אַזיע, ערטערווײַז איז געבליבן גאַנץ נאָך דער פֿריִערדיקער קהילה=סדר מיט אַ דיין און מיט אַ ראָש=ישיבה, ערגעץ ווו (אין דמשק, אין אַלעפּאָ) האָבן די קינדסקינדער פֿון די ראָשי=הגולה זיך נאָך טיטולירט „נשׂיא" און „ראש=הגולה", — אָבער דאָס זײַנען אַלץ געווען אָפּגעבראָכענע שפּליטערס פֿון דער אַמאָליקער אָרגאַניזאַציע. בבל ווערט אײַנגעזונקען אין אַ צושטאַנד פֿון פֿאַרגליווערטקייט. די באַוועג=כוחות פֿון דעם מזרחדיקן ייִדנטום ווערן אויף אַ צײַט אַריבערגעטראָגן קיין מצרים.

§ 60. מצרים און ארץ=ישׂראל אונטער מצרישער ממשלה ביזן אָנהייב 13טן י"ה

די ייִדישע מאַסן, וואָס די קרייצפֿאָרערס האָבן זיי אַרויסגעשטופּט פֿון דעם קיניגרײַך ירושלים, האָבן פֿון איין זײַט מיטגעהאָלפֿן צו באַלעבן צײַט=

ווײַליק די אויטאָנאָמע צענטערס אין סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע, און פון דער אַנדער זײַט האָבן זיי פאַרשטאַרקט דעם צענטער אין מצרים, וואָס האָט זיך געהאַט לאַנג אײַנגעשטעלט אונטער די פאַטימידן. מצרים, וואָס האָט אָנגע־וואָרן ארץ־ישׂראל, פריִער בײַ די סעלדזשוקן (1071) און שפּעטער בײַ די קרייצפאָרערס (1099), האָט לאַנג ניט געוואָלט זיך באַרויִקן איבער אָט דעם אָנווער. אין די ערשטע יאָרן פון דעם ירושלימער קיניגרײַך האָט די קריסט־לעכע פּאַלעסטינע ניט איין מאָל געזען בײַ איר ברעג דעם קריגספלאָט פון די עגיפּטער, וואָס האָבן געהאַט אַ ים־באַזע בײַ אַשקלון און פון דאָרט געמאַכט אָנפאַלן טיף אין לאַנד. שפּעטער האָבן די פאַטימידן געלאָזט צו רו ארץ־ישׂראל, ביז עס האָט ווידער אָנגעהויבן דעם קאַמף דער העלדישער סאַלאַח־עד־דין (סאַלאַדין), דער גרינדער פון דער נײַער דינאַסטיע עיובידן אין מצרים (1171). אין דער תקופה פון די לעצטע פאַטימידן איז דער מצבֿ פון יידן אין מצרים געווען באַזונדערס גוט. עס האָבן געוואַקסן גרויסע קהילות אין קאַהיראָ־פּאָסטאַט און אין אַלכּסנדריא, עס האָבן אָפּגעלעבט די קהילות אויך אין אַנדערע שטעט, עס איז אויסגעברייטערט געוואָרן די זעלבסטפאַר־וואַלטונג. ניט געקוקט דערויף וואָס אין באַגדאַד איז ווידער געווען אַ ריש־גלותא, האָט מצרים נאָך געהאַט אַן אייגענעם ראָש־הגולה, דעם „נ ג י ד". 1

אין דעם צווייטן פערטל פון 12טן י"ה איז געווען נגיד ש מ ו א ל א ב ו־מ נ ס ו ר, וואָס איז געווען הויף־מעדיקער בײַם פאַטימידישן כאַליף האַפיז אין קאַהיראָ. די עגיפּטישע כראָניסטן דערציילן מכּוח דעם, ווי אַזוי דער דאָזיקער יידישער שׂר איז דערהייכט געוואָרן, אַזאַ מעשׂה. צווישן דעם כאַליף און זײַן זון האַסאַן איז אַרויס אַ מחלוקת, ווײַל דער כאַליף האָט געוואָלט איבער־לאָזן זײַן קרוין אַן אַנדער זון, וואָס אים האָבן אונטערגעהאַלטן די עמירן פון די פּראָווינצן. האַסאַן האָט אַריבערגעצויגן אויף זײַן צד אַ טייל פון דער אַרמיי, האָט געכאַפּט די עמירן וואָס זײַנען געווען קעגן אים און געלאָזט טייטן מיט אַ מיתה־משונה. נאָר ער האָט געליטן אַ מפּלה אין קאַמף, און די עמירן האָבן גענומען פאָדערן, אַז דער כאַליף זאָל לאָזן טייטן דעם פּרינץ. געצוווּנגען צו באַפרידיקן זייער פאָדערונג, האָט האַפיז באַשלאָסן צו פאַרסמען דעם זון מיט אַ גיך ווירקנדיקן סם און האָט געבעטן זײַן הויף־מעדיקער אַבו־מנסור, ער זאָל מאַכן אַזאַ סם. דער יידישער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכן דאָס און האָט געשוואָרן בײַ דער תּורה, אַז ער ווייס ניט דעם סוד, ווי אַזוי מען מאַכט אַזאַ סם (פאַראַן נאָך אַן אַנדער נוסח: ער האָט דאָס ניט געוואָלט טון דערפאַר, ווײַל אַ דאָקטאָר טאָר ניט אָנווענדן קיין מיטלען צו טייטן מענטשן). דעמאָלט האָט דער כאַליף דאָס אויפגעגעבן צו טון זײַן

1 מזרח־תקופה, באַנד III, § 67.

אַראַבישן דאָקטאָר, און יענער האָט אים געפֿאָלגט און אויסגעפֿירט די שרעקלעכע שליחות. שפּעטער האָט דער כאַליף חרטה געקראָגן דערויף, וואָס ער האָט דערהרגעט דעם זון, האָט געהייסן טייטן דעם אַראַבער וואָס האָט זיך צוגעאײַלט טון זײַן באַפֿעל, און דעם ייִדן אַבו=מנסור האָט ער באַשטימט פֿאַרן הויפּטדאָקטאָר בײַם הויף און האָט אים אַוועקגעשאָנקען דאָס קאָנפֿיסקירטע אייגנס פֿון דעם געטייטן אַראַבער.

אויסנוצנדיק האַפֿיזס גוטגינציקייט, האָט אַבו=מנסור געקאָנט פֿאַרווירקלעכן זײַן מאַכט פֿון אַ „נגיד" און באַפֿעסטיקן די ייִדישע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אין מצרים. דער קיניג פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע רבי יהודה הלוי האָט פֿאַראייביקט דעם נאָמען פֿון דעם דאָזיקן שׂר, וואָס ער איז געווען זײַן גאַסט בעת זײַן נסיעה אין די מזרח=לענדער (אַרום 1140). ווען אַבו=מנסור איז געוואָר געוואָרן, אַז דער גרויסער פּאָעט איז אָנגעקומען קיין אַלכּסנדריא און דערנאָך אין דער האַוונשטאָט דאַמיעטע, האָט ער צו אים אַרויסגעשיקט אַ פֿאַרבעטונג צו קומען קיין קאַהיראָ. דער פּאָעט איז אַוועקגעפֿאָרן אַהין מיט אַ שיף איבערן נילוס, און אַבו=מנסור האָט אים אויפֿגענומען מיט פֿרײַנדשאַפֿט און האָט זיך געפֿלײַסט צו פֿאַרהאַלטן דעם באַרימטן גאַסט וואָס לענגער בײַ זיך אין שטוב. אין אַלכּסנדריא האָט ר׳ יהודה הלוי זיך אויפֿגעהאַלטן בײַם דיין ר׳ אַהרן אַל=אָמאַני, און אין דאַמיעטע בײַ זײַן גוטן פֿרײַנד חלפֿן הלוי. אומעטום האָט מען אים אָפּגעגעבן גרויס כּבֿוד, און ער האָט געקאָנט בחוש זען, ווי הויך מען שאַצט אין מצרים זײַן ליטעראַרישן טאַלענט. נאָר אים האָט געצויגן קיין ארץ=ישׂראל, קיין ירושלים, און אין די בריוו אין פֿערזן אויפֿן נאָמען פֿון זײַנע עגיפּטישע גוטע פֿרײַנד האָט ער אויסגעגאָסן זײַן בענקשאַפֿט נאָכן הייליקן לאַנד אין די הפֿלאַדיקע סטראָפֿעס, וואָס נאָך עד=היום איז שווער צו לייענען זיי אָן רירונג. אין זײַן ענטפֿער צו די גוטע פֿרײַנד, וואָס האָבן אים צוגערעדט צו בלײַבן אין מצרים, האָט דער פּאָעט געשריבן: „צי קאָן מצרים אײַנהאַלטן אַ נשמה וואָס איז צונויפֿגעוועבט מיטן באַרג ציון? די שטיינער פֿון דעם דאָזיקן באַרג זײַנען אָפּגעברענט מיט פֿלאַם פֿון מײַן האַרץ, און זײַנע זאַמדן זײַנען אויסגעמישט מיט מײַנע טרערן. אָט אויך איצט, ווי איך גיב נאָר אַ טראַכט וועגן טאָג, ווען איך וועל מיט אַן אײַנגעהילטן קאָפּ און מיט באָרוועסע פֿיס טרעטן איבער ציון, פֿליסן מײַנע טרערן גיכער ווי אָט די אותיות, אונטערגעשטופּט דורך טיפֿע זיפֿצן". אויף דער טענה פֿון די פֿרײַנד, אַז אין מצרים האָט גאָט זיך אַנטפּלעקט משהן, און דאָרט איז דורכגעגאַנגען די יוגנט פֿון פֿאָלק ישׂראל, ענטפֿערט ר׳ יהודה הלוי: „יאָ, איך ווייס, אַז דאָ (אין מצרים) האָט אַ צײַט געווײַלט דער רוח=הקודש, פֿאַרקערט אַהער ווי אַ רײַזנדער אונטער דעם שאָטן פֿון אַ בוים, אָבער אין שלם און אין ציון איז ער אין דער היים, ווײַל דאָרט איז די תּורה און די גדולה

(פון דער אומה)". שווימענדיק איבערן נילוס, בעט דער פּאָעט די כוואַליע, זי זאָל אים טראָגן פאַרביי מצרים, פאַרביי דעם ים־סוף און דעם מדבר, איבער משהס וועג, „אין יענעם שיינעם נעסט, פון וואַנען עס זיינען פאַרטריבן גע־וואָרן די עופעלעך פון דער טויב און ווו עס האָט זיך באַזעצט אַ טשאַטע ראָבן". אין אָט דעם נעסט פון די ראָבן, אין דעם קיניגרייך פון די קרייצ־פאָרערס, האָט ער זיך געריסן פאָרן פון מצרים, ווו מען האָט אים אויפגע־נומען מיט אַזוי פיל ליבע. אין דער לעצטער מינוט האָט ער אַזוי ווי אַליין זיך דערשראָקן פאַר זיין דרייסטן פּלאַן. נאָכן אָפּפאָר פון אַלכסנדריא פאַר־לירט זיך דער שליאַד פון דעם משורר (אויבן, § 44).

דער רייזנדער ר' בנימין פון טודעלאַ, וואָס האָט באַזוכט מצרים דרייסיק יאָר שפּעטער, גיט אַ בפרטיותדיקע שילדערונג פון די וויכטיקסטע קהילות פון דעם דאָזיקן לאַנד. אין קאַהיראַ (מצרים, מיסר) האָבן זיך געפונען אַ 2000 יידישע משפחות. די קהילה, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אין דער אַלטער שטאָט — אין פאָסטאַט, איז געווען צעטיילט אין צוויי גרופּעס: די ארץ־ישׂראלדיקע אָדער סירישע (אַראַביש — אַש־שאַמיין) און די בבלישע (אַל־איראַקיין). איטלעכע האָט געהאַט איר אייגענע שול און אירע באַזונדערע מנהגים אין דער ליטורגיע: די בבלים למשל פלעגן דורכגיין אַלע פינף חומשים אין משך פון איין יאָר, ווייל זיי פלעגן לייענען יעדער שבת איינע פון די 50 סדרות, די ארץ־ישׂראלדיקע ווידער האָבן צעטיילט אַ סדרה אויף דריי שבתים, אַזוי אַז איבערלייענען די פינף חומשים האָט ביי זיי געדויערט דריי יאָר. אין קאַהיראַ, דער קרוינשטאָט, האָט געוווינט דער נגיד, דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון דעם עגיפּטישן יידנטום — בשעת ר' בנימין פון טודעלאַ איז אָנגעקומען (אַרום 1170), איז נגיד אָדער „ראָש־הקהילות" געווען דער יורש פון דעם דאָקטאָר אַבו־מנסור, ר' נתנאל (אַראַביש — חיבת־אַלאַ), וואָס איז אויך געווען ראָש־ישיבה. „ער איז, שרייבט דער רייזנדער, דער ראָש פון אַלע קהילות פון מצרים, ער באַשטימט אין זיי רבנים און חזנים; ער געפינט זיך אויך אין דינסט פון דעם גרויסן מלך, וואָס וווינט אין פּאַלאַץ פון צוען־מצרים (קאַהיראַ), דער הויפּטשטאָט פון אַלע אַראַבער, וואָס אָנערקענען פאַרן ראָש פון די מאַמינים די קינדסקינדער פון עלי אַב טאַליב (ד"ה פון דער משפּחה פון עלי און פאַטימע)". די יידישע קהילה פון אַלכסנדריא (3000 מאַן) האָט אַריבערגעשטייגט אין צאָל די קהילה פון קאַהיראַ. דער גע־וועזענער צענטער פון וועלטהאַנדל איז ווידער באַלעבט געוואָרן באַזונדערס אין דער תקופה פון די קרייצצוגן, ווען עס האָט זיך איינגעשטעלט אַן ענגע עקאָנאָמישע פאַרבינדונג פון אייראָפּע מיט אַזיע און אַפריקע. דער רייזנדער פאַרצייכנט 28 אייראָפּעישע לענדער און פּראָווינצן, פון וואַנען מען איז כסדר געקומען צו פאָרן קיין אַלכסנדריא צוליב האַנדל (איטאַליע, שפּאַניע, פראַנקרייך,

דײַטשלאַנד, ענגלאַנד, ביזאַנץ, רוסלאַנד (רוסיא), אונגערן און אַנד׳, חוץ די לענדער פֿון מזרח מיט אינדיע). „אין שטאָט איז טומלדיק פֿון מסחר, און די סוחרים פֿון איטלעכער אומה האָבן דאָרט זייער אַרײַנפֿאָרהויז״. נאָך אַ האַנדלס־צענטער איז געווען די האַונשטאָט דאַמיעטע, וואָס איז געוואָרן מפֿורסם בעת די קרייצצוגן, ווו עס האָט זיך געפֿונען אַ ייִדישע קהילה פֿון 200 בעלי־בתּים. אַ גרויסע קהילה פֿון 3000 בעלי־בתּים האָט זיך נאָך געפֿונען דעמאָלט אין דער שטאָט בעלבײס, אין דער מזרח־געגנט פֿון נילוס (אין חומש: גושן). צווייטראַנגיקע קהילות האָבן זיך געפֿונען אין אַנדערע שטעט פֿון דעם נילוס־טאָל: דאַמיראַ, סעפּיט, מאַהאַלאַ, פֿאַיום. די ייִדן פֿון מצרים האָבן געהאַט זייערן אַ הייליקטום, ווו מען פֿלעגט קומען פֿון אומעטום מתפּלל זײַן: צווישן אַלטע חורבֿות לעבן פֿאָסטאַט האָט מען געוויזן אַ שול פֿון משה רבינוס נאָמען. רבי בנימין האָט נאָך געפֿונען דאָרט אַ זקן אַ תּלמיד־חכם, וואָס איז געווען דער שמש פֿון שול. און דער עגיפּטישער היסטאָריקער פֿון 14טן י״ה מאַקריזי דערציילט, אַז נאָך אין זײַן צײַט פֿלעגן צו „משהס שול״ (וואָס ער ווײַזט אָן אויך אין דעם זעלביקן אָרט ניט ווײַט פֿון קאַהיראָ) קומען מאַסן ייִדן עולה־רגל זײַן צו שבֿועות, דעם טאָג פֿון „מתּן־תּורה״, אָפּצוגעבן כּבֿוד משה רבינון. לעבן קהילות פֿון די רבניטן האָבן זיך אין קאַהיראָ, אַלכּסנדריא און אַנדערע שטעט געפֿונען קהילות פֿון קאַראַימער און שומרונים.

אין יענע יאָרן, בעת ר׳ בנימין פֿון טודעלאַ איז געפֿאָרן צוריק דורך מצרים קיין אייראָפּע, האָט דער כאַליפֿאַט פֿון די פֿאַטימידן דורכגעמאַכט אַ גרויסן קריזיס. דער מעכטיקער סולטאַן פֿון אַלעפּאָ און דמשק נור־עד־דין האָט שוין לאַנג זיך געצויגן דורך דער קריסטלעכער ארץ־ישׂראל צו מצרים, ווו די לעצטע פֿאַטימידן זײַנען געוואָרן נעבעכדיקע שפּילכלעך אין די הענט פֿון זייערע וויזירן. אונטער דעם יונגן כאַליף אַדיד (1160—1171) האָבן אין די עגיפּטישע ענינים זיך אַרײַנגעמישט די צוויי קאָנקורענטן: דער סירישער סולטאַן נור־עד־דין און דער ירושלמער קיניג אַמאַלריך. עטלעכע יאָר איז מצרים געווען דאָס שלאַכטפֿעלד צווישן די סיריער און די פֿראַנקען, און בעת די דאָזיקע מלחמות איז פֿאַרברענט געוואָרן די אַלטע ייִדישע פֿאָרשטאָט פֿון קאַהיראָ פֿאָסטאַט (1168). סוף־כּל־סוף האָבן מנצח געווען די סיריער אונטערן אָנפֿיר פֿון דעם גרויסן קריגסהויפּטמאַן און דעם קומענדיקן הערשער פֿון אָריענט סאַלאַדין. ער האָט געמאַכט אַ סוף צו דער ממשלה פֿון די פֿאַטי־מידן און האָט גענומען רעגירן איבערן לאַנד אין נאָמען פֿון נור־עד־דין (1171), דערבײַ האָט ער געהייסן תּפֿילה טון אין די מעטשעטן פֿאַר די לעגי־טימע כּשרע כאַליפֿן די אַבאַסידן, און ניט פֿאַר די פֿאַטימידן. נאָך נור־עד־דינס טויט (1174) האָט סאַלאַדין פֿאַרנומען דמשק, איז געוואָרן דער מושל פֿון

סיריע און מצרים. זינט יענער צײַט האָט זיך געשטעלט פאַר אים די אויפ־גאַבע – אָפּצושאַפן דאָס קיניגרײַך ירושלים, וואָס איז געלעגן צווישן ביידע לענדער, פאַראייניקן גאַנץ פאָדער־אַזיע און פאַרשאַפן דעם איסלאַם אַ פולן נצחון איבערן קריסטנטום. ליקווידירן דעם גאַנצן אויפטו פון די קרייצצוגן אין די מזרח־לענדער – דאָס איז געווען די מיסיע פון סאַלאַדינען, וואָס ער האָט אויסגעפירט, ווי ווײַט זײַנע כוחות האָבן געקלעקט, הגם ער האָט ניט באַוויזן צו דערפירן זי צו אַ גמר. אין יאָר 1187 האָט דער „הייליקער קריג", וואָס סאַלאַדין האָט פּראָקלאַמירט, זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן נצחון: די קרייצפאָרערס זײַנען צעקלאַפּט געוואָרן אין דער שלאַכט בײַ טבריה, און מחמת דעם האָט סאַלאַדין געקאָנט אײַננעמען כמעט גאַנץ ארץ־ישׂראל. ירושלים האָט זיך אונטערגעגעבן, און דעם 2טן אָקטאָבער פון יענעם יאָר זײַנען די קריסטן אַוועק פון ירושלים, נאָך דעם ווי זיי האָבן דאָרט אָפּגעוועלטיקט 88 יאָר. סאַלאַדין האָט אײַנגענומען דאָס ברעגלאַנד פון ארץ־ישׂראל, און אויף די קריסטלעכע געמיינדעס פון סיריע האָט זיך אָנגערוקט די פאַרפלייצנדיקע כוואַליע פון איסלאַם. די קריסטלעכע אייראָפּע האָט אַ ציטער געטאָן, ווען עס איז אָנגעקומען די בשׂורה, אַז עס איז געפאַלן די פעסטונג פון דער קירך אין די מזרח־לענדער. די קירך האָט איצט פון איר זײַט פּראָקלאַמירט אַ הייליקן קריג. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דריטער קרייצצוג אונטער דער אָנפירונג פון דרײַ מאָנאַרכן: פרידריך באַרבאַראָסאַ, ריטשאַרד לייבנהאַרץ, פיליפּ אויגוסט (1189—1192). דער קאַמף איז געגאַנגען אויפן ברעג פון סיריע און ארץ־ישׂראל. די העראָישע אָנשטרענגונגען פון גוואַלדיקע קריסטלעכע אַרמייען האָבן געבראַכט דערצו, אַז די קריסטן האָבן אײַנגענומען די האַונשטאָט עכו און זיך פאַרפעסטיקט אויפן ברעגפּאַס ביז יפו. לויט דעם שלום אין רמלה, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן די קרייצפאָרערס און סאַלאַדין (1192), איז דער דאָזיקער שמאָלער ברעגפּאַס בײַם ים געבליבן אין רשות פון די קריסטן, און עס איז נאָך געוואָרן זיי דער־לויבט עולה־רגל צו זײַן צום „האַרס קבֿר" אין ירושלים; גאַנץ ארץ־ישׂראל אָבער איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון סאַלאַדינס גרויסער מאָנאַרכיע.

נאָך דעם ווי ירושלים איז אַרונטער צוריק אונטער דער ממשלה פון די מוסלימס, זײַנען די ייִדן געקומען צוריק אין דער הייליקער שטאָט. צווישן 1175 און 1180 האָט דער רײַזנדער ר' פּתחיה פון רעגנשבורג געפונען אין ירושלים נאָר איין ייִדן אַ פאַרבער, וואָס האָט דאָרט געוווינט מיטן חסד פון דעם קריסטלעכן קיניג, און אין 1190 האָט דער נײַער בעל־הבית פון ירושלים סאַלאַדין דערלויבט די ייִדן פרײַ צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט. „ווי נאָר די שטאָט האָבן אײַנגענומען די ישמעאלים, אַזוי האָבן זיך באַזעצט דאָרט די ישׂראלים" — שרײַבט דער פּאָעט אַלחריזי, וואָס האָט באַזוכט

ירושלים אין אַ פּערטל יאָרהונדערט אַרום. אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג מיט אַ ירושלמי (תחכמוני, קאַפּ' 28) שילדערט דער פּאָעט די דעמאָלטיקע שטימונג פון די צוריקגעקומענע. „פאַר וואָס זשע האָבן יידן זיך ניט באַזעצט דאָ (אין ירושלים), ווען די שטאָט איז געווען אין די הענט פון די קריסטן? — ווייל זיי (די קריסטן) האָבן געזאָגט, אַז מיר האָבן דערהרגעט זייער גאָט און זיי באַצוולט, און אויב זיי וואָלטן אונדז דאָרט געכאַפּט, וואָלטן זיי אונדז אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט... נאָר גאָט האָט דערהויבן דעם גייסט פון דעם קיניג פון ישמעאל (סאַלאַדין) אין יאָר ד' תתקן פון דער וועלט־באַשאַפונג (1190 פון דער קר' צייט) און האָט אים איינגעגעבן חכמה און גבורה; ער איז געקומען מיט אַ חיל פון מצרים, האָט באַלאַגערט ירושלים, און גאָט האָט איבערגעענטפערט די שטאָט אין זיין האַנט. דעמאָלט האָט ער געלאָזט אויסרופן אַ כרוז אין אַלע שטעט: זאָל איטלעכער פון די בני אפרים קומען צוריק אַהין פון אַשור און מצרים און פון אַלע מקומות, ווו זיי זיינען צעשפּרייט". אין משך פון צוויי־דריי צענדליגג יאָרן איז אין ירושלים אויסגעוואַקסן אַ היפּשע קהילה, נאָר דער פּאָעט באַקלאָגט זיך אויף דער מחלוקת, וואָס הערשט דאָרט צווישן יידן.

אין מצרים גופא איז סאַלאַדינס טאָלעראַנץ געווען נאָר אַ המשך פון דער אַלטער טראַדיציע פון דעם קאַהירער הויף. זינט לאַנג איז דאָ געווען איינגעפירט צו האַלטן ביים הויף פון די סולטאַנען יידישע לייבמעדיקער, און איינעם פון זיי געבן דעם פּאָסטן פון נגיד אָדער אָפיציעלן פאָרשטייער פון אַלע יידישע קהילות אין דעם כאַליפאַט. אונטער סאַלאַדינען האָט דעם דאָזיקן צווייענדיקן פּאָסטן פאַרנומען ניט קיין קלענערער ווי רבנו משה בן מיימון, וואָס דורך אים האָט דער יידישער אויטאָנאָמער צענטער ביי די ברעגעס פון נילוס געקראָגן אַ באַזונדער גלאַנץ. אַזוי איז געווען באַשערט צו פאַרבינדן מיט מצרים נאָך אַ דריטן יידישן גדול נאָך פילאָנען און רב סעדיה גאון. פילאָן, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין דער יידיש־העלע־נישער אַלכסנדריא; רב סעדיה גאון, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין מצרים און האָט פאַרענדיקט זיין קאַריערע אין בבל; דער רמבם, אַ געבוירענער אין שפּאַניע, וואָס האָט געשאַפן אין קאַהירע — זיי אַלע האָבן אין זייער פילאָסאָפישן שאַפן צונויפגעשמאָלצן אין פאַרשיידענע פאָרמען דעם מזרחדיקן וועלטקוק מיטן מערבדיקן און זיינען געווען אוניווערסאַלע דענקערס.

§ 61. דער רמבם אין מאַגרעב און אין מצרים

ווי עס איז געזאָגט אויבן (§ 48), איז דער רמבם געקומען קיין מצרים פון דעם שכנישן מאַגרעב, ווו זינט דעם מיטן פון 12טן י"ה האָבן זיך

אויף יידישע קעפּ אַ שאָט געטאָן גרויסע צרות. די אַפריקאַנישע בערבעריע (מאַראָקאָ, טוניס) איז זינט קדמונים געווען די נעסט פון מוסלימישן „מאַהדיזם", דאָס היימלאַנד פון די פאַנאַטישע משיחים פון דעם איסלאַם, די מאַהדיס, וואָס האָבן גערופן צו אַ הייליקן קריג מיט די אומגלייביקע. אַ נייער מאַהדי, דער מאַראָקאַנער מוהאַמעד איבן טומאַרט (אַן ערך 1120—1130) איז אַרויסגעטראָטן מיטן גאַנצן כוח פון דער מוסלימישער טעאָלאָגיע, וואָס ער האָט אויסשטודירט אין די שולן פון קאָרדאָווע און באַגדאַד: ער האָט פּראָקלאַמירט די דאָגמע פון „תאוחיד" — פון דער איינציקייט און אַבסטראַקטער גייסטיקייט פון גאָט, אַנטקעגן די אָרטאָדאָקסן פון איסלאַם, וואָס לויט זיי האָט מען געמעגט האָבן אַנטראָפּאָמאָרפיסטישע פאָרשטעלונגען וועגן גאָט. זיינע אָנהענגער האָבן זיך אָנגערופן אַל-מוואַחידין — „די גלייבער אין איינציקייט" — דערפון איז שפּעטער אין שפּאַניע געוואָרן אַלמאָהאַדן. מיט דער דאָזיקער טעאָלאָגישער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען פאַרבונדן די טענדענץ פון פאַנאיסלאַמיזם, וואָס האָט געדאַרפט ווערן פאַרווירקלעכט דורך באַקערן איבער געוואַלד די אַנדערשגלייביקע צום „אמתן גלויבן". די באַוועגונג פון די אַלמאָהאַדן, וואָס האָט אַרומגענומען צפון-אַפריקע, האָט דורכגעמאַכט די געוויינטלעכע מעטאַמאָרפאָזע אין דער געשיכטע פון דעם איסלאַם: פון אַ רעליגיעזער באַוועגונג איז זי געוואָרן אַ פּאָליטישע באַוועגונג און האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון אַ נייער דינאַסטיע, וואָס האָט אַרויסגעשטופּט אין אַפריקע און אין שפּאַניע די פריערדיקע דינאַסטיע פון די אַלמאָראַווידן (§ 42).

די אַלמאָהאַדן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר קאָנסעקווענטער ווי זייערע פאָרגייערס בנוגע צום איינפירן דעם איסלאַם. דער אַלמאָהאַדישער מושל אַ ב ד ו ל מ ו מ י ן (1130—1163), נאָך דעם ווי ער האָט זיך איינגעפעסטיקט אין דער געגנט פון מאַראָקאָ און פעס, האָט ער פאָרגעלייגט די יידן און קריסטן די ברירה אויסצוקלייבן איינס פון די צוויי: אָדער אָננעמען די דאָגמע, אַז גאָט איז איין איינציקער און מוהאַמעד איז זיין נביא, אָדער אַוועקגיין פון לאַנד.[1] אַ סך יידן זיינען אַריבער קיין שפּאַניע און אין אַנדערע לענדער. אַנדערע ווידער, וואָס האָבן מיט אַן אמת געגלייבט אין דער דאָגמע פון אַחדות אלהים אין איר יידישער פאָרם, האָבן לפּנים מודה געווען, אַז מוהאַמעד איז אַ נביא. די מוסלימס זיינען געוויינטלעך געווען באַפרידיקט מיט אַזאַ פאָרמאַלער הודאה, און ביי זיך אין דער היים האָבן

[1] דער מוסלימישער כראָניסט חזרט אויך דאָ איבער די פאַרשפּרייטע מסורה, אַז פון יידן האָט מען געפאָדערט, זיי זאָלן מודה זיין, אַז מוהאַמעד איז אַ נביא, דערפאַר חייל זיי זאָלן כּלומרשט האָבן דאָס אַ מאָל צוגעזאָגט דעם נביא גופא. זע אויבן, § 42, די הערה.

די „נײַ באַקערטע" געמעגט אָפּהיטן זייער אַלטע אמונה. אָבער האַלטן אַזוי צוויי אמונות איז געווען אַ פּריקרע זאַך, בפּרט אַז טייל מאָל האָט מען נאָך געמוזט פֿון שטאָט וועגן קומען צו גיין אין מעטשעט און בײַזײַן בײַ דעם קולט. די שולן זײַנען געווען צוגעמאַכט, און פֿאַר אָפּהיטן ייִדישקייט עפּנט־לעך האָט געקומט טויטשטראָף. עס האָט זיך געשאַפֿן אַ גאַנצע גרופּע „אַנוסים", וואָס זײַנען געווען געצווונגען לפּנים צו האַלטן דעם איסלאַם. פֿאַלן, ווען מענטשן זײַנען טאַקע מיט אַן אמת אַוועק פֿון ייִדישקייט, זײַנען געווען זייער זעלטן. אַזאַ משומד איז געווען שמואל איבן־עבאַס פֿון מאַראָקאָ, וואָס האָט געלערנט פֿריִער תּורה אין אַ ישיבֿה אין בבֿל. אין יאָר 1163 האָט ער מודיע געווען, אַז צו אים האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַ וויזיע מוהאַמעד אַליין און האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן אמתן וועג. שמואל האָט געטענעט, אַז די תּורה וואָס די ייִדן האָבן שטאַמט פֿון עזראן און ניט פֿון משה רבינו, און די דינים וואָס זיי היטן האָבן די חכמי־התּלמוד אַליין אויסגעקלערט. ער האָט אָנגעשריבן אויף אַראַביש אַ פּאָלעמיש ווערק „שולדבאַווײַז קעגן די ייִדן" (איפֿהאַם אַל יאַהוד), וואָס אין דעם באַווײַזט ער, אַז ישו און מוהאַמעד האָבן מבֿטל געווען די ייִדישע תּורה לויט אַ שליחות פֿון גאָט. זײַן דאָגמאַטישע פּאָלעמיק האָט ער צוגעפּעפּערט מיט רשעותדיקע אָנפֿאַלן און רכילות אויף זײַנע פֿריִערדיקע גלויבנס־ברידער. שפּעטער האָט אַ שפּאַנישער קאַטויליק אַ שונא־ישׂראל איבערגעזעצט דאָס דאָזיקע ווערק אויף לאַטײַניש, און אונטערן טיטל Epistola Samuelis Maroceani איז עס שטאַרק פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין קריסטלעכע לענדער.

אין יענער צײַט (1159–60) האָט דעם רמבמס משפּחה, וואָס איז פֿאַר־וואָגלט געוואָרן פֿון דער היים, זיך געמוזט אָפּשטעלן אין פֿעס. זי איז אַזוי אַרום אַרײַנגעפֿאַלן פֿון איין צרה אין אַן ערגערער, וואָרעם פֿעס איז געווען דעמאָלט דער הויפּטצענטער פֿון דעם אַלמאָהאַדישן פֿאַנאַטיזם. מען מעג זיך משער זײַן, אַז אויך די פֿריש אָנגעקומענע האָבן געמוזט דורכמאַכן די פּײַן פֿון רעליגיעזע רדיפֿות און אויסבאַהאַלטן זייער ייִדישקייט. דאָרט האָט דער רמבם געפֿונען פֿאַר נייטיק צו פֿאַרעפֿנטלעכן זײַן „אגרת השמד" (אויבן, § 48), ווי ער האָט אויפֿגעוויזן, אַז אַן אַרויפֿגעצוווּנגענע דערקלערונג, וואָס איז ניט מחייבֿ עובֿר צו זײַן אויף די הויפּט־מצוות פֿון דער תּורה, דאַרף ניט ווערן פֿאַררעכנט ווי שמד, נאָר ער האָט געעצהט, אַז ווי נאָר עס לאָזט זיך, דאַרף מען אַוועק פֿון דעם לאַנד פֿון די גזרות רעות. אַליין איז ער אַוועק קיין מצרים. די ייִדן וואָס זײַנען געבליבן אין מאַגרעב האָבן נאָך אַ צײַט לאַנג געמוזט לײַדן אונטערן יאָך פֿון די אַלמאָהאַדן. די וואָס מען האָט געכאַפּט, אַז זיי האַלטן צוויי אמונות, האָט מען גערודפֿט מיט די שרעק־לעכסטע עינוייִם, אַזוי ווי דאָס איז געווען שפּעטער אין שפּאַניע. דער

כאַליף יאַקוב אַל־מאַנסור (1184–1199) האָט געצוווּנגען די אומגליקלעכע אַנוסים צו טראָגן באַזונדערע מלבושים: אַ שוואַרצן ראָק און אַ געלן קאָפּ־צודעק, אַזוי אַז דער המון זאָל זיי דערקענען און זיך איזדעקעווען איבער זיי. ביז עס איז געפאַלן די ממשלה פון די אַלמאָהאַדן אין מיטן 13טן י"ה, האָבן די דאָזיקע רדיפות אָנגעהאַלטן, אָבער אויך שפּעטער איז דער מאַגרעב געבליבן די נעסט פון דעם סאַמע פינצטערן מוסלימישן פאַנאַטיזם. די דאָרטיקע ייִדישע קהילות זיינען שוין לאַנג דאָרט געוואָרן אײַנגעשרומפּן, זייערע מיטגלי־דער האָבן זיך אַריבערגעקליבן צום טייל קיין שפּאַניע, צום טייל קיין מצרים.

אַז דער רמבם איז אָנגעקומען קיין מצרים, האָט ער צו ערשט געוווינט אין אַלכסנדריא, ווו ער האָט געאַרבעט איבער זײַנע חיבורים, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן נאָך זײַנענדיק אין שפּאַניע, און דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין פאָסטאַט־קאַהיראָ. אין יענער צײַט, ווען אין מצרים האָט זיך אײַנגעפעסטיקט סאַלאַדינס ממשלה, האָט דער רמבם שוין געהאַט פאַרנומען אַן אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע. ער איז געוואָרן אויסגעקליבן פאַרן רב פון קאַהיראָ און איז דאָרט געשטאַנען בראָש פון בית־דין — אַ קאָלעגיע פון נײַן דיינים. צו גלײַך האָט ער זיך פאַרנומען מיט זײַן פאַך — מעדיצינישע פּראַקטיק. דער דאָזיקער פאַך האָט אים אַרײַנגעפירט אין די הויפישע קרײַזן. ער איז געווען דער הויפדאָקטאָר פון סאַלאַדין און פון זײַן וויזיר אַל־פאַדיל. דער רמבם האָט געקראָגן דעם אָפיציעלן טיטל „ר אַ י ס אַ ל ־ א ו מ אַ" (דער ראָש פון דער אומה), וואָס איז געווען גלײַך צום טיטל „ריש־גלותא" אין אַזיע און „נגיד" אין מצרים. דעם פּאָסטן נגיד האָט דער רמבם פאַרנומען משמעות נאָך דעם אויבן דערמאָנטן נתניאל. ער האָט מיט התמדה געזאָרגט וועגן אַרײַנברענגען אַ סדר אין דער אויטאָנאָמיע פון די ייִדישע קהילות אין מצרים, ארץ־ישׂראל און סיריע און האָט געענט־פערט אויף אַ סך שאלות וועגן רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע ענינים, וואָס זײַנען אָנגעקומען צו אים פון פאַרשיידענע ערטער. צווישן אַנדערע זאַכן האָט ער געפרוּווט אײַנצורעגולירן די באַציִונגען צווישן די רבניטן און די קאַראַימער, וואָס האָבן געהאַט זייערע אָרגאַניזירטע קהילות אין קאַהיראָ, אַלכסנדריא, דמשק און אַנדערע ערטער. אין איינער פון זײַנע בריוו צו די ייִדישע קהילות רעקאָמענדירט דער רמבם צו לעבן בשלום מיט די קאַראַימער, ווי ווײַט זיי זײַנען גוטע שכנים; ער האָט מתיר געווען צו באַזוכן זיי אין דער היים, אָפּגעבן זיי מזל־טוב בײַ שׂמחות און זיי מנחם־אָבל זײַן, אַפילו צו העלפן זיי בײַ אַ ברית־מילה און בײַ דער קבורה פון זייערע מתים; מער ניט וואָס מען טאָר זיי ניט מצרף זײַן צו אַ מנין בײַם דאַוונען, מחמת די קאַראַימער גלייבן ניט אין דעם אויטאָריטעט פון די חכמי התלמוד, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט דעם סדר־התפילה בײַ ייִדן.

דעם רמבמס רעליגיעזער ליבעראַליזם איז ניט געווען געפֿעלן די קאָנסערוואַטאָרן, און נאָך דעם ווי עס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן זייַן „משנה תורה", האָבן זיך אויך אין מצרים באַוויזן געגענערס צו אים, ווי עס איז געווען דער גאון רבי שמואל בן עלי אין באַגדאַד און די גרויסע רבנים אין פּראָוואַנס. מיט דעם רמבמס פּריַיזיניקייט איז געווען אומצופֿרידן אויך דער דיין פֿון דער קהילה אין אַלכסנדריא ר׳ פּנחס בן משולם, וואָס האָט געשטאַמט פֿון פּראָוואַנס. ער האָט באַשולדיקט דעם רמבם, אַז דורך זייַן „יד החזקה" איז ער אויסן בטל צו מאַכן דאָס לערנען תּלמוד, וואָס איז דאָך פֿאַר זיך אַ מצווה. פֿון דער אַנדער זייַט אָבער האָט דער גרויסער דענקער געהאַט געטרייַע תּלמידים און באַגייַסטערטע אָנהענגער. רבי יוסף בן עקנין, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון די רדיפֿות אין מאַגרעב, איז געקומען קיין מצרים און איז געוואָרן דעם רמבמס באַליבטער תּלמיד, וואָס אים האָט ער געהייליקט זייַן „מורה נבֿוכים". אַ דאָקטאָר, אַ מאַטעמאַ־טיקער און פֿילאָסאָף, האָט עקנין פֿאַרשפּרייט די רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישע אידעען פֿון זייַן רבין אין אַלעפּאָ און דמשק, וואָס אַהין האָט ער זיך אַריבערגעקליבן פֿון מצרים. צום קאַהירער פֿילאָסאָף פֿלעגן קומען צו פֿאָרן אויף זיך מתוופּח זייַן אויך באַרימטע אַראַבישע טעאָלאָגן (אַבדו־לאַטיף פֿון באַגדאַד און אַנדערע).

וועגן זייַן לעבן אין מצרים האָט דער רמבם מיטגעטיילט אין אַ בריוו צו זייַנע פֿרייַנד אין אייראָפּע, געשריבן אַרום 1199, אָט וואָס: „איך וווין אין מצרים (פֿאָסטאַט) און דער מלך (דער סולטאַן) אין קאַהיראָ (דער נייַער שטאָט", אויף אַ מהלך פֿון צוויי תּחום־שבת (2 קילאָמעטער). אַלע טאָג אין דער פֿרי בין איך מחויבֿ זיך צו מעלדן בייַם קיניג; ווען ער ווערט קראַנק, אָדער עמעצער פֿון זייַנע קינדער אָדער פֿרויען, פֿאַרברענג איך אין פּאַלאַץ דעם גרעסטן טייל פֿון טאָג. טייל מאָל מוז איך היילן אויך די שׂרים וואָס ווערן קראַנק. נאָר אויך אין יענע טעג, ווען אַלץ איז כּשורה, קאָן איך זיך אומקערן קיין פֿאָסטאַט ערשט נאָך האַלבן טאָג, שוין אַן אויסגעהונגערטער. דאָרט טרעף איך אָן אין פֿירהויז פֿון מייַן שטוב אַ סך מענטשן: מוסלימס און ייִדן, שׂררות און פּראָסטע מענטשן, דיינים און באַאַמטע, גוטע פֿרייַנד און שׂונאים, וואָס וואַרטן אויף מייַן קומען. איך קריך אַראָפּ פֿון מייַן אייזל, וואַש זיך איַין און גיי אַרויס צו זיי, בעט זיי מוחל זייַן און וואַרטן, ביז איך וועל עפּעס צובייַסן. דערנאָך גיי איך אַרויס צו די קראַנקע זיי צו היילן, שרייַב קוויטלעך און פֿאָרמולעס פֿון רפֿואות קעגן די קרענק. אַזוי גייען אַוועק מענטשן און עס קומען אָן מענטשן ביז צום אָוונט. טייל מאָל אַרבעט איך ביז צוויי אַ זייגער בייַנאַכט... שבת נאָכן דאַוונען קומען צו מיר די בעלי־בתּים פֿון דער קהילה, און איך גיב זיי אָנווייַזונגען אויף אַ גאַנצער וואָך".

בעת דער בריוו איז געשריבן געוואָרן, האָט סאַלאַדין שוין ניט געלעבט, און דער סולטאַן וואָס וועגן אים גייט די רייד איז איינער פֿון זײַנע יורשים, מן הסתּם דער סולטאַן אַדיל. אין עטלעכע יאָר אַרום איז געשטאָרבן אויך רבי משה בן מײַמון (1204). זײַן טויט האָט פֿאַראייניקט אין איין געפֿיל פֿון טרויער ייִדן און מוסלימס: די אַראַבער האָבן אָט דעם גרויסן דענקער צוגערעכנט צו די פֿאָרשטייער פֿון דער אַראַבישער קולטור. אין ירושלים האָט די קהילה גוזר תּענית געווען, און מען האָט געזאָגט אַ באַזונדער תּפֿילה אויפֿן טויט פֿון דעם „ראש־האומה". דעם רמבמס אָרון האָט מען אַריבערגע־פֿירט קיין ארץ־ישׂראל און מען האָט אים מקבר געווען אין טבֿריה. דעם רמבם איז ניט געווען באַשערט צו לעבן און צו שאַפֿן אין ארץ־ישׂראל, וואָס איז אין זײַן צײַט געווען די אַרענע פֿון קאַמף צווישן קריסטן און מוסלימס, אָבער עס איז געווען עפּעס פֿון אַ סימבאָל דערין וואָס די געביין פֿון דעם גרויסן נבֿיא פֿון שׂכל זײַנען געקומען צו קבֿר־ישׂראל אין דער היימישער ערד, דאָרט ווו עס רוען די געביין פֿון די אַלטע נבֿיאים. פּונקט ווי אין דער אַלטער נבֿואה, אַזוי איז אויך אין דעם רמבמס שיטה געווען צונויפֿ־געגאָסן דאָס נאַציאָנאַלע מיטן אוניווערסאַלן, הגם אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען.

הוספות

איבערבליק איבער די מקורים און ליטעראַטור

נומער 1. צו דער מקורים־פֿאָרשונג און מעטאָדאָלאָגיע

דער ערשטער יאָרטויזנט פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין אייראָפּע איז אין דעם דאָזיקן באַנד אײַנגעטיילט אין דרײַ פּעריאָדן:

1. פּעריאָד פֿון קאָלאָניזאַציע, פֿון די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון קריסטנטום ביזן אָנהייב 8טן י"ה, ווען די אַראַבישע באַצווינגערס האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער קירכלעכער דעספּאָטיע פֿון די וועסטגאָטן אין שפּאַניע.

2. פּעריאָד פֿון אָרגאַניזאַציע פֿון ייִדנטום אין מערבֿ־אייראָפּע, פֿון דער צײַט פֿון קאַרל דעם גרויסן ביז די קרייצצוגן (768–1096).

3. די צײַט פֿון די קרייצצוגן (1096–1215).

דער כאַראַקטער פֿון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל פֿאַר יעדערן פֿון די דאָזיקע פּעריאָדן בײַט זיך, געווענדט אָן דעם, וויפֿל עס זײַנען פֿאַראַן ייִדישע מקורים און ווי אַזוי זעען זיי אויס, ווי ווײַט מען קאָן זיי קאָנפֿראָנטירן מיט די ניט־ייִדישע מקורים און אַזוי פֿעסטשטעלן דעם גראַד פֿון באַגלייבטקייט פֿון די און פֿון יענע.

I. אין פּעריאָד פֿון קאָלאָניזאַציע זײַנען ייִדישע מקורים אין אייראָפּע פֿאַראַן נאָר עפּיגראַפֿישע, דער עיקר אויפֿשריפֿטן אויף מצבֿות אין גריכיש, לאַטײַן און צום טייל אין העברעיִש. דאָ מוז דער היסטאָריקער אַראָפּלאָזן זיך אין די קבֿרים און אָנפֿרעגן בײַ די מתים פֿון דער אונטער־ערדישער רוים, וואָס זיי קאָנען אויסזאָגן וועגן לעבן פֿון די עלטסטע ייִדישע אײַנוווינער. די פֿיל אויפֿשריפֿטן אין די ייִדישע קאַטאַקאָמבעס פֿון רוים און פֿון דרום־איטאַליע, און אויך זעלטענע אויפֿשריפֿטן אין אַנדערע ערטער פֿון אייראָפּע גיבן די מיגלעכקייט צו באַשטימען אין אַלגעמיינע שטריכן דעם וווּקס פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אייראָפּעיִשן באַסיין פֿון מיטל־לענדישן ים און פֿון שוואַרצן ים אין די ערשטע פֿינף יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט.[1] דערפֿאַר זײַנען לגמרי ניטאָ אין דעם דאָזיקן פּעריאָד קיין ייִדישע ליטעראַרישע מאָנומענטן: ניטאָ קיין איין ייִדישע כראָניק, קיין שום דאָקומענטן אָדער ביכער, וואָס אַ ייִד זאָל האָבן געשריבן.

---

1 זע ווײַטער, נומ' 2.

ידיעות וועגן גורל פֿון ייִדן אין איטאַליע אין דער צײַט פֿון די אָסטגאָטן און לאַנגאָבאַרדן, אין דער פֿראַנקישער מלוכה פֿון די מעראָווינגער און אין דער וועסטגאָטישער שפּאַניע מוזן מיר שעפּן אָדער פֿון די אַקטן פֿון די קירכן-קאָנצילן (צונויפֿגעקליבן אין דעם פֿילבענדיקן זאַמלווערק Mansi, Sacrorum conciliorum collectio, און סיסטעמאַטיזירט אין Conciliengeschichte פֿון Hefele בענד I—VII, 1873–1890), אָדער פֿון קריסטלעכע כראָניקעס, קאָרעספּאָנדענץ און אַנדערע דאָקומענטן, דער עיקר פֿון די וואָס זײַנען צונויפֿגעקליבן אין די בענד Monumenta Germaniae Historica (למשל קאַסיאָדאָרס Variae, די בריוו פֿון דעם פּויפּס גרעגאָר I, Historia Francorum פֿון גרעגאָר דעם ביסקופּ פֿון טור א״אַ). אין דער העברעיִשער ליטעראַטור איז פֿון יענער צײַט ניט געבליבן קיין שום ידיעה, אַפֿילו ניט וועגן דעם טראַגישן גורל פֿון דער גרויסער ייִדישער קאָלאָניע אין דער וועסטגאָטישער שפּאַניע. אַלע אונדזערע ידיעות וועגן דעם מצבֿ פֿון דער דאָזיקער קאָלאָניע אונטער די אַריאַנישע מלכים און שפּעטער אונטער די קאַטוילישן שעפּן מיר פֿון אַלגעמיינע מקורים: פֿון דעם קאָדעקס פֿון די רוימיש-וועסטגאָטישע געזעצן (Lex romana Visigothorum אין דער אויסגאַבע פֿון Hänel, 1847) און פֿון דעם אָרטיקן ציוויל-קירכלעכן קאָדעקס (Leges Visigothorum, אין דער קריטישער אויסגאַבע פֿון Zeumer, אין I באַנד פֿון דער סעריע Legum פֿון די Monumenta Germaniae Historica, בערלין 1902).[1] וועגן דער שטימונג פֿון די שפּאַנישע ייִדן אין יענער טרויעריקער תּקופֿה זײַנען מיר געצוווּנגען אַרויסצוכאַפּן ידיעות פֿון די פּאָלעמישע שריפֿטן Contra Judaeos פֿון זייערע געגנער, אַ שטייגער ווי איסידאָר פֿון סעווילּיאַ אָדער יוליאַן פֿון טאָלעדאָ (אין די ווערק פֿון די קירכן-פֿאָטערס Patrologia Latina; זע ווײַטער די ביבליאָגראַפֿיע צו די §§ 6–8). קיין איין ייִדישע פּען האָט ניט פֿאַראייביקט אַפֿילו די גרעסטע געשעענישן פֿון דעם קאָלאָניזיר-פּעריאָד, — אַ סימן, אַז אין די קומענדיקע מערבֿדיקע צענטערס פֿון דער דיאַספּאָרע איז די גײַסטיקע קולטור נאָך ניט געווען גענוג צײַטיק.

II. פֿאַר די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דעם **אָרגאַניזיר-פּעריאָד** מוזן מיר אויך אָנקומען נאָר צו די איינזײַטיקע ידיעות פֿון קריסטלעכע מקורים. וועגן מצבֿ פֿון ייִדן אין דער אימפּעריע פֿון קאַרל דעם גרויסן אינפֿאָרמירן אונדז דער עיקר די פֿראַנצייזישע קירכן-פֿאָטערס אַגאָבאַרד און אַמולאָן אין זייערע אַנטי-ייִדישע ביכער (Patrologia, בענד 104

---

1 דער באַוווּסטער פֿאָרשער Juster האָט געגעבן אַ נײַעם היסטאָרישן פּירוש צו דער וועסטגאָטישער געזעצגעבונג וועגן ייִדן אין דער מאָנאָגראַפֿיע La condition légale des Juifs sous les rois Visigoths (פּאַריז 1912).

און 116), נאָר צום סוף פֿון דער תּקופֿה דערהערן מיר שוין אויך ייִדישע שטימען. אין די ערשטע ווערק פֿון דער רבנישער ליטעראַטור פֿון דער תּקופֿה פֿון רבינו גרשום, רשי און די „חכמי לותּיר", און צום טייל אין די פּיוטים און סליחות, דערגייען צו אונדז מטושטשע קלאַנגען פֿון ייִדישע קהילות, וואָס האָבן אין אַ געדיכטער נעץ באַדעקט ביידע ברעגעס פֿון ריין, דעם דײַטשן און דעם פֿראַנצייזישן. די „מגלת אחימעץ", וואָס איז געפֿונען געוואָרן סוף 19טן י"ה (זע די ביבליאָגראַפֿיע צו § 19), האָט אויפֿגעהויבן אַ ראַנד פֿון דעם שלייער איבערן לעבן פֿון די ייִדן אין דרום־איטאַליע אין יענע יאָר־הונדערטער, ווו עס האָבן זיך געביטן איינע נאָך די אַנדערע ביזאַנטישע, אַראַבישע און נאָרמאַנישע געוועלטיקער. אַן אייגנאַרטיקע דערשײַנונג אין דער היסטאָריאָגראַפֿיע איז די אַראַבישע שפּאַניע. וועגן מצבֿ פֿון ייִדן אין משך פֿון צוויי יאָרהונדערטער, פֿון דער צײַט ווען די אַראַבער האָבן אײַנגענומען דאָס לאַנד ביז צום אויפֿקום פֿון דעם קאָרדאָווער כאַליפֿאַט (711—912), זאָגן גאָרנישט ניט די ייִדישע און ניט די אַראַבישע כראָניסטן, אַזוי אַז אין דער קייט פֿון דער טראַדיציע באַקומט זיך אַ דורכרײַס; ערשט אין דער ערשטער העלפֿט 10טן י"ה, אין דער צײַט פֿון דעם כאַליף אַבדור־ראַכמאַן III און חסדאי אבן שפּרוט טרעט אַרויס פֿאַר אונדז מיט אַ מאָל אַ גרויסער קולטור־צענטער פֿון ייִדישן פֿאָלק אויפֿן פּירענעיִשן האַלבאינדזל. דער עלפֿטער יאָרהונדערט איז שוין דער אָנהייב פֿון דעם אַראַביש־ייִדישן רענעסאַנס (ר' שמואל הנגיד, ר' שלמה בן גבירול א"אַ), און פֿון די ליטעראַטור־ווערק קאָנען מיר אַרויסנעמען ידיעות פֿאַר דער סאָציאַלער געשיכטע. אויף צוריק ווערט באַלויכטן דער עפּיזאָד פֿון דעם ייִדיש־כאַזאַרישן קיניג־רײַך אין דרום־מזרח פֿון אייראָפּע; די גבֿיות־עדות פֿון די אַראַבישע רײַזנדערס און די קאָרעספּאָנדענץ פֿון חסדאי אבן שפּרוט מיטן כוזרישן מלך יוסף ווערן באַשטעטיקט און אויסגעבעסערט דורך ניט לאַנג געפֿונענע דאָקומענטן.[1] עס איז נאָך ניטאָ קיין היסטאָריאָגראַפֿיע, און אַפֿילו ניט קיין כראָנאָגראַפֿיע, אָבער אין דער העברעיִשער ליטעראַטור איז שוין פֿאַראַן מאַטעריאַל פֿאַר היסטאָרישע קאָנסטרוקציעס.

III. אין דער צײַט פֿון די קרייצצוגן קומט אויף די ייִדישע כראָנאָגראַפֿיע אין אייראָפּע. צוויי עדי־ראיה פֿון די שרעקלעכע געשעענישן פֿון 1096 בײַם ריין, ר' אליעזר בן נתן און ר' שלמה בן שמעון פֿון מאַינץ, האָבן זיי פֿאַראייביקט אין אויפֿטרייסלענדיקע שילדערונגען, וואָס די צווייטע פֿון זיי איז געוואָרן פֿאַרעפֿנטלעכט ערשט אין דער נײַסטער צײַט פֿון אַן אָקספֿאָרדער כתבֿ־יד (זע ווײַטער, אין דער ביבליאָגראַפֿיע צו § 33).

1 זע ווײַטער, נומער 3.

די דאָזיקע אויטענטישע מקורים זײַנען נאָך מער וויכטיק דערפֿאַר, וואָס די דעמאָלטיקע כראָניסטן פֿון די קרייצצוגן טוען אַזוי ווי פֿאַרשווײַגן די בלוטיקע גבֿורות פֿון די קרייצפֿאָרערס בײַם ריין, און נאָר איין אַלבערט פֿון אַכן דערציילט מיט צאָרן וועגן די הריגות אויף יידן אין קעלן, מאַינץ און וואָרמס, און דערבײַ איז ער זיך ערלעך מודה, אַז די ערשטע ריינישע אָפּטיילן פֿון די קרייצפֿאָרערס זײַנען באַשטאַנען פֿון פֿאַרברעכערס און באַנדיטן (Albertus Aquensis), אין דער נײַער דײַטשער אויסגאַבע: Geschichte des ersten Kreuzzuges, בוך I, קאַפּ' 25–28, יענאַ 1923). פֿאַר דער עפּאָכע פֿון צווייטן און דריטן קרייצצוג גיבן מאַטעריאַל די שילדערונגען פֿון דעם בן־דור ר' אפֿרים מבונא (ביבליאָגראַפֿיע צו § 34). תּוכיקע מילואים צו דער קורצער העברעיִשער באַשרײַבונג פֿון דריטן קרייצצוג גיבן די דערציילונגען פֿון די ענגלישע כראָניסטן, וואָס זײַנען צונויפֿגעקליבן אין דעם בוך פֿון Jacobs, The Jews of Angevin England (ביבליאָגראַפֿיע, § 36). וועגן די רעזולטאַטן פֿון די קרייצצוגן פֿאַר די פֿראַנצייזישע, דײַטשע און ענגלישע יידן האָבן מיר אַ ריי אָפֿיציעלע אַקטן, וואָס ווערן אָנגעוויזן ווײַטער אין דער ביבליאָגראַפֿיע צו די §§ 35—37. מאַטעריאַל וועגן די יידישע צרות אין יענער צײַט גיבן אויך די סליחות, וואָס זײַנען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין יענער צײַט, ווי עס ווערן אַ מאָל געשילדערט די געשעענישן, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו שאַפֿן דאָס שײַכותדיקע ליטעראַרישע ווערק (ז' § 41).

דאָס שפּאַנישע יידנטום פֿון 12טן י"ה האָט אונדז איבערגעלאָזט צוויי היסטאָרישע מאָנומענטן: די כראָניק פֿון ר' אַבֿרהם אבן דאוד „ספֿר הקבלה" און „ספֿר המסעות" פֿון רבי בנימין פֿון טודעלאַ (זע § 47). די כראָניק, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט לויטן סכאָלאַסטישן מוסטער פֿון דער „אגרת רב שרירא גאון", רעדט אַ סך וועגן גײַסטיקן לעבן, נאָר גיט זייער ווינציק ידיעות וועגן פּאָליטישן און סאָציאַלן מצבֿ פֿון דעם דעמאָלטיקן שפּאַנישן יידנטום; נאָר דער מאַטעריאַל וואָס זי ברענגט איז צום גרעסטן טייל אַ גוטער און קאָמבינירט מיט דער איבעריקער ליטעראַטור פֿון יענער תּקופֿה קאָן ער געבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דער סאָציאַלער ראָלע פֿון יידן אין די מוסלימישע און קריסטלעכע מלוכות פֿון שפּאַניע. אַ סך וויכטיקער פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער גאַנצער דיאַספּאָרע אין 12טן י"ה איז דער „ספֿר המסעות" פֿון רבי בנימין פֿון טודעלאַ. דאָ הערן מיר צום ערשטן מאָל פֿון אַן עדות־ראיה מער ווייניקער פּינקטלעכע ידיעות וועגן יידישע קהילות אין אַ סך לענדער פֿון אייראָפּע, אַזיע און אַפֿריקע, וועגן דער צאָל פֿון זייער באַפֿעלקערונג, וועגן זייערע פֿאָרשטייער און מוסדות. די רײַזע־באַשרײַבונגען פֿון ר' בנימין פֿון טודעלאַ האָבן אָפּגעראַטעוועט פֿון פֿאַרגעסן ווערן אַ סך געשעענישן פֿון דער יידישער געשיכטע אין יענע לענדער, וואָס

דעמאָלטיקע כראָניסטן האָבן וועגן זיי לגמרי פֿאַרגעסן: אין איטאַליע, ביזאַנץ, ארץ-ישׂראל, סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע. מילואים צו רבי בנימינס באַשרײַבונגען פֿון די מזרח-לענדער ברענגט דער קורצער ספֿר פֿון זײַן בן-דור רבי פּתחיה פֿון רעגנשבורג „סיבוב העולם" (§ 41). קלענער אין פֿאַרנעם ווי דאָס ווערק פֿון דעם ספֿרדישן רײַזנדער און אויך ווינציקער פֿינקטלעך אין די ידיעות איז דאָס ווערק פֿון דעם אַשכּנזישן רײַזנדער אויספֿירלעכער אין דער באַשרײַבונג פֿון מעסאָפּאָטאַמיע, ווו ער איז געווען אין דער צײַט פֿון דעם ריש-גלותא און גאון ר׳ שמואל עלי. ווי מילואים צום קלאַסישן ספֿר פֿון ר׳ בנימין פֿון טודעלאַ דינען אויך יענע קאַפּיטלען פֿון אַלחריזיס „תּחכּמוני", ווו עס געפֿינען זיך האַלב-פּאָעטישע שילדערונגען פֿון דעם, וואָס דער פּאָעט האָט געזען בעת זײַן נסיעה איבער ביזאַנץ און פֿאָדער-אַזיע אין אָנהייב 13טן י"ה. פֿאַר דער געשיכטע פֿון דעם דעמאָלטיקן אָריענט האָבן נאָך אַ וויכטיקן באַטײַט די בריוו און די תּשובֿות פֿון דעם רמבם, באַזונדערס אין „אגרת השמד" און „אגרת תּימן" (זע ביבליאָגראַפֿיע צו §§ 57—61).

דאָס איז דער צושטאַנד פֿון די מקורים פֿאַר דער געשיכטע פֿון די דרײַ תּקופֿות, וואָס ווערן געשילדערט אין דעם איצטיקן בוך. דער דערנערדיקער וועג פֿון דעם היסטאָריקער דעם סאָציאָלאָג איז דאָ אַ ביסעלע בעסער ווי פֿריִער. דער וועג איז דאָ ניט אַזוי פֿאַרשטעלט דורך רעליגיעז-דאָגמאַטישע טענדענצן, ווי אַ סך פּעריאָדן פֿון דער פֿריִערדיקער געשיכטע. דערפֿאַר אָבער טרעפֿן זיך דאָ גאַנצע פּאַסן ליידיקע, איבעררײַסן אין דער היסטאָרישער קייט, וואָס פֿאַרשאַפֿן דעם היסטאָריקער ווייטאָג אין דער נשמה, ווי דעם קינסטלער טוט וויי אַ ריס אין דעם לײַוונט פֿון אַ גרויסן בילד. די פֿריִערדיקע היסטאָריקער פֿלעגן געוויינטלעך פֿאַרפֿולן אַזעלכע פּוסטע ערטער מיט ליטעראַרישן מאַטעריאַל, אויב ער איז געווען פֿאַראַנען אין געגעבענעם אָרט און אין דער געגעבענער צײַט, פֿאַרגעסנדיק דערבײַ, אַז דאָס לעבן פֿון די גײַסטיקע גדולים ווײַזט נאָך ניט דאָס לעבן פֿון פֿאָלק. אַ סך האָבן אויפֿגעטאָן פֿאַר דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿרי מיטלעלטערלעכער ליטעראַטור אַזעלכע פֿאָרשער ווי ש. י. ראַפּאָפּאָרט (שי"ר, תּולדות ר׳ נתן מרומי, דעם מחבר פֿון „ערוך"), צונץ (ביאָגראַפֿיע פֿון רשי, די ביכער וועגן דער סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע), א. ה. ווײַס (וועגן די בעלי-תּוספֿות און די ראשונים פֿון די רבנים), מונק, גײַגער, יואל, יעקבֿ גוטמאַן, ש. בערנפֿעלד און ד. נײַמאַרק אין זייערע פֿאָרשונגען וועגן דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער תּקופֿה פֿון דעם שפּאַנישן רענעסאַנס. פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער דעמאָלטיקער פּאָעזיע האָבן אַ סך אויפֿגעטאָן די קריטישע אויסגאַבעס פֿון אירע קלאַסיקער אונטער דער

רעדאַקציע פון ש. ד. לוצאַטאָ, הרכּבי, בראָדי, ביאַליק און רבניצקי. ווינציקער איז אויפגעטאָן, און עס איז טאַקע שווערער געווען עפּעס אויפצוטון, פאַר דער סאָציאַלער געשיכטע. גרעץ גיט אין פינפטן און זעקסטן באַנד פון זײַן ווערק, לויט זײַן גאַנג, מער די געשיכטע פון דער ליטעראַטור איידער די געשיכטע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, און אין עצם פונאַנדערטיילן מאַטעריאַל גייט ער נאָך דער מיטלעלטערלעכער קלאַסיפיקאַציע פון אבן דאַוד (די „ערשטע רבנישע תקופה", די „צווייטע רבנישע תקופה", אאַז"וו). די עפּיגראַפיק האָט ער אין גאַנצן ניט אויסגענוצט, און אַ סך נײַע מאַטעריאַלן זײַנען געפונען געוואָרן ערשט נאָך זײַן טויט (כראָניקעס פון די גזרות, „מגלת אחימעץ", דער נײַער „כוזרישער בריוו" און אַנדערע דאָקומענטן).

אַ סך קאָרעקטיוון צו גרעצן האָבן געגעבן די שפּעטערדיקע מחברים פון מאָנאָגראַפיעס. געאָרג קאַראָ האָט אין ערשטן באַנד פון זײַן ווערק Sozial- und Wirtschaftsgeschichte der Juden im Mittelalter (1908) ממלא געווען אַ סך זאַכן פון דעם, וואָס גרעץ האָט דורכגעלאָזן אַפילו לויט די אַלטע מקורים. פאַר דער עקאָנאָמישער געשיכטע האָט צונויפגעקליבן ניט ווייניק מאַטעריאַלן מ. האָפמאַן אין זײַן שטודיע: Der Geldhandel der deutschen Juden während des Mittelalters (1910), ווי עס ווערן געבראַכט רעגעסטן פון די שאַלות־ותשובות פון יענער צײַט.[1] דאָס באַוווּסטע ווערק פון מ. גידעמאַן Geschichte des Erziehungswesens und der Kultur der abendländischen Juden während des Mittelalters (1880) איז שוין לאַנג אַ זיכערער פירער אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער מיטלעלטערלעכער קולטור אין מיטל־אייראָפּע און איטאַליע. די ווערק פון בערלינער און פאָגעלשטיין־ריגער (ביידע אונטערן טיטל Geschichte der Juden in Rom, 1893 — 1896) גיבן אַ ברייט בילד פון דעם מיטלעלטערלעכן לעבן פון ייִדן אין רוים. די שטודיע פון ש. קרויס Studien zur byzantinisch-jüdischen Geschichte (1914) האָט געוואָרפן אַ געוויסע שײַן אויף דער טונקעלער געשיכטע פון ייִדן אין דער מיטלעלטערלעכער ביזאַנץ, אָבער פאָרט בלײַבט נאָך אַלץ אַ סך אומקלאָר אין יענעם פאַס פון דער געשיכטע, ביז עס וועלן געפונען ווערן נײַע מאַטעריאַלן. איין דאָקומענט, וואָס נײַבויער האָט אים געפונען אין יאָר 1896 און קויפמאַן און מאַן האָבן אים אויסגעפאָרשט (זע די ביבליאָגראַפיע צו § 53), האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם סוד פון אַ ביז איצט אומבאַקאַנטער משיחישער באַוועגונג אין ביזאַנץ אין ערשטן יאָר פון קרייצצוג (1096), נאָר בכדי קלאָר צו מאַכן אָט דעם מערקווערדיקן עפּיזאָד אין

1 די לעצטע צײַט איז צו די דאָזיקע ווערק צוגעקומען אַ גרויסע עקאָנאָמישע געשיכטע פון ייִדן אין מיטלעלטער פון י. שיפּער, „ייִדישע ווירטשאַפטס־געשיכטע", 4 בענד. וואַרשע 1930.

זײַן פאַרבונדנקייט מיט דעם פאַקט, וואָס אין ביזאַנץ האָבן זיך באַוויזן ייִדישע פּליטים פון רייך, דאַרף מען האָבן נאָך צוגאָב־מאַטעריאַלן.

פאַר דער געשיכטע פון דער אויפגעלעבטער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין דעם נײַבאַגדאַדער כאַליפאַט פון 12טן י״ה האָט אַ סך אויפגעטאָן ש. פּאָז־נאַנסקי אין זײַן מאָנאָגראַפיע Babylonische Geonim im nachbabylonischen Zeitalter (בערלין 1914), וואָס איז געשריבן אויפן יסוד פון אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון דער גניזה. פון דעם זעלביקן אוצר האָט י. מאַן ניט לאַנג אַרויסגענומען אַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַר דער גײַסטיקער געשיכטע פון ייִדן אין די מזרח־לענדער אין דער תקופה פון די קרייצצוגן (The Jews in Egypt and Palestine under the Fatimids, צוויי בענד, אָקספאָרד 1920). צום באַדויערן האָט אָט דער מאַטעריאַל צוגעגעבן נאָר ווינציק צו דעם, וואָס מיר האָבן פריִער געוווּסט וועגן פּאָליטישן און סאָציאַלן מצב פון ייִדן אין ארץ־ישׂראל בעת דעם ירושלימער קיניגרײַך פון די קרייצפאָרערס און מכּוח דעם, וואָס מיט זיי איז געשען, בעת ארץ־ישׂראל איז אַריבער אונטער דער ממשלה פון דער מצרישער דינאַסטיע עיובידן, אַזוי אַז מיר בלײַבן דאָ נאָך אַלץ אין דער פינצטער.

עס פאַרשטייט זיך ממילא, אַז די רעזולטאַטן פון אַלע אַנגעוויזענע נײַע אויספאָרשונגען זײַנען מער ווייניקער אויסגענוצט געוואָרן אין דעם איצטיקן באַנד פון אונדזער „געשיכטע". די שווערע אַרבעט פון דעם ייִדישן היסטאָריקער בײַם אויסנוצן דעם ביז גאָר צעוואָרפענעם דאָקומענטן־מאַטעריאַל פאַרגרינגערן שטאַרק די זאַמלונגען פון אַקטן און רעגעסטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן די לעצטע יאָרצענדלינגער, מיט זייערע ביבליאָגראַפישע און קריטישע אָנווײַזן. דעם ערשטן פּלאַץ צווישן אָט די זאַמלביכער פאַרנעמט דער מוסטערהאַפטיק צונויפגעשטעלטער גרויסער באַנד פון אַראָניוס: Regesten zur Geschichte der Juden im fränkischen und deutschen Reiche bis zum Jahre 1273 (בערלין 1902). עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס אָט דאָס ווערק איז ניט געפירט געוואָרן ווײַטער פאַר דער תקופה נאָך 1273. אַ הוספה צו אים איז די אויך ניט פאַרענדיקטע געאָגראַפישע געשיכטע Cermania Judaica פון בראַן און פרײַמאַן, באַנד I (1917). דעם פּיוטים־מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון די קרייצצוגן האָט צונויפגעקליבן אין ערשטן באַנד פון זײַן „ספר הדמעות" ש. בערנפעלד (בערלין 1924–25). די דאָזיקע זאַמלונג פון סליחות און קינות מיט פּאַראַלעלן פון די כראָניקעס דינט ווי אַ נוציקע היסטאָרישע הוספה צו די קריטיש־ביבליאָגראַפישע ווערק פון צונץ, לאַנדס־הוט און עלבאָגן, וואָס ווערן ציטירט אין דער ביבליאָגראַפיע צו דעם דאָזיקן באַנד. פאַר דער געשיכטע פון ייִדן אין אַלטן רוסלאַנד אין פאַרבינ־

דונג מיט דעם ביזאַנטישן קרים און מיטן קיניגרײַך פֿון די כּוזרים דינט ווי אַ נויטווענדיק הילפֿסווערק דער ערשטער באַנד פֿון די „רעגעסטן און אויפֿשריפֿטן" (רוסיש), אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג 1899. גוטע הילפֿסביכער בײַם שטודירן די מקורים זײַנען די היסטאָרישע כרעסטאָמאַטיעס פֿון אַבֿרהם כּהנא „ספרות ההיסטוריה הישׂראלית" (וואַרשע 1922) און פֿון ב. דינאַבורג „ישׂראל בגולה" (ירושלים 1926).

נומער 2. עפּיגראַפֿישע ידיעות פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אייראָפּע

די עפּיגראַפֿיק, וואָס באַשטייט פֿון אויפֿשריפֿטן אין סינאַגאָגעס אָדער אויף מצבֿות, האָט פֿאַר אונדז אַ טאָפּעלן באַטײַט: 1) ווי אַ באַווײַז, ווי ווײַט עס איז געווען פֿאַרשפּרייט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אייראָפּע אין די ערשטע זיבן יאָרהונדערטער פֿון דער קריסטלעכער צײַט, וואָס מיר האָבן אָנגערופֿן „פּעריאָד פֿון קאָלאָניזאַציע"; 2) ווי אַ באַווײַז, ווי אַזוי די ייִדישע קאָלאָניעס זײַנען געווען אײַנגעאָרדנט און ווי הויך איז געווען זייער קולטורעלער מעמד. צוליב דעם ערשטן ציל איז גענוג אויפֿצוקלערן ווי ווײַט עס לאָזט זיך די עלטסטע דאַטע פֿון די אויפֿשריפֿטן, בכדי צו באַשטימען אַן ערך די צײַט ווען די קאָלאָניע איז אויפֿגעקומען, צוליב דעם צווייטן ציל ווידער מוז מען שוין זוכן אין דעם אינהאַלט אָדער פֿאָרם פֿון דער אויפֿשריפֿט אָנווײַזן אויף דעם סאָציאַלן און קולטורעלן צושטאַנד פֿון דער געגעבענער קאָלאָניע. די עפּיגראַפֿיק רופֿט צו הילף די דיפּלאָמאַטיק אין יענע פֿאַלן, ווען דעם געגעבענעם אָרט ווערט דערמאָנט אין די אָפֿיציעלע אַקטן.

אויפֿן יסוד פֿון די ביז איצט אויפֿגעפֿונענע עפּיגראַפֿישע מאַטעריאַלן (מקורים און ליטעראַטור זע ווײַטער אין דער ביבליאָגראַפֿיע צו די §§ 2, 3, 9, 10) קאָן מען צונויפֿשטעלן די ווײַטערדיקע רשימה פֿון באַדײַטיקע שטעט און געגנטן אין אייראָפּע, ווו עס האָבן עקסיסטירט ייִדישע ייִשובֿים צווישן 1טן און 7טן י"ה פֿון דער קריסטלעכער צײַט:

גריכנלאַנד: אַטען, ספּאַרטע, קאָרינט, לאַריסע, דעלפֿי, פּאַטראַס, אַרגאָס, מאַנטינעאַ, דער אינדזל קרעטע און אַ סך אַנדערע ערטער אין מערבֿדיקן אַרכיפּעלאַג (אייבעאַ, עגינע, דעלאָס).

ביזאַנץ: קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניק (טעסאַלאָניקע), פֿיליפּי און אייניקע אַנדערע ערטער אין טראַקיע און מאַקעדאָניע.

די גריכיש-ביזאַנטישע קאָלאָניעס אויפֿן צפֿונדיקן ברעג פֿון שוואַרצן ים: אָלוויע, טאַנאַיִס, פּאַנטיקאַפּייאָן (קימערישער באָספּאָרוס),

פֿאַנאַגאָריע מיט איר קרײַז, גאָרגיפּיע און אייניקע אַנדערע פּונקטן אין סקיטיע, טאַוריס אָדער קרים און אין דער אַזאָווישער געגנט.

איטאַליע: רוים און אייניקע אַנדערע ערטער אין לאַטיום, מילאַן, פֿעראַרע, באָלאָניע, ראַווענע, גענוע, ברעשיע און נאָך אייניקע ערטער אין דער געגנט פֿון ווענעציע, פּאָלאַ, קאַפּוע, נעאַפּאָל, פּוטעאָלי, סאַלערנאָ, ווענאָזע און טאַרענט (אין די מדינות אַפּוליע און קאַלאַבריע).

סיציליע און סאַרדיניע: סיראַקוז, קאַטאַניע, מעסינע, פּאַלערמאָ, אַגריגענט, קאַראַליס, סאַנט־אַנטיאָקאָ און אַנדערע (ווערן אָפּט דערמאָנט אין די בריוו פֿון דעם פּויפּס גרעגאָר דעם גרויסן אין 6טן י"ה).

שפּאַניע: איליבעריאַ (עלווירע), אַדראַ אָדער אַבדעראַ, מערידע, טאָלעדאָ, קאָרדאָווע, טאָרטאָזע, מאַגאָנאַ (אויפֿן אינדזל מינאָרקע).

גאַליע און פֿראַנקישע מלוכה: ליאָן, נאַרבאָנע, מאַרסעל, אַרל, אַוויניאָן, באָרדאָ, קלערמאָן־פֿעראַן, דיזשאָן, אָרלעאַן, פּאַריז.

דײַטשלאַנד: קעלן, וואָרמס, רעגנסבורג.

עס איז קיין ספק ניט, אַז ווײַטערדיקע אויסגראָבונגען אין פֿאַרשיידענע לענדער פֿון אייראָפּע וועלן אויפֿדעקן נאָך אַ סך שפּורן פֿון געוועזענע ייִדישע ייִשובֿים פֿון דעם „פֿאַרהיסטאָרישן פּעריאָד". פֿון דעם עפּיגראַפֿישן מאַטעריאַל וואָס איז ביז איצט צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן זײַנען באַזונדערס וויכטיק די פֿיל אויפֿשריפֿטן אויף מצבֿות און קבֿרים אין רוים און דרום־איטאַליע, וואָס דורך זיי לאָזן זיך באַשטימען די קולטור־מדרגה פֿון די דאָזיקע קאָלאָניעס און זייער אינעווייניקסטע אָרדענונג. דער ערשטער האָט אויף דעם געווענדט דעם אויפֿמערק שירער אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע Die Gemeindeverfassung der Juden in Rom in der Kaiserzeit nach den Inschriften (מיט אַ סך מוסטערן פֿון אויפֿשריפֿטן, לײַפּציק 1879), און שפּעטער האָט ער ממלא געווען זײַנע אויספֿירן אויפֿן סמך פֿון נײַע געפֿינסן אין זײַן גרונד־ווערק Geschichte des jüdischen Volkes im Zeitalter Christi, באַנד III (אויסגאַבע פֿון יאָר 1909). די מחברים פֿון דער „געשיכטע פֿון ייִדן אין רוים" (דײַטש) פֿאָגעלשטיין און ריגער האָבן צום טייל באַאַרבעט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל און געגעבן גרויסע אויסצוגן פֿון אים (195 אויפֿשריפֿטן פֿון רוים אין דער הוספֿה צו באַנד I). ספּעציעל דעם רוימישן טייל פֿון דער אַרבעט האָט פֿאַרענדיקט דער בערלינער געלערנטער ניקאָלאַי מילער, וואָס האָט אין יאָר 1912 אַרויסגעגעבן אַן אויספֿאָרשונג וועגן דער ייִדישער קאַטאַקאָמבע אין מאָנטעווערדע, וווּ ער האָט געפֿונען אַ סך נײַע אויפֿשריפֿטן און איבערגעלייענט זיי (Die jüd. Katakombe am Monteverde zu Rom), און אין יאָר 1919, שוין נאָך זײַן טויט, איז אַרויס זײַן ווערק Die Inschriften der jüdischen Katakombe zu Rom (מיט 173 אילוסטראַציעס). אויבן אין

טעקסט (§ 2) האָבן מיר שוין געגעבן אַ ריי אַלגעמיינע אויספירן פון די רוי־מישע אויפשריפטן מכוח דעם באַשטאַנד און אײַנאָרדענונג פון די ייִדישע קהילות אין רוים און זייער קולטורעלן צושטאַנד. לויט די סימנים פון דער שפּראַך, נעמען און פאַרשיידענע אויסדרוקן אין די אויפשריפטן. נאָר מען קאָן מאַכן נאָך אַ סך ספּעציעלע אויספירן פון אָט דעם מאַטעריאַל דורך קאָנפראָנטירן אים מיט די שײַכותדיקע ידיעות פון דער עפּיגראַפיק און דיפּלאָמאַטיק אין אַנדערע ערטער (זע דאָס גײַסטע ווערק פון זשיסטער (Juster, Les Juifs dans l'empire romain, ב' I, ז' 121 א"וו, און אין פאַרשייַ־דענע ערטער אין ביידע בענד; ש. קרויס, Synagogale Altertümer, § 26, בערלין 1922).

אויף צו כאַראַקטעריזירן דעם קולטורעלן צושטאַנד געפינען מיר פאַר־נייטיק צוצוגעבן דאָ אַ סטאַטיסטיק פון ייִדישע אויפשריפטן אין דער גרעס־טער רוימישער קאַטאַקאָמבע (מאָנטעווערדע) לויטן סימן פון שפּראַך: פון 169 איבערגעלייענטע אויפשריפטן זײַנען 130 אָנגעשריבן אין גריכיש מיט גריכישע אותיות, 29 אין לאַטײַן מיט לאַטײַנישע אותיות, 1 אין לאַטײַן מיט גריכישע אותיות, 5 אין העברעיִש מיט העברעיִשע אותיות, 3 געמישטע גריכיש־לאַטײַנישע און 1 גריכיש־העברעיִשע. אין אַ קלענערער קאַטאַקאָמבע (ראַנדאַניני) האָט מען געפונען 62 גריכישע אויפשריפטן און 22 לאַטײַנישע, אָבער קיין איין העברעיִשע ניט (מילער, Die jüd. Katakombe—, ז' 91 — 92). איבער די שפּראַך ווײַזט אויף אַ שטייגערשער אַסימילאַציע פון דער ייִדישער קאָלאָניע אין רוים, איז אָבער פון דעם אינהאַלט אָפּט קענטיק די גײַסטיקע זעלבשטענדיקייט פון די שרײַבערס. אַ סך אויפשריפטן ענדיקן זיך מיט דער געוויינטלעכער ייִדישער אויסלאָז־פאָרמולע: ינוח בשלום על משכבו — זאָל ער רוען אויף זײַן געלעגער אין שלום — אין גריכיש: En eirene he koimesis autou, אָפּט פאַרקירצט En eirene, אָדער אין לאַטײַניש In pace, און טייל מאָל אויך דאָס העברעיִשע וואָרט שלום.

קיין דאַטעס זײַנען אין די רוימישע אויפשריפטן ניטאָ, ווײַל אַלע די מאָנומענטן געהערן צו די ערשטע 5–6 יאָרהונדערטער פון דער קריסט־לעכער צײַט, ווען מען איז זיך נאָך ניט נוהג געווען צו שטעלן קיין דאַטעס אויף מצבות. דאָ קאָן מען באַשטימען די צײַט נאָר לפי ערך, לויט דער שריפט, לויטן אויסלייג, לויט די אָרנאַמענטן, לויטן מאַטעריאַל פון דעם שטיין און לויט אַנדערע אַרכעאָלאָגישע סימנים. אין דרום־איטאַליע, ווו עס זײַנען פאַרבליבן ייִדישע אויפשריפטן פון 6טן י"ה און שפּעטער, באַמערקן מיר צוויי דערשײַנונגען פון אַ נאַציאָנאַלער עוואָלוציע: ערשטנס ווערט גריכיש און לאַטײַן בהדרגה אַרויסגעשטופּט דורך העברעיִש, צווייטנס באַווײַזן זיך אַלץ אָפּטער אויף די מאָנומענטן דאַטעס לויט דער ייִדישער צײַט־רעכענונג. אין

דער קאַטאַקאָמבע פֿון דער שטאָט ווענאָזע שטייט כּמעט שטענדיק אין די גריכישע און לאַטײַנישע אויפֿשריפֿטן פֿון 6טן און 7טן י"ה צום סוף דאָס העברעיִשע וואָרט „שלום" אָדער די אויסדרוקן: „שלום על משכבו", „שלום על ישראל", אָדער עס זײַנען בכלל געמישטע לאַטײַניש־העברעיִשע אויפֿשריפֿטן (פֿון 21 אויפֿשריפֿטן 6 געמישטע און איינע אין גאַנצן העברעיִש; זע Ascoli, Inscrizioni di antichi sepolcri giudaici del Napolitano, Torino et Roma, 1880). מיר ברענגען דאָ אַ מוסטער פֿון איין געמישטער לאַטײַניש־העברעיִשער אויפֿשריפֿט אויפֿן קבֿר פֿון אַ מיידל פֿון אַ מיוחסדיקער משפּחה (נו' 20 בײַ אַסקאָלי):

Hic quiescit Faustina filia Faustini Patris annorum quatuordecim mensium quinque, quae fuit unica parentum, cui dixerunt trenus duo Apostoli et Rebbites, et satis grandem dolorem fecit parentibus et lacrimas civitati משכבה של פויסטינה נוח נפש שלום quae fuit pronepos Faustini patris, nepos Biti et Asselli, qui fuerunt majores civitatis. [1]

די צען אויפֿשריפֿטן פֿון 9טן י"ה, וואָס זײַנען געבליבן אין ווענאָזע, ברינדיזי און לאַוועלאָ, זײַנען אַלע אין העברעיִש און האָבן דאַטעס לויט צוויי נאַציאָנאַלע צײַט־רעכענונגען: פֿון חורבן בית שני און פֿון בריאת־העולם (אַסקאָלי, נומ' 24–33). די ערשטע דאַטע איז פֿאַרצייכנט אויף אַלע צען מצבֿות, די צווייטע צוזאַמען מיט דער ערשטער נאָר אויף צוויי. אָט איז אַ מוסטער פֿון דער פֿאָרמולע פֿון אָט דער צווייִקער דאַטע (נומ' 31): „בשנת ארבעת וחמש מאות ושמונים לבריאות עולם, שבע מאות וחמשים ותשע לחורבן בית המקדש". די אויפֿשריפֿט געהערט צום יאָר 827 פֿון דער קריסטלעכער צײַט, און די איבעריקע צו פֿאַרשיידענע יאָרן פֿון דער ערשטער העלפֿט 9טן י"ה. אין די אויפֿשריפֿטן ווערן באַנוצט די געוויינטלעכע טרויער־פֿאָרמולעס „זכרונו לברכה", „תהי נפשו צרורה בצרור החיים", וכדומה. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס, וואָס די נעמען פֿון די פֿאַרשטאָרבענע זײַנען שוין ניט קיין גריכיש־רוימישע, נאָר ריין ייִדישע: יוסף, נתן, דניאל, רבֿקה, מלכּה א"אַ.

---

1 איבערזעצונג: „דאָ רוט פֿויסטינאַ, די טאָכטער פֿון פֿויסטינוס דעם פֿאָטער (ראָש פֿון דער קהילה), 14 יאָר מיט 5 חדשים אַלט, וואָס איז געווען אַ בת־יחידה בײַ די עלטערן, וואָס איבער איר האָבן געזאָגט טרויער־תּפֿילות צוויי אַפּאָסטאָלן (שליחים, גבאים פֿאַר ארץ־ישראל) און צוויי רעביטעס (רבנים); זי האָט (מיט איר טויט) גענוג פֿיל צער פֿאַרשאַפֿט די עלטערן און טרערן דער געמיינדע. דער רואָרט פֿון פֿויסטינע, זאָל איר נשמה רוען אין שלום (דאָס איז דער טײַטש פֿון די העברעיִשע ווערטער). זי איז געווען אַן אוראייניקל פֿון פֿויסטינוס דעם פֿאָטער (משמעות, אַז איר פֿאָטערס זיידע האָט אַזוי געהייסן און ער איז געווען דער ראָש פֿון דער קהילה), אַן אייניקל פֿון ביטוס און אַסעלוס, וואָס זײַנען געווען עלטסטע פֿון דער געמיינדע". דער טיטל Pater איז קענטיק פֿאַרקירצט Pater Synagogae. זע אויבן אין טעקסט, § 2.

אָט די אַלע בײַשפּילן װײַזן דעם חילוק פֿון דעם קולטורעלן צושטאַנד אין צװײ פּעריאָדן: דעם קאָלאָניזיר־פּעריאָד און דעם אָרגאַניזיר־פּעריאָד. אין דעם ערשטן פּעריאָד דריקט זיך אױס די צופּאַסונג פֿון ייִדן צו דער נײַער אַרומיקער סבֿיבֿה דורך איבערנעמען איר שפּראַך און שריפֿט אַפֿילו אין אַזאַ אינטימער ספֿערע װי אױפֿשריפֿטן אױף מצבֿות; אין צװײטן פּעריאָד, װאָס מער עס קומען צו אײַנװאַנדערער פֿון די מזרח־לענדער, װערן די ייִדישע קאָלאָניעס אַלץ מער אַרײַנגעצױגן אין דעם השפּעה־קרײַז פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור: עס װערט צוריק אײַנגעפֿירט די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך און שריפֿט און די נאַציאָנאַלע דאַטעס; די גריכישע און לאַטײַנישע נעמען װערן פֿאַרביטן דורך ייִדישע נעמען. פֿון אַלצדינג איז קענטיק, אַז דאָס לעבן פֿון די געמײנדעס נעמט אָן דעם שניט פֿון דער אױטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע פֿון די מזרחדיקע מעטראָפּאָליעס. די ייִדישע אײראָפּע גרײט זיך איבערצונעמען די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע, װאָס האָט זיך טאַקע צום סוף פֿון דעם אָרגאַניזיר־פּעריאָד אַריבערגעטראָגן פֿון מזרח קײן מערבֿ.

נומער 3. דער סך־הכּל פֿון דער כּוזרישער פּראָבלעם

(צו די §§ 23 און 29)

דער איצטיקער צושטאַנד פֿון די מקורים דערלױבט אונטערצופֿירן אַ סך־הכּל פֿון דער כּוזרישער פּראָבלעם, װאָס האָט אױסגעװיזן צו זײַן אײנע פֿון די האַרבסטע פֿון אונדזער היסטאָריאָגראַפֿיע. צװײ האַנטשריפֿטיקע פֿראַגמענטן, װאָס מען האָט די לעצטע צײַט אַרױסגענומען פֿון דער גניזה און פֿון די אוצרות פֿון בריטישן מוזײ, װאַרפֿן אַ שײַן אױף אָט דעם טונקעלן פּאַס פֿון אונדזער געשיכטע. ניט אַרײַנצוגײן אין די פּרטים פֿון די אַמאָליקע װיכּוחים, פֿאָרמולירן מיר דאָ בקיצור דעם תּוך פֿון דער פּראָבלעם און די דערגרײכטע רעזולטאַטן.

די ערשטע ידיעות װעגן די כּוזרים אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אין דעם סדר װי זײ האָבן זיך באַװיזן אין דרוק, האָבן געגעבן צװײ באַרימטע שרײַבערס פֿון 12טן י"ה: דער משורר רבי יהודה הלוי און דער כראָניסט רבי אַבֿרהם אבן דאוד. ר׳ יהודה הלוי האָט אױסגענוצט די לעגענדע מכּוח דעם װיכּוח װעגן די רעליגיעס, בעת דער מלך פֿון די כּוזרים האָט זיך מגײר געװען, צוליב זײַן פֿילאָסאָפֿישן דיאַלאָג אין זײַן ספֿר הכּוזרי, װאָס איז אָנגעשריבן געװאָרן אַן ערך אַרום 1140 און צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 1506. ער האָט ניט אָנגעװיזן דעם מקור פֿון דער לעגענדע, אָבער פֿון דעם אַרײַנפֿיר צום ספֿר איז

קענטיק, אַז דער מחבר האָט שוין געהאַט פֿאַר זײַנע אויגן דעם ענטפֿערבריוו פֿון דעם כּוזרישן מלך יוסף צו חסדאי אבן שפּרוט (ער דערמאָנט וועגן קיניג בולאַנס חלומות און וועגן דעם סדר, ווי אַזוי עס זײַנען אויסגעפֿרעגט געוואָרן די פֿאָרשטייערס פֿון די דרײַ רעליגיעס). רבי אַבֿרהם אבן דאַוד ווידער פֿאַררופֿט זיך אין זײַן כראָנאָגראַפֿיע „ספֿר הקבלה“, וואָס איז אָנגע־שריבן געוואָרן אַרום 1160 און אָפּגעדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 1517, שוין דירעקט אויפֿן בריוו, וואָס זייער מלך (פֿון די כּוזרים) האָט געשיקט צום נשׂיא ר׳ חסדאי אבן שפּרוט, און דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען אין טאָלעדאָ קינדסקינדער פֿון די כּוזרים (Neubauer, Chronicles I, 78–79).

אין 60–70 יאָר אַרום ווי אָט די צוויי ביכער זײַנען אַרויס אין דרוק, האָט דער באַוווסטער זאַמלער און אַרויסגעבער פֿון כּתבֿ־ידן ר׳ יצחק עקריש אָפּגעדרוקט אַ זאַמלבוך אונטערן נאָמען „קול מבֿשׂר“ (קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1577), ווו ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע היסטאָרישע לעגענדעס אַרײַנגעשטעלט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן חסדאי און דעם קיניג יוסף וועגן די כּוזרים. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ איז שפּעטער אַ סך מאָל געוואָרן איבערגעדרוקט, באַזונדער און ווי אַ הוספֿה צו ר׳ יהודה הלוויס „כּוזרי“ (אויך צו בוקסטאָרפֿס לאַטײַנישער אויסגאַבע, באַזעל 1660). אין דער נײַער וויסנשאַפֿטלעכער ליטעראַטור האָבן די דאָזיקע בריוו אַרויסגערופֿן אַ ספֿק שוין מחמת דעם אַליין, אויף וואָסער אופֿן זיי זײַנען געוואָרן פֿאַרעפֿנטלעכט: עקריש האָט זיי אַרײַנגעשטעלט אין דעם אָנגערופֿענעם זאַמלבוך צוזאַמען מיט אַזעלכע מסופּקדיקע לעגענדעס, ווי די מעשׂיות וועגן די שבֿטים פֿון ישׂראל, וואָס זײַנען פֿאַרוואָגלט געוואָרן אויף יענער זײַט סמבטיון. עקריש האָט צוגעגעבן די כּוזרישע בריוו צו די דאָזיקע מעשׂיות, בכדי צו באַווײַזן, אַז עס האָבן עקסיסטירט צוויי ייִדישע מלוכות נאָכן חורבן ירושלים, און אַזוי אַרום צו פֿאַרשטאַרקן דעם גלויבן אין משיחן צווישן די ספֿרדים פֿון יענער תּקופֿה. נאָך אין יאָר 1905 האָט שטיינשנײַדער — אַן אויסגעצייכנטער ביבליאָגראַף, נאָר אַ קנאַפּער היסטאָריקער – אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דעם קיניג יוספֿס בריוו איז „פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אַ סך שפּעטער“. (Die Geschichtsliteratur der Juden, § 15); ער האָט באַשײַמפּערלעך פֿאַר־געסן, אַז נאָך אין 12טן י״ה האָט אבן דאַוד געהאַלטן דעם דאָזיקן בריוו פֿאַר אַ היסטאָרישן דאָקומענט.

פֿאַרשטייט זיך, דערין, אַז עס האָט עקסיסטירט אַ כּוזריש קיניגרײַך מיט אַ ייִדישן כאַגאַן בראָש, האָט קיינער ניט געקאָנט זײַן מסופּק, מחמת וועגן דעם האָבן דערמאָנט, חוץ די אָנגערופֿענע ייִדישע שרײַבערס, אויך אַראַבישע געאָגראַפֿן פֿון 10טן י״ה, וואָס האָבן געשריבן נאָך אין יענער

תּקופֿה, ווען די מלוכה פֿון די כּוזרים איז געווען אַ שטאַרקע מלוכה (איבן־דאַסטאַ, איבן־פֿאַדלאַן, אַל־איסטאַכרי, אַל־בעקרי א״אַ). מסופּק געווען איז מען נאָר, צי איז עכט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם שפּאַנישן מיניסטער און דעם כּוזרישן מלך. אָפּגעהיטע קריטיקער האָבן געשטעלט אונטער אַ ספֿק ניט דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון די בריוו, נאָר מערניט זייערע ליטעראַרישע באַפּוצונגען, די אַרײַנפֿיר־ווערטער און די אויסלאָזן, וואָס פֿון זיי האָט אַרויסגעקוקט די משיחישע טענדענץ. די ספֿקות אין דער געטריַיקייט פֿון דעם טעקסט פֿון די בריוו האָבן געקאָנט שטאַרקער ווערן, נאָך דעם ווי הרכּבֿי האָט געפֿונען אין פֿירקאָוויטשעס קאָלעקציע אין פּעטערבורגער ביבליאָטעק און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ פֿולערן וואַריאַנט פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פֿון מצרים (דעם העברעיִשן אָריגינאַל אין „מאסף נדחים״, הוספֿה צום וואָכנבלאַט „המליץ״, פּעטערבורג 1876; אין דײַטש אין Russische Revue, בערלין 1875, ב׳ VI; אין רוסיש אין דער Еврейская Библіотека, ב׳ VIII—VII, פּעטערבורג 1879–80). ווי באַלד עס זײַנען געווען וואַריאַנטן, איז דאָך געדרונגען, אַז איבערשרײַבערס האָבן געקאָנט איבערמאַכן דעם טעקסט פֿון די בריוו, ממילא הערן די בריוו אויף צו זײַן היסטאָרישע דאָקומענטן און פֿאַרבלײַבן נאָר פֿרײַע ליטעראַרישע ווערק.

אין דעם צושטאַנד איז דאָס געבליבן ביז 1912, ווען דער אויפֿדעקער פֿון דער גניזה פֿון קאַהיראָ שעכטער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט צווישן די דעפּעקטע אַקטן פֿון יענער קאָלעקציע יענעם וויכטיקן פֿראַגמענט,[1] וואָס זײַן אינהאַלט איז איבערגעגעבן אויבן אין טעקסט (§ 29; זע די ביבליאָגראַפֿיע צו דעם §). דאָ האָבן מיר שוין ניט קיין פּשוטן וואַריאַנט פֿון דעם קיניג יוספֿס בריוו, נאָר אַ פּאַראַלעלן דאָקומענט פֿון דער זעלביקער צײַט: אַ בריוו, וואָס אַן אָנגעזעענער כּוזרישער ייִד האָט אַרום 950 געשיקט פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו אַ צווייטן חשובֿן ייִד, וואָס זײַנע שלוחים האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען אין דער הויפּטשטאָט פֿון ביזאַנץ: מן הסתּם צו דעם זעלביקן חסדאי אבן שפּרוט. פֿון יוספֿס בריוו שיידט זיך דער דאָזיקער בריוו אונטער מיט דעם, וואָס די פּאָעטישע לעגענדע וועגן דעם, ווי אַזוי דער קיניג פֿון די כּוזרים האָט זיך מגייר געווען, ווערט דאָ אַ היסטאָרישעווירקלעכקייט (אָנשטאָט נבֿואישע חלומות — דער פֿאַקט וואָס אַ ייִד אַ קריגסהויפּטמאַן ווערט אויסגעקליבן פֿאַר אַ קיניג) און עס ווערן קלאָר דערציילט די געשעענישן פֿון דער רוסיש־ביזאַנטיש־כּוזרישער געשיכטע פֿאַרן אונטערגאַנג פֿון דער כּוזרישער מלוכה. אויב אין אָט דעם פֿראַגמענט פֿון דער גניזה וואָלט ניט

[1] An Unknown Khazar Document (Jewish Quarterly Review, N. S., Vol. III. Philadelphia 1912).

געפֿעלט דער אָנהייב און דער סוף, וואָלטן מיר געקאָנט געוואָר ווערן וועגן אַט די געשעענישן אַ סך מער, און אויך וועגן דעם וואָס דער מחבר האָט געהאַט אויסצופֿירן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אָבער אויך אין דעם איצטיקן צושטאַנד גיט ער די באַשטעטיקונג פֿון דעם אינהאַלט פֿון יוסף׳ס ענטפֿער, און ממילא אויך פֿון חסדאיס אָנפֿרעג, און צו גלייך אַן אויסבעסערונג אין תּוך צו דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, ווי דאָס איז צו זען פֿון די פּאַראַלעלן, וואָס זיינען געבראַכט אויבן (§ 29) אין טעקסט.

בכדי צו זיין פֿולקום זיכער, אַז דער תּוך פֿון אונדזערע דאָקומענטן איז אַן עכטער, האָט נאָך געפֿעלט דאָס עדות־זאָגן פֿון אַ שרייבער, וואָס זאָל שטיין נעענטער צו דער צייט, ווען זיי זיינען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן, ווי ר׳ יהודה הלוי און ר׳ אַבֿרהם אבן דאוד. און מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זיך טאַקע געפֿונען אַזאַ עדות. דער ירושלימער פֿאָרשער ר׳ שׂמחה אָסף האָט פֿאַרעפֿנטלעכט (אין דעם בערלינער זשורנאַל „ישורון" 1924, ז׳ 113–117 פֿון דער העברעיִשער אָפּטיילונג) אַ פֿראַגמענט פֿון אַ כּתבֿ־יד פֿון בריטישן מוזיי, וואָס האַלט ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע טיילן פֿון דעם „ספֿר העתּים", וואָס עס האָט פֿאַרפֿאַסט דער שפּאַנישער רבֿ רב יהודה אַלבּרצלוני אַרום 1100, ד״ה 140 יאָר נאָך דער כּוזרישער קאָרעספּאָנדענץ. דער דאָזיקער באַרצעלאָנער רבֿ האָט באַרירט די כּוזרישע בריוו דרך־אַגבֿ, אין אַ תּשובֿה אויף דער שאלה, צי מען מעג העלפֿן אַנדערשגלייביקע אין זייער קולט. מכּוח די מסורות וועגן דעם כּוזריש־ייִדישן קיניגרייך שרייבט אַלבּרצלוני צו זיין קאָרעספּאָנדענט: „איך האָב געזען אין אייניקע ספֿרים אַ בריוו, וואָס עס האָט געשריבן דער מלך פֿון די כּוזרים יוסף, דער זון פֿון כּהן (כּאַגאַן) אַהרן, צו ר׳ חסדאי בן יצחק, נאָר איך האָב ניט געוווּסט, צי עס איז אמת אין דעם בריוו צי ניט. אויב דו וועסט מיר זאָגן, אַז אין תּוך איז ריכטיק די מעשׂה, אַז די כּוזרים פֿון טערקישן אָפּשטאַם (מבני תּוגרמא) האָבן זיך מגייר געווען, וועל איך דיר אָפּשלאָגן, אַז עס איז נאָך ניט אויפֿגעקלערט, צי עס איז ריכטיק אַלץ אין דעם דאָזיקן בריוו, אָדער עס זיינען דאָרט פֿאַראַן אויך פֿאַלשע רייד, הוספֿות אָדער טעותים פֿון די איבערשרייבערס. מיר האָבן געפֿונען פֿאַר נייטיק צו דערמאָנען וועגן דעם, מחמת איך האָב געפֿונען אַ קאָפּיע פֿון אַ צווייטן בריוו, וואָס עס האָט געשריבן אַ ייִדן אויף זיין שפּראַך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועגן די מלכים פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרט ווערט דערמאָנט וועגן די מלחמות, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען צווישן די דאָזיקע מלכים און דעם קיניג אַהרן און אויך צווישן די זין פֿון יענע גויִשע (ביזאַנטישע) מלכים און דעם קיניג יוסף, דעם זון פֿון אַהרנען. דאָרט שטייט אויך געשריבן, אַז די כּוזרים האָבן זיך מגייר געווען און עס זיינען ביי זיי געווען גרים מלכים. איך האָב געהערט, אַז מכּוח דעם שטייט אויך געשריבן אין די ביכער פֿון די אַראַבער, וואָס

האָבן געלעבט אין יענער צײַט". ווײַטער ברענגט אַלבּרצלוני דעם אָפּשניט פון דעם קיניג יוסף'ס בריוו וועגן די נבֿואישע חלומות, וואָס האָבן געבראַכט דעם קיניג בולאַן זיך מגייר צו זײַן, דערבײַ איז די ציטאַטע כּמעט אידענטיש מיט דעם אונדז באַוווּסטן טעקסט, חוץ עטלעכע שינויים אין די נעמען פון שבֿטים און מלכים.

פון דעם דאָזיקן דאָקומענט מעג מען מאַכן אַזעלכע אויספירן: 1) אין 11טן י"ה פלעגן אַרומגיין צווישן די שפּאַנישע ייִדן אין אָפּשריפטן סײַ די קאָרעספּאָנדענץ פון חסדאי מיטן קיניג יוסף, סײַ דער בריוו פון דעם כּוזרישן ייִד פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס שעכטער האָט געפונען אין דער גניזה און וואָס איז ווערדליג אַלע סימנים אידענטיש מיט דעם בריוו, וואָס וועגן אים דערמאָנט אַלבּרצלוני („אַ בריוו פון אַ ייִדן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל... וועגן די מלחמות צווישן די ביזאַנטישע מלכים און דעם קיניג אַהרן און אויך צווישן זייערע זין און יוסף'ן דעם זון פון אַהרנען"–גיט איבער פּינקטלעך דעם תּוך פון דעם בריוו פון דער גניזה; 2) די אָפּשריפטן פון דעם קיניג יוסף'ס ענטפער וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען אין פאָלק האָבן אין דעם באַרצעלאָנער רבֿ גע־וועקט אַ ספק, צי זיי זײַנען פּינקטלעך, וואָרעם אין דעם פּאַראַלעלן בריוו פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער געלייענט אַן אַנדער סיפּור־המעשׂה, און ער האָט באַדאַרפט האָבן אַ שטרענגע פּינקטלעכקייט פון די גבֿיות־עדות, מחמת דאָס איז געווען נייטיק צוליב פּסקענען אַ דין; 3) אַלבּרצלוני האָט געהערט, אַז וועגן די כּוזרים האָבן געשריבן אויך אַראַבישע שרײַבערס פון זײַן צײַט; 4) דעם רבֿס ספקות זײַנען קענטיק באַשטאַנען דערין, צי זײַנען אַלע כּוזרים געווען ייִדן אָדער נאָר זייערע מלכים, ווײַל דאָס איז וויכטיק געווען צו וויסן אויף צו פּסקענען אין אַ שאלה וועגן אַנטייל פון ייִדן אין דעם קולט פון אַנדערשגלייביקע.

דער היסטאָריקער, וואָס פאַרנעמט זיך ניט מיט דאָגמאַטישע שאלות, מעג פון דעם גופא, וואָס עס איז פאַראַן אַזאַ תּשובֿה פון דעם באַרצעלאָנער רבֿ וואָס האָט געשטעלט שאלות וועגן דעם ענין, מאַכן פּאָזיטיווע אויספירן. דאָס הייסט: ניט עקריש אין 16טן י"ה האָט אויסגעקלערט די „כּוזרישע קאָרעס־פּאָנדענץ", נאָר שוין אין 11טן י"ה איז זי אַרומגעגאַנגען אין אָפּשריפטן צוזאַמען מיטן בריוו פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און עס האָבן זי געניצט דרײַ גדולים פון דעם שפּאַנישן ייִדנטום: אַלבּרצלוני, ר' יהודה הלוי און ר' אַבֿרהם אבן דאוד, וואָס דער לעצטער פון זיי האָט נאָך פּערזענלעך געקענט אין טאָלעדאָ קינדסקינדער פון כּוזרים אָדער אַפילו פון כּוזרישע מלכים (דעם אויס־דרוק אין „ספר הקבלה" קאָן מען טײַטשן אַזוי און אַזוי). דערפון איז געדרונגען, אַז אַלע דרײַ כּוזרישע דאָקומענטן זײַנען עכט. מען קאָן נאָך אין ספֿק שטעלן אין ספק דעם אַרײַנפיר און דעם אויסלאַז אין חסדאיס בריוו, ווו עס טרעט

אַרויס בולט די משיחישע בענקשאַפֿט פֿון 16טן י״ה; אָבער ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אין מיטן 11טן י״ה אין דער זעלביקער שפּאַניע האָט דער משורר אבן גבירול אויסגעגאָסן זײַן בענקשאַפֿט נאָך גאולה אין פֿלאַמפֿײַערדיקע לירישע שירים, מעג מען אָננעמען, אַז אַזאַ שטימונג האָט געקאָנט געמאָלט זײַן אויך בײַ חסדאין, דעם ייִדישן מיניסטער פֿון פֿריִערדיקן יאָרהונדערט.

די פֿראַגע וועגן דער צײַט, ווען דער כּוזרישער מלך האָט זיך מגייר געווען, קאָן ווערן פֿאַרענטפֿערט אויפֿן סמך פֿון אַזעלכע סבֿרות. ר׳ יהודה הלוי זאָגט אין זײַן „ספֿר הכּוזרי״, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַרום 1140, אַז די כּוזרים האָבן זיך מגייר געווען „מיט 400 יאָר צוריק״, ד״ה אַרום 740. פֿון דער אַנדער זײַט שטייט אין דעם קיניג יוסף׳ס בריוו, אַז בולאַן האָט זיך מגייר געווען, נאָך דעם ווי ער האָט אײַנגענומען אַרדעביל אין אַרמעניע. דאָס איז געשען לויט די ידיעות פֿון די אָריענטאַליסטן אין יאָר 731. דער אַראַבישער שרײַבער מסעודי זאָגט, אַז די ייִדישע רעליגיע איז געוואָרן די הערשנדיקע אין לאַנד פֿון די כּוזרים „זינט דער צײַט פֿון דעם כּאַליף אַראַשיד״, ד״ה זינט דעם סוף 8טן י״ה. די אַלע ידיעות גיבן אונדז די מיגלעכקייט אײַנצושטעלן די צײַט, ווען ייִדישקייט האָט זיך אײַנגעפֿעסטיקט אין דער כּוזרישער מלוכה, אויף דער צווייטער העלפֿט 8טן י״ה.[1]

1 אויפֿן סמך פֿון דעם האַנטשריפֿטיקן וואַריאַנט פֿון דעם קיניג יוסף׳ס בריוו, ווי עס שטייט, אַז די כּוזרים האָבן זיך מגייר געווען מיט 340 יאָר פֿאַר 960, האָט הרכּבֿי די געשעעניש דאַטירט אויפֿן יאָר 620, נאָר די דאָזיקע דאַטע שטימט ניט מיט קיין איינעם פֿון אונדזערע מקורים. דאָ איז אַ באַשײַמפּערלעכער גרײַז אין דעם וואַריאַנט.

ביבליאָגראַפֿיע

מקורים און ליטעראַטור

רשימה פֿון די קיצורים אין די טיטלען פֿון די ביכער,
וואָס ווערן אָפֿט ציטירט אין דער ביבליאָגראַפֿיע

ARONIUS, Regesten = Regesten zur Geschichte der Juden im fränkischen und deutschen Reiche bis zum Jahre 1273. Berlin 1902.

BERLINER, Rom = Geschichte der Juden in Rom von den ältesten Zeiten bis zur Gegenwart. I—II. Frankfurt a/M. 1893.

CARO = Sozial- und Wirtschaftsgeschichte der Juden im Mittelalter. I—II. Leipzig 1908, 1920.

CIG = Corpus inscriptionum graecarum. Berlin 1828.

CIL = Corpus inscriptionum latinarum. Berlin 1853.

GERMANIA JUDAICA = Brann u. Freimann, Germania Judaica I, 1, A—L, Frankfurt a/M. 1917.

GRAETZ V = Geschichte der Juden, Band V. Leipzig 1909 (4. Aufl.).

GÜDEMANN, Kultur = Geschichte des Erziehungswesens und der Kultur der abendländischen Juden während des Mittelalters. Band I—III. Wien 1880—1888.

HEFELE = Conziliengeschichte. Bd. I—VII. Freiburg 1873—1890.

JEW. ENC. = Jewish Encyclopedia. Vol. I—XII. New York 1901—1906.

JQR = Jewish Quarterly Review. London 1888—96. New York 1910—1936.

JUSTER = Les Juifs dans l'empire romain, leur condition juridique, économique et sociale. T. I—II. Paris 1914.

MGH = Monumenta Germaniae Historica. Berlin 1877—1908 (Auctores antiquissimi, Epistolae, Legum, Rerum Merovingicarum).

MS = Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums. Breslau 1852—1936.

NEUBAUER, Chronicles = Mediaeval Jewish Chronicles. Vol. I—II. Oxford 1888, 1895.

PG = Patrologia Graeca. Ed. Migne. Paris 1857.

PL = Patrologia Latina. Ed. Migne. Paris 1844—1861.

QUELLEN = Quellen zur Geschichte der Juden in Deutschland. Bd. I—III. Berlin 1888—1892.

REJ = Revue des Études Juives. Paris 1880—1936.

STOBBE = Die Juden in Deutschland während des Mittelalters. (1866).

VOGELSTEIN, Rom = Vogelstein und Rieger, Geschichte der Juden in Rom. I—II. Berlin 1895.

ZUNZ, Syn. Poesie = Synagogale Poesie des Mittelalters. Berlin 1855.

ZGJD = Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland, herausg. von L. Geiger, 1887—1892.

ספר הקבלה = פֿון דעם כראָניסט פֿון 12טן י״ה רבי אַבֿרהם אבן דאוד (Neubauer, Mediaeval Jewish Chronicles, vol. I, pp. 47—81, Oxford 1888).

עמק הבכא = פֿון דעם כראָניסט פֿון 16טן י״ה רבי יוסף הכּהן (לייפּציק 1858; קראָקע 1895; דאָ ציטירט די לעצטע אויסגאַבע.

מגלת אחימעץ = משפּחה־כראָניק פֿון 11טן י״ה (Neubauer, Chronicles II, 111—132)

ספר המסעות = רייזע־באַשרייבונג פֿון רבי בנימין פֿון טודעלאַ (12טער י״ה) אין פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס (זע ביבליאָגראַפֿיע צו § 47).

§ 2. רוים און דרום־איטאַליע

CIG, t. IV, Nr. Nr. 9894—9926; CIL, t. V, Nr. Nr. 4221, 4411, 6251, 6294, 7380, 8764; t. IX, 647, 648, 6195—6211, 6400—6402; t. X, 3492, 6299, 6397; Nik. Müller, Die jüdischen Katakomben amMonteverde zu Rom, Lpz. 1919; Berliner, Rom I, Kap. 1—6; Vogelstein, Rom I, 36—75, 459—483; Ascoli, Inscrizioni inedite, greche, latine, ebraiche, di antichi sepolcri giudaici del Napolitano, p. 51—64 (Venosa), Roma 1880; Oehler, Epigraphische Beiträge (MS. 1909), p. 444—449; Juster I, 180—183; Krauss, Synagogale Altertümer, 244—260 (Berlin 1922); Ricci, Palaeography, Jew. Enc. t. IX, 471; Reinach, Diaspora, Jew. Enc. IV, 562. — Schürer, Die Gemeindeverfassung der Juden in Rom in der Kaiserzeit nach den Inschriften, Lpz. 1879; idem, Geschichte des jüdischen Volkes im Zeitalter Christi, Bd. III, 57—68; 81—89 (Lpz. 1909); Neubauer, The Early Settlements of the Jews in Southern Italy (JQR IV, 609—625).

§ 3. איטאַליע אונטער די אָסטגאָטן און לאַנגאָבאַרדן

Codex Theodosianus VIII, 8, 8, XVI, 8, 23—24; Edictum, Theodorici regis, cap. 143 (MGH, Legum liber V, 166); Cassiodorus, Variae, II, 27; IV, 33, 43; V, 37 (MGH, Auctor. ant. t. XII, Berlin 1894); idem, Opera t. II, passim (ed. 1679); S. Gregorii papae epistolae (MGH, t. I—II): lib. I, Nr. 34, 45, 47, 66; II, 6, 32, 36—38; III, 37, 38; IV, 9, 21, 31; V, 736; VI, 10, 29; VII, 21; VIII, 23—25; IX, 36—40, 56, 104; Procopius, De bello Gothico, lib. I, cap. 8, 9, 16; Rutilius Namatianus, De reditu suo (Reinach, Textes d'auteurs grecs et romains, pp. 358—360); Graetz V, 38—47; Vogelstein, Rom I, 113—135; Caro I, 35—36, 60—68; Güdemann, I, Kap. 1; Juster I, 466—469, 471—472; II, 25, 76—78, 296, 321—322; Lagumina, Codice diplomatico dei Giudei di Sicilia I, Nr. 1—11 (Palermo 1884).

§§ 4-5. רוימישע גאַליע און פראַנקישע מלוכה

Aronius, Regesten Nr. 1—63; Gregorius Turonensis, Historia Francorum IV, 12, 35; V, 6, 11; VI, 5, 7, 17; VII, 23; VIII, 1 (MGH, Rer. Meronving, t. 1); Venantius Fortunatus, Carmina V, 5 (MGH, Auct. ant. t. IV); Hefele, Konziliengeschichte, II—III, 1875—1877 (Index s. v. Juden); Régné, Les Juifs de Narbonne (REJ, t. LV, p. 106); Gross, Gallia Judaica, passim (Paris 1897); Germania Judaica, s. v. Cöln; Stobbe, 3-5, 88; Caro I, 85—103, 465—467; Levi, France (Jew. Enc. V, 442—445); Lavisse, Historie de France, t. I—II. Paris 1900—1903.

§§ 6-8. רוימישע און וועסטגאָטישע שפּאַניע

Mansi, Sacrorum conciliorum collectio, vol. IX—XII (Paris 1901); Hefele, Conziliengeschichte I, 162, 177—178, 190; III, 48—54, 79—103, 113—117, 315—319, 324—326, 349—354; St. Severus, De virtutibus ad judaeorum conversionem in Minoricensi insula factis (PL, t. XX, p. 731—746); Hänel, Lex romana Visigothorum (Breviarium Alaricianum), pp. 34, 74, 82, 248, 250, 256—258 (Berlin 1847); Zeumer, Leges Visigothorum (MGH Legum t. I, pp. 410—456, 472—485, 491—492; Isidorus Hispalensis, Historia Gothorum, cap. 60 (MGH Auct. ant. XI, p. 291; ibid. p. 480); idem, De fide catholica contra Judaeos (PL t. LXXXIII, 449—538); Julianus Toletanus, Historia rebellionis Pauli adversus Vambam, cap. 5 (PL, t. XCVI, p. 766; MGH Rer. Merov., t. V, p. 504); idem, De comprobatione aetatis sextae contra Judaeos (PL, t. XCVI, p. 537); Aronius, Regesten Nr. Nr. 64—65; עמק הבכא ,17—20.—Graetz, Die westgothische Gesetzgebung inbetreff der Juden (Breslau 1858); idem, Geschichte V, 60—71, 142—157; Caro I, 69—85; Régné, Les Juifs de Narbonne (REJ, t. LV, p. 7—12); Loeb, Notes sur les antiquités juives en Espagne (REJ, II 13—38); Juster, La condition légale des Juifs sous les rois Visigoths (Paris 1912); idem, Les Juifs dans l'empire romain I, 183—184; II, 200, 201, 262.

§ 9. די אייראָפּעיִשע ביזאַנץ

Oehler, Epigraphische Beiträge (MS, 1909, 443—444); Schürer, Geschichte III, 55—57; Krauss, Synagogale Altertümer, 241—244 (Berlin 1922); idem, Studien zur byzantinisch-jüdischen Geschichte, 14—36 (Wien, 1914); Hefele, Konziliengeschichte. I, 770, 821; III, 332; Juster I, 187, 188, 477, Ricci, Palaeography (Jew. Enc. IX, 472—473); עמק הבכא, 17—18.

§ 10. קאָלאָניעס בײַם שוואַרצן ים

Latyschew, Inscriptiones antiquae orae septentrionalis Ponti Euxini, t. II, Nr. Nr. 52, 53, 400, 401, 449, 454 (Petersburg 1890); idem, t. IV, 404,

405 (Petersburg 1901); Schürer, Die Juden im Bosporanischen Reiche (Sitzungsberichte der Akademie der Wissenschaften zu Berlin, 1897, pp. 200—225; פארקירצטע איבערזעצונג אין רוסיש אין „Еврейская Старина", 1916, p. 137 sq.); Krauss, Synagogale Altertümer, 239—241; Mommsen, Römische Geschichte V, 273, 285—294 (1885); Кулаковскій, Прошлое Тавриды, Кіев 1906. הרכבי, היהודים ושפת הסלבים (ווילנע 1867).

§ 12—13. די אימפעריע פֿון קאַרל דעם גרויסן

Aronius, Regesten, Nr. Nr. 67—103; Capitularia, MGH, Legum I, passim; Agobardus, Epistolae, PL, t. CIV, pp. 70—114; idem, De insolentia Judaeorum (MGH, Epist., t. V); Ibn Khordadbe, Le livre des routes et des provinces (Journal Asiatique 1865, t. V, 512—515); Hefele, IV, 69—72; Graetz V, 230—245; Stobbe, 5—7, 197—199; Neubauer, Documents sur Narbonne (REJ, t. X, 99—105); Régné, Les Juifs de Narbonne (REJ, t. LV, pp. 13—36); Reinach, Agobard et les Juifs (REJ 1905); Aronius, Karl der Grosse und Kalonymus aus Lucca (ZGJD, Bd. I, 82—85); ספר הקבלה, I, 82; Caro I, 128—158, 470—474; Simonsen, Les marchands juifs appelés Radanites (REJ, t. LIV, 141); Tangl, Zum Judenschutzrecht unter den Karolingern (Neues Archiv für Geschichtskunde, 1907, XXXIII, 197—200).

§ 14. פֿראַנקרײַך אונטער די קאַראָלינגער

Amulonis Epistola contra judaeos (PL, t. CXVI, pp. 141—184); Hefele, Konzilien, IV, 114, 118, 544; Aronius, Regesten Nr. Nr. 105—117, 142; Saige, Les Juifs de Languedoc antérieurement au XIV siécle (Paris 1881), pp. 9—13, 65—69, 77—80, 129; Régné, Les Juifs de Narbonne (REJ, t. LV, pp. 221—243; t. LVIII, pp. 75—80, 200—205, 217—218); Levi, Les Juifs en France du IX siécle aux Croisades (REJ 1906, t. LII); idem, Jew. Enc. V, 447; ש. בערנפֿעלד, כפר הדמעות I, 139—140 (בערלין 1924)

§ 15. דײַטשלאַנד אונטער די קאַראָלינגער און סאַקסן

Aronius, Regesten, Nr. Nr. 117—174; Germania Judaica I, s. v. Böhmen, Köln, Halle; Vorarbeiten zur „Germania Judaica" II: Speyer etc. (MS 1909, p. 90—107); Stobbe, 8—10, 183; idem, Die Judenprivilegien Heinrichs IV für Speyer u. Worms (ZGJD I, 205—215); Breslau, Zu den Judenprivilegien Heinrichs IV (ibid. 152—159); Hoeniger, Zur Geschichte der Juden im früheren Mittelalter (ZGJD I, 88—97, 135—151); Caro I, 159—199, 475—480; Hoffmann, Der Geldhandel der deutschen Juden bis zum J. 1350, Anhang, p. 125—145; Responsenliteratur (LPZG 1910); Hahn, Wirtschaftliche Tätigkeit der Juden im Fränkischen und Deutschen Reiche bis zum 2. Kreuzzug (Freib. 1911); Zunz, Literaturgeschichte der synagogalen Poesie, 235 sq.
לאנדסהוט, עמודי העבודה (בערלין 1857).

§§ 16–17. די צײַט פֿון רבנו גרשום און רשי

Güdemann, Kultur I, Kap. 1, 4, Note 3; Epstein, Moses ha-Darschan aus Narbonne (Wien 1891); Berliner, Beiträge zur Geschichte des Raschi-Kommentars (Berlin 1903); Liber, Raschi (REJ, t. L (Paris 1905); Zunz, Literaturgeschichte der synagogalen Poesie, 235—238; Elbogen, der jüdische Gottesdienst (Leipzig 1913);

ספר הקבלה I, 83—84; מילער, תשובות חכמי צרפת ולותיר (ווין 1881); א. ה. ווייס, דור דור ודורשיו, קאַפּ' 29; ד"ז, תולדות רשי.

§ 18–19. איטאַליע אין 8טן—9טן י"ה

Neubauer, Chronicles, II, 111 — 132: מגילת אחימעץ; Berliner, Rom II, 6—8; Vogelstein, Rom I, 135—139, 159—163, 210—218; Gregorovius, Geschichte der Stadt Rom, II, III; Müller, Der Islam im Morgen- und Abendlande, II, Berlin 1886; Kaufmann, Die Chronik des Achimaaz von Oria, 850—1054, Frankf. 1896 (MS, XL); Mann, The Jews under the Fatimides I, 16, 49, 252 (Oxford 1920); Ascoli, Inscricioni di antichi sepolchri giudaici del Napolitano, Nr. Nr. 22—38 (Roma 1880); Güdemann, Kultur, II, Kap. 1, 4, Noten 1, 18; Caro I, 193—194, 479; Zunz, Zur Geschichte und Literatur, 484—486 (1845); Strauss, Die Juden im Königreich Sizilien unter den Normannen und Staufen (Heidelberg 1910).

§ 20. ביזאַנץ אין 8—9טן י"ה

Theophanes, Chronographia (ed. Bonn), t. I, 617; Cedrenus, Compendium, t. I. 241—242, 793 (ed. Bonn); Isidor Pacensis, Chronicon (Flores, Espana Sagrada, t. VIII, p. 298, Madrid 1754); Hefele, III, 477; Aronius, Regesten, Nr. 123—124; Schechter, An Unknown Khazar Document, JQR, 1912, t. III, 208 sq.; Munk, Palestine, p. 615 (1881); Neubauer, Aus der Petersburger Bibliothek, p. 12, 109 (Petersburg 1866); idem, Mediaeval Chronicles II, 115—118 („Megillat Achimaaz"); Graetz, V, 256—257; Caro I, 255, 259, 491; Krauss, Studien zur byzantinisch-jüdischen Geschichte, 36—47, 62—67 (1914); Herzberg, Geschichte der Byzantiner und des Osmanischen Reiches (1884); Васильев, Лекции по истории Византии, 234, 238, 256, 307 (1917).

§ 21. די גײַסטיקע קולטור אין איטאַליע און ביזאַנץ

תנא דבי אליהו, אויסגאַבע פֿון פֿרידמאַן (ווין 1900); יוסיפֿין (אויסגאַבע פֿון מנטוע ר"מ); מגילת אחימעץ (Chron. Neubauer, II, 115).

Berliner, Rom II, 15—22; Zunz, Gottesdienstliche Vorträge, 119 sq. (1892); idem, Literaturgeschichte der synag. Poesie, 4, 100—105, 232—35; Güdemann, Kultur II, Kap. I, Note 2; Vogelstein, Rom II, 174—209, 351—56; Krauss, Studien etc. 114, 125, 126.

§ 22—24. דער קאָרדאָווער כאַליפאַט

Aug. Müller, Der Islam II, Kap. 1—3 (1886); **Dozy**, Histoire des Musulmans en Espagne (Leyde 1861), t. I, 224—227; t. II, 35—53, 78—84; t. III, 75, 83—86; **Huart**, Histoire des arabes, t. II, chap. 23—24 (Paris 1913); **Aronius**, Regesten Nr. 130—131; P. **Luzzato**, Notice sur Hasdai ibn Schaprut, (Paris 1852); **Graetz** V, 170, 327—329, 336—346, 360—368, 372—379, Note 21; **Eppenstein**, Beiträge zur Geschichte im gaonäischen Zeitalter, Berlin 1913, p. 196—210; **Mann**, The Jews under the Fatimides I, 66—70; **Jacob**, An Inquiry into the Sources of the History of the Jews in Spain (London 1894).
ספר הקבלה I, 67—71; **דונש**, אין „ליקוטי קדמוניות", אויסגאבע פון דוד כהנא (ווארשע 1894). וועגן כוזרישן בריוו זע ווייטער אין דער ביבליאָגראַפיע צו § 29.

§ 25—26. די אַראַבישע און קריסטלעכע שפּאַניע

Dozy, o. c., t. IV, 27—46, 98—101, 112—117; **Huart**, o. c., chap. 25; **Munk**, Notice sur Aboulvalid ibn Djanach (Paris 1851); ספר הקבלה I, 71—74; **זכותא**, ספר יוחסין, 143—146 (ווארשע 1876); **Lindo**, History of the Jews of Spain and Portugal with complete translation of the laws (London 1848); **Гаркави**, Самуил Ганагид, Восход. 1883, кн. 5—6; D. S. **Sassoon**, The Divan of Shemuel Hanagid (Oxford 1934). א. ה. **הרכבי**, תולדות שמואל הנגיד (פטרבורג 1902).

§ 27—28. דער ליטעראַרישער רענעסאַנס

Munk, Notice sur Ibn Djanach etc. (Paris 1851); **idem**, Mélanges de philosophie juive et arabe (Paris 1857); **Bacher**, Hebräische Sprachwissenschaft (Winter—Wünsche, Die jüdische Literatur, Bd. II); **Bäumker**, Avencebrolis Fons Vitae, ex arabico in latinum translatus (Münster 1895); **Kaufmann**, Die Theologie des Bachja ibn Pakuda, Wien 1874; D. **Neumark**, Geschichte der jüdischen Philosophie des Mittelalters I, 473 sq, 523 sq. (Berlin 1907); **Sachs**, Religiöse Poesie der Juden in Spanien (Berlin 1845). **שירת ישראל** פון משה אבן עזרא, פרק ד' (איבערגעזעצט פון אראביש דורך ב. האלפער, לייפציק 1924); ספר הקבלה (Neubauer, Chronicles I); **הרכבי**, זכרון לראשונים, I—II, (פטרבורג, 1879); שירי אבן גבירול, אויסג' פון ביאַליק־רבניצקי (תל־אָביב 1924—25); **מקור חיים** פון אבן גבירול אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פון צפרוני מיט אן אריינפיר פון קלויזנער (ירושלים 1925); חובות הלבבות פון רבנו בחייא, העברעיִשע איבערזעצונג פון אראביש אונטער דער רעדאקציע פון צפרוני (ירושלים 1928). **Sassoon**, Divan of Shemuel Hanagid (1934).

§ 29. דאָס קיניגרייך פון די כוזרים

וועגן די העברעיִשע מקורים זע אויבן אין דער הוספה נומ' 3. רעגעסטן פון אראבישע, ביזאנטישע און רוסישע מקורים — זע אין: Регесты и Надписи (свод материалов для истории русских евреев, Петерб. 1899), I, №№ 144—164. די העברעיִשע

טעקסטן און איבערזעצונגען פֿון אראביש זע אין די כרעסטאָמאטיעס פֿון א. כ ה נ א, ספרות ההיסטוריה הישׂ־אלית (ווארשע 1922), ז' 45—56, און ב. צ. ד י נ אָ ב ו ר ג, ת ו ל ד ו ת י ש ר א ל ב ג ו ל ה (ירושלים 1926) ב' I, קאַפּ' י, פּר"גל: Соловьев, История России I, 96, 98, 127 (Петерб. 1910); Дубнов, Историческая тайна Крыма (Еврейская Старина, 1914); Ю. Бруцкус, Письмо хазарскаго еврея (Берлин 1924).

§ 30. קיִעווער רוסלאַנד

Регесты и Надписи I, №№ 154—167 (из Русских Летописей); Малышевский, Евреи в южной России и в Киеве в X—XII в. (Киев 1878); Гаркави, „Восход“ 1881, кн. I, 71—80; Соловьев, История России I, 116—117, 163—167; Барац, О еврейском элементе в древне-русской письменности, тт. I—II. Берлин—Париж 1927.

§ 31. די ערשטע יִשוּבֿים אין פּוילן

Czacki, Rozprawa o Żydach (Kraków 1860), 37—40; Maciejowski, Żydzi w Polsce etc. (Warszawa 1878), 7—12; Sternberg, Geschichte der Juden in Tolen unter den Piasten und Jagellonen, p. 1—14 (Lpz. 1878); Aronius, Regesten, Nr. Nr. 133, 137, 169; Schipper, Studja nad stosunkami gospodarczymi Żydów w Polsce podczas średniowiecza. Lwów, 1911.

§ 33. דער ערשטער קרייצצוג

Albert von Aachen, Gesch. d. ersten Kreuzzuges, I, Kap. 25—28 (Jena 1923); Neubauer-Stern, Hebräishe Berichte über die Judenverfolgungen während der Kreuzzüge, Berlin 1892 (Quellen zur Geschichte der Juden in Deutschland II); Salfeld, Das Martyrologium des Nürnberger Memorbuches, Berlin 1898 (Quellen III); Aronius, Regesten, Nr. Nr. 175—207; Graetz VI, Kap. 4; Note 5; Caro I, 205—216; Sybel, Geschichte des ersten Kreuzzuges, 1881; Kugler, Geschichte der Kreuzzüge, 2. Aufl., 1891; Lavisse et Rambaud, Histoire des croisades, Paris 1896.

ע מ ק ה ב כ א, 14—35; ש. ב ע ר נ פֿ ע ל ד, ספר הדמעות I, 143—209 (בערלין 1924).

§ 34. דער צווייטער קרייצצוג

Neubauer-Stern, ibid. II, 58—96; Aronius, Regesten Nr. Nr. 232—249; Caro I, 220—230, 484—85.

ע מ ק ה ב כ א, 40—46; ב ע ר נ פֿ ע ל ד, דאָרט, 217—221.

§ 35. די רעזולטאַטן פֿון די קרייצצוגן אין פֿראַנקרײַך

עמק הבכא 49—53; Neubauer-Stern, o. c. (Quellen II, 31—35, 66—68, 70); Bouquet, Recueil des historiens de la France, t. XVII, p. 5, 8 (De rebus gestis Philippi); ibid. t. XIII, 315; Delisle, Catalogue

des actes de Philippe-Auguste, p.p. 20—29, 38, 51, 58, 86, 135 (Paris 1856); Saige, Les Juifs de Languedoc, p.p. 11—18, 78—80, 130—139 (Paris 1880); Régné, Narbonne (REJ, t. LVIII, p.p. 80—81, 206—207).

§ 36. ייִדן אין ענגלאַנד און דער דריטער קרייצצוג

עמק הבכא 58—59; Jacobs, The Jews of Angevin England: documents and records from latin and Hebrew sources, London 1893; idem, Aaron of Lincoln, JQR, vol. X, 629—648 (1898); Hyamson, A history of the Jews in England, London 1908, p.p. 8—49; Hebräische Berichte (Quellen II, 64, 69—70); Caro I, 313—344.

§ 37. די רעזולטאַטן פֿון די קרייצצוגן אין דײַטשלאַנד

Aronius, Regesten Nr. Nr. 210—3?8; Quellen II, 69—78 (Hebräische Berichte etc.); Stobbe, 8—15, 183—184; Höniger, Zur Geschichte der Juden im früheren Mittelalter (ZGJD I, 65—97, 136—151); Caro I, 396—404; Schwarz, Geschichte der Juden in Wien (Wien 1913); Friss, Monumenta Hungariae judaica (Budapest 1903); Stein, Geschichte der Juden in Böhmen, p. 1—9 (Brünn 1904); Germania Judaica, passim; Güdemann, Kultur I, Kap. 5; Hoffmann, der Geldhandel der deutschen Juden; Responsenliteratur, p. 155—169 (Lpz. 1910).

שיפער, ייִדישעווירטשאַפֿטס-געשיכטע I, קאַפּ׳ 5 (וואַרשע 1990).

§ 38. די ייִדישע קהילה אין דער קריסטלעכער שטאָט

Neubauer-Stern, Hebräische Berichte (Quellen II), passim; Hermanni, Opusculum de sua conversione (PL., t. CLXX, p. 805 sq.); Abelardi, Dialogus inter Philosophum, Judaeum et Christianum (PL., t. CLXXVIII, pp. 1611—1685; Aronius, Hermann der Prämonstratenser (ZGJD II, 217—231); idem, Regesten Nr. Nr. 223—226, 253, 255, 273, 277—306, 312—313; Höniger, ZGJD I, 67—76, 89—91; Stobbe, 140 sq.; Güdemann, Kultur I, Kap. 1, 5, Note 1; Neubauer, Institutions des rabbins français (REJ, t. XVII, 66—73).

§ 39. די בעלי-התוספֿות און די רבנות

א. ה. ווייס, דור דור ודורשיו, ד׳, 334—352 (ווין 1883). ד״ו, תולדות רבנו תם (בית-תלמוד, ב׳ II, ווין 1882).

Zunz, zur Geschichte und Literatur, p. 29—76 (Berlin 1845); Gross, Gallia Judaica, 161—165, 226—238; Güdemann, Kultur I, Kap. 1.

§ 40. מוסר און מיסטיק

ספר חסידים — קריטישע אויסגאַבע פֿון פֿריימאַן (פֿראַנקפֿורט 1924).

Zunz, Zur Geschichte und Literatur 77—79, 126, 131—142 (1845); Güdemann, Kultur I, Kap. 5—6, Note IV.

§ 41. רעליגיעזע פּאָעזיע

Zunz, Die Synagogale Poesie des Mittelalters 20 sq., 248—263 (Frankfurt 1920); idem, Literaturgeschichte, Kap. 9—10; Quellen II (Hebräische Berichte über die Kreuzzüge); Steinschneider, Geschichtsliteratur der Juden, Nr 24—27, 34—38. ש. בערנפעלד, ספר הדמעות I, אין פּאַרשיידענע ערטער; פּתחיה מרגנשבורג, סבוב העולם, אויסג' פֿון גרינהוט (ירושלים 1904); לאַנדסהוט, עמודי העבודה I, 20, 25, 45—48, 81, 82, 190.

§ 42. אַלמאָראַווידן און אַלמאָהאַדן

Dozy, Histoire des Musulmans en Espagne IV, 209—288 (1861); Aug. Müller, Der Islam, Bd. II (1886); Huart, Histoire des arabes II, 180—190 (Paris 1913); Aschbach, Geschichte Spaniens zur Zeit der Almoraviden und Almohaden (Frankf. 1837); Amador de los Rios, Historia de los Judios de España, t. I, cap. 7 (Madrid 1875).

§ 43. די קריסטלעכע שפּאַניע

ספר הקבלה I, 79—81 (Neubauer, Chronicles; דאָרט, 93—95).
Aug. Müller, der Islam II; Amador de los Rios, o. c. I, cap. 8—9; Kayserling, Geschichte der Juden in Navarra, 11—15 (1861); Miret et Schwab, Documents sur les Juifs Catalans aux XI, XII et XIII siècles (REJ 1914, t. LXVIII); Baer, Die Juden im christlichen Spanien I, Urkunden Nr. Nr. 15—79 (Berlin 1929).

§ 44—46. פּאָעזיע און פֿילאָסאָפֿיע

יהודה הלוי: קובץ שירים, אין די קריטישע אויסגאַבעס פֿון הרכבי (וואַרשע 1893—1895) און פֿון בראָדי (דיוואַן, ב' 1—4, בערלין 1901—1930); ספֿר כוזרי, אויסגאַבע פֿון סלוצקי (וואַרשע 1866) און פֿון צפֿרוני (1911); מיט אַ דייטשער איבערזעצונג פֿון קאַסעל (בערלין 1869); משה אבן עזרא: שירים, אויסג' פֿון ביאַליק-רבניצקי (ירושלים 1928); שירת ישראל אין דער איבערזעצונג פֿון ב. האַלפּער (לייפּציג 1924); ערוגת הבושם — פֿראַגמענטן אין קרייצנאַכס זאַמלבוך Zion פֿון י' 1841; אבֿרהם אבן עזרא: זאַמלונג פֿון שירים „דיוואַן" אין די אויסגאַבעס פֿון עגערס (בערלין 1886) און דוד כהנא (וואַרשע 1894); אבֿרהם אבן דאוד: „האמונה הרמה" מיט אַ דייטשער איבערזעצונג פֿון ווייל (פֿראַנקפֿורט 1852); אלחריזי: „תחכמוני" אין דער אויסגאַבע פֿון קאַמינקאַ (וואַרשע 1899); ח. בראָדי, אַנטאָלאָגיע „מבחר השירה העבֿרית" (לייפּציג 1922).

Zunz, Literaturgeschichte der synagogalen Poesie, Kap. 7; idem, Synagogale Poesie, 228—238; Elbogen, Der jüdische Gottesdienst, 347—353; Graetz VI, Kap. 5—7; Dukes, Moses ibn Esra aus Granada (1839); Sachs, Religiöse Poesie der Juden in Spanien, 69—82; 276—286 (1845).

Munk, Mélanges de philosophie juive et arabe, Paris 1859; Neumark, Geschichte der jüdischen Philosophie des Mittelalters I, Berlin 1907; Steinschneider Hebräische Übersetzungen der Mittelalters, §§ 211, 233,

238, 240 (Berlin 1893); Joel, Beiträge zur Geschichte der jüdischen Philosophie des Abraham ibn Daud (1879); Rosin, Die Religionsphilosopie des Abraham ibn Esra (MS 1898—1899); Baneth, Jehuda Halevi und Gazzali (Korrespondenzblatt d. Akad. f. Wiss. d. Jud., Nr. 4, Berlin 1924). שמעון בערנפֿעלד, דעת אלהים (געשיכטע פֿון דער רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע, וואַרשע 1897).

§ 47. וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור

נ. קראָכמאַל, „מורה נבֿוכי הזמן", קאַפּ' יז: פֿראַגמענטן פֿון אַבֿרהם אבן עזראַס פֿילאָסאָפֿיע (אין דער נײַער אויסגאַבע פֿון ראַווידאָוויטש, בערלין 1921); נײַבויער Chronicles I, 47—84: דער פֿולער טעקסט פֿון אַבֿרהם אבן דאודס „ספֿר הקבלה"; „ספֿר המסעות" פֿון רבי בנימין פֿון טודעלאַ אין פֿיר אויסגאַבעס: 1) פֿון אשער מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג, לאָנדאָן 1820; 2) פֿון מאַרגאָלין מיט אַ רוסישער איבערזעצונג: Три еврейских путешественника, פּעטערבורג 1881; 3) גרינהוט, מיט אַ דײַטשער איבערזעצונג, פֿראַנקפֿורט 1904; 4) אדלער, מיט אַ נײַער ענגלישער איבערזעצונג פֿון דעם אויסגעבעסערטן טעקסט, לאָנדאָן 1907.

Bacher, Abraham ibn Esra als Grammatiker (1882); idem, Abraham ibn Esras Einleitung zu seinem Pentateuch-Kommentar (Wien 1876); Steinschneider, Geschichtsliteratur der Juden Nr. Nr. 40, 32; Jew. Enc. t. VII, 494—495, VI, 544—549; Encyclopedia Judaica IX s. v. Kimchi; Winter-Wünsche, Die jüdische Literatur, II, 191 sq.; Güdemann, Jüdisches Unterrichtswesen während der spanisch-arabischen Periode, 24—31 (Wien 1873).

§§ 48—50. דער רמבם

די ווערק פֿון דעם רמבם: משנה תורה מיט פּירושים, פֿיר בענד, נײַע אויסגאַבע ווילנע 1885; מורה נבֿוכים, איבערגעזעצט פֿון אַראַביש פֿון אבן תּבֿון, מיט פּירושים, וואַרשע 1872; ד"ז, אַראַבישער טעקסט מיט דער פֿראַנצייזישער איבערזעצונג פֿון ש. מונק (Guide des égarés, פּאַריז 1856—66); דעם רמבמס בריוו: „אגרות הרמב"ם", לײַפּציג 1866. א. ה. ווייס, דור דור ודורשיו, IV, קאַפּ' 27; ש. בערנפֿעלד, דעת אלהים I, 217—331; אחד העם, שלטון השכל (על פּרשת דרכים, ד', 1—37); דינאַבורג, משה בן מיימון, חייו וספֿריו (תּל אָבֿיבֿ 1925). Renan, Averroés et l'averroïsme, Paris 1861; Joel, Religionsphilosophie des Mose b. Maimon, Breslau 1876; Neumark, Geschichte der jüd. Philosophie des Mittelalters, passim; Steinschneider, Hebräische Übersetzungen, §§ 241—254, 481—482; Guttmann u. a., Moses ben Maimon, sein Leben, seine Werke und sein Einfluss, zum 700. Todestag, herausg. v. d. Gesellschaft zur Förderung der Wissenschaft des Judentums, Lpz. 1908—1910.

§§ 51—52. איטאַליע אין 12טן י"ה

ספֿר המסעות פֿון רבי בנימין פֿון טודעלאַ, אויסג' פֿון אשער I, 6—15, 108—109. Gregorovius, Geschichte des Stadt Rom, Bd IV u. V; Vogelstein, Rom I, 218 sq.; Berliner, Rom II, 8—34; Aronius, Regesten, Nr. 310—

314; Hefele, Konzilien Bd. V; Lagumina, Codice diplomatico dei Giudei di Sicilia, Nr. 12—15; Strauss, die Juden im Königreich Sizilien unter Normannen und Staufen (Heidelberg 1910); Caro I, 244—254; Güdemann, Kultur II, Kap. 2.

§ 53. ביזאַנץ

ספר המסעות, אויסג׳ פֿון אשער I, 15—25; אַלחריזי, תחכמוני, שער י״ח, כ׳, כ״ד.
Kaufmann, eine unbekannte messianische Bewegung ums Jahr 1096 (Gesam. Schriften II, 190—202); idem, Byzant. Zeitschrift VII; idem JQR, t. X, 139—151 (ibidem, t. IX, 19—27); Krauss, Studien zu byzantinisch-jüdischen Geschichte, 47—55, 70—86 (1914); Caro I, 254—260.
מאַן, התנועות המשיחיות (אין ז״ב „התקופה״, כ״ג 1925).

§ 54. דאָס גײַסטיקע לעבן אין איטאַליע און ביזאַנץ

ש. י. ראַפּאָפּאָרט, תולדות ר׳ נתן בעל הערוך (נײַע אויסגאַבע, וואַרשע 1913).
Güdemann, Kultur II, Kap. 2, Note 3; Zunz, Literaturgeschichte der synagog. Poesie, Kap. 9—10; Vogelstein, Rom II, Kap. 4; Krauss, Byzantinisch-jüdische Geschichte, 109—117.

§ 55. פּוילן און רוסלאַנד

סבובֿ העולם פֿון פּתיחה מרגנשבורג, ז׳ 3—7 (אַרויסג׳ פֿון מאַרגאַלין, פּט״ב 1881).
Sternberg, Geschichte der Juden in Polen, p. 17 sq. (1878); Schipper, Studja nad stosunkami gospodarczymi w Polsce podczas średniowiecza, 29—31, 36—55 (Lwów 1911); Poznański, Babylonische Geonim etc., p. 22—23, 54—56; Регесты и надписи I, № 168—175; Соловьев, История России I, 348 (1910).

§ 56. ארץ־ישׂראל אונטער די קרייצפאָרערס

עמק הבכא, 35; ספר המסעות, 26—52; סבובֿ העולם, צום סוף.
Albert von Aachen, Geschichte des ersten Kreuzzuges, VI, Kap. 20—21 (Jena 1923); Anonymi, Gesta Francorum, ed. Hagenmeyer, p. 476—477 (1889); Michaud, Bibliothèque des croisades, t. IV, p. 12; Munk, Palestine, pp. 620—629 (Paris 1856); Huart, Histoire des arabs II, chap. 19: Stevenson, The crusades in the East (Cambridge 1907); Mann, The Jews in Egypt and in Palestine under the Fatimides, I, 199 sq.; Wüstenfeld, Geschichte der Fatimiden, 1882.

§§ 57—59. צײַטווײַליקער צענטער אין באַגדאַד

ספר המסעות, 53—58; סבובֿ העולם; עמק הבכא, 47; רמב״ם, אגרת תימן (איטסגאבע 1874, ווין).
Poznański, Babylonische Ceonim im nachgaonäischen Zeitalter, Berlin 1914; Müller, Der Islam im Morgen- und Abendlande, II (1886); Weil, Geschichte der Chalifen, Bd. III (1851).

§§ 60—61. ארץ־ישׂראל און דער מזרח ביזן 13טן י"ה

ספר המסעות, 97—107; אלחריזי, תחכמוני, שער י"ח, כ"ח, מ"ו—מ"ז; יהוחה הלוי, קובץ שירים, אייסג' פֿון הרכבי I, 146—164 (ווארשע 1893); סמברי, דברי יוסף (Neubauer, Chronicles, I, 116 א"וו); אגרת השמד פֿון דעם רמבם אין דער זאמלונג „אגרות הרמבם" (לייפציק 1866). Carmoly, Itiniraires de la Terre Sainte (1847); Wüstenfeld, Geschichte der Faṭimiden (1882); A. Müller, Der Islam, Bd. II; Lane-Pole, History of Egypt in the Middle Ages, pp. 168—170, 296, 300 sq. (London 1901); Mann, The Jews in Egypt and in Palestine under the Fatimid Caliphs, Oxford 1920, vol. I, 220—280, II, 274—340, 363—374; Schreiner, Samuel ibn-Abbas, MS, XLII—XLIII; Hischfeld, Jew. Enc. I, 38 (s. v. Abbas).

זוכצעטל

פֿון נעמען און זאַכן [1]

אַבדו-ר-ראַכמאַן III, כאַליף — 164 א״וו.
אַבו-מנסור — זע מנסור.
אַביתור, יוסף אבן — 178 א״וו.
אבן-גבירול — זע גבירול. [2]
אבן דאַוד, אַבֿרהם — זע אַבֿרהם אבן דאַוד.
אבן עזרא, אַבֿרהם — 303, 318 א״וו, 329, 332 א״וו, 352, 371.
אבן עזרא, יהודה — 304, 306 א״וו.
אבן עזרא, משה — 311 א״וו, 329.
אבן תיבון, יהודה און שמואל — 336, 337, 352.
אַבעלאַר, טעאָלאָג — 280.
אַבֿרהם אבן דאַוד (ראבד I) — 304, 330 א״וו, 333 א״וו.
אַבֿרהם בן-דוד (ראבד III) — 286, 330 א״וו, 346.
אַבֿרהם בן חייא — 331 א״וו.
אַבֿרהם בן יצחק („האשכל") — 286.
אַגאָבאַרד, ביסקופּ — 95 א״וו.
אַהרן, כאַגאַן — 216.
אַוויטוס, ביסקופּ — 39.
אַוויניאָן, שטאָט — 32.
אַוויצעבראָן — 202. זע גבירול.
אַווערראָעס — זע איבן-ראָשד.
אויטאָנאָמיע — 14, 22, 78, 116 א״וו, 173 א״וו, 247 א״וו, 280 א״וו, 383 א״וו, 406.
אויסוואַנדערונג — 45, 55, 72, 73, 243. זע גירושים.
אויפֿשריפֿטן (אויף מצבֿות) — 14 א״וו, 81 א״וו, 136, 411, 418 א״וו.
אונגערן — 243, 274 א״וו, 377.
אוניווערסאַליזם — 324, 330, 347 א״וו.
אורבאַן II, פּויפּסט 233.
אַחימעץ (כראָניק) — 137 א״וו, 140.
אָטאָ I, דײַטשער קיסר — 111, 113, 131, 166.
אָטאָ II, דײַטשער קיסר — 113 א״וו, 131.
אַטען — 76, 77. זע גריכנלאַנד.
אָטראַנטאָ, שטאָט — 136, 150, 363, 367.
איבן-ראָשד (אַווערראָעס) — 323, 347, 351.
איגאָר — רוסישער פֿירשט — 216, 220.
איטאַליע — 12 א״וו, 85, 86, 112, 131 א״וו, 136 א״וו, 354 א״וו, 370 א״וו, 411, 419.
איטאַליעניש — 150, 370.
איטיל (וואָלגע) — 210, 217.
אייגעניוס, פּויפּסט — 244.
אײַנגלייבענישן — 45, 130, 156 א״וו, 291 א״וו, 392 א״וו.
אייראָפּע — 9 א״וו. זע דיאַספּאָרע.
אינאָקענטיוס II, פּויפּסט — 356, 357 א״וו.
אינדוסטריע — 149, 362, 368, 369, 381.
אינטעלעקטואַליזם — 350. זע ראַציאָנאַליזם.
איסידאָר פֿון סעווילע — 56, 58, 60.
איסלאַם, איסלאַמיזירונג — 160, 301 א״וו, 338, 404 א״וו.
אלבליא, יצחק — 189, 193, 207.
אלברצלוני, יהודה — 425 א״וו.
אַלגאַזאַלי, אַראַבישער פֿילאָסאָף — 323.

1 די נעמען פֿון זאַכן און לענדער זײַנען געזעצט צעשאָטן. — בײַ די נעמען און טערמינען, וואָס וועגן זיי גייט די רייד אין מער ווי איין זײַט, שטייט בײַ דער ציפֿער פֿון דער זײַט: א״וו (און ווײַטער).

2 אַלע אַנדערע נעמען מיט אבן, חוץ די וואָס שטייען דאָ, דאַרף מען זוכן אונטער די גרונדנעמען, ווי גבירול, ג׳נאח, מיגש אאז״וו.

אַלוויע (באָספּאָרוס) — 79.
אלחנן („יידישער פּויפּסט") — 357 הערה. זע אַנאַקלעטוס.
אַלחריזי, יהודה — 321 א"וו, 345, 352, 372, 402.
אַליין־פֿאַרוואַלטונג — זע אויטאָנאָמיע.
אליעזר בן נתן (כראָניסט) — 238, 296.
אלכּסנדר II, פּויפּסט — 108, 133.
אלכּסנדר III, פּויפּסט — 358 א"וו.
אלכּסנדריא, שטאָט — 9, 398 א"וו. זע מצרים.
אלמאָהאַדן — 300, 302 א"וו, 310, 338, 404 א"וו.
אלמאַנזאָר (קאָרדאָווע) — 179.
אלמאָראַווידן — 193, 300 א"וו.
אלמועלים, שלמה — 302.
אלעפּאָ, שטאָט — 379, 382.
אלפֿאָנס VI, פֿון קאַסטיליע — 190 א"וו, 305.
אלפֿאָנס VII — 306 א"וו.
אלפֿאָנס VIII — 307 א"וו.
אלפֿסי, יצחק — 206 א"וו.
אלרואי, דוד — 388 א"וו.
אמאדיא, שטאָט — 388 א"וו.
אמבראָסיוס, ביסקופּ — 20.
אַמולאָ, ביסקופּ — 100, 102 א"וו.
אמנון, קדוש — 295.
אמתי, פּייטן — 137, 138.
אַנאַקלעטוס, דער „יידישער פּויפּסט" — 356 א"וו.
אַנדאַלוזיע — 48, 159 א"וו, 188 א"וו, 300 א"וו.
אַנוסים — 276, 339, 405 א"וו. זע איסלאַם, שמד.
אַנפּאַלן — 19, 23, 39, 108.
אָסטגאָטן — 22 א"וו (איטאַליע).
אַסטראָנאָמיע, אַסטראָלאָגיע — 331, 332, 352.
אַסימילאַציע — 17 א"וו, 81, 420.
אָפּזונדערונג — 25 א"וו, 49, 78, 95 א"וו, 152, 275 א"וו, 290. זע יידישע קוואַרטאַלן.
אפרים מבונא — 268, 297.
אַפֿריקע, צפֿון — 11, 48, 72 א"וו, 139, 159 א"וו, 180 א"וו, 300, 302, 339, 403 א"וו. זע מאַגרעב.
אָקספֿאָרד — 257.
אַראַביע — 387, 390 א"וו.
אַראַביש — 150, 178, 194, 311 א"וו, 324, 329, 337, 341, 346.
אַראַבער — 11, 73 א"וו, 86, 131, 136, 137 א"וו, 159 א"וו. זע בערבערן.
אַראַגאָניע — 308 א"וו.
אַריאַ, שטאָט — 137 א"וו, 147, 155.
אַריאַנער, סעקטע — 22, 34, 37, 51, 52.
אַריסטאָטעליזם — 323 א"וו, 328, 330, 339, 347 א"וו.
אָריענט — זע מזרח.
אַרכאָן, ארכיסינאַגאָגוס — 14, 15, 47, 116.
אַרכעלאַוס, עטנאַרך — 31.
אַרל, שטאָט — 32, 35 א"וו, 256.
אָרלעאַן, שטאָט — 42, 252.
אַרמעניע — 210.
ארץ־ישראל — 110, 112, 115, 233, 298, 316 א"וו, 340, 377 א"וו, 397 א"וו.
אשכּנזים, אשכּנז — 118, 121, 123, 172, 366.
באַגדאַד — 89, 92, 174, 383 א"וו, 388, 393 א"וו, 395, 396.
באַדיס, עמיר פֿון גראַנאַדע — 182 א"וו.
באַלעאַרער אינדזלען — 49 (מינאָרקע).
באַלקאַנישער האַלבאינדזל — זע ביזאַנץ.
באַסיליוס I, ביזאַנטישער קיסר — 137, 145 א"וו, 215.
באָספּאָרוס (קרים) — 79 א"וו, 209, 418.
באָרדאָ, שטאָט 32, 45.
באַרי, שטאָט — 136, 138, 140, 141, 150, 363.
באַרצעלאָנע — 308.
בבל — 121, 174, 176, 177, 383 א"וו (איראַק).
בולאַן, קיניג — 211 א"וו.
בורגונד — 34, 42.
בחיי אבן פּקודה — 204 א"וו.
ביזאַנץ — 20, 24 א"וו, 136 א"וו, 142 א"וו, 209, 418.
ביימען (פּיהם) — 117, 227, 228, 242 א"וו, 273 א"וו.
בילדער־שטורעם — 143 א"וו.
ביסקופּן (יוריסדיקציע) — 32, 57, 111 א"וו, 116, 117. זע סינאָדן, פֿעאָדאַליזם, קרייצצוגן.

בית־דין (געריכט) — 22, 93, 117, 191, 281 א"וו, 364, 386.
בלוא (Blois), פראצעס — 250 א"וו.
בנבנישתי, ששת — 309.
בנימין פון טודעלא — 256, 334 א"וו, 360, 367, 380, 384, 400, 414.
בעזיער (בדרש), שטאט — 105, 254, 255.
בענעווענט, שטאט — 140, 363.
בערבערן (מאַורן) — 75 א"וו, 160 א"וו, 180 א"וו, 302.
בערנאַרד פון קלערוואָ — 245.

גאָדפרעד פון בוליאָן — 128, 234, 378.
ג'או, אבן (דזשאו) — 179 א"וו.
גאונות, גאונים — 386, 393 א"וו.
גאַטן — 21, 32. זע אָסטגאָטן, וועסגאָטן.
"גאָטס משפט" — 93, 94, 117, 250 א"וו.
גאליע — 31 א"וו, 419. זע נארבאָנע, פראנקען.
גבירול, שלמה — 199 א"וו, 311.
גזרות — 234 א"וו, 262 א"וו, 272, 275 א"וו. זע קרייצצוגן.
גיאת, יצחק — 207.
גירושים — 39, 43 א"וו, 55, 110, 114, 252 א"וו. זע שמד, רדיפות.
גלות — זע דיאַספּאָרע.
ג'נאח, יונה — 196 א"וו.
געאָגראַפיע — 335. זע נסיעות.
געטאָ — זע יידישער קוואַרטאַל.
געלטהאנדל — 230. זע קרעדיט־אָפּעראַציעס.
גענוע — 22, 360, 361.
גענזעריק, פירשט פון וואנדאלן — 21.
גערוסיא, גערוסיארך — 14.
גראַנאַדע — 180 א"וו.
גרוזיע — 210.
גריכנלאַנד — 76 א"וו, 418. זע ביזאנץ.
גריכיש — 16, 81, 136, 150.
גריים — 12, 17, 82 א"וו, 100, 312.
גרעגאָר I, פויפּס — 27 א"וו, 42 א"וו.
גרעגאָר VII, פויפּס — 132, 133, 191.
גרעגאָר פון טור — 40 א"וו, 45 א"וו.
גרשום, מאור הגולה — 115, 121 א"וו.

דאַגאָבערט, מעראָווינגער — 45 א"וו.
דאָגמאַטיק — 324 א"וו, 342 א"וו, 352, 395. זע יהדות.
דאָקטוירים, יידישע — זע מעדיצין.
"דוויטעראָסיס" — 62, 78, 147.
דונולו, שבתי — 155 א"וו.
דונש בן לברט — 168, 177, 195 א"וו.
דיאַספּאָרע — 10 א"וו, 48, 79 א"וו, 85 א"וו, 209 א"וו. זע קאָלאָניזאַציע.
דייטש — 118, 120, 124, 281.
דייטשלאַנד — 47, 86, 111 א"וו, 235 א"וו, 244 א"וו, 419.
דיפּלאָמאַטן, יידישע — 92 א"וו, 139, 169 א"וו, 190, 191 א"וו, 307.
דמשק — 379, 382, 396.
דניאל בן חסדאי (ריש גלותא) — 384 א"וו.
דניאלס קבר — 393.
דקדוק (גראַמאַטיק) — 177, 195 א"וו, 332 א"וו, 336. זע שפּראַך־וויסנשאַפט.

האי הגאון — 179, 185, 197.
האָנאָריוס, רוימישער קיסר — 21 א"וו.
האַנדל — 86, 91 א"וו, 113, 171 א"וו, 214 א"וו, 220, 225, 226, 230, 247 א"וו, 269, 290, 361, 362, 363, 369, 375.
הדסי, יהודה — 373.
הורדוס אַנטיפּס — 31.
היינריך I (דייטש) — 111, 113.
היינריך II (דייטש) — 114.
היינריך IV, קיסר — 116, 235, 242, 269.
היינריך VI, קיסר — 271.
היסטאָריאָגראַפיע — 154, 333 א"וו, 351, 415 א"וו. זע כראָניקעס.
הלוי — זע יהודה הלוי.
העברעיש — 14, 16, 19, 120, 124, 136, 150, 195 א"וו, 293 א"וו, 309, 310 א"וו, 343, 372 א"וו, 420, 421.
העגעמאָניע, נאַציאָנאַלע — 12, 87, 173 א"וו, 198, 334, 384, 422.
הענרי I, ענגלישער קיניג — 258.
הענרי II, ענגלישער קיניג — 259 א"וו.
העראַקליוס, ביזאַנטישער קיסר — 43, 56.

וואַנדאַלן — 21 א"וו.
וואַנדערונגען — זע גירושים, קאָלאָניזאַציע.
וואָרמס, שטאָט — 112, 113, 236 א"וו.
וויכּוחים, רעליגיעזע — 41, 134, 135, 138, 156, 211 א"וו, 279 א"וו. זע פּאָלעמיק.

ווין (עסטרייך) — 273.
וויסנשאַפט, וועלטלעכע — 155, 165, 299, 331 א״וו, 339.
ווירצבורג — 246.
וולאַדימיר דער הייליקער, פּירשט — 219, 222.
ווענאַזע (איטאַליע) — 18, 19, 136.
וועסטגאָטן — 31 א״וו, 47 א״וו, 57, 75.
וראַטיסלאַוו, ביימישער פירשט — 117, 242 א״וו, 273.

זאַנאַריוס (שריני) — 142, 161.
זרחיה הלוי — 286.

חזקיה, ריש גלותא — 185.
חיוג׳, יהודה — 196.
חכּים II (קאָרדאָווע) — 169 א״וו.
חנוך, רבי (קאָרדאָווע) — 177 א״וו.
חננאל, רבי (איטאַליע) — 138, 140.
חסדאי, ריש גלותא אין באַגדאַד — 384.
חסדאי אבן שפּרוט — 164 א״וו, 212, 217, 423.
חסידים — זע מוסר.
חרם — 122, 281, 282.

טאָוריס — 79 א״וו. זע קרים, באָספּאָרוס.
טאָלעדאָ — 47, 52 א״וו, 75, 165, 192, 305 א״וו, 310.
טאַרענט — 18.
טבריה — 381, 413.
טוביה בן אליעזר — 152, 366, 372.
טוב עלם, יוסף — 124.
טולוזע — 105, 254.
טעאָדאָסיוס I און II, קיסר — 20, 77. זע קאָדעקסן.
טעאָדאָריק דער גרויסער — 22 א״וו.
טרואַ (טריוש) — 124.
טריר, שטאָט — 236, 241.

יאָרק, שטאָט — 265 א״וו.
יד החזקה — זע „משנה תורה״.
יהדות (יידישקייט) — 326 א״וו, 328, 341 א״וו.
יהודה הלוי — 313 א״וו, 324 א״וו, 399.
יהודה חסיד — 288 א״וו.
יודאַיזירנדיקע — 59 א״וו, 144, 145.

יוליאַנוס, ביסקופּ פון טאָלעדאָ — 71 א״וו.
יום־טוב פון זשואַני — 265, א״וו, 286.
יוסף איבן טאַשפין — 193, 301.
יוסיפון — 154 א״וו.
יוסף הנגיד — 186 א״וו.
יוסף, מלך פון די כוזרים — 173, 212, 216 א״וו, 423 א״וו.
יחזקאל הנביא (קבר) — 392.
יחיאל פון רוים — 358, 360.
יידיש — 118, 281.
יידישער קאָרטאַל — 15, 77, 107, 114, 116, 141, 280, 264, 368 א״וו, 400.
יעקב פון אָרלעאַן — 263, 286.
יעקב בן יקותיאל — 110.
יעקב תם — זע תם.
ירושלים — 233, 262, 316, 340, 378 א״וו, 402 א״וו.
ישיבות — 119, 121, 124 א״וו, 150, 174, 175, 206, 283 א״וו, 334, 386.

כוזרים (כאַזאַרן) — 87, 170 א״וו, 209 א״וו, 325, 376, 422 א״וו.

כאַליפאַט, קאָרדאָווער — 164 א״וו. זע קאָרדאָווע.
כילפעריק, קיניג — 40.
כלאָדוויק — 35, 36.
כלאָטאַר II, קיניג — 43.
כערסאָנעס (טאָוריס) — 79, 83, 209.
כראָניקעס, כראָנאָגראַפיע — 296 א״וו, 333, 413 א״וו.

לאַטייניש — 16, 136, 202, 309, 332.
לאָטרינגען — 118, 123 („חכמי לותיר״).
לאָמבאַרדיע — 26, 111, 132.
לאַנגאָבאַרדן — 26 א״וו, 88.
לאַנגעדאָק — 105, 254. זע פּראָוואַנס.
לאָנדאָן — 257, 259, 261, 262 א״וו, 319.
לאַנדווירטשאַפט — 30, 53, 55, 107, 109, 255.
לודוויג דער פרומער — 94 א״וו.
לודוויג VII, פראַנצייזישער קיניג — 244 א״וו, 248 א״וו.
לונעל (פּראָוואַנס) — 256.
לוסענע (שפּאַניע) — 206 א״וו, 301, 302.

לוקא (איטאליע) — 114, 150, 360.
ליאונטין, ר' יהודה — 121.
ליאָן, שטאָט — 32, 95 א"וו.
ליטורגיע — 197, 201 א"וו, 293 א"וו, 312, 372. זע פיוט.
ליטעראַטור — 118 א"וו, 150 א"וו, 194 א"וו, 293 א"וו, 310 א"וו, 372 א"וו. זע פּאָעזיע, פילאָסאָפיע.
לימאָזש, שטאָט — 110.
לעאָ III, איסאַוריער — 142.
לעאָ VI, דער פילאָסאָף — 147.
לעאָן (שפּאַניע) — 161, 167 א"וו, 190. זע קאַסטיליע.

מאַגדעבורג — 112, 113.
„מאַגיסטער פאַר די יידן" — 95, 96.
מאַגרעב (אַפריקע) — 300 א"וו, 303 (הערה), 339, 403 א"וו.
מאַטעמאַטיק — 331, 332.
מאַינץ — 112, 113 א"וו, 114 א"וו, 119, 121, 235, 237 א"וו.
מאָסול (מעסאָפּאָטאַמיע) — 379, 383, 389.
מאַראָקאָ זע מאַגרעב.
מאַרטיראָלאָגיע — 293 א"וו. זע קרייצצוגן.
מאַרסעל — 31, 39, 42, 256.
מדרש — 119 א"וו, 150, 208, 372.
מוסלימס — זע איסלאַם.
מוסר — 204, 287 א"וו. זע עטיק.
„מורה נבוכים" — 346 א"וו. זע רמבם.
מזרח — 86, 87, 92, 121, 233, 314, 377 א"וו.
מיגש, יוסף אבן — 189.
מיגש, מאיר אבן — 306.
מיכאַל II, קיסר פון ביזאַנץ — 144 א"וו.
מיסטיק — 232, 230 א"וו. זע איינגלייבעניש.
מכיר, רבי (נאַרבאָנע) — 90, 119.
מלאָכה — זע אינדוסטריע.
מלוכה-דינסט — 31, 32, 47, 166, 182 א"וו, 255, 305 א"וו. זע דיפּלאָמאַטן, פינאַנסיסטן.
מנחם בר חלבו — 120.
מנחם בן סרוק — 177, 195.
מנסור, שמואל (נגיד) — 398 א"וו.
מעדיצין — 102, 110, 130, 155, 166, 339, 353, 406, 407.
מעטשיסלאַוו, דער אַלטער (פּוילן) — 374.
מעץ, שטאָט — 112, 123, 242.
מעראָווינגער — 36 א"וו.
מצרים — 139, 316, 317, 322, 340, 397 א"וו.
משה הדרשן — 120.
משה בן חנוך — 175 א"וו.
משה מקיוב — 376, 395.
משולם בן קלונימוס — 129, 153.
משומדים — 39, 42, 162, 276 א"וו, 340, 405. זע אַנוסים, שמד, איסלאַם.
משיח — 72 א"וו, 103, 314 א"וו, 332, 344, 387.
משיחישע באַוועגונגען — 142, 161, 365 א"וו, 388 א"וו.
„משנה תורה" — 343 א"וו, 407. זע רמבם.

נאַווארע — 161, 167 א"וו, 309.
נאַמאַציאַנוס רוטיליוס — 30.
נאַציאָנאַליזם — 328.
נאַרבאָנע — 31, 51, 53, 89 א"וו, 107 א"וו, 119, 256.
נאָרמאַנדיע — 110, 258.
נאָרמאַנען — 131, 140 א"וו, 257.
„נגיד" — 140, 185, 398, 406.
נסיעות — 256, 298 א"וו, 335, 360, 414 א"וו.
נעאַפּאָל — 25, 136, 362.
נעמען (פרעמדע) — 17, 81, 367.
„נשיא" — 90, 174, 185.
נתן, בעל הערוך — 370.
נתניאל, נגיד — 400.

סאַלאַדין, סולטאַן — 398 א"וו.
סאַלאָניק — 366, 368.
סאַלערנאָ, שטאָט — 362, 363.
סאַראַגאָסע — 189, 199, 308.
סוויאַטאָסלאַוו, רוסישער פירשט — 219.
סוויאַטאָפּאָלק II, פירשט — 375.
סיזעבוט, וועסטגאָטישער קיניג — 54 א"וו.
סינאַגאָגעס (שולן) — 13, 20, 23, 28, 78, 81, 96, 400, 401.

סיציליע — 19, 25, 131, 137, 140 א״וו, 362 א״וו, 419.
סיריע — 143, 378, 380, 381.
סלאווען — 225, 376. זע ביימען, פוילן, רוסן.
סעווילע — 188 א״וו, 207, 302, 303.
סעווערוס, ביסקופ — 49 א״וו.
ספארטא — 149.
ספר חסידים — 289 א״וו.
ספרד — 169, 171.

עגיקא, קיניג פון די וועסטגאטן — 72 א״וו.
עובדיה, מלך פון די כוזרים — 212.
עזרא הסופר (זיין קבר) — 392 א״וו.
עטיק — 203, 204, 289 א״וו, 332, 342. זע פילאסאפיע.
עכו — 381, 402.
עלילת-דם — 249 א״וו, 260 א״וו.
ענגלאנד — 257 א״וו.
עסטרייך — 272 א״וו.
עפיגראפיק — זע אויפשריפטן.
עקאנאמישע לעבן — 9, 45, 85 א״וו, 91 א״וו, 99, 171 א״וו, 214, 230, 252, 416. זע קרעדיט-אפעראציעס, לאנדווירטשאפט, האנדל, אינדוסטריע.
עקנין, יוסף — 395, 407.
עקספראפריאציע — 252, 259 א״וו.
ערד-אייגנטום — 30, 48 א״וו, 73, 90, 91, 100, 107 א״וו. זע לאנדווירטשאפט.

פאגראמען — 181, 188, 261, 271 א״וו, 302 א״וו, 375, 378. זע קרייצצוגן.
פאליגאמיע — 122.
פאלעמיק, רעליגיעזע — 60, 71 א״וו, 95 א״וו, 102 א״וו, 324 א״וו, 328, 405.
פאלערמא (סיציליע) — 28, 141, 362, 364.
פאנטיקאפייאן (קערטש) — 79 א״וו. זע באספארוס.
פאעזיע — 197 א״וו, 293 א״וו, 310 א״וו, 371, 372. זע ליטורגיע.
פאסכע — 38, 106 (א פאטש), 254.
פאריז — 40, 41, 252.
פוילן — 88, 117, 226 א״וו, 242, 374.
פויפס, פויפסטום — 26 א״וו, 131, 132 א״וו, 135, 230, 354 א״וו, 356 א״וו.

פיוט, פייטנים — 115, 128 א״וו, 153, 201, 207. זע ליטורגיע, פאעזיע.
פיערלעאנע, משפחה — 133, 356.
פירושים — 120, 121, 124, 125 א״וו, 284, 319, 332 א״וו, 341 א״וו. זע תנך, תלמוד.
פלטיאל, נגיד — 139 א״וו, 167.
פעטרוס פון אמיען — 233, 235 א״וו.
פעטרוס ווענעראבילים — 244.
פערסיע — 387 א״וו.
פראג — 117, 242, 273 א״וו.
פראוואנס — 105, 118, 120, 254 א״וו, 286, 319, 336, 352.
פריווילעגיעס — 116 א״וו, 271.
פריסקוס פון פאריז — 40 א״וו.
פתחיה פון רעגנשבורג — 298 א״וו, 335, 375 א״וו.

פאדל, חסדאי אבו — 189.
פאטימידן — 139, 401.
„פאקיהן", מוסלימישע — 162, 186, 301.
פארמאזא, רחל — 307 א״וו.
פילאסאפיע, רעליגיעזע — 156, 194, 202 א״וו, 322, 337, 346 א״וו.
פיליפ II אויגוסט — 251 א״וו.
פינאנסיסטן — 40, 43, 259, 358, 375.
פלאוויוס, יוסף — 154.
פעאדאליזם — 108, 111, 141, 230, 254, 257, 269, 362.
פעאדאסי פעטשערסקער — 224.
„פעלקער-וואנדערונג" — 21 א״וו, 32 א״וו.
פראנצייזיש — 118, 120, 124, 126.
פראנקען — 35, 36 א״וו, 55, 88.
פראנקרייך — 86, 88 א״וו, 233 א״וו, 251 א״וו, 281 א״וו, 336.
פרידריך I בארבאראסא — 267 א״וו.
פריצול, שלמה — 305.

צדיק, יוסף אבן — 329.
צדקיה, דאקטאר — 102, 110.
צוזאמענפארן פון רבנים (וועדים) — 281 א״וו.
צור — 379, 381.
ציון — 315, 317, 399.
צייט-רעכענונג — 115, 136, 146, 151, 420, 421.

צעזאריוס — 35 א״ו.
צרפת (פראנקרייך) — 118.

קאדעקס: טעאדאסיוס׳ — 11, 34; יוסטיניאנס — 78, 147; אלאריקס — 27, 51; וועסטגאטישער — 57, 64 א״ו.
קאהירא (פאסטאט) — 139, 140, 340, 398 א״ו, 406 א״ו.
קאווקאז — 210, 214, 220.
קאולאן אל יאהודי — 75, 160.
קאטאקאמבעס (רוים א״א) — 15 א״ו, 419 א״ו.
קאלאניזאציע, קאלאניזירונג — 9 א״ו, 12 א״ו, 76 א״ו, 79 א״ו, 209 א״ו, 220 א״ו, 227 א״ו.
קאליקסטוס II, פויפס — 356.
קאמערקנעכט — 230, 270 א״ו.
קאנאנען פון דער קירך — 11, 33 א״ו, 37 א״ו, 48 א״ו, 52 א״ו, 78, 95 א״ו, 112, 359 א״ו.
קאנסטאנטינאפאל — 77 א״ו, 143, 365, 366, 368 א״ו.
קאסטיליע — 190 א״ו, 305 א״ו.
קאסיאדאר — 22 א״ו.
קאפוע — 18, 140, 362.
קאפעטינגער — 109.
קאראימער, קראים — 212 (אין דער הערה), 307, 333, 373, 376, 381, 401, 406.
קאראלינגער — 101 א״ו, 111, 131 א״ו.
קארדאווע, שטאט — 159 א״ו, 165, 169, 181, 302, 338.
קארדאווער כאליפאט — 164 א״ו, 167, 181.
קארינט (גריכנלאנד) — 76, 77, 367.
קארל דער גרויסער — 88 א״ו.
קארפו, אינדזל — 364.
קהילות — 12 א״ו, 82, 93, 247 א״ו, 255 א״ו, 275 א״ו. זע אויטאנאמיע.
קולטור — 117 א״ו, 149 א״ו, 174 א״ו, 310 א״ו, 370 א״ו, 394. זע שפראך, ליטעראטור.
קיעוו — 220 א״ו, 374 א״ו.
קירכן־קאנצילן (סינאדן) — 11, 33 א״ו, 48, 57 א״ו, 412. זע קאנאנען פון דער קירך.

קלונימוס, משפחה (מאינץ) — 114, 119, 238.
קלערמאן, שטאט — 39, 233.
קמחי, דוד — 336.
קמחי, יוסף — 336.
קעלן 47, 112, 113, 240 א״ו.
קעמברידזש — 257.
קרא, יוסף — 120.
קרייצצוגן, קרייצפארערס — 128, 229 א״ו, 233 א״ו, 244 א״ו, 262, 293 א״ו, 365 א״ו, 372, 377 א״ו, 413 א״ו.
קרים (טאוריס) — 79 א״ו, 209 א״ו, 298, 373, 375 א״ו, 419.
קריסטנטום — 10, 19 א״ו, 26 א״ו, 57 א״ו, 326. זע שמד, קאנאנען פון דער קירך, וויכוחים, פאלעמיק.
קרעדיט־אפעראציעס — 45, 93, 230, 244, 248, 253, 258 א״ו, 275, 285.

ראבד (בעל ההשגות) — זע אברהם בן דוד.
ראווענע — 23.
ראמאנוס, ביזאנטישער קיסר — 147 א״ו, 215 א״ו.
ראציאנאליזם — 323 א״ו, 329 א״ו, 346 א״ו.
רבנות — 121 א״ו, 174 א״ו, 334, 376, 394. זע תלמוד.
רדיפות — 43, 55 א״ו, 108, 114 א״ו, 300 א״ו, זע: גירושים, קרייצצוגן, שמד, פאגראמען, קאנאנען.
רואן, שטאט — 110, 235.
רודאלף, מאנאך — 246.
רוים — 12 א״ו, 21, 132 א״ו, 319, 354 א״ו, 360 א״ו, 419.
רוסן, רוסלאנד — 87, 216 א״ו, 219, 220 א״ו (קיעוו), 374 א״ו.
רוקח, רבי אלעזר — 289, 292.
ריטשארד I, ענגלישער קיניג — 262.
ריש גלותא — 383, 384 א״ו, 389, 393 א״ו.
רמבם, רבי משה בן מיימון — 287, 338 א״ו, 390 א״ו, 395, 403 א״ו.
רעגנסבורג — 112, 242.
רענעסאנס, ליטעראַרישער — 194 א״ו, 310 א״ו.
רעקארעד, וועסטגאטישער קיניג — 52 א״ו.
רשבם (רבי שמואל בן מאיר) — 284.

רשי (רבי שלמה יצחקי) — 86, 124 א״וו, 284.

שאלות־ותשובות — זע תשובות.
שבועה — 93, 147.
שבת — 13, 30, 42, 97, 103, 145, 225.
שומרונים — 381, 382, 401.
שוצסיסטעם — 94, 230, 254, 269 א״וו.
שטייערן — 106, 160, 258 א״וו.
שידוכים (געמישטע) — 34, 37, 49, 51, 52, 59.
שלביב, אבן — 191, 192.
שלמה הבבלי — 153.
שלמה יצחקי זע רשי.
שלמה בן שמעון (כראניסט) — 297.
שמד (איבער געוואלד) — 29, 34, 37, 38, 39, 40, 41, 42 א״וו, 50, 55, 58 א״וו, 105, 110 א״וו, 114, 115, 116 א״וו, 122, 127, 145 א״וו, 147 א״וו, 234 א״וו, 273 א״וו. זע קרייצצוגן.
שמואל הנגיד — 181 א״וו, 197 א״וו, 205.
שמואל חסיד — 288.
שמואל בן מאיר — זע רשבם.
שמואל בן עלי, גאון — 345, 386, 393 א״וו.
שמעון בן יצחק (מאינץ) — 114, 357 הערה.
שפאניע — 47 א״וו, 85, 86, 159 א״וו, 300 א״וו, 411, 412 א״וו, 419.
שפייער, שטאט — 116, 236, 271.
שפראך — זע איטאליעניש, אראביש, גריכיש, דייטש, העברעיש, יידיש, לאטייניש, פראנצייזיש.
שפראך־ווויסנשאפט — 177, 195 א״וו 332, 370.
שפטיה פון אָריא — 137, 138, 145 א״וו, 152.
שקלאַון, האלטן, האנדלען — 21, 23, 27, 29, 37 א״וו 43, 53, 54 א״וו, 81, 94 א״וו, 225, 227 א״וו. זע לאנדווירטשאפט.
שריני — זע זאנאריוס.
שנאה צו יידן — 25, 39, 60, 71 א״וו, 90 א״וו, 95 א״וו, 134, 149, 248 א״וו, 358, 369. זע קרייצצוגן, רדיפות, קאנאנען פון דער קירך.
תוספות — 283 א״וו.
תימן — 390 א״וו. זע אראביע.
תלמוד, תלמודיזם — 121, 125 א״וו, 205 א״וו, 283 א״וו, 338 א״וו, 370, 394. זע רבנות.
תם, רבנו יעקב — 237, 251, 281 א״וו, 284 א״וו, 299.
תנך (פירושים) — 119 א״וו, 126, 284, 352.
תשובות (שאלות־ותשובות) — 127, 341, 394.